STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06495

# UNTER DER HEYSER ZUN

Elye Gordon

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



עליע גאָרדאָן

# אונטער דער הייסער זון

ראָמאַן

מאָסקווע
פאַרלאַג
„סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
1978

С(Евр)2
Г 68

די לייענער זײַנען באַקאַנט מיט עליע גאָרדאָנס ביכער „ווילד־גראָז“, „אף גרינער ערד“, „דרײַ ברידער“, „אינגול־באָיאר“, „דער־ציילונגען און נאָוועלן“, „אין אייגענע קאַנטן“ און אַנדערע.
אינעם נײַעם ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון“ כאַפּט אַרום דער אַווטאָר אַ גרויסן צײַט־אָפּשניט — פֿון די ערשטע ברויזיקע רעוואָ־ליוציע־יאָרן ביז אונדזערע טעג.
פֿון דער פֿרײַער יוגנט וואַנדערט איבער דער הויפּט־העלד פֿונעם ראָמאַן עליע מעהודין אין די קרימער סטעפּעס. ערד־אַרבעט ווערט זײַן לעבנס־באַרוף. זײַן מעסירעסנעפּעשדיקע אַרבעט, דערפֿינדעריש־קײַט, גרויסע אופֿטועז אין דער לאַנדווירטשאַפֿט שאַפֿן אים אַ נאָמען אינעם גאַנצן לאַנד. באַנאַנד מיט עליע מעהודינען זײַנען אינעם ראָמאַן אַרויסגעפֿירט אַ ריי אַנדערע געשטאַלטן פֿון ערלעכע האָרעפּאַשניקעס. אין קאַמף מיט שוועריקײַטן, אין טאָגטעגלעכער אָנגע־שטרענגטער מי ווערן פֿאַרהאַרטעוועט זייערע כאַראַקטערס.
דער ראָמאַן „אונטער דער הייסער זון“ איז אַ פּילפּלאַניק ווערק און פֿאַרמאָגט אַ ריי דראַמאַטיש־אָנגעזעטיקטע סוזשעטישע קאָלי־זיעס. ער איז דורכגעדרונגען מיט פּאַטאָס פֿון שאַפֿונג, ראָמאַנטיק און מיט ליבע צום סאָוועטישן היימלאַנד.

© *Издательство «Советский писатель», 1978 г.*

Г $\frac{70303\text{-}360}{083(02)\text{-}78}$ 220-78

# ערשטער טייל

# קאַפּיטל איינס

## 1

איליוסיק איז געווען דער עלפטער בא טאַטע־מאַמע. פריַיטיק פאַרנאַכט, ערעוו ליכט־בענטשן, ווען אווראָם האָט זיך אומגעקערט פון דעם פאָרעצס פאָסעסיע, ווו ער האָט געאַרבעט, אַף שאַבעס אַהיים, האָט שוין די באָבע בריַינע, אַן אַרומגעוויקלטע מיט אַ וויַיסן ליַילעך, מיט אַ שוואַרצן טשיפּעק אַפן קאָפּ, געוואַרט אַף אים לעבן שוועל און מיט אַ שמייכעלע אַפן פרום־געמאַכטן צניעסדיקן פּאָנעם אָנגעזאָגט די בסורע:

— מאַזלטאָוו, רעב אווראָם, איַיער זעלדע האָט געבוירן אַ ייִנגל.

צופירנדיק אים צום בעט, ווו עס איז געלעגן די אויסגעבלייכטע נאָך די שווערע געבורטסווייען קימפּעטאָרן, האָט זי צוגעגעבן:

— גיב נאָר אַ קוק, סאַראַ יונגאַטש האָט זי דיר געבוירן... אַ גיבער וועט ער זיַין בא דיר, רעב אווראָם, אַ העלד, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אווראָם האָט לאַנג געשאַרט אין קעשענע, געזוכט אַ פּאָר גראָשנס אָפּצודאַנקען דער באָבען פאַר איר טירכע — צונעמען דאָס קינד בא דער געווינערן, און פאַר די גוטע ווערטער, וועלכע זי האָט אים געזאָגט. נאָר אין קעשענע איז אפילע קיין סימען פון אַ פּרוטע ניט געווען. מוידע זיַין זיך, אַז ער פאַרמאָגט ניט קיין צעבראָכענעם גראָשן בא דער נעשאָמע, איז אים ניט אָנגעשטאַנען, האָט ער ניט אופגעהערט צו זוכן קלוימערשט אין די קעשענעס, און די באָבע בריַינע האָט דערוויַיל ניט אופגעהערט צו שיטן שוואָכים דעם ניַי־געבאָרענעם:

— אַזויפיל מאַזלדיקע יאָרן אונדז ביידן, וויפל קינדער איך האָב צוגענומען בא די קימפּעטאָרנס, נאָר אַזאַ קינד האָב איך נאָך ניט געזען. איר וועט זען, רעב אווראָם, וויפל נאַכעס ער וועט איַיך און איַיער זעלדען פאַרשאַפן... זאָל גאָט געבן, ער זאָל וואַקסן בא איַיך געזונטערהייט.

— אַ דאַנק, גאָט וועט איַיך געבן געזונט פאַר איַיער גוטער נעשאָמע, ער וועט איַיך פאַר איַיער טאָן מענטשן טויוועס, מירצעשעם, אָפּצאָלן.

— דערוויַיל צאָלט ער מיר עפּעס ניט... דערהאַלטן די נעשאָמע דאַרף מען, און וואַרטן, ביז ער וועט זיך דערבאַרעמען, איז קיין קויכעס ניטאָ.

אווראָם האָט פאַרשטאַנען, — זי גיט אים אָנצוהערן, אַז מיט קיין שיינע רייד וועט ער ניט אָפּקומען, האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

— איך וועל, בריַינע־לעבן, קיין באַלכויוו ניט בליַיבן... זעלדע וועט אין אַ גוטער שאָ אופהייבן זיך פון קימפּעט, שטעלן זיך אַף די פיס, וועלן מיר זיך צעצאָלן. היַינט וועלן דאָך, מיסטאַמע, קומען קינדערלעך זאָגן קרישמע, דאַרף מען זיי אונטערוואַרפן כאָטש אַ פּאָר צוקער־לעקעכלעך, און זעלדען דאַרף מען אויך אונטערהאַלטן, זי זאָל גיכער קומען צו־זיך, און איך אַליין מיט די קינדער קאָנען אויך די נעשאָמעס ניט אויסשפּיַיען...

— איך האָב געמיינט, — האָט די אַלטע געטײַנעט, — אַז אײן זכוס פון מײַן טאָכטער, דער װיסטער אַלמאָנע, האָט גאָט אײַך צוגעשיקט אַ זון, קעדײַ איך מיט איר זאָלן האָבן אַף שאבעס.

אוראָם האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט, פאַרביטערט אַ קלאַפּ געגעבן זיך אין די זײַטן און מיט אַ פאַרצװייפלטער שטים געזאָגט:

— אײַן זכוס פון מײַן זון האָט מיר גאָט גאָרנישט ניט צוגעשיקט, איך זאָל קענען אײַך באַדאַנקען. װאָס קאָן איך טאָן? גאָט װעט מױכל זײַן אי מיר, אי אײַך, אױב מיר װעלן ניט פּראָװען שאבעס, װי ער האָט געבאָטן. איך װאָלט לױפן ערגעץ לײַען װיפל־ניט־איז געלט, זעצט זיך דאָך שױן די זון און מע דאַרף באַלד ליכט־בענטשן.

זעלדע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אױגן און שטיל געקרעכצט, הערנדיק, מיט װאָס פאַר אַ װײטעק אין האַרצן אוראָם טײַנעט זיך אױס מיט דער באָבען. זי האָט אָנגעשטרענגט אַלע קױכעס און אַרױסגעבראַכט עטלעכע װערטער:

— שאבעס האָב איך באַװיזן צוגרײטן... דעם טשאָלנט האָבן די קינדער פאַרוקט אין אױװן... זאָל די באָבע בא אונדז בלײַבן אַף שאבעס.

אוראָמען איז װי אַ שטײן אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן. לאָזט זיך אױס, אַז ער װעט קענען שאבעס פּראָװען מיט לײַטן גלײַך און די באָבע נאָך אײַנלאַדן.

— איר הערט, איר הערט? — האָט ער, שײַנענדיק פון גליק, זיך געװענדט צו דער באָבען.

זעלדע האָט מיט אַ פינגער צוגערופן צו זיך אוראָמען און אים געזאָגט:

— איך האָב כאַלעס אױך אױסגעבאַקן... זאָל די באָבע פאַר מיר ליכטבענטשן, און דו גײ אין שול דאַװנען... װעסט קומען, װעסטו מאַכן קידעש.

ערשט איצט, װען אוראָם איז געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָט ער דערזען, אַז אין שטוב לײַכט אין יעדן װינקעלע, װי אַלעמאָל, װען ער קומט אַף שאבעס אַהײם. די קינדערלעך זײַנען אַרומגעװאַשענע, אױסגעצװאָגענע, בא די מײדלעך זײַנען פאַרפלאָכטן די צעפּלעך, אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין ציכטיק־רײנע בגאָדימלעך.

אוראָם האָט בעשום־אױפן ניט געקאָנט דערגײן דעם סאָד, װי־אַזױ קען עס זעלדע פון די גראָשנס, װאָס ער ברענגט, מישטײנסגעזאָגט, פונעם פאָרעץ, אָנהאָדעװען קײן אײַנהאָרע צען פּיקערס און אָפּשפּאָרן נאָך אַף מאַכן שאבעס מיט לײַטן גלײַך. ער האָט געװוּסט, אַז מע קאָן אַ װעלט אױספאָרן, װעט מען אין ערגעץ ניט געפינען אַזאַ בעריע, װי זײַן זעלדע. זי דרײט איבער אַ קינדערש בעגעדל פון דער רעכטער זײַט אַף דער לינקער און פון דער לינקער צוריק אַף דער רעכטער, זי מאַכט איבער פון קלײן אַף גרױס און פון גרױס אַף קלײן, זי שטוקעװעט און לאַטעט, און װאָס טוט זי ניט, אַבי די קינדער זאָלן זײַן באַקלײדט און באַשוכט. זי מאַכט איבער פון אַ העמד אַ ציך, פון אַ ציך אַ קלײד, פון אַ רעקעלע אַ סעקעלע, דער קאָפּ דרײט איר, געװײנלעך, געװנוג, װי־אַזױ אױסמאַרקירן, די קינדער זאָלן זײַן אי זאַט, אי אָנגעטאָן. גרײטן גרײט זי אַלץ באַצײַטנס: זומער אַף װינטער און װינטער אַף זומער.

ווי נאָר זעלדע איז אַ ביסל צו־זיך געקומען, האָט זי, ווי יעדן מאָל, ווען עס ווערט באַ איר געבוירן אַ קינד, געפרעגט אווראָמען:

— נו, ווי וועלן מיר אָנרופן דאָס אויפעלע?

ווי נאָר די באָבע האָט אים אָנגעזאָגט די בסורע, אַז זעלדע האָט גע־בוירן אַ יינגל, האָט אווראָם שוין געהאַט אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר אים. פונ־דעסטוועגן האָט ער אויך אַ פרעג געגעבן באַם ווײַב:

— נו, און דו?... נאָך וועמען ווילסטו אים אָנרופן?

— פון מײַן צאַד האָבן שוין, דאַכט זיך, אַלע נעמען. רוף אָן עמעצן פון דײַניקע.

אווראָם האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן.

— איך וואָלט אים אָנגערופן, ווייסט נאָך וועמען? נאָך מײַן זיידן. ווען מיר האָבן כאַסענע געהאַט, איז ער שוין געווען אַף דער עמעסער וועלט... נאָר געווען איז דאָס אַ מענטש אַ גוואַר, אַן אַרבעטער איינער אין דער וועלט, און דערצו נאָך אַן עמעסער כאָכעם. ניט נאָר אין שטעטל, נאָר פון דער גאַנצער אומגעגנט פלעגט מען פאָרן צו אים אַן אייצע האַלטן זיך, ווי צו אַ גוטן־יידן... גערופן האָט מען אים עליאָהו, עליע.

— נו, זאָל זשע טאַקע אונדזער קינד טראָגן דעם נאָמען פון אַזאַ גוטן מענטשן, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און זאָל אים גאָט צושיקן די כאָכמע פון דײַן קלוגן זיידן, — האָט זיך אָפּגערופן זעלדע.

עליע, אָדער ווי מע האָט אים גענומען רופן, איליוסיק, איז גאָר ניט געווען אַזאַ גוואַר, ווי די באָבע ברײַנע האָט אים אויסגעפּײַנט פאַרן טאַטן. דאָס איז געווען אַ דאַר, אויסגעבלייכט קינד, נאָר עס האָט געשפּרודלט פון אים מיט לעבן. קיין רעגע האָט עס רויק ניט געקענט אײַנליגן. עס האָט זיך געוואָרפן, געדריגעט מיט די פיסלעך, אָן אופהער געקוואַלן פאַר פאַר־געניגן, וואָס עס לעבט אַף דער וועלט, און אויסגעפּראַוועט אַזעלכע מע־שונעדיקע האַווײַעס, אַז די מוטער איז צעשמאָלצן געוואָרן פון נאַכעס.

„ווען אווראָם זעט עס מיט זײַנע אויגן, וויפל האַנאָע וואָלט עס אים פאַרשאַפט!" — האָט זי געטראַכט.

לאַנג האָט זיך געצויגן פאַר זעלדען די וואָך און קורץ איז געווען דער פרײַטיק מיטן שאַבעס, קעדיי אויסדערציילן אווראָמען אַלץ וועגן די קינ־דער ביכלאַל און וועגן מיזיניק ביפּראַט. אין זאָרג און אין קאָפּדרייעניש איז געגאַנגען די צײַט, און אַף אויסדערציילן אַלץ האָט דער שאַבעס קיינ־מאָל ניט געקלעקט.

עפּעס גאָר אומגעריכט האָט איליוסיק אַ שטעל געגעבן זיך אַף די פיס־לעך און אָנגעהויבן גיין. געפאַלן, צעמאַזיקט זיך, ווײַטער געגאַנגען, ווײַטער געפאַלן, אַלץ מער און מער פאַרשײַט האָט ער אָנגעהויבן אַרומיאָגן, אַרומטראָגן זיך. ניט וויסנדיק פון קיין צוים און אָפּשטעל, געקלעטערט, ווו עס האָט זיך געמאַכט, צעדראַפּעט זיך ביז בלוט, צעריסן די בגאָדים. די מעשונעדיקע שטיקלעך און שפּיצלעך, וועלכע איליוסיק פלעגט אָפּטאָן, האָבן זעלדען ניט ווייניק אַגמעסנעפעש פאַרשאַפט.

— ניט אַנדערש ווי אַ שעד זיצט אין דיר, — האָט זעלדע זיך געבייזערט און געטײַנעט צו איר מיזיניק, — אַזוי אַרומלויפן און אַרומיאָגן! מע קאָן דאָך אַף דיר ניט אָנסטאַרטשען ניט קיין שוך, ניט קיין בעגעד. ערשט האָב

איך דיר די הייזלעך פאַריכט, האָסטו זיי שוין ווידער צעריסן. ווי לאַנג האָב איך דיר דאָס העמדעלע אויסגעוואַשן, און עס איז שוין צוריק קויטיק געוואָרן... וואָס וועט פון דיר אויסוואַקסן, בוסאַווילע?

ניט איין מאָל האָט זי זיך שוין געקליבן דערציילן אַווראָמען, וואָס פאַר אַ שטיפער איליוסיק איז. נאָר זי האָט מורא געהאַט, ער זאָל אים די ביינער ניט אָנברעכן. פאַרזיכטיק אין אַ גוטמוטיקן טאָן האָט זי געזאָגט אַווראָמען:

— ווען דו ווייסט, וויפל איך האָב אויסצושטיין פון דײַן טאַכשיט...

— וואָס האָט ער שוין ווידער אָנגעטאָן? — האָט אַווראָם אומרויִק אַ פרעג געגעבן.

— ניט געפערלעך, נאָר אייניקע מאָל איז ניט אויסצוהאַלטן פון זײַנע שטיפערײַען.

— וואָס ווילסטו, — האָט אַווראָם געפרוווט באַרויִקן זעלדען, — אַ קינד דאַרף שטיפן... ער איז דאָך אַ מיזיניק, האָט מען אים צעלאָזט... אײַנגיכן, אַז גאָט וועט געבן, דו וועסט געבוירן נאָך אַ קינד, וועלן מיר אופהערן אים אַזוי נאָכצוגעבן, דאַן וועט ער ווערן שטילער.

...נאָר סײַווי, ווען זעלדע האָט געבוירן דאָס צוועלפטע קינד — העניעלען און איר איז אויסגעקומען דעם הערינג, וועלכן זי האָט געקויפט אין מאַרק פאַר אַ פאָר גראָשנס, טיילן ניט אַף דרײַצן, נאָר אַף פערצן כאַלאָקים, פלעגט זי איליוסיקן אַרײַנרוקן אַ ביסל אַ גרעסערן, פעטערן כיילעק און זיך דערבײַ פאַרענטפערן:

— ער איז דאָך באַ אונדז אַ דאַרינקער, די ביינדעלעך לײַכטן דאָך אַף זײַן לײַב, ער דאַרף וואַקסן. און פון וואָס, מישטיינסגעזאָגט, קאָן ער וואַקסן, אַז ער קומט אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ פּיסנעם סופּ...

## 2

אַ מידער פון אַרומיאָגן און אַרומלויפן, האָט איליוסיק ליב געהאַט פאַר־קלײַבן זיך אין אַ ווינקעלע און אַרויסקוקן אין דרויסן דורכן קליינעם פענצטערל, דורך וועלכן, שאַבעס פאַרנאַכט, עס זוכט די מאַמע אַ שטערן אין הימל, קעדיי איידער דער פאָטער קערט זיך אום אין מאַיאָנטעק צום פאַרעך, זאָגן אַ טפילע צום גאָט פון אַווראָמען, פון ייִצכאָקן און יאַנקעוון, ער זאָל צושיקן אַ גוטע וואָך, אַ מאַזלדיקע וואָך, אַ וואָך פון האַצלאָכע און פאַרנאָסע.

פאַרבײַ דעם פענצטערל זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען פויערשע יונ־גען, אָנגעטאָנענע אין סוויטקעס, אין צעריסענע רעקלעך, אין פאַרשמאָל־צענע, פאַרלאַטעטע לײַנענע העמדלעך, אין פּאָסטעלעס און אין צעלעכער־טע אויסגעטראָטענע שטיוול, מיט רענצלעך און זעקלעך אַף די פּלייצעס.

באַ דער זײַט פון די רייען איז געגאַנגען אַ מיליטערמאַן און אָפּגעציילט זייערע טריט:

— ראַז, דוואַ! ראַז, דוואַ! איינס, צוויי! איינס, צוויי!

**א הילכיקע שטים האָט פאַרצויגן:**

Соловей, соловей, пташечка,
Канареечка жалобно поет [1].

איליוסיק האָט שוין געהאַט געהערט אַמאָל די דאָזיקע ליד. ער האָט אויסגעשטעלט זײַנע ברידערלעך אין א ריי און פונקט ווי דער קאָמאַנדיר געציילט „איינס, צוויי" און געזונגען זי מיט די ברידערלעך.

ער האָט נאָר ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס פאַרהילכן די געזאַנגען אױף דער גאַס יאָמערלעכע געוויינען פון ווײַבער און קינדער, וועלכע לויפן נאָך די סאָלדאַטן.

— פאַרוואָס וויינט מען אַזוי, מאַמע, אױף דער גאַס? — האָט ער א פרעג געגעבן בא דער מוטער.

— ווײַל מע טרײַבט זיי, מײַן קינד, אױף מילכאָמע.

— וואָס זשע דאַרפן זיי וויינען?

— ווײַל מע קען זיי האַרגענען און זייערע קינדערלעך וועלן בלײַבן אָן טאַטעס.

— ווער זשע מאַכט די מילכאָמע?

— דער קייסער, מײַן קינד.

— פאַרוואָס זשע איז ער אַזא שלעכטער, וואָס ער האַרגעט מענטשן?

— אז דו וועסט אויסוואַקסן, מײַן קינד, וועסטו אַליין פאַרשטיין.

דערנאָך האָט איליוסיק געהאַלטן אין איין פרעגן:

— ווען וועל איך שוין אויסוואַקסן? ווען וועל איך ווערן א גרויסער? איך וויל העלפן דעם טאַטן פאַרדינען געלט.

פרײַטיק פאַרנאַכט, ווען אוּוראָם איז, ווי געוויינלעך, געקומען אַהיים, האָט ער א זאָג געטאָן זעלדען:

— באַם פּאָרעץ איז שוין אויך ניט געבליבן, ווער ס'זאָל אַרבעטן.

— נו, איז וואָס דאַרט דיר פאַר אים דער מויעך?

— מע נעמט שוין קינדער אױף אַרבעט.

— עפּשער ווילסטו דײַנע קינדער מאַכן פאַר כאָלאָפּעס? ניט דערלעבן וועט עס דײַן פּאָרעץ.

— מיר ווילן גיין אַרבעטן, מיר ווילן גיין אַרבעטן... — האָבן די קינדער אין איין קאָל אָנגעהויבן שרײַען.

— אַהין וועל איך אײַך ניט לאָזן. גענוג, וואָס דער טאַטע ווערט דאָרטן אַזוי אויסגעריסן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן.

— מיר ווילן אַרבעטן, מיר ווילן העלפן דעם טאַטן פאַרדינען געלט, — האָבן די קינדער ניט אופגעהערט צו טומלען.

— זעסטו שוין, סאַרא באַהעלפער דו האָסט, אוּוראָם? אפילע איליוסיק וויל שוין גיכער אונטערוואַקסן, קעדיי דיר העלפן פאַרדינען געלט.

— קיין ברויט עסן פון זייערע פאַרדינסטן קען מען נאָך דערווײַל ניט, — האָט מיט א קרעכץ א זאָג געטאָן אוּוראָם.

---

[1] סאָלאָווי, סאָלאָווי, פייגעלע,
דאָס קאַנאַרייקעלע טרויעריק זינגט.

— אוואדע איז אונדז שווער, אוראַם, נאָר וואָס קענען מיר טאָן? מע וואָלט געוויס געדאַרפט, אַז די קינדער זאָלן זיך לערנען אַ מלאָכה. נאָר האַק זיי און בראָק זיי, ווילן די באַלמעלאָכעס ניט נעמען קיין קינדער לערנען. איך בין שוין אויסגעווען, באַ וועמען דו ווילסט, די טירן אָפּגעשלאָגן באַ אַלע באַלמעלאָכעס... ווער ס'האָט שוין לערן־ייִנגלעך, ווער ס'וואַרט, מע זאָל אים צונעמען אַף דער מילכאָמע, און ווער ס'איז שוין געקומען פון דער מילכאָמע אַ קאַליקע. דער יאָקרעס איז גרויס. קיין אַרבעט האָבן ניט די באַלמעלאָכעס און האָבן אַליין ניט וואָס צו טאָן. עפּשער וועט זיך אײַנגעבן די מיידלעך אונדזערע אָפּגעבן לערנען פאַר נייטערנס?..

— איך וויל נאָר אין מאַיאַנטעק, — האָט איליוסיק ניט אויפגעהערט צו שרײַען. — וואָס טוט מען דאָרט אין מאַיאַנטעק?

— מע אַקערט דאָרט, מײַן זון, מע זעצט קאַרטאָפל, מע זייט ברויט, — האָט געענטפערט דער טאַטע.

— ברויט? ברויט איז דאָרט פאַראַן? איז מען דאָך דאָרט ניט הונגעריק! פאַרוואָס זשע ווילסטו ניט, מאַמע, מיר זאָלן דאָרטן אַרבעטן?

— אַז דו וועסט זיך אויסלערנען אַ מלאָכע און וועסט פאַרדינען געלט, וועסטו שטענדיק זאַט זײַן, — האָט אים די מאַמע דערקלערט.

— אָבער איך וויל זײַן אַ פּויער, מאַמע. די פּויערים ברענגען שטענדיק אין מאַרק ברויט און קאַרטאָפל, מילך און פלייש און אַלץ, אַלץ. אַלע קויפן באַ זיי. אַז איך וועל זײַן אַ פּויער, וועל איך אויך אַלץ האָבן.

באַ איליוסיקן האָבן די אייגלעך זיך אָנגעצונדן. פון הייסן פאַרלאַנג, אַז זײַן באַגער זאָל מעקוייעם ווערן, האָט אים אַזש דער אָטעם פאַרשלאָגן.

זעלדע איז אַן איבעראַשטע פון איליוסיקס כאָכמע צוגעלאָפן צו אים, אַרומגעכאַפּט, אַ קוש געגעבן און פול מיט היספּײַלעס אויסגעשריִען:

— אַ געזונט דיר אין דײַן ליכטיק קעפּעלע, לעבן מײַנס! יאָרן זאָלסטו האָבן, כאָכעם מײַנער!

ווען איליוסיק האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע אָרעמס, איז זי צוגעגאַנגען צו אוראַמען און מיטן זעלבן צעראַשטן קאָל אַ זאָג געטאָן:

— אוראַם, איצט זעסטו שוין, וואָס פאַר אַ באַרדאַס דאָס קינד איז?

אַף אוראַמס שטענדיק פאַרדײַגעטן, אויסגעדייוועריטן פּאָנעם האָט אַ שפּיל געגעבן אַ נאַכעס־שמייכעלע. שײַנענדיק פון פרייד, האָט ער געזאָגט:

— וואָס מיינסטו? דאָס קינד איז טאַקע גערעכט. צען מאָל, זאָג איך דיר, איז ער גערעכט... ס'וואָלט דען געווען אַזוי שלעכט, ווען אונדזערע קינדער אַרבעטן אין מאַיאַנטעק? זיי וואָלטן זיך אויסגעלערנט באַאַרבעטן די ערד... עפּשער וועט זיך איבערדרייען, ס'וועט אַף אונדז אויך אָנקומען אַ יעשועע און מיר וועלן קריגן אַן אייגן שטיקל ערד. וואָס וואָלט אונדז דאַן געפעלט? ווי זינגט זיך דאָרט אין דער ליד — „אין דער סאָכע ליגט די מאַזלבראָכע...” איך קוק זיך צו צום לעבן פון די פּויערים, זע איך, אַז ס'איז זיי אויך ביטער און פינצטער, אָבער ווער סע האָט אַן אייגן שטיקל ערד, לעבט ווי־ניט־איז, ער האָט אַ ביסל ברויט, אַ קאַרטאָפליטשקע, אַז גאָט העלפט, קויפט מען אַ סקאָטינקע, איז דאָ אַ קאַפּ מילך פאַר די קינדער... איליוסיק איז אַ קינד, פאַרשטייט ער עס אויך, און דו ווילסט די קינדער נאָר פאַר באַלמעלאָכעס מאַכן... טראַכט זיך נאָר אײַן, וואָס פאַרא

גליקן עס האָבן די שוסטער, די שנײַדער. אויב ס׳מאכט זיך א שטיקל אר־בעט, לעבן זיי נאָך ווי־ניט־איז, און אז קיין ארבעט איז ניטאָ, לויפן זיי אויך ארום מיט ארויסגעשטעקטע צינגער און שטארבן דרײַ מאָל א טאָג פון הונגער.

זעלדע האָט רויק אויסגעהערט אווראָמען. געשוויגן א ווײַלע, ווי זי וואָלט זיך ארײַנטראכטן אין זײַנע רייד, און צום סאָף, א מאך געבנדיק מיט דער האנט, געזאָגט:

— אוי, אוורהם, אוורהם, לעב ניט אין קיין טאָעס... קיין אייגן שטיקל ערד וועסטו ניט זען, ווי דײַן לינקן אויער... מײַן טאטע, אָלעוו־השאָלעם, האָט אויך געטרוימט וועגן דעם, ער האָט שוין אפילע געהאט צונויפגע־קליבן א פּאָר רובל און געגעבן איינעם א פּאָרעץ אַן אדערוף... אָט־אָט, האָט ער געמיינט, פארפירט ער א שטיקל באַלעבאַטישקײַט און ווערט א באַלעבאָס, איז געקומען אָבער דער פריסטאוו און האָט אים געזאָגט, ווי אין ביכל בא שאָלעם־אַלייכעמען באשרײַבט זיך וועגן טעוויע דעם מיל־כיקן — „לעך־לעכאָ” — ציט זיך ארויס פונעם דאָרף, דאָ איז ניט קיין אָרט פאר אײַך. ייִדן טאָרן זיך ניט פארנעמען מיט קיין ערד־ארבעט.

— עפּשער וועט זיך איבערדרייען און מיר וועלן פאָרט געהאָלפן ווערן, — האָט אוורהם מיט א האפטאָכע־געפיל א זאָג געטאָן. — אָט האָב איך געהערט, אז ס׳זײַנען פאראן ייִדישע קאָלאָניעס און ייִדן ארבעטן אף ערד, ווי אלע ערד־ארבעטער.

— עפּשער, האַלעווײַ, אוורהם, פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן... נאָר ווי דערווארט מען שוין די נעכאָמע?..

3

רונד־ארום האָט מען שוין געוווּסט, אז אין פּעטראָגראַד האָט מען אראָפּ־געוואָרפן דעם קייסער. נאָר אין גוט, ווו אוורהם האָט געארבעט, איז אַלץ געגאנגען ווי פריִער. די ערשטע טעג, ווי נאָר צום פּאָרעץ איז דערגאנגען די איבערראשנדיקע ידיִע, איז ער ערגעץ אין בעהאָלע אנטלאָפן, נאָר טייקעף צוריק זיך אומגעקערט און ווי פריִער געוועלטיקט אין זײַן מאיאָנטעק.

אין אייניקע כאַדאָשים ארום האָט אוורהם, אומקערנדיק זיך שפּעט בא־נאכט אין גוט, נאָך פון ווײַטן דערזען פלאקערנדיקע פײַער־זײַלן, וועלכע האָבן ארײַנגעריסן זיך אין דער געדיכטער טונקלקײַט און פאנאנדערגע־גאָסן אפן הימל־ראנד א בלוטיקע רויטקײַט. וואָס מער ער האָט זיך דער־נעענטערט צום גוט, אַלץ דײַטלעכער האָט ער געזען די צעבושעווועטע גרויסע סרייפע.

„וואָס האָט עס געקאָנט געשען? — האָט ער געטראכט. — צי דען לעשט קיינער ניט דאָס פײַער?”

באם ארײַנגאנג אינעם ייִשעוו פונעם גוט האָט אוורהם דערזען עטלעכע יונגען מיט ברענענדיקע שטעקנס אין די הענט.

— קום, אוורעמקע, קום, ברודערל, שלאָגן דעם טרייפענעם פאָן! — האָבן זיי, אָנכאַפנדיק אים פאַרן ארבל, געשריִען.

אווראָם האָט א צעטומלטער געקוקט אף זיי מיט מעוווּלוולדיקע אויגן און ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס זיי ווילן פון אים.

— נו, וואָס שטייסטו, ווי א ליימענער גוילעם? — האָט אייגער פון זיי, מיט א פלאַקסן טונקל בערדל און מיט פאַרקיסנעטע טראַכאָמע־אויגן, אים גענומען שלעפּן.

— אָבער וואָס איז געשען? — האָט אווראָם געוואָלט וויסן.

— וואָס הייסט וואָס? ס'איז א רעוואָליוציע! — האָט דאָס פויערל מיט די טראַכאָמע־אויגן אויסגעשריִען.

פון דער איבעראשנדיקער יעדיִע האָט בא אווראָמען פאַרכאַפּט דער אָטעם, ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען.

— א רעוואָליוציע, ברודערל, א רעוואָליוציע! — האָט א דריטער יונג, א דארינקער, מיט א שמאָל באַוואַקסן פּנעמל, געשריִען. — גלייבסט ניט? ווו ביסטו געווען? פון הימל אראָפּגעפאַלן? די רעוואָליוציע פאַרשלאָפן!

— איך בין נעכטן א גאַנצן טאָג אין שטוב געזעסן... איך האָב געהערט, אז אין גאַס האָט זיך געטומלט, האָב איך געמיינט, אז מע טרײַבט סאָל־דאַטן אף דער מילכאָמע, — האָט אווראָם זיך ווי פאַרענטפערט.

— אויס מיט דער מילכאָמע! די ערד די פויערים! — האָט דער יונג געשריִען. — קום זיך אָפּרעכענען מיטן פּאָרעץ, קום! וואָס שטייסטו?!

צו אווראָמס באַוווּסטזײַן איז נאָך אַלץ ניט דערגאַנגען, וואָס אזוינס עס קומט דאָ פאָר.

ער האָט נאָך אין פינפטן יאָר, ווען ער איז געווען אינגאַנצן א יונגער, שוין דערהערט דאָס וואָרט רעוואָליוציע. אויך דאַן האָבן די כאָלאָפּעס געצונדן די פּריצישע גיטערס. מיט פײַער און רויך פון די אופּשטענדלער זײַנען געווען ארומגעכאַפּט גאַנצע געגנטן. אָבער די זון, וועלכע האָט א ווײַלע א שײַן געטאָן, איז גיך פאַרגאַנגען, און אין א פינצטערן טהאָם פון בלוט און טרערן איז די רעוואָליוציע דערטרונקען געוואָרן.

ווען אווראָם און די מענטשן מיט די ברענענדיקע שטעקנס אין די הענט זײַנען צוגעגאַנגען צו דעם פּאָרעצס מויער, איז שוין דאָרטן געווען א גרויסער אוילעם. בא דער שײַן פון אן אונטערגעצונדן הויז, וואָס האָט אין דער קעגנ־ביבערדיקער זײַט געפלאַקערט, האָט אווראָם געזען, ווי דער אופגעבראַוזטער אוילעם האָט זיך ארומגעטראָגן איבערן הויף, געריסן זיך דורך די אופגעפּראַלטע טירן אין מויער ארײַן און געזוכט דעם פּאָרעץ.

— ער האָט שוין געמאַכט פּלייטע, נעלעם געוואָרן... ער האָט זיך דער־שראָקן, דער טײַוול דער טרייפענער, מע זאָל אים ניט ארײַנטיילן א הייסע זודיקע קויל אין זײַן וועלפּיש האַרץ ארײַן! — האָבן זיך געטראָגן קוילעס.

עטלעכע מענטשן מיט רויטע בענדלעך אף די ארבל פון די סוויטקעס האָבן געפּרווּוט אײַנהאַלטן דעם צעבושעוועטן האַמוין און אַלע ווײַלע אויסגערופן:

— אָרדענונג! האַלט די אָרדענונג! צינדט ניט דעם גוט!.. מיר זײַנען איצט באַלעבאַטים אין אים! מיט אונדזער בלוט און האָרעוואַניע איז עס אַלץ אָנגעלעבט געוואָרן, געהערט עס אונדז!

א הויכער ברייטפּלייציקער מאַנצבל מיט א טונקל־בלאָנדן טשוב האָט זיך ארופגעדראַפּעט אפן שטיינערנעם פּארקן און, פאָכנדיק מיט די הענט, הויך און היציק אָנגעהויבן א מיטינג:

— כאַווײַרים און ברידער! מיר, געוועזענע כאָלאָפּעס, פּריצישע קנעכט, צוזאַמען מיט אונדזערע ברידער ארבעטער און פּויערים ווערן, הייסט עס... נו... מיר ווערן, ווי זאָגט מען עס... באַלעבאַטים, ווײַל אונדזערע מאָזאָלישע הענט האָבן, הייסט עס, דאָס אַלץ געשאַפן. איז זאָל לעבן, הייסט עס, די רעוואָליוציע!

הונדערטער הילכיקע שטימען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין דונער־דיקן קאָל:

— הוראַ! הוראַ!

עטלעכע יונגען, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן פּארקן, האָבן אונטער־געכאַפּט דעם אָראַטאָר, געוואָרפן אים אין דער הייך און געשריִען:

— הוראַ! הוראַ!

ווען דער אוילעם האָט זיך א ביסל באַרויִקט, האָט אפן פּארקן זיך ארופגעדראַפּעט א צווייטער רעדנער — א בערדיקער, אין א צעריסענעם קויטיקן שינעל, ער האָט אראָפּגעכאַפּט מיט דער איין־און־איינציקער גאַנץ געבליבענער אָף דער מילכאָמע האַנט דאָס היטל פונעם קאָפּ, געפאָכט מיט דעם און געשריִען:

— מיר, סאָלדאַטן, וועלכע האָבן העכער דרײַ יאָר געוואָלגערט זיך אין די אָקאָפּעס, מעלדן, אז מיר ווילן מער ניט פאַרגיסן קיין בלוט פאַר די פּריצים און בורזשויען!.. נידער מיט דער מילכאָמע! זאָל לעבן די רעוואָ־ליוציע! הוראַ!

— הוראַ! הוראַ! הוראַ! — האָט זיך געקײַקלט איבערן האַמוין א דרײַ־פאַכיקער דונער־אויסגעשריי.

דער אָראַטאָר האָט ניט באַוויזן אראָפּגיין, ווי אפן פּארקן איז ארופגע־קראָכן א דריטער, א פערטער...

אוראָם איז געשטאַנען צווישן דעם אופגעבראַוזטן אוילעם און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם זיך אײַנגעהערט אין יעדן וואָרט, וואָס מע האָט געזאָגט. זײַן אייגן קאָל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די קוילעס פון האַמוין.

— הוראַ! זאָל לעבן!..

— זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

דער מיטינג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט. אָף מאָרגן האָט זיך דער יאָמטעוו ווידער אָנגעהויבן. ס'האָט זיך געדוכט, אז ער וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. אוראָם האָט זייער געוואָלט זײַן מיט אַלעמען, שרײַען, טומ־לען, מיטינגעווען, אָבער ער האָט דאָ מער ניט געקאָנט זיך פאַרהאַלטן. ער האָט געמוזט לויפן גיכער אָנזאָגן זעלדען און די קינדער, אז ס'איז א רעוואָליוציע. זיי זיצן דאָך, נעבעך, באָרוועסע און נאַקעטע אין שטוב און קאָנען ניט ארויסגיין אין דרויסן.

ניט פילנדיק די ערד אונטער די פיס, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אהיים. צום גליק, האָט זיך אים אין וועג געמאַכט א פור, און ער האָט זיך גיך דערקליבן. אין שטוב האָט ער זיך ארײַנגעריסן, ווי א וויכער. לויט זײַן צערודערטן פּאָנעם האָט זעלדע גלײַך באַמערקט, אז ס'איז געשען אויסער־

געווײנלעכס. אײדער זי האָט באַוויזן אַ פרעג געבן, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט ער אויסגעפּאַליעט:

— זעלדע, קינדער, ס'איז אַ רעוואָליוציע!

— וואָס רעדסטו, אווראָם? איך פאַרשטײ ניט, וואָס דו רעדסט, זאָג מיר, וואָס איז געשען?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז ס'איז אַ רעוואָליוציע!

— איז וואָס ביסטו אינמיטן דער וואָך געקומען אַהײם?

— איז זאָג איך דאָך דיר, ווײַל ס'איז אַ רעוואָליוציע.

— אַרבעט מען ניט?

— אַוודאי אַרבעט מען ניט... דער פּאַרעץ איז אַנטלאָפן.

— און דער מאַיאָנטעק? וואָס וועט דאָרטן איצטער זײַן?

— מע זאָגט, אַז מיר, די אַרבעטער, וועלן דאָרטן ווערן באַלעבאַטים.

— ווער זשע וועט אַרבעטן?

— מיר, די אַרבעטער, וועלן אַרבעטן און באַלעבאַטעווען.

אײליוסיק, דערהערנדיק דעם פאָטערס רײד, האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף לויפן, שרײַען, פרײען זיך און אַלעמען, אַלעמען אָנזאָגן די בשורה.

— אַ רעוואָליוציע! אַ רעוואָליוציע! — האָט ער, וויפל נאָר ער האָט גע־האַט קויכעס, געליאַרעמט. — אַ רעוואָליוציע!

צוזאַמען מיט די ברידערלעך און מיט די קינדער פון שכײנישן הויף איז ער אַרומגעלאָפן און געהאַלטן אײן אײן שרײַען:

— זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

אווראָם האָט, ווי פריִער, געאַרבעט אינעם געוועזענעם פּריצישן מאַיאָנ־טעק. לויט דער באַשטימונג פונעם רעווקאָם האָבן די אַרבעטער אויסגע־טײלט אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט גענומען אויפן דיסקאָנט די ווירטשאַפט פונעם געוועזענעם גוט, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זײער רעשוס. דער קאָמיטעט האָט אַכטונג געגעבן, מע זאָל ניט צעשלעפּן דעם אינווענ־טאַר, און אָנגעהויבן אײַנפירן אומעטום אַ שטרענגע אָרדענונג.

אויף אווראָמען זײַנען אַרופגעלײגט געוואָרן די פליכטן אופצופּאַסן איבער דעם פי. באַטאָג האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן, וועלכע דער קאָמיטעט האָט אויסגעטײלט, געהאָדעוועט, געפּאָיעט, געמאָלקן די קי און אַכטונג געגעבן, אַז אין שטאַל זאָל זײַן רײן. צו דעם אַלעמען איז נאָך אווראָם באַנאַכט געשטאַנען מיט דער ביקס אויפן פּאָסטן און געהיט די ווירטשאַפט פון די באַנדעס, וועלכע האָבן אַרום געבושעוועט.

אַרויסרײַסן זיך אַהײם, אָפּפירן זעלדען מיט די קינדערלעך דעם פּאַיאָק, וועלכן דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן די אַרבעטער, האָט ער בעשום־אופן ניט געקאָנט.

— וואָס טוט מען? — האָט ער ניט אופגעהערט צו טראַכטן.

ער האָט אָנגענומען זיך מיט מוט און אַוועק צום פאָרזיצער פון קאָמי־טעט, דערצײלט אים אַלץ, וואָס ס'איז געווען באַ אים אויפן האַרצן:

— צוועלף קינדערלעך פאַרמאָג איך... זײ קאָנען דאָך, באַהיט גאָט, פון הונגער אומקומען... אַפילו מײַן פּאַיאָק, וואָס איך באַקום, קאָן איך זײ אויך ניט ברענגען... האָט ראַכמאָנעס און לאָזט מיך כאָטש אָפּ אויף אַ פּאָר שאָ. אָפּפירן די פּראָדוקטן, אָטכײַען זײ די נעשאָמעס.

דער פּאַרזיצער האָט אויסגעהערט אווראָמען און אים מיטגעפילט, אָבער העלפן האָט ער ניט געקאָנט.

— נו, זאָג אַליין, וואָס קאָן איך טאָן?.. זעסט דאָך, וואָס ס'טוט זיך, ווי קאָן איך דיך אָפּלאָזן, אז יעדער רעגע קאָן אָנפליִען א באַנדע און מאַכן טיל־טעל פון אונדז און פון דער גאַנצער ווירטשאַפט... פאַרבײַטן דיך האָב איך ניט מיט וועמען.

— יאָ, אָבער טראַכט זיך אַרײַן אין מײַן לאַגע, — האָט אווראָם גע־בעטן. — האָט ראַכמאָנעס אויף מײַן מישפּאָכע. שוין וויפל צײַט ווי זיי הונ־גערן, נעבעך.

דער פּאַרזיצער האָט הילפלאָז פאַנאַנדערגענומען די הענט:

— כ'ווייס פּאָשעטע ניט, וואָס צו טאָן מיט דיר. אָפּזאָגן דיר איז א זינד, און אָפּלאָזן קאָן איך ניט. — ער האָט א ווײַלע געטראַכט און צוגעגעבן: — ווייסטו וואָס, גיי אַרײַן מאָרגן, עפּשער וועל איך עפּעס קאָנען טאָן.

כאָטש דער פּאַרזיצער האָט גאָרנישט ניט צוגעזאָגט, פונדעסטוועגן האָט אווראָם דאָך געהאָפט, אז ער וועט אויספילן זײַן ביטע.

באַנאַכט, שטייענדיק אויף דער וואַך, האָט ער געציילט די מינוטן און שאָען, וועלכע זײַנען געבליבן ביז פאַרטאָג. די צײַט האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. באַגינען האָט זיך פּלוצעם דערהערט א שיסערײַ, און באַלד האָט דורכגעקלונגען א קאָמאַנדע: «В ружье!»[1].

די שיסערײַ איז געוואָרן אַלץ העפטיקער. די שלאַכט איז געווען א לאַנגע און א שווערע. עס איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען די באַנדע איז אָפּגעטראָטן.

„פאַרפאַלן, — האָט אווראָם מיט ווייטעק אין האַרצן א טראַכט געטאָן. — איצט וועל איך שוין אהיים זיך ניט אַרויסרײַסן".

א מידער און א דערשלאָגענער, האָט אווראָם זיך צוגעלייגט אָפּרוען, נאָר אײַנשלאָפן האָט ער ניט געקאָנט, געדרייט זיך פון איין זײַט אויף דער צווייטער. ווען ער האָט, ענדלעך, אָנגעהויבן אײַנדרעמלען, האָט ער דער־הערט א שטים:

— מעהודין, דו האָסט געוואָלט אָפּפירן דײַן מישפּאָכע פּראָדוקטן, שטיי זשע אויף, באַלד גייט א פור אין שטאָט.

— אהיים?.. פּראָדוקטן פאַר דער מישפּאָכע? — האָט ער א שלעפעריקער איבערגעפרעגט.

געדוכט האָט זיך אים, אז ס'איז א כאָלעם. נאָר ווען ער האָט אופגע־עפנט די אויגן, האָט ער דערזען, אז לעבן אים שטייט דער פּאַרזיצער פון קאָמיטעט און טאָרעט אים:

— גיכער, מעהודין! דער קאָמיטעט האָט באַשטימט אויסטיילן א ביסל פּראָדוקטן פאַר דײַן מישפּאָכע.

— טאַקע? אפּאַנעמעסן? א דאַנק! א גרויסן דאַנק אײַך! — האָט אווראָם, ניט גלייבנדיק, וואָס זײַנע אויערן הערן, געמורמלט.

— די פור שטייט שוין לעבן שײַער, קלײַב זיך ניט לאַנג, שנעלער...

---

[1] צום געווער!

זע נאַר, זאָלסט אין דער היים זיך ניט פאַרהאַלטן. קום גלײַך צוריק, הערסט? טייקעף צוריק! — האָט איבערגעכאַזערט דער פּאַרזיצער.

ביזוואַנען אוורהם איז דערלאָפן צום שײַער, איז שוין די פור געווען אָנגעלאָדן מיט קאַרטאָפל, קרויט, הירזש, מעל און אפילו מיט האָלץ.

— הײַדא, גיכער שפּרינג אַרויף אויף דער פור, — האָט דער פּאַרזיצער אונטערגעיאָגט אוורהמען.

— גוט, גוט. א דאַנק, כ׳וועל גלײַך זיך צוריקקערן, — האָט אוורהם אים פאַרזיכערט.

אוורהם איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי אופגעלייגט. ס׳איז געווען ניט פרײַטיק און געפאָרן איז ער אהיים ניט אויף שאַבעס; נאָר אויסגעדוכט האָט זיך אים, אַז ער פאָרט אויף א גרויסן יאָמטעוו. ער וועט זיך זען מיט זעלדען, מיט די קינדער, ער וועט ברענגען זיי אַזויפיל פּראָדוקטן. זעלדע איז דאָך א גרויסע באַלעבאָסטע. זי וועט עס צעצײַען און ס׳וועט באַ איר זײַן אויף לאַנג מיט וואָס אונטערצוהאַלטן די נעשאָמעס. דאָס מעל, וואָס ער פירט, וועט זי האַלטן אויף „פּריוואַרעק״, אַמאָל וועט זי עפּשער די קינדערלעך א באַלעוווע טאָן און מאַכן א קוגעלע. קיינער וואַרט הײַנט געוויס ניט אויף אים. גוט, וואָס ער וועט קומען אומגעריכט און וועט אָנברענגען אַזא אייגנס. אויב אין שטוב איז באַ איר אײַנגעהאַנצן פּוסט, וועט זי אפּגיך עפּעס אָפּקאָכן, זי איז דאָך אַזא בעריע...

די פור איז צוגעפאָרן צו אוורהמס שטיבל. דערהערט א טראַסקערײַ פון א פור, זײַנען איליוסיק מיט מיכלקען צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט א פרייד אויסגעשרײַען:

— דער טאַטע! דער טאַטע איז געקומען!

האַלב־נאַקעטע זײַנען זיי אַרויסגעלאָפן באַגעגענען אים.

— גייט אַרײַן אין שטוב, די מינוט גייט אַרײַן! אין דרויסן איז א פראָסט, איר וועט זיך צוקילן, — האָט אוורהם זיך אָנגעהויבן בייזערן.

איליוסיק מיט מיכלקען האָבן זיך אומגעקערט אין שטוב מיט א געשריי:

— דער טאַטע האָט עפּעס געבראַכט! ער נעמט אַראָפּ פון פור פעקלעך!

די קינדער האָבן אַרופגעצויגן אויף זיך וואָס ס׳האָט זיך געמאַכט און געוואָלט ווידער זיך לאָזן לויפן אין דרויסן אַנטקעגן דעם פאָטער, נאָר אוורהם האָט שוין אַרײַנגעטראָגן אין שטוב א פּאָר פעקלעך.

— נאַ, נעם עס צו, — האָט ער, באַגריסנדיק זיי, דערלאַנגט זעלדען און זיך געלאָזט לויפן צוריק צו דער פור.

— אוי! קאַרטאָפל, קרויט, אוי, מעל... — האָבן די קינדער געפרייט זיך. איבעריאָגנדיק איינער דעם אַנדערן, האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן דעם טאַטן, וועלכער האָט קוים אַרײַנגעשלעפּט אין שטוב א פול־אָנגעפּאַקטן זאַק.

— וואָס האָסטו נאָך געבראַכט, טאַטע? ס׳איז אַלץ פאַר אונדז? — האָבן זיי געפּילדערט.

זעלדע האָט צוגענומען די פעקלעך, באַטראַכט, וואָס דאָרט איז, און א צעראַשטע געפרעגט:

— ווו האָסטו, אוורהם, עס אָנגענומען אַזא אוצער? צי דען איז עס טאַקע אַלץ אונדז?

— וואָס דען... וועמען זשע?.. אונדז! אלץ אונדז!

אוראָם האָט געשמייכלט, ס'האָט אים האנאַע געטאָן, וואָס ס'גלייבט זיך איר ניט, אז ער האָט אָנגעבראכט אזויפיל עסנווארג.

— דער קאָמיטעט האָט עס מיר ארויסגעגעבן.

— וועלכער קאָמיטעט? לאנג לעבן זאָל ער, דער קאָמיטעט, א גוטער מענטש, קענטיק, ער האָט ראכמאָנעס געהאַט אף אונדזערע קינדערלעך.

— דער קאָמיטעט איז ניט איין מענטש, דאָס זײַנען עטלעכע ארבעטער, וועלכע מיר אליין האָבן אויסגעקליבן, — האָט אוראָם איר דערקלערט.

— ווײַל ס'איז פון אײַערע מענטשן, פארשטייען זיי אונדזער לאגע און קענען אונדז מיטפילן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן. — און איך האָב געמיינט, אז דו ביסט שוין דאָרטן, ווי הייסט עס, א שטיקל באלעבאָס אָנשטאָט דעם פּאָרעץ, האָסטו שוין אין אונדז פאַרגעסן.

— וואָס רעדסטו, זעלדע, וואָס איז דאָס פארא רייד? — האָט אוראָם צארט א גלעט געגעבן דאָס ווײַב. — כ'האָב זיך אָפּגעבעטן אף א האלבער שאָ ברענגען א ביסל פּראָדוקטן און א קוק טאָן אף אײַך... האָסט דען א באגריף, וואָס בא אונדז טוט זיך דאָרטן?

— וואָס טוסטו דאָרט אזוינס, וואָס מ'קאָן זיך אָן דיר ניט באגיין? — האָט זעלדע אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן. — דער פּאָרעץ פלעגט דאָך דיך אויך אָפּלאָזן יעדער פרײַטיק אהיים.

— מיר דארפן אָן אָרדענונג מאכן אין דער ווירטשאפט, מיר זײַנען דאָך עפּעס באלעבאטים, — האָט געענטפערט אוראָם. — ווי זאָגט אונדזער עלטסטער: מיר דארפן זײַן אי ארבעטער, אי סאָלדאטן, מיר דארפן ארבעטן און היטן אונדזער גוטס... איך בין א שטיקל עלטסטער איבער דעם פי, דארף איך אכטונג געבן, מ'זאָל אָנהאָדעווען דאָס פי צו דער צײַט, אין שטאל זאָל זײַן אָן אָרדענונג, דעם געמעלק זאָל מען ניט צעשלעפּן... קאָפּדרייעניש האָב איך ניט ווייניק.

אפגיך געזעגענענדיק זיך מיט זעלדען און מיט די קינדער, האָט אוראָם געזאָגט:

— טאָמער וועל איך ניט קומען אזוי גיך, ערגערט זיך ניט, ניט שטענדיק קאָן איך זיך ארויסרײַסן. דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט האָט מיר צוגעזאָגט, אז וויפל מע וועט קענען, וועט מען אונדז מיטהעלפן, מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעך.

געקומען איז ער אפן מאיאָנטעק פינקטלעך צו דער צײַט, ווי ער האָט צוגעזאָגט דעם פּאָרזיצער. אף מאָרגן, ווען יענער איז געקומען אין שטאל באטראכטן דאָס פי, האָט ער אוראָמען גוטמוטיק א פרעג געגעבן:

— נו, ביסט געווען אין דער היים? וואָס מאכט די פרוי, וואָס מאכן די קינדער? זיי זײַנען צופרידן?

— אוואדע! אלץ הייסט צופרידן. א דאנק אײַך! א גרויסן דאנק!

דער פּאָרזיצער האָט זיך שוין געלאָזט גיין, נאָר פלוצעם האָט ער זיך אומגעקערט און געפרעגט:

— דו האָסט אמאָל באם פּאָרעץ געארבעט אין פעלד?

— איך האָב אומעטום געארבעט. אין פעלד, אין וואלד, ווו ס'האָט זיך געפאָדערט, דאָרטן האָב איך געארבעט.

— פאַרשטייסט, מע דאַרף באַצײַטנס אָנהייבן טראַכטן, וויאַזוי פאַרזייען די פעלדער. דער ווינטער וועט דורכלויפן, ס׳וועט קומען צום זייען, און מיר וועלן ניט זײַן גרייט... פריִער פאַר אַלץ, מיין איך, דאַרף מען זיך אויסייצען מיט די מענטשן, וועלכע האָבן דירעקט געאַרבעט אַף די פעלדער. זיי האָבן אַ דערפאַרונג, זיי ווייסן, ווו מע דאַרף זייען, וואָס מע דאַרף זייען און ווי מע דאַרף זייען.

אווראָמען איז געווען אָנגענעם, וואָס דער פאַרזיצער רעדט מיט אים, ווי מיט אַ גלײַכן, וויל זיך מיט אים אָן אייצע האַלטן וועגן ווירטשאַפט־לעכע זאַכן.

דער פאַרזיצער האָט ניט געײַלט, באַלעבאַטיש באַדאַכט, גערעדט מיט אים, וויאַזוי מאַכן, מע זאָל ניט צעשלעפן די ביימער פון וואַלד אַף הייצונג. נאָכדעם האָט ער ווידער געגומען ריידן וועגן דער צוגרייטונג צום פאַרזיי. געזעגענענדיק זיך מיט אווראָמען, האָט ער דערעכאַגעוו אַ זאָג געטאָן:

— כ׳האָף, אַז פרילינג וועלן מיר אויסטיילן שטיקלעך ערד פאַר אונד־זערע אַרבעטער, יעדערער זאָל קאָנען פאַרזעצן אַ ביסל קאַרטאָפל, קרויט און גרינס.

— אוי, וואָלט עס געווען גוט, אוי, איז דאָס אַ זאַך! דאָס וואָלט דאָך אונדז געראַטעוועט! — האָט אווראָם אויסגעשריִען.

— מיר וועלן העלפן אופאַקערן יעדערן זײַן שטיקל ערד, און מיט זריִע וועלן מיר אויך באַזאָרגן, — האָט דער פאַרזיצער פאַרגעזעגנט.

פון דער פריידיקער ידיעה האָט בא אווראָמען אזש דאָס האַרץ אַ ציי־טער געטאָן.

— אוי, וואָלט עס געווען גוט! אוי, איז דאָס אַ זאַך! מײַן גאַנץ לעבן טראַכט איך דאָך וועגן אַ שטיקל ערד, ווו איך זאָל קאָנען עפּעס פאַרזייען... ווי דערלעבט מען עס שוין טאַקע?..

4

איניינעם מיט דער פור האָלץ און מיט די פּראָדוקטן פון זײַן פּאַיאָק האָט אווראָם געבראַכט אַהיים די פריידיקע בסורע, אַז דער קאָמיטעט וועט אויסטיילן ערד־כאַלאַקים פאַר די אַרבעטער און וועט נאָך העלפן אופ־אַקערן און פאַרזייען.

— נו, האָסט ניט געגלייבט, אַז מיר וועלן ווען־ניט־איז האָבן אַ שטיקל ערד און וועלן אַליין אַרבעטן אַף איר, — האָט אווראָם מיט אַן עטוואָס גאַדלעסדיקן טאָן אַ זאָג געטאָן.

— דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבן עס דערלעבט, — האָט זעלדע גוטמוּ־טיק אונטערגעשמייכלט. — אַז מיר וועלן לעבן און געזונט זײַן, וועלן מיר האָבן אַן אייגענע קאַרטאָפליעטשקע, אַ מער, אַ ציבלקע, אַ בורעקל...

די קינדער זײַנען געווען פון דער ידיעה אַפן זיבעטן הימל. זיי האָבן פון פרייד געטאַנצט:

— מיר ווען האָבן ערד! מיר וועלן אליין אקערן און זייען! אָבער ווען, טאטע, וועט מען געבן אונדז די ערד?

— פרילינג, קינדער, פרילינג...

— ווען דער שניי וועט אראָפּ? ס'איז נאָך לאנג צו ווארטן? דו וועסט מיך נעמען מיט זיך? — איז ניט אָפּגעשטאנען פון אים איליוסיק. — איך וועל אָנטרײַבן די פערד.

— און איך וועל האלטן דעם אקער, — האָט זיך אָפּגערופן מיכלקע.

— און איך וועל זייען! — האָט אויסגעשריִען שיינדעלע.

— וואָס וועלן מיר זייען, טאטע? — האָט געוואָלט וויסן איליוסיק.

— אלץ, מײַן זון, וועלן מיר זייען, — האָט זיך אַרײַנגעמישט זעלדע. — וואָס מיר וועלן קאָנען, וועלן מיר זייען. דער טאטע זאָגט, אז מע וועט אונדז געבן זריִע.

ווענדנדיק זיך צו אווראַמען, האָט זי צוגעגעבן:

— עס האָט זיך, דוכט זיך, בא מיר ערגעץ פארוואלגערט א ביסל פּאַ־סאָליעס, אויב זיי טויגן נאָר, וואָלטן מיר זיי אויך פארזייט. כ'וואָלט נאָך וועלן פארזעצן קירבעסן, דו ווייסט, אווראָם, וועלכע מײַכאָלים מע קען מאכן פון זיי!

— מיר וועלן, מירצעשעם, באטראכטן, וואָס צו זייען, לאָמיר נאָר דערלעבן...

געזעגנט זיך מיט זעלדען און מיט די קינדער, האָט אווראָם מיט דער זעלבער פור, וועלכע האָט אים געבראכט אהער, זיך אומגעקערט אינעם געוועזענעם גוט.

דער ווינטער איז געווען א בייזער. די וויוגעס האָבן ניט אופגעהערט צו בושעווען. אין שטאל, פאַרענדיק זיך ארום דעם פּי, שפּעט באנאכט, אָן אײַנגעגנורעטער אין היי אפּן געלעגער, האָט אווראָם ניט אופגעהערט צו טראכטן וועגן זײַן מישפּאָכע. ס'האָבן זיך פונקט אָנגעהויבן קעלבן די בעהיימעס. צופאָרן אהיים איז געווען שווער, און די פרעסט זײַנען ניט אָפּגעשוואכט געוואָרן. די קינדער קוקן געוויס ארויס דורכן פענצטער, — האָט ער געטראכט, — און ער פאָרט ניט און פאָרט ניט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי די קינדער זיצן ארום דער הרובע, ווארעמען זיך און טרוימען וועגן דעם שטיקעלע ערד, וועלכן מ'האָט פרילינג צוגעזאָגט געבן. ווען זיי שלאָפן, כאָלעמט זיי זיך געוויס, ווי עס וואקסן קארטאָפליעס, מערן, פאסאָליעס, קירבעס.

ווי זעלדע האָט ניט געהייצט בעצימצעם, ווי זי האָט ניט געקארגט יעדן שפּײַטל האָלץ, האָט זיך שוין, מיסטאמע, בא איר די הייצונג געענדיקט. און דער פראָסט ברענט און ברענט, און עסן האָבן זיי שוין אויך ניט וואָס. ס'איז פונקט צוגעגאנגען די צײַט, ווען מ'האָט געטיילט די ארבעטער פּאיאָקעס. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז ווידער אוועק צום פאָרזיצער פון קאָמיטעט. אויסגעבעטן א פור, קעדיי אָפּצופירן שפּײַז און הייצונג פאר דער מישפּאָכע, האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אהיים.

די קינדער זײַנען געזעסן ארומגעוויקלטע אין קאָלדרעס און האָבן געציטערט פון קעלט. דערזען דעם טאטן, זײַנען זיי ארויסגעשפּרונגען באַגעגענען אים. זעלדע האָט אפּגיך אײַנגעהייצט די הרובע, געמאכט אין

שטוב ווארעם, אָפּגעקאָכט קאַרטאָפּליעס, אָנגעהאָדעוועט די קינדער. ניט פאַרהאַלטנדיק זיך לאַנג, האָט אוורהם זיך געוואָלט לאָזן פאָרן צוריק, נאָר די קינדער האָבן אים אָנגעכאַפּט פאַר די פּאָלעס און אים ניט אופגעהערט צו פרעגן:

— ווען וועט מען שוין געבן די ערד? ווען וועט מען שוין זייען?

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער פראָסט געפּלאַצט. פון דאָרעם האָט א בלאָז געגעבן א ווארעמער ווינט, און אָנגעהויכטער מיט זאַפטן פון דער אופוואכנדיקער יוירנדיקער ערד און פון די אָנגעשוואָלענע קנאָספּן אויף די צווייַגן פון די ביימער. דער זיסער גערוך זייערער איז קוים־קוים דערגאַנגען אהער פון די ווייַטע ווארעמע קאַנטן, נאָר אוורהם האָט אים מיט אַלע זיַינע כושים דערפילט. די בלענדיקע העלע זון, וואָס האָט מיטאַמאָל זיך צעשייַנט אויפן לויטערן הימל, די זילבערנע שנירעלעך וואסער האָבן געררונען פון די דעכער, די טונקעלע פלעקן אויף די אייַנגעשרומפּטע הורבעס צעגייענדיקן שניי — אַלץ האָט אָנגעזאָגט, אז ס׳גייט דער פרילינג, אז ער איז שוין נאָענט.

פון די ווייַטע ווארעמע קאַנטן וועלן אָט־אָט קומען צו פליִען די פויגלען, זיי וועלן אָנקומען מיט א פריילעכן גערויש און געפּילדער. זיי וועלן שרייַען, זינגען, פרייען זיך, וואָס זיי קערן זיך אום צו די אייגענע וועלדער, צו זייערע אייגענע נעסטן, און אינאיינעם מיט זיי וועלן זיך פרייען די קינדערלעך: עס קומט אָן דער פרילינג, עס וועט מעקויעם ווערן זייער טרוים — אַקערן און זייען אויף דער ערד.

אין דעם געוועזענעם גוט איז אין די ערעוו־פרילינגדיקע טעג געגאַנגען א העפטיקע צוגרייטונג צום פאַרזיי. מ׳האָט רעמאָנטירט דעם אינווענטאַר, אונטערגעקאָרמעט די פערד, געגרייט זריִע צום פאַרזיי.

פּלוצעם האָבן אָנגעהויבן אַרומפויזען שרעקלעכע יעדיִעס. פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן, אז דאָס דייַטשישע מיליטער פונעם קייַזער ווילהעלם רוקט זיך אהער און פאַרנעמט א שטאָט נאָך א שטאָט.

— עפּשער וועט מען זיי פאַרהאַלטן און זיי וועלן אהער ניט גיין, — האָט אוורהם זיך געטרייסט.

נאָר ווילהעלמס מיליטער האָט ווי א שווארצער וואָלקן זיך געשפּרייט און געשפּרייט, אָניאָגנדיק גרויל און שרעק אויף די אייַנוווינער פון די שטעט און דערפער, צו וועלכע זיי האָבן זיך דערנענטערט.

אין די אומרויִקע טעג איז אינעם געוועזענעם מאַיאָנטעק דאָס לעבן נאָך אַלץ געגאַנגען שטרענג לויט דעם אייַנגעשטעלטן סיידער. כאָטש דערציילט האָט מען, אז צוזאַמען מיט די אָקופּאַנטן קערן זיך ווידער צוריק אום די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן און זאַוואָדן און די פּריצים פון די גיטער, דאָך איז אין מאַיאָנטעק געגאַנגען די אַרבעט ווי פריִער.

אין א לויטערן זוניקן טאָג, ווען די ריטשקעס פונעם צעגאַנגענעם שניי האָבן פריילעך געררויִשט, פאַרטרינקענדיק די באַלקעס און טאָלן פון די פעלדער, איז אָנגעקומען די גרויליקע שאָ.

ווי א שווארצע כמאַרע ערעוו א געוויטער, האָט אָנגעטראָגן די אָקופּאַנטן.

די מיטגלידער פון קאָמיטעט און א טייל ארבעטער זײַנען אוועק אין וואלד. די איבעריקע האָבן קוים באוויזן נעלעם ווערן ווער וווהין. אווראָם איז א דערשלאָגענער אוועק אהיים.

שטיל, ווי א שאָטן, האָט ער ארײַנגעשלײַכט אין שטוב. דערזעענדיק אים, האָבן די קינדער, ווי געוויינלעך, אָנגעהויבן שרײַען און פילדערן:

— דער טאטע, דער טאטע איז געקומען! ס'איז שוין פרילינג, טאטע. ווען וועט מען אונדז שוין געבן די ערד?.. ווען וועלן מיר שוין אקערן און זייען?!

אווראָם האָט מיט צער און ראכמאָנעס א קוק געגעבן אף די קינדער און איז געבליבן שטיין ווי א פארגליווערטער.

— וואָס איז מיט דיר, אווראָם? וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אזוי צע־טראָגן? — האָט זעלדע, א באומרויקטע, געפרעגט.

אווראָם האָט א קרעכץ געטאָן, א מאך געטאָן מיט דער האנט און שטיל געזאָגט:

— אויס, זעלדע, אויס...

— וואָס „אויס"?

אווראָם איז צוגעגאנגען צו איר און קוים צו הערן, קימאט אפן אויער א שעפטשע געטאָן:

— מיר זײַנען שוין מער ניט קיין באלעבאטים אפן מאיאָנטעק, דער פּאָרעץ קומט צוריק...

## 5

דער געגארטער פרילינג איז געקומען, נאָר ניט איליוסיק, ניט די אנ־דערע קינדער האָבן שוין מער מיט קיין האלב וואָרט ניט דערמאָנט דעם טאטן וועגן דער ערד, וואָס מע האָט זיי צוגעזאָגט געבן. זיי זײַנען געזעסן ארום פענצטער און, טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן, געקוקט, ווי איבער דער גאס מארשירן פרעמדע סאָלדאטן און זינגען פרעמדע, אומפארשטענד־לעכע לידער.

— פארוואָס זײַנען זיי געקומען אהער? איאָ, טאטע, זיי זײַנען פארן פּאָרעץ? איאָ, זיי ווילן צונעמען אונדזער ערד? — האָט איליוסיק פארשאָטן דעם פאָטער מיט פראגן.

אווראָם האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אוודע ווילן זיי צונעמען...

— ווען וועט מען זיי דורכטרײַבן פונדאנען? שוין גיך?

— גיך, גיך...

— מע דארף וואָס גיכער, מע זאָל נאָך באוויַזן פארזייען.

אווראָם האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי די קינדער זיצן הונגעריקע. א פארצאָרנטער איז ער ארומגעגאנגען פון איין ווינקל צום צווייטן און גע־האלטן אין איין טײַנען:

— וואָס טוט מען? וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?

— דער הימל איז נאָך צו דער ערד ניט געפאַלן... דו ביסט דאָך ניט אײנער. װאָס מענטשן װעלן טאָן, װעסטו אױך טאָן, — האָט זעלדע אים געפּרוּװט טרײסטן.

— אַז מענטשן איז שװער, איז מיר דען גרינגער? — האָט אװראָם ניט געקאָנט זיך באַרויִקן.

— פּרוּװ זיך דורכגײן אין גאַס, רעד זיך דורך מיט מענטשן, — האָט אים זעלדע געײַצעט. — װעסט הערן, װאָס זײ טוען.

אַלײן ניט װיסנדיק װוּהין, האָט אװראָם זיך געלאָזט גײן. די גאַסן זײַנען געװען פּוסטע און טויטע. װוּ־ניט־װוּ האָט דורכגעשלײַכט אַ מענטש און איז טײקעף פֿאַרשװוּנדן. לעבן מאַרק האָט ער דערזען אַ רעדל מענטשן. צוגײענדיק נעענטער, האָט ער דערהערט, װי אײנער, אַ הויכער, ברײטפּלײציקער, אין אַ סוויטקע, דערציילט:

— דער פּאָרעץ האָט זיך אומגעקערט... ער נעמט נעקאָמע אין די אַרבעטער, װעלכע האָבן דאָ באַלעבאַטעװעט, װען די רויטע זײַנען געװען... װעמען ער און זײַנע באַדינער כאַפּן, גיבן זײ איבער די אָקופּאַנטן, און יענע שטראָפן זײ אַכזאָריעסדיק... מע שמײַסט ביז טויט, מע הענגט, מע שיסט... זעלטן װער ס׳גײט אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון זײערע הענט.

די דאָזיקע ידיעה האָט אװראָמען אינגאַנצן פֿריטשמעליעט. זיך באַמיִענדיק קײנעם ניט װאַרפֿן זיך אין די אויגן, האָט ער אָפּגעצויגן. ניט װײַט פֿון שטוב האָט ער דערזען זײַן שאָכן מוישע קימבלאַקן. ער האָט קימאַט ניט דערקענט דעם אַמאָליקן באַל־קוירע, װעלכן ער איז געװען געװוינט צו זען אין דער שול אין אַן אַטלאַסענער קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברײטן זײַדענעם גאַרטל, אין אַ יאַרמלקע, רײַסנדיק דעם גאָרגל, אויסצובעטן באַם אײבערשטן, ער זאָל ראַכמאָנעס האָבן און צושיקן יעשועס־טויװעס אױף ייִדן. איצט איז ער געװאָרן אײַנגעשרומפּן, אײַנגעבויגן אונטער דער לאַסט פֿון נויט און צאָרעס.

— אָט װאָס ס׳װערט פֿון אַ מענטשן, — האָט אװראָם מיט מיטגעפֿיל אַ טראַכט געטאָן. — פֿון אַ כאַזן איז ער געװאָרן אַ פֿערד, װעלכער האָט זיך אַלײן אײַנגעשפּאַנט אין די האַלאָבליעס פֿון אַ טאַטשקע. עפּשער זאָל איך זיך אױך נעמען פֿאַר אַזאַ זאַך?

אָנשטרענגענדיק די לעצטע קויכעס, האָט מוישע קימבלאַק זיך געדראַפּעט מיט זײַן טאַטשקע, אַ פֿול אָנגעלאָדענע מיט קלעצער, אַרויף־באַרג. אװראָם האָט געפֿילט, אַז באַלד װעט ער זיך אַרויסשלאָגן פֿון די קויכעס און װעט פֿאַלן אינײנעם מיט דער טאַטשקע, אַראָפּקײַקלען זיך צוריק און, באַהיט גאָט, צעמאַזיקט אָדער געהאַרגעט װערן. אװראָם האָט אונטערגעשטופּט די טאַטשקע, און זי איז אַרויף אױפֿן באַרג. אַ קער געבנדיק דעם קאָפּ, האָט מוישע דערזען אװראָמען.

— איך זע, אַז ס׳איז מיר עפּעס גרינגער געװאָרן, — האָט מוישע געזאָגט, — לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָט איר צוגעלײגט אַ האַנט. אַ גרױסן דאַנק. גאָט אַלײן האָט אײַך צוגעשיקט. װען ניט איר, װאָלט איך שוין עפּשער געלעגן אונטערן באַרג.

— אַ שװערע האָרעװאַניע איז באַ אײַך, רעב מוישע, — האָט אװראָם געזאָגט.

— ס׳וואָלט אוואַדע געווען בעסער, ווען אַ פערד שלעפּט די קלעצער. נאָר וואָס קאָן מען טאָן? אז ס׳איז ניטאָ קיין פערד, ווערט מען אַליין אַ פערד, די נעשאָמע קאָן מען ניט אויסשפּייען... קיין זאַך איז פאַר מיר ניט שווער, אַבי פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

מוישע האָט זיך אוועקגעזעצט אַף די האָלאָבליעס פון זיין טאַטשקע, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און, שווער אָפּעטעמענדיק, געפרעגט:

— פונוואַנען גייט איר עס, רעב אווראָם, און וואָס טוט איר?

— איך זוך אַ שטיקל ברויט פאַר מיינע קינדער, און כ׳ווייס ניט, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן.

— עפשער האָט איר אויך אַ כיישעק איינשפּאַנען זיך אין די האָלאָ־בליעס?

— פאַרוואָס ניט? זאָגט דעם עמעס, אַ שטיקל ברויט קאָן מען דערפון האָבן?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אז גאָט שיקט צו פּאַרנאָסע, איז דאָ.

אווראָם האָט ערשט געקליבן זיך אָנהייבן פאַנאַנדערפרעגן וואָס און ווען, ווי ס׳איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס פון די קלעצער.

— זייט אַזוי גוט און פירט מיר צו די קלעצער. איך איייל זיך זייער. פונדאַנען איז שוין זייער נאָענט, — האָט געבעטן דער באַלעבאָס.

מוישע האָט אוועקגעשלעפּט די טאַטשקע ווייטער. אווראָם איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך אויך געלאָזט גיין. אַרייַנגעגיין אַהיים און צוזען, ווי די קינדער זיצן הונגעריקע, האָט ער ניט געקענט. ער האָט לאַנג זיך אַרומגעדרייט איבער די הינטערגעסלעך. זעלדע האָט שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן.

— ווּ ביסטו עס אויסגעווען אַ גאַנצן טאָג? — האָט זי ענדלעך, דער־זעענדיק אווראָמען, מיט אַן אומרויִק קאָל אַ פרעג געגעבן.

— די צאָרעס טרײַבן מיך אַרום.

— וואש זיך איין, כאַפּ כאָטש איבער וואָס־ניט־איז.

— דו האָסט עפּעס געקאָכט?

— וואָס דען? דו מיינסט טאַקע, אז איך האָב שוין פון אַלע ווינקעלעך אַלץ צונויפגעשאַרט און איך קאָן שוין ניט געפינען וואָס אָפּצוקאָכן?

זעלדע האָט דערלאַנגט אווראָמען אַ טעלער קוליש. אווראָם האָט אים אַין איין אָטעם אויסגעליידיקט. זעלדע האָט נאָך אַ ביסל צוגעגאָסן. ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט זי געזאָגט:

— מוישע קימבלאַק האָט געוואַרט אַף דיר און זיך ניט געקאָנט דער־וואַרטן.

— מוישע קימבלאַק?

— ער האָט געזאָגט, אז ער האָט דיך הײַנט געזען.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— איך האָב פאַרשטאַנען, אז ער וויל דיר פאַרקויפן זיין טאַטשקע.

— די טאַטשקע? ס׳איז, ווי עס ווייזט אויס, שווער צו שלעפּן זי... כ׳האָב געזען הײַנט, ווי ער האָט מיט די לעצטע קויכעס זיך געדראַפּעט אַרויף־באַרג. ווען איך העלף אים ניט אונטער, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט געווען מיט אים.

— נו, איז וואָס וויל ער? אויב אים איז שווער, ועסטו זיך איינשפּאַנען אין איר?

— ס׳וועט ווערן ווארעמער, די קינדער וועלן מיר אונטערהעלפן, און מיר וועלן מיט דער טאַטשקע קאָנען אַ ביסל אונטערפּאַרדינען... אָבער ווו נעמט מען געלט קויפן זי?.. סײַדן ער וועט זי אונדז געבן אַף אויסצאָלן.

— אומזיסט דאַרפן מיר זי אויך ניט... דאָס, וואָס עס טויג פאַר יענעם ניט, טויג פאַר אונדז אויך ניט... כ׳פאַרשטיי, אַז מוישע וויל קויפן אַ פערד און ווערן אַ באַלעגאָלע.

— אַ באַלעגאָלע? און ווען איך דערלעב קויפן אַ פערדל, ווער וואָלט צו מיר גלײַך געווען... איך מיין, אַז ער האָט פאַרדינט אַף דער טאַטשקע און וויל קויפן אַ פערד, — האָט אוורעם ארויסגעזאָגט אַ סוואָרע.

— סײַווי וויל איך ניט, דו זאָלסט קויפן די טאַטשקע. ניט דו, ניט דײַנע קינדער וועלן זיך ניט איינשפּאַנען ווי די פערד אין האָלאָבליעס!

די לעצטע ווערטער האָט זעלדע אויסגעשריִען, ווי זי וואָלט זיך גע בייזערט.

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן? זאָג אליין... פון וואָס וועלן מיר לעבן?

— מע וועט עפּעס צוטראַכטן.

— וואָס וועסטו צוטראַכטן?

אוורעם האָט געוווּסט, אַז זעלדע קאָן צוטראַכטן אַזוינס, וואָס אים וועט קיינמאָל ניט איינפאַלן. נאָך אירע אויגן האָט ער אַפילו באַמערקט, אַז זי האָט זיך שוין צו עפּעס דערטראַכט.

— נו, זאָג, זאָג, וואָס? — איז ער צוגעשטאַנען.

— וועסט שוין זען... ס׳וועט, מירצעשעם, אַלץ זײַן גוט, — האָט זי, אויס־מײַדנדיק פאַר דער צײַט אים צו זאָגן, וואָס זי קלערט טאָן, געפּרוווט אים דערמוטיקן.

## 6

שוין וויפל מאָל ווי די נויט האָט געהאַט צוגעקוועטשט אוורעמען, נאָר ער האָט זיך קיינמאָל ניט געהאַט דערמאָנט אין זעלדעס פּאָוועלע, וועלכע איז געלעגן אין קאַסטן, פון זינט ער האָט כאַסענע געהאַט מיט איר. זעלדע האָט גראָד אַף קיין איין רעגע עס פון זינען ניט ארויסגעלאָזט. ס׳איז עפּעס אַ קלייניקײַט, איר מוטער האָט דאָך אָנגעהויבן קלײַבן פאַר איר געלט, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידל.

— מירצעשעם, אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסט ווערן אַ קאַלע, וועט עס דיר זײַן צושטײַער אַף דראָשעגעשאַנק, — פלעגט זי איר יעדן מאָל זאָגן, ווען זי איז געגאַנגען צום קניפּל צולייגן נאָך אַ פּאָר קאָפּקעס.

נאָכן קנאַסמאָל מיט אוורעמען איז זי אוועקגעפאָרן אין שטאָט און גע־קויפט איר פאַרן אָנגעזאַמלטן געלט אַ כאַסענע־קלייד, אַ שליאַנסקן שאַרף, אַ וואָלענע טוך, אַ פּאָר אוירינגלעך, אַ פינגערל און אַנדערע זאַכן. צו דעם האָט זי נאָך צוגעלייגט אַלץ, וואָס ס׳איז בײַ איר געבליבן בעיערושע פון איר מוטער — פון זעלדעס באָבען: אַ בראָשקע, אַ טערקישן שאַל, אַ קאָל־

דרע, א טישטעך, א פּאָר ײַדענע קליידער — און אַלץ עס געשאָנקען איר אין טאָג פון דער כאַסענע.

פאַר איר גאַנץ לעבן האָט זעלדע קימאַט ניט אָנגעטאָן ניט דאָס כאַ־סענע־קלייד, ניט אַנדערע בגאָדים פון איר דראָשעגעשאַנק, ניט אויסגע־פּוצט זיך אין די אוירינגלעך און אַנדערע צירונגען. די שאַבאָסים און יאָמ־טויווים זײַנען דורכגעגאַנגען בא איר מיט אוראָמען אין דאַכקעס און נויט. קיין סימכעס זײַנען בא זיי ניט געווען. די איינציקע טרייסט זייערע איז געווען די קינדער. ווי נאָר די עלטערע טאָכטער איז א ביסל אונטערגע־וואַקסן, האָט זעלדע באַשלאָסן, אַז איר דראָשעגעשאַנק וועט זי שענקען דער טאָכטער. דערפאַר טאַקע האָט זי קיינמאָל, וואָס ס'זאָל ניט פּאַסירן, אפילע ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז מע זאָל פון דעם וואָס־ניט־איז פאַר־קויפן. אָבער איצט, ווען די צײַט איז אַזאַ ביטערע און אוראָם קאָן זיך ניט צו גאָרניט דערשלאָגן, פאַרדינט ניט קיין פּרוטע־קאָפּקע, האָט זי באַ־שלאָסן פאַרקויפן דאָס דראָשעגעשאַנק, קעדיי אוראָם זאָל קויפן א פערד און ווערן א באַלעגאָלע. אָבער יעדן מאָל, ווען זי איז צוגעגאַנגען צום קאַסטן, ווו ס'זײַנען געלעגן די זאַכן, האָט זיך בא איר דאָס האַרץ אָפּגע־ריסן. סאָפּקאָלסאָף האָט זי זיך באַהערשט, פאַרוויקלט אַלץ און אוועקגע־טראָגן צו א סויכער. יענער האָט געדרייט די זאַכן אין אַלע זײַטן, געטאַפּט, געקוקט איין מאָל, א צווייט מאָל, אַלץ געזוכט כעסרוינעס.

— וויפל ווילט איר פאַר דעם? — האָט ער מיט ביטל ענדלעך א פרעג געגעבן.

— וויפל גיט איר?

דער סויכער האָט אָנגערופן א שפּאָט־קליינע פּרײַז.

זעלדען האָט א שניט געגעבן אין האַרצן, זי האָט א שפּײַ געטאָן, גע־כאַפּט דאָס פּעקל און האַסטיק זיך געלאָזט גיין. דער סויכער איז איר נאָכגעלאָפן:

— קערט זיך אום. לאָמיר זיך א דינג טאָן, מיר וועלן דורכקומען.

זעלדע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים און אויפגעבראַכטע:

— ברענט אפן פײַער! איר זוכט נאָר ווי אָפּצונאַרן מענטשן און אָנ־לעבן רײַכקײַט פון יענעמס צאָרעס און אומגליקן!

אָבער קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט האָט זי ניט געקאָנט. א צע־טראָגענע איז זי געשטאַנען און געטראַכט וואָס צו טאָן. מיטאַמאָל איז איר אײַנגעפאַלן א געדאַנק ווענדן זיך צו מענטשן און בעטן אויסלײַען געלט. זי האָט פאַרקערעוועט צום באַלעגאָלע פּיניע יעגעס, מיט וועלכן זי און אוראָם האָבן זיך א סאַך יאָרן געפרײַנטלט. איידער זי האָט נאָך באַוויזן אויסדערציילן, ווי זיי בידעווען, האָט פּיניע אַליין זיך אָפּגערופן:

— קיין גווירים, ווי איר ווייסט, זײַנען מיר ניט, נאָר מיר זײַנען שטענ־דיק גרייט טיילן זיך מיט אײַך מיטן לעצטן... איך אייצע אײַך — קלײַבט צונויף א פּאָר רובל און קויפט א פערד. וויפל איך קען, וועל איך אײַך געבן צושטײַער. ווען איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן. איך קאָן אײַך נאָך געבן מײַן אַלטע דראָשקע מיטן געשפּאַן און נוצט זיך מיט דעם, ביז איר וועט קויפן א נײַע.

ווען זעלדע האָט אים דערציילט, ווי מענטשן זײַנען גרייט צו טיילן זיך מיטן לעצטן גראָשן, אבי זיי זאָלן זיך שטעלן אַף די פיס, איז אוורהם געווען דערפון זייער גערירט.

— דאנקען גאָט, וואָס ס׳זײַנען נאָך פאַראַן אַזעלכע מענטשן. הייסט עס, אַז די וועלט איז נאָך ניט אויס וועלט!

— איז גיי זיך אויך דורך צו אַ פּאָר מענטשן, לײַ בײַ וועמען מע קען אַ ביסל געלט און קויף אַ פערדל. אַ דראָשקע און געשפּאַן האָט צוגעזאָגט געבן פיניע. וועסט אָנהייבן אין אַ גוטער שאָ פאַרדינען, — האָט געזאָגט זעלדע.

אַף מאָרגן האָט אוורהם אויך געקראָגן אַ ביסל געלט, און כאָטש, לויט זײַן כעזשבן, איז עס נאָך געווען ווייניק צו קויפן אַ רעכט פערד, איז ער אַוועקגעגאַנגען אַפן יאַריד דערוויסן זיך, ווי האַלטן די פרײַזן. ער האָט זיך לאַנג אַרומגעדרייט, ביז ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָר פויערים, געפּרוּווט זיך אַ דינג טאָן מיט זיי און קלוימערשט, ניט צונויפגייענדיק זיך מיט דער פרײַז, זיך געלאָזט ווײַטער גיין.

— און מײַן פערדל ווילסטו ניט קויפן? — האָט אים צוגערופן אַ ציגײַנער מיט אַ טונקל־גרויער באָרד און אין ברייטע הויזן, אַרומגעבונדענע מיט אַ רויטן גאַרטל.

אוורהם האָט באַטראַכט די אויסגעמאַטערטע, מאָגערע שקאַפּע און, גאַרנישט פרעגנדיק, געוואָלט ווײַטער לאָזן זיך גיין. נאָר דער ציגײַנער האָט שוין דעם קוינע ניט אָפּגעלאָזט.

— האָסט נאָך אַזאַ פערד ניט געזען. קוק ניט, וואָס ער איז אַ מאָגערער, דערפאַר טראָגט ער, ווי אַ רועך, ער איז פּאַשעט פאַריאָגט און איבערגעהאָרעוועט. ער דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אָפּרוען, וועט ער ווערן ניט קיין פערד, נאָר אַ לייב.

— וויפל בעטסטו פאַר אים?

— וויפל גיסטו? זאָג...

אוורהם האָט נאָך ניט גוט באַוויזן דערוויסן זיך די פרײַזן אַף פערד, נאָר פונעם מעקעך, וואָס עס האָט אָנגערופן דער ציגײַנער, האָט ער פאָרגעלייגט אַ העלפט.

— דינג זיך ניט. אַזאַ מעציע וועט זיך דיר מער קיינמאָל ניט מאַכן, — האָט אים אײַנגערעדט דער ציגײַנער. — איך גיב דיר אַוועק אומזיסט דאָס פערד, און דו קווענקלסט זיך נאָך... ס׳האָט זיך פּאַשעט אַזוי געמאַכט, אַז איך קאָן דאָס פערד מער ניט האַלטן, דערפאַר פאַרקויף איך עס. איך וואָלט עס אונטערגעקאָרמעוועט אַ ביסל, וואָלסטו פאַר אים אײַנדרײַען מער באַצאָלט.

די פרײַז איז טאַקע געווען זייער אַ ביליקע. אוורהמען איז דאָס כּיעס אויסגעגאַנגען קויפן, אָבער דער אויסזען פונעם פערד איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז יעדן מאָל, ווען דער ציגײַנער האָט אים באַנײַס אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער דלאָניע, קעדיי פאַרטיק מאַכן מיטן מיסכּער, האָבן בײַ אוורהמען אונטערגעהאַקט זיך הענט און פיס. דערווײַל איז צום ציגײַנער אונטערגעשפּרונגען אַן אַנדער קוינע, וועלכער האָט, קלוימערשט, פריִער אַפילע אָנגעבאָטן אַ גרעסערע פרײַז. אוורהם האָט געוואָלט אויס־

נוצן די געלעגנהייט און אָפּטשעפּען זיך פֿונעם ציגיינער, נאָר יענער האָט, אַפּשטויסנדיק דעם צווייטן קוינע, ניט אופֿגעהערט פֿאַרזיכערן אווראָמען, אַז ער וועט אים אָפּגעבן נאָך ביליקער, ווייל ער האַלט פֿונעם מינהעג, אַז דעם ערשטן קוינע טאָר מען ניט אוועקלאָזן. אווראָם האָט געפּרוווט זאָגן, אַז עס פֿעלט אים געלט. דער ציגיינער האָט אַראָפּגעזעצט נאָך א פּאָר רובל. מיט ציטערנדיקע הענט האָט אווראָם אַרויסגעשלעפּט פֿון דער כאָליעווע דאָס געלט, איבערגעציילט די פּאַפּירלעך און צוגענומען דאָס פֿערד. דער סויכער האָט אָנגעשאָטן אין א טאָרבעלע א ביסל האָבער און געזאָגט:

— נא, וועסט האָבן דעם ערשטן טאָג מיט וואָס אונטערצוקאָרמעווען די שקאַפּע.

קעדיי צוגעבן אווראָמען זיכערקייט, אַז ער האָט טאַקע איינגעהאַנדלט א גרויסע מעציע, איז דער צווייטער קוינע אים נאָכגעגאַנגען, געפּרוווט אים אַפֿילע פֿאַרלייגן רעווען, נאָר אווראָם האָט הערן ניט געוואָלט און זיך געלאָזט אהיים. דאָס פֿערד איז פֿון אָנפֿאַנג געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, נאָכדעם האָט עס אָנגעהויבן צושטיין. קוים זיך מיט מאַטערניש דערשלעפּט אהיים, האָט אווראָם אַריינגעפֿירט דאָס פֿערד אין שטאַל און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— נו, האָסט עפּעס איינגעהאַנדלט? — האָט זעלדע געפֿרעגט.

— כ׳האָב געקויפֿט א פֿערדל.

לויט אווראָמס ענטפֿער האָט זעלדע פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַליין ניט ניספּאָעל פֿון דעם, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט. דערזעענדיק די בריע, וועלכע אווראָם האָט געבראַכט, איז זעלדע שיר ניט געפֿאַלן כאַלאָשעס.

— אוי, א וויטעק איז מיר, וואָס האָסטו עס אָפּגעטאָן? — האָט זי, פֿאַרברעכנדיק די הענט, מיט א וויינענדיק קאָל אָנגעהויבן טיינען. — ווו זיינען געווען דיינע אויגן? ווו איז געווען דיין קאָפּ? אומזיסט וואָלט איך אַזאַ פּעגירע ניט גענומען, די הינט וועלן דאָך אַזאַ פּאַדלע ניט וועלן עסן.

דעם טומל, וועלכן דאָס ווייב האָט אופֿגעהויבן, האָט אווראָמען לעכאַטכילע אינגאַנצן דערהאַרגעט. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן זי טרייסטן:

— באַרויק זיך, זעלדע, שריי ניט, דאָס פֿערד איז גאָרניט אַזאַ שרעקלעכס, ווי עס ווייזט זיך דיר אויס... עס איז נאָר אויסגעמאַטערט, וועסט זען, ס׳וועט, מירצעשעם, קומען צו־זיך, וועט עס ווערן א פֿערד מיט פֿערד גלייך, מ׳דאַרף אים נאָר א ביסל בעסער אונטערקאָרמעווען.

וויפֿל אווראָם האָט ניט געטיינעט מיט זעלדען, האָט ער זי באַרויקן ניט געקאָנט. זי האָט ניט אופֿגעהערט צו שרייען און טומלען:

— רעד מיר ניט איין. ס׳איז אַלצייינס, ווי דו וואָלסט אַרויסגעוואָרפֿן דאָס געלט אין דרויסן, אָדער ווי א גאַנעוו וואָלט עס בא דיר אַרויסגעשלעפּט.

דערוווסט זיך, אַז דער פֿאָטער האָט זיך אומגעקערט, זיינען די קינדער איינער נאָכן צווייטן אַריינגעלאָפֿן אין שטאַל. דערזעענדיק דאָס פֿערד, האָבן זיי אָנגעהויבן פֿרייען זיך און טאַנצן:

— מיר האָבן שוין א פֿערד! אָן אייגן פֿערד האָבן מיר! מיר וועלן פֿאָרן אַף אים און רייטן אַף אים!

דעם טאטן האָבן זיי פאַרשאָטן מיט פּראַגעס:

— ס'איז טאַקע אונדזערס? אין וואָס וועלן מיר אים אײַנשפּאַנען? ווו וועלן מיר נעמען א וואָגן? און שלייעס און ווישקעס ווו וועלן מיר נעמען? און א בײַטש איז פאַראַן בא אונדז? ווי'אזוי רופט מען דאָס פערד?

מאָטעלע איז אַרופגעשפּרונגען אויף דער שקאַפע. נאָר איליוסיק האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר א פוס און אָנגעהויבן אַראָפּשלעפּן:

— מ'טאָר דאָס פערד ניט מאַטערן... מ'דאַרף אים לאָזן זיך אָפּרוען.

אוורעם האָט אַרײַנגעשאָטן אין קאַרעטע א ביסל האָבער, דאָס פערד האָט מיט גרויס כיישעק גענומען קײַען.

— זאָל עס עסן, — האָט אוורעם, א צופרידענער, א גלעט געגעבן איליוסיקן איבערן קעפּל, — אַז ס'וועט עסן, וועט עס זיך גיך פאַריכטן און וועט קומען צו־זיך.

— מיט וואָס וועלן מיר אים האָדעווען? — האָט איליוסיק געפרעגט.

— מ'דאַרף קריגן, מײַן זון, א ביסל פּאָלאָווע, דערט און היי.

אָפּגעזוכט אַן אַלטן זאַק, האָט אוורעם זיך געלאָזט גיין אין מאַרק אײַנהאַנדלען פיטער פאַרן פערד. איליוסיק איז שטילערהייט אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, קיינער זאָל ניט זען, אָפּגעבראָכן א שטיק מאַקוכע, וועלכע די מוטער האָט געקויפט אָנשטאָט ברויט, און עס אַרויסגעטראָגן דעם פערד. דאָס פערד האָט עס א כאַפּ געגעבן און אָנגעהויבן כראָמטשען. איליוסיק האָט געקוקט, ווי דאָס פערד עסט. ווען ער וואָלט ניט מוירע געהאַט פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אַרײַנגעלאָפן אין שטוב און וואָלט אויסגעשריִען:

— קומט, גיט א קוק, ווי דאָס פערד עסט די מאַקוכע!

אינגיכן האָט זיך אומגעקערט דער טאַטע מיט א זאַק פּאָלאָווע און מיט דערט. איליוסיק האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט אין שטאַל אַרום פערד. אַוועקגעשטעלט דעם זאַק אין א ווינקעלע, איז אוורעם אַרײַנגעגאַנגען אין שטאַל און דערזען לעבן פערד איליוסיקן.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער א פרעג געגעבן.

— איך האָדעווע אונטער דאָס פערד, כ'וויל, עס זאָל זיך גיכער פאַריכטן און אָנעמען זיך מיט קויעך!

## 7

אויסגערוט און א ביסל אונטערגעפּיטערט זיך, איז דאָס פערדל געוואָרן פריילעכער, האָפּערדיקער און אפילו ווען־ניט־ווען מיט פאַרשײַטקײַט א הירזשע געטאָן.

— נו, ברויטגעבער, לאָמיר אָקאָרשט מיט דיר אויספּרוּוון דאָס באַלעגאָלישע מאַזל, — האָט אוורעם, א גלעט געבנדיק דאָס פערד, געזאָגט.

אויף מאָרגן האָט ער געבראַכט פון פּיניע יעגעס די דראָשקע, וועלכע יענער האָט אים געליִען. אַרומגעוואַשן זי, אויסגעשמירט די אַקסן, דעם געשפּאַן, אַרומגערייניקט און פאַריכט די אייגענע בגאָדים, ער זאָל ניט אויסזען אַזוי קאַפּצאָנעסדיק, און אָנגעהויבן זיך גרייטן צום ערשטן אַרויספאָר — אויספּרוּוון זײַן נײַע פּאַרנאָסע.

אינמיטן נאכט איז אווראָם אופגעשטאנען, און איבעריק מאָל אָנגעהאָ־דעוועט דאָס פערד. באַגינען איז איליוסיק אויך שוין ניט געשלאָפן. דער־זען, אז דער פּאָטער שפּאנט איַין דאָס פערד אין דראָשקע, האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן בא דער מאמען:

— כ׳וועל אויך פאָרן.

— וווּהין וועסטו פאָרן? וואָס האָסטו דאָרט ניט געזען?

— כ׳וויל פאָרן, כ׳וויל העלפן דעם טאטן.

— שלאָף, ס׳איז דאָך נאָך פרי, שלאָף!

— כ׳וויל פאָרן! — האָט איליוסיק ניט אופגעהערט בעטן.

ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן, ארופגעשפּרונגען אָף דער דראָשקע, ארויס־געכאַפּט באַם פּאָטער די לייצעס און ווי א געניטער אָנטראַיבער זיך גע־לאָזט פאָרן.

די פורמאַנעס האָבן באַגעגנט דעם נײַעם באַלעגאָלע מיט כוויזעק.

— גיט נאָר א קוק אָף דעם לייב, וועלכן אונדזער נײַער באַלעגאָלע האָט אײַנגעשפּאנט אין דער דראָשקע, — האָט מיט ביטל זיך אָנגערופן איינער א געפּאַקטער פורמאַן, מיט א רויט פּאָנעם, ווי א בוריק, — פון הײַנט אָן וועלן מיר אלע בלײַבן אָן פּארנאָסע. די פּאַסאַזשירן וועלן דער־זען אזא לייב אין אזא קארעטע, וועלן זיי אָף אונדז אפילע ניט וועלן קוקן.

— דו האָסט א גרויסן טאָעס, — האָט זיך אָפּגערופן א צווייטער באַלע־גאָלע — א דארינקער, מיט א שווארץ שיטער בערדל, — פּארקערט, זיי וועלן אנטלויפן פון אים, ווײַל זיי וועלן מוירע האָבן, אז דאָס פערד זאָל ניט צעטראָגן די דראָשקע.

איליוסיקן האָט פארדראָסן, לעמײַ די באַלעגאָלעס מאכן אזוי כוויזעק. אווראָמען האָבן די ווערטער אויך געשטאָכן ווי מיט מעסערס, נאָר ער האָט געשוויגן. סאָפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס הירזשעט איר? איר לאכט פון אָרעמקײַט? פון א פּאדלע קאָן ווערן א גוט פערד און פארקערט, פון א גוטן — א פּאדלע.

— טאקע, טאקע! — האָבן זיך דערהערט קוילעס. — דער מענטש איז דאָך גערעכט... א פרעמדע הון, א שוואכע דערצו, פּיקעט מען שטענדיק. אז ס׳וועט זײַן פּארנאָסע, וועט פאר אלעמען זײַן גוט... אײַער שטיקל ברויט וועט דער מענטש ניט צונעמען.

אווראָם איז דעם גאנצן טאָג אָפּגעשטאנען אפּן וואָקזאל, און קיין צוג איז ניט אָנגעקומען. פון צײַט צו צײַט האָבן זיך אראָפּגעיאָוועט פּארשוי־נען, אָבער קיינער איז צו אים ניט צוגעגאנגען. די באַלעגאָלעס זײַנען זיך שוין צעפאָרן ווער וווּהין אָן פּאַסאַזשירן, נאָר אווראָם איז נאָך אלץ גע־שטאנען א הונגעריקער, א מידער און געדולדיק געווארט, עפּשער וועט פּאָרט עמעצער זיך אראָפּיאָווען. ער האָט שוין א פּאָר מאָל געוואָלט פאָרן אהיים, נאָר איליוסיק האָט אים אָפּגעהאַלטן:

— די מאמע ווארט דאָך, מיר זאָלן עפּעס פארדינען און ברענגען געלט.

אווראָם האָט ניט געקאָנט צוזען דעם צאר פון דעם יינגל, ווי ער מא־טערט זיך און גיט זיך ניט אונטער.

פארנאכט האָט אווראָם, א דערשלאָגענער און א פארביטערטער, זיך געלאָזט פאָרן אהיים. איליוסיק האָט זיך צוּוויפגעדרייט ווי א קנײַלעכל

און גערדרעמלט. אראָפּ־באַרג האָט די דראָשקע זיך אָנגעהויבן טראָגן האַ־סטיקער און די רעדער האָבן הילכיקער געטראַסקעט. פון דעם טרייסלעניש האָט זיך איליוסיק אופגעכאַפּט. זײַנע אייגלעך האָבן געפינקלט.

— גיב נאָר א קוק, טאַטע, ווי דאָס פערד טראָגט, — האָט ער דערמו־טיקט דעם פאָטער.

— ס'איז אַראָפּ־באַרג, קינד מײַנס. דאָס פערד איז, נעבעך, אויסגעמאַ־טערט, נאָר עס האָט כאָטש איבערגעכאַפּט א ביסל היי, און דו האָסט דאָך גאָרנישט אין מויל ניט געהאַט.

— ס'מאַכט ניט אויס, טאַטע, כ'וועל גאַנץ זײַן, אַבי דאָס פערד שלעפּט. עפּשער וועלן מאָרגן זײַן פּאַסאַזשירן, וועלן מיר עסן.

ניט ווײַט פון שטוב האָט זיי אָנגעיאָגט מוישע קימבלאַק. ער איז געזעסן פון פאָרנט אין זײַן פאַעטאָן, אָנגעטאָן אין א טשומערקע מיט א גאַרטל. זײַן שוואַרצע שיינע באָרד איז געווען צעלאָזן, דאָס ווײַס־רויטלעכע פּול־בלוטיקע פּאָנעם האָט געשײַנט, די אויגן האָבן געפינקלט פון פאַרגעניגן, וואָס זײַן גוט אָפּגעקאָרמעוועט פערד טראָגט זיך אַזוי פלינק. מוישע האָט לעכאַטכילע געווּועדיק זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ אַווראָמען, נאָר טייקעף האָט ער אָפּגעהאַלטן דאָס פערד, אָפּגעשטעלט זיך און אָנגעהויבן זיך ווי פאַרענטפערן:

— רעב אַווראָם, כ'האָב אײַך גאָרניט דערקענט... דאָס האָט איר אין א מאַזלדיקער שאָ געקויפט א פערדל?

— קעגן אײַער לייב איז מײַן פערדל א געפייגערטע קאַץ...

— נישקאָשע, רעב אַווראָם, בעסער פון גאָרנישט איז עס. מיט דער צײַט וועט איר זיך אַרופשלאָגן אָף א בעסערן. איך האָב זיך אויך גוט אָנגעמאַטערט, ביז איך בין געוואָרן א באַלעגאָלע מיט מענטשן גלײַך.

מוישע האָט א שמיץ געגעבן דאָס פערד און זיך געוואָלט לאָזן פאָרן, נאָר באַלד האָט ער עס ווידער פאַרהאַלטן און געפרעגט:

— איר פאָרט, זע איך, מיט ליידיקן. איר האָט כאָטש הײַנט געהאַט א פּאַסאַזשיר?

— איך האָב נאָך דערווײַל קיין פאָטשין ניט געמאַכט.

— עפּשער וועט מאָרגן גאָט צושיקן א צוג... איר ווייסט דאָך, ווי איצ־טער גייען די צוגן. זיי שטעלן זיך אָפּ אין וועג, קיין קוילן איז ניטאָ, קומט אויס דעם מאַשיניסט ערגעץ אין א וואַלד האָלץ אָנהאַקן, אײַנהייצן און ווײַטער פאָרן... דאַרף מען פאָרן איבער די גאַסן... ס'טרעפט, אַז די פּאַסאַזשירן זוכן אונדז און מיר זוכן זיי. מאָרגן, אַז ס'וועט זיך מאַכן א גוטער פּאַסאַזשיר, וועל איך אײַך אונטערשיקן.

— א דאַנק, מאָרגן איז דאָך פרײַטיק, עפּשער וועט גאָט עפּעס צושיקן אָף שאַבעס, — האָט אַווראָם זיך אָפּגערופן.

אַווראָם מיט איליוסיקן זײַנען געקומען אהיים שפּעט אין אָוונט. זעלדע מיט די קינדער האָבן שוין אַרויסגעקוקט אָף זיי.

דערזען אַווראָמס אויסגעמאַטערט פאַרשוואַרצט פּאָנעם, האָט זעלדע א קרעכץ געטאָן. זי איז צוגעלאָפן צו איליוסיקן, וועלכער איז א שלעפּערי־קער קוים אַראָפּ פון דער דראָשקע.

— דאָס קינד האָט דאָך א גאנצן טאָג גאָרנישט ניט געגעסן, און דו ביסט דאָך אויך, מיסטאמע, הונגעריק, — האָט זי געזאָגט.

זי האָט אפגיך אוועקגעשטעלט אפן טיש א ביסל קאַרטאָפליעס, א פּאָר שטיקלעך מאקוכע און געהייסן אווראָמען מיט אֶליוסיקן גיין עסן, דערנאָך האָט זי דערלאנגט צוויי גלעזער טיי מיט סאכארין און טייקעף אויסגעבעט, זיי זאָלן גיין שלאָפן.

— ס'איז הײַנט ניט אָנגעקומען קיין צוג, זײַנען קימאט ניט געווען קיין פאסאזשירן, — האָט אווראָם געפּרווט זיך פאַרענטפערן. — מאָרגן, זאָגט מען, וועלן פאסאזשירן זײַן.

א טויט־מידער האָט אווראָם קוים זיך דערקליבן צום געלעגער און איז טייקעף אײַנגעשלאָפן. אופגעכאפּט האָט ער זיך פאַרטאָג, אין דרויסן איז נאָך געווען טונקל. ער האָט פארכאפּט מיט זיך א ביסל פיטער פארן פערד און ווידער צוזאמען מיט אֶליוסיקן טייקעף ארויסגעפאָרן, קעדיי, כאסווע־שאָלעם, ניט פארשפּעטיקן צום צוג. די שטאָט האָט ערשט אָנגעהויבן אופ־וואכן. אייִנצלנע מענטשן האָבן שוין ערגעץ געײַלט; פאַרוואָרלאָזטע, ארומ־געריסענע און ארומגעשליסענע קינדערלעך, מיט שווארצע, אין מאזוט אויסגעשמירטע פּענעמלעך, האָבן ארויסגעקוקט פון די אספאלט־קעסלען, וווּ זיי האָבן זיך געוואַרעמט, געטראכט, ווײַזט אויס, ווּהין זיך לאָזן עמעצן באגאַנוועגען אָדער אויסבעטן עפּעס צו שטילן דעם הונגער. א בעטלער, וועלכן אווראָם האָט נאָך נעכטן געהאַט באמערקט אפן ראָג, איז שוין באַ־צײַטנס געשטאנען אף זײַן אָרט, מוירע האָבנדיק, אז עמעצער זאָל דאָס אָרט ניט פארכאפּן. אנטבלויזט די ווונדן פון די צעקאַליעטשעטע אף דער מילכאָמע בײדע הענט, האָט ער געזונגען א הארצרײַסנדיקע ליד און גע־בעטן אין קריסטוסעס נאָמען א נעדאָווע.

ווען אווראָם איז צוגעפאָרן צום וואָקזאַל־פּלאַץ, זײַנען שוין דאָרט גע־שטאנען עטלעכע באלעגאָלעס. ער האָט אוועקגעשטעלט זיך אין א ווינ־קעלע און גענומען וואַרטן.

א הילכיקער פײַף פון א לאָקאָמאָטיוו האָט אינגיכן צעבויטעט די פּאַר־טאָגיקע לופט.

אֶליוסיק איז אראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָשקע און געלאָזט זיך לויפן אנטקעגן די אָנקומענדיקע פאסאזשירן מיט א געשריי:

— ווער דאַרף א באלעגאָלע? ביטע, גיכער אהער, אניט פאָרן מיר אוועק!

איידער עמעצער פון די באלעגאָלעס האָט זיך באוויזן א קער טאָן, האָט שוין אֶליוסיק געבראַכט צוויי פאסאזשירן מיט טשעמאָדאנען.

— ווּהין דאַרפט איר? — האָט אווראָם א פרעג געגעבן בא איינעם פון זיי.

— אף ראסקאָפּנאָיע, — האָט יענער געענטפערט.

— און איר? — האָט אווראָם געפרעגט באם צווייטן פאסאזשיר.

— אף סאדאָווע.

— ס'איז אין פארשיידענע זײַטן. אויב איר ווילט, וואַרט צו א ביסל, וועל איך קומען נאָך אײַך, — האָט פאַרגעלייגט אווראָם.

— גוט, — איז דער פאסאזשיר מאסקים געווען.

אווראָם האָט אַ שמיץ געגעבן דאָס פערד. ער איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי גליקלעך, ווי אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז דאָס פערד זײַנס טראָגט טאַקע, אַז די רעדער פון דער דראָשקע דרייען זיך און אַז ער וועט הײַנט ברענגען דעם ערשטן פאַרדינסט פון זײַן באַלעגאָ־לערײַ.

ווען אווראָם האָט זיך אומגעקערט צוריק צום וואָקזאַל, איז שוין יענער פאַסאַזשיר ניט געווען. צום גליק, איז אײַנגיכן אָנגעקומען נאָך אַ צוג. איליוסיק איז אוועקגעלאָפן און געבראַכט אַ פאַסאַזשיר. פירן האָט מען אים געדאַרפט ווײַט און דער וועג איז געווען ניט קיין לײַכטער, נאָר אווראָם האָט אים אָפּלאָזן ניט געוואָלט. ער האָט געבעטן גאָט אין זכוס פון שאַ־בעסקוידעש, אַז דאָס פערד, כאַסוועכאַלילע, זאָל ניט צושטיין און מע זאָל קומען בעשאָלעם צו ליכט־בענטשן אַהיים.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. מיט גרויס מאַטערניש האָט אווראָם אָפּגעפירט דעם פאַסאַזשיר. אין שטוב האָט זעלדע שוין געהאַט אָנגעצונדן דאָס קאַנעצל און, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט די דלאָניעס, אָנגעהויבן בענטשן ליכט.

ביזוואַנעץ אווראָם האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, געגעבן דעם עסן, האָט שוין איליוסיק אָנגעזאָגט דער מוטער, אַלע ברידערלעך און שוועס־טערלעך די בסורע:

— געווען הײַנט פאַסאַזשירן, מיר האָבן ניט שלעכט פאַרדינט!

אווראָם האָט זיך אײַנגעוואַשן, אָפּגעגעבן גוט־שאַבעס און, צוגייענדיק צו זעלדען, געזאָגט:

— הײַנט האָב איך גראַד נייטיקער, ווי ווען־עס־איז, געדאַרפט גיין אין שול אָפּדאַנקען גאָט, וואָס ער האָט אונדז צוגעשיקט אַף שאַבעס אַ ביסל פּאַרנאָסע.

— גאָט וועט דיר מויכל זײַן, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן. — נאָך אַזאַ שווערן טאָג קאָנסטו דען גיין אין שול?

זעלדע האָט צוגעגרייט דעם שאַבעסדיקן טיש. אָנשטאָט אַ פּאָר כאַלעס האָט זי אוועקגעלייגט צוויי שטיקער מאַקוכע, צוגעדעקט זיי מיט אַ ווײַס טישטעכל.

אווראָם האָט אָפּגעדאַוונט. זעלדע מיט די קינדער האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום טיש. אווראָם האָט געמאַכט קידעש, אָפּגעדעקט דאָס טישטעכל און געוואָלט מאַכן אַ מויצע, נאָר אָנשטאָט צוויי שטיקער מאַקוכע איז געלעגן בלויז אַ קליין שטיקעלע.

— ווו איז די מאַקוכע? — האָט זעלדע פאַרוווּנדערט אַ פרעג געגעבן. — כ׳האָב דאָך צום טיש צוגעגרייט צוויי גרויסע שטיקער, מ׳זאָל קענען אָפּעסן וועטשערע, ווו זשע איז עס אַהינגעקומען?

איליוסיק איז געוואָרן צונטער־רויט און זיך מוידע געווען:

— כ׳האָב אָפּגעגעבן די מאַקוכע דעם פערד. ער האָט הײַנט פאַרדינט אַף ברויט און וועט נאָך פאַרדינען. דאַרף מען, ער זאָל האָבן קויכעס.

## 8

באטאָג, נאָך ווארמעס, האָט זיך אָן עפּן געטאָן די טיר, און אין שטוב איז אַרײַנגעגאַנגען א שאַבעסדיק־אויסגעפּוצטער מוישע קימבלאַק.

— אָ, א גאַסט! — האָט אוראָם אים באַגעגנט מיט א ברייטן באָרעכ־האבע. זעלדע האָט דערלאַנגט א בענקל, געבעטן זיצן.

— איך האָב אײַך באַגעגנט, רעב אוראָם, דאַכט זיך, דאָנערשטיק, — האָט מוישע אָנגעהויבן אָן פּנימעס, — נאָר איך האָב געזען, אַז איר זײַנט שטאַרק פאַרצאָרגט... פּרײַטיק האָב איך אײַך ארומגעזוכט ארום וואָקזאַל און ניט געקענט געפינען. ס'איז פּונקט אָנגעקומען א צוג און ס'זײַנען געווען א סאַך פּאַסאַזשירן...

— א שיינעם דאַנק, רעב מוישע, — האָט אוראָם אים איבערגעשלאָגן. — נעכטן האָב איך געהאַט א ביסל פּאַרנאָסע... אָף שאַבעס האָט מיר מײַן זעלדע, זאָל לעבן, געקראָגן א גמילעסכעסעד און האָט געקויפט א ביסל מאַקוכע... דעם טאַם פון ברויט האָבן מיר שוין לאַנג פאַרגעסן, קומען מיר אָפּ מיט מאַקוכע, מיט א פּיסנע קאַרטאָפליע. מיר זינדיקן ניט, ס'זאָל נאָר ערגער ניט זײַן.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט, כאַסוועשאָלעם, קראַנק געוואָרן, בין איך געקומען א קוק טאָן, וואָס איז מיט אײַך... פאַר באַלעגאָלעס, זאָגט מען, וועט זײַן אינגיכן א סאַך אַרבעט. אונדזער וולאַסט, זאָגט מען, וועט זיך אינגיכן אומקערן, וועט מען די אָרעמעלײַט אַריבערפירן פון די קע־לערס אין דירעס, וווּ די רײַכע מענטשן האָבן געוווינט.

— אַזעלכע מענטשן, וועלכע קריכן ארויס פון אונטער דער ערד אָף דער ווײַסער וועלט, בין איך גרייט אומזיסט אַריבערפירן, — האָט זיך אָפּ־גערופן אוראָם. — איך דאַרף נאָר, מײַן פערדל זאָל האָבן קויעך צו שלעפּן...

— אײנער פון אונדזערע באַלעגאָלעס האָט אָנגערופן אײַער פערדל „די מאַלקע". ער האָט געזאָגט: „איר זעט, צו וואָס אונדזער מאַלקע האָט זיך דערלעבט, אַז זי גייט אין שפּאַן, און דער באַלעבאָס, רעב אוראָם, העלפט איר שלעפּן".

אוראָם מיט זעלדען האָבן זיך הילכיק צעלאַכט.

— ווי האָט איר א נאָמען געגעבן אײַער פערד? — האָט מוישע קימבלאַק געפרעגט.

— ווי זי האָט געהייסן באַם ציגײַנער, בא וועלכן כ'האָב זי געקויפט, ווייס איך ניט, נאָר איך האָב זי אָנגערופן — לאָוואָן־האָאַראַמי... ערגעץ אין א ביכל האָב איך איבערגעלייענט א מײַסע וועגן אַזא קליאַטשע, ווי מײַנע, פון וועלכער ס'איז געוואָרן א פערד א גיבער...

— לאָמיר זי טאַקע בעסער רופן מאַלקע! — האָט אויסגעשרי‏ען איליור־סיק, וועלכער האָט אונטערגעהערט דעם שמועס.

— בא ייִדן פירט זיך, אַז ווען עמעצער ווערט שטאַרק קראַנק, גיט מען אים א צווייטן נאָמען. איז רופט זי אָן — מאַלקע־לאָוואָן־האָאַראַמי, — האָט געייצעט מוישע קימבלאַק. ער האָט אָנגעשפּאַרט זײַן שטערן אָף דער

ברייטער דלאָניע און אָנגעהויבן אונטערברומען א ניגנדל, דערנאָך איז ער זיך צעגאַנגען און געגומען זינגען הויך אַף א קאָל:

טײַערע מאַלקע, געזונט זאָלסטו זײַן,
גיס אָן דעם בעכער, דעם בעכער מיט ווײַן.

אווראָם און זעלדע האָבן מיטגעזונגען.

זומער, ווען טיר־און־פענצטער זײַנען אָפן, פלעגט מען הערן איבער דער גאַנצער גאַס מוישע קימבלאַקס קאָל. זײַן האַרציקער געזאַנג פלעגט אָנכאַפּן פאַר דער נעשאָמע. פון שטוב צו שטוב האָט זיך געטראָגן דאָס באַרימטע באַלעגאָלע־ליד:

פאָר איך מיר אַרויס אין א פינצטערער נאַכט...

הײַנט האָט מוישע געזונגען מיט א באַזונדער געפיל:

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ, טײַערע,
וויאָ, א קרעטשמע איז ניט ווײַט!..

צוזאַמען מיט מוישען האָבן געזונגען אווראָם, זעלדע, אַלע קינדער. די ווערטער האָבן זיך געריסן פון זייערע הערצער. זיי האָבן ניט באַוויינט די אומגליקלעכע באַלעגאָלישע דאָליע, ניט געקרעכצט פון די צאָרעס, וועלכע ס'קומט אויס איבערצוטראָגן, ניט געבעטן קיין בעסערע דאָליע, ווײַל דאָס פערד און די דראָשקע האָט זיי א ביסל אופגעריכט, און דערפאַר זײַנען זיי געווען מונטער.

אין ווינקעלע, וווּ עס זײַנען געזעסן די קינדער, האָט עמעצער פון זיי פאַרצויגן א נײַע ליד, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען אהער, אין דעם אָרעמען שטיבל, פון דער ברויזנדיקער גאַס:

Отречемся от старого мира[1].

מוישע קימבלאַק האָט אַף זײַן אויפן איבערגעמאַכט דאָס ליד. הילכיק האָט ער געזונגען:

אײַ, אײַ ,אײַ, נאַכאַמאָל, אָטרעטשאָמסיא אָט סטאַראָוואָ מירא,
אָטרעטשאָמסיאָ!

אַלע אין שטוב האָבן אונטערגעכאַפּט:

אײַ, אײַ, אײַ, אָטרעטשאָמסיא אָט סטאַראָוואָ מיראָ!

## 9

אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען, אז דאָס דײַטשישע מי־ליטער קלײַבט זיך אָפּציִען פונדאַנען.

— פאַרן אוועקגיין קאָנען זיי אונדזערע פערד פאַרכאַפּן מיט זיך, — האָט אַרויסגעזאָגט א האַשאָרע מוישע קימבלאַק.

[1] לאָמיר אָפּזאָגן זיך פון דער אַלטער וועלט...

— וואָס דען? וואָס מיינט איר? זיי וועלן זיך שעמען... — האָט זיך אָפּ־גערופן פּיניע יעגעס, — איר זעט ניט, ווי אַלע טאָג ציִען זיך צום וואָקזאַל פורן און הארבעס מיט ברויט, פּוראַזש, מע לאָדט אָן אין די וואַגאָנעס פערד, בעהיימעס, כאַזיירים, אויפעס, דאָס איז דאָך אַלץ אָנגערויבט גוטס. איז וואָס זשע, וועלן זיי אָף אונדז קוקן?!

מוישע מיט פּיניען, וועלכע האָבן פּאַרמאָגט גוטע פערד מיט פּאַעטאָנען, האָבן טאַקע מוירע געהאַט זיך באַווײַזן אין שטאָט.

— פאַר מײַן פערד האָב איך ניט וואָס מוירע צו האָבן, — האָט אוורהאָם געטײַנעט און איז פראַנק־און־פרײַ אַרומגעפאָרן מיט זײַן דראָשקע, ווו ער האָט געוואָלט. אַזויווי באַלעגאָלעס זײַנען געוואָרן וויניקער, האָט זיך אים אפילע אָפּטער ווי פריִער געמאַכט וואָס איבערצופירן און פאַרדינען אָף דער הויצאָע.

די רויטע זײַנען אַרײַן אין שטאָט פריִער, ווי די דײַטשן האָבן באַוויזן אָפּטרעטן. די בריקן, וועלכע די פּאַרטיזאַנישע טיילן האָבן באַוויזן אויפ־רײַסן, האָבן געגעבן די מעגלעכקײַט די רויטע צו פאַרכאַפּן בא די אָקו־פּאַנטן אַ טייל פון זייער אָנגערויבטן גוטס.

גלײַך ווי די רויטע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, האָבן די באַלעגאָלעס אָנגעהויבן אַרויספאָרן צום וואָקזאַל. נאָר קיין צוגן זײַנען ניט אָנגעקומען און קיינער האָט ניט געוווסט, ווען זיי וועלן זײַן.

מוישע קימבלאַק האָט פון אויג ניט אַרויסגעלאָזט אוורהאָמען און אים אָנגעזאָגט:

— ווי נאָר איך וועל אוועקפאָרן מיט ליידיקן, זאָלט איר וויסן, אַז ס'איז ניטאָ אָף וואָס צו וואַרטן. פאָרט איבער די גאַסן אָדער גלײַך צום מאַרק.

קעדייִ פאַרקירצן דעם וועג, האָט אוורהאָם פון דער גרויסער בײַוואָקזאַל־גאַס פאַרקערעוועט צו די אָרעמע הינטערגעסלעך. די קליינינקע, אײַנגע־פאַלענע און אײַנגעהויקערטע הײַזקעס האָבן אײנזאַם זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער. די מענטשן פון יענע געסלעך זײַנען געוועזן אויסגעדאַרט, פאַרכוישעכט, אָרומגעריסן, ווי די בעטלער, וועלכע זײַנען געשטאַנען אָף יעדן ראָג.

נאָענט צום מאַרק האָבן זיך געצויגן רייען פון קראָמען, קרעמלעך מיט אָפּגעבליאַקעוועטע שילדן, אָף וועלכע ס'זײַנען געווען אָנגעמאָלט שטיוול, היטלען, שלעסער, עפּל, באַרן, ריפּטלעך קרויט, בורעקעס... אָף די טירן פון די קראָמען און ווערקשטאַטן זײַנען געהאַנגען פאַרזשאַווערטע שלע־סער. וואָס נעענטער צום מאַרק, האָט זיך אַלץ דײַטלעכער דערטראָגן דער טומל און גערויש.

בלינדע בעטלער האָבן געשפּילט אָף האַרמאָשקעס, געזונגען אומעטיקע לידער און געבעטן נעדאָוועס. שאַרמאַנשטשיקעס מיט פּאָפּוגײַען, טרעפּער־קעס האָבן פאַרנאַרט דעם אוילעם, צוזאָגנדיק זיי אַלע גליקן. פּאַרקויפער האָבן אָף פאַרשיידענע אויפאַנים געריימט זייערע סכוירעס. אין טומל האָט זיך דײַטלעך געהערט, ווי עמעצער זינגט:

— קויפט, קויפט, קוינים,
קוינים, קומט אהער,
נאָך א מארק אזוינעם
איז צו קריגן שווער.

אורעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אין א ווינקעלע און אָנגעהויבן נאָכשפּירן נאָכן אוילעם, עפּשער וועט עמעצער צוגיין און פאַרלייגן עפּעס אָפּפירן.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט א געשריי, א קוויטשעריַי, און טייקעף האָט אָפּגעהילכט איין שאָס נאָכן אנדערן. אין מארק האָט זיך אָנגעהויבן א בעהאָלע.

— וואָס איז געשען? וווהין לויפט מען עס? — האָט אוראָם געפּרוווט פרעגן בא די מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרביַי אים דורכגעטראָגן.

— איר זעט ניט? — האָט איינער פון זיי א וויַיז געטאָן אין דער זיַיט פון מארק.

דער געלאָף איז נאָך שטארקער געוואָרן. אוראָם איז געשטאַנען א צע־טומלטער און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

— אנטלויפט! וואָס שטייט איר?! אף וואָס ווארט איר? — איז צוגעלאָפן צו אים א הויכער מענטש אין א פעטראָוועור הוט. — אנטלויפט! ס'איז אָנ־געלאָפן א באנדע, זיי הארגענען יעדערן, ווער ס'טרעפט זיך זיי אף די אויגן.

אוראָם האָט א שמיץ געגעבן דאָס פערד און איַיליק זיך געלאָזט פאָרן. ביז ער האָט זיך דערקליבן אהיים, האָט שוין אויך דאָ, אף דער גאַס, גע־הילכט די שיסעריַי. דאָ און דאָרט האָט מען געהערט, ווי מיט א בראַזגעריַי ברעכן זיך די שויבן, און פעדערן פון צעריסענע קישנס דרייען זיך אינ־דערלופטן, ווי א פוכיקער שניי.

זעלדע האָט זיך ארומגעדרייט איבערן הויף און געזוכט אן אָרט, ווו צו באהאלטן די קינדער.

— אפגיך שפּאַן אויס דאָס פערד און שטעל עס אוועק אין שטעלכל! דו הערסט, וואָס עס טוט זיך? — האָט געזאָגט זעלדע. — גאָט מיַינער, וואָס איז דאָס פאר אן אָנשיקעניש אף אונדזער קאָפּ! די קוילער קענען דאָך יעדער רעגע אריַינריַיסן זיך צו אונדז אין שטוב.

— זיי קאָנען, כאסוועשאָלעם, דאָס פערד צונעמען... עפּשער באהאלטן עס ערגעץ? — האָט אוראָם געטיַינעט.

— צו וואָס דארפן זיי דיַין פאדלע? וועגן וואָס טראכסטו איצט, אז מיר האלטן די נעשאָמע אין די הענט...

פון דער זיַיט, ווו עס האָט געוווינט מוישע קימבלאק, האָט זיך דער־הערט א שיסעריַי, און טייקעף האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן א הארצ־רייַסנדיקער געשריי.

— ווי איז מיר, די מערדער זיַינען דאָך שוין גאָר נאָענט פון אונדז. וואָס דרייסטו זיך ארום, אוראָם? אפגיך באהאלט זיך, — האָט געשריִען זעלדע און געשלעפּט אים אין קעלער.

מיט א יאָמערלעכן געוויין איז אָנגעלאָפן מוישע קימבלאקס יינגעלע, יאָסעלע.

— אוי, דעם טאטן האָט מען דערהאַרגעט... זיי האָבן דאָס פערד גע־וואָלט צונעמען, האָט ער ניט געוואָלט געבן, האָבן זיי אים...

— זיי וועלן דערהערן א געוויין, קאָנען זיי נאָך אהער קומען, — האָט זעלדע אָנגעכאפּט דאָס ייִנגל פאַר דער האַנט און אַרײַנגעשלעפּט אין קע־לער.

דער געשריי און געוויין פון דער זײַט, ווו עס האָט געוווינט מוישע קימבלאק, איז געוואָרן אלץ שטארקער. זעלדע האָט געוואָלט צולויפן אהין, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט, אז זי האָט די קינדער אַרײַנגערוקט אין א גרוב און אזוי פארדעקט, אז זיי קאָנען דערשטיקט ווערן.

— ווי איז מיר! כ׳האָב מיט די אייגענע הענט געקאָנט אן אומגליק אָנטאָן.

א טויט־בלייכע האָט זי אַראָפּגעוואָרפן די שטרוי פון דער גרוב. די קינדער זײַנען געלעגן קוים לעבעדיקע.

יאָסעלע האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— כ׳וויל אהיים! כ׳וויל א קוק טאָן, וואָס איז מיט דער מאמען...

— זאָל שטילער ווערן, וועלן מיר צוגיין צו אײַך, — האָט זעלדע אים געפּרוווט באַרויִקן.

יאָסעלע האָט זיך ארויסגעריסן פון אירע אָרעמס און זיך געלאָזט לויפן אהיים. זעלדע איז אים נאָכגעלאָפן און אים געוואָלט אומקערן. איר אנטקעגן איז אָנגעקומען עטל — מוישע קימבלאקס ווײַב; זי האָט געריסן די האָר פונעם קאָפּ און ביטער געוויינט:

— ווי און ווינד איז מיר! וואָס האָבן די גאזלאָנים אָפּגעטאָן מיט מיר! א פינצטערע אלמאָנע בין איך געבליבן מיט אן אומגליקלעכן יאָסעם... מוישע האָט געוואָלט ראטעווען דאָס פערד און פארשפּילט דאָס לעבן.

דערזען יאָסעלען, האָט עטל אים צוגעדריקט צום הארצן:

— וואָס וועלן מיר טאָן אָנעם טאטן? וווהין וועלן מיר זיך אהינטאָן?

עטל איז מיטאמאָל געבליבן שטיין, ווי עס האָט איר אָפּגענומען דאָס לאָשן. זי האָט זיך א וואלגער געטאָן אף דער ערד.

— וואסער! גיכער וואסער! — האָט געשריִען זעלדע. — איר איז ניט גוט געוואָרן!

מוישע איז געלעגן א פארבלוטיקטער אינמיטן הויף...

## 10

אף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם האָבן מענטשן מוירע געהאט צו באווײַזן זיך אף די גאסן. זעלדע האָט מיט אלע קויכעס אײַנגעהאלטן אווראָמען, ער האָט זיך געריסן ארויספאָרן מיטן פערדל און דראָשקע עפּעס פארדינען.

— אין אזא אומגליק זוכן געוויס מענטשן א באלעגאָלע, — האָט ער געטײַנעט. — ס׳איז דאָך שוין שטיל, מע הערט ניט קיין איין שאָס. וואָס זשע וועל איך זיצן?

די גאסן זײַנען געווען פּוסט און טויט. די פענצטער אין א סאך הײַזער

זײַנען געווען אויסגעבראָכן. פון די הויפן האָבן זיך געטראָגן געשרייען און געוויינען.

— עפשער וועט איר אָפּפירן א בארמינען? — האָט זיך דערהערט א ווײַבערש קאָל.

— א בארמינען? — האָט אווראָם איבערגעפרעגט.

דאָס שרעקלעכע וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין אווראָמס אויערן מיט שמערצלעכן ווייטעק אין הארצן.

— ווײ, ווײ, סארא צאָרעו! — האָט די פרוי געבראָכן די הענט.

— ווער האָט זיך אָף אזוינס געקאָנט ריכטן, אינמיטן העלן טאָג זאָלן די ראָצכים, ווי סאראנטשא, אָנלויפן, — האָט אווראָם מיט טיפן מיטלײַד זיך אָנגערופן. — וועט ווען זײַן די לעווײַע?

— נאָך האלבן טאָג.

— גוט, כ׳וועל צופאָרן.

— פארגעסט נאָר ניט, איך בעט אײַך זייער, איר זאָלט צופאָרן.

— ווי קאָן מען אין אזא אייס־צאָרע פארגעסן... א גרויסע מישפּאָכע איז געבליבן בא דעם קאָדעש?

— זיבן קינדערלעך.

— זיבן קינדערלעך! — האָט ער זיך געכאַפּט פארן קאָפּ. — זיבן יעסוי־מימלעך זײַנען, נעבעך, געבליבן.

א פורמאַן אין א טשומערקע מיט א רויטן גארטל האָט אָף זײַן פאעטאָן, אײַליק דורכטראָגנדיק זיך, א געשריי געטאָן צו אווראָמען:

— וואָס פארהאלטסטו זיך? באלד דארף דאָך אָנקומען א צוג. ס׳וועלן, מיסטאמע, זײַן פאסאזשירן.

אווראָם האָט א צי געגעבן די לייצעס און זיך געלאָזט פאָרן. נאָר גלײַך איז פון א הויף ארויסגעלאָפן א צווייטע פרוי און מיט א פארקלעמט קאָל אָנגעהויבן בעטן:

— האָט ראכמאָנעס און פירט אָפּ א קאָרבן אין זײַן אייביקער רו.

— ווו נעמט מען קויכעס אריבערצוטראָגן אזויפיל צאָרעס? דרײַ אומ־גליקן האָבן מיך מיטאמאָל געטראָפן, — האָט זיך דערהערט א דריט קאָל.

„וואָס טוט מען? כ׳האָב דאָך שוין צוגעזאָגט אָפּפירן צוויי מייסים״, — האָט אווראָם געטראכט. א שוידער איז דורך איבער זײַן לײַב פונעם גע־דאנק, אז עס זײַנען פאראן אזויפיל קאָרבאָנעס.

דער געוויין, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון יעדער שטוב, ווו ער איז פארבײַגעפאָרן, האָט ניט אופגעהערט נאָכצופאָלגן אווראָמען. פון איין גאס איז די יעלאָלע אים אנטקעגן געקומען אָף דער צווייטער גאס, אָף דער דריטער, און דאָס פערד האָט ווי אפצולאָכעס קוים געשלעפּט די פיס.

אין א געסל, ניט ווײַט פון דער גרויסער בײַוואָקזאל־גאס, האָט אווראָם דערזען ניסן פרירעזן — א נידעריקן, שטארק אײַנגעהויקערטן אלטיטשקן, מיט א גרויסן קאסטן גלאָז אָף די פּלייצעס.

— וווהין פאָרט איר עס, רעב אווראָם? — האָט ניסן אָפּגעשטעלט דעם פורמאַן.

— וווהין קאָן איך פאָרן? איך פאָר זוכן א שטיקל ברויט.

— און מיר האָבן די באנדיטן אונטערגעוואָרפן פארנאָסע... זיי האָבן

אויסגעבראָכן בא מענטשן די שויבן, האָב איך ארבעט, כ'וואָלט נאָר אזויפיל גלאָז האָבן, וויפל כ'וואָלט געקענט פארדינען.

— פאר וועמען א טויט און פאר וועמען ברויט, — האָט אווראָם טרויעריקלעך א וויצל זיך געטאָן.

— איך בין דאָך ניט שולדיק, וואָס די באנדיטן האָבן אויסגעזעצט בא מענטשן די שויבן, — האָט ניסן זיך פארענטפערט. — עלעהיי ס'וואָלט א הורגאַן אויסגעבראָכן, וואָלט עמעצער געהאט צו גאָט טײַנעס? איך בין א גלעזער און פארדין מײַן שטיקל ברויט קאָשער.

— און בא וועמען וועל איך מאָנען געלט פאר מײַן טירכע? — האָט אווראָם מיט א פארביטערט קאָל זיך אָפּגערופן. — באם מאַלעכהאַמאָוועס? צי בא די הארוגים? צי עפּשער גאָר בא די פינצטערע אַלמאָנעס און אומגליקלעכע יעסוימים?.. ס'איז דאָך אן אומגליק, רעב ניסן. ווי קאָן מען פון א צאָרע מאכן פארנאָסע?

— אָבער א לעבעדיקער מענטש דארף יעדן טאָג עסן, — האָט ניסן געענטפערט, — און אז מע וויל עסן, זוכט מען פארנאָסע...

...ביזוואנען אווראָם האָט זיך דערקליבן צום וואָקזאַל, זײַנען שוין דאָרט קיין פאסאזשירן ניט געווען און די באַלעגאָלעס זײַנען זיך שוין אויך צעפאָרן ווער וווּהין. אָפּגעשטאַנען בא א האלבער שאָ, האָט אווראָם פארלאָרן יעטווידע האָפענונג עפּעס פארדינען און זיך געלאָזט אוועקפאָרן נאָכן בארמינען.

ווען ער האָט נאָך דער לעווײַע אומגעקערט זיך אהיים, האָט איליוסיק געפרעגט:

— הײַנט זײַנען געווען פאסאזשירן?

— א סאך פאסאזשירן זײַנען געווען הײַנט, מײַן זון, נאָר הארוגים אפּן בעסוילעם האָב איך געדארפט פירן.

זעלדע האָט א טיפן קרעכץ געטאָן:

— ווײַ צו אונדזערע יאָרן... אזויפיל אומשולדיקע מענטשן זײַנען אוועק אף יענער־וועלט.

זעלדע האָט גוט געוווּסט, אז אין שטוב איז קיין ברעקל ברויט ניטאָ און זי האָט ניט וואָס צו געבן עסן אווראָמען, פונדעסטוועגן איז זי צוגעגאנגען צום שאפּקעלע, לאנג געשארט דאָרט מיט די פינגער און, גאָרנישט געפינענדיק, געפרעגט:

— עפּשער וועסטו אויסטרינקען א גלאָז אָקרעפּ?

— כ'וויל גאָרנישט, זעלדע.

— האָסט דאָך מיסטאמע הײַנט נאָך אין מויל ניט געהאט?

— איז וואָס? מענטשן האָבן דאָך געפאסט, געבעטן בא גאָט, ער זאָל זיך דערבארעמען און מער קיין צאָרעס ניט אָנשיקן אף אונדזערע קעפּ, האָב איך אויך געפאסט.

— אָבער אָפּפאסטן איז דאָך ניטאָ מיט וואָס.

— מאָרגן איז מוישע קימבלאַקס לעווײַע, וועלן מיר ווײַטער פאסטן... אָבער די קינדער... אף זיי איז א ביטערער ראכמאָנעס.

— מ'דארף ערגעץ עפּעס קריגן און זיי אָנהאָדעווען, — האָט זיך אָפּגערופן זעלדע.

# קאפּיטל צוויי

## 1

לאנג זײַנען געשטאַנען די באַלעגאָלעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַרום מוישע קימבלאַקס טויטן קערפּער. זייערע פּענעמער זײַנען געווען טרויע־ריקע און האָבן אויסגעדריקט צאַר און ווייטעק. אַ גאַנץ לעבן געווינטע צו וויאַקען און נאַקען, זײַנען זיי געווען שווער אַף די צינגער און אַ פּאָר ווערטער איז זיי אויך געווען ניט לײַכט אַרויסצוברענגען.

אַ הויכער, ברייטפּלייציקער באַלעגאָלע האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— אײַ, אײַ אײַ, סאַראַ גוטער מענטש דאָס איז געווען!

— אָן ערלעכע נעשאָמע, — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— ער האָט קיינעם קיינמאָל ניט באַאוולט, באַ קיינעם קיין פּאַסאַזשיר ניט אויסגעכאַפּט, — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופן.

— פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט יענעם אונטערשיקן אַ פּאַסאַזשיר, — האָט געזאָגט אַוראָם, — און זיך געסטאַרעט, אַז נאָך עמעצער זאָל פאַר־דינען אַ שטיקל ברויט. איז זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גאַניידן.

— און זײַן פּאַר אונדז דאָרט, אַף יענער־וועלט, אַ גוטער בעטער, — האָט מיט אַ זיפץ צוגעגעבן זעלדע.

שלוימע פּאַפּעליוכע איז צוגעגאַנגען צום באַרמינען, אַ שאָקל געטאָן זיך, ווי אַ פרומער ייִדן, ווען ער הייבט אָן דאַווענען, און געזאָגט:

— מע דאַרף זײַן אַ גרויסער גאַזלען אופצוהייבן אַ האַנט קעגן אַזאַ שטילן אומשולדיקן מענטשן און אומברענגען אים... אַף זײַן „לאַסטאָטשקע" וועט זיך אַרומטראָגן אַ מערדער און הארגענען מענטשן, איז זאָל אים, דעם רעצייעך, אַ קויל טרעפן און אַף יענער־וועלט זאָל מען זיך מיט אים אָפּרעכענען, ווי מיטן גרעסטן ראָשע! אָמיין!

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט עטוואָס אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פּונקט ווי מוישע קימבלאַק, ווען ער פלעגט זינגען זײַן באַליבטע ליד „פּאָר איך מיר אַרויס אין אַ פינצטערער נאַכט", און מיט אַ טרויעריק קאָל אָנגעהויבן: אייל מאָליי ראַכמים שויכיין באַמרוימים...

זײַן שטים האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. ער האָט אַפילע פון זיך אַליין אַרײַנגעשטעלט ווערטער צו דער טפילע, געבעטן באַם קאָ־דעש, ער זאָל אים מויכל זײַן, אויב ער האָט ווען־עס־איז געטאָן עפּעס שלעכטס קעגן אים.

פיר באַלעגאָלעס — הויכע און געזונטע, ווי די דעמבן, האָבן אוועקגע־טראָגן מוישע קימבלאַקן אין זײַן אייביקער רו.

פאַרטרויערטע און צעבראָכענע, האָבן אַוראָם מיט זעלדען זיך אומגע־קערט פון דער לעווײַע. דער הונגער און די איבערלעבונגען האָבן זיי אײַנגאַנצן אומגעוואַלגערט פון די פיס. די קינדער זײַנען געזעסן פאַר־שמאַכטע און אַרויסגעקוקט אַף טאַטע־מאַמע. דערזען זיי דורכן פענצטער, איז איליוסיק דער ערשטער אַרויסגעלאָפן זיי באַגעגענען.

— ביסט הונגעריק, מײַן קינד? — האָט זעלדע אים א גלעט געגעבן איבערן קעפּל.

— כ׳בין ניט הונגעריק, מאמע, כ׳האָב דאָס פערד געהאָדעוועט, ער זאָל מאָרגן, אז דער טאַטע וועט ארויספאָרן צום וואָקזאַל, בעסער שלעפּן.

— דו זאָרגסט זיך אַלץ וועגן פערד, — האָט זעלדע געדריקט דאָס קינד צו זיך, — כ׳וועל באַלד עפּעס צוגרייטן עסן...

זעלדע האָט צעלייגט א פײַער אפן פּריפּעטשיק און געשטעלט קאָכן קאַרטאָפל. אוורהם איז ארויס אין שטאַל א קוק טאָן צום פערד. גייענדיק צוריק, האָט ער אפן שוועל זיך צונויפגעשטויסן מיט א הויכן דאַרן מאַנצבל, אין אן אָפּגעריבענעם שינעל, אין ברילן, מיט א פּאַפּקע אונטער דער האַנט.

— מעהודין וווינט דאָ? — האָט יענער געפרעגט.

— דאָ...

— איך רעגיסטריר די קינדער, וואָס דאַרפן לערנען אין שול.

— אזוי גאָר? — האָט אוורהם זיך פארוווּנדערט. — מע האָט נאָך, דאַכט זיך, ניט באַוויזן מעקאַבער זײַן די קאָרבאָנעס פון פּאָגראָם און ווער ווייסט, וואָס עס וועט מאָרגן זײַן, און איר ווילט שוין פארשרײַבן די קינדער אין שול.

— איצטער, מיין איך, וועט שוין זײַן אן אָרדענונג און די קינדער וועלן זיך קענען לערנען נאָרמאַל, — האָט געענטפערט דער געקומענער. — זיי האָבן שוין אזוי אויך אזויפיל צײַט דורכגעלאָזט.

אוורהם איז ארײַן מיטן מענטשן אין שטוב, דערלאַנגט אים א בענקל און געזאָגט צו זעלדען:

— דער כאַווער איז געקומען פארשרײַבן אונדזערע קינדער אין שול.

— אין שול? — האָט זי איבערגעפרעגט. — זייער גוט, זייער גוט, וואָס מע זאָרגט זיך וועגן אונדזערע קינדער.

— לערנען זיך, לערנען זיך! — האָבן די קינדער אָנגעהויבן ליאַרע־מען. — פארשרײַבט מיך! מיך פארשרײַבט! כ׳וויל זיך לערנען! און איך אויך! און איך אויך!

דער געקומענער האָט ארויסגענומען פון זײַן פּאַפּקע א גרויסן בויגן פּאַפּיר און אָנגעהויבן אויספרעגן:

— פאַמיליע און נאָמען? וויפל יאָר? מוטערשפּראַך? ווו זיך געלערנט? אין וועלכן קלאַס?

די קינדער האָבן אלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן ענטפערן, פארטומלענדיק איינער דעם אנדערן.

— איינציקוויַ. קום אהער, — האָט דער פאָרשטייער צוגערופן איליו־סיקן. — ווי רופט מען דיך? לייענען און שרײַבן קענסטו? דו האָסט זיך שוין געלערנט אין א שול?

דורכגעשמועסט זיך מיט איליוסיקן און מיט די איבעריקע קינדער, האָט ער אַלץ פארשריבן און געזאָגט:

— מאָרגן קומט צו גיין אין שול, וועט מען אײַך זאָגן, ווען ס׳וועלן זיך אָנהייבן די לימודים.

— שוין מאָרגן? — האָט זעלדע פאַרכידעשט זיך. — עס איז טאַקע זייער גוט, אָבער אין וואָס וועלן זיי גיין אין שול, אַז זיי זײַנען הויל און נאַקעט? אַף אַלע קינדער איין פּאָר שטיוול.

דער פּאָרשטייער האָט ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן דערויף.

— מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן, — האָט ער אַרויסגעמורמלט. — איך וועל פאַרשרײַבן, אַז די קינדער האָבן ניט אין וואָס צו גיין. עפּשער וועלן מיר אויסזוכן מיטלען אַף צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע. הייסע פּרישטיקן וועט מען אין שול געבן אַלע טאָג.

— פּרישטיקן, מע וועט אַפילע האָדעווען די קינדער, הערסט, אַווראָם? — האָט זעלדע זיך דערפרייט.

— כ׳וועל א באָרוועסער גיין אין שול, אַבי לערנען זיך! — האָט אויסגעשריִען איליוסיק.

— איך אויך! און איך אויך! — האָבן געליאַרעמט די איבעריקע קינדער.

— אוואַדע, קינדערלעך, וועט איר זיך לערנען, — האָט זיי באַרויִקט דער פּאָרשטייער.

— מיט בגאָדים וועלן מיר זיך ווי־ניט־איז אַן אייצע געבן, כ׳וועל איבערנייען, איבערדרייען, — האָט זעלדע געזאָגט. — אָבער מיט שוכוואַרג ווייס איך ניט טאַקע ניט וואָס צו טאָן. סײַדן אַף דער דראָשקע אָפּפירן זיי אין שול. אָבער דאָרטן גופע קאָן מען דאָך אויך באָרוועס ניט גיין...

— גוט, זעלדע, כ׳וועל זיי טאַקע אָפּפירן אין שול, אָבער ווען איך פאָר אַרויס נאָך פּאַסאַזשירן, שלאָפן זיי נאָך, — האָט זיך אָפּגערופן אַווראָם.

— נו גוט, כ׳האָב דאָך געזאָגט, אַז מיר וועלן א טראַכט טאָן, — דער פּאָרשטייער האָט שוין געהאַלטן די האַנט אַף דער קליאַמקע פון דער טיר. — פון הײַנט אָן זײַט איר שילער פון דער אַרבעט־שול נומער דרײַצן, — האָט ער צום שלוס געווענדט זיך צו די קינדער. — די שול געפינט זיך ניט ווײַט פון אײַך — פּאָדוואַלנע, 12. מאָרגן, אַז איר וועט קומען, וועט מען אײַך זאָגן, ווער פון אײַך איז פאַרעכנט אין א וועלכער גרופּע.

— גוט, גוט, מיר וועלן קומען, אומבאַדינגט קומען, — האָבן די קינדער, אַרויסבאַגלייטנדיק אים, געשריִען.

די גוטע יעדיִעס, וועלכע דער פּאָרשטייער פון דער שול האָט געבראַכט, האָבן א ביסל אָפּגעווענדט אַוראָמען מיט זעלדען פון זייערע צאָרעס, די קינדער האָבן א ביסל פאַרגעסן אינעם הונגער, וואָס האָט זיי געפּײַניקט. און דער קעסל מיט די קאַרטאָפליעס, וועלכע זעלדע האָט אוועקגעשטעלט אַפן פּריפּעטשיק, האָט געקאָכט.

פּלוצעם איז זעלדען אַרײַנגעפאַלן אין קאָפּ א געדאַנק: איבערזיפּן די דערט, וועלכע אַווראָם האָט געקויפט פאַרן פערד, און אַרײַנשיטן אין קעסל, דאַן וועט די גאַנצע מישפּאָכע גוט זיך אָנעסן, און ס׳קאָן נאָך בלײַבן פאַר די קינדער אַף מאָרגן.

די זאַטירקע איז געווען ביטערלעך און האָט געריסן אין האַלדז פון די גערשטן־שטעכלקעס, וועלכע זײַנען געבליבן אין דערט, דאָך האָט אַווראָם מיט די קינדער געלעקט די פינגער פונעם געריכט און געכליאָפּטשעט מיט גרויס אַפּעטיט.

— ווּ האָסטוּ גענומען מעל אַף אַזאַ מײַכל? — האָט אוּראָם געפֿרעגט באַ זעלדען.

— כ'האָב געגאַנוועט באַם פֿערד, — האָט זעלדע זיך מוֹידע געווען

## 2

ווען אוּראָם האָט זיך אוֹפֿגעכאַפּט, האָט ער בעשוּם־אוֹיפֿן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי ס'איז שוין טאָג, צי ס'איז נאָך נאַכט.

— דוּ האָסט זיך נאָך אַלץ ניט געלייגט שלאָפֿן? — האָט ער אַ פֿרעג געגעבן באַ זעלדען, וועלכע איז געזעסן באַם קאַנעצל אוּן גענייט.

— ס'טאָגט שוין, — האָט זעלדע געענטפֿערט. — כ'האָב געפֿוּנען דײַנע אַלטע וואָליקעס, האָב איך פֿוּן זיי באַשטימט איבערנייען שיכלעך.

— נייסטוּ עס אַ גאַנצע נאַכט? וואָס זשע האָסטוּ אוֹפּגעניית?

— אָט גיב אַ קוּק, זיי זײַנען שוין קימאַט באַ מיר פֿאַרטיק.

אוּראָם איז אַראָפּגעגאַנגען פֿוּן געלעגער, אַ קוּק געגעבן אַף די שיכלעך אוּן אַ שמייכל געטאָן:

— איי ביסטוּ אַ בעריע, זעלדע, פֿוּן גאָרניט ווערט באַ דיר אַ זאַך... ס'איז דאָך אַ מעכײַע צוּ קוּקן אַף די שיכלעך... פּוּנקט ווי אַ מײַסטער האָט זיי געמאַכט. זייער גוּט, וואָס דוּ האָסט זיך דערטראַכט צוּ דעם. אַניט האָב איך שוין ניט געוווּסט, וואָס צוּ טאָן. איך דאַרף אי פֿאָרן צוּם צוּג, אי די קינדער אָפּפֿירן אין אַ פּאָר שאָ אַרוּם. ווער ווייסט, צי איך וועל גאָר באַוויַזן צוּ יענער צײַט?

אוּראָם האָט זיך אײַנגעוואַשן, אָפּגעגעסן אַ טעלער נעכטיקע זאַטירקע אוּן איז אַוועקגעפֿאָרן צוּם וואָקזאַל.

אין אַ האַלבער שאָ אַרוּם האָט זיך אוֹפּגעכאַפּט איליוּסיק. ער האָט גע־ריבן די פֿאַרשלאָפֿענע אייגלעך.

— ווּ איז דער טאַטע?.. מיר וועלן ניט פֿאַרשפּעטיקן אין שוּל?

— שלאָף, שלאָף, ס'איז נאָך פֿרי. דער טאַטע איז אַוועקגעפֿאָרן אַפֿן וואָקזאַל.

— ער קאָן זיך דאָרט פֿאַרהאַלטן, וויִאַזוֹי וועלן מיר אין שוּל קוּמען?

— איר וועט גיין אַליין אין שוּל, כ'האָב אײַך אוֹפּגענייט שיכלעך.

— שיכלעך? אוועלכע שיכלעך?

איליוּסיק איז אַראָפּגעשפּרוּנגען פֿוּן בעט, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָר שיכלעך אוּן גלײַך זיי אָנגעטאָן אַף די פֿיס.

— אוֹי גוּט, מאַמע, גוּט! אוּן מאָטלען האָסטוּ אוֹיך אוֹפּגענייט?

— אַלעמען אוֹפּגענייט. די מיידלעך האָב איך שוין לאַנג אוֹפּגענייט אַזעלכע שיכלעך. איך וועל דיר נאָך אַ רעקעלע אוֹפּנייען. כ'האָב עס שוין אָנגעהויבן אוּן וועל גיך ענדיקן.

— ניי מיר עס טאַקע גיכער אוֹף, מאַמע...

זעלדע האָט אָנגעמאָסטן איליוּסיקן דאָס רעקעלע, וואָס זי האָט איבערגענייט פֿוּן אירן אַן אַלטן קלייד. זי האָט איבערגעשטעלט ווּ מע

דארף די סטריגעס, געמאכט ברייטער, ווו עס האָט זיך געפּאָדערט, אונ־טערגעקירצט א ביסל.

דערהערט די רייד וועגן איליוסיקס רעקעלע, איז פון גלעגער אראָפּ מאָטל:

— נאָר איליוסיקן נייסטו א בעגעדל? און מיר?.. איך האָב דאָך אויך ניט אין וואָס צו גיין אין שול.

— דו האָסט נאָך וואָס אָנצוטאָן, און איליוסיק איז אינגאנצן הויל־נאַ־קעט, — האָט זעלדע געענטפערט. — נאָר איך וועל נייען דאָס רעקעלע אזוי, אז נאָך עמעצער פון אײַך זאָל קענען עס אָנטאָן... נו, פּרווו עס, מײַן זון, אָנמעסטן.

מאָטל האָט אָנגעמאָסטן דאָס רעקעלע. זעלדע האָט פאריכט, ווו מע דארף.

— פּונקט ווי איך וואָלט אף דיר געניית. ס'פעלן מיר נאָר שטיקלעך אף קעשענעס... מירצעשעם, אז דער טאטע וועט אָנהייבן פארדינען ווי עס באדארף צו זײַן, וועלן מיר אײַך קויפן נײַע בגאָדים.

זעלדע האָט נאָך ניט אינגאנצן באוויזן פארענדיקן דאָס רעקעלע, האָט עס איליוסיק שוין אָנגעטאָן און איז צוזאמען מיט די ברידערלעך און שוועסטערלעך אוועק אין שול.

יעדערער פון זיי האָט דערנאָך אף זײַן אויפן דערציילט די ניסים, וואָס ער האָט דאָרט געהערט און געזען.

— אין א פּאָר טעג ארום וועט מען אונדז שוין אָנהייבן לערנען לייענען און שרײַבן, — האָט איליוסיק דערציילט. — דער לערער זאָגט, אז מיר האָבן א סאך צײַט דורכגעלאָזט און אז מיר וועלן דארפן ענדיקן עטלעכע קלאסן מיטאמאָל. מע האָט מיך ארויסגערופן צום טאָוול און געהייסן שרײַבן און כעזשבענען. איך האָב אלץ אויסגעפילט, און דער לערער האָט געזאָגט, אז איך בין א מאָלאָדיעץ און אז איך האָב אן אָפענעם קאָפּ.

## 3

די טעג, וואָס איליוסיק איז געגאנגען אין שול, זײַנען געווען בא אים די סאמע גליקלעכסטע. ער האָט געקענט אי לערנען זיך, אי א שטיף טאָן מיט די כעוורע און האָט נאָך דערצו אָפּגעגעסן א געשמאקן פרישטיק.

קומענדיק אהיים, פלעגט ער זיך גלײַך נעמען פאר די לימודים. אין אָוונט, ווען אווראָם פלעגט זיך אומקערן אן אָנגעהאָרעוועטער און אן איבערגעפּרוּוירענער אהיים, פלעגט ער הערן, ווי איליוסיק לייענט:

— מאמע... טא־טע... היים־לאנד... לע־נין...

— הערסט, — פלעגט, אָנקוועלנדיק פון נאכעס, צווינקען צו זעלדען אווראָם.

— איך הער, איך הער, — פלעגט זעלדע, גליקלעך שמייכלענדיק, ענט־פערן. — ער לייענט, קענענאָרע, ווי א וואסער.

— אמאָליקע יאָרן וואָלט א כעוורעמאן מיט אזא קאָפּ געקענט ווערן א בוכהאלטער בא א פּאָרעץ און אפילע אן אופראוויליאיעשטשע, — האָט אוור־

ראָם געקליבן נאַכעס. — און בא דער נײַער וולאסט קאָן גאָר פון אים ווערן א גרויסער מענטש.

אין דרויסן איז געוואָרן אלץ קעלטער און קעלטער. ס'האָבן זיך אָנגע־הויבן פרעסט, שנייען און גרויסע זאווערוכעס. די שיכלעך, וועלכע זעלדע האָט אופגענייט, זײַנען צעריסן געוואָרן, קיין ווארעמע מאַנטלען זײַנען אויך ניט געווען, איז אויסגעקומען די ייִנגלעך לויט דער ריי אָנצוטאָן די איינציקע פּאָר שטיוול און דעם צעריסענעם וואַטניק און איינציקוויַיז גיין אין שול. די מיידלעך האָט זעלדע אָפּגעגעבן אף ווינטער־צײַט אירע גע־לאַטעטע וואַליקעס, דאָס פּליושענע סעקעלע און דעם אלטן טערקישן שאַל, און זיי זײַנען אויך לויט דער ריי געגאַנגען אין שול.

אין די טעג, ווען איליוסיק איז אין שול ניט געגאַנגען, פלעגט ער קוקן דורכן קלײנינקן, מיט אײַז פאַרקאַוועטן פענצטער אין גאַס. ס'האָט אים, ווי מיט צוואַנגען, געצויגן אין דרויסן, נאָר די מאַמע האָט אים ניט אַרויס־געלאָזט פון שטוב.

איינמאָל, ווען דער טאַטע איז, ווי געוויינלעך, אוועקגעפאָרן צום וואָק־זאַל זוכן פּאַסאַזשירן און די מאַמע איז אוועק עפּעס אײַנהאַנדלען אין מאַרק, איז איליוסיק א באָרוועסער אַרויסגעשפּרונגען אין דרויסן, אַרופֿ־געקראָכן אף א הורבע שניי און אָנגעהויבן פּאַכן מיט די הענט און שרײַען:

— דאָלאָי בורזשואַזיע! זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

דער אָראַטאָר איז אײַנגעזונקען געוואָרן אין שניי און קוים אַרויסגע־קראָכן פון דער הורבע. פונדעסטוועגן האָט ער געפּרוווט אַרופקריכן נאָך אף א באַרג שניי און איז טייקעף ווידער אײַנגעזונקען געוואָרן ביז איבערן קאָפּ. קוים אָפּגעעטעמט א ביסל, האָט ער א פאַרוויטלטער פון פראָסט אָנ־געהויבן קלעפּן שניי־סאָלדאַטיקלעך, אַרײַנגעשטעקט זיי שטעקלעך אין די הענט, קלוימערשט ביקסלעך, און קאָמאַנדעוועט:

— איבער דער בורזשואַזיע פּלי... פּלי!

אין סאַמע ברען פון דער שיסערײַ איז אָנגעקומען יאָסעלע. איליוסיק האָט אים פאַרוואָרפן מיט שניי.

יאָסעלע האָט אויך אָנגעהויבן ווארפן שניי און שרײַען:

— פאַרוואָס בין איך די בורזשואַזיע, דו ביסט די בורזשואַזיע!

— ניין, דו! איך בין א באָלשעוויק! — האָט איליוסיק געשריִען.

— איך בין א באָלשעוויק, ווײַל איך בין שטאַרקער פון דיר, — האָט יאָסעלע געטײַנעט.

פאַרקוועטשט די פויסטן, האָט איליוסיק אַרופגעוואָרפן זיך אף יאָסעלען און אָנגעהויבן אים נעריקן:

— איך וועל דיר ווײַזן, ווער ס'איז שטאַרקער!

איליוסיק האָט געגעבן קלעפּ, ווו עס האָט זיך געמאַכט, יאָסעלע האָט געגעבן צוריק. איליוסיק האָט א שלײַדער געטאָן יאָסעלען אפן שניי. איליוסיק האָט געטראָפן מיטן פויסט אים אין נאָז, און ס'האָט א יושע גע־טאָן בלוט.

— נו, ווער איז שטאַרקער? — האָט איליוסיק זיך אָנגעהויבן מיט אים רייצן. — וועסט קריכן נאָכאַמאָל?

— מיינסט טאקע, אז דו ביסט שטארקער פון מיר? דו דראפּעסט זיך נאָר, ווי א קאַץ... דו מיינסט, איך וועל דיר שווײַגן?

יאָסעלע האָט ארײַנגעלאָזט די נעגל אין איליוסיקס באקן. דער שניי איז רויט געוואָרן פון בלוט, וואָס האָט גערונען פון ביידע כעווערלײַט. ווער ווייסט וויפל דער געפּעכט וואָלט נאָך געדויערט, ווען זעלדע קומט ניט אָן און דערזעט ניט, ווי איר טאכשיטל איליוסיק צוזאמען מיט יאָסע־לען ליגן פארבלוטיקטע און נעריקן אייבער דעם צווייטן.

— א ווייטעק איז מיר! — האָט זי זיך צעגוואלדעוועט. — וואָס שלאָגט איר זיך, ווי די הענער? דער גאנצער שניי איז דאָך רויט פון אײַער בלוט...

— ער זאָגט, אז ער איז שטארקער פון מיר און ער וויל ניט זײַן קיין בורזשוי, — האָט געשריִען איליוסיק. — האָב איך אים באוויזן, ווער איז שטארקער!

— איך האָב אויך באוויזן, אז איך בין שטארקער, — האָט, ארויסרײַסנ־דיק זיך פון איליוסיקס אָרעמס, געשריִען יאָסעלע.

— די מינוט זאָלט איר זיך אופהערן שלאָגן! — האָט זעלדע באפוילן. — קומט ארײַן אין שטוב, וועל איך אײַך ארומוואשן.

פאר איין האנט האָט זי אָנגעכאפּט איליוסיקן, פאר דער צווייטער יאָ־סעלען און אָנגעהויבן שלעפּן. די כעוורע האָבן זיך געראנגלט, ארויסגע־ריסן זיך און ווידער געפּרווּט ארופוּוארפן זיך אייבער אפן צווייטן. זעלדע האָט זיי סאָפּקאָלסאָף פאנאנדערגענומען.

— איר האָט דאָך געקאָנט אייבער דעם צווייטן די אויגן ארויסנעמען און אף אייביק בלײַבן קאליקעס, — האָט זיך געבייזערט זעלדע.

— ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן, — האָט יאָסעלע זיך פארענט־פערט. — ער האָט נאָר געוואָלט, אז איך זאָל זײַן א בורזשוי. פארוואָס וויל ער ניט זײַן קיין בורזשוי?!

— וואָס פאר א בורזשוי איז ער? — איז זעלדע אָנגעפאלן אף איליוסיקן.

— מיר האָבן זיך דאָך געשפּילט, — האָט איליוסיק געענטפערט. — ער וואָלט געוועזן ניט קיין עמעסער בורזשוי.

— א שיינע שפּיל! מע שלאָגט זיך ביז בלוט און ס'איז א שפּיל. זאָלסט א צווייט מאָל ניט וואגן מער אזוי טאָן, — האָט זעלדע געטאדלט איליו־סיקן. — יאָסעלע איז דאָך א יאָסעם, א יאָסעם טאָר מען דען שלאָגן?

זעלדע האָט א גלעט געגעבן יאָסעלען און געזאָגט:

— קום אין שטוב ארײַן, כ'וועל דיר געבן עפּעס אָפּעסן, דײַן מאמע איז נאָך, מיסטאמע, ניטאָ אין דער היים.

יאָסעלע האָט מיט א בארויגעז קאָל געזאָגט:

— כ'וועל ניט גיין צו אײַך אין שטוב, כ'וועל נאָך ווײַזן איליוסיקן, אז איך בין שטארקער פון אים.

— אך, אזוי גאָר! — איז איליוסיק פונסנײַ געוואָרן אופגעבראכט. — דו האָסט ווייניק באקומען פון מיר? וועל איך דיר דערווײַזן, ווער ס'איז שטארקער!

— דו קריכסט ווײַטער, דראטשון? — האָט זעלדע אָפּגעשטויסן איליו־סיקן. — גענוג!

זי האָט צוגעפּירט יאָסעלען צו איליוסיקן און געהייסן די כעוורע געבן זיך די הענט און מויכל זײַן איינער דעם אנדערן. זיי האָבן אָבער ניט גע־וואָלט זיך איבערבעטן און זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען בארויגעזע.

יאָסעלע איז א פּאָר וואָכן ניט געווען בא מעהודינען אין שטוב. ווען עס איז געקומען איליוסיקס ריי צו גיין אין שול, האָט ער יאָסעלען דאָרט אויך ניט געטראָפן.

„וואָס האָט געקאָנט מיט אים פּאַסירן? — האָט איליוסיק ניט אופגעהערט טראַכטן. — עפשער איז ער קראַנק געוואָרן פון די קלעפּ?"

בעטן די מוטער ארײַנגיין צו יאָסעלען אין שטוב און דערוויסן זיך, וואָס איז מיט אים געשען, האָט אים ניט געפּאַסט, און אליין ארײַנכאַפּן זיך צו יאָסעלען איז אים ניט אָנגעשטאַנען, סײַדן צוטראַכטן עפּעס א טערעץ.

לאַנג געשלאָגן זיך מיט דער דייע, האָט איליוסיק באַשטימט אָפּוואַרטן, ביז ס'וועט נאָכאַמאָל דערגיין זײַן ריי גיין אין שול, עפשער וועט יאָסעלע אויך קומען אין שול. נאָר אינדערפרי, ווען איליוסיק איז געקומען אין שול, האָט ער יאָסעלען דאָרט ווידער ניט געטראָפן.

אינדערפרי, נאָכן גלעקל, ווען איליוסיק האָט זיך אוועקגעזעצט אַף זײַן פּאַרטע, האָט אים דער לערער ארויסגערופן צום טאָוול. איליוסיק האָט אַף אַלע פראַגן געענטפערט קלאָר און דײַטלעך.

— מיט וועמען האָסטו געגרייט די לימודים? — האָט דער לערער גע־פרעגט. — מיט יאָסעלע קימבלאַקן?

— כ'האָב מיט אים ניט געגרייט.

— פונוואַנען זשע ווייסטו?

— איך האָב אויסגעלערנט פון ביכל. איך שרײַב און רעכן אַלץ אליין.

— יאָסקע קימבלאַקן זעסטו ניט? ער פלעגט דיר דאָך איבערגעבן, וואָס מע דאַרף גרייטן.

— איך זע אים ניט.

— ער גייט צו דיר ניט ארײַן? וועסטו עפּשער ארײַנגיין דערוויסן זיך, וואָס איז מיט אים. ס'קאָן זײַן, אז ער איז ניט געזונט און מע דאַרף אים מיט עפּעס העלפן...

איליוסיק האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. צוזאָגן, אז ער וועט ארײַנגיין צו יאָסקען, האָט ער ניט געקענט, און דערציילן, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישן זיי, האָט ער זיך געשעמט. אָבער ניט אויספילן דעם לערערס ביטע האָט ניט געפּאַסט.

— כ'וועל פרווון דערוויסן זיך...

— אומבאַדינגט דערוויס זיך, ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אז ער זאָל אָן א סיבע אופהערן באַזוכן די שול, — האָט געזאָגט דער לערער.

קיין בעסערן טערעץ ארײַנצוגיין צו יאָסעלען אהיים האָט איליוסיק ניט געהאַט. ער האָט אויסגעקליבן א פּאַסיקן מאָמענט, ווען די שטיוול זײַנען געווען פרײַ, און איז אוועק צו יאָסעלען אהיים.

איליוסיק האָט ניט באַוויזן צוגיין צום שווועל פון זײַן שטוב, ווי אַנט־קעגן איז אים אָנגעקומען יאָסעלעס מוטער — עטל.

— אָ, אַ גאַסט, שוין לאַנג דיך ניט געזען, — האָט זי אים געמאַכט אַ באַרעכהאַבע. — פאַרוואָס האָסטו די גאַנצע צײַט זיך ניט געוויזן? האָסט זיך, מיסטאָמע, געשעמט...

— פאַרוואָס דאַרף איך זיך שעמען? — האָט איליוסיק געפּרוּווט מאַכן זיך טאַמעוואַטע.

— דו מיינסט, אַז איך ווייס ניט?..

עטל האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, עפּשער וועט איליוסיק אַליין עפּעס זאָגן. סאָפּקאָלסאָף האָט זי ניט אויסגעהאַלטן:

— זאָג מיר נאָר, וואָס האָסטו געהאַט צו יאָסקען, וואָס דו האָסט אים אַזוי צעמאַזיקט?

— ער האָט מיך אויך צעמאַזיקט.

— זײַט איר קוויט, הייסט עס.

איליוסיק האָט באַשטימט צוגיין צום איקער און אַ פרעג געגעבן:

— וווּ איז יאָסקע?

— ער וועט באַלד אַרײַנגיין. זיץ אַ ביסל.

עטלס פּאָנעם איז געוואָרן מילדער. זי האָט אָנגעהויבן פּאַנאַנדערפרעגן, וואָס אין דער היים טוט זיך, וואָס די מאַמע מאַכט, דער טאַטע. אין דער צײַט איז אָנגעקומען יאָסקע. איליוסיק איז באַלד צוגעלאָפן צו אים און, ווי צווישן זיי וואָלט גאָרנישט ניט פאָרגעקומען, געזאָגט:

— דער לערער האָט מיך געשיקט דערוויסן זיך, פאַרוואָס דו גייסט ניט אין שול.

— די מאַמע לאָזט מיך ניט. און דו לערנסט זיך?

— אַוודאי.

— דו גייסט אַלע טאָג אין שול?

— ווי פריִער, איין מאָל אין דרײַ טעג.

— און ווער ברענגט דיר די אויפגאַבעס?

— קיינער ניט. איך בין דרײַ טעג ניט געווען אין שול, און ווען דער לערער האָט מיך אַרויסגערופן, האָב איך אַלץ געענטפערט. ווען זשע וועסטו גיין אין שול?

— איך וועל שוין, מיסטאָמע, אין שול ניט גיין.

— פאַרוואָס?

— ווײַל מיר פאָרן אינגיכן אַוועק. די מאַמע לאָזט מיך ניט אין שול, איך דאַרף איר העלפן גרייטן זיך אין וועג.

— וווּהין פאָרט איר אַוועק?

— קיין אַמעריקע.

— קיין אַמעריקע?! — האָט איליוסיק איבערגעפרעגט. וווּ עס איז אַמע־ריקע, האָט ער ניט געוווּסט, און פרעגן בײַ יאָסקען האָט ער זיך געשעמט.

יאָסקע האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז איליוסיק ווייסט, מיסטאָמע, ניט, וווּ דאָס איז, און האָט געזאָגט:

— ס'איז ווײַט, זייער ווײַט פון דאַנעט. דרײַ וואָכן וועלן מיר פאָרן אַהין. פריִער וועלן מיר פאָרן מיטן באַן און נאָכדעם אויף אַ שיף... ס'איז

אזוי ווײַט, אַז אונדזער זון דערגרייכט אַזש ניט אַהין. ווען בײַ אונדז איז טאָג, איז דאָרטן נאַכט.

— פאַרוואָס זשע פֿאָרט איר אַזוי ווײַט?

— איך האָב דאָרטן אַ פֿעטער, האָט ער אונדז אַרויסגעשיקט שיפֿסקאַר־טעס. די מאַמע האָט זיי באַהאַלטן. דאָרט איז אָנגעמאָלט דער ים און די שיף.

— וואָס וועט איר דאָרט טאָן, אין אַמעריקע?

— דער פֿעטער שרײַבט, אַז מיר זאָלן קומען צו אים, ס׳וועט אונדז זײַן בײַ אים גוט. דעם טאַטן האָט מען אויך אַרויסגעשיקט אַ שיפֿסקאַרטע, זיי ווייסן ניט, אַז מ׳האָט אים דערהאַרגעט.

— און אַ רעוואָליוציע איז דאָרט געווען?

יאָסקע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און געזאָגט:

— אויב ס׳איז ניט געווען קיין רעוואָליוציע, וועלן מיר זי מאַכן.

4

איליוסיק איז אַ צעראַשטער אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב און מיט אײַן אָטעם אויסגעפּאַליעט:

— יאָסקע פֿאָרט מיט דער מאַמען קיין אַמעריקע! יאָסקע אַליין האָט מיר געזאָגט. זײַן מאַמע לאָזט אים שוין ניט גיין אין שול, ער דאַרף איר העלפֿן צוגרייטן זיך אין וועג. לאַנג, זייער לאַנג דאַרף מען אַהין פֿאָרן, זאָגט יאָסקע. זיי וועלן פֿאָרן מיטן באַן און מיט דער שיף, קימאַט אַ גאַנצן כוידעש...

— ווײ, ווײ, ווי ווײַט דאָס איז, אין אַלדי אויסרײַסעניש... זי האָט טאַ־קע דאָרט אַ ברודער, רופֿט ער זי אַרויס צו זיך, — האָט זעלדע זיך אָפּגע־רופֿן. — מ׳האָט שוין לאַנג געדאַרפֿט אַרײַנגיין צו איר געווירע ווערן, נאָר דער קאָפּ איז אַזוי פֿאַרשלאָגן, אַז איך ווייס ניט, אַף אַ וואָסער וועלט איך בין.

— גיי טאַקע אַרײַן, זעלדע, דערוויס זיך, וואָס זי מאַכט, זי איז דאָך אַ שכיינע... זי מאַטערט זיך, מיסטאַמע, די פֿינצטערע אַלמאָנע, — האָט גע־זאָגט אוּוראָם.

— אַז די מאַמע וועט גיין, וועל איך אויך מיט איר אַרײַנגיין צו זיי, — האָט זיך אַרײַנגעמישט איליוסיק. — כ׳האָב זיך שוין מיט יאָסקען איבער־געבעטן. ער האָט מיר צוגעזאָגט ווײַזן די שיפֿסקאַרטע... דאָרט איז אָנגע־מאָלט אַ שיף... טאַטע, דו האָסט געזען ווען־עס־איז אַ שיף?

— בײַ אונדז זײַנען קיין שיפֿן ניט פֿאַראַן, אַ שיף גייט דאָרט, ווו עס איז פֿאַראַן אַ סאַך וואַסער.

— און ווו איז אַ סאַך וואַסער? — האָט געפֿרעגט איליוסיק.

מאָטל האָט אופֿגעעפֿנט דעם לערנבוך פֿון געאָגראַפֿיע און אָנגעוויזן מיטן פֿינגער אַף אַ טונקל־בלויער קאַרטע:

— אָט איז זי, אַמעריקע. איר זעט, זי איז אינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט וואַסער.

— אַהאַ, — האָט זיך צעלאַכט איליוסיק. — אַף וואָס דאַרף מען אַזויפֿיל וואַסער?

— אַזוי איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן, — האָט אוראַם געענטפֿערט. — נאָר בעסער וואָלט געווען מער ערד, אַף דער ערד וווינען מענטשן, אַף דער ערד וואַקסט אַלץ. אוי, ווען מיר האָבן כאָטש איין שטיקעלע ערד...

איליוסיק האָט זיך דערמאָנט, מיט וואָס פֿאַר אַן אומגעדולד ער האָט געוואַרט אַפֿן פֿרילינג. דער טאַטע האָט דאָך געזאָגט, אַז אין דער געוועזענער פּריצישער נאַכלע וועט מען געבן די אַרבעטער צו שטיקלעך ערד. יעדן טאָג האָט איליוסיק אַרויסגעקוקט, אַז ס'זאָל ווערן פֿרילינג און דער פֿאָטער זאָל קומען און זאָגן: „נו, קינדער, ס'איז שוין צײַט אַרויסגיין אין פֿעלד, שפּאַנט אײַן דאָס פֿערד און קומט אַקערן".

אין לערנביכל און אַף דער וואַנט אין שול האָט ער געזען אַ בילד, ווי אַ פּויער אַקערט און פֿון הינטן גייט נאָך אַ פּויער מיט אַ טאָרבע אַף די פּלייצעס און שיט קערנער אין דער אויפֿגעאַקערטער ערד. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ער וועט אַקערן און דער טאַטע וועט נאָכגיין פֿון הינטן, פּונקט ווי אַף דעם בילד, און וועט זייען.

אָבער דער פֿרילינג איז אָנגעקומען, די זון האָט זיך צעשײַנט, און פּונקט אין דעם טאָג, ווען איליוסיק האָט אַזוי געוואַרט, אַז דער פֿאָטער זאָל שוין זאָגן, אַז מע קאָן פֿאָרן אַקערן, איז ער געקומען אַהיים אַן אומעטיקער און אַ דערשלאָגענער און געזאָגט דער מאַמען:

— אוי, פֿאַרפֿאַלן!

אָבער איצט, ווען די באַלעגאָלעס קלײַבן זיך אָפּט צונויף צו זיי אין שטוב און הערן ניט אויף צו ריידן וועגן ערד, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צושטיין צום טאַטן:

— גיי זיך דורך אין דעם געוועזענעם גוט, עפּשער וועט מען איצטער געבן צו שטיקלעך ערד.

— יאָ, מ'דאַרף זיך טאַקע דורכגיין, מײַן זון, — ענטפֿערט יעדער מאָל אוראַם.

נאָר אויסקלײַבן זיך אַהין האָט ער דערווײַל נאָך בעשום־אויפֿן ניט גע־קאָנט און געהאַלטן אין איין אָפּלייגן אַף שפּעטער.

איינמאָל, ווען איליוסיק האָט באַזונדערס אָנגעהויבן צו אים צושטיין, האָט זעלדע געזאָגט:

— נו גיי זיך שוין דורך. וואָס קלײַבסטו זיך אַזוי לאַנג? עפּשער קאָן מען טאַקע אויסכלאָפּאָטשען אַ שטיקל ערד... די באַלעגאָלעס בעטן דיך דאָך אויך... ס'קאָן ניט זײַן, אַז די ערד זאָל דאָרט אַזוי לאַנג פּוסטעווען... וויפֿל קאָן מען אַזוי לעבן?

— כ'וועל צוגיין, — האָט אוראַם דאָס מאָל פֿעסט צוגעזאָגט.

אַף מאָרגן האָט ער אויסגעריכט מאָטלען מיט מיכלקען צום וואָקזאַל און אַליין זיך געלאָזט גיין אינעם געוועזענעם גוט.

איליוסיק איז געווען זיכער, אַז דער פֿאָטער וועט ברענגען אַ גוטע בסורע, ער וועט צוריק אָנהייבן אַרבעטן אינעם געוועזענעם גוט און פֿריי־לינג וועלן זיי באַקומען דאָס שטיקעלע ערד, וועלכע מ'האָט זיי אַמאָל גע־האַט צוגעזאָגט. מיט די געדאַנקען איז ער אײַנגעשלאָפֿן, און דערזען האָט

ער זיך אין כאָלעם שוין א דערוואקסענער באָכער. ער גייט נאָך, ווי אפן בילד, נאָכן אקער, דאָס העמד ארויסגעלאָזט איבער די הויזן, די בייטש אריבערגעוואָרפן איבערן אקסל. דאָס פערד, טאקע זייער פערד, גייט לאנגזאם, שלעפט דעם אקער, און ער גייט פון הינטן און פייפט אונטער א ניגנדל. ווען־ניט־ווען הייבט ער אוף און לאָזט אראָפּ דעם לעמעש און קערעוועט דעם אקער, וווהין מע דארף. פלאַסט נאָך פלאַסט ווייך־שוואר־צע ערד כוואליעט זיך אונטערן לעמעש און בלייבט ליגן אפן פריש אופ־געאקערטן פעלד. דער טאטע, מיט א פולער טאַרבע קערנער אף די פּליי־צעס, גייט נאָך נאָכן אקער און שיט און שיט די זריע איבער דער נאָרוואָס אופגעהויבענער ערד. א צעהיצטער פון דער הייסער פרילינגדיקער זון, רינט באַם טאטן שווייס פון פּאָנעם, און ער שרייט:

— אקער גיכער. וואָס מער זריע מיר וועלן פארזייען, אלץ מער ברויט וועט בא אונדז אויסוואקסן!

ווען ער האָט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, האָט דער כאָלעם נאָך אלץ געהאלטן איליוסיקן אין געפענקעניש און דאָס יינגל האָט לאנג ניט גע־קאָנט פארשטיין, ווו געפינט ער זיך איצט. ווען ער האָט סאָפקאָלסאָף פארשטאנען, אז ער איז אין דער היים, האָט ער א פרעג געגעבן בא דער מאמען:

— ווו איז דער טאטע?

— ווו קאָן ער זיין, דער טאטע? ער איז אוועקגעפאָרן צום וואָקזאל.

— ער איז געוועז דאָרט?

— ער איז געוועזן, מיין זון.

—נו?

— איך ווייס נאָך גאָרניט. דער טאטע איז געקומען שפּעט און איז פרי אוועקגעפאָרן צום וואָקזאל.

## 5

אין מעשעך פון דער צייט, וואָס אווראָם מעהודין איז ניט געוועזן אינעם געוועזענעם פריצישן גוט, האָט זיך דאָרט אלץ אזוי געענדערט, אז עס איז געוואָרן ניט צו דערקענען. פון די שטאלן, ווו ס׳איז געשטאנען דאָס פי, וואָס ער האָט געהאט באדינט, גלייך ווי דער קאָמיטעט האָט איבערגענו־מען די ווירטשאפט אין זיינע הענט, איז קיין זייכער ניט געבליבן. די בע־היימעס, די פערד, דער אינווענטאר און דאָס איבעריקע גוטס זיינען געוועזן צערויבט. די געביידעס און דער גאנצער פריצישער הויף — כאָרעוו.

פון א צופעליק באגעגנטן מענטשן האָט ער זיך דערוווסט, אז דאָ ווערט אָרגאניזירט א סאָווירט.

דורכגייענדיק זיך איבער די פעלדער, האָט אווראָם געפונען שפּורן פון אויבס־גערטענער און מיט הארצווייטעק א טראכט געטאָן: „מיר האָבן דאָך דאָ אויך געקאָנט, ווי מענטשן, וואָס־ס׳ניט־איז פארזייען און האָבן וואָס צו עסן, איבערהויפּט, אז ערד האָבן מיר, אן אקער און א באָראָנע האָט מען געקאָנט אָפּזוכן, און ארבעטן קאָנען מיר דאָך אויך, איז וואָס זשע האָבן

מיר זיך ניט געקאָנט מאטריִען זײַן צוגיין אהער און אויסנוצן די ערד?״

איליוסיק, זעלדע, די באלעגאָלעס האָבן דאָך אים ניט איין מאָל דערמאָנט וועגן דעם. אָבער איצט איז דאָך שוין אלץ פארפאלן, בעסער שוין ניט דערמאָנען וועגן דעם, קעדיי ניט פארשאפן זיי און זיך קיין הארצווייטעק.

„אָבער דערוועקן א הישטאדלעס, — האָט ער ווײַטער געטראכט, — אז מע זאָל דאָ אויסטיילן ערד פאר אונדז און שאפן א קאָלעקטיוו פון די באלעגאָלעס, וואָלט עפשער יאָ געלינגט. מע שאפט דאָך, זאָגט מען, אין די ארומיקע שטעטלעך אזעלכע קאָלעקטיוון אף דער ערד, וואָס האָט גע־הערט אמאָל פריצים. נאָר אויב ס׳איז שוין פאראן א באשלוס וועגן שאפן דאָ א סאָווירט, וועט, מיסטאמע, גאָרנישט ניט העלפן״.

אומגעקערט זיך אהיים האָט אווראָם שפעט באנאכט און זעלדען ניט באוויזן צו דערציילן, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין דעם געוועזע־נעם גוט. גאנצפרי איז ער ווידער אוועקגעפאָרן צום וואָקזאל.

— נו, דערציילט, רעב אווראָם, וואָס פאר א נײַס האָט איר אונדז גע־בראכט? — האָבן אים ארומגערינגלט די באלעגאָלעס.

— נײַש, נײַש, — האָט העכער פון אלעמען געבעטן סענדער קלאפטער, וועלכער פארבײַט דעם „סאמעך״ אף א „שין״ און דעם „שין״ אף א „סאמעך״. — סאט, לאָזט א מענטשן ריידן!

אווראָם האָט דערציילט אלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין דעם געוועזענעם גוט, נאָר פארשוויגן וועגן די אויבס־גערטענער.

— בעקיצער, ס׳איז כאלוימעס, — האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט שלוימע פאפעליוכע און דערהערט, אז ס׳פײַפט דער צוג, א לאָז זיך געטאָן נאָך פאסאזשירן.

א טייל באלעגאָלעס זײַנען זיך צעפאָרן, און די, וועמען עס האָט ניט אָפגעגליקט און האָבן געדארפט ווארטן אף א צווייטן צוג, עפשער וועט פאָרט צופאלן א פאסאזשיר, האָבן ארויסגעזאָגט פארשיידענע האשאָרעס, וואָס מע דארף טאָן, קעדיי דאָך קריגן ערד אָנן שאפן א קאָלעקטיוו.

אין אָוונט איז בא אווראָמען געווען א פולע שטוב מיט באלעגאָלעס. מע איז געזעסן באם טיש, געשמועסט, געאמפערט זיך, ארויסגעזאָגט פאר־שיידענע מיינונגען, וויאזוי צוצוטרעטן גרינדן דעם קאָלעקטיוו.

איליוסיק איז געזעסן צווישן זיי, אײַנגעהערט זיך אין זייערע רייד און אפילע ארײַנגעוואָרפן א ווערטל.

שלוימע פאפעליוכע האָט געזאָגט:

— מע דארף זיך ווענדן...

— צו וועמען? — האָבן עטלעכע באלעגאָלעס געפרעגט מיטאמאָל.

— ס׳איז קלאָר צו וועמען, צו דער וולאסט, — האָט געענטפערט אוו־ראָם. — דאָרט זיצן מענטשן מיט קעפ און ווייסן וואָס מע דארף טאָן.

— מע דארף אָנשרײַבן, מיין איך, אליין קאלינינען און טאקע דער־קלערן אים, אז העיויס ס׳האָבן זיך פאָיאווועט מאשינעס, דאָס הייסט אווי־טאָבוסן, דארף מען אונדז, באלעגאָלעס, אף טויזנט קאפאָרעס. איז בעטן מיר, אז מע זאָל ארײַנגיין אין אונדזער לאגע און אויסטיילן ערד, מיר זאָלן זי מיט אונדזערע פערד באארבעטן און מעפארנעס זײַן אונדזערע מישפאָכעס.

— קאלינין האָט ניט קיין אנדער ארבעט, ווי טראכטן וועגן די באלע־גאָלעס, — האָט זיך דערהערט א שטים.

— און איך מיין, אז ש'איז בעשער זיך ווענדן צו דער אָרטיקער וולאשט, דאָ אף אן אָרט קאָן מען אריינגיין און גלייך באקומען א טסו־ווע, — האָט זיך אָפּגערופן סענדער.

— וואָס איז דאָ פאראן וועגן וואָס צו אמפערן זיך? מ'דארף אָנשרייבן אי קאלינינען, אי צו דער אָרטיקער מאכט, — האָט פאַרגעלייגט אווראָם. — אינצווייען איז שטארקער.

— ריכטיק, אינגאנצן ריכטיק! — זיינען געווען מאסקים אלע באלעגאָ־לעס.

## 6

פון זינט איליוסיק האָט זיך דערוווּסט, אז זיין פאָטער און די באלעגאָ־לעס האָבן אָנגעשריבן א בריוו קאלינינען, האָט ער ניט איינגערוט.

— נאָך ניט אָנגעקומען קיין ענטפער פון קאלינינען? — האָט ער גע־האלטן אין איין פרעגן.

— ניין, מיין זון, נאָך ניט. באלעגאָלעס זיינען פאראן אין רוסלאנד א סאך, און דייגעס האָט קאלינין ניט ווייניק. ס'זיינען שוין איצט פאראן אוור־טאָבוסן, טראמווייען, און אלע באלעגאָלעס פרעגן אים און שרייבן אים מיי־סטאמע, וואָס זאָלן זיי טאָן. און אכוץ די באלעגאָלעס, ווענדן זיך דאָך צו אים אנדערע אויך — שניידער, שוסטער, שמידן, פויערים... מ'דארף אקערן די ערד, און ס'זיינען ניט פאראן ניט קיין פערד, ניט קיין אקערס... אָט שאפט מען, מיין זון, א סאָווירט, דארף מען געבן אהין אי פערד, אי מאַ־שינעס. קאָפּדרייעניש האָט ער א סאך, נאָר וועגן אונדז, באלעגאָלעס, מיין איך, וועט ער אויך א טראכט טאָן און וועט אונדז מיסטאמע העלפן.

דערווייל איז די לאגע געוואָרן ערגער. אפילע די באלעגאָלעס, וועלכע האָבן געסמאליעט א וועלט, ארומגעטראָגן זיך אין די גוטע פאעטאָנען, מיט די שיינע געשפאנען און אזש אף דער צענטער גאס פלעגט מען הערן די קלינגערייַ פון די גלעקעלעך, וועלכע זיינען צוגעטשעפעט אף זייערע געשפאנען, זיינען אויך נעלעם געוואָרן. אף שריט און טריט האָט מען נאָר געהערט, אז מע פארקויפט פערד־און־וואָגן, די טשומערקעס מיט די גארט־לען, מע צעקריכט זיך ווער אין אן ארטעל פון די פורמאנעס, ווער ערגעץ אנדערשוווּ.

צווישן די דערשלאָגענע באלעגאָלעס, וועלכע האָבן קיין אנדער ברייַרע ניט געהאט, ווי אָפּשטיין שאָענווייז ארום וואָקזאל און ארויסקוקן, טאָמער וועט זיך יאווען א פאסאזשיר, וועלכער האָט פארשפעטיקט צום אווטאָבוס אָדער וועמען מע דארף צופירן באגאזש, איז אויך געווען אווראָם מעהודין.

ס'איז שוין דורכגעגאנגען ניט ווייניק צייט, און טשוווּעס אף די אוועק־געשיקטע בריוו זיינען נאָך אלץ ניט אָנגעקומען. אווראָם איז פונדעסטוועגן ניט אראָפּגעפאלן בא זיך און אונטערגעמונטערט די באלעגאָלעס:

— האָט געדולד, וואַרט צו, קיין זאַך טוט זיך ניט אַזוי גיך, ווי ס'ווילט זיך. קאַלינין און אַפילו אונדזערע טוער פון אויספּירקאָם, צו וועלכע מיר האָבן זיך געווענדט, זײַנען דאָך מענטשן פאַרנומענע... ס'וועט דורכגיין נאָך אַ ביסל צײַט, און מיר וועלן באַקומען אַן ענטפער... איר וועט זען, אַז מיר וועלן באַקומען!

עמעס, עס פלעגט פּאַסירן, אַז אוראָם אַליין האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די זיכערקייט, צי וועט טאַקע אָנקומען אַ טשוווע אַף די בריוו. איליוסיק האָט איינמאָל געהערט, ווי דער טאַטע האָט פאַרביטערט געזאָגט:

— וואָס וועט זײַן, זעלדע, וואָס טוט מען טאַקע? וויפל איז דער שיר אַזוי צו מאַטערן זיך, כ'קאָן דאָך שוין מער ניט אויסהאַלטן...

פונעם טאַטנס רייד איז איליוסיקן געוואָרן אַזוי שווער אַפן האַרצן, אַז ער האָט זיך שיר ניט פאַנאַנדערגעוויינט. פון גאַנצפרי ביז שפּעט באַנאַכט טראָגט זיך אַרום דער טאַטע, אַקערט מיט דער נאָז די ערד עפּעס צו פאַר־דינען, און קיינער דאַרף ניט אים, ניט זײַן פערד, ניט זײַן דראָשקע.

אײַנדערפרי, ווען איליוסיק האָט זיך אויפגעכאַפּט און געוואָלט זאָגן דעם טאַטן אַ פּאָר גוטע ווערטער, קעדיי אים דערמוטיקן אַ ביסל, איז דער פאָטער שוין געווען אוועקגעפאָרן און די מאַמע איז שוין אויך ניט געווען אין שטוב. נעכטן באַנאַכט, ווען דער טאַטע האָט גערעדט מיט איר, האָט איליוסיק דײַטלעך געהערט, ווי זי האָט געזאָגט:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, אוראָם, איך וועל קריגן וויפל־ניט־איז געלט, כ'וועל עפּעס קויפן...

די מאַמע האָט זיך געזאַמט לאַנג. אין שול איז איליוסיק דעם טאָג ניט געגאַנגען, די ריי אָנצוטאָן די שטיוול איז הײַנט געווען מאַטלס. איז ער געלעגן און געכאַזערט דעם געדיכט, וואָס דער לערער האָט געהייסן אויס־לערנען אַף מאָרגן:

אוי, איר הענטעלעך קונדייסים,
כ'ווער דאָך פּאַשעט קראַנק פון אײַך,
דאָ אַ בילד צעריסן...

ער האָט געמורמלט דאָס לידל און בייסמײַסע געטראַכט, אַז ווען זיי האָבן אַ שטיקעלע ערד, וואָלט קיינער ניט געדאַרפט דערמאָנען זײַן טאַטן, אַז ס'איז שוין פרילינג. ער וואָלט טאָג און נאַכט געאַרבעט. ווי דערלעבט מען נאָר צו קריגן דאָס שטיקל ערד?

אויסגעכאַזערט דעם געדיכט, איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעהויבן אַרויסקוקן אין דרויסן. איבער דער גאַס האָבן זיך אַרומגעטראָגן מענטשן, פאַרבײַגעפאָרן פורן, דורכגעלאָפן קינדער. פאַרבײַ דעם פענצטער האָט דורכגעשלײַכט אַ באָכערל אין אַ גרויסן וואַטניק און פאַרקערעוועט גלײַך צו זיי אין הויף אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום האָט איליוסיק דערהערט, אַז עמעצער קלאַפּט. ער איז צוגעלאָפן צו דער טיר.

— ווער איז דאָס?

— מעהודין וווינט דאָ? — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון יענער זײַט טיר.

— וועמען דארפט איר?
— עפנט אוף. א בריוו...
איליוסיק האָט אופגעעפנט די טיר, און דער בריווטרעגער האָט אים דערלאנגט א בריוו.
איליוסיק האָט אופגעעפנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען.
— ס׳איז פון קאַלינינען!... — האָט ער א געשריי געטאָן און עטלעכע מאָל נאָכאנאנד איבערגעלייענט: — „אײַער בריוו האָט כאָוער קאַלינין איבערגעשיקט אין האָמליער אויספירקאָם מיט א ביטע מיטהעלפן אײַך...״
איליוסיק האָט א באָרוועסער געוואָלט לויפן אָנזאָגן דעם טאַטן די בסורע. נאָר אין דרויסן איז געווען שטארק קאַלט. אָבער אײַנזיצן האָט ער אויך ניט געקאָנט. ס׳האָט אים געריסן, געטראָגן. איז ער ארויסגעלאָפן אין דרויסן, אומגעקערט זיך, ווידעראמאָל ארויסגעלאָפן...
עס איז געקומען די מאמע. דערזען איליוסיקן א באָרוועסן אין דרויסן, האָט זי אופגעהויבן א גוואלד:
— ווּהין טראָגט דיך אין אזא קעלט? ווילסט זיך צוקילן? די מינוט גיי ארײַן אין שטוב!
— איך דארף לויפן... אפגיך, גיב מיר דײַנע שיך, מאמע...
— ווּהין דארפסטו לויפן?
— צום טאַטן...
— וואָסי, וואָס ברענט עס אזוי?
— א בריוו פון קאַלינינען... קאַלינין שרײַבט, אז מע דארף גיין אין אויספירקאָם...
— לייען זשע מיר אויך איבער.
איליוסיק האָט געלייענט דעם בריוו, און זעלדע האָט דערווײַל אויסגעטאָן די שיך.
— דו ווייסט דען, ווו דער טאַטע איז? ווו וועסטו אים געפינען?
— איך וועל אים געפינען.
— אומזיסט וועסטו לויפן. סײַווי וועסטו אים ניט געפינען.
איליוסיק האָט אין איין רעגע אָנגעטאָן דער מאמעס שיך, דעם אלטן וואטניק און הענדעם־פענדעם זיך געלאָזט לויפן. ער איז געווען אזוי צעראַשט, אז ס׳האָט זיך אים געוואָלט אָפּשטעלן יעדן פארבײַגייער און אָנזאָגן אים די פריידיקע נײַס: מיר האָבן באקומען א בריוו פון קאַלינינען! מיר וועלן קריגן ערד!
דערקליבן זיך צום וואָקזאל, האָט ער אָנגעהויבן זוכן מיט די אויגן דעם פאָטער.
— ווו איז דער טאַטע? — האָט ער געפרעגט פיניע יעגעסן, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל.
— וואָס דארפסטו דעם טאַטן, וואָס איז געשען? — האָט פיניע אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן. — דער טאַטע איז אוועקגעפאָרן, ס׳האָט זיך אים געמאכט א פּאַסאַזשיר... ער וועט באלד זיך אומקערן אהער.

— א בריוו פון קאַלינינען, א בריוו! — האָט איליוסיק, ניט קאָנענדיק זיך אײַנהאלטן, אויסגעשאָסן.

— עס איז אן ענטפער אף אונדזער בריוו צו קאַלינינען? — עטלעכע באַלעגאָלעס זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע וועגענער און זיך געלאָזט לויפן צו איליוסיקן. — לייען! גיכער! וואָס שרײַבט ער?

פיניע יעגעס האָט געוואָלט אַרויסרײַסן בא איליוסיקן דעם בריוו, נאָר דאָס יינגל האָט ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט.

— לייען זשע! — האָבן די באַלעגאָלעס געבעטן.

איליוסיק האָט אָנגעהויבן לייענען:

— „דעם כאַווער מעהודין... אײַער בריוו האָט כאַווער קאַלינין..."

עס האָט זיך באַוויזן אף זײַן דראָשקעלע אווראָם.

— רעב אווראָם, — האָט מען געשריִען צו אים. — א בריוו!.. א בריוו! אווראָם איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָשקע, צוגעלאָפן צו איליוסיקן.

— נא, טאַטע! — איליוסיק האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו. — לייען! מע דאַרף גיכער גיין אין אויספּירקאָם.

— איז לאָמיר פאָרן! וואָס איז דאָ צו ריידן, לאָמיר פאָרן! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

און כאָטש ס׳האָט געדאַרפט אָנקומען א צוג, האָבן די באַלעגאָלעס, ניט וואַרטנדיק אף פּאַסאַזשירן, געלאָזט זיך פאָרן אין אויספּירקאָם.

# קאַפּיטל דרײַ

## 1

דער טוער פון אויספּירקאָם, צו וועמען עס זײַנען געקומען די באַלעגאָ־לעס, איז געווען א הויכער, א דאַרער, מיט א לאַנגן האַלדז, מיט אן אײַנ־געשרומפּן טונקל פּאָנעם און גרויסע שוואַרצע אויגן.

ער האָט אײַנגעלאַדן די באַלעגאָלעס צו זיך אין קאַבינעט, א ווײַז גע־געבן אף די בענקלעך, וועלכע זײַנען געווען צעשטעלט אַרום זײַן שרײַבטיש:

— ביטע, כאַווײרים, זעצט זיך.

ווען אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער געפרעגט:

— איר ווילט, הייסט עס, שאַפן א קאָלעקטיוו און זיך באַזעצן אף ערד?

— מיר האָבן אָנגעשריבן וועגן דעם א בריוו דעם כאַווער קאַלינין, — האָט זיך אָפּגערופן אווראָם, — און האָבן באַקומען אן ענטפער, אַז...

— אײַער בריוו האָט מען איבערגעשיקט צו אונדז, — האָט געזאָגט דער טוער פון אויספּירקאָם.

ער האָט אַרויסגענומען פון סייף א פּאַפּקע, איבערגעבלעטערט אין איר פאַרשיידענע פּאַפּירן און פאַרגעזעצט:

— איר האָט זיך דאָך געווענדט וועגן אויסטיילן ערד פאַר אײַער קאָ־

לעקטיוו צו אונדז אין אויספּירקאָם אויך... דער איניען ווערט איצט באַ־טראַכט, מיר האָבן אַזעלכע מעלדונגען ניט נאָר פון באַלעגאַלעס, נאָר אויך פון געוועזענע קליינע קרעמער און פון אַנדערע, וועלכע ווילן אַריבערגיין צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. מע דאַרף די מענטשן העלפן אײַנאָרדענען זייער לעבן... אָבער ערד אַרום שטאָט, ווייסט איר דאָך, איז פאַראַן ווייניק, מ׳דאַרף אויסזוכן ערד אָדער בײַ אונדז אין געגנט, אָדער אין אַנדערע ער־טער.

— ווער ווייסט וויפל דאָס קאָן געדויערן, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — מיר האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג דורכצולעבן. איר ווייסט דאָך, באַלעגאָלערײַ איז געוואָרן אויס, מע קאָן אָפּשטיין אַרום וואָקזאַל אַ טאָג און צוויי און קיין איין פּאַסאַזשיר זאָל זיך ניט יאַוועןן, מע פאַרדינט ניט נאָר ניט פאַר זיך אָפּן לעבן, נאָר אַפילע דאָס פערד אָנצוהאָדעווען, נאָך אַ ביסל, און די ברויטגעבער אונדזערע וועלן אויסציִען די פּיס.

דער טוער פון אויספּירקאָם האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט פּאַפּעליו־כען און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי זייער גוט אײַער לאַגע, אָבער מיטפילן אַליין איז ווײַ־ניק. מע דאַרף אײַך, פאַרשטייט זיך, העלפן. אָבער ווי?אַזוי? דערווײַל איז פאַראַן איין אויסוועג: ביז די פּראַגע וועגן ערד וועט געלייזט ווערן, העלפן אײַנאָרדענען אײַך אויף אַרבעט.

— אָט, אָט, אין דעם גייט עס טאַקע, — האָט זיך אָפּגערופן פּיניע יעגעס.

— מיטן טראַנספּאָרט איז נאָך בײַ אונדז ווײַט ניט פויגלדיק, — האָט דער פאַרשטייער דערקלערט, — אויף די בויוונגען, וועלכע הייבן זיך אָן בײַ אונדז אומעטום, און אויך אויף די אַלטע אונטערנעמונגען דאַרף מען האָבן מענטשן מיט פערד־און־וועגענער. ביזוואַנען מיר וועלן קריגן די נייטיקע צאָל מאַשינעס, וועלן נאָך אַפילע אײַערע דראָשקעס צוניץ קומען. איך וועל באַלד אָנקלינגען דעם כאַווער פון דער טראַנספּאָרט־אָפּטיילונג, און ער וועט אײַך אײַנאָרדענען... און וועגן דעם קאָלעקטיוו דאַרפט איר דער־ווײַל צונויפשטעלן צעטלען פון די מענטשן, וועלכע ווילן זיך אין אים פאַרשרײַבן, פאַרעגיסטרירן אים, אָנווײַזן, וואָס פאַר אַן אינווענטאַר איר פאַרמאָגט, אין וואָס איר נייטיקט זיך. ווען בײַ אײַך וועט זײַן אַלץ גרייט, וועט איר קומען צו מיר. קלאָר?

דער טוער האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע און געפרעגט:

— עפּשער האָט איר וועלכע־ניט־איז פראַגן?

— איך וויל פאַרגעבן אַ פראַגע, — האָט אויפגעהויבן זיך שלוימע פּאַ־פּעליוכע. — איר האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן דערלאַנגען צעטלען און זאָלן אָנווײַזן, וואָס מיר פאַרמאָגן. קאָן איך אײַך זאָגן דאָ אויף אָן אָרט. קורץ — מיר פאַרמאָגן דאַלעס.

— ווײַבער און קינדער האָבן מיר נאָך צום דאַלעס, — האָט צוגעגעבן פּיניע יעגעס.

— אַז איר זײַט ניט קיין נעגידים, ווייסן מיר, — האָט אַ שמייכל געטאָן דער טוער פון אויספּירקאָם. — און אַז איר האָט ווײַבער און קינדער, איז

אויך קלאָר. אָבער אַז ס׳רעדט זיך וועגן אַ קאָלעקטיוו ערד־אַרבעטער, איז וויכטיק צו וויסן די צאָל אַרבעטספּייִקע מענטשן, דער אינווענטאַר, די שלעפּ־קראַפט...

— אייניקע פֿון אונדז פֿאַרמאָגן אַזעלכע פֿערד, אַז זיי הייסן נאָר פֿערד, ווײַל זיי פֿאַרמאָגן פֿיר פֿיס און ווײדלען, — האָט ווידער אָפּגערופֿן זיך פֿיניע יעגעס.

— דאַרף מען אָנווײַזן, וויפֿל אַרבעטספּייִקע פֿערד און וויפֿל ווייניק־אַרבעטספּייִקע, — האָט געדולדיק ניט אויפֿגעהערט דערקלערן דער טוער. — אָף די שוואַכע פֿערד פֿאַרט איר דאָך פֿונדעסטוועגן, וועלן זיי אין קאָלעקטיוו אויך צוניץ קומען.

— אַ גוטער באַלעבאָס קאָן פֿון אַ שלעכט פֿערד מאַכן אַ גוטס, — האָט געזאָגט אוראָם. — און אַ שלעכטער באַלעבאָס מאַכט פֿון אַ גוטס אַ שלעכטס.

— גאַנץ ריכטיק, — האָט צוגעשטימט דער טוער. — נאָר בלויז מיט אײַערע פֿערד קאָן מען קיין ערנסטע ווירטשאַפֿט ניט אויפֿבויען. די מעלוכע וועט אײַך געבן קרעדיטן, און איר וועט קויפֿן, וואָס איר דאַרפֿט.

— אָט דאָס וואָלט געווען אַ זאַך! — איז אַזש אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט שלוימע פּאַפּעליוכע. — מיר וואָלטן אויפֿגעריכט געוואָרן, ווען מע זאָל אונדז העלפֿן שטעלן זיך אָף די פֿיס. אָבער ווי דערלעבט מען עס שוין!

— נישקאָשע, איר וועט דערלעבן, — האָט די באַלעגאָלעס אונטערגע־מונטערט דער טוער פֿון אויספּירקאָם.

די צײַט איז געגאַנגען. אוראָם מעהודינס באָכערימלעך זײַנען אונטער־געוואַקסן. ווי פֿריִער, איז יעדערער פֿון זיי געגאַנגען אין שול נאָר אין דעם טאָג, ווען ס׳איז דערגאַנגען זײַן ריי אָנצוטאָן די שטיוול.

מיט דער הילף פֿון אויספּירקאָם האָט אוראָם זיך אײַנגעאָרדנט אָף אַ סקלאַד פֿון אַ בוי־קאָנטאָר. אָנלאָדן און אויסלאָדן שווערע קלעצער און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן, וועלכע אים איז אויסגעקומען איבערפֿירן אָף זײַן פֿערד, איז געווען אויסערגעוויינלעך שווער. דאָס פֿערד איז אויך געפֿאַלן פֿון די פֿיס.

אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, האָט זעלדע אײַנגעהאַנדלט אין מאַרק אָן אַלטע פּאָר שיך, און מיכקע מיט מאָטלען האָבן אָנגעהויבן אונטערהעלפֿן דעם פֿאָטער.

יעדן מאָל, ווען אוראָם פֿלעגט קומען אַהיים, קוים אַ לעבעדיקער, פֿלעגט זעלדע אים טרייסטן:

— נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל, מאַטער זיך איבער, אוראָם, עפּשער וועט אײנגיכן אָנקומען אַ טשוווע וועגן דער ערד, דאַן וועט גרינגער ווערן.

נאָר דער אײניען האָט זיך היפּש פֿאַרצויגן, קיין פּאַסיקע ערד־שעטאָכים אַרום שטאָט און אַפֿילע אין געגנט פֿאַר אַ קאָלעקטיוו איז שווער געווען אונטערצוזוכן.

אין אײנעם אַ האַרבסטיקן טאָג האָט זיך צו אוראָם מעהודינען אין

שטוב אַרײַנגעריסן אַ דאַרינקער באַלעגאָלע, אין אַ גרויסער בורקע, און מיט אַ צעראַשט קאָל אַ פרעג געגעבן:

— ווו איז רעב אווראָם?

לויט זײַן פאַרשמײַעטן אויסזען האָט זעלדע פאַרשטאַנען, אַז געקומען איז ער וועגן זייער אַ וויכטיקן איניען.

— וואָס דאַרפט איר אווראָמען? וואָס איז געשען, וואָס איר זוכט אים אינמיטן העלן טאָג אַזוי אַרום?

— וועגן דער ערד...

— וואָס וועגן דער ערד?

— ס'איז הײַנט פאַראַן אין צײַטונג. אָט! גיט אַ קוק! — ער האָט אַרויס־געשלעפּט פון קעשענע די צײַטונג.

ער איז אָבער, קענטיק, געווען שטומפּיק אף דער איוורע. איליוסיק, וואָס איז געזעסן באַם פענצטער און געמאַכט די לימודים, איז צוגעלאָפן צו אים.

— נאַ, לייען! — האָט יענער דערלאַנגט אים די צײַטונג.

איליוסיק האָט געלייענט:

— „וועגן אויסטיילן ערד־שעטאַכים פאַר די אַרבעטנדיקע יידן אין קרים. באַשלוס פון צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר".

— איר הערט?! — האָט דער דאַרינקער באַלעגאָלע אויסגעשריִען.

אין שטוב זײַנען אַרײַנגעקומען עטלעכע באַלעגאָלעס אין שווערע שטי־וואַלעס און אין טשומערקעס מיט גאַרטלען, ווער מיט בײַטשן און ווער מיט שטעקנס. צווישן זיי — שלוימע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס, אויך אַזעלכע פּורמאַנעס, וועלכע זײַנען געווען זעלטענע געסט באַ אווראָמען אין דער היים.

— ווו איז די צײַטונג? גיט מיר אַ קוק טאָן מיט מײַנע אויגן, וואָס איז דאָרט אָנגעשריבן, — האָט יוינע שטעפּער — אַ באַלעגאָלע מיט אַ גרויסן שראַם אפן פּאָנעם, געוואָלט אַרויסרײַסן באַ איליוסיקן די צײַטונג פון האַנט, נאָר איליוסיק האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט און פאַרגעזעצט לייענען.

מידע זײַנען אָנגעקומען אווראָם מיט מיכקען פון דער אַרבעט.

— איר האָט שוין געהערט, רעב אווראָם? — האָט יוינע שטעפּער גע־פרעגט און, ווענדנדיק זיך צו איליוסיקן, געזאָגט: — לייען, זאָל דײַן טאַטע אויך הערן.

איליוסיק האָט געלייענט לאַנגזאַם, אַלע ווײַלע האָבן אים די באַלעגאָ־לעס איבערגעשלאָגן, פאַרגעבן פראַגן איינער דעם צווייטן. פּיניע יעגעס האָט געזאָגט:

— איר געדענקט, אַז איך האָב געבייצעט אָנשרײַבן קאַלינינען... ווען ער האָט באַקומען אונדזער בריוו, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז מ'דאַרף טאַקע העלפן...

— פּיניע איז גערעכט, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — קאַלינין האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן די באַלעגאָלעס, אויסגעבייצעט זיך מיט די טוער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג, און זיי האָבן אַרויסגעגעבן דעם דעקרעט שוין אויך פאַר אַנדערע קאַפּצאָנים — שוסטער, שנײַדער, קרע־

מער, וועלכע האָבן ניט מיט וואָס א טאָג דורכצולעבן און ווילן זיך באַ־זעצן אַף ערד.

— זאָגט מיר, וואָש איז דאָש פאר א קרים? ש׳איז דאָרט, ווו מע היילט זיך? — האָט געפרעגט סענדער קלאפטער.

— קרים? פרעגט מיך, וואָס איז אזוינס קרים, — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפער, — איך האָב פון דאָרטן ווראנגעלן פארטריבן... די ווײַסע גאזלאָנים האָבן ניט געוואָלט אָפּגעבן אונדז צוריק אָט דעם גאָלדענעם קאַנט... ביזן האלדז אין וואסער זײַנען מיר דורכגעגאנגען סיוואש... איר ווייסט כאָטש, וואָס דאָס איז פאר א סיוואש און וואָס איז אזוינס פערע־קאָפּ?.. איַ, זײַנען דאָרטן שלאכטן געגאנגען, איַ, האָט זיך בלוט געגאָסן!

— כ׳האָב געהערט, אז ס׳איז דאָרט שטענדיק ווארעם, — האָט א זאָג געטאָן פיניע יעגעס. — אז מיר וועלן אריבערפאָרן אהין, מעגן מיר די פעלצן מיט די וואָליקעס פארקויפן.

— א מײַסע מיט א ווײַס עקסל, וואָס איז געפלויגן איבער א דאך, — האָט יוינע שטעפער אים איבערגעשלאָגן. — ארום פערעקאָפּ, ווו מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די ווײַסע, זײַנען געווען אי ווינטן, אי פרעסט, מע האָט געקאָנט גוט פארפרוירן ווערן... איר מעגט נאָך צוווארטן פארקויפן די פעלצן מיט די וואָליקעס, זיי קענען צוניץ קומען.

— איז ווו וועט מען געבן ערד — נעענטער צום פערעקאָפּ, צי דאָרטן, ווו ס׳איז ווארעם? — האָט געפרעגט א באלעגאָלע מיט א נאקעטן, פליכע־וואטן קאָפּ.

— אין צײַטונג איז גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, — האָט דערקלערט אור־ראָם. — ס׳איז נאָר אָנגעוויזן דזשאנקאָיער, קורמאנער און קאָלאָיער ראיאָ־נען.

— אין דזשאנקאָיער ראיאָן איז געשטאנען אונדזער שטאב, — האָט ווי־דער גערעדט יוינע שטעפער. — דאָרטן איז אליין בודיאָני געווען... דאָרטן איז אומגעקומען מײַן שקאָפּע. אוי איז דאָס געווען א פערד! ווי א ווינט האָט עס זיך געטראָגן... איך וואָלט געווען גליקלעך, ווען איך האָב איצט אזא. איר האָט דען אן אנונג, וואָס פאר א סטעפּ דאָרט איז! מע זעט ניט קיין אָנהייב, מע זעט ניט קיין סאָף.

— דאָרטן איז דאך גאָר דער יאַם, מע פאָרט אהין זיך היילן. איז פונ־וואנען האָט זיך גענומען ערד? עפשער איז דאָס גאָר אן אנדער קרים? — האָט ניט געקאָנט פארשטיין שלוימע פאפעליוכע. — און אויב ס׳איז דאָרטן אזויפיל גוטע ערד, פארוואָס זשע האָט זי ביז איצט געפּוסטעוועט? עס זײַנען ניט געווען קיין באלאָנים אף איר, אָדער קיין פּויערים זײַנען דאָרטן ניטאָ?

— טאקע, איך האָב עש אויך געוואָלט פרעגן, — האָט זיך ארײַנגעמישט סענדער קלאפטער. — ש׳איז עפּעס א צו גרויִשע מעציִע, ש׳באקומט זיך, אז מע האָט נאָר אף אונדז ארוישגעקוקט.

— די ערד האָט אמאָל געהערט א פּאָרעץ. נו, גייט די מעלוכע אונדז אנטקעגן און גיט זי אונדז אָפּ, — האָט דערקלערט אוראָם מעהודין. — וואָס

ווונדערט איר זיך?.. מײַן טאטן און מײַן זיידן האָט זיך אזוינס אפילע ניט געכאָלעמט, און איך האָב אויך ניט געגלייבט, אז כ'וועל אזעלכס דער־לעבן... ס'איז עפּעס א קלייניקייט — ערד! אומזיסט, נעם און באלעבאטע־ווע... עמעס, מיר האָבן ניט מיט וואָס צו אקערן און זייען, וועלן מיר פּאוואָלינקע די ערשטע צײַט אופקראצן א פּאָר דעסאטינקעס... דער פּאָר־שטייער פון אויספּירקאָם, בא וועלכן מיר זײַנען געווען, האָט דאָך גע־זאָגט, אז מ'וועט אונדז אונטערהעלפן... אין איין טאָג לעבט מען ניט אָן קיין באלעבאטישקייט.

שלוימע פּאפּעליוכע האָט אײַנגעהערט זיך אין יעדן וואָרט אווראָמס און צוגעשטימט:

— גערעכט איז רעב אווראָם: וויפל יאָר האָבן מיר געטרוימט וועגן ערד! איך געדענק נאָך, ווען איך בין געווען א קינד, פלעגן זיך צו אונדז אין שטוב צונויפקלײַבן מענטשן און זינגען: „אין דער סאָכע ליגט די מאזל־בראָכע"...

— יאָ, יאָ, בא אונדז אויך, — האָט מען אים אונטערגעהאלטן. — מיט וויפל הארץ פלעגט מען זינגען די ליד... ערד איז געווען א טרוים... א מין כאָלעם.

— זעט איר דאָך, ס'איז פלוצעם געוואָרן אף דער וואָר! — האָט פאַרענ־דיקט שלוימע פּאפּעליוכע.

א ווײַלע איז געוואָרן שטיל. עמעצער האָט מיט א פּעסטער שטים פארצויגן:

אין דער סאָכע ליגט די מאזל־בראָכע.

א פּאָר שטימען האָבן אונטערגעכאפּט:

עס קומט דער פרימאָרגן,
איך דארף גאָרנישט באָרגן,
דער מויעד דארף ניט זאָרגן,
אף טאָג־הויצאָעס — געלט,
ס'איז אָנגעגרייט אף ווינטער
א זאַסיק א געזינטער.
איך זיי און שנײַד גאַנץ מינטער —
פרייד אין גאָטעס וועלט.

די באלעגאָלעס האָבן געזונגען מיט הארץ, מיט געפיל. איינער א בא־לעגאָלע האָט אף זײַן אויפן איבערגעמאכט די ליד.

מיט דער סאָכע וועט ווערן אן אנדער דאָליע
בא דעם אָרעמען באלעגאָלע, —

האָט ער געזונגען.

איליוסיק האָט מיט פארטײַעטן אָטעם זיך אײַנגעהערט אין דער ליד, נאָכדעם האָט ער אויך אָנגעהויבן מיטזינגען מיט די באלעגאָלעס.

פאר זײַנע אויגן איז אופגעשווומען דאָס בילד, וואָס ער האָט געזען אין כאָלעם: ער גייט מיט דער בײַטש אריבערגעוואָרפן איבערן אקסל נאָכן אקער און דער פאָטער צעשיט די זריע איבערן אופגעאקערטן פעלד.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ גרויסער פּאַרדראָס, לעמיִי יאָסעלע איז אוועקגעפאָרן אַזוי ווײַט — אַזש קיין אַמעריקע. ס׳קאָן זײַן, אַז ווען ער וויסט, אַז מע גיט ערד, וואָלט ער צוריק געקומען. עפּשער וועלן אָנקומען אַהין אונדזערע צײַטונגען און ער וועט דערוויסן זיך וועגן דעם. נאָר סײַווי דאַרף מען אים אָנשרײַבן אַ בריוו.

„יאָסקע, — וועט ער אים שרײַבן, — קום אָפּגיך צו פאָרן, מיר פאָרן אַריבער קיין קרים, מע גיט אונדז דאָרטן ערד... מיר וועלן מיט דיר אַקערן און זייען, מיר וועלן האָבן ברויט, און ס׳וועט אונדז זײַן גוט!״

אָבער וווּהין וועט ער שרײַבן? „קיין אַמעריקע, יאָסקען״? פּונקט אַזוי, ווי אין דער דערציילונג, וואָס ער האָט ניט לאַנג געלייענט אין רוסישן לערנביכל, — „אין דאָרף, דעם זיידן...״

## 2

דער באַפּולמעכטיקטער איבער די איבערוואַנדערונג־איניאָנים איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די באַלעגאָלעס. דעריבער האָט ער יוינע שטעפּערן, ווען יענער איז אַרײַן צו אים, גלײַך, אָן זײַטיקע רייד, אַ זאָג געטאָן:

— איצט קאָנט איר מיט אײַער קאָלעקטיוו אָן מעניעס זיך באַזעצן אין די קרימער סטעפּעס. קלײַבט זיך ניט לאַנג, ווײַלט אויס אַ פאָר שעליכים, פאָרט זיך דורך, טוט אַ קוק. ווען איר וועט זיך אומקערן און איר וועט האָבן גענוי באַשטימט דאָס אָרט, ווו איר ווילט זיך באַזעצן, וועט געלייזט ווערן די פראַגע וועגן קרעדיטן און וועגן וואוינסן אויף אַריבערצו־פאָרן.

וואַרעם צעזעגנט זיך מיטן באַפּולמעכטיקטן, איז יוינע, אַ האָפּערדיקער, אוועק אַהיים. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַרײַנגיין אין שטוב, ווי ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפקלײַבן די באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן זיך פאַר־שריבן אין קאָלעקטיוו.

— וואָס הערט זיך?.. וואָס האָט געזאָגט דער באַפּולמעכטיקטער?.. — האָבן אַלע געוואָלט וויסן.

— ער האָט געזאָגט, אַז מ׳דאַרף שיקן שעליכים...

— מע דאַרף טאַקע לאַנג זיך ניט קלײַבן, און גוט אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס פאַר אַן ערד, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — ס׳איז דאָך אַ מין שידעך... מיט דער זעמעלקע וועט מען דאַרפן אָפּלעבן אַ לעבן, ווי מיט אַ ווײַב.

— ביז מיר וועלן זיך אַ קער טאָן, קאָן מען די בעסטע ערד־כאַלאָקים אויסכאַפּן.

— איז לאָמיר טאַקע דאָ אויף אַן אָרט אויסקלײַבן די שעליכים, — האָט פאָרגעלייגט סענדער קלאַפּטער.

— קומט אַרײַן אויף אַ ווײַלע צו מיר אין שטוב, און מיר וועלן דורכפירן אַ קורצע פאַרזאַמלונג, — האָט פאָרגעלייגט יוינע שטעפּער.

— קימאַט אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אין קאָלעקטיוו, זײַנען דאָ. טאָמער פעלן א פּאָר מענטשן, מאַכט אויך ניט אויס. מיר זײַנען דאָך א מערהײַט, — האָט געזאָגט שלוימע פּאַפּעליוכע.

ביזוואַנען מע האָט זיך אויסגעזעצט, זײַנען געקומען נאָך א פּאָר באַלע־גאָלעס.

— איצט זײַנען שוין אַלע דאָ, — האָט געמאָלדן יוינע שטעפער. — רופט אָן צוויי מענטשן פאַר שעליכים.

— איך מיין, אַז דער בעסטער שאַליעך איז טאַקע שטעפער אַליין, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס. — ווער ווייסט נאָך בעסער פון אים די ערד, אויף וועלכער מיר קלײַבן זיך אַריבערפאָרן?

— אווראָם מעהודינען לייג איך פאָר! — האָט אויסגעשריִען שלוימע פּאַפּעליוכע. — ער איז דער סאַמע פּאַסיקער מענטש פאַר א שאַליעך... רעב אווראָמען ווייסן אַלע, ער פאַרשטייט א טאָלק אין א שטיקל ערד, און זײַן וואָרט אין אַזא וויכטיקן איניען איז פאַר אונדז זייער טײַער.

— ריכטיק! דער כאַווער פּאַפּעליוכע איז אינגאַנצן גערעכט! — האָבן זיך דערהערט שטימען. — זאָלן די צוויי שעליכים אין א גוטער שאָ פאָרן און ברענגען אונדז גוטע נײַעס.

ווען אווראָם האָט זיך אומגעקערט אַהיים און מע האָט זיך דאָרטן דער־ווּסט, אַז ער פאָרט אַלס א שאַליעך אין קרים, איז די גאַנצע מישפּאָכע געוואָרן אַנציקט. איליוסיק האָט געטאַנצט פאַר פרייד:

— פאָר, פאָר גיכער, טאַטע! מיר ווילן וואָס גיכער אַריבערפאָרן אין סטעפּ!

זעלדע האָט גלײַך אָנגעהויבן גרייטן אווראָמען אין וועג. זי האָט אַרײַנ־געלייגט אין רענצל א פּאָרל וועש, א האַנטעך און וואָס זי האָט געקאָנט פון עסנוואַרג.

— זעט, קינדער, ביז איך וועל זײַן אין וועג, פאָרט צו אַלע אײַנקעט־פּרי צום סקלאַד, עפּשער וועט זיך מאַכן עפּעס צופירן, פאָרט זיך דורך איבער די גאַסן, כאַפּט זיך צו אין מאַרק, צום וואָקזאַל עפּעס צו פאַרדי־נען, — האָט אווראָם אָנגעזאָגט די כעווּרע. — זעט, גיט אַכטונג אויפן פערד.

— גוט, גוט, טאַטע, זײַ רויִק... מיר וועלן אומעטום זײַן, ווו דו פאַרסט, — האָט מיכקע פאַרזיכערט.

— אויפן פערד וועל איך אַכטונג געבן, — האָט צוגעגעבן איליוסיק. — איך וועל עס האָדעווען, פּאָיען, פּונקט ווי דו.

באַלעגאָלעס האָבן אָפּגעשלאָגן אווראָמס טירן. יעדערער האָט געפונען פאַר נייטיק דערמאָנען אים, אַז מ׳דאַרף גוט באַטראַכטן די ערד, א קוק טאָן, וואָס עס וואַקסט אויף איר, דערוויסן זיך, צי עס גייען אָפט רעגנס, צי ס׳איז פאַראַן נאָענט א טײַכל, ווי ווײַט ס׳איז צו א סטאַנציע, צי עס איז פאַראַן א מאַרק, ווי עס האַלטן דאָרטן די פּרײַזן...

...ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, זײַנען די באַלעגאָלעס נאָכגע־לאָפן און געשריִען:

— פארכאפּט מיט זיך אַ ביסל ערד פון דאָרטן, וועלן מיר זי כאַטש אַ שמעק טאָן... פארגעסט ניט ברענגען די גראָזן, וועלכע וואקסן דאָרטן!
צווישן די פיל קוילעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן, האָט זיך אויסגע־טיילט סענדער קלאַפּטערס שטים:
— ניט פארגעשט זיך צו דערווישן, ווי שע האלט דאָרט מיט וואשער.
דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפּײַפט, די רעדער האָבן געקלאַפּט... די שעלי־כים זײַנען אוועקגעפאָרן.
ס׳זײַנען דורכגעגאנגען אינגאנצן דרײַ־פיר טעג, און דער אוילעם האָט שוין מיט אומגעדולד אָנגעהויבן ארויסקוקן אף די שעליכים.
— ווען וועלן זיי קומען?..— האָט מען געהאלטן אין איין פרעגן.
אַלע טאָג איז איליוסיק געלאָפן באַגעגענען די צוגן, ארומגעגנישטערט מיט די אויגן אין די פענצטער פון די וואגאָנען, עפּשער וועט זיך באווײַזן דער פאָטער.
געקומען זײַנען די שעליכים שפּעט באנאכט, און באַגינען האָבן שוין אַלע געוווסט, אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט. די באַלעגאָלעס זײַנען זיי באַ־פאלן ווי די היישעריקן:
— נו, דערציילט שוין, וואָס האָט איר דאָרט געזען... וואָס פארא גליקן דערוואַרטן אונדז... מיר קוקן שוין אף אײַך ארויס, ווי אף מאָשיעכן...
יוינע שטעפער האָט געהאט אָפּגערעדט מיט אווראָמען, אַז זיי וועלן גאָרנישט ניט דערציילן, ביז דער גאנצער אוילעם וועט זיך ניט צונויפ־קלײַבן, דאָך האָבן זיי ניט אויסגעהאלטן און יעדערן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און געהערט אין סטעפּ.
בעאַריכעסדיק האָט אווראָם אָנגעהויבן דערציילן שלוימע פּאפּעליוכען. ער האָט פאנאנדערגענומען די הענט, אַ קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס און געזאָגט:
— ס׳איז סטעפּ. ווו איר זאָלט ניט גיין, ווו איר זאָלט ניט שטיין, איז סטעפּ... הוילער סטעפּ... אָן אַנהייב און אָן אַ סאָף איז סטעפּ... הימל און ערד... איר זאָלט כאַטש טרעפן ערגעץ־ווו אַ ביימעלע, אַ קוסטיקל...
— פונקט אזא איז ער געווען, דער סטעפּ, ווען מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט ווראנגעלן,— האָט צוגעגעבן יוינע שטעפער, וועלכער איז געשטאנען דערבײַ.— דערפאר איז טאקע שווער געווען די ווײַסע פון דאָרטן ארויס־שלײַדערן. אכוץ אַ באַלקעלע אָדער אַ מאָהילקע, איז ניט געווען ווו דעם קאָפּ צו באהאלטן.
— דער יאם איז ווײַט?— האָט געפרעגט שלוימע פּאפּעליוכע.
— דער יאם איז ווײַטלעך. אַז ס׳גיט אַ בלאָז פון אים אַ ווינטל, ווערט אַ כּיעס אף דער נעשאָמע,— האָט געענטפערט אווראָם.— און די ערד איז דאָרט פעט. אַז זי וועט ארײַנפאלן אין גוטע הענט, וועט עס זײַן אַן עמע־סער אויצער.
אווראָם האָט ארויסגענומען פון אַ זעקעלע אַ ביסל ערד. שלוימע פּאַ־פּעליוכע האָט עס געריבן צווישן די פינגער, אַ שמעק געגעבן, ווי מ׳נעמט אַ ביסל שמעק־טאַבעק, פארזיכטיק אוועקגעלייגט עס אף דער דלאָניע, גע־פּרווט אפילע אַ לעק געבן מיט דער צונג.

— ס׳איז, דאכט זיך, א ביסל געזאַלצן און צו טרוקן.

— ס׳האָט זיך צוגעטריקנט אין וואָגאָן, — האָט יוינע געזאָגט. — עמעס, קיין סאך רעגנס, זאָגט מען, גייען דאָרט ניט... אָבער גראָד פאר אונדזער אוועקפאָרן האָט א ביסל צוגענעצט די ערד.

— אז ס׳ווערט א בלאָטע, קאָן מען קיין פוס ניט ארויסשלעפן, — האָט ווײַטער דערציילט אוורהם. — און אז ס׳לאָזט דער וועג, איז זאָל גאָט היטן. ס׳איז דאָך שווארצערד. איר ווייסט, וואָס עס הייסט שווארצערד? אלץ, וואָס מע פארזייט, וואַקסט דאָרטן. קארטאָפליעס, זאָגט מען, וואַקסט דאָרטן ערגער ווי דאָ, בא אונדז, דערפאר וואַקסט ווייץ, קאָרן, קוקורוזע, פּראָסע, זונרויזן. נו, וואָס דאַרף מען נאָך?.. עמעס, די ערד איז שטארק פארלאָזט, פארהארטעוועט. כמעט גראָז, איז שוין דאָרט לאנג גאָרנישט ניט געוואַקסן... ס׳וועט זײַן פון אָנהייב שווער אופצואַקערן זי, נאָר אז מע הייבט אוף רויערד, באקומט זיך א גרויסע גערעטעניש... די דאָזיקע ערד האָט אמאָל געהערט א פּריצטע, זי האָט אין די סטעפּעס גרויסע אָטארעס שאָף געפּי־טערט.

— שאָף, האָב איך געהערט, האָבן ליב הארטע גראָזן, — האָט זיך אָפּגעע־רופן שלוימע פאפעליוכע.

— יאָ, די גראָזן זײַנען דאָרטן הארטע: קורײַ, בארקון, סווינאָראָיען... מיר האָבן געבראכט מיט זיך אלע גראָזן, וועלכע מיר האָבן באגעגנט, — האָט געזאָגט אוורהם.

— שווארצער פעפער וואַקסט דאָרט? — האָט געפּרוווט א וויצל טאָן זיך שלוימע פאפעליוכע.

— די ווײַסע האָבן מיר פארטריבן, ווי דער שווארצער פעפער וואַקסט, — האָט אין זעלבן טאָן געזאָגט יוינע שטעפער. — רויטע פעפער־לעך וואַקסן דאָרט, און דיניעס, און קאַוונעס, און אוגערקעס, און עפּל, און בארן...

— אָהאָ! — האָט אויסגעשריִען שלוימע פאפעליוכע. — איז עס דאָך טאַקע אן עמעסער אוצר!

## 3

איליוסיק האָט קיינמאָל ניט געזען דעם סטעפּ, נאָר דער סטעפּ האָט אים מיט א מוירעדיקער קראפט געצויגן צו זיך, גערופן...

פונקט ווי די עלטערע באלעגאָלעס, האָט דאָס באַכערל געריבן מיט די פינגער די ערד, וועלכע דער פאָטער האָט געבראכט אין א זעקעלע. ער האָט מיט א באזונדערער נײַגעריקײַט באקוקט די גראָזן, פאנאנדערגע־פרעגט זיך, ווי יעדער גראָז הייסט, און גוט פארגעדענקט זייערע נעמען.

איליוסיק האָט זיך פאָרגעשטעלט, וויאזוי ער וועט ארײַנגיין אין די הויכע אויסגעוואַקסענע גראָזן, ווי זיי וועלן קיצלען זײַן לײַב און ווי ער

ווערט זיך פֿאַרלירן צווישן זיי, ווי אַ פֿויגל, ווי אַ האָז, ווי אַנדערע סטעפּ־טוישווים.

איליוסיק האָט ניט אופֿגעהערט צו מאַטערן דעם פֿאָטער מיט פֿראַגן:

— ווען וועט מען שוין אַרויספֿאָרן אַהין?.. ווען?

דערוויסנדיק זיך, אַז ניט אַלע מיטאַמאָל וועלן אַרויספֿאָרן אין סטעפּ, איז ער געוואָרן אויסער־זיך.

— איך וויל, טאַטע, מיט דיר פֿאָרן... נעם מיך מיט זיך, אַניט וועל איך אַליין אַנטלויפֿן אַהין.

— ס'איז דאָך דאָרט ניטאָ וווּ צו וווינען... נאָר הימל און ערד.

— סײַווי וויל איך פֿאָרן, כ'וועל שלאָפֿן אויף דער ערד, — האָט איליוסיק זיך געאַקשנט.

— ס'זײַנען דאָרט פֿאַראַן שלענג, זיי קענען דיך, באַהיט גאָט, אײַנ־בײַסן, — האָט די מאַמע געפּרוּווט אים סטראַשען.

— איך האָב פֿאַר זיי ניט מוירע, — האָט איליוסיק געמאָלדן. — איך וויל גיכער אַקערן די ערד.

— אַלע קינדער הערן, וואָס מע רעדט צו זיי, און נאָר דו ווילסט ניט, — האָט אַוורעם אָנגעהויבן זיך בייזערן. — מיכקע און מאָטל ווייסן, אַז זיי דאַרפֿן בלײַבן דאָ מיט דער מאַמען העלפֿן פֿאַרדינען אויפֿן לעבן, און דו דאַרפֿסט זיך נאָך לערנען און אויך אונטערהעלפֿן. אַז ס'וועט זײַן אַלץ גרייט, וועלן מיר אַלע אַריבערפֿאָרן אַהין.

— און איך וויל דיר העלפֿן, — האָט איליוסיק געטײַנעט זײַנס.

ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן האָט מען איליוסיקן ניט געקענט אײַנרעדן, ער זאָל בלײַבן אין דער היים, און טאַטע־מאַמע האָבן געמוזט אײַנגיין מיטצונעמען אים אין סטעפּ.

די עטלעכע טעג, וועלכע זײַנען באַשטימט געווען אויף צוגרייטן זיך צום אַרויספֿאָרן, זײַנען דורכגעגאַנגען גיך. פּונקט צו דער אָנגעמערקטער צײַט האָט דער אוילעם מיט האַק־און־פּאַק זיך געלאָזט אין וועג. אַרויסבאַגלייטן די, וואָס פֿאָרן אָפּ, זײַנען געקומען אַ סך מענטשן. דער אוילעם האָט גע־טומלט, געשריִען, איבערגעוואָרפֿן זיך מיט ווערטלעך, געכאָכמעט זיך, גע־לאַכט, אייניקע האָבן שטילערהייט געווישט די אויגן.

דער צוג איז אַוועק אין זײַן ווײַטן וועג, און די פֿעלדער און וועלדער, וועלכע זײַנען געפֿלויגן פֿאַרבײַ די וואַגאָנען, האָבן זיך געשפּרייט און גע־שפּרייט... אין דער טעפּלושקע, וווּ ס'איז געזעסן אַוורעם, איליוסיק און די איבעריקע באַלעגאָלעס, האָט אַ שטיקל צײַט געהערשט אַזאַ שטילקײַט, אַז אויסער דער בראַזגערײַ פֿון די רעדער האָט מען גאָרנישט ניט געהערט.

אין דער שטילקײַט, פֿרײַ פֿון יאָגעניש נאָך פּאַסאַזשירן, נאָך פּעק און פּעקלעך און נאָך אַנדערע פֿאַרדינסטן, האָט יעדערער פֿון די באַלעגאָלעס אָנגעהויבן אָפּגעבן זיך אַ כעזשבן־האַנעפּעש — ווּהין מע פֿאָרט, נאָך וואָס מע פֿאָרט און וואָס עס קאָן פֿון דער פֿאָרעניש אַרויסקומען.

— מע האָט אונדז ווי ביימער אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען, ווּ מיר זײַנען געוואַקסן, און מע וויל אונדז איבערפֿלאַנצן פֿון איין אָרט אויף אַן אַנדערן, — האָט עמעצער אין דער טיף פֿון דער טעפּלושקע שטיל אַ זאָג געטאָן.

— איך וויל, אז די סעליכים, וועלכע זײַנען סוין געווען אין שטעפּ, זאָלן אונדז ענטפערן. מ׳זאָגט, אז אין שטעפּ איז ווייניק וואַשער, ווי זשע וועלן וואַקשן די ביימער, וואָש מ׳וועט איבערפלאַנצן? — האָט געפרעגט סענדער קלאַפּטער.

— זיי וועלן זיך אײַנוואָרצלען און וואַקסן, נאָך ווי׳אַזוי וואַקסן! — האָט געענטפערט יוינע שטעפּער.

## 4

דער צוג איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אָפּגעשטעלט זיך אויף אַלע פּאָלוסטאַנקעס. אויף די גרויסע סטאַנציעס, ווו ער האָט זיך פאַרהאַלטן גאָר לאַנג, האָט מען געצונדן שײַטערס און געקאָכט: ווער — קאַרטאָפליעס מיט שאָלעכץ, ווער א קאַשע פון האָבער־גרויפּן און ווער א זאַטירקע. אין טעפּלושקע האָט מען דערציילט מײַסעס, געוויצלט זיך און געכאָכמעט, געזונגען לידער. אין אָוונט, ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט שלוימע פּאַפּעליוכע פאַרצויגן די באַלעגאָלע־ליד „פאָר איך מיר ארויס אין א פינצטערער נאַכט״, און אַלע האָבן אים אונטערגעהאַלטן:

וויאָ, וויאָ, פערדעלעך, וויאָ, וויאָ, שייבינקע,
הייבט נאָר די קעפּעלעך הויך...

די באַלעגאָלעס האָבן געזונגען וועגן דער אַמאָליקער פאַרשאָלטענער דאָליע, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף זייער גורל, און די רעדער האָבן, דוכט, אויסגעקלאַפּט א נײַע ליד פון א נײַער דאָליע, וועלכע עס דערוואַרט די פּאַסאַזשירן ערגעץ אין די ווײַטע אומבאַקאַנטע סטעפּעס.

ווען מע ענדיקט זינגען, ווענדט מען זיך צו די געוועזענע שעליכים מיט איינער און דער זעלבער פראַגע:

— נאָך ווײַט?

— גאַנץ ווײַטלעך. אז מיר וועלן דערפאָרן צום פּערעקאָפּ, רעכנט, אז מיר זײַנען אין דער נײַער היים... — האָט דערקלערט יוינע שטעפּער. — דער פּערעקאָפּ — דאָס איז דער טויער פון קרים. אז מיר וועלן צופאָרן צו אים, וועל איך אײַך ווײַזן דאָס אָרט, ווו איך בין געשטאַנען לעבן פרונזען. א פּראָסטער איז ער געווען, ווי א סאָלדאַט. געגעסן פון א קעסעלע. איך געדענק נאָר ניט, צי האָט ער געהאַלטן דעם לעפל אין כאָליעווע, ווי מיר, סאָלדאַטן. דאָס פערד, אויף וועלכן ער האָט געריטן, האָט געהייסן... וואַרט אויס, איך וועל זיך באַלד דערמאָנען... ס׳ליגט מיר מאַמעש אויפן צונג... אָט, א רועך זאָל עס נעמען, פון קאָפּ ארויסגעפלויגן... אוי איז דאָס געווען א פערד! און אָדלער איז דאָס געווען... מײַן שקאַפּע, אויף וועלכער איך האָב געריטן, לאַסטאָטשקע האָט זי געהייסן, איז, דאַכט זיך, געווען א לײַבלעכע שוועסטער פון פרונזעס פערד... ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט. נאָר בא פרונזעס פערד איז געווען די גריווע א געדיכטערע און דער וויידל אונטערגעהאַקט... פרונזע האָט מיך גערופן פּראָסט — יוינע, ניט קראַסנאָאַרמייעץ שטעפּער, ווי ס׳פּאָדערט זיך לויטן אוסטאַוו. דאָס איז א סימען, אז

ער האָט מיך געהאַלטן פאַר א גוטנברודער. ווען איך וואָלט וויסן, אז מיר וועט אויסקומען אַריבערפאָרן מיט אײַך אַף די סטעפּעס, וואָלט איך נאָך דאַן אויסגעקליבן א גוט שטיקל ערד. נאָר ווען מען איז דאָס געלעגן אין זינען און ווער האָט געטראַכט וועגן דעם?

איליוסיק האָט אין א ביכל געזען א בילד „די שלאַכט באַם פּערעקאָפּ״, נאָר ער האָט נאָך דאַן ניט געוווּסט, אז יוינע שטעפּער דער באַלעגאָלע האָט אויך אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן. אים האָט זיך געוואָלט פאַרגעבן יוינען א סאַך פראַגן, נאָר ער האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון די פעלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן פאַרבײַ. די פעלדער זײַנען געווען פאַר־וואַקסן מיט ברוין־טונקעלע איבערגעצײַטיקטע גראָזן. ערטערווײַז האָבן געשוואַרצט פּאַסיקלעך פריש־אופגעאַקערטע ערד, איבער וועלכער ס׳האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט סטײַעס ראָבן, זיי האָבן געהויבן זיך אין דער הייך, ווי־כערדיק זיך געדרייט אין דער מוטנער האַרבסטיקער לופט.

די דערפער, וועלכע האָבן דורכגעשווינדלט פאַרבײַ, זײַנען ניט געווען ענלעך אַף די דערפער דאָרט בא זיי, אין דער היים. די ווענט פון די כאַ־טעס זײַנען דאָ געווען ווײַסע, אונטן, בא דער ערד, אַרומגעקאַנטעוועט מיט שוואַרצע פּאַסן. די דעכער — שטרויענע אָדער מיט טשערעט געדעקט, די פענצטער — קליינינקע, געראַמע פּאַליסאַדניקעס.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען, בײַס דער צוג איז אַרוף אַף דער טאַווריער ערד. מיט יעדער רעגע איז געוואָרן אַלץ פינצטערער, און די סטעפּעס, וועגן וועלכע די שעליכים האָבן אַזויפיל געהאַט דערציילט, איז אומעגלעך געווען זען דורכן פענצטער פון וואַגאָן.

— דעם פּערעקאָפּ וועלן מיר דורכפאָרן באַגינען, — האָט געזאָגט יוינע שטעפּער. — מע דאַרף זיך לייגן שלאָפן, קעדיי ניט פאַרשלאָפן.

נאָר איליוסיק האָט סײַווי ניט געקאָנט אײַנליגן. יעדער רעגע האָט ער זיך אופגעכאַפּט, אײַנגעקוקט זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש און זיך אומגעקערט צוריק אַף זײַן אָרט, אָבער גראָד, ווען דער צוג איז צוגעגאַנ־גען צום געגאַרטן אָרט, אַף וועלכן ער האָט מיט אַזויפיל אומגעדולד אַרויס־געקוקט, איז אַפּן ייִנגל אָנגעפאַלן א שלאָף.

— פּערעקאָפּ! פּערעקאָפּ! — האָט ער אין שלאָף דערהערט עמעצנס שטים. ער האָט אופגעריסן די אויגן.

— ווו איז דער פּערעקאָפּ?

— זעסט, אָט דאָרט! — האָט יוינע געוויזן.

דער צוג איז האַסטיק דורכגעפלויגן דאָס הייליקע אָרט, וועלכן איליוסיק האָט אַזוי געטרוימט צו זען.

## 5

פון דער סטאַנציע קורמאַן ביזן ערד־כיילעק, וואָס מע האָט אויסגעטיילט פאַר די נײַע איבערוואַנדערער, איז געווען נאָך א היפּשער מעהאַלעך. דער אוילעם האָט זיך אונטערגעײַלט דערקלײַבן זיך צום אָרט. באַזונדערס איז

שווער געווען אין באַנאַכטיקן כאַשכעס שלעפּן די היימישע פּעק. אָבער זיצן אין ענגג קויטיקן וואָקזאַלכל און וואַרטן ביז אינדערפרי האָט קיינער ניט געוואָלט.

הינטער דעם קליינעם סטאַנציע־יישעוו האָט זיך אָנגעהויבן דער סטעפּ. קוים באַמערקבאַרע באַגינענדיקע טוי־וואָלקנדלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער אים. אַ פּאַרטאָגיק ווינטל איז דורכגעפלויגן, אַ שורש געגעבן איבער די נאַסע גראָזן. די פּײַכטע האַרבסטיקע לופט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט רייכעס פון רויערד, פון איבערגעפּריעטע גראָזן און פון טערפּקן פּאָלין. אַף דער בונט־רויטער מיזרעך־זײַט פונעם הימל האָט זיך באַוויזן די זון, און אין איר שײַן האָט דער סטעפּ אין זײַן גאַנצער פּראַכט זיך פאַנאַנדער־געוויקלט פאַר איליוסיקן, פאַר זײַן טאַטן און פאַר אַלע מיט־גייער.

— אוי, אוי, וויפל ערד! — איז איליוסיק געווען באַגײַסטערט. — גיב אַ קוק, טאַטע, דאָס וועט אַלץ זײַן אונדזערע? וויפל זשע טווע קאָן דאָ וואַקסן, און קאַרטאָפליעס, און... און...

פונעם ראַכוועס האָט אָזש דער אָטעם פאַרשלאָגן. ער האָט ריידן ניט געקענט, נאָר אָן אָן אופהער איבערגעכאַזערט:

— זע נאָר, זע!..

— וואָס זשע מיינט איר, אַז דאָס איז שוין דער גאַנצער סטעפּ? — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפער. — איר מיינט, אַז דאָרטן, ווו ס׳ווײַזט זיך אויס, אַז דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד, דאָרטן ענדיקט ער זיך שוין, דער סטעפּ?

— און איך האָב געטראַכט, ווו נעמט מען אַ שפּאַן ערד אַ קאַבאַקל צו פאַרזעצן אַף אַ צימעס אַף שאַבעס, — האָט געזאָגט שלוימע פּאַפּעליוכע.

די זון, אַ בלענדיק־העלע, האָט זיך אופגעהויבן איבערן בלויען, ערטער־ווײַז מיט דינינקע וואָלקנדלעך אויסגעזייטן הימל. די טויען אַף די גראָזן האָבן זיך איבערגעגאָסן, ווי דימענט־גרײַפּעלעך, אין אָראַנזשעווע גינגאָל־דענע קאָלירן.

באַם ברעג וועג האָט אַ דערשראָקענער האָז אַ רעגע אַרומגעקוקט זיך, אָנגעשטעלט די אויערן און מיט גרויס אימפּעט זיך געלאָזט לויפן איבער די פאַרוואַקסענע שטיקער רויערד.

— טיר־טיר־טיו! — האָט פּיניע יעגעס געשריען.

דער האָז האָט נאָך געשווינדער זיך אָנגעהויבן טראָגן. איליוסיק האָט זיך געלאָזט נאָך אים. ער האָט זיך ניט באַוויזן אומקערן, ווי ס׳האָט זיך באַוויזן אַ צווייטער האָז.

— נאָך איינער... טיר־טיר־טיו!

דער האָז האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך רייצן מיט איליוסיקן. ווען איליוסיק האָט געמאַכט נאָר איין שפּאַן צו אים, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין געדיכטן בורקון און פאַרשוווּנדן.

— וואָש איז דאָש פאַר אַ באַסעפּעניס? — האָט געפרעגט סענדער קלאַפּטער, דערזעענדיק אַ קליין גרוי כײַעלע.

— דאָס זײַנען סוסליקעס, — האָט געענטפערט אַווראָם.

— שושליקעס? — האָט דערפרייט זיך סענדער קלאפּטער. — קאָן מען דאָך פון זיי סובעס נייען. איז דאָך עש א געסעפּט.

— צי איר וועט מאַכן פון זיי שובעס, ווייס איך ניט, נאָר די טוווע וועלן זיי געוויס אומברענגען, — האָט דערקלערט אוורהאָם.

— ווי זשע פאַרניכטעט מען זיי? — האָט געפרעגט פּיניע יעגעס.

— מע גיסט אַרײַן וואַסער אין דער נאָרע, לויפן זיי אַרויס, — האָט געענטפערט אוורהאָם.

— מיט וואַסער, האָב איך געהערט, איז דאָ ניט פויגלדיק, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.

— מיר וועלן זיך אָן אייצע געבן, ווי צו קריגן וואַסער אויך, — האָט זיך אָפּגערופן יוינע שטעפּער. — איך זע דאָך, סאַראַ גראָזן זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן, און אז ס׳וואַקסן גראָזן, קאָן נאָך עפּעס אויסוואַקסן.

אָנגעלאָדענע מיט פּעק, האָט דער אוילעם לאַנגזאַם און שווער זיך באַוועגט, אָפּגעשטעלט זיך, געווישט דעם שווייס פון די שטערנס און געפרעגט:

— נאָך ווײַט?

— שוין נאָענט, — האָט זיי אונטערגעמונטערט אוורהאָם.

פון מידקײַט האָט קיינער שוין ניט געלייגט קיין אַכט אָף די סוסליקעס אין סטעפּ. אַלעמען האָט באַהערשט איין פאַרלאַנג — גיכער א וואַלגער טאָן זיך אָף די פּעק און אָפּרוען זיך. ענדלעך האָט דער אוילעם זיך דערשלעפּט צו א מאָהילקע.

— מע דאַרף שוין, דאַכט זיך, מער ניט גיין, — האָט אוורהאָם א זאָג געטאָן צו יוינען. — גיב נאָר א קוק גוט: אויב רעכטס איז פאַראַן א באַלקעלע, איז דאָס אונדזער אָרט.

— ס׳איז טאַקע, דאַכט זיך, דאָ, — האָט געענטפערט יוינע און מיט גיכע טריט אַוועק זוכן דעם סימען, וועלכן די שעליכים האָבן געמאַכט, קעדיי דערקענען זייער ערד־ביילעק.

— זיי ווייסן אַליין ניט, וווהין זיי האָבן אונדז פאַרפירט, — האָט מיט פאַרביטערונג געזאָגט פּיניע יעגעס.

אין א ווײַלע אַרום האָט זיך דערטראָגן יוינע שטעפּערס קאָל. יוינע איז געלאָפן, געפאַכט מיט די הענט און געשריען:

— דאָס איז עס! דאָס איז עס!.. שטעלט אַוועק א פּאָר שטעקנס, צעשפּרייט דעם ברעזענט און מאַכט א בײַדל.

— נו, איז לאָמיר מאַכן א בראָכע, — האָט פאַרגעלייגט שלוימע פּאַפּעליוכע. — בוירע פּרי אַדאָמע! געבענטשט זאָל זײַן די ערד, וועלכע וועט אונדז קאָרמעווען און וועט ווערן אונדזער היים.

— און די הענט זאָלן זײַן געבענטשט, ווײַל די ערד אָן הענט גיט גאָרניט, — האָט צוגעגעבן אוורהאָם מעהודין.

פּיניע יעגעס און שלוימע פּאַפּעליוכע האָבן צעוויקלט זייער באַלעגאָלישן ברעזענט און געמאַכט א בײַדל. דער אוילעם האָט אַוועקגעלייגט די פּעקלעך, נאָר רוען האָט קיינער ניט געקאָנט. מע איז אַוועק איבערן ערד־ביילעק באַטראַכטן די נײַע היים. אויסער הימל און ערד, איז דאָ גאָרנישט

ניט געווען, האָט מען געקוקט און געפּרוווט זיך פאָרשטעלן, ווי וועט עס דאָ, אויף דער הוילער ערד, ווערן א היים.

סענדער קלאָפּטער האָט מיט די פינגער אויסגעגראַבלט א ביסל ערד, צוגעטראָגן אווראָמען:

— ס׳סמעקט עפּעס אַנדערש, ניט ווי יענע ערד, וואָס די סעליכים האָבן געבראַכט.

— ס׳שמעקט אַלצייַנס, — האָט אווראָם געזאָגט.

סענדער האָט אויסגעריסן א פּאָר גראָזן, פאַרקרימט זיך, אויסגעשריגן:

— ס׳איז ביטער!

— ס׳איז דאָך פּאָלין! וואָס קײַסטו עס? זוך אָפּ א זיסן גראָז!

כאָטש אווראָם מעהודין איז געווען זיכער, אַז זיי זײַנען טאַקע געקומען צו זייער נײַער היים, דאָך האָט ער געהאַלטן אין איין זוכן נאָך אייניקע סימאָנים, וועלכע זאָלן אים איבערצײַגן, אַז ער האָט ניט קיין טאָעס. נאָר אָדער די רעגנס האָבן צעשווענקט די סימאָנים, אָדער די סימאָנים זײַנען פאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז, — געפינען זיי איז געווען אוממעגלעך. דער־ריבער האָט אווראָם באַשלאָסן אָפּזוכן אינעם ארומיקן סטעפּ דאָס אייניציקע שטיבל, וואָס דאַרף זײַן א פּאָר ווערסט פון די מאָהילקעס.

— כ׳וועל זיך דורכגיין אהין א זוך טאָן דאָס שטיבל, — האָט אווראָם געמאָלדן. — אויב איך וועל עס אָפּזוכן, הייסט עס, אַז מיר זײַנען טאַקע געקומען אויף אונדזער ערד.

— איר געדענקט, ווו דאָס שטיבל געפינט זיך? — האָט א פרעג געטאָן יוינע. — מע דאַרף גיין אויף רעכטס פון די מאָהילקעס און נאָכדעם אויף לינקס; ווען איר וועט דורכגיין דאָס באַלקעלע, וועט איר גלײַך דערזען דאָס שטיבל.

אַלטע טוישווים האָבן דערציילט אווראָמען מיט יוינען, אַז דאָס שטיבל האָט מען נאָך אויסגעבויט אין די יאָרן, ווען אין די היגע סטעפּעס האָט באַלעבאַטעוועט די פּריצטע ליוסטיכע, ווען מען די קיניגן יעקאַטערינע די צווייטע האָט אמאָל געשאָנקען די דאָזיקע ערד־מאַסיוון. דאָ, אויף די סטעפּ־פּעס, האָבן זיך געפּאַשעט אירע אָנצאָליקע אָטאַרעס שאָף. דאָס שטיבל מיט די גרויסע זאַהאָנעס, וועלכע זײַנען געווען דערבײַ אויסגעבויט, האָבן געדינט פאַר אַן אָפּשטעל־אָרט, וווהין די פּאַסטעכער פלעגן זיך צונויפ־קלײַבן מיט זייערע סטאַדעס אויף אָפּרו. דאָס איז אויך געווען זייער שוץ־אָרט אין א געוויטער און רעגנס.

מיט דער צײַט איז דאָס שטיבל שטאַרק כאָרעוו געוואָרן און ווינען דאָרט האָט מען ניט געקענט.

— איך מיין, אַז מע דאַרף פונדעסטוועגן א קוק טאָן, צי עפּשער קאָן מען דערווײַל דאָרטן באַזעצן זיך, — האָט געזאָגט אווראָם.

— ריכטיק, — האָט אים אונטערגעהאַלטן יוינע. — קומט צוזאַמען, און מיר וועלן באַשטימען, וואָס צו טאָן.

— איך וויל אויך גיין, — האָט פאַרגעלייגט פּיניע יעגעס. — איך וועל העלפן מאַכן דאָרט אַן אָרדענונג.

— קומט! — האָט געזאָגט אווראָם. — מ׳דאַרף פאַרכאַפּן מיט זיך אַן

עמער מיט א טשײַניק, מיר װעלן ברענגען פֿון דער דערבײַיקער דײַטשי־שער קאָלאָניע א ביסל װאסער און אופזידן אָקרעפּ.

— נאָך װאסער װעל איך גײן! — האָט אויסגעשריען איליוסיק.

ער האָט געכאפּט אן עמער מיטן טשײַניק און אװעק צוזאמען מיטן טאטן, מיט יוינגען און פיניען.

דערזען פֿונװײַטן דאָס שטיבל, האָט אװראָם מיט א פרײדיק קאָל אויס־געשריען:

— אָט, אָט איז דאָס! איצט זע איך, אז מיר זײַנען טאקע געקומען אפֿן אָרט, ניט װײַט פֿונדאנען איז די דײַטשישע קאָלאָניע. — ער האָט אויסגע־דרײט זיך צו איליוסיקן און צוגעגעבן: — אָט דארט, אף רעכטס, איז די קאָלאָניע, נאָר איך מײן, אז דיר װעט זײַן שװער דערטראָגן דאָס װאַ־סער.

— ס׳װעט מיר ניט זײַן שװער. איך װעל אָנעמען ניט קײן פֿולן עמער. ביז איר װעט צוקלײַבן, װעל איך שוין קומען צוריק.

— װארט צו, װעלן מיר צוזאמען גײן, — האָט אװראָם געפּרוּװט פֿאר־האלטן איליוסיקן, נאָר יענער איז שוין אװעקגעלאָפֿן.

ניט װײַט פֿונעם װעג האָבן זיך געשפּרײט קוקורוזע־ און זונרויזן־פֿעל־דער. אָפּגעשטעלט זיך א פאַרגאפּטער, האָט איליוסיק אָנגעהויבן אײַנקוקן זיך אין די גלײַכע רייען זונרויזן, מיט די שװער־אראָפּהענגענדיקע קעפּ, און אין די הויכע שטענגלעך קוקורוזע. ער האָט דאָס אויג ניט געקענט אָפּרײַסן פֿון די פֿעלדער. אָבער צורירן זיך צו א שטענגל קוקורוזע אָדער צו א זונרויז האָט ער ניט געװאגט.

נאָך די קוקורוזע־ און זונרויזן־פֿעלדער האָבן זיך אװעקגעצויגן געל־רײַפֿע פאסן לײַן און קאָנאָפּליע, װעלכע ער האָט קײנמאָל ניט געזען. און גלײַך דערבײַ האָבן זיך באװיזן אף לאנגע, קימאט פאַרװיאנעטע הודענעס װײַסע, טונקעלע און געשטרײַפּטע קאװענעס, העל־געלע דיניעס.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן, און איליוסיק איז אלץ געשטאנען און געקוקט אף די װוּנדערלעכע פֿעלדער, װעלכע האָבן אומדערװארט אנט־פּלעקט זיך פֿאר אים אין זײער גאנצער פּראכט. נאָר דער געדאנק, אז ס׳קאָן װערן פֿינצטער און ער װעט דעם װעג צוריק ניט געפֿינען, האָט געצװוּנגען גײן װײַטער.

ארײַנגעגאנגען אין קאָלאָניע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אף א ברײטער, גלײַכער גאס און גענומען באקוקן די געראמע באלעבאטישע, ארומגעצוימ־טע מיט װײַסע שטײנערנע פּארקנס, הויפֿן, װעלכע זײַנען געלעגן פֿון בײדע זײַטן גאס. ער האָט ניט געקענט באשטימען, אין װעלכן הויף ארײַנ־גײן. געװען זײַנען די הויפֿן, װי אײן טראָפּן װאסער, ענלעך אײנער אפֿן צװײטן. אין די פּאליסאדניקעס זײַנען, לויט א שטרענגן סײדער, געװען אויסגעזעצט פּרוכט־בײמער, הינטער װעלכע ס׳האָבן זיך קוים ארויסגעזען די הײַזער, געדעקטע מיט טשערעפּיצע אָדער מיט שינדל. אין הינטער־גרונט זײַנען געװען ערטער פֿארן לאנדװירטשאפטלעכן אינװענטאר, און פֿון בײדע זײַטן — ברײטע קלוניעס, װעלכע זײַנען געװען ארומגעשטעלט מיט סקירדעס שטרוי, הײ און קוקורוזע־שטענגלעך.

ארומגעדרייט זיך א ווײַלע, האָט איליוסיק דערזען אין איינעם פון די הויפן א ברונעם. ער האָט לײַכט אָן עפן געטאָן די קאַליטקע און איז אַרײַן אין הויף.

דערשפּירט א פרעמדן מענטשן, האָט זיך צעבילט א הונט. פון שטוב איז ארויסגעשפּרונגען אין איין קאמזויל א דיקער מאנצבל, מיט א גרוילעך בערדל. ער האָט באקוקט פון קאָפּ ביז די פיס איליוסיקן און בייז גע־פרעגט:

— וואָס דארפסטו?

— איך האָב געוואָלט בעטן בא אײַך א ביסל וואסער.

— ווער ביסטו?

— מיר זײַנען ערשט אָנגעקומען אהער... מיר זײַנען איבערוואנדערער.

— וועלכער רוער האָט אײַך געבראכט אהער, דאָנערוועטער, טײַוולאָ־נים פארשאָלטענע! — האָט דער באַלעבאָס זיך צעליאַרעמט. — טראָגט זיך אָפּ פונדאנען, אײַער פוס זאָל דאָ מער ניט זײַן!

די אומגעריכטע זידלערײַען האָבן איליוסיקן אָפּגעבריט ווי מיט אָק־רעפּ. ער איז ארויסגעשפּרונגען פון הויף. אין דער זעלבער רעגע איז פון שטוב, אָן א היטל, ארויסגעלאָפן פאול — דעם באַלעבאָס' זונדל — א בלאָנד, דאר באָכערל מיט א לאנג, אויסגעצויגן פּאָנעם.

— טרײַב אים דורך, דעם פרעמדן יונג! — האָט דער באַלעבאָס א גע־שריי געטאָן. — טייל אים אזוי ארײַן, אז ער זאָל פארגעסן דעם וועג אהער.

— ווער איז ער?.. נאָך וואָס איז ער געקומען?

— א שלעפער.

פאול האָט ארײַנגעלייגט צוויי פינגער אין מויל, הילכיק א פײַף געטאָן. פון הויף איז ארויסגעשפּרונגען א גרויסער גרויער הונט, וועלכן דער באַ־לעבאָס האָט אָפּגעלאָזט פון קייט. דער הונט האָט זיך געלאָזט לויפן צו איליוסיקן.

— נעם אים! נעם אים! — האָט פאול מיט א פארשײַט געלעכטערל אָנ־געהייצט דעם הונט.

דער הונט האָט זיך אײַנגעביסן אין איליוסיקס הויזן, צעריסן זיי און צעביסן א פוס. פון א צווייטן הויף איז ארויסגעלאָפן א מאנצבל מיט א שטעקן און אָנגעהויבן אָפּטרײַבן דעם הונט.

— פאָשאָל וואָן!

דער הונט איז אָפּגעלאָפן א ביסל, אָבער פאול האָט אים געפּרוווט נאָכאמאָל אָנרייצן. דער מאנצבל האָט פארמאָסטן זיך מיט זײַן שטעקן אף פאולן און אָנגעהויבן אים זידלען:

— עך, דו, דומער קערל! וואָס רייצסטו דעם הונט? וואָס האָסטו צום יונגן? נעם צו דעם הונט, אניט טייט איך דיך!.. איך גיי באלד צו דײַן פאָטער... אויב ער וועט דיר ניט ארײַנטיילן ווי עס באדארף צו זײַן, וועל איך זען, מע זאָל זיך מיט אײַך ביידן אָפּרעכענען.

— וואָס קריכט ער צו אונדז אין הויף, דער שנאָרער? — האָט פאול זיך געפּרוווט פארענטפערן.

— ער האָט בא דיר עפּעס צוגענומען, צי וואָס? — האָט ניט אופגעהערט בײַזערן זיך דער מאנצבל.

— ער האָט ניט וואָס צו טאָן באַ אונדז.

— עפּשער האָט ער געדאַרפֿט עפּעס... האָסט דאָך געקענט פֿרעגן, וואָס ער וויל, און ניט אָנרייצן דעם הונט...

דער מאַנצבל האָט זיך אויסגעדרייט צו איליוסיקן און געפֿרעגט:

— ווער ביסטו?.. וואָס האָסטו געדאַרפֿט באַ די מענטשן?

— איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין הויף בעטן אַ ביסל וואַסער, האָט דער באַלעבאָס מיך דורכגעטריבן און געהייסן אָנרייצן דעם הונט, — האָט איליוסיק געענטפֿערט.

— אַזוי גאָר! דער פֿאָטער, הייסט עס, האָט געהייסן אָנרייצן דעם הונט, — איז דער מאַנצבל געוואָרן אויפֿגעבראַכט. — ס׳איז אומגעהערט — ניט וועלן געבן אַ ביסל וואַסער!..

6

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן רעכט טונקל ווערן, און איליוסיק האָט זיך אַלץ ניט אומגעקערט. אווראָם איז געוועזן אויסער־זיך.

— וווהין האָט ער געקאָנט אַהינקומען? צי דען האָט ער פֿאַרבלאָנדזשעט? — האָט אווראָם באַאומרויִקט זיך. — כ׳האָב, דאַכט זיך, גוט דערקלערט דעם וועג... עפּשער האָט עפּעס מיט אים פּאַסירט? איך לויף באַלד אַהין.

מיטאַמאָל האָט אין דער שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט אַרום אין סטעפּ, זיך דערהערט אַ קאָל:

— אָט איז ער דאָך...

— ווו? ווו איז ער?

צוגעלאָפֿן צו אים, איז אווראָם אַ רגע געבליבן שטיין און פֿון אויפֿרעגונג קיין האַלב וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

— ווו ביסטו עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?.. מיר האָבן דאָך שוין ניט געוווּסט וואָס איבערצוטראַכטן.

— ס׳איז גאָרנישט, טאַטע, איך בין...

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל, נאָר אווראָם האָט גלײַך דערזען, אַז די בגאָדים באַם זון זײַנען שטאַרק צעריסן און אַז ער איז פֿאַרבלוטיקט.

— וואָס איז מיט דיר געשען? ווער האָט עס דיך אַזוי צעמאַזיקט און צעריסן?

— די... די...

איליוסיקן האָט פֿאַרשלאָגן דער אָטעם, און ער האָט נאָר געקאָנט איבערכאַזערן איינס און דאָס זעלבע: „די... די...״

אַ צעטראָגענער, איז צוגעלאָפֿן שלוימע פּאַפּעליוכע און, ווענדנדיק זיך צו אווראָמען, אַ פֿרעג געגעבן:

— נו, ער האָט זיך אָפּגעזוכט, דער באָכערעץ?

דערזען איליוסיקן, האָט ער אויסגעשרײַען:

— ער איז דאָך אינגאַנצן צעבלוטיקט, מאַכט אָפּגיך אָן אָרט און לייגט אים אוועק, זאָל ער קומען צו־זיך.

אווראָם איז אַרײַנגעלאָפֿן אין שטיבל, געמאַכט אַ געלעגער און אוועק־געלייגט איליוסיקן. ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַ פּעקל אַ ווײַסן האַנטעך, איבערגעבונדן דעם זון די פֿוס. איליוסיק איז אינגיכן אײַנגעשלאָפֿן.

— ווער האָט עס אים אַזוי צעבלוטיקט? — האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך אווראָם. — וואָס טוט מען? וווהין לויפֿט מען זוכן הילף אין סטעפּ אינמיטן נאַכט?

— נישקאָשע, רעב אווראָם, ער וועט זיך אויסשלאָפֿן, וועט, מירצעשעם, ווערן גרינגער, — האָט אים געפּרוווט באַרויִקן שלוימע פּאַפּעליוכע.

פֿאַרטאָג האָט איליוסיק זיך אופֿגעכאַפּט און דערציילט אַלץ, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט.

— וועלף זײַנען עס דאָך, ניט קיין מענטשן, — האָט אווראָם אופֿגעע־בראַכט אויסגעשריִען. — וועלף! עמעסע וועלף!

דערהערנדיק אַ געשריי, האָט פּיניע יעגעס אַ פֿרעג געגעבן פֿון שלאָף:

— וואָס פֿאַר וועלף?

— ערגער פֿון וועלף! — האָט אווראָם געענטפֿערט. — איבער אַ ביסל וואַסער אָנרייצן אַ הונט...

עס האָבן שוין אויך זיך אופֿגעכאַפּט יוינע שטעפּער, שלוימע פּאַפּעליו־כע, סענדער קלאַפּטער.

— ווער האָט עס אַ הונט אָנגערייצט? — האָבן זיי געפֿרעגט.

— זעט איר דאָך, ס׳האָט זיך געפֿונען אַ מענטש מיט אַזאַ כּײַיש האַרץ, — האָט געענטפֿערט אווראָם. — ווען ניט איינער, וועלכער האָט מיט אַ שטעקן אָפּגעטריבן דעם הונט, ווייס איך ניט, וואָס עס וואָלט געווען מיט איליוסיקן.

— הייסט עס דאָך, אַז ניט אַלע זײַנען אַזעלכע שלעכטע, — האָט גע־זאָגט פּיניע יעגעס.

— ווייסט דערקענען, ווו ס׳וווינט דער רעצייעך, וועלכער האָט אָנגע־רייצט דעם הונט? — האָט באַ איליוסיקן געפֿרעגט יוינע שטעפּער.

— אוואַדע וועל איך דערקענען.

— איז לאָמיר גיין, — האָט פֿאָרגעלייגט יוינע שטעפּער. — עפּשער איז אין קאָלאָניע פֿאַראַן אַ פֿעלדשער אָדער אַ דאָקטער... פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרף מען אַרײַנגיין אין דאָרפֿסראַט. דאָרטן וועלן מיר אַלץ דערציילן און וועלן באַקומען הילף.

— קומט! גיכער קומט! — האָט זיך אופֿגעהויבן פֿון אָרט אווראָם.

כאָטש איליוסיק איז געווען אָפּגעשוואַכט און די וווּנדן האָבן אים גע־שמאַרצט, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן פֿאָטער, יוינען און סענדערן. דעם וועג ביז דער קאָלאָניע זײַנען זיי דורכגעגאַנגען גיך.

— אָט דאָ וווינט ער! — האָט איליוסיק אָנגעוויזן אַפֿן הויף פֿון באַלע־באָס מיטן הונט.

אווראָם האָט אָן עפּן געטאָן די קאַליטקע, אַ קוק געגעבן אינווייניק. דער הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון קייט און אָנגעהויבן בילן. אווראָם האָט זיך אויסגעזידלט און אוועק ווײַטער.

באַם אַרײַנגאַנג אין אַ שטיינערנעם מאַסיוון מויער מיט אַ גרינעם בלע־כענעם דאַך איז געהאַנגען אַ שילד, ווו ס׳איז געווען אָנגעשריבן עפּעס אויף

דײַטש. לויטן סערפּ און האַמער, וואָס איז געווען אָנגעמאָלט אַף איר, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער דאָרפסראַט.

— יאָ, דאָס איז טאַקע דאָ, — האָט יוינע באַשטעטיקט. — איר זעט דאָך, אַז אין הויף זײַנען ניטאָ קיין שום סימאָנים פון באַלעבאַטישקײַט.

יוינע האָט האַסטיק געעפנט די דרויסנדיקע טיר און איז אַרײַן אין אַ האַלב־טונקעלן קאָרידאָר, וועלכער האָט געפירט דירעקט צום פאָרזיצערס קאַבינעט. אווראָם, סענדער און איליוסיק זײַנען אים נאָכגעגאַנגען פוסטריט.

אַריבערגעטראָטן די שוועל פון קאַבינעט, האָט יוינע זיך באַגריסט מיטן פאָרזיצער — אַ הויכן, דאַרלעכן מאַנצבל, מיט אַ טונקעלן גרויען טשוב.

דער היפּש אָפּגעטראָגענער מיליטערישער קיטעל, וואָס איז געווען אַף אים, און די בודיאָנאָווקע, וועלכע איז געלעגן אַפן טיש, האָבן איידעס גע־זאָגט, אַז זייער באַלעבאָס איז אויך אַ בודיאָנאָוועץ, אַזוי ווי יוינע. נאָר איידער יוינע האָט אָנגעהויבן פאַרפירן מיט אים אַ באַקאַנטשאַפט און גע־זאָגט, ווער ער איז, האָט שוין אווראָם אָנגעהויבן:

— מיר זײַנען געקומען אהער באַזעצן זיך אַף ערד... נעכטן האָב איך אוועקגעשיקט מײַן זון נאָך אַ ביסל וואַסער...

— יאָ, יאָ... איך ווייס שוין וועגן דעם שענדלעכן פאַל... כ'האָב זיך גע־קליבן צופאָרן צו אײַך און אָפּפירן דעם יונגלינג צום דאָקטער. גייט, בי־טע, גלײַך אין אַמבולאַטאָריע, דאָס איז די דריטע שטוב פונדאַנען.

ביז אווראָם מיט איליוסיקן האָבן זיך צוריקגעקערט פונעם דאָקטער, האָט שוין יוינע זיך דורכגערעדט מיטן פאָרזיצער, אויסדערציילט וועגן אַלע איניאָנים.

— איר זײַט געווען באַם דאָקטער? — האָט דער פאָרזיצער, אָפּווענדנדיק זיך פונעם שמועס מיט יוינען, אַ פרעג געגעבן באַ אווראָמען.

אווראָם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— יאָ, אַ דאַנק. מ'האָט דעם זון איבערגעבונדן די וווּנד און געמאַכט אַן אײַנשפּריץ.

— דער בירגער, וועלכער איז באַגאַנגען דעם שענדלעכן טאַט, וועט גע־שטעלט ווערן פאַרן געריכט.

— זייער גוט, זייער גוט! — האָט אווראָם אויסגעדריקט זײַן צופרידנ־קײַט. — מע דאַרף אַזעלכע אָנלערנען.

— דערציילט, וויאַזוי האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט? אין וואָס נייטיקט איר זיך? — האָט אים געפרעגט דער פאָרזיצער.

— מיר געפינען זיך דערווײַל צווישן הימל און ערד, — האָט זיך אָפּ־גערופן אווראָם. — דער כאַווער שטעפער האָט אײַך שוין, מיסטאַמע, דער־ציילט אַלץ וועגן אונדז... איר ווייסט שוין, מיסטאַמע, אַז מיר גייען אויס נאָך אַ טראָפּן וואַסער.

— מיט וואַסער וועלן מיר אײַך באַזאָרגן, — האָט פאַרזיכערט דער פאָרזיצער. — ס'וועט אײַך זײַן ווײַטלעך צו טראָגן, נאָר ביז איר וועט אויס־גראָבן אַ ברונעם אין אײַער קומענדיקן ייִשעוו, וועט מען מוזן אַ ביסל זיך איבערמאַטערן.

— דערווײַל איז אָנגעקומען אין סטעפּ ניט קיין גרויסע גרופּע, — האָט פֿאַרגעזעצט אווראָם. — מיר דאַרפֿן שאַפֿן באַדינגונגען, אַז פּריליננג זאָלן קאָנען קומען די איבעריקע מיטגלידער פֿון קאָלעקטיוו. מיר מוזן דרינגענ־דיק צוטרעטן בויען הײַזער און שטאַלן, קריגן אינווענטאַר, זריע...

— וועגן דעם אַלץ וועט מען זיך דאַרפֿן צונויפֿריידן מיטן באַפֿולמעכ־טיקטן, — האָט געמאָלדן דער פֿאַרזיצער. — כ'וועל זיך באַמיִען מאָרגן קו־מען צו אײַך, און מיר וועלן צוזאַמען צופֿאָרן צו אים אין אויספּירקאָם.

דער פֿאַרזיצער האָט זיך אופֿגעהויבן, צוגעגאַן צום פֿענצטער און, אָנ־ווײַזנדיק מיטן פֿינגער, צוגעגעבן:

— אָט איז אונדזער געזעלשאַפֿטלעכער ברונעם. איר זעט? — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ פֿינגער. — וואַסער קענט איר נעמען, וויפֿל איר דאַרפֿט.

סענדער מיט איליוסיקן זײַנען אוועק צום ברונעם, און אווראָם מיט יוי־נען האָבן נאָך לאַנג גערעדט און געײַצעט זיך מיטן פֿאַרזיצער פֿון דאַרפֿסראַט, וויאַזוי אָנצוהייבן בויען דאָס לעבן אין סטעפּ.

7

דער ערשטער האָט דערזען איליוסיקן מיט סענדערן שלוימע פּאַפּעליו־כע.

— מיר טראָגן וואַסער! וואַסער טראָגן מיר! — האָט סענדער, פֿרייענ־דיק זיך, ווי אַ קינד, געשריִען פֿונווײַטן.

— וואַסער! מע האָט געבראַכט וואַסער! — האָט שלוימע אַלעמען אָנגע־זאָגט די בשורה.

מע האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט גלעזער, מיט קווארטלעך, געשעפּט פֿון עמער און געקוויקט זיך פֿון פֿאַרגעניגן.

ווען אַלע האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען, האָט פֿיניע יעגעס אָנגעגאָסן דאָס איבערגעבליבענע וואַסער אין אַ קעסל און אוועקגעשטעלט אויף אַ דרײַפֿוס קאָכן אויף וועטשערע אַ זאַטירקע.

— לאַנג לעבן זאָלשטו, וואָש דו גרייטשט אַ היימישע וועטשערע, — האָט אים צוגעווונטשן סענדער קלאַפּטער.

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט צוגעטראָגן אַ גרויסן בערעם קורײַ:

— נאָ דיר, הייץ, אַבי גיכער קאָך אויף די וועטשערע.

— ס'איז ווייניק, ברענג נאָך, — האָט געפֿאָדערט פֿיניע.

דער קורײַ האָט געפּלאַקערט, געיאָגט קנוילן רויך איבערן סטעפּ.

שלוימע פּאַפּעליוכע און פֿיניע יעגעס האָבן פֿון פֿרייד אַזש אונטערגע־טאַנצט, געזונגען דאָס לידל, וואָס עמעצער האָט שוין געשאַפֿן דאָ אין סטעפּ.

אַלע, וועלכע זײַנען געזעסן אַרום שײַטער, האָבן מיטגעזונגען:

ס'קאָכט זיך וועטשערע
אָן אַן אויוון און אָן אַ קאָטשערע,
דאָס פֿײַער פּלאַקערט הויך,
און ס'גייט אַ גרויסער רויך.

דאָס פײַער װעט פלאַקערן,
און מיר װעלן אַקערן.
מיר װעלן אַקערן די ערד
אױף אָקסן און אױף פערד.
װאַקסן װעט ברױט,
און מיר װעלן לעבן אין זעט און אין פרייד,
אײַ, אײַ, אײַ, אין זעט און אין פרייד!

עס זײַנען אונטערגעקומען יוינע מיט אוורהאָמען.

— ס׳האָט זיך באַװיזן א ביסל װאַסער, איז גלײַך אַלעמען געװאָרן פריילעכער אױף דער נעשאָמע, — האָט געזאָגט אוורהאָם.

— װען זינגט א ציגײַנער? װען ער איז הונגעריק! — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — מ׳האָט זיך אױסגעהונגערט, זינגט מען, ס׳זאָל גיכער דורכגיין די צײַט, ביז די װעטשערע װעט פאַרטיק װערן.

פון דער זאַטירקע האָט מען געלעקט די פינגער, געשלונגען א לעפל נאָך א לעפל. זאַט זיך אָנגעגעסן, האָט מען אײַנגעגנורעט זיך אין די קופּקעס הײ, װעלכע מע האָט אָנגעטראָגן אין שטיבל, און געשמאַק אײַנגעשלאָפן.

גאַנצפרי איז געקומען צו פאָרן אױף זײַן בעדאַרקע דער פּאָרזיצער פון דאָרפסראַט. ער האָט אױפגעהױבן די האַנט אין דער הייך, געמאַכט א פױסט און באַגריסט:

— ראָט פראָנט!

— ראָט פראָנט!.. א גוט-העלף!.. זדראַװסטװויטע! — האָט מען אים געענטפערט.

סענדער קלאַפּטער און איליוסיק זײַנען צוגעגאַנגען צום פּאָרזיצער װי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט אָפּגעגעבן אים שאָלעם:

— א גרױסן דאַנק אײַך פאַרן װאַסער.

אוורהאָם מיט יוינען, װעלכע האָבן פאַרלױפיק באַטראַכט װוּ און װאָס אָנצוהײבן בױען אין סטעפּ, האָבן ניט באַמערקט, װי עס איז אָנגעפאָרן דער פּאָרזיצער. אומקערנדיק זיך צום שטיבל, האָבן זײ נאָך פונװײַטן דערזען, װי ער שטײט און שמועסט מיט די מענטשן, װעלכע האָבן אים אַרומגערינגלט.

— ראָט פראָנט, ליבע גענאָסען, — האָט דער פּאָרזיצער געענטפערט אױף אוורהאָמס מיט יוינעס באַגריסונגען.

— מיר האָבן גאָר ניט באַמערקט, װען איר זײַט געקומען, — האָט אוורהאָם זיך װי פאַרענטפערט. — מיר האָבן דאָ מיטן כאַװער שטעפער באַטראַכט, װוּ װאָס צו בױען.

— זייער גוט... זייער גוט, — האָט זיך אָפּגערופן דער פּאָרזיצער. — לאָמיר נאָכאַמאָל באַטראַכטן אַלץ, אײדער מיר פאָרן צום באַפּולמעכטיקטן אין ראַיאָן.

יוינע, אוורהאָם און דער פּאָרזיצער האָבן זיך געלאָזט גיין אין סטעפּ. איליוסיק איז זײ נאָכגעגאַנגען. לעבן א בערגל האָבן זײ זיך אָפּגעשטעלט. יוינע האָט עפּעס אָנגעהױבן מעסטן מיט די טריט. דער פּאָרזיצער און

אוראָם זײַנען געבליבן דערווײַל שטיין און וועגן עפּעס געשמועסט. פון די עטלעכע ווערטער, וועלכע איליוסיק האָט אופגעכאַפּט, האָט ער פאַרשטאַ־נען, אַז זיי אייצען זיך, ווו אַוועקצושטעלן אַ שטאַל פאַר דעם פּי און ווו אַנצוהייבן גראָבן אַ ברונעם.

— פריִער דאַרף מען זיך דערוויסן, ווו ס'איז נאָענט וואַסער, נאָכדעם קאָן מען ערשט אָנהייבן גראָבן, — האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער.

— דער ברונעם דאַרף זײַן ניט ווײַט פון שטאַל, וועט זײַן גרינגער צו פּאָיען דאָס פּי, — האָט איליוסיק, צוגייענדיק צום טאַטן און פּאָרזיצער, אַרײַנגעמישט זיך אין זייער געשפּרעך.

באַמערקנדיק, מיט וואָס פאַר אַ נײַגער איליוסיק הערט זיך צו צו זייער געשפּרעך, האָט דער פּאָרזיצער אים אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— דער יונג האָט אַ גוטן קאָפּ, פון אים וועט אויסוואַקסן אַן עמעסער ווירטשאַפט־מענטש.

אוראָמען האָט שטאַרק האַנאָע געטאָן, וואָס דער פּאָרזיצער האָט זיך אַזוי אָפּגערופן וועגן זײַן זון. גליקלעך שמייכלענדיק, האָט ער געקוקט אַף איליוסיקן, און דאָס באָכערל האָט דערווײַל ווײַטער אַרויסבאַוויזן זײַן סייכל.

— אין קאָלאָניע, בא די באַלעבאַטים, — האָט ער געזאָגט, — זײַנען דאָך אויך די ברינעמער ניט ווײַט פון די שטאַלן.

— ווען האָסטו שוין באַוויזן צו זען, ווו בא אונדזערע באַלעבאַטים געפינען זיך די ברינעמער? — האָט געפרעגט דער פּאָרזיצער.

— איך האָב געזען, — האָט געענטפערט איליוסיק.

יוינע האָט פאַרענדיקט מעסטן די ערד און איז צוגעגאַנגען צום פּאָרזי־צער. מע איז נאָך לאַנג געשטאַנען און אַרומגערעדט די פראַגן, וועלכע מ'האָט געדאַרפט דערלייזן באַם באַפּולמעכטיקטן פון ראַיאָן. נאָכדעם האָט דער פּאָרזיצער זיך אַוועקגעזעצט אַף זײַן בעדאַרקע און געפרעגט:

— ווער פון אײַך פאָרט מיט מיר?

— זאָל פאָרן דער כאַווער מעהודין, — האָט פאָרגעלייגט יוינע.

— זאָל זײַן אַזוי, — איז מאַסקים געווען אוראָם און איז אַרוף אַף דער בעדאַרקע.

— ברענגט גוטע נײַס!.. פאַרגעסט ניט בעטן, אַז מע זאָל העלפן ביז ווינטער כאָטשבי איין רעכטע שטוב אויסבויען, — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען. — וועגן פערד און אָקסן פאַרגעסט ניט דערמאָנען, וועגן אינוועטנאַר, וועגן ברונעם!..

די בעדאַרקע איז פאַרשוווּנדן, און די מענטשן זײַנען נאָך אַלץ גע־שטאַנען און גערעדט וועגן דעם פּאָרזיצער פון דאַרפסראַט, וואָס פאַר אַ ווילער מענטש ער איז.

— רעב פרידריך וועלן מיר אים רופן, — האָט פאָרגעלייגט שלוימע פּאַ־פּעליוכע. — אַ גוטער נאָמען, קיין פאַסיקערער נאָמען איז ניטאָ... וועגן אַזאַ מענטשן זאָגט מען, אַז ער קומט אַף אַ ווײַל און זעט אַף אַ מײַל... אַ פּרעמדער מענטש, דאַכט זיך, און ס'גייט אים אָן אַלץ, וואָס בא אונדז טוט זיך. נו, פּונקט ווי אַן אייגענער... וועט איר זען, אַז דער מענטש וועט אונדז העלפן.

— ער וועט געוויס העלפן, — האָט אונטערגעהאַלטן פּיניע יעגעס. — אין יעדער קליינינקייט דרינגט ער אַרײַן: ווו מע דאַרף די שטאָל בויען, ווו דעם ברונעם גראָבן, מיט איין וואָרט — אין אַלץ... נעכטן איז מען געווען בא אים, און הײַנט איז ער שוין געווען בא אונדז.

אײנציקווײַז זײַנען די איבערוואַנדערער זיך צעגאַנגען ווער וווהין. בלויז איליוסיק איז געשטאַנען א פּאַרטרוימטער און געקוקט אַפן אומעטיק־היימ־לעכן סטעפּ, וועלכער האָט שוין לאַנג, אויסער דעם וואָיערײַ פון א ווינט, צווישערײַ פון א פויגל גאָרנישט ניט געהערט. ס'איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, ווי וועט עס דאָ ווערן א היים, וואָס וווהין מ'זאָל ניט גיין, וווהין מ'זאָל ניט פאָרן, זאָל עס ציִען אהער. און אָנהייבן וועט זיך די נײַע היים פון א ברונעם. אזוי האָט געזאָגט דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט. אָן וואַסער קאָן ניט לעבן קיין מענטש, קיין סקאָטינע, קיין געוויקס. אין גע־דאַנק זײַנען פאַר זײַנע אויגן אופגעשווומען עטלעכע בילדער, וועלכע ער האָט געזען אין דער היים, אין שול, ווו ער האָט זיך געלערנט. דאָרטן איז אַף איינעם א בילד געווען אָנגעמאָלט א ברונעם. לעבן ברונעם שטייען לאַנגע קאָרעטעס מיט וואַסער. בעהיימעס מיט פולע אײַטערס און יונגע קעלבלעך טרינקען דאָרשטיק דאָס וואַסער.

און אָט דערמאָנט זיך אים אַן אַנדער בילד, אויך מיט א ברונעם, מיט קאָרעטעס וואַסער און סטײַעס ווײַסע, ווי שניי, גענדז און קאַטשקעס, וועלכע שווימען אַרום, טוקן זיך, באָדן זיך, און נאָכדעם, שטרענג אין א ריי, קערן זיי זיך אום אהיים. דאָ, אין סטעפּ, וועט אויך געוויס זײַן אזוי. צום ברונעם וועלן זיך ציִען בעהיימעס, יונגפי, גענדז און קאַטשקעס. די ערד־אַרבעטער וועלן זיך אומקערן אהיים, און אָנגעהאָרעוועטע, וועלן זיי אויך זיך צוכאַפּן צום פרישן, קאַלטן וואַסער.

א פאַרקלערטער און פאַרטרוימטער, האָט ער פאַרגעסן, אז ער שטייט אין פוסטן וויסטן סטעפּ, צווישן הימל און ערד. א ווינטל האָט געפּײַפט פאַרשײַט א ניגנדל, און איליוסיקן האָט זיך געדוכט, אז דער סטעפּ, דער מעכאַשעף, וועלכער וועט נאָך ווײַזן וווּנדער, זינגט צו אים און רופט אים צו זיך, ווי מע זינגט אין דער ליד, וואָס ער האָט געהערט דאָרט בא זיך אין דער אַלטער היים:

קום, קום, קום צו מיר,
ס'וועט דיר זײַן גוט בא מיר...

## 8

אווראָם האָט זיך אומגעקערט פון ראַיאָן שפּעט אין אָוונט. די איבער־וואַנדערער האָבן זיך שוין אוועקגעלייגט שלאָפן, אייניקע האָבן שוין אפּי־לע געשמאַק געכראָפּעט. ארײַנגעגאַנגען איז אוורהם אין שטיבל שטיל, קעדיי קיינעם ניט אופוועקן. נאָר איליוסיק, וועלכער האָט ארויסגעקוקט אַפן פּאָטער, האָט באַלד דערהערט זײַנע טריט.

— וואָס האָט מען דאָרט גערעדט? — האָט ער אָנגעהויבן פאַנאַנדער־פרעגן. — מע וועט אונדז העלפן?

— מע וועט העלפן, מע וועט העלפן, — האָט שטיל, קימאַט שעפּטשענ־דיק, געענטפערט אוורהם.

— א ברונעם וועט מען גראָבן?

— מע וועט גראָבן... שלאָף.

— מע וועט אונדז העלפן קויפן פערד?

— מע וועט העלפן.

— און מיט אקערס און בארענעס וועט מען אויך העלפן?

— מ׳וועט העלפן, מיט אלץ וועט מען העלפן.

— ווען, אינגיכן?

— אינגיכן. שלאָף שוין איין.

— מ׳דארף דאָך שוין אָנהייבן אקערן.

— שלאָף. מ׳ווייסט אלץ...

— און ווו וועט מען האלטן די פערד, אז קיין שטאלן איז ניטאָ?

— מ׳וועט אויסבויען. זײַ רויִק, מ׳וועט אויסבויען. שלאָף.

— עפּשער וועלן מיר דערווײַל ווינען מיט די פערד צוזאמען, אָדער פאר אונדז אן ערד־שטיבל אויסבויען און די פערד אוועקשטעלן דאָ, אין שטיבל?

— מיר וועלן וועגן אלץ א טראכט טאָן. שלאָף!

נאָר איליוסיק האָט סײַווי אײַנשלאָפן ניט געקענט. ער האָט זיך געדרייט פון איין זײַט אויף דער צווייטער, געפּרוווט ווידער פארגעבן פראגן, נאָר דער פאָטער איז שוין אײַנגעשלאָפן.

פיניע יעגעס איז דאָס מאָל אופגעשטאנען פריִער פאר אלעמען, און ביז עמעצער האָט זיך באוויזן א קער טאָן, אנגעשלעפּט קוריי אָפּצוקאָכן פרישטיק. שפּעטער, ווען ער האָט דערזען אוורהמען ארומגיין צוזאמען מיט יוינען ארום שטיבל, איז ער צוגעגאנגען צו זיי און האָט געזאָגט:

— נו, דערציילט, וואָס פאר גוטע נײַס האָט איר אונדז געבראכט?

— דערציילט... נו, גיכער דערציילט, ציט ניט די אצאָמעס... מיר ווילן שוין גיכער וויסן, וואָס מע האָט אײַך דאָרטן געזאָגט, — האָבן אויך גע־בעטן אנדערע איבערוואנדערער.

אוורהם האָט אָנגעהויבן דערציילן די נײַס, און יוינע, וועלכער האָט שוין אלץ באוויזן דערוויסן זיך פריִער, האָט אים מיטגעהאָלפן.

— די ערשטע זאך, וואָס איך האָב געפּויעלט, איז דאָס, וואָס די טעג וועט מען אָנהייבן גראָבן א ברונעם, — האָט דערציילט אוורהם און צוגע־געבן, — אז מיר וועלן אונטערהעלפן, וועט, פארשטייט זיך, די ארבעט גיין גיכער.

— מ׳האָט צוגעזאָגט, מע האָט אויך צוגעזאָגט, — האָט ער פאָרגע־זעצט, — אָנהייבן צופירן בוי־מאטעריאלן, מאמעש אין די נאָענטסטע טעג. ווען אלץ וועט זײַן פארגרייט, וועט מען צוטרעטן בויען א פּאָר הײַזער, עטלעכע שטאלן און א שײַער.

אוורהם האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פּאפּירל און אָנגעהויבן איבערעכענען, וויפל קרעדיטן די מעלוכע וועט ארויסגעבן דעם קאָלעקטיוו אויף אײַנצושאפן אלץ, אין וואָס מע נייטיקט זיך, קעדיי אָנהייבן באארבעטן די ערד.

איליוסיק האָט שטאַרק געוואָלט וויסן, וויפל פערד און אָקסן מע וועט איַינקויפן. אָבער ווענדן זיך צום פאָטער אין דער אָנוועזנהיַיט פון אַלע מענטשן, וואָס שטייען אַרום, האָט ער זיך געשעמט. דאָך איז ער גויוער געווען די שעמעוודיקיַיט און מיט אַ הויך קאָל, ווי עס רעדט אַ דערוואַקסענער, געפרעגט:

— צי האָט איר זיך דערוווּסט, ווו מע קאָן דאָ קויפן פערד און אָקסן און ווי עס האַלטן די פּריַיזן אויף זיי? עפּשער לוינט בעסער פאָרן ערגעץ אַנדערשווו זיי קויפן ביליקער? צי קאָן מען דאָ קריגן פּיטער?

די מענטשן, וועלכע זיַינען געשטאַנען אַרום שיַיטער, האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן, זיי האָבן זיך אַליין ניט געגלייבט, אַז ס'רעדט אַזוי זאַכלעך דאָס באָכערל, דאַכט זיך גאָר אַ קינד.

— יאָ, יאָ, ער איז טאַקע גערעכט, ער רעדט דאָך וועגן זאַכן, וועגן וועלכע מ'דאַרף טראַכטן, — האָבן זיך דערהערט שטימען.

אַ דערמוטיקטער, האָט איליוסיק מיט אַ נאָך מער זיכער קאָל פאָרגעזעצט:

— אויף די פערד צי אויף די אָקסן, וועלכע מיר וועלן קויפן, וועלן מיר קאָנען אַקערן נאָר ביז די ערשטע פרעסטלעך, און אַ גאַנצן ווינטער וועלן מיר זיי דאַרפן קאָרמעווען... ווען מיר האָבן אייגענעם קאָרם, וואָלט געווען אַן אַנדער זאַך, אָבער קויפן קאָרם, וועט ער אונדז דעם קאָפּ אויפעסן.

— ווען מיר וואָלטן געקאָנט אין דער פריַיער ציַיט באַלעגאָלעווען, וואָלט געווען אַ צושטיַיער, — האָט זיך דערהערט אַ קאָל.

— קויפן אַ פּאָר בעהיימעס, דאָס וואָלט געווען אַ זאַך! — האָט וויַיטער גערעדט איליוסיק. — זיי וואָלטן אונדז מילך געגעבן, אָפּגעקעלבט זיך, וואָלט אונטערגעוואַקסן אַ קעלבל אָדער אפילו אַ ביקל.

— ריכטיק! — האָט אויסגעשריִען שלוימע פּאַפּעליוכע. — איליוסיק איז אַ באַרדאַס! קיינער האָט זיך גאָרניט דערטראַכט צו דעם!

איליוסיקן איז געווען אָנגענעם, וואָס מע האַלט אים שוין פאַר אַ דערוואַקסענעם און מע רעכנט זיך אַזוי מיט זיַין מיינונג. זיַינע אויגן האָבן געשיַינט פון פרייד. אויף אַ רגע האָט זיך זיַין בליק באַגעגנט מיטן פאָטערס. אוּוראָם איז געווען גליקלעך, וואָס דער זון רעדט אַזוי צו דער זאַך, טאַקע ווי אַ דערפאַרענער מענטש. אייגנטלעך, האָט ער דאָך אויך געטראַכט אַזוי, נאָר ער האָט ניט באַוויזן אַרויסזאָגן עס.

אוּוראָם האָט נאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין, וויִאַזוי זשע איז עס געשען, וואָס איליוסיק, וועלכער האָט אַזוי געטרוימט גיכער קומען אין סטעפּ און אָנהייבן אַקערן און זייען, האָט פּלוצעם זיך גאָר אַרויסגעזאָגט, אַז מע זאָל זיך ניט איַילן קויפן פערד. הייסט עס, אַז ער פאַרשטייט שוין גוט, אַז מע דאַרף לעבן מיט כּעזשבן, אויסנוצן יעדער פאַרהאָרעוועטע קאָפּעקע מיט קאָפּ, מיט סייכל, ווי ער און זעלדע טוען עס אַ גאַנץ לעבן.

דער שיַיטער האָט זיך אָנגעהויבן לעשן, די זאַטירקע איז שוין לאַנג פאַרטיק געווען, און קיינער איז ניט געלאָפן נאָך די קווערטלעך, נאָך די שיסעלעך גיכער אָפּצועסן פרישטיק. אַלע האָבן געוואַרט, וואָס וועלן ענטפערן אוּוראָם און יוינע.

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט יוינע שטעפער געזאָגט:

— עליע, — האָט ער צום ערשטן מאָל געזאָגט ניט דעם קינדערש־פּאַרצויגענעם נאָמען איליוסיק, נאָר עליע, — האָט געשטעלט א פּאָר וויכ־טיקע פראגן. מיר האָבן אויך מיט רעב אווראָמען גערעדט וועגן דעם. נאָר מיר דוכט, אז אויב אונדז וועט זיך איַינגעבן קויפן דאָ, אף אן אָרט, פערד, וועלן מיר זיי גוט אויסנוצן. פארגעסט ניט, אז מ׳דארף ברענגען בוי־מאַטעריאלן, ווינטער וועט מען קענען צופאָרן אין די דערבײַיקע שטעט אונ־טערפארדינען... און אקערן מוז מען אָנהייבן גלײַך, ווײַל אויב מיר וועלן הארבסט ניט פארזייען כאָטש וויפל־ניט־איז טווע, וועלן מיר ניט קאָנען נעמען אהער די מישפּאָכעס און וועלן ניט האָבן מיט וואָס צו האָדעווען דאָס פי, וואָס מיר וועלן איַינקויפן.

— איך מיין, אז מ׳דארף זיך אויסייצענען מיטן פּאָרזיצער פון דאָרפס־ראַט. ער איז א מענטש א היגער און ער וועט קענען געבן א גוטע איי־צע, — האָט פּאָרגעלייגט שלוימע פּאַפּעליוכע.

— ריכטיק, ריכטיק! — האָבן אלע אונטערגעהאלטן דעם פּאָרשלאָג.

## 9

פאר דער קורצער צײַט, וואָס עליע איז אין סטעפּ, האָט ער פארלאָרן די לעצטע שפּורן פון יינגלשע האוויַעס. פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן ערנסטער, באַדאכטער. די טאָגטעגלעכע דײַגעס, וויאזוי בעסער איַינצואָר־דענען זיך און באהערשן דעם ווילדן, ניט־באַוווינטן סטעפּ, האָבן אים געצווונגען איַינשפּאַנען זיך און שלעפּן א שווערן, ניט פאר זײַנע יונגע יאָרן, אָל. זײַנע טרעפלעכע באמערקונגען, ווי צו האנדלען און וואָס צו טאָן אין פארשיידענע פאלן פונעם לעבן אין סטעפּ, האָבן אים געשאפן א גוטן שעם פון א קלוגן, ארבעטזאמען יאט, אף וועלכן מ׳קאָן זיך אומעטום און אף אלץ פארלאָזן.

ווען ס׳האָט זיך געשטעלט די פראגע, אז מ׳דארף דערוויסן זיך, צי ס׳לוינט דאָ אף אן אָרט צו קויפן פערד, צי מ׳קאָן דאָ קריגן פיטער און לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר, האָט יוינע שטעפער פּאָרגעלייגט אוו־ראָמען, אז עליע זאָל זיך דורכגיין איניינעם מיט אים אין די ארומיקע דערפער און יישוווים.

— דאָס איז דאָך געווען איַיער זונס פּאָרשלאָג, — האָט געזאָגט יוינע. — עליע איז א באָכער א ריכטיקער, ער וועט גיך אָנשמעקן, ווו וואָס מע פארקויפט און וואָס עס לוינט צו קויפן. און איר, רעב אווראָם, זײַט דאָך אויך א מייוון אף א זאָך. אזוי, אז איר וועט זיך ספּראווען מיט דעם איניעז.

אווראָם איז גערן איַינגעגאנגען אף דעם פּאָרשלאָג און מיט עליען גע־לאָזט זיך אין וועג.

געבליבן אויג־אף־אויג מיטן זון, האָט אווראָם ערשט איצט גוט באַ־מערקט, ווי עליע איז אויסגעצערט, אויסגעמאטערט, פארדײַגעט. „אזוי ווי גאָר שוין א דערוואקסענער מענטש״, — האָט ער א טראכט געטאָן וועגן אים.

אין דער נאָענטער דײַטשישער קאָלאָניע זײַנען זיי אָנגעקומען גיך. די גרויסע און ברייטע גאס איז געווען פוסט. פאַרבײַגייענדיק, האָט עליע אַרײַנגעקוקט אין די הויפן, נאָר דאָרטן האָט מען אויך קיינעם ניט געזען.

שוין קימאט אפן ראנד פון דער קאָלאָניע, אין א פארוואָרפן געסל, ווהין זיי האָבן פארקערעוועט, האָבן זיי דערזען אין פאליסאדניק א באַיאָרטן דײַטש מיט א ברייט פאָנעם. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעם טויער און זיך באגריסט מיט אים.

— גוטען טאגע, — האָט זיי געענטפערט דער דײַטש. — וואס וואָליען זי?

— צי ווייסט איר ניט, ווער ס'פארקויפט דאָ פערד, בעהיימעס און לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר? — האָט געפרעגט אווראָם.

— אך זאָ, א קו ווילען זי קאופען?

— יאָ, קי, פערד און אינווענטאר, — האָט איבערגעכאזערט אווראָם.

— ווו ס'איז נאָר געווען א גוט פערד, האָבן די ווײַסע אין דעם קריג צוגענומען. די רויטע האָבן איבערגעלאָזט בא די אָרעמע פויערים אויסגעמאטערטע און פארוואונדעטע פערד, אזוי, אז קיין גוטע פערד האָבן מיר דאָ ניט.

— קיין שטארק גוטע פערד זוכן מיר ניט, — האָט עליע געגעבן צו פארשטיין דעם דײַטש. — מיר דארפן האָבן פערד אָדער אָקסן, אף וועלכע מע זאָל קאָנען ארבעטן.

— זאָ, זאָ, — האָט דער דײַטש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ער האָט אָנגעוויזן מיט א פינגער אף רעכטס. — דאָרטן, איר זעט, פארקויפט מען א שקאפּע, א ביסל א מאָגערע, נאָר דערפאר א שטירע.

— וואָס הייסט א שטירע? — האָט עליע געפרעגט. — און ווי האלטן די פרײַזן אף פערד?

— א שטירער איז א פערד, וואָס ווארט ניט אף קיין בײַטש און ציט אליין דעם אקער אָדער דעם וואָגן, — האָט דערקלערט דער דײַטש. — א שטירע פערד קאָן זײַן א מאָגערער, נאָר צו דער ארבעט טויג ער בעסער, ווי אן אויסגעכאָליעט פערד. אזא פערד קאָן מען גראָד קויפן פאר א קלייַנער פרײַז. אונדזערע טאווריער פערד זײַנען געבליבן ווייניק, און פערד פון פרעמדע קאנטן טראָגן שווער איבער אונדזער קלימאט. ס'טרעפט אפילע, אז זיי קומען אום בא אונדז.

— באקומט זיך, אז פערד פון אנדערע קאנטן טאָר מען ניט ברענגען אהער? — האָט אווראָם מיט אן אומרויִק קאָל א פרעג געגעבן.

— ווי אמאָל, — האָט געענטפערט דער דײַטש. — בייס די רויטע האָבן אָנגעגריפן אפן פערעקאָפּ, האָבן זיי דאָ איבערגעלאָזט פארוואונדעטע און אויסגעמאטערטע פערד פון פארשיידענע קאנטן: פון סיביר, קירגיזיע, אוקראַיִנע, פון מיטלרוסלאנד, פונוואנען איר ווילט, זיי האָבן איבערגעטראָגן פארשיידענע קרענק און זײַנען שוין איצט ווי דאָ געבוירענע.

עליען האָט די באהאוונטקײַט פון דעם דײַטש אין פערד אזוי פאראינטערעסירט, אז ער האָט אים מאמעש געקוקט אין מויל, ווען יענער האָט גערעדט.

— לויט וועלכע סימאָנים קאָן מען, פונדעסטוועגן, דערקענען א גוט פערד? — האָט עליע געוואָלט וויסן.

— לויט די ציין קאָן מען באַשטימען, וויפל אַלט ער איז; ווען מע יאָגט אים דורך, באַמערקט מען, צי ער איז ניט קיין באָטעשנער, צי ער הינקט ניט. שווינדלער קאָנען אַמאָל אונטערוקן אַן אומדערפאַרענעם מענטשן אַ סאַפּאַטע פערד... מיט איין וואָרט, מע דאַרף גוט קוקן מיט ביידע אויגן, און אַז פיר אויגן קוקן, איז נאָך בעסער.

— קוקן אַליין איז נאָך ווייניק, מ׳דאַרף נאָך פאַרשטיין, — האָט זיך אָפּגערופן אווראָם. — איך זע, אַז איר זײַט אַ גרויסער מייוון אויף פערד.

דער דײַטש האָט אַ שמייכל געטאָן.

— איר האָט ניט אַזויפיל האָר אין קאָפּ מיט דער באָרד צוזאַמען, וויפל פערד איך האָב געזען אויף מײַן לעבן... מײַן פאָטער איז געווען אַ וועטע־רינאַר, ער האָט באַדינט אַלע דערפער פון ראַיאָן. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, פלעגט ער מיך מיטנעמען מיט זיך העלפן אים היילן די קראַנקע פערד. נאָך זײַן טויט האָב איך אים פאַרביטן און האָב אַליין אָנגעהויבן היילן פערד... פאַרשטייט איר שוין, אַז איך בין אַ מייוון אויף אַ פערד.

— אויב אַזוי, וועט איר אונדז עפּשער העלפן קויפן עטלעכע פערד? — האָט אווראָם אַ פרעג געטאָן.

— דאָ בײַ אונדז, מיין איך, קאָנט איר קויפן אַזעלכע פערד, פון וועלכע די באַלעבאַטים ווילן פּטור ווערן... אַכוץ אונדזער קאָלאָניע, זײַנען אין דער נאָענט קיין גרויסע דערפער ניטאָ, דעריקער כוטאָרלעך, אין וועלכע ס׳ווינען אָרעמע פויערים, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט פון פרעמדע קאַנטן און זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין יאָך צו דער פּריצטע ליוסטיכע, אַ סאַך יאָרן האָבן זיי צו קיין שטיקל פערד ניט געקאָנט זיך אַרופשלאָגן... אין איינעם אַזאַ כוטאָר האָט מען נאָך אין דער צײַט פון בירגערקריג געשאַפן אַ קאָ־מונע, די קאָמונע איז זיך צעפאַלן, נאָר די פויערים לעבן אין אַ קאָלעקטיוו. מע זאָגט, אַז זיי וועלן אפילו אײ֗ניגיכן קריגן אַ טראַקטאָר.

— אַ קאָלעקטיוו? — האָט עליע איבערגעפרעגט. — אַ טראַקטאָר וועלן זיי באַקומען?

— יאָ, יאָ, ס׳איז וואָר, — האָט דער דײַטש באַשטעטיקט. — און פונוואַ־נען זײַנט איר?

— מיר זײַנען איבערוואַנדערער און באַזעצן זיך דאָ אין סטעפּ, — האָט אווראָם געענטפערט.

— אַך, זאָ! כ׳האָב אַזוי טאַקע געטראַכט... איינער אונדזערער אַן אומענטש האָט ניט לאַנג אויף אײַערן אַ יונג אַ הונט אָנגערייצט און דער הונט האָט אים שיר ניט צעריסן... איך בין פונקט געווען דערבײַ און קוים אים געראַטעוועט.

דער דײַטש האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון עליען.

— איז דאָס ניט צומאָל דער יונג?

— דאָס איז ער, מײַן זון, — האָט אווראָם געזאָגט. — לאַנג זאָלט איר לעבן, אַ דאַנק!

— הײַנט האָט מען מיך אַרויסגערופן אין געריכט פאַר אַן איידעס, — האָט דערציילט דער דײַטש. — איך האָב דאָרט אַלץ געזאָגט, וואָס כ׳האָב געזען... מ׳האָט דעם פּרעכן מענטשן פאַרורטיילט צו צוואַנגס־אַרבעט. כ׳האָב געהערט, אַז מע וועט אים שיקן צו אײַך גראָבן אַ ברונעם אָדער

א פּאָר דעסיאַטינעס אופאַקערן. זאָל דער שלעכטער מענטש אויסקויפן זײַנע זינד.

עליען זײַנען געוועזן דערווידער די רייד וועגן דעם דײַטש, וועלכער האָט אָנגערייצט דעם הונט, און ער האָט א קנייטש געטאָן מיטן אקסל.

— וויפל קאָן מען עס דערמאָנען וועגן דעם, לאָמיר גיין!

ווען זיי זײַנען שוין אָפּגעגאַנגען א שטיקל וועג, האָט זיך דער דײַטש דערמאָנט, אז ער האָט זיי ניט געזאָגט דעם איקער. ער האָט זיי אָנגעיאָגט און געוואָרנט:

— כ׳מיין, אז גיין איבער די דערפער האָט פאר אײַך קיין שום זינען, ווײַל סײַווי וועט איר ניט קריגן דאָס, וואָס איר זוכט... בעסער פאר אלץ וואָלט געווען זיך דורכגיין אף א יאריד, דאָרט קאָן מען עפּעס קריגן... אהין ברענגט מען פערד פון גאַנץ טאַווריער קאַנט, נאָר זײַט פאָרזיכטיק, ווײַל דאָרט דרייען זיך ארום א סאַך שווינדלער.

— א דאַנק פאר אײַער גוטער אייצע און נאָכאמאָל א דאַנק פאר אלעס גוטעס, — האָט אווראָם ווידעראמאָל געזעגנט זיך מיט אים.

## 10

אווראָם האָט געפּרוּווט איבערצײַגן עליען, אז ס׳האָט קיין שום זין ניט צו גיין ווײַטער און אז מע דאַרף זיך אומקערן אהיים.

— בעסער וועלן מיר טאַקע דערנאָך אראָפּכאַפּן זיך אף א יאריד און דאָרטן קויפן, — האָט פאָרגעלייגט אווראָם. — שלעפּן זיך איבער די דער־פער, ווי די ציגײַנער, איז פּאַשעט אָן אומזין. קיין פערד, ווי דער דײַטש האָט געזאָגט, קאָן מען דאָרט ניט קויפן און קיין מעצי׳עס געוויס ניט כאַפּן.

אָבער עליע איז ניט מאַסקים געווען מיטן טאַטן:

— סײַווי, טאַטע, דאַרף מען גיין, מע דאַרף א קוק טאָן, ווי׳אזוי מענטשן לעבן, ווי׳אזוי זיי ארבעטן.

— מיר וועלן נאָך אלץ באַווײַזן זען, — האָט אווראָם געפּרוּווט אים אײַנריידן. — אין דער היים איז פאראַן אַזויפיל ארבעט: מע וועט קומען גראָבן דעם ברונעם, מע וועט אָנהייבן פירן מאַטעריאַל צו בויען הײַזער. ווו זשע האָבן מיר צײַט מיט דיר ארומצוגיין?..

— איך וועל אהיים איצט ניט גיין, כ׳וויל כאָטשבי נאָך א פּאָר דערפער א קוק טאָן. אויב דו ווילסט ניט גיין, קאָנסטו זיך אומקערן אָן מיר.

— וועסט אין ערגעץ ניט גיין, — האָט אווראָם אים געפּרוּווט פארהאַלטן.

איבערעדן און פארהאַלטן עליען איז געווען אוממעגלעך, און אווראָם האָט אים געמוזט נאָכגעבן. נאָר גלײַך ווי ער האָט זיך צעשיידט מיטן זון, האָט אים אָנגעכאַפּט א שאַרפער פארדראָס, לעמײַ ער האָט אים אָפּגע־לאָזט.

„וואָס האָב איך עס אָפּגעטאָן, ווו איז געווען מײַן קאָפּ? — האָט ער זיך אליין אָנגעהויבן טאַדלען. — אויב איך האָב ניט געקאָנט אים אײַנרעדן, אז ער זאָל ניט גיין, האָב איך אויך געדאַרפט גיין מיט אים... ווער ווייסט, וואָס ס׳קאָן מיט אים פּאַסירן. ארום־און־ארום איז דאָך סטעפּ, א מין וויסטעניש...

ערשט די טעג האָט אים שיר ניט צעריסן א הונט. און וווּ? ניט ווײַט פון אונדז, מיט דער האַנט, קאָן מען זאָגן, צו דערלאַנגען. ווי־אַזוי זשע האָב איך אים איצט אָפּגעלאָזט אליין, אַף אַזא מעהאַלעך, אין א פרעמד אָרט?״

אים האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן, דעריאָגן און אומקערן. אָבער ווי זוכט מען אין גרויסן סטעפּ א זעמדעלע? ווער ווייסט, אוועלכער ווינט און וווּהין האָט אים פאַרטראָגן? וואָס וועט ער זאָגן יוינען, שלוימע פאפעליר־כען און אַלע איבעריקע מענטשן, ווי וועט ער זיי דערקלערן, פאַרוואָס ער האָט אָפּגעלאָזט דעם זון אַרומוואַנדערן אַף הפקר איבערן פרעמדן אומ־באַקאַנטן סטעפּישן קאַנט?

קוים דערשלעפּט זיך צום שטיבל, האָט ער זיך א וואַלגער געטאָן אַפן געלעגער, ער האָט געדאַרפט קומען צו־זיך.

— וואָס איז מיט אײַך, רעב אַווראָם, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט שלוי־מע פאפעליוכע געפרעגט.

— גאָרניט, — האָט אַווראָם שטיל געענטפערט. — איך בין פאַשעט מיד.

דערזען דורכן פענצטערל, אַז יוינע שטעפער איז פון ערגעץ אָנגעקו־מען, האָט שלוימע פאפעליוכע געהייסן סענדערן אים איבערגעבן, אַז אַוו־ראָם מעהודין האָט זיך שוין צוריקגעקערט.

— ער גייט סײַן, — האָט זיך באַלד דערהערט סענדערס קאָל.

יוינע איז אַרײַן אין שטיבל, אַווראָם האָט זיך אופגעהויבן פון געלעגער.

— נו, וואָס פאַר א נײַס האָט איר אונדז געבראַכט? — האָט יוינע גע־וואָלט וויסן.

— מיר זײַנען דערגאַנגען ביז דער נאָענטסטער דײַטשישער קאָלאָניע, און איך האָב זיך אומגעקערט...

— און וווּ איז עליע?

— ער איז אַוועק ווײַטער... איך האָב אים ניט געוואָלט לאָזן, נאָר ער האָט מיך ניט געפאָלגט... אין קאָלאָניע האָט אונדז א מענטש געזאָגט, אַז ס׳איז אומעגלעך צו קויפן פערד אין די אַרומיקע דערפער, און אינווענטאַר איז אויך דאַרטן שווער צו קריגן... סײַדן נאָר אַף די יארידים. אַהין וועט מען זיך עפּשער דאַרפן אַראָפּכאַפּן... איך עק זיך פון מײַן לעבן, לעמײַ איך האָב מײַן זון אָפּגעלאָזן, איך קאָן זיך עס ניט מוחל זײַן. וווּ איז געוועזן מײַן קאָפּ? וואָס האָב איך עס אָפּגעטאָן?

— זאָרגט זיך ניט, אײַער עליע איז אַזא כּעוורעמאַן, וואָס וועט אין ערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן, — האָט יוינע אים אונטערגעמונטערט. — ס׳איז אַפילע גוט, וואָס ער וועט זיך דורכגיין. זאָל ער א קוק טאָן, ווי מענטשן לעבן און אַרבעטן אין די אַרומיקע דערפער, ער וועט זיך, מעגלעך, עפּעס אָפּלערנען פון זיי.

— אָבער ס׳איז ווײַט, זאָגט מען, פון איין דאָרף ביזן צווייטן, דער קאַנט איז א פרעמדער, ער וועט, מעגלעך, אַפילע ניט האָבן באַנאַכט וווּ דעם קאָפּ צוצולייגן, ער קאָן ביכלאַל ערגעץ פאַרבלאָנדזשען, — האָט אַווראָם אויסגערעדט זיך דאָס הארץ.

— איר ווייסט, אפאָנעם, סלעכט אײַער זון, — האָט זיך אַרײַנגעמישט סענדער, — ער וועט גיכער פון אונדז אַלעמען דעם וועג צוריק אַהיים געפינען.

פון די טרייסט־ווערטער איז אורזאָמען געוואָרן א ביסל גרינגער. אָבער ווי ס'איז אָנגעקומען דער אָוונט, האָט ער זיך ווידער קיין אָרט ניט געקענט געפינען. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער ארומגעבלאָנקעט איבערן סטעפּ, ארומגעטראָגן זיך אין אלע זײַטן, פונוואַנען עליע האָט נאָר געקענט אָנקומען.

א גאַנצע נאַכט האָט אורזאָם אף קיין מינוט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ווי נאָר ער האָט דערהערט א שאָרך, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז עליע גייט. פאַרשיידענע געדאַנקען זײַנען אים געקראָכן אין קאָפּ. דאָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אז עליע בלאָנדזשעט אין דער פינצטערניש איבערן סטעפּ און קאָן דעם וועג ניט געפינען אהיים. דאָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, אז ער בלאָנקעט ארום איבער אוועלכן־ס'ניט־איז דאָרף, זוכט ווו איבער־צונעכטיקן, און קיינער לאָזט אים ניט ארײַן, און הינט זײַנען אים באפאלן און רײַסן אים אף שטיקער.

ס'איז דורכגעגאַנגען נאָך א טאָג און א פײַנלעך־שווערע נאַכט. אַן אויסגעמאַטערטער פון ניט דערשלאָפן און פון די אומרויִקע ראַיוינעס, וועלכע האָבן געעגבערט זײַן מויעך, האָט אורזאָם באשטימט גיין איבער די ארומיקע דערפער זוכן דעם זון. ער וועט גיין פון דאָרף צו דאָרף און זיך נאָכפרעגן בא מענטשן, צי האָבן זיי דאָ ניט געזען א יונגן יאַט און ווהין איז ער אוועק.

אָפּגעגעסן און פארכאַפּט מיט זיך עפּעס־וואָס פון עסנווארג, האָט ער שוין געוואָלט זיך לאָזן אין וועג. פלוצעם איז צום שטיבל אָנגעפאָרן פון ערגעץ א מענטש אף א בעדארקע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און, דער־זעענדיק אורזאָמען, א פרעג געגעבן:

— דאָ געפינען זיך די איבערוואַנדערער, וועלכע ווילן זיך באַזעצן אף ערד?

— וואָסי, וועמען דארפט איר?

— איך דאַרף עמעצן פון די עלטסטע.

— אויב איר דארפט עפּעס אָדער איר האָט אוועלכן־ניט־איז איניען, קאָנט איר זיך מיט מיר אויך דורכריידן.

דער געקומענער איז אראָפּגעקראָכן פון דער בעדארקע, געוואָלט אָנ־הייבן ריידן מיט אורזאָמען, נאָר ס'האָט זיך אים עפּעס ווי אין האלדז גע־שטעלט און ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסברענגען. אורזאָם האָט זיך אָנגעשטויסן, ווער דער געקומענער איז, נאָר קעדיי זיך איבערצײַגן, אז דאָס איז טאַקע ער, האָט ער א פרעג געגעבן:

— פונוואַנען זײַט איר?

— איך בין פון קאָלאָניע נײַ־בערלין.

— ווער האָט אײַך געשיקט אהער?

— וואָס הייסט ווער... דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט האָט מיך גע־שיקט צו אײַך ארבעטן.

— ארבעטן? ארבעט איז בא אונדז פאַראַן א סאַך... מיר דארפן זייען, מיר דארפן אַקערן, מיר דארפן אויסגראָבן א ברונעם... טײַער האָבן מיר באַצאָלט פארן ביסל וואַסער, וואָס מיר האָבן געבעטן...

דער געקומענער האָט דורכגעלאָזט פאַרבײַ די אויערן אווראָמס שטעכ־ווערטל. קעדיי אויסמײַדן צו ריידן וועגן דעם, האָט ער שטרענג זאכלעך געפרעגט:

— איר קאָנט מיר זאָגן, וואָס איך דאַרף טאָן? ווען איך קומען אַרבעטן.

— איך וועל זיך אויסייצען, וועל איך אײַך זאָגן, — אווראָם האָט געוואָלט אַ רוף טאָן יוינען, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יענער איז אוועק־געפאָרן אין ראַיאָן.

מיטאַמאָל האָט עמעצער אויסגעשריִען:

— אָט גייט ער דאָך!.. מע האָט אים דאָך שוין געוואָלט גיין זוכן!

— ווו איז ער, ווו? — האָט זיך גלײַך דערהערט אַ צווייט קאָל. — דאָס איז דאָך טאַקע עליע.

אווראָם האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן אַנטקעגן דעם זון, עליע איז שוין געווען ניט ווײַט פון אים, נאָר דער טאַטע זײַנער איז געווען אַזוי פריידיק־צעראַשט, אַז ער האָט אים ניט באַמערקט און געהאַלטן אין איין שרײַען:

— ווו איז ער... ווו?

אווראָם האָט אַרומגעכאַפּט דעם זון:

— ווו ביסטו עס אויסגעווען? כ׳האָב שוין דאָך ניט געוווּסט וואָס איבער־צוטראַכטן. נאָר אַבי דו ביסט בעשאָלעם געקומען אַהיים. ביסט, מיסטאָמע, גוט הונגעריק, כ׳וועל דיר באַלד געבן עסן...

אווראָם איז אַוועקגעלאָפן אין שטיבל, גענומען אַ שיסעלע און זיך גע־לאָזט לויפן צום קעסל אָפּן דרײַפוס אָנגיסן געקעכץ.

— קום, מײַן זון, עסן, — האָט ער אים אַ רוף געטאָן.

עליע האָט עטלעכע ווערטער אויסגערעדט מיט שלוימען, פּיניען און אַרײַן אין שטיבל. דורכגייענדיק דעם דײַטש — האַנס ביוטנערן, וועלכער איז געשטאַנען לעם זײַן בעדאַרקע, האָט עליע אויף אַ רגע זיך אָפּגע־שטעלט. „דאָס איז ער, קענטיק, געקומען אָפּקומען זײַן שטראָף״, — האָט עליע זיך דערמאָנט, וואָס דער וועטערינאַר האָט אין קאָלאָניע דערציילט. ביוטנער האָט שאַרף אָפּגעקערט דעם קאָפּ, קעדיי זיך ניט באַגעגענען מיט עליעס בליק.

ווי נאָר עליע איז אַרײַן אין שטיבל און זיך אַוועקגעזעצט עסן, איז אוו־ראָם אַרויס צום דײַטש.

— איר קאָנט מיר שוין ווײַזן, וואָס איך דאַרף טאָן? — האָט דער דײַטש געפרעגט.

— דער, מיט וועמען איך דאַרף זיך באַראַטן, איז אַוועקגעפאָרן.

דער דײַטש האָט זיך אַרופגעזעצט אויף דער בעדאַרקע און שוין געוואָלט אַוועקפאָרן, נאָר אווראָם האָט ניט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהײַט געבן אים צו וויסן, אַז דער בייזווילּיקער טאַט, וואָס ער מיט זײַן זונדל זײַנען באַגאַנגען, איז ניט פאַרגעסן געוואָרן. צוימענדיק אין זיך די אויפגעבראַכט־קײַט, וועלכע האָט געבראַוזט אין אים, האָט ער אויסערלעך רויִק אַ זאָג געטאָן:

— דורכן פענצטערל פון שטיבל האָב איך געזען, ווי דער יונג, וועלכן איר האָט...

דער דײַטש האָט פאַרשטאַנען, וואָס אוראָם וויל זאָגן, און קעדיי אויס־מײַדן דעם אומאָנגענעמען פאַר אים געשפּרעך, האָט ער אָנגעצויגן די לײַצעס אוועקצופאָרן. נאָר פון יויצע וועגן האָט ער געפרעגט:

— איז ווען זאָל איך קומען?

— קומט מאָרגן גאַנצפרי. מיט א פערד און מיט אן אקער... אָבער סײַווי ווערט איר מיט דעם ניט אויסקויפן דאָס, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן... איך האָב נאָר געוואָלט, אז איר זאָלט א קוק טאָן אין די אויגן דעם יונג — מײַן זון און דערקלערן, וואָס ער האָט אײַך אזוינס געטאָן, וואָס איר האָט זיך אזוי מיט אים מערדעריש באַגאַנגען.

— כ׳האָב שוין איינמאָל דערקלערט וועגן דעם, — האָט מיט גײַווע גע־ענטפערט דער דײַטש. — מײַן יונג האָט א שטיף געטאָן.

— אז איך און מײַן זון וואָלטן אזוי געשטיפט מיט אײַער זון, וואָס וואָלט איר געזאָגט? — איז אוראָם געוווען אופגעבראַכט. — די שטראָף, וועלכע מ׳האָט ארופגעלייגט אף אײַך, איז בלויז א וואָרענונג. אויב איר וועט אף ווײַטער זיך ניט פאַרטראַכטן און איר מיט אײַער זונדל וועלן אזוי האַנדלען מיט אומשולדיקע מענטשן, וועט איר ניט מיט אזא שטראָף אָפּ־קומען...

## קאַפּיטל פיר

### 1

עליע האָט גענוי דערציילט אלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין די ארומיקע דערפער און יישובים, ווו ער איז אויסגעוועזן. מער פון אלץ האָט ער גערעדט וועגן דער קאָמונע אין קאַרא־טשאָקראַק. ער האָט ניט אופגעהערט צו לויבן די ווירטשאַפט פון דער קאָמונע, אירע מענטשן, אירע פעלדער.

— אָט בא וועמען מע דאַרף זיך לערנען אַרבעטן! — האָט ער א באַגײַסטערטער אויסגעשריגן. — אף די פעלדער, ווו ס׳איז פאַרזייט ווייץ און קאָרן, וועט איר קיין גראָזעלע ניט געפינען. אפן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינ־וועטאַר וועט איר קיין שטויבעלע ניט באַמערקן. די פערד און די בעהיי־מעס זײַנען אָפּגעקאָרמעט, כאָטש שיק זיי אף אן אויסשטעלונג. אומעטום, אין די הײַזער און שטאַלן, איז ריין, ציכטיק, א מעכײַע צו קוקן.

באַם פרישטיק, באַם וואַרמעס און וועטשערע, ווען אלע קלײַבן זיך צונויף ארום שײַטער, הערט מען ניט אוף צו ריידן וועגן דער קאָמונע. מע פאַרשיט עליען מיט פראַגן:

— ווען האָט מען געגרינדעט די קאָמונע? אוועלכע גערעטענישן זײַ־נען דאָרט? ווי איז בא זיי מיט וואַסער? זײַנען דאָרטן פאַראַן סעדער? ווײַנגערטענער?

עליע האָט אף אלע פראַגן געענטפערט פינקטלעך און אויספירלעך. ווען ער האָט דערציילט, אז די קאָמונע איז געשאַפן געוואָרן גלײַך נאָך

דעם, ווי מע האָט פאַרטריבן די ווײַסע פון דער קרימער ערד און אַז געגרינדעט האָט זי א רויטער קאָמאַנדיר — א בודיאָנאָוועץ, איז יוינע שטעפּער אופּגעשפּרונגען פון זײַן אָרט.

— א בודיאָנאָוועץ? ווייסט עס געוויס?.. ווי הייסט ער?

— קוזיטש.

— קוזיטש? וואַרט נאָר אויס, כ'האָב טאַקע געהערט פון אַזאַ קאָמאַנ־דיר. ער איז געווען, דאַכט זיך, א קאָמאַנדיר פון אַן עסקאַדראָן. ווי זשע האָט ער זיך דערטראַכט שאַפן די קאָמונע?

— מע קאָן זײַן א גוטער רויטער קאָמאַנדיר, קאָמאַנדעווען מיט אַן עסקאַדראָן, שנײַדן און בראָקן מיט דער סאַבליע דעם סוינע, אָבער ערד באַאַרבעטן, פירן אַן אַקער, האַלטן אין האַנט א קאָסע און א מאָטיגע, און נאָך קאָמאַנדעווען מיט יענעם, ווײַזן יענעם, ווי צו אַרבעטן, דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליוכע. — מ'דאַרף זײַן א מייוון אף א שטיקל ערד, קאָנען באַאַרבעטן פעלדער און סעדער, פאַר־שטיין אף א פערד און אף א בעהיימע.

— האָט ער זיך עס טאַקע אויסגעלערנט, — האָט געזאָגט עליע. — די כאָכמע, ווי צו פירן א באַלעבאַטישקײַט, האָט ער איבערגענומען בא איינעם אַן אַלטיטשקן, וועלכן מע רופט אין דער קאָמונע „דער זיידע ניקיטיטש”. געפונען האָט דעם אַלטן ניט קוזיטש, נאָר אַליין פּרונזע. בייס מע האָט געדאַרפט שטורעמען דעם פּערעקאָפּ, האָט מען געמוזט געפינען אַזאַ אָרט אין סיוואַשער דורכגוס, וווּ ס'זאָל ניט זײַן טיף, מע זאָל אַליין קאָנען לײַכ־טער דאָס וואַסער דורכגיין און אויך אַריבערפירן דאָס געווער. האָט מען געזוכט און געזוכט אַזאַ מענטשן, ביז מע האָט געפונען דעם זיידן ניקי־טיטש. בעסער פון אים האָט קיינער ניט געקענט דעם קרימער קאַנט. ער האָט געוווּסט, וווּ וואָס פאַר א בערגעלע ס'ליגט אין סטעפּ, וווּ וואָס פאַר א באַלקעלע, וווּ מע קאָן זיך באַהאַלטן און וווּ דער סוינע קאָן זיך פאַרפעסטיקן. דעם סיוואַש איז ער הונדערטער מאָל דורכגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט, און ער האָט טאַקע גע־פונען דאָס פּאַסיקסטע אָרט, דורך וועלכן די רויטע כאַיאָלעס האָבן שטיל און געהיים זיך אַריבערגעקליבן און דערלאַנגט א טויט־קלאַפּ די ווײַסע אַרמייען. פּרונזע האָט נאָכדעם אַרויסגערופן ניקיטיטשן צו זיך, געדאַנקט אים פאַר דער הילף, באַפוילן אַרויסגעבן אים א שינעל מיט א בודיאָנאָוו־קע און פאַרעכענען פאַר אַן ערן־בודיאָנאָוועץ.

ווען מע האָט פאַרטריבן פון קרים די ווײַסע, האָט קוזיטש אָפּגעזוכט דעם זיידן ניקיטיטשן און געבעטן אים געפינען א פּאַסיקן ערדכיילעק, קעדיי דאָרט שאַפן א קאָמונע. ניקיטיטש האָט אונטערגעקליבן א גוט טוווּע־פעלד, א טאָליק אָרט פאַר אַן אויבס־גאָרטן, א פּאַסיק שטיק ערד צו פאַרפלאַנצן א פּרוכט־סאָד און א ווײַנגאָרטן. קוזיטשן איז געפעלן גע־וואָרן דאָס אָרט, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דעם יישעוו קאַראַ־טשאַק־ראַק. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן די קאָמונאַרן, מערסטנטייל געווע־זענע בודיאָנאָוצעס. די מעלוכע האָט געגעבן קרעדיטן אײַנצושאַפן א ווירטשאַפט. די ערשטע גערעטעכנישן האָבן געגעבן א מעגלעכקײַט די קאָ־מונאַרן צו שטעלן זיך אף די פיס, נאָר מיט קויכעס האָט זיך די קאָמונע

אָנגעגומען נאָך דעם, ווי קוזיטש מיטן זיידן ניקיטיטש זײַנען אוועקגע־פאָרן קיין מאָסקווע צו לענינען און מיט זײַן הילף באַקומען א טראַקטאָר „פאָרדזאָן".

— א טראַקטאָר? — איז אזש אופגעשפרונגען פיניע יעגעס. — ווי, זאָגסטו, הייסט ער? פערדזאָן?.. הייסט ער, מיסטאַמע, אף א פרעמד לאָשן... פערד פאַרשטייט מען, אזוי איז אף אונדזער לאָשן אויך, און זאָן? וויאזוי פאַרטײַטשט מען זאָן?

— ניט פערדזאָן, נאָר פאָרדזאָן, — האָט אים עליע פאַריכט. — דאָס איז אן אמעריקאַנער נאָמען.

— סײַווי איז ער פערדזאָן, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פאַפּעליו־כע, — ווײַל ער שלעפּט, ווי א פערד... — און ווענדנדיק זיך צו עליען, האָט ער א פרעג געגעבן: — דו האָסט אים טאַקע געזען, דעם טראַקטאָר?

— אוודאי האָב איך אים געזען, — האָט געענטפערט עליע. — מע רופט אים טאַקע דאָס שטאָלענע פערד.

— מ'דאַרף אים רופן ניט דאָס שטאָלענע פערד, נאָר דאָס גאָלדענע פערד, — האָט ווידער זיך אָפּגערופן שלוימע פאַפּעליוכע. — מע דאַרף אים ניט האָדעווען, מע דאַרף צו אים קיין בײַטש ניט, און ער שלעפּט, זאָגט מען, פאַר דרײַסיק פערד, פאַר פערציק און עפּשער פאַר גאַנצע פופציק... אוי, ווען מיר האָבן כאָטש איין פערדל אזא, וואָס וואָלטן מיר געדאַרפט...

— איך האָף, אז מיר וועלן נאָך האָבן ניט איינס, נאָר א סאַך, — האָט געזאָגט עליע. — מע דאַרף זיך נאָר אויסלערנען אַרבעטן, ווי דאָרטן, אין דער קאָמונע. באַם זיידן ניקיטיטש האָב איך זיך שוין עטוואָס אויסגע־לערנט. כ'ווייס שוין א ביסל, ווי מע דאַרף אַקערן, ווי און ווען מע דאַרף זייען, וועלכע זריִע און וויפל מע דאַרף אף א העקטאַר ערד... ער האָט מיר צוגעזאָגט נאָך וועגן א סאַך זאַכן דערציילן און באַווײַזן...

— מע דאַרף טאַקע זיך דורכגיין אהין, — האָט געזאָגט יוינע. — אויב דאָרטן זײַנען געוועזענע בודיאָנאָווצעס, בין איך א שטיקל מעכוטן מיט זיי. פאַרוואָס האָט דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט אונדז גאָרנישט ניט דערציילט וועגן זיי? מיר זײַנען דאָך, קאָן מען זאָגן, שכיינים... מיר וועלן זיך דורכריידן מיטן געוועזענעם רויטן קאָמאַנדיר, עפּשער וועט ער אונדז מיט עפּעס העלפן, און מעגלעך, טאַקע מיט א מאַמאָשעסדיקער זאַך. אויב זיי האָבן אן אייגענעם טראַקטאָר, האָט פאַר זיי קיין שום ווערט ניט אופ־צואַקערן בא אונדז א פּאָר דעסיאַטינקעס.

— ניקיטיטש האָט צוגעזאָגט קומען צו אונדז, — האָט פאָרגעזעצט עליע. — גלײַך ווי איך האָב אים אָנגעהויבן דערציילן, ווו מיר האָבן זיך באַזעצט, האָט ער מיר געזאָגט, אז דאָס איז אף דער געוועזענער פּריצטן ליוסטיכעס ערד. ער ווייסט אפילע, אז אין דעם שטיבל, ווו מיר וווינען, פלעגן אמאָל די פּאַסטעכער פון דער פּריצטעס אָטאַרעס שאָף אָפּשטעלן זיך אף אָפּרו. באַמערקט, אז איך פרעג זיך פּאַנאַנדער בא מענטשן, וויאזוי מע באַאַרבעט די היגע ערד, וואָס וואַקסט און וואָס געראָט אף איר, האָט ער מיר געזאָגט: „קום צו גיין, באַכערל, צו מיר אהיים, וועל איך דיר ענטפערן אף אלע דײַנע פראַגן". ניקיטיטשעס אַלטיטשקע האָט מיך אָנגע־האָדעוועט, צוגעגרייט א נאַכטלעגער, דער זיידע האָט א גאַנצע נאַכט מיט

מיר געשמועסט. ער האָט מיר געענטפערט אף אלע מײַנע פראגן און דער־ציילט א סאך ציקאווע מײַסעס. די מײַסעס, האָט ניקיטיטש פארזיכערט, זײַנען פארלאָפן טאקע דאָ אין די סטעפּעס. דערציילט האָט ער מיט אלע פּראָטים, ווי עס האָט אים דערציילט זײַן פאָטער, וועלכער האָט אלץ גע־הערט פון זײַן זיידן.

איינע פון די מײַסעס האָט עליען באזונדערס זיך פארקריצט אין זי־קאָרן. אָנגעהויבן האָט זי זיך אזוי:

אין דעם טאווריער סטעפּ האָבן נאָך פון פארצײַטן געלעבט מענטשן. זיי זײַנען דאָ געבוירן געוואָרן, אויסגעוואקסן און געעלטערט זיך. זייערע זין און טעכטער האָבן דאָ כאסענע געהאט, געבוירן קינדער, דערלעבט קינדסקינדער. געלעבט האָבן די מענטשן פון זייער ביטערער האָרעוואניע און מעפארנעס געווען זיך פון דעם, וואָס די מאמע־ערד האָט געבוירן. די זומערן זײַנען אין די קאנטן הייסע און טרוקענע. ווען ס׳גייען ניט קיין רעגנס, רוקן זיך אָן שווארצע יאָרן: די טוועס ווערן פארברענט, די פעל־דער פארטריקנט, די ביימער פארוויאנעט און די מענטשן און זייער פי דראָעט א הונגער־טויט. זײַנען די מענטשן מיספּאלעל געווען צום איי־בערשטן, ער זאָל זיך דערבארעמען אף זיי און אָנפּאָיען זייערע פעלדער, עס זאָל וואקסן ברויט פאר זיי און פּאשע פאר׳ן פי.

איינמאָל איז אין דעם קאנט געווען א גרויסע אומגערעטעניש. דאָס ברויט איז פארברענט געוואָרן. פון הונגער האָבן אָנגעהויבן אויסשטארבן מענטשן, ס׳איז אומגעקומען דאָס פי. האָט זיך אָנגעהויבן א יעלאָלע, א געוויין. די, וועלכע דער הונגער האָט נאָך מיט זײַן בייזערדיקער האַנט ניט דערשטיקט, האָבן געפאסט, געדאוונט, געבעטן ראכמים באם איי־בערשטן, ער זאָל ראכמאָנעס האָבן אף זיי און אף זייערע קינדער, געבן זיי קויכעס איבערלעבן דעם אומגליק.

פרילינג, ווי נאָר ס׳איז געוואָרן ווארעם, האָבן זיי אופגעאקערט און פארזייט די ערד. די טוועס זײַנען אופגעגאנגען, אָנגעגאָסן זיך מיט זאפט. צו דער צײַט איז א רעגן דורכגעגאנגען. ווען די טוועס האָבן שוין אָנגע־הויבן זענגלען זיך, האָט אָנגעטראָגן א געוויטער און ס׳האָט אָנגעהויבן גיין א רעגן — א מאבל. די פעלדער מיט די טוועס און די לאָנקעס היי זײַנען פארטרונקען געוואָרן. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן בעטן באם מאַ־לעך פון די רעגנס, ער זאָל ראכמאָנעס האָבן אף זיי און אָפּשטעלן דעם רעגן. נאָר דער מאבל האָט געגאָסן און געגאָסן אָן אן עק און אָן א סאָף. די טוועס און די פּאשע פאר דעם פי זײַנען אומגעקומען. די ניצל געוואָ־רענע פון דעם הונגער נאָך דער טריקעניש האָבן זיך אָנגעהויבן ראטעווען פון דעם נײַעם גזאר און זײַנען זיך צעלאָפן ווער וווהין.

פוסט און וויסט זײַנען געוואָרן די פעלדער. נאָך דעם מאבל זײַנען די לעבן־געבליבענע מענטשן בארויגעז געוואָרן אפן מאַלעך פון רעגן און האָבן שוין מער ניט געפאסט, קיין טשוווע ניט געטאָן, ניט געבעטן, אז גאָט זאָל אָנטרינקען זייערע פעלדער. אָבער איבעראיאָר האָט ווידער אָנ־געהויבן באקן די זון, ס׳האָבן א בלאָז געגעבן די סוכאָווייען און ס׳האָט זיך ווידער אָנגערוקט אהער א שווארץ יאָר. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן בעטן בא גאָט א רעגן, נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן. די לעצטע לעבן־געבלי־

בענע מענטשן זײַנען אנטלאָפֿן פֿון סטעפּ, וווהין די אויגן האָבן געטראָגן, קעדיי ראַטעווען זיך פֿון הונגער־טויט, און די, וואָס זײַנען דאָ געבליבן, זײַנען אומגעקומען. פּוסט און וויסט, עלנט און פֿאַרלאָזט איז געבליבן דער סטעפּ. ווינטן האָבן ניט אופֿגעהערט צו באַוויינען די איינזאַם געבליבענע מאַמע־ערד, וואָס איצט וועט זי בלײַבן אַף אייביק אַ פֿאַרווילדעוועטע. נאָר איין קלוגער מענטש, וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען די סוידעס פֿון דער ערד און האָט באַנומען דאָס געוויין פֿון די קלאָגנדיקע ווינטן, האָט ניט פֿאַרלאָזט די סטעפּעס. ער האָט צו דער צײַט, ווען ס׳האָבן געגאָסן די רעגנס, צונויפֿגענומען וואַסער, פֿאַרהיט עס, און ווען ס׳איז ווידער געקומען אַ שוואַרץ יאָר, האָט אים דאָס וואַסער געראַטעוועט דאָס לעבן, און ער האָט, ווי פֿריִער, געטרײַ געדינט דער מאַמע־ערד, געשאָנעוועט זי.

פֿאַרענדיקט די מײַסע, האָט דער זיידע ניקיטיטש געבעטן איבערגעבן די מענטשן, וועלכע באַזעצן זיך ווידער אַף די אַמאָליקע אוראַלטע פֿאַרלאָזטע סטעפּעס, אַז זיי זאָלן היטן און שעצן יעדן טראָפּן וואַסער, ווײַל וואַסער איז אַ גרויסער אוצער, אָן וואַסער איז ניטאָ קיין לעבן אַף דער וועלט.

## 2

ביז טיף אין האַרבסט איז די בויונג פֿונעם קומענדיקן יִשעוו, ווו ס׳וועט זיך באַזעצן דער קאָלעקטיוו „רויטער באַלעגאַלע״, ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. די צוויי הײַזער, די שטאַלן, דער שײַער און דער ברונעם, וועלכע האָבן שוין צו דער צײַט געדאַרפֿט פֿאַרטיק ווערן, זײַנען נאָך געווען ווײַט ניט פֿאַרענדיקט. נאָר ווי אַף צולאָכעס איז אין דעם יאָר פֿריִער געוואָרן קאַלט ווי אַלע מאָל. ווײַנען אין דעם שטיבל און פֿאַרזעצן די אַרבעט אין סטעפּ איז שוין געוואָרן אומעגלעך. דעריבער האָט יוינע שטעפּער פֿאַרגעלייגט: אומקערן זיך אַהיים, איבערווינטערן מיט די מישפּאָכעס און פֿריִלינג־צײַט קומען אַהער צוריק.

— ווי־אַזוי קאָן מען עס אַלץ איבערלאָזן אַף הפֿקר און אַוועקפֿאָרן? — האָט אוראָם דערווידערט. — מע וועט דאָך דאָ אַלץ צעשלעפּן. מע דאַרף צוּוואַרטן, עפּשער וועט זיך בײַטן דער וועטער און מע וועט נאָך עפּעס וואָס ביז ווינטער קאָנען אופֿטאָן.

מ׳האָט זיך אַזוי לאַנג געאַמפּערט און געטראַכט, וואָס צו טאָן, ביז עס איז ווירקלעך געוואָרן וואַרעמער. מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זיך אײַנגעגעבן קימאַט פֿאַרענדיקן בויען די הײַזער און די שטאַלן.

נאָך אַ יִשעוו־האַדאָעס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז סענדער קלאַפּטער און שלוימע פּאַפּעליוכע, וועלכע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט באַ אַ „גראָס־באַוער״ אין דער שכייניִשער דײַטשישער קאָלאָניע אַף אַ קורצער צײַט באַטראַקעווען, זאָלן דאָ אַכטונג געבן, מ׳זאָל גאָרנישט אין יִשעוו ניט צעשלעפּן, און די איבעריקע מענטשן האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

...וואָס מער דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו די אייגענע קאַנטן, אַלץ מער האָט זיך געלאָזט פֿילן, אַז דאָ איז שוין עכטער ווינטער. אײַנ־

געהילט אין טיפן שניי, האָבן דורכגעשווינדלט פאַרבײַ די פענצטער פון וואַגאָן פעלדער און וועלדער. פאַרלירנדיק זיך אין די בלענדיק־ווײַסע ראַכוועסן, טראָגט זיך דורך ערגעץ א שליטן, ער שנײַדט דורך א קאַליע פון איין פאַרזונקען אין הורבעס שנייען דערפל צו א צווייטן, און ווידער ציט זיך און ציט זיך דער שנייִקער מידבער, אָן אַן אָנהייב און אָן א סאָף.

צו דער היים־שטאָט איז דער צוג אָנגעקומען אפן דריטן טאָג. עס איז שוין געווען פינצטערלעך, ווען יוינע, אווראָם און די איבעריקע זײַנען אוועק צו זיך אהיים. מענטשן האָבן שוין אַרויסגעקוקט אף זיי, געוואָלט דערוויסן זיך נײַס און אויסייצען זיך וועגן פאַרשיידענע פראַגן. געווען זײַנען באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע: באַלעגאָלעס, טאַנדעטניקעס, קליינ־הענדלער און סטאַם לופט־מענטשן, פאַר וועלכע די „זעמעלקע" האָט גע־קאָנט ווערן א טרייסט און אַן אויסלייזונג פון דאַלעס און נויט.

מער ווי צו אלעמען איז מען געגאַנגען צו אווראָם מעהודינען, זײַן וואָרט איז געווען שטענדיק וואַגיק און וואַרהאַפטיק.

— נו, דערציילט, רעב אווראָם, מיט וואָס שמעקט די „זעמעלקע", ס'איז עפּעס א יעש, א געשעפט פאַר אונדז? מע קאָן פון דעם לעבן און האָדע־ווען א פאַמיליע?

— עס שמעקט מיט האַרעוואַניע,— האָט אווראָם יעדן מאָל געענט־פערט,— מע דאַרף אַרבעטן, ערד פאָדערט הענט... קיין טעלערל פון הימל וועט קיינער ניט דערלאַנגען. דערווײַל איז עס הוילער סטעפּ. ווער ס'וועט אַרבעטן, מיין איך, וועט האָבן צום לעבן. ווי זאָגט דאָס גלײַכוואָרטל: ווער ס'איז ניט פויל, דער האָט אין מויל.

— א גוט ווערטל,— האָט עליע זיך אַרײַנגעמישט.— ווער עס זוכט א לײַכט לעבן, מעג אהין ניט פאָרן, דאָרטן וועט זײַן ניט גרינג, גאָר ניט גרינג!

קיינער האָט ניט דערוואַרט אַזעלכע האַרבע ווערטער פונעם באָכערל.

— וואָס שרעקסטו מענטשן?— האָט אווראָם א זידל געטאָן דעם זון.— ווער ס'וויל פאָרן אף ערד, פאַרשטייט, אז ער פאָרט אהין ניט שפּילן זיך.

— גערעכט, רעב אווראָם,— האָט האַכנאַעדיק זיך אָפּגערופן אַרן קאַ־מינער — א דאַרינק, מיט א שטרײַמל אפן קאָפּ סויכערל, וואָס קריכט פון דער הויט אַרײַנצוטרעטן אין קאָלעקטיוו און באַזעצן זיך אף ערד.— קיין וועלף זײַנען דאָך דאָרט אין סטעפּ ניט פאַראַן, און מיט מענטשן קאָן מען שטענדיק אויסקומען.

אווראָם האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס קאַמינער צילט. ווען יענער דער־זעט אים נאָר, האַלט ער אים אין איין אײַנריידן, ער זאָל אַרײַנוואַרפן פאַר אים א וואָרט, מע זאָל אים נעמען אין זייער קאָלעקטיוו, דערבײַ זאָגט ער צו, אז ער וועט אַרײַנטראָגן א היפּשלעכע סומע געלט אײַנצוקויפן באַלעבאַטישקײַט.

אַרן קאַמינער האָט איצט זיך געקליבן נאָכאַמאָל פאַרפירן א רייד וועגן דעם, נאָר אין שטוב זײַנען אומגעריכט אַרײַנגעקומען צוויי פרויען — איינע א הויכע, א דאַרע, מיט א טערקישער שאַל אפן קאָפּ, און די צווייטע — א נידעריקע, שוואַרץ־אויגיקע, מיט א מענעריש געזונטן פּאָנעם.

קוים אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט די הויכע מיט א קוויטשענדיק־אופגערעגט קאָל, אויסגעשריִען:

— ווו איז מײַנער? עפשער איז מיט אים עפּעס שלעכטס געשען און איר באהאלט אויס פון מיר?

די צווייטע, די נידעריטשקע, האָט אויך אויסגעפאליעט:

— פארוואָס איז מײַנער ניט געקומען? וואָס האָט פּאסירט?

— בארויִקט זיך, זיי זײַנען פריש און געזונט, — האָט אווראָם געזאָגט.

נאָר די הויכע יידענע — שלוימע פּאפּעליוכעס ווײַב — האָט ניט אופּגעהערט צו גוואלדעווען:

— פארוואָס זשע איז ער ניט געקומען, אויב ער איז פריש און געזונט? ער האָט פארגעסן, אז ער האָט א ווײַב מיט קינדערלעך?

— זיי זײַנען געבליבן ארבעטן אין א דערבײַיִקן דאָרף, — האָט אווראָם דערקלערט.

— הארגעט מיך, וועל איך ניט גלייבן, אז מײַן סענדער זאָל ניט וועלן קומען מיט אלעמען אהיים, — האָט געשריִען די נידעריקע, סענדערס ווײַב.

— ניט אנדערש, איר ווילט אונדז פארליידן די ציין, — האָט געליארעמט פּאפּעליוכעס פרוי. — איר האָט זיי אײַנגערעדט, זיי זאָלן בלײַבן אינצווייען אין סטעפּ.

— און זיי, די נאראָנים, האָבן אײַך געפאָלגט, — האָט צוגעגעבן סענדערס פרוי.

די ווײַבער האָבן געשריִען, געטומלט. אווראָם האָט זיי קוים בארויִקט. ווי נאָר זיי זײַנען אוועקגעגאנגען, האָבן אים פארשאָטן מיט פראגן די איבעריקע מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט איבערוואנדערן אפן נײַעם אָרט.

א מידער פון וועג, האָט אווראָם שפּעט באנאכט זיך געלייגט שלאָפן, און ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבן שארִיען אף טאָג, איז ער שוין געווען אף די פיס. ער האָט נאָך ניט באוויזן ארויסגיין אין שטאל א קוק טאָן אפן פערד, ווי מיכלקע האָט זיך שוין דאָרט געפּאָרעט.

— דו האָסט זיך שוין, דאנקען גאָט, אף וועמען צו פארלאָזן, — האָט נאָך נעכטן זעלדע, דערציילנדיק וועגן די היימישע זאכן, געזאָגט. — מיכלקע איז שוין מיט אלע פישטשעוועס אן עמעסער באלעגאָלע... ער איז, קיין אײַנהאָרע, נאָך פלינקער און רירעוודיקער פון דיר, ער האָט זיך אויסגעלערנט אונטערכאפּן א פאסאזשיר, אָפּזוכן א קליִענט, וועלכער דאַרף אָפּפירן באגאזש. דו וואָלסט זען, מיט וואָס פאר א שטאָלץ ער גיט מיר אָפּ יעדן מאָל דאָס געלט, וואָס ער פארדינט.

ביזוואנען מיכלקע האָט זיך געגרייט ארויספאָרן נאָך פאסאזשירן, איז אווראָם שטילערהייט ארײַן אין דער טונקעלער שטאל, באטאפּט דאָס פערד, געכאפּט א קוק אין קאָרעטע. „דאָס פערד איז ניט שלעכט אין לײַב", — האָט ער א טראכט געטאָן.

דערהערנדיק, ווי מיכלקע פּאָרעט זיך, האָט אווראָם געפרעגט:

— וווהין קלײַבסטו זיך עס אזוי פרי, מײַן זון?

— דאָס ביסטו, טאטע? כ'האָב אפילע ניט באמערקט, ווען דו ביסט ארײַן אין שטאל.

— וווהין אײַלסטו זיך עס אזוי פרי?

— ווייסט דאָך... באַלד דאַרף אָנקומען אַ צוג, און טאָמער וועט זיך גאָרנישט ניט מאַכן צו פאַרדינען, דאַרף איך באַווייזן צופאָרן אין מאַרק אָדער צו אַ סקלאַד.

— גוט, וואָס דו ספּראַוועסט זיך אָן מיר אַזוי גוט... איך וועל זיך נאָך דאַרפן פאַרנעמען מיט אונדזער אַריבערפאָרן. ס׳קאָן זײַן, אַז אַ טייל פון אונדזער מישפּאָכע וועט נאָך ווידער בלײַבן דאָ. אין סטעפּ איז נאָך ניטאָ ווו צו וווינען. ביז מיר וועלן אַראָפּנעמען אַ שטיקעלע גערעטעניש, וועט מען זיך נאָך דאַרפן דאָ פאַרהאַלטן.

מיכלקע איז געווען צופרידן, וואָס דער טאַטע האַלט אים שוין פאַר אַ גרויסן און רעדט מיט אים, ווי מיט אַ גלײַכן.

— גוט, טאַטע, איך וועל אַרבעטן דאָ מיטן פערד, וויפל מע וועט דאַרפן... באַלעגאָלעס זײַנען געוואָרן ווייניקער, און ביז וואָס, קאָן מען דאָ אַ ביסל אונטערפאַרדינען.

בײַזוואַנען אוורהאָם האָט זיך דורכגערעדט מיט מיכלקען און אַרויסבאַ־גלייט אים, איז זעלדע אופגעשטאַנען, אײַנגעהייצט דעם אויוון, פאַרמישט די ראָשטשינע, אויסגעקנאָטן דאָס טייג — זי האָט געוואָלט צום איבער־בײַסן אָפּבאַקן אַ פּאָר פּיפּאַלעקעס. זי איז צופרידן געווען, וואָס זי האָט פאַרהיט דאָס ביסל מעל, וואָס מיכלקע האָט געבראַכט פון מאַרק, צו אוור־ראָמס און איליוסיקס קומען. הײַנט וועט זײַן אין שטוב אַ שטיקל יאָמ־טעוו — אוורהאָם און די קינדער וועלן זיך אָנעסן צו זאַט מיט ווייצענעם ברויט.

— ביסט, מיסטאַמע, הונגעריק, — האָט זי, דערזעענדיק אוורהאָמען, אַ פרעג געטאָן. — כ׳וועל נאָר אויסזעצן אָפּן פּאָד דאָס ברויט, וועלן מיר עסן פרישטיק.

זעלדע האָט אָפּגיך אַרויסגעשאַרט מיט דער קאָטשערע דעם אַש, אויס־גערייניקט דעם אָנגעגליטן פּאָד, אויסגעזעצט דאָס ברויט און פאַרמאַכט דעם אויוון.

פון געלעגער האָט זיך אופגעהויבן עליע און נאָך אים די איבעריקע קינדער. זיי האָבן זיך אײַנגעוואַשן און אויסגעזעצט זיך באַם טיש עסן איבערבײַסן. די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפּליעס, פון וועלכע ס׳האָט נאָך גע־שלאָגן אַ פּאַרע, די קאַלטע זויערמילך און דער פריש־אָפּגעבאַקענער פּי־פּאַלעק זײַנען געווען אַזוי באַטאַמט, אַז אוורהאָם מיט עליען, וועלכע האָבן שוין לאַנג ניט געגעסן קיין היימיש געקעכץ, האָבן געלעקט די פינגער. זעלדען האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן, וואָס אוורהאָם מיט די קינדער האָבן האַנאָע פון איר איבערבײַסן. צוגייענדיק יעדער ווײַלע צום טיש, האָט זי אונטערגעלייגט אין די טעלער פרישע קאַרטאָפּליעס, צוגעגאָסן אין שיסל זויערמילך און דערלאַנגט נאָך פּיפּאַלעקעס.

— עסט, עסט!

ווען דער זאַטער און געשמאַקער איבערבײַסן איז שוין געגאַנגען צום סאָף, איז אָנגעקומען יוינע שטעפּער.

— נו, איר האָט זיך אַ ביסל אָפּגערוט? — האָט ער, ווענדנדיק זיך צו אוורהאָמען, געפרעגט. — וועלן מיר, עפּשער, זיך דורכגיין אין מאַרק, אַ קוק טאָן, וואָס מע קאָן אײַנקויפן פאַר אונדזער באַלעבאַטישקײַט?

— וואָס איז די כאַפּעניש? איר זײַט דאָך ערשט נעכטן אין אָוונט געקומען, — האָט זיך אַרײַנגעמישט זעלדע.

— יעדער טאָג איז פאַר אונדז טײַער. מיר דאַרפֿן אַ סאַך זאַכן אײַנקויפֿן, — האָט געענטפֿערט יוינע. — מיר װעלן זיך ניט אַרומקוקן, װי די צײַט װעט דורכלויפֿן, און מיר װעלן דאַרפֿן אַרויספֿאָרן אין סטעפּ. אַזוי אַז מיר טאָרן ניט קיין איין טאָג דורכלאָזן.

— איז קומט, — האָט געזאָגט אוראַם. — אויב מיר װעלן אַפֿילו גאָרנישט ניט קויפֿן, װעלן מיר כאָטש די פּרײַזן װיסן. מיר דאַרפֿן און דאַרפֿן דאָך אַ סאַך זאַכן אײַנקויפֿן. אין אַ װירטשאַפֿט איז אַלץ װיכטיק און נייטיק. מיט אַ פֿערד אָן אַ שלייע קאָן מען גאָרנישט ניט טאָן, פּונקט װי מיט אַ שלייע אָן אַ פֿערד... אַ גוטער באַלעבאָס דאַרף אַלץ האָבן אין זינען, אַלץ פּאָרויסזען און באַװאָרענען. אין סטעפּ זײַנען נאָך דערװײַל קיין קראָמען ניט פֿאַראַן, און נאָך דער מינדסטער קלייניקײַט קאָן אויסקומען פֿאָרן אין אַלדי אויסרײַסעניש. דעריבער דאַרף מען זען אַלץ דאָ, אַף אָן אָרט, צוגרייטן. מע דאַרף האָבן אַ דװוכנאַליע, טאָמער רײַסט זיך אָפּ אַ פּאָדקאָװע באַ אַ פֿערד, אָן איבעריקן שװאָרען דאַרף מען האָבן פֿאַר אַ דישעל פֿון אַ װאָגן, אַ ליושנע פֿאַר אָן אַרבע, עס דאַרף זײַן אַ ביסל װוילעק, טאָמער רײַבט אָן אַ פֿערד אַ כאָלקע, אַ צװועקל, טאָמער דאַרף מען עפּעס צוקלאַפּן, אַ שרײַפּל עפּעס צוצודרייען...

— איר זײַט גערעכט, רעב אוראַם. מע דאַרף טאַקע, הייסט עס, ניט פֿאַרלירן קיין צײַט, טייקעף אָנהייבן אַלץ אײַנקויפֿן. אָנהייבן דאַרף מען גראָד פֿון קלייניקײַטן, װײַל קלייניקײַטן קאָן מען פֿון זינען אַרויסלאָזן, און אָן זיי קאָן מען זיך ניט באַגיין, — האָט געזאָגט יוינע.

יוינע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, װי ער װאָלט זיך קלײַבן פֿאָרזעצן דעם שמועס.

— איר װעט, פּונדעסטװעגן, עפּשער מיט אונדז עפּעס צובײַסן? — האָט אים אײַנגעלאַדן צום טיש זעלדע.

— אַ דאַנק, כ׳האָב שוין געפֿרישטיקט.

זעלדע האָט צוגעקליבן פֿון טיש, די קינדער זײַנען זיך צעגאַנגען. בלויז עליע איז געבליבן און זיך אײַנגעהערט אינעם געשפּרעך, װעלכן ס׳האָט געפֿירט דער פֿאָטער מיט יוינען.

— נעמט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר אָדער אַ נאָטיץ־ביכל און פֿאַרשרײַבט טאַקע אַלץ, װאָס מיר דאַרפֿן אײַנקויפֿן, — האָט פֿאָרגעלייגט יוינע.

— אַ ביסל געהילץ דאַרף מען מיטפֿירן מיט זיך, מע זאָל קאָנען נאָך אַ שטיבל אויסבויען, — האָט דערמאָנט עליע.

— מאָלאַדיעץ! אונדז איז עס גאָר אָפּן זינען ניט געקומען, — האָט יוינע געלויבט עליען. — פֿאַרשרײַבט, רעב אוראַם: קריגן געהילץ.

— לאָפּעטעס פֿאַרשרײַבט, — האָט װײַטער דערמאָנט עליע.

— לאָפּעטעס? אַף װאָס דאַרף מען לאָפּעטעס? — האָט געפֿרעגט יוינע. — יעדער מענטש, װאָס װעט איבערפֿאָרן אין סטעפּ, װעט מיטנעמען מיט זיך אַ לאָפּעטע.

— פֿרילינג, זאָגט דער זיידע ניקיטיטש, דאַרף מען אופֿאַקערן די

ערד וואָס גיכער... אקערס וועלן מיר האָבן ווייניק, וועלן מיר, וויפל מיר וועלן קאָנען, גראָבן מיט די לאָפּעטעס, — האָט עליע דערקלערט.

— אָ, דאָס איז א געדאנק, — האָט אונטערגעהאלטן יוינע. — מע דאַרף אײַנקויפן וואָס מער לאָפּעטעס, קעדיי גלײַך, ווען מיר וועלן קומען אין סטעפּ, אָנהייבן גראָבן.

— און ווי וועט זײַן מיט זריע? — האָט געפרעגט אווראָם.

— פּארזיי־מאַטעריאַל פאר טוועס וועלן מיר קריגן אַף אָן אָרט, נאָר פאר גאָרטנוואַרג, איבערהויפּט קאַרטאָפל, דאַרף מען קריגן דאָ.

עליע איז צוגעלאָפן צום קאַסטן, ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן עטלעכע פּושקעלעך, א פּאָר זעקעלעך און פּעקעלעך, אוועקגעלייגט זיי אַפן טיש.

— איך קלײַב שוין לאַנג קערלעך פון קירבעס, קאַוועָנעס, דיניעס. פּאַ־סאָליעס און ארבעס האָב איך אויך א ביסל צונויפגעקליבן.

— א גוטער באַלעבאָס! — יוינע איז געווען אנציקט. — פון אײַער זון, רעב אווראָם, זעט מען שוין, ווּעט אויסוואַקסן אַן עמעסער ערד־ארבעטער...

## 3

אין דרויסן האָט נאָך געשנייט און ס׳זײַנען געשטאַנען פראָסט, נאָר אין אלע איבערוואַנדערישע מישפּאָכעס האָט מען זיך העפטיק געגרייט אין וועג. מע האָט אויסגעפּאַרקויפט אלץ, וואָס איז יאָרנלאַנג געשטאַנען אין די הײַזער און איז געווען אומנייטיק אין דעם נײַעם וווין־אָרט. טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָט מען געטראָגן און געפירט אַף וועגעלעך אין מאַרק פּעק מיט אלטפרענקישע כּפייצים, מעבל, צעפּרעסנס פון מילבן, וואָס איז איבער־געגאַנגען בעירושע פון טאַטעס און זיידעס, אָפּגענוצטע און ענג געוואָ־רענע בגאָדים, שוכוואַרג, פון וועלכע קינדער זײַנען ארויסגעוואַקסן.

כאָטש אווראָם האָט געוווסט, אז פרילינג וועט נאָך די גאַנצע מישפּאָכע ניט קאָנען ארויספאָרן אין סטעפּ, פונדעסטוועגן האָט ער געהייסן אלץ צונויפּפּאַקעווען, קעדיי עס זאָל זײַן לײַכטער די, וואָס בלײַבן איבער, דער־נאָך רירן זיך אין וועג. אפילע די צעריסענע, דורכויס צעלעכערטע זיפּ און אָנגעשפּאָלטענע מאַקיטרע, וועלכע זעלדע האָט געוואָלט ארויסוואַרפן אַפן סמיטניק, האָט ער געפאָדערט מיטנעמען מיט זיך — ווײַל אין א באַלעבאַ־טישקײַט קומט אלץ צוניץ.

— טאַקע, טאַטע, — האָט אים עליע אונטערגעהאלטן. — כ׳האָב געזען, ווען כ׳האָב זיך געשפּילט מיט אנדרייקען, ווי זײַן מאַמע האָט אין אזעלכע זיפּן געזעצט קוואָטשקעס און אין אזא מאַקיטרע האָבן געפּישטשעט היני־דעלעך און קאַטשקעלעך.

— זעסטו דאָך, — האָט איר אווראָם אויסגעוואָרפן. — דו, אַן אלטע באַ־לעבאָסטע, און ווייסט ניט וועגן אזעלכע זאַכן. און איליוסיק האָט עס באַ־מערקט.

— נישקאָשע, אווראָם, אז ס׳וועט אויסקומען, וועל איך אלץ טאָן ניט ערגער פון אנדערע, — האָט זעלדע זיך פאַרענטפערט.

ווען די באַלעבאָסטעס, וועלכע האָבן זיך געגרייט אין וועג, זײַנען געקומען צו זעלדען זיך מעיאשעוו זײַן מיט איר, וואָס מיטנעמען מיט זיך, האָט זי, דערציילנדיק זיי די מײַסע מיט דער צעלעכערטער זיפּ און צעשפּאָלטענער מאַקיטרע, געזאָגט:

— גיי ווייס, אַז אַפילע אַזעלכע זאַכן, וועלכע מע דאַרף, דאַכט זיך, אַרויסוואַרפן, קאָנען דאָרט אויך צוניץ קומען. הייסט עס, אַז מע דאַרף אַלץ מיטנעמען.

אין די אָנגעשטרענגטע טעג ערעוו אוועקפאָרן זײַנען אוראָם מיט יוינען געווען אַזוי פאַרטאָן און פאַרהאַוועט מיט אײַנקױפן אַלץ, וואָס ס'האָט נאָך געפעלט, אַז זיי האָבן ניט געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט זייערע היימישע זאַכן.

ווען אַלץ איז געווען גרייט צום אַרויספאָר, האָט מען אָנגעהויבן אַריבערפירן האַק־און־פּאַק אין די ספּעציעל־צוגעגרייטע וואַגאָנען. איינע נאָך דער צווייטער זײַנען צוגעפאָרן איבערגעלאָדענע וועגענער, וועגלעך און דראָשקעס. עטלעכע מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן די וואַגאָנען, האָבן ניט באַוויזן אַריבערטראָגן די צוגעפירטע זאַכן, ווי עס זײַנען צוגעפאָרן נײַע פורן און טאַטשקעס, אָנגעלאָדענע מיט קאַסטנס, פעסלעך, טישן, בעטן, קערב, עמערס און פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן.

עליע, אַ צעפּאַליעטער, אַ פאַרשוויצטער, האָט געהאָלפן אָנלאָדן די וואַגאָנען. ער האָט פונוויטן דערזען, ווי פּיניע יעגעס מיטן ווײַב שלאָגן זיך אַרויס פון די קויכעס, קעדיי העלפן דעם צוגעשטאַנענעם פערדל דערשלעפּן דאָס וועגל מיט זייערע בעבעכעס. עליע האָט אַפגיך צוגענומען די אָנגעוואָרפענע פּעק און געמאַכט אַ וועג, מע זאָל קאָנען צופאָרן, נאָר דערווײַל האָבן שוין אָנגעהויבן מיט אַ טראַסקערײַ אַראָפּקײַקלען זיך אַף דער ערד פאַרזשאַווערטע עמערס, קעסלען, דרײַפוסן, טעפּלעך, מעשענע סאַמאָוואַרן, קופּערנע קווערטלעך, דייזשקעס. עס איז אַראָפּגעפאַלן אַ פּערענע, אין וועלכער ס'איז געווען אײַנגעפּאַקעוועט דאָס געפּעס. פון דער צעריסענער פּערענע האָבן אָנגעהויבן פליִען פעדערן. אַלץ אַרום איז געוואָרן ווײַס.

— כאַפּט די פעדערן, אַניט וועט איר, פּיניע, שלאָפן מיט אײַער ווײַב אין סטעפּ אַף דער הוילער ערד, — האָט עמעצער זיך אָנגעהויבן כאָכמען.

— נישקאָשע, ס'וועלן נאָך בלײַבן אין דער פּערענע גענוג פעדערן, — האָט זיך אָפּגערופן כאַנע — פּיניע יעגעסעס ווײַב. — אַבי די קריגלעך און דאָס געפּעס זײַנען גאַנץ געבליבן.

— אָט דאָס איז אַ באַלעבאָסטע, — האָט זי אַ לויב געטאָן עליע. — קיין מילך האָבן מיר נאָך ניט, און קריגלעך האָט זי שוין צוגעגרייט.

— איך פיר אַפילע אַ באָיקע צו שלאָגן פּוטער אויך, — האָט זיך באַרימט כאַנע. — מיר ווערן דאָך שטיקלעך פּויערים, וועלן מיר דען קיין אייגענע סמעטענע און פּוטער ניט האָבן?

— אַז מיר האָבן אַזעלכע באַלעבאָסטעס, וועט בא אונדז געוויס אַלץ זײַן.

עליע האָט אַרײַנגעוואָרפן אין וואַגאָן אַ פּאָר שווערע פּעק און געוואַרט אַ ווײַלע, נאָך עמעצער זאָל צופירן זאַכן. דער וואַגאָן איז שוין געווען

איבערגעפּולט. ער האָט געוואָלט אַרײַנקריכן אין אים, מאַכן דאָרט אַ שטיקל אָרדענונג, באַפרײַען אָרט פאַר נאָך פּעק. נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזען אין אָנגעלאָדן וועגל, וואָס האָט זיך פאַמעלעך דערנעענטערט אַהער.

„עפּשער איז דאָס מינע כאַסינע״, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פון גאַנצפרי האָט ער געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן אָף איר. נעכטן איז איר מוטער געווען בא זיי. זי האָט געזאָגט, אַז אינדערפרי וועלן מינע מיט איר שוועסטערקינד ברענגען אָף אַ וועגל אַ טייל זאַכן, און דאָס איבעריקע וועט זי איבערפירן אָף אַ פור.

„עפּשער האָבן זיי גאָר באַשלאָסן ניט פאָרן, — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, — און ער וועט מיט מינען אָף שטענדיק זיך צעשיידן״. ער האָט געוואָלט כאָטש געזעגענען זיך מיט איר. נאָך לערנענדיק אין שול, האָט ער זיך פאַרקוקט אָפן בלוי־אויגיקן שלאַנק־רירעוודיקן מיידל, און זי גייט אים די גאַנצע צײַט פון זינען ניט אַרויס. נעכטן, ווען איר מוטער שיפרע איז געווען בא זיי, האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעכאַזערט, אַז זיי האָבן פעסט באַשלאָסן פאָרן. איז פאַרוואָס זשע קומען זיי ניט?

פיניע יעגעס מיטן ווײַב האָבן איבערגעפּאַקעוועט דעם צעבונדענעם פּאַק און אים אַרײַנגעלייגט אין וואַגאָן. ווען זיי האָבן דערלאַנגט עליען אַ הילצערן קעסטל, איז פון דאָרטן אַרויסגעשפּרונגען אַ הון.

— איר פירט הינער אויך? — האָט עליע געפרעגט. — וועלן מיר אין וועג האָבן פרישע אייער... און אַ סקאָווראָדע אָף מאַכן אַ פײַנקוכן האָט איר גענומען?

— און אַ האָן פירט איר אויך? — האָט זיך עמעצער אַ כאָכמע געטאָן. — וועט ער מאָרגן אונדז גאַנצפרי אופוועקן, אַניט קענען מיר נאָך פאַרשלאָפן, מיר פאָרן דאָך אָן אַ פּראָוואָדניק...

עליע האָט הילכיק געלאַכט. ער האָט אוועקגעלייגט אָף אָן אָרט פיניעס זאַכן, אַ קער געגעבן דעם קאָפּ אין דער זײַט, פונוואַנען דאָס וועגל האָט זיך דערנעענטערט, און דערזען מינע כאַסינע מיט איר שוועסטערל. מינע האָט געשלעפּט דאָס איבערגעפּולטע מיט פּעקלעך וועגעלע, און דאָס שוועסטערל האָט אונטערגעשטופּט.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, כ׳וועל אײַך העלפן צופירן, — איז עליע אוועק־געלאָפן זיי אַנטקעגן. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין וועגעלע.

— ווי האָסטו עס דערשלעפּט? — האָט ער געפרעגט בא מינען. — ס׳איז דאָך זייער שווער.

לויט מינעס פאַרפאַליעט פּאָנעם, איבער וועלכן ס׳זײַנען געראָנען גע־דיכטע פּאַסן שוויס, האָט ער געזען, אַז זי איז שטאַרק מיד. נאָר זי האָט זיך ניט געוואָלט מודע זײַן.

— זעסטו דאָך, אַז מיר האָבן דערפירט, — האָט זי שמייכלענדיק גע־זאָגט.

עליע האָט צוגעפירט דאָס וועגעלע צום וואַגאָן.

מינע האָט געוואָלט איבערטראָגן די פּעק, נאָר עליע האָט ניט געלאָזט.

— רו זיך אָפּ, כ׳וועל אַליין זיך ספּראַווען.

ווען די זאַכן זײַנען געווען אין וואַגאָן, איז עליע אַרײַנגעשפּרונגען אינ־ווייניק, צונויפגעלייגט זיי און אָנגעזאָגט מינען, זי זאָל אַכטונג געבן, אַז

די איבעריקע זאכן, וועלכע די מוטער וועט צופירן מיט דער פור, זאָל מען אויך אוועקלייגן דאָ.

עליע איז ארויסגעקראָכן פון וואגאָן און זיך געלאָזט גיין צו די פורן, וועלכע האָבן געפירט טיוקן היי, פּאָלאָווע, האָבער, קארטאָפל און אנדערע זאכן.

יוינע שטעפער האָט א פארהאוועטער זיך ארומגעטראָגן, אָפּגעגעבן פאראָרדענונגען, ווו וואָס אוועקצולייגן. צו עליעס וואגאָן האָט מען צוגעצ־שטעלט א בריקל, מע זאָל איבער דעם ארײַנפירן די פערד. דערווײַל איז ער אליין ארײַנגעגאנגען אין וואגאָן, באלעבאטיש באטראכט די סטאָילעס, די קאָרעטעס, די נארעס פאר די אופזעער. א צופרידענער איז ער ארויס־געגאנגען אף דער פלאטפאָרמע און אָנגעהויבן וואַרטן, ווען מע וועט צו־פירן די פערד צום וואגאָן. פון דעם פאָדערשטן טייל פון עשעלאָן, ווו די איבערוואנדערער האָבן נאָך געהאלטן אין אײַנאָרדענען זיך מיט זייערע זאכן, איז אָנגעלאָפן אווראָם.

— קום, מײַן זון, וועסט העלפן אויסלאָדן די פורן, וואָס וועלן באלד אָנקומען, — האָט ער גענומען עליען פאר דער האנט.

עס זײַנען צוגעפאָרן וועגענער, געלאָדענע מיט אקערס, זייעלקעס, באָ־ראָנעס און מיט אנדערע מינים לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר. אווראָם, יוינע, עליע און נאָך א פאָר מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאנען דערבײַ, האָבן אויסגעלאָדן די פורן, אויסגעשפאנט די פערד, ארײַנגעקײַקלט די וועגענער אין די וואגאָנען און צעשטעלט זיי אין א געהעריקן סיידער. נאָכדעם האָבן די מענטשן אָנגעהויבן צעגיין זיך צו זייערע ערטער.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט הילכיק א פײַף געטאָן, א צי געגעבן די וואגאָ־נען. בא עליען האָט זיך ארויסגעריסן פון דער ברוסט:

— א גוטן טאָג דיר, אלטע היים!

צענדליקער שטימען האָבן נאָכגעשריִען:

— א גוטן טאָג! א גוטן טאָג!

ס׳האָט זיך געדוכט, אז דער וואָקזאל, פון וועלכן די איבערוואנדערער פאָרן איצט אָפּ, דער ארומיקער פלאץ, ווו עליע מיט זײַן טאטן, מיט אלע באלעגאָלעס זײַנען טאָג נאָך טאָג, זומער און ווינטער, אין רעגנס און אין שנייען געשטאנען, ווארטנדיק אף א פאסאזשיר, אלע וועגן, אלע גאסן און מערק, ווו זיי זײַנען ארומגעפאָרן, אלע פרײַנט און כאווײרים, אלע פאסא־זשירן, וועלכע זיי האָבן געפירט, אלע, אלע, די גאנצע אלטע היים לויפט זיי נאָך און ווינטשט זיי:

— א גליקלעכן וועג אײַך!

אף די גרעסערע סטאנציעס האָבן די איבערוואנדערער אונטער די דרײַפוסן צעלייגט פײַערן, געקאָכט געקעכץ, אָנגעפאָיעט די פערד. פאר די טעג, וואָס מע איז געווען אין וועג, האָט עליע שטארק צוגעבונדן זיך צו מינען. בא יעדער געלעגנהײַט האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט צו איר אין וואגאָן און פארבראכט מיט איר.

פון דער טעפּלושקע האָט מען געזען, ווי דאָ און דאָרטן הייבן אָן ארויסקריכן פון אונטערן שניי־צודעק שווארצע שטיקער ערד. ווארעמע ווינטן, אָנגעטרונקענע מיט די ערשטע אופגעיוירטע ערד־זאפטן, האָבן אָנ־

געזאָגט, אז ס׳גייט דער פרילינג, אז ער איז שוין נאָענט. וואָס מער מע האָט זיך דערנעענטערט צו דער נײַער היים, אַלץ מער האָט מען געפילט די ווארעמע שטראלן פון דער פרילינגדיקער זון, וועלכע זײַנען אַרײַנגע־דרונגען אין די טעפּלושקעס. די מענטשן אין די וואַגאָנעס האָבן געהאַט נאכעס:

— אײַ, ס׳איז גוט! אײַ, ס׳איז א מעכײַע! כאָטש די ביינער אויסוואַ־רעמען!

לויט די נעמען פון די סטאנציעס, וועלכע עליע האָט פאַרגעדענקט פון דער פריערדיקער נעסיע, האָט ער שוין געוווּסט, אז דער עשעלאָן וועט אינגיכן פאַרבײַפאָרן דעם סיוואשער דורכגוס. יוינע האָט אים אויך דער־מאָנט וועגן דעם.

— באַנאַכט, ברודערל, וועלן מיר דורכפאָרן דעם סיוואש. אויב דו וועסט ניט פאַרשלאָפן, וועל איך דיר ווײַזן דאָס אָרט, וווּ מיר האָבן צע־קלאַפּט ווראַנגעלן. באוואָרן בא זיך אַלץ און קום פאַרנאַכט צו אונדז אין וואַגאָן.

עליען איז דער פאָרשלאָג געווען שטאַרק צום האַרצן. ער וועט קאָנען פאַרברענגען מיט מינען, ער וועט באַווײַזן איר דעם סיוואש און די ער־טער, וועלכע זיי האָבן געזען אין שול אויף בילדער און וועגן וועלכע זיי האָבן געהערט א סאך מעשׂיות און לעגענדעס.

— גוט, איך וועל קומען, איך וועל אומבאַדינגט קומען! — האָט עליע זיך אָפּגערופן.

— באַלד וועט זײַן א גרויסע סטאַנציע, וועסט אָנפּאָיען די פערד, פאַר־מישן זיי אויף נאַכט א מישענקע און קום צו אונדז. די כעוורע וועלן שוין אליין אַכטונג געבן אויף זיי.

— גוט, גוט, — האָט עליע צופרידן געענטפערט.

אויף דער גרעסערער סטאַנציע איז דער עשעלאָן געשטאַנען א סאך ווייניקער, ווי ער האָט געדאַרפט. עליע האָט מיט די כעוורע קוים באַוויזן אָנפּאָיען די פערד, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט שוין געגעבן צו וויסן, אז ער רירט זיך. צו יוינען אין וואַגאָן, ווי זיי האָבן אָפּגערעדט, האָט ער שוין ניט באַוויזן אַריבערגיין, און, ווי אַפּצולאָכעס, איז דער צוג ביז דער אַנדערער סטאַנציע געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, יעדער ווײַלע זיך פאַר־האַלטן. ווען דער עשעלאָן איז אָנגעקומען אויפן נאָענטסטן פּאָלוסטאַנעק, איז שוין געווען נאַכט. עליע איז אַריבערגעגאַנגען אין שכײניש וואַגאָן. דאָרטן איז געווען שטאַרק פינצטער. דורך דער טיר, ווען ער האָט זי אופגעעפנט, האָבן זיך אַרײַנגעריסן א פאָר פאַסיקלעך שײַן פון דער לע־וואָנע און א ביסל פאַרטונקלטע ליכט פונעם איינציקן לאַמטערן, וואָס איז געהאַנגען אַנטקעגן וואָקזאַלכל. נאָר סײַווי איז געווען אומעגלעך צו זען, וואָס אין וואַגאָן טוט זיך.

עליע איז געשטאַנען א ווײַלע. פון א ווינקל האָט זיך דערהערט מינעס שטים:

— ווער איז דאָס?

— איך, — האָט עליע, טאַפּנדיק מיט די פינגער אינדערלופטן, זיך גע־לאָזט גיין צו איר.

מינע איז געזעסן אויף איר געלעגער.

— פארוואָס שלאָפסטו ניט? — האָט ער שטיל א פרעג געגעבן, צו־זעצנדיק זיך לעבן איר.

— איך האָב געוואַרט אויף דיר, — האָט זי ארויסגעשעפּטשעט.

— דער צוג האָט זיך געשלעפּט לאנג... באם סיוואש וועלן מיר זײַן שפּעט באנאכט. יוינע וויל אונדז ווײַזן דאָס אָרט, ווו מ'האָט צעקלאפּט וראנגעלן.

— כ'ווייס, ער האָט מיר געזאָגט.

אין וואגאָן איז געווען שטיל, אלע זײַנען געשלאָפן. קעדיי קיינעם ניט אופוועקן, האָבן זיי גערעדט שעפּטשענדיק. ס'איז זיי ביידן געווען גוט, וואָס זיי זײַנען איינײנעם, קיינעם האָבן זיי אין די איצטיקע גליקלעכע רעגעס ניט גדארפט. עליע האָט זי אָנגענומען פאר דער האנט, א גלעט געגעבן, אוועקלייגנדיק זײַן האנט אויף איר אקסל, לײַכט א צי געגעבן צו זיך. נאָר זי האָט זיך אָפּגערוקט און שטיל־שטיל געזאָגט:

— מע דארף ניט.

עליע האָט זיך צוגערוקט צו איר נאָך נעענטער, ארומגענומען זי און שטארקער צוגעצויגן צו זיך. ער האָט זי געגלעט, געפילט איר ווארעמען אָטעם, געהערט, ווי ס'קלאַפּט איר הארץ. ער האָט זי געקושט.

צאפּלענדיק אין זײַנע אָרעמס, האָט זי געבעטן:

— הער אויף... מע דארף ניט...

— סיוואש! מיר פאָרן שוין צו צו סיוואש, — האָט זיך דערהערט יוינעס קאָל. — ווו איז עליע? כ'האָב אים דאָך אָנגעזאָגט, ער זאָל קומען אהער...

— כ'בין דאָ, — האָט עליע געענטפערט, צושפּרינגענדיק צו דער טיר.

## 4

עליע, מינע און יוינע זײַנען געשטאנען בא דער האלב־אָפענער טיר פון וואגאָן, און בא דער שײַן פון דער לעוואָנע האָבן זיי זיך אײַנגעקוקט אינעם וואסער־שפּיגל פון סיוואשער דורכגוס.

— זעסט, אָן דאָרט... אויף דעם אָרט האָבן מיר דערלאנגט דעם קלאפּ וראנגעלן, — האָט יוינע, מוירע האָבנדיק, טאָמער וועלן עליע מיט מינען ניט דערהערן זײַנע רייד, קימאט געשריִען, — איי, האָבן מיר אים דער־לאנגט! דאָס וואסער איז אזש רויט געוואָרן פון בלוט, אזעלכע שלאכטן זײַנען דאָ געווען!

— ווו? — האָט עליע, קוקנדיק מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, געפרעגט. — איך זע גאָרניט.

— אהין קוק, ווו איך ווײַז מיטן פינגער, — האָט יוינע ניט אופגעהערט צו שרײַען.

— ווו? ווו? — האָט עליע ניט געזען.

אַלץ ארום איז געווען אײַנגעהילט אין א געדיכטן נעפל. אויפן טונקעלן הימל האָבן קוים זיך אָנגעזען די ערשטע גרויע פלעקן פון באגינען. ווײַט, ווײַט ערגעץ האָט זיך אָנגעצונדן דער מאָרגנשטערן, נאָר באלד איז ער

דערטרונקען געוואָרן אינעם נעפּל, וועלכער איז ערעוו טאָג געוואָרן נאָך געדיכטער.

— מיר זײַנען שוין באַלד אין אונדזער נײַער היים, — האָט זיך דער־הערט א שטים.

— יאָ, שוין גיך, — האָט יוינע זיך אָפּגערופן און איז אוועק צוריק אַף זײַן געלעגער.

עליע מיט מינען האָבן זיך פאַרקליבן אין א ווינקעלע און שטיל גע־שמועסט.

ווען ס׳איז געוואָרן ליכטיק, האָבן אַלע אין וואַגאָן מיט אומגעדולד שוין אַרויסגעקוקט, אז דער צוג זאָל וואָס גיכער אָנקומען צו דער געגאַרטער סטאַנציע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט הילכיק געפּײַפט, אַלע ווײַלע זיך אָפּ־געשטעלט און סאָפּקאָלסאָף געבראַכט דעם אוילעם פּאַסאַזשירן צו דער סטאַנציע קורמאַן קילעמטשי — סטאָפּ!..

— מיר זײַנען שוין אין דער היים! — האָט זיך פון וואַגאָן צו וואַגאָן דורכגעטראָגן די פרײדיקע בסורע.

פון די צעפּראַלטע טירן פון די טעפּלושקעס זײַנען אַרויסגעשפּרונגען מענטשן אַף דער פּוסטער אומהיימלעכער פּלאַטפאָרמע פונעם פאַרוואָר־פענעם פאָלוסטאַנעק. דער איינציקער לאַמטערן, וועלכער איז געהאַנגען אין ווינקל לעבן גרויסן מעשענעם גלאָק, איז געווען שוין פאַרלאָשן. דורכן שיטער־ווערנדיקן נעפּל האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן דער סטעפּ: ער האָט זיך געצויגן גלײַך הינטער דער איינזאַמער געבײַדע פון דער סטאַנ־ציע.

— מאַמעלע מײַנע, גיט א קוק, אין וואָס פאַר א וויסטעניש מיר זײַנען עס פאַרוואָרפן געוואָרן! — האָט א פליעסקע געגעבן מיט די הענט כאַנע. — גיט א קוק — הימל און ערד, און מער גאָרניט...

— מע זאָל כאָטש זען ערגעץ א ביימעלע, א געוויקס. מיט וואָס זשע הייצט מען דאָ? און ווי וווינען דאָ מענטשן? — האָט זיך געוווּנדערט א צווייטע ייִדענע.

— ס׳וועלן דאָ זײַן אי ביימעלעך, אי מיט וואָס צו הייצן, — האָט גע־זאָגט אוּראָם מעהודין. — איר וועט נאָך באַווײַזן אָנריידן זיך, דערווײַל העלפט בעסער אויסלאָדן דעם עשעלאָן.

די ווײַבער האָבן זיך געלאָזט לויפן צו זייערע וואַגאָנען. אַנטקעגן זיי האָבן זיך שוין געטראָגן מענער, פרויען, יונגנטלעכע און קינדער מיט פּעק און זעק.

— לייגט אַלץ צונויף אין איין אָרט, — האָט פאַראָרדנט אוּראָם. — בעטגעוואַנט, א פּאָר קעסלען, פּראָדוקטן, געשיר און אַנדערע בייטיקע זאַכן טראָגט אָפּ אין א זײַט... דאָס דאַרף מען אַריבערפירן אין דער ערשטער ריי, קעדייִ די מענטשן, וועלכע וועלן קומען אַף אָן אָרט, זאָלן קאָנען אָפּעסן און אָפּרוען זיך.

ביזוואַנען מע האָט אַריבערגעטראָגן די זאַכן פון די וואַגאָנען, האָבן אוּראָם, עליע מיט נאָך א פּאָר מענטשן אַרויסגעקײַקלט די וועגענער, אָנגעהאָדעוועט און אָנגעפּאָיעט די פערד.

די איבערוואַנדערער האָבן אָפּגעפּרישטיקט און געגומען אָנלאָדן די וועגענער מיט זייערע שטוביקע זאַכן.

— אַלץ מיטאַמאָל וועלן מיר ניט קאָנען איבערפירן, ס'וועט אויסקומען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד פאָרן הין און צוריק, — האָט געוואָרנט יוינע. — פון יעדער מישפּאָכע דאַרפן דאָ בלײַבן מענטשן, קעדיי אַכטונג געבן אויף די זאַכן.

אווראָם האָט געהייסן אופּראַמען אין די הײַזער און איבערטראָגן אַהין די זאַכן פון די וועגענער. ביזוואַנען מע האָט געמאַכט אָרדענונג אין די שטיבער און צוגעגרייט ערטער פאַר די אָנגעקומענע מענטשן, האָט אווראָם מיט עטלעכע מענער און יוגנטלעכע צוגעקליבן אין די שטאַלן און שײַערן, עס זאָל זײַן ווו אוועקצושטעלן די פערד, דעם אינווענטאַר.

אויסגעלאָדן די פורן, האָבן די אָנטרײַבער טייקעף צוריק זיך אומגעקערט אויף דער סטאַנציע ברענגען די איבעריקע מענטשן און זייערע זאַכן. ביז די פורן האָבן דאָס צווייטע מאָל זיך אומגעקערט, האָט שוין כאַנע באַוויזן צוגרייטן געקעכץ.

אווראָמען האָט האַנאָע געטאָן, וואָס די אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע מענטשן וועלן זיך מעכײַע זײַן מיטן הייסן געקעכץ. ס'האָט אים נאָר באַנק געטאָן, האַלעמײַ ער האָט ניט אָנגעזאָגט די אָנטרײַבער פון די פורן, זיי זאָלן פאַרכאַפּן מיט זיך פון דער סטאַנציע פיטער פאַר די פערד. ער איז צוגעגאַנגען צום קעסל, לעם וועלכן די מענטשן זײַנען געזעסן און האָבן געשמאַק געכלעפּטשעט די זאַטירקע.

„יוינע אייסעקט זיך, מיסטאַמע, נאָך אַרום די פערד, — האָט אווראָם אַ טראַכט געטאָן. — אַפילע אַ פּאָר מינוט אָפּצועסן קאָן ער ניט אָפּרײַסן".

לעבן די פורן האָט אווראָם דערזען עליען. ער האָט אַרויסגעטראָגן פון שטאַל אַ קאָרעטע, אָנגעשאָטן פיטער און געהאָדעוועט די פערד.

— דו האָסט זיך דערטראַכט, מײַן זון, צו פאַרכאַפּן פיטער, און מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס איך האָב דיר ניט דערמאָנט.

— ווי זשע אַנדערש? ווער פאָרט עס אַרויס אָן פיטער?

— און זיי? — אווראָם האָט אָנגעוויזן אויף די אָנטרײַבער פון די איבעריקע פורן.

— פּיניע יעגעס האָט אויך פאַרכאַפּט מיט זיך, — האָט געענטפערט עליע.

— ער איז דאָך אויך אַ באַלעגאָלע, — האָט זיך אָפּגערופן אווראָם. — ער ווייסט, אַז פערד דאַרף מען האָדעווען, אַניט וועלן זיי ניט שלעפּן. די פערד זײַנען ניט שולדיק, וואָס זיי פאַלן אַרײַן אין שלעכטע הענט. דעריבער האָדעוועט אָן די איבעריקע פערד אויך.

אָפּגעגעסן און אָפּגערוט זיך אַ ביסל, האָבן עליע, פּיניע יעגעס און די איבעריקע אָנטרײַבער פון די פורן געלאָזט זיך ווײַטער צו דער סטאַנציע.

— זעט, לאָדט ניט איבער די וועגענער, די פערד זײַנען אַזוי אויך אָפּגעשוואַכט, דער וועג איז אַ שלעכטער, — האָט אווראָם אָנגעזאָגט די אָנטרײַבער. — בעסער אַן איבעריק מאָל פאָרן, איידער בלײַבן שטעקן אין וועג.

אַ מידער פון די האָווענישן, האָט אווראָם זיך צוגעלייגט אין אַ ווינ־

קעלע אָפּרועןן און איז אײַנגעשלאָפֿן. אינמיטן נאכט האָט ער זיך אופֿגע־כאַפּט און דערהערט טריט און אַן אײַנגעהאלטענעם טומל.

— די פורן האָבן זיך שוין אומגעקערט? — האָט ער א האלב־שלעפֿע־ריקער א פֿרעג געטאָן.

— יאָ, מיר האָבן זיך קוים דערשלעפּט, — האָט ער דערהערט אַן אומ־באַקאַנטע שטים. — די פֿערד זײַנען צוגעשטאַנען... איין פֿור איז געבליבן אין וועג.

ביז אווראָם איז אופֿגעשטאַנען, איז שוין יוינע רײַטנדיק אוועקגעפֿאָרן העלפֿן ארויסשלעפּן דעם פֿארהריזנעטן וואָגן. די נײַ־אָנגעקומענע מענטשן, טויט־מידע, האָבן זיך א וואלגער געטאָן אויף זייערע פּעקלעך און זײַנען טייקעף אײַנגעשלאָפֿן.

— גיי אויך שלאָפֿן. וואָס דרייסטו זיך דאָרטן ארום? — האָט אווראָם א רוף געטאָן עליען.

— גוט, טאַטע, איך וועל באלד קומען, — האָט עליע געענטפֿערט.

ס׳איז דורכגעגאנגען א האלבע שעה, אווראָם איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן. און ווען ער האָט זיך אופֿגעכאַפּט, האָט ער אין דער פֿינצטער א טאַפּ געטאָן דעם זונס געלעגער. עליע איז נאָך אלץ ניט געווען.

„וואָס הייסט יונגע קויכעס, — האָט אווראָם געטראַכט. — א גאַנצן טאָג אַזוי אָפּהאָרעווען און אַזוי שפּעט פֿארברענגען...״

## 5

יוינע האָט זיך אומגעקערט מיט דער לעצטער פֿור שפּעט באַנאַכט, און גאַנצפֿרי איז ער שוין געווען אויף די פֿיס. נאָך א קורצן יִשעוו־הא־דאָעס מיט אווראָמען האָבן זיי באַשלאָסן ניט אָפּלייגן און דרינגענד הײַנט צופֿאָרן צום באַפֿולמעכטיקטן אין ראַיאָן דערוויסן זיך וועגן דער זרִיע און וועגן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינווענטאַר, וואָס מע האָט נאָך האַרבסט צו־געזאָגט געבן אין קרעדיט פֿאַרן קאָלעקטיוו.

עליען איז דער כּיעס אויסגעגאַנגען אויך פֿאָרן מיט זיי. אווראָם האָט געוווסט פֿון זײַן לײַדנשאַפֿטלעכן באַגער אָנצוקוקן די שפּאָגל־נײַע גרין־און רויט־אויסגעפֿארבטע אַקערס, באָראָנעס און זייעלקעס, באַצירטע מיט שײַן אָנגעמאָלטע, אײַנגעפּאַסטע אין רעמעלעך, סערפּ און האַמערס און ארומגערינגלטע מיט גאָלדענע זאַנגען.

זינט עליע האָט זיי דערזען אין די דערפֿער און יִשוּווים, ווהין ער איז האַרבסט־צײַט געגאַנגען אָנקוקן די פֿערד, האָט ער ניט אופֿגעהערט צו טרוימען און צו ריידן וועגן זיי. פֿאַרן אָפּפֿאָרן צום באַפֿולמעכטיקטן האָט אווראָם אָפּגערופֿן עליען אין א זײַט און אים געזאָגט:

— פֿאָרן אין ראַיאָן האָסטו ניט נאָך וואָס, מיר וועלן זיך דאָרט אליין ספּראַווען... מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען סײַווי דאַרפֿן נאָכאַמאָל אהין פֿאָרן... דעריקער איז דאָך אויסשרײַבן דאָס, וואָס מע האָט אונדז צוגע־זאָגט, ברענגען וועלן מיר ווי־ניט־איז קאָנען. איז הײַנט בלײַב דאָ איבער... אַרבעט איז דאָ פֿאַראַן איבערן קאָפּ... שלוימע פּאַפּעליוכע וועט אויסריכטן

א פּאָר פורן צו ברענגען דעם אינווענטאַר, וועלכער איז נאָך געבליבן אַף דער סטאַנציע. די איבעריקע פערד וועלן דאָ בלײַבן, זאָלן זיי זיך ביז דער אקער־צײַט אָפּרוען. אויב דו וועסט האָבן צײַט, גיי זיך דורך אין סטעפּ און גיב א קוק, עפּשער קאָן מען שוין מאָרגן אָדער איבערמאָרגן אַף די מער העכערע ערטער אָנהייבן אקערן.

עליע האָט שוין אליין געוואָלט א פּרווו טאָן, צי מע קאָן שוין צוטרעטן באארבעטן די ערד. דעם פאָטערס פאָרשלאָג איז אים געווען צום הארצן.

ווי נאָר אווראָם מיט יוינע שטעפערן און שלוימע פּאַפּעליוכען מיט די איבעריקע אָנטרײַבער זײַנען אוועקגעפאָרן, האָט עליע אָנגעהאָדעוועט די פערד, דערנאָך האָט ער גענומען א לאָפּעטע און געפּרווט א גראָב טאָן אין א העכערן אָרט די ערד. זי איז געווען נאס און קלעפּיק. די לאָפּעטע איז ארײַן אין באָדן גרינג. איבערקערנדיק א לאָפּעטע נאָך א לאָפּעטע די גרוי־טונקעלע ערד, האָט ער זיך איבערצײַגט, אז מ׳קאָן זי שוין פולשטענ־דיק גראָבן.

פאַרטיפט אין דער ארבעט, האָט עליע ניט באמערקט, ווי פּיניע יעגעס איז צוגעגאנגען צו אים.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איר זעט דאָך... איך האָב געפּרווט גראָבן, גראָבט זיך, און אויב אזוי, דאַרף מען וואָס גיכער צוטרעטן צו דער ארבעט.

— מיט דער לאָפּעטע וועסטו באארבעטן די ערד? — האָט אים פּיניע אָנגעקוקט.

— אויב מע קאָן הײַנט נאָך ניט אקערן די ערד, דאַרף מען אָנהייבן מיט די לאָפּעטעס... יעדער שטיקל ערד, וואָס מיר וועלן אופהייבן, איז וויכטיק.

— ס׳קאָן זײַן, אז דאָס איז א געדאנק...

— איז זײַט זיך מאטריִעך און רופט צונויף דעם אוילעם, לאָפּעטעס זײַנען פאראן, זאָלן זיי קומען אהער און אָנהייבן גראָבן.

אין א מינוט פופצן ארום האָט פּיניע זיך אומגעקערט. נאָך פונדער־ווײַטנס האָט ער געשריִען:

— אָן גייען מענטשן. אלע, וועמען איך האָב נאָר גערופן, גייען... כ׳האָב זיי געהייסן פארכאפּן מיט זיך לאָפּעטעס.

פארזשמורענדיק די אויגן קעגן דער בלענדנדיק־העלער זון, האָט עליע א קוק געטאָן אין דער זײַט, פונוואנען די מענטשן זײַנען געגאנגען, און געזאָגט:

— ארבעט וועט פאר אלעמען סטײַען.

— פון וועלכער זײַט זאָל איך אָנהייבן גראָבן? — האָט פּיניע געפרעגט בא עליען.

עליע האָט אָפּגעמערקט א פּאס ערד.

— אָט דאָ קאָנט איר גראָבן.

פּיניע האָט א קוק געגעבן אַפן צעגראָבענעם שטיק ערד און געזאָגט:

— אָ, דו האָסט שוין גוט ארײַנגעארבעט... אז דו וועסט אזוי, באָכע־רעץ, גראָבן, וועט דיך קיין פערד און אקער אויך ניט דעריאָגן.

— אויב ס'זאָלן זיך אַלע גוט נעמען, קאָן מען דעם גאַנצן שעטעך פֿון דעם הויכלאַנד פֿאַר הײַנטיקן טאָג מיט לאָפּעטעס צעגראָבן, — האָט גע־מאָלדן עליע.

— אָהאָ, צופֿיל ווילט זיך דיר! — האָט זיך אָפּגערופֿן פּיניע יעגעס. — אַז מע וועט האַלב צעגראָבן, וועט אויך זײַן גוט.

מיט לאָפּעטעס אין די הענט זײַנען צום הויכלאַנד צוגעגאַנגען מענער, פֿרויען און יוגנטלעכע. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט איינער לעבן דעם אַנדערן און געוואָלט פֿאָרזעצן גראָבן אין דעם אָרט, וווּ עליע האָט געאַר־בעט.

— מיר דוכט, אַז ס'איז בעסער, אַז יעדערער זאָל זיך נעמען אַ פּאַס ערד און באַאַרבעטן, — האָט פֿאָרגעלייגט עליע. — אויב מיר וועלן שטיין איינער לעבן צווייטן, וועלן מיר נאָר איינער דעם אַנדערן שטערן.

— ריכטיק! — איז מען מאַסקים געווען מיט אים.

עליע האָט צעשטעלט אַלעמען אויף די ערטער, און מע האָט זיך מיט האַסמאָדע גענומען צו דער אַרבעט.

פּלוצעם האָט עליע פֿונווײַטן דערזען מינען מיט אַ לאָפּעטע אויפֿן אַקסל. זי איז געגאַנגען אַזוי גיך, אַז די מוטער האָט געמוזט אונטערלויפֿן. עליע האָט פֿריִער די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט אויף איר און ניט געקאָנט פֿאַר־שטיין, וווּ זי איז נעלעם געוואָרן.

— אַלע זײַנען געקומען? — האָט ער מיט אַ קיווי אַפֿילע געפּרוווט אַ פֿרעג טאָן, עפּשער וועט עמעצער זאָגן, וווּ זי איז. — ווו זײַנען מינע מיט דער מוטער?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. אַפֿילע פּיניע יעגעס, בא וועמען מינעס מוטער, שיפֿרע, האָט אינדערפֿרי געפֿרעגט, צי האָט ער ניט געזען דאָרט איר טאָכטער, האָט אויך גאָרנישט ניט געוווּסט. און איצט, ווען זיי האָבן זיך באַוויזן, האָט פּיניע הויך אַ פֿרעג געגעבן בא שיפֿרען:

— ווו איז זי געווען?

— כ'ווייס אַליין ניט, — האָט שיפֿרע אַ ברומקע געטאָן און איז מיט מינען צוגעגאַנגען צו עליען.

מינע האָט פֿאַריכט די געקווייטלטע קאָסינקע און אַ פֿרעג געגעבן:

— ווו זאָל איך גראָבן?

— אָט דאָ, — האָט ער אַ ווײַז געטאָן אויף אַ שמאָלינקן פּאַס ערד לעבן אים.

— און איך ווו זאָל גראָבן? — האָט געפֿרעגט כאַנע.

— לעבן מינען.

ווען מינע האָט צעגראָבן ניט קיין גרויס שטיקל ערד, איז איר פּאָנעם צעפּאַליעט געוואָרן. ווי ס'איז איר ניט געווען שווער, האָט זי, אָנשטרענ־גענדיק אַלע קויכעס, זיך באַמיט ניט אָפּשטיין פֿון עליען.

— די הליבעס דאַרף מען צעקלאַפּן, — האָט געזאָגט עליע. — די צע־גראָבענע ערד דאַרף מען פֿאַרהראַבלעווען, אַניט וועט זי איבערטריקענען.

מינע האָט זיך אײַנגעקוקט, ווי עליע גראָבט געשווינד.

— פֿאַרכאַפּ ניט קיין גרויסע שטיקער ערד, וועט דיר ניט זײַן אַזוי שווער, — האָט עליע איר געייצעט.

— ווו האָסטו זיך עס אויסגעלערנט אזוי גראָבן? — האָט מינע געפרעגט.
— די טוירע איז ניט קיין גרויסע.
ער איז צוגעגאנגען צו איר נעענטער, קלוימערשט א הרודע צעקלאפּן, און שטיל אפן אויער א פרעג געטאָן:
— ווו ביסטו עס געוועזן?.. פארוואָס ביסטו געקומען אזוי שפּעט?
מינע האָט זיך ניט געוואָלט מוידע זײַן, אז זי האָט אים ארומגעזוכט.
— כ'בין ניט געווען אין שטוב, ווען פיניע איז געקומען רופן אף אר־בעט, — האָט זי זיך פארענטפערט. — ווי נאָר די מאמע האָט מיר געזאָגט וועגן דעם, האָב איך זיך גלײַך געלאָזט גיין.
זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר פּלוצעם האָט זיך דערהערט א געשריי:
— מאמזיירים, וואָס טוט איר עס? גיט נאָר א קוק, וואָס דאָ טוט זיך!
— וואָס דען, ווארטן, ביזוואנען איר וועט ברענגען די אקערס? — האָט פאר אלעמען געענטפערט פיניע יעגעס שלוימע פאפעליוכען, וועלכער האָט, פארנדיק פון דער סטאנציע, זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויכלאנד. — פירט אָפּ דעם אינווענטאר און קומט צוזאמען מיט די אָנטרײַבער מיט לאָפּעטעס אהער.
— און א באראָנע פארכאפּט אויך מיט זיך, — האָט נאָכגעשריִען עליע.
...שפּעט אין אָוונט, ווען עליע מיט די מענטשן, וועלכע האָבן געארבעט אפן הויכלאנד, האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָט זיך דערהערט א קודאכ־טערײַ. דאָס האָט פיניע יעגעסעס הון אָנגעזאָגט א בסורע, אז זי האָט הײַנט געלייגט דאָס ערשטע איי.
— דאָס איז לעקאָוועד דעם, וואָס מיר האָבן הײַנט אופגעהויבן די ער־שטע לאָפּעטעס ערד פאר אונדזער פארזיי, — האָט זיך געכאָכמעט פיניע יעגעס.

## 6

עליע האָט אליין ניט געגלייבט, אז ס'זאָל זיך אים אײַנגעבן פארן טאָג צעגראָבן און פארבראָנעווען דעם גאנצן שעטעך ערד פונעם הויכלאנד. ער האָט ניט דערווארט, אז אלע איבערוואנדערער זאָלן זיך אזוי הייס אָפּרופן אף זײַן פאָרשלאָג און זאָלן זיך מיט אזא היסלײַוועס נעמען צו דער ארבעט. גוט, וואָס ער האָט באצײַטנס אוועקגעשיקט כאנען גרייטן עסן. ביז די מענטשן האָבן זיך אומגעקערט אהיים, איז שוין געווען גרייט אוונטברויט. די מענטשן האָבן זאט אָפּגעגעסן און, אָנגעהאָרעוועטע, אָני־דערגעפאלן אף זייערע געלעגערס. עליע האָט נישט געפילט ניט די פיס, ניט די הענט נאָך דער אָנגעשטרענגטער ארבעט, נאָר ער האָט זיך ניט געלייגט שלאָפן, ארויסגעקוקט אף יוינען מיטן פאָטער, וועלכע האָבן, לויט זײַן כעזשבן, שוין לאנג געדארפט זיך אומקערן פון ראיאָן.
שפּעט באנאכט האָט עליע, ענדלעך, דערהערט א טראַסקערײַ פון א פור. ארויס אין דרויסן, האָט ער זיך געלאָזט גיין גלײַך צום שײַער, ווו די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. אנטקעגן איז אָנגעקומען דער פאָטער.

— נו, מיר האָבן געבראַכט אַ ביסל אינוווענטאַר, — האָט אוורהם אָנגעזאָגט דעם זון. — מ׳קאָן אַפילו מאָרגן אַקערן און זייען.
— וואָס האָט איר געבראַכט? — האָט עליע געפרעגט.
— קום, וועסטו זען, וועסט אונדז העלפן אַראָפּנעמען דעם אינוווענטאַר.
— איך וועל נאָך עמעצן אַ רוף טאָן, און דו גיי דערווייל צום וואָגן, — האָט געזאָגט אוורהם.
— אַלע שלאָפן שוין, די מענטשן האָבן זיך אַזוי אָנגעהאָרעוועט פאַרן טאָג, אַז זיי האָבן זיך קוים צו די געלעגערס דערשלעפּט.
— אויב אַזוי, איז קוים. מיר וועלן זיך ווי־ניט־איז אַליין ספּראַווען.
עליע האָט געוואָלט וואָס גיכער דערציילן דעם פאָטער וועגן זייערע אופטוען פאַרן טאָג, נאָר ער האָט ניט באַוויזן אַפילו עטלעכע ווערטער אויסריידן, ווי זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום וואָגן און גלײַך גענומען אויסלאָדן דעם אינוווענטאַר.
— דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצן. מאָרגן דאַרף מען פאָרן נאָך זריע, — האָט געזאָגט יוינע.
בײַ דער שײַן פון דער לעוואָנע האָט עליע געפרוווט באַקוקן דעם נײַעם אַקער, די זייעלקע און די באָראָנעס. אין דער פינצטער האָט ער קימאַט גאָרנישט ניט געזען, פונדעסטוועגן האָט ער מיט היספּײַלעס אויסגעשריִען:
— איצטער וועט די אַרבעט בײַ אונדז אַוועק!
אויסגעשפּאַנט די פערד און אַוועקגעשטעלט דעם אינוווענטאַר אויף אַן אָרט, האָט עליע מיטן פאָטער און מיט יוינען זיך געלאָזט גיין אַהיים. אין וועג האָט ער קורץ דערציילט:
— איך האָב אָפּגעזוכט אַ הויך אָרט אין סטעפּ, וווּ ס׳האָט שוין צוגעטריקנט, און מיר האָבן עס צעגראָבן.
— צעגראָבן? — האָט אוורהם איבערגעפרעגט. — אינגאַנצן צעגראָבן?
— צעגראָבן און אַפילו פאַרבראָנעוועט, — האָט עליע געענטפערט.
— איר הערט, יוינע, וואָס דאָ האָט מען אָפּגעטאָן? מיט לאָפּעטעס האָבן זיי צעגראָבן אַ שטיק ערד.
— מע קאָן מאָרגן שוין אַפילו דאָרטן זייען, — האָט געזאָגט עליע.
— ניט אומזיסט האָסטו אַזוי געמאָנט, מע זאָל לאָפּעטעס מיטנעמען, — האָט זיך דערמאָנט אוורהם. — זיי זײַנען דאָ, הייסט עס, גוט צוניץ געקומען.
אויף מאָרגן גאַנצפרי איז עליע אַוועקגעלאָפן אין שײַער באַטראַכטן דעם אינוווענטאַר, וואָס דער פאָטער מיט יוינען האָבן נעכטן געבראַכט. פון פרייד, וואָס דער נײַנקער אַקער, די זייעלקע און די באָראָנעס שטייען שוין דאָ, האָט אים אויש דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן. ער האָט באַקוקט אין זיי יעדע קלייניקייט, אײַנגעטאָטעמט אין זיך דעם ריח פון דער פרישער גרינער פאַרב, מיט וועלכער ס׳איז געווען אויסגעפּאַרבט דער קאָרפּוס פון דעם אַקער, פאַרהאַלטנדיק זיך אַ לענגערע ווײַלע בײַ דעם שוואַרצן לאַקירטן הייבער, וועלכער לאָזט אַראָפּ דעם בלאַנקענדיקן ווײַס־פאַרשפּיצטן לעמעש, בײַ דער רויט־געפאַרבטער זייעלקע און בײַ די באָראָנעס. דערנאָך איז עליע אַוועק אין סטעפּ אָפּזוכן אַן אָרט, וווּ מע זאָל שוין עפּשער הײַנט קאָנען אַרויסגיין אַקערן. ער איז אַרום אויף אַ באַרגיק אָרט, אַ גראָב גע־

געבן אין א פּאָר ערטער די ערד, צעריבן זי צווישן די פינגער און איבער־צייגט זיך, אַז מע קאָן דאָ אַקערן. ער האָט אָפּגעזוכט נאָך א פּאָר העכערע ערטער, ווו מע קאָן דערוויַיל גראָבן מיט לאָפּעטעס.

א צופרידענער האָט ער זיך געלאָזט גיין מוידיִע זיַין וועגן דעם אויסראָמען מיט יוינען. ער האָט זיי באַגעגנט אין וועג.

— ווּהין ביסטו עס געגאַנגען אַזוי פרי? — האָט דער פּאָטער א פרעג געטאָן.

— מע קאָן שוין, דאכט זיך, הייַנט אָנהייבן אַקערן, — האָט עליע גע־ענטפערט. — כ׳האָב ערשט אָנגעקוקט א גרויס שטיק ערד, ווו מע קען שוין אַקערן אפילע מיט פערד, און די איבעריקע ערטער וועט אויסקומען דערוויַיל גראָבן מיט לאָפּעטעס.

— א גרויס שטיק ערד האָט איר נעכטן צעגראָבן?.. און וואָס קאָן מען דאָרטן זייען? — האָט אוורהאָם זיך פאַנאַנדערגעפרעגט.

— איר וועט באַלד זען, — האָט עליע געענטפערט. — און וואָס צו זייען, דאַרף מען באַשטימען.

צוגעגאַנגען צום היכלאַנד, האָט אוורהאָם אין א פּאָר ערטער א ראָיע געטאָן די צעגראָבענע ערד, קעדיי זען, צי ס׳איז א פרוכטבאַרער באָדן. יוינע האָט דערוויַיל מיט די טריט אָפּגעמאָסטן דעם צעגראָבענעם שטעך.

— איר זיַיט בערייעס, מאַלאָדציִ!.. — האָט ער געזאָגט. — ווי האָט איר זיך עס דערטראַכט צו דעם?

— וואָס איז דאָ צו טראַכטן, — האָט עליע געענטפערט. — וואָס מע קען, דאַרף מען טאָן הייַנט און ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן.

— איז ווי זאָגסטו, קאָן מען שוין אַקערן? — האָט געפרעגט יוינע.

— קומט, איך וועל איַיך וויַיזן.

אוורהאָם מיט יוינען זיַינען אוועק נאָך עליען. זיי האָבן באַטראַכט די באַרגיקע ערד, אויסגעמאָסטן זי, א קוק געטאָן די איבעריקע ערטער, צי עס לוינט שיקן אַהין מענטשן מיט לאָפּעטעס.

דורכגעגאַנגען זיך איבערן סטעפּ, האָבן אוורהאָם מיט יוינען זיך איבער־צייַגט, אַז די ערד איז גוט צוגעטריקנט און אַז מע דאַרף אַרויסגיין אין פעלד.

— לאָמיר ניט פאַטערן קיין צייַט. גייט, רעב אוורהאָם, מיטן זון אַהיים, פרישטיקט אָפּ און הייבט אָן אַקערן אויף דעם אָרט, וועלכן מיר האָבן מיט איַיך באַטראַכט, — האָט פאַרגעלייגט יוינע. — די איבעריקע זאַכן וועל איך שוין אליין באַוואָרענען.

איַילִיק אָפּגעגעסן, האָט אוורהאָם אַרויסגעפירט די פערד פון שטאַל, עליע האָט אַרויסגעקייַקלט דעם נייַעם אַקער פונעם שייַער. אוורהאָם האָט צוגעפירט די פערד צו אים, איַינגעשפּאַנט זיי אין אַקער, אופגעהויבן די לעמעשן, זיי זאָלן זיך ניט אַריַינשנייַדן אין דער ערד. ער האָט געהייסן עליען פאָרן, און אליין איז ער מיט דער צווייטער פּאָר פערד, וועלכע מע האָט געדאַרפט צושפּאַנען, נאָכגעפאָרן נאָך אים.

געקומען צום אָרט, ווו מ׳האָט געדאַרפט אָנהייבן אַקערן, האָט אוורהאָם צוגעשפאַנט די פערד, איַינגעצאַמט זיי און צוגעפעסטיקט די לייצעס. נאָך דעם האָט ער אוועקגעשטעלט דעם אַקער אויף אַן אָרט און אַראָפּגעלאָזט

דעם לעמעש. די פערד האָבן אַ צי געגעבן, און דער אַקער־מעסער האָט זיך אַרײַנגעשניטן אינעם פאַרהאַרטעװעטן שװאַרצערדיקן באָדן. פֿון פֿרייד האָט עליע אַזש אויסגעשריִען:

— עס אַקערט זיך, טאַטע! עס אַקערט זיך! גיב אַ קוק, װי דער לעמעש שנײַדט זיך טיף אַרײַן אין דער ערד!

— דו מאַכסט, מײַן זון, דאָס ערשטע פּאַסיקל אויף דער ערד, װי אַ קינד מאַכט אָפּן העפט אַ פּאַסיקל, װען ער הייבט זיך אָן לערנען שרײַבן. אוי װעסטו נאָך אַקערן און נאָך ניט אַזעלכע פּאַסיקלעך װעסטו מאַכן! גאַנצע סטעפּעס װעסטו אויפהייבן... זאָל זײַן אין אַ גוטער מאַזלדיקער שעה! מע דאַרף מאַכן אַ בראָכע... בוירע פּרי האַדאָמאָ...— זאָלן זײַן געבענטשט די פּרוכטן פֿון דער ערד!..

## 7

װי נאָר מע האָט פֿאַרענדיקט איבעראַקערן, צעגראָבן מיט די לאָפּעטעס, פֿאַרבאָראָנעװען און פֿאַרזייען די ערד אויף די העכערע ערטער, האָט די פֿאַרװאַלטונג פֿון קאָלעקטיװ, װעלכע מע האָט אויף דער לעצטער פֿאַרזאַמלונג אויסגעװײלט, בעראָש מיט אוראָם מעהודינען, פֿאַנאַנדערגעװיקלט די פֿרילינגדיקע פֿעלד־אַרבעט אין דער פֿולער מאָס.

באַגלײַך מיטן באַקומענעם אין קרעדיט נײַעם אינװענטאַר זײַנען געלאָזן געװאָרן אין גאַנג אַקערס, באָראָנעס, װאָס מע האָט געבראַכט מיטן עשעלאָן פֿון דער היים.

שלוימע פּאַפּעליוכע מיט פּיניע יעגעס, װעלכע האָבן געאַקערט בײַשכייניעס מיט עליען, האָבן גיך איבערגענומען זײַן געניטקײַט און האָבן זיך באַמיט אַלץ טאָן, פּונקט װי ער. זיי האָבן שטרענג אַכטונג געגעבן, אַז די לעמעשן פֿון זייערע אַקערס זאָלן זיך אַרײַנשנײַדן װאָס טיפֿער אין באָדן, זאָלן זיך ניט אַרויסגליטשן פֿון דער װאַגע[1] און ס'זאָל ניט איבערבלײַבן קיין „פּליכעס".

די װאָרצלען פֿון קורײַ, פּיריי און אַנדערע װילדגראָזן האָבן פֿאַרשטאָפּט די ציינער פֿון די באָראָנעס, און ס'איז זיי אויסגעקומען יעדער װײַלע צו רייניקן. די אַרבעט האָט געפֿאָדערט אַ סאַך צײַט, נאָר עליע האָט באַשלאָסן דורכבאָראָנעװען אַן איבעריק מאָל אין דער לענג און אין דער ברייט, קעדיי אין באָדן זאָלן ניט בלײַבן קיין װאָרצלען פֿון װילדגראָזן, עס זאָלן בעסער זיך צעקלאַפּן די איבערגעבליבענע הרודעס און עס זאָל זיך אײַנהיטן די פֿײַכטקײַט. אויף אַ געװיסער צײַט האָט עליע אַפֿילע אָנגעהויבן אָפּשטיין פֿון די שכיינים, נאָר דערפֿאַר זײַנען בײַ זיי אין די זייעלקעס בייסן זייען פֿאַרשטאָפּט געװאָרן די סאָשניקעס, און זיי זײַנען געצװונגען געװען אָפּט זיך אָפּשטעלן און רייניקן זיי. אַזױאַרום האָט זיי עליע בייסן זייען דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט.

נאָכן פֿאַרזיי איז דורכגעגאַנגען ניט קיין גרויסער רעגן, װעלכער האָט

[1] װ אַ ג ע — אַקער־ליניע, באָראָזדע.

אַנגעטרונקען מיט זאַפט די זוימען אין באָדן און אָנגעפילט זיי מיט קויכעס ארויסצושפּראָצן פון דער ערד.

אין עטלעכע טעג ארום האָבן זיך באַוויזן צאַרטע דינינקע שפּראָצן פון די טוועס. זיי זײַנען אופגעגאַנגען אין גלײַכע, ווי שנירעלעך, רייען. עליעס הארץ איז איבערגעפולט געוואָרן פון גליק.

— עס וואַקסט! עס וואַקסט! עס וואַקסט!

די ערשטע אופגעגאַנגענע שפּראָצן פון די טוועס האָבן, אופגעהויבן זיך אין וווּקס, זיך צונויפגעגאָסן אין א געדיכט בונט־גרינעם צודעק, אונטער וועלכן ס׳האָט זיך באַהאַלטן די ערשט ניט לאַנג נאַקעטע ערד פונעם געוועזענעם פאַרווילדעוועטן, יאָרנלאַנג ניט גערירטן, סטעפּ.

איינס אין איינס זײַנען אפן באַשטאָן אופגעגאַנגען די קאַווענעס, די דיניעס און קירבעסן, וועלכע מ׳האָט פאַרזייט אפן ערשטן צעגראָבענעם הויכלאַנד מיט עליעס זאָרגזאַם־צונויפגעזאַמלטע זוימען. ס׳זײַנען אויך אופגעגאַנגען די קוקורוזע און די זונרויזן, וועלכע מע האָט דרינגענדיק געדאַרפט אָנהייבן יעטן, און הענט זײַנען אין קאָלעקטיוו געווען שפּאָט־וויניק.

ווי אף צולאָכעס, האָבן זיך אין דער הייסער שווערער צײַט בא יוינע שטעפּערן צעעפנט די ווונדן, וועלכע ער האָט באַקומען אין די שלאַכטן ארום פּערעקאָפּ, און אלע זאָרגן און דײַגעס האָבן זיך ארופגעוואַלגערט אף אוורהם מעהודינס פּלייצעס. ער האָט זיך ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס און ניט באַוויזן אָפּטאָן אפילע די סאַמע דרינגענדיקע ארבעט, וואָס מע האָט אָפּלייגן אפילע אף א שאָ ניט געקאָנט.

...ארויסגעפאָרן, ווי געווײנלעך, באַטראַכטן די פאַרזייען אף די פעלדער, האָט אוורהם וואַרמעס־צײַט זיך אומגעקערט צו זיך אין שטוב און אומגעריכט אפן שוועל זיך צונויפגעשטויסן מיט עליען.

— וואָס טוסטו איצטער דאָ? — האָט אוורהם א פרעג געגעבן באַם זון. — דו קלײַבסט זיך ערגעץ גייון?

— איך וואַרט אף דיר...

— וואָסי?

— אינדערפרי, ביז איך האָב זיך א קער געטאָן, ביסטו שוין ניט געווען. האָב איך מיט א פּאָר מענטשן געגומען מאָטיגעס און ארויסגעגאַנגען דורכיעטן דערווײַל דעם באַשטאָן.

— איך בין ערשט געווען דאָרט, כ׳האָב באַמערקט, אז עמעצער האָט דאָרט געארבעט, — אוורהם האָט גענומען עליען פאַר דער האַנט, ארײַנגעפירט אים אין שטוב, אוועקגעזעצט זיך א ווײַלע אף זײַן געלעגער און אָנגעהויבן זיך אויסטײַנען פאַר אים:

— וואָס טוט מען, כאָטש צערײַס זיך. ווען יוינע איז געווען געזונט און מיר האָבן צוזאַמען געארבעט, זײַנען מיר געווען ווי צווי הענט, און איצט בין איך געבליבן ווי מיט איין האַנט. מיט די מענטשן דאַרף מען אָנפירן. מע דאַרף יעדערן ווײַזן, וואָס צו טאָן, אף דער באַלעבאַטישקײַט דאַרף מען אכטונג געבן... ווו מע גיט א קוק, דאַרף מען טאָן און טאָן, און טאָן איז ניטאָ ווער... דאָס פעלד איז גרויס, און מיר זײַנען דאָ א הײַפל... אויב מיר וועלן הײַנט־מאָרגן ניט אויסיעטן דעם באַשטאָן און די דורכאַקער־

קולטורן, וועלן די גראָזן זיי פארהלושען, און אונדזער גאנצע טירכע וועט פארפאלן ווערן.

— כ׳ווייס עס, טאטע. וועגן דעם האָב איך געוואָלט טאקע מיט דיר ריידן. כ׳קאָן ניט צוזען, ווי אין סטעפּ טשאכנעט אלץ.

— נו, איז וואָס קאָן מען טאָן?

— מ׳דארף וואָס גיכער ארויסרופן די איבעריקע מענטשן פון די מישפּאָכעס, וואָס זײַנען געבליבן אין דער היים, — האָט עליע געייצעט. — אניט וועלן מיר זיך ניט ספּראַווען מיט דער ארבעט. אויב מיר וועלן אפילע ווי־ניט־איז דורכיעטן דעם באשטאָן און די דורכאקער־קולטורן, וועלן בא אונדז שוין קויכעס ניט סטײַען פארן היי־שניט און אראָפּצונעמען די גערעטעניש.

אוורהם האָט עס אליין גוט געוווסט, נאָר ער האָט בא זיך ניט געקאָנט באשליסן אריבערצונעמען די מישפּאָכעס, צווישן וועלכע עס זײַנען פאראן א סאך אלטע לײַט און קינדער, ווען ס׳איז נאָך ניטאָ קיין דאך איבערן קאָפּ.

— מיילע, זומער איז ווי־עס־איז... אָבער ווער ווייסט, צי ביז די קעלטן וועלן פארטיק ווערן די הײַזער... און עסן איז ביז דער נײַער גערעטעניש אויך ניטאָ וואָס. מיט וואָס וועלן מיר זיי שפּײַזן? מיט ווילדגראָזן?..

— מיר וועלן זיך ווי־ניט־איז איבערמאטערן, מיר דארפן הענט... אָן הענט וועט אלץ פארפאלן ווערן.

— אָן הענט וועט געוויס אלץ פארפאלן ווערן... אָבער איך וועל ניט נעמען אף זיך ארויסצורופן די מישפּאָכעס... זאָל יעדערער לייזן וועגן זײַן מישפּאָכע, ווי ער פארשטייט...

— די פראגע וועט מען דארפן לייזן אף אן אלגעמיינער פארזאמלונג, — איז געווען עליעס מיינונג.

...דעם זעלבן אָוונט, נאָך דער ארבעט, האָט דער אוילעם זיך צונויפגעזאמלט אין שטוב, ווו ס׳איז געלעגן יוינע שטעפּער.

— איר ווייסט, אז קיין רעגן איז ניטאָ און דער סטעפּ ברענט... — האָט אוורהם אָנגעהויבן.

— אז ס׳ברענט, דארף מען לעשן, און לעשן איז ניטאָ מיט וואָס, — האָט אים איבערגעשלאָגן שלוימע פּאפּעליוכע.

— אז ס׳ברענט, ווארט מען ניט, ביז ס׳וועט אלץ פארברענט ווערן, מ׳דארף לעשן, ווי מע קען... — האָט אוורהם פאָרגעזעצט.

— מיט וואָס לעשן? — האָט געפרעגט פּיניע יעגעס.

— מיט מאָטיגעס, מיט די הענט, מיט וואָס עס מאכט זיך, — האָט געענטפערט אוורהם. — אָט זײַנען הײַנט אינדערפרי ארויס עטלעכע מענטשן אפן באשטאָן און אויסגעיעט א שטיק, זײַנען די הודענעס גלײַך געוואָרן לעבעדיקער... אָבער יעטן דארף מען ניט נאָר דעם באשטאָן. מע דארף יעטן אויך די קוקורוזע, די זונרויזן, אניט וועט אלץ פארפאלן ווערן. מע דארף, אז אלע, ווי איינער, זאָלן מאָרגן גאנצפרי ארויס מיט די מאָטיגעס אין די הענט. וויפל זיי וועלן מאכן פארן טאָג, וועט זײַן ווי געפונען. מיט די הענט איז שווער, פארשטייט זיך, אזא גרויסן שעטעך, ווי ס׳פאר־

נעמען אונדזערע דורכאַקער־קולטורן, אויסיעטן. מע דאַרף קריגן קולטי־וואַטאָרס, נאָר סײַווי וועלן זיי אונדז ניט ראַטעווען...

— פאַרוואָס זשע האָט איר ניט געטראַכט וועגן דעם, ווען מע האָט אָנגעהויבן זייען? — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— מיר האָבן ניט געוווּסט, וועגן וואָס פריִער צו טראַכטן... מיר האָבן געגרייט דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפט שוין, און ניט באַוויזן צוגרייטן דאָס, וואָס מע וועט דאַרפן שפּעטער. שטעקלעך אַף הענטלעך האָט מען געפירט פון דער היים, זיי זײַנען טאַקע צוניץ געקומען, און וועגן עפּעס אַנדערש האָט מען פאַרגעסן, — האָט פאַרגעזעצט אוּראָם, — כ׳וועל מאָרגן צופאָרן אין ראַיאָן און כ׳וועל זען קריגן אַ פּאָר קולטיוואַטאָרס. נאָר איצט שטייט פאַר אונדז אַ וויכטיקערע פראַגע — די פראַגע וועגן די מענטשן, וועלכע זײַנען נאָך געבליבן אין דער היים, אָן זיי וועלן מיר זיך ניט באַגיין.

— מע דאַרף זיי אַרויסרופן, שוין לאַנג געדאַרפט אַרויסרופן... אַוודאי דאַרף מען זיי אַרויסרופן, — האָבן זיך דערהערט פון אַלע זײַטן שטימען.

— די, וואָס קענען, צוליב די אָדער יענע סיבעס, נאָך ניט קומען, דאַרפן בלײַבן אַף אָן אָרט, — האָט געוואָרנט אוּראָם. — מע דאַרף, אַז עס זאָלן קומען די, וואָס קענען אַרבעטן...

## 8

ווען די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט אַרבעטן אַף די דורכאַקער־קולטורן, זײַנען שוין געווען ווײַט אָפּגעגאַנגען פון שטוב, האָט אוּראָם באַשלאָסן אַליין צופאָרן אַהין און ווײַזן זיי, וויאַזוי מע דאַרף יעטן.

— לאָמיר אַ בראַכע מאַכן איבער די גראָזן, וועלכע מיר דאַרפן אויס־האַקן, — האָט שלוימע פּאַפּעליוכע, דערזעענדיק פונווײַטן אוּראָמען, אַ זאָג געטאָן. — וואָס פאַר אַ בראַכע דאַרף מען מאַכן?

— די בראָכע איז זייער אַ פּאַשעטע, — האָט געענטפערט עליע, אויפ־הייבנדיק אין דער הייך די מאָטיגע, — מע דאַרף נאָר וויסן, וואָס אויסצו־האַקן און וואָס איבערצולאָזן.

עליע האָט אָנגעהויבן גיך־גיך יעטן. אַף אַ רעגע האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און אַ פרעג געגעבן:

— נו, איר האָט שוין באַנומען די טוירע?

— ס׳איז אַ קליינע טוירע, — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאַפּעליו־כע. — מיר דאַרפן זיך נאָר גוט אָנעסן, קעדיי ניט אָפּשטיין פון דיר.

אוּראָם האָט מיטן אויג געפרוווט אָפּמעסטן, וויפל ס׳איז נאָך געבליבן צו יעטן, און געזאָגט:

— איך מיין, אַז איר וועט עס פאַר הײַנטיקן טאָג ענדיקן... איך פאָר אין ראַיאָן, כ׳וועל זיך באַמיִען קריגן אַ קולטיוואַטאָר... מאָרגן וועלן מיר אַלע אַרויסגיין אַף דער קוקורוזע און די זונרויזן.

— מיר וועלן זיך באַמיִען ענדיקן, — האָט געענטפערט עליע און איז אַוועק אַף זײַן באַצירק.

מינע האָט געאַרבעט בישכיינעס מיט עליען, זי האָט מיט גרויס פלײַס

אַרודעוועט מיט דער מאַטיגע. די זון האָט געברענט און געבראָטן אַזוי, אַז מיט די באָרוועסע פיס איז געווען אוממעגלעך צו טרעטן איבער דער אָנגעגליטער ערד. פונדעסטוועגן האָט מינע אַקשאָנעסדיק באַוועגט זיך פאָרויס. א געדיכטער וואָלקן שטויב האָט זיך געשפּרייט פון אונטער איר מאַטיגע.

— אוי, כ'קען מער ניט אויסהאַלטן, ווו נעמט מען כאָטש א טראָפן וואַסער אָנצוטרינקען זיך?.. ווו באַהאַלט מען זיך אַף א רעגע פון דער היץ? — האָט עליע געהערט קרעכצנדיקע שטימען. פונעם שטויב, וועלכער האָט זיך אופגעהויבן אַלץ העכער און העכער, האָט מען ניט געזען די פּנעמער פון די מענטשן. מינעס פּאָנעם איז געווען אַזוי שוואַרץ פון שטויב, אַז ס'איז זי געווען קימאַט אוממעגלעך צו דערקענען. עליע האָט זיך געלאָזט מיט זײַן מאַטיגע אַנטקעגן איר. ווען ער איז צוגעגאַנגען נאָענט, האָט ער דערזען עטלעכע אויסגעהאַקטע הודענעס פון קאַווענעס.

— וועמעס אַרבעט איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— כ'ווייס ניט, — האָט מינע געענטפערט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט, אַז ס'איז אַף דײַן פּאַס ערד...

— וואָס איז די נאַפּקעמינע, ס'ווערט דאָך סײַווי אַלץ פאַרפאַלן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט שיפרע, מינעס מאַמע.

— אַוואַדע ווערט עס פאַרפאַלן ווערן, אַז מע וועט אַזוי אַרבעטן, — האָט עליע זיך געבייזערט. — מע האָט געזייט, אַז מע זאָל עס אויסהאַקן?.. ווו זײַנען דײַנע אויגן?.. לײמענע הענט!

— וואָס טשעפּעסטו זיך צו איר? — האָט שיפרע זיך אָנגעצונדן. — צוליב עטלעכע גרעזלעך מאַכסטו אַזאַ טומל, און ס'איז דיר גאָר ניט מיעס?!

— פון די גרעזלעך דאַרפן אויסוואַקסן קאַוועגעס. וויפל האָרעוואַניע האָט מען געפּאַטערט אופצואַקערן די ערד און צו פאַרזייען, וויפל קויעך לייגט מען אַוועק, אַז דאָס, וואָס מע האָט פאַרזייט, זאָל וואַקסן, און זי פאַרניכטעט עס, — איז עליע געווען אופגעבראַכט.

עליעס ווערטער האָבן מינען געשניטן איבערן האַרצן, געדריקט אַף דער נעשאָמע. ס'האָט זיך איר געוואָלט וויינען, נאָר זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן און מיט אַלע קויכעס געפּרוווט שטילן דעם פאַרדראָס, וואָס האָט געברענט אין איר. זי האָט זיך דאָך אַזוי געסטאַרעט, געקראָכן פון דער הויט אויסצונעמען אין זײַנע אויגן, און מיטאַמאָל זידלט ער זי אַזוי.

— ס'קען ניט זײַן, איך זאָל אויסהאַקן די הודענעס, — האָט זי זיך געפּרוווט פאַרענטפערן.

— ווער זשע האָט עס אָפּגעטאָן? א מאַלעך?!

— עפּשער... עפּשער, — האָט זי, קוים אײַנהאַלטנדיק די טרערן, וועלכע האָבן זי געשטיקט, געפּרוווט ריידן.

— עפּשער האָט עס עמעצער מיט א קיוון אונטערגעוואָרפן, — האָט די מוטער אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מינע האָט ניט דערזאָגט.

— גאָר אַזוי?! — האָט עליע זיך פאַרוווּנדערט.

דער הייסער ווינט, וועלכער האָט א בלאָז געגעבן פון דאָרעם, האָט זיך פאַרשטאַרקט. ער האָט געבריט, געשמיסן מיט שטויב אין די פּנעמער.

עליע איז אוועק צוריק אף זײַן אָרט און האָט מיט נאָך מער אימפּעט אָנ־געהויבן אַרבעטן מיט דער מאַטיגע. מינע, שיפרע און די איבעריקע פרויען האָבן מיט אַלע קויכעס געצויגן זיך נאָך אים און געפּרוּווט דעריאָגן...

## 9

שפּעט אין אָוונט האָבן עליע, מינע און די איבעריקע פרויען און מע־נער זיך אומגעקערט פון באַשטאַן אַהיים. מינע איז ניט געגאַנגען, ווי געוויינלעך, לעבן עליען, ניט געשמייכלט צו אים. שלוימע פּאַפּעליוכע איז געגאַנגען לעבן איר און שיפרען, געשאַטן מיט כאָכמעס. דערנאָך האָט ער געזונגען דאָס לידל:

> וואָס ביסטו, קעצעלע, באַרויגעז,
> וואָס האָסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
> מ'דאַרף דאָך פּאַרט אויסהאַקן
> ניט קיין קאַוועניעס, נאָר גראָז!

דער אוילעם האָט געלאַכט. מינע האָט זיך געריוויטלט און געבעטן:

— הערט אויף, געגוג כאָכמעניען זיך!

— איר וואָלט זיך כאָטש שעמען, ס'ליגט אײַך נאָך אין זינען לאַכן און לידלעך זינגען... גיט א קוק, וואָס עס טוט זיך, — שיפרע האָט אָנגעוויזן אַף דער שוואַרצער שטויביקער וויוגע, וועלכע האָט ניט אופגעהערט צו בור־שעווען.

— וואָס קאָן מען טאָן? לייגן זיך לעבעדיקערהייט אין דער ערד אַרײַן? — האָט שלוימע, אײַנהערנדיק זיך, ווי דער ווינט ברומט און וואָיעט, געענטפערט. — ס'ווילט זיך כאָטש אַף א ווײַלע פאַרגעסן אין דער סרייפע, וועלכע ברענט אַזוי אין סטעפּ.

— יאָ, מיר ברענען! מיר ברענען און גאָר! — האָט עמעצער מיט א קרעכץ זיך אָפּגערופן.

עליע און די מענטשן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים געיעט דעם באַ־שטאַן, זײַנען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דער שטויב פון דער איבערגעטריקנטער ערד האָט זיי געשמיסן אין די פּענעמער און אַראָפּגע־לאָזט זיך אַף די טוועס, אַף דער קוקורוזע, אַף די זונרויזן און אָפּן באַ־שטאַן. ווען זיי זײַנען געקומען אַהיים, האָבן זיי אָפּגעגעסן וועטשערע און, אויסגעמאַטערטע נאָכן שווערן הייסן טאָג, געלייגט זיך שלאָפן. נאָר ווי עליע איז ניט געוועזן מיד, האָט ער אײַנשלאָפן ניט געקאָנט. דער פּאַרדראָס, וואָס ער האָט באַליידיקט און זיך צעקריגט מיט מינען צוליב עטלעכע הונ־דערטס, האָט אים גוט געפּײַניקט. ווען דער שלאָף האָט אים סאָפּקאָלסאָף באַהערשט, האָט ער, דרעמלענדיק, דערהערט דעם פּאָטערס שטים. אַווראָם האָט ווען עפּעס גערעדט מיט יוינען, וואָס איז געלעגן אין זײַן ווינקל. באַ־גינען, ווען עליע האָט זיך אופגעכאַפּט, איז שוין דער פּאָטער געוועזן אַף די פיס.

— איר האָט שוין געענדיקט יעטן דעם באַשטאַן? — האָט אַווראָם, באַ־מערקנדיק, אַז דער זון איז אופגעשטאַנען, געפרעגט.

— געענדיקט, — האָט עליע מיט א האָפערדיקער שטים געענטפערט.
דער ווינט האָט, ווי נעכטן, געדרייט און געשמיסן מיט שטויב, נאָר פון דער יעדיע איז אוראָמען געוואָרן א ביסל לײַכטער אף דער נעשאָמע. א שמייכל האָט אפילע א שפּיל געגעבן אף זײַן פּאָנעם.
— אויב אזוי, וועלן מיר הײַנט אלע ארויסגיין יעטן די קוקורוזע און זונרויזן, — האָט אוראָם געזאָגט.
— נו, און די, וועלכע זײַנען נאָך געבליבן אין דער היים, האָסטו ארויס־געגרופן? האָסט זיי אָנגעשריבן, וואָס זיי זאָלן פּארכאַפּן מיט זיך? דעם בריוו, וואָס איך האָב נעכטן אָנגעשריבן אהיים, האָסטו ארײַנגעוואָרפן?.. אז זיי זאָלן ברענגען די פערד, האָסטו זיי אָנגעזאָגט? — האָט עליע געהאלטן אין איין פאנאנדערפרעגן זיך.
— כ׳וועל הײַנט מוזן נאָכאמאָל פאָרן אין ראיאָן. כ׳האָב זיך נאָך ניט וועגן אלץ צונויפגערעדט, — האָט געענטפערט אוראָם.

## קאַפּיטל פינף

### 1

דער אוילעם האָט זיך שטארק אָנגעהאָרעוועט פארן טאָג, נאָר אלע האָבן ארויסגעקוקט אפן פאָרזיצער און געוואָלט וויסן די נײַס, וואָס ער האָט געבראכט פון ראיאָן.
דערהערט טריט, איז עליע ארויסגעלאָפן אנטקעגן.
— טאטע, דאָס ביסטו? — האָט ער, ניט דערקענענדיק דעם פאָטער אין דער פינצטער, א פרעג געגעבן.
— יאָ, איך.
— נו, דערצייל, וואָס פאר א גוטע נײַס האָסטו געבראכט?
— א קולטיוואטאָר האָב איך געבראכט, איצט וועט אונדז ווערן גרינ־גער. אז מיר וועלן זיך אָנשטרענגען, וועלן מיר אין א פּאָר טעג עפּשער ענדיקן יעטן... פאר די מיטגלידער פון די מישפּאָכעס, וועלכע זײַנען גע־בליבן אין דער היים, האָט דער באפולמעכטיקטער פון ראיויספּירקאָם פאר־אָרדנט אויסלײַען דערנערונג און אפן שנעלסטן אויפן אויסבויען פאר זיי וווינונגען... דערווײַל וועט אויסקומען אײַנאָרדענען זיי אין בײַדלעך אָדער אין ערדשטיבלעך.
— כ׳מיין, — האָט אוראָם פאָרגעזעצט, — אז אין א זעקס־זיבן טעג ארום וועלן זיי שוין זײַן דאָ. מע האָט אונדז צוגעזאָגט געבן אין קרעדיט צוויי שנײַד־מאשינעס.
— שנײַד־מאשינעס? טאקע? אוי, וואָלט עס געווען גוט! טאקע אף גע־וויס?.. די קולטיוואטאָרס זײַנען שוין דאָ?
— יאָ, זיי זײַנען שוין דאָ. די שנײַד־מאשינעס וועלן זײַן אין א פּאָר טעג ארום. דאָס איבעריקע, האָף איך, וועט אויך זײַן.
די דאָזיקע נײַס האָבן אלעמען דערפרייט און אופגעמונטערט. גאנצפרי

איז אוורהאַם מיט עליען ארויסגעפאָרן מיטן קולטיוואַטאָר אויף די דורכאַקער־קולטורן. ביז דער אוילעם איז געקומען אהין מיט די מאָטיגעס, האָבן זיי שוין באַוויזן דורכגיין צווישן א סאַך רייען, ווייך מאַכן דעם באָדן, און די מענטשן מיט די מאָטיגעס איז געבליבן נאָר באַזײַטיקן די גראָזן ארום די שטענגלעך. ווי שנעל זיי האָבן ניט געאַרבעט, האָבן זיי ניט געקענט נאָכ־האַלטן דעם קולטיוואַטאָר.

בא האַלבן טאָג איז דער סוכאָווי שטילער געוואָרן, נאָר די היצן האָבן ווי פריִער אומראַכמאָנעסדיק געברענט. פאַר פיר טעג אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָט זיך אײַנגעגעבן דורכיעטן די דורכאַקער־קולטורן.

צו דער צײַט זײַנען אָנגעקומען די מענטשן פון דער היים מיט זייער גאַנצן האַק־און־פּאַק. די באַלעגאָלעס האָבן געבראַכט פערד־און־וואָגן, דעם געשפּאַן און אַלדאָס איבעריקע פון דער באַלעבאַטישקײַט.

אוורהאָם, שלוימע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס און די איבעריקע זײַנען ארויס באַגעגענען זייערע מישפּאָכעס. זיי האָבן אײַליק באַגריסט זיך מיט זייערע אייגענע און זיך א וואָרף געטאָן ארויסטראָגן פון די וואַגאָנען די זאַכן.

די ערשט געבראַכטע באַלעגאָלישע פערד, וועלכע זײַנען געשטאַנען אין א ספּעציִעלער טעפּלושקע, האָבן, דערזעענדיק זייערע באַלעבאַטים, אָנגעהויבן הירזשען, ווי זיי וואָלטן זיך דערפרייט. בלויז לאָוואָן־האַאַראַמי איז געשטאַנען א מאָרעשכוירעדיקער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אוורהאָם איז צוגעגאַנגען צו אים, א גלעט געגעבן איבערן אויסגעדאַרטן לײַב און, צאַרט אַרײַנקוקנדיק אין די אויגן, געזאָגט:

— קום, מײַן טײַערער, קום... וואָס שטייסטו אַזוי אומעטיק? ביסט דאָך געקומען אין אונדזער נײַער היים. קום גיכער, וועסט איינעם מיט אונדז אויספּרווון אונדזער נײַע פויערשע דאָליע... ניט קיין פּאַסאַזשירן און ניט קיין באַגאַזש פון וואָקזאַל וועסטו שלעפּן, נאָר אַקערן, זייען, שנײַדן און דרעשן...

— אַזוי, א ווייטעק איז מיר, אוורהאָם, אַט דאָס איז אונדזער נײַע היים? צווישן הימל און ערד וועלן מיר וווינען? — האָט אויסגעשריִען זעלדע.

— וואָס האָסטו זיך צעיאָמערט? מיר וועלן קומען אויף אָן אָרט, וועסטו זען, ווו מיר וועלן וווינען. אין קיין פּאַלאַצן האָסטו, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געוווינט, און טאָמער וועט אויסקומען א ביסל צוצומאַטערן זיך, איז אויך ניט געפערלעך, — האָט אוורהאָם זי באַרויִקט.

מיכקע האָט אײַנגעשפּאַנט לאָוואָן־האַאַראַמין אין דער דראָשקע, וועלכע ער האָט ארויסגעקײַקלט פון וואַגאָן. זעלדע און די כעוורע האָבן אוועקגעלייגט א טייל זאַכן אויף איר.

— דאָס, וואָס וועט ניט ארופגיין אויף דער דראָשקע, שלעפּ צו די איבעריקע פורן, וועלכע מיר האָבן ארויסגעשיקט אײַך צו באַגעגענען, — האָט געזאָגט אוורהאָם און זיך אוועקגעטראָגן העלפן די איבעריקע מישפּאָכעס צו איבערפירן זייערע זאַכן.

אָנגעלאָדענע, זײַנען די פורן איינע נאָך דער צווייטער אוועקגעפאָרן. דער געל־ברוינער, פון היצן פאַרברענטער, סטעפּ האָט זיך געצויגן און

געצויגן פאַרבײַ דעם וועג. אין דער ווײַט האָבן קוים געזען זיך פּאַסיקלעך פון די פאַרזייטע אין פרילינג טווועס, קוקורוזע און זונרויזן.

די ערשט אָנגעקומענע, פריטשמעליעטע פון דער בריִענדיקער זון און די אומדערטרעגלעכע היצן, האָבן נאָך ניט באַוויזן ארומקוקן זיך, ווי דער סוכאָווײ, וואָס האָט פון נעכטן זיך שוין געהאַט א ביסל געשטילט, האָט ווידער אָנגעהויבן קערן און דרייען אינדערלופטן הויכע זײַלן שטויב.

ווײַבער, אַף טויט איבערגעשראָקענע, האָבן געכאַפּט אין די אָרעמס די קינדער און אָנגעהויבן וויינען און שרײַען. דער ווינט האָט אַלץ שטאַרקער אָנגעהויבן ברומען, וואָיען און שמײַסן אין אַלע זײַטן דעם שטויב פון דער איבערגעטריקנטער ערד. די אָנטרײַבער האָבן געטריבן די פערד, נאָר די פערד האָבן זיך געדרייט אין אַלע זײַטן, געזוכט א רעטונג פונעם שטויב, וואָס האָט זיי געשמיסן אין די אויגן און ניט געלאָזט גיין.

— מע דאַרף איבערוואַרטן, איר וועט זיך אַראָפּשלאָגן פון וועג, — האָט אוּוראָם געשריִען, נאָר איבער דער וואָיערײַ פונעם ווינט האָט קיינער אים סײַווי ניט געהערט. אין א האַלבער שאָ אַרום, ווען ס'איז עטוואָס שטילער געוואָרן, איז צו אוּוראָמען דערגאַנגען דער האַרצרײַסנדיקער געוויין פון די קינדער און דער געבעט פון אייניעם א זאָקן, מיט א גרײַזגרויער באָרד, וועלכער האָט זיך אוועקגעשטעלט אַף דער פור און, פאַרבאַנדערנעמענדיק די הענט, אָנגעהויבן שרײַען צום ריבוינעשעלוילעם:

— שמא ייִסראָעל, אַדעינוי עלעהיינו, אַדעינוי עכאָד...

סאָפּקאָלסאָף האָט די ערשטע פור זיך גערירט פון אָרט, נאָך איר האָבן זיך געלאָזט די איבעריקע פורן. דער ווינט איז געוואָרן שטילער. ביז זיי זײַנען דערפאָרן צום אָרט, איז אינגאַנצן רויִק געוואָרן.

ניט ווײַט פון די שטיבער פונעם קומענדיקן ייִשעוו זײַנען געווען צוגעגרייט פאַר די נײַגעקומענע בײַדלעך און ערדשטיבלעך. עליע האָט באַגעגנט די געסט. דערזען די דראָשקע, אַף וועלכער ס'איז געפאָרן די מוטער, מיכקע און די שוועסטערלעך, איז עליע אוועקגעלאָפן אַנטקעגן, אַרופגעשפרונגען אַף איר. די מאַמע איז אַרופגעפאַלן אַף זײַן האַלדז, געקושט אים און מיט טרערן געזאָגט:

— כ'האָב דאָך דיך קוים דערקענט, אַזוי ביסטו שוואַרץ און אויסגעדאַרט געוואָרן... א פויער ביסטו געוואָרן, מײַן זון, אַן עמעסער פויער, דערשלאָפסט, מיסטאַמע, ניט, דערעסט ניט, ווערסט אויסגעריסן.

— מאַמע, מיר איז גאָר ניט שווער. וועסט נאָך זען, וואָס פאַר א לעבן עס וועט דאָ ווערן.

עליע האָט זיך געוואָלט באַגריסן מיט מיכקען, מיט די שוועסטערלעך, נאָר די מוטער האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט פון אירע אָרעמס און אַלץ געטײַנעט:

— כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל שוין ניט דערפאָרן צו דיר און מײַנע אויגן וועלן דיך שוין ניט אָנקוקן, אַזאַ ווינט האָט זיך אָנגעהויבן אין וועג... דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ אָנשיקעניש. אין מיטן זומער — א ווייוגע, א שוואַרצע שטויביקע ווייוגע... אַזאַ באַגעגעניש, מײַן זון, איז, עפשער, ניט צום גוטן. דער סטעפּ דײַנער, אין וועלכן דו ביסט אַזוי אײַנגעליבט, וויל אונדז, ווײַזט אויס, ניט צונעמען. עפשער איז ער דיר שוין נימעס געוואָרן?

— ניין, מאמע, ער איז מיר ניט נימעס... ער איז ווילד. די פערד און די בעהיימעס זײַנען אויך אמאָל געווען ווילד, און איצט האָדעווען זיי אונדז. אזוי וועט זײַן מיטן סטעפּ. מיר וועלן זיך צוגעוווינען צו אים און ער צו אונדז, און ער וועט אונדז ווערן ליב און נאָענט.

די פורן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אווראָם, וועלכער האָט די גאַנצע צײַט, וואָס זעלדע האָט גערעדט מיטן זון, זיך ניט אַרײַנגעמישט אין זייער געשפּרעך, האָט איצט אויסגערופן:

— נו, מיר זײַנען געקומען אהיים!..

עליע האָט אפגיך אראָפּגעכאפּט פון דער דראָשקע א פּאָר פּעקלעך, זיי צוגעטראָגן צו אן ערדשטיבל און געזאָגט:

— דאָ וועלן מיר דערווײַל וווינען.

— אוי, גאָט מײַנער, ווּהין האָט מען אונדז פאַרפירט?.. לעבעדיקערהייט אין א קייווער אַרײַנקריכן, — האָט זעלדע געכאַפּט זיך פארן קאָפּ.

— שאַ, בארויִק זיך, דאָס איז דאָך צײַטווײַליק, ביז מע וועט אונדזער שטוב אויסבויען, — האָט איר דערקלערט אווראָם. — מיר קענען וווינען, ווו מיר האָבן מיט איליוסיקן געוווינט — אין א ווינקל אין דער ערשטער שטוב, נאָר פאַר אלעמען וועט דאָרט קיין אָרט ניט סטײַען.

— איך וועל אונטער דער ערד ניט קריכן, בעסער אין א בײַדל.

— ווי די ציגײַנער וועלן מיר וווינען, — האָט זיך אַרײַנגעמישט א ייִדענע, וועלכע איז פונקט פאַרבײַגעגאַנגען מיט א פּאָר פּעק אין די הענט. — מיר האָבן אוועקגעוואָרפן הײַזער, ווו מיר האָבן געלעבט מיט מענטשן גלײַך, און זײַנען אוועקגעפאָרן אין אלדי אויסרײַסעניש, קעדיי לעבן צווישן הימל און ערד, צווישן שלענג און יאַשטשערקעס, איבערטראָגן אזוינס, וואָס מיר האָבן הײַנט איבערגעלעבט, און ווער ווייסט, וואָס מיר וועלן נאָך איבערטראָגן אין דעם וויסטן סטעפּ.

— ווער ווייסט... ווער ווייסט... נאָר צו וואָס דאַרף מען אויסלייגן צו שלעכטן? — האָט זעלדע אָנגעהויבן זי טרייסטן, כאָטש ס'איז איר אליין געווען שווער אף דער נעשאָמע.

די פרוי האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט און איז פארשוווּנדן. פון אלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן געשרייען, טײַנעס, פאָרווורפן און זידלערײַען, נאָר זעלדע האָט זיך באַהערשט, פאַרטריבן פון זיך דעם שוידער, וועלכער האָט זי פון אָנהייב ארומגעכאַפּט. זי האָט געטראַכט: „ניט פון קיין גרינגע לעבן זײַנען מיר געקומען אהער, איז וואָס דאַרף מען טײַנעס האָבן און שיטן זאַלץ אף די ווונדן די, וואָס האָרעווען, ווערן אויסגעריסן און ווילן דאָ אויסבויען אן עמעסדיק לעבן".

זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער, וואָס עס האָט איר ערשט געזאָגט איליוסיק, — אז דער סטעפּ איז נאָך ווילד, ער וועט זיך צוגעוווינען צו אונדז און וועט ווערן אונדז געטרײַ. זעלדע האָט איינעם מיט עליען, מיט מיכקען און מיט די מיידלעך איבערגעטראָגן די זאכן אין שטיבל, אײַנגעאָרדנט זיך און איז אוועק צו די ווײַבער, מיט וועלכע זי איז הײַנט געקומען אהער.

...ביזוואַנען די ווײַבער האָבן זיך אויסגעטײַנעט און אויסגעגאָסן זייערע ביטערע הערצער, איז עליע אוועק אין סטעפּ.

ס'איז ניט געווען דער טאָג, ער זאָל ניט ארויסגיין באטראכטן די טוועס. ער האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי זיי קומען אום. היינט, נאָכן סוכאָוויי, האָט ער מיט א באזונדער אומרו אין הארצן ארומגעבלאָנקעט פון איין אָרט צום צווייטן. ער איז צופרידן געווען, וואָס דער ווינט האָט נאָר ערטערווייז פארשאָטן מיט שטויב די טווע און קיין גרויסן שאָדן ניט אָנגעטאָן.

צוגייענדיק צו א פארגעלטן שטיק פּיריי, וועלכער איז געוואקסן באם וועג, האָט עליע דערזען יוינע שטעפּערן.

אן אָפּגעשוואכטער פון דער שווערער קרענק, איז יוינע, פונדעסטוועגן, ארויס א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין סטעפּ.

— ווי מיינט איר, רעב יוינע, וויאזוי זיינען די טוועס נאָכן סוכאָוויי? — האָט עליע געפרעגט.

— איך ווייס ניט, כ'בין ערשט ארויס.

— די געסט אונדזערע האָט איר שוין געזען?

— יאָ, כ'האָב זיי געזען... העלפן איינאָרדענען זיי קאָן איך סיווי ניט, בין איך כאָטש ארויס א קוק טאָן, וואָס אין סטעפּ טוט זיך.

— קומט א קוק טאָן דאָס היי אין טאָל. ביז ס'איז נאָך ניט שפּעט, דארף מען עס אָנהייבן שניידן, ס'נעמט שוין אויך ברענען...

— אוואדע דארף מען עס שניידן, מענטשן זיינען צוגעקומען, קאָסעס זיינען דאָ, איז אָף וואָס דארף מען ווארטן?.. דאָרטן קאָן מען סיווי קיין שנייד־מאשין ניט לאָזן.

— רעדט זיך דורך וועגן דעם מיט מיין טאטן, און איך וועל צוגיין צום באשטאַן.

ווען עליע האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, האָט ער דעם פאָטער אין דער היים ניט געטראָפן.

— וווּ ביסטו עס פארפאלן געוואָרן? — האָט זעלדע געפרעגט. — כ'האָב דיך נאָך קימאט ניט געזען, און דו ביסט גלייך ערגעץ נעלעם געוואָרן.

— כ'האָב געדארפט צוגיין אין סטעפּ... וווּ איז דער טאטע?

— ער איז בא יוינען. געבן דיר עסן?

— ניין, איך דארף צוגיין צום טאטן.

עליע איז פלינק ארויסגעשפרונגען פון שטיבל און איז אוועק צו יוינען, בא אים האָט ער געטראָפן דעם טאטן.

— אָט איז עליע, — האָט אווראָם זיך דערפרייט. — מאָרגן גאנצפרי גייען מיר ארויס שניידן דאָס היי.

— זייער גוט, זייער גוט, טאטע, — האָט געזאָגט עליע און זיך געלאָזט מיטן פאָטער גיין אהיים.

## 2

גאנצפרי זיינען אלע מיט קאָסעס, מיט ווילעס, מיט הראבליעס ארויס צום היי־שניט. דער יִעש, וואָס האָט אלעמען געהאט ארומגעכאפּט, איז צעשוווּמען געוואָרן. מע האָט זיך ניט געקלאָגט, ניט געטומלט, געפלייסט זיך ארבעטן ווי בעסער.

אָונט־צו האָט אוראָם געבראכט צוויי שנײַד־מאשינעס. מע האָט זיי גלײַך געלאָזט אין גאנג, און די ארבעט איז אוועק נאָך העפּטיקער.

— דער ווינטער איז גרויס, מע טאָר אין סטעפּ גאָרנישט ניט איבער־לאָזן. דאָס, וואָס ס׳וועט ניט טויגן אף קאָרם, וועט אויסגענוצט ווערן אף הייצונג, — האָט אוראָם אײַנגעטײַנעט מיטן אוילעם.

נאָך די שנײַד־מאשינעס און די שניטערס זײַנען געגאנגען כעוורע און צונויפגעשארט אלץ, וואָס מע האָט איבערגעלאָזט אין פעלד. ווי נאָר מע האָט פארענדיקט שנײַדן, האָט מען דאָס היי צונויפגעפירט אפן שטאָל־הויף און עס פארסקירדעוועט. דערווײַל זײַנען שוין רײַף געוואָרן די טוועס. אף די מער העכערע ערטער איז די טווע אינגאנצן פארברענט געוואָרן, און דאָרט, ווו עס האָבן זיך יאָ באוויזן סימאָנים פון זאנגען, זײַנען די קערנער געווען קליין, ווי סורעפּ־גרײַפּלעך. פונדעסטוועגן האָט מען אלץ אָפּגעשניטן, אויסגעדראָשן, איבערגעווייעט, קיין שטרויעלע ניט איבערגע־לאָזט אין פעלד, קיין קערנדל ניט געלאָזט פארפאלן ווערן.

די גערעטעניש איז געווען זייער אָן אָרעמע. ערטערווײַז האָט די ערד אפילע ניט אומגעקערט די זריִע, וואָס מע האָט פארזייט.

...די מענטשן האָבן געוווסט, אז ברויט צו זאט וועט מען ניט האָבן, נאָר מע האָט ניט געקארגט קיין קויכעס און געהאָרעוועט מיטן ביטערן שוויס.

ס׳זײַנען רײַף געוואָרן די קוקורוזע, די זונרויזן, דער באשטאן. א פּריי־לעך פּײַערל פון האָפענונג האָט זיך צעברענט אין די נעשאָמעס, ווען מע האָט דערזען גרויסע קאטשאנעס אף די ווויקסיקע שטענגלעך פון קוקורוזע, גרויסע קעפּ מיט יאָדערדיקע קערלעך פון די זונרויזן, טונקעלע, גע־שטרײַפטע קאווענעס און געל־גרינע געפינטלטע דיניעס.

— מיר האָבן עס אלץ ארויסגעריסן פון די סוכאָווייען, — האָט עליע געזאָגט, — הייסט עס, אז אויב מיר ווען ווײַטער קעמפן מיט דער סטיכיי, וועלן מיר זי באהערשן!

אומקערנדיק זיך פונעם אקער־פעלד, האָט עליע באשטימט פארבײַוועגס פארקערעווען אין דעם קומענדיקן ייִשעוו, וועלכער האָט זיך האסטיק גע־בויט. די הײַזער זײַנען נאָך געשטאנען אָן טירן, אָן פענצטער, אייניקע אפילע אָן דעכער, נאָר ס׳האָט זיך שוין אָנגעמערקט א שטיקל גאס, איבער וועלכער די פורן, וואָס האָבן געפירט בוי־מאטעריאלן, האָבן אויסגעפאָרן א וועג. צווישן די צוויי רייען ניט־דערבויטע הײַזער, וואָס זײַנען ענלעך גע־ווען איינס אפן צווייטן, ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט, האָט עליע גע־פּרווט אָפּזוכן זייער שטוב. ער איז שוין קימאט דורכגעגאנגען די גאס, ווי לעבן איינעם א הויז האָט ער דערזען מינען מיט איר מוטער. עליע איז דורך פארבײַ, קלוימערשט ער האָט זיי ניט באמערקט, און איז ארײַן צו זיך אין הויף. די שטוב זייערע איז קימאט געווען פארטיק. ער האָט אָנשוילעך געפּרווט זיך פאָרשטעלן, ווו וואָס עס וועט שטיין אין הויף און ווו ס׳וועט זײַן דער פאליסאדניק. „פריִער פאר אלץ דארף מען אים צעגראָבן און צו־גרייטן גריבלעך פאר ביימלעך״, — האָט ער א טראכט געטאָן.

ווען ער האָט זיך שוין געקליבן אוועקגיין, איז שיפרע צוגעגאנגען צו אים און, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט ניט געשען, א פרעג געגעבן:

— דו ביסט געקומען א קוק טאָן אף אײַער שטוב?

— כ׳בין פארבײַגעגאנגען, האָב איך אף א ווײַלע פארקערעוועט אהער, — האָט ער געענטפערט און אָנגעהויבן מיט די אויגן זוכן מינען.

מינען האָט זיך זייער געוואָלט צוגיין צו עליען און איבערבעטן זיך מיט אים, נאָר זי האָט עס ניט געוואגט צו טאָן אין דער מוטערס אָנוועזנהײַט. זי האָט זיך פארטײַעט אין א ווינקעלע און זיך אײַנגעהערט, וועגן וואָס עליע רעדט מיט איר מאמען.

וועלנדיק אָנבינדן מיט עליען א שמועס, האָט שיפרע געפרעגט:

— פונוואנען גייסטו עס?

— פון סטעפּ.

— כ׳האָב זיך טאקע געוווּנדערט, לעמײַ מע זעט דיך דאָ גאָר קיינמאָל ניט.

— וואָס האָב איך דאָ וואָס צו טאָן? די שטוב וועט מען אָן מיר אויס־בויען. איך וויל צעגראָבן דעם פּאליסאדניק, אויסגראָבן גריבלעך, קעדײַ פארפלאנצן ביימלעך.

— קיין שטוב איז נאָך ניטאָ, און דו ווילסט שוין ביימלעך פלאנצן.

— זאָלן דערווײַל די ביימלעך וואקסן.

— מיר וואָלטן עס אוודע אויך געדארפט טאָן, נאָר ווו נעמט מען צײַט און קויעך?.. כיישעק האָבן מיר אוודע, נאָר כיישעק אליין איז נאָך ווי־ניק. מע זאָגט דאָך — ער האָט דעם אָרעמאנס כיישעק... נאָר קאָן דען, אשטייגער, אן אָרעמאן נאָר מיט כיישעק ווערן א גווירך?

עליען איז געוואָען צום הארצן שיפרעס צוגעלאָזנקײַט, דער גוטמוטיקער טאָן, מיט וועלכן זי האָט געשמועסט מיט אים. איצט, האָט ער באשטימט, איז די פּאסיקסטע צײַט א פרעג טאָן, ווו איז מינע. נאָר שיפרע האָט אים ניט געלאָזט קיין וואָרט אויסריידן און פאָרגעזעצט:

— מיילע, צעגראָבן דעם פּאליסאדניק וואָלטן מיר נאָך ווי־ניט־איז גע־קאָנט, אָבער ביימלעך פארפלאנצן... ערשטנס, ווו נעמט מען זיי? צווייטנס, מע דארף זיי דאָך באגיסן, און ווו נעמט מען וואסער?.. און אכוץ אלעמען דארף מען נאָך וויסן, אוועלכע ביימלעך צו פלאנצן.

— איך וועל אײַך העלפן צעגראָבן, און ביימלעך וועל איך אײַך אויך קריגן.

שיפרען האָבן עליעס ווערטער זייער גערירט. זי האָט אים געהאלטן פאר א בייזן, א שלעכטן. לאָזט זיך גאָר אויס, אז ער איז א ווייכער, פיל־בארער באָכער און איז גרייט א טויווע צו טאָן א מענטשן.

— מינע, טאָכטערקע, הערסט, וואָס עליע זאָגט? ווו ביסטו, טאָכטערקע? קום אהער! גענוג שוין... וויפל קען מען זײַן ברויגעז?

מינע איז צוגעגאנגען א פארויטלטע און איז געבליבן שטיין.

שיפרע איז אוועק אין הויף, קלוימערשט פאָרען זיך. מינע און עליע זײַנען געשטאנען א ווײַלע, נאָכדעם האָבן זיי געלאָזט זיך גיין פארבײַ די ניט־דערבויטע הײַזער פונעם אופקומענדיקן יישעוו.

אף מאָרגן אין אָוונט, ווען עליע איז געקומען העלפן מינען צעגראָבן זייער פּאליסאדניק, האָט זי שוין געהאלטן בא ענדיקן גראָבן.

— זעסט, איך קלײַב זיך ערשט אָנהייבן, און דו האלטסט שוין בא ענ־דיקן, — האָט עליע, שמייכלענדיק, געזאָגט. — ווײַז, איך וועל דערגראָבן.
— מע דארף ניט, איך וועל אליין. איך קען נאָך דיר העלפן.
— ביימלעך וועל איך דיר סײַווי פארפלאנצן.
— ביימלעך?...
— יאָ, דאָס וועלן זײַן אונדזערע ביימלעך — דײַנע און מײַנע...
מינע האָט פארשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן.
— ווו וועסטו נעמען ביימלעך? — האָט זי געפרעגט.
— כ'וועל קריגן.
עליע האָט אָנגענומען מינען פאר דער פארברוינטער נאקעטער האנט, זי א ציִ געטאָן צו זיך. נאָר זי האָט זיך ארויסגעריסן און שטיל, קימאט שעפּ־טשענדיק, געזאָגט:
— מע דארף ניט... הער אויף...
זינט ער האָט זיך איבערגעבעטן מיט איר, איז אים אראָפּ א שטיין פון הארצן. אָן אופגעלייגטער איז ער אוועק צו זיך אין פאליסאדניק. אונטער־זינגענדיק א ניגנדל, האָט ער איבערגעקערט א לאָפּעטע נאָך א לאָפּעטע ערד. לאנגזאם האָט זיך געזעצט די זון אפן טונקל־בלויען הימל, ארום איז געווען שטיל. מיטאמאָל האָט זיך דערהערט א געזאנג. עליע האָט דײַטלעך דערהערט מינעס קאָל. זי האָט געזונגען:

אין דעם סטעפּ דעם שיינעם
בא דער לעוואָנע דער ריינער
דארף איך נאָר דיך
און ווײַטער קיינעם...

עליע האָט אוועקגעלייגט די לאָפּעטע און איז מיט שטילע טריט צוגע־גאנגען צו מינען. דערזען אים, האָט זי אופגעהערט זינגען.
— וואָס פאר א ליד האָסטו געזונגען?
— כ'ווייס אליין ניט.
ער איז צוגעגאנגען צו איר גאָר נאָענט און אָנגעהויבן שעפּטשען איר אפן אויער:
— מיר וועלן פארפלאנצן ביימער. זיי וועלן וואקסן און בליִען... אונד־זער סעדל וועט עס זײַן, מײַנס און דײַנס...
ס'האָט זיך אים געוואָלט, פּונקט ווי מינע, אויסזינגען:

אין דעם סטעפּ דעם שיינעם
וועלן וואקסן ביימער...

## 3

זעלדע איז שוין געווינט געווען, אז אין אָוונט, ווי נאָר עליע קערט זיך אום פון סטעפּ, קומט ער אהיים, און הײַנט האָט ער זיך עפּעס פארהאלטן.
דערזעענדיק אים לעבן ערדשטיבל, האָט זי געפרעגט:

— ווּ ביסטו עס געווען, מײַן זון? פֿאַרוואָס ביסטו געקומען אַזוי שפּעט?
עליע האָט עפּעס אַ מורמל געטאָן און זיך געלאָזט גיין אין שטיבל.
זעלדע האָט גוט געוווּסט, ווּ עליע איז געווען, נאָר ס'האָט זיך איר פֿאַשעט געוואָלט וויסן, צי וועט ער איר דערציילן, אַז ער האָט פֿאַרבראַכט מיט מינען.

דערוווּסט האָט זי זיך, אַז ער האָט זיך שוין איבערגעבעטן מיט מינען, טאַקע פֿון שיפֿרען אַליין. נאָך נעכטן, פֿאַרבײַגייענדיק, האָט שיפֿרע אָפּגע־שטעלט זיך לעבן זעלדעס ערדשטיבל און, ווי דערעכאַגעוו דערציילט איר, אַז עליע וויל צעגראָבן דעם פּאַליסאַדניק, פֿאַרפֿלאַנצן ביימער און אַז ער איז גרייט אויך שיפֿרען מיט מינען העלפֿן.
— זייער פֿײַן... פֿאַרוואָס זאָל ער טאַקע ניט אונטערהעלפֿן אַ שכנע? — האָט זעלדע זיך אָפּגערופֿן.
שיפֿרע האָט געוואַרט, אַז זעלדע זאָל איר געבן צו פֿילן, אַז זי איז גרייט זײַן מיט איר ניט נאָר אַ גוטע שכנע, נאָר אויך אַ גוטע מעכוטענעסטע. שיפֿרע, פֿון איר זײַט, האָט געוואָלט זאָגן זעלדען, אַז איר איז טײַער די אויפֿמערקזאַמקײַט, וואָס עליע ווײַזט אַרויס צו איר און צו איר טאָכטער. זי האָט אָבער אָנגעהויבן פֿלאָנטערן און ניט געוווּסט, ווי אַרויסצוזאָגן דעם איקער.
— פֿאָרט אַ באָכער, מע איז געווען צעקריגט... ער האָט אײַך גאָרנישט ניט דערציילט?
— ניין, כ'ווייס גאָרנישט, — האָט זעלדע געענטפֿערט.
— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אַוואַדע איז גוט, וואָס זיי האָבן זיך איבערגעבעטן...

זעלדע האָט אַ סאַך יאָרן, נאָך פֿון דער היימשטאָט, גוט געקענט שיפֿרען און האָט פֿון גאַנצן הארצן געוואָלט, אַז זי זאָל נאַכעס האָבן פֿון איר איין־און־איינציקער טאָכטער. נאָך צוויי טויט־געבאָרענע און צוויי פֿריצײַטיק פֿון דער וועלט אַוועקגעגאַנגענע קינדער איז מינע געבליבן איין־איינציק אויג אין קאָפּ, איר איינציקע טרייסט אין לעבן. זעלדע האָט ניט נאָר גע־האַט מיטלײַד צו שיפֿרען, זי איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפֿן איר מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז עליע האָט זיך צעקריגט מיט מינען, האָט זעלדע געהאַט גרויס אַגמעסנעפֿעש. דערוויסנדיק זיך, אַז זיי האָבן זיך איבערגעבעטן, איז זי געווען זייער צו־פֿרידן.

לויטן גלאַנצן פֿון עליעס אויגן האָט זעלדע גלײַך דערפֿילט, אַז איר זון איז הײַנט באַזונדערס אויפֿגעלייגט. הייסט עס, אַז ס'איז טאַקע, עפּשער, אַן ערנסטע זאַך. באַם אָוונטברויט האָט זעלדע געוואָלט פֿאַרפֿירן אַ רייד מיטן זון וועגן דעם, נאָר עליע האָט גיך אָפּגעגעסן און ווידער געלאָזט זיך ערגעץ גיין.

— וווּהין טראָגט דיך ווײַטער? רו זיך אָפּ אַ ביסל, — האָט זעלדע אים געפּרווּט פֿאַרהאַלטן.
— כ'מוז גיין, מאַמע... כ'וועל גיך קומען.
— אַלעמאָל זאָגסטו צו — גיך קומען.

לעבן דער שטוב, ווו יוינע וווינט, איז געשטאנען די בעדארקע פונעם פאַרזיצער פון דאַרפסראַט. דאָרטן איז געווים דער טאַטע אויך, — האָט עליע א טראכט געטאָן און באשטימט אַרייַנגיין אהין, א רעד טאָן וועגן פלאנצונגען. מע דארף דאָך, אז ניט נאָר בא זיי אליין זאָל זייַן א סעדל, נאָר בא אלעמען, אין גאנצן יישעוו, און פארייַנס פרוּוון שטעלן די פראגע וועגן א סאַד פארן קאָלעקטיוו, עפשער אפילע וועגן א ווייַנגאָרטן. אין שטוב איז עליע אַרייַן שטיל. אין א ווינקל האָט ער דערזען דעם פּאָטער, יוינען און דעם פאַרזיצער פון דאַרפסראַט, וועלכער איז געזעסן ארופגעַ־לייגט א פוס אף א פוס און געמיטלעך געשמועסט מיט זיי. דערזען עליען, האָט דער פאַרזיצער א פרעג געגעבן:

— ווי גייט עס, יונגער מעהודין?

— מע ארבעט, — האָט עליע קורץ געענטפערט.

— וואָס טוט איר איצט?

— מיר הייבן פריר־אקער...

— סאמע צייַט, — האָט געזאָגט דער פאַרזיצער. — איר וועט באקומען דעם טראקטאָר, וועט אייַך גרינגער ווערן... פאר דרייַ טעג וועט איר א סאך באווייַזן.

— א טראקטאָר? — האָט עליע פארוואונדערט געפרעגט. — פון קאָמונע דעם טראקטאָר?

— פארוואָס פון קאָמונע? כ'האָב זיך צונויפגערעדט מיטן באפולמעכ־טיקטן פון ראַיויספירקאָם, ער האָט צוגעזאָגט שיקן אייַך א טראקטאָר אף דרייַ טעג.

— אוי, וואָלט עס געווען גוט!

— מאָרגן וועט דער טראקטאָר דאָ זייַן, — האָט פארזיכערט דער פאַר־זיצער, — גרייט נאָר אלץ צו, ער זאָל קיין מינוט ניט שטיין ליידיק.

— מיר וועלן צוגרייטן, מיר וועלן אלץ טאָן, — האָט געזאָגט אווראָם.

— מע דארף א זיכערן מענטשן אוועקשטעלן באַם טראקטאָר, וועלכער זאָל אלץ באוואָרענען, — האָט געזאָגט יוינע.

עליע האָט געוואָרט, אז מע זאָל אים פאַרלייגן די דאָזיקע ארבעט, נאָר ניט יוינע, ניט דער פאַרזיצער האָבן זייַן נאָמען ניט אָנגערופן. ער האָט אליין פארשטאנען, אז פונעם אקער וועט מען אים ניט אָפּרייַסן. ער איז דאָך ערשט ניט לאנג געווען גליקלעך, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אראָפּגעלאָזט דעם לעמעש אין דער ערד און אָנגעהויבן אקערן. איז ווי קען ער איצט אפילע א פּיפּס טאָן, אז מע זאָל אים אוועקנעמען פונעם אקער? פונדעסטוועגן האָט ער ניט אופגעהערט צו טראכטן, וויִאזוי פאַרט צו זייַן באַם טראקטאָר, אָט דער וואונדערלעכער באשעפעניש, וועלכע וועט ווערן זייער ערשטע באהעלפערן אין סטעפּ.

געקומען זייַנען אווראָם און עליע אהיים שפּעט, זעלדע האָט שוין גע־דרעמלט. עליע האָט נאָך פון יענער זייַט שוועל אויסגעשריִען:

— א טראקטאָר, מאמע, א טראקטאָר וועט מאָרגן קומען צו אונדז!

— וואָס פאר א טראקטאָר? וואָס רעדסטו?

— יאָ, אַ טראַקטאָר, ער וועט מאָרגן קומען צו אונדז, — האָט באַשטע־טיקט אווראָם.

— עליע וועט שוין אַקערן אויפֿן טראַקטאָר?

— ניין, עליע וועט אַקערן מיט די פֿערד, ווי פֿריִער, — האָט געזאָגט אווראָם.

— עפּשער וואָלט מיך עמעצער פֿאַרביטן באַם אַקערן, און איך וועל גיין צום טראַקטאָר? — האָט עליע אַרויסגעזאָגט אין דער הייך זײַן בעסטן פֿאַר־לאַנג.

— ווי קען מען עס? דו ווייסט דאָך שוין, ווי־אַזוי אַקערן.

— ס'איז מיר דערעסן נאָכגיין נאָכן אַקער, וויאָקען און ניאָקען צו די פֿערד, ווי אַ באַלעגאָלע. איך וויל זיך אויסלערנען עפּעס אַ נײַע זאַך.

— וועסט נאָך באַווײַזן אַלץ אויסלערנען. דער טראַקטאָר וועט קומען צו אונדז ניט איין מאָל...

...גאַנצפֿרי איז עליע, ווי געוויינלעך, אַרויס מיטן אַקער אין פֿעלד. ער האָט ניט געוווּסט, פֿון וועלכער זײַט דער טראַקטאָר קען אָנקומען און ווו ער וועט אָנהייבן אַקערן. לויט זײַן חשבון האָט ער געדאַרפֿט אָנהייבן ערגעץ אָט דאָ נאָענט, ווײַל דאָ איז אַ פֿלאַכלאַנד, אָן באַלקעס און בערג־לעך און עס איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַ דורכויסיקן פֿאַרזיי פֿון טווועס. ס'האָט אים שוין פֿאַרדראָסן, לעמײַ ער האָט זיך נעכטן ניט דערעדט מיטן פֿאָ־טער וועגן דעם. ער האָט נעכטן אויך פֿאַרגעסן ריידן מיט אים וועגן די ביימלעך. דער פֿאָרזיצער פֿון דאָרפֿסראַט וואָלט דאָך זיכער געקאָנט העלפֿן אין דעם איניען.

נאָכשפּירנדיק, אַז דער לעמעש פֿון אַקער זאָל ניט אַרויסשפּרינגען פֿון באָדן, האָט ער פֿונדעסטוועגן געהאַלטן אין איין קוקן, צי עס פֿאָרט שוין ניט דער טראַקטאָר. אין סטעפּ האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטיל־קײַט. ווען־ניט־ווען האָט אַ פֿייגעלע אַ צוויטשע געטאָן. עליע האָט געהערט, ווי די פֿערד אָטעמען, ווי די מעליקע ערד שיט זיך אונטערן לעמעש. מי־טאָמאָל האָט ער דערזען עפּעס אַ פֿור. ווען זי האָט זיך דערנעענטערט, האָט ער דערזען סענדער קלאַפּטערן.

— וואָשער, וואָשער האָט מען געשיקט פֿאַרן טראַקטאָר! — האָט ער פֿונ־ווײַטן געשריִען.

— דער טראַקטאָר איז שוין אָנגעקומען? — האָט עליע געפֿרעגט.

— ער דאַרף באַלד אָנקומען, מע לויפֿט אַלע ווײַלע אים באַגעגענען... אַ טומל, אַ געסריי, אַ געספּעט מיט אַ טראַקטאָר... דו האָסט סיין געזען דעם סעד, וואָס אַקערט אָן פֿערד?

— יאָ, געזען.

— וועמעס שייכל האָט עס אויסגעטראַכט אַזאַ סטיק זאַך?

— אין אַמעריקע, זאָגט מען.

אַ קוק געטאָן אין דער ווײַט, האָט סענדער קלאַפּטער געגומען שרײַען:

— אָן פֿאָרט ער, דער סעד!

— ווו?

— אָן, אָן, זעעסט דען ניט?

פונוויַיטנס האָבן זיך באוויזן טונקעלע שאָטנס, זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן און זיַינען טייקעף ווידער זיך פאנאנדערגעפאלן. לויטן אָנוואקסנדיקן געריוש האָט עליע פארשטאנען, אז עס גייט טאקע דער טראקטאָר. ער גייט ניט געיַילט, מיט א זיכערן איַיזערנעם טראָט. וואָס מער ער האָט זיך דערנעענטערט, אלץ שטארקער האָט ער געטרייסלט די דרעמלענדיקע שטילקיַיט פון סטעפּ.

ווען דעם טראקטאָר האָט מען שוין געקאָנט גוט זען, האָט עליע באַמערקט דעם פאָטער, שלוימע פּאפּעליוכען, מינען און נאָך א סאך אנדערע מענטשן, וועלכע האָבן באגלייט דעם טראקטאָר אין סטעפּ אריַין.

— עליע, וואָס שטייסטו, קום אהער! — האָט עמעצער געשריִען צו אים.

דערנעענטערט זיך מיטן אקער צום אָרט, ווו דער טראקטאָר האָט מיט א בראזגעריַי זיך באוועגט, האָבן די פערד, דערשראָקענע, אָנגעהויבן שפּרינגען, ריַיסן זיך פון געשפּאן. זיי האָבן אָפּגעשליַידערט דעם אקער אין א זיַיט.

— טפררו, וווהין טראָגט איַיך?! וואָס האָט איר זיך דערשראָקן? — האָט עליע, אָנציִענדיק די לייצעס, זיי אָפּגעהאלטן.

אווראָם איז צוגעגאנגען, איבערגענומען באם זון די לייצעס, און עליע איז אוועק צום טראקטאָר.

דער באָכער, וועלכער איז געזעסן באם רודער, האָט דורך זיַינע גרויסע שוץ־ברילן א ביסל גאדלעסדיק א קוק געגעבן אף אים, ווי ער וואָלט זיך איבערנעמען, וואָס ער פירט דעם איַיזערנעם גיבער און קערעוועט אים, ווהין ער וויל, א סאך בעסער, ווי מע קערעוועט א פערד אין געשפּאן.

— דאָס איז א פאָרדזאָן? — האָט עליע א פרעג געגעבן.

— יאָ, יאָ, א פאָרדזאָן. פונוואנען ווייסט איר? איר זיַיט א טראקטאָריסט?

— ניין, נאָר איך ווייס.

— איר הערט, ווי אונדזער עליע רעדט עס מיטן טראקטאָריסט. ער איז שוין אף א טראקטאָר אויך א מייוון, — האָט פיניע יעגעס הויך, אז אלע זאָלן הערן, געזאָגט.

סענדער קלאָפּטער האָט צוגעטראָגן וואסער, יעגעס האָט אָנגעגאָסן אין ראדיִאטאָר. דער טראקטאָר האָט ארויסגעלאָזט א קניַילעכל דאמף און מיט א גיבערישן קויעך זיך אריַינגעשניטן מיטן לעמעש פון זיַין אקער אין באָדן.

שלוימע פּאפּעליוכע האָט פארצויגן זיַינס א לידל, וואָס ער האָט גליַיך אף אָן אָרט געשאפן לעקאָוועד דעם טראקטאָר:

מאכט א וואָרע, מאכט א וואָרע,
דער טראקטאָר לאָזט א פּאָרע.
מאכט א וואָרע דעם איַיזערנעם פערד,
ער וועט אקערן אונדזער ערד.
ער וועט אקערן און זייען,
און מיר וועלן זיך פרייען...

שלוימע פּאפּעליוכע האָט געזונגען, אפילע אונטערגעטאנצט, און דער אוילעם האָט אים אונטערגעהאלטן.

## 4

פאר די דרײַ טעג, וואָס דער טראַקטאָר איז געווען אין סטעפּ, האָט עליע קימאַט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט זיך צוצוקוקן און באַקענען מיט אים, נאָר לעבן אָן אים האָט ער שוין ניט געקאָנט.

דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט דערזען די דאָזיקע וווּנדערלעכע מאַשין אין קאָמונע, איז דאָס געווען פאַר אים אַ מין שיינער כאָלעם, וועלכער האָט זיך באַוויזן פאַר זײַנע אויגן און פאַרשוווּנדן געוואָרן. איצט איז דער טראַקטאָר געוואָרן אַ וואָרהאַפטיקע, אַ רעאַלע זאַך, וואָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט באַשטימט אַלץ וואַרפן, אַבי געפינען אַ מעגלעכקײַט גוט דערלערנען אים. אָבער ביז אָנהייב ווינטער האָט ער ניט געקענט אַרויסרײַסן זיך פונדאַנען. ס'האָבן זיך אָנגערוקט די קעלטן, און ווי אָנגעשטרענגט די בויער האָבן ניט געאַרבעט, זײַנען בלויז פאַרטיק געוואָרן אַ טייל הײַזער. לעבן ווײַטער אין די קאַלטע, פײַכטע ערד־שטיבלעך איז געוואָרן אומעגלעך. הייצונג איז געווען ווייניק. מיט פּיטער פאַר דעם פּי האָט אויך געהאַלטן שמאָל.

איינער נאָכן צווייטן האָבן אַפילע די מער אײַנגעפונדעוועטע איבערוואַנדערער געמאָלדן, אַז זיי פאַרלאָזן דעם סטעפּ.

— אַזויפיל קויכעס האָבן מיר אַוועקגעלייגט אויסצובויען דאָ אַ לעבן און נאָ דיר גאָר — מע צעלויפט זיך, — האָט אוּראָם אויסגעגאָסן זײַן ביטער האַרץ פאַרן זון. — פון אונדזער מישפּאָכע בלײַבט שוין אויך קימאַט קיינער ניט... שיינדל וועט אָט־אָט כאַסענע האָבן, מיכקע דאַרף אַוועקגיין דינען אין אַרמיי, די איינציקע האָפענונג איז אויף דיר.

עליען איז שרעקלעך געווען מעלדן דעם פאָטער, אַז ער קלײַבט זיך אויך אַוועקפאָרן.

— עס גייט דער ווינטער. וואָס וועל איך דאָ טאָן? — האָט ער געפרעגט דעם טאַטן.

— אַרבעט וועט זיך געפינען... — האָט אוּראָם געענטפערט. — עפּשער קלײַבסטו זיך שוין אויך אַוועקפאָרן?

— מעגלעך, אַז יאָ... נאָכגיין נאָכן אַקער האָב איך זיך שוין אויסגעלערנט, און טאָמער וועלן מיר קויפן אָקסן, וועל איך צאָב־צאָבע אויך קענען שרײַען. ניט מיט פערד און ניט מיט אָקסן וועלן מיר דעם סטעפּ באַהערשן. אָט האָב איך אַ גאַנצן האַרבסט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפּגעהאָרעוועט אין סטעפּ, און מיר האָבן קיין צענטכיילעך ניט אופגעאַקערט, וויפל דער טראַקטאָר האָט געמאַכט פאַר דרײַ טעג. מיט אַזאַ אַרבעט וועלן מיר אונדזער ערד פאַר צען יאָר אויך ניט אופהייבן.

— נו, איז ווו זאָלן מיר נעמען אַ טראַקטאָר? מיר זײַנען גליקלעך געווען, וואָס מיר האָבן עטלעכע פערד, און דיר האָט זיך שוין אַ טראַקטאָר פאַרוואָלט...

— אַז מע האָט אונדז געשיקט אויף דרײַ טעג, וועט מען איבעראַיאָר נאָכאַמאָל שיקן, וויל איך זיך אויסלערנען אַרבעטן אויפן טראַקטאָר.

— ווו וועסטו זיך לערנען? אין גאַנצן ראַיאָן איז עפּשער פאַראַן איין טראַקטאָר, מעגלעך אַפילע, אַז אויף דער גאַנצער גובערניע, איז ווו וועס־

סטו זיך לערנען און אף וואָס וועסטו ארבעטן? אונדז, איבערוואנדערער, האָט מען באשטימט העלפן, האָט מען אף דרײַ טעג צוגעשיקט. אַז ס'וועט זײַן בא אונדז אַן אייגענער טראקטאָר, דאַן וועסטו זיך לערנען, און זײַן וועט ער עפּשער אין צען אָדער אין הונדערט יאָר ארום.

— לערן זיך בעסער אף א בוכהאלטער אָדער אף אַן אַגראָנאָם, א וועטערינאר, — האָט זעלדע זיך ארײַנגעמישט. — מיט דײַן קאָפּ קאָנסטו אלץ זיך אויסלערנען.

— מאמע, וואָס רעדסטו?.. וועסט זען, אַז אינגיכן וועלן זײַן בא אונדז א סאך טראקטאָרס...

די מאמע האָט גוט געוווּסט, אַז עליע איז אַן אקשן. אויב ער האָט עפּעס פארטראכט, איז אים אומעגלעך אָפּצורייִדן. נאָך קליינערהייט איז איליוסיק אמאָל אנטלאָפן פון דער היים, ערגעץ ארומגעבלאָנקעט, עפּעס געזוכט, גענישטערט, און ביז איצט ווייסט קיינער ניט, ווו ער איז געווען און וואָס ער האָט געזוכט. א פארבאָרגענער קויעך האָט אים ארומגעטריבן, ארומגעיאָגט, שטענדיק האָט ער עפּעס געזוכט. די מאמע האָט געוווּסט אלע פריידן און ליידן פון איר זון. זי האָט פארשטאנען, אַז דאָס אריבערפאָרן אהער, אין סטעפּ, איז געווען פאר אים א מין פּרווו צו געפינען א באפרידיקונג פאר די אומקלאָרע זוכענישן זײַנע. ס'האָט אים געצויגן אין ווײַטע אומבאוווּסטע קאנטן, ווו אלץ זעט אויס נײַ און ווו מע קאָן א סאך אויפטאָן. ווען ער איז געקומען אהער, האָט אים פארכאפּט די סטעפּישע ברייטקײַט. אלץ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען פאר אים נײַ, און די נײַקײַט האָט אים צוגעצויגן. אָבער ווען אלץ איז אים געוואָרן באוווּסט, איינפאך, וואָכעדיק, האָט עס אים אופגעהערט באפרידיקן, און ער זוכט שוין ווידער עפּעס נײַס.

זעלדע האָט געוווּסט, אַז זי וועט סײַווי עליען ניט קענען פארהאלטן, נאָר זי האָט ניט אופגעהערט צו טײַנען:

— וווּהין וועסטו זיך שלעפּן? פאָלג מיך, בלײַב איבער אין דער היים, אָט־אָט וועט דאָך ווערן ווינטער, ביסט א הוילער, א נאקעטער. וואָס וועסטו טאָן אינדערפרעמד? ווו וועסטו דעם קאָפּ צולייגן?.. גיב זיך אָפּ א כעזשבן, וואָס דו טוסט און וווּהין דו ווילסט גיין — אָן א שוך, אָן א קלייד, אָן א גראָשן בא דער נעשאָמע.

— זאָרג ניט, מאמע, כ'האָב הענט און כ'וועל אָפּן לעבן פארדינען, כ'וועל אין ערגעץ ניט פארפאלן ווערן, — האָט עליע אנטשיידן געענטפערט.

פונדעסטוועגן איז עליע אף מאָרגן אוועק צו איוואן ניקיטיטשן אויסגעזעגענען זיך מיט אים און פארייִנס געזעגענען זיך. אומגעקערט האָט ער זיך פון אים מיט ביימלעך. אווראָם מיט זעלדען האָבן זיך שטארק דערפרייט.

— הייסט עס, אַז ער בלײַבט דאָ, — האָט געזאָגט אווראָם צו זעלדען. — אניט, וואָס וועט ער אינמיטנדערינען פלאנצן ביימלעך?

עליע האָט לויט אלע קלאָלים, ווי ניקיטיטש האָט אים געלערנט, פארזעצט די ביימלעך בא זיך אין פּאליסאדניק, און ער האָט נאָך איבערגעלאָזט ביימלעך פאר מינען. ער איז אוועק מיט זיי צום מיידל, נאָר ניט מינע, ניט איר מאמע זײַנען ניט געווען אין שטוב.

פאר דער צײַט, וואָס ער האָט געאַקערט אין סטעפּ, האָט ער מינען קי־מאַט ניט געזען. ער האָט געהאַט א סאַך וועגן וואָס צו ריידן מיט איר. עליע האָט פאַרזעצט די ביימלעך און איז אוועק אַהיים.

— האָסט שוין פאַרפלאַנצט אַלע ביימלעך? — האָט אַווראָם א פרעג געטאָן.

— יאָ, — האָט עליע א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— ווו האָסטו פאַרפלאַנצט די ביימלעך, באַ אונדז צי... — זעלדע האָט ניט פאַרענדיקט איר פראַגע, נאָר עליע האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס זי מיינט, און געענטפערט:

— איך האָב פאַרפלאַנצט באַ אונדז און עטלעכע — באַ דער שכיינע... כ'האָב צוגעזאָגט.

— איצט דאַרף מען א טראַכט טאָן וועגן דעם סאַד פאַרן קאָלעקטיוו, — האָט אַווראָם געזאָגט.

— אַוואַדע דאַרף מען... נאָר קיינער האָט נאָך וועגן דעם ניט געטראַכט, קיין ביימלעך האָט מען ניט צוגעגרייט, קיין גריבלעך ניט אויסגעגראָבן, איז וועגן וואָס קען איצטער גיין א רייד? איך וועל שוין העלפן ניט באַ־ווײַזן.

— וואָסי, דו פאָרסט טאַקע אַוועק? — איז אַווראָם געוואָרן אויסער־זיך.

— אַוואַדע פאָר איך אַוועק... מאָרגן אָדער איבערמאָרגן לאָז איך זיך אין וועג.

אַווראָם האָט ארויסגעלאָזט א טיפן קרעכץ, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל, ווי צו זיך אַליין, גענומען טײַנען:

— מיר זײַנען אויסגעריסן געוואָרן, געבויט א יישעוו — און ווער וועט וווינען אין אים? וואָס האָט מען זיך דערשראָקן? ס'וועט אויסקומען לײַדן קעלט, מ'וועט ניט דערעסן, נו איז וואָס? קאַרג האָט מען זיך אָנגעמוטשעט? ס'גייט דאָך צו בעסערס.

זעלדע האָט געלאָזט א טרער.

— וואָס נעמט איר זיך אַזוי צום האַרצן? איר דאַרפט דאָך צופרידן זײַן, וואָס איך וועל זיך עפּעס אויסלערנען. דאָ האָב איך איצט ניט וואָס צו טאָן.

— ווען דו לערנסט, וואָס מע דאַרף, וואָלטן מיר געוויס געווען צו־פרידן, — האָט געזאָגט זעלדע.

— פאַרוואָס מיינסטו, מאַמע, אַז איך וועל לערנען ניט דאָס, וואָס מע דאַרף? — האָט עליע געזאָגט.

שפּעטער א ביסל איז ער אַוועק צו מינען. מינע האָט, דערזעענדיק די פאַרפלאַנצטע ביימלעך באַ זיך אין פאַליסאַדניק, שוין פאַרשטאַנען, אַז עליע וועט הײַנט קומען צו איר. זי האָט שוין געוואַרט אויף אים אין דרויסן, לעבן דער שטוב. ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי גלײַך א פרעג געטאָן:

— איך האָב געהערט, אַז דו פאָרסט אַוועק, צוליב וואָס זשע האָסטו די ביימלעך פאַרפלאַנצט?

— נאַרעלע, איך וועל דאָך קומען צוריק. פאַר דער צײַט וועלן די ביימ־לעך אונטערוואַקסן.

— מיר וועלן אויך, מיסטאָמע, אַוועקפאָרן פונדאַנען...

— דו... איר אויך? — האָט עליע זיך פאַרוווּנדערט.

— די מאַמע זאָגט, אַז איך דאַרף זיך לערנען.

עליע האָט אָנגענומען מינען פאַר דער האַנט, צוגעדריקט זיך צו איר און, אַרײַנקוקנדיק איר אין די אויגן, געזאָגט:

— מינע, פאָר ניט אַוועק... כ׳וועל גאָר אינגיכן צוריק קומען... בלײַב דאָ... כ׳וויל, אַז מיר זאָלן זײַן צוזאַמען...

5

עליע האָט מיט גרויס מאַטערניש זיך אײַנגעאָרדנט אין אַ װערקשטאַט, וווּ מע האָט רעמאָנטירט די טראַקטאָרס פון אַ קלײנינקער טראַקטאָר־קאָלאָנע. די אַרבעט, וועלכע ער האָט אויסגעפילט, האָט צוגענומען בײַ אים אַזוי־פיל צײַט, אַז צוקוקן זיך, ווי־אַזוי עס אַרבעטן אַנדערע, האָט ער קימאַט ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט. נאָר ווען די טראַקטאָריסטן פלעגן נאָכן רעמאָנט אויספּרוּוון זייערע טראַקטאָרס, האָט ער מיט גרויס נײַגער נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זייערער, אויפגעכאַפּט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פאַר אים באַלערנדיק.

צו איינעם פון די טראַקטאָריסטן — שוין אַ באַיאָרטן, ניט קיין הויכן, מיט אַן אויסגעצויגענעם, אויסגעדאַרטן פּאָנעם, האָט ער זיך באַזונדערס צוגעבונדן. אויפגעעפנט פאַר אים זײַן האַרץ, אויסדערציילט אַלץ בעאַרי־כעסדיק, ווי־אַזוי ער איז אַוועק פון דער היים, ווי ער קומט אָפּ אינדער־פרעמד, ווײַל ער וויל ווערן אַ טראַקטאָריסט. יענער האָט אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט:

— אַ טראַקטאָר, באָכערל, איז דיר ניט קיין פערד. אַ פערד, ווען עס שטעלט זיך אָפּ, גיסטו עס אַ שמיץ, און עס גייט ווײַטער... אַ טראַקטאָר דאַרף מען קאָנען פירן, ער פאַרמאָגט אין זיך אַ סאַך סוידעס, זיי ליגן אין צענדליקער, הונדערטער שרײַפעלעך, און דאָס מינדסטע פון זיי קאָן אָפּ־שטעלן די אײַזערנע מאַכינע.

— איר זײַט דאָך אויך ניט געבוירן געוואָרן קיין טראַקטאָריסט, — האָט עליע געזאָגט. — איר האָט דאָך, מיסטאַמע, אויך ערגעץ זיך געלערנט. וויל איך טאַקע פרעגן, וווּ קאָן מען זיך אויסלערנען ווערן אַ טראַקטאָ־ריסט?

— ווען מ׳האָט געבראַכט די טראַקטאָרס אַהער, זײַנען געקומען מענטשן אונדז לערנען אַרבעטן אויף זיי, — האָט דער טראַקטאָריסט דערציילט. — מער איז דאָ בײַ אונדז ניטאָ וווּ צו לערנען זיך. פרילינג־צײַט, ווען איך וועל אַרויספאָרן אַקערן, קאָן איך דיך מיטנעמען, קוק זיך צו, ווי איך אַרבעט. וואָס דו וועסט ניט פאַרשטיין, פרעג, וועל איך דיר דערקלערן... אַזוי וועסטו זיך אַ ביסל אונטערלערנען... נאָר געדענק, זאָלסט ניט שטיפן. אָן מײַן דערלויבעניש זאָלסטו אויפן טראַקטאָר ניט קריכן, ס׳איז דיר ניט קיין שפּילכל... קענסט אים קאַליע מאַכן, וועט ער בלײַבן שטיין, וועלן מיר ביידע ניט האָבן וואָס צו טאָן.

— זײַט רויק, — האָט עליע אים פאַרזיכערט, — כ׳וועל טאָן אַלץ, ווי מע דאַרף.

די גאַנצע אַקער־צײַט האָט עליע געטאָגט און גענעכטיקט אין פעלד מיטן טראַקטאָריסט. ווי שווער ס'איז אים ניט געווען וואַלגערן זיך אינדער־פרעמד, איז ער געווען גליקלעך, וואָס דער טראַקטאָריסט האָט אים אָנגע־הויבן צולאָזן צום טראַקטאָר און איינמאָל, אוועקזעצנדיק אים לעבן רודער, געזאָגט:

— נו, פיר, פיר, באַכערל, זיכערער!.. גוט... גוט! אַזוי פּאַוואָלינקע וועסטו ווערן אַן עמעסער טראַקטאָריסט.

...פון זינט ער איז אוועק פון דער היים, האָט ער באַקומען עטלעכע קורצע בריוולעך. אין איינעם פון זיי האָט אים דער פֿאָטער מיט גרויס צער מיטגעטיילט, אַז יוינע איז געשטאָרבן.

„דער ווינטער איז געווען בײַ אונדז זייער אַ שווערער, — האָט אים דער פֿאָטער געשריבן. — ס'איז אויסגעקומען לײַדן אי קעלט, אי הונגער, אי אַנדערע צאָרעס. די שווערע ליידן, וועלכע מיר זײַנען אויסגעשטאַנען, האָבן שטאַרק פֿאַרערגערט יוינעס צושטאַנד, און ער האָט ניט אויסגעהאַלטן. מיר האָבן אים מעקאַבער געווען אויף דער ערד, פֿאַר וועלכער ער האָט ווי אַ שלאַכטמאַן — אַ בודיאָנאָוועץ געקעמפּט".

אין אַ צווייטן בריוו האָט ער אים מיטגעטיילט, אַז „אונדזער שכיינע שיפֿרע מיט איר טאָכטער האָבן זיך אַפֿילע ניט באַוויזן אַריבערקלײַבן אין זייער נײַער שטוב און זײַנען ערגעץ אוועקגעפֿאָרן... אומזיסט האָסטו זיך געסטאַרעט פֿאַרזעצן בײַ זיי ביימלעך".

פון דער דאָזיקער ידיעה איז עליען געוואָרן נאָך מער קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן.

„זי איז אוועקגעפֿאָרן, — האָט ער מיט האַרצווייטיק געטראַכט, — דערפֿאַר האָט זי ניט געענטפֿערט אויף מײַן בריוו... וווּהין איז זי אוועקגעפֿאָרן? צי דען וועל איך זי שוין ניט זען? צי דען האָבן מיר זיך אין יענעם אָוונט, ווען איך בין געקומען צו איר געזעגענען זיך, אויף שטענדיק צעשיידט?"

אין יעדן בריוו האָט דער פֿאָטער געהאַלטן אין איין נאָכפֿרעגן זיך, צי רעכנט ער אומקערן זיך אַהיים און ווען.

עליע האָט געוווּסט, אַז מע דאַרף אים דאַרטן שטאַרק האָבן, אַז מע קוקט אַרויס אויף אים. פֿאַר דער צײַט, וואָס ער איז מיטן טראַקטאָריסט אַרומגעפֿאָרן איבער די דערפֿער, האָט ער קיין קאָפּעקע ניט פֿאַרדינט, די לעצטע פֿאָר הויזן צעריסן, דאָס לעצטע העמדל און די שיך אויסגעטראָגן. ווי־אַזוי זשע קאָן ער, אַרומגעריסן־אַרומגעשליסן, אומקערן זיך אַהיים? דעריבער האָט ער באַשלאָסן אָנקומען אין אַ סאָווירט, דאַרטן וועט ער עפּעס פֿאַרדינען.

אין גאַנצן לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די קאָלעקטיוויזאַציע. די צײַטונגען זײַנען פֿול געווען מיט מיטיילונגען וועגן אויפֿגעקומענע קאָלווירטן, וועגן באַלעגופֿישע מערדערישע שיסערײַען, וועלכע זײַנען געצילט קעגן די ערשטע שעליכים, וואָס קומען פון די שטעט, קעדיי העלפֿן די ערד־אַרבעטער אַרופֿגיין אויף אַ נײַעם וועג, וואָס האָט פֿאַר זיי זיך געעפֿנט. די צײַטונגען האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס מיטגעטיילט וועגן די ערשטע טראַקטאָרס, וואָס גייען אַראָפּ פון די זאַוואָדישע קאָנווייערן, וועגן מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, וועלכע ווערן געשאַפֿן אין די ראַיאָנען.

עליע האָט געקאָנט זיך אומקערן אהיים, אונטערלערנען זיך אף קורסן פאר טראַקטאָריסטן, ווי ער האָט געטרוימט. נאָר דאָס איז שוין פאר אים געווען ווייניק. דער דאָזיקער טרוים איז שוין איצט פארשוווּנדן, פּונקט ווי דער אמאָליקער טרוים נאָכגיין נאָך דער סאָכע און דער טאטע זאָל מיט א טאָרבע אף די אקסלען ווארפן די זריִע איבערן אקער־פעלד. ער האָט פארשטאנען, אז האַרעוואַניע, מעסירעסנעפעש איז שוין איצט ווייניק. מע דארף וויסן, ווי־אזוי צו ארבעטן, ווי צו דערגיין דעם סאָד פון די אופּטועון פון די, וועגן וועלכע עס שרײַבן אזויפיל די צײַטונגען. אים האָט זיך גע־וואָלט פאָרן לערנען זיך צו אזעלכע מענטשן, נאָר ער האָט קיין מעגלעכ־קײַטן ניט געהאט. ער האָט געשלונגען יעטווידער פריש וואָרט, וואָס האָט זיך באוויזן וועגן זיי.

אָפּגעארבעט דעם זומער ווו ס׳האָט זיך געמאכט און א ביסל אונטער־פארדינט, האָט ער באשטימט צופאָרן אין דער אלטער היים־שטאָט. עפּשער איז דאָרטן מינע. ער האָט זי לאנג ארומגעזוכט, און ווען ער האָט שוין קימאט פארלאָרן די האָפענונג צו געפינען, האָט ער זי צופעליק באגעגנט.

אָן אופגערודערטע פון פרייד, איז מינע געבליבן שטיין און לאנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט:

— איליושע, דאָס ביסטו.. דו.. פונוואנען האָסטו זיך גענומען? און איך האָב געמיינט, אז מיר וועלן זיך שוין ניט באגעגענען.

— ווען דו וואָלסט ניט געוואָלט מיט מיר צעשיידן זיך, וואָלסטו גע־ווארט, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, און ניט אוועקגעפאָרן...

— כ׳האָב ניט געקאָנט... ווען דו ווייסט, ווי ס׳איז שווער געווען, — האָט זי זיך געפּרווּט פארענטפערן.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס אלץ, נאָר ווער ס׳האָט געהאט מוט און געדולד, האָט אלץ איבערגעטראָגן. — א ווײַלע האָט ער געשוויגן, געווארט, זי זאָל עפּעס נאָך זאָגן, און געפרעגט: — וואָס הערט זיך בא דיר?

— איך ארבעט שוין, די מאמע ארבעט אויך. און דו וואָס מאכסט?

— איך ארבעט און לערן זיך.

— דאָס איז גוט! וועלן מיר ווידער זײַן צוזאמען... ביסטו, הייסט עס, א היגער?

— כ׳ווייס נאָך ניט. כ׳וויל זיך א ביסל אונטערלערנען...

— אוודע, איליושע, אוודע, כ׳האָב דאָך דיר די גאנצע צײַט געזאָגט, אז מ׳דארף זיך לערנען, און דו האָסט זיך געאקשנט, ניט געוואָלט אוועק־פאָרן פונעם יישעוו.

— ס׳איז מיר שווער געווען אוועקצופאָרן. די ארבעט האָט מיך שטארק פארכאפּט, כ׳האָב זיך דאָרט אויך געלערנט, ס׳איז געווען א סאך וואָס צו לערנען.

— דו ביסט שוין לאנג דאָ? ווו וווינסטו? — האָט מינע אים פאנאנדער־געפרעגט. — מיר איז אפילו ניט אײַנגעפאלן, אז דו קאָנסט דאָ זײַן... כ׳האָב געוווסט, אז פון יישעוו ביסטו אוועק, און ווו צו זוכן דיך, האָב איך ניט געוווסט...

זיי האָבן לאַנג אַרומגעשפּאַצירט און שפּעט אין אָוונט זיך צעשיידט.

אַף מאָרגן איז עליע געקומען צו איר צוגאַסט. שיפרע איז פּונקט געווען אַף דער אַרבעט, אין דער צווייטער וואַכטע. זיי האָבן לאַנג און געמיטלעך געשמועסט, דערמאָנט זייער לעבן אין סטעפּ. עליע האָט איר דערציילט וועגן די בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דער היים.

דאָס לערנען האָט עליען אַזוי פאַרכאַפּט, אַז גאַנצע אָוונטן איז ער געווען פאַרנומען. ציַיט אַף צו פאַרברענגען מיט מינען איז געווען זייער ווייניק, פונדעסטוועגן פלעגט ער אויסגעפינען אַ פּאָר פריַיע שאָען און פאַרבראַכט מיט איר.

אַהיים האָט ער וועגן מינען גאָרנישט ניט געשריבן. די מוטער האָט אַפילע זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ער האָט זי אָפּגעזוכט. זעלדע איז געווען גליקלעך, וואָס עליע לערנט זיך, און ניט זי, ניט אַווראָם האָבן מיט קיין האַלב וואָרט ניט דערמאָנט, ער זאָל זיך אומקערן אַהיים. נאָר די גרויסן, וועלכע זיַינען דערגאַנגען צו עליען פונעם אייגן־ און נאָענט־געוואָרענעם סטעפּ, די ידיעס, אַז די טראַקטאָרס פון דער נײַ־געשאַפענער מטס שטורע־מען די דווירעס־פאַרלאָזטע גרונטן פון זייער ערד, אַז דער קאָלעקטיוו פון די געוועזענע באַלעגאָלעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאָלווירט אַף סווערדלאָווס נאָמען, האָבן אופגערודערט זיַין נעשאָמע, ס'האָט אים מיט אַזאַ מוירעדיקער קראַפט אַ ציִ געגעבן צוריק אין סטעפּ, אַז ער האָט רוען מער ניט געקענט.

קומענדיק אין איינעם אַ האַרבסטיקן טאָג צו מינען, האָט ער איר גע־מאָלדן:

— איך פאָר אַוועק.

— וווּהין?

— אַהיים.

— פאַרוואָס אינמיטנדערינען?

— איך קען מער דאָ ניט איַינזיצן. דו ווייסט, וואָס דאָרטן טוט זיך? דאָרטן בין איך איצטער נייטיקער, ווי דאָ.

— און לערנען זיך?

— דאָרטן וועל איך זיך אויך לערנען... לאָמיר צוזאַמען פאָרן...

— ווי:אַזוי קאָן איך וואַרפן דאָס לערנען? און אַף וועמען וועל איך איבערלאָזן די מאַמע?

— זי וועט אויך פאָרן...

— ניין, אַהין וועל איך ניט פאָרן... כ'האָב דאָרטן ניט וואָס צו טאָן.

— אַ שאָד! באַטראַכט זיך... מיר דאַרפן זיך ניט צעשיידן...

— באַטראַכט זיך דו. איך מיין, אַז דו דאַרפסט ניט פאָרן. איבעריַיסן דאָס לערנען איז אַן אומזין. דו האָסט דאָך שוין פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך לערנען, איז צוליב וואָס וואַרפסטו ווידער אַוועק?..

— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך וועל אַרבעטן און זיך לערנען. איז פאָרסטו ניט מיט מיר?

מינע איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— איך קאָן ניט פאָרן, — האָט זי געזאָגט. — פאַרשטייסט אַליין... איך אייַצע דיר אויך ניט פאָרן. באַטראַכט זיך און פאָר ניט. בליַיב איבער דאָ.

## 6

עליעס אומקערן זיך אהיים איז געווען פאר אלעמען שטארק אומגעריכט. וועגן דעם האָט ער מיט קיין האלב וואָרט אפילו ניט דערמאָנט אין די בריוו. נאָך איידער ער האָט באוויזן צוגיין צו זײַן שטוב, האָט אים פונדערווײַטן דערזען פיניע יעגעס.

— עליע גייט... אָן גייט ער, גיט א קוק... — האָט ער אָנגעזאָגט די בשׂורע.

— ווו?.. ווו?.. פונוואנען האָט ער זיך גענומען? ווו האָט איר אים געזען? — האָבן פון אלע זײַטן זיך א לאָז געטאָן מענטשן באגעגענען אים.

— אָן, אָן גייט ער דאָך... איר זעט דען ניט? — האָט געשריִען פיניע.

ביז ער איז דערלאָפן צו אים, האָבן אים שוין ארומגערינגלט שלוימע פאפעליוכע, סענדער קלאפטער און נאָך מענער און פרויען.

— א גאשט, אָט א גאשט! — האָט, איבערשרײַענדיק אלעמען, געליארעמט סענדער. — אזא צײַט האָשטו זיך ניט געלאָשט הערן... מיר האָבן סוין געמיינט, אז דו האָשט סוין ערגעץ אין דער גרוישער וועלט אינגאנצן פארגעשן אין אונדז.

— נו, דערצייל, ווו ביסטו אויסגעווען? וואָס האָסטו געזען? ביסט געקומען אף לאנג, צי עפשער אף שטענדיק?

עליע האָט ניט באוויזן ענטפערן, ווי ס'איז געקומען צו לויפן אווראָם.

— לאָזט רעב אווראָמען צוגיין צו זײַן זון, — האָט געשריִען שלוימע פאפעליוכע. — לאָזט אים אָפּ.

עליע האָט זיך קוים ארויסגעריסן פונעם רעדל מענטשן.

— איך האָב זיך גאָר ניט געריכט אף אזא גאסט, — אווראָם האָט ארומגעכאפט דעם זון און זיך צעקושט מיט אים. — קום גיכער אהיים דערפרייען די מאמע.

אווראָם מיט עליען האָבן זיך געלאָזט גיין, און דער אוילעם איז זיי נאָכגעגאנגען.

— גיט נאָר א קוק, ס'איז דאָך שוין געוואָרן אן עמעסער יִשעוו. — עליע האָט מיט נײַגער באטראכט די צוויי רייען הײַזער אף דער ברייטער, גוט־אויסגעפּאָרענער גאס.

די מענטשן האָבן גערעדט צו אים, געפרעגט וועגן פארשיידענע זאכן, און ער האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן די אויגן פון דער ווײַס־שטיינערנער, מיט רויטער טשערעפּיצע געדעקטער געבײַדע פון דער שול, פונעם בושלברונעם, וועלכער איז געשטאנען אינמיטן יִשעוו, פון די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס, וועלכע האָבן געפירט צו די שטאלן פון די פערמעס, צו די שײַערן און צו די הײַזער, לעבן וועלכע עס זײַנען ארומגעגאנגען אויפעס און ערגעץ־ווו האָבן שוין אפילו געכריוקעט כאזיירים.

עליע איז שטאָלץ געווען, וואָס זײַן פאָטער און אלע איבערוואנדערער זײַנען מיט ווירדע אויסגעשטאנען אלע ניסיוינעס און האָבן, ווי געוויקסן אין א טריקעניש, טיפער ארײַנגעלאָזן די וואָרצלען אין דער ערד, פארפעסטיקט זיך אין איר.

— „ניי־שפּראַצן" הייסט דער ישעוו? — האָט עליע א פרעג געגעבן. — ס'איז שוין ניט קיין שפּראַצן, נאָר אן אויסגעוואַקסענע זאַך.

— ס'הייבט ערשט אָן וואַקסן! — האָט זיך אָפּגערופן שלוימע פּאָפּעליר־בע. — שווער איז אונדז געווען, אוי ווי שווער, נאָר מיר זײַנען אַלץ בײַגע־קומען. מיר האָבן שוין פערמעס, א סאָד פּאַרפּלאַנצט, א ווײַנגאָרטן... איצט, אז די טראַקטאָרס באַאַרבעטן די ערד, איז דאָס גאָר אן אַנדער זאַך.

ניט ווײַט פון אווראָמס שטוב איז עליען אנטקעגן אַרויסגעלאָפן זעלדע. עמעצער האָט שוין באַוויזן אָנזאָגן איר די בשורה, אז דער זון איז געקו־מען. זי האָט אַרומגעכאַפּט דעם זון, געקושט אים און געוויינט:

— איליוסיק, נאַכעס מײַנער, מיר האָבן זיך גאָר ניט געריכט אף אזא גאַסט... איך האָב זיך שוין אזוי פאַרבענקט נאָך דיר... וואָס מאַכסטו, טײַע־רער מײַנער, דערציילל... פאַרוואָס האָסטו ניט געגעבן צו וויסן, אז דו פאָרסט? מיר וואָלטן דיך באַגעגנט.

— ס'מאַכט ניט אויס, מאַמע, זעסט, איך בין געקומען... איך האָב זיך שוין אויך פאַרבענקט נאָך אײַך. דערציילט, וואָס מאַכט איר?

— נו, מיר וועלן אַרײַנגיין אין שטוב, וועלן מיר דיר וועגן אַלץ דער־ציילן.

פון די קורצע בריוולעך, וועלכע ס'פלעגן אָנקומען פון עליען, האָט ניט זעלדע, ניט אווראָם ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס ער טוט און וואָס ער קלײַבט זיך טאָן. דעריבער האָבן זיי איצט וואָס גיכער געוואָלט הערן פון אים אַלע זײַנע נײַס. זיי האָבן אָבער אים ניט געקענט אָפּוווענדן פונעם גע־שפּרעך מיטן אוילעם, וועלכער האָט אים באַגלייט ביז דער שטוב.

לעבן מינעס געוועזענעם פּאַליסאַדניק האָט עליע א ווײַלע פאַרהאַלטן זיך. ער האָט געקוקט אף די ביימלעך און געטראַכט וועגן מינען.

— גיב נאָר א קוק, ווי זיי זײַנען אויסגעוואַקסן, — האָט זעלדע א זאָג געטאָן, אזוי ווי לייענענדיק די געדאַנקען פון איר זון. — אונדזערע ביימ־לעך האָבן שוין האָיאָר געבליט.

— ווער וווינט איצט אין זייער שטוב? — עליע האָט אַרײַנגעקוקט אין הויף.

— א נײַער מענטש... א גוטער באַלעבאָס, — האָט זעלדע געענטפערט. — איצט זײַנען שוין אַרום אַלע הײַזער פאַראַן גערטנדלעך, סעדלעך, ריין, ציכטיק, א מעכײַע.

— יאָ, יאָ, מע זעט, — האָט עליע צוגעשטימט.

פאַרעדט זיך, האָט אווראָם ניט באַמערקט, ווי זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו זייער שטוב.

— אָט איז אונדזער היים, — האָט געזאָגט אווראָם.

לעבן פּאַליסאַדניק האָבן פאַרן גאַסט ווי פאַרנייגט זיך די צעוואַקסענע, אויסגעפּוצטע אין בלעטלעך, ביימלעך און אים באַגריסט.

עליע האָט מיט א צאַרטן בליק א קוק געגעבן אף זיי.

— זיי זײַנען אויסגעוואַקסן! ווי שיין ס'איז אין פּאַליסאַדניק!

— דאָס איז שוין דער מאַמעס אַרבעט, — האָט אווראָם זיך אָפּגערופן.

— נו, ער וועט נאָך באַווײַזן אַלץ זען, — האָט זעלדע געזאָגט, — קום

גיכער אין שטוב, וואש זיך אײַן, ועסט אָפּעסן, אָפּרוען זיך. ביסט דאָך, מיסטאמע, מיד פון וועג?

— ניין, איך בין גאָר ניט מיד.

אָפּרײַסן עליען פונעם אוילעם איז געווען אומעגלעך. זעלדע איז אַרײַן אין שטוב, צוגעקליבן א ביסל, צוגעגרייט עסן פארן גאסט און עטלעכע מאָל ארויסגעגאנגען רופן אים:

— ס׳ווערט דאָך קאַלט דאָס עסן. וועסט נאָך באַווײַזן אָנריידן זיך.

ענדלעך איז דער אוילעם זיך פאנאנדערגעגאנגען, און אוראָם מיט עליען זײַנען אַרײַן אין שטוב.

די געוועזענע פוסטע ווינקלען פון דער שטוב זײַנען אָנגעפילט געוואָרן מיט לעבן. זיי האָבן געאָטעמט מיט ווארעמקײַט און מיט היימלעכקײַט. אויף די פענצטער זײַנען געהאנגען ווײַסע פאָרהענגלעך, אפן אלטן קאָמאָד זײַנען געווען אויסגעשפרייט אויסגענייטע האנטעכלעך און צעשטעלט בילדער פון דער מישפּאָכע.

זעלדע האָט אָנגענומען וואסער מיט דער גרויסער קופערנער קוואָרט, וואָס מע האָט געבראכט פון דער אלטער היים, אָנגעגאָסן דעם האנטפאס און געהייסן דעם זון זיך וואשן.

— כ׳וואָלט וויסן, אז כ׳וועל האָבן אזא גאסט, וואָלט איך דיר אָנגע־גרייט אלץ, וואָס דו האָסט ליב, — האָט זעלדע זיך פארענטפערט.

— וואָס דארף מען נאָך בעסער? אלץ, מאמע, וואָס דו דערלאנגסט צום טיש, איז מאָלע־טאם, — האָט געענטפערט עליע און אָנגעהויבן מיטן פאָ־טער צובײַסן.

זעלדע האָט דערלאנגט אלץ נײַע און נײַע געריכטן, און דער גאסט מיט אוראָמען האָבן מיט גרויס אפעטיט געגעסן. דערבײַ געשמועסט וועגן היי־מישע קאָלווירטישע איניאָנים.

— לאָז אים כאָטש אָפּרוען, קומען צו־זיך פון וועג, — האָט זעלדע זיך אָנגעהויבן בייזערן אויף אוראָמען. — וויפל קען מען ריידן וועגן פערד, וועגן ערד, וועגן אקערן? ס׳ווערט אײַך גאָרניט נימעס?

— ברויט, מאמע, ווערט ווען־ניט־איז נימעס? — האָט געפרעגט עליע. — קעדיי עס זאָל זײַן ברויט, דארף מען אקערן, זייען, די ערד באארבעטן.

— איך האָב געמיינט, אז דו האָסט שוין וועגן דער ערד פארגעסן. האָסט שוין, דאכט זיך, גענוג אָנגעאקערט און אָנגעזייט, איצט מעגסטו שוין א ביסל פארגעסן וועגן דעם. דערציייל בעסער, וואָס לערנסטו?

— כ׳האָב זיך שוין א ביסל אונטערגעלערנט און וויל איצט ווידער אָנ־הייבן ארבעטן.

— ווו?

— כ׳ווייס נאָך ניט, כ׳וועל זען, — האָט עליע אומבאשטימט געענטפערט.

— ווידער וועסטו, הייסט עס, די ערד באארבעטן. אויף זײַן אן ערד־אר־בעטער, דארף מען אזויפיל לערנען?

— אוואדע, מע דארף א סאך לערנען.

— איז וועסטו זיך דאָ לערנען?.. בא וועמען וועסטו זיך לערנען? — האָט אוראָם געפרעגט.

— כ׳וועל זיך לערנען און ארבעטן.

— פארוואָס ווילסטו ניט ווי אַלע, ווי דײַנע ברידער און שוועסטער, לערנען זיך? מע לערנט זיך פֿריִער עפּעס אויס און נאָכדעם אַרבעט מען, און דו ווילסט פֿאַרקערט, אָדער ביידע זאַכן מיטאַמאָל... וועסט זיך נאָך אָנאַרבעטן אויף דײַן לעבן, — האָט געזאָגט זעלדע.

— אוודאי, מײַן זון, די מאַמע איז דאָך גערעכט, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַווראָם. — ביזוואַנען דו ביסט יונג, האָסט נאָך ניט קיין מישפּאָכע, לערן זיך. ווען איך קאָן, וואָלט איך זיך אַליין אָנגעהויבן לערנען... ווען ס׳זײַנען ניט געווען קיין מאַשינעס, האָב איך נאָך געקאָנט אָנפֿירן מיט מענטשן און מיט דער באַלעבאַטישקײַט, אָבער איצט פּרוּוו דערגיין אַ טאָלק אין דער טעכניקע אָן וויסנשאַפֿט...

— אויף אַן אָרט קען מען זיך גיכער אויסלערנען אַרבעטן מיט די מאַ־שינעס, איידער נאָר לויט ביכער, — האָט געענטפֿערט עליע.

— בײַ וועמען וועסטו זיך דאָ אויסלערנען? — האָט אַווראָם געפֿרעגט.

— בײַ די, וואָס אַרבעטן מיט די מאַשינעס, — האָט דערקלערט עליע. — עס וועט אויסקומען לערנען לויט ביכער אויך. וויאַזוי זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין די ביכער, האָב איך זיך שוין אונטערגעלערנט און וועל זיך נאָך לער־נען...

...ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ טאָג און צוויי, און עליע האָט קיין האַלב וואָרט ניט געזאָגט, וואָס ער רעכנט ווײַטער צו טאָן.

— וואָס שווײַגסטו, אַווראָם? פֿאַרוואָס רעדסטו מיט אים ניט? פֿאַרוואָס זאָגסטו אים ניט, ער זאָל זיך פֿון קאָפּ אַרויסשלאָגן דעם געדאַנק וועגן אופֿהערן לערנען זיך? — איז זעלדע צוגעשטאַנען צום מאַן. — מע דאַרף אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער מאַכט זיך אומגליק־לעך.

— וועגן וואָס זאָל איך מיט אים ריידן? וואָס דאַרף איך אים דערמאָנען, עפּשער האָט ער שוין אַליין פֿאַרגעסן וועגן דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, און וועט זיך אומקערן צוריק אויף אַן אָרט.

— האַלעווײַ, נאָר דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ס׳איז ניט אַזוי. דו קענסט ניט עליען. אויב ער האָט געזאָגט, איז פֿאַרפֿאַלן.

— וואָס זשע איז דאָ וואָס צו ריידן מיט אים? סײַווי וועט ער טאָן זײַנס...

— דו ווייסט, אַווראָם, וואָס ס׳איז מיר אײַנגעפֿאַלן? — האָט זעלדע פּלוצעם אַ זאָג געטאָן.

— וואָס איז דיר אײַנגעפֿאַלן?

— איך מיין, אַז עליע איז ניט פּראָסט געקומען אַהיים. דאָ שטעקט עפּעס אַ זאַך...

— וואָס, רייד שוין, וועלכע זאַך?

— איך מיין, אַז ער האָט זיך צעקריגט מיט מיִנען, איז ער געקומען אַהער.

— פּוסטע מײַסעס, — האָט אַווראָם אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — אַז ער האָט זיך צעווערטלט מיט איר, דאַרף ער אַוועקפֿאָרן?

פֿונדעסטוועגן האָט זעלדע נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען עליע איז פֿון ערגעץ, קאָנטיק, אַ שטאַרק פֿאַרזאָרגטער, געקומען אַהיים, אַ פֿרעג געגעבן:

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן, מײַן זון, דו האָסט מינען געזען? פאַרוואָס דערציילסטו וועגן איר גאָרנישט? צי דו האָסט זי שוין אינגאַנצן פאַרגעסן?

— כ'האָב זי געזען, — האָט עליע ניט גערן געענטפערט.

— וואָס מאַכט זי? וואָס טוט שיפרע?.. זיי בענקען ניט אַהער?

— שיפרע אַרבעט, מינע אַרבעט און לערנט זיך, — האָט עליע קורץ געענטפערט.

— זעסטו דאָך, מינע איז ניט קיין נאַר, זי פאַרשטייט, אַז מע דאַרף זיך לערנען.

עליען איז ניט געווען צום האַרצן דער מוטערס רייד, און ער האָט גע־וואָלט איבערפירן דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש.

אין דרויסן האָט זיך דערטראָגן עפּעס אַ הודזשערײַ. עליע איז האַס־טיק אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. פאַרבײַ האָט זיך דורכגעטראָגן אַ לאַסט־מאַשין.

„ס'איז מיסטאַמע פון מטס", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. פונווײַטן האָט ער געזען, ווי די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער געבײַדע פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. עליע האָט זיך געלאָזט אַהין, נאָר ביז ער איז דערלאָפן, האָט זי זיך אַוועקגעטראָגן ווײַטער. אים האָט זייער באַנק געטאָן, וואָס ער האָט זי דורכגעלאָזט. אויב ס'איז פון מטס, וואָלט ער געקאָנט בײַם שאָפער דערוויסן זיך, צי קען מען זיך דאָרטן אײַנאָרדענען אויף אַרבעט און צי ס'זײַנען דאָרטן פאַראַן קורסן, ווו מע קאָן זיך לערנען.

עליע איז אַוועק אין סטעפּ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלײַך הינטערן יישעוו. אַנטקעגן איז פון ערגעץ געפאָרן אַ טראַקטאָר. אײַנהערנדיק זיך אין זײַן בראַזגערײַ, האָט עליע אָנגעהויבן נאָכקוקן, וווהין ער וועט פאַרקערע־וועט. דער טראַקטאָר איז צוגעפאָרן נעענטער, האָט עליע, באַמיִענדיק זיך איבערשרײַען זײַן גערויש, אַ פרעג געגעבן בײַם טראַקטאָריסט:

— וואָס פאַר אַ טראַקטאָר איז דאָס?

— ס'איז אַ „כאַטעזע", פון כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד. וואָסי דען?

— פּאָשעט, כ'אינטערעסיר זיך, — האָט עליע, נאָכלויפנדיק נאָכן טראַק־טאָר, געענטפערט.

דער טראַקטאָריסט האָט אָנגעשטעלט די גרויסע שוץ־ברילן אויף עליען און געפרעגט:

— ביסט אויך אַ טראַקטאָריסט?

— ניין, כ'האָב געאַרבעט אויף אַ פאָרדזאָן, מיט קיין „כאַטעזע" בין איך ניט באַקאַנט. כ'האָב געהערט, אַז ס'איז אַ גוטער טראַקטאָר.

דער טראַקטאָריסט האָט פאַרקערעוועט אויפן מאַסיוו, ווו ער האָט נעכטן אָנגעהויבן אַקערן.

זײַענדיק דאָרטן אינדערפרי, האָט עליע באַמערקט, אַז אויף דער צע־אַקערטער ערד זײַנען געבליבן די וואָרצלען פון די ווילדגראָזן, ניט צע־קרישלטע הרודעס. „איידער אַזוי אַקערן, וואָלט מען בעסער אינגאַנצן ניט געדאַרפט ראָיען די ערד, — האָט עליע אַ טראַכט געטאָן. — די וואָרצלען וועלן דאָך צוריק אָנהייבן וואַקסן, און דאָס לעצטע ביסל פײַכטקײַט פון באָדן וועט גיין אין ניוועץ".

עליע האָט ניט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי האָט עס דער פֿאָטער ניט באַמערקט. זאָגן װעגן דעם טראַקטאָריסט און אָגוױיזן, אַז אַזוי טאָר מען ניט אַקערן, איז אים געװען ניט באַקװעם, און פאַרבײַגײין אַזאַ זאַך האָט ער אױך ניט געקאָנט. ער איז אַװעק זוכן דעם פֿאָטער.

לעבן אַ שטיק פריש־אױפגעאַקערט פעלד האָט ער דערזען צװײ באַר־כערימלעך, װעלכע האָבן געבראַנעװעט אױף אױסגעמאָגערטע פערד. די בראָנעס זײַנען יעדע װײַלע פאַרשטאָפּט געװאָרן מיט װאָרצלען און האָבן זיך געגליטשט איבער די הרודעס און הליבעס. אײַנקוקנדיק זיך אין די פּנעמער פֿון די כעװרע, האָט עליע אײנעם פֿון זײ דערקענט. דאָס איז געװען שלױמע פּאַפּעליוכעס יינגל. ער האָט זיך נאָר ניט געקאָנט דער־מאָנען, װעלכער איז דאָס, דער ייִנגערער, צי דער עלטערער, אַזױ ענלעך זײַנען געװען די ברידערלעך.

— װי רופֿט מען דיך? — האָט עליע געפרעגט אַ באָכערל.

— יאָסקע.

— יאָסקע? ביסטו דער עלטערער זון? איך האָב געהאַט אַ כאַװער, האָט ער אױך געהײסן יאָסקע... אױך, איז דאָס געװען אַ יאַט — אַ כװאַט!

— און דיך װי רופֿט מען? — האָט עליע געפרעגט באַם צװײטן באָכערל.

— ליאָװע, — האָט דאָס באָכערל, מאַכנדיק אַ בראַװע מינע, געענט־פערט. — איר קענט מיך, מיסטאַמע, ניט. מיר װױנען אין דעם ייִשעװ ניט לאַנג.

עליע האָט באַטראַכט דאָס צעבראָנעװעטע שטיקל ערד.

— עמעצער האָט אײַך באַװיזן, װי מע דאַרף בראָנעװען?

— דער פּרעזיצער איז געפֿאָרן מיט אונדז אין פעלד מיט נאָך אײנעם אַן אַלטיטשקן, װעלכן מע האָט געשיקט צוהילף.

— פֿאַרװאָס זשע האָט ער אײַך ניט באַװיזן, װיאַזױ מע דאַרף בראָ־נאָװען? — האָט פֿאַרװוּנדערט געפרעגט עליע.

— ער האָט געזאָגט דעם פּרעזיצער, אַז ס'איז ביכלאַל שלעכט אױפ־געאַקערט, און נאָך האָט ער עפּעס געזאָגט... כ'האָב פאַרגעסן װאָס.

— מע דאַרף דיסקעװען, — האָט ער געזאָגט, — האָט אים דערמאָנט ליאָװע.

— יאָ, יאָ, דיסקעװען... די הליבעס צעקלאַפּן, — האָט פֿאַרגעזעצט יאָס־קע. — דער אַלטיטשקער האָט אונדז געװיזן, װיאַזױ רײניקן די צײנער פֿון בראָנעס, אָבער װען ער איז אַװעקגעפֿאָרן, האָבן מיר פאַרגעסן, װיאַזױ מע דאַרף דאָס טאָן.

— פֿאַרװאָס האָט מען אײַך ניט געגעבן מיט װאָס צו רײניקן? — האָט געפרעגט עליע.

ליאָװע האָט אױפגעהױבן אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ האַטשיק, װאָס איז געלעגן לעבן די בראָנעס.

— אָט מיט דעם האָט מען אונדז געהײסן רײניקן. נאָר די בראָנעס שפּרינגען אַרױס פֿון באָדן, װערן פאַרשטאָפּט, און ס'קומט אױס יעדע װײַלע די פערד אָפּשטעלן... װען איװאַן ניקיטיטש האָט גערײניקט, האָט מען אױף אַ מינוט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

— װעלכער איװאַן ניקיטיטש? — האָט עליע מיט גרױס נײַגער גע־פֿרעגט. — װי זעט ער אױס? אַ נידעריקער, מיט אַ גראָװ בערדל?

— יאָ, יאָ, — האָבן די כעװרע אין אײן קאָל געענטפֿערט.

— װוּהין, זאָגט איר, איז ער אװעקגעפֿאָרן?

— ער איז, דאַכט זיך, אװעקגעפֿאָרן מיטן פֿאָרזיצער אין מטס, — האָט זיך אָפּגערופֿן יאָסקע. — ער האָט געהײסן, מיר זאָלן דערװײַל באָראָנאָװען, און האָט צוגעזאָגט אײנגיכן קומען.

— אױב אַזױ, װעל איך אײַך װײַזן, װיאַזױ מע דאַרף באָראָנעװען... נעם די לײצעס און טרײַב די פֿערד, — האָט ער אַ װוּנק געטאָן צו ליאָװען און, איבערנעמענדיק בײַ יאָסקען דעם שטעקן מיטן האַטשיק, געהײסן יאָסקען זיך זעצן אױף דער באָראָנע, זי זאָל ניט אַרױסשפּרינגען פֿון באָדן.

עליע האָט קױם באַװיזן אַרױסשטױסן די װאָרצלען, װאָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין די צײנער, װי אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך צונױפֿגע־זאַמלט נײַע װאָרצלען פֿון דער יאָרנלאַנג ניט־געאַקערטער ערד. אײנגיכן איז ער געװען אײנגאַנצן אױסגעבאָדן אין שװײס, פֿונדעסטװעגן האָט ער געהאַלטן אײן אײן שרײַען צו יאָסקען, ער זאָל אונטערטרײַבן די פֿערד און ניט פֿאַרלאַנגזאַמען זײער גאַנג.

אין אַ געװיסער צײַט אַרום זײַנען אָנגעפֿאָרן דער פּאָטער מיט איװאַן ניקיטיטשן.

— אָט, מאָלאָדצי! אָט דאָס איז אַרבעט! — האָט ער דערהערט דעם פּאָ־טערס שטים.

— דאָס ביסטו, באָכער, דו? — ניקיטיטש האָט אַרומגעכאַפּט און צוגע־דריקט עליען צו דער ברוסט.

— װי קומט איר אַהער? — האָט עליע, אַ צעראַשטעטער פֿון דער באַגע־געניש, אַ פֿרעג געטאָן.

— איך בין געקומען העלפֿן אײַך... מע האָט געבעטן אונדזער קאָל־װירט אױסטײלן אַ מענטשן אױף צו העלפֿן אײַער קאָלװירט... נו, האָט מען מיך געשיקט...

אָנשטױסנדיק זיך, אַז עליע װײסט ניט, װעגן װאָס פֿאַר אַ קאָלװירט עס גײט אַ רײד, האָט ער צוגעגעבן:

— אונדזער קאָמונע איז דאָך געװאָרן אַ קאָלװירט.

עליע האָט געװאָלט אָנהײבן פֿאַנאַנדערפֿרעגן, פֿאַרװאָס איז די קאָמונע געװאָרן אַ קאָלװירט, נאָר איװאַן ניקיטיטש האָט אים איבערגעשלאָגן:

— װוּ ביסטו דאָס אױסגעװען, באָכערל? ביסט אװעקגעפֿאָרן לערנען זיך?

— כ'האָב געלערנט, געלערנט, און מע דאַרף פֿונסנײַ אָנהײבן זיך לער־נען, — האָט עליע אין אַ האַלב־װױצלענדיקן טאָן געענטפֿערט. — ערשט איצט דאַרף מען זיך אָנהײבן לערנען אַפּאַנעמעסן.

— װיעק זשיװוי, װיעק אוטשיס[1], — האָט זיך אָפּגערופֿן איװאַן ניקי־טיטש.

---

[1] אײביק לעב, אײביק לערן זיך.

דער אלטער האָט מיטאמאָל דערזען, אז עליעס פּלייצע, פון וועלכער ס׳האָט געשלאָגן א פּארע, איז אינגאנצן ווײַס.

— דער שווייס איז שוין פון דיר ארויס, גייט איצטער זאלץ, — האָט איוואן ניקיטיטש א גלעט געגעבן עליען איבער דער נאסער פּלייצע. — ערשט איצט, באַכער, נאָך דעם, ווי דו האָסט די ערד באגאָסן מיט דײַן שווייס, וועסטו וויסן דעם עמעסן טאַם פון ברויט.

— סײַווי איז נאָך די ערד שלעכט באארבעט, זי איז פול מיט וואָרצלען און דערנער. זייען אף איר, מיין איך, קען מען נאָך ניט, — האָט עליע, קוקנדיק אין די אויגן דעם ליבהארציקן אלטן ערד־ארבעטער, געזאָגט.

— אזוי, טײַערער, איז דאָס. ביזוואנען דאָס קערנדל, וואָס מ׳פּארזייט, באָדט זיך ניט אויס אין מענטשלעכן שווייס, וואקסט עס ניט ווי עס באַדארף צו זײַן. מ׳דארף עס צו דער צײַט אָנטרינקען, מע דארף עס באשיצן פון קעלטן, פון מאשכיסים. וועגן דעם אלץ דארף זאָרגן און אין זינען האָבן אן ערד־ארבעטער. דאַן באקומט זיך בא אים עפּעס, אניט גייט זײַן גאנצע טירכע פּארפאלן. אזוי, אליושע?

— אזוי, אוואדע אזוי.

— אזוי, — האָט אויך צוגעשטימט אוראָם, אָנקוועלנדיק פון איוואן ניקיטיטשעס רייד. — דאָס איז, הייסט עס, דער זעלבער ניקיטיטש, פון וועלכן דו האָסט אזויפיל אָנגעדערציילט זיך? — האָט אוראָם, ווענדנדיק זיך צום זון, געפרעגט.

— יאָ, דאָס איז ער, און דו האָסט גאָר ניט געוווּסט, טאטע, וועמען מע האָט געשיקט אונדז העלפן, — האָט עליע, שײַנענדיק פון פרייד, געזאָגט. — ער קאָן אונדז אפּאנעמעסן העלפן...

## 7

פאר דער צײַט, וואָס איוואן ניקיטיטש האָט געארבעט דאָ, האָט עליע שטארק זיך צוגעבונדן צו אים. אוראָם האָט ניט געוווּסט, אף וואָס פאר א טערמין מע האָט געשיקט איוואן ניקיטיטשן אהער. פרעגן בא אים איז געווען ניט באקוועם, מעגלעך, אז ער האָט אליין ניט געוווּסט. און געקומען איז איוואן ניקיטיטש אהער אף אזא אויפן: נאָך דעם, ווי דער פּארוואלטער פון ראיערד־אָפּטיילונג האָט פּאראָרדנט אוראָם מעהודינען, אז מע דארף פּארגרעסערן דעם פּארזיי־שעטעך פון קאָלווירט אפן כעזשבן פון דער רויערד, וואָס איז צוליבן מאנגל אין שלעפּ־קראפט ביז איצט ניט אופגעהויבן געוואָרן, האָט אוראָם געמאָלדן, אז אָן הילף וועט ער זיך מיט דעם איניען ניט ספּראווען. דאַן האָט דער פּארוואלטער צוגעזאָגט צושיקן אף א לענגערן טערמין די נייטיקע טעכניק פון מטס און א דערפּארענעם מענטשן פון אן אײַנגעפונדעוועטן קאָלווירט.

אין עטלעכע טעג ארום איז אָנגעקומען א טראקטאָר. ער האָט גיך אופגעהויבן א גרויסן שעטעך ערד, נאָר פּארבאָראָנעווען איז אין קאָלווירט קימאט ניט געווען מיט וואָס, און די ערד האָט אָנגעהויבן איבערגעטריקנט ווערן.

דערזען די הליבעס פון דער אופגעאקערטער ערד, איז איוואן ניקיטיטש געוואָרן אופגעבראכט:

— ווער האָט עס אזוי שרעקלעך די ערד צעפּאסעוועט? ליימענע הענט האָבן געאקערט. דאָס לעצטע ביסל פּײַכטקײַט גייט פארלאָרן. ניט נאָר ברויט, קיין גראָזן וועלן דאָ ניט וואקסן... פארבאַראַנעוועט דארף מען עס כאַטש. טייקעף פארבאַראַנעוועט!.. איר הערט? יעדע שאָ, וואָס די ערד ליגט אזוי, פארלירט איר פּודן ברויט, פּודן!

— וואָס קאָנען מיר טאָן, אז מיר האָבן אינגאנצן צוויי באָראָנעס? — האָט אווראָם זיך פארענטפערט.

— זאָל זײַן דערווײַלע צוויי, צוויי איז דאָך בעסער, ווי גאָרניט... אָן טעכניק וועל איך אײַך מיט גאָרנישט ניט קענען העלפן.

אווראָם מיט איוואן ניקיטיטשן האָבן זיך אומגעקערט אין יִשוּוו, אויס־געריכט ליאָווקען מיט יאָסקען אין פעלד, באוויזן זיי, ווי מע דארף באָ־ראָנעווען, און דערנאָך אוועקגעפאָרן אין מטס. אומגעקערט האָבן זיי זיך פון דאָרטן האָפּערדיקע, באפליגלטע פונעם צוזאָג, וואָס זיי האָבן באקומען פונעם דירעקטאָר פון דער סטאנציע, אז מאָרגן וועט צוגעשיקט ווערן אלץ, וואָס איז נייטיק צום פארזיי.

...דאָס אקערן און באָראָנעווען איז געווען נאָך ווײַט ניט פארענדיקט, ווען ס'איז אראָפּגעקומען דער עלטסטער אגראָנאָם פון מטס — א הויכער, א דארער, מיט אן אײַנגעשרומפּן פּאָנעם און א גרויסן קאָפּ האָר.

— ווּ איז דער פּאָרזיצער? — האָט ער בא עליען א פרעג געטאָן.

— ער איז ערגעץ אוועקגעפאָרן, — האָט עליע געענטפערט.

— נו, ווי גייט בא אײַך די ארבעט? — האָט דער אגראָנאָם אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן.

— פּאמעלעך... — האָט עליע בלויז באוויזן ענטפערן. אין דער רעגע האָט ער דערזען, אז די ציין פון די באָראָנעס זײַנען פארשטאָפּט געוואָרן, און ער איז אוועקגעלאָפן רייניקן זיי. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צום אגראָנאָם, זײַנען שוין אָנגעקומען אווראָם מיט איוואן ניקיטיטשן. דער אגראָנאָם איז צוגעגאנגען, באגריסט זיך מיטן פּאָרזיצער און מיט איוואן ניקיטיטשן און געלאָזט זיך גיין באטראכטן די באארבעטע ערד. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום טראקטאָר, האָט עליע דערהערט, ווי דער אגראָנאָם האָט פאראָרדנט אָנהייבן זייען און דער טאטע מיט איוואן ניקיטיטשן דערווידערן אים:

— די ערד איז נאָך ניט צוגעגרייט צום זייען, פארגעסט ניט, אז מיר האָבן אופגעהויבן רויערד... אין אייניקע ערטער האָט מען זי געדארפט איבעראקערן, איבערבאָראָנעווען, — האָט דערוויזן אווראָם.

— די ערד איז שטארק איבערגעטריקנט, — האָט צוגעגעבן איוואן ניקיטיטש. — מ'דארף צוווארטן א ביסל, עפשער וועט פאָרט דורכגיין א רעגן.

— ווען ס'וועט גיין א רעגן, דארף מען פרעגן בא גאָט, — האָט אים איבערגעשלאָגן דער אגראָנאָם, — און ווען צו זייען איז פאראן א פאראָר־דענונג, איך וועל זי ניט אָפּשאפן.

— דער, וואָס האָט געגעבן די פאראָרדענונג, ווייסט, מעגלעך, ניט, אז די ערד אין דעם קאָלווירט איז שטארק געווען פארלאָזט, יאָרנלאנג ניט

באַרבעט, — האָט פאַרגעזעצט דערוויַזן איוואַן ניקיטיטש... — אַז מיר וועלן פרי פאַרזייען, קאָן די טווע טאָקע אופגיין, נאָר ווען ס׳וועט אַ קלאַפּ טאָן אַ פרעסטל, וועט זי פאַרפראָרן ווערן.

— איר מיינט, אַפּאַנעם, אַז איר זיַט קליגער פון אַלע די, וואָס באַ־שליסן די ציַט, ווען צו זייען, — האָט מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן געזאָגט דער אַגראָנאָם.

איוואַן ניקיטיטש מיט אוּוראַמען האָבן דורך פאַרשיידענע טערוצים פונ־דעסטוועגן אָפּגעצויגן דעם פאַרזיי.

ווען דער טראַקטאָריסט האָט געענדיקט אַקערן דעם אָנגעמערקטן שע־טעך, איז עליען איַנגעפאַלן דורכגיין זיך צו דער פערד־שטאַל און דאָרטן, קיינער זאָל ניט וויסן, אויסבעטן עטלעכע פערד, קעדיי נאָכאַמאָל איבער־באַראָנעווען די ערד פאַרן פאַרזיי. דער קאָניוך האָט זיך געקרימט, ניט געוואָלט אויספילן עליעס ביטע, נאָר עליע האָט פונדעסטוועגן זיַנס זיך דערשלאָגן. ערשט נאָך אַלע באַמיִונגען, ווען ער האָט אָנגעהויבן זייען, זיַנען די סאָשניקעס פון דער זייעלקע אַלע ווי־לע פאַרשטאָפּט געוואָרן, אפן אַקער־פעלד זיַנען געבליבן אָן אַ שיר פּליכעס.

„וואָס טוט מען? — האָט ער אַן אופגערעגטער געטראַכט. — ס׳איז פּאַ־שעט אַ כאַרפּע און אַ שאַנדע צו זייען אַף ערד, וווּ ס׳זיַנען פאַראַן אַזוי־פיל פּליכעס. נאָר ווי קען מען איצט וויסן, וווּ זיי זיַנען?.. מע וועט זיי דערזען נאָכדעם, ווי די טווע וועט אופגיין. נאָר דאַן איז שוין פאַריכטן אומעגלעך. וואָס זשע טוט מען? סיַדן דורכגיין זיך אין דער קווער מיט דער זייעלקע, דאַן וועלן די פּוסטע ערטער פאַרזייט ווערן און ס׳וועט בליַבן ווינציקער אָרט פאַר די מיסט־גראָזן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ־ווו געלייענט וועגן אַזאַ מין פאַרזיי. אָבער זריִע וועט דאָך אוועק אַ סאַך. פרעגן אַ דערלויבעניש באַם פאָטער, — וועט ער געוויס ניט דערלויבן, אויסייצען זיך מיט איוואַן ניקיטיטשן, קאָן יענער אויך דער־ווידערן. איז קיין אַנדער ברירע ניטאָ, ווי נעמען עס אַף זיך".

נאָך אַ קורצן יִישעוו־האַדאַעס מיט זיך אַליין, האָט ער באַשטימט אָנ־הייבן זייען. „וואָס ס׳וועט זיַן, וועט זיַן".

ער האָט נאָך ניט באַוויזן דורכגיין זיך מיט דער זייעלקע אין דער קווער, ווי עס איז אָנגעקומען איוואַן ניקיטיטש.

— וואָס זייסטו עפּעס, באָכערל, קאַפּויר? — האָט איוואַן ניקיטיטש גע־פרעגט.

— די סאָשניקעס זיַנען יעדער וויַלע פאַרשטאָפּט געוואָרן, האָבן זיך באַקומען אַ סאַך פּליכעס, האָב איך באַשטימט דורכגיין זיך מיט דער זייעל־קע אין דער קווער.

— מאָדנע קונצן מאַכסטו, באָכערל! אַ גרויס שטיק ערד האָסטו אי־בערגעזייט?

— אָט די שטיק ערד, — האָט עליע אַ וויַז געטאָן מיט דער האַנט.

איוואַן ניקיטיטש האָט איבערגעמאָסטן דעם איבערגעזייטן שטעך.

— וויפל איז אוועק באַ דיר זריִע?

— איך האָב ניט געמאָסטן.

— וואָס הייסט, דו האָסט ניט געמאָסטן?.. צוליב וואָס האָט מען איַנ־

געשטעלט א נאַרמע? וואָס הייסט, דו טוסט, וואָס ס׳קומט דיר אין קאָפּ אַרײַן... פאַר אַזעלכע זאַכן וועט מען דיך ניט גלעטן... וויפל איז בא דיר געבליבן זריִע?

— אָט, גיט א קוק, — עליע האָט געוויזן אַפן רעשט פאַרזיי־מאַטעריאַל. איוואַן ניקיטיטש איז געוואָרן אויסער־זיך.

— דו ווייסט, וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן? ווו איז דײַן קאָפּ געווען? — האָט ער זיך געבייזערט. — ווו וועט מען נעמען זריִע צו פאַרזייען דעם איבעריקן שטעטך? דו האָסט דאָך אין דער ערשטער ריי דײַן אייגענעם פאָטער אונטערגעפירט...

— איוואַן ניקיטיטש... איוואַן ניקיטיטש, — האָט עליע געפּרוווט זיך פאַרענטפערן, — כ׳האָב דען געקענט איבערלאָזן פּליכעס?.. דער געוויסן וואָלט מיך דאָך געמאַטערט... כ׳וואָלט דאָך מענטשן ניט געקענט קוקן אין די אויגן, — האָט ער געטײַנעט. — איך מיין, אז קיין שאָדן האָב איך ניט אָנגעטאָן.

ווען צו אווראָמען איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם, וואָס עליע האָט אָפּגעטאָן, האָט ער לאַנג ניט געקענט קומען צו־זיך.

— וואָס טוט מען מיט דיר? פאַרוואָס גייסטו ניט מיטן גלײַכן וועג? וואָס זוכסטו און וואָס דאַרפסטו? ס׳איז דאָך א מין שטיפערײַ. גיי דער־קלער וועגן דעם מענטשן...

— זײַ רויק, טאַטע, וועסט זען, אז ס׳וועט זײַן גוט... — האָט עליע גע־פּרוווט באַרויִקן דעם פאָטער.

קומענדיק א ביסל צו־זיך, האָט אווראָם אין האַרצן אפילע אָנגעהויבן באַרעכטיקן עליעס טאַט.

„דער קאָפּ איז דאָך בא אים ניט אויסגעדאַרט. מיסטאמע ווייסט ער, וואָס ער טוט. קיין קרומע זאַך וועט ער געוויס ניט טאָן, — האָט ער גע־טראַכט. — אָבער ווו קריגט מען זריִע? עפּשער אַנטלײַען ערגעץ?”

וויפל אווראָם האָט ניט געפּרוווט פאַרשווײַגן דעם איניען, איז די זאַך דערגאַנגען צום עלטסטן אַגראָנאָם. און יענער האָט אויפגעהויבן א טומל:

— ווער האָט אײַך דערלויבט אזוי זייען און צעטרענצלען זריִע?

— ס׳איז רויערד, די סאָשניקעס פּלעגן זיך יעדער ווײַלע פאַרשטאָפּן... דעריבער האָט דער זייער באַשטימט דורכגיין זיך מיט דער זייעלקע מיט דער קווער־זײַט.

— מאַלע־וואָס עס קען קומען אין קאָפּ א מענטשן. ס׳איז פאַראַן אַן אָרדענונג און א נאַרמע, וויאַזוי מע דאַרף זייען.

— איך האָב עס געזייט און איך נעם אָף זיך די אַכרײַעס, — האָט עליע, וועלכער איז געשטאַנען דערבײַ, זיך אַרײַנגעמישט. — איך האָב אזוי געטאָן, ווײַל כ׳האָב ניט געוואָלט פאַטערן דעם פאַרזיי... סײַווי וואָלט איר מיך צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר שלעכט זייען.

— ווער האָט אײַך געייצעט אזוי זייען? — האָט דער אַגראָנאָם זיך פאַרינטערעסירט.

— כ׳האָב ערגעץ געלייענט וועגן אַזאַ פאַרזיי, געהערט וועגן דעם, און איך האָב באַשטימט א פּרוּוו טאָן...

די זיכערקײַט, מיט וועלכער עליע האָט גערעדט, האָט געצוווּנגען דעם אגראָנאָם ווערן געלאַסענער.

— ס׳קאָן זײַן, אַז איר האָט ערגעץ געלייענט און געהערט וועגן קרייץ־פּאַרזייען, נאָר איר ווייסט ניט מיט וואָס מע עסט עס. אַזאַ פּאַרזיי, וועל־כער איז אַנעמבאַר אין איינע באַדינגונגען, איז ניט צוגעפּאַסט פאַר אַנדערע. פאַרן פאַרזיי אין דעם ראַיאָן פון אונדזער מטס בין איך פאַראַנט־וואָרטלעך... אויב בא אײַך האָט זיך באַקומען שלעכט, האָט איר געדאַרפט מעלדן וועגן דעם, וואָלטן מיר געוווּסט וואָס צו טאָן... פאַר צעטרענצלען פאַרזיי־מאַטעריאַל וועט אויסקומען צוציִען אײַך צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

— איך בין גרייט צו ענטפערן פאַר מײַן טאַט,— האָט געענטפערט עליע.

...בא יעדער געלעגנהײַט האָט מען אין ראַיאָן געטאַדלט אוראָם מעהו־דינען פאַר צעטרענצלען פאַרזיי־מאַטעריאַל בײַסן האַרבסט־פאַרזיי.

— נישקאָשע,— האָט איוואַן ניקיטיטש געטרייסט אוראָמען.— מע דאַרף מיט געדולד וואַרטן ביז פרילינג, דאַן וועט מען זען, וואָס עס האָט זיך באַקומען פון עליעס פּרווו.

ווען ס׳איז שוין שטאַרק קאַלט געוואָרן און אין פעלד האָט מען ניט געקענט אַרבעטן, האָט איוואַן ניקיטיטש באַשטימט זיך אומקערן אַהיים. אוראָם האָט וואַרעם געזעגנט זיך מיט אים, באַדאַנקט פאַר דער גרויסער הילף, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן דעם קאָלווירט, און אײַנגעלאַדן אים באַזעצן זיך דאָ מיט דער מישפּאָכע:

— דאָרטן בא אײַך זײַנען פאַראַן אַ סאַך דערפאַרענע מענטשן... דער קאָלווירט אײַערער איז אַן אײַנגעפונדעוועטער, און אונדז וואָלט איר גע־בראַכט אַ סאַך נוצן.

— כ׳וועל דערווײַל איבערווינטערן בא זיך, און פרילינג וועלן מיר זען. מיר איז ציקאַווע צו וויסן, וואָס וועט זיך באַקומען פון עליעס אופּטו. אַ מאַזיק אַ זון בא אײַך, מע דאַרף האָבן אַ סאַך מוט, ניט יעדערער וואָלט געוואָגט צו טאָן אַזוינס.

— ער קען ניט לעבן, ער זאָל עפּעס ניט צוטראַכטן... און האָט ער עפּעס פאַרטראַכט, רעכנט ער זיך ניט מיט גאָרנישט און שטרענגט אָן אַלע קוי־כעס צו דערשלאָגן זיך זײַנס.

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן — אַ גוטער כלאָפּעץ. ער איז מיר אײַנ־געבאַקן אין האַרצן, נאָר אַ צו הייסער. מ׳דאַרף אים אַמאָל צוהאַלטן, אָפּ־קילן.

— פּרוווט אים אײַנהאַלטן...— האָט אוראָם זיך אָפּגערופן.— אַ שאָד, וואָס ער לערנט זיך ניט.

— נישקאָשע, ער גראָבט טיף,— האָט געזאָגט איוואַן ניקיטיטש,— ער קען אַמאָל אַזאַ אויצער געפינען, וואָס אונדז האָט זיך אפילו ניט געכאָ־לעמט... איך האָב זיך, עפּשער, צופיל געבייזערט אָף אים, נאָר איך מיין, אַז ער וועט מיר מויכל זײַן... ווי זאָגט מען: אַ קלאַפּ פאַרגייט און אַ וואָרט באַשטייט. נאָר דערווײַל איז אײַך ניט גרינג, אַ שטיק ערד איז געבליבן ניט פאַרזייט, און רייד וועלן נאָך זײַן אַ סאַך.

נאָך איוואַן ניקיטיטשעס אוועקפאָרן האָט עליע קיין אָרט זיך ניט געקענט געפינען. כאָטש דער אַלטער האָט אים די לעצטע צײַט א ביסל געזידלט, געבייזערט זיך אַף אים, נאָר אַף יעדן טריט און שריט האָט ער איצט אים געפעלט.

...ס'האָט אַרײַנגעצויגן אין ווינטער אַרײַן. ערשט איצט, ווען עליע האָט זיך באַפרײַט פון דער פעלד־אַרבעט, האָט אים מיט א נײַער קראַפט א צי געטאָן צו מינען. „עפשער טאַקע אומקערן זיך אין שטאָט, פאָרזעצן דאָס לערנען און זײַן מיט איר", — האָט ער אַלץ אָפטער און אָפטער געטראַכט. נאָר ער האָט געפילט, אַז ער וועט דאָרטן ניט קאָנען אײַנזיצן. זײַן האַרץ, זײַן נעשאָמע וועט זײַן דאָ, אין סטעפּ. ער וועט טראַכטן וועגן דער איבערגעזייטער טוווּע, און טאָמער וועט זײַן א שלעכטע גערעטעניש, ווי וועט ער די אויגן באַווײַזן פאַר מענטשן?

אין קאָלווירט האָט מען אָנגעהויבן זיך גרייטן צום פרילינג־פאַרזיי — רעמאָנטירן דעם אינווענטאַר, צוגרייטן די זריע, די שלעפּ־קראַפט. ביז וואַנען די מטס קען נאָך ניט אין דער פולער מאָס באַזאָרגן דעם קאָלווירט מיט דער נייטיקער טעכניק, האָט די קאָלווירט־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן אײַנקויפן נאָך פערד. צווישן די, וואָס זײַנען אָנגעמערקט געוווען צו פאָרן אײַנקויפן זיי, איז געווען אויך עליע.

— וועסט זיך א ביסל דורכפאָרן, צעשטרייען זיך, זען מענטשן אין די דערפער, — האָט אים דער פאָטער אײַנגערעדט. — איר וועט פאָרן אין אונדזערע קאַנטן. דאָרטן וועסטו זיך ארומקוקן און עפשער אָנקומען לערנען.

עליע האָט זיך געוואַקלט, נאָר סאָפקאָלסאָף מאַסקים געווען צו פאָרן. ער וועט דאָך האָבן א מעגלעכקײַט זיך טרעפן מיט מינען, פון וועלכער ער האָט שוין לאַנג קיין בריוו ניט געהאַט.

דער וועג איז געווען א לאַנגער און א שווערער. עס איז דורכגעגאַנגען א וואָך און צוויי, און קיין שום יעדיעס פון די, וועלכע זײַנען אוועקגעפאָרן נאָך פערד, זײַנען ניט אָנגעקומען. פּלוצעם האָט זיך אַראָפּגעיאַוועט סענדער קלאַפּטער:

— אוי, האָבן מיר אײַנגעקויפט שושים... סיינהײַטן... קאַרטינקעש... די בײַטסן מעגט איר באַהאַלטן...

— ווו זײַנען די איבעריקע שעליכים? — האָט אווראָם געפרעגט.

— זיי פאָרן מיט די פערד, אינגיכן וועלן זיי קומען.

ס'איז דורכגעגאַנגען נאָך א וואָך, און קיינער האָט זיך ניט געיאַוועט. ערשט אַף דער צווייטער וואָך, שפּעט באַנאַכט, ווען אווראָם האָט זיך שוין געקליבן לייגן שלאָפן, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

— ווער איז דאָס?

— דאָס בין איך.

לויטן קאָל האָט אווראָם דערקענט, אַז דאָס איז עליע. ער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

— וואָס האָט פּאַסירט?.. פאַרוואָס זײַט איר אַזוי לאַנג געפאָרן?

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט עליע געזאָגט:

— קום גיכער צום וואָקזאַל, פּיניע וואַרט דאָרטן...

ווען אווראַם איז געקומען מיט עליען צום וואָקזאַל, האָט ער דערזען פּיניען, שטייענדיק בא דער טיר פֿון דער טעפּלושקע. זײַן פּנים איז גע־ווען שוואַרץ און פֿאַרצאַרנט, ווי נאָך אַן אומגליק.

— וואָס איז געשען? — האָט אווראַם אומרויִק אַ פֿרעג געטאָן.

פּיניע האָט ברייטער צעעפֿנט די טיר און מיט אַ טרויעריק קאָל געזאָגט:

— נו, גיט אַ קוק... וואָס פֿאַר אַן אומגליק...

אווראַמען איז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט גיך אָנגעציילט פֿינף מאָגערע פֿאַדלעס און דרײַ געפֿייגערטע.

— סענדער האָט דאָך געזאָגט, אַז צען האָט איר געקויפֿט? — האָט אוו־ראַם מיט אַ געדריקט קאָל געפֿרעגט.

— צוויי זײַנען נאָך אין אָנהייב וועג געפֿייגערט, — האָט פּיניע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ דערקלערט.

8

לאַנג האָט עליע ניט געקענט קומען צו־זיך נאָך דעם, וואָס עס איז געשען אין וועג מיט די פֿערד. אויסגעדערציילט האָט ער אַלץ, וואָס ס'האָט פּאַסירט, ניט מיטאַמאָל, דערמאָנט זיך יעדער מאָל אַלץ נײַע און נײַע איינצלהײַטן, וויִאַזוי ס'איז אַלץ פֿאַרלאָפֿן.

געשען איז דאָס אַזוי:

די צען פֿערד האָבן פּיניע און עליע געקויפֿט ניט מיטאַמאָל. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען איבער דערפֿער, אויסגעוועזן אויף עטלעכע יאַרידן, געדונגען זיך מיט די באַלעבאַטים, וועלכע האָבן אַרויסגעפֿירט פֿערד פֿאַרקויפֿן. פּי־ניע און סענדער, אַלטע באַלעגאַלעס, זײַנען געווען מעווינים אויף פֿערד. זיי האָבן בייסן דינגען זיך דורכגעיאָגט די אײַנגעהאַנדלטע פֿערד, האָבן זיי אוועקגעפֿירט אין דער אַלטער היימשטאָט, אוועקגעשטעלט אין אַ שטאַל בא אַ באַקאַנטן געוועזענעם באַלעגאָלע, און ווײַטער זיך געלאָזט גיין איבער די דערפֿער און יאַרידן. פֿינף פֿערד האָבן זיי געקויפֿט בא אַ צי־גײַנער פֿאַר ביליקע פּרײַזן, און זיי זײַנען געווען זיכער, אַז זיי האָבן גע־כאַפּט אַ מעציִע. נאָר ווען מע האָט אַרויסגעפֿירט די פֿערד צום וואַגאָן און סענדער איז שוין אוועקגעפֿאָרן אהיים צוגרייטן אַלץ אויפֿצונעמען זיי, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פֿערד, וועלכע מע האָט געקויפֿט באַם ציגײַנער, זײַנען געווען אָנגעבלאָזענע, די לופֿט, וואָס איז געווען אָנגעפּאָמפּעט אין זיי, האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין, — איז געבליבן הויט און ביין. איינס פֿון די פֿערד איז געווען אַ קראַנקס און איז געפֿאַלן אינעם ערשטן טאָג, אויף מאָרגן איז געפֿייגערט נאָך אַ פֿערד. מע האָט זיי אַרויסגעוואָרפֿן אין וועג. דרײַ זײַנען אויסגעגאַנגען איינס נאָכן אַנדערן, ווען דער צוג האָט זיך שוין דערנעענטערט צו די טאַווריער סטעפּעס.

דערשיטערטע פֿונעם געשעענעם, האָבן עליע מיט פּיניען קוים זיך דערשלעפּט אהיים. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן ווערן וואַרעמער. אין קאָלווירט איז שוין געגאַנגען אַ העפֿטיקע צוגרייטונג אויף אַרויסצוגיין אין פֿעלד, און די געבליבענע פֿערד, אויף וועלכע מע האָט אַזוי אַרויסגעקוקט,

האָבן געגויסעסט. פונדעסטוועגן האָט מען זיי אדאנק דעם גוטן אופזיכט געראַטעוועט.

ווידער איז געקומען איוואַן ניקיטיטש העלפן דעם קאָלווירט. דאָס ניט־דערזייטע שטיקל ערד, אפן קלין פון די ווינטער־טווועס, האָט מען פאַר־זייט מיט ריינסאָרטיקן, צוגעפּאסטן צו די היגע קלימאַטישע באַדינגונגען, זומער־ווייץ. צו דער צײַט איז שוין אַף דעם איבערגעזייטן שטעטך געשטאַ־נען בונט־גרינער, זאפטיקער, הויך־אויסגעוואַקסענער ווינטער־ווייץ.

דערזעענדיק די צעוואקסענע, גוט אופגעגאנגענע שפּראָצונגען, וואָס האָבן ווי מיט א געדיכטן גרינעם טעפּיך פאַרשפּרייט די ערד, האָט עליע געלאָזט זיך לויפן צו איוואַן ניקיטיטשן און צום פאָטער אָנזאָגן זיי די פריידיקע בסורע:

— נו, כ׳האָב אומזיסט געפּאטערט זריִע?.. פאַרגלײַכט זיי מיט די ניט־איבערגעזייטע טווועס, וועט איר זען דעם אונטערשייד... איצט קען איך ענטפערן אף אלע טײַנעס...

א גערעטעניש האָט זיך אפן איבערגעזייטן שטעטך באַקומען אין צוויי מאָל א גרעסערע, ווי אפן ניט־איבערגעזייטן. וועגן עליעס דערפאָלג האָט מען גערעדט אף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען אין ראַיאָן. די צײַטונגען האָבן געשריבן וועגן אים און אף פאַרשיידענע אויפאַנים געלויבט.

ווען ס׳איז געקומען דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ראַיאָנער צײַטונג זיך דערוויסן אייניקע גענויקײַטן וועגן זײַן אופטו, האָט עליע געזאָגט:

— לייענט איבער דאָס ארטיקל, וואָס איר האָט געשריבן... איר האָט געפּאָדערט צו באַשטראָפן מיך פאַר צעטרענצלען זריִע.

— יאָ, אָבער מיר ווילן, אז אונדזערע לייענער זאָלן זיך פאַנאַנדער־קלײַבן, ווי־אזוי ס׳איז אלץ פאָרגעקומען, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט זיך פאַרענטפערט. — אין א נײַער זאך איז ניט גרינג גלײַך זיך פאַנאַנדער־קלײַבן.

עליע האָט ניט באַוויזן ענדיקן דעם שמועס מיטן קאָרעספּאָנדענט, ווי עס איז אָנגעפאָרן דער אגראָנאָם מיט איוואַן ניקיטיטשן.

דער אגראָנאָם האָט וואַרעם באַגריסט עליען און געזאָגט:

— גוט, וואָס ס׳האָט זיך גוט געענדיקט... קיין זיגער שטראָפט מען ניט!

— איך האָב אים אויך געוואָלט די אויערן אָנדרייען פאַר זײַן שטיפע־רײַ, — האָט איוואַן ניקיטיטש א שמייכל געטאָן. — כ׳האָב זיך גוט דער־שראָקן, ווען כ׳האָב דערזען, אז ער זייט איבעריקע זריִע. נו, זאָל עס זײַן א גוטער אָנהייב, און מיט דעם דערפאָלג דאַרף מען אים באַגריסן.

— דער דאָזיקער מין זייען איז ניט קיין נײַס, — האָט דערקלערט דער אגראָנאָם. — ס׳קען זײַן, אז ס׳איז א צופעליקער דערפאָלג. דעריבער דאַרף מען עס נאָך אויספּרוּוון. מע דאַרף אויסטיילן א פּרוּוו־פעלד, און מיר וועלן נאָך עקספּערימענטירן ווײַטער.

— ריכטיק, זייער ריכטיק, — איוואַן ניקיטיטש האָט הייס אונטערגע־האַלטן דעם פאָרשלאָג. — מ׳דאַרף טאַקע באַלד אף אן אָרט צונויפרײדן זיך מיטן פאָרזיצער וועגן דעם, און זאָל עליע אַרבעטן און לערנען זיך.

— ווּ איז דער פאָרזיצער? — האָט געפרעגט דער אגראָנאָם.

— ער איז אוועקגעפאָרן אין ראַיאָן. ער דאַרף באַלד קומען, — האָט

געזעגטפערט עליע. — קומט אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג, ער וועט, מיסטאַ־מע, אײַנגיכן קומען אַהין.

אין דעם פּאַרזיצערס קאַבינעט האָבן זיי זיך געזעצט באַם ברייטן טיש, און דער אַגראָנאָם האָט פאַרגעזעצט דעם אָנגעהויבענעם שמועס:

— כ׳וועל זיך דורכריידן אין ראַיאָן וועגן שאַפן דאָ באַ אײַך אַ פּרווו־פעלד, באַזאָרגן דאָס פעלד מיט גוטער זריע, מיט באַגיטיקונגען און מיט דער נייטיקער טעכניק.

— אַף אַ קליינעם שטעטל באַ גוטע באַדינגונגען איז ניט קיין קונץ אַראָפּצונעמען אַ גרויסע גערעטעניש, — האָט עליע באַמערקט.

— אָבער קעדיי אָנווענדן אַגראָטעכנישע מעטאָדן אין אַ גרויסן מאַס־שטאַב, דאַרף מען זיי פּרוּװער גוט אויספּרוּװן, — האָט אים דערווידערט דער אַגראָנאָם.

איוואַן ניקיטיטש איז געזעסן, אײַנגעהערט זיך אין זײַנעם געשפּרעך. דער־נאָך האָט ער דערציילט אַ לעגענדע וועגן איינעם אַ פּויערל, וואָס האָט מיטן ביטערן שווייס באַארבעט זײַן שטיקל ערד און קיינמאָל קיין ברויט צו זאַט ניט געגעסן. נאָר איינמאָל האָט אים אָפּגעגליקט און אַף זײַן שטיקל ערד איז אויסגעוואַקסן הויכע געדיכטע טווע, וואָס וועט באַזאָרגן אים און זײַן הויזגעזינד אַ גוט לעבן. האָט אַ בלאָז געטאָן אַ סוכאָוויי, ס׳האָט אַ סמאַליע געטאָן די זון און די טווע איז אומגעקומען. איז דאָס אומגליק־לעכע פּויערל אַ פאַרצאַרנטער אַוועק איבער דער וועלט זוכן אַ מיטל, ווי צו ראַטעווען דאָס ווײַב און קינד פון הונגער־טויט. גייט עס און גייט, דאָס פּויערל, ביז ס׳איז אים אַנטקעגן געקומען אַ מענטש.

— ווּהין גייסטו און וואָס זוכסטו? — האָט געפרעגט דער מענטש.

האָט דאָס פּויערל אים דערציילט, ווּהין ער גייט און וואָס ער זוכט.

— וואָס דאַרפסטו אַזוי ווײַט זוכן, אַז לעבן דיר ליגט אַן אוצער.

— וואָס פאַר אַן אוצער, ליבער מענטש? — האָט דאָס פּויערל פאַר־וווּנדערט געפרעגט.

— מע דאַרף נאָר צו אים זיך דערקלײַבן. ער ליגט, דער אוצער, טיף אין דער ערד.

— ווי־אַזוי זשע זאָל איך זיך דערקלײַבן צו אים?

— אָן, זעסט, פליסט אַ טײַכל. אין טײַכל איז אויך פאַראַן אַן אוצער. גיי צו צו דעם און דערצייל אַלץ אויס, עפּשער וועט עס דיר העלפן אין דײַן צאָרע.

איז אַוועק דאָס פּויערל צום טײַך, אַוועקגעשטעלט זיך אַף די קני, איבערגעציילעמט זיך און געזאָגט:

— טײַכעלע ליבינקס, טו טאָן גנאָד אין גאָטס נאָמען און העלף מיר. אַ גוטער מענטש האָט מיר געזאָגט, אַז באַ דיר ליגט אַן אוצער, איז העלף זשע מיר, מיט מײַן אומגליקלעך ווײַב און קינד... מיר וועלן אויסגיין פון הונגער... מיר האָבן באַגאָסן מיט שווייס אונדזער שטיקעלע ערד, געהאָפט, אַז עס וועט אונדז געבן ברויט, האָט אָנגעטראָגן דעם מערדער סוכאָוויי, וואָס האָט אויסגעזויגן ביז אַ טראָפּן פײַכטקייט פון דער ערד, און דאָס פײַער פון דער טריקעניש האָט אַלץ פאַרברענט. זײַנען מיר געבליבן אָן אַ שטיקל ברויט.

אויסגעהערט דאָס אומגליקלעכע פויערל, האָבן די וואסערן פון טײַכל אָנגעהויבן מורמלען:

— מיר זײַנען גרייט צו שענקען דיר אונדזער אויצער... נעם, אדעראבעו, נעם, אלץ וואָס דו דאַרפסט. אָבער ווי וועסטו דערטראָגן אונדזער געשאַנק און ווי זאָלן מיר קומען צו דיר? דער בייזער גײַסט פונעם סוכאָווייִ און די פײַערן פון דער סמאַליענדיקער זון לאָזן אונדז ניט, ווײַל מיר, די וואסערן, וועלן פאַרלעשן די סרייפעס פון די טריקענישן.

האָט זיך דאָס פויערל צעוויינט און געפרעגט:

— וואָס זשע זאָל איך פאַרט טאָן? מײַן אייגציקע האָפענונג איז דאָך אויף אײַך.

— וויין ניט, פויערל, — האָבן אים די וואסערן פון טײַכל געטרייסט. — ניט קיין סאך איז דיר שוין געבליבן וואַרטן... אינגיכן וועלן קומען מענטשן און וועלן אויסטראַכטן אַזוינס, וואָס וועט דיר העלפן אַרויסבאַקומען פון דער ערד אירע באַהאַלטענע אויצרעס, די וואסערן וועלן קומען צו אײַך.

— אַזוי וועט עס טאַקע זײַן, — האָט זיך אָפּגערופן דער אַגראָנאָם. — נאָר דערווײַל דאַרף מען אַלץ טאָן, אַז ס׳זאָל ניט פאַרלאָרן ווערן קיין טראָפּן פײַכטקייט, וואָס איז פאַראַן אין באָדן, ווײַל דאָס איז טאַקע אונדזער אויצער.

## קאַפּיטל זעקס

### 1

איוואַן ניקיטיטש האָט שוין ניט איין מאָל געשטעלט די פראַגע פאַר דעם פאָרזיצער און פאַר דער פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט, אַז מ׳זאָל באַשטימען עליען פאַר אַ בריגאַדיר פון דער פעלד־בריגאַדע.

— עליע האָט באַוויזן, אַז כאָטש ער איז נאָך יונג, קאָן מען אים פולשטענדיק געטרויען די זאַך, — האָט געטײַנעט איוואַן ניקיטיטש. — כ׳האָב דאָך נאָך ערעוו ווינטער געבעטן, מ׳זאָל מיך באַפרײַען און אָפּלאָזן אַהיים. מיר איז שוין שווער זײַן אָן דער מישפּאָכע... סײַווי וועט זײַן באַ אײַך מײַן צווייטע היים. כ׳וועל אײַך מיט וואָס איך קען סײַווי העלפן.

— עליע וועט זיך טאַקע געוויס ספּראַווען, אָבער מע טאָר אים נאָך ניט אַזוי באַלעסטיקן, — האָט דערווידערט אוראָם. — און ער דאַרף דאָך נאָך פאָרן לערנען. לעכאָלהאָפּאָכעס דאַרף מען אים שיקן אויף קורסן, זאָל ער דערווײַל אַרבעטן אויפן פּרווו־פעלד... נאָכדעם וועלן מיר זען. אויב ער וועט ווערן איצט בריגאַדיר, וועט ער ניט האָבן קיין רו ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט... מיר וועלן האָפן, אַז דער בריגאַדיר וועט געזונט ווערן, אַניט וועלן מיר עמעצן געפינען אויף זײַן אָרט. און דיך, ניקיטיטש, קאָנען מיר נאָך ניט אָפּלאָזן. העלף אונדז, ביז מיר וועלן זיך שטעלן אויף די פיס.

איוואַן ניקיטיטש האָט זיך געקווענקלט און געגעבן אַ האַסקאָמע צו בלײַבן דערווײַל.

הארבסט איז עליע אוועקגעפֿאָרן אַף קורסן, און פֿרילינג־צײַט ווידער זיך גענומען צו דער ארבעט. די ווירטשאַפֿט אין קאָלווירט איז זיך צעוואקסן, דער דויכעק אין הענט האָט זיך אַלץ מער און מער געלאָזט פֿילן. און כאָטש עליע האָט שטאַרק דערווידערט, לאנג ניט געוואָלט געבן די האסקאַמע, דאָך האָט די פֿאַרזאמלונג פֿון קאָלווירט באַשטימט אים פֿאַר בריגאַדיר פֿון דער פֿעלד־בריגאַדע.

די בריגאַדע איז באַשטאַנען מערסטנטייל פֿון עלטערע מענטשן, און אים, א יונגן באָכער, איז געווען ניט באַקוועם מאַכן זיי באַמערקונגען, טאַדלען פֿאַר שלעכטער ארבעט. נאָר פֿאַרבײַגייִין דערשײַנונגען פֿון נאַכלעסיקייט, אָפּגעלאָזנקייט און פֿאָשעט שלעכטער ארבעט האָט ער ניט געקאָנט.

אַף דער ערשטער קורצער פֿאַרזאמלונג, וועלכע עליע האָט אלס בריגאַדיר דורכגעפֿירט מיט זײַן בריגאַדע, האָט ער גענוי דערקלערט יעדן מיטגליד זײַנע היסכײַוועסן און געמאָלדן, אז מע דאַרף שאַנעווען יעדער רעגע, ניט פֿאַרשווענדן אומזיסט קיין צײַט, אויספֿילן יעדע פֿאַרגעבונג פּינקטלעך און געוויסנהאַפֿט.

— צו דער ארבעט דאַרף מען קומען צו א באַשטימטער צײַט, אָן פֿאַרשפּעטיקונגען, — האָט געמאָלדן דער בריגאַדיר.

— דאַרף מען, הייסט עס, אופֿשטיין מיט די הענער, — האָט זיך אָפּגערופֿן שלוימע פֿאַפּעליוכע.

— אויב ס׳וועט נייטיק זײַן — פֿרײַער פֿאַר די הענער, ווײַל א גוטער באַלעבאָס דאַרף אָנהאָדעווען די אויפֿעס, ביז ער גייט אוועק אַף דער ארבעט, — האָט עליע געענטפֿערט ווײַטער. — אין אָוונט וועלן אָנגעמערקט ווערן די נאַריאַדן אַף מאָרגן, יעדערער פֿון אונדז דאַרף ארבעטן געטרײַ, געוויסנהאַפֿט, פֿאַרן אייגענעם קאָוועד און פֿאַרן קאָוועד פֿון דער בריגאַדע... אויב עמעצער וועט שלעכט, נאַכלעסיק ארבעטן, וועט ער אונטערפֿירן אי זיך, אי די בריגאַדע!

אַף מאָרגן, ס׳האָט קוים אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג, איז עליע געקומען אַפֿן ווירטשאַפֿטלעכן הויף פֿון קאָלווירט. ער האָט מיט א באַלעבאַטיש אויג באַטראַכט דעם אינווענטאַר, וועלכער איז געשטאַנען צעשטעלט אָן א סיידער און א ניט צוגעדעקטער. עליע האָט פֿרײַער פֿאַר אַלץ א קוק געגעבן, צי ס׳זײַנען אין אָרדענונג די דיסקעווע אַקערס, די זייעלקעס און אַלץ, וואָס ס׳איז נייטיק צום הארבסט־פֿאַרזיי.

שטיל, אומבאַמערקט איז אָנגעגאַנגען סענדער קלאַפּטער. ער האָט זיך א ווײַלע ארומגעקוקט, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. ער האָט זיך באַגריסט מיטן יונגן בריגאַדיר.

— ש׳איז נאָך, הייסט עס, קיינער ניטאָ? אַבי בא מיר איז סיר די נעסאָמע ניט ארויסגעפֿאַלן, לויפֿנדיק אַהער.

— וואָס הייסט, קיינער איז ניטאָ, — האָט עליע געענטפֿערט, — און איך מיט אײַך?.. עס איז שלעכט, וואָס שוין פֿונעם ערשטן טאָג פֿאַרשפּעטיקט מען צו דער ארבעט.

— איך מיין, אז דו בישט צו פֿרי געקומען, — האָט סענדער געזאָגט.

— מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט, אַז קומען דאַרף מען פרי, נאָך איידער די הענער קרייען, — האָט עליע אים דערמאָנט.

— וואָס איז זיך דאָ וואָס צו אײַלן? ביזן האַרבסט־אַקער איז נאָך דאָ אַ שאָך צײַט.

— וואָס הייסט, אַ סאַך צײַט? — האָט עליע דערווידערט. — מע דאַרף דאָך גרייטן דעם אינווענטאַר, אַלץ באַוואָרענען, וועט מען רויִק קאָנען אַקערן און זייען... באַ אײַך, רעב סענדער, אַז איר זײַט געווען אַ באַלעבאָלע, איז אויך געשטאַנען דער וואָגן אונטערן הימל, ווי דאָ?.. ס׳וועט דאָך אַלץ געפּאַטערט ווערן. איר האָט זיך געזאָרגט, ווײַל ס׳איז געווען אײַער גוטס, וואָס האָט אײַך געקאָרמעט. פאַרוואָס אַרט עס אײַך און אַלע איבעריקע מיטגלידער פון אונדזער בריגאַדע איצט ניט? מיט וואָס וועלן מיר זייען, אַז די סאָשניקעס פון די זייעלקעס וועלן פאַרזשאַווערט ווערן? מיט וואָס וועלן מיר שנײַדן, אויב די שנײַד־מאַשינעס וועלן קאַליע ווערן?

— דער אַלטער בריגאַדיר און מיר אַלע האָבן ניט איין מאָל געשטעלט די פראַגע פאַר דער פאַרוואַלטונג וועגן דעם, נאָר מאַטעריאַל אויף איבערצודעקן דעם אינווענטאַר האָט מען ניט געקאָנט קריגן, — האָט סענדער זיך פאַרענטפערט.

— מע דאַרף נאָר וועלן, וועט מען אַלץ געפינען. וואָסי, ס׳איז דען שווער צו קריגן אַ פּאָר דרענגלעך? און מיט וואָס פאַרדעקן קען מען אויך קריגן...

עס זײַנען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר מיטגלידער פון דער בריגאַדע, און עליע האָט געהייסן צוטרעטן צו דער אַרבעט.

— די, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט, וועלן מיר דאָס ערשטע מאָל מאַכן אַ וואָרענונג, — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן יעדערן, וואָס צו טאָן. — ס׳איז קלאָר?

— קלאָר, — האָבן אין איין קאָל אַלע געענטפערט.

— איז לאָמיר צוטרעטן צו דער אַרבעט.

## 2

אין עטלעכע טעג אַרום איז די פעלד־בריגאַדע, נאָכן פּרווו־אַרויספאָר, צוגעטראָטן צום האַרבסט־אַקער. גאַנצפרי, איידער די טראַקטאָרן, די פורן מיט די באָראָנעס זײַנען געקומען אין פעלד, איז שוין עליע געווען אויף אָן אָרט. ער האָט אויסגעמאָסטן דעם שעטעך, וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר ביידע טראַקטאָרס, צעטיילט אים אויף צוויי כאַלאָקים. נאָכדעם האָט ער אָנגעמערקט דאָס אָרט, וווּהין מע וועט צופירן דעם ברענשטאָף און ווו מע וועט אַוועקשטעלן דאָס בײַדל פאַר די טראַקטאָריסטן.

ער איז דערנאָך ניט אָפּגעטראָטן פון די טראַקטאָרן, אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן גוט אַרבעטן. ביז וואַרמעס־צײַט האָט עליע באַוויזן זײַן צו צוויי מאָל אויף ביידע ערד־כאַלאָקים.

— ער רוט דאָך קיין מינוט ניט אײַן, אונדזער נײַער בריגאַדיר, — האָט פּיניע יעגעס געזאָגט צו זײַן ווײַב, די קעכן פון דער בריגאַדע.

צו ווארמעס האָט זי געבראַכט צוויי טשאַנען מיט הייס געקעכץ. עליע האָט זי אופגעוועקט פאַרטאָג און שטרענג אָנגעזאָגט, אַז דער ווארמעס זאָל זײַן צו דער מינוט פּאַרטיק. איצט האָט זי צעשפּרייט א גרויסן ברע־זענט, צעשטעלט אַף אים די ווײַסע אַליומיניענע שיסעלעך און אָנגעשניטן ברויט אַף א גרויסער טאַץ. די טראַקטאָריסטן און זייערע באַהעלפער האָבן מיט אַפּעטיט אופגעגעסן דעם אַראָמאַטנעם אוקראַיִנישן באָרשטש און די הייקענע קאַשע מיטן גוט צוגעבראָטענעם פלייש. עליע האָט דערווײַל באַטראַכט די אופגעאַקערטע ערד, באַמערקט אייניקע כעסרוינעס, און איידער די טראַקטאָריסטן זײַנען נאָך ווארמעס צוגעטראָטן צו דער אַר־בעט, אָנגעוויזן זיי אַף די פעלערן.

— עך, ברודערל, דו מיינסט שוין טאַקע, אַז מ׳קען יעדעס שטיינדעלע צעמאָלן, ווי אין א מיל, — האָט א באַליידיקטער זיך אָפּגערופן זיאַמע מעצנער — ניט קיין הויכער, געזעצטער באָכער, מיט א קײַלעכדיק פּאָ־נעם. — ס׳טרעפט, אַז דער לעמעש שפּרינגט אַמאָל אַרויס פון דער ערד, באַקומען זיך ניט קיין גלײַכע באַראָזדעס.

— איך ווייס, ווי א טראַקטאָר אַקערט, — האָט דערווידערט עליע. — איך מיין, אַז דאָס אָרט וועט מען דאַרפן איבעראַקערן.

— וואָס הייסט?! — איז אַזש אופגעשפּרונגען אַן אופגעבראַכטער דער צווייטער טראַקטאָריסט, יעפים גאָנטאַוו, — פאַרוואָס דאַרף מען איבער־אַקערן?.. צוויי מאָל וועלן מיר ניט אַקערן! און די נאָרמעס? ווען וועלן מיר דאַן אויספּילן די נאָרמע?

— היץ זיך ניט, טײַערער, — האָט דער בריגאַדיר אים באַרויִקט. — שרעק זיך ניט אַליין און שרעק מיך ניט. איך בין ניט פון די שרעקעוו־דיקע. קיין שלעכטע אַרבעט וועל איך ניט צונעמען.

— מיר אַקערן בא אײַך ניט ערגער, ווי אין אַנדערע ערטער, — האָט יעפים געהעדט שוין עטוואָס געלאַסענער. — דאָס ערשטע מאָל הער איך, אַז מיר אַקערן ניט גוט.

— איז טאַקע זייער שלעכט, אויב מע נעמט צו אַזאַ אַרבעט בא אײַך. איך וועל אַזאַ אַרבעט ניט צונעמען, — האָט אַנטשיידן געזאָגט עליע. — איר ווילט הײַנט אויספּילן די נאָרמע, אַקערט ווײַטער, און אַקערט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נאָר כ׳וואָרן אײַך, אַז סײַווי וועט איר דאַרפן דאָס אָרט איבעראַקערן. קלאָר?

— דאָס וועלן מיר נאָך זען. וועגן דעם וועלן מיר, בריגאַדיר, מיט דיר נאָך א דינג טאָן זיך, — האָט זיך אָנגערופן זיאַמע מעצנער.

— איך זאָג אײַך פאָרויס, אַז איר וועט גאָרנישט ניט אויסדינגען, — האָט געמאָלדן עליע און זיך געלאָזט גיין א קוק טאָן, צי די פּעסער מיטן ברענשטאָף זײַנען באַוואָרנט.

— א שווערער מענטש איז אײַער בריגאַדיר! — האָט עליע פונווײַטן געהערט א קאָל. — ער וועט אײַך פאַרמוטשען... א צו הייסער איז ער!

— נישקאָשע, ס׳וועט אים גיך נימעס ווערן, איר וועט זען, אַז ס׳וועט אים נימעס ווערן, געדענקט מײַנע ווערטער. ער איז, זאָגט מען, ניט לאַנג געוואָרן א בריגאַדיר, דערפאַר איז ער אַזוי הייס, א נײַער בעזעם קערט ריין.

— איר קענט אים ניט. ער וועט נאָך הייסער ווערן, — האָט זיך דער־טראָגן אן אנדער קאָל — סענדערס. — ס׳איז אזא מענטש, וואָס ווערט קיינ־מאָל ניט מיד. ער טרײַבט קיינמאָל קיינעם ניט, נאָר מע לויפט אליין אים נאָך, ווײַל קיינער וויל פון אים ניט אָפּשטיין.

— אויב אזוי, וועט אײַך אויסקומען שטארק זיך אונטערגארטלען, — האָט זיך ווידער דערהערט דאָס ערשטע קאָל, — מיר זײַנען אײַך ניט מע־קאַנע.

— מיר וועלן זיך טאקע אונטערגארטלען. נו, איז וואָס? — האָט זיך אָפּגערופן סענדער קלאָפּטער.

נאָך די פאָרווורפן, וועלכע דער בריגאדיר האָט געמאכט די טראקטאָ־ריסטן, האָבן זיי אָנגעהויבן ארבעטן בעסער.

עליע האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין פעלד. קיינער האָט ניט גע־ווּסט, ווען ער קומט אהער און ווען ער גייט אוועק. אפילו דאַן, ווען ער פלעגט אָף געציילטע שאָען זיך ארויסרײַסן אהיים, איז זײַן נעשאָמע אויך געווען דאָ. ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדן ווינטעלע, נאָך יעדן ציטער פון אן ערשט־אויסגעפּיקטן שפּראָצלינג, וועלכן מ׳דארף אָנהאָדעווען און געבן קויכעס צו וואקסן. קיינער האָט אזוי ניט נאָכגעקוקט, ווי ס׳פארגייט די זון און ווי זי גייט אויף, פון וועלכער זײַט ס׳בלאָזט דער ווינט און וואָס ער טראָגט מיט זיך — א וואָלקן אָנצופּאָיען דעם סטעפּ, אָדער א גיריקן דאָרשט אויסצוזויגן דעם לעצטן טראָפּן פײַכטקײַט פון אים.

ס׳איז געגאנגען א טאָג נאָך א טאָג. די מיטגלידער פון דער בריגאדע און די טראקטאָריסטן האָבן זיך אלץ מער צוגעוווינט צו דעם נײַעם ברי־גאדיר, צו זײַנע שטרענגע פאָדערונגען, צו זײַן ארבעטזאמקײַט, מיט וועל־כער ער האָט אלעמען אָנגעשטעקט. זיי האָבן געוווּסט, אז דער בריגאדיר זעט אלץ, באמערקט יעדע קלייניקײַט, לאָזט גאָרנישט ניט דורך פארבײַ. ס׳טאָר זיך גאָרנישט ניט וואלגערן, אלץ דארף זײַן אָף אן אָרט, אומעטום דארף זײַן אן אָרדענונג.

פון אָנהייב איז געווען שווערלעך, נאָר ביסלעכווײַז איז אלץ געוואָרן א געוווינהײַט און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אז אנדערש קען ניט זײַן.

— ס׳טרעפט כאָטשבי אמאָל, בריגאדיר, אז דו זאָלסט קיין פעלערן ניט באמערקן? — האָט יעפים גאָנטאַוו אין א גוטמוטיקן טאָן א פרעג געטאָן.

— ס׳טרעפט, אז מע פילט אויס אן ארבעט גוט, נאָר מע קאָן דאָך שטענדיק מאכן נאָך בעסער, — האָט עליע געענטפערט.

— און אז מע ארבעט אזוי, אז בעסער קאָן שוין ניט זײַן?

— ס׳דוכט זיך נאָר, אז מע קאָן שוין בעסער ניט, — האָט געזאָגט עליע. — מ׳קאָן... איר פארשטייט, כעוורע, ווען איך פאָדער פון אײַך ניט און גיב אײַך נאָך, וואָלט איר געארבעט אלץ ערגער און ערגער. און איצט דארף איך אײַך זאָגן, אז פון מאָל צו מאָל גייט בא אײַך די ארבעט אלץ בעסער און בעסער.

די טראקטאָריסטן איז שטארק אָנגענעם געווען, וואָס זיי האָבן סאָף־קאָלסאָף דערהערט א גוט וואָרט פונעם בריגאדיר.

3

אין אָנגעשטרענגטער האָרעוואַניע איז דורכגעגאַנגען דער האַרבסט. ווי שווער ס׳איז ניט געווען, האָט מען דאָך באַוויזן אופֿאַקערן דעם גאַנצן שעטעך, וועלכער איז געווען אָנגעמערקט פֿאַרן פֿאַרזיי. עטלעכע מאָל איבערגעבראָכנעווער איים און פֿאַרזייט דעם גאַנצן ווינטערקלין.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן ווינטערן, ווען די טראַקטאָריסטן האָבן פֿאַרלאָזן די פֿעלדער פֿון קאָלווירט, און די מיטגלידער פֿון דער בריגאַדע, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זיי געאַרבעט, האָבן זיך געדאַרפֿט אַריבערקלײַבן אין ייִשעוו. געזעגנט האָט זיך עליע מיט די טראַקטאָריסטן וואַרעם, גוטברודעריש. פֿאַר זייער אָפּפֿאָרן האָט ער אין וואַגאָנטשיק אַפֿילע גענומען מיט זיי צו קאַפּעלעך ווײַן.

— נו, ברידערלעך, איר ווילט, מיסטאָמע, מע זאָל אָפּשאַצן אײַער אַרבעט, — האָט עליע, בעמענדיק אין האַנט אַ גלאָז ווײַן, געזאָגט. — ווער, מיינט איר, קען אָפּשאַצן די אַרבעט?

— אין דער ערשטער ריי — דער בריגאַדיר, וועלכער האָט געאַרבעט מיט אונדז, — האָט זיך אָפּגערופֿן זיאַמע מעצנער.

— ניין, — האָט עליע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איז ווער זשע?

— די פֿאַרוואַלטונג, די מטס, — האָט אונטערגעזאָגט יעפֿים גאָנטאָוו.

עליע האָט אַ ווײַלע געוואַרט, עפּשער וועלן די טראַקטאָריסטן אַליין זאָגן, ווער ס׳וועט זײַן דער אָפּשאַצער פֿון זייער אַרבעט, דערנאָך האָט ער אַליין אָנגערופֿן:

— די גערעטעניש — אָט ווער ס׳וועט אָפּשאַצן אײַערע און אונדזער אַרבעט.

האַרציק־וואַרעם אַרויסבאַגלייט די טראַקטאָריסטן, האָט די פֿעלד־בריגאַדע אומגעקערט זיך אין ייִשעוו. אין דעם זעלבן טאָג האָט עליע באַקומען אַ בריוו פֿון מינען. זי האָט געשריבן, אַז זי האָט געוואַרט אָף זײַן קומען און שוין פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג ווען־עס־איז באַגעגענען זיך מיט אים.

עליע איז איצט, ווען ער האָט זיך באַפֿרײַט פֿון דער פֿעלד־אַרבעט, גרייט געווען גלײַך לאָזן זיך אין וועג. אָבער די טאָגטעגלעכע זאָרגן פֿון דער בריגאַדע האָבן אים ווידער פֿאַרכאַפּט, פֿאַרדרייט, און נאָר ווען עס איז שוין געווען טיפֿער ווינטער, האָט ער זיך אַרויסגעריסן און אַוועקגעפֿאָרן.

אומגעקערט האָט ער זיך אַ צעטראָגענער. פֿון די קורצע נײַס, וועלכע ער האָט דערציילט דער מוטער, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס פֿאָרן צו מינען האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סאַך אַגמעסנעפֿעש, דאָס מיידל וויל ניט אומקערן זיך אַהער און ער האָט ניט קיין כיישעק צו באַזעצן זיך אין שטאָט.

זעלדע האָט באַמערקט, אַז דער זון פּײַניקט זיך, געפֿינט זיך קיין אָרט ניט, ווייסט ניט, וואָס צו טאָן. יעדן בריוו פֿון מינען האָט עליע געלייענט

עטלעכע מאָל און א סאך געטראכט, ווען ער האָט איר געשריבן אַן ענטפער.

...דער ווינטער איז דורכגעגאנגען גיך. די ווארעמע ווינטן און די בלענדיק־העלע זון־שטראלן האָבן אָנגעזאָגט, אז ס׳גייט דער פרילינג, אז די פארזייטע זוימען פונעם ווינטער־ווייץ הייבן אָן אופוואכן. דעם פארזיי פון די זומער־טוועס און דורכאקער־קולטורן האָט עליעס בריגאדע דורכ־געפירט זייער שנעל. ביז ס׳האָבן זיך באוויזן שפּראָצלינגען אפן זומער־קלין, האָט מען שוין באוויזן אונטערפיטערן די ווינטער־טוועס, און זיי האָבן פאר געציילטע טעג שטארק זיך אופגעהויבן.

גלײַך פון אָנהייב פרילינג זײַנען געווען זייער הייסע טעג. די אָנגע־גליטע ערד האָט אויסגעהויכט ווײַסע דורכזיכטיקע רויכלעך, וועלכע האָבן זיך געקנוילט אין דער קרישטאָל־ריינער לופט און ערגעץ צעשוואומען געוואָרן צווישן גאָלד־שימער פון די ארומשוועבנדיקע זונען־בליטן.

ארויספאָרנדיק יעדן טאָג צו די יונגע טוועס, האָט עליע געזשמורעט די אויגן און געקוקט אפן הימל, צי ווײַזט זיך ניט ערגעץ א רעמעז פון א וואָלקנדל. דער הימל איז געווען לויטער־ריין.

אף די גראָזן בא די וועגן און אף דער ניט־אופגעאקערטער ערד האָבן די בלעטער, אין די שאָען, ווען די זון האָט אמערסטן געבאקט, שוין אָנ־געהויבן צונויפדרייען זיך. דאָס האָט בא עליען ארויסגערופן א גרויסן אומרו. נאָר די טוועס, די קוקורוזע, די זונרויזן און די באשטאנעס זײַנען געשטאנען פרישע, אָנגעגאָסענע מיט זאפט און פולע מיט קויכעס ווײַטער צו ראנגלען זיך און אויסשטיין די טריקעניש.

— איין רעגן, כאָטש איין רעגן! — האָט עליע, אופהייבנדיק די אויגן צום הימל, געטײַנעט. — איין רעגן, און מיר וואָלטן געראטעוועט געוואָרן. זאָל כאָטש קיין ווינט ניט אָנהייבן בלאָזן.

ער האָט געראָיעט אין באָדן, געטאפּט מיט די פינגער, צי ס׳איז נאָך געבליבן כאָטש א ביסעלע פײַכטקײַט. דאָ און דאָרטן איז שוין די ערד געווען אָנגעשפּאָלטן. זי האָט געעפנט דאָרשטיקע מײַלער און געבעטן אָטכײַען זי מיט א טראָפּן וואסער. נאָר די זון האָט געברענט און געברענט, אויסלעקנדיק די לעצטע טראָפּנס זאפט פון דער ערד.

פון די היצן, וועלכע הערן ניט אוף צו סמאליען, און פונעם ווייטעק, וואָס די טוועס קומען אום, איז עליע געוואָרן אזוי פארכוישעכט, אויס־געדארט, אז די מוטער, וועלכע האָט אים עטלעכע טעג ניט געזען, איז שיר ניט געפאלן אין כאַלאָשעס, ווען ער איז געקומען אהיים.

— וואָס איז מיט דיר, מײַן זון? גיב א קוק אף זיך, ביסט שוין אף קיין מענטשן ניט ענלעך. עפשער ביסטו קראנק געוואָרן? זאָג מיר דעם עמעס...

— כ׳בין געזונט, מאמע, נאָר זעסט דאָך, דער סטעפּ ברענט... אזויפיל קויכעס האָבן מיר אוועקגעלייגט, און ס׳ווערט אלץ פארפאלן...

א פארמאטערטער און א פארביטערטער האָט זיך ארײַנגעוואלגערט אין שטוב אוורהאָם.

— ווּ ביסטו עס געווען? ווּ דער סטעפּ האָט אַן עק, האָב איך דיך אַרומגעזוכט... כ׳האָב געמיינט, די בייזע שאַ זאָל ניט זײַן, אַז ס׳האָט מיט דיר עפּעס פּאַסירט.

— וואָס קען מיט מיר פּאַסירן? — האָט עליע געענטפערט. — דו ווייסט דאָך אַליין, אַז די טוועס קומען אום. איז ווי קען איך אײַנזיצן? ס׳טראָגט מיך כ׳ווייס אַליין ניט וווּהין... — עליע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע זאַנגען און געגעבן דעם פאָטער. אַוראָם האָט זיי צעריבן מיט די פינגער און, שפּיגלענדיק זיך מיט די קערנער אויף דער דלאָניע, געזאָגט:

— זיי גייען שוין אַרײַן אין דער מילכיקער רײַפקײַט. נאָך אַ ביסל, און זיי וועלן זײַן פּאַרטיק.

— דערפאַר טאָקע יאָגט עס מיך אַרום. כ׳טראַכט נאָר, ווי ראַטעווען מען זיי... אוי, ווען ס׳פאַלט אויס כאָטש איין רעגנדל. וואָס דאַרפן מיר נאָך? איין רעגנדל, און מיר וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן, — האָט געטײַנעט עליע.

— לאָמיר האָפן, אַז מיר וועלן געהאָלפן ווערן, — האָט אַוראָם געטרייסט דעם זון. — דו רו זיך אָפּ אַ ביסל, און איך דאַרף שוין גיין.

— איך דאַרף אויך גיין. דער אוילעם וואַרט אויף מיר, — האָט געזאָגט עליע.

זעלדע האָט אַ כאַפּ געטאָן אים פאַר דער האַנט און אָנגעהויבן בעטן:

— לייג זיך כאָטש צו אויף אַ ווײַלע, פאַלסט דאָך שוין פון די פיס, כ׳וועל דיך אײַנערגעץ ניט לאָזן.

עליע האָט זיך געאַמפּערט מיט דער מאַמען, געראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, נאָר דער שלאָף האָט אים סאָפּקאָלסאָף בײַגעקומען. אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ ווײַלע אויף דער קאַנאַפּע, איז ער טייקעף אײַנגעשלאָפן. זעלדע האָט אים אונטערגעלייגט אַ קישן.

אויפגעוועקט האָט אים אַ שרעקלעכער געהויל. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז צוגעלאָפן צום פענצטער. אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. די פײַפערײַ פון ווינט האָט אים געהודזשעט אין די אויערן און געשניטן ווי מיט מעסערס איבערן האַרצן.

— פאַרפאַלן, איצט איז אַלץ פאַרפאַלן...

דער צעבושעוועטער ווינט האָט געטריבן און געדרייט אינדערלופטן קנוילן שטויב.

— ליבער גאָט, גיב אַ קוק, וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן... ווּ איז דער טאַטע, ווײ איז מיר, — האָט זעלדע אָנגעהויבן ברעכן די הענט.

אַ צעטומלטער איז עליע אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

— וווּהין לויפסטו, וווּהין?! זעסט דאָך, וואָס עס טוט זיך! — האָט זעלדע געשרײַען מיט אַ וויינענדיק קאָל. — טו מיר צוליב, קער זיך אום! גיב אַ קוק — דער הימל מיט דער ערד האָבן זיך אויסגעמישט!

— אָט אַן אָנשיקעניש... פונוואַנען האָט ער זיך גענומען אויף אונדזער קאָפּ? — האָט עליע געמורמלט.

ווען ער קאָן, וואָלט ער זיך געוואָרפן אין געפעכט מיט דער צעיושע־טער כײַע, וועלכע הערט ניט אויף צו ברומען און צו וואָיען.

## 4

ווי נאָר דער ווינט איז א ביסל שטילער געוואָרן, איז עליע ארויסגע־פאָרן אין פעלד א קוק טאָן, צי איז ניט אָנגעטאָן געוואָרן קיין שאָדן דעם פארזיי. נאָך פונוויַיטן, איידער ער איז צוגעפאָרן צו די דורכאקער־קול־טורן, האָט ער דערזען, אז ס׳ליגן אומגעוואלגערט גאנצע רייען קוקורוזע און זונרויזן. זיי זיַינען געלעגן אף דער ערד, ערטערוויַיז איינגאנצן ארויס־געריסענע פון באָדן און ערטערוויַיז — צוגעבויגענע, מיט אנטבלויזטע וואָרצלען. טיפער אין מאסיוו זיַינען די קוקורוזע און זונרויזן געווען אומ־גערירט. מיט א קלאפנדיק הארץ איז עליע צוגעגאנגען צו דער טוווע. דער מאסיוו ווינטער־ווייץ האָט אויסגעזען ווי נעכטן, ערטערוויַיז בלויז אומגעוואלגערט. עליע האָט ארויסגעריסן א פּאָר זאנגען, צעריבן זיי צווישן די פינגער.

„די קערנער הייבן אָן ריַיפן״, — האָט ער א טראכט געטאָן.

ער איז ארומגעגאנגען ארום־און־ארום דעם מאסיוו טוווע און איבער־צייַגנדיק זיך, אז אלץ איז קימאט אין אָרדענונג, האָט ער א טריַיב געטאָן דאָס פערד און איַילִיק זיך געלאָזט פאָרן אהיים — גיכער אָנזאָגן די בסור־רע, אז די טוווע איז גאנץ.

אנטקעגן איז אָנגעפאָרן דער פאָטער. ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן, ביז עליע וועט זיך אומקערן, האָט ער אליין זיך געלאָזט פאָרן א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין סטעפּ. דערזען פונוויַיטן דעם זון, האָט אווראָם אָנ־געהויבן שריַיען:

— גיכער, גיכער זאָג, וואָס הערט זיך?

— אלץ איז קימאט גאנץ!

— גאנץ?! טאקע גאנץ?

— איך זאָג דאָך דיר, אז גאנץ.

פון מויל צו מויל איז דערנאָך אין יִישעוו איבערגעגעבן געוואָרן די פריידיקע נייַעס:

— אלץ אין פעלד איז גאנץ!

א ריַיטער האָט אוועקגעטראָגן זיך אין ראיאָן מיט דער יעדיִעע: „דער הוראגאן, וועלכער האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אונדזער סטעפּ, האָט דער גערעטעניש אין קאָלווירט „סוועַרדלאָוו״ קימאט קיין שאָדן ניט גע־בראכט, בלויז אין אייניקע ערטער האָט ער א ביסל אומגעוואלגערט די דורכאקער־קולטורן. די טוווע האָט ווייניק געליטן און ריַיפט נאָרמאַל״.

אין עטלעכע טעג ארום האָט די פעלד־בריגאדע אָנגעהויבן דעם פּרווור־שניט. ווען מ׳האָט אויסגעמאָסטן דאָס ערשטע אויסגעדראָשענע ברויט, האָט ניט דער פאָרזיצער, ניט דער בריגאדיר, ניט קיינער פון קאָלווירט ניט געוואָלט גלייבן, וואָס זיי זעען מיט די אייגענע אויגן.

— ס׳איז, מישטאמע, א טאָעעס! — האָט געשריִען העכער פון אלעמען סענדער קלאפּטער. — לאָמיר נאָכאַמאָל איבערמעסטן.

מ׳האָט געמאָסטן און איבערגעמאָסטן, און סיַיווי האָט זיך באקומען דאָס זעלבע.

— עפשער איז דאָס נאָר אַף איין פעלד־שעטעך אזוי געראָטן,— האָט ארויסגעזאָגט א סוואַרע פּיניע יעגעס.

אַף מאָרגן איז די בריגאַדע ארויסגעפאָרן שנײַדן אַף אַן אנדער שע־טעך. מע האָט אויסגעדראָשן דאָס אָפּגעשניטענע ברויט, און די גערעטע־ניש איז געווען קימאַט ניט ערגער. בליצשנעל איז די יעדיעה דערגאַנגען אין ראַיאָן. טייקעף איז אַף זײַן „עמקע" געקומען צו פאָרן דער סעקרע־טאַר פון ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און א קאָרעספּאָנדענט פון דער ראַיאָנער צײַטונג. זיי זײַנען אַרײַן אין דער געבײַדע פון דער פּאַרוואַל־טונג, דער סעקרעטאַר האָט געבעטן ארויסרופן דעם בריגאַדיר פון דער פעלד־בריגאַדע, קעדיי זיך דורכשמועסן מיט אים.

עליע איז געקומען פון פעלד א פאַרהאָרעוועטער און א פאַרשטויבטער.

— איר זײַט דער בריגאַדיר פון דער פעלד־בריגאַדע? — האָט געפרעגט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— איך,— האָט זיך אָפּגערופן עליע.

— קאָן איך אײַך באַגריסן מיט אײַער דערפאָלג,— דער סעקרעטאַר האָט אים א דריק געטאָן די האַנט,— דערציילט אונדז, וויאַזוי האָט איר זיך דערשלאָגן אזא גערעטעניש.

— ס'איז א מין נעס און גאָר,— האָט זיך אַרײַנגעמישט אווראָם.— נאָך אזויפיל ניסיוינעס, וועלכע מיר האָבן איבערגעטראָגן, איז שווער אפילע צו גלייבן, אז מיר האָבן א גוטע גערעטעניש.

— קיין שום ניסים, כאַווער מעהודין, זײַנען דאָ ניט פאַראַן. ניט מיט שפּרוכן, נאָר מיט די הענט האָט דער בריגאַדיר און די גאַנצע פעלד־בריגאַדע פאַרקישעפט די ערד,— האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר.— איז דערציילט אונדז, כאַווער בריגאַדיר, וויאַזוי האָט איר זיך דערשלאָגן דעם דערפאָלג?

— מיר האָבן געאַרבעט, ניט געזשאַלעוועט קיין מי,— האָט עליע קורץ געענטפערט.

— דאָס פאַרשטייען מיר אליין,— האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר.— אָבער וויאַזוי האָט איר אָרגאַניזירט די אַרבעט? וועלכע אַגראָטעכנישע מיטלען האָט איר אָנגעווענדעט?.. גוטע, אַרבעטזאַמע מענטשן האָבן מיר אין א סאַך קאָלווירטן. פונדעסטוועגן נעמען זיי ניט אַראָפּ אזא גערע־טעניש... צו אכט און דרײַסיק צענטנער פון א העקטאַר איז אין אונדזערע באַדינגונגען א דערשײַנונג ניט קיין געהערטע.

— איך האָב אליין ניט געוווּסט, אז ס'וועט זיך בא אונדז באַקומען אזא גערעטעניש... איך און די מענטשן פון דער פעלד־בריגאַדע האָבן אַלץ געטאָן, וואָס ס'איז געווען אין אונדזערע קויכעס, אז די ערד זאָל געבן ווי מעגלעך וואָס מער...

— אָבער וואָס קאָנקרעט האָט איר אָנגעווענדעט? דערציילט אונדז גע־נויער,— האָט דער קאָרעספּאָנדענט געבעטן.— מיר ווילן וועגן דעם דער־ציילן די לייענער פון אונדזער צײַטונג. עס זײַנען דאָ א סאַך בריגאַדירן, וועלכע ווילן נאָכטאָן אײַער בײַשפּיל, נאָר מע דאַרף זיי דערציילן, וויאַזוי האָט איר געאַרבעט. פון וואָס האָט איר אָנגעהויבן, וועלכע שוועריקײַטן זײַנען געווען בא אײַך, וויאַזוי זײַט איר זיי גוויווער געווען?

עליע האָט ניט געוווּסט פון וואָס צו אָנהייבן.

— ס׳איז, דאַכט זיך, גרינגער אַרבעטן, איידער ענטפערן אויף אַזויפיל פראַגן, — האָט ער זיך אַ כאַכמע געטאָן.

— פאַרשטייט זיך, ס׳איז ניט גרינג אַזאַ גערעטעניש צו באַקומען, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר. — אַ סאַך מעסירעסנעפּעשדיקע מי האָט איר אַריינגעלייגט, אַ סאַך גרויסע שוועריקייטן האָט איר גויווער געווען, ניט ווייניק אַקשאָנעס האָט איר געדאַרפט אַרויסווייזן, קעדיי בייצוקומען די סטיכיִע. אָבער צו דעם אַלעמען פאָדערן זיך נאָך קענטעניש, דער־פאַרונג, איז דערציילט זשע אונדז וועגן דעם.

באַם בריגאַדיר האָט צוביסלעכווייז צעבונדן זיך די צונג. ער האָט אָנ־געהויבן בעהאַדראַגעדיק דערציילן, וויאַזוי ער האָט אָרגאַניזירט דעם קאַמף פאַר דער גערעטעניש, וויאַזוי ער איז בייגעקומען אַלע מעניִעס און שטערונגען. גערעדט האָט ער שטיל, געלאַסן, צוגעפּעפערט דעם געשפּרעך מיט כאַכמעס. דער קאָרעספּאָנדענט האָט אים פאַרגעבן אַלץ נייע און נייע פראַגן און פאַרנאָטירט אין נאָטיץ־ביכל די ענטפערס. נאָכ־דעם האָט ער גענומען אויספרעגן גענויִקייטן פון עליעס לעבן און פון זיין פאָטער — דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט. אויף די פראַגן האָבן געהאָלפן ענטפערן די מיטגלידער פון דער בריגאַדע, וועלכע זיינען געווען דערביי.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, וועלכער האָט בייסן שמועס פונעם קאָ־רעספּאָנדענט מיטן בריגאַדיר געפירט אַ געשפּרעך מיטן פאָרזיצער פון קאָלווירט, האָט צום סאָף אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל:

— די הויכע גערעטעניש, וועלכע עליע מעהודינס בריגאַדע האָט באַ־קומען, איז אַ וויכטיקע דערשיינונג ניט נאָר פאַר אייער קאָלווירט. זי דערווייזט, וואָס פאַראַ דערפאָלגן מע קאָן זיך דערשלאָגן, ווען מיר וועלן באַאַרבעטן אונדזערע פעלדער ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער נאָר איין בריגאַדע האָט דאָך באַקומען בלויז אויף פופצן העקטאַר אַ גערעטעניש פון צוויי און פערציק צענטנער. און אויף פערציק העקטאַר צו אַכט און דרייסיק צענטנער. די דורכשניטלעכע גערעטעניש אין אייער קאָלווירט באַטרעפט ניינצן צענטנער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אויך ניט קיין קליינע גערע־טעניש. איז אָט, טייערע כאַווײרים, וועל איך אייך פרעגן, צי וועט איר זיך קאָנען דערשלאָגן אַ רעקאָרד־גערעטעניש אויף אַ גרויסן שעטעך?

עליע האָט אַ ווײַלע געשוויגן, געקוקט אויפן אוילעם, ווי ער וואָלט זיי פרעגן: „מיר וועלן זיך ספּראַווען מיט אַזאַ אויפגאַבע?״

— מיר וועלן פּרוּוון, — האָט עליע געענטפערט.

## 5

אין די אָרטיקע און אַפילע צענטראַלע צייטונגען האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען וועגן דער גערעטעניש באַ עליע מעהודינס בריגאַדע. אין קאָל־ווירט זיינען געקומען צו פאָרן פאָרזיצערס, בריגאַדירן און אַנדערע טוער פון דער לאַנדווירטשאַפט, קעדיי דערוויסן זיך, וויאַזוי האָט מען דאָ זיך דערשלאָגן אַזאַ גרויסן דערפאָלג. אויפן אַדרעס פון דער פאַרוואַלטונג זיי־

נעך אָנגעקומען בריוו מיט אָנפּראַגעס און ביטעס צו דערקלערן, וואָס פּאַרא מאָסמיטלען די בריגאַדע האָט אָנגעווענדט, קעדיי דערשלאָגן זיך אַזאַ הויכע גערעטעניש. דער ראַיקאָם פון פּאַרטיי האָט הויך אָפּגעשאַצט עליע מעהודינס אופּטו און באַשלאָסן אים רעקאָמענדירן אַלס פּאָרזיצער אין איינעם פון די גרעסערע שכײנישע קאָלווירטן.

— עליע איז באַ אונדז אויסגעוואַקסן, און מיר וועלן אים קיינעם ניט אָפּגעבן, — האָט דער ערשטער דערווידערט שלומיע פּאַפּעליוכע. — מיר האָבן אים אויסגעהאָדעוועט פאַר זיך, פאַרוואָס דאַרפן מיר אים אָפּלאָזן אינדערפרעמד?

ווען צו אוראָמען איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז מע וויל עליען צונע־מען פון קאָלווירט, האָט ער אוועקגעשטעלט די פראַגע פאַר דער פאַר־וואַלטונג, מע זאָל אים באַפרײַען פון דער אַרבעט אַלס פּאָרזיצער, קעדיי, אויב דער אוילעם וויל, זאָל מען דעם זון אוועקשטעלן אויף זײַן אָרט.

— מיר איז שוין שווער צו אַרבעטן. כ׳האָב ניט איין מאָל געווענדט זיך מיט אַ ביטע, מע זאָל מיך באַפרײַען. ווען מע האָט עליען באַשטימט אַלס בריגאַדיר, האָב איך געזאָגט, אַז ס׳איז ניט באַקוועם, אַז אין איין קאָלווירט זאָל דער פאָטער זײַן פאָרזיצער און זײַן זון — בריגאַדיר. די פאַרוואַלטונג האָט זיך דאַן ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם, נאָר איך האָב געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ צײַטווײַליקע זאַך. מײַן עליע איז נאָך גע־ווען יונג, און איך האָב אַלץ געהאָפט, אַז אָט־אָט וועט ער אוועקפאָרן לערנען זיך. נאָר איצט, אַז מע רעקאָמענדירט אים פאַר אַ פאָרזיצער אין אַן אַנדער קאָלווירט, איז זאָל ער, אויב איר ווילט, מיך פאַרבײַטן... ער האָט די גאַנצע צײַט מיר געהאָלפן, און איצט, אויב מע וועט דאַרפן, וועל איך אים העלפן.

די פאַרוואַלטונג האָט איינמוטיק אָנגענומען אוראָמס פאָרשלאָג און, הייס באַדאַנקענדיק אים פאַר זײַן גרויסער אַרבעט, וועלכע ער האָט דורכגעפירט צו שאַפן און צו פאַרפעסטיקן דעם קאָלווירט, האָט זי באַ־שלאָסן ווענדן זיך אין ראַיקאָם מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל רעקאָמענדירן עליען אַלס פאָרזיצער אין דעם קאָלווירט, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן, ווײַל דאָ באַ אונדז וועט ער ברענגען מערער נוצן ווי ערגעץ אַנדערשוווּ.

עליע האָט שטאַרק געבעטן, מע זאָל אים געבן די מעגלעכקײַט נאָך אַ שטיקל צײַט אַרבעטן מיט זײַן בריגאַדע. נאָר די אַלגעמיינע פאַרזאַמ־לונג איז באַשטאַנען אויף אירס, און ער האָט געגעבן די האַסקאָמע בלײַבן דאָ אַלס פאָרזיצער.

ס׳איז געווען אין ברען פון דער פעלד־אַרבעט. עליע איז געוואָרן פאָר־זיצער, נאָר די איניאָנים ניט איבערגענומען באַם פאָטער, און אַלץ איז דערווײַל געגאַנגען ווי פריִער. פונדעסטוועגן האָט ער גלײַך דערפילט, אַז ס׳האָט זיך אַרופגעוואַלגערט אויף זײַנע יונגע פּלייצעס אַ גרויסע לאַסט מיט אָן אַ שיר זאָרג. פון איצט אָן איז ער שוין פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר זײַן בריגאַדע, נאָר פאַרן גאַנצן קאָלווירט, פאַר אַלע זײַנע מענטשן. מע דאַרף מאַכן אַזוי, אַז אַלץ זאָל וואַקסן, מערן זיך און אַנט־וויקלען. ער האָט דורכגעטראַכט פון וואָס אָנצוהייבן. נאָר מיט הוילע הענט קאָן מען דאָך גאָרנישט ניט אופטאָן — מע דאַרף מיטלען. און ווו

נעמט מען זיי? ער האָט באַשטימט ווענדן די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אַף די קערנער־קולטורן. באַ א גוטער גערעטעניש וועט מען קאָנען אַנטוויק־לען די פּיצוכט, אוועקשטעלן זאוואָדלעך אַף איבערצואַרבעטן דאָס מיל־כיקס און די זונרויזן. באַגלײַך מיט דעם וועט מען דאַרפן אופהייבן נײַע שעטאָכים „פּערעוואַל״, פאַרפלאַנצן א ווײַנגאָרטן, פאַרברייטערן דעם סאָד.

די אַלע פּלענער האָבן געוועקט אין אים קויכעס אַף נײַע אופטוען. נאָר דערוויַיל האָט ער געטראַכט און איבערגעטראַכט, געזוכט, וויאַזוי צו מאַכן די ערשטע טריט.

...דערווײַל האָט ער באַשטימט דורכפאָרן זיך אין די אַרומיקע קאָל־ווירטן, א קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך, ווי אַרבעטן מענטשן און וואָס פּאַרא דערפאָלגן זיי האָבן זיך דערשלאָגן.

פאַרבײַוועגס האָט ער געקלערט אַרײַנפאָרן אין דאָרפסראַט זען זיך מיט ליזען. פון זינט זי איז ווינטער, ערעוו נײַ־יאָר, געקומען צו זיי אין קאָלווירט „סווערדלאָוו״ איבערשרײַבן דאָס פּי פונעם יִשעוו, האָט ער ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן איר. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זי איז דאָס ערשטע מאָל אַרײַן צו זיי אין שטוב. ער האָט פונקט געפּריש־טיקט. איר „גוטמאָרגן״ האָט הילכיק אָפּגעקלונגען אין זײַנע אויערן, ער האָט אופגעהויבן די אויגן און א קוק געטאָן אַף איר. זי איז געשטאַנען אַף דער שוועל א מילד־שמייכלענדיקע, אין א גרויען מאַנטל מיט א פּוּ־כיק־ווײַס קעלנערל, אין א געשטריקט וואָלן היטעלע, פון אונטער וועלכן ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען פּעכיק־שוואַרצע צעפּלעך. איר קײַלעכיק פּולב־לעך פּאָנעם איז געווען א ביסל פאַרויטלט.

— איר פאַרמאָגט פּי? — האָט זי מיטן הילכיקן קעלכל געפרעגט.

— מיר פאַרמאָגן א בעהיימע און א טעלעצע, — האָט זעלדע געענט־פערט.

דאָס מיידל האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, באַ וועלכן עליע האָט גע־געסן, אוועקגעלייגט די פּאַפּקע און דערקלערט:

— לויטן באַשלוס פון דער רעגירונג ווערט דורכגעפירט א רעגיסט־ראַציע פונעם פּי... ווי איז אײַער פאַמיליע?

— מעהודין, — האָט זעלדע געענטפערט.

— נאָמען און פאָטערנאָמען פונעם באַלעבאָס?

— אווראָם דאַווידאָוויטש.

— איר פאַרמאָגט, הייסט עס, א קו און א...

— א טעלעצע, — האָט אויסגעכאַפּט זעלדע. — נאָר זי געהערט אונד־זער זון — איליאַ אבראַמאָוויטשן.

— ער ווינט מיט אײַך, צי ער האָט א באַזונדער מישפּאָכע?

— וואָס איז די נאַפקעמינע? ס׳איז זײַנע... ער האָט זי אויסגעהאָדע־וועט... קיין מישפּאָכע האָט ער נאָך דערווײַלע ניט, נאָר ער וועט זי מיר־צעשעם האָבן.

— נו, גוט, — דאָס מיידל האָט פאַרשריבן אין דער „וועדאָמאָסט״ די ענטפערס.

עליע האָט זיך פאַרויטלט. ס׳איז אים געווען ניט באַקוועם, לעמײַ די מוטער האָט אים, דעם קאָמיוגיסט, געמאַכט אין די אויגן פונעם מיידל,

מיסטאמע אויך א קאָמיוגיסטקע, פאר אַן אייגנטימער פון א טעלעצע. נאָר דערוווידערן האָט ער ניט געקאָנט, ווײַל ער האָט דאָך טאַקע אויסגע־האָדעוועט די טעלעצע.

— וואָסי, אונדזער זון טאָר ניט האָבן קיין אייגענע באַלעבאַטישקײַט? ס'איז דען א כעט? — האָט זעלדע זיך אָנגעהויבן פארענטפערן, ווי זי וואָלט לייענען עליעס געדאנקען.

דאָס מיידל האָט אופמערקזאם א קוק געגעבן אפן באָכער, א שמייכל געטאָן צו אים. זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט.

— איר האָט שוין פארשריבן מײַן טעלעצע? — האָט עליע גוטמוטיק געפרעגט.

— ווי זשע, פארשריבן, — האָט די רעגיסטראַטאָרשע אינעם זעלבן טאָן געענטפערט.

— איצט זאָגט, אז איך האָב אָפּגעטאָן א שלעכטע זאך, איך האָב פאר־מערט די צאָל פי אין אונדזער לאנד קימאַט אָף א גאנצער בעהיימע, — האָט עליע געכאָכמעט זיך.

— אוואדע האָט איר קיין שאָדן ניט געבראַכט, — דאָס מיידל האָט ארײַנגעלייגט די „וועדאָמאָסט” אין פאפקע און שוין געוואָלט אופהייבן זיך, נאָר עפּעס זיך פארהאלטן. זעלדע האָט באמערקט, אז ס'ווילט זיך איר ניט אוועקגיין אזוי גיך, און עליע, וועלכער איז קיינמאָל ניטאָ אין שטוב קיין איבעריקע מינוט, קלײַבט זיך אויך ניט אנטלויפן.

זעלדע האָט זיך אָפּגערוקט אין א זײַט, קעדיי ניט שטערן פארברענ־גען זיי. נאָר זי האָט זיך אײַנגעהערט, וועגן וואָס זיי ריידן.

א פּאָר מאָל איז זי צוגעגאנגען צום טיש, געוואָלט מעכאבעד זײַן דעם גאסט, נאָר ניט געוואגט איבערשלאָגן זיי זייער שמועס. סאָפקאָלסאָף האָט זי פונדעסטוועגן פאָרגעלייגט:

— עפשער וועט איר בא אונדז א גלאָז טיי אויסטרינקען... אָדער נאָך בעסער — עפשער וועט איר צובײַסן?

— א דאנק, כ'האָב שוין געפרישטיקט... כ'אײַל זיך זייער, — האָט דאָס מיידל זיך אָפּגעזאָגט.

פונדעסטוועגן האָט זעלדע אוועקגעשטעלט אפן טיש א פּײַנקוכן און אָנגעגאָסן טיי.

כאָטש עליע האָט שוין געהאט געפרישטיקט, האָט ער מיטן מיידל צו־געביסן און אויסגעטרונקען טיי. ליזע האָט זיך געזעגנט מיט זעלדען, באדאנקט איר פארן קיבעד און זיך געלאָזט גיין. עליע האָט זי באגלייט. דורכן פענצטער האָט זעלדע געזען, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן טויער און נאָך לאנג געשמועסט.

„זיי קאָנען זיך ניט צעשיידן, — האָט זעלדע א טראכט געטאָן, — עפּ־שער איז דאָס טאַקע א באשערטע זאך”.

זעלדע האָט געהאט הארצווייטעק, וואָס די לעצטע צײַט, פון זינט ס'איז געוואָרן בא אים אויס מיט מינען, באגעגנט ער זיך מיט קיינעם ניט און זײַנע יונגע יאָרן גייען אוועק אין אומופהערלעכער האָרעוואַניע.

געקומען איז עליע זייער שפעט. פון אווראָמען האָט זעלדע זיך דער־ ווּוסט, אַז ער האָט זיי באַגעגנט, עליען צוזאַמען מיטן מיידל, אַפן קאָל־ווירטישן הויף.

— פונוואַנען איז זי? — האָט זעלדע געפרעגט.

— דאָס איז דער זאָאָטעכניקער פון ראַטנדאָרף.

— קענטיק, אַ וווּיל מיידל, — האָט זעלדע זיך אָפּגערופן.

נאָך דעם, ווי ליזע איז אַוועקגעפאָרן, האָט זעלדע ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך, צי באַגעגנט זיך עליע מיט איר.

— ווער ווייסט? ער פאָרט אין ראַיאָן, און עפּשער כאַפּט ער זיך אַרײַן צו איר, — האָט אווראָם געענטפערט.

איינמאָל האָט זעלדע זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געגעבן דעם זון:

— דו זעסט יענץ מיידל, וועלכע האָט איבערגעשריבן דאָס פּי?

— כ'זע זי, — האָט עליע אָן איבעריקן כיישעק געענטפערט.

— וויפל קען מען זיך גראַבלען אין דער ערד? מ'דאַרף טראַכטן וועגן זיך אויך. פאַרוואָס זאָלסטו ניט דורכפאָרן זיך צו איר?

עליע האָט געשוויגן און געפרווּווט אָפּווענדן זי, מער ניט צו ריידן וועגן דעם.

אינדערעמעסן האָט ער זיך באַגעגנט מיט ליזען אַ פּאָר מאָל אויף באַראַ־טונגען אין ראַיאָן און געווען אויך בא איר אין דער היים.

ווען ס'האָבן זיך באַוויזן אין די צײַטונגען אַרטיקלען וועגן אים און ס'האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו אים בריוו, האָט ער דאַפקע פון איר קיין מינדסט בריוול ניט באַקומען.

„ניט אַנדערש, ס'איז מיט איר עפּעס געשען", — האָט ער געטראַכט.

איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך באַקענט מיט אייניקע שכײניש קאָל־ווירטן, מיט זייער אַרבעט און אויפטוען, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ראַטנדאָרף. דאָרט האָט מען אים באַגעגנט ווי אַ געגאַרטן גאַסט, געמאַכט גאָר אַ פײַנעם קאַבאַלעס־פּאָנעם.

דער פאָרזיצער פון דאָרטיקן קאָלווירט — אַ הויכער מאַנצבל מיט לאַנ־גע הענט און מיט אַ סאַך פּיפּסיקלעך אויף דער ברייטער נאָז, ווי אויף אַן אוגערקע, מיט אַ היפּשן פּליך אויפן קאָפּ — האָט איליאַ אַבראַמאָוויטשן (אַזוי האָט מען איצט אומעטום גערופן עליען) פאַרשאָטן מיט פראַגן: צי ס'איז עמעס, אַז ער האָט מיט דער האַנט אויף יעדן אויסגעזייטן העקטאַר אָפּגעקליבן פערציק מיליאָן זריע־קערנדלעך און וואָס פאַר אַ זריע איז דאָס, צי איז עס טאַקע די נאָרמע, וועלכע מע דאַרף זייען?

ווער ווייסט, וויפל נאָך פראַגן וואָלט ער אים פאַרגעבן, ווען אין פאַר־וואַלטונג לויפט ניט אַרײַן שטאַרק אַ צעטראָגענע דער זאָאָטעכניקער.

— ווּעמען איך זע! — האָט זי פון אומגעריכטקײַט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— איר זײַט באַקאַנט? — האָט דער פאָרזיצער געפרעגט בא עליען.

— יאָ, אוודאי קענען מיר זיך, — האָט ער געענטפערט.

— ווער קען ניט אונדזער זאָאָטעכניקער... ווען ניט זי, וואָלט בא אונדז ניט איין שטיקל פי געפאַלן.

— אַנטשולדיקט מיר...— האָט ליזע א צעטומלטע געזאָגט צום פּאַר־זיצער.— איך דאַרף אײַך זייער דרינגענד האָבן, אף איין מינוטקעלע.

— וואָס ברענט בא אײַך? איר זעט ניט, אז מיר האָבן אזא גאַסט?!..

— אַנטשולדיקט, כאַווער,— האָט ליזע געווענדט זיך צו עליען.— איך דאַרף אף איין ווײַלע דעם פּאַרזיצער... א קעלבל איז קראַנק געוואָרן. כ'האָב מוירע, אז ס'איז עפּעס אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקהײַט. מע דאַרף דרינגענדיק שיקן נאָך א וועטערינאַר.

— ס'פעלט נאָך!— איז דער פּאַרזיצער געוואָרן אומרויק.— קיין איין עפּידעמישער צופאַל איז דאָך ביז איצט בא אונדז ניט געווען.

— מע דאַרף אַפּגיך אַרויסרופן מעדיצינישע הילף,— האָט דער זאָאָ־טעכניקער איבערגעכאַזערט.— איך וועל אף זיך אַזא פאַראַנטוואָרטלעכ־קײַט ניט נעמען.

— זעט איר דאָך, כאַווער,— האָט דער פּאַרזיצער זיך פאַרענטפערט פאַר עליען.— פּונקט איצט דאַרף געשען אזא זאַך. אַנטשולדיקט מיר, פאַרברענגט דערווײַל מיט אונדזער זאָאָטעכניקער. זי וועט אײַך באַווײַזן אונדזער פערמע, און איך וועל זען באַוואָרענען, עס זאָל דרינגענדיק אַרויספאָרן אהער א וועטערינאַר.

— גוט, לאָמיר זיך דערווײַל דורכגיין אף דער פערמע,— האָט צוגע־שטימט עליע.

אין וועג האָט ליזען אָנגעיאָגט דער בריווטרעגער און אָפּגעגעבן איר א צײַטונג. ליזע האָט א קוק געגעבן אין דער צײַטונג. אף דער ערשטער זײַט איז דאָרטן מיט גרויסע אויסיעס געווען געדרוקט: „רעקאָרד־געדע־טעניש פון מעהודינס בריגאַדע".

— איר...

זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אז זיי זײַנען שוין אף דו, און פאַרגעזעצט:

— דו האָסט געשוויגן...

— וואָס — געשוויגן?

— וועגן דעם, וועגן וואָס מע שרײַבט דאָ.

— א,— האָט ער א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— האָסט מיר געמעגט דערציילן... צי דו ביסט שוין גרויס געוואָרן בא זיך...

עס האָט זיך צוריקגעקערט דער פּאַרזיצער.

— א פור איז שוין אַוועק נאָכן וועטערינאַר. קומט א קוק טאָן דעם כוילע...

דערזען אין האַנט באַם זאָאָטעכניקער די צײַטונג, ווו ס'האָט זיך גע־וואָרפן אין די אויגן דאָס אַרטיקל „רעקאָרד־געדרעטעניש פון מעהודינס בריגאַדע", האָט ער געזאָגט:

— ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל מעהודינס בריגאַדע! איר מעגט זיך טאַ־קע גרויסן!..

## 6

דעם גאַנצן וועג האָט עליע געטראַכט וועגן ליזען. ער האָט געפילט, אַז ס'איז איר געווען ניט באַקוועם, וואָס זי האָט ניט געקענט אים שענקען אַ סך אויפמערקזאַמקייט. נאָר גראָד דאָס, וואָס זי איז אַזוי איבערגעגעבן איר אַרבעט, איז אים געפעלן געווען. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אויפן קאָלווירטישן הויף שוין אויף אים געוואַרט דער פאָטער. איידער ער האָט נאָך באַוויזן אויסשפּאַנען דאָס פערד, האָט אים אווראָם צוגעטראָגן די טעלעגראַמע פון געגנטקאָם פון פּאַרטיי. דערלאַנגענדיק זי אים אין האַנט, האָט ער געזאָגט:

— מע רופט דיך אַרויס קיין מאָסקווע.

— מיך? — האָט עליע זיך פאַרוווּנדערט.

— יאָ, מײַן זון, דיך... מע רופט צונויף אַ צוזאַמענפאָר פון די בעסטע מענטשן אין דער לאַנדווירטשאַפט. די אָנפירער פון אונדזער מעלוכע וועלן באַגעגענען זיך מיט אײַך.

ביזוואַנען עליע מיטן פאָטער האָבן זיך דערקליבן אַהיים, איז שוין בײַ זיי אין שטוב געווען פול מיט מענטשן. דער אוילעם האָט באַגריסט עליען.

— פאָרסטו, הייסט עס, קיין מאָסקווע? — איז דער ערשטער צוגעלאָפן צו אים שלוימע פּאַפּעליוכע. — דערצייל, דערצייל דאָרט וועגן אונדזער אַרבעט, זאָל מען טאַקע וויסן!

— ער ווייסט שוין אַליין, וואָס צו ריידן און וואָס צו דערציילן — ער האָט אַליין אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס. ער וועט דערציילן, וועמ'ער זײַנען געווען און וועמ'ער זײַנען מיר געוואָרן, — האָט זיך אָפּגערופן פיניע יעגעס.

זעלדע מיט אווראָמען האָבן גאַסטפרײַנטלעך געבעטן זיצן די אַרײַנגעקומענע מענטשן. דער אוילעם האָט גערעדט, געשמועסט, אַרויסגעזאָגט השערות, וועגן וואָס עס וועט גיין אַ רייד אויף דער באַראַטונג.

זעלדעס פּאָנעם האָט געלויכטן פון פרייד. די טרערן אין אירע אויגן האָבן שעמערירט, ווי פערלדיקע טוי־טראָפּנדלעך, ווען די זונשטראַלן באַשײַנען זיי. אווראָם איז, דוכט זיך, געווען גרייט אַלע געסט אַרומכאַפּן און קושן.

— קומט אַרײַן, קומט אַרײַן, — האָט ער ניט אויפגעהערט אײַנלאַדן די נײַ־אַרײַנגעקומענע.

— ווער האָט עס טאַקע געקענט גלייבן, אַז אײַער זון, רעב אווראָם, אַ זון פון אַן אָרעמען יידישן באַלעגאָלע, זאָל מען רופן אַזש אין מאָסקווע, — האָט ניט אויפגעהערט וווּנדערן זיך פיניע יעגעס.

— ער האָט עס קאָשער פאַרדינט מיט זײַן ביטערער האָרעוואַניע, — האָט געגנומען דאָס וואָרט שלוימע פּאַפּעליוכע. — אומזיסט רופט מען ניט אַהין, ס'רופט דאָך די מעלוכע, ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט?!

צוזאַמען מיט דער פריידיקער איבעראַשונג, וואָס עליע וועט פאָרן קיין מאָסקווע, האָט זעלדען גלײַך אָנגעהויבן עגבערן דער מויעך, וויאַזוי זי וועט אים אויסריכטן אין וועג, וויאַזוי וועט ער זיך אין אַזאַ הוילעך באַווײַזן צווישן מענטשן. נאָך דאַן, ווען זי האָט באַמערקט, אַז דער זון

האָט אָנגעהויבן זיך פאַרקוקן אַף ליזען, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף אַף אים אַרופציִען אַ נײַעם בעגעד. ווי־ניט־ווי איז ער שוין געווען אַ בריגאַדיר, ס׳איז אים אויסגעקומען אַרויסטרעטן אַף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען, פאָרן אין ראַיאָן אַף באַראַטונגען, נאָר זי האָט אַלץ אָפּגעלייגט דאָס אײַנקויפן סקוירע און דאָס נייען, און עליע אַליין האָט זי ניט אונטערגעײַלט.

— זאָרג זיך ניט, מאַמע, מיר וועלן נאָך קויפן, ס׳איז נאָך דאָ צײַט, — לאָמיר זיך ספּראַווען מיט דער פעלד־אַרבעט, — פלעגט ער טײַנען.

אַזוי פלעגט מען אָפּלייגן פון זומער אַף ווינטער, פון ווינטער אַף זומער, און אַפילע דאַן, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן פאָרן מענטשן צו אים, מע האָט אים גענומען פאָטאָגראַפירן, האָט מען אויך ניט געקענט פויעלן בא אים, אַז ער זאָל עפּעס קויפן רעכטס אין ראַיאָן־צענטער. אָבער איצט, ווען ער דאַרף פאָרן קיין מאָסקווע, וועט דאָך זײַן אַ כאַרפּע און אַ שאַנדע, אויב ער וועט אַהין אַראָפּקומען אין זײַנע אַלטע בגאָדים.

— עפּשער זאָל ער אין מאָסקווע עפּעס זיך קויפן? — האָט אוראָם פאָרגעלייגט.

— ניין, פון שטוב וועל איך אים אַזוי ניט אַרויסלאָזן, — האָט זעלדע געזאָגט. — קיין צײַט איז שוין ניט געבליבן, נאָר פון אונטער דער ערד מוז מען עפּעס קריגן. לײַען אַ בעגעד וועסטו דאָך ניט גיין, איז וואָס זשע טוט מען?

און זעלדען איז פּלוצעם אַרײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אין קאָפּ.

— ווייסט, וואָס איך האָב באַטראַכט? וועסט דאָך לאַכן פון מיר... — האָט זי ניט זיכער אָנגעהויבן.

— זאָג שוין, וואָס האָסטו פאַרטראַכט? — האָט מיט אומגעדולד געפרעגט אוראָם.

— עפּשער פון דער געוועזענער קאָלדרע אופנייען אים אַ בעגעד?

— אוי, דו ביסט דאָך טאַקע געראַכט! מיר וואָלט קיינמאָל אַזוינס אין קאָפּ ניט געקומען. אָבער ווער וועט עס אופנייען? ס׳איז דאָך בא קיינעם, דאַכט זיך, דאָ קיין מאַשין ניטאָ.

— סענדער קלאַפּטער און פּיניע יעגעס זײַנען דאָך אַמאָל געווען שטיקלעך שנײַדער, — האָט זיך דערמאָנט זעלדע. — וועלן מיר צוזאַמען זיצן אַ נאַכט מיט אַ טאָג און וועלן אופנייען. קיין אַנדער ברייִרע איז ניטאָ.

אוראָם איז טייקעף אוועק צו סענדערן און צו פּיניען, אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צו סענדערן.

— וואָשי? וואָש איז געסען? — איז סענדער אַן איבערגעשראָקענער אַרויס אין דרויסן.

— דו ביסט, זאָגט מען, געווען אַמאָל אַ שנײַדער? — האָט אוראָם געפרעגט.

— אַ סנײַדער? ווי קום איך צו זײַן אַ סנײַדער, אַז איך בין גאָר געווען אַ באַלעגאָלע, כ׳האָב זיך נאָר געלערנט אַף אַ סנײַדער... וואָשי?

— דו ווייסט דאָך, אַז עליע פאָרט קיין מאָסקווע, דאַרף מען אים אַן אָנצוג אופנייען, — האָט אוראָם דערקלערט.

— אַז אַנצוג וועל איך ניט קענען אופנייען, אונטערהעלפן וועל איך עפּשער קענען. וואָס דאַרפט איר מיך, אַז פּיניע יעגעש איז אַ סנײַדער.

— צו פּיניען וועל איך אויך צוגיין, נאָר דו מוזט אונדז העלפן, ווײַל מאָרגן דאַרף אַלץ זײַן פאַרטיק.

— גוט, — האָט סענדער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווען דאַרף איך קומען?

— באַלד, די מינוט, — האָט געזאָגט אווראָם און איז אוועקגעלאָפן צו פּיניען.

ווען אווראָם מיט פּיניען זײַנען געקומען, איז שוין זעלדע געזעסן מיט סענדערן און באַטראַכט די קאָלדרע, צי ס'וועט זיך פון איר באַקומען אַן אַנצוג.

— אָט איז אונדזער פּאַריזשער שנײַדער, — האָט אָנגעוויזן אווראָם אף פּיניען. — ער האָט נאָך בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע אַ מונדיר געניית איינעם אַ פּאָלקאָווניק.

— איז דאָך אוואַדע גוט, — האָט זעלדע געפרייט זיך.

פּיניע האָט אוועקגעלייגט אפן טיש שער און אײַזן, די נאָדל און פאָ־דעם, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט פון דער היים, אָנגעטאָן די ברילן און פון אַלע זײַטן באַטראַכט די קאָלדרע. נאָך דעם האָט ער אַ רוף געטאָן עליען, וועלכער איז געווען אין שכייניש צימער, און אַראָפּגענומען אַ מאָס.

געאַרבעט האָט דער שנײַדער מיט זײַנע צוויי באַהעלפער — זעלדען און סענדערן — אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי איז אַ האַלבער אַנצוג געווען פאַרטיק.

ווען עליע האָט זיך אינדערפרי אופגעכאַפּט און געוואָלט גיין, ווי גע־וויינלעך, אין דער פאַרוואַלטונג, האָט פּיניע אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט:

— איין מינוטקעלע, מיר מוזן דעם אַנצוג אָנמעסטן, וועסט זיך פאַר־האַלטן, וועלן מיר ניט באַוויזן ענדיקן.

פּיניע יעגעס האָט פון האַנאָע, וואָס דער בעגעד ליגט אף עליען, ווי אויסגעגאָסן, פאַרצויגן דאָס שנײַדערישע לידל:

מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל
ניי איך מיר בעקאָוועד־גאָדל.

אין אָוונט, ווען עליע איז געקומען אַהיים, איז דער אַנצוג שוין געווען פאַרטיק. עליע האָט אים אָנגעמאָסטן. פּיניע האָט געקוועלט פון פאַרגע־ניגן.

— נו, וואָס זאָגסטו? אַן עמעסער מונדיר. אין אים קענסטו זיך שוין באַווײַזן פאַר די גרעסטע מענטשן פון לאַנד.

זעלדע האָט געוואַשן, געפּרעסט, צוגעבייט, ווו מ'האָט געדאַרפט קנעפּ, אַרײַנגעלייגט אַן איבעריק טיכעלע אין טשעמאָדאַן, אפילע אַ נאָדל־פאָדעם האָט זי אים מיטגעגעבן, טאָמער וועט ער דאַרפן עפּעס פאַרנייען.

די מאַשין האָט שוין געוואַרט אף אים, און זי האָט נאָך אַלץ געהאָ־וועט, געגרייט.

— געגוג שוין, מאמע, האָדי צו גרייטן, — איז עליע א פּאָר מאָל אריינ־געלאָפן אין שטוב.

ווען די מאַשין האָט זיך גערירט, האָט זי זיך דערמאָנט, אז זי האָט אים א סאך זאכן פארגעסן אָנזאָגן. איז זי נאָכגעלאָפן און געשריִען:

— זאָלסט געבן, לעמאנאשעם, א טעלעגראמע, גלײַך ווי דו וועסט קו־מען.

— זע, היט זיך, מע קאָן כאָלילע ארונטערפאלן.

— גוט, גוט, מאמע, — האָט עליע זי בארויִקט.

...אפן צווייטן מעסלעס איז דער צוג אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

ארויסגעגאנגען פונעם קאָכיקן וואָקזאל, וועלכער איז געווען איבער־פולט מיט טומל און הו־הא פון די אָנקומענדיקע און אָפּפאָרנדיקע צוגן און פּאסאזשירן, האָט עליע דערפילט דעם אָטעם פון דער ריזיקער שטאָט, מיט איר אומופהערלעכן געווימל פון מענטשן, מיט דער זשומערײַ און הודערײַ פון די געשווינד־יאָגנדיקע אווטאָבוסן, מיט דער קלינגערײַ פון די ארומקרײַזנדיקע טראמוויִען. אים האָט זיך געדוכט, אז די פארקאָ־וועטע אין שטיינער ערד, אָן ארומגעגארטלטע מיט אײַזערנע רעלסן, טרייסלט זיך פון דער ליאזגערײַ און בראזגערײַ, וועלכע הערט ניט אוף אָנצוּוואקסן, ווי א שטורעם־ווינט.

עליע האָט אופגעהויבן די אויגן, געוואָלט א קוק טאָן אף דער זון, נאָר זי האָט זיך ערגעץ באהאלטן אונטער די פילגאָרנדיקע מויערן.

— זעצט זיך, כאווײרים, — האָט אייגער פון די, וואָס האָבן באגעגנט די דעלעגאטן, אָנגעוויזן אף אָן אווטאָבוס.

די דעלעגאטן האָבן זיך צעזעצט אף די אווטאָבוסן און זיך געלאָזט פאָרן.

— גיט נאָר א קוק, ווי ס'קאָכט און רוישט! — האָט עמעצער, קוקנדיק אין פענצטער, געוווּנדערט זיך.

— ס'הודעט און פײַפט, נאָך שטארקער ווי א וויוגע אין סטעפּ, — האָט א צווייטער זיך אָפּגערופן.

בא א געל־גרוילעכן פילשטאָקיקן מויער, לעבן א רוישיקן, ווי א מעכ־טיקער וואסערפאל, פּלאץ, האָט דער אווטאָבוס זיך אָפּגעשטעלט. אפן פאסאד פונעם מויער איז געהאנגען א שילד „גראנד־האָטעל". פונדאנען האָט מען דײַטלעך געזען די באגילדעטע שפּיצן פון ספּאסקער טורעם פונעם קרעמל.

אף מאָרגן אינדערפרי, נאָך פרישטיק, זײַנען די דעלעגאטן אוועק אף דער עפענונג פון דעם צוזאמענפאָר. דורכגעגאנגען די דערבײַליגנדיקע גאס, האָבן זיי דערזען אין זײַן גאנצן פּראכט דעם הערלעכן רויטן פּלאץ. פון דעם געדאנק, אז ער טרעט ארוף אף דער ערד, ווו יעדער שטיין איז אויסגעשליפן פון מיליאָנען טריט פון מארשירנדיקע קאָלאָנעס, האָט בא עליען שטארקער אָנגעהויבן קלאפּן דאָס הארץ. שטרענג האָבן געקוקט אף אים די רויטציגלנע קרעמלער ווענט.

די שעליכים — ערד־ארבעטער האָבן פארהאלטן זיך לעבן דעם לענין־מאווזאָליי.

— לענין, לענין! — האָט עליע געהערט שעפּטשענדיקע שטימען פון די דעלעגאַטן און אַליין אויך געשעפּטשעט דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט. דערנאָך איז מען אַרײַנגעגאַנגען אין גרויסן קרעמל־פּאַלאַץ, ווו ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען דער צוזאַמענפאָר. עליע איז א רעגע געבליבן שטיין אַן איבעראַשטער פון דעם שלאַל ליכט, וואָס האָט אים א שניט געגעבן אין די אויגן. מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער זיך אופגעהויבן איבער די מירמלנע טרעפּ, וואָס פירן צום ראַכוועסדיקן וועסטיבול.

און אָט איז אָנגעקומען די פײַערלעכע מינוט — דער צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן.

...די טעג זײַנען געווען אָנגעזעטיקט מיט רעגעוודיקע אַרויסטרעטונגען, האַרציקע באַגעגענישן און באַלערנדיקע שמועסן, עליע האָט געהאַט א גוטע מעגלעכקײַט אָפּוועגן זײַן אַרבעט אַף א שטרענגער וואָג, אָפּמעסטן זײַנע אויפטוען מיט דער מאָס, מיט וועלכער מע מעסט אָפּ די דערגרייכונגען אין לאַנד. געדוכט האָט זיך אים, אַז קליין און מינדערווערטיק זײַנען זײַנע אויפטוען לעגאַבע דעם, וועגן וואָס ס'רעדט זיך אַף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, אַז קיינער באַמערקט אים דאָ ניט און קיינער געדענקט גאָרניט די רעקאָרד־גערעטעניש פון זײַן קאָלווירט. מע האָט שוין וועגן דעם פאַרגעסן.

צום סאָף פון דעם צוזאַמענפאָר האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און דער צענטראַלער אויספּירקאָם פון פססר האָבן באַשלאָסן באַלוינען א ריי פאָרגעשריטענע פאָרשטייער פון די קאָלווירטן. נאָכדעם איז דער סעקרעטאַר פון וציק צוגעגאַנגען צו דער טריבונע, אַרויסגענומען פון דער פּאַפּקע עטלעכע בויגנס פּאַפּיר און איינציקווײַז גענומען אויסרופן די באַלוינטע צו דער טריבונע. שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט יעדן נײַ־אָנגערופענעם נאָמען.

אומגעריכט האָט עליע דערהערט: „...איליא אַבראַמאָוויטש, פאָרזיצער פון קאָלווירט „סווערדלאָוו", קורמאַנער ראַיאָן, קרים, ווערט באַלוינט מיט א לענין־אָרדען".

עליע האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט. דער זאַל האָט גערוישט און געדונערט. עליע האָט דערפילט זיך אַזוי, ווי ער וואָלט בייס א פאַרטריקעניש אין סטעפּ, ווען די טווועע טשאַכנעט און גייט אויס נאָך א טראָפּן וואַסער, דערהערט דעם גערויש פון א וואַרעמען, זאַפטיקן רעגן. און פונקט אַזוי ווי ס'פינעט און בולבעט דאָס וואַסער, ווען די ערד טרינקט זיך אָן, קעדיי צו וואַקסן און בליען, האָט געבולבעט און געפינעט אין זײַן האַרצן, ווען ער איז געגאַנגען איבערן רוישיקן זאַל צו דער בינע באַקומען די העכסטע באַלוינונג פון לאַנד — דעם לענין־אָרדען.

ווען קאַלינין האָט צוגעפעסטיקט דעם לענין־אָרדען צו זײַן רעקל, האָט עליע דערמאָנט זיך דעם אָנזאָג פון די מיטגלידער פון דער בריגאַדע: „דערצייל דאָרטן, ווער מיר זײַנען געווען און וואָס מיר זײַנען געוואָרן".

מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט אים געדריקט די האַנט, און דער זאַל האָט געשטורעמט פון אַפּלאָדיסמענטן. עליען האָט זיך געדוכט, אַז אין פּאַלאַץ איז געוואָרן נאָך ליכטיקער, ס'האָבן זיך נאָך העלער צעפינקלט אַלע פאַרבן און זיי גיסן זיך איבער אין אַלע קאָלירן פון א רעגנבויגן.

— איך דין דעם סאָוועטישן פּאָלק! — האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַן הארצן א באַגײַסטערטער אויסגעשריי.

...עליע האָט אליין ניט געוווּסט, פונוואנען האָט זיך בא אים גענומען די דרייסטקײַט ארויסצוטרעטן מיט א באמערקונג אף דער באגעגעניש פון די דעלעגאטן מיט די אָנפירער פון דער פּארטיי און רעגירונג. ער האָט ניט געקענט ניט זאָגן דאָס, וואָס האָט אים רוען ניט געלאָזט. דעריבער האָבן די ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט, ווי פון זיך אליין זיך ארויסגעריסן בא אים.

— איך מיין, אז ס׳איז אן אוולע, וואָס נאָר יענע קאָלווירטן, וועלכע האָדעווען אויס גוטע פערד, זײַנען פארפליכטעט אָפּצוגעבן זיי דער ארמיי און בא די, וועלכע האָדעווען אויס ערגערע פערד, נעמט מען גאָרניט. עס באקומט זיך, אז די גוטע קאָלווירטן האָבן ניט קיין סטימול...

ארויסזאָגנדיק די ווערטער, האָט עליע דערפילט, ווי בודיאָני האָט א קוק געטאָן אף אים מיט א שטרענגן דורכדרינגלעכן בליק. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז סעמיאָן מיכײַלאָוויטש איז ניט צופרידן מיט דער דאָזיקער באמערקונג. דער דאָזיקער בליק בודיאָניס האָט אים רוען ניט געלאָזט און האָט אים די גאנצע צײַט נאָכגעפאָלגט. „און וואָס האָט ער אזוינס געקאָנט זאָגן קאַלינינען, וועלכער איז געזעסן לעבן אים?" — האָט ער ניט אופגעהערט צו טראכטן.

נאָך דער באגעגעניש זײַנען די דעלעגאטן צעגאנגען זיך איבער די געראמע זאלן פונעם פּאלאץ און אָנגעפילט זיי מיט פריילעכן גערויש. אין אנדרייעוו־זאל, לעבן א קאָלאָנע, ווו ס׳איז אײַנגעפּאסט א מעמאָר:אל־ברעט, אף וועלכער ס׳זײַנען פארצייכנט מיט גאָלדענע אויס:עס די נעמען פון א סאך העלדן, וואָס זײַנען אף אייביק ארײַן אין דער געשיכטע פון רוסלאנד, האָט עליע זיך אָפּגעשטעלט. טייקעף האָבן אים ארומגערינגלט דעלעגאטן, וועלכע האָבן אים שוין געקענט און גוט געוווּסט, פאר וואָס ער האָט באקומען אזא הויכע באלוינונג. זיי האָבן אים פארשאָטן מיט פראגעס, געפּרווּווט זיך דערוויסן אייניקע באלערנדיקע פאר זיי געניטקײַטן פון זײַן ארבעט.

ווען דאָס רעדל, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן ארום עליען, איז זיך צעגאנגען און ער אליין האָט שוין אויך געקליבן זיך אוועקגיין, איז צו אים צוגעגאנגען אײנער א הויכער מאנצבל אין ברילן און געפרעגט:

— איר זײַט איליא אבראמאָוויטש?

— איך, — האָט עליע געענטפערט.

— איר זײַט פון קורמאנער ראיאָן?

— יאָ...

— איך ארבעט אין קאָמערד[1], — האָט דער מענטש זיך פארגעשטעלט. — מיך האָט באופטראָגט דער כאווער קאַלינין איבערגעבן אײַך, אז ער לאַדט אײַך אײַן אף מאָרגן, צוועלף באטאָג, ארײַנגיין צו אים אין זײַן אופנעם־צימער אף וואָזדוויזשענקע.

---

[1] קאָמערד (קאָמזעט) — קאָמיטעט פאר אײַנאָרדענען יידן אף ערד.

— מיך? נאָר מיך? — האָט עליע זיך פאַרוווּנדערט.

— יאָ, — האָט דער פאָרשטייער פון קאָמערד איבערגעכאַזערט. — מאָרגן צוועלף אַזייגער באַטאָג. איר ווייסט, ווי צו דערקלײַבן זיך אַהין? דאָס איז לעבן דעם אַלעקסאַנדער־גאָרטן.

— כ׳וועל געפינען, — האָט עליע געענטפערט, געזעגנט זיך און אוועק אין האָטעל.

דעם גאַנצן וועג האָט ער ניט אופגעהערט טראַכטן וועגן דער מאָרגנדי־קער באַגעגעניש מיט קאַלינינען: „צוליב וואָס לאַדט עס מיך אײַן קאַלינין? וועגן וואָס וויל ער מיט מיר ריידן?״ עליע האָט זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט עטלעכע יאָר האָט מיכאַיל איוואַנאָוויטש באַזוכט די קרימער איבער־וואַנדערישע ייִשוּוים און האָט, ווי מע דערציילט, געשמועסט דאָרטן מיט אַ סאַך מענטשן און אַרויסגעטראָטן אַף אַ פאַרזאַמלונג. „ער אינטערעסירט זיך, הייסט עס, וויאַזוי מיר האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, וויאַזוי מיר לעבן. ווײַזט אויס, אַז מיט מיר וועט ער אויך ריידן וועגן דעם״, — האָט עליע געטראַכט. אין קאָפּ זײַנען בא אים אופגעקומען אַלץ נײַע און נײַע געדאַנ־קען וועגן וואָס צו ריידן מיטן אַלפאַרבאַנדישן סטאַראָסטע.

אַף מאָרגן, צו דער באַשטימטער שאָ, איז עליע געווען אינעם שיינעם מויער אַף וואָזדוויזשענקע. צוגעגאַנגען צו דער סעקרעטאַרשע, האָט ער ניט זיכער אַ זאָג געטאָן:

— מ׳האָט מיך הײַנט, צו צוועלף אַזייגער, געבעטן קומען צום כאַווער קאַלינין.

— ווי איז אײַער פאַמיליע?

— מעהודין.

— זײַט אַזוי גוט און וואַרט צו אַ פּאָר מינוט, כ׳וועל באַלד אויסקלאָרן.

די סעקרעטאַרשע איז אַרײַנגעגאַנגען צו קאַלינינען אין קאַבינעט, אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט און געזאָגט:

— מיכאַיל איוואַנאָוויטש וועט זיך איינגיכן באַפרײַען און וועט אײַך גלײַך אופנעמען.

ס׳זײַנען דורך געציילטע מינוטן, קאַלינין האָט ברייט געעפנט די טיר פון זײַן קאַבינעט:

— ביטע, כאַווער מעהודין, קומט אַרײַן.

עליען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קאַלינין איז אַ לעבעדיקער אַראָפּ צו אים פון די פּאָרטרעטן, וועלכע ער האָט אַזויפיל מאָל אומעטום געזען — אין שול, אין קלוב, אַף די ווענט, אין לערנבוך. ער איז געשטאַנען פאַר אים אַ פּאַשעטער, אַ ליבהאַרציקער, מיט אַ גוטמוטיק־שמייכלענדיק פּאָנעם.

— זעצט זיך, כאַווער מעהודין, — האָט קאַלינין גאַסטפרײַנטלעך אים אײַנגעלאַדן. — דערציילט, ווי לעבט איר, וואָס הערט זיך בא אײַך אין קאָל־ווירט? פון אַלע באַלוינטע מיטן לענין־אָרדען זײַט איר, דוכט זיך, דער סאַמע ייִנגסטער. וויפל איז אײַך יאָר?

— צוואַנציק.

— נו, זעט איר, צו צוואַנציק יאָר האָט איר שוין פאַרדינט אַזאַ הויכע באַלוינונג פון דער מעלוכע... אין אײַערע יאָרן, ווייסט איר, וואָס פאַר אַ באַלוינונג איך האָב פאַרדינט? — קאַטאָרגע... אָט וואָס איך האָב פאַרדינט...

ס׳איז געווען ניט גרינג אויסצוקעמפן דאָס נײַע לעבן, וואָס מיר בויען. די מעלוכע נייטיקט זיך איצט אין ברויט, אין רוי־שטאָף, אין אלץ, וואָס איר, ערד־ארבעטער, גיט דעם פאָלק. אָט פארוואָס מיר שעצן אזוי הויך אײַערע באמיִונגען צו דערשלאָגן זיך גרויסע גערעטעגישן אף די קאָל־ווירטישע פעלדער.

קאלינין האָט זיך אוועקגעזעצט בא זײַן טיש. עטוואָס אָנגעבויגן זיך, האָט ער אופמערקזאם געקוקט אף מעהודינען.

— איר זײַט, הייסט עס, איצט א פאָרזיצער פון א קאָלווירט? און פריִער וואָס האָט איר געטאָן?

— איך בין אלט געווען פערצן יאָר, ווען מיר האָבן איבערגעוואנדערט אף די קרימער סטעפּעס, און פון דעמלט אָן פארנעם איך זיך מיט ערד־ארבעט, אין אָנהייב בין איך געווען א פּאַשעט פּויערל, נאָכדעם בין איך געוואָרן א בריגאדיר, און ניט לאנג האָט מען מיך אויסגעוויילט פאר א פאָרזיצער.

— וועלכע גערעטעגישן האָט איר אראָפּגענומען פון א העקטאר ערד אין די פריִערדיקע יאָרן?

— ווי אמאָל. אז ס׳זײַנען געגאנגען רעגנס, פלעגט מען אראָפּנעמען צו פופציק־זעכציק פּוד, און אין א טריקעניש פלעגן מיר אפילע דעם סכום זריִע, וואָס מיר האָבן פארזייט, ניט ארויסבאקומען פון דער ערד.

— די ערד, אף וועלכער ס׳האָבן זיך באזעצט די איבערוואנדערער פון אײַער ראיאָן, האָט געהערט, אף וויפל מיר איז באוווּסט, א פּאָרעץ. די פּויערים, וועלכע האָבן פריִער געארבעט באם פּאָרעץ, האָבן אײַך קיינמאָל ניט דערציילט, וועלכע גערעטעגישן פלעגן זײַן דאָרטן? — האָט קאלינין זיך פארינטערעסירט.

— די ערד האָט געהערט דער פריצטע ליוסטיכע. מע דערציילט, אז קיין לעמעש האָט זי קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען... פרילינג פלעגן עטלעכע כאָלאָפּעס ארויסגיין מיט טאָרבעס ווייץ אף די אקסלען, צעוואַרפן די זריִע, נאָכדעם פלעגט מען ארויסטרײַבן אָטארעס שאָף, און זיי פלעגן אין דער פײַכטער ערד אײַנטרעטן די קערנער. און אויב ס׳איז ניט געווען קיין גערעטעניש, פלעגן די שאָף פּאשען זיך אף דער ערד... אָט די פאר־לאָזטע, פארהארטעוועטע ערד איז אונדז אויסגעקומען אופהייבן, באאר־בעטן און אפּצולאָכעס די ווינטן און די טריקענישן ארויסקריגן אלץ העכערע גערעטעגישן.

קאלינין האָט זייער אופמערקזאם אויסגעהערט עליען און געזאָגט:

— צווישן יידן זײַנען שטענדיק געווען עכטע האָרעפּאשניקעס, נאָר די צארישע רעגירונג האָט זיי פארטריבן אין טכום און ניט צוגעלאָזן זיי צו פּראָדוקטיווער ארבעט... די סאָוועטנמאכט האָט גלײַך פון אירע ערשטע טריט א סאָך געמאכט צו דער נאציאָנאלער אונטערדריקונג פון די ניט־גלײַכבארעכטיקטע באם צאריזם פעלקער, בעסויכעם אויך פונעם יידישן פאָלק, געשאפן פאר זיי באדינגונגען אָנטיילצונעמען אין אלע געביטן פון אונדזער לעבן.

— יאָ, יאָ, נאָך אין דער צײַט פון בירגערקריג האָבן מײַן פאָטער און אנדערע באלעגאָלעס פון האָמעל געטרוימט וועגן באזעצן זיך אף ערד.

שפעטער האָבן זיי אײַך אָנגעשריבן א בריוו און געבעטן העלפן זיי פאַר־ווירקלעכן זייער פאַרלאַנג. ווי הײַנט, געדענק איך דעם טאָג, ווען מיר האָבן באַקומען פון אײַך אַן ענטפער... מײַן פֿאָטער איז מיט אַנדערע באַלע־גאָלעס געשטאַנען אַרום וואָקזאַל, און איך בין אין א פראָסט, א באָרוועס־סער, געלאָפן אַנזאָגן זיי די בשורע...

— דאָס באַזעצן טויזנטער ייִדישע מישפּאָכעס אויף ערד אין יענער צײַט איז געווען א ווײַכטיקער מעלוכישער איניציען... פאַר אייניקע מענטשן, ניט דערפאַרענע אין ערד־אַרבעט, איז די ערשטע צײַט דאָס געווען א זאַך ניט קיין לײַכטע. איצט, זאָגט מען, באַאַרבעטן ייִדן די ערד ניט ערגער פון אַלע אַנדערע. עס קומען צו פאָרן אויסלענדישע דעלעגאַציעס, זיי זעען מיט די אייגענע אויגן, ווי די סאָוועטישע רעגירונג האָט פאַרוואַנדלט גע־וועזענע לופט־מענטשן, פאַרמישפּעטע אויף אייביקער נויט און דאַכקעס, אין געזונטע האַרעפּאַשניקעס, וועלכע בויען א נײַ לעבן... אונדזערע מענטשן פון פאַבריקן און זאַוואָדן נעמען שעפטום און העלפן די איבער־וואַנדערער בעסער פאַרפעסטיקן זיך אויף די נײַע ערטער.

קאַלינין איז אויף א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט ער פאַר־געזעצט:

— אַמאָל, פאַר דער רעוואָליוציע, זײַנען אין רוסלאַנד אויך געווען ייִדישע פּויערים. די צאַרישע הענקערס האָבן פאַריאָגט די ייִדן פון זייערע אַלטגעזעסענע ערטער אין די סטעפּעס פון דאָרעם־אוקראַיִנע. טויזנטער אַלטע לײַט, פרויען און קינדער זײַנען אומגעקומען אינעם שווערן וועג. א גרויסער טייל זײַנען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס שוין גופא אויפן אָרט. נאָר די, וואָס זײַנען לעבן געבליבן, זײַנען געוואָרן עמעסע ערד־אַרבעטער. אין דער צײַט פון בירגערקריג, געדענק איך, איז געווען בא מיר איינער א שאָליעך פון זיי — א העלדישער מענטש, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַן אָטריאַד צו קעמפן קעגן באַנדיטיזם. שוין אין יענער צײַט האָט ער בא זיך אין קאָלאָניע אויסגעבויט א טעאַטער און געטרוימט וועגן שאַפן אַן עלעקטראָסטאַנציע... די דערגרייכונגען פון די ייִדישע ערד־אַר־בעטער זײַנען ברייט באַוויזן געוואָרן נאָך אויף דער ערשטער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אויסשטעלונג, וועלכע האָט זיך געעפנט אין מאָסקווע לויט לעניִנס איניציאַטיוו אין טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־צוואַנציקסטן יאָר... העכער הונדערט יאָר האָט געדויערט, ביז די ייִדן־קאָלאָניסטן האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט אויף די נײַע ערטער. און די איבערוואַנדערער פון קרים האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס בוכשטעבלעך פאַר געציילטע יאָרן. איר ווייסט פאַרוואָס?

— געוויס, כאַווער קאַלינין, ווען אונדזער סאָוועטישע מעלוכע העלפט אונדז ניט, וואָלטן מיר זיך אַזוי גיך ניט געקאָנט פאַרפעסטיקן און דער־גרייכן אַזעלכע דערפאָלגן.

קאַלינין האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס'האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן.

— איך הער, — מיכאַיִל איוואַנאָוויטש האָט גענומען דאָס טרײַבל.

קאַלינינס פּאָנעם איז געוואָרן אָנגעשטרענגט. ער האָט געהערט מיט

געשפּאַנטער אופמערקזאַמקייט, דערנאָך האָט ער עטלעכע מאָל איבערגע־כאַזערט:

— יאָ, יאָ... זיכער. מאַסקים... אומבאַדינגט!

ווען קאַלינין האָט אַ זאָג געטאָן: „ער זיצט פּונקט באַ מיר... די נעכ־טיקע טײַנע איז, הייסט עס, געווען אַ גערעכטע״, האָט עליע פאַרשטאַנען, אַז ס׳גייט אַ רייד וועגן אים, אָבער מיט וועמען עס רעדט קאַלינין, האָט ער ניט געוווּסט. ביז מיכאַיל איוואַנאָוויטש האָט ניט געזאָגט אין טרײַבל: „אַ גוטן טאָג, כאַווער בודיאָני!״

— דער כאַווער בודיאָני לייגט פאָר, אַז מיר זאָלן אָנעמען אַ באַשלוס וועגן דער אָרדענונג, לויט וועלכער די קאַוואַלעריסטן דאַרפן צושטעלן פערד פאַר דער אַרמיי. דאָס הייסט, אַז אײַער טײַנע איז געווען אַ גערעכטע. אויב איר וועט אויסהאָדעווען גוטע פערד, וועט איר אַ טייל אָפּגעבן דער אַרמיי און די איבעריקע וועלן בלײַבן באַ אײַך.

אַ צופרידענער שמייכל האָט באַלויכטן עליעס פּאָנעם.

— זייער גוט, עס איז זייער וויכטיק, אַז ס׳זאָל זײַן אַזאַ באַשלוס, — האָט עליע אַן אופגעלייגטער געזאָגט.

— ס׳וועט זײַן, ס׳וועט אומבאַדינגט זײַן אַזאַ באַשלוס, — האָט קאַלינין פאַרזיכערט. — איצט זאָגט מיר, אין וואָס נייטיקט איר זיך?

— אין דער ערשטער ריי נייטיקן מיר זיך אין וואַסער... איר ווייסט אַליין, אַז אָן וואַסער קאָן זיך אונדזער ווירטשאַפט ניט אַנטוויקלען.

— איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז אין די קרימער סטעפּעס איז וואַסער — אַ פראַגע פון לעבן. איך וועל זיך דורכריידן מיטן פאָרזיצער פון קאָמזעט, און מיר וועלן באַטראַכטן, וויאַזוי אײַך צו העלפן...

געזעגנענדיק זיך מיט מעהודינען, האָט קאַלינין צוגעווונטשן אים און די קאַלווירטניקעס נײַע דערפאָלגן אין זייער אַרבעט.

## 7

אוראַם מעהודין איז אַרויסגעפאָרן אין ראַיאָן וועגן פאַרשיידענע איניאָ־נים, וועלכע עליע האָט אים געבעטן אין דער צײַט פון זײַן אָפּוועזנהײַט דערלייזן. אין האַלבן וועג איז אים אַנטקעגן אָנגעפאָרן אַ באַיאַרטער קאָל־ווירטניק פון שכיינישן יישעוו.

— איר זײַט, דוכט מיר, פון קאָלווירט „סווערדלאָוו״? — האָט יענער אַ פרעג געטאָן. — איז וואָס פאָרט איר עס? באַ אײַך טוט זיך דאָרטן, מיסטאַמע, הײַנט אַף טיש און אַף בענק.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אוראַם געוואָלט וויסן.

— איר האָט דען ניט געהערט די ראַדיאָ?

— איך האָב געהערט אײַנדערפרי די ראַדיאָ, נאָר כ׳האָב זיך געײַלט אין וועג. האָב איך עפּשער עפּעס דורכגעלאָזט...

— ווי זשע לאָזט איר עס דורך אַזאַ נײַס? אײַער פאָרזיצער איז דאָך שוין, זאָגט מען, לאַנג אין מאָסקווע, אַף דעם דאָזיקן, ווי הייסט עס... צוזאַ־מענפאָר.

— נו איז וואָס? האָט מען דאָרטן גערעדט וועגן אים?
— מע האָט אים באַלוינט מיטן לענין־אָרדען.
— איר האָט עס אַליין געהערט?
— אוואַדע... באַ אײַך ווייסט מען גאָר ניט וועגן דעם?
אווראַם האָט פאַרקערעוועט צוריק און גענומען טרײַבן דאָס פערד — ער האָט געוואָלט גיכער אָנזאָגן די בסורע. דאָס פערד האָט אַזוי געטראָגן, אַז די רעדער פון דער בעדאַרקע זײַנען אונטערגעשפּרונגען.
„און טאָמער איז דאָס אַ טאָעס? — האָט אווראַם אָנגעהויבן סאָפּעקן. — געדאַרפט בעסער צופאָרן אין ראַיאָן, דאָרט ווייסט מען פּינקטלעכער. מאַ־לע־וואָס אַ מענטשן קאָן זיך אויסדוכטן... נאָר צי דען האָט באַ אונדז קיי־נער ניט געהערט?..״
אווראַם איז אַרײַנגעפאָרן צו זיך אין הויף. פון דעם פערד האָט אַזש געשלאָגן אַ פּאַרע. אווראַם איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדאַרקע. זעל־דע איז אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן, און דערזעענדיק, אַז ער איז עפּעס צעראַשט, איז זי געבליבן שטיין אַן אָפּהענטיקע.
— וואָס איז געשען, אווראַם? וואָס ביסטו אַזוי צעטומלט?
— מע זאָגט, אַז די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן...
— אַן אָרדען... אַ לענין־אָרדען... — האָבן, אַרײַנלויפנדיק אין הויף, אָנ־געזאָגט די פריידיקע בסורע שלוימע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס און נאָך מענטשן.
— איך האָב דער ערשטער דערהערט די נײַס, ווי נאָר כ׳בין אופגע־שטאַנען האָב איך עס דערהערט. כ׳האָב געוואָלט לויפן צו אײַך, נאָר מאַ־לע־וואָס? עפּשער איז עס ניט אַזוי, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.
— ווי קען עס זײַן ניט אַזוי, אַז ס׳איז דײַטלעך געזאָגט געוואָרן: מע־הודין, איליאַ אַבראַמאָוויטש, פּאָרזיצער פון קאָלווירט „סווערדלאָוו״, קור־מאַנער ראַיאָן. וואָס זשע דאַרפט איר נאָך?
— ס׳איז ער, אונדזער בריגאַדיר... אונדזער פּאָרזיצער... אונדזער עליע... זעלדעס און אווראַמס זון... — האָט שלוימע פּאַפּעליוכע פאַרכלינעט זיך פון טײַנעג.
אין הויף זײַנען זיך צונויפגעלאָפן קינד־און־קייט. פרויען זײַנען אַרופּ־געפאַלן זעלדען אַפן האַלדז און געקושט זי.
— אַזאַ פרייד, אַזאַ קאָוועד... פאַר אײַך, פאַר אונדז אַלעמען... ווען וועט ער שוין קומען?.. אוי, וועט עס זײַן אַ יאָמטעוו, אַ יאָמטעוו פון אַלע יאָמ־טויווים...

# צווייטער טייל

# קאַפּיטל איינס

## 1

אין קאָלווירט אַף סווערדלאָווס נאָמען און ווײַט רונד־אַרום אין די דערפער און יישוווים איז מען נאָך אַלץ געווען אונטערן אײַנדרוק פונעם געהויבענעם קאַבאַלאַס־פּאָנעם, וואָס מע האָט געמאַכט עליע מעהודינען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע אַ באַלוינטער מיטן לעניַן־אָרדען.

נאָר שוין דעם ערשטן טאָג, גלײַך ווי ער איז געקומען אַהיים, האָט מעהודין, ניט באַווײַזנדיק אויסדערציילן אַלע נײַס, ניט אויסגעהאַלטן און איז אַוועק אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין דער באַלעבאַטישקײַט.

אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען שלוימע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס און נאָך אַ פּאָר מענטשן פונעם געוועזענעם קאָלעקטיוו „רויטער באַלעגאָלע” זײַנען אַרײַן אין פאַרוואַלטונג צונויפרײדן זיך מיקויעך אַן אָרט, ווו מ'זאָל אָפּפּײַערן עליעס קומען פון מאָסקווע מיט דער באַלוינונג, האָט דער כעזשבנפירער מאָניש מאַלקיס זיי געזאָגט:

— דער פאָרזיצער איז שוין ערגעץ אַוועקגעפאָרן.

— אַוועקגעפאָרן? — האָט פּיניע יעגעס איבערגעפרעגט. — אַזוי פרי?

— גיט נאָר אַ קוק, אין אַזאַ טאָג זיצט ער אויך ניט אײַן, — האָט צוגעגעבן שלוימע פּאַפּעליוכע און אָנגעהויבן זיך פאַנאַנדערפרעגן באַם כעזשבנפירער: — איר ווייסט ניט, וווהין איז ער אַוועקגעפאָרן און ווען וועט ער קומען?

— דער פאָרזיצער גיט מיר ניט אָפּ קיין כעזשבן, ווו ער פאָרט און ווען וועט ער קומען.

אייגנטלעך, האָט דער כעזשבנפירער אַליין זיך געווונדערט, ווען ער האָט דערזען, אַז עליע קלײַבט זיך ערגעץ.

— איר וואָלט כאָטש הײַנט געמעגט זיך פאַרגינען זײַן אַן איבעריקע שאָ אין דער היים, — האָט ער געוואָלט אים זאָגן, נאָר ער האָט זיך ניט באַוויזן אַ קער טאָן, ווי דער פאָרזיצער איז ניט געוואָרן.

— מיסטאַמע דאַרף ער עפּעס וועגן אַ שטאַרק נייטיקער זאַך, — האָט דער כעזשבנפירער צוגעגעבן.

— ניט קיין נייטיקע זאַכן זײַנען באַ אים ניט פאַראַן... אומזיסט פאָרט ער קיינמאָל ניט, — האָט זיך אָפּגערופן פּיניע יעגעס. — נאָר הײַנט... אײַנמיטן יאָמטעוו... און נאָך וואָס פאַר אַ יאָמטעוו...

— איז ווי קאָן מען זיך טאַקע אין אַזאַ יאָמטעוו ניט צונויפקלײַבן? — האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין שלוימע פּאַפּעליוכע. — ווער־ווער, נאָר מיר זײַנען דאָך די עמעסע מעכוטאָנים... עליע, אונדזער האָדעוואַניק, האָט אונדזער גאַנצן קאָלווירט אַזוי באַרימט געמאַכט, זאָלן מיר ניט אָפּמערקן ווי געהעריק אַזאַ געשעעניש?

— גייט זיך דורך צו רעב אווראָמען, ער דאַרף, מיסטאַמע, וויסן, ווען ער וועט קומען, — האָט געזיפצעט מאַניש מאַלקיס.

— איר זײַט גערעכט, מע דאַרף זיך טאַקע דורכגיין צו אים, — האָט געזאָגט פּיניע יעגעס.

סענדער קלאַפּטער האָט דערזען דורכן פֿענצטער אווראָמען און אויס־געשריִען:

— מע זאָל דערמאָנען מעסיִעכן, וועט ער אויך קומען... אָט גייט דאָך רעב אווראָם! זעט נאָר, ווי ער שפּאַנט עש, ער ווייסט, מישטאַמע, אַז מ׳וואַרט אַף אים. — סענדער איז אַרויסגעלאָפֿן אים אַנטקעגן. — רעב אוו־ראָם, איר ווייסט ניט, ווו איז עליע?

— כ׳היב ניט אָן צו וויסן, — האָט אווראָם געענטפֿערט. — דאָס בין איך געקומען אַהער א קוק טאָן, עפּשער איז ער דאָ... ער האָט אַפֿילע ניט באַוויזן אָפּצועסן ווי עס באַדאַרף צו זײַן און איז ניט געוואָרן. ניט אַנ־דערש, ווי ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין ראַיאָן.

— מיר ווילן אים זען און באַגריסן, אַרויסזאָגן, וואָס פֿאַר א פֿרייד ס׳איז בא אונדז... — האָט אָנגעהויבן פּיניע יעגעס.

שלוימע פּאַפּעליוכע האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מיר האָבן דאָך באַזונדערס וואָס צו דערמאָנען... מיר האָבן מיט אײַך און מיט אים דורכגעמאַכט א שטיק לעבן, צוזאַמען ניט ווייניק גע־בידעוועט, און אַז מ׳האָט אַזוינס דערלעבט, ווילט זיך אין א גוטן אויפֿן אויסריידן דאָס האַרץ און טאַקע פֿרייען זיך און יאָמטעווען.

— נו, איז קומט אַרײַן צו אונדז, וועלן מיר אַף א היימישן אויפֿן פֿאַר־ברענגען.

— מיר וועלן מיט פֿאַרגעניגן אַרײַנגיין צו אײַך, — האָט זיך אָפּגערופֿן פּיניע יעגעס. — אָבער ווי נאָר מע וועט זיך דערוויסן, אַז מ׳קלײַבט זיך צונויף בא אײַך, וועט קומען קינד־און־קייט... איז ווי קענט איר אויפֿנעמען אַזויפֿיל געסט? מיין איך, אַז פֿריִער דאַרף מען צונויפֿנעמען אַלעמען אין קלוב.

— ס׳קען זײַן, אַז איר זײַנט טאַקע גערעכט, נאָר וועגן דעם דאַרף באַשטימען די פֿאַרוואַלטונג, — האָט געזאָגט אווראָם.

— און איר זײַט דען א פֿרעמדער מענטש אין קאָלווירט? — האָט זיך אַרײַנגעמישט שלוימע פּאַפּעליוכע.

— א פֿרעמדער, ניט קיין פֿרעמדער, נאָר...

— עליע איז ניט נאָר אײַער זון, — האָט צוגעגעבן פּיניע יעגעס, — ער איז בא אונדז ווי אָן אייגן קינד. ער איז דאָך אויסגעוואַקסן אַף אונד־זערע אויגן. און אַז ער האָט פֿאַרדינט אַזא קאָוועד, זאָל מען ניט מאַכן קיין יאָמטעוו?

— נו, כ׳האָב דאָך געזאָגט, אַז וועגן דעם דאַרף באַשטימען די פֿאַר־וואַלטונג, — האָט איבערגעכאַזערט אווראָם.

ער האָט זיך דורכגעוואָרפֿן מיטן כעזשבנפֿירער מיט א פּאָר ווערטער און איז אַוועק אַהיים.

שלוימע פּאַפּעליוכע און די איבעריקע מענטשן זײַנען נאָך געבליבן

ווארטן, עפשער וועט פּאַרט עליע קומען, דערנאָך זײַנען זיי זיך אויך צעגאַנגען.

אין א פּאָר שאָ ארום זײַנען אָנגעפּאָרן מענטשן פון די שכיינישע קאָל־ווירטן.

דערוווּסט זיך, אז ס׳זײַנען געקומען געסט, האָבן אלע פון קאָלווירט א לאָז געטאָן זיך אין פאַרוואַלטונג. אין דער געבײַדע האָט זיך פאַרזאַמלט אַזױפיל אוילעם, אז דורכשפּאַרן זיך אהין איז געוואָרן אוממעגלעך. אינ־גיכן איז דער גאַנצער הויף אויך פאַרפלייצט געוואָרן מיט מענטשן. און מענטשן זײַנען אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען.

— מ׳דאַרף איבערגיין אין קלוב! — האָט עמעצער אויסגעשריִען.

— עליע איז דאָך ניטאָ, איז וואָס וועט מען זיך צונויפקלײַבן אין קלוב אָן אים? — האָט זיך דערהערט א קאָל.

— ער ווייסט דאָך ניט, אז מע וואַרט אַף אים, — האָט דערקלערט שלוימע פּאַפּעליוכע. — ער איז ערגעץ אוועקגעפאָרן גאַנצפרי, מיר קוקן אַרויס אַף אים א גאַנצן טאָג, מיסטאָמע וועט ער אינגיכן קומען.

דער אוילעם איז אוועק אין קלוב. דאָרטן האָט מען אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן.

— קומט אין קאָן, קומט אין קאָן, וואָס שטייט איר? — האָט געשריִען פּיניע יעגעס. — קומט, שלוימע, כאַנע, סענדער, ס׳איז דאָך יאָמטעוו בא אונדז, איז זאָל זײַן יאָמטעוו!

מע האָט אויסגעטאַנצט א שער און מע איז אַריבער אין א פריילעכס. אין דעם געשווינד דרייענדיקן קרײַז זײַנען אַרײַן אַלץ נײַע טענצער. דער אויסגעברייטערטער קרײַז איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אַף קלענערע און גאָר קליינע קרײַזלעך, זיי האָבן זיך געדרייט אַזוי געשווינד, אז די דילן האָבן אַזש געטרישטשעט.

ווען ס׳איז א ביסל רויִקער געוואָרן, האָט עמעצער פאַרצויגן א ליד, א געבוירענע דאָ, אַף די קרימער סטעפּעס. א דין הילכיק קעלכל האָט זיך צעקלונגען:

אז מ׳פאַרט קיין סימפעראָפּאָל,
אַפּן וועג פון סעוואַסטאָפּאָל,
איז א סטאַנציע פאַראַן.

און צענדליקער שטימען האָבן אונטערגעכאַפּט:

אוי דזשאַן, אוי דזשאַנקאָיע,
אוי דזשאַנקאָיע, דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן!

נאָכדעם האָט מען פאַרצויגן א קאַבאַלאַס־פּאַנעם־ליד, און פּונקט דאַן, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן זינגען „לאָמיר אלע איניינעם...", איז אָנגעקומען מעהודין מיטן סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם. דער אוילעם האָט ניט גע־וווּסט, ווער מען פריִער מעקאַבל־פּאָנעם זײַן — עליען צי דעם סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם ליובעצקין, וועמען קינד־און־קייט האָט דאָ געקענט, ווי אַן אייגענעם מענטשן, מיט וועלכן מע קאָן זיך האַלטן אַן אייצע און בא וועמען מע קאָן באַקומען אַן אונטערשטיצונג, ווען מע ווענדט זיך וועגן

פֿאַרשיידענע לעבנס־איניאַנים. אָט פֿאַרוואָס ליובעצקי איז דאָ שטענדיק געווען באַ אַלעמען אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

דעם קאַבאַלאַס־פּאָנעם, וואָס מ׳האָט דאָ אין קאָלווירט אײַנגעאָרדנט, איז געווען פֿאַר מעהודינען אינגאַנצן אומגעריכט. ער האָט אין דער ארבעטס־צײַט מיט אַלע מיטלען אויסגעמיטן יאָמטעווען, און איבערהויפּט האָט ער ניט ליב געהאַט מיטינגעווען.

אינדערפֿרי איז ער אוועקגעפֿאָרן אין ראַיאָן דערלייזן דרינגענדיקע איניאַנים, און ער האָט גיך גערעכנט זיך אומקערן. נאָר ווען ער האָט זיך שוין געקליבן פֿאָרן אַהיים, האָט ער באַגעגנט ליובעצקין.

— זייער גוט, אַליושע, וואָס כ׳האָב דיך געטראָפֿן, — האָט ליובעצקי זיך דערפֿרייט. — דו האָסט דאָ שוין אַלע איניאַנים דערלייזט?

— קימאַט.

— קום אַרײַן צו מיר אין ראַיקאָם.

ליובעצקין האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פֿאַר די געציילטע טעג, וואָס מעהודין איז געווען אין מאָסקווע, איז ער אויסגעוואַקסן, געוואָרן באַדאַכטער, זיכערער. אויסגעהערט די נײַס, וועלכע מעהודין האָט דערציילט, האָט ליובעצקי געוואָלט אַרומנעמען אים און זאָגן:

— דו ביסט אונדזער שטאָלץ, מיר גרויסן זיך מיט דיר...

— אַזוי פֿראָסט, ווי איך זיץ מיט אײַך, — האָט עליע אַ באַגײַסטערטער דערציילט, — בין איך געזעסן לעבן קאַלינינען. ער האָט מיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, ווי מיר לעבן, געייצעט, ווי:אַזוי בעסער אַרבעטן, קעדיי זיך דערשלאָגן נאָך גרעסערע דערפֿאָלגן.

— כ׳וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך טיילן מיט דײַנע אײַנדרוקן פֿון דעם צוזאַמענפֿאָר אין קרעמל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון ראַיאָנעם אַקטיוו, — האָט פֿאָרגעלייגט ליובעצקי.

— גוט, — איז מאַסקים געווען מעהודין, — נאָר ניט באַלד, ס׳איז איצט אַ צו הייסע צײַט.

מעהודין האָט זיך שוין געוואָלט צעזעגענען מיט ליובעצקין, נאָר יענער האָט אים פֿאַרהאַלטן.

— שיק אָפּ די בעדאַרקע אַהיים. איך וועל דיך אָפּפֿירן אויף דער מאַשין.

געקומען צו פֿאָרן אין קאָלווירט און זיך דערוווּסט, אַז אין קלוב האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט אַ גרויסער אוילעם, זײַנען זיי אַוועק אַהין. דער אוילעם האָט נאָך געהאַלטן אינמיטן הוליען, נאָר דערזעענדיק מעהודינען מיטן סעקרעטאַר פֿון ראַיפּאַרטקאָם, האָבן זיי זיך טייקעף אַוועקגעזעצט אויף די ערטער.

דער אוילעם האָט לאַנג און הייס אַפּלאָדירט. מעהודין מיט ליובעצקין זײַנען אַרויף אויף דער בינע, אַוועקגעזעצט זיך באַם טיש, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט אַ רויטן שטיק קומאַטש, ווי עס פֿירט זיך אויף פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונגען.

— אוראָמען און זעלדען לייג איך פֿאָר אײַנלאַדן אויבנאָן צום טיש! — האָט זיך דערהערט אַ קאָל.

— און איך לייג פֿאָר, אַז דער כאַווער ליובעצקי זאָל אָנהייבן די פֿײַערלעכע פֿאַרזאַמלונג, — האָט זיך צעטראָגן נאָך אַ קאָל.

ליובעצקי האָט אין נאָמען פון ראַיפּאַרטקאָם, פון ראַיויספּירקאָם, פון אַלע אַרבעטנדיקע פון ראַיאָן הייס באַגריסט עליע מעהודינען מיט דער הויכער מעלוכישער באַלוינונג און צוגעגעבן:

— דעם קאָוועד האָט איליא אַבראַמאָוויטש קאָשער פאַרדינט, נאָר אַזאַ קאָוועד קאָן פאַרדינען יעדערער, וועלכער וועט ערלעך און איבערגעגעבן אַרבעטן.

דער אוילעם האָט מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן באַגיטיקט די ווערטער פונעם סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם.

שלוימע פּאַפּעליוכע, פּיניע יעגעס און סענדער קלאַפּטער זײַנען גע־ווען איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען די הויפּט־מעכוטאָנים פון דער הײַנטיקער סימכע, און אַלס אַזעלכע מעיוכאָסים האָבן זיי געהאַלטן, אַז די ערשטע ווערטער קומט זיי. ביזוואַנען זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און שטומערהייט זיך געדונגען, ווער פון זיי זאָל אַרויסטרעטן דער ערשטער, האָט ליובעצקי געגעבן ווערטער די געסט פון די שכייניש קאָלווירטן — ביניאָמין הינ־דינען, מאַלקע פּערצאָווען און עליע מעהודינס לערער, וועלכער האָט אים אויסגעלערנט די כאָכמע, ווי אַזוי באַארבעטן די ערד — איוואַן ניקיטיטשן. אַ וואָרט האָט גענומען שלוימע פּאַפּעליוכע.

ער איז אַרויף אַף דער בינע מיט פעסטע טריט, אַ קוק געטאָן אַפן אוילעם, נאָכדעם האָט ער אַ קער זיך געגעבן צו ליובעצקין און געפרעגט:

— איר ווייסט, ווער עליע מעהודין איז געווען?

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ רעגע און פאָרגעזעצט:

— ניין, איר ווייסט ניט. מיר, די געוועזענע באַלעגאָלעס, ווייסן, ווער ער איז געווען... מיר ווייסן, ווער זײַן פאָטער אַוראָם איז געווען, און אַז מ׳האָט אים, דעם באַלעגאָלעס זון, דעם פראָסטן ערד־אַרבעטער, אַרויס־גערופן קיין מאָסקווע, אין קרעמל, און דאָרט האָט מען זײַן אַרבעט הויך אָפּגעשאַצט, באַלוינט אים מיט דער גרעסטער באַלוינונג, איז דאָס דען ניט אַזאַ יאָמטעוו, וועלכער איז בא אונדז נאָך קיינמאָל ניט געווען?

— בראַוואָ, בראַוואָ, שלוימע! — האָט געשריִען פּיניע יעגעס.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די פאַרהאָרעוועטע, פאַרהאַרטעוועטע הענט.

— בראַוואָ! בראַוואָ!

סענדער קלאַפּטער האָט געשריִען:

— עליע מעהודין איז אונדזער סטאָלץ!

ליובעצקי האָט געגעבן אַ וואָרט עליע מעהודינען.

געררעדט האָט עליע רויִק און זאַכלעך. ווי אַ בליץ אין סטעפּ, וואָס זאָגט אָן אַף אַ רעגן, האָט זיך דורכגעטראָגן די יעדיִע, אַז קאַלינין אַליין איז זיך מישטאַדל, מע זאָל אַרויסגעבן דעם קאָלווירט „סווערדלאָוו“ געלט־מיטלען אַף אויסבויען אַ סקוואַזשינע. די דאָזיקע נײַס האָט ווידער אויפגעריסן דעם אוילעם פון די ערטער. מענטשן האָבן פון פרייד געטופּעט מיט די פיס און געשריִען:

— וואַסער! אוי, ווי גוט ס׳וועט זײַן, אַז ס׳וועט זײַן וואַסער!

— אַז ס׳וועט זײַן בא אונדז וואַסער, וועלן זײַן סעדער, ווײַנגערטע־נער, פערמעס. מיר וועלן עלעקטריפיצירן דעם יישעוו, אויסלייגן טראָ־

טוארן, און בא אונדז וועט ווערן מיט דער צײַט ווי אין א שטאָט, — האָט דערקלערט מעהודין.

ער האָט שוין געענדיקט ריידן, נאָר דער אוילעם האָט נאָך אלץ גע־ווארט, עפשער וועט ער נאָך עפעס זאָגן און דערציילן...

## 2

מעהודין האָט באַצײַטנס אלץ באווארנט אזוי, אז גלײַך ווי ס׳וועלן אָנקומען די געלט־מיטלען, וועלכע מע האָט אסיגנירט פארן קאָלווירט, לויט קאָלינינס אָנווײַזונג, זאָל מען צוטרעטן שאפן די סקוואזשינע. ס׳האָט אים שטארק פארדראָסן, לעמײַ, ווען קאָלינין האָט א פרעג געגעבן בא אים, אין וואָס דער קאָלווירט נייטיקט זיך, האָט ער זיך באַגרענעצט בלויז מיט איין זאך — מיט וואסער און געבעטן העלפן אויסבויען נאָר א סקוואַ־זשינע. ער האָט דאָך אויך געקאָנט שטעלן די פראגע וועגן עלעקטריפי־צירן, ווייל־אײַנאָרדענען דעם יישעוו און וועגן אנדערע נויטן פונעם קאָל־ווירט. אָבער אומקערן זיך האָט אים שוין ניט געפאסט. דערפאר, ווען ער איז געקומען צום פאָרזיצער פון קאָמערד, וווהין קאָלינין האָט אים גע־שיקט, האָט ער שוין דאָרט וועגן אלץ דערמאָנט. יענער האָט אלץ פאר־שריבן און צוגעזאָגט מישטאדל זײַן זיך, אז מע זאָל באפרידיקן זײַן ביטע.

כאָטש מעהודין האָט נאָך אליין ניט געוווסט, וועלכע מיטלען מע וועט אים אָפּלאָזן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך שוין געגרייט פאנאנדערוויקלען א גרויסע ארבעט. וויפל געלט ער זאָל ניט באקומען, דארף מען דאָס אויסנוצן שפּאָרזאם, אויסרעכענען אזוי, אז פון יעדער זאך, וואָס ער וועט שאפן און בויען, זאָל בלײַבן צושטײַער אף נאָך עפעס.

קעדיי ניט פארלירן קיין צײַט, האָט ער באשטימט צופאָרן אין ראיאָן א קוק טאָן, וואָס פון די נויטבאדערפטיקע זאכן איז מעגלעך קריגן דאָרטן און וואָס מע וועט דארפן באשטעלן אין די פארגרייטונגס־ארגאניזאציעס און זוכן אנדערשוו. פארייַנס טאקע וועט ער פרוון זיך דורכשמועסן מיט פאכמענער און אויסייצענען זיך מיט זיי וועגן אייניקע זאכן, אין וועלכע ער איז ניט געניט באהאוונט.

ווי ער איז ניט געווען פארהאוועט און פארדרייט, האָט ער ניט אופּ־געהערט צו טראכטן וועגן ליזען. פארנדיק אין ראיאָן, האָט ער געוואָלט כאָטש אף א האלבער שאָ פארקערעווען אין ראטנדאָרף און זיך דערוויסן, וואָס איז מיט איר. נאָך פאר זײַן פאָרן קיין מאָסקווע האָט ער זי ארויס־באגלייט קיין לענינגראד, וווהין זי איז געפאָרן צו קרויוויים פארברענגען איר אורלויב. פון מאָסקווע האָט ער איר אָנגעשריבן א בריוו מיט הארץ, מיט געפיל.

„ליזעניו, — האָט ער איר געשריבן, — ווען דו ווייסט, ווי איך וואָלט וועלן, אז דו זאָלסט איצט זיצן לעבן מיר אין קרעמל און הערן, ווי מע רעדט פון דער טריבונע וועגן דעם, וואָס איך מיט דיר טראכטן און וואָס איז אונדז ביידן אזוי נאָענט... שטעל זיך פאָר, אז איך האָב דאָ געטראָפן א זאָאָטעכניק, פונקט מיט אלע פישטשעווקעס אף דיר ענלעך. ווען דו

ווייסט, ווי כ׳בין פאַרוווּנדערט געוואָרן, ווען כ׳האָב דערהערט, אַז די כאַ־ווערטעס, וועלכע זײַנען לעבן מיר געזעסן, האָבן זי אָנגערופן ליזע. כ׳האָב אפילו געמיינט, אַז דאָס ביסטו טאַקע. נאָר ווען כ׳האָב זיך צוגעקוקט, האָב איך דערזען, אַז ס׳איז אַן אַנדער ליזע... שרײַב מיר, טײַערע, ווי פאַרברענגסטו די צײַט... איך צייל שוין די טעג, ווען מיר וועלן זיך באַ־געגענען״.

גלײַך ווי מ׳האָט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ און איבערהויפּט, ווען מע האָט אָפּגעדרוקט אין צײַטונג וועגן דעם, אַז ער איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען, האָבן זיך אַ שאָט געגעבן באַגריסונגען פון באַקאַנטע און אַפילו אומבאַקאַנטע מענטשן, נאָר ליזע האָט זיך ניט אָפּגערופן און אַפילו אויף זײַן בריוו ניט געענטפערט.

„וואָס זשע האָט געקענט פּאַסירן? — האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן. — ניט אַנדערש, ווי ס׳האָט עפּעס געטראָפן מיט איר״.

עליע האָט שוין געהאַט באַשטימט צופאָרן אין ראַטנדאָרף און אויס־קלאָרן, וואָס איז געשען. נאָר איידער ער איז אַרויסגעפאָרן פון ראַיאָן אַהין, האָט ער באַשלאָסן אַרײַנגיין אין ראַיויספּירקאָם וועגן אייניקע איבער־יאָנים, און דאָרטן האָט ער זי אומגעריכט געטראָפן.

— ליזע! — האָט ער זיך דערפרייט. — גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן.

ליזע האָט פאַרויטלט זיך, דערלאַנגט אים די האַנט און האַרציק געזאָגט:

— כ׳באַגריס דיך...

— אַ דאַנק... וואָס איז מיט דיר? וואָס זעט מען דיך ניט?.. ביסט שוין לאַנג געקומען פון לענינגראַד? — האָט עליע אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— ווער עס וויל, זעט מיך, — האָט זי מיט אַ באַרויִקגעזלעך קאָל גע־ענטפערט. — דו האָסט מיך פאַרגעסן, ביסט גרויס געוואָרן באַ זיך...

— איך? איך האָב דיך פאַרגעסן?.. עפּשער פאַרקערט... און מיט וואָס בין איך גרויס געוואָרן?.. מיט וואָס?.. כ׳פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס דו רעדסט.

— מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע... דו ווייסט אַלץ זייער גוט.

— כ׳פאַרשטיי פאָרט ניט, וועגן וואָס דו רעדסט. עפּעס רעדסטו מיט אַ האַלב מויל... פאַרוואָס ביסטו ניט געווען אויף דער באַגעגעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען באַ אונדז, ווען איך בין געקומען פון מאָסקווע? פון אײַער יִישעוו האָב איך דאָך באַמערקט מענטשן.

— קיינער האָט מיך ניט אײַנגעלאַדן.

— מע האָט קיינעם ניט אײַנגעלאַדן. ווער ס׳האָט געוואָלט, איז געקו־מען. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אומגעריכט פאַר מיר אַליין... כ׳בין געווען אין ראַיאָן, און אַז איך האָב זיך אומגעקערט, האָב איך געטראָפן מענטשן. זיי האָבן געפאָדערט, אַז איך זאָל דערציילן וועגן דעם צוזאַמענ־פאָר אין מאָסקווע.

— איך גיי נאָר אַהין, וווּ מע רופט מיך.

— און איך האָב דיך אַרומגעזוכט...

ליזע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט זי שטיל געזאָגט:

— וואָס האָסטו מיך געדאַרפט זוכן, ווייסט דען ניט, וווּ מע קען מיך געפינען?

— כ׳האָב זיך טאַקע געקליבן פֿאָרן צו דיר דערוויסן זיך, וואָס איז געשען... פֿאַרוואָס האָסטו ניט געענטפֿערט אויף מײַן בריוו?
— אויף וועלכן בריוו? כ׳האָב ניט באַקומען קיין שום בריוו.
— וואָס הייסט, דו האָסט ניט באַקומען?.. דיר האָב איך פֿריִער פֿאַר אַלעמען אָנגעשריבן וועגן אַלע נײַס.
— כ׳האָב גאָרנישט ניט באַקומען פֿון דיר... ס׳האָט מיך טאַקע שטאַרק פֿאַרדראָסן... אַלע בריוו באַקום איך, נאָר דײַן בריוו, אויף וועלכן איך האָב אַזוי געוואַרט, איז ניט דערגאַנגען.
— איך הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין...— האָט עליע זיך ניט אופֿגעהערט צו וווּנדערן.
כאָטש ליזע האָט קיינמאָל ניט באַמערקט, אַז עליע זאָל ווען־עס־איז פֿעלשן, זאָגן איר ניט דעם עמעס, פֿונדעסטוועגן האָט זי אים ניט אינגאַנצן געגלייבט, אַז ער האָט טאַקע געשיקט איר אַ בריוו.
פֿון אויספּירקאָם איז אַרײַן אַרויס דער סעקרעטאַר פֿון ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט.
— כאַווער מעהודין?— האָט ער, אײַנקוקנדיק זיך, ווי ער וואָלט זיך סאָפּעקן, צי דאָס איז ער, אַ פֿרעג געגעבן.
— איך, איך.
— זייער גוט. קומט אַרײַן צו מיר.
— ווען? שוין?
— בעסער שוין. כ׳דאַרף זיך מיט אײַך דורכשמועסן.
— גוט, כ׳וועל באַלד קומען. דו וועסט צווואַרטן?— האָט עליע געפֿרעגט בײַ ליזען.— כ׳בעט דיך זייער, וואַרט צו. כ׳מיין, אַז איך וועל זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן.
ליזע האָט עפּעס ניט דײַטלעך אַ זאָג געטאָן. ניט אופֿגעכאַפּט, וואָס זי האָט געזאָגט, איז ער אַוועק מיטן סעקרעטאַר.
אַרײַן אין קאַבינעט, האָט דער סעקרעטאַר אַ ווײַז געטאָן אויפֿן בענקל, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן זײַן טיש, און אַ פֿרעג געטאָן:
— איר האָט שוין דערלייזט אַלע איניאַנים אין ראַיאָן?
— קימאַט... מיר וועלן, מיסטאַמע, אינגיכן באַקומען די מיטלען, וועלכע מ׳האָט אונדז צוגעזאָגט אין מאָסקווע, האָב איך באַשטימט פֿאָרלויפֿיק אויסנוצן זיך מיט אייניקע פֿאַכמענער, וויאַזוי צוועקמעסיקער זיי אויסנוצן, קעדיי אָפּשפּאָרן אויף עפּעס נאָך אײַנצושאַפֿן, אַכוץ דער סקוואַזשינע.
— דאָס איז זייער גוט, וואָס איר שטרעבט בעסער אויסנוצן די מיטלען,— האָט באַוויליקט דער סעקרעטאַר.— אָבער מע דאַרף טראַכטן ניט נאָר וועגן דעם אייגענעם קאָלווירט, אײַער כויוו איז העלפֿן די שכייניש קאָלווירטן שטעלן זיך אויף די פֿיס.
מעהודין האָט זיך נאָך קלאָר ניט פֿאָרגעשטעלט, וואָס מיינט דער סעקרעטאַר און וווהין ער צילט.
— מיר דאַרפֿן פֿריִער אַליין זיך שטעלן אויף די פֿיס,— האָט ער געזאָגט.
— ניין, כאַווער, מע טאָר ניט טראַכטן נאָר וועגן זיך... איר ווייסט זייער גוט, אַז וואָס מע פֿאַרזייט, דאָס שנײַדט מען. דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט בייטיקט זיך אין אַ פֿאַרפֿינקטלעכונג — וויאַזוי מע אַקערט, וויאַזוי

מע זייט און וויאזוי מע בראַנעוועט — אזא גערעטעניש נעמט מען אראָפּ. און דאָס אַלץ טוט די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. פון איר ארבעט איז שטארק אָפּהענגיק די גערעטעניש פון אונדזערע פעלדער.

— דארף מען טאַקע אכטונג געבן, ווי די טראַקטאָריסטן אַקערן, פאַר־דערן פון זיי, זיי זאָלן ארבעטן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, — האָט זיך אָפּ־גערופן מעהודין.

— דאָס איז ריכטיק, נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ, — האָט פאַרגעזעצט דער סעקרעטאַר. — די גאַנצע ארבעט פון דער מטס דארף מען איבער־בויען. כ'האָב געוואָלט, איר זאָלט ארויסזאָגן אײַער מיינונג וועגן דעם.

מעהודין האָט געמאַכט א פּאָר טרעפלעכע באַמערקונגען, ווי אויסצור־בעסערן די ארבעט פון דער מטס. דער סעקרעטאַר האָט זיי אויסגעהערט מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט און געפרעגט:

— עפשער וועט איר זיך נעמען מאַכן אָן אָרדענונג אין מטס?

מעהודין האָט פאַרוואונדערט א קוק געגעבן אויפן סעקרעטאַר.

— איך? ווי קאָן איך זיך נעמען פאר אזא זאַך?..

— וואָס? אָן אָנפירער פון מטס דארף ניט נאָר קענען די לאַנדווירט־שאַפטלעכע טעכניק, ער דארף קענען אויך די לאַנדווירטשאַפט גופא, און איר קענט ביידע זאַכן. אויב אפילע איר ווייסט ניט אזוי גוט די גאַנצע טעכניק, וועט איר זיך אונטערלערנען. אין מטס זײַנען דאָך פאַראַן מע־כאַניקער און אַנדערע ספּעציאַליסטן, מיט וועלכע מ'קאָן זיך אויסייצען, ווען מ'דאַרף.

— איך קאָן ניט נעמען זיך פאר אזא ארבעט, מיט וועלכער איך בין ניט גענוג באַקענט. מע דארף געפינען א מער פּאַסיקן מענטשן.

— איידער די ביוראָ פון ראַיקאָם האָט געמאַכט אָט דעם פּאָרשלאָג, האָט זי דעם איניען אַלזײַטיק באַטראַכט, — האָט געמאָלדן דער סעקרע־טאַר. — קיין פּאַסיקערן מענטש, ווי איר, האָבן מיר ניט געפונען.

— פונדעסטוועגן בעט איך נעמען אין אַכט מײַן ביטע.

— איך מיין, אז אײַער ביטע האָט קיין שום גרונט ניט, — איז דאָך באַשטאַנען דער סעקרעטאַר.

## 3

ארויסגעגאַנגען פון ראַיקאָם, האָט מעהודין גענומען זוכן ליזען, נאָר וויפל ער האָט ניט געזוכט, האָט ער זי ניט געפונען.

„זי האָט, הייסט עס, ניט געוואָלט וואַרטן. זי איז נאָך באַרויגעז אויף מיר, — האָט ער מיט פאַרדראָס געטראַכט. — צי דען איז דאָס אַלץ צוליב דעם בריוו?.. ס'קאָן טאַקע זײַן, אז אין אײַלעניש, זײַענדיק שטאַרק צע־ראַשט, האָט ער איבערגעפּלאָנטערט דעם אַדרעס. און עפשער איז צוליב אָן אַנדער סיבע דער בריוו צו איר ניט דערגאַנגען. נו איז וואָס, דאַרף מען צוליב דעם אזוי ווערן אופגעבראַכט?.. ניין, דאָ איז עפּעס אָן אַנדער סיבע. ווי עס זאָל ניט זײַן, דאַרף מען זיך נאָכאַמאָל דורכריידן".

אהיים האָט זיך עליע אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. ווי נאָר ער איז אַרײַן אין שטוב, האָט אים די מוטער דערלאַנגט אַ בריוו. לויטן האַנט־שריפט האָט ער גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז פֿון מינען. ער האָט גיך אופגעעפנט דעם קאָנווערט און אָנגעהויבן לייענען. זעלדע האָט נאָכגע־שפּירט, ווי פאַרכאַפּט ער לייענט דעם בריוו, און אַ טראַכט געטאָן:
„הייסט עס, אַז ער האָט זי נאָך ניט פאַרגעסן".
מאַכנדיק זיך טאַמעוואַטע, אַז זי ווייסט קלוימערשט ניט, פֿון וועמען דער בריוו איז, האָט זי, דערלאַנגענדיק עליען עסן, געזאָגט:
— ס׳וועט דאָך קאַלט ווערן, וועסט נאָכדעם לייענען. וואָס איז עס דאָרט אַזוינס אָנגעשריבן, וואָס דו קאָנסט זיך ניט אָפּרײַסן?
עליע האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו, אָנגעהויבן עסן און טייקעף פֿונ־דאָסנײַ אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין דעם געדיכט־פאַרשריבענעם בייגעלע פּאַפּיר:
„איך שטאָלציר מיט דיר און מיט דײַנע גרויסע דערפֿאָלגן, — האָט מינע געשריבן, — ערשט איצט דאַרפסטו זיך לערנען, קעדיי דערגרייכן נאָך גרעסערע דערפֿאָלגן".
— ווייסט, פֿון וועמען דער בריוו איז? — האָט עליע אַ פֿרעג געטאָן בײַ דער מאַמען.
— פֿון וועמען?
— פֿון מינען.
— פֿון מינען? וואָס האָט זי אײַנמיטנדערינען זיך דערמאָנט? זי האָט דאָך לאַנג ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך. און איך האָב געמיינט, אַז זי האָט דיך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן... וואָס זשע שרײַבט זי?
— זי באַגריסט מיך.
— און וואָס נאָך שרײַבט זי?
— זי דערמאָנט, ווי מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן אין סטעפּ, ווי מיר האָבן געלעבט און געאַרבעט...
— יאָ, מײַן זון, זי האָט טאַקע אַ סך וואָס צו דערמאָנען.
עליע האָט דערפילט, אַז זיי טראַכטן ביידע וועגן איין זאַך.
— ווי מיינסטו, ווען דו רופסט זי איצט, זי זאָל קומען אַהער, וואָלט זי געקומען? — האָט זעלדע אַ פֿרעג געטאָן.
— זי לערנט זיך דאָך...
— זי וואָלט געקומען, געוויס וואָלט זי געקומען.
עליען איז געוווען אָנגענעם, וואָס די מוטער טראַכט אַזוי. ס׳איז אים אויך דורכגעלאָפן אַ געדאַנק וועגן דעם.
— נו און ליזע? — האָט די מוטער ווײַטער געפרעגט.
עליען האָט זיך אויסגעדוכט: די מוטער שטויסט זיך אָן, אַז צווישן אים און ליזען איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. יעדן מאָל, ווען ער פֿלעגט פאָרן אין ראַיאָן, האָט זי אים דערנאָך געפֿרעגט:
— ליזען האָסטו דאָרט ניט באַגעגנט?
און נאָך איידער ער האָט געענטפערט, פֿלעגט זי זאָגן:
— אַ ווויל מיידל.

היינט, ווען ער איז געקומען אהיים, האָט זי מיט קיין האַלב וואָרט ניט דערמאָנט וועגן ליזען. נאָר ווען מע האָט זיך צערעדט וועגן מינען, האָט זי, ווי דערעכאָגעוו, א זאָג געטאָן:

— ליזע האָט דאָך דיך אפילע ניט באַגריסט מיט דער באַלוינונג. אינ־גאַנצן אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן צוגעשיקט באַגריסונגען, און פון איר איז קיין וואָרט ניט געווען. וואָס איז געשען?

— גאָרנישט איז ניט געשען, — האָט עליע געענטפערט. — זי איז גע־ווען אין לענינגראַד.

— נו, איז וואָס?.. — האָט זעלדע אָנגעהויבן און אַנשוויגן געוואָרן. זי האָט דערפילט, אַז עליע וויל וועגן דעם ניט ריידן.

דער בריוו פון מינען האָט בא עליען אופגעוועקט די נאָך ניט פאַרלאָ־שענע געפילן צו איר. ער האָט גענומען טראַכטן, אַז מע וואָלט געדאַרפט אָנשרייבן, זי זאָל קומען. נאָר פריִער פאַר אַלץ דאַרף ער טרעפן זיך מיט ליזען. עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געקליבן צופאָרן צו איר אין ראַטנדאָרף, און יעדער מאָל איז אויסגעקומען אָפּלייגן. פאָרנדיק אין מטס, איז ער פאַרבייווועגס אריינגעפאָרן צו איר, נאָר זי ניט געטראָפן אין דער היים. פרעגן, ווו זי איז, איז ניט געווען בא וועמען. איז ער צוגעפאָרן אַף דער פערמע און דאָרט אויך קיינעם ניט געטראָפן.

„ווו קאָן זי זיין? אינדערפרי דאַרף זי דאָך אומבאַדינגט זיין אַף דער פערמע. צי דען איז זי ערגעץ אוועקגעפאָרן? צי עפשער איז מיט איר עפּעס געשען?” אַן אומרו האָט בא אים אַרויסגערופן אויך דאָס, וואָס אין שטוב בא איר איז אויך קיינער ניט געווען.

דאָס, וואָס זי האָט בייס דער לעצטער באַגעגעניש ניט געוואָלט אפילע אויסהערן, ביז ער וועט אַרויסגיין פון ראַיקאָם, האָט אים אויך פאַר־שאַפן אַגמעסנעפעש.

„הייסט עס, אַז זי וויל אפילע זיך ניט דורכשמועסן מיט מיר”, — האָט ער מיט הארצווייטעק געטראַכט.

אַריינגעפאָרן אין מטס, האָט מעהודין זיך געלאָזט גיין גלייך צום די־רעקטאָר. די סעקרעטאַרשע — שוין א באַיאָרטע פרוי, מיט א גראָווען קאָפּ געקרייזלטע האָר און בלוילעכע אויגן, האָט מיט א מילדן שמייכל גע־זאָגט:

— מיכאַיל סטעפּאַנאָוויטש איז אָקאָרשט אוועקגעפאָרן. נאָר איר קאָנט זיך ווענדן צו קיריל גאַווריִלאָוויטשן — זיין פאַרטרעטער, ער וועט באַלד קומען.

— ווו איז ער? אַף דער טעריטאָריע פון מטס? — האָט געפרעגט מע־הודין.

— ער איז אוועק אין די וואַרשטאַטן.

— גוט, איך וועל אים א זוך טאָן.

אין הויף האָט מעהודין דערזען עטלעכע כעוורע אין קאָמביִנעזאָנען, די יאַטן האָבן געייסעקט זיך ארום זייערע טראַקטאָרס.

— אָט גייט, דאַכט זיך, אָט דער... וואָס מ'האָט געשריבן וועגן אים אין די צייטונגען... — האָט שטיל געזאָגט א געפּאַקטער באָכער מיט פולע

באקן און געלבלעכע, קוים שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך. — כ׳האָב אים דער־קענט לויט דער פאָטאָגראַפיע...

— יאָ, ס׳איז טאַקע מעהודין, — האָט זיך אָפּגערופן זיאַמע מעצנער. — מיר האָבן מיט פימע גאָנטאָוון געאַרבעט בא אים אין קאָלווירט, ווען ער איז נאָך געווען א בריגאַדיר... כ׳האָב געהערט, אַז ער ווערט בא אונדז א דירעקטאָר. בא אים וועט מען בייס דער אַרבעט ניט שטיין און רייכערן און כאָכמענען זיך. בא אים וועט זײַן אַן אײַזערנע דיסציפּלין.

מעהודין איז צוגעגאַנגען צו די כעוורע, זיך באַגריסט מיט זיי און אָנ־געהויבן פאַנאַנדערפרעגן:

— וואָס מאַכט איר? ווי גייט די אַרבעט?

— אַז זי גייט ניט, שטופּט מען זי אונטער, — האָט געזאָגט זיאַמע.

מעהודין האָט א קוק געגעבן אויף אים, שמייכלענדיק געזאָגט:

— כאָכמעסט זיך נאָך אַלץ?

— וואָסי, מע טאָר ניט?

— מע מעג, נאָר מע דאַרף וויסן, ווען און ווו. איר געדענקט, ווי איך האָב אײַך געצווונגען איבעראַקערן?

— אוודע האָבן מיר עס פאַרגעדענקט, — האָט זיך אָפּגערופן פימע גאָנטאָוו, — מיר האָבן זיך א ביסל צעקריגט מיט אײַך און צום סאָף שאָ־לעם געמאַכט און גענומען אַפילע צו קאַפּעלעך...

— אויף דער ערד, וועלכע מיר האָבן אופגעאַקערט, האָט איר דאָך באַ־קומען אַזאַ גערעטעניש, וועלכע האָט אײַך ניט ווייניק קאָוועד פאַר־שאַפן, — האָט צוגעגעבן זיאַמע.

אין הויף איז אַרויס יערעמטשוק — דער פאַרוואַלטער פון די רעמאָנט־וואַרשטאַטן, ניט קיין הויכער מאַנצבל, מיט גראָווע וואָנצעס. דערזען מעהודינען, האָט ער מיט דערעכערעץ זיך באַגריסט מיט אים.

— איר באַקענט זיך מיט אונדזער אוילעם?

— אייניקע טראַקטאָריסטן קען איך פון פריִער.

— די מטס באַמיט זיך צופעסטיקן צו יעדער קאָלווירט באַשטימטע טראַקטאָריסטן, — האָט געזאָגט יערעמטשוק.

— דאָס איז גוט, זייער גוט, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין. — די טראַקטאָריסטן וועלן זײַן מער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער אַרבעט.

מעהודין האָט א פיר געגעבן מיט די אויגן איבערן הויף.

— ווו קאָן מען זען דעם פאַרטרעטער פון דירעקטאָר? מע האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז ערגעץ דאָ אויף דער טעריטאָריע.

— כ׳האָב אים ניט געזען, כ׳קאָן עמעצן שיקן אָפּזוכן אים, — האָט פאָרגעלייגט יערעמטשוק.

— מע דאַרף ניט. ער וועט, מיסטאָמע, באַלד קומען. דערווײַל וועלן מיר זיך מיט אײַך דורכשמועסן.

— ביטע. וואָס אינטערעסירט אײַך?

— דער פאַרוואַלטונג פון אונדזער קאָלווירט שטייט פאַר אָפּצוטאָן א גרויסע אַרבעט, וואָלט איך געוואָלט אויסקלאָרן, מיט וואָס וועט איר אונדז קאָנען העלפן.

— זאָגט פריִער, אין וואָס פאַר א הילף וועט איר זיך נייטיקן?

— איר זײַט דאָך אַ מעכאַניקער, ווײל איך אײַך בעטן העלפֿן אויס־בויען באַ אונדז ניט קיין גרויסן רעמאָנט־וואַרשטאַט... אַ שמיד האָבן מיר, אַ שלאָסער אויך, נאָר מע דאַרף נאָך אַ מעכאַניקער...

— דאָ קאָן איך אײַך גאָרניט העלפֿן.

— עפּשער וועט איר אונדז לײַען אַ מעכאַניקער?

— ווי קאָן מען עס לײַען אַ מענטשן?

— ס׳רעדט זיך אַזוי. איך מיין, אַז איר זאָלט צײַטווײַליק צושיקן צו אונדז אַ מעכאַניקער, וועלכער זאָל העלפֿן אָרגאַניזירן די זאַך און אונ־טערלערנען אונדזערן אַ מענטשן.

די דאָזיקע פֿראַגע איז פֿאַר יערעמטשוקן געווען אינגאַנצן אַן אומגע־ריכטע. ער איז געווען זיכער, אַז מעהודין איז געקומען איבערנעמען די איניאַנים אַלס דירעקטאָר פֿון מטס, און מיטאַמאָל ווענדט ער זיך גאָר וועגן הילף.

„וואָס קאָן עס באַטײַטן? — האָט יערעמטשוק געטראַכט. — צי דען איז דאָס געווען נאָר אומבאַגרינדעטע ריידן?"

— יאָ, אָבער... — האָט ער געוואָלט פֿרעגן באַ אים וועגן דעם, נאָר ער האָט איבערגעטראַכט און פֿאָרגעזעצט: — שאַפֿן אַ וואַרשטאַט אין אַ קאָל־ווירט איז אַוואַדע זייער וויכטיק. אָבער צי וועלן מיר אײַך קענען לײַען, ווי איר זאָגט, אַ מעכאַניקער, קאָן איך אײַך ניט קאַווירן, דאָס איז ניט פֿון מיר אָפּהענגיק... איך פּערזענלעך קאָן אין דער פֿרײַער צײַט צופֿאָרן צו אײַך און מיט עפּעס העלפֿן אָפּן אָרט. איך קאָן אויך אונטערלערנען אַ מענטשן, אויב איר וועט אים צושיקן אַהער.

— גוט, כ׳וועל זיך נאָך דורכריידן וועגן דעם מיט די אָנפֿירער פֿון מטס. כ׳האָב צו זיי נאָך פֿראַגן — וועגן לאַסטמאַשינעס, טראַקטאָרס... נאָך דער אַקער־צײַט, מיין איך, וועלן זיי מיר קענען אַנטקעגנקומען.

— קומט זיך דורכגיין אין קאָנטאָר, עפּשער איז שוין געקומען דער פֿאַרטרעטער, — האָט פֿאָרגעלייגט יערעמטשוק.

אין הויף האָבן אַף טריט און שריט זיך געוואַלגערט שטיקער אײַזן, שרויפֿן, דעטאַלן. מעהודין האָט געהאַלטן אין איין אָפּוואַרפֿן מיט דעם פֿוס דאָס, וואָס איז געלעגן אַפֿן וועג.

— וויפֿל מאָל איך האָב געפֿאָדערט ניט אָנוואַרפֿן, און זיי טוען זייערס, — האָט יערעמטשוק זיך ווי פֿאַרענטפֿערט.

— ס׳איז אַן עמעסער סמיטניק אין הויף, — האָט זיך דערהערט אַ קאָל.

יערעמטשוק האָט אַ קער געגעבן דעם קאָפּ און דערזען דעם פֿאַר־טרעטער, וועלכער האָט זיי אָנגעיאָגט און, אויסגלײַכנדיק זיך מיט מעהו־דינען, זיך באַגריסט מיט אים.

— איר זײַט געקומען איבערנעמען די איניאַנים? — האָט דער פֿאַר־טרעטער אָן איבעריקע שׂיעס געפֿרעגט.

— ניין, דערווײַל איז נאָך די פֿראַגע ניט געלייזט און איך האָב נאָך אויך ענדגילטיק די האַסקאָמע ניט געגעבן. דערווײַל בין איך געקומען וועגן אַנדערע איניאַנים.

— נו, ביטע, קומט, וועלן מיר זיך דורכריידן, — האָט דער פֿאַרטרע־טער אײַנגעלאַדן מעהודינען צו זיך.

יערעמטשוק האָט זיך ארומגעדרייט א ביסל און זיך אומגעקערט אין ווארשטאט.

מעהודין האָט ניט אופגעהערט צו טראכטן וועגן ליזען. עס האָט אים שוין פארדראָסן, האלעמיי ער איז ניט אריינגעפאַרן אין פארוואלטונג, עפשער איז זי דאָרט געווען, יעדנפאלס וואָלט ער דאָרטן זיך דערוווסט, ווו זי איז.

פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן אומרויקער. ער האָט זיך שוין געקליבן נאָכאמאָל צופאָרן צו איר, נאָר פונקט אין דער צייט האָט ער באַקומען א בריוו פון ליזען. זי האָט געשריבן, אז מע האָט זי ארויסגערופן אף א סעסיע פון הינטער־אויגיקן אָפטייל אין אינסטיטוט, וווהין זי איז ניט לאנג אָנגעקומען, און ווי נאָר זי וועט זיך אומקערן, האָפט זי, אז זיי וועלן זיך באגעגענען און וועגן אלץ זיך דורכרעדן. אינעם בריוו זיינען געווען א סאך פינטעלעך. עליע האָט ניט באנומען, וואָס זי מיינט מיט דעם. דער בריוו האָט אים בארויקט און דערפרייט, נאָר סיי ווי האָט ער געפילט, אז עפעס דערזאָגט זי ניט און וויל פאר אים ניט אנטפלעקן.

זעלדע האָט אופגעהערט זיך נאָכפרעגן אף ליזען, זי האָט שוין אָנגעהויבן סאָפּעקן, צי איז ליזע טאקע זיין באשערטע, נאָר ווען דער זון האָט איר געזאָגט, אז זי איז אוועקגעפאָרן לערנען זיך און אז ער האָט געקראָגן פון איר א בריוו, האָט זי זיך דערפרייט. דאָך האָט זי א פרעג געטאָן:

— נו, און מינען האָסטו שוין געענטפערט אף דעם בריוו?

— נאָך ניט...

שפעט באנאכט האָט עליע זיך אוועקגעזעצט באם טיש און געשריבן, געמעקט און ווידער געשריבן. גאנצפרי האָט זעלדע דערזען אפן טיש צעריסענע שטיקלעך פאפיר און א קאָנווערט, אף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן מינעס אדרעס.

אף מאָרגן אין אָוונט האָט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט באם טיש שרייבן. ער איז גראָד געווען אין א געהויבענער שטימונג. פון ראיאָן איז אָנגעקומען א מיטיילונג, אז מע האָט שוין באקומען די אסיגנירונג, וועלכע מ׳האָט צוגעזאָגט אין מאָסקווע. אינעם בריוו האָט ער איצט איר געוואָלט דערמאָנען, א וועלכער עס איז געווען דער יישעוו, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט, געוואקסן, געארבעט, און א וועלכער ער וועט ווערן גאָר אינגיכן.

„דו געדענקסט, וויאזוי איך האָב בא דיר אין פאליסאדניק פארפלאנצט ביימלעך? זיי וואקסן, זיי בליען, און יעדעס מאָל, ווען איך גיי פארביי, דערמאָן איך זיך אין דיר. איצט וועלן מיר אויסבויען א סקוואזשינע, און אז ס׳וועט זיין בא אונדז וואסער, וועלן ווערן בא אונדז גרויסע סעדער און וויינגערטענער. ווי גוט וואָלט געווען, ווען דו ביסט איצט דאָ. מיר וואָלטן צוזאמען געפלאנצט די סעדער און וויינגערטענער. די ארבעט וואָלט אונדז באהעפט און פארבונדן. נאָר מיר האָבן זיך צעשיידט... ווייסט ניט פארוואָס?..“

4

מעהודין האָט ניט באוויזן אָנהייבן בא זיך אין קאָלווירט די פּארפּלאַנירטע ארבעט, ווי ער האָט באקומען דעם באשלוס, אז ער איז באַשטימט געוואָרן אלס דירעקטאָר פון קורמאַנער מטס און אז ס׳ווערט אים פאַרגעלייגט טייקעף צוטרעטן אויספילן זיינע פליכטן.

וויפל ער האָט ניט געבעטן, מע זאָל אים געבן די מעגלעכקייט בלייבן אין קאָלווירט, איז זיין ביטע ניט באפרידיקט געוואָרן. די לאגע אין מטס איז געווען אזא, אז ס׳האָבן זיך געפאָדערט דרינגענדיקע מיטלען, קעדיי באוואָרענען דעם הארבסט־פּארזיי.

נאָך איידער מעהודין האָט באוויזן אריינגיין אין קאָנטאָר פון מטס, האָט אים איבערגעכאפּט יערעמטשוק:

— נו, איר זייט שוין אונדזערער?.. נעכטן האָבן מיר באקומען דעם באשלוס, אז איר טרעט צו צו דער ארבעט.

— רעכנט, אז איך בין שוין אייערער... ווו איז דער דירעקטאָר?

— ער וועט באלד קומען... עפּשער וועט איר זיך דערווייל באקאַנען מיט די רעמאָנט־ווארשטאטן?

— גוט, קומט.

אין הויף איז שוין געווען א ביסל צוגעקליבן, נאָר סיי ווי איז נאָך געווען א היפּשע אומאָרדענונג.

— ס׳איז דאָ אן אָרט, ווו מע קלייבט צונויף די ברוכשטיקער? — האָט מעהודין געפרעגט.

— ס׳איז דאָ, נאָר...

— מע דארף פאָדערן, אז נאָך דער ארבעט זאָל יעדערער צוקלייבן...

— מיר פאָדערן, נאָר ס׳באקומט זיך גאָרניט.

— אזוי טויג ניט, עס דארף זיין אן אָרדענונג, יעדער זאך דארף ליגן אף אן אָרט.

דער נייער דירעקטאָר איז צוגעגאנגען צו די טראקטאָריסטן, וועלכע זיינען געווען אין הויף, און געפרעגט:

— מיט וואָס פארנעמט איר זיך?

— מיר רעמאָנטירן די טראקטאָרס, — האָט געענטפערט פימע גאָנטאָוו.

— דער רעמאָנט גייט שוין צום סאָף?

— ניין, ס׳פעלן א סאך דעטאלן, און ווען מיר וועלן אפילע אָפּרעמאָנטירן די טראקטאָרס, וועט אויך זיין א קליינער טאָלק, — האָט זיך אריינגעמישט זיאמע מעצנער. — בא דער ערשטער אוואריע וועלן מיר בלייבן שטיין, און די „לעטוטשקע“ וועט אונדז אָן רעזערוו־טיילן מיט גאָרניט ניט קענען העלפן.

מעהודין האָט ארויסגענומען פון קעשענע זיין בלאָקנאָט און פארשריבן: „דרינגענדיק קריגן רעזערוו־טיילן“.

אָפּגעגאַנגען א פּאָר טריט, האָט מעהודין זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט.

— ווו שטייען די טראַקטאָרס נאָך דער ארבעט? — האָט ער געפרעגט בא יערעמטשוקן.

— אָט דאָ שטייען זיי, אין הויף, — האָט געענטפערט יערעמטשוק.

— אזוי היט מען אָפּ אזא גוטס? ס'איז דען שווער מאַכן א דאַך, וואָס זאָל זיי פארהיטן פון רעגנס, פון שנייען?

— די מאָטאָרן דעקן מיר איַין מיט ברעזענטן, — האָט זיך פארענט־פערט יערעמטשוק. — מיר טראַכטן די גאַנצע ציַיט וועגן א געבײַדע פאר זיי, נאָר מיר האָבן נאָך ניט באוויזן אויסבויען.

— דאָס מוז מען אין דער ערשטער ריי. אזוי ווי א מענטש דארף האָבן א דאַך איבערן קאָפּ, אזוי דארף אויך די טעכניקע זיַין באשיצט, — האָט באמערקט מעהודין. — איר ווייסט דאָך זייער גוט, וויפל ס'קאָסט אָפּ א טראַקטאָר, א קאָמבײַן און אפילע א זייעלקע. אזא באציִונג צו דער לאַנד־ווירטשאפטלעכער טעכניק איז פּאָשעט א פארברעכן!

— גיב א קוק, ווי אלץ באמערקט ער. אָך, וועלן מיר האָבן פון אים קאָלטס און וואָרעמס! — האָט אין דער שטיל זיך אָפּגערופן איינער פון די טראַקטאָריסטן.

מעהודין האָט ניט אופגעהערט מאַכן אָף יעדן שריט און טריט באַ־מערקונגען. ער איז צוגעגאַנגען צו א טראַקטאָר, בא וועלכן קיינער איז ניט געווען.

— וועמעס טראַקטאָר איז דאָס?

— וואָס הייסט, וועמעס? — האָט איבערגעפרעגט זיאמע.

— יעדער טראַקטאָר דארף האָבן א באַלעבאָס, וועלכער זאָל זיַין פאראַנטוואָרטלעך פאר אים, — האָט דערקלערט מעהודין.

ער האָט אין בלאָקנאָטל פארצייכנט: „ניטאָ קיין פּערזענלעכע פאראַנטוואָרטלעכקיַיט”.

— אוואדע דארף זיַין אזוי, — האָט יערעמטשוק צוגעשטימט. — נאָר בא אונדז איז ניטאָ אזויפיל טראַקטאָריסטן. טאָמער ווערט קראַנק א טראַקטאָריסט, האָבן מיר ניט מיט וועמען אים פארבײַטן.

— מיר וועלן אָרגאַניזירן קורסן און גרייטן קאַדרען, — האָט געזאָגט מעהודין. — גופע אין די קאָלווירטן דארף מען גרייטן אזעלכע קאַדרען. און ווען ס'וועט זיַין נייטיק, זאָל מען זיי קאָנען אויסנוצן. וועגן דעם איז שוין פאראַן א געהעריקער באשלוס.

— דער נײַער דירעקטאָר, זע איך, איז שוין צוגעטראָטן צו דער ארבעט, — האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פון „אלטן” דירעקטאָר מיכאִיל סטעפּאַנאָוויטש.

מיכאִיל סטעפּאַנאָוויטש איז צוגעגאַנגען צו מעהודינען, זיך באגריסט מיט אים און געזאָגט:

— איך וויל שוין וואָס גיכער איַיך איבערגעבן די איניאָנים און ענד־לעך זיך באפרײַען פון דער מטס. איך ווינטש איַיך דערפאָלג אין איַיער ארבעט...

דאָס לעבן אין מטס איז געגאַנגען אפן אַלטן אויפן. דער נײַער דירעקטאָר האָט ניט צונויפגערופן קיין שום באַראַטונגען, ניט אַרויסגעגעבן קיין שום פאַראָרדענונגען. ער האָט בלויז געשמועסט מיט די טראַקטאָריסטן, מעכאַניקער און אַרבעטער פון מטס, דערלערנט זייער אַרבעט און אַלץ געטראַכט, וואָס ווײַטער צו טאָן.

פון די געשפּרעכן און באַאָבאַכטונגען האָט ער געמאַכט אַ ריי ווענטטלעכע אויספירן און אויסגעאַרבעט מאָסמיטלען, ווי אַזוי צו פאַרבעסערן די לאַגע אין מטס. אָנגעהויבן האָט ער פון אַ שאַבעסניק — אויפראַמען די טעריטאָריע פון מטס.

איידער ס'האָט נאָך אָנגעהויבן שאַרן אף טאָג, איז שוין מעהודין געווען אין מטס. נאָך אים זײַנען געקומען יערעמטשוק, די מעכאַניקער און טראַקטאָריסטן. זיי האָבן צונויפגעשאַרט און אַרויסגעפירט דאָס מיסט פון הויף, צונויפגעטראָגן די ברוכשטיקער אײַזן אין אַ באַשטימט אָרט. די איבעריקע מענטשן, וועלכע זײַנען צוגעקומען, האָבן געקערט, געראַמט, געוואַשן די דילן אין די געבײַדעס. די שלאָסערס און אייניקע מעכאַניקער האָבן געבראַכט אין אָרדענונג די אַרבעטס־ערטער, די אינסטרומענטן. די טראַקטאָריסטן האָבן אַרומגעוואַשן זייערע טראַקטאָרס. צולעצט האָט מעהודין מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן געמאַכט אַ דאַך, אונטער וועלכן מע האָט אַוועקגעשטעלט די טראַקטאָרס, ביז מע וועט אויסבויען אַ גאַראַזש.

אף מאָרגן, ווען מעהודין איז געקומען אין מטס, איז אין הויף געווען ריין, ציכטיק, די שטעגעלעך זײַנען געווען אויסגעשאָטן מיט זאַמד, אין די געבײַדעס האָט געפינקלט, די שלאָסערס, מעכאַניקער, טראַקטאָריסטן זײַנען געווען אָנגעטאָן אין ריינע קאָמבינעזאָנען. פּונקט צו דער אָנגעמערקטער צײַט זײַנען אַלע צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אין וואַרמעס־צײַט האָט ער צונויפגערופן אַ קורצע באַראַטונג.

— נו, האָבן מיר, הייסט עס, אַ ביסל צוגעקליבן, געמאַכט אַ שטיקל אָרדענונג. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ טראַקטאָר, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז עפּעס אַ מין קישעף. איצט איז עס בא אונדז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך, אָבער אַ טראַקטאָר איז ווי אַ לעבעדיקער נעפעש... מײַן טאַטע פלעגט אופשטיין צוויי־דרײַ מאָל אַ נאַכט, קעדיי אָנהאָדעווען דאָס פערד, ווײַל אויב דאָס פערד איז געווען הונגעריק, זײַנען מיר געווען הונגעריק... אַ טראַקטאָר איז אויך פּונקט אַזוי: ווי מע פּאַסט אוף אים, אַזוי אַרבעט ער. שמירט מען ניט אויס די שרײַפעלעך צו דער צײַט אָדער מ'פּילט ניט אָן אים מיט ברענשטאָף, אַרבעט ער ניט.

מעהודין האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצײַגן, צי דער אוילעם הערט אים אופמערקזאַם. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס בלאָקנאָטל, אַרײַנגעקוקט אין דעם אַ ווײַלע און פאָרגעזעצט:

— פון הײַנט אָן ווערט יעדער טראַקטאָריסט צוגעפעסטיקט צו אַ באַ־

שטימטן טראַקטאָר, ער וועט דאַרפֿן אַכטונג געבן אויף אים, רעמאָנטירן צו דער צייַט.

— און צערטלען אים, ווי אַ קאַלע,— האָט עמעצער זיך אַ וויצל געטאָן.

דער אוילעם האָט זיך צעלאַכט.

— יאָ, יאָ, טאַקע צערטלען... מע דאַרף ליב האָבן די מאַשין, אויף וועלכער מע אַרבעט.

## קאַפּיטל צוויי

### 1

אין דעם קאַלטן פֿעווראַל־טאָג, ווען מע האָט אָנטבאַלעגופֿעוועט האַנס ביוטנערן, האָט ער נאָך באַוויזן, איידער מע האָט אים מיט דער מישפּאָכע אַרויסגעשיקט, באַוואָרענען, אַז אַ קרויווע זאָל אָפּפֿירן זייַן ייִנגסט באָכערל פּאַולן צו זייַן עלטערן ברודער, וועלכער האָט געוווינט אין אַ שכייַנישער קאָלאָניע.

— ביזוואַנען ס'וועט ניט ווערן אַ ביסל רויִקער, באַמי זיך, זון מייַנער, קיינעם ניט ווייַזן זיך אויף די אויגן און איבערזיצן באַם פֿעטער די שווערע צייַט,— האָט דער פֿאָטער אָנגעזאָגט פּאַולן.— אויב מע וועט אונדז פֿרעגן וועגן דיר, וועלן מיר זאָגן, אַז מיר ווייסן ניט, ווו דו ביסט אַהינגעקומען. און אויב אונדז וועט ניט זייַן באַשערט זיך אומקערן צוריק אַהער, זאָל כאָטשבי אונדזער האָב־און־גוטס אָנקומען דיר.

פּאַול האָט אויסגעפֿילט דעם פֿאָטערס אָנזאָג און איז איבערגעזעסן אַ שטיקל צייַט באַם פֿעטער. ביסלעכווייַז האָט ער, קלוימערשט, אַלס אַ פֿאַריאָסעמטער פּלעמעניק אָנגעהויבן באַווייַזן זיך אין דעם קאָלווירטישן וואַרשטאַט, ווו דער פֿעטער האָט פֿאַריכט לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינווענטאַר פֿונעם היגן אַרטעל. דאָ האָט פּאַול זיך אונטערגעלערנט אַ ביסל שלאָסערייַ, שמידערייַ און איז מיט דער צייַט אוועקגעפֿאָרן אין שטאָט, ווו ער האָט זיך אייַנגעאָרדנט אַרבעטן אויף אַ זאַוואָד און באַהערשט דאָ דעם פֿאַך פֿון אַ מעכאַניקער. אָבער ס'האָט אים ניט אופֿגעהערט צו ציִען אַהיים, צו דער שטוב, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. ס'האָט זיך אים געוואָלט כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן אויפֿן פּאַליסאַדניק, אויף די פּרוכט־ביימער, אויפֿן הויף, וועלכער האָט געהערט אַמאָל דעם פֿאָטער. בריוו האָט אים דער פֿעטער געשריבן זעלטן, און וועגן דעם, וואָס ס'האָט אים באַזונדערס אינטערעסירט, האָט יענער מיט קיין האַלב וואָרט ניט דערמאָנט.

ס'זייַנען דורכגעגאַנגען יאָרן נאָך דער צעשיידונג מיט די עלטערן. מענטשן האָבן שוין עפּשער פֿאַרגעסן, אַז מע האָט אָנטבאַלעגופֿעוועט זייַן פֿאָטער, און אין דער קאָלאָניע, ווו דער פֿעטער וווינט, קען מען אים ביכ־

לאל ווייניק. דעריבער האָט פּאול באַשטימט דורכפאָרן זיך אַהין אין אורלויב.

כאָטש דער פעטער האָט אים דערציילט, אַז די קאָלאָניע נײַ־בערלין האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט קורמאַן, אַז פון זײַן פּאָטערס הויף איז קיין זייכער ניט געבליבן, אַז דאָרט געפינט זיך איצט די מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע, פונדעסטוועגן איז ער אַוועק אַהין אַ קוק טאָן.

...מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער מיטן נײַ־אַספּאַלטירטן שאָסיי־וועג זיך דערנענטערט צום געוועזענעם הויף פון זײַן פאָטער. נאָך פונווײַטן האָט ער דערזען אַ גרויסן, אַרומגעצוימטן מיט פאַרשיידנקאָלירקע עלעקט־רישע לעמפּלעך שלאַגבאַום און אַן אויפשריפט: „קורמאַנער מאַשין־טראַק־טאָר־סטאַנציע".

צוגעגאַנגען אַ ביסל נעענטער, האָט ער דערזען זײַן פאָטערס שטוב, אַן אַרומגעוווּקסטע ווי ערעוו אַ יאָמטעוו. די בײַשטידלעך און די ברייטע אַרײַנגאַנג־טיר זײַנען געווען אויסגעפּאַרבט, און די קוואַדראַט־אויסגע־לייגטע טשערעפּיצעס אויפן דאַך האָבן שעמערירט. די אַקאַציע־אַלייען אַרום שטיינערנעם פּאַרקן זײַנען געווען גלײַך אַרומגעשאָרן, די פרוכט־ביימער זײַנען, ווי פריִער, געשטאַנען שטרענג אין רייען, אַרומגעוווּקסטע. פּאול איז פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט זיך גאַנווענען, אַרײַן אין הויף. הינטער דער שטוב, אויף דעם אָרט, וווּ עס זײַנען געשטאַנען די שטאַלן פאַר דעם פי, די שײַערן אויף צו האַלטן פיטער, זײַנען געשטאַנען טראַקטאָרס, קאָמבײַנען, לאַסטמאַשינעס, אַקערס, זייעלקעס...

אויף אַ ברעט, וווּ ס'זײַנען געווען אויסגעהאַנגען פאַרשיידענע מעלדונ־גען, האָט פּאול איבערגעלייענט, אַז פאַר דער מטס פאָדערן זיך מעכאַני־קער, שלאָסערס און שמידן.

„עפּשער פרוּוון אײַנאָרדענען זיך דאָ? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — דאָ וועט ער זײַן אין דער היים און ניט ווײַט פונעם פעטער, וועלכער באַ־קומט בריוו פונעם פאָטער, ער וועט שטענדיק וויסן, וואָס עס טוט זיך בײַ די עלטערן און בײַ די אייגענע".

אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זײַטן, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין קאָנטאָר. אָפּגעפרעמדט האָבן געקוקט אויף אים די ווענט פון זײַן אייגענער שטוב. גאָר אַנדערע זײַנען געווען די צימערן. פּאול האָט אָנגעקלאַפּט, און דער־הערנדיק אַ שטים: „גייט אַרײַן", האָט ער אָן עפן געטאָן די טיר. דערזען מעהודינען, איז ער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

זינט פּאול האָט אָנגערייצט אויף אים דעם הונט, ווען ער, מעהודין, איז געקומען אין אָט דעם זעלבן הויף, וווּ איצט איז די מטס, בעטן אַ ביסל וואַסער, איז שוין דורכגעגאַנגען אַ סך צײַט. מעגלעך, אַז יענער האָט עס שוין לאַנג פאַרגעסן, נאָר פונעם געדאַנק, אַז ער קאָן אים עפּשער יאָ דער־קענען, איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ שרעק.

„ער האָט דאָך געזען מיך בלויז איין מאָל, ווען איך האָב דעם פאָטער, וואָס האָט אויסגעפּילט דאָן צוואַנגס־אַרבעט בײַ זיי אין יישעוו, געבראַכט עפּעס צום עסן", — האָט ער זיך אָנגעהויבן טרייסטן. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאַן האָט ער אים יאָ דערקענט און געוואָלט אָנבייקערן די ביינער. מער האָט ער, פּאול, אים זיך ניט געוויזן אויף די אויגן. ווי אַ

געפאנגענע כײַע, האָט ער איצט זיך אָנגעהויבן ארומקוקן, ווי ארויסצו־כאפן זיך פונדאנען. ער האָט געוואָלט פּאָשעט ארויסלויפן, נאָר ס׳האָט ניט געפּאסט. באמערקנדיק, אז דער אריַינגעקומענער שטייט א פארלאָרענער, האָט מעהודין א קוק געגעבן אף אים מיט א דורכדרינגלעכן בליק און א פרעג געגעבן:

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— כ׳האָב איבערגעלייענט, אז ס׳פאָדערן זיך ארבעטער, — האָט פאול, באהערשנדיק זיך, געענטפערט.

— עס פאָדערן זיך ניט סטאם ארבעטער, נאָר פאכמענער, — האָט מע־הודין דערקלערט.

— אין דער מעלדונג איז געזאָגט, אז מע נייטיקט זיך אין מעכאני־קער, — האָט פאול אָנגעהויבן ריידן מונטערער. — האָב איך געוואָלט...

— איר זײַט א מעכאניקער? פונוואנען זײַט איר?

— איך ארבעט אף א זאוואָד.

— אף א וועלכן זאוואָד?

— אף אן אווטאָרעמאָנט־זאוואָד. אין א שלאָסער־מעכאנישן צעך.

— איר ווילט פון שטאָט איבערפאָרן אהער?

— כ׳וואָלט אריבערגעפאָרן, ווען...

מעהודין האָט אויסגעוואַרט א ווײַלע, אז יענער זאָל דערענדיקן דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, נאָר פאול האָט ניט געוווסט, וויאזוי צו דערקלערן די סיבע פון זײַן וועלן אריבערפאָרן אהער.

— בא אונדז איז א מאשין־טראקטאָר־סטאנציע, — האָט מעהודין גע־זאָגט, — מיר רעמאָנטירן טראקטאָרס, קאָמבײַנען... אויב איר זײַט א מע־כאניקער, קאָנט איר אונדז צוניץ קומען.

— כ׳האָף, אז כ׳וועל זיך ספּראווען.

— אויב מע וועט אײַך אָפּלאָזן פון זאוואָד, קאָנען מיר אײַך נעמען אף ארבעט מיט אן אויספּרווו־טערמין.

— כ׳גלייב, אז מע וועט מיך אָפּלאָזן, — האָט פאול געענטפערט און איז אײַליק ארויסגעגאנגען.

## 2

נאָכן ענדיקן דעם לאנדווירטשאפטלעכן טעכניקום האָט מינע זיך אײַנ־געאָרדנט ארבעטן אין א בײַשטאָטישער ווירטשאפט. דער מעהאלעך פון דער ווירטשאפט ביז דער היים איז געווען א גאנץ גרויסער, דעריבער האָט זי געדונגען אין דער נאָענט א דירע, און בלויז אף אָפּרו און אין יאָמטויוים־טעג פלעגט זי קומען צו דער מוטער.

ביזוואנען מינע איז געווען אף די אויגן, האָט שיפרע נאָכגעשפּירט נאָך יעדן טריט אירן. אפילע ווען מינע פלעגט ניט דערציילן, וואָס עס טוט זיך בא איר אף דער נעשאָמע, וואָס עס באומרויקט זי, האָט איר מו־טערלעך הארץ אלץ געפילט און די מינדסטע איבערלעבונג איז ניט פאר־בײַגעגאנגען אומבאמערקט.

שיפרע האָט געטרוימט, אַז מינע וועט ענדיקן די לער, וועט כאַסענע האָבן און גוט אײַנאָרדענען איר לעבן. אָבער צעשיידן זיך מיט דער טאָכטער וועט זי בעשום־אויפן ניט. ווו מינע וועט וווינען, דאָרט וועט זי זײַן און העלפן איר מיט וואָס זי וועט נאָר קאָנען, ס'זאָל איר זײַן גרינגער צו לעבן.

און אָט האָט זי שוין געענדיקט דעם טעכניקום, און סײַווי איז זי אין דער פרעמד און ווערט אויסגעריסן.

זונטיק אין אָוונט, ווי נאָר מינע פאָרט אוועק פון דער היים, הייבט שוין שיפרע אָן ציילן די טעג, ווען זי וועט צוריק קומען. פאַר דעם אייניציקן טאָג, וואָס מינע איז מיט איר, באַווײַזן זיי אפילע ניט געגוג זיך אָנצוריידן. ניט איין מאָל האָט שיפרע אײַנגעטײַנעט מיט דער טאָכטער:

— צעשיידט האָט איר זיך דאָך שוין לאַנג, עליע האָט דיך, מעגלעך, לאַנג פארגעסן, און דו טראַכסט נאָך אַלץ וועגן אים. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אַזא באָכער זאָל זיצן און וואַרטן אָף דיר. ער האָט דאָך שוין געוויס עמעצן, און דו קוקסט אַרויס אָף אַ בריוו פון אים... כעוורע שלאָגן דאָך אָפּ די טירן, גייען אויס נאָך דײַנע טריט, און דו ווילסט אָף קיינעם ניט קוקן.

שיפרע פלעגט זיך עקן פון איר לעבן, לעמײַ מינע טוט אירס און וויל אפילע ניט הערן, וואָס זי רעדט צו איר. מינע פאַרוקט זיך אין אַ ווינקעלע און הייבט גאָר אָן זינגען לידער, פולע מיט בענקשאַפט און טרויער, עס שטעלן זיך אַזש טרערן אין די אויגן.

די מוטער איז ניט אָפּגעשטאַנען פון מינען און ניט אופגעהערט צו טײַנען:

— די יאָרן גייען דאָך, טאָכטערקע, עליע איז ווײַט פון דיר, דו דאַרפסט אים פאַרגעסן און געפינען דײַן באַשערטן.

מינע פלעגט זיך אַמאָל בייזערן און אַמאָל גוטמוטיק לאַכן און וויצלען זיך:

— קיין גראָוון צאַפּ, מאַמע, האָב איך נאָך ניט... האָב ניט מוירע, פאַרזיצן וועל איך ניט... ניט אַנדערש, ווי דו ווילסט שוין פון מיר פּאָטער ווערן.

— ווי קאָנסטו, טאָכטערקע, פון דײַן מויל אַרויסברענגען אַזעלכע רייד, ווען האָב איך נאָך אַכוץ דיר?.. דו ביסט דאָך מײַן אייניציק אויג אין קאָפּ... נאָר די יאָרן גייען דאָך אַוועק, און כ'וויל גיכער דערלעבן נאַכעס פון דיר.

— וועסט דערלעבן, מאַמע, וועסט דערלעבן. אָף אַלץ קומט אַ צײַט.

ווען מינע איז איינמאָל געקומען, ווי געוויינלעך, אָף זונטיק אַהיים, האָט שיפרע איר דערלאַנגט אַ בריוו. לויטן האַנטשריפט אָפן קאָנווערט האָט מינע דערקענט, אַז ס'איז פון עליען.

— פון איליושען! — האָט זי אַ צעראַשטע אויסגעשרײַען.

איר פּאָנעם האָט געשײַנט, די אויגן האָבן געפינקלט. זי האָט אופגעעפנט דעם קאָנווערט און אײַנגעזויגן זיך מיט די אויגן אינעם געדיכט־אָנגעפיקעוועטן בייגעלע פּאַפּיר.

שיפרע איז געשטאַנען און אומגעדולדיק געוואַרט, די טאָכטער זאָל איבערלייענען און איר אויך דערציילן, וואָס עליע שרײַבט.

— נו, וואָס שרײַבט ער גוטס? — האָט זי דערנאָך אַ פרעג געגעבן.

— וואַרט אויס, מאַמע... — מינע האָט געוואָלט נאָכאַמאָל פונסנײַ אָנ־הייבן לייענען.

די מוטער האָט איבערגעפרעגט:

— וואָס זשע שרײַבט ער פאַרט?

— ער שרײַבט, אַז ער איז שוין אַ דירעקטאָר פון אַ מטס, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען...

— איז דערפאַר האָט ער ניט געשריבן? נו און וועגן...

די מוטער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, עפּשער וועט מינע אַליין דער־ציילן דאָס, וואָס זי גאַרט אַזוי צו הערן.

— ער פרעגט, וואָס איך טו... וואָס דו מאַכסט...

— און מער גאָרניט?

— נו, וועגן דער אַרבעט... מע הייבט זיך שוין אָן גרייטן צום פרי־לינג־פאַרזייִ, מע רעמאָנטירט די טראַקטאָרס.

— און וועגן...

— גענוג שוין, מאַמע. כ'האָב דיר שוין אַלץ דערציילט.

שיפרע האָט זיך ניט אונטערגעגעבן:

— באַ דײַן עליען וועט, דאַכט זיך, קיין צײַט ניט זײַן, ווען כאַסענע צו האָבן...

מינע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— זאָרג ניט פאַר אים... ער געפינט אַף אַלץ צײַט...

שיפרע האָט געפילט, אַז די טאָכטער האָט איר ניט אַלץ דערציילט, וואָס עליע שרײַבט, נאָר נאָכאַמאָל פרעגן האָט זי ניט געוואָלט.

מינע האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם בריוו און טייקעף אָנגעהויבן שרײַבן אַן ענטפער. געשריבן האָט זי לאַנג.

אַף מאָרגן, נאָך מינעס אַוועקפאָרן, איז ווידער געוואָרן אײן שטוב פוסט, און די מוטער האָט אָנגעהויבן ציילן די טעג, ווען זי וועט ווײַטער קומען.

כאָטש ס'איז נאָך געווען פרי צו וואַרטן אַף אַן ענטפער אַף מינעס בריוו, נאָר שיפרע האָט באַצײַטנס אָנגעהויבן נאָכפרעגן זיך באַם בריוו־טרעגער:

— ניטאָ גאָרניט פאַר אונדז?

— מע שרײַבט, — האָט דער בריווטרעגער, ווי געווײנלעך, געענטפערט.

די וואָך האָט זיך באַ שיפרען געצויגן לענגער ווי אַלעמאָל. ווי אַפּ־צולאָכעס איז מינע דאָס מאָל געקומען שפּעטער. איבערטרעטנדיק די שוועל, האָט זי אויסגעפּאַליעט:

— נו, נאָך ניטאָ קיין בריוו?

— ס'איז דאָך נאָך פרי, טאָכטערקע, כ'מיין, אַז, מירצעשעם, די קומענ־דיקע וואָך וועסטו שוין באַקומען אַן ענטפער.

אין עטלעכע טעג אַרום, שפּעט באַנאַכט, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער.

— ווער איז דאָס? — האָט שיפרע אַן איבערגעשראָקענע געפרעגט.
— דאָס בין איך, — האָט זיך דערהערט מינעס קאָל.
שיפרע האָט האַסטיק געעפנט די טיר.
— וואָס איז געשען, טאָכטערקע?
— מע האָט מיך אַרויסגערופן אַף אַ סעסיע אין אינסטיטוט.
— אַף לאַנג? כ׳וואָלט וועלן, אַז דו זאָלסט כאָטש צו דײַן געבורטסטאָג זיך אומקערן.
— כ׳ווייס אַליין ניט, וויפל כ׳וועל זיך דאָרט פאַרהאַלטן, מאָרגן וועל איך אַלץ געֶנוי זיך דערוויסן... גיב מיר אַפּגיך מײַן טשעמאָדאַנטשיק, כ׳וועל אַהין אַרײַנלייגן די זאַכן, וואָס איך דאַרף מיט זיך מיטנעמען. מיטן ערשטן צוג מוז איך זיך אומקערן אַף דער אַרבעט. כ׳האָב דאָרטן נאָך איניאָנים צו דערלייזן...

3

ווען מינע איז אַרײַנגעגאַנגען אינעם צימער פון צוזאַמענוווינונג, ווו מע האָט זי אײַנגעאָרדנט אַף דער צײַט פון דער סעסיע, האָט זי שוין דאָרט געטראָפן אַ שוואַרצכיינעוודיק מיידל, מיט אַ פּאַריסן נעזל, מיט צוויי געדיכטע צעפּעלעך, אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען.
ליטן טשעמאָדאַן מיט די פּעקלעך, וועלכע זײַנען געשטאַנען לעבן איר בעטל, איז קענטיק געווען, אַז זי איז אָקאָרשט אַהער געקומען.
— איר זײַט אויך אַ זאָאָטעכניקער? — האָט מינע געפרעגט.
— יאָ, — האָט געענטפערט דאָס מיידל.
— ווען הייבן זיך אָן די לימודים?
— מע זאָגט, אַז מאָרגן.
מינע האָט אָוועקגעשטעלט לעבן אַ ליידיק בעטל איר טשעמאָדאַן און דאָס קוישל.
— ווו באַקומט מען בעטגעוואַנט און וועש?
דאָס מיידל האָט געעפנט די טיר און געוויזן מיט אַ פינגער אין קאָ־רידאָר:
— אַף לינקס, אין סאַמע ענדע, איז דער צימער פון קאָמענדאַנט, ער וועט אײַך אַלץ אַרויסגעבן, נאָר אײַלט זיך צו, ווײַל ס׳איז שוין שפּעט און ער קאָן אָוועקגיין.
ווען מינע האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט דאָס מיידל געוואַשן דעם דיל.
— לאָזט פאַר מיר אויך אַ ביסל אַרבעט, — האָט מינע געבעטן.
— ס׳וועט סטײַען פאַר ביידן, — האָט זי באַרויקט דאָס מיידל.
מינע האָט אָוועקגעלייגט דאָס באַקומענע בעטגעוואַנט און דאָס וועש אַפן בעטל און אָנגעהויבן צוקלײַבן.
— איר האָט זיך צוגעײַלט אויסוואַשן דעם דיל, מע האָט געדאַרפט פריִער אַראָפּנעמען דעם שטויב פון די ווענט.

— ס׳איז ניטאָ מיט וואָס אויסוויַשן די וועגט, — האָט דאָס מיידל דער־קלערט.

מינען האָט זיך געוואָלט ארויסוויַזן בעריעשאפט. זי איז אוועקגעלאָפן צום קאָמענדאַנט, נאָר אים שוין ניט געטראָפן.

— מיר וועלן דערוויַיל ווי־ניט־איז איַינאָרדענען זיך, — האָט געזאָגט מינע. זי האָט ארויסגענומען פון טשעמאָדאַן דעם צודעק, דאָס אויסגענייטע טישטעכל און אויסגעשפרייט עס אַף איר טומבאָטשקע.

דאָס מיידל האָט צוגעקליבן איר בעט, אופגעהאנגען שיין אויסגעהעפטע פאָרהענגלעך אַפן פענצטער, און אין צימער איז געוואָרן היימלעך.

— איצט קאָנען מיר זיך אליין ברענגען אין אָרדענונג און אָפּרוען זיך א ביסל, — האָט מינע געזאָגט. — ווי רופט מען דיך? איך הייס מינע.

— און מיך רופט מען ליזע.

די מיידלעך האָבן זיך ארומגעוואשן, איבערגעטאָן, פאַרבראַכט א ביסל און זיַינען געוואָרן אזוי היימיש, ווי לאַנגיאָריקע באקאנטע.

גאנצפרי זיַינען זיי אופגעשטאנען, האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק און זיַינען אוועקגעלאָפן אַף די לעקציעס.

די טעג זיַינען געגאנגען אין אָנגעשטרענגטער לער. נאָך די לימודים זיַינען זיי ביז שפּעט אָוונט געזעסן אין לייענזאל בא די ביכער, און קיין פריַיע שאָ דורכשפּאצירן זיך, ארײַנכאפּן זיך אין קינאָ האָבן זיי ניט געהאט.

כעוורע, וועלכע זיַינען געקומען איניינעם מיט זיי אַף דער סעסיע, האָבן זיך ניט איין מאָל פארקוקט אַף די צוויי שיינע מיידלעך, האָבן גע־פּרווט זיי איַינריידן זיך ערגעץ דורכגיין, פאַרוויַילן זיך, נאָר אָפּריַיסן זיי פון די ביכלעך און פון די קאָנספּעקטן איז געווען אומעגלעך.

איינער פון די כעוורע — „קאַפּעלצעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן, — א ווילצלער, א ווערטלזאָגער, האָט א נאָמען געגעבן די מיידלעך „טאַלמוד־דיסטקעס״.

— די עמעסע טאלמודיסטן, געמאָרע־לײַט, — האָט ער זיך געכאָכמעט, — האָבן געלערנט געטלעכע זאכן, און איר לערנט וועגן פערד, בעהיימעס, כאזיירים און אנדערע פּירפּיסיקע באשעפענישן.

— מיר לערנען אויך דאָס זעלבע, — האָט אים אונטערגעהאלטן א צווייטער כעוורעמאַן. — אָבער מיר פארגעסן ניט דאָס לידל „א מיידעלע דארף שפּאצירן גיין מיט א יִנגעלע א שיינעם״.

— דערפאר ווילן מיר מיט דיר ניט גיין, וויַיל דו ביסט ניט גענוג שיין, — האָט אינעם זעלבן נוסעך געענטפערט ליזע.

די כעוורע לייצים האָבן אליין אָנגעהויבן אונטערכויזעקן פון דעם ווילצלער:

— האָסט געכאַפּט א גוטן פּסאָק. ווּעסט שוין, דאכט זיך, פארזאָגן א צענטן מיט איר זיך אָנהייבן.

— אָ, דאָס מיידל טראָגט א שארפע שווערד אין שיידל, זי האקט און בראָקט און כאָכמע זאָגט, — האָט ניט אופגעהערט כאָכמענען זיך דער ווילצלער.

...אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס, זײַנען ליזע מיט מינען אַוועק אין צוזאַ־מענוווינונג. די שטימונג איז געווען באַ זיי אַ גוטע, און זיי האָבן גע־טראַכט, ווי אַזוי בעסער פאַרברענגען דעם אָוונט.

— עפּשער וועלן מיר זיך דורכגיין אין טעאַטער? — האָט מינע פאָר־געלייגט. — הײַנט איז, אַגעוו, מײַן געבורטסטאָג, און נאָכן טעאַטער וועלן מיר אים אָפּמערקן.

— מיט פאַרגעניגן, — האָט ליזע צוגעשטימט. — דו וועסט עמעצן אײַנ־לאַדן?

— ס׳קאָן זײַן. איך וועל אַ טראַכט טאָן, וועמען רופן.

אויף מינעס נאָמען איז אָנגעקומען אַ פּעקל. זי איז אַוועקגעלאָפן אויף דער פּאָטשט און עס אָפּגענומען.

— ס׳איז פון מײַן מאַמען. גיב נאָר אַ קוק, ווי זי האָט פּינקטלעך צו־געטראָפן.

אין פּעקל זײַנען געווען פאַרשיידענע געבעקסן און אַ מאַטאָנע — אַ וואָלן קאָפּטל, אין וועלכן ס׳זײַנען געווען אײַנגעוויקלט צוויי בריוו. איין בריוו האָט זי אַ כאַפּ געטאָן, מיט אומגעדולד אופגעעפנט און אָנגעהויבן לייענען.

ליזע איז צוגעגאַנגען צום טיש, געוואָלט מינען עפּעס פרעגן, נאָר יענע איז געווען אַזוי פאַרכאַפּט מיטן בריוו, אַז ס׳וואָלט געווען אַן אוולע איבערײַסן איר לייענען. דער האַנטשריפט אויפן קאָנווערט, וועלכער איז געלעגן אויפן טיש, איז ליזען געווען שטאַרק באַקאַנט. זי האָט איבערגע־לייענט: „קורמאַנער מטס, מעהודין״, און איז געוואָרן דער־שטוינט.

„פונוואַנען קען אילושע מינען און פאַרוואָס שרײַבט ער איר?״ — מיט אַ הייסער נײַגעריקײַט האָט זי איצט נאָכגעשפּירט נאָך יעדן אויסדרוק, וועלכן יענע האָט געמאַכט, לייענענדיק דעם בריוו.

מינע האָט איבערגעלייענט דאָס בייגעלע פּאַפּיר, עס אַרײַנגעלייגט צו־ריק אין קאָנווערט און זייער אַ צופרידענע געזאָגט:

— גוט, וואָס די מאַמע האָט מיר איבערגעשיקט דעם בריוו, ס׳איז די בעסטע מאַטאָנע צו מײַן געבורטסטאָג.

— פון וועמען איז דער בריוו?

— פון מײַנעם אַ גוטן כאַווער... מיר כאַווערן זיך נאָך פון די שול־יאָרן... האָסט, מיסטאָמע, געהערט וועגן אים. מע שרײַבט וועגן אים אין די צײַטונגען.

ליזע האָט שוין געוווסט, וועגן וועמען עס גייט אַ רייד, פונדעסטוועגן האָט זי געפרעגט:

— ווי איז זײַן פאַמיליע?

— מעהודין. עליע מעהודין.

— איך קען אים אויך זייער גוט, ער איז איצט דער דירעקטאָר פון קורמאַנער מטס.

— דו ביסט פון דאָרטן?

— אוואדע בין איך פון דאָרטן... כ׳ווין קנאפּע צען קילאָמעטער פון דער מטס.

— גיי ווייס... אינטערעסאנט... מיר איז גאָר ניט איַינגעפאלן צו פרעגן, פונוואנען דו ביסט... איך האָב געווינט אינעם ייִשעוו נײַשפּראַצן.

— אין נײַשפּראַצן? אין קאַלווירט „סווערדלאָוו״? און איך בין פון ראַטנדאָרף.

— זײַנען מיר דאָך, ליזע, מיט דיר זעמליאַטשקעס. מיר האָבן געווינט אזוי נאָענט איינע פון דער צווייטער און זיך קיינמאָל ניט באגעגנט. זייער גוט, ליזע, וועסט אָפּגעבן א לעבעדיקן גרוס אילױשען.

— כ׳וועל איבערגעבן, אוואדע וועל איך איבערגעבן.

— ער וועט זײַן צופרידן. כ׳וועל אים אָנשרײַבן א בריוו, און דאָס איבעריקע וועסטו אליין דערציילן.

— ער שרײַבט דיר אָפט?

— ווי אמאָל, ער איז שטארק פארנומען.

— אז מע אינטערעסירט זיך, געפינט מען צײַט.

מינען האָט זיך אויסגעדוכט, אז ליזע האָט איר מיט א קיוון געפרעגט, צי ער שרײַבט אָפט, קעדיי שווער מאכן אפן הארצן. האָט זי איר אפצו־לאָכעס אָנגעהויבן זיך בארימען:

— פאר מיר געפינט אילױשע צײַט, ער שרײַבט זייער אָפט.

— איז דאָך גוט, וואָס זשע ווילסטו נאָך?

„פארוואָס האָט אילױשע איר נאָמען קיינמאָל ניט דערמאָנט? צי דען האָט ער געוואָלט אויסבאהאלטן פון מיר?״ — האָט ליזע געטראכט. נאָר אָט דעם געדאנק האָט זי ניט געוואָלט דערלאָזן און זיך אליין אָנגעהויבן טרייסטן: „ער שרײַבט איר עפּשער געווײנלעכע כאווערישע בריוו און מיינט גאָרניט״.

מינע האָט באמערקט, אז איר כאווערטע איז געוואָרן עפּעס צעטראָגן, און אזוי ווי דערעכאגעוו האָט זי א פרעג געגעבן:

— עפּשער וועסטו זיך דורכפאָרן צו אונדז? וועסט זײַן אין דײַן אמאָ־ליקער היים, באגעגענען זיך מיט באקאנטע, זען זיך מיט אילױשען.

— ס׳קאָן זײַן, אז איך וועל טאקע זיך דורכפאָרן.

— וועסט זײַן א גרויסער גאסט.

די מיידלעך האָבן ניט באמערקט, ווי די צײַט איז דורכגעפלויגן. ליזע האָט א קוק געגעבן אפן זייגער.

— מיר וועלן שוין, ווי עס ווײַזט אויס, אין טעאטער ניט באווײַזן, — האָט ליזע געזאָגט.

— וועלן מיר אזוי פארברענגען, — מינע האָט גענומען גרייטן צום טיש.

ליזע האָט זיך אָנגעטאָן און אײַליק זיך געלאָזט צו דער טיר. מינע האָט זי געפרווווט פארהאלטן.

— וווהין? וווהין קלײַבסטו זיך גיין?

— כ׳וויל עפּעס קויפן.

— מ׳דארף גאָרנישט ניט קויפן, אלצדינג איז פאראַן.

— ניין, ניין, אנדערש קאָן איך ניט... — און זי איז אוועקגעלאָפן.

# קאַפּיטל דרײַ

1

בא קורט ביוטנערן, פּאולס פּעטער, האָט מען געהאַלטן אין איין ארויס־קוקן אַפן פלעמעניק, און ער האָט זיך שטאַרק פאַרזאַמט. אין שטוב האָבן זיך צונויפגעקליבן בעקאָוועדיקע געסט — דער גרײַז־גרויער פּראָסוויטער פון דער היגער קירכע מיט זײַן איידעמל וואַלטער — א בלאָנדער יאָדער־דיקער יונגערמאַנטשיק מיט לאַנגע האָר, וועלכער וואַרט, אז דער אַלטער שווער זאָל שוין גיכער זיך אָפּטראָגן פון גאָטס וועלטל און ער זאָל פאַר־נעמען זײַן אָרט. ביזוואַנען־וואָס האָט ער דעם שווער אונטערגעהאָלפן, געלערנט זיך און געגרייט זיך אויסצופילן די קומענדיקע בעקאָוועדיקע גאָטס פּולמאַכטן. קעדיי מעפּאַרנעס זײַן די מישפּאָכע און זיכערן די קינ־דער א „קאַשערע" סאָציאַלע אָפּשטאַמונג, האָט ער זיך צוגעטוליעט אַלס געהילף־מעכאַניקער אין די קאָלווירטישע וואַרשטאַטן, ווו עס האָט געאַר־בעט קורט ביוטנער. מע האָט זיך באַפרײַנדעט, און וואַלטער האָט אים אָנגעהויבן אײַנלאַדן צום שווער, בא וועמען ס׳פּלעגן זיך צונויפזאַמלען אייניקע היגע דײַטשישע קאָלאָניסטן. דער פּראָסוויטער האָט פאַרגעלייענט פאַרשיידענע שטעלן פון דער ביבל און פון אַנדערע „הייליקע" ספאָרים און געפּרוּווט דערווײַזן, אז דאָס דײַטשישע פאָלק איז דאָס קליגסטע און אויסדערוויילטסטע פאָלק און וועט זײַן דער הערשער פון דער וועלט.

קורט ביוטנער איז געווען א מענטש א גלייביקער. ער האָט ניט דורכ־געלאָזן קיין איין טפּילע אין דער קירכע. ער האָט געבעטן דעם אַלמעכ־טיקן פאַרגעבן מענטשן די זינד, וועלכע זיי טוען, ניט שטראָפן זיי און זײַן באַרעמהאַרציק. נאָר אַלץ, וואָס דער פּראָסוויטער האָט געפּריידיקט וועגן דעם ווײַטן פאָטערלאַנד, איז אים ניט אָנגעגאַנגען. ער איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן דאָ, אַף די סטעפּעס. דאָ איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן אויך זײַן פאָטער. פון דעם זיידן האָט ער געהערט, אז באַזעצט האָט זיי נאָך דאָ די רוסישע קייזערן יעקאַטערינע. ניט גרינג איז זיי געווען זיך צוגעווינען צו דעם סטעפּישן קאַנט, אײַנ־בירגערן און אײַנוואָרצלען זיך אַף דער היגער ערד.

פון יאָר צו יאָר, פון כוידעש צו כוידעש האָבן זיי געטרײַ געטראָגן דעם שווערן אָל פון ערד־אַרבעטער — מיט זייער ביטערן שווייס האָבן זיי באַ־אַרבעט די ערד, און זי האָט זיי, ווי א געטרײַע מוטער, געשפּײַזט.

ווען קורט איז נאָך געווען גאָר א יונגער, האָט אויסגעבראָכן די ערש־טע וועלט־מילכאָמע. ער געדענקט, אז פּונקט ווי דער פּראָסוויטער טײַנעט איצט, האָט מען אויך דאַן געגרעדט דאָ אין קאָלאָניע, מ׳האָט געהאַלטן אין איין זינגען „דויטשלאַנד איבער אַלעס", און פון דער טומלערײַ האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.

ווען דאָס מיליטער פונעם קייזער ווילהעלם איז געקומען אַהער, האָט מען גלײַך אָפּגענומען די ערד, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן אים, קורט

ביוטנערן, אָפּגעגעבן פון די פעלדער פון דער דײַטשישער פּריצטע ליוס־טיכע, און אים נאָך אַרײַנגעטיילט א גוטע פּאָר צענדליק שמיץ. נאָכדעם, ווי די באָלשעוויקעס האָבן פאַרטריבן די דײַטשישע סאָלדאַטן און האָבן באַזיגט די ווײַסע כאַיאַלעס, האָט מען אים אומגעקערט צוריק די ערד, און ער האָט באַקומען א מעגלעכקײַט צו בויען א זאַט, רויִק לעבן. אָט פאַר־וואָס ער האָט אַזוי געגלייבט אינעם קויעך פון דער נײַער מאַכט, און ער האָט אפילע אף קיין איין רעגע ניט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז מע קאָן אָט דעם קויעך בײַקומען. נאָר דער פּראָסוויטער האָט טאָג־אײַן, טאָג־אויס אײַנ־געריידט די מענטשן, וועלכע פלעגן צו אים אַרײַנקומען, אַז אין „דויטשישן פאַטערלאַנד" איז פאַראַן א גאָטגעבענטשטער פיורער, אַז ער וועט אײַנע־מען די גאַנצע וועלט און וועט אײַנשטעלן די הערשאַפט פונעם דײַטשישן פאָלק איבער אַלע פעלקער. ביסלעכווײַז האָט קורט אָנגעהויבן גלייבן, אַז דאָס, וואָס דער פּראָסוויטער רעדט, קאָן טאַקע מיט דער צײַט מעקוייעם ווערן.

איינמאָל אין א כאָגע־טאָג, ווען קורט איז געקומען אין קירכע, איז וואַלטער נאָכן אָפּריכטן די גאָטעסדינסט צוגעגאַנגען צו אים און גע־פרעגט:

— ווו איז עס דער יונג פּאָול, וועלכער האָט געאַרבעט מיט אונדז אין וואַרשטאַט פון קאַלווירט?

קורט האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט יענער פּלוצעם זיך פאַראינטערעסירט מיט זײַן פּלעמעניק. ס'איז שוין אַוועק אַזויפיל צײַט, ווי פּאָול איז אַוועקגעפאָרן פונדאַנען, און קיינמאָל האָט וואַלטער ניט גע־פרעגט, ווו איז ער, וואָס איז מיט אים. וואָס זשע האָט ער איצט זיך דער־מאָנט אין אים?

— וואָס דאַרפט איר אים? — האָט קורט אף דער פראַגע געענטפערט מיט א פראַגע.

— דער יונג איז, נעבעך, אָן א היים, אָן עלטערן, — האָט וואַלטער מיט א ראַכמאָנעסדיק קאָל אָנגעהויבן. — גאָט אליין האָט דאָך געהייסן אַזעלכע העלפן.

„פונוואַנען ווייסט עס וואַלטער אַלץ, וואָס ס'איז געשען מיט פּאָולן? קיינער האָט זיך דאָך ניט אינטערעסירט, וואָס איז געשען מיט אים. ער, דער פעטער זײַנער, האָט געוואָלט, אַז מע זאָל פאַרגעסן וועגן אים. וואָס זאָל עס באַטײַטן? — האָט ער מיט אומרו געטראַכט. — ס'קאָן דאָך ניט זײַן, אַז דעם פּראָסוויטערס איידעם, א מענטש פון אַזא פרומער מישפּאָכע, זאָל וועלן עפּעס שלעכטס טאָן זײַן פּלעמעניק. ס'איז עפּשער טאַקע מעגלעך, אַז דער פּראָסוויטער זאָרגט, ווי אַזוי צו העלפן די באַאוולטע".

— פּאָול איז ניטאָ, נאָר ער דאַרף אינגיכן קומען, — האָט געענטפערט קורט.

— גיט אים איבער, אַז דער פּראָסוויטער וויל אים זען, — האָט וואַלטער געזאָגט.

דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר פּאָול האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט, האָט שוין וואַלטער באַוויזן אים אופזוכן און הייס מיט אים ווען עפּעס אײַנ־

געטײַנעט. װעגן װאָס זיי האָבן גערעדט, האָט װאַלטער ניט געהייסן דער־ציילן אַפילו דעם פעטער.

פונקט אין דעם טאָג, װען פאול איז אװעק אַ קוק טאָן אויפן געװעזענעם הויף פון זײַן פאָטער, איז װאַלטער מיטן פּראָסװיטער אַרײַנגעגאַנגען צו קורטן קלוימערשט צוגאַסט. זיי זײַנען געזעסן, געמיטלעך געשמועסט, פאַר־נאַנדערגעפרעגט זיך באַ קורטן, װי ער לעבט, װאָס ער טוט. קורטן איז געװען אָנגענעם, װאָס אַזעלכע געהויבענע געסט רעדן מיט אים װי מיט אַ גלײַכן. װען דער פּראָסװיטער האָט פּלוצעם אַ פרעג געגעבן, צי באַקומט ער בריװ פון האַנסן און װאָס הערט זיך באַ אים, האָט קורט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר פאַרװוּנדערטע אויגן.

— פון האַנסן? פונװאַנען קענט איר האַנסן?

— כ'האָב אים געקענט אַ סאַך יאָרן. כ'האָב ערשט ניט לאַנג זיך דער־װוּסט, װאָס ס'איז מיט אים געשען... אַ װוּילער מענטש געװען... דורך באַ־קאַנטע האָב איך זיך דערװוּסט, אַז זײַן יונג איז געװען באַ אײַך.

— ער איז שוין לאַנג ניט באַ מיר... אַ לענגערע צײַט איז ער ניט געװען הי, איצט האָט ער זיך אומגעקערט.

— מיר װייסן װעגן דעם, — האָט װאַלטער געזאָגט. — כ'האָב אים נעכטן געזען.

— ער דאַרף אָט־אָט קומען, כ'קוק שוין אַרויס אויף אים, — האָט געזאָגט קורט.

אין אַ מינוט צען אַרום איז געקומען פאול. דערזען די געסט, האָט ער, פאַרבייגנדיק זיך פאַר אַלעמען, באַגריסט פרײַער דעם פּראָסװיטער, נאָכדעם װאַלטערן. דער פּראָסװיטער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויף פאולס אַקסל:

— װי לעבט זיך דיר, מײַן ליב קינד?

פאול האָט אַ קנייטש געגעבן מיט די אַקסלען.

— דאַנק גאָט, ליב קינד, װאָס ס'זײַנען פאַראַן גוטע מענטשן, װעלכע העלפן דיר און פאַרבײַטן דיר טאַטע־מאַמע.

דער פּראָסװיטער האָט אַ קוק געגעבן אויף קורטן און צוגעגעבן:

— גוט, װאָס דו האָסט צוגענומען דאָס פאַרשטויסענע קינד צו זיך, פאַרביטן אים די עלטערן. גוט, װאָס דו האָסט אים אװעקגעשיקט פונדאַנען, ער זאָל ניט זײַן אויף די אויגן...

דער פּראָסװיטער האָט אװעקגעלייגט די הענט אויף פאולס קאָפּ און, פאַרהייבנדיק די אויגן, הויך געזאָגט:

— איך בענטש דיך אין גאָטס נאָמען... זע, קינד מײַנס, דין געטרײַ דעם אַלמעכטיקן. אַז דו װעסט פאָלגן און אויספילן אַלץ, װאָס די הייליקע דיי־נער װעלן פון דיר פאָדערן, װעלן אויסגעפילט װערן אונדזערע טפילעס. גאָט װעט אומקערן דײַן טאַטע־מאַמע צו זייער הויז און צו זייער װירט־שאַפט.

פאול האָט מיט אַ פרום פּאָנעם געקוקט אויפן פּראָסװיטער, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געשעפּטשעט:

— איך װעל אייביק דאַנקען גאָט און אײַך...

## 2

כאָטש אי וואלטער, אי דער פּעטער קורט האָבן שטאַרק אײַנגערעדט פּאולן, אַז ער זאָל זיך ניט אומקערן אין שטאָט, און אין מטס האָט מען אים שוין אַפילו צוגעזאָגט נעמען אף אַרבעט, האָט ער זיך אַלץ געוואַקלט און ניט געוווסט, וואָס צו טאָן. אפן זאַוואָד, ווו ער אַרבעט, ווייסט קיינער ניט, ווער ער איז. ער האָט דאָרט געמאָלדן, אַז ער איז אַ יאָסעם, און קיינער וועט זיך שוין ניט גריבלען אין זײַן פאַרגאַנגענהײַט. אָבער דאָ קאָן עמע־צער פון זײַן קאָלאָניע אים דערקענען, און דאַן וועט ער האָבן גרויסע צאָרעס.

קורט האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קוועטשט פּאולן, און געפּרווווט אים באַרוּיִקן:

— דאַרפסט איצט פאַר קיינעם ניט מוירע האָבן... ביסט אַן אַרבעטער, אַ פּראָלעטאַריער... דײַן פאָטער איז ווײַט, און דו ווייסט ניט, וואָס עס איז געווען אַמאָל.

סאָפקאָלסאָף איז פּאול גרויוער געווען די ספּייקעס און באַשטימט בלײַבן דאָ.

פאַרכאַפּט מיט זיך די צײַגעניש, וועלכע מ׳האָט אים אַרויסגעגעבן אפן זאַוואָד, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין מטס, נאָר יעדן מאָל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס שטייט אים פאַר באַגעגענען זיך מיט מעהודינען, האָט אים באַגאָסן אַ שוויס.

ניט זיכער איז ער איבערגעטראָטן די שוועל פון דירעקטאָרס קאַבינעט און איז געבליבן שטיין.

— זעצט זיך, — מעהודין האָט אָנגעוויזן אפן פרײַען בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן זײַן טיש.

— איר האָט מיר געהייסן אַרײַנגיין... וועגן אָנקומען אף אַרבעט אין מטס, — פּאול האָט אַרויסגענומען פון קעשענע די צײַגעניש פון זאַוואָד.

מעהודין האָט אַרײַנגעקוקט אין דער צײַגעניש.

— האָט איר, הייסט עס, געאַרבעט אַלס מעכאַניקער?

— איך האָב געאַרבעט אף פאַרשיידענע אַרבעטן און אַלס מעכאַניקער אויך... ביז איך בין אין אורלויב, קאָן איך דערווײַל אַרבעטן בא אײַך. אויב איך וועל זײַן פאַר אײַך פּאַסיק, וועל איך אוועק פון זאַוואָד און אָנקומען צו אײַך.

— קומט, מיר וועלן אַרײַנגיין מיט אײַך אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן, איר וועט אַ קוק טאָן, און מאָרגן וועט איר אַרויסגיין צו דער אַרבעט. נאָר אַרבעטן דאַרף מען בא אונדז געוויסנהאַפט. טאָמער וועט אײַך די ערשטע טעג זײַן שווער, וועט מען אײַך העלפן.

אין די וואַרשטאַטן האָט מעהודין באַקאַנט פּאולן מיט יערעמטשוקן.

יערעמטשוק האָט אים דערקלערט, וואָס מע דאַרף טאָן. פּאול איז אוועק אַהיים אַ צופרידענער.

דעם ערשטן טאָג איז פּאול געקומען אף דער אַרבעט פרי׳ער ווי עס פאָדערט זיך. ער איז געווען גוט אָפּגעגאָלט, אָנגעטאָן אין אַ ציכטיק־ריינעם אויסגעפּרעסטן קאָמבינעזאָן. פּאול האָט פרי׳ער פון אַלץ צוגעקליבן זײַן

ארבעטס־אָרט, אויסגעקערט, צונויפגענומען די סטרוזשקעס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפן דיל, געבראַכט אין אָרדענונג די אינסטרומענטן, צעלייגט זיי אַף זייערע ערטער.

קיין רעגע ניט אָפּוועגנדיק זיך, האָט ער געאַרבעט גיך, פּינקטלעך אויסגעפּילט אַלץ, וואָס מע האָט באַדאַרפט.

מעהודין איז געגאַנגען מיט יערעמטשוקן פאַרביַי די אַרבעטס־ערטער פון די טאָקערס, מעכאַניקער, געשמועסט מיט די מענטשן, נאָר לעבן פּאַולן האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט.

— דאָס איז דער ניַיער מעכאַניקער, — האָט געזאָגט יערעמטשוק. — ער אַרבעט ניט שלעכט.

— גוט. זאָל ער זיך אַריַינציִען אין דער אַרבעט, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין.

פון טאָג צו טאָג האָט פּאַול געוויסנהאַפט אויסגעפּילט דאָס, וואָס ס׳האָט זיך געפאָדערט, נאָר דער דירעקטאָר האָט אים ווי ניט באַמערקט.

„איך גיי זיי, ווייַזט אויס, ניט אונטער, — האָט פּאַול געטראַכט, — אַניט וואָלט ער דאָך גערעדט מיט מיר, ווי מיט אַלעמען. און עפּשער פּרוווט ער מיך פּאַשעט אויס?"

פּאַול איז געקראָכן פון דער הויט, מע זאָל באַמערקן זיַין אַרבעט, ער זאָל אויסנעמען אין מעהודינס אויגן. ענדלעך איז מעהודין צו אים צוגע־גאַנגען און געפרעגט:

— נו, וואָס האָט איר באַשלאָסן, איר וועט בליַיבן בא אונדז?

— אויב איך גיי אייַך אונטער, קאָן איך בליַיבן.

— כ׳וועל פרעגן דעם הויפּט־מעכאַניקער... איך מיין, אַז ער איז צו־פרידן מיט אייַער אַרבעט... איך זע, אַז אַן אָרדענונג האָט איר געמאַכט. דאָס איז גוט.

אַף מאָרגן אַף דער „לעטוטשקע" האָט מעהודין ווידעראַמאָל געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן פּאַולס אַרבעט.

פּאַול איז אַוועק אַהיים. ניט וויַיט פון דעם פּעטערס שטוב האָט ער באַגעגנט וואַלטערן. פון זינט ער איז אָנגעקומען אַרבעטן אין מטס, האָט וואַלטער אים נאָך ניט געזען.

— פּאַול! — האָט וואַלטער אויסגערופן. — דער פּראָסוויטער האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט אַף דיר... פאַרוואָס קומסטו ניט אין קירכע? ביסט נאָך ניט געוואָרן קיין שלאָגלער? און עפּשער אַפילע אַ קאָמיוגיסט? מיר האָבן געהערט, אַז מע איז שטאַרק צופרידן מיט דיר. זע, זיי זאָלן דיך ניט פאַרפירן אין קיין זומפּ, דאַן וועט דיר ניט נאָר דער פּראָסוויטער, נאָר אַפילע גאָט אַליין ניט קאָנען העלפן.

פּאַול האָט שוין געוואָלט געזעגענען זיך מיט אים, נאָר וואַלטער האָט אים פאַרהאַלטן.

— ווען זשע וועסטו פונדעסטוועגן קומען אין קירכע?

— יאָמטעוו וועל איך קומען.

— גאָט דאַרף מען בעטן אַלע טאָג, ווער ס׳בעט אים ניט — וועגן דעם פאַרגעסט ער. קום צו גיין!

— גוט, גוט... — האָט פּאַול צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

...בײַסן קורצן אויספּרווו־טערמין האָט פּאָול זיך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט פון מטס. געאַרבעט האָט ער אַ סאַך און גוט. מע האָט דרינגענדיק געדאַרפט צוגרייטן די טראַקטאָרס, די לאַסטמאַשינעס, דעם גאַנצן לאַנדווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר צום פאַרזיי. מעהודין איז געווען פאַרנומען מיט באַוואָרענען רעזערוו־טיילן פאַר די טראַקטאָרס און מאַשינעס, זיי זאָלן אין דער הייסער צײַט פון פאַרזיי ניט בלײַבן שטיין. ער האָט אָרגאַניזירט קורצטערמיניקע קורסן פאַר טראַקטאָריסטן און שאָפערן פאַר די קאָלווירטן. יעדן טאָג האָט ער צו דער באַשטימטער שאָ דורכגעפירט „לעטורטשקעס", אַכטונג געגעבן, אַז דער מינדסטער פעלער, וועלכן ער האָט באַמערקט הײַנט, זאָל באַזײַטיקט ווערן מאָרגן, יעדער גוטער אופטו זאָל אָפּגעשאַצט ווערן, און די מענטשן זאָל מען סטימולירן אין זייער אַרבעט.

צווישן די בעסטע אַרבעטער, וועלכע זײַנען פאַרצייכנט געוואָרן אויפן רויטן טאָוול פון דער מטס, איז אויך געווען פּאָול ביוטנער. אים האָט עס שטאַרק האַנאָע געטאָן. ער האָט געהאַלטן אין איין צוגיין צו דעם פאַרביקן שיין־אויסגעפורעמטן טאָוול און מיט פאַרגעניגן אײַנגעקוקט זיך אין די גרויסע אויסיעס, מיט וועלכע ס'איז אָנגעשריבן זײַן פאַמיליע־נאָמען. דאָס, וואָס מ'האָט אים אָנגעהויבן אַזוי שעצן, האָט אים צוגעגעבן מוט און גלויבן אין זיך. פון מאָל צו מאָל האָט ער זיך באַמיט אויפטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל בא אַלעמען אויסנעמען. ער האָט געוואָלט אַריבעריאָגן די בעסטע מעכאַניקער.

אין די אָנגעשטרענגטע טעג ערעוו דעם פאַרזיי האָט זיך אין דער ראַיאָנער צײַטונג באַוויזן אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „העראָישע מי", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„וויפל אָנשטרענגונגען, געדולד און מעסירעסנעפעשדיקע מי האָט זיך געפאָדערט צו באַוואָרענען יעדעס שרײַפעלע, יעדעס טיילכל, קעדיי אונדזערע טראַקטאָרס זאָלן אַרבעטן בייסן פאַרזיי רעגלמעסיק, אָן שום איבעררײַסן און זיכערן אַ רײַכע גערעטעניש. אָט שטייען זיי, די אײַזערנע גײבוירים, און וואַרטן, מע זאָל זיי לאָזן אין גאַנג אויף די סטעפּישע ראַכוועסן".

צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט באַם גרייטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניק צום פאַרזיי, איז געווען אָנגערופן אין אַרטיקל פּאָול ביוטנער.

זײַענדיק אָפּגעזונדערט פון עם אוילעם, האָט פּאָול פונוויַטן באַמערקט, ווי די נאָרוואָס אָנגעקומענע צײַטונג איז אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן אויסגעשרייען:

— סט'געלייענט? געלייענט?

ווען די צײַטונג איז דערגאַנגען צו פּאָולן און ער האָט צווישן די אָנגעפּיקעוועטע שורעלעך דערזען זײַן נאָמען, איז ער געוואָרן אַזוי צעראַשט, אַז אַלץ אַרום האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין זײַנע אויגן. ס'האָט זיך אים געוואָלט באַדאַנקען די אָנפירונג פון מטס, וואָס האָט אַזוי הויך אָפּגעשאַצט זײַן אַרבעט. נאָר דירעקט צו וועמען ווענדן זיך האָט ער ניט געוווּסט: צו יערעמטשוקן? אָדער צו מעהודינען אַליין?

פאול האָט געזען, ווי אַלע די, וועמען מע האָט אָנגערופן אין ארטיקל, באַגריסט מען, מע דריקט די הענט, מע ווינטשט נײַע דערפּאָלגן. צו אים איז מען אויך צוגעגאַנגען, וואַרעם באַגריסט אים.

פאול האָט באַדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און צוגעזאָגט נאָך בעסער אַרבעטן.

כאָטש די צײַטונג מיטן אַרטיקל איז געווען אויסגעפּלעקט און אויסגע־שמירט, פונדעסטוועגן האָט פאול זי אַרײַנגעלייגט אין קעשענע, קעדיי באַ־ווײַזן דעם פעטער. נאָר ווען ער איז געקומען אַהיים, איז שוין דער פעטער געזעסן באַם טיש און געלייענט די צײַטונג. פאול האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ער לייענט דאָס אַרטיקל.

— דאָס איז די הײַנטיקע צײַטונג? — האָט פאול א פרעג געטאָן.

— יאָ.

— איר האָט געלייענט וועגן מיר?

— געלייענט. ס'איז מיר זייער אָנגענעם. זאָלן מענטשן וויסן, ווי דו אַרבעטסט... עפּשער וועט מען נאָך צו די גוטע ווערטער געבן א פּרעמיע אויך.

פאול האָט א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס און שמייכלענדיק גע־זאָגט:

— עפּשער וועט מען טאַקע געבן... ס'וואָלט ניט געשאַט.

— דו האָסט א צײַטונג? — האָט קורט געפרעגט.

— כ'האָב, כ'האָב, — האָט פאול אַרויסגענומען פון קעשענע די צײַ־טונג.

אין שטוב איז אַרײַנגעגאַנגען וואַלטער. ער האָט זיך באַגריסט און אַוועקגעזעצט זיך אַף א בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש.

— נו, איר האָט געלייענט הײַנטיקע צײַטונג? — האָט אים געפרעגט קורט.

— געלייענט, אַוודאי געלייענט. ס'איז זייער גוט. ער איז שוין געוואָרן א שלאָגלער, — וואַלטער האָט מיט א האַנט אָנגעוויזן אַף פאולן, — ער וועט נאָך ווערן א קאָמוניסט אויך.

— ער וועט זיך באַגיין אָן דעם, — האָט באַמערקט קורט.

— גוט, וואָס דו האָסט אונדז געפאָלגט און אײַנגעאָרדנט זיך דאָ, — האָט וואַלטער געליבט פאולן. — גוט, וואָס מע שעצט אַזוי דײַן אַרבעט. אָבער פאַרוואָס קומסטו אַלץ ניט אין דער קירכע?

— כ'אַרבעט דאָך, ווען זשע קאָן איך גיין? — האָט פאול זיך פאַרענט־פערט.

— ווער עס וויל, געפינט צײַט... דער פּראָסוויטער האָט געבעטן, אַז דו זאָלסט הײַנט אַרײַנגיין צו אים. ער וויל דיך זען.

פאולן איז געווען אָנגענעם, וואָס דער פּראָסוויטער לאַדט אים אײַן צו זיך.

— איר ווייסט ניט, צוליב וואָס דאַרף ער מיך?

— כ'ווייס ניט... נו, דערווײַל א גוטן, — וואַלטער האָט זיך געזעגנט און איז אַוועק.

פּאול האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעגאָלט זיך און אָנגעהויבן זיך אָנטאָן. ער האָט ארומגעבונדן דאָס געקווייטלטע העמדל מיט א גרינעם גארטל מיט קוטעס־לעך און ניט געאײַלט, ווי מע גייט אָפּריכטן א טפילע אין א יאָמטעוו־טאָג, זיך געלאָזט גיין.

...אומקערנדיק זיך אהיים, האָט וואלטער אפן שוועל באגעגנט דעם פּראָסוויטער, וועלכער האָט זיך ערגעץ געאײַלט.

— איר גייט אף לאנג אוועק? — האָט וואלטער געפרעגט. — ביוטנער וועט באלד קומען.

— שמועס זיך דערווײַל מיט אים אליין דורך. איך וועל זיך גיך צוריק־קערן, — האָט געענטפערט דער פּראָסוויטער.

אין א קנאַפּער האלבער שאָ ארום איז אָנגעקומען פּאול. דערהערט טריט אין קאָרידאָר, איז וואלטער ארויס אים אנטקעגן.

— קום ארײַן, קום ארײַן, ביטע! — האָט ער גאסטפרײַנטלעך אים אײַנ־געלאַדן.

וואלטער האָט אים דערלאנגט א בענקל, געבעטן זעצן זיך און אָן פּנ:עס אָנגעהויבן:

— דער פּראָסוויטער וועט אינגיכן קומען. דערווײַל וועלן מיר זיך דורכשמועסן, נאָר געדענק: דאָס, וועגן וואָס מיר וועלן ריידן, דארף בלײַבן צווישן אונדז. אפילו דער פעטער דײַנער טאָר גאָרנישט ניט וויסן... קלאָר?

— קלאָר.

— איז געדענק זשע, דו וועסט דארפן געבן א שווּע דעם פּראָסוויטער, אז דאָס, וועגן וואָס מע וועט ריידן מיט דיר, דארף זײַן שטרענג בעסאָד.

— איר גלייבט מיר ניט?

— דאָס איז אזא זאַך, וואָס אפן וואָרט גלייבט מען ניט, ווײַל אויב דו וועסט אונטערפירן, קאָן עס קאָסטן זייער טײַער...

— נו, אויב מע דארף, קאָן איך געבן א שווּע.

— דו דארפסט געבן א שווּע ניט נאָר, אז דו וועסט קיינעם גאָרנישט ניט דערציילן, נאָר אויך, אז דו וועסט אויספילן אלץ, וואָס מע וועט פון דיר פאָדערן, — האָט וואלטער אים געוואָרנט.

פּאול האָט א קוק געגעבן אף וואלטערן מיט אן אומרו:קן בליק. ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט, וואָס זשע וועט ער אים זאָגן? נאָר וואלטער האָט זיך ניט געאײַלט, געהאלטן פּאולן א רעכטע ווײַלע אין אָנשטרענגונג און סאָפּקאָלסאָף א פרעג געגעבן:

— ווי מיינסטו, צוליב וואָס האָבן מיר דיר אײַנגערעדט, אז דו זאָלסט אײַנאָרדענען זיך אין מטס?

פּאול איז געבליבן זיצן אין פארלעגנהײַט און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

— צי דען מיינסטו, אז מיר האָבן דיר אײַנגערעדט ארבעטן דאָ, אז דו זאָלסט טאַקע העלפן דער מטס?

— נו, וו:אזוי זשע אנדערש? אויב ארבעטן, דארף מען ארבעטן ווי עס באדארף צו זײַן. אז איך וועל שלעכט ארבעטן, וועט מען מיך דאָך ארויסיאָגן פון דאָרטן.

— דאָס איז גוט, וואָס דו האָסט זיך אזוי אויסגעצייכנט און געווונען צוטרוי. מע האָט אפילע אָנגעהויבן שרײַבן וועגן דיר אין די צײַטונגען... אָבער דו דארפסט טראכטן ניט נאָר וועגן זיך... פארשטייסט, איצט איז שוין געקומען די צײַט, אז דו דארפסט אָנהייבן טאָן דאָס, צו וואָס דו ביסט בארופן.

וואָס באטײַט עס אלץ, וואָס וויל וואלטער פון אים, האָט פאול בעשום־אויפן ניט געקאָנט פארשטיין.

וואלטער האָט א היפשע ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך זע, אז דו מאכסט זיך טאמעוואטע...

פאול האָט א קנייטש געטאָן מיט די פלייצעס און געפרעגט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס דארף איך טאָן?

— דו דארפסט טאָן אזוי, אז אלץ אין מטס זאָל גיין קאפוט.

פאול האָט לאנג ניט געפונען קיין ווערטער צו ענטפערן. צום סאָף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט:

— דאָס איז אומעגלעך...

— פארוואָס?! — האָט אויסגעשריגן וואלטער.

— דערפאר, ווײַל דער דירעקטאָר אונדזערער, די מעכאניקער און אלע איבעריקע גיבן אזוי אכטונג, אז פרווו נאָר א ריר טאָן מיט א פינגער, וועט מען דיך באלד כאפן.

— זײַ קליגער פון זיי. מע דארף טאָן דאן, ווען זיי האָבן שוין אלץ דורכגעקוקט.

— סײַווי וועלן זיי באמערקן. אויב איינער וועט ניט דערזען, וועט א צווייטער, א דריטער דערזען. אויגן זײַנען דאָ א סאך.

וואלטער האָט אופגעבראכט געקוקט אף פאולן און געזאָגט:

— די שולד וועט מען קאָנען ארופווארפן אף אנדערע.

— סײַויסײַ וועט מען געפינען דעם עמעסן שולדיקן...

פאול איז געזעסן א פארטראכטער און לאנג געשוויגן. וואלטער איז געוואָרן אויסער־זיך:

— אויב דו וועסט ניט אויספילן דאָס, וואָס מיר וועלן פאָדערן פון דיר, וועלן מיר די שולד סײַווי ארופווארפן אף דיר.

— אף מיר? פארוואָס אף מיר?

— דו ביסט א זון פון א פארשיקטן באלעגוף, און אף דיר וועט מען גלייבן גיכער, ווי אף אנדערע.

— איך בין דאָך אן ארבעטער...

— נישקאָשע, ס׳וועלן זיך געפינען מענטשן, וואָס וועלן אלץ זאָגן וואָס מ׳דארף... געדענק, מיר ווייסן אלץ וועגן דיר און זײַנען גרייט דיך נעמען אונטער אונדזער שוץ. נאָר אויב דו וועסט זיך אקשענען...

עס איז געקומען דער פראָסוויטער.

— ליב קינד, — האָט ער געווענדט זיך צו פאולן, — איך האָב שוין געבעטן גאָט פאר דיר. גאָט וועט דיר העלפן, נאָר מיר דארפן העלפן אונדזער פאָטערלאנד אויספילן זײַן כויוו פאר אונדזער פאָלק. איז שטעל זיך אוועק, ליבעס קינד, און גיב א שווע, אז דו וועסט טאָן אלץ, וואָס ס׳וועט נייטיק זײַן פאר אונדזער פאָטערלאנד.

פאול האָט זיך אופגעשטעלט, געוואָלט נאָכזאָגן די ווערטער פון דער שוווע, וועלכע דער פראָסוויטער האָט אָנגעהויבן לייענען, נאָר די צונג איז בא אים ווי צוגעוואַקסן געוואָרן צום גומען.

ער האָט זיך געוואָלט ארויסדרייען און ניט געבן קיין שוווע. אָבער ביישטיין קעגן דעם פראָסוויטער האָט ער אויך ניט געקאָנט. דאָך איז אים געקומען אפן געדאנק ניט אויוזער זיין דעם צוזאָג, געבן א שוווע, נאָר איבערהיפערן דאָס וואָרט „איך שווער", קעדיי בלייבן ערלעך בענעגייע גאָט און האנדלען אזוי, ווי די אומשטענדן וועלן דערלויבן.

...דערווייל איז די ארבעט אין מטס געגאנגען לויטן איינגעשטעלטן סיידער. נאָכן רעמאָנט האָט מען די טראקטאָרס גוט אויסגעפרווּוט. די באַמערקטע פעלערן — אויסגעפאריכט. יעדער טראקטאָריסט האָט אין זיין טראקטאָר אויסגעטאפּט אלע טיילעכלעך, אויסגעשמירט זיי, באוואָרנט זיך מיט אלץ, וואָס ס'איז נייטיק צו דער ארבעט.

ווען אלץ איז געווען גרייט, האָט מען יעדע טראקטאָר־בריגאדע צוגעפעסטיקט צו א באשטימטן קאָלווירט, ווו זיי האָבן געדארפט דורכפירן דעם פארזיי. מעהודין האָט ניט אופגעהערט צו זאָרגן, אז קיין איין טראקטאָר זאָל אין דער אָנגעשטרענגטער צייט פון פארזיי א רעגע ניט שטיין ליידיק. ער האָט צוגעגרייט באוועגלעכע רעמאָנט־ווארשטאטן פון גיכער טעכנישער הילף, וועלכע זאָלן אף אָן אָרט דרינגענד באזייטיקן אלע מעגלעכע מעניעס. ער האָט באוואָרנט, אז צו דער צייט זאָל מען ברענגען וואסער און ברענשטאָף, שפּייז פאר די, וואָס ארבעטן אין פעלד, עס זאָל זיין וואגאָנטשיקעס אף אָפּרו.

אין די הייסע טעג, ערעוו דעם פארזיי, האָט וואלטער באזונדערס אָנגעהויבן צושטיין צו פאולן און פאָדערן, ער זאָל אויספילן די היסכייוועסן, וועלכע מ'האָט אף אים ארופגעלייגט, און מיט אלע מעגלעכע מיטלען אונטערייסן די ארבעט פון מטס. נאָר וויפל פאול האָט זיך ניט געפלייסט וואָס־ניט־איז אופטאָן אין דער הינזיכט, האָט זיך בא אים גאָרנישט ניט באקומען. אים איז איינגעפאלן ארויסנעמען א פּאָר שרייפעלעך פונעם רודער־אָפּטייל פון איין טראקטאָר, פון א צווייטן. נאָר פארן פּרווו־ארויספאָר האָט דער מעכאניקער רודי זיגפריד עס באמערקט און אופגעהויבן א טומל:

— וועמעס ארבעט איז דאָס? ווער האָט עס אזוינס געקאָנט אָפּטאָן? דאָס וואָלט דערפירט צו אָן אומגליק... מע האָט געקוקט, געקוקט און ניט דערזען...

פאול האָט אויך געטיינעט:

— ווי האָט עס אזוינס געקאָנט פאסירן?.. וויאזוי האָט מען עס פריער ניט באמערקט?

מעהודין איניינעם מיט יערעמטשוקן האָט ארויסגערופן די מעכאניקער, טראקטאָריסטן און אנדערע ארבעטער פון מטס. מע האָט ארויסגעזאָגט פארשיידענע האשאָרעס. ווער ס'האָט געהאלטן, אז דאָס איז געשען אומגערן, און ווער ס'האָט געהאלטן, אז ס'איז א בייזוויליקע זאַך.

פאולן האָט זיך אויסגעדוכט, אז דער כשאד פאלט אף אים. ער האָט מוירע געהאט, אז ער וועט פון שלאָף זיך ארויסכאפּן מיט א וואָרט, וואָס

קאָן אים ארויסגעבן. ער איז געוואָרן נאָך מער האכנאָעדיק, געקראָכן פון דער הויט צו באווייזן, אז ער איז ערלעך און איבערגעגעבן דער ארבעט.

ווען וואלטער האָט באַגעגנט פּאולן און זיך דערוווסט, אז ס'האָט זיך ניט איינגעגעבן אויספּילן די אופגאבע, וואָס יענער האָט באקומען, איז ער געוואָרן אויסער־זיך און אים אָנגעהויבן זידלען:

— אייזל, דומער קאָפּ! ביסט ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך!

פּאול איז געוואָרן אופּגעבראכט און געוואָלט ארײַנטיילן דעם גײַוועדיקן מענטשן ווי עס באדארף צו זײַן, נאָר ער האָט מוירע געהאט מיט אים אָנצוהייבן זיך.

— כ'האָב דאָך אײַך דערקלערט, אז אין מטס איז אומעגלעך עפּעס צו טאָן... איך האָב געפּרוווט, זעט איר דאָך, וואָס ס'האָט זיך באקומען...— האָט פּאול זיך פארענטפערט. — וואָס קאָן איך נאָך טאָן?.. איר ווילט מיך אומברענגען?

— ווער איז דיר שולדיק, אז דו האָסט געטאָן אומגעלומפּערט, מ'דארף אלץ טאָן מיט קאָפּ, — האָט וואלטער זיך ניט געקאָנט באַרויקן.

פּאול האָט דערשטיקט אין זיך דעם ווידערגעפיל צו וואלטערן.

— ס'האָט דאָך מיר געקאָנט קאָסטן דאָס לעבן... נאָך גוט, וואָס כ'האָב זיך אזוי ארויסגעדרייט... ווער ווייסט נאָך, וואָס ס'קאָן זײַן. צי דען לוינט אזוי אײַנשטעלן מיטן לעבן?..

— ווילסט זיצן מיט צונויפגעלייגטע הענט, ווארטן, ביזוואנען די, וועמען דו דינסט, וועלן ווערן נאָך שטארקער, און דעם פאָטערלאנד ווילסטו ניט העלפן?!

— נו, און אז כ'וועל שוין א פּאָר טראקטאָרס קאליע מאכן, וועט מען זיי סײַווי פאריכטן, און איך קאָן דעם קאָפּ אָנווערן. לוינט עס?

וואלטער איז געוואָרן עטוואָס ווייכער, אָנגעהויבן צוגעבן מוט און אײַנריידן:

— פארשטייסט, פּאול, אונדזער פאָטערלאנד מוז אײַנעמען רוסלאנד, וועלן מיר אף אייביק ווערן דאָ באלעבאטים. מיר דארפן זיך מיט גאָרנישט ניט רעכענען... וואָס שוואכער די באָלשעוויקעס וועלן זײַן, אלץ גרינגער וועט זײַן אונדזער פאָטערלאנד צו באזיגן זיי. דו דארפסט אליין אלץ פארשטיין... אויב יעדערער פון אונדז וועט אפילע אף א מעסלעס פארהאלטן א טראקטאָר, וואָס וועט ניט קאָנען צו דער צײַט פאראקערן און פארזייען, איז שוין גוט... מיין ניט, אז דו ביסט איינער, ס'זײַנען פאראן נאָך מענטשן, וועלכע ארבעטן מיט אונדז צוליב אונדזער פאָטערלאנד.

אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך אין הויף פון מטס באוויזן וואלטער מיט נאָך צוויי מענטשן, אָנגעטאָנענע ווי פּויערים. אליין איז ער געווען אין א לאנגן פּידזשאקל און אין א גרויסן אלטפרענקישן קארטוז מיט א גלאנציקן דאשעק, וועלכער איז געווען אזוי אראָפּגערוקט איבער די אויגן, אז ס'איז שווער געווען אים צו דערקענען.

די צוויי „קאָלווירטניקעס", וועלכע זײַנען געקומען מיט וואלטערן, זײַנען צוגעגאנגען צו יערעמטשוקן און וועגן עפּעס גערעדט מיט אים. וואלטער איז ארומגעגאנגען איבערן הויף און צוגעקוקט זיך, קאָנטיק, צו די ערטער, דורך וועלכע מ'קאָן ארײַנגיין אין מטס און ארויסגיין צוריק.

פאול האָט פונווײַטן נאָכגעשפּירט נאָך וואלטערן.

„זיי זײַנען געקומען אהער מיט עפּעס א ציל״, — האָט ער א טראכט געטאָן, און פון אָט דעם געדאנק איז אים דורכגעלאָפן א שוידער איבערן לײַב. טאָמער עפּעס־וואָס, וועט דאָך דער כשאד פאלן אף אים, ווײַל נאָך דעם דורכפאל, וועלכן ער האָט ניט לאנג געהאט, האלט מען אים געוויס אין אויג. די געפאר לויערט איבער אים פון אלע זײַטן און קיין רעטונג זעט ער ניט. אָפּקערן זיך פון וואלטערן, וועט יענער אים ארויסגעבן און וועט נאָך פרעמדע זינד ארופווארפן אף אים. איז שוין, עפשער, בעסער האלטן זיך ארום אים?..

## 3

מעהודין האָט געקענט דעם הויפּט־אגראָנאָם גריצענקאָ נאָך פון די צײַטן, ווען ער איז געווען א בריגאדיר אין קאָלווירט „סווערדלאָוו״. דאן פלעגט ער, ווי א באצירק־אגראָנאָם, אָפט קומען צו זיי. קיינער האָט אזוי ניט געוווּסט די אייגנשאפטן פון דער היגער ערד, ניט געקענט אזוי די באזונדערקײַטן פון דעם אָרטיקן קאפריזן קלימאט, ווי ער. דעריבער האָט מען זיך מיט דער גרעסטער אופמערקזאמקײַט צוגעהערט צו זײַנע באַמערקונגען, אייצעס און פּינקטלעך אויסגעפילט אלץ, וואָס ער האָט געפאָדערט.

מעהודין מיט גריצענקאָ זײַנען געווען מענטשן פארשיידענע, און זיי פלעגן אָפט הייס שטרײַטן איבער ווירטשאפטלעכע פראגן, נאָר זיי האָבן קעגנזײַטיק זייער געאכטעט איינער דעם אנדערן און יעדערער פון זיי האָט זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פונעם צווייטן.

ביידע האָבן זיי געוווּסט, אז ס׳איז פאראן איין מאָס, וועלכע באשטימט די דערפאָלגן פון דער מטס, — די גערעטעניש אף די קאָלווירטישע פעלדער.

...ביזוואנען מעהודין האָט זיך געייסעקט מיטן רעמאָנט פון די טראקטאָרס און דעם איבעריקן לאנדווירטשאפטלעכן אינווענטאר, איז גריצענקאָ ארומגעפאָרן איבער די קאָלווירטן, פארפּינקטלעכט דעם פארזיי־פּלאן, וועלכן די מטס האָט אויסגעארבעט. ער האָט אויסגעצייכנט געוווּסט אלץ, וואָס עס טוט זיך אין די קאָלווירטן, ליב געהאט אף אלץ א קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן, ניט ארויסגעלאָזט פון אויג אויך די יִדישע איבערוואנדערונגס־קאָלווירטן, וועלכע די מטס האָט באדינט. זיי האָבן זיך פאר געציילטע יאָרן שטארק פארפעסטיקט און זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין פאָרגעשריטענע ווירטשאפטן. גריצענקאָ האָט גערופן די דאָזיקע קאָלווירטן „מײַנע קאָלווירטן״, די פאָרזיצערס — „מײַנע פאָרזיצערס״ און די מענטשן — „מײַנע מענטשן״. ער איז געווען אן אָנגעלייגטער גאסט אין יעדן קאָלווירט, אין יעדער שטוב. דער פאָרזיצער פון קאָלווירט „נײַ לעבן״ ביניאָמין הינדין איז געווען בא אים דאָס אייבערשטע פון שטייסל. אהער פלעגט ער ארײַנפאָרן שטענדיק מיט א באזונדערן פארגעניגן, געהאט הא־נאָע פון דער אָרדענונג, וועלכע האָט דאָרטן געהערשט.

איצט, ערעוו דעם פּאַרזיי, ווען יעדער רעגע איז טײַער, איז ער אַרײַנ־געפאַרן אהער אַף א ווײַלע, קעדיי אָן איבעריק מאָל זיך איבערצײַיגן, אז דאָ איז אַלץ, ביז דער קלענסטער זאַך, גרייט צום אַרויספאָר אין פּעלד.

גריצענקאָ האָט א פרעג געגעבן הינדינען:

— מיט ריינסאָרטיקער זריִע זײַט איר באַזאָרגט?

— מיר וועלן זייען מיט אונדזער זריִע, — האָט הינדין רויִק געענט־פערט.

— וואָס הייסט? — האָט גריצענקאָ זיך פאַרוווּנדערט. — פאַרוואָס האָט איר ניט באַקומען קיין זריִע פון דער פּרוּוו־סטאַנציע?

— אַף וואָס דאַרפן מיר זי, אז מיר האָבן אייגענע?

— זייען דאַרף מען מיט אויסגעפּרווּוטער זריִע.

— און אונדזערע איז דען ניט קיין אויסגעפּרווּוטע?

— אויב איר האָט באַקומען א גוטע גערעטעניש אפילע עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, הייסט עס נאָך ניט, אז די זריִע איז אויסגעפּרווּוט, — האָט גרי־צענקאָ דערקלערט. — זריִע דאַרף אַלזײַטיק אויסגעפּרווּוט ווערן דורך דער פּרוּוו־סטאַנציע אין מעשעך פון א סאַך יאָרן. בא הײַנטיקן טאָג רעקאָמענ־דירט מען זייען „אָדעסקאַיאַ־3״ אָדער „נאָוואָ־אוקראַיִנקאַ־83״.

— בא אונדז איז אויסגעפּרווּוט א סאַך יאָרן „נײַלעבן־1״, און קיין אַנ־דערע סאָרטן דאַרפן מיר ניט.

גריצענקאָ האָט זיך געאַמפּערט מיט הינדינען, אפילע געפּרווּוט העכערן דאָס קאָל, נאָר יענער איז געבליבן בא זײַן מיינונג. ער האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן אין מטס, דערציילן מעהודינען, אז הינדין וויל ניט אויס־פילן דעם באַשלוס וועגן פאַרזייען די פעלדער מיט רעקאָמענדירטע סאָרטן, נאָר ער האָט באַשטימט א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין די איבעריקע קאָלווירטן. אין „זאַריאַ״, בא מאַלקע פערצאָווען, האָט ער אופגעדעקט א סאַך בלויזן אין דער צוגרייטונג צום פּאַרזיי. ווען ער האָט א פרעג גע־געבן, ווי האַלט בא איר מיט זריִע, האָט זי געענטפערט:

— מיט מאַטערניש האָט אונדז זיך אײַנגעגעבן אויסבעטן א ביסל זריִע בא הינדינען, און דאָס איבעריקע וועלן מיר קריגן אַף דער פּרוּוו־סטאַנציע.

— בא הינדינען איז אַזאַ גוטע זריִע, אז מ׳דאַרף זי אויסבעטן?

— וואָסי, איר ווייסט דען ניט, אז פון די פּרוּוו־סטאַנציעס איז מען געקומען צו אים בעטן „נײַלעבן־1״?

— ווייסן ווייס איך, נאָר הינדין איז א פאָרזיצער פון א קאָלווירט און ניט קיין פּרוּוו־סטאַנציע.

פון „זאַריאַ״ איז גריצענקאָ אוועקגעפאָרן אין די איבעריקע ייִדישע איבערוואַנדערישע קאָלווירטן.

אומגעקערט האָט ער זיך אָן אויסגעמאַטערטער און א צעטראָגענער. מעהודין האָט גלײַך באַמערקט, אז בא אים איז עפּעס ניט קעשורע.

— נו, ס׳איז אַלץ גרייט אין די קאָלווירטן? מ׳קאָן שוין אַרויספאָרן זייען?

— ניט אומעטום.

— פאַרוואָס?

— באַ הינדינען...
— באַ הינדינען? ווי קאָן עס זײַן?
— זרִיע... ער וויל זייען נאָר מיט זײַן זריִע.
— פאַרוואָס וויל ער ניט די רעקאָמענדירטע סאָרטן?
— אין די איבעריקע קאָלווירטן וויל מען אויך נאָר „נײַלעבן־1".
מעהודין האָט א ווײַלע א טראַכט געטאָן און געזאָגט:
— ס'איז מעגלעך, אַז מ'וועט אים מוזן גיין אַנטקעגן. מ'וועט דאַרפן דורכפאָרן זיך אין ראַיאָן און צונויפריידן זיך וועגן דעם.

4

פונקט צו דער אָנגעמערקטער צײַט זײַנען אַלע טראַקטאָר־בריגאַדעס אַרויס אַף די פעלדער פון די קאָלווירטן, צו וועלכע זיי זײַנען געווען צוגעפעסטיקט. גוט אָפּגערעמאָנטירטע און באַזאָרגטע מיט אַלעם נייטיקן, האָבן זיי זיך מיט אימפּעט א לאָז געטאָן איבער די אויסגעטיילטע מאַסיוון.

באַגינען איז מעהודין באַגלײַך מיט די טראַקטאָר־בריגאַדעס אַרויסגעפאָרן אַף זײַן „פּיקאַפּ" איבער די קאָלווירטן, דורכקאָנטראָלירן, ווי עס גייט די אַרבעט באַ די טראַקטאָריסטן.

מיט גרויס צופרידנקייט האָט ער זיך אומגעקערט אין מטס און איבערגעלייענט די „סוואָדקעס". לויט די באַקומענע ידיעס, האָבן אַלע בריגאַדעס פאַרן טאָג איבערגעשטיגן די נאָרמעס.

כאָטש די אַרבעט אַף די פעלדער איז געגאַנגען גוט און קיינע שום אוואַריעס זײַנען אין ערגעץ ניט פאָרגעקומען, פונדעסטוועגן האָט מעהודין אַכטונג געגעבן, אַז די באַוועגלעכע וואַרשטאַטן פון גיכער טעכנישער הילף זאָלן זײַן אַף דער וואַך און ניט לאָזן וואַרטן אַף זיך, אויב ס'וועט עפּעס געשען.

...נאָכן פאַרזיי פון די פריִיקע קולטורן, וועלכע די מטס האָט פאַרענדיקט פריִער, ווי עס איז געווען פאַרפּלאַנירט, איז אין „פּראַוודאַ" געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „א ווערטפולע דערפאַרונג". די צײַטונג איז אָנגעקומען, ווי אַלעמאָל, אינדערפרי. די ראַדיִאָ האָט טייקעף איבערגעגעבן דאָס אַרטיקל, נאָר זײַענדיק פאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָט קיינער אין מטס, אַכוץ פימע גאָנטאָוון, דאָס ניט געהערט. מע האָט דערהערט נאָר, ווען דער דיקטאָר האָט צום סאָף געזאָגט: „מיר האָבן איבערגעגעבן דאָס אַרטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין „פּראַוודאַ" וועגן קורמאַנער מטס". פימע גאָנטאָוו האָט דער ערשטער א כאַפּ געטאָן די צײַטונג.
— אָט איז טאַקע דאָס אַרטיקל. אָט! — האָט גאָנטאָוו אויסגעשריִען.
— וווּ?.. וווּ? — האָבן זיך דערהערט שטימען. — לייען גיכער!
— ווײַז מיר, וועל איך איבערלייענען! — האָט עמעצער אָנגעהויבן רײַסן באַ אים די צײַטונג פון דער האַנט.

נאָר פימע האָט זי פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזט. עס איז אָנגעקומען ירעמטשוק און זיך אָנגעהויבן בייזערן:

— וווהין טראָגט איַיך?.. וואָס איז געשען?

— אַן ארטיקל אין „פּראַוודאַ" וועגן אונדזער מטס... איר האָט נאָך ניט געלייענט? מ׳האָט דורך דער ראַדיאָ אויך שוין איבערגעגעבן.

— כ׳האָב געהערט... בייסן איבערבײַס וועלן מיר דאָס ארטיקל איבער־לייענען, — האָט געזאָגט יערעמטשוק.

פּאול איז געזעסן אַף אַן אָרט, געפּײַלט עפּעס א דעטאַל, דערנאָך אָנגע־הויבן קלאַפּן מיטן האַמער איבער איר. אים האָט זיך געוואָלט, אז יערעמ־טשוק זאָל זען, אז ער איז ניט ווי אַנדערע, וועלכע לויפן ארום און וואַרפן די ארבעט בײַ יעדער געלעגנהייט. קוים דערוואַרט זיך אַפן מיטיק־איבער־רײַס, איז ער אַוועקגעלאָפן אין „סטאָלאָוואַ". דער אוילעם האָט זיך געזעצט בײַ די לאַנגע טישן אין עס־צימער. יערעמטשוק מיט דער צײַטונג אין האַנט האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין א ווינקל און געוואַרט, ביז מ׳וועט אָפּעסן וואַרמעס. נאָר זיאַמע מעצנער האָט אים דערזען. ער איז ארויס פון טיש, צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— ביז מ׳וועט אָפּעסן, קאָן מען באַווײַזן איבערלייענען דאָס אַר־טיקל.

— הייבט אָן לייענען... הייבט אָן! — האָבן זיך דערהערט שטימען.

יערעמטשוק האָט פאַנאַנדערגענומען די צײַטונג און מיט זײַן באַסאָ־ווער שטים אָנגעהויבן:

— „די מערקווירדיקע דערפאָלגן פון דער קורמאַנער מטס זײַנען זייער באַלערעווודיקע, אין דער מטס הערשט שעפערישע אַטמאָספער און אַר־בעטס־ענטוזיאַזם. די אָנפירונג פון דער סטאַנציע האָט אײַנגעפירט א גוטע אָרדענונג, אײַנגעשטעלט א שטרענגע דיסציפּלין, געהאָלפן מעכאַניזירן א ריי ארבעטס־פּראָצעסן. אדאַנק דעם האָט די מטס געענדיקט דעם פאַרזיי אַף דרײַ טעג פריִער, ווי עס איז געווען אָנגעמערקט לויטן פּלאַן. ס׳איז נייטיק, אַז די ווערטפולע דערפאַרונג פון קורמאַנער מטס זאָל וואָס ברייטער אויסגענוצט ווערן. מ׳דאַרף געדענקען, אַז אין די באַדינגונגען פון קרים איז טײַער ניט נאָר יעדער טאָג, נאָר אויך יעדער שאָ... צו דער צײַט אופאַקערן און פאַרזייען באַטײַט אויסגעווינען טויזנטער פּוד ברויט!"

ווען יערעמטשוק האָט געענדיקט לייענען, האָט דער אוילעם הילכיק אַפּלאָדירט. נאָר פּאול איז געזעסן, ווי א פאַרעמדער. וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט ארויסווײַזן א סימען פון א שמייכל, וועלכער זאָל באַטײַטן, אז ער איז אויך צופרידן, וואָס מ׳האָט אַזוי אָפּגעשאַצט די ארבעט פון מטס, האָט זיך עס אים ניט אײַנגעגעבן. דער יאָמטעוו פון אלע די, וועלכע זיצן מיט אים ארום טיש, איז ניט זײַן יאָמטעוו, זייער פרייד איז ניט זײַן פרייד. פון יויצע־וועגן האָט ער א פּאָר מאָל א קלאַפּ געגעבן מיט די דלאָניעס און איז ווידער געבליבן זיצן קאַלט און אָפּגעפרעמדט. פּלוצעם האָט ער דערהערט א נײַע פּליעסקערײַ. דאָס איז ארײַנגעגאַנגען מע־הודין.

— וואָס איז דאָס פאַר א סימכע? — האָט ער, אָנבייגנדיק זיך צו יע־רעמטשוקן, א פרעג געגעבן.

— כ'האָב זיי איבערגעלייענט דאָס ארטיקל.
— כ'האָב פארשטאנען... מ'דארף זיך נאָר ניט איבערנעמען, — האָט ער א זאָג געטאָן הויך, אלע זאָלן הערן.
מעהודין האָט א קוק געגעבן אפן זייגער. דער אוילעם האָט פארשטאנען, אז דער ווארמעס־איבעררײַס גייט צום סאָף. פונדעסטוועגן האָט ער באַשטימט זאָגן א פּאָר ווערטער:
— ס'איז אונדז אלעמען אָנגענעם געווען צו לייענען, ווי דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער פארטיי די „פּראַוודאַ" האָט אָפּגעשאַצט אונדזער ארבעט... נאָר איך מיין, אז דאָס איז דערווײַל נאָר אן אדערוף, ווײַל מיר האָבן נאָך גאָרנישט אזוינס אופגעטאָן, אז מ'זאָל אונדז לויבן... ערשט איצט דארפן מיר דעקן דעם אוואנס, וואָס מ'האָט אונדז ארויסגעגעבן. אויב מיר וועלן ארבעטן ווײַטער אזוי, ווי איצט, וועלן מיר אָנהייבן אָפּשטיין. דארפן מיר טאקע מאָרגן ארבעטן בעסער ווי הײַנט און איבערמאָרגן בעסער ווי מאָרגן... איך באגריס אײַך מיטן ערשטן דערפאָלג, און לאָמיר זיך אלע צוזאמען דערשלאָגן נײַע דערפאָלגן.
ווי שטענדיק, איז מעהודין גאנצפרי דורכגעגאנגען די מטס אין דער לענג און אין דער ברייט, ארײַנגעקוקט אין אלע ווינקעלעך. ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין קאבינעט, האָט שוין אין אופנעם־צימער געוואַרט אף אים א מענטש.
— איר זײַט דער דירעקטאָר פון מטס?
— איך.
— איך בין קאָמאנדירט צו אײַך פונעם קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אײַנצואָרדענען אן אלפארבאנדישע לאנדווירטשאפטלעכע אויסשטעלונג.
— ביטע, — האָט מעהודין אײַנגעלאַדן דעם גאסט זעצן זיך.
דער גאסט האָט ארויסגענומען א פּאפּירל און געמאָלדן:
— איך האָב אן אופטראָג אָנשרײַבן א בראָשור וועגן אײַער מטס.
— ביטע, באקענט זיך מיט אונדזער ארבעט, מיט אונדזערע מענטשן.
— פריִער פאר אלץ וואָלט איך וועלן זיך דורכריידן מיט אײַך.
— איך מיין, אז פריִער דארפט איר אליין קוקן, אלץ זען, — האָט מעהודין באמערקט, — איר קאָנט דערזען אזעלכס, וואָס איך, לעמאָשל, האַלט, אז ס'איז ניט אזוי וויכטיק, כאָטש, אָפן גערעדט, איז בא אונדז אלץ וויכטיק.
דורכגעשמועסט זיך מיט מעהודינען אין אלגעמיינע שטריכן וועגן די דערגרייכונגען פון דער מטס, האָט דער גאסט — פּיאָטער אלעקסאנדראָוויטש קאָלפאקאָוו דערעכאגעוו געזאָגט:
— וועגן אײַער ארבעט אין קאָלווירט אלס בריגאַדיר בין איך מערוויינִיקער באקאנט, אָבער וויאזוי עס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן פארוואנדלען די קורמאנער מטס אין איינער פון די פאָרגעשריטנסטע טראקטאָרסטאנציעס אין גאנצן לאנד, דאָס איז מיר אומבאוווּסט.
— קיין אוניווערסיטעט האָב איך ניט געענדיקט. כ'בין געווען א בריגאַ־

דיר, א טראקטאָריסט... אָט אזוי, אין דער ארבעט האָב איך זיך געלערנט, — האָט באמערקט מעהודין.

— דער קאָלווירט, ווו איר האָט געארבעט, געפינט זיך אין דער זאָנע פון איַיער מטס?

— יאָ, ער איז קנאפע צען קילאָמעטער פונדאנען.

טאָג־איַין, טאָג־אויס איז קאָלפאקאָוו געגאנגען פון ווארשטאט צו ווארשטאט, געזען, ווי די מענטשן ארבעטן, באקאנט זיך מיט דער טעכניק.

פאול האָט ניט איין מאָל באמערקט, ווי יענער שטעלט זיך אָפּ לעבן די ארבעטער, שמועסט מיט זיי, אָבער אים מיַידט ער אויס. אָט איז ער צוגע־גאנגען צו רודי זיגפרידן און מיט אים עפּעס זייער לאנג גערעדט.

רודי האָט נאָכן טויט פון זיַין מוטער געוווינט בא דער באָבען אין דער שכיינישער דיַיטשישער קאָלאָניע, פאולן איז ער געווען קימאט ניט באקאנט. ווען פאול איז אָנגעקומען ארבעטן אין מטס, האָט רודי אים אָנ־געהויבן אויספרעגן גענויער, ווער ער איז.

— איך האָב געלעבט אין שטאָט, און איצט ווין איך דאָ באם פעטער, — האָט פאול געענטפערט.

וועלנדיק דערוויסן זיך, ווער איז דער געקומענער און וועגן וואָס ער האָט אזוי לאנג געשמועסט מיט אים, האָט ער רודין דערנאָך גע־פרעגט:

— ווער איז ער, דער מענטש?..

— ער איז פון מאָסקווע, ער וויל אָנשריַיבן א ביכל וועגן אונדזער סטאנציע, — האָט געענטפערט רודי.

— אזש פון מאָסקווע?.. און בא דיר וואָס האָט ער געפרעגט? — האָט פאול זיך אינטערעסירט.

— פארשיידענע זאכן... וויאזוי מע האָט דאָ געלעבט אמאָל, וויאזוי אונדזער טראקטאָר־סטאנציע איז געוואָרן א פאָרגעשריטענע... בא מיר האָט ער נאָך געפרעגט וועגן מיַין פאָטער, צי ער איז טאקע געווען אין בודיאָניס ארמיי, צי געדענקט ער די ציַיטן, ווען די פריצטע ליוסטיכע האָט דאָ געוועלטיקט...

— אך, זאָ! — האָט פאול אויסגערופן.

— ער וויל אלץ גענוי באשריַיבן, — האָט דערקלערט רודי. — אין מאָ־סקווע אף דער אויסשטעלונג וועט זיַין פאָרגעשטעלט אונדזער מטס.

— אף דער אויסשטעלונג? — האָט פאול זיך פארוואונדערט. — אָט ווי הויך ס'האָט זיך אופגעהויבן די מטס. אָהאָ, דאָס איז טאקע א גרויסער קאָ־וועד!

## 5

פאול האָט אלץ מער זיך דורכגעדרונגען מיטן געדאנק, אז ס'איז שוין אלץ פארפאלן און גאָרנישט וועט מען ניט קאָנען אָפּטאָן אזוינס, וואָס זאָל שטערן דער ארבעט אין מטס. וואלטער האָט אים אָדער אָפּגענארט, ווען ער האָט אים צוגעזאָגט, אז נאָך מענטשן וועלן צולייגן די הענט צו

העלפֿן אים, אָדער זיי האָבן, ווי ער, געפּרוּווט און ס׳האָט זיך באַ זיי אויך גאָרנישט ניט באַקומען. ער האָט שוין געוואָלט דורכגיין זיך צו וואַלטערן, דורכריידן זיך מיט אים, נאָר באַלד האָט ער כאַראָטע געהאַט.

„אויב איך וועל זיך ווײַזן פֿאַר זײַנע אויגן, וועט ער אָנהייבן דריקן אַף מיר און ווידער פֿאָדערן אָנהייבן עפּעס טאָן״, — האָט ער געטראַכט.

ס׳איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צײַט, און וואַלטער האָט צוגעשיקט צו קורטן אַהיים אַ מענטשן, וואָס האָט איבערגעגעבן, אַז פּאָול זאָל קומען אין דער קירכע. פּאָול האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳רופֿט אים ניט צוליב אָפּריכטן די גאָטעסדינסט. צו דער באַשטימטער צײַט האָט ער זיך אָנגעטאָן און אַוועק. וואַלטער האָט שוין געוואַרט אַף אים. ער האָט אָן איבעריקע רייד אַרײַנגעפֿירט פּאָולן אין פּראָסוויטערס דירע און געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס לאָזסטו זיך ניט הערן?

— ס׳איז דערווײַל גאָרנישט ניט פֿאָרגעקומען, דעריבער איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן.

— זייער שלעכט.

— די מטס שטעלט מען אַרויס אַף דער אַלפֿאַרבאַנדישער לאַנדווירט־שאַפֿטלעכער אויסשטעלונג, — האָט פּאָול מיטגעטיילט.

— נו, איז וואָס? — וואַלטער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע די „פּראַוודאַ״ און אָנגעוויזן אַפֿן אַרטיקל וועגן דער קורמאַנער מטס. — האָסט געלייענט?

— געלייענט... באַ אונדז איז געווען אַ גרויסער יאָמטעוו. וואָס קאָן מען שוין איצט טאָן? מ׳האָט פֿרײַער ניט געקאָנט אונטערהאַקן זיי די פֿליגל... איצט איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן.

— וואָס הייסט, פֿאַרפֿאַלן?.. — האָט וואַלטער זיך אָנגעצונדן. — אַז דו וועסט זיצן מיט צונויפֿגעלייגטע הענט, וועט געוויס אַלץ זײַן פֿאַרפֿאַלן... אונדזערע וועלן קומען, וועט פֿון אַלע זייערע אויפֿטוען ווערן שטויב.

וואַלטערס רייד האָבן פּאָולן אונטערגעמונטערט. באַ פּאָולן האָבן זיך באַוויזן פֿײַערלעך אין די אויגן. וואַלטער האָט נאָך זיכערער פֿאַר־געזעצט:

— יעדער טאָג, יעדער שאָ, ווו מע קאָן נאָר, דאַרפֿן מיר ברענגען שאָדן, מיט גאָרנישט זיך ניט רעכענען און פֿאַר קיינע שוועריקײַטן זיך ניט אָפּשטעלן. דעם קלאַפּ דאַרף מען געבן דאַן, ווען זיי דערוואַרטן אים ניט... שרעק זיך ניט, וואָס דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דיר ניט אײַנגעגעבן. איצט האָסטו שוין מער דערפֿאַרונג. מע דאַרף בעסער זיך צילעווען, קעדיי טרעפֿן אין פּינטל.

— אָבער וואָס קאָן איך אַליין אויפֿטאָן? — האָט פּאָול אַ ברומקע געטאָן.

— דו ביסט ניט איינער. יעדערער צילעוועט אַף זײַן אויפֿן... איצט איז די סאַמע צײַט צו געבן דעם קלאַפּ, ווײַל די מטס האָט מען אַזוי אויפֿגע־הויבן, מע דאַרף אַלץ טאָן, אַז די מטס זאָל אַף דער אויסשטעלונג זיך ניט באַווײַזן.

— ווי?אַזוי קאָן מען עס אויספֿילן?

— האָב געדולד, מע וועט דיר אַלץ זאָגן...

# קאַפּיטל פיר

1

אין דרויסן איז שוין געוואָרן עמעסער פרילינג. די לויטערע בלויע רוימען האָבן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אַף די ערשטע פויגל־געזאַנגען. דער גאָלדענער שימער פון זון־שטראַלן האָט זיך געלייגט אַף דער אופוואַכנדיקער ערד, עס האָבן זיך אָנגעגאָסן די זוימען פון די פאַרזייטע טוועס, די קנאָספּן אַף דיביימער.

אין מטס איז געגאַנגען אַ העפטיקע צוגרייטונג צום פרילינג־פאַרזיי. אַ ספּעציעלע אויסגעטיילטע קאָמיסיע פון דער דירעקציע, בעראָש מיט מעהודינען, האָט אויסגעפּרווט יעדער טראַקטאָר, און מ׳האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום פּרווו־אַרויספאָר אין פעלד.

פּאול האָט מיט אַ באַזונדער פלײַס געאַרבעט.

אין איינעם אַ שאַבעס־פאַרנאַכט, ווען ער איז געגאַנגען צום פעטער, האָט ער באַגעגנט וואַלטערן.

— נו, דערציילֿ, — האָט וואַלטער, אַ צופרידענער פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, געפרעגט.

איידער פּאול האָט באַוויזן עפּעס זאָגן, האָט ער שוין גענומען שעפּטשען:

— מיר האָבן צוגעגרייט אײַער מטס אַ מאַטאָנע צום פאַרזיי. נאָר געדענק, מ׳דאַרף זײַן שטאַרק געהיט, אַפילע אונדזערע מענטשן טאָרן גאָרנישט ניט וויסן. אײנער טאָר ניט וויסן, וואָס עס טוט דער צווייטער...— מיט שרעק אַ קוק געטאָן אין די זײַטן, האָט וואַלטער פאָרגעזעצט: — מיר וועלן זיי לאָזן דורכפירן דעם פּרווו־אַרויספאָר, זאָלן זיי מיינען, אַז ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג, אַניט וועט באַ זיי נאָך בלײַבן צײַט פאַריכטן דעם שאָדן, וועלכן מיר וועלן ברענגען. אַלץ דאַרף פאָרקומען באַנאַכט נאָכן פּרווו־אַרויספאָר.

אַף מאָרגן גאַנצפרי איז פּאול געקומען אַף דער אַרבעט פריִער פון אַלעמען. ער איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ די ערטער, דורך וועלכע אים וועט אויסקומען אַרײַנגיין אין מטס באַנאַכט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט באַ זײַן ווערקשטעל און אָנגעהויבן אַרבעטן. אינגיכן האָט זיך דערהערט אַן אָנוואַקסנדיקער גערויש פון די אײַנגעשלאָסענע טראַקטאָר־מאָטאָרן. אײינער נאָכן צווייטן האָבן די טראַקטאָרס גענומען אַרויספאָרן פון מטס, דערנאָך האָט די קאָלאָנע זיך צעשאָטן אין פאַרשיידענע ריכטונגען — צו די קאָלווירטן.

וואַרמעס־צײַט, ווי עס איז געווען פאַרפּלאַנירט, האָבן זיך די טראַקטאָר־בריגאַדעס אומגעקערט אין מטס. אַלץ איז געווען אין פולער אָרדענונג. די קאָמיסיע האָט נאָכאַמאָל דורכגעקוקט יעדן טראַקטאָר, באַשטעטיקט, אַז אַלע זײַנען זיי פולשטענדיק גרייט צום פאַרזיי.

אַף דער קורצער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך וואַרמעס, האָט מעהודין פונדעסטוועגן באַפוילן אַלע טראַקטאָריסטן נאָכאַמאָל פאַרן

אַרויספֿאָרן דורכקוקן די טראַקטאָרס. און מאָרגן, פּונקט זעקס אַזייגער, אינדערפֿרי אַרויספֿאָרן.

אין הויף, אויף די אַרקעס און אויפֿן שלאַגבאַום זײַנען אויסגעהאַנגען געוואָרן לאָזונגען אויף פֿלאַמיק־רויטן קומאַטש. אַלע זײַנען זיך צעגאַנגען אין אַ געהויבענער שטימונג אַהיים. העלער ווי טאָמיד האָבן דאָס מאָל געברענט די עלעקטרישע לעמפּלעך אויפֿן פּוסט־געוואָרענעם אויסגעפּוצטן הויף פֿון מטס.

אין קלוב איז געווען יאָמטעוודיק און פֿריילעך. אויסגעפּוצטע מיידלעך און באָכערים פֿון קורמאַן האָבן געטאַנצט. צווישן זיי דאַרף איצט אויך זײַן די פֿריילעכע גרוי־אויגיקע זאָיע פֿון דער קאָנטאָר פֿון מטס, פּאַול גייט אויס נאָך אירע טריט, פֿײַניקט זיך אין דער שטיל און וואַגט ניט צוגיין צו איר אײַנלאַדן זי אין קינאָ אָדער פּאָשעט דורכשפּאַצירן זיך.

דער קלוב איז געווען איבערפֿולט מיט מענטשן, און דורכשטופּן זיך איז געווען אוממעגלעך. זאָיען האָט ער געזען פֿונווײַטן. איר קײַלעכדיק פּאָנעם איז געווען צעפֿאַליעט, די בלאָנדע עטוואָס געקרײַזלטע האָר — צעלאָזן. די גרויע אויגן האָבן געפֿינקלט. זי האָט געטאַנצט מיט רודין. אַ בריִענדיק אייפֿער־געפֿיל האָט אים אַ שניט געגעבן אין האַרצן. ניט קאָנענדיק צוקוקן עס, איז ער אַרויס אין דרויסן. דער הימל איז געווען אָן אויסגעשטערנטער, די לעוואָנע האָט געשײַנט. פּאַול איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט. דער אָפּהילך פֿון דער טופּערײַ, פֿון די טענץ און דער פֿריילעכער געזאַנג האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט.

„זיי איז גוט, ס'איז זיי פֿריילעך, זיי הוליען, און... וואָס וועט הײַנט מיט מיר געשען? — האָט ער געטראַכט. — אָבער זאָל שוין גיכער פֿינצטערער ווערן". ער האָט באַשטימט אַ ביסל אויסוואַרטן, דערנאָך איז ער שטיל דורכגעקראָכן דורך אַ לאָך אין פּאַרקן און אַרײַן אין הויף פֿון דער מטס. ער האָט דערהערט טריט. פֿאַרטײַעט זיך, צוגעגאַנוועט זיך צו אַ טראַקטאָר, אַרײַנגעשאָטן אין קאַרטער אַ הויפֿן זאַמד און איז טייקעף צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן טראַקטאָר, אַ דריטן, אָפּגעטאָן דאָס זעלבע און מיט אײַליקע טריט אַוועק צוריק אין קלוב.

דער אוילעם האָט געקוקט אַ פֿילם, און ווען דער סעאַנס האָט זיך פֿאַרענדיקט, איז פּאַול מיט אַלעמען אַוועק אַהיים.

די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע און אַן אומרויִקע. פּאַולן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מ'האָט אַלץ געזען. ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג און אַוועק אויף דער אַרבעט. גייענדיק צו זיך אין רעמאָנט־וואַרשטאַט, האָט ער מיט פּאַכעד אַ קוק געטאָן אויף די טראַקטאָרס.

פּאַול האָט צעלייגט זײַנע אינסטרומענטן. דורך דער אָפֿענער טיר האָט ער געזען, וויִאַזוי די מעכאַניזאַטאָרס זײַנען צוגעגאַנגען צו זייערע טראַקטאָרס. פֿימע גאָנטאָוו, זיאַמע מעצנער און וואַניע באָיטשענקאָ האָבן אײַנגעשלאָסן די מאָטאָרן פֿון זייערע טראַקטאָרס און זיך געלאָזט אין וועג.

רודי זיגפֿריד האָט אײַליק פֿאַרכאַפּט אַ פּאָר אינסטרומענטן און זיך אַוועקגעטראָגן צו דער מאַשין פֿון גיכער טעכנישער הילף.

אין הויף איז געוואָרן שטיל און פּוסט. פּאול האָט געוואָלט אָנהייבן רע־מאָנטירן דעם מאָטאָר, וועלכן יערעמטשוק האָט אים נעכטן געגעבן, נאָר די הענט האָבן זיך ניט געריִרט. ס׳איז דורכגעגאַנגען א שאָ נאָך א שאָ, און פון פעלד זײַנען קיין שום ידיעות ניט אָנגעקומען.

נאָר אָט איז א צעטומלטער אָנגעפאָרן פון פעלד רודי זיגפריד.

— אן אומגליק, — האָט ער אויסגעשריִען. — דרײַ טראַקטאָרס זײַנען געבליבן שטיין. מיר האָבן זיך געמאַטערט און געמאַטערט און מיט אונדזער „גיכער הילף״ גאָרנישט ניט געקאָנט אופטאָן. באַלד וועט מען זיי ברענגען.

— ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען? — האָט פּאול קלוימערשט פאַרוווּנ־דערט געפרעגט. — מ׳האָט זיי דאָך נעכטן אַזוי גוט אויסגעפּרוּווט. ווער האָט זיי רעמאָנטירט?

— איך געדענק ניט, — האָט רודי געענטפערט. — אַלע האָבן געקוקט...

אין א האַלבער שאָ אַרום האָט מען געבראַכט די צעשעדיקטע טראַק־טאָרס.

— לאָמיר א קוק טאָן, וואָס איז דאָרט געשען, — האָט פאָרגעלייגט פּאול, — שלעפּט זיי צו נעענטער צום וואַרשטאַט.

2

וואַלטער האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף פּאולן. ס׳האָט אים שוין פאַרדראָסן, לעמײַ ער האָט באַצײַטנס מיט אים ניט אָפּגערעדט, ווי אַזוי ער זאָל צו וויסן געבן, צי האָט ער בעשאָלעם אויסגעפילט די אויפגאַבע. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז גלײַך אין דער זעלבער נאַכט האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט איבערגעבן. נאָר אָט איז שוין דורכגעגאַנגען קימאַט דער טאָג, און ס׳איז ניטאָ קיין שום ידיעות. צו קורטן אַרײַנגיין האָט ער אויך מוירע געהאַט, ווײַל ס׳איז מעגלעך, אַז מ׳פאָרשט נאָך נאָך זײַן שטוב.

אין אָוונט אין קירכע האָט ער דערזען קורטן. ער איז געשטאַנען און פרום געדאַוונט. ווען די דינסט האָט זיך געענדיקט, האָט ער באַם אַרויס־גאַנג פון דער קירכע אָפּגעוואַרט א ווײַלע אויף אים און געפרעגט:

— ווו איז דאָס פּאול, וואָס זעט מען אים ניט?

— ס׳איז א הייסע צײַט בא אים, ווױנט ער אין צוזאַמענוווינונג. כ׳האָב ערשט געזען דעם וועכטער פון מטס, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ס׳איז בא זיי...

— וואָס איז בא זיי?.. ס׳איז געשען עפּעס?

— דרײַ טראַקטאָרס, האָט ער געזאָגט, זײַנען קאַליע געוואָרן.

„אויב די טראַקטאָרס זײַנען טאַקע קאַליע געוואָרן, — האָט וואַלטער א טראַכט געטאָן, — דאַרף מען טייקעף צו וויסן געבן ווו מע דאַרף, אַז שול־דיק אין דער זאַך איז דער מעכאַניקער רודאָלף זיגפריד״.

וואַלטער האָט ניט געוווּסט, אַז דער אויספאָרשער איז שוין געווען אין מטס.

דער אויספאָרשער איז אַרײַן אין די רעמאָנט־װאַרשטאַטן, װוּ די מע־כאַניקער האָבן פאַריכט די צעשעדיקטע טראַקטאָרס. ער האָט אַרױסגערופן יערעמטשוקן, פאַרגעשטעלט זיך און געפרעגט:

— װאָס האָט באַ אײַך פּאַסירט?

יערעמטשוק האָט קורץ דערציילט, װאָס ס'איז פאָרגעקומען.

— דרײַ טראַקטאָרס זאָלן מיטאמאָל קאַליע װערן, איז אַ זאַך ניט קיין פּאַשעטע. דאָ שטעקט עמעצנס אַ האַנט... — האָט דער אויספאָרשער גע־מאָלדן. — ס'װעט אויסקומען אַרױסרופן אַן עקספּערט און פעסטשטעלן, װיאַזוי דאָס איז געשען.

— דער דירעקטאָר האָט באַפוילן אָפּרעמאָנטירן די טראַקטאָרס און טײ־קעף אַרױספאָרן אין פעלד... מיר האָבן אופגעעפנט דרײַ מאָטאָרן, האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז אָפּרעמאָנטירן זײ גיך איז אוממעגלעך, האָבן מיר זײ פאַר־ביטן, און די טראַקטאָרס אַרבעטן שוין.

— װאָס הייסט, זײ אַרבעטן שוין? — האָט דער אויספאָרשער שטרענג געפרעגט. — איר האָט ניט געהאַט קיין שום רעכט אַזוי צו טאָן, ביז די עקספּערטיזע האָט ניט פעסטגעשטעלט די סיבה, פאַרװאָס זײ זײַנען קאַליע געװאָרן.

— דעם פאַרזײ האָבן מיר געװיס ניט געהאַט קיין רעכט צו פאַר־האַלטן, — האָט יערעמטשוק געענטפערט. — די מאָטאָרן זײַנען דאָ. לויט זײ קאָן מען אַלץ פעסטשטעלן.

— אָבער איר האָט זיך שוין געפּאָרעט אַרום זײ... װוּ איז אײַער די־רעקטאָר?

— באַ זיך אין קאַבינעט.

דער אויספאָרשער איז אַרײַן צו מעהודינען.

— זאָגט מיר, װי איז די מטס באַװאַכט געװען? — האָט ער פאַרגעבן מעהודינען די ערשטע פראַגע.

— באַנאַכט זײַנען די טויערן פאַרשלאָסן. פון אָװנט ביז אינדערפרי שטייט אַ װעכטער.

— װי איז די פאַמיליע פונעם װעכטער?

— לייטש.

— װער האָט רעמאָנטירט די טראַקטאָרס?

— רודאָלף זיגפריד.

דער אויספאָרשער האָט פאַרגעבן נאָך אייניקע פראַגן, דערנאָך איז ער אַװעקגעפאָרן.

װען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין מטס, האָט מען שוין געהאַט פעסטגעשטעלט, אַז אין די מאָטאָרן איז געװען אַנגעשאָטן זאַמד.

— װער האָט עס געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ מיִעס שטיקל אַרבעט?! — האָט רודי אויסגעשרײַען.

„לאָזט זיך אויס, אַז אַכוץ מיר האָט קיינער מיט קיין פינגער קיין ריר ניט געטאָן, — האָט פּאַול אַן אופגערעגטער געטראַכט. — װאַלטער האָט מיך אָפּגענאַרט. כ'האָב געשטעלט מײַן קאָפּ אין קאָן און סײַװיסײַ זיך גאָר־נישט ניט דערשלאָגן...״

3

אין מטס איז ווידער געוואָרן שטיל. לויט די „סוואָדקעס", וועלכע ס'קו־מען אָן אין קאָנטאָר פון די טראַקטאָר־בריגאַדעס, איז קענטיק, אַז די אַרבעט אויף די פעלדער גייט גוט. די רויִקייט, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגע־שטעלט דאָרט נאָכן טומל מיט די צעשעדיקטע טראַקטאָרס, האָט נאָך מער געדריקט אויף פּאָולן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אָט־אָט דאַרף עפּעס געשען. דער אומרו און די איבערטראַכטענישן האָבן אים געמאַכט פאַר אויס מענטש.

יערעמטשוק האָט אים שטרענג פאַרזאָגט, אַז ער זאָל זײַן אויף אַן אָרט, ווײַל יעדע רגע קאָן מען עפּעס ברענגען פון די פעלדער פאַריכטן.

אין וואָרשטאַט האָט זיך ווידער באַוויזן דער אויספאָרשער.

— איר זײַט פּאָול ביוטנער? — האָט ער אים געפרעגט.

— איך...

— וואָס קאָנט איר מיר זאָגן וועגן די צעשעדיקטע טראַקטאָרס?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— ווער זשע קאָן וויסן? איר אַרבעט דאָ, באַגעגנט זיך אַלע טאָג מיט די מענטשן פון מטס. דערציילט, וואָס איר ווייסט, וואָס איר האָט באַ־מערקט.

— כ'ווייס גאָרנישט, איך האָב גאָרנישט ניט באַמערקט...

— פונדעסטוועגן, ווי מיינט איר, ווער זשע האָט אַזעלכס געקאָנט טאָן?

— איך קאָן זײַן פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר די טראַקטאָרס, וועלכע איך האָב רעמאָנטירט.

— און ווער האָט רעמאָנטירט יענע... די צעשעדיקטע?

— אַן אַנדער מעכאַניקער.

— ווי איז זײַן פאַמיליע?

— דאָס קאָנט איר זיך דערוויסן בא די אָנפירער. דאַכט זיך, אַז זיי האָט רעמאָנטירט רודאָלף זיגפריד.

— וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן אים?

— כ'ווייס וועגן אים גאָרנישט.

— איר אַרבעט צוזאַמען מיט אַ מענטשן און קאָנט גאָרניט זאָגן וועגן אים?

קעדיי אויספרווון פּאָולן, האָט דער אויספאָרשער געזאָגט:

— פאַרוואָס ווייסט ער וועגן אײַך?

— וועגן מיר? וואָס קאָן ער וויסן וועגן מיר? איך בין פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר מײַנע טראַקטאָרס, ער — פאַר זײַנע.

— האַלט איר, הייסט עס, אַז ער איז דער שולדיקער?

— ווען כ'זאָל וויסן, וואָלט איך געמאָלדן.

— ווען זײַט איר כוישעד?

פּאָול האָט געשוויגן.

— וואָס שווײַגט איר? דערמאָנט זיך... אויב איר וועט זיך ניט דער־מאָנען, וועל איך אײַך דערמאָנען. כ'גיב אײַך צײַט צו באַטראַכטן זיך.

דער אויספאָרשער האָט זיך געלאָזט גיין. אין וואַרשטאַט איז אַרײַן קאָל־פאַקאָוו — דער פאַרשטייער פון אויסשטעלונגס־קאָמיטעט.

— ווו איז יערעמטשוק? — האָט ער געפרעגט בא פאַולן.

— אין קאָנטאָר.

— און מעהודין?

— דאַכט זיך, ערגעץ אוועקגעפאָרן.

— נו, ווי גייט בא אײַך די אַרבעט? — האָט קאָלפאַקאָוו אָנגעהויבן פאַ־נאַנדערפרעגן פאַולן.

— גאַנץ גוט, — האָט פאַול אַרויסגעמורמלט.

שוין עטלעכע טעג, ווי דער פאַרזיי איז געגאַנגען אין פולן ברען.

מעהודין האָט זיך אַרומגעטראָגן פון איין פעלד־מאַסיוו צום צווייטן. ווו ער האָט געטאָגט, דאָרטן האָט ער ניט גענעכטיקט. מע האָט געדאַרפט אַלץ באַוואָרענען, אַז די אַרבעט זאָל גיין ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. פאַר די טעג, זינט ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פעלד־אַרבעט, איז ניט געווען קיין איין פאַל, אַז אַ טראַקטאָר זאָל אָן נויטבאַדערפעניש זיך אָפּשטעלן. אין אַלע בריגאַדעס האָט מען די אײַנגעשטעלטע פאַרזיי־נאָרמע אויסגעפילט. אָבער מעהודינען האָט עס ניט באַפרידיקט.

— אויספילן די נאָרמע איז קיין קונץ ניט. דאָס איז אַ מינימום, — האָט ער געטײַנעט.

ער האָט געפאָדערט, אַז יעדער אַרבעט זאָל אויסגעפילט ווערן ניט נאָר גיך, נאָר גוט.

אַרײַנגעכאַפּט זיך אויף אַ ווײַלע אין קאָנטאָר פון מטס, האָט ער דאָרט געטראָפן דעם אויספאָרשער.

— שוין דעם צווייטן טאָג האַלט איך זיך מאַמעש אין איין נאָכיאָגן נאָך אײַך, — האָט ער געזאָגט צו מעהודינען. — וווּהין איך קום, זאָגט מען, אַז ער איז ערשט געווען דאָ און איז אוועקגעפאָרן.

— איך ווייס אַליין ניט, ווו איך וועל דאַרפן זײַן אין אַ שאָ אַרום, — האָט מעהודין געענטפערט. — אָבער אָט האָט איר מיך דאָך געפונען.

— דאָס האָט מיר אָפּגעגליקט...

— ס'גייט דער פאַרזיי... איר ווייסט, וואָס הייסט — פאַרזיי?

— יאָ, אָבער וועגן אַנדערע זאַכן טאָר מען אויך ניט פאַרגעסן.

דער אויספאָרשער האָט אויסגעוואַרט, ביז די סעקרעטאַרשע, וועלכע האָט זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק, איז אוועק. דאַן האָט ער פאַרשפאַרט די טיר און זיך אָנגערופן:

— איך דאַרף האָבן אַ כאַראַקטעריסטיק אויפן מעכאַניקער רודאָלף זיג־פריד.

— אַ גוטער יאַט, אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, אַחוץ גוטס קאָן איך וועגן אים גאָרנישט ניט זאָגן.

דער אויספֿאָרשער האָט אופֿמערקזאַם אויסגעהערט מעהודינען און איבערגעפֿרעגט:

— איר זײַט זיכער אין דעם?

— אינגאַנצן זיכער.

— עפּשער האָט עמעצער אים אַרײַנגעשלעפּט... געצוווּנגען עפּעס טאָן...

— כ׳קען זייער גוט דעם יאַט, און איך גלייב ניט, אַז עמעצער זאָל אַף אים קאָנען אַף אַזויפֿיל ווירקן...

— און מיר האָבן יעדיִעס... ער האָט דאָך רעמאָנטירט די טראַקטאָרס...

— נאָכן רעמאָנט האָט מען די טראַקטאָרס אויסגעפּרוווּט, אַ קאָמיסיע האָט זיי דורכגעקאָנטראָלירט, — האָט מעהודין אים דערווידערט. — צי דען וועט ער זיך אַליין וועלן ברענגען שאָדן?.. דאָס איז אַ בילבל.

— די יעדיִעס, וועלכע מיר האָבן, באַשטעטיקן זיך, — האָט באַמערקט דער אויספֿאָרשער. — מיר דאַרפֿן אים איזאָלירן.

— איזאָלירן? צי דען קאָן מען אַף אַן אַנדער אויפֿן ניט פֿאַנאַנדער־קלײַבן דעם בילבל?

— ניין, — האָט געענטפֿערט דער אויספֿאָרשער. — ס׳זײַנען פֿאַראַן נאָך פֿאַרדעכטיקע, מע דאַרף, אַז זיי זאָלן ניט האָבן קיין מאַגע־מאַסע צווישן זיך. איינער זאָל ניט וויסן פֿונעם צווייטן און זאָל ניט קאָנען ווירקן אַף אים.

— אינגיכן וועלן מיר פֿאַרענדיקן דעם פֿאַרזיי... דערווײַל טאָר מען קיין איין מענטש פֿון דער אַרבעט ניט אָפּרײַסן.

— גוט, אויב ס׳וועט זײַן נאָר מעגלעך, וועלן מיר אים נעמען נאָכן פֿאַרזיי. דערווײַל גרייט צו די כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב געבעטן.

## קאַפּיטל פֿינף

### I

דער פֿרילינגדיקער טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן לעשן. אַף די שויבן פֿון מעהודיִנס קאַבינעט האָט זיך שוין אָפּגעשפּיגלט די ראָזעווע שײַן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער פֿלאַמיק־רויטער סטעפּישער זון.

„מע דאַרף זיך צוײַלן, — האָט מעהודין אַ טראַכט געטאָן. — ביז ס׳וועט ווערן רעכט פֿינצטער, קאָן מען נאָך צופֿאָרן אין אַ פּאָר טראַקטאָר־בריגאַדעס, אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן הערט זיך“.

אין הויף פֿון מטס האָט ער אומגעריכט באַגעגנט ליזען.

— ווי קומסטו אַהער? — האָט ער דערפֿרייט זיך.

— אוי, ווי גוט, וואָס כ׳האָב דיך געטראָפֿן! — ליזעס שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעלויכטן, אַף די פֿולע פֿאַרויטלטע באַקן האָבן אַ שפּיל געטאָן די כיין־גריבעלעך.

— איך בין נעכטן געווען דאָ... קיינער האָט דיר גאָרנישט געזאָגט? איך

בין געווען בא דיר אין דער היים אויך, — האָט זי, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, דערציילט. — זאָג מיר, וואָס איז בא אײַך געשען?

— ס׳איז גאָרנישט געשען.

— וואָס הייסט, ניט געשען? צי דען האָט מען עס אויסגעטראַכט?.. אַלע ריידן וועגן דעם... דײַן מאַמע אַפּילע ווייסט שוין אויך.

— וועגן וואָס רעדט מען?

— וועגן די טראַקטאָרס. ס׳וועט דיר גאָרנישט שאַטן?

— די טראַקטאָרס אַרבעטן.

— וואָס זשע האַלט מען אין איין ריידן וועגן דעם? איך האָב זיך אַזוי באַאומרויִקט.

מעהודין האָט אוועקגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל, געקוקט איר אין די אויגן. פֿון זײַן וואַרעמען דורכדרינגלעכן בליק איז ליזען געוואָרן אַזוי גוט אויף דער נשמה...

— גוט, וואָס מע האָט מיך פֿאַרהאַלטן, אַניט וואָלסטו מיך הײַנט אויך ניט געטראָפֿן... שוין װיפֿל צײַט, ווי איך קלײַב זיך צו דיר, און כ׳קאָן זיך ניט אַרויסרײַסן, — האָט מעהודין אָנגעהויבן זיך פֿאַרענטפֿערן. — כ׳האָב דיך געוואָלט זייער זען.

— קום צו מיר, — האָט ליזע פֿאָרגעלייגט.

— איצט? ניין, איצט קאָן איך ניט...

— ווען וועסטו שוין אוועקוואַרפֿן די בײַטש און אופֿהערן זיך אַליין אונטערטרײַבן?

— ס׳איז דאָך דער פּאַרזיי.

— נאָכדעם וועט מען דאַרפֿן שנײַדן, דרעשן און ווידער אַקערן און ווידער זייען...

מעהודין האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס איז עמעס. אַרבעט וועט זיך שטענדיק געפֿינען, נאָר מיר דאַרפֿן געפֿינען צײַט צו פֿאַרברענגען אויך.

— נו, איז דערצייל, וואָס איז דאָ פּאָרט פֿאָרגעקומען, — האָט ליזע געבעטן.

— ווייסטו וואָס, — איז אים פּלוצעם אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק. — זעץ זיך מיט מיר אין מאַשין, און מיר וועלן זיך דורכפֿאָרן צו די טראַקטאָר־בריגאַדעס. דערנאָך וועלן מיר צופֿאָרן צו דיר.

— גוט, זייער גוט, — איז ליזע געווען צופֿרידן.

ער האָט געגומען ליזען אונטער דער האַנט, אופֿגעעפֿנט דאָס טירל פֿון דער מאַשין און אײַנגעלאַדן זי זעצן זיך.

— וווהין וועלן מיר פֿאָרן? — האָט דער שאָפֿער געפֿרעגט.

— אין דער דריטער בריגאַדע און אין דער פֿערטער, און פֿון דאָרט אין ראַטנדאָרף, — האָט געענטפֿערט מעהודין.

ווײַט ערגעץ, פֿון אונטערן בלוי־טונקעלן נעפּל, האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן שוואַרצע פֿריש־אופֿגעאַקערטע שטיקער ערד. די סטעפּישע שטילקײַט איז צעריסן געוואָרן פֿונעם גערויש פֿון מאָטאָרן.

— זעסט, דאָס אקערן אונדזערע טראַקטאָרס, — האָט מעהודין געזאָגט.
— און די דרײַ טראַקטאָרס, וועלכע מע האָט צעשעדיקט, ארבעטן אויך?
— מיר האָבן פארביטן די מאָטאָרן.
— ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, ווער האָט עס אָפּגעטאָן?
— דערווײַל ניט. ס'ווערט געפירט אן אויספאָרשונג. און בא דיר וואָס הערט זיך?
— איך האָב אויך ניט ווייניק קאָפּדרייעניש. אין דער היים וועל איך דיר אלץ דערציילן, — האָט ליזע געענטפערט.
עס האָט זיי אָנגעיאָגט די מאשין פון גיכער טעכנישער הילף. פון דער מאשין איז ארויסגעשפּרונגען רודי.
— וווּהין פאָרסטו דאָס? — האָט מעהודין געפרעגט.
— איך פאָר לויט דער ריי איבער אלע בריגאדעס. דערווײַל איז אומע־טום אלץ אין אָרדענונג, — האָט רודי צו וויסן געגעבן.
— זייער גוט. ווו וועסטו הײַנט זײַן אין אָוונט?
— איר דאַרפט מיך האָבן?
— יאָ, — האָט מעהודין קורץ געענטפערט, — איך דאַרף א רעד טאָן מיט דיר.

## 2

די קורמאנער מאשין־טראַקטאָר־סטאנציע האָט פארענדיקט מיט דער־פּאָלג דעם פארזיי פּריִער, ווי עס איז געווען פּארפּלאנירט. א ספּעציעל אויס־געטיילטע קאָמיסיע, וווּהין ס'איז אויך ארײַנגעגאנגען דער פאָרשטייער פון דעם אויסשטעלונגס־קאָמיטעט, האָט דורכקאָנטראָלירט די באארבעטע פעל־דער און געגעבן זיי א הויכע אָפּשאצונג. אין די אַרטיקע און אפילו אין די צענטראלע צײַטונגען האָבן זיך באוויזן מיטיילונגען און ארטיקלען וועגן די גרויסע דערפאָלגן פון דער קורמאנער מטס. די שטימונג איז בא אלעמען געווען שטארק אן אופגעלייגטע. אייניציקווײַז און קאָלאָנעסווײַז האָבן זיך די טראַקטאָריסטן אומגעקערט אף זייערע טראַקטאָרס אין פּארק. ווידער איז אפן שטילן און פוסטן הויף פון מטס פול געוואָרן מיט גערו־דערײַ און זשומערײַ פון די טראַקטאָר־מאָטאָרן. אין די ווארשטאטן האָט מען אופגערוימט, צוגעקליבן, די פלעצער און שטעגלעך האָט מען אויסגע־שאָטן מיט זאמד. אין אלע ווינקעלעך איז געוואָרן ריין און זויבער.
אף איינעם פון די צוגעקליבענע פלעצער, אף וועלכן ס'זײַנען שטרענג אין צוויי רייען אויסגעשטעלט געווען די טראַקטאָרס, האָבן זיך צונויפ־געזאמלט די בריגאדירן, טראַקטאָריסטן, מעכאניקער, שמידן. ס'איז געווען געמאָלדן, אז ווי נאָר מ'וועט זיך צונויפּאָרן אף אן אָרט, וועט מען דורכ־פירן א פארזאמלונג.
פונקט צו דער מינוט איז אָנגעקומען מעהודין. אים איז הײַנט פאָרגע־

שטאַנען אונטערפּירן א סאַכאַקל פון דער דורכגעפירטער אַרבעט בײַסן פאַרזיי, אָנמערקן די אופגאַבן אַף װײַטער.

— די טוווּעס, װעלכע מיר האָבן פאַרזייט, זײַנען נאָך ניט אופגעגאַנגען, און מיר דאַרפן שוין אָנהייבן זיך גרייטן צום שניט. קיין איין זאַנג, קיין איין קערנדל טאָר ניט גיין לעיבעד... די טעכניק דאַרף בא אונדז זײַן גרייט, ווי בא שלאַכטלײַט דאָס געווער. דאָס פאָדערן מיר און וועלן פאָדערן אַפן סאַמע שטרענגסטן אויפן.

מעהודין האָט שטיל און זאַכלעך, אָן איבעריקע ווערטער אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון יעדן בריגאַדיר, יעדן טראַקטאָריסט, פון יעדן אַרבעטער אין דער צײַט פון פאַרזיי. ער האָט אָפּגעווויגן און אָפּגעמאָסטן, ווער וואָס האָט אָפּגעטאָן, וואָס פאַר בלויזן זײַנען געווען, ווער וואָס האָט פאַרזען.

מעהודין האָט אָפּגעאָטעמט א ווײַלע, אָנגענומען זיך מיט פרישע קוייכעס און פאַרגעזעצט:

— מיר טאָרן ניט פאַרגעסן,— האָט מעהודין צולעצט געזאָגט,— וואָס בא אונדז איז פאָרגעקומען אינעם ערשטן טאָג פון פאַרזיי. מיר ווייסן נאָך ניט, וועמעס מערדערישע האַנט האָט זיך אופגעהויבן צו קאַליע מאַכן דרײַ אונדזערע טראַקטאָרס. די זאַך ווערט אויסגעפאָרשט. אָט האָט זיך דאָך אונדז אײַנגעגעבן באַצײַטנס באַמערקן, אַז די שרויפן זײַנען געווען אַרויסגעדרייט. ווען מיר כאַפּן זיך ניט, וואָלט געווען אַן אַוואַריע. הייסט עס, אַז מ׳דאַרף קוקן און קוקן... דאָס, וואָס איין פּאָר אויגן קאָנען פאַרזען, וועלן באַמערקן צענדליקער אויגן. אַז מיר וועלן קוקן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, וועלן בא אונדז אַזעלכע שענדלעכע פאַלן מער ניט פאָרקומען.

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז דער עוילעם זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַף די ערטער און אַלע זײַנען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען מעהודין איז, ווי געוויינלעך, זיך דורכגעגאַנגען איבער די וואַרשטאַטן, האָט ער באַמערקט א פוסטן ווערקשטעל. די אינסטרומענטן זײַנען געווען צוזאַמענגעלייגט אין א שטרענגער אָרדענונג. אַפן ווערקשטעל איז געלעגן א שטיקל פּאַפּיר, אַף וועלכן ס׳איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אויסיעס:

„סאָצפאַרפליכטונג פונעם מעכאַניקער רודאָלף זיגפריד. איך פאַרפליכטע זיך אין צוויי מאָל איבערשטײַגן די נאָרמע און אַרבעטן אַזוי, אַז אונדזער מטס זאָל פאַרדינען דעם קאָוועד באַוויזן אירע דערגרייכונגען אַף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג״.

ס׳איז קאָנטיק געווען, אַז רודי האָט נאָך די סאָצפאַרפליכטונג ניט פאַרענדיקט און האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געוואָלט צושרײַבן נאָך פונקטן.

— ווו איז רודי?— האָט מעהודין געפרעגט בא יערעמטשוקן.

— ער איז הײַנט ניט אַרויס אַף דער אַרבעט. כ׳האָב געשיקט אין צוזאַמענוווינונג א קוק טאָן, עפּשער איז ער קראַנק געוואָרן, נאָר ס׳לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט דאָרט אַפילע ניט גענעכטיקט.

מעהודין איז געשטאַנען א ווײַלע, גענומען דאָס פּאַפּיר מיט דער ניט־פאַרענדיקטער סאָצפאַרפליכטונג און זיך אומגעקערט אין קאָנטאָר.

## 3

פרידריך זיגפריד האָט נאָך אמאָל, אין די צײַטן, ווען ער איז געווען פאָרזיצער פון נײַ־בערלינער דאָרפסראַט, באַמערקט עליען. ער האָט ניט אופגעהערט צו באַוווּנדערן דעם באַכערס ארבעטסזאַמקײַט, אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקײַטן.

ווען דער יונגער מעהודין, ווי זיגפריד פלעגט אים רופן, איז געוואָרן בריגאַדיר אין קאָלווירט און האָט אָנגעהויבן מאַכן די ערשטע זעלבשטענדיקע טריט, איז דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט געקומען צו פאָרן אין קאָלעקטיוו „רויטער באַלעגאַלע״ און געמאָלדן:

— מײַנע פרײַנט, רעב פרידריך איז געקומען צו פאָרן זיך געזעגענען מיט אײַך.

— וואָס הייסט? פאַרוואָס לאָזט איר אונדז איבער?...— האָבן זיך דערהערט שטימען.

— די פּאַרטיי האַלט, אַז דאָרט, וווּהין מ׳שיקט מיך, בין איך נייטיקער און דאָ וועט מען אָן מיר זיך באַגיין,— האָט געענטפערט פרידריך זיגפריד.

ער האָט זיך וואַרעם געזעגנט מיטן אוילעם. דעם יונגן מעהודינען האָט ער אפילע א קוש געטאָן און געזאָגט:

— איך גלייב, אַז מיט דײַן קלוגן קאָפּ וועסטו דאָ אויף דער ערד א סאַך זאַכן אופטאָן און איר וועט לעבן אין רײַכקײַט און אין קאָוועד, ווי קאַרל מאַרקס האָט אַמאָל פאָרויסגעזען אין זײַנע קלוגע ביכער.

ס׳זײַנען אוועקגעגאַנגען יאָרן. פרידריך זיגפריד האָט געאַרבעט אינעם שכייניש ראַיאָן מיט לײַב און לעבן, אָלע מאָל, ווען אין צײַטונג פלעגט זיך באַווײַזן א גוט וואָרט וועגן יונגן מעהודינען, פלעגט עס אים פאַרשאַפן א סאַך פאַרגעניגן און ער פלעגט טײַנען צו רודין:

— אָט פון וועמען, מײַן זון, מע דאַרף נעמען א בײַשפּיל, גיב א קוק, וואָס איז געוואָרן פונעם פּראָסטן אָרעמען ייִנגל... א הוילער, א נאַקעטער איז ער געקומען אהער אין סטעפּ און זע, וואָס ער האָט מיט זײַנע ערלעכע הענט אופגעטאָן.

ווען רודי האָט געענדיקט די פאַבזאַוושול, האָט פרידריך זיגפריד, דערוויסנדיק זיך, אַז מעהודין איז באַשטימט געוואָרן אלס דירעקטאָר פון קורמאַנער מטס, אָפּגעפירט רודין צו אים און געזאָגט:

— נעם צו מײַן זון צו זיך און מאַך פון אים א מענטש. ער האָט ערשט געענדיקט די שול. לערנט אים אונטער בא אײַערע מײַסטערס, ער זאָל ווערן א קוואַליפיצירטער ארבעטער.

מעהודין האָט גערן צוגענומען דאָס באַכערל, געבעטן יערעמטשוקן לערנען אים. געאַרבעט האָט רודי זייער איבערגעגעבן, געפלײַסט זיך ערלעך אויספילן אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך פון אים געפאָדערט. פאַר א קורצער צײַט איז ער געוואָרן א גוטער מעכאַניקער. סײַ מעהודין, סײַ דער פאָטער האָבן געקליבן פון אים נאַכעס. גרויס פרייד האָט פרידריך זיגפרידן פאַר־

שאפן די אַרטיקלען אין דער ראַיאָנער צײַטונג, ווי מע פלעגט אויך דער־מאָנען צום גוטן זײַן זון. מיט אומגעדולד האָט ער אַרויסגעקוקט, אַז רודי זאָל קומען אַף זונטיק אַהיים.

אָבער הײַנטיקן זונטיק איז ער ניט געקומען.

— וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן? — האָט דאָס ווײַב, מאַרטע, געעַרגערט זיך. — מע דאַרף, פרידריך, צופאָרן אַ קוק טאָן.

אַף מאָרגן האָט פרידריך, פאַרנדיק קיין דזשאַנקאָי, פאַרקערעוועט אין קורמאַן. אַרײַן אין די וואַרשטאַטן פון מטס, האָט ער דערזען, אַז בא זײַן זונס וועַרקשטעל שטייט אַן אַנדער מענטש. ס'האָט אַ טיאַכקע געטאָן בא אים דאָס האַרץ. ער האָט געוואָלט בא עמעצן אַ פרעג טאָן, ווו איז רודי, נאָר דורך דער אָפענער טיר האָט ער דערזען אין הויף מעהודינען, אַ טראָג געגעבן זיך צו אים.

— ראָט פראָנט, גענאָסע!

מעהודין האָט געענטפערט אַף דער באַגריסונג. פרידריך האָט מיט אַן אומרויִק קאָל אַ פרעג געגעבן:

— ווו איז מײַן רודי?

— רודי? — האָט מעהודין, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן, איבערגע־פרעגט. — כ'ווייס אַליין ניט, וואָס עס איז געשען, ער וועט, מיסטאָמע, אינגיכן קומען.

— ווו איז ער? — זיגפריד איז געוואָרן נאָך מער אומרויִק.

— ער וועט קומען... אינגיכן... מע האָט אים...

— וואָס איז געשען? וואָס באַהאַלט איר אויס פון מיר?

— קומט אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט...

מעהודינען איז געווען שווער דערקלערן דעם פאָטער, וואָס עס האָט פּאַסירט.

— איך מיין, אַז ס'איז געשען אַ מיספּאַרשטייעניש.

— וואָס פאַר אַ מיספּאַרשטייעניש?

— בא אונדז זײַנען אין דעם ערשטן טאָג פון פּאַרזיי קאַליע געוואָרן דרײַ טראַקטאָרס.

— מע באַשולדיקט מײַן רודין אין דעם?! — האָט אויסגעשריִען פרידריך.

— מע דאַרף זיך פאַנאַנדערקלײַבן...

— מײַן רודין באַשולדיקט מען אין אַזעלכע פרעכע זאַכן? ווי לייגט זיך עס גאָר אַזוינס אַפן זינען?!

פון צעטומלטקײַט און איבערלעבונג האָבן בא פרידריכן אָנגעהויבן זיך ברעקלען די ווערטער אין מויל:

— ווי־ווי־וועַר, ווי־וועַר האָט עס גע־ק־קאָנט אַז־זוינס אויסט־טראַכטן?! ווען ער ט־טוט אַז־זזוינס, וואָלט אײ־איך אַליין...

— כ'מיין, אַז מ'וועט אינגיכן רודין אַרויסלאָזן... — האָט מעהודין אים געפּרוּווט טרייסטן.

— ס'איז קלאַסן־קאַמף, גענאָסע יונגער מעהודין, — האָט פרידריך זיג־

פריד געזאָגט. — אַז מע מאַכט קאַליע אַ טראַקטאָר און מ׳רײַסט אונטער דעם פּאַרזיי, איז אַ גרויסער שאָדן, ס׳קאָסט געלט און מי, נאָר מ׳קאָן עס פאַריכטן. אָבער אַז מע ברענגט אום אַ מענטשן, דאָס קאָן מען שוין ניט פאַריכטן... אָט צו דעם, גענאָסע יונגער מעהודין, שטרעבט דער קלאַסן־פײַנט... ס׳איז ניט פאַראַן קיין מאָס צו זײַן סינע צו אונדז, ס׳זײַנען ניט פאַראַן אַזעלכע פאַרברעכנס, וועלכע זיי זאָלן ניט אָפּטאָן צו פאַרטיליקן אונדז.

— מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן, — האָט מעהודין פאַרזיכערט זיגפרידן.

— אָ, ס׳איז גאָר ניט אַזוי לײַכט, ליבער גענאָסע, צו כאַפּן דיזע מערדער. זיי באַזיצן גוט די קונסט פון שווינדלערײַ. זיי ווייסן, אַף וועמען אַרופוואַרפן די שולד, זיי ווייסן, וועמען מאַכן שולדיק.

— לאָמיר צופאָרן צום אויספאָרשער, — האָט מעהודין פאָרגעלייגט. — איך האָב געגעבן די בעסטע כאַראַקטעריסטיק רודין.

מעהודין האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ פּאַפּירל.

— אָט איז זײַן סאַצפאַרפליכטונג, וועלכע ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן. איר זעט...

זיגפריד האָט גענומען דאָס פּאַפּירל, דורכגעלאָפן עס מיט די אויגן. די לעצטע שורעס האָט ער איבערגעלייענט אַף אַ קאָל.

— איר זעט, צו וואָס ער האָט געשטרעבט? — האָט געזאָגט זיגפריד. — זײַן ערע — דאָס איז די ערע פון דער מטס.

פרידריך זיגפריד איז אוועקגעפאָרן אַהיים שטאַרק אַ צעטראָגענער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער ווידער געקומען צו פאָרן אין קורמאַן, געפּרוּווט קלאָר מאַכן באַם אויספאָרשער, וואָס הערט זיך מיט זײַן זון, און קיין שום טשוווע ניט געקראָגן.

ס׳זײַנען דורכגעגאַנגען טעג און וואָכן, פרידריך זיגפריד איז נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל געקומען צו פאָרן אין קורמאַן, נאָר די אויספאָרשונג איז נאָך אַלץ ניט געווען געענדיקט.

מ׳האָט אַרויסגערופן מעצנערן, גאָנטאַוון, יערעמטשוקן און נאָך מענטשן פון די רעמאָנט־וואַרשטאַטן צום אויספאָרשער. פּאָול האָט געוואַרט יעדן טאָג, יעדער שאָ, מע זאָל אים אויך רופן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע די, וועלכע מע האָט אַרויסגערופן צום אויספאָרשער, ווײַזן אָן אַף אים, דערפאַר האַלט מען זיך אָפּ דערווײַל אים אַרויסצורופן. אין קאָפּ האָט ער שוין געהאַט צוגעגרייט ענטפערס אַף אַלע מעגלעכע פראַגן, וועלכע דער אויספאָרשער קאָן אים פאַרגעבן. מע דאַרף באַוואָרענען זיך מיט אַזעלכע איידעס, וואָס זאָלן באַווײַזן, אַז רודי איז דער שולדיקער. און אויב דאָס וועט זיך ניט אײַנגעבן, דאַרף מען נאָך עמעצן אַרײַנצײַען אין די שולדיקע.

קוים דערוואַרט זיך אַף שאַבעס, האָט פּאָול נאָך דער אַרבעט בעדייע געהאַט אוועקגיין צום פּעטער, קעדיי זונטיק גאַנצפרי באַגעגענען זיך אין

דער קירכע מיט וואַלטערן. אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן ענדיקן די אַרבעט, ווי מ'האָט אים אַרויסגערופן צום אויספאָרשער. דער פאַרהער איז געווען אַ לאַנגער און אַ שווערער. אַרויסגעגאַנגען איז פּאָול אַן אויסגע־באָדענער אין שווייס, שטאַרק אַ צערודערטער. אין דרויסן איז שוין גע־ווען שטאָקפינצטער. דערקלײַבן זיך צום פעטער איז שוין געווען ניט גרינג. פונדעסטוועגן האָט ער באַשטימט זיך ניט פאַרהאַלטן און לאָזן זיך גיין. שפּעט באַנאַכט האָט ער זיך דערקליבן צום פעטערס הויף. דער הונט וואָלטשאָק האָט אָנגעהויבן בילן. פּאָול האָט אָנגעקלאַפּט, קורט איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך.

— פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

פּאָול האָט עפּעס אַ בורקע געטאָן אונטער דער נאָז. פון שלאָפצימער האָט מאַרטע, אַ האַלב־שלעפעריקע, אַ פרעג געגעבן:

— דו ביסט, מיסטאַמע, הונגעריק?

ניט דערוואַרט זיך אויף אַן ענטפער, איז זי אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט פּאָולן עסן. פּאָול האָט געגעסן און דערציילט:

— שוין עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד, ווי עס קומען מיר צו כאַלעם דער טאַטע מיט דער מאַמען. איך זע, ווי די מאַמע מעלקט די קי און האָדעוועט די אויפעס. דער טאַטע קלײַבט זיך אין פעלד און וואַרט אויף מיר, איך זאָל אים העלפן צונויפלייגן די קאָפּנעס היי, וועלכע ער וועט אָנ־קאָסיען.

— עפּשער איז דעם פּראָוויטערס געבעט דערגאַנגען צו גאָט, און זיי וועלן טאַקע קומען אַהיים, — האָט געזאָגט קורט.

— דערפאַר בין איך געקומען צו אײַך, קעדיי מאָרגן אינדערפרי צוגיין אין קירכע און בעטן גאָט פאַר זיי, — האָט זיך אָפּגערופן פּאָול.

פּאָול מיטן פעטער האָבן זיך געפּלײַסט קומען זייער פרי אין דער קירכע, קעדיי פאַרנעמען אַ גוט אָרט. פונדעסטוועגן האָבן זיי שוין דאָרט געטראָפן אַ סאַך מענטשן, און דורכשפּאַרן זיך נעענטער צום פּראָוויטער האָבן זיי ניט געקאָנט. פּאָול האָט דערזען וואַלטערן. יענער האָט פרום געדאַוונט.

נאָך דער טפילע איז פּאָול צוזאַמען מיט וואַלטערן אַרויסגעגאַנגען פון דער קירכע, שטיל און געהיט פאַרקערעוועט אין אַ קווער־געסל, אָפּגע־שטעלט זיך לעבן אַ שטוב הינטער אַ פּאַליסאַדניק און, אַרומקוקנדיק זיך, אָנגעהויבן שמועסן.

— דער אויספאָרשער האָט מיך נעכטן אַרויסגערופן, — האָט דערציילט פּאָול. — ער וויל, איך זאָל זיך מודיע זײַן...

— זײַ רויק, וועסט האָבן איידעס, וועלכע וועלן זאָגן אַלץ, וואָס מע דאַרף, — האָט וואַלטער אים פאַרזיכערט. — איבעריקס ריידן איז איצט ניטאָ וואָס. וועסט קומען איבער אַ וואָך, וועל איך דיר דערציילן, וואָס הערט זיך, און כ'וועל דיר זאָגן, וואָס מ'דאַרף טאָן.

פאול האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר וואלטער האָט אים געהייסן שווײַגן. שטילערהייט זײַנען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַרשיידענע זײַטן.

## 4

די טוווּעס אַף די פעלדער האָבן קוים אָנגעהויבן רײַפן, ווי ס'איז אָנגעקומען פון מאָסקווע א טעלעגראַמע, אַז די קורמאַנער מטס איז באַשטעטיקט אַלס עקספּאָנענט אַף דער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג.

די פרײדיקע נײַס האָט מען איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. אומעטום האָט מען גערעדט וועגן דעם, יעדערער האָט אַרויסגעזאָגט זײַנע השערות, וויאַזוי וועט עס פאָרקומען. ווער ס'האָט געזאָגט, אַז מע וועט אַרויספירן אונדזערע טראַקטאָרס, קאָמבײַנען, און ווער ס'האָט געזאָגט, אַז מ'קאָן ברענגען מאַקעטן פון אונדזער טעכניק, אַז געבײַדעס וועט מען אויסבויען דאָרט אַזעלכע, ווי אונדזערע. נאָר אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז די מענטשן וועלן געוויס דאַרפן פאָרן אַהין.

— אַלעמען וועט מען אַהין ניט שיקן, — האָט געזאָגט מעצנער.

— מע וועט זיך בײַטן, — האָט אַרויסגעזאָגט זײַן השערה גאָנטאָוו.

מע האָט אַרומגערעדט איין פּראַגע, איז אויפגעקומען א צווייטע, א דריטע, מע האָט געאַמפּערט זיך, ביז ס'זײַנען געקומען פאָרשטייער פונעם אויסשטעלונגס־קאָמיטעט — פאַכמענער אָפּצוקלײַבן עקספּאָנאַטן, קינסטלער, וועלכע האָבן געשאַפן מאַקעטן, געגרייט עסקיזן, געמאַכט מאָנטאַזשן, געמאָלט בילדער.

דער פריַער צוגעשיקטער פאָרשטייער פון אויסשטעלונגס־קאָמיטעט — קאָלפאַקאָוו האָט שוין באַוויזן אָנשרײַבן א בראָשור וועגן דער קורמאַנער מטס, וויאַזוי זי איז פון אַן אָפּגעשטאַנענער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פאָרגעשריטענער, מיט גוטער, ערשטקלאַסיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניק, מיט פּרעכטיקע וואַרשטאַטן, אויסגעשולטע פאַכלײַט, וועלכע אַרבעטן געטרײַ און מעסירעסנעפעשדיק צו פאַרפעסטיקן די עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פון די קאָלווירטן.

באַטראַכטנדיק די טוווּעס אַף די פעלדער פון ראַטנדאָרפער קאָלווירט, וועלכע האָבן שוין דערגרייכט א מילך־רײַפקײַט, האָט מעהודין באַשטימט אַרײַנפאָרן צו ליזען און איבערגעבן, אַז די פאָרשטייער פון מאָסקווע, וועלכע דאַרפן צוגרייטן די מטס צו דער אויסשטעלונג, זײַנען שוין געקומען, און דעריבער וועט ער די טעג זײַן שטאַרק פאַרנומען און ניט קאָנען צופאָרן מיט איר אין שטאָט, ווו זי האָט דרינגענדיק געדאַרפט זײַן.

ליזע האָט טאַקע אַרויסגעקוקט אַף אים און זיך געערגערט, וואָס ער פאַרהאַלט זיך. ווי נאָר ער איז צוגעפאָרן צו איר הויף, איז זי אַרויסגעלאָפן אים אַנטקעגן.

— ווו האָסטו זיך אזוי פארהאלטן? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב זיך בעשום־אויפן ניט געקאָנט פריִער ארויסרײַסן, — האָט ער זיך פארענטפערט.

— ווערסט פאָרן קיין מאָסקווע?.. זייער גוט! — זי האָט געווארט, אז ער זאָל זי אײַנלאַדן פאָרן צוזאמען מיט אים, נאָר ער האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט אים אָנגענומען פאַר דער האנט: — קום, אילִיושע, כאָטש אף א ווײַלע ארײַן אין שטוב...

— כ׳קאָן ניט, ליזעניו, כ׳קאָן ניט. ווייסט דאָך, אז מענטשן זײַנען גע־קומען פון מאָסקווע, זיי ווארטן אף מיר... ארבעט איז איבערן קאָפּ. שוין העכער א וואָך, אז איך קאָן זיך ניט ארויסרײַסן צו די עלטערן... קום צוזאמען צופאָרן צו זיי, וועלן מיר זיך אין וועג וועגן אלץ דורכ־ריידן.

— ס׳איז דאָך שוין שפעט, אן אנדערשמאָל וועלן מיר צופאָרן צו זיי, — האָט ליזע זיך געפרוווט אָפּזאָגן. — זײַ דאָ בא מיר כאָטש א האלבע שעה.

— כ׳האָב איבערגעגעבן אהיים, אז איך וועל הײַנט זײַן, ווארט מען דאָרטן. פאָר מיט מיר! לאנג וועלן מיר זיך ניט פארהאלטן, — האָט ער זי געבעטן. — איך מוז זיך גיך צוריק אומקערן... אונדז שטייט פאָר א גרויסער און ערנסטער עקזאמען. פריִער פלעגן אונדזער ארבעט אָפּשאצן די קאָלווירטן, דער ראיאָן, נו, ווער נאָך?.. און איצט וועט דאָס גאנצע לאנד זען, וויִאזוי מיר ארבעטן, און אויב דו ווילסט, איז ניט נאָר אונדזער לאנד... צו אזא עקזאמען דארף מען זיך גרייטן, און נאָך וויִאזוי גרייטן!

מעהודין האָט פארגעסן א ווײַלע, אז ער אײַלט זיך, נאָר טייקעף האָט ער זיך דערמאָנט, א צי געגעבן ליזען פאר דער האנט:

— נו, אָן שום טערעץ, זעץ זיך און לאָמיר פאָרן!

ער האָט אן עפן געטאָן דאָס טירל פון מאשין און שטיפעריש זי א שלעפּ געטאָן.

כאָטש זעלדע האָט ארויסגעקוקט אפן זון, נאָר אינגאנצן זיכער, אז ער וועט קומען, איז זי ניט געווען. ארומדרייענדיק זיך אין הויף, האָט זי, פונווײַטן דערזעענדיק זײַן מאשין, זיך געלאָזט לויפן אין שטוב — אָנ־זאָגן די בסורע.

— אילִיושע פאָרט!.. — האָט זי א געשריי געטאָן צו דער ייִנגסטער טאָכטער. — העניעלע, ווו איז דער טאטע? לויף אפגיך און זוך אים אָפּ, זאָג אים, אז מיר האָבן א גאסט!

עליע האָט קוים באוויזן ארויסגיין פון מאשין, ווי זעלדע האָט זיך א וואָרף געטאָן צו אים.

— די אויגן קריכן מיר דאָך שוין ארויס, ווארטנדיק אף דיר, — האָט זעלדע אים ארומגעכאַפּט. דערזען ליזען, האָט זי א פּאטש געגעבן אין די דלאָניעס: — זע, זע נאָר... אזעלכע געסט... קומט, ליבינקע, אין שטוב!

זעלדע מיט די געסט זײַנען ארײַן אין שטוב. ליזע און עליע האָבן נאָך

ניט באוויזן זיך אוועקזעצן צום טיש, ווי זעלדע האָט זיי שוין אָנגעהויבן מעכאַבעד זײַן.

— מאַמע, מיר ווילן נאָך ניט עסן, מיר וועלן זיך דורכגיין אַ ביסל מיט ליזען, עפּשער וועלן מיר באַגעגענען דעם טאַטן. פאַרײַנוועגס וועלן מיר אַ קוק טאָן, וואָס אין קאָלווירט טוט זיך, — האָט געזאָגט עליע.

— זונעלע מײַנער, איך בעט דיך, זיצט, קינדער, אַ ביסל מיט מיר, — האָט זעלדע זיך געבעטן.

— מיר וועלן זיך דורכגיין ניט אויף לאַנג, מע דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אין קאָלווירט.

— נו, גוט, גייט זיך דורך, נאָר ניט אויף לאַנג.

...ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט, איז שוין אוורהם געווען אין דער היים. אויפן טיש זײַנען געשטאַנען אַ סאַך מײַכאָלים.

— דײַן מטס וועט מען ווײַזן אויף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג? — האָט אוורהם געפרעגט עליען.

— יאָ, מיר גרייטן זיך...

— ליזע וועט אויך פאָרן מיט דיר קיין מאָסקווע? — האָט זיך אינטערעסירט זעלדע.

— איך אַרבעט דאָך ניט אין מטס, — האָט ליזע באַמערקט.

— איז וואָס?.. סײַווי דאַרפט איר פאָרן צוזאַמען. וויפל איז דער שיר אַזוי זיך אַרומדרייען? שוין צײַט צו האָבן פון אײַך נאַכעס.

אוורהם האָט אָנגעגאָסן אַלעמען ווײַן:

— לעכאַיִם, קינדער, פאַר אײַער געזונט!

— לעכאַיִם, לעכאַיִם! — האָט זעלדע אויסגעשריִען. — עפּשער וועלן מיר היינט מאַכן טנאָיִם?

— און ווען וועלן מיר שטעלן די כופּע? — האָט זיך אַ וויצל געטאָן עליע.

— אַ כופּע, ווי אַ כופּע, נאָר די כאַסענע וועלן מיר מאַכן, איידער נאָך איר וועט פאָרן קיין מאָסקווע, — האָט געזאָגט אוורהם.

— אַזוי וועט טאַקע זײַן, האַ, ליזע? — עליע האָט געשמייכלט.

— איז וועלן מיר אײַך שוין טאַקע אָפּגעבן מאַזלטאָוו! — האָט אוורהם אויפגעהויבן די צווייטע קויסע.

## קאַפּיטל זעקס

1

די אַרבעסט־צײַט, ווען די מטס האָט זיך ספּראַוועט מיט דער פעלד־אַרבעט, האָט עליע זיך „פאַרשריבן" מיט ליזען. טאַטע־מאַמע, די נאָענטע און אייגענע האָבן געמאַכט אַ היימישן מאָלצײַט. אויף מאָרגן זײַנען עליע מיט

ליזען צוזאמען מיט אנדערע ארויסגעפאָרן קיין מאָסקווע אף דער אויס־שטעלונג.

כאָטש מעהודינען איז דאָרט פאָרגעשטאנען דורכפירן ניט קיין גרינגע ארבעט — באווייזן די מטס אזא ווי זי איז אין קורמאן, נאָר ער איז געווען זיכער, אז ער וועט זיך מיט דער אופגאבע ספראווען.

ווארעמע סטעפּישע ווינטן, אויסגעמישטע מיט רייכעס פון טערפקן פאָלין און איבערגעפּריעטע גראָזן, האָבן לאנג באגלייט דעם געשווינד־יאָגנדיקן צוג, וואָס האָט געטראָגן די פאָרשטייער פון קורמאנער מטס אף דער אויסשטעלונג.

אינדערפרי, ווען עליע האָט זיך אופגעכאפּט, האָט ער שוין דורכן פענצטער פון וואגאָן דערזען אף די פארבײַפאָרנדיקע פעלדער זילבערנע פלעקן פון פרעסטלעך. וואָס ווײַטער דער צוג האָט זיך געטראָגן, האָבן זיך פאר זײַנע אויגן געשפרייט אף די אופגעאקערטע שטיקער פריר־ערד פאסיקלעך זויבערער שניי. ווען די זון האָט זיך צעשײַנט, האָט דער שניי אָנגעהויבן צעגיין, אופהייבנדיק קנײַלעכלעך דאמף, נאָר סײַווי איז עס געווען אָן אָנזאָג, אז דער ווינטער איז שוין נאָענט.

פון הינטן זײַנען געבליבן די אייגענע, אין הארצן אײַנגעבאקענע קאנטן. אנטקעגן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען דרעמלענדיקע דערפער, רויִ־שיקע סטאנציעס, גרויסע און קליינע שטעט, פארגעלטע פעלדער און וועל־דער, באזילבערטע מיט הארבסטיקע טויען.

אין מאָסקווע איז דער צוג אָנגעקומען נאָך האלבן טאָג. מעהודין מיט ליזען און מיט די מענטשן פון מטס האָבן זיך לײַכט דערקליבן צום האָ־טעל, ווו זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, דערנאָך איז מען אוועק אף דער אויסשטעלונג.

...פונווײַטן האָבן זיי דערזען דעם גרויסן, פון גראניט אויסגעהאקטן פּיעדעסטאל, אף אים איז געשטאנען א מעכטיקע סקולפּטור — אן ארבע־טער און א קאָלווירטניצע, וועלכע האָבן געהאלטן אין די מוסקולדיקע הענט א סערפּ מיט א האמער און מיט דראנג געריסן זיך ערגעץ אין דער ווײַט.

מעהודין מיט די שעליכים פון מטס זײַנען ארוף אף דעם פּלאץ פון דער אויסשטעלונג, וועלכער איז געווען ארומגעזוימט מיט בלומען, מיט עלעקטרישע לאמטערנס און מיט פלאטערנדיקע פאָנען און פענדלעך. אינ־מיטן פלאץ האָט געריזלט און געשטראָמט א באסיין.

פארגאפטע פון דער צויבערנדיקער שיינקײַט, זײַנען זיי ארוף אפן „קאָלווירטישן פלאץ".

— מע זאָגט, אז דאָ איז אמאָל געווען א פוסט שטיק ערד, א באַ־וואקסנס מיט ווילדגראָזן, ווי בא אונדז אין סטעפּ, — האָט געזאָגט מעצ־נער. — און גיט נאָר א קוק, וואָס דאָ איז געוואָרן...

— ס'איז א מין קישעף און גאָר, — האָט צוגעגעבן גאָנטאָוו.

— אלץ שאפן מענטשלעכע הענט, מאָסקווע האָבן דאָך אויך מענטשלע־כע הענט אויסגעבויט, — האָט דערקלערט מעהודין.

— און ווּ איז אונדזער מטס אויסגעשטעלט? — האָט געפרעגט מעצ־נער. — נאָך ווײַט אהין?

— ווײַט, מע דאַרף דורכגיין אלע פּאווילִיאָנען, — האָט געזאָגט מעהו־דין. — רעכטס פון מעכאַניזאַציע־פּלאַץ, אין דער אָפּטיילונג „דאָס נײַע דאָרף".

פריִער, איידער עס ווערט באַוויזן דאָס נײַע דאָרף, זײַנען פאַראַן א סאַך בילדער, וועלכע ווײַזן די צאָרעס און ליידן פונעם אמאָליקן ערד־אַרבעטער. קליינינקע, אײַנגעהויקערטע כאַלופּעס, א שענק. דער דער־שלאָגענער פּויער טראָגט אוועק אהין דעם לעצטן פאַרהאָרעוועטן גראָשן. דער פּריסטאַוו, דער אוריאַדניק שלאָגן מאַקעס־רעצעך, איזדיעקעווען זיך איבער אָרעמע מענטשן. שטראָפן אף יעדן שריט און טריט. פאַר ניט באַ־צאָלן דעם שטײַער שרײַבט מען אָפּ דאָס לעצטע בעהיימעלע, מע נעמט צו דאָס שטיקעלע ערד, מע שינדט די הויט, ווו מע קאָן נאָר און פון וועמען מע קאָן נאָר. די סטענדן דערציילן וועגן פּויערשע אופשטאַנדן, סרייפּעס אין פּריצישע גיטערס און פאַרביטערטן קאַמף פונעם אונטער־דריקטן פּויער פאַר א בעסערער דאָליע.

מעהודין און די איבעריקע שעליכים פון קורמאַנער מטס גייען אַרײַן אינעם אָפּטייל „דאָס נײַע דאָרף". דאָ ווערט אַלץ באַוויזן ניט נאָר אין בילדער און מאַקעטן, נאָר אויך אין זייער נאַטירלעכן אויסזען, מיט אַלע דעטאַלן און פּינקטלעכקײַטן, ווי מע וואָלט איבערטראָגן אהער א דאָרף.

ווען מעהודין מיט זײַנע מיטגייער זײַנען צוגעגאַנגען צו דער „קאָנ־טאָר" פון קורמאַנער מטס, האָבן זיי זיך דערפילט ווי בא זיך אין דער היים. אַלץ איז געווען צעשטעלט פּונקט ווי דאָרט, אין קורמאַן. אין צי־מער פון די כעזשבנפירערס זײַנען געשטאַנען פּונקט אַזעלכע טישן, טינטערס, אף די ווענט — פּלאַקאַטן, קאַרטעס, דיאַגראַמעס. דערזעענדיק לעבן דער „קאָנטאָר" דעם ערן־טאָוול, האָט פּימע מעצנער אויסגע־שריִען:

— גיט נאָר א קוק, אפילע דעם ערן־טאָוול מיט אונדזערע נעמען האָט מען געבראַכט אהער!

— טאַקע! — האָט זיך א כאַפּ געטאָן גאָנטאַוו. — אָט איז מײַן פאַמיליע, אָט איז דײַנע, אָט איז וואַניע באָיטשענקאָ, באָריס פּעוזנער, אָט איז יערעמטשוק... אפילע דער בוכהאַלטער איז דאָ.

— אָט איז דעם דירעקטאָרס קאַבינעט, זאָל פעלן א האָרעלע, — האָט עמעצער באַמערקט.

— זייער א סאַך פאַכלײַט האָט די קורמאַנער מטס צוגעגרייט פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, — האָט מען איבערגעלייענט אף א קאָל.

— נו, א גאַנצע אַרמיי, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין. — ניט אַזוי לאַנג צוריק זײַנען בא אונדז געווען געציילטע טראַקטאָריסטן און קאָמבײַ־נערן, איצט האָבן מיר ווער ס'זאָל באַדינען אונדזער רײַכע טעכניק.

פון דער „קאָנטאָר" זײַנען מעהודין און די איבעריקע שעליכים אַרויס אפן ברייטן הויף פון „זייער" מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציע. דאָרט זײַנען

געווען אויסגעשטעלט מוסטערן פון פאַרשיידענע טראַקטאָרס, קאָמבײַנען און אנדערע מאַשינען. אין די רעמאָנט־וואַרשטאַטן האָט מען דעמאָנסטרירט נײַע אַרבעטס־מעטאָדן, די גיכע טעכנישע הילף אין דער הייסער צײַט פון די פעלד־אַרבעטן.

דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר די טירן פונעם אָפּטייל „דאָס נײַע דאָרף" האָבן זיך צעעפנט פאַר די באַזוכער, האָט מעהודין פאַרנומען זײַן אָרט אינעם קאַבינעט פון דירעקטאָר. ניט נאָר טראַקטאָריסטן, מעכאַניקער, כעזשבנפירער און קאָלווירטניקעס האָבן זיך צו אים געווענדט, נאָר אויך דירעקטאָרן פון אַנדערע מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס, אַגראָנאָמען, געלערנטע האָבן געבעטן אים דערציילן די „סודעס" פון זײַנע דערפאָלגן.

ליזע איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלאָקנאָט אין האַנט איבערן פּיצוכטפּאַוויליאָן, געשמועסט מיט די פאָרגעשריטענע פּיציכטלער. זי האָט אויך זיך אַרומגעטראָגן איבער די פּאַוויליאָנען פון די פאַרשיידענע רעפּובליקן פון פּסםר. ווי אַ בין אַף אַ בלומען־פעלד, האָט זי אײַנגעזאַפּט אין זיך זייער שיינקײַט, ווי צו זיך אַהיים האָט זי זיך יעדן מאָל אומגעקערט צום פּאַוויליאָן „דאָס נײַע דאָרף". דאָ איז איר געווען באַזונדערס אַלץ נאָענט און ליב. דאָ איז געווען איר אילױשע און זײַנע כאַווירים. דאָ האָט פאַר אירע אויגן זיך דורכגעטראָגן אַזוינס, וואָס זי זעט טאָג־אײַן, טאָג־אויס בא זיך אין ראַטנדאָרף און אין נאָך דערפער און יישוווים פון איר קאַנט.

זי האָט שטאָלצירט, ווען דער עקסקורסיע־אָנפירער פלעגט אָנהייבן דערקלערן די באַזוכער:

— די קורמאַנער מטס איז איינע פון די מוסטער־סטאַנציעס אין אונדזער לאַנד, איר קאָנט אָנשוילעך זיך באַקענען מיט די מעטאָדן פון איר אַרבעט, מיט איר טעכניק, מיט אירע אופטוען, מיט אירע אַרבעטער, פאַכמענער און אָנפירונג.

ווען די עקסקורסאַנטן זײַנען צוגעגאַנגען צו די סטענדן פון קאָלווירט „סוווערדלאָוו", האָט ליזע דערהערט אַ קאָל:

— אוי, ס'איז דאָך געווען פונקט אַזוי, ווי ס'איז דאָ באַוויזן!

ליזע האָט זיך אומגעקוקט און דערזען מינען מיט אַ באַכער. זי האָט זיך דורכגעשטופּט צו איר און אַ געשריי געטאָן:

— מינע!

— ליזע! ווער איז נאָך דאָ? ווו האָט איר זיך אָפּגעשטעלט?.. ווו איז אילױשע?

— קום, ער איז בא זיך אין קאַבינעט...

## 2

מעהודין האָט באַגעגנט מינען זייער וואַרעם, נאָר אין זײַנע אויגן האָט שוין ניט געבערנט יענץ פאַרשײַט פײַערל, וואָס פלעגט זיך אָנצינדן אַמאָל. בא מינען אָבער, ווען זי האָט אים דערזען, האָט אָנגעהויבן שטאַרק

קלאַפּן דאָס האַרץ. קומענדיק צו־זיך, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אים ניט באַקענט מיטן באַכער, מיט וועלכן זי איז געקומען.

— ס'איז מײַן כאַווער, — האָט זי אים פאַרגעשטעלט.

— סעמיאָן, — האָט יענער דערלאַנגט מעהודינען די האַנט.

— זייער אָנגענעם, — האָט זיך אָנגערופן מעהודין. — ביטע, זעצט זיך. איר זײַט שוין לאַנג אין מאָסקווע?

— אַ פּאָר טעג, — האָט געענטפערט מינע. — גיי ווייס, אַז מיר וועלן זיך דאָ טרעפן...

מינע איז געווען איבעראַשט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש מיט עליען. ער איז נאָך אַלץ אַזאַ, ווי ער איז געווען — אַ רוּיִקער, אַן ערנס־טער, מיט קלוגע אויגן...

איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אים דערציילן, וויִאַזוי זי האָט געבענקט נאָך אים, נאָר דאָס גליק אירס האָט זי אָף שטענדיק פאַרלאָרן. די מוטער האָט מוירע געהאַט, זי זאָל זיך ניט פאַרזיצן, און איר אײַנגערעדט כאַ־סענע האָבן פאַר סעמיאָנען, יענער איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר.

סעמיאָן איז געזעסן אַן אָפּגעפרעמדטער, זײַן פּאָנעם איז געווען פאַר־כמורעט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אופגעהויבן און געוואָלט אוועקגיין, נאָר זיך אײַנגעהאַלטן.

— כ'האָב זיך אופמערקזאַם צוגעהערט צו אַלץ, וואָס דער עקסקורסיע־אָנפירער האָט דערציילט, — האָט מינע געזאָגט, — און כ'האָב זיך איבער־צײַגט, אַז דו ביסט טאַקע דורכגעגאַנגען אַ גרויסן אוניווערסיטעט. נאָר ווען דו פאָלגסט מיך דאַן און קומסט אָן לערנען, וואָלסטו עפּשער נאָך מער זיך דערשלאָגן.

— ס'קאָן זײַן, אַז דו ביסט גערעכט. אָבער דערמאָן זיך, וויִאַזוי איך האָב געטרוימט וועגן אַ טראַקטאָר, און מיטאַמאָל האָבן זיך גאַנצע האַר־מאַדעס באַוויזן אין סטעפּ... סײַווי איז מיר די גאַנצע צײַט אויסגעקומען לערנען זיך, און איך לערן זיך איצט אויך. לערנען קומט אויס דאָס גאַנצע לעבן...

מעהודין האָט געוואָלט אָנהייבן פאַנאַנדערפרעגן מינען, וויִאַזוי זי לעבט, נאָר עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. ער האָט אַ קוק געגעבן אַפן זייגער און זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף באַלד אופנעמען אַ דעלעגאַ־ציע.

— אַנטשולדיקט מיר, טײַערע... — האָט ער זיך פאַרענטפערט. — איך מוז זיך באַלד באַגעגענען מיט אַ גרופּע דירעקטאָרן פון מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס. לאָמיר זיך מיט אײַך טרעפן אין אָוונט אָדער מאָרגן — ווען אײַך איז באַקוועמער.

— גוט, ווי מיינסטו? — האָט מינע געווענדט זיך צו סעמיאָנען.

— כ'ווייס ניט... — האָט סעמיאָן באַרויגעז געענטפערט. — דו גיי, ווען דו ווילסט.

— איז וואַרט איך אָף אײַך, — מעהודין האָט זיך געזעגנט מיט זיי.

אַ שטיק וועג זײַנען מינע מיט סעמיאָנען געגאַנגען און געשוויגן.

מינע איז געווען אונטערן אײַנדרוק פון דער באַגעגעניש מיט עליען, און סעמיאָן האָט זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פונעם אייפּער־געפּיל, וואָס האָט אים באַהערשט.

— וואָס ביסטו באַרויִגעז? — האָט זי געפרעגט. — ס'איז דאָך מײַנער א יוגנט־כאַווער, מיר זײַנען צוזאַמען אויסגעוואַקסן, געלערנט זיך...

— גיי, ווער האַלט דיך?.. גיי! — האָט ער מיט א קאַס געברומקעט.

— וואַרט אויס, — האָט מינע געפרוּווט אים באַרויִקן, — וועסט זיך נעענטער באַקענען מיט עליען, און איר וועט נאָך ווערן פרײַנט.

— ווער דאַרף זײַן פרײַנטשאַפט?.. איך וועל זיך באַגיין אָן אים!

— באַרויִק זיך, סיאָמע, איך בעט דיך... לאָמיר זיך דורכגיין, — האָט מינע מיט אים אײַנגעטײַנעט.

— כ'האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז איך וועל ניט גיין צו אים! — האָט סעמיאָן איבערגעכאַזערט. — דו ווילסט, גיי!

## 3

נאָך דעם, ווי מעהודין און די איבעריקע אָנטיילנעמער פון דער אויס־שטעלונג זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע, איז די אַרבעט אין מטס געגאַנגען ווי פריִער. אָנשטאָט יערעמטשוקן איז פאַר א צײַטווײַליקן פאַר־וואַלטער מיט די רעמאָנט־וואַרשטאַטן באַשטימט געוואָרן פאָלישטשוק. דער שיינער, שלאַנקער פאָלישטשוק מיט די בלויע אויגן איז געווען יונג, נאָר ער האָט שוין באַוויזן פאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער אַרבעט אין מטס, דורכגיין א גוטע שול און ער האָט זיך אַרויסבאַוויזן פאַר א פײַיִקן מעכאַניקער און ניט קיין שלעכטן אָנפירער.

אין איינעם א פרימאָרגן האָט פאָלישטשוק דערזען אין וואַרשטאַט רו־דין. רודי איז געווען ריין געגאָלט, דער בלויער קאָמבינעזאָן איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן.

— רודי, ווען ביסטו געקומען?

— מע האָט מיך באַפרײַט נעכטן פאַרנאַכט...

— זייער גוט, זייער גוט...

די אַרבעטער האָבן געבעטן דערציילן רודין, ווער האָט עס אויסגע־טראַכט אויף אים אַזא בילבל... וועמען האָט גאָר אַזוינס געקאָנט אויפן זינען קומען?..

— דומע קעפּ, — האָט פאָול געמאַכט א צוויִעסדיקע מינע. — בייזע צינגער קאָנען אַלץ אויסטראַכטן.

רודיס פּלוצעמדיק קומען האָט פאָולן געטראָפן ווי א דונער אינמיטן העלן טאָג. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז מע וועט אונטערשטעלן פאַלשע איידעס, ווי וואַלטער האָט אים פאַרזיכערט, מע וועט אַרופוואַרפן אויף רו־דין די שולד, און אויף דעם וועט זיך אַלץ ענדיקן. נאָר אויב מע האָט רודין באַפרײַט, הייסט עס, אַז דאָס שפּיצל האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אָדער מ'האָט אים אָפּגענאַרט.

„פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען וואַלטערן איבערגעבן, אַז רודי איז אַף דער פריַ, — האָט ער באַשטימט. — נאָר וויִאַזוי דערקלײַבט מען זיך צו אים? ס'וועט, ווײַזט אויס, אויסקומען נעכטיקן באַם פּעטער און פאַרטאָג קומען צוריק אין מטס. קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ".

כאָטש ס'איז שוין געווען שפּעט און ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט צו וואַלטערן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער פאַרבײַוועגס פאַרקערעוועט צום פּעטער.

קורט האָט אָן פּניִעס אַ פרעג געטאָן:

— פּאַול, וואָס איז געשען, וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן?

— גאָרנישט...

— איך זע, אַז עפּעס האָט פּאַסירט... לייקן ניט, דערצייל, — איז קורט ניט אָפּגעשטאַנען.

פּאַול האָט געוואַקלט זיך — צי ווידע זײַן זיך פאַרן פּעטער אָדער ניט, און אַ בורקע געטאָן:

— איך האָב ניט וואָס צו דערציילן.

— דו גייסט אָפּט צו וואַלטערן... וואָס פאַר געשעפטן האָסטו מיט אים געהאַט?

— קיין שום געשעפטן.

— אין קירכע האָב איך באַמערקט, ווי ער שושקעט זיך מיט דיר.

— ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער פּראָסוויטער וויל מיך זען.

— מער האָט ער גאָרנישט געוואָלט פון דיר?

— וואָס האָט ער געדאַרפט וועלן פון מיר?

— וואַלטער, זאָגט מען, איז געווען אַ שלעכטער מענטש... ער האָט אַ סאַך מענטשן אומגליקלעך געמאַכט... דו האָסט געהערט, מיסטאָמע, אַז דער וועכטער פון איַער מטס איז געשטאָרבן...

פּאַול האָט לעכאַטכילע ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער פּעטער מיינט. צו־ליב וואָס האָט ער פאַרפירט דעם דאָזיקן געשפּרעך, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט דאָס אַלץ צום טויט פונעם וועכטער פון מטס?

קורט האָט געוואַרט, וואָס וועט פּאַול זאָגן, נאָר דערזעענדיק, אַז יענער שווײַגט, האָט ער געזאָגט:

— וואַלטערן האָט מען אַרעסטירט.

פּאַול איז געבליבן זיצן, ווי מע וואָלט אים דעם קאָפּ געפּלעט. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן בלאַס און גריַן.

— דיך האָט ער ניט אַרײַנגעצויגן אין זײַנע מיִעסע זאַכן? — האָט דער פּעטער געפרעגט.

קוים קומענדיק צו־זיך, האָט פּאַול אָנגעהויבן שטאַמלען:

— מיך אַרײַנגעצויגן... אין וואָס?.. ניין, ניין! עפּשער האָט עמעצער אָנגערעדט אַף מיר? גלייבט קיינעם ניט... ס'איז פאַלש!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט פּאַול אָנגעהויבן פּאַנאַנדערפרעגן:

— איר האָט ניט געהערט, פאַרוואָס האָט מען וואַלטערן אַרעסטירט?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פאַר מיִעסע זאַכן.

— וואָס פאַרא מיִעסע זאַכן? — איז פּאַול צוגעשטאַנען צום פּעטער.

— פונוואַנען קאָן איך וויסן?.. מ׳זאָגט, אַז ניט קיין גוטע זאַכן פּלעגט ער טאָן...

— ס׳איז שווער צו גלייבן, אַז אַ מענטש, וועלכער טוט אַלץ אין גאָטס נאָמען, קאָן טאָן שלעכטע זאַכן, — האָט פּאַול געפּרוווט פילאָזאָפירן.

— מע זאָגט, אַז מ׳האָט אים געכאַפּט בײַ דער האַנט... — האָט קורט זיך אָפּגערופן.

— גענוג, גענוג שוין דערציילן די מעשׂים, — האָט מאַרטע איבער־געשלאָגן קורטן, — פּאַול איז דאָך געוויס הונגעריק.

מאַרטע האָט דערלאַנגט צום טיש ברויט, זויערמילך און אַ פּײַנקוכן. פּאַול האָט פון אינדערפרי אָן ניט געהאַט אין מויל, נאָר דאָס עסן איז אים אין האַלדז ניט געקראָכן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום פּראָסוויטער — דערוויסן זיך גענויער, וואָס איז געשען מיט וואַלטערן.

דער פּראָסוויטער האָט אָן איבעריקע רייד אים געזאָגט:

— מיר וועלן בעטן גאָט, אַז וואַלטער זאָל בעשאָלעם זיך צוריקקערן אהיים. ער האָט באַוויזן מיר איבערגעבן, אַז דו, ליב קינד, זאָלסט זיך ניט באַומרויִקן. אין אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין מטס, איז שולדיק דער וועכטער. גאָט האָט אים שוין צוגענומען צו זיך, און דאָרטן, אויף יענער־וועלט, וועט ער זײַן אַ גוטער בעטער פאַר אונדז.

4

אויף אַ באַראַטונג פון ראַיאָנישן פּאַרטיי־אַקטיוו איז מעהודין אַרויס־געטראָטן מיט אַ פּאָרטראָג וועגן די נײַע מעטאָדן, וועלכע זײַנען דע־מאָנסטרירט געוואָרן אויף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג. מעהודין האָט פאַנאַנדערגעאַרבעט אָן אָפּעראַטיוון פּלאַן, ווי־אַזוי אײַנצופירן אין די קאָלווירטן פון ראַיאָן אָן אײנהײטלעכן זיי־פאַרקער, ווי־אַזוי באַוואָרענען נײַע הויכסאָרטיקע זריִע, וועלכע די סעלעקציאָנערן האָבן אויסגעכאָוועט אויף זייערע פּרווו־פעלדער, צוגעפּאַסטע צו די דאָרעמדיקע ראַיאָ־נען.

אָפּן קומענדיקן יאָר איז די קורמאַנער מטס ווידער באַשטעטיקט גע־וואָרן אַלס עקספּאָנענט אויף דער אַלפאַרבאַנדישער אויסשטעלונג. אַ סאַך טוער פון דער מטס זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט גאָלדענע מע־דאַלן.

די באַלוינונגען און דער קאָוועד ווידעראַמאָל אָנטיילצונעמען אין דער אויסשטעלונג האָבן געפּאָדערט פון מעהודינען און פון די אַרבעטער פון מטס נײַע אָנשטרענגונגען, געשטויסן זוכן נײַע מיטלען, ווי־אַזוי בעסער צו באַאַרבעטן די ערד, ווי־אַזוי פאַרקירצן די טערמינען פון פאַרזיי און באַקומען העכערע גערעטענישן.

...דער פרילינג איז געקומען פריִער, ווי אַלעמאָל. די זון האָט גלײַך אָנגעהויבן באַקן, ווי אינמיטן זומער. מע האָט געמוזט ווי מעגלעך שנע־לער פאַרזייען די פעלדער, די זריִע זאָל אין גוט־אויסגעוואַרעמטן זאַפּ־

טיקן באָדן זיך אָנעמען מיט קויכעס. פאַר געציילטע טעג איז דער באָדן באַדעקט געוואָרן מיט גלײַכע, ווי שנירעלעך, בונט־גרינע טוווע־שפּראָצונגען. נאָך די טוווס זײַנען אופגעגאַנגען די זונרויזן, די קוקורוזע, די קאַנאָפּליע.

די גוט אופגעגאַנגענע פּאַרזייטע פעלדער האָבן געפרייט דאָס האַרץ.

„ריינע אַרבעט, מאָלאָדצי! אַ פאַרגעניגן צו קוקן", — האָט מעהודין גע־האַט האַנאָע.

זעלטן ווען מעהודין איז געווען אַזוי אופגעלייגט, ער האָט געקוקט, וויאַזוי די אָנגעטרונקענע מיט זאַפטן יונגע טוווס ציִען זיך מיט מיליאָ־נען גרינע שנעבעלעך צו דער זון און פאַרכלינען זיך פון איר ליכט, פון איר וואַרעמקײַט און וואַקסן, און וואַקסן.

ווען די טוווס האָבן זיך אופגעהויבן ביזן גאַרטל און די שווערוואָ־גיקע זאַנגען האָבן אין געל־גאָלדענער רײַפקײַט זיך צעכוואַליעט און אַזוי ווי געשעפּטשעט צו די שניטערס: „אײַלט זיך, נעמט צונויף גיכער אײַער גאָב אין די שײַערס!" — דאַן האָט פון ברעג ביז ברעג אין גאַנצן לאַנד זיך צעדונערט דער געוויטער, אין פײַער און רויך איז געקומען די מיל־כאָמע.

...שוין דעם ערשטן טאָג איז אוועק אַפן פראָנט אַ גרויסער טייל טראַק־טאָריסטן מיט זייערע טראַקטאָרס, שאָפערן מיט זייערע מאַשינעס, מעכאַ־ניקער, קאָמבײַנערן, שטורוואַלער און אַנדערע אַרבעטער פון מטס. זייערע ערטער האָבן פאַרנומען פרויען, אַלטע לײַט, קינדער. דער שניט פון די טוווס און די ברויט־פאַרגרייטונג האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט.

פוסטער און פוסטער איז געוואָרן אין געראַמען הויף פון מטס. קאָמ־בײַנערן, וועלכע זײַנען נאָך נעכטן געזעסן אויף זייערע קאָמבײַנען, האָבן פאַרנומען זייערע ערטער אין די טאַנקען. די טראַקטאָריסטן, וועלכע האָבן נאָכן שניט געדאַרפט אָנהייבן אופהייבן שייל־ערד און שוואַרץ־פּאַר פאַרן נײַעם זיי־פאַרקער, האָבן געפירט מעכטיקע האַרמאַטן צו די פײַער־פּאָזיציעס, קאַסטנס קוילן און שווערוואָגיקע באָמבעס פאַר באָמ־בירער.

די מילכאָמע איז אַלץ געגאַנגען נעענטער און נעענטער צו די קרימער סטעפּעס. אונטערן פײַער פון פײַנטלעכע עראָפּלאַנען און שפּליטערן פון זיך אופרײַסנדיקע באָמבעס האָט מעהודין מיטן הײַפל פאַרבליבענע מענטשן, ניט שאַנעווענדיק דאָס לעבן, אַראָפּגענומען די גערעטעניש פון די פעלדער. די פײַנטלעכע עראָפּלאַנען האָבן געצונדן די טוווס, באָמ־בירט די אָבאָזן מיט ברויט, וועלכע מ'האָט געפירט צו די עלעוואַטאָרס. קיינער האָט ניט פאַרלאָזן די ערטער, און מע האָט פאַרהיט דאָס קאָלווירטישע גוטס. אָן אויסגעמאַטערטער, אַ פאַרוואַקסענער, מיט רויטע אויגן, האָט מעהודין ניט געוווּסט קיין רו.

ווען די פאַשיסטישע האָרדעס זײַנען צוגעגאַנגען נאָענט צו די קרימער סטעפּעס, האָבן די אָרומיקע קאָלווירטן באַקומען אַ באַפעל דרינגענד עוואַקויִרן זיך מיט זייער האָב־און־גוטס. צוזאַמען מיט זיי האָט עוואַקויִרט איר טעכניק מיט די פאַרבליבענע מענטשן די קורמאַנער מטס.

טאָג און נאַכט האָבן זיך געצויגן מאַזשאַרעס, האַרבעס, פורן. ס׳האָבן געדעוועט טאַבונען פּי, ס׳האָבן ביטער געוויינט, שיידנדיק זיך מיט זייער היים, פרויען און קינדער, זיי האָבן זיך געלאָזט איבערן איינציקן, נאָך פריַי געבליבענעם וועג — צום קערטשער דורכגוס.

ניט קיין סאַך באַרזשעס מיט מענטשן און קאָלווירטישן האָב־און־גוטס האָט זיך איַינגעגעבן דורכן פיַיערדיקן קלעם. פיל פון זיי זיַינען אַראָפּ צום גרונט פון יאַם. די איבעריקע האָבן אין מעהומע און שרעק זיך געלאָזט צוריק — זוכן א רעטונג פון אומקום.

אין געציילטע שאָען, איידער דער סוינע האָט באַוויזן פאַרנעמען די פעלדער פון קורמאַנער מטס, איז מעהודין מיט נאָך עטלעכע מענטשן אָפּגעטראָטן אפן לעצטן פאַרבליבענעם טראַקטאָר צום באַלאַגערטן סעוואַסטאָפּאָל.

# דריטער
# טײל

# קאפיטל איינס

## 1

די טעלעפאָנאָגראַמע, אַז מ׳רופט אים אָפּ אין רעשוס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פארטיי, האָט מעהודין באַקומען שפּעט אין אָוונט. גאַנצפרי, אַרײַנגייענדיק אין זײַן קאַבינעט פון מטס, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט העכער צוויי שווערע מילכאָמע־יאָרן, האָט ער געוואָלט פריִער פאר אַלץ אָנקלינגען אין ראַיקאָם, קעדיי דערוויסן זיך ווען מען איבערגעבן די איניאָנים. נאָר דער זייגער האָט קוים באַוויזן זעקס, און אין אַזא פרי״קער שאָ איז, מעגלעך, נאָך קיינער דאָרט ניטאָ. דעריבער האָט ער באַשלאָסן פריִער זיך דורכגיין איבער דער טעריטאָריע פון מטס און א קוק טאָן, צי ס׳איז דאָרט אַלץ אין אָרדענונג.

אין א שאָ צוויי אַרום, אומקערנדיק זיך צוריק צו זיך אין קאַבינעט, האָט ער נאָך פון יענער זײַט טיר דערהערט, ווי עס קלינגט דער טעלעפאָן. האַסטיק א כאַפּ געבנדיק דאָס טרײַבל, האָט ער דערהערט די הייזעריקע שטים פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם:

— א גוטמאָרגן, אַבראַמיטש, האָסט באַקומען די טעלעפאָנאָגראַמע?.. נו, קלײַבסט זיך אין וועג? זע, פאַרהאַלט זיך ניט, הײַנט דאַרפסטו אומבאַדינגט זײַן אין געגנטקאָם... די איניאָנים גיב דערווײַל איבער דײַן פאַרטרעטער... קלאָר? אין א שאָ אַרום וועל איך צופאָרן געזעגענען זיך...

ניט גרינג וועט אים זײַן צעשיידן זיך מיט די כאַווײרים, צווישן וועלכע ער האָט פאַר דער צײַט פון געמיינזאַמער אַרבעט מיט זיי דערוואָרבן דאָ ניט ווייניק האַרציקע פרײַנט. באַזונדערס שווער וועט אים זײַן צעשיידן זיך מיטן ערשטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, מיט וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט א סאַך שווערע ניסיוינעס אין טיפן הינטערלאַנד. די פריידן און ליידן פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט אין די גרויזאַמע מילכאָמע־יאָרן האָבן זיי שטאַרק פאַרבונדן.

פאר זײַנע אויגן האָט דורכגעבליצט דער ערשטער סעקרעטאַר אַזא, ווי ער האָט אים דערזען דאָס ערשטע מאָל. דאָס איז געווען דאַן, ווען ער איז געקומען א ביסל צו־זיך נאָך דער שווערער קראַנקהײַט, וועלכע ער, מעהודין, האָט איבערגעטראָגן אינעם באַלאַגערטן סעוואַסטאָפּאָל, פונוואַנען מע האָט אים עוואַקויִרט אַהער.

ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין ראַיקאָם, איז דער סעקרעטאַר — א בלייכער און אַן אויסגעצערטער פון די שווערע וווּנדן, וועלכע ער האָט באַקומען אויף די שלאַכט־פעלדער אַרום סמאָלענסק, געזעסן אין זײַן נײַ״נקן מיליטערישן קיטעל, פאַרטיפט אין זײַנע פּאַפּירן. דערזען אים לעבן דער טיר פון קאַבינעט, איז ער, עטוואָס אונטערהינקענדיק, אַרויס אים אַנטקעגן און, אָנווײַזנדיק אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן שרײַבטיש, געזאָגט:

— זעצט זיך, כאַווער... איך הער אײַך...

אינקורצן האָט מעהודין דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן ארבעט און צום סאָף געזאָגט:

— אַף וויפל איך שטיי שוין אַף די פיס, וויל איך אָנהייבן ארבעטן.

— ארבעט וועט זיך פאר אײַך געפינען לויט אײַער דערפארונג און מעגלעכקײַטן, נאָר פריִער פאר אַלץ דארפט איר פאריכטן דאָס געזונט, — האָט זיך אָפּגערופן דער סעקרעטאר.

— בייס דער ארבעט וועל איך זיך פאריכטן. ארבעט איז די בעסטע רעפוּע, — האָט ער געענטפערט.

דער זאכלעכער שמועס, וועלכער האָט זיך פארבונדן צווישן זיי בייס דער ערשטער באגעגעניש, האָט ארויסגערופן בא מעהודינען טיפע סימפּאַטיע צום סעקרעטאר. ארויסבאגלייט האָט אים דער סעקרעטאר, ווי א לאנגיאָריקן באקאנטן. די ווײַטערדיקע באגעגענישן און די ארבעט אופֿצוהייבן די היפש צעוואלגערטע מטס, אין וועלכער ער איז באשטימט געוואָרן אלס א דירעקטאָר, האָבן זיי נאָך מער באהעפט און פארבונדן. איצט איז אים פּאָרגעשטאַנען געזעגענען זיך מיט אים, און ווער ווייסט, צי וועלן זיי זיך נאָך וועןִ-עס־איז באגעגענען?

ווען מעהודין איז שוין געווען גרייט לאָזן זיך אין וועג, איז געקומען צו פאָרן דער סעקרעטאר אַף זײַן „ווילליס". ער האָט ארומגענומען מעהודינען, צוגעדריקט צו זײַן ברוסט און, ארײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, געזאָגט:

— נו, געזעגענען מיר זיך, אבראמיטש. דו ווייסט אליין, ווי שטארק מיר דארפן דיך דאָ האָבן און ווי שווער ס'וועט אונדז זײַן אָן דיר, באַזונדערס ערעוו דעם פארזיי. נאָר דער צק פון אונדזער פארטיי ווייסט בעסער, ווער ווו ס'איז נייטיקער. דארפן מיר זיך, הייסט עס, צעשיידן...

מעהודין האָט געזעגנט זיך מיטן סעקרעטאר, מיט אלע איבעריקע, וועלכע זײַנען געקומען ארויסבאגלייטן אים, און ער האָט זיך אײַליק געלאָזט אין וועג.

שוין אין דער מאשין, אפן וועג אין דער געגנטלעכער שטאָט, האָט ער איבערגעלייענט אין צײַטונג די לעצטע סוואָדקע פון סאָווינפּאָרמביוראָ, אַז אונדזער מיליטער פירט שלאכטן ארום דעם טײַך מאָלאָטשנאיא. פון דאָרט איז דאָך מיט דער האנט צו דערלאנגען ביז זײַן היים, — האָט ער געטראכט. — און טאקע צוליב דעם רופט מען אים, מעגלעך, אין מאָסקווע, קעדיי אוועקשיקן אהין.

דורך וועלכע פײַערן, דורך וועלכע וואסערן ער זאָל ניט דארפן דורכגיין, איז ער גרייט זיך לאָזן אהין.

באקומען אין געגנטלעכן פארטיי־קאָמיטעט א צײַגעניש, אז ער ווערט אָפּגערופן אין רעשוס פון צק, איז מעהודין דעם זעלבן טאָג אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

די מילכאָמע איז נאָך געווען אין פולן ברען, נאָר אַף די גאסן פון דער הויפּטשטאָט האָט געווימלט מיט מענטשן. די מעטראָ האָט מעהודינען געבראכט צום אלטן פּלאץ, פונוואנען ער האָט זיך לײַכט דערקליבן צו דער געבײַדע פון צק. דאָרטן האָט ער זיך דערוווסט, אז מאָרגן צען אזייגער אינדערפרי דארף ער קומען אַף אן אינסטרוקטיווער בעראטונג.

„הייסט עס, אז מ׳האָט ארויסגערופן אויסצופילן עפּעס אַן אופגאבע״, — האָט מעהודין פארשטאנען.

אפן וועג צום האָטעל האָט אים אָנגעיאָגט א מאנצבל אין אַן אָפּיצער־רישן שינעל, אָן פּאָגאָנעס.

— כאוועך מעהודין, דאכט זיך? איר דערקענט מיך?

— עפּעס זײַט איר מיר קענטלעך...

— מיר האָבן זיך ניט איין מאָל באגעגנט אין סימפּעראָפּאָל אין געגנט־קאָם, מײַן פאמיליע איז קאראסיק, איך בין דער געוועזענער פארטרעטער פון פּאָרזיצער פון פרײַדאָרפער ראַיאָיספּירקאָם.

— יאָ, יאָ, — האָט מעהודין דערפרייט זיך, — איך האָב זיך שוין דער־מאָנט.

קאראסיק האָט אָנגעהויבן אויספרעגן:

— פונוואנען קומט איר? עפשער האָט איר וועלכע־ניט־איז ידיעס פון אונדזערע היימישע ערטער?.. וואָס הערט זיך דאָרטן?

— איך ווייס גאָרניט... עפשער ווייסט איר עפּעס? עפשער האָט איר עמעצן באגעגנט? מע האָט אײַך דעמאָביליזירט? — האָט מעהודין געענט־פערט אף די פראגעס מיט אייגענע פראגעס.

— מע האָט מיך אָפּגערופן אין רעשוס פון צק, — האָט געזאָגט קא־ראסיק.

— מיך אויך. איר האָט דאָ געטראָפן אונדזעריקע?

— א סאך געוועזענע טוער פון קרים זײַנען דאָ, מיר וווינען אין איין האָטעל... זיי וועלן אלע מאָרגן זײַן אף דער בעראטונג.

— ווער איז דאָ? די פאמיליעס געדענקט איר ניט? פון וועלכע ראַיאָנען?

— קימאט פון גאנץ קרים. ניט אלעמענס פאמיליעס געדענק איך. איר וועט זיי, מיסטאמע, באלד באגעגענען. איר גייט אויך אין אונדזער האָטעל?

— מיסטאמע, — מעהודין האָט ארויסגענומען א פּאפּירל פון קעשענע. — איר האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין „מעטראָפּאָל״?

— יאָ.

— בא מיר איז אויך „מעטראָפּאָל״.

דערוווסט זיך, אז מעהודין איז געקומען, האָבן א ריי געוועזענע טוער פון קרים — ערשט פון פראָנט אָנגעקומענע שלאכטלײַט — געוואָלט זיך זען מיט אים, אָפּנעמען גרוסן פון נאָענטע און באקאנטע.

מעהודין איז קימאט מיט יעדערן פון זיי פּערזענלעך געווען באקאנט, א סאך מאָל באגעגנט זיך, נאָר ניט אלעמען איז איצט געווען לײַכט צו דערקענען. נײַע אײַנגעקארבטע קנייטשן אפן פּאָנעם, גראָוע האָר און אנדערע סימאָנים פון די שווער איבערגעלעבטע יאָרן האָבן בא א טייל פון זיי געענדערט דעם אָנבליק. און ווײַל ניט ער און ניט קיינער פון זיי האָבן ניט געקאָנט באשטימען, וואָס איז דאָס סאמע וויכטיקסטע, פון וואָס אָנהייבן ריידן און דערציילן, האָט ער געקוקט אף זיי, זיי אף אים און האָבן געשוויגן.

— קומט ארײַן צו מיר אין צימער, וועלן מיר זיך דורכריידן, — האָט מעהודין, נעמענדיק די שליסלען בא דער דעזשורנער, אײַנגעלאדן די לאנדסלײַט.

אין נומער איז געווען ענגלעך פאר אזא אוילעם, נאָר אלע האָבן זיך אויסגעזעצט. דער ראַדיאָ־אופּנעמער, וועלכער איז געשטאַנען אפן טיש אן איינגעשלאָסענער, האָט איבערגעגעבן:

„אונדזער מיליטער פירט פארביטערטע שלאכטן אין ראַיאָן פון פּע־רעקאָפּ און סיוואַש".

— מירן פאָרן, הייסט עס, אינגיכן אהיים, — האָט געזאָגט מעהודין. — צוליב דעם האָט מען אונדז, ווייזט אויס, ארויסגערופן. סיוואַש און פּערע־קאָפּ — דאָס זיינען דאָך די טויערן פון קרים.

— יאָ, יאָ, מיר פאָרן אהיים... נאָר וואָס און וועמען וועלן מיר דאָרטן טרעפן?.. — האָבן זיך דערהערט שטימען.

קאַראַסיק האָט אָנגעהויבן דערציילן א געשיכטע, וועלכע ער האָט גע־הערט פון איינעם א סאָלדאַט. געוואָלט האָט קאַראַסיק דערציילן זי מע־הודינען, טייקעף ווי ער האָט אים באַגעגנט, נאָר זיי זיינען צוגעגאַנגען צום האָטעל און ס'איז שוין ניט געווען קיין צייט אף דעם. איצט האָט ער שטיל, מיט א טרויעריק קאָל דערציילט שוין פאר אלעמען:

— איינמאָל, ווען צו אונדז אין טייל זיינען אָנגעקומען נאָוואָבראַנצעס, האָב איך ווי א פּאָליט־טוער געשמועסט מיט זיי. איינעם, שטאַרק אן אויסגעמאַטערטן, אויסגעדייווערטן, האָב איך געפרעגט, פאַרוואָס איז ער אזוי אויסגעצערט, פונוואַנען איז ער געקומען, האָט ער געענטפערט:

— פון דער גרוב.

— פון א וועלכער גרוב? — האָב איך געפרעגט.

— פון דער גרוב, וואָס מ'האָט אונדז געצוווּנגען אליין אויסגראָבן, קעדיי אונדז לעבעדיקערהייט אין איר באַגראָבן, — האָט ער געענטפערט. — געראַטעוועט האָב איך זיך דורך א נעס, באַוואַכט האָט אונדז אן אייגענער מערדער פון דער קורמאַנער מטס, אין וועלכער מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט...

— אין קורמאַן? — האָט מעהודין א דערשיטערטער איבערגעפרעגט. — ווי הייסט דער מענטש, וועלכער האָט עס אייך דערציילט און ווי איז די פאַמיליע פון דעם מערדער?

— ווי מ'רופט דעם מענטשן, געדענק איך ניט, נאָר דער מערדער הייסט, דאַכט זיך, פּאַול, די פאַמיליע געדענק איך ניט.

— פּאַול ביוטנער! — האָט זיך ארויסגעריסן בא מעהודינען אן אויסגע־שריי. — די שלאַנג האָט זיך געהאָדעוועט בא אונדז, אונטער איין דאַך מיט אונדז געאַרבעט, געזעסן בא איין טיש מיט אונדז.

— פּאַול ביוטנער האָט ארויסגעגעבן די עסעס־לייט אלע יידישע קאָל־ווירטניקעס פון דער אומגעגנט און אלע קאָמוניסטן, — האָט פאָרגעזעצט קאַראַסיק.

— ס'טרעפט דאָך, — האָט מעהודין גערעדט ווי צו זיך אליין. — מע אַקערט איבער א שטיק ערד איין מאָל, א צווייט מאָל, מ'בראָנעוועט עס דורך, מע פאַרזייט עס, מ'יעט אויס די גראָזן, וועלכע האָבן זיך נאָך פאַר־היט אין באָדן, און סיידווי וואַקסן אויס בודזיקעס און אנדערע ווילדגראָזן, וועלכע מע דאַרף ארויסרייסן מיט די וואָרצלען.

די ראַדיאָ האָט איבערגעכאַזערט די „סוואָדקע" פון סאָווינפאָרמביוראָ.

— מיר וועלן אינגיכן זײַן דאָרטן, — האָט געמאָלדן מעהודין. — מיר וועלן זײַן אויף אונדזער ערד — א צערויִנירטער, א פאַרברענטער, א באַגאָסענער מיט בלוט, נאָר זי איז אונדז ליב און טײַער, ווי אַן אייגענע מאַמע, און מיר, ווי געטרײַע זין, וועלן אָפּגעבן איר אַלע אונדזערע קויכעס צוריק אופצולעבן זי.

## 2

צו דער אָנגעמערקטער צײַט האָבן אַלע ארויסגערופענע אויף דער באַראַטונג זיך צונויפגעזאַמלט. דער טוער פון צק — א מיטלוועקסיקער דאַרלעכער מאַנצבל, אין א האַלב־מיליטערישן אָנצוג — איז מיט א פּאַפּקע אונטער דער האַנט צוגעגאַנגען צום טיש, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער פאָדערשטער וואַנט, און האָט אָנגעהויבן, ווי ער וואָלט פירן א שמועס:

— הײַנט־מאָרגן וועלן אונדזערע ארופטרעטן אויף דער קרימער ערד... אײַך וועט אויסקומען צוזאַמען מיט די פאָדערשטע טיילן אַרײַנגיין אין די באַפרײַטע שטעט און דערפער, העלפן אײַנשטעלן דאָרט אַן אָרדענונג, אומקערן די ארויסגעריסענע פונעם פאַשיסטישן געגנעם סאָוועטישע מענטשן צו א רויִק נאָרמאַל לעבן, זיי זאָלן קאָנען ארבעטן און וואָס גיכער פאַרהיילן די מילכאָמע־וווּנדן. איר וועט העלפן אופשטעלן די רויִנירטע פאַבריקן, זאַוואָדן און קאָלווירטן...

דערנאָך האָט דער טוער פון צק געשמועסט פּערזענלעך מיט יעדן אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג באַזונדער. דעם זעלבן טאָג זײַנען זיי מיט די געהעריקע דאָקומענטן אויף די הענט זיך צעפאָרן אין די שטאַבן פון די מיליטער־טיילן.

...פונוויַטן נאָך, באַם סיוואַשער דורכגוס, האָט מעהודין דערפילט דעם פּײַטלעכן טערפּקן רייעך פון איבערגעפרײַעטן קוריי און איבערגעצײַטיקטן ביטערלעכן פאַלין, וועלכער האָט זיך געטראָגן פון דער פאַרווילדעוועטער פאַר די מילכאָמע־יאָרן ערד. ער האָט ליב געהאַט דעם דאָזיקן רייעך פון די סאַמע פריסטע יונגע יאָרן. ווי נאָר ס׳האָט צוגעטריקנט אין סטעפּ, פלעגט ער ארויסגיין אַקערן. דער רייעך פון דער אופגעוואַכטער פרילינגדיקער ערד האָט געקיצלט אין די נאָזלעכער און פאַרשיקערט אים.

א דונערײַ פון האַרמאַטן, א שטעפּערײַ פון קוילנוואַרפער האָט ניט אופגעהערט. פונעם רויך, וועלכער האָט אַלץ ארום אײַנגעהילט, האָט מען ניט געזען ניט דעם בלויען הימל, ניט די זון. נאָר דער פרילינג איז פונדעסטוועגן געגאַנגען אַנטקעגן דעם רויך און דעם פײַער און גאָרניט האָט אים ניט געקאָנט אָפּשטעלן. די שלאַכט באַם סיוואַש האָט ניט אופגעהערט א טאָג מיט א נאַכט. אויף מאָרגן איז זי עטוואָס אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויף א קורצער צײַט און דערנאָך ווידער זיך צעפלאַקערט מיט א נײַער קראַפט. ס׳האָבן ווידער א דונער געגעבן די האַרמאַטן, ס׳האָבן א קלאַפּ געגעבן די מינענוואַרפער, ס׳האָבן געהאַגלט און געשטעפּט די קוילנוואַרפער, מיט פײַער און מיט רויך האָט זיך אויסגעמישט די ערד. דער סוינע האָט

ניט אויסגעהאלטן דעם צעשמעטערנדיקן קלאַפּ און האָט אָנגעהויבן אָפּ־טרעטן. צוזאמען מיט די אָנגרײַפנדיקע טיילן איז מעהודין דורכגעגאנגען דעם סיוואַשער דורכגוס און איז ארופגעטראָטן אַף די קרימער סטעפּעס. דורך די וואָלקנס רויך האָט מען דעם סטעפּ לעכאַטכילע ניט געזען. ערשט שפּעטער, ווען דער רויך איז זיך צעשווומען, האָט די ערד זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן. זי איז געלעגן, די ערד, א צעלעכערטע, א צעשניטענע, א באַדעקטע מיטן שפּינוועבס פון דראָט־פאַרצוימונגען.

„קוואָרים און גריבער, גריבער און קוואָרים, — האָט ער געטראַכט. — אפילע די גרעזעלעך, וועלכע האָבן שוין געדאַרפט אָנהייבן שפּראָצן, האָט מען אויך פאַרהלושעט".

ווינטן, אָנגעהויכטע מיט דערקוויקנדיקער ווארעמקייט, האָבן, לויפנדיק אַנטקעגן, ארומגענומען מעהודינען און אזוי ווי געשעפּטשעט צו אים: „די מאַמעניו־ערד וואַרט אַף דיר, געטרײַער ערד־ארבעטער, העכער דרײַ יאָר האָט זי ארויסגעקוקט אַף דיר און זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, פאַר־שלאָסן האָט זי פאַרן סוינע אירע פרוכטבארע גרונטן, קעדיי אים ניט אָפּצוגעבן די גאָב, וועלכע זי האָט באַהאַלטן פאַר דיר. איז אײַל זיך גיכער, דער פרילינג איז שוין געקומען און וואַרט, מ'זאָל זי פאַרזייען... זע, פאַרשפּעטיק ניט, ערד־ארבעטער, אַניט וועט די ערד ווידער בלײַבן א פאַרלאָזטע, פאַרווילדעוועטע און פרוכטלאָזע".

דאָ און דאָרטן האָבן געברענט די הײַזער, וועלכע דער סוינע האָט אָנגעצונדן פאַרן אָפּטרעטן. א רויטער אָפּשײַן פון די סרייפעס האָט זיך אויסגעצויגן אַפן אָוונטיק־טונקעלן הימל. מעהודין מיט נאָך א פּאָר שלאַכט־לײַט, וועלכע האָבן לינקס פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע זיך ארײַנגעריסן אין יישעוו, האָבן זיך א לאָז געטאָן צו א ברענענדיקער שטוב לעשן זי. נאָר א פײַנטלעכער אעראָפּלאַן, וועלכער איז אָנגעפלויגן, האָט אָנגעהויבן האָגלען מיט פײַער, און זיי האָבן זיך געמוזט אנידערלייגן אַף דער ערד.

איבערלויפנדיק פון איין אָרט אַפן צווייטן און ערטערווײַז פויזענדיק, האָט מעהודין זיך דערקליבן צו דער מטס. די געבײַדע פון די רעמאָנט־ווארשטאטן האָט געברענט, די קנוילן רויך, וועלכע האָבן געשפּארט פון אַלע זײַטן, האָבן ניט געלאָזט צוגיין נעענטער. ער האָט קוים זיך דער־קליבן צו דער געבײַדע פון דער קאָנטאָר. די פענצטער און טירן זײַנען געווען ארויסגעריסן, דער דאַך — האַלב אײַנגעפאַלן. וואָס שיטערער ס'איז געוואָרן דער רויך, אַלץ דײַטלעכער האָבן זיך פאַר מעהודינס אויגן אַנט־פּלעקט די כורוועס. ער איז ארויס אין געסל, וואָס האָט געפירט צו דער כאָרעוועור אײַזנבאַן־סטאַנציע, און פון דאָרטן פאַרקערעוועט אַף דער אמאָ־ליקער שטענדיק באַלעבעטער הויפּט־גאַס.

פון מידקײַט האָט ער די פיס ניט געפילט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט וווּ זיך צוצוטוליען און עפּשער כאַפּן א דרעמל. צוגעשפּאַרט זיך אין א ווינקעלע, האָט ער זיך אָפּגערוט א ביסל און זיך געלאָזט גיין צו זיך אַהיים. נאָך פונוויטן האָט ער דערזען, אז א האַלבער דאַך איז אַראָפּ־געטראָגן, די דרויסנדיקע טיר האָט זיך געבאָמבלט אַף א זאַווע און איז געווען צעפּראַלט. מעהודין איז ארײַנגעגאנגען אין שטוב, אָנגעצונדן א שוועבעלע. די ווענט — שטומע איידעס פונעם גרויל, וואָס איז דאָ פּאַר־

געקומען, האָבן געקוקט אַף אים טרויעריק. אין דער ליכט פונעם שוועבע־לע האָט ער דערזען דאָס קליינע קינדער־צימערל פון זײַן זונעלע. דאָס איינציקע פענצטערל אין אים האָט זיך פאַרהיט, אפילע דאָס פאָרהענגל, וואָס ליזע האָט אופגעהאנגען, איז געווען ניט געריר. לעבן בעטעלע, אפן דיל איז געווען אויסגעשפּרייט א ביסל היי. קענטיק, אז עמעצער האָט דאָ גענעכטיקט.

מעהודין האָט אוועקגעלייגט דעם רוקזאַק צוקאָפּנס און איז גיך אײַנ־געשלאָפן. ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַרן אַף טאָג, האָט ער זיך אופגע־כאַפּט. די אָנגעצויגענע שטילקײַט האָט פלוצעם דורכגעשניטן א הילכיקע פײַפערײַ.

„וואָס איז דאָס? — האָט ער זיך אײַנגעהערט. — צי דען פײַפט עס א לאָקאָמאָטיוו? ווי קען עס זײַן? די סטאַנציע האָט דאָך נעכטן געברענט...״

ער איז ארויס אין דרויסן און דײַטלעך דערהערט א מונטערן אָנזאָג פונעם ערשטן צוג, וואָס קומט אָן אַף דער נאַרוואָס באַפרײַ־טער ערד.

מעהודין איז אוועק צו דער סטאַנציע. פונעם דאַך פון איינעם א וואַ־גאָן איז אַראָפּגעשפּרונגען א מענטש מיט א רוקזאַק אַף די פּלייצעס. ער איז א ווײַלע געשטאַנען, ארומגעקוקט זיך. דערזען מעהודינען, איז ער צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן שרײַען:

— כאַווער מעהודין! ווי קומט איר אהער?

מעהודין האָט ניט גלײַך דערקענט דעם אויסגעדאַרטן, אײַנגעהויקערטן מענטשן, וועלכער איז געווען באַוואַקסן מיט א טונקל־גרויער באָרד. נאָר די בלוילעכע אויגן האָבן אויסגעזאָגט, אז דאָס איז דער מעכאַניקער פון מטס — יערעמטשוק.

— מאַטוויי קאַרפּאָוויטש! ווי קומסטו אהער?..

דער אָנגעקומענער עשעלאָן איז אוועק ווײַטער, און מעהודין מיט יערעמטשוקן זײַנען געבליבן שטיין אַף דער פּלאַטפאָרמע צערודערטע פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש.

— איך האָב דאָ פּאַרטיזאַנעוועט, — האָט דערציילט יערעמטשוק, — נאָר אַף דער שוועל פון מײַן שטוב האָב איך זיך דאָך ניט געקאָנט באַ־ווײַזן. ביוטנער וואָלט גלײַך אָנגעשמעקט...

— איר האָט אים דאָ ניט געקאָנט צורעכט מאַכן?.. — האָט מעהודין געפרעגט.

— ניט איין מאָל איז ער שיר ניט אַרײַנגעפאַלן אין אונדזערע הענט, נאָר יעדן מאָל האָט זיך אים אײַנגעגעבן ארויסדרייען.

— די שטוב איז גאַנץ געבליבן?

— ביז ניט לאַנג איז זי געווען גאַנץ.

— איז גייט אפגיך אהיים, עפשער האָט אײַך אָפּגעגליקט און איר וועט האָבן א דאַך איבערן קאָפּ, — האָט אים מעהודין אונטערגעטײַלט. — און איך וועל זיך דורכגיין אין ראַיויספּירקאָם, די געבײַדע איז גאַנץ געבליבן. כ׳וועל עפענען די טירן און וועל וואַרטן אַף מענטשן... מ׳האָט מיך דאָך געשיקט ווי א באַפּולמעכטיקטן צו העלפן אָרגאַניזירן דאָ דאָס לעבן.

— גוט, כאוועד מעהודין, כ׳וועל אַף אַ ווײַלע צוגיין צו זיך, אַ קוק טאָן, וואָס דאַרטן טוט זיך, און כ׳וועל קומען צו אײַך. אויב כ׳וועל עמעצן באַגעגענען, וועל איך זאָגן, אַז איר זײַט אין ראַיויספּירקאָם.

## 3

מעהודין האָט פון דער סטאַנציע פאַרקערעוועט אַף דער הויפּט־גאַס פון קורמאַן, ווו ס׳האָט זיך געפונען די געבײַדע פון ראַיויספּירקאָם. לעבן דער געבײַדע האָט ער דערזען אַלטע לײַט מיט פּעק, פרויען און קינדער מיט קאָלדרעס אַף די קעפּ. ס׳איז קאַנטיק געווען, אַז די מענטשן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען ווי פון אַ סרייפע — ווער אין וואָס. איינע אַ פרוי איז צוגעגאַנגען צו אים און אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט, דאַכט זיך, כאַוועד מעהודין? איר דערקענט מיך, מיסטאַמע, ניט? איך בין פּראַסיע פידמאַהילנע, די אופראַמערן פון מטס. מײַן מיטקען האָט איר דאַרטן ערגעץ ניט באַגעגנט? איר געדענקט אים?.. ער איז געווען אַ טראַקטאָריסט. זינט ער איז אוועק אַף דער מילכאָמע, איז ער ווי אין וואַסער אַרײַנגעפאַלן.

אַ צווייטע פרוי אין אַ צעריסענעם געקעסטלטן שאַלכל אַפן קאָפּ האָט איר איבערגעשלאָגן.

— עפּשער האָט איר מײַן סעמיאָנען, סעמיאָן ווערעטושקינען, ערגעץ געטראָפן?

— און מײַנעם — פיליפּ גאָראָסטײַעוון? איר קענט אים גוט... — האָט זיך נאָכגעפרעגט אַ דריטע פרוי.

מענטשן, ערשט אַרויסגעגאַנגענע פון באַהעלטעניש, זײַנען צוגעקומען און צוגעקומען. פונעם צונויפגעזאַמלטן אוילעם איז אַרויס אַן אַלטיטשקער אין אַ צעפליקטן וואַטניק און אין אַן אַלטפרענקיש היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מעהודינען:

— אילוישע טײַערער! צי דען ביסטו עס?.. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב דו לעבסט, דאַרפסטו זיך באַווײַזן, נאָר איצט טרעפן דיך דאָ האָב איך ניט דערוואַרט.

— איוואַן ניקיטיטש!.. — האָט מעהודין צוגעדריקט דעם אַלטן צום האַרצן. — כ׳האָב דאָך פאַרן אוועקגיין אַפילע ניט באַוויזן זיך זען מיט אײַך. וואָס מאַכט איר?.. וויאַזוי האָט איר איבערגעלעבט די ביטערע צײַט?

— וויאַזוי?.. מ׳קאָן דען מיט ווערטער עס דערציילן?.. מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט בין איך אוודע ניט געזעסן.

איוואַן ניקיטיטש האָט שעלמיש אַ פינטל געטאָן מיטן אויג און געגעבן מעהודינען צו פאַרשטיין, אַז אַזאַ מענטש, ווי ער, וועלכער ווייסט אַלע וועגן און שטעגן פון די טאַווריער סטעפּעס, האָט געטאָן, וואָס מע האָט געדאַרפט.

— אוודע זײַט איר מיט קיין צונויפגעלייגטע הענט ניט געזעסן... נו, און אײַער אַלטיטשקע?

ניקיטיטש האָט טיף אַ זיפֿץ געטאָן, אַ דריי געגעבן מיט די פֿינגער ארום האלדז, געוויזן אַ שלייף.

מעהודין האָט מיט גרויס מיטגעפֿיל געקוקט אויף איוואַן ניקיטיטשן.

— אין די אַרומיקע דערפֿער און יישובֿים איז אײַך די לעצטע צײַט ניט אויסגעקומען צו זײַן? — האָט ער נאָך אַ לענגערן שווײַגן געפֿרעגט בײַ אים.

— אַוודאי, כ'האָב געהאַלטן אין איין אַרומגיין. יעדעס האָבן אונדזערע כעוורע געדאַרפֿט האָבן...

מענטשן זײַנען אַלץ מער צוגעקומען. צווישן זיי — די גרעסטע מערהייט אומבאַקאַנטע פּנעמער. יונגע מאַנצבלעך, באַוואַקסענע מיט בערד, אין צעריסענע בגדים, ווער אין פּאַסטעלעס און ווער אין אויסגעקרימטע שטיוול. אָט די אַלע היימלאָזע מענטשן, וועלכע זײַנען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, דאַרף מען אײַנאָרדענען, באַזאָרגן מיט שפּײַז.

מעהודין האָט זיך אופֿגעהויבן אויף די טרעפּ, אויף אַ וואַנט איז געווען מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן: „קיין מינעס זײַנען ניט פֿאַראַן".

אינווייניק אין דער געבײַדע האָט געטראָגן מיט פֿײַכטקײַט, מיט שימל און מיט פּוסטקײַט.

— דער אויספּירקאָם איז אָפֿן! מיר הייבן אָן אַרבעטן, כאַווײרים, קומט אַרײַן! — האָט מעהודין געמאָלדן.

מעהודין האָט זיך געלאָזט גיין איבערן קויטיקן קאָרידאָר. הינטער אים זײַנען פּוסטריט נאָכגעגאַנגען איוואַן ניקיטיטש און עטלעכע מענער און פֿרויען. אינעם קאַבינעט פֿונעם פּאָרזיצער איז געשטאַנען דער לאַנגער שרײַבטיש, וועלכן מעהודין האָט פֿאַרגעדענקט נאָך פֿון פֿאַר דער מילכאָמע, און עטלעכע בענקלעך.

— הײַנט איז בײַ אונדז דער ערשטער פֿרידלעכער טאָג, — האָט מעהודין מיט אַ פֿײַערלעך קאָל געזאָגט. — איז פֿון וואָס ווען מיר אָנהייבן? פֿריִער פֿאַר אַלץ, מיין איך, דאַרף מען כאָטש ווי־ניט־איז אײַנאָרדענען די מענטשן. מיר ווייסן אפֿילו ניט, וויפֿל הײַזער זײַנען געבליבן גאַנץ און וויפֿל מענטשן ס'האָבן ניט ווו דעם קאָפּ צוצולייגן... ווער פֿון אײַך וועט זיך דורכגיין און אויסקלאָרן, וויפֿל מענטשן דאַרף מען באַזאָרגן מיט וווינונגען?

— איך וועל גיין, — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ הויכער ברייטפּלייציקער מאַנצבל מיט אַ טונקל־געלער באָרד.

— איך זע, אַז איר זײַט ניט קיין היגער, — האָט מעהודין געווענדט זיך צו אים. — איז דערציילט אונדז וועגן זיך און וועגן די איבעריקע כאַווײרים, וועלכע איר קענט.

— דאָס זײַנען אונדזערע שלאַכטלײַט, זיי זײַנען געווען פּאַרוונדעט, האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן, דערנאָך האָבן זיי פּאַרטיזאַנעוועט צוזאַמען מיט אונדז, — האָט דערקלערט איוואַן ניקיטיטש.

— זייער גוט. אויב אַזוי, איז נעמט זיך, איוואַן ניקיטיטש, פֿאַר דער אַרבעט צוזאַמען מיט זיי. מיר מוזן אָניאָגן די דורכגעלאָזטע טײַערע פֿרילינגדיקע טעג און וואָס גיכער אַרויס אין פֿעלד.

— נאָר מיט וואָס אקערן און מיט וואָס זייען? — האָט זיך דערהערט א שטים.

— יאָ, מיר האָבן ניט מיט וואָס צו אקערן און מיט וואָס צו זייען. הילף וועלן מיר אינגיכן באקומען, אָבער ווארטן טאָרן מיר ניט קיין איין רעגע. איר ווייסט דאָך, אז פרילינג האָדעוועט א טאָג א יאָר... איז גייט זיך דורך איבער אלע דערפער, איבער אלע יישובֿים, איבער אלע הײַזער און זעט, אז אלע זאָלן ארויס אין פעלד... זאָלן אלע, בא וועמען ס'האָט זיך וואָס פארהיט — א בעהיימע, א טעלעצע, אן אקער, א באָראָנע, א לאָפּעטע — אלץ פארכאַפּן און וואָס גיכער אָנהייבן ארבעטן.

— איר ווייסט, מיסטאמע, אז אין אונדזערע באדינגונגען קאָן מען זייען טוועס נאָר עטלעכע טעג, נאָכדעם וועט זײַן שפעט, — האָט צוגעגעבן איוואַן ניקיטיטש. — יעדע שאָ, וואָס מיר וועלן פארזאמען, וועלן מיר פארלירן הונדערטער פּודן ברויט.

איוואַן ניקיטיטש האָט נאָך ניט באוויזן ענדיקן ריידן, ווי א צעראַשטער איז ארײַנגעלאָפן יערעמטשוק. קוים איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער אויסגעפּאַליעט:

— כ'האָב געפונען!..

— וואָס?.. וואָס? — האָט מעהודין געפרעגט.

— א טראַקטאָר! כ'האָב געפונען א טראַקטאָר לעבן מטס.

— פונוואַנען קומט ער אהין? — האָט געפרעגט איוואַן ניקיטיטש. — אונדזערע מענטשן זײַנען דאָרט ניט איין מאָל פארבײַגעגאנגען און קיין שום טראַקטאָר דאָרט ניט געזען... סײַדן די דײַטשן האָבן נעכטן פארן אָפּטרעטן אין בעהאָלע אים געוואָרפן.

— מע דארף טייקעף צוגיין א קוק טאָן, וואָס איז דאָס פאר א טראַקטאָר. אויב ער איז נאָר גאנץ, וואָלט עס געווען פאר אונדז א גרויס גליק... און טאָמער וועט אויסקומען אים צו פאריכטן, האָט איר אינסטרומענטן?

— כ'האָב... כ'האָב באהאלטן, — האָט געענטפערט יערעמטשוק.

— איז קום... גיכער קום!

## 4

גייענדיק פארבײַ דעם כאָרעוון הויף פון מטס, האָט מעהודין פארקערעוועט אף א ווײַלע אהין א קוק טאָן, עפשער וועט ער טרעפן דאָרטן עמעצן. ס'האָט זיך אים שטארק געוואָלט אלעמען אָנזאָגן די בסורע, אז דער ווייץ, וואָס מע האָט באהאלטן פארן אָפּטרעטן פון קורמאַן, איז גאנץ, האָט זיך פארהיט און אז מ'וועט אים, מעגלעך, אפילע קאָנען אויסנוצן אף זריִע. פארייִנס האָט זיך אים געוואָלט דערוויסן, וואָס איז מיטן טראַקטאָר, צי האָט ער געפונען ברענשטאָף, צי האָט יערעמטשוק אים אויסגעפּרוווט, צי האָט ער שוין אָפּגעזוכט דעם באהאלטענעם אינסטרומענט, און אויב דער טראַקטאָר איז צעשעדיקט, צי קאָן מען אים גיך פאריכטן.

— מאַטוויי קאַרפּאָוויטש, ס'וועט זײַן א טאָלק פון אים? — האָט, אָנווײַזנדיק אפן טראַקטאָר, מעהודין געפרעגט.

— כ'ווייס נאָך אַליין ניט. שווער צו זאָגן, נאָר ער איז, דאַכט זיך, ניט שטאַרק צעשעדיקט.

— און ברענשטאָף האָסטו געפונען?

— ברענשטאָף איז אויך דאָ. כ'האָב אַלץ געפונען.

יערעמטשוק האָט אויסגעטאַפּט אַלע אײַוורים פֿונעם טראַקטאָר, ווי א דאָקטער א כוילע. נאָכשפּירנדיק נאָך יעדער זײַנער באַוועגונג, האָט מעהו־דין געהאַלטן אין איין פֿרעגן:

— נו, ווי?

יערעמטשוק האָט זיך א היפּשע ווײַלע געייסעקט אַרום מאָטאָר, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— דאַכט זיך, אַז ס'איז אין אָרדענונג. איך האָב שוין פרי:ער געפּרוּווט אײַנשליסן דעם מאָטאָר. איצט גיט אַליין א פּרוּוו.

מעהודין האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר, א דריי געגעבן דאָס רעדל, און דער טראַקטאָר האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס.

— ער שלעפּט! ער שלעפּט! — האָט יערעמטשוק, שײַנענדיק פון פרייד, אויסגעשרי:ען.

מעהודין האָט אַרומגעקרײַזט א פּאָר מאָל איבערן פעלד און געזאָגט:

— האָבן מיר, הייסט עס, א טראַקטאָר. דאָס איז איצט א גרויסער אוי־צער. און נאָך אַן אויצער האָבן מיר — דעם ווייץ, וואָס מיר האָבן באַ־האַלטן.

— ס'איז גאַנץ! ס'איז גאַנץ! — האָט זיך יערעמטשוק געפרייט. — א טראַקטאָר און זרי:ע האָבן מיר, קאָן מען שוין אָנהייבן אַקערן און זייען. נאָר ווו נעמט מען א טראַקטאָריסט?

— כ'האָב שוין באַוויזן זײַן אין בליזשניאיא, דאָרט הייבן זיך אָן אויך באַווײַזן מענטשן, נאָר קיין טראַקטאָריסטן זײַנען דאָרטן ניטאָ. איך מיין, אַז אין די איבעריקע דערפער און יישווים איז, מיסטאָמע, אויך שווער צו געפינען. מע דאַרף א זוך טאָן צווישן די געוועזענע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען דאָ געבליבן.

מעהודין האָט אָפּגעפירט דעם טראַקטאָר אפן הויף פון מטס און איז אוועק אין יישעוו. לעבן אויספירקאָם האָט ער באַגעגנט דעם געוועזענעם שלאַכטמאַן מיט דער געל־טונקעלער באָרד. די יעדי:עס, וועלכע יענער האָט אים איבערגעגעבן, האָבן אים שטאַרק דערפרייט.

— הייסט עס, אַז איר האָט שוין אָפּגעזוכט עטלעכע אַקערס, באָראָנעס, לאָפּעטעס. און אַז איוואַן ניקיטיטש מיט די כעווּרע וועלן אויך עפּעס גע־פינען, וועלן מיר שוין קאָנען אָנהייבן אַקערן און זייען.

מעהודין האָט אופגעהאַנגען אף דער טיר פון אויספירקאָם א מעלדונג: „דער אויספירקאָם איז פאַרמאַכט, אַלע זײַנען אין פעלד. אופנעם אין אָוונט נאָך דער אַרבעט". ער איז טייקעף אוועקגעגאַנגען צוריק אין מטס. דאָרט איז שוין געשטאַנען דער טראַקטאָר, אָן אָנגעפילטער מיט ברענשטאָף און מיט א צוגעטשעפּעטן אַקער.

— אַלץ איז שוין גרייט, — האָט געמאָלדן יערעמטשוק. — א טראַקטאָ־ריסט האָט איר געפונען?

— דערווײַל וועל איך אַליין זיך זעצן אויפֿן טראַקטאָר און אָנהייבן אַקערן, נאָכדעם וועלן מיר זען.

מעהודין האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר, און איידער ער איז אָפּגעפֿאָרן, האָט ער אָנגעזאָגט יערעמטשוקן:

— בלײַב איבער דערווײַל דאָ, ס׳קאָן זײַן, אַז עמעצער וועט ברענגען עפּעס רעמאָנטירן פֿון אינווענטאַר, וועסטו זיי העלפֿן. אויב ס׳וועט קיין אַרבעט ניט זײַן, וועסטו קומען אין פֿעלד. איך וועל אַקערן ערגעץ ניט ווײַט. אויב דו וועסט מיך דאַרפֿן, וועסטו מיך לײַכט געפֿינען.

— גוט, — האָט יערעמטשוק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און, באַגלייטנדיק דעם טראַקטאָר אין סטעפּ אַרײַן, זיך צוגעהערט, צי ס׳קלאַפּט ריטמיש דער מאָטאָר.

אַרויספֿאָרנדיק אין פֿעלד, האָט מעהודין אָנגעהויבן זוכן אַ פּאַסיק אָרט פֿאַרן פֿאַרזיי פֿון ווייץ. פֿון דער ערשטער וואָגע האָט ער דערזען, אַז די ערד איז ניט שטאַרק פֿאַרהאַרטעוועט, ס׳אַקערט זיך לײַכט. נאָר סײַווי מוז מען זי טיפֿער פֿאַרבראָנעווען, און ער האָט אין אײַלעניש ניט פֿאַרכאַפּט קיין באָראָנע.

פֿון דער קעגנאיבערדיקער זײַט איז מיטן וועג אָנגעפֿאָרן אַ שוואַרץ־גלאַנצנדיקע מאַשין. זי האָט זיך דערנענטערט צום אָרט, וווּ מעהודין האָט געאַקערט, זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, ביז דער טראַקטאָר וועט צוגיין צום וועג. נאָכדעם האָט דער מענטש, וועלכער איז געזעסן אין מאַשין, אויפֿגעעפֿנט דאָס טירל און, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ, געפֿרעגט:

— עפּשער ווייסט איר, ווו מע קען געפֿינען דעם פֿאָרזיצער פֿון ראַיויספּירקאָם?

— קיין פֿאָרזיצער איז נאָך ניטאָ, דערווײַל איז בײַ אונדז אַ צײַטווײַליקער...

— איך ווייס, איך ווייס וועגן דעם, — האָט דער מענטש אים איבערגעשלאָגן. — איך דאַרף דעם כאַווער, וועלכער פֿאַרטרעט דעם פֿאָרזיצער פֿון ראַיויספּירקאָם.

— דאָס בין איך...

— איר? — האָט דער מענטש, אַרויסגייענדיק פֿון מאַשין, איבערגעפֿרעגט.

לויט דעם געוויינטלעכן נײַנקן קיטעל פֿון אַן עלטערן אָפּיצער, וועלכער איז געזעסן ווי אויסגעגאָסן אויף זײַן שלאַנקער ברייטפּלייציקער פֿיגור, און דעם דיקן געלן פּאָרטפֿעל, וועלכן יענער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט מעהודין פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געקומען אַ געהויבענער פֿאָרשטייער.

— זײַט איר גאָר אַ טראַקטאָריסט אויך? — האָט דער פֿאָרשטייער מיט פֿאַרוווּנדערונג אַ פֿרעג געגעבן.

— מיר האָבן געפֿונען אַ טראָפֿיינעם טראַקטאָר, נאָר קיין טראַקטאָריסט איז בײַ אונדז ניט פֿאַראַן, האָב איך באַשטימט דערווײַל אַליין אָנהייבן אַקערן. די צײַט וואַרט ניט, קיין טוועס וועט מען בײַ אונדז שוין אין אַ פּאָר טעג ניט קאָנען זייען, דאַרף מען אַרײַנכאַפּן וואָס מע קען.

— אַז פֿון אַ טראַקטאָריסט ווערט אַ פֿאָרזיצער פֿון אַ ראַיויספּירקאָם איז מיר באַוווּסט אַ סך פֿאַלן, אָבער פֿון אַ פֿאָרזיצער פֿון ראַיויספּירקאָם

זאָל ווערן א טראַקטאָריסט... נו, איז ווי אַקערט זיך, כאַווער פּאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם?

— איר זעט דאָך... כ׳האָב ערשט אָנגעהויבן.

— דאָס זע איך... נו, אין ראַיאָן וואָס הערט זיך?

מעהודין האָט ווי אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם געקומענעם מענטשן און געפרעגט:

— אַנטשולדיקט מיר, מיט וועמען רעד איך?

— איך בין דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון פּאַרטיי — באָריס וויקטאָראָוויטש סאָלאָמאַטין. אײַער פאַמיליע איז, דאַכט זיך, מעהודין?

— יאָ.

— דאָס איז גוט, וואָס איר האָט גלײַך אָנגעהויבן אַקערן. אָבער אײַך האָט מען דאָך ניט געשיקט אַלס טראַקטאָריסט. אײַער זאַך איז אָרגאַניזירן און אויפשטעלן דאָס לעבן אין ראַיאָן.

— איז וואָס זשע האָב איך געדאַרפט טאָן? — האָט מעהודין זיך אָפּגערופן. — זיצן און וואַרטן, ביז מ׳וועט געפינען א טראַקטאָריסט? די צײַט וואַרט דאָך ניט, האָב איך אַליין אָנגעהויבן אַקערן... און די מענטשן, וועלכע זײַנען אַרויס פון די באַהעלטענישן, אַקערן שוין אויך — ווער אויף בעהיימעס, ווער ס׳גראָבט מיט לאָפּעטעס, ווער ס׳קאָן און מיט וואָס ס׳מאַכט זיך נאָר — אַרבעט...

— דאָ איז איצט אויך א פראָנט... דאָס האָט איר אָנגעשריבן אויף דער טיר: „דער אויספּירקאָם איז פאַרמאַכט, אַלע זײַנען אין פעלד”? שוין גאָר ווי די קאָמיוגיסטן אין דער צײַט פון בירגערקריג: „דער גובקאָם איז פאַרמאַכט, אַלע זײַנען אַוועק אויפן פראָנט”.

— יאָ, דאָ איז איצט א פראָנט, — האָט מעהודין צוגעשטימט.

— איך פאַרשטיי זייער גוט, ווי שווער אײַך וועט אויסקומען צוריק אויפלעבן די וויסטעניש, נאָר וואָס קאָנט איר אויפטאָן מיט איין טראַקטאָר... מענטשן, האָף איך, וועלן אונטערקומען, נאָך א פּאָר טראַקטאָרס וועלן מיר אײַך צושיקן, מיט זריזע וועלן מיר העלפן, און די אַרבעט, בין איך זיכער, וועט בא אײַך אַוועק. פאַרנאַכט וועל איך אַרײַנפאָרן צו אײַך און מיר וועלן באַהאַנדלען, וואָס ווײַטער צו טאָן...

## 5

ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט, ווען באָריס וויקטאָראָוויטש סאָלאָמאַטין האָט זיך צוריק אומגעקערט צום פעלד, וווּ מעהודין האָט געאַקערט. פאַמעלעך האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן די זון און אָנגעזאָגט, אַז גאָר אינגיכן וועט אָנהייבן טונקלען. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג לעבן דעם נאָרוואָס אויפגעאַקערטן פּאַס ערד. האַסטיק אויספּראַלנדיק דאָס טירל פון דער מאַשין, איז סאָלאָמאַטין אַרויס פון איר און אָנגעהויבן זיך אײַנקוקן אין דער ווײַט, פונוואַנען עס האָט זיך געטראָגן א טויבלעכע טראַכקערײַ פון א טראַקטאָר־מאָטאָר.

— אָט ווו ער אקערט, איר זעט? ער דערנעענטערט זיך אהער, — האָט ער א זאָג געטאָן צו א מענטשן מיט אַן אײַנגעשרומפּענעם פּנים, וואָס איז געזעסן לעבן דעם שאָפער און האָט, ארויסשטעקנדיק דעם קאָפּ, זיך אײַנגעקוקט אין דער זײַט, ווו דער טראקטאָר האָט געאקערט.

— ער איז שוין נאָענט, ער גייט שנעל, — האָט דער מענטש צוגע־שטימט.

ניט דערוואַרטנדיק זיך, ביז דער טראקטאָר וועט צופאָרן צום וועג, האָט סאָלאָמאַטין זיך געלאָזט גיין אים אנטקעגן. ער האָט געפּאַקט מיט דער האנט און עטלעכע מאָל, איבערכאַזערנדיק די ווערטער, אויסגעשריִען:

— כאַווער פּאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם, כ׳האָב אײַך געבראַכט א טראַקטאָריסט... א טראַקטאָריסט האָב איך אײַך געבראַכט!

— א טראַקטאָריסט? פונוואַנען האָט איר אים גענומען? — האָט מעהו־דין, דערנעענטערנדיק זיך, אויך געשריִען.

— גיט אים איבער דעם טראַקטאָר און טרעט צו צו אײַערע איניאַ־נים, — האָט סאָלאָמאַטין געזאָגט, אָנווײַזנדיק אַפן מענטשן, וועלכער איז ערשט ארויס פון דער מאַשין.

דאָס אויסגעדאַרטע און פאַר דער צײַט געעלטערטע פּנים, די שטאַרק אָפּגעטראָגענע, צעריסענע בגדים האָבן אזוי געענדערט דעם אָנבליק פון דעם באַכער, וועלכער איז צוגעגאַנגען צום טראַקטאָר, אז דערקענען אים איז געווען ניט לײַכט. נאָר דאָס פאַרשײַט פײַערל אין די טונקל־גרויע אויגן האָבן מעהודינען דאָך דערמאָנט אָן דעם געוועזענעם בראָון שטיפּעריש־פריילעכן טראַקטאָריסט פון קורמאַנער מטס.

— זע, פּימקע, פּימע, פונוואַנען האָסטו זיך גענומען? — האָט מעהודין באַקוקט אים.

מעהודין האָט אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר, אראָפּגעשפּרונגען פון טראַק־טאָר און, צודריקנדיק צו זיך דעם טראַקטאָריסט, אָנגעהויבן פאַנאַנדער־פרעגן:

— דערצייל, פּימקע, וואָס מאַכסטו? ווי לעבסטו? ווען פון אונדזערע האָסטו געזען? ווו איז דער אוילעם אהינגעקומען?

— ס׳איז א סאַך צו דערציילן, כאַווער מעהודין, וואָס כ׳האָב זיך אָנגע־זען און וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט, נאָר אבי מע איז לעבן געבליבן און מע זעט זיך.

— אז מע דערזעט נאָך אזא גרויל, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, אָן אייגענעם מענטשן, איז אלצייגס, ווי מע געפינט א גרויסן אוצער, — האָט מעהודין, ניט ארויסלאָזנדיק פּימען פון זײַנע אָרעמס, זיך אָפּגערופן.

— טאַקע, טאַקע, כאַווער מעהודין, כ׳האָב זיך אפילע ניט גערעכט צו טרעפן אײַך דאָ און רעדן מיט אײַך.

— ווו האָט איר אים אָפּגעזוכט? — האָט מעהודין געווענדט זיך צו סאָ־לאָמאַטינען.

— בא דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט מיך געראַטעוועט פון די פאַ־שיסטן, האָט זיך דורך א נעס פאַרהיט א בעהיימע, בין איך, ביזוואַנען־וואָס ארויס אופאַקערן פאַר איר א שטיקל ערד, — האָט פּימע אָנגעהויבן דערציילן. — איז צוגעפאָרן די מאַשין, אָפּגעשטעלט זיך לעבן מיר, און

דער כאַוועך האָט אָנגעהויבן פרעגן, ווער איך בין, פונוואַנען, וואָס האָב איך פריִער געטאָן. ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז איך בין געווען אַ טראַק־טאָריסט, האָט ער געזאָגט, אַז „אַף דער בעהיימע וועט זיך געפינען אָן דיר ווער עס זאָל אַקערן, און דו קום, וועסטו פאַרביַיטן דעם פּאַרזיצער פון ראַיויספּירקאָם, וועסט אַקערן אַף זיַין טראַקטאָר. און ער דאַרף דאָ זיך נעמען דאָס לעבן אופשטעלן...” דעם עמעס גערעדט, האָב איך ניט פאַר־שטאַנען, וואָס ער מיינט און וועגן וואָס פאַר אַ פּאַרזיצער פון ראַיויספּיר־קאָם עס גייט אַ רייד.

— נו, איז נעם איבער דעם טראַקטאָר און פאַרביַיט דעם פּאַרזיצער! — האָט סאָלאָמאָטין אַ זאָג געטאָן צו פּימען. — דאָס סאַמע שווערסטע האָבן מיר שוין אָפּגעטאָן. באַפריַיט די ערד. מוז מען איצטער זי וואָס גיכער פאַרזייען.

— יאָ, יאָ. דאָס איז איצט דאָס סאַמע וויכטיקסטע, וואָס ס'פאָדערט זיך פון אונדז, — האָט צוגעגעבן מעהודין. — דאָס איז דערוויַיל בא אונדז דער איינציקער טראַקטאָר. זעסט, וויפל ערד ער האָט שוין באַוויזן אופצואַקערן? דו, כאַוועך גאַנטאַוו, ביסט אַ דערפאַרענער טראַקטאָריסט און ווייסט, ווי צו באַגיין זיך מיט אַ טראַקטאָר ניט ערגער פון מיר.

פונדעסטוועגן האָט ער נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם טראַקטאָר.

— געדענק, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — ער איז בא אונדז דער איינ־ציקער. גיב אַכטונג אַף אים. וואַרעם ניט איבער דעם מאָטאָר, זע, די פּאָד־שיפּניקעס זאָלן זיַין אין אָרדענונג, טאָמער ווערט ער קאַליע, זיַינען מיר פאַרפאַלן.

מעהודין האָט זיך אַריַינגעזעצט אין דער מאַשין און מיטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם אוועקגעפאָרן איבערן ראַיאָן.

מעהודין האָט זיך דערמאָנט, וויִאַזוי ערשט נעכטן האָבן איבער דעם סטעפּ געדונערט הארמאַטן, געוואָיעט מינעס, דער הימל מיט דער ערד האָט זיך אויסגעמישט. און איצט איז דאָ שטיל. די זון וואַרעמט די פאַרבלו־טיקטע און פאַרוווּנדעטע ערשט באַפריַיטע ערד. פייגעלעך, פאַרכלינגענדיק זיך פון פרייד, טאַנצן אַרום איבער די וואָראָנקעס פון די באָמבעס, איבער די גריבלעך פון די האַרמאַטן־קוילן און איבער די טראַנשייען, ווו דער טויט האָט זיך נעכטן דורכגעטראָגן מיט אַזאַ ווילדן געהויל.

— גיט אַ קוק, ס'איז נאָר צו באַוווּנדערן, ווי גיך דאָס לעבן קערט זיך אום אַף דער ערד, — האָט סאָלאָמאָטין, ווי ער וואָלט לייענען מעהודינס געדאַנקען, אַ זאָג געטאָן.

— יאָ, יאָ. איך טראַכט אויך וועגן דעם, — האָט מעהודין, ניט אָפּריַיסנ־דיק די אויגן פון סטעפּ, זיך אָפּגערופן.

די מאַשין האָט זיך געטראָגן שנעל. דאָ און דאָרט, אַף די בערגלעך און הויכלאַנדן, האָבן זיך שוין באַוויזן יונגינקע גראָז־שפּראָצן.

„די ערד וואַכט אוף, זי רופט די ערד־אַרבעטער, — האָט מעהודין גע־טראַכט, — און קיינער באַוויַיזט זיך ניט. אַרום איז אַלץ פאַרגליווערט, טויט, קיין לעבעדיקן נעפעש זעט מען ניט. אין אַזעלכע פרילינגדיקע טעג האָט דאָך דאָ קיינער קיין רעגע ניט איַינגערוט — מ'האָט געאַקערט, גע־בראָנעוועט, געזייט. רונד־אַרום אין אַלע ווינקעלעך האָט געקאָכט, גע־

ווימלט. באגלײַך מיט די פריש־אופגעאקערטע שטיקער ערד האָבן זיך שוין געפלעקט בונט־גרינע פאַסן פון די ווינטער־טוועס. פון אלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן מענטשלעכע קוילעס, הודזשעריַיען פון טראַקטאָרס און מאַשינעס. איצט איז דאָ אלץ ווי טויט".

לויט אייניקע סימאָנים, וועלכע האָבן זיך אײַנגעקריצט בא אים אין זיקאָרן נאָך פון אמאָל, האָט מעהודין דערקענט, אז זיי דערנעענטערן זיך צום יִשעוו „נײַשפּראָצן", און ס'האָט גלײַך א ווייע געטאָן אף אים מיט היים. ערגעץ דאָ, אין די ערטער, האָט ער מיט זײַן טאַטן, מיט שלוימע פאַפעליוכען און אנדערע האָמליער באַלעגאָלעס אויסגעטראָטן דאָס ערשטע שטעגעלע אינעם ווילדן סטעפּ.

ערגעץ דאָרט, פארבײַ דעם צעקלאַפּטן און צערוינירטן וועג, מיט וועלכן זיי פאָרן איצט, ליגט פארטײַעט יענץ שטיקעלע ערד, ווו ער האָט מיט דער סאָכע, אײַנגעשפּאַנט אין ווײַסע הויקערדיקע אָקסן, געמאַכט די ערשטע אקער־ליניע. און כאָטש ס'איז שוין לאַנג אָפּגעמעקט געוואָרן יעטווידער שפּור פון יענער ערשטער אקער־ליניע, נאָר זי איז געבליבן אין הארצן אף אייביק. ניט געוועזן איז אין אָט דעם סטעפּ קיין איין שפּאַן ערד, ער זאָל אים ניט באַטרעטן, ער זאָל ניט וויסן, ווו וועלכער קאָלווירט האָט דאָ געאַקערט, געזייט, וואָס מע האָט געזייט און א וועלכע גערעטעניש מע האָט אראָפּגענומען. ער איז גרייט געווען ארויסשפּרינגען פון דער מאַשין, צופאַלן צו דער ערד פון זײַן יוגנט און קושן זי. דער דאָזיקער ערד איז ער געווען געטרײַ מיט לײַב און לעבן. וויפל מאָל האָט ער זי געזען אין כאָלעם, ווען ער איז געווען פארוואָרפן ווײַט פונדאַנען. ניט געווען דער טאָג, די שאָ, ער זאָל ניט טראַכטן וועגן איר. זי פלעגט אים צו כאָלעם קומען מיט אירע פעלדער, פארפלייצטע מיט טווע, מיט אירע סעדער, ווײַנגערטענער, מיט אירע זונרויזן און באַשטאַנעס.

...פון דער בלויער ווײַט, באַם האָריזאָנט, וועלכער איז געווען באַשפּריצט מיט גאָלדענע שפּרענקעלעך פון דער אראָפּגיידערנדיקער זון, האָבן שוין געדאַרפט ארויסשווימען סימאָנים פון זײַן יִשעוו. נאָר דורך די מעטושטעש־צעשווומענע וואַלקנדלעך האָט מען נאָך גאָרנישט ניט ארויסגעזען. פלוצעם האָט זיך פאר זײַנע אויגן אנטפלעקט די טאָליקע שטיק ערד, ווו ער האָט אמאָל די רעקאָרד־גערעטעניש פון ווייץ אראָפּגענומען. די ערד איז געווען, ווי אומעטום אין סטעפּ, פארדעקט מיט איבערגעפוילטן פּאַראַיאַריקן בוריאַן, אונטער וועלכן עס האָבן זיך באַוויזן קוים באַמערקבארע שפּראָצונגען פון גראָז.

— אָט דאָס שטיקל ערד וועל איך ניט פארגעסן מײַן גאנץ לעבן...— מעהודין האָט געוואָלט אָנהייבן דערציילן די געשיכטע, ווי·אזוי ער האָט מיט זײַן בריגאַדע אראָפּגענומען די רעקאָרד־גערעטעניש פון ווייץ. נאָר ווי קען מען איצט, ווען ער האָט אזויפיל וועגן וואָס צו ריידן מיטן סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, דערציילן זאַכן, וועלכע געהערן שוין צו דער פאַרגאַנגענהײַט?

— נײַנצן יאָר איז מיר דאַן געווען, נײַנצן...— האָט ער איבערגעכאַפּט זערט. — כ'האָב אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט פון אַן ערד־ארבעטער,

געהאלטן דעם ערשטן עקזאמען... ערשט אָנגעהויבן פאַרשטיין מײַן באַרוף אין לעבן.

מעהודין האָט דערפילט, אַז ער רעדט צו פֿײַערלעך, דערהויבן. מע דאַרף ריידן פּראָסטער, ווײַל פּאַרגעקומען איז עס אַ סאַך פּאַשעטער, איינפאַכער. דאָס, וואָס ער האָט מיט די מיטגלידער פון זײַן בריגאַדע געטאָן טאָג־אײַן, טאָג־אויס, איז געווען פאַר זיי אַ זאַך אַ געוויינלעכע. און ניט ער און קיינער ניט פון דער בריגאַדע האָבן ניט געטראַכט, אַז מע וועט אים, דעם בריגאַדיר, אַרויסרופן אין מאָסקווע, אין קרעמל, ער זאָל דערציילן פאַר דעם גאַנצן לאַנד, ווי‌אַזוי דאָס איז פּאַרגעקומען.

מעהודין איז פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן.

— איז וואָס דערציילט איר ניט, וואָס עס איז פּאַרגעקומען אַפן דאָזיקן שטיקל ערד, ווו מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן? — האָט סאָלאָמאַטין אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב זיך פּאַשעטע דערמאָנט, ווי‌אַזוי מיר האָבן געאַרבעט פאַר דער מילכאָמע.

— כ׳האָב ניט געוווּסט, אַז איר זײַט אַ היגער, אַז איר זײַט אַליין אַ געוועזענער ערד־אַרבעטער, נאָר ווען כ׳האָב אײַך, דעם פּאָרזיצער פון ראַיאָיספּירקאָם, דערזען זיצן אַפן טראַקטאָר, האָב איך פאַרשטאַנען... דאָס איז גוט, וואָס איר זײַט אַ היגער. איך וויל וויסן, ווי איר האָט אַמאָל דאָ געלעבט, ווי איר האָט געמאַכט די ערשטע טריט אין לעבן... דערווײַל אָבער לאָמיר ריידן וועגן דעם, וואָס מע דאַרף טאָן מאָרגן און שוין טאַקע הײַנט. אין אַ וועלכער צײַט פלעגט איר, געוויינלעך, אָנהייבן זייען? מיר פאַרשפּעטיקן אַף אַ סאַך האַיאַר מיטן פּאַרזייַ? וויפל טראַקטאָרן דאַרף מען אומגעפער האָבן אופצואַקערן די פעלדער פון ראַיאָן? וויפל זריִע דאַרף מען האָבן? וויפל צײַט קען מען נאָך זייען קערנער־קולטורן? וואָס קען מען אין דער פאַרבליבענער צײַט נאָך פאַרזייען? — האָט סאָלאָמאַטין געשטעלט איין פראַגע נאָך דער אַנדערער.

— טוועס קענען מיר זייען אַמהעכסטן נאָך פיר־פינף טעג, — האָט מעהודין אָפּגעהאַקט געענטפערט.

— ניט מער?

— בעשום־אויפן ניט. די ערד וועט איבערגעטריקנט ווערן, און ס׳וועט פאַרפאַלן ווערן אונדזער טירכע, ס׳איז נאָר אַ שאָד די זריִע.

— מאָרגן וועלן מיר צושיקן וואָס מיר וועלן קענען. מע וועט דאַרפן מאָביליזירן אַלע קויכעס, די פעלדער זאָלן פאַרזייט ווערן.

די מאַשין איז אונטערגעשפּרונגען איבערן צעראַיעטן וועג, געטרייסלט, אַלע ווײַלע אונטערגעוואָרפן פון אָרט, נאָר מעהודין האָט געזוכט, געניש־טערט מיט די אויגן שפּורן פון דער אַמאָליקער היים. מע זעט אַפילע קיין געדעכעניש ניט פונעם יישעוו, ווי ער וואָלט אײַנגעזונקען געוואָרן אין אַ טהאָם. ווו זײַנען אַהינגעקומען די סילאָס־טורעמס, די טשערעפּיצענע דעכער פון די פערמעס? ווו איז די שול, דער קלוב, דער הויף־פאַרהויבע־נער שטעקן פונעם בושעל־ברונעם, פון דער בודקע פון דער סקוואַזשינע, וועלכע פלעגן שטענדיק אַרויסשווימען, ווען מע פלעגט זיך דערנעענטערן צום יישעוו?

פארבײַ דעם וועג, פון ביידע זײַטן, האָבן זיך געדאַרפט באַווײַזן די ווײַנגאַרטענער און סעדער, נאָר פונקט ווי אַלץ וואָלט אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד. די מאַשין איז אַרײַנגעפאָרן אין אַ כאַרעווע־געוואָרענער גאַס. ווען מעהודין איז אַרויס פון דער מאַשין, איז ער געבליבן שטיין אַן אופגעטרייסלטער. דאָ און דאָרטן האָבן געסטאַרטשעט בערג מיט ברוכשטיקער, צעקלאַפּטע שטיינער, טשערעפּיצעס, אויסגעמישטע מיט אַש און ליים. דאָרט, ווו עס האָט זיך פאַרהיט אַ סימען פון אַ שטוב, זײַנען געשטאַנען פאַרסמאַליעטע ווענט אָן דעכער, אָן פענצטער און אָן טירן. אַ טייל הויפן זײַנען אינגאַנצן ווי אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד. די שטילקײַט, וועלכע האָט געליוערט אַרום, האָט מעהודינען אָנגעהויבן וואַרגן. פון ווייטעק האָט זיך אים געוואָלט נעמען שרײַען. שטייענדיק אַ ווײַלע אַ פאַרשטיינערטער, האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— אָט וואָס עס איז געוואָרן פון אונדזער יישעוו „נײַשפּראָצן".

ער האָט זיך געלאָזט גיין איבער דער אַמאָליקער גאַס פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף. וואָלט כאָטש אַ הונט אַ ביל טאָן, וואָלט כאָטש אוועלכער־ניט־איז קלאַנג זיך דורכגעטראָגן אין דער איימעדיקער שטילקײַט. אפן ברעג פון דעם כאַרעווע־געוואָרענעם יישעוו האָט מעהודין דערזען אַ באַרג, ענלעך אַף אַ פאַרצײַטיקן סטעפּישן מאָהילניק. ווען דער דאָזיקער באַרג וואָלט קענען ריידן, וואָלט ער דערציילט, ווי אין איינער אַ שטאָקפינצטערער נאַכט האָבן בלוטיקע ראָצכים מיט וואַך־הינט צונויפגעטריבן קינד־און־קייט פונעם יישעוו און געצוווּנגען זיי אויסגראָבן פאַר זיך אַליין קוואָרים. די ערד האָט געציטערט פון די האַרצרײַסנדיקע געשרייען פון די לעבעדיק־באַגראָבענע מאַמעס, קינדער און אַלטע לײַט, וועלכע זי האָט אַף אייביק אײַנגעשלונגען. די לעוואָנע האָט זיך אין יענער נאַכט באַהאַלטן, זי זאָל ניט צוזען דעם גרויל, און דער הימל האָט געוויינט.

סומנע ווינטן באַקלאָגן נאָך ביז איצט די אומשולדיק־פאַרשניטענע און שפּרייטן צאַר און טרויער איבערן טרויער סטעפּ.

„דער באַרג — דאָס איז, מיסטאָמע, די מאַציוווע פונעם יישעוו „נײַשפּראָצן", — האָט מעהודין אַ טראַכט געטאָן. — אַ בעסוילעם איז געוואָרן פון אונדזער אַלטער היים. „נײַשפּראָצן" האָבן אַמאָל די אומשולדיק־פאַרשניטענע קדוישים אַ נאָמען געגעבן דעם יישעוו, זאָל דער דאָזיקער נאָמען זייערער זײַן אַ צוואָע, אַז די טויטע ערד זאָל פונסנײַ שפּראָצן און וואַקסן!"

לאָזנדיק זיך ווײַטער גיין איבער די הויפן, האָט מעהודין לעבן אַ כאַרעוון פאַליסאַדניק זיך אָפּגעשטעלט. ווי לעבעדיקע איידעס זײַנען געשטאַנען אין אים צוויי שלאַנקע הויך־צעוואַקסענע עפּלביימער. זיי זײַנען אויסגעשטאַנען אַלע געוויטערס און ניסיוינעס און גאַנץ געבליבן.

„יאָ, דאָס איז מינעס הויף. יאָ, דאָס איז געוויס ער", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

צוויי דיניקע ריטעלעך האָט ער אַמאָל פאַרפּלאַנצט און געזאָגט איר: „דאָס וועלן זײַן מײַנע און דײַנע ביימער..." אָט דאָ, אַרום דעם פאַליסאַדניק, פלעגן זיי אָפּזיצן גאַנצע נעכט און זינגען „פּאַפּיר איז דאָך ווײַס, און טינט איז שוואַרץ, צו דיר, מײַן ליובעניו, ציט איצט מײַן האַרץ..."

איצט, האַבנדיק אָפּגעזוכט מינעס הויף, וועט אים שוין זײַן גרינג אָפּ־זוכן זײַן פּאַטערס הויף. ארומבלאָנקענדיק ארום דעם שכײנישן פּאַליסאַד־ניק, האָט ער אָפּגעזוכט שפּורן פון זײַנע אמאָליקע פרוכט־ביימער, וועלכע ער האָט פארפּלאַנצט צוזאמען מיט יענע עפּלביימער. נאָר פון זײַנע ביי־מער זײַנען געבליבן בלויז פּניאָקעס. אין עטלעכע ערטער בא די פּניאָקעס האָט ער באמערקט, ווי עס וואקסן שוין אָפּ צוריק יונגע צווײַגעלעך.

שטייענדיק אזוי א פארטראכטער, האָט ער ניט באמערקט, ווי ס׳איז אונטערגעגאנגען סאָלאָמאָטין.

— נו, וואָס? קיינעם האָט איר ניט אָפּגעזוכט? — האָט ער געפרעגט.

— דערווײַל האָב איך געפונען צוויי לעבעדיקע ביימער. כ׳האָב זיי אמאָל פארפּלאַנצט. די ביימער וואקסן, זיי וועלן האיאָר בלײַען. און אָט איז מײַן טאַטנס הויף. כ׳האָב דאָרטן אויך פארפּלאַנצט ביימער. איר זעט, ס׳וואקסן פונדעסטוועגן אָף זיי נײַע צווײַגעלעך. אויב עס זײַנען גאַנץ געב־בליבן די וואָרצלען, וועלן זיי צוריק וואקסן און בלײַען. נאָר די מענטשן...

— דעריקער זײַנען מענטשן... ס׳וועלן זײַן מענטשן, וועלן ווידער בלײַען די סטעפּעס, ס׳וועלן וואקסן ביימער, אלץ וועט זײַן, — האָט געזאָגט סאָלאָ־מאָטין.

## 6

מעהודין האָט זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. ווי ער איז ניט געווען אופגעטרייסלט פונעם כורבן, וועלכן ער האָט געטראָפן אומעטום, ווו ער איז אויסגעווען מיט סאָלאָמאָטינען, איז ער דאָך אוועק א קוק טאָן, צי גאָנטאָוו האָט זיך אומגעקערט פון פעלד, און דערוויסן זיך, וואָס יענער האָט דאָרט באוויזן אופטאָן.

מעהודין איז אוועק אפן הויף פון דער געוועזענער מטס.

גאָנטאָוון האָט ער געפונען לעבן דער כּאַרעווער געבײַדע פון די רע־מאָנט־וואַרשטאַטן. אין דער קאַבינע פון טראַקטאָר איז ער געלעגן א צונויפגעדרייטער און געשלאָפן. מעהודין האָט אים אָנגעהויבן וועקן:

— פּימע, א, פּימע, וואָס הערט זיך בא דיר? דערצייל, וואָס האָסטו באַ־וויזן פארן טאָג אופצוטאָן. האָסט א סאך אופגעאַקערט?

גאָנטאָוו האָט א היפּשע ווײַלע זיך געראַנגלט מיטן שלאָף, סאָפּקאָלסאָף האָט ער אופגעעפנט די אויגן און מיט א שלעפעריק קאָל געזאָגט:

— כ׳האָב א שטיק ערד אופגעאַקערט...

— כ׳האָב געוואָלט נאָכאמאָל צופאָרן צו דיר, א קוק טאָן, ווי ס׳גייט בא דיר דאָס אקערן, נאָר דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם האָט געפאָדערט, איך זאָל פאָרן מיט אים איבערן ראַיאָן. דערפאַר האָב איך ניט באוויזן אפילע זיך דורכריידן מיט דיר.

גאָנטאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— ס׳איז מיר געווען שווער צופּאַסן זיך צו דעם טראַקטאָר. מאָרגן, האָף איך, וועל איך מער אופּאַקערן.

— מאָרגן וועלן עפּשער אָנקומען נאָך א פּאָר טראַקטאָרס מיט טראַק־טאָריסטן. דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם האָט מיר צוגעזאָגט. ער האָט אויך צוגעזאָגט שיקן אינוועטאר און זריע.

— זייער גוט. אויב די לעבעדיק־געבליבענע וועלן זיך אומקערן אהיים, וועלן זיי כאָטש זײַן באַזאָרגט מיט א שטיקל ברויט. און טאָמער וועלן פרישע מענטשן צוקומען צו אונדז, וועלן מיר זיי אויך קענען אונטער־העלפן, ביז זיי וועלן זיך שטעלן אף די פיס.

מעהודינען האָט ניט אופגעהערט צו פּײַניקן דאָס הארץ וועגן דעם גורל פון די מענטשן, וועלכע זײַנען דאָ איבערגעבליבן.

— עפּשער ווייסטו גענויער, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — האָט ער אָנ־געהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— איך ווייס אויך ניט אזוי גענוי. ווען איך בין אוועק אפן פראָנט, זײַנען נאָך אלע געווען אפן אָרט. אונדז איז אויסגעקומען אײַנהאַלטן דעם אָנגריף פונעם סוינע דאָ, אין די סטעפּעס... אלץ איז געווען ארומגעכאַפּט מיט פײַער. ס'האָט זיך געוואָלט כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן אף דער היים, און איך האָב ניט געהאט קיין שום מעגלעכקײַט... די וועגן פון דער יאַבאָשע זײַנען שוין געווען אָפּגעשניטן... נאָך דעם, ווי דער סוינע איז ארײַן אהער, האָט מען מיך, א שווער־פאַרוווּנדעטן, אונטערגעקליבן, אויס־באַהאַלטן. ווען איך בין א ביסל צו־זיך געקומען, האָט מען מיך איבער־געפּעקלט אין א פּארטיזאַנישן אָטריאַד. דאָרט איז געווען זאַיע קאָלאָמיי־צעווא, די, וואָס האָט געארבעט אין קאָנטאָר פון מטס. איר געדענקט זי?

— אוודעי געדענק איך זי.

גאָנטאָוו האָט אויסגעוואָרט א ווײַלע, עפּשער וועט מעהודין עפּעס זאָגן אָדער פרעגן, און פאָרגעזעצט:

— מיר פּלעגן זיך איבערטאָן אזוי, אז מע זאָל ניט ארויסרופן קיין שום פאַרדאכט. קלוימערשט, מיר גייען ערגעץ עפּעס פאַרדינען אָדער אויסבעטן א שטיקל ברויט, און האָבן געטאָן אונדזער זאַך... אונטערוועגנס האָט מיר זאַיע אויסדערציילט אלץ, וואָס זי האָט געזען מיט אירע אויגן און איבער־געלעבט... די לעצטע טעג, איידער די דײַטשן זײַנען ארײַן אהער, האָט זי מיר דערציילט, זײַנען די וועגן געווען פאַרשלאָגן מיט פורן, מיט הארבעס, מיט פוסגייער. קינד־און־קייט, אלט און יונג האָבן זיך ארומגעטראָגן און מיט אלע קויכעס זיך געוואָלט ארויסרײַסן פונדאנען. נאָר אלע וועגן זײַ־נען שוין געווען אָפּגעשניטן. בלויז דורכן קערטשער דורכגוס האָט מען זיך נאָך געקענט דורכרײַסן.

— איך ווייס עס. מיר האָבן דאָך א גרויסן טייל קאָלווירטן באַוויזן עוואַקויִרן, — האָט מעהודין אים איבערגעשלאָגן. — איך וויל אָבער וויסן, וואָס איז ווײַטער פאָרגעקומען?..

— די דײַטשן האָבן אָן אופהער באָמבירט דעם דורכגוס... גאַנצע באַר־זשעס מיט מענטשן, מיט זייער האָב־און־גוטס זײַנען אראָפּ צום גרונט פון יאם... מענטשן האָבן זיך ארומגעטראָגן ווי דולע און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. לאָזן זיך מיטן דורכגוס, איז מען ניט געווען זיכער מיטן לעבן, און דאָ בלײַבן אף אומקום איז אויך געווען שרעקלעך... אין אָט דער צײַט, זאָגט מען, האָט זיך אהער אראָפּגעיאָוועט פּאול ביוטנער.

— פּאָול ביוטנער? ער איז דאָך גאָר ערגעץ אנטלאָפן, גלײַך ווי ס׳איז קלאָר געוואָרן, אז דאָס האָט ער קאַליע געמאַכט די טראַקטאָרס... כ׳האָב שוין געהערט, אז ער האָט דאָ אָנגעטאָן גרויסע צאָרעס, נאָר פונוואַנען האָט ער זיך גענומען?

— ווייסט אים דער רוּעך. גלײַך ווי ער האָט זיך אַראָפּגעיאָוועט, האָט ער שטילערהייט אָנגעהויבן אָרודעווען... אליין איז ער עפּשער געלעגן אין א באהעלטעניש, נאָר די מענטשן זײַנע האָבן געטאָן זייער אַרבעט. אָף אַלע וועגן און אָפן דורכגוס גופע האָבן זיי אײַנגערעדט די ייִדישע קאָלווירטניקעס, אז אלע רייד וועגן דעם, אז די דײַטשן וועלן זיי אומברענגען, איז א ווילדע אויסטראַכטעניש. זיי האָבן פאַרזיכערט אלעמען, אז די דײַטשישע מאַכט וועט, קלוימערשט, שעצן די ייִדישע ערד־אַרבעטער, און אויב זיי וועלן ערלעך אַרבעטן, וועט זיי געזיכערט ווערן א רויִק און זאַט לעבן. פונדעסטוועגן האָט זיך זיי קיינעם ניט אײַנגעגעבן אײַנריידן, נאָר אַרויספאָרן איז שוין געווען אוממעגלעך.

— צי דען האָט איר זיך ניט געקענט ספּראַווען מיט דעם מעטורעף? — האָט מעהודין געפרעגט.

— מיר האָבן ניט איין מאָל זיך געיאָגט נאָך אים. ניט איין מאָל איז ער געווען קימאַט אין אונדזערע הענט, — האָט גאַנטאָוו דערציילט, — נאָר דאָס הינטישע מאַזל האָט אים יעדן מאָל אונטערגעשפּילט. זאָיע האָט אים שוין קימאַט געהאַט דערפירט ביז אונדזער לאַגער, מע זאָל אים מיש־פּעטן אָף אונדזער פּאַרטיזאַנישן אויפן. האָט זיך אונטערגעדרייט א שלאַנג, א פאַרעטער, זי אַרויסגעגעבן, און פּאָול האָט זי דערשאָסן.

## 7

אינדערפרי, ווען מעהודין האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך שוין גאַנטאָוו געפּאָרעט אַרום טראַקטאָר. ער האָט אָנגעגאָסן ברענשטאָף, נאָכאַמאָל באַקוקט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, און זיך געוואָלט לאָזן אין פעלד. צוגייענדיק צו אים, האָט מעהודין געפרעגט:

— האָסט גוט אַלץ דורכקאָנטראָלירט? גיב אָן איבעריק מאָל א קוק, צי אַלץ איז בא דיר ספּראַוונע... פאַרכאַפּ מיט זיך די באָראָנע, וועסט זי צו־פעסטיקן מיט א טראָס צום טראַקטאָר און פאַרבראָנאָווען דערווײַל די אופגעאַקערטע ערד. ווער ווייסט, צי ס׳וועט זיך אונדז אײַנגעבן נאָכאַמאָל דורכבראָנעווען. די צײַט וואַרט ניט. מע מוז שוין אָנהייבן זייען, און קיין מענטשן, קיין שלעפּ־קראַפט האָבן מיר דערווײַל ניט.

— באָראָנעס זײַנען פאַראַן?

— זיי וואַלגערן זיך איבערן הויף. גיב גוט א קוק, וועסטו געפינען וואָס מע דאַרף...

מעהודין האָט געוואָלט גיין העלפן געפינען א באָראָנע. נאָר יערעמטשוק איז אָנגעקומען.

— ווי אַזוי האָסטו שוין באַוויזן אַזוי פרי צו קומען אהער? — האָט

יערעמטשוק געפרעגט.— נעכטן האָב איך געוואַרט ביז שפּעט נאַכט אַף דיר. גאָנטאַוו האָט מיר דערציילט, אַז עפּעס אַ גרויסער נאַטשאַלניק האָט אים אָפּגעפירט צום טראַקטאָר און יענער איז אַוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט דיר איבערן ראַיאָן.

— יאָ. איך בין טאַקע געקומען אַהער זייער שפּעט און דיך שוין דאָ ניט געטראָפן.

גאָנטאַוו האָט צוגעפּעסטיקט די באָראָנע מיט אַ טראָס צום טראַקטאָר און זיך געלאָזט פאָרן.

— געדענק זשע, אַקער אַפן זעלבן אָרט, וווּ נעכטן. אויב ס'וועט מעגלעך זײַן, וועל איך קומען צו דיר,— האָט אים מעהודין נאָכגעשריִען.

ווענדנדיק זיך צו יערעמטשוקן, האָט ער געפרעגט:

— בא דיר איז אַלץ גרייט?

— ביז מאָרגן וועל איך דורכקוקן דעם אינווענטאַר, וועלכער האָט זיך פאַרהיט... אין דער ערשטער ריי דאַרף מען אָפּרעמאָנטירן די אַקערס, זייעלקעס,— האָט געענטפערט יערעמטשוק.

— דער מיליטערישער ראַט פון אַרמיי קען אונדז גראָד צושיקן פערד. דאָרט זײַנען פאַראַן אויסגעמאַטערטע און פאַרוווּנדעטע פערד. פאַר דער אַרמיי טויגן זיי ניט, און אין דער ווירטשאַפט קענען זיי גוט צוניץ קו־מען,— האָט אַרויסגעזאָגט אַ האַשאָרע מעהודין.

— אויב מע וועט זיי אַפילע צושיקן, איז וואָס וועלן מיר טאָן? האָדע־ווען זיי האָבן מיר סײַווי ניט מיט וואָס. סײַדן מע וועט צושיקן אויך קאָרם,— האָט זיך אָפּגערופן יערעמטשוק.

— נישקאָשע, זאָלן זײַן פערד. מיט קאָרם וועלן מיר זיך אַן אייצע געבן.

יערעמטשוק האָט גענומען צוגרייטן דעם אינווענטאַר, וועלכער האָט זיך פאַרהיט אין מטס, און מעהודין האָט דערווײַל אָנגעמערקט אַ פּלאַן, וויאַזוי בעסער אויסצונוצן די טראַקטאָרן און די מענטשן, וועלכע מע וועט צושיקן.

פאַר אים איז געווען קלאָר, אַז באַאַרבעטן טאָר מען ניט איין דורכוי־סיקן פעלד־מאַסיוו, נאָר כאַלאָקימוויַיז אַרום די ייִשוּווים פון ראַיאָן, קעדיי די מענטשן, וועלכע וועלן זיך אומקערן, אָדער די, וועלכע וועלן צוקומען אין די ווידער אופגעלעבטע קאָלווירטן, זאָלן האָבן די כאַלאָקים נעענטער צו זיך.

עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש, און דער פּוסטער ייִשעוו איז פול געוואָרן מיט טומל און גערודערײַ. מעהודין איז אַרויסגעלאָפן אין גאַס. אַ סאָלדאַט פון דער פאָדערשטער מאַשין, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען, איז אים געגאַנגען אַנטקעגן און האָט געפרעגט:

— ווּו איז דאָ דער עלטסטער פון ראַיאָן?

— איך בין דער פאָרזיצער פון ראַיִיספּירקאָם. וואָס האָט איר געוואָלט?

דער סאָלדאַט האָט אָפּגעראַפּאָרטירט:

— דער אָפּטייל פון מיניאָרן איז אָנגעקומען צו באַפרײַען די אַקער־פעלדער פון פײַנטלעכע מינעס. סערזשאַנט סעלעכאַוו.

— זייער גוט, כאַווער סעלעכאַוו, מיר וועלן באַלד אַרויספאָרן אין פעלד

און כ'וועל אײַך אָנווײַזן, ווו מיר וועלן אקערן, — האָט מעהודין זיך אָפּ־געהופּן.

— און מיר זײַנען געקומען אײַך העלפן אין דער פעלד־ארבעט, — האָט זיך דערהערט א שטים פון א מענטשן פון א דערבײַשטייענדיקער מאשין, אף וועלכער עס זײַנען געזעסן סאָלדאטן.

— מיר זײַנען פון א געזונט־ווערנדיקער קאָמאנדע, וואָס איז ארויס פון האָספּיטאַל, — האָט צוגעגעבן א סאָלדאט מיט א קוליע, — אז מע קען אָן פיס אינדערלופטן פירן אן עראָפּלאַן, וועל איך מיט אָנדערהאַלבן פיס קאָנען א טראקטאָר פירן.

— איך פארמאָג צוויי הענט, זאָל זײַן אפילע מיט ווונדן, נאָר זיי קאָ־נען ארבעטן, — האָט זיך אָפּגערופן א יונגיטשקער סאָלדאט מיט א קליי־נינק, קימאט קינדערש פּענעמל. — ס'איז דערעסן שוין ליגן אין בעט. בײַם דער ארבעט, האָף איך, וועלן זיך די ווונדן גיכער היילן.

— איר זײַט געדעכט, אינגאנצן גערעכט, טײַערע כאווײרים, — האָט מעהודין געזאָגט. — אין דער ארבעט וועלן זיך די ווונדן היילן. ארבעט וועט בא יעדערן זײַן לויט זײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטן.

— מיר זײַנען אויך ניט צוגאסט געקומען, — האָט ארײַנגעמישט זיך א באַיאָרטע פרוי, וועלכע איז געזעסן אף א מאשין צווישן אלטע לײַט און קינדער. — ווער וועט האָדעווען מיט ברויט אונדזערע זין און מענער, וועל־כע זײַנען אפן פראָנט? קיין ארבעט וועט אונדז שווער ניט זײַן. זאָגט נאָר, וואָס מע דארף טאָן, און מיר וועלן ארבעטן.

— מיר דארפן אופאקערן און פארזייען די פעלדער, — האָט מעהודין דערקלערט. — דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם האָט מיר צוגעזאָגט שיקן מענטשן און טראקטאָרס. דאָס האָט ער אײַך, מיסטאמע, געשיקט אהער?

— טראקטאָרס זײַנען שוין אין וועג. אויך א גאנצער אָבאָז מיט פערד־און־וואָגן, מיט אינווענטאר און מיט זריע, — האָט געגעבן צו וויסן דער סערזשאנט סעלעכאָוו.

אָפּגעגעבן יערעמטשוקן אלע נייטיקע פאראָרדענונגען, וווהין שיקן די טראקטאָרס, די פערד, דעם אינווענטאר, וועלכער וועט אָנקומען, האָט מעהודין מיט דער ערשטער מאשין פון די מיניאָרן זיך געלאָזט פאָרן.

פארבײַוועגס האָבן דאָ און דאָרטן זיך אָנגעהויבן באווײַזן פריש־אופּ־געהויבענע שטיקער ערד, וועלכע מעהודין האָט נעכטן, ווען ער איז געפאָרן מיטן סעקרעטאר פון געגנטקאָם, ניט באמערקט.

„הייסט עס, אז עמעצער האָט זיך שוין דאָ באוויזן", — האָט ער א טראכט געטאָן.

מעהודין האָט געבעטן אָפּשטעלן די מאשין און איז אראָפּ א קוק טאָן, דערוויסן זיך, ווער עס האָט דאָ אויפגעאקערט דאָס שטיקל ערד.

דעם סערזשאנט סעלעכאָוו האָט ער אָנגעזאָגט:

— קאָנטראָלירט דורך דאָס שטיקל פעלד, ווו מע האָט אָנגעהויבן

אקערן, נאָכדעם וועט איר זיך דורכגיין אין די מער נידעריקערע ערטער. דאָרט וועלן מיר אקערן, ווען ס'וועלן אָנקומען די טראקטאָרס.

די מיניאָרן האָבן זיך געלאָזט גיין איבערן פעלד, און מעהודין איז אוועק אינעם דערבײַיִקן יִשעוו. פון דעם געדאנק, אז דער סטעפּ איז שוין ניט קיין אייביקער, איז אים געוואָרן פרייִלעכער אף דער נשמה. ווו־הין די קעלטן זאָלן ניט פאַרטרײַבן די פויגלען פון זייערע נעסטן, וועלן זיי זיך, ווי נאָר די זון וועט א בליאסקע טאָן, צוריק זיך אומקערן. אזוי איז מיט אונדזערע מענטשן. וווהין די מילכאָמע זאָל זיי ניט פאַרוואַרפן, וועלן זיי קומען צו זייער שטיקל ערד, צו זייער היים.

דער סטעפּ איז געווען, ווי אלעמאָל אין פרילינג, אָנגעזעטיקט מיט יוירנדיקע זאַפטן.

ניט ווײַט פונעם יִשעוו האָט מעהודין דערזען מענטשן. עטלעכע פון זיי האָבן געשלעפּט אן אקער, די איבעריקע האָבן געגראָבן מיט לאָפּעטעס און געבראָנעוועט. ער האָט דערהערט, ווי א פרוי האָט געזאָגט:

— עמעצער גייט צו אונדז... ווער קען עס זײַן? עפּעס א באקאנטער.

זי האָט א וואָרף געטאָן די לאָפּעטע. אָן איבערראשטע, האָט זי א פּליע־סקע געטאָן מיט די הענט:

— מאמעלעך מײַנע הארציקע, כ'וואָלט שווערן, אז דאָס איז דער כאַ־ווער מעהודין...

— טאקע. אוי, כאווער מעהודין! אוי, ס'איז טאקע ער! פונוואנען האָט איר זיך גענומען? ניט אנדערש, ווי א מאלעך האָט אײַך אהער אראָפּגע־בראכט, — האָבן זיך דערהערט שטימען.

מענטשן האָבן אים ארומגערינגלט, געשטופּט די הענט צו באגריסן זיך, ארומגעכאַפּט און געדריקט צום הארצן.

— די גאנצע צײַט האָבן מיר געהאלטן אין איין טראכטן: ווו איז דאָס אונדזער כאווער מעהודין, וווהין האָט אים די מילכאָמע געקענט פאַר־וואָרפן? — האָט, שטופּנדיק זיך נעענטער צו אים, געטײַנעט א דארינקער, א קורצוווּקסיקער מאנצבל מיט א גראָוו שפּיציק בערדל. — דרײַ יאָר האָבן מיר געוואַרט אף דער גליקלעכער שאָ, ווען מיר וועלן קאָנען זיך אומקערן אהיים.

— מיר האָבן דאָך מוירע געהאט פאַרשפּעטיקן צום פאַרזיי, — האָט זיך דערהערט א קאָל. — אף די דעכער פון די וואגאנען זײַנען מיר געפאָרן, אין די טאמבורן, אין די טעפּלושקעס, ווי ס'האָט זיך נאָר געמאכט, זײַנען מיר געפאָרן. יעדערער האָט געשלעפּט מיט זיך, וואָס פאר א זרי'ע ער האָט נאָר געקענט. ווער — א ביסל קוקורוזע, ווער א פּאסאָליע, ווער א ביסל ווייץ. מיר האָבן ניט געגעסן, פון זיך אָפּגעשפּאָרט און געקליבן זרי'ע. מיר האָבן געוווּסט, אז אין דער היים וועלן מיר גאָרנישט ניט טרעפן אויסער הוילע ערד. אין פּײַער זײַנען מיר גרייט געווען צו שפּרינגען, אבי וואָס גיכער די ערד צו פאַרזייען. מיר זײַנען פון הונגער אויסגעגאנגען, נאָר צו דער זרי'ע זיך ניט צוגערירט. „שטארקט זיך, ברידערלעך", — האָט אונדז געמוטערט אונדזער פּאַרזיצער, דער כאווער ביניאָמין הינדין. ער האָט אונדז פאַרוואַרט צורירן זיך צו דער זרי'ע. מער פאר אלעמען האָט ער זרי'ע אָנגעקליבן. איר ווייסט, וואָס ער האָט מיט זיך געבראכט?

פאר מעהודינען איז קלאָר געווען, וואָס פאר א זריזע האָט געבראַכט ביניאָמין הינדין, דער „קיניג פון די באַשטאַנעס", ווי מע האָט אים גערופן. ווען די פאַשיסטישע באָמבעס האָבן זיך שוין געריסן איבער די קעפּ, האָט ער צונויפגענומען זײַן זריזע, פאַרפּאַקעוועט עס אין זעקעלעך און זיך געלאָזט מיט זײַן אוילעם מיטן האָב־און־גוטס אין וועג.

— ווו זשע איז ער, ביניאָמין? — האָט מעהודין געפרעגט.

— אָן לויפט ער מיט א לאָפּעטע אין האַנט. מיסטאַמע ווייסט ער שוין, וואָס פאר א גרויסן גאַסט מיר האָבן, — האָט עמעצער זיך אָפּגערופן.

א פאַרסאָפּעטער, קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, נאָר מיט זײַן שטענדיק טמימעסדיקן שמייכעלע אפן קלוגן פּאָנעם, האָט זיך באַוויזן דער „קיניג פון די באַשטאַנעס".

— כּאָוועטר טײַערער, ברודער, — האָט ער אַרומגעכאַפּט מעהודינען. — ליבער פרײַנט... אוי, ווי מיר דאַרפן דיך איצטער דאָ... אוי, ווי מיר דאַרפן דיך!... ווען דו ווייסט, וויפל מאָל מיר פלעגן דיך דערמאָנען! אין די שווערסטע צײַטן האָבן מיר דיך דערמאָנט. זאָג, וואָס טוט מען איצט? כאָטש אַקער מיט דער נאָז די ערד, כאָטש רײַס זי מיט די ציין...

— איר וועט אופאַקערן די ערד, כּאָוויירים, — האָט מעהודין זיך אָפּגערופן, — איר וועט זי פאַרזייען, אָן דאָרט וואַרטן די טראַקטאָרס און די מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען אײַך העלפן. באַלד וועלן זיי קומען אַהער.

מעהודין האָט גענומען פאָכן מיט די הענט צו די מאַשינעס, וועלכע זײַנען געשטאַנען אפן וועג:

— אַהער! אַהער! דאָ זײַנען פאַראַן מענטשן! אַהער!

## 8

גלײַך ווי ליזע האָט באַקומען די ידיעה, אַז עליע וועט צוזאַמען מיט דער אַרמיי, וועלכע וועט באַפרײַען צאָפּן־קרים, אַרײַנגיין אין קורמאַן און וועט דאָרט בלײַבן אַרבעטן, האָט זי זיך אָנגעהויבן גרייטן אין וועג.

די מוטער אירע, כײַע, וועלכע האָט נאָכן טויט פון איר מאַן זיך באַזעצט בא דער טאָכטער, האָט איר אָפּגערעדט צו לאָזן זיך פאר דער צײַט אין וועג.

— מע האָט דאָך קורמאַן נאָך ניט באַפרײַט. איז ווי זשע קאָנסטו אפילע טראַכטן וועגן פאָרן אַהין? — האָט זי ניט אופגעהערט טײַנען צו ליזען. — דאָ ביסטו דערווײַל אײַנגעאָרדנט, אַרבעטסט, האָסט א דאַך איבערן קאָפּ, פון הונגער שטאַרבסטו אויך ניט. וואָס זשע דאַרפסטו נאָך?

— מע דאַרף פאָרן, מאַמע, קיין איין רעגע וויל איך מער ניט וואַרטן!

— ווער ווייסט, טאָכטער, וואָס עס קאָן נאָך זײַן. עס גייט דאָך נאָך דערווײַל די מילכאָמע. דאָס לעבן וועט זיך, מירצעשעם, אײַנשטעלן, דאַן וועלן מיר פאָרן. גלייב מיר, וועסט גאָרנישט ניט פאַרשפּעטיקן.

— מענטשן פאָרן, וועלן מיר אויך פאָרן...

אַנטשיידן זאָגן דער טאָכטער, אַז מע דאַרף ניט פאָרן, האָט כײַע מוירע געהאַט, און לאָזן זיך אין וועג איז אויך געווען שרעקלעך.

„ליזע איז שוואנגער, שוין קימאט אין די הויכע כאדאָשים. דער וועג איז א לאנגער, ניט קיין לײַכטער, נאָר בלײַבן שטעקן דאָ... איז אויך געפערלעך. איז וואָס זשע טוט מען טאקע?״ — האָט כײַע געהאלטן אין איין טראכטן.

די מאמע האָט זיך לאנג געשלאָגן מיט דער דייע און געקומען צום אויספיר, אז מעגלעך, ליזע איז טאקע געדעכט און ס'האָט קיין זין ניט אָפּזאָגן זיך צו פאָרן מיטן עשעלאָן. ווי־ניט־ווי וועלן פאָרן מענטשן אייגענע, באקאנטע, מע וועט העלפן איינער דעם אנדערן אין וועג. ס'וועט זײַן היימלעכער...

„קליגער פון אלעמען בין איך דאָך ניט, — האָט כײַע, שאָלעם מאכנדיק מיט זיך אליין, געטראכט. — מענטשן פאָרן דאָך... אוואדע איז שווער זיך צעשיידן מיט דער היגער ערד, דאָ לאָזט איבער ליזע צוויי קוואָרימלעך פון צוויי קינדער, ס'בלוטיקט דאָס הארץ... אין דער היים, אין קורמאן, איז שוין פרילינג. ס'איז שוין ווארעם, ס'גייען אויף די ערשטע שפּראָצן אף דער ערד, ס'גיסן זיך אָן די קנאָספּן אף דיביימער, און דאָ איז נאָך ווינטער. הורבעס שניי ליגן אף די קוואָרים־בערגלעך פון די קינדערלעך... ס'איז אפילע שווער אָפּצוזוכן דאָס אָרט פון זייער אייביקער רו. נאָר סײַווי וועט זי פאָרן אָפּפאָרן פונדאנען געזעגענען זיך מיט זיי, אויסוויינען איר ביטער הארץ פון פײַנלעכן פארדראָס, וואָס זיי האָבן ניט דערלעבט פאָרן אהיים״.

...אפן פינפטן מעסלעס איז דער עשעלאָן צוגעגאנגען צום סיוואש. פאָרן ווײַטער איז געוועזן געפערלעך, ווײַל נאָענט זײַנען נאָך געגאנגען פארבײַטערטע שלאכטן. אָפּווארטנדיק קימאט א מעסלעס, איז דער צוג אוועק ווײַטער און איז ארוף אף דער קרימער, נאָרוואָס באפרײַטער ערד. געגאנגען איז דער צוג לאנגזאם, אלע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, ביז ער האָט זיך דערשלעפּט צו דער סטאנציע קורמאן.

פון דער ווײַס־שטיינערנער, היימלעכער סטאנציע, לעבן וועלכער ס'איז געהאנגען א גרויסער מעשענער גלאָק, זײַנען געבליבן בלויז שפּורן פון פארייכערטע צעבראָכענע ווענט. ליזע האָט איבערגעלאָזט די מוטער אין א ווינקעלע אף דער פּלאטפאָרמע און אליין אוועק אין ראַיויספּירקאָם, עפּשער וועט זי דאָרט טרעפן עליען אָדער לעכאלהאפּאָכעס זיך דערוויסן, ווו ער איז. א פאַרסאָפּעטע פונעם האסטיקן גאנג, איז זי צוגעגאנגען צו דער געבײַדע פון ראַיויספּירקאָם. זי האָט א ריס געטאָן די טיר, נאָר די טיר איז געוועזן פארשלאָסן. פּלוצעם האָט זי דערזען א צוגעקלעפּט פּאַפּירל, אף וועלכער ס'איז געווען אָנגעשריבן: „דער ראַיויספּירקאָם איז פארמאכט, דער פאָרזיצער איז אין פעלד. וועגן אלע איניאָנים ווענדן זיך צום כאוועריערעמטשוק, וועלכער געפינט זיך אין די רעמאָנט־ווארשטאטן פון דער מטס״.

ליזע איז צוגעגאנגען אהין. ניט געפונען דאָרטן קיינעם, איז זי אײַליק אוועק צו איר שטוב. דאָס הארץ האָט בא איר א ציטער געטאָן, ווען זי האָט פונווײַטן דערזען, אז זייער שטוב איז גאנץ. צוגעגאנגען נעענטער, האָט זי באמערקט, אז די ווענט זײַנען געוואָרן אויסגעקרימט, די שויבן זײַנען אויסגעקלאפּט, א פּאָר פענצטער זײַנען געווען פארשטעקט

מיט שמאטעס. די טיר איז אָנשטאָט א שלאָס געווען פאַרדרייט מיט א דרעטל.

„אילײשע איז שוין דאָ געווען", — האָט זי א טראַכט געטאָן.

אופגעעפנט די טיר, האָט זי דערפילט א פאַרשטיקטן גערוך פון שימל. אין שטוב איז געווען פוסט און אומהיימלעך.

ליזע האָט אײַליק געלאָזט זיך גיין אַפּן וואָקזאַל נאָך דער מוטער. זיי האָבן איבערגעטראָגן די זאַכן אהיים און טײַקעף גענומען מאַכן א שטיקל אָרדענונג אין שטוב. פון די היימישע זאַכן האָט זיך גאָרנישט ניט פאַר־היט. אפילע קיין בעזעם אויסקערן די דילן, א שמאַטע אויסצווישן דעם שטויב האָט זי אויך ניט געקאָנט געפינען.

אָפּגעזוכט ערגעץ א פּאָר ריטלעך, האָט זי ווי־ניט־איז מיט זיי אויס־געקערט די שטוב. זי האָט געפונען דעם אַלטן דרײַפוס און א קעסעלע און געוואָלט עפּעס אָפּקאָכן, קעדיי מעכאַבעד זײַן אילײשען מיט א ביסל היי־מיש געקעכץ, איז אָבער ניט געווען קיין וואַסער, און ווו קריגן האָט זי ניט געוווסט. זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין א פּאָר שכייניש הײַזער און דאָרטן קיינעם ניט געטראָפן.

אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקלען. אָט־אָט דאַרף זיך אומקערן אהיים עליע, נאָר ס'איז דורך א פּאָר שאָ, און ער האָט זיך ניט באַוויזן.

ליזע האָט זיך שוין אָנגעהויבן ערגערן, נאָר באַלד האָט זי זיך אַליין באַרויִקט:

„ס'גייט דאָך דער פאַרזיי, און אין אַזאַ צײַט פאַרגעסט ער שטענדיק אין אַלץ און אַלעמען... ער וועט זיך ערגעץ צושפּאַרן, דורכשלאָפן א פּאָר שאָ און ווײַטער אַוועקטראָגן זיך אין פעלד. איבערהויפּט, אַז ער ווייסט ניט און שטעלט זיך אפילע ניט פאָר, אַז מיר זײַנען שוין דאָ".

אַף מאָרגן גאַנצפרי האָט ליזע זיך אופגעכאַפּט און איז אַרויס אין גאַס, עפּשער וועט זי פאָרט דערוויסן זיך, ווו איז איר עליע, און וועט כאָטש דורך עמעצן איבערגעבן, אַז זי איז מיט דער מוטער געקומען און זיי וואַרטן אַף אים.

ליזע איז אַרומגעגאַנגען איבער די פוסטע גאַסן פון קורמאַן און קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געטראָפן. שוין גייענדיק צוריק, האָט זי פּלוצעם דערזען קלאַוודיען — יערעמטשוקס פרוי. יענע האָט זיך האַסטיק א לאָז געטאָן צו איר.

— יעליזאַוועטע מיכײַלאָוונע, דאַכט זיך? ליזע! — קלאַוודיע האָט אַרײַנ־געקוקט אין איר געזיכט, אויסגעפלעקטן פון שוואַנגערשאַפט פּלאַמען.

— קלאַווע! קלאַוודיִא פּיאָדאָראָוונאַ! — האָט ליזע אויסגעשריִען.

— ווען זײַט איר געקומען?

— נעכטן, טײַערינקע, נעכטן... וואָס הערט זיך בא אײַך? כ'בין נעכטן אַרײַנגעגאַנגען אין מטס, געוואָלט זיך דערוויסן, ווו איליִא אַבראַמאָוויטש איז, נאָר איך האָב קיינעם דאָרט ניט געטראָפן.

— איך האָב אויך ניט לאַנג צוריק אומגעקערט זיך אַהער, כ'האָב גע־מוזט אַנטלויפן פון דאַנען. ווען איך צי דאַן באַצײַטנס ניט אָפּ, וואָלט מען מיך געוויס אופגעהאַנגען...

— און דײַנער ווו איז געווען? — האָט ליזע אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— מײַנער איז געווען בא די פּארטיזאנער. פּאול דער שמעק־הונט האָט באַלד איבערגעגעבן די פאשיסטן וועגן דעם. ס'איז נאָך א נעס, וואָס זיי האָבן אונדזער שטוב ניט אונטערגעצונדן, אניט וואָלטן מיר ניט געהאַט ווו דעם קאָפּ צוצולייגן... ווי:אזוי האָט איר עס באוויזן אזוי גיך זיך אומ־קערן?

— ווי נאָר כ'האָב זיך דערוווּסט, אז אונדזערע דערנעענטערן זיך צו קרים, האָב איך זיך גלײַך געלאָזט אין וועג... איליא אבראמאָוויטש ווייסט נאָך ניט, אז מיר זײַנען געקומען.

— האָט איר אים, הייסט עס, נאָך ניט געזען?

— ער איז נעכטן אפילע אהיים ניט געקומען נעכטיקן.

— ווען ער ווייסט, אז איר זײַט דאָ, וואָלט ער געקומען צו פליִען.

— הײַנט, מיין איך, וועט ער שוין קומען. כ'וואָלט געוואָלט א ביסל צוקלײַבן, אָפּקאָכן עפּעס, האָב איך ניט קיין וואסער. פון דעם ברונעם, וואָס איז ניט ווײַט פון אונדז, קאָן מען נעמען וואסער?

— כ'ווייס ניט. איך נעם פונעם ברונעם, וואָס איז לעבן אונדז. וועגן די איבעריקע ווייס איך ניט. ס'איז פאראן א כשאד, אז אייניקע ברינע־מער זײַנען אָפּגעסאמט. קומט צו מיר, וועט איר אָנעמען וואסער.

— א דאנק, קלאַווּדיִא פּיאָדאָראָוונא. כ'האָב אפילע קיין עמער ניט.

ליזע איז אוועק מיט קלאַווען צו איר אהיים, געגומען בא איר אן עמער מיט א טשײַניק און געבראכט אהיים וואסער. צוזאמען מיט דער מוטער האָט זי אופגעראמט, צוגעקליבן. פון דעם ביסל גרויפּן, וועלכע זיי האָבן געבראכט מיט זיך, האָט זי אָפּגעקאָכט א קאשע, אופגעזאָדן טיי.

שפּעט אין אָוונט, ווען ליזע מיט דער מוטער האָבן זיך שוין געקליבן לייגן שלאָפן, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט.

צוגעלאָפן צו דער טיר, האָט ליזע מיט א ציטעריק קאָל א פרעג געגעבן:

— ווער איז דאָס?

— ליזע! דאָס בין איך... ווען זײַט איר געקומען? כ'האָב זיך גאָר ניט געריכט אף אײַך.

— מיר זײַנען נאָך נעכטן געקומען. שוין מער ווי א מעסלעס, ווי מיר קוקן ארויס אף דיר.

טאפּנדיק אין דער פינצטער, האָט ליזע אָפּגעזוכט דאָס קייטל, מיט וועלכן ס'איז געווען פארשפּארט די טיר. אופגעעפנט, האָט זי בא דער לעוואָנע־שײַן דערזען עליען. זי איז ארופגעפאלן אים אפן האלדז, צעקושט זיך מיט אים און גיך אָנגעהויבן זוכן דאָס שטיקל ליכט, וואָס זי האָט גע־בראכט מיט זיך. קוים געפונען דאָס ליכטל, האָט זי אָנגעצונדן עס, גע־געבן אים מיט וואָס אײַנוואשן זיך און אָנגיכן דערלאנגט אים א גע־קעכץ.

עליע האָט געגעסן און פאנאנדערגעפרעגט בא ליזען, ווי זיי זײַנען דערפאָרן, ווי פילט זי זיך, וואָס מאכט די מאמע?

בא דער טונקעלער שײַן פונעם שטיקל ליכט האָט ער אײַנגעקוקט זיך אין ליזעס פּאָנעם. ער האָט באמערקט, אז זי איז שטארק א טעל געוואָרן. ליזע האָט דערפילט זײַן ווארעמען צארטן בליק, פארויטלט זיך, אראָפּ־

געלאָזט די אויגן. ער האָט זיך דערנעענטערט צו איר, א גלעט געגעבן זי און, צודריקנדיק צו זיך, א קוש געטאָן.

גאַנצפרי איז עליע אופגעשטאנען. ליזע האָט זיך אויך טייקעף אופגע־כאפט, אפגיך אָנגעוואָרעמט דאָס ביסל קאשע, וואָס איז געבליבן פון נעכטן, געמאכט טיי. ער האָט אָפּגעפרישטיקט און איז אוועק אין פעלד. כאָטש ס'איז נאָך געווען פרי, נאָר ליזע האָט זיך שוין מער ניט געלייגט שלאָפן. ערשט איצט האָט זי זיך גענומען ווי עס באדאַרף צו זײַן אופרא־מען אין שטוב. זי האָט אויסגעווישט די ווענט, אויסגעוואשן די דילן, איבערגעטרייסלט די זאכן, וועלכע זיי האָבן געבראכט מיט זיך, אויסגע־וואשן די פענצטער, אופגעהאנגען פאָרהענגלעך. אין שטוב איז געוואָרן ריין און ציכטיק, ס'האָט געפינקלט אין אלע ווינקעלעך.

עליע איז געקומען אהיים, ווען ס'איז נאָך געווען ליכטיק. ליזע איז געווען באזונדערס צופרידן, וואָס זי וועט אים זען אן איבעריקע שאָ אין שטוב, ער וועט אָפּעסן צו דער צײַט, ביז די זון וועט פארגיין. דאָס לעצטע שטיקל ליכט, וואָס איז נאָך בא איר פארבליבן, וועט זי אויסנוצן, ווען ער וועט קומען אהיים שפּעט באנאכט.

— אוי, ווי ס'איז גוט געוואָרן אין שטוב, ס'איז פּאָשעט א כּ׳עס!— האָט ער ארומגענומען ליזען.— און ווו האָסטו גענומען צו מאכן וואר־מעס?

— כ'האָב דאָך געוווּסט, אז מיר פאָרן אין א וויסטעניש, האָב איך צו־ביסלעך אָפּגעשפּאָרט, מיר זאָלן האָבן די ערשטע צײַט מיט וואָס אונטער־האלטן די נעשאָמע.

— גוט, ליזע, וואָס דו האָסט אזוי געטאָן. ביז מיר וועלן דאָ אײַנאָרדע־נען דאָס לעבן, וועט אונדז זײַן שווערלעך.

— מיר וועלן פון הונגער ניט שטארבן. אבי מיר זײַנען אײנינעם, וועט אונדז זײַן אלץ גרינגער איבערצוטראָגן,— האָט, ארויסגייענדיק פון שכיי־נעסדיקן צימער, זיך ארײַנגעמישט כײַע.

איר איז אָנגענעם געווען, וואָס עליע האָט גוט זיך אָפּגערופן וועגן דער אָרדענונג און היימלעכקײַט, וואָס זי מיט ליזען האָבן געמאכט אין שטוב.

— נאָך א טאָג־צוויי וועל איך זיך אײַסעקן אין שטוב און וועל גיין ארבעטן,— האָט ליזע געמאָלדן.

— ווי קענסטו אפילע טראכטן וועגן ארבעט, אז דו דארפסט אינגיכן...— האָט די מוטער געזאָגט.

— ניין, כ'וועל קיין איין טאָג ניט זיצן אין דער היים. ביז דער לעצטער מינוט וועל איך ארבעטן,— האָט ליזע אירס געטײַנעט.

מעהודין האָט געוווּסט, אז אײַנריידן ליזען, זי זאָל ניט ארבעטן, איז סײַווי אומעגלעך. און דאָס איז אים, אייגנטלעך, צום הארצן. ער האָט א ווײַלע א טראכט געטאָן און געזאָגט:

— ווייסט וואָס, קום דערווײַל ארבעטן אין ראַיוּיספּירקאָם. ביז איך בין פארנומען מיטן פארזיי, וועסטו העלפן אײַנאָרדענען מענטשן, וועלכע קו־מען אלע טאָג צו אונדז און פאָדערן הילף.

## 9

צום גליק זײַנען די הייסע טעג, װעלכע האָבן זיך אײַנגעשטעלט גלײַך אין אַפּרעל נאָכן ערשטן גוטן רעגן, געװאָרן לינדערער און האָבן געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען צו פאַרזייען מער טװוּע, װי מע האָט פאָרויס אויסגערעכנט.

די פײַכטקײַט פון דער ערד איז ניט אויסגעטריקנט געװאָרן, װי עס טרעפט אין די קרימער סטעפּעס, זי האָט זיך פאַרהיט. „הייסט עס, אַז דעם טערמין צו זייען קאָן מען פאַרלענגערן און דעם קלין פאַרברייטערן, — האָט מעהודין באַשטימט. — איבערהויפּט, אַז עס זײַנען שוין דאָ טראַקטאָרס און זריִע״.

אין די ייִשובֿים האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן טוישובֿים, װעלכע זײַנען דורך פאַרשיידענע ניסים ניצל געװאָרן פון די הענט פון פאַשיסטישע הענקער. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אין די קאָלווירטן באַזעצט מענטשן פאַרװאָגלטע, פאַרטריבענע דורך דער מילכאָמע פון װײַטע מעקוימעס, װעלכע זײַנען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און האָבן געזוכט װוּ צוצושפּאַרן זיך. געפונען דאָ, נאָך לאַנגע מאַטערנישן, אַ נײַע היים, האָבן זיי זיך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט און זײַנען פאַר אַ קורצער צײַט געװאָרן װי אָרטיק־געבוירענע.

אין דער הייסער און אָנגעשטרענגטער צײַט פון פאַרזייִ איז אין קורמאַן אַראָפּגעקומען דער געװעזענער ערשטער סעקרעטאַר פון ראַיאָנישן פאַרטיי־קאָמיטעט ליובעצקי. די פיר װוּנדן, װעלכע ער האָט באַקומען אויף די שלאַכט־פעלדער, האָבן שטאַרק אונטערגעריסן דאָס געזונט זײַנס, נאָר אויף זײַן פּאָנעם איז עס שװער געװען צו באַמערקן. אין די שװאַרצע אויגן האָט, װי פריִער, געברענט דאָס פאַרשײַטע פײַערל. נאָך דער לעצטער פאַרװוּנדונג אַרום קורסק, װען מע האָט אים דעמאָביליזירט און אָפּגעשיקט אין רעשוס פון קרימער געגנטקאָם, האָט דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם געפרעגט ליובעצקין:

— אײַער געזונט־צושטאַנד, נאָך אַזױפיל פאַרװוּנדונגען, װעט אײַך דערלויבן אומקערן זיך צו דער פריִערדיקער אַרבעט?

— כ׳מיין, אַז יאָ, — האָט ליובעצקי געענטפערט.

— כ׳דאַרף אײַך װאָרענען, אַז קורמאַנער ראַיאָן האָבן די פאַשיסטן פאַרװאַנדלט אין אַ דורכויסיקער װיסטעניש, — האָט פאָרגעזעצט דער סעקרעטאַר. — מענטשן זײַנען געבליבן װייניק, די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע דאַרף מען דאָרט שאַפן. איר זײַט געװען אַ סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, אַ קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק, און אַ קאָמיסאַר גייט שטענדיק פאָרויס. פון די סאַמע איבערגעגעבענע און פאָרויסגייענדיקע ערד־אַרבעטער װעלן זיך מערן די צאָל קאָמוניסטן אין ראַיאָן. די אַלטע קאָלווירטניקעס האָבן געלאָזט טיפע װאָרצלען, טראַדיציעס פון מעסירעסנעפּעשדיקער אַרבעט, איינער פון זיי איז מעהודין, דער פאָרזיצער פון ראַיױספּירקאָם.

— מעהודין לעבט? ער איז דאָ? — האָט ליובעצקי זיך דערפרייט. — איך װייס, װער מעהודין איז. ער איז דאָך פאַר מײַנע אויגן אויסגעװאַקסן. נאָך אַ יונג ייִנגל איז ער געקומען אין סטעפּ און האָט זיך אויסגעטיילט פון די

איבעריקע איבערוואנדערער מיט זײַן אויסערגעוויינלעכער ליבע צו ערד־ארבעט. ער האָט באוויזן אופטאָן אין זײַן בריגאַדע אזוינס, וואָס האָט אלע־מען באוואונדערט. ער איז געווען אפן צוזאמענפאַר פון די שלאַגלער־קאָל־ווירטניקעס און איז דאָרטן, אין קרעמל, באלוינט געוואָרן מיט א לענין־אָרדען.

— זײַט איר, הייסט עס, אין א געוויסער מאָס, מעהודינס דערציִער?

— פארוואָס איך? די פּארטיי, דער קאָמיוג, דער קאָלעקטיוו, ווו ער האָט געארבעט, האָבן אים דערצויגן. איך קאָן אײַך זאָגן, אז אף מעהור־דינען קאָן מען זיך שטענדיק פארלאָזן.

— נו, איז פאָרט, און ארבעט, און זײַט מאַצליִעך,—האָט געזעגנט זיך מיט אים דער סעקרעטאר.

דעם זעלבן טאָג איז ליובעצקי אוועקגעפאָרן קיין קורמאן. געפאָרן איז ער, ווי צו זיך אהיים. מיט א ווייטעק אין הארצן האָט ער זיך דערמאָנט, אז א סאך, א סאך פון די מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט און וועלכע זײַנען אויסגעוואקסן פאר זײַנע אויגן, זײַנען שוין ניטאָ. פאר זײַנע אויגן זײַנען געשטאנען פריילעכע, לוסטיקע יאטן און יאטעכעס פון די קאָמיור־גישע קעמערלעך פון די איבערוואנדערישע ייִשוּווים—די טשובאטע, ריי־רעוודיקע, ארויסגעוואקסענע פון די איבערגענייטע קורצע רעקעלעך, כעוורע, און די יאָדערדיקע, פולע מיט כיין מיידלעך—קאָמיוגיסטקעס. וויפל מאָל פלעגט ער אף די רוישיקע קאָמיוגישע פארזאמלונגען זיצן מיט זיי, באהאנדלען וויכטיקע פראגן און נאָכדעם ביז שפּעט אין דער נאכט ארײַן זינגען:

По морям, по волнам
Нынче здесь, завтра там [1].

ער איז געווען פאר זיי א לערער און א פאָטער. זיי האָבן אים, ווי עס איז געווען אָנגענומען אין יענער צײַט, גערופן אף „דו", בא א סאך פון זיי איז ער בײַגעווען אף רויטע כאסענעס. זיי זײַנען נאָכדעם געוואָרן טאטעס און מאמעס פון קינדער. פיל פון זיי ליגן איצט מיט די קינדערלעך אין גריבער, ווו מע האָט זיי לעבעדיקערהייט באגראָבן. א סאך יאטן האָבן אוועקגעלייגט זייערע קעפּ אין די פארביטערטע שלאכטן פון דער פאָטער־לענדישער מילכאָמע.

ליובעצקי האָט זיך דערמאָנט, וויִאזוי אף איינעם פון די הייסע קאָמיור־גישע פארזאמלונגען האָט מעהודין געטאדלט א פּאָר כעוורע פון זײַן ברי־גאַדע פאר זייער נאָכלעסיקער באציִונג צו דער ארבעט און געפאָדערט זיי אויסשליסן פון קאָמיוג.

— מע טאָר ניט אזוי, כאַווערל, מע דארף זיך ניט היצן, מע דאַרף גע־דולדיק איבערדערציִען מענטשן, לערנען זיי און ניט אָפּהאקן קיין געזונטע צווײַגלעך, וועלכע קענען וואקסן,—האָט ער, ליובעצקי, אים געלערנט.

נאָר סיִווּי האָט דער יונגער הייסער באָכער אויסגענומען אין זײַנע

[1] איבער יאמען, איבער כוואליעס,
הײַנט דאָ, מאָרגן דאָרטן.

אויגן. ווען ער פלעגט קומען אין יִשעוו „נײַשפּראַצן“, פלעגט ער ליב האָבן שמועסן מיט אים. שוין דאַן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער יאַט וועט ווײַט אַוועק... איצט איז אים פאַרגעשטאַנען באַגעגענען זיך מיט אים, ווי מיט אַ גלײַכן טוער, וועלכער איז אײַנייִנעם מיט אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איין זאַך.

ווי נאָר מעהודין האָט זיך באַוויזן פאַר אים, האָט ער גלײַך באַמערקט, אַז יענער האָט, דאַכט זיך, אָף קיין האָר זיך ניט געענדערט. דאָס זעלבע ברויזיקע האָריק קלאַפּט אין אים. די זעלבע קלוגע דורכדרינגלעכע אויגן.

— אָט אַ גאַסט! — האָט מעהודין אויסגעשריִען.

— וואָס פאַר אַ גאַסט? מע פאָרט דען אין אַזעלכע צײַטן צוגעסט?

— הייסט עס, אָף שטענדיק? צוריק אָף אַרבעט צו אונדז?

באַ מעהודינען האָט געשײַנט דאָס פּאָנעם.

— ווהין זשע נאָך זאָל איך פאָרן? — האָט ליובעצקי געשמייכלט. — דאָ איז דאָך מײַן היים... גלײַך ווי מע האָט מיך דעמאָביליזירט נאָך דער פאַרוווּנדונג, האָב איך געבעטן זיך אַהער.

— פון פראָנט — צוריק אָפן פראָנט! — האָט מעהודין באַמערקט.

— וווּ איז איצט ניט קיין פראָנט?

זײַענדיק צעראַשט פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, האָט מעהודין ניט געוווּסט וואָס פריִער פרעגן באַם גאַסט.

— לאָמיר אַרײַנגיין צו מיר, — האָט ער פאָרגעלייגט. — ליזע איז הײַנט פונקט אין דער היים. זי האָט זיך ניט לאַנג אומגעקערט פון עוואַקואַציע און האָט גלײַך אָנגעהויבן אַרבעטן אין ראַיויספּירקאָם. כאָטש עס איז איר שווערלעך איצט, נאָר מע קאָן זיך אָף איר פאַרלאָזן... איז קום, וועסט זיך אָפּרוען. מיר וועלן איבערבײַסן און עפּשער נאָך הײַנט צוזאַמען אַרויס־פאָרן אין פעלד אַ קוק טאָן, ווי עס גייט דאָרט די אַרבעט.

ליזע האָט באַגעגנט ליובעצקין זייער פרײַנטלעך. זי האָט אָפּגיך צו־געקליבן אין שטוב, געמאַכט אַ פּײַנקוכן, אָפּגעקאָכט קאַרטאָפּליעס.

— נו, גענוג, איר וועט זיך נאָך אָנריידן, קומט עפּעס איבערכאַפּן, — האָט זי אײַנגעלאַדן דעם גאַסט און דעם באַלעבאָס צום טיש.

— גריגאָרי מיכײַלאָוויטש, כ'האָב אַפילע ניט באַוויזן פרעגן וואָס הערט זיך באַ אײַך, וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט מאַשע? דאָס ייִנגעלע אײַערס? כ'האָב פאַרגעסן ווי עס הייסט... — האָט ליזע אַרײַנגעמישט זיך אין גע־שפּרעך מיטן גאַסט.

— מיר וועלן נאָך ריידן, ליזע, אַלץ אויסדערציילן איינער דעם אַנ־דערן... אונדזערן אַ ברודער אינטערעסירט פריִער פון אַלץ די אַרבעט, און דאָס פערזענלעכע לעבן איז אָפן צווייטן פּלאַן, — האָט געענטפערט ליו־בעצקי. — וואָס קאָן איך דערציילן באַזונדערס וועגן זיך?..

— וועגן זיך פאַרגעסט איר שטענדיק, — האָט ליזע זיך אָפּגערופן.

— אַוואַדע פאַרגעסט מען אָפט וועגן זיך. באַזונדערס איצט, ווען מע דאַרף פאַרהיילן די וווּנדן פון דער מילכאָמע...

— אַזוי טאָר מען אויך ניט, אַ קאָמוניסט האָט אויך אַ ווײַב, קינדער, היימישע זאָרג און דײַגעס...

— אוודע, ליזע איז געוויס גערעכט, — האָט כײַע, דערלאַנגענדיק טיי צום טיש, אונטערגעהאַלטן די טאָכטער. זי האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיטן גאַסט. ליובעצקי האָט געפֿרעגט בײַ דער אַלטער פֿרוי, וואָס זי מאַכט, ווי זי פֿילט זיך אין געזונט, און דערנאָך האָט ער פֿאַרגעזעצט:

— אַ קאָמוניסט קאָן ניט געהערן נאָר דעם ווײַב, ער געהערט פֿריִער פֿאַר אַלץ דעם פֿאָלק.

— און דעם ווײַב אויך, — האָט צוגעגעבן איליא אַבראַמאָוויטש.

— איר הערט ווערטער? דעם ווײַב אויך! — האָט ליזע זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. — דאָס ווײַב, הייסט עס, איז בײַ אײַך אויפֿן צווייטן פּלאַן... נו, מיילע, מע קאָן דען מיט אײַך זיך אויסטײַנען, אַז איר לעבט נאָר מיט דער אַרבעט. פֿונדעסטוועגן וויל איך, גריגאָרי מיכײַלאָוויטש, איר זאָלט דערציילן וועגן זיך, וועגן אײַער פֿרוי און קינד.

— איך בין געווען שווער פֿאַרוווּנדעט, געווען מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער. און אַזויווי איך בין געבליבן אויף דער וועלט, און מע דאַרף אַרבעטן, בין איך געקומען צוריק אַהער, צו אײַך. וואָלאָדיק איז שוין אַ גרויס ייִנגל, ער איז בײַ דער באָבען. און מאַשע...

די ליפּן בײַ ליובעצקין האָבן אָנגעהויבן ציטערן. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס׳האָט אים פֿאַרשלאָגן דער אָטעם און ער האָט מער קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסברענגען.

— מאַשע איז אומגעקומען... — האָט ער נאָך אַ לאַנגן שווײַגן גענומען דערציילן. — זי איז געווען פֿאַרוווּנדעט. נאָכדעם ווי זי האָט זיך אונטערגעהיילט, האָט מען זי אָפּגעלאָזט פֿון אַרמיי. זי איז אוועקגעפֿאָרן צו דער מוטער און צום קינד, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויפֿן אוראַל. דאָרט האָט זי זיך אײַנגעאָרדנט און געאַרבעט אין אַ האָספּיטאַל. נאָר זי האָט געוואָלט זײַן מיט מיר און געבעטן זיך צוריק אויפֿן פֿראָנט. זי האָט געשריבן אַ ראַפּאָרט נאָך אַ ראַפּאָרט, ביז מ׳האָט איר ביטע באַפֿרידיקט. אויפֿן פֿראָנט איז זי דאָס צווייטע מאָל געווען ניט לאַנג. ווען מ׳האָט מיך פֿאַרוווּנדעט, האָט זי, זײַענדיק אין סאַנבאַט, גלײַך דערוווּסט זיך וועגן דעם און טייקעף זיך געלאָזט צו מיר, נאָר צו מיר איז זי ניט דערגאַנגען. אויפֿן וועג איז זי אומגעקומען פֿון אַ שפּליטער פֿון אַ מינע.

ליזע האָט מיט טיפֿן מיטגעפֿיל געקוקט אויף ליובעצקין אין די צאַרפּולע אויגן, זי האָט לאַנג אײַנגעהאַלטן אין זיך דעם אָטעם, סאָפּקאָלסאָף האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און מיט טרערן געזאָגט:

— ווי נאָר איך האָב אַ קוק געגעבן אויף אײַך, האָב איך דערפֿילט, אַז ס׳איז בײַ אײַך געשען אַן אומגליק, אַז איר טראָגט אין האַרצן אַ ווונד. מיר זײַנען אויך זאַט פֿון צאָרעס... צוויי קינדער האָבן מיר פֿאַר דער צײַט פֿאַרלאָרן...

ליזע האָט ניט אויסגעהאַלטן און הויך אויף אַ קאָל זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט.

— ווידער? האָסט שוין לאַנג ניט געוויינט, וויפֿל איז דער שיר? — האָט עליע זי אַרומגענומען.

— גענוג טאַקע צו דערמאָנען די צאָרעס, — האָט כײַע געפּרוּווט באַרויִקן ליזען.

א היפּשע ווײַלע זײַנען זיי געזעסן יעדערער פאַרטיפט אין זײַנע געדאנקען און געשוויגן. ווענדיק אָפּוועגדן ליובעצקין פון זײַנע שווערע ראַיוינעס, האָט מעהודין זיך ווידער אומגעקערט צו די פריערדיקע געשפּרעכן.

— זאָרג האָבן מיר א סאך, זייער א סאך, — האָט מעהודין געזאָגט. — אינצווייען וועט אונדז זײַן גרינגער. איז לאָמיר טאקע ניט אָפּלייגן און טייקעף זיך נעמען פאַר דער ארבעט.

## 10

ביז מע האָט פאַרענדיקט זייען די שפּעטע קולטורן, זײַנען אופגעגאנגען די טוווּעס. די ערשטע פון דער ערד אויסגעפּיקעוועטע שפּראָצן זײַנען געווען בונט־גרינע, זאפטיקע, פולע מיט קויכעס צו וואקסן. ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן אופגיין די זונרויזן, קוקורוזע און באשטאנעס, האָבן זיך שוין די פריִיִקע פאַרזייען אופגעהויבן אין וווּקס. נאָר די היצן, וועלכע האָבן זיך דאָס יאָר אָנגעהויבן פריִער ווי אלעמאָל, האָבן אומראכמאָנעסדיק געבראָטן, אויסדאמפנדיק פון דער ערד דאָס לעצטע ביסל פײַכטקײַט. אף די יונגע טוווּעס האָבן זיך שוין דאָ און דאָרטן באוויזן געלע וועלקנדיקע פלעקן.

„וואָס טוט מען? דער פאַרזיי קען דאָך פאַרפאַלן ווערן", — איז מעהודין ארומגעגאנגען א פאַרזאָרגטער און פאַראקשנט נאָכגעשפּירט נאָך יעדן סימען, נאָך יעדער מינדסטער אָנדײַטונג אף א רעגן. ער האָט אָן אופהער געהאלטן אין איין צוקוקן זיך, ווי די זון גייט אוף און ווי זי פאַרגייט, ווי די לעוואָנע באווײַזט זיך, ווי זי פאַרשווינדט, נאָכגעשפּירט נאָך אלע סימאָנים, וועלכע האָבן געוויזן אף רעגן, און קיין רעגן איז פאָרט ניט געגאנגען.

וואָלקנדלעך האָבן זיך באוויזן אפן הימל, גיך פאַרשוווּנדן, און די זון האָט געסמאליעט און געסמאליעט. פון די אומדערטרעגלעכע היצן איז די ערד צעטראסקעט געוואָרן. ווי טויזנטער צעעפנטע מײַלער, האָבן די שפּאלטן מיט ראכמאָנעס געבעטן בא די וואָלקנס דערבארעמען זיך און שענקען כאָטש א פּאָר טראָפּנס וואסער צו אָטכײַען די פאַרשמאכטע ערד. אָבער ווי נאָר א וואָלקנדל האָט זיך באוויזן אפן הימל, האָבן ווי אפצולאָכעס א בלאָז געגעבן דולע און בייזע ווינטן, פאַריאָגט עס און, אופהייבנדיק א שטויב פון דער איבערגעטריקנטער ערד, אויסגעלעקט די לעצטע טראָפּנס פײַכטקײַט.

אין איינעם א שטיקנדיק הייסן טאָג האָט מעהודין זיך געלאָזט פאָרן איבערן ראַיאָן. פלוצעם האָט זיך אף א ראנד הימל באוויזן א וואָלקן, און באלד האָט זיך דערהערט א טויבע דונערײַ.

„ס׳רעגנט ערגעץ", — האָט מעהודין א טראכט געטאָן.

דער וואָלקן איז געדיכטער געוואָרן, טונקעלער און, צודעקנדיק די זון, מיט א מוירעדיקער שנעלקײַט זיך צעשפּרייט איבערן הימל. א לײַכט ווינטל האָט א ווייע געטאָן. די טוווּעס האָבן אָנגעהויבן רוישן. אין סטעפּ איז געוואָרן קיל און טונקל. דער מעכטיקער וואָלקן, וועלכער האָט אײַנגע־

הילט דעם הימל, איז געוואָרן אָנגעשוואָלן און האָט מיטאַמאָל געפּלאַצט. גרויסע זאַפּטיקע טראָפּנס האָבן זיך א ריס געטאָן צו דער פאַרשמאַכטער און פאַרטריקנטער ערד. א בליץ, באַשײַנענדיק א האַלבן הימל, האָט זיך דורכגעטראָגן, און טײַקעף האָט א דונער דורכגעהילכט די בסורע, אַז ס'איז אוועק א גרויסער רוישיקער רעגן. דער רעגן האָט געגאָסן און געגאָסן, די ערד האָט דאָרשטיק געזשליאָקעט און ניט געקאָנט זיך אָנטרינקען.

אַלץ, וואָס עס וואַקסט אַף דער ערד, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט זאַפט צו וואַקסן און בליִען. א גליקלעכער, א דורכגעווייקטער, האָט מעהודין זיך געטראָגן אַהיים, און דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו גיסן.

דערזעענדיק דורכן פענצטער עליען, איז כײַע ארויסגעלאָפן אים אַנט־קעגן.

— מאַזלטאָוו דיר! — האָט זי אים באַגעגנט מיט אַן אויסגעשריי.

— מאַזלטאָוו אײַך מיטן רעגן!

— איך גיב דיר אָפּ מאַזלטאָוו, ליזע האָט געבוירן א זון!

— א זון? — איז מעהודין געוואָרן פריידיק איבערראַשט. — זעט נאָר, וואָס פאַר א גליקלעכער טאָג הײַנט איז. א זון און א רעגן. וואָס קאָן זײַן טײַערער אַף דער וועלט!..

— זאָל אײַער זון טאָקע טראָגן דעם נאָמען, וועלכן איר האָט פאַר אים צוגעגרייט, — וואָלאָדיע. וולאַדימיר איליטש וועט ער הייסן, — האָט כײַע, א גליקלעכע, געזאָגט. — און זאָל ער מיט מאַזל וואַקסן און זיך ציִען צו דער זון.

11

פונעם ערשטן טאָג האָט ליובעצקי זיך ארײַנגעצויגן אין דער ארבעט. ער האָט געקענט דעם ראַיאָן, ווי זײַנע צען פינגער. אויסגעצייכנט געוווּסט, ווו אין סטעפּ ס'געפינט זיך יעדעס בערגעלע, יעדעס באַלקעלע, ווו וואָס מע דאַרף זייען און ווו וואָס עס גראָט אַמערסטן.

ווי א פּלאַנצער, וועלכער ציטערט איבער יעדעס ביימעלע, שפּירט נאָך נאָך יעדעס צווײַגעלע, אַזוי האָט ליובעצקי שטענדיק געהאַט אין אויג יעדן מענטשן, וועלכער האָט זיך מיט וואָס־ניט־איז אויסגעצייכנט, ער האָט צו־געגעבן אים מוט און קויכעס צו נײַע אויפטוען. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן שפּראָצלינג אין פעלד, מיט יעדן קנאָספּ אַפן בוים, מיט יעדער זאַנג, מיט יעדן אויבס — מיט אַלץ, מיט וואָס די ערד באַשענקט דעם ערד־ארבע־טער פאַר זײַן מי.

— ס'וואַקסט, אַבראַמיטש, ס'וואַקסט... — פלעגט ער א צופרידענער זאָגן צו מעהודינען.

...פון טאָג צו טאָג האָבן זיך געפעסטיקט די ווידער־אויפגעלעבטע קאָל־ווירטן. ס'האָבן נאָך און נאָך זיך אומגעקערט טוישווים, וועלכע זײַנען לעבן געבליבן, צו זייערע היימען. עס זײַנען צוגעקומען נײַע מענטשן. די ער־שטע גערעטעניש אַף די פאַרלאָזטע פאַר די אָקופּאַציע־יאָרן פעלדער פון טוועס, דורכאַקער־קולטורן און די באַשטאַנעס האָבן געגעבן א מעגלעכ־

קײט די קאַלווירטן צו שטעלן זיך אַף די פיס. די פאַרווילדעוועטע ווײַנגערטענער און די צערוויִנירטע סעדער האָבן ווידער אָנגעהויבן געבן פּרוכטן. די ווירטשאַפט איז פון יאָר צו יאָר אַלץ מער אוועק באַרג־אַרוף. אָבער די גערעטענישן זײַנען דאָך נאָך געווען ניט קיין הויכע, די פּראָדוקטיווקײט פון די קלײנע פערמעס — אַ נידעריקע, די האַכנאָסעס פון די ניט גרויסע סעדער און ווײַנגערטענער האָבן קוים געדעקט די הוצאָעס.

— די לאַגע אין די קאַלווירטן האָט זיך טאַקע פאַריכט. ס'איז געוואָרן אַ ביסל פריילעכער, דער אוילעם האָט אָנגעהויבן לעבן בעסער, נאָר סײַווי זײַנען מיר שטאַרק הינטערשטעליק, — האָט געהאַלטן מעהודין אין איין טײַנען צו ליובעצקין. — ניט זעלטן פאַרגעסן מיר, אַז אַ ווירטשאַפט האָט ליב כעזשבן. ביז מיר וועלן אַזוי אַרבעטן, וועלן מיר ניט וויסן, אַף וועלכער וועלט מיר זײַנען. גיט נאָר אַ רעכן, וואָס עס קאָסט אונדז אַ צענטנער ברויט, אַ ליטער מילך.

ליובעצקי האָט אויך ניט ווייניק געטראַכט וועגן דעם. מעהודין האָט אַרײַנגעטראָגן פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, וויִאַזוי איבערבויען די ווירטשאַפט פון די קאַלווירטן, מאַכן זי אַ פילצווײַגיקע. ער האָט צונויפגעשטעלט אַ גענויען פּלאַן, וויִאַזוי זיכערן אַ סטאַבילע עקאָנאָמיע. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געדאַרפט באַהאַנדלט ווערן אַף איינעם פון די נאָענטסטע פּלענומס פונעם ראַיקאָם. נאָר פּלוצעם האָט מעהודין באַקומען אַ טעלעפאָנאָגראַמע, אַז מע רופט אים אַרויס אין געגנטקאָם פון פּאַרטיי.

— צוליב וואָס קענען מיך עס רופן? — האָט ער געפרעגט בא ליובעצקין.

— אין דער טעלעפאָנאָגראַמע איז דאָך אָנגעוויזן דײַטלעך — אַף אַ שמועס.

— וואָס פאַר אַ שמועס? וועגן וואָס?

— וועסט קומען אַהין, וועט מען דיר זאָגן.

אַף מאָרגן גאַנצפרי איז מעהודין אוועקגעפאָרן אין געגנטקאָם. סאָלאָמאַטין, דער געוועזענער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם, האָט ער גע־ וווסט, איז דאָרטן שוין ניטאָ. קיינעם פון די נײַע טוער האָט מעהודין גוט ניט געקענט.

אַרײַן אין דער געבײַדע פון געגנטקאָם, האָט ער געווענדט זיך צו דער סעקרעטאַרשע — אַ פרוי מיט שיינע בלאָנדע געקרײַזלטע האָר, וועלכע איז געזעסן אין אופנעם־צימער.

— דער כאַווער סאַמאַרין האָט מיך אַרויסגערופן.

— ווי איז אײַער פאַמיליע?

— מעהודין.

— פון קורמאַנער ראַיאָן?

— יאָ.

די פרוי איז טייקעף אַרײַן צום סעקרעטאַר אין קאַבינעט. אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך אומגעקערט.

— ביטע, גייט אַרײַן.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אופגעהויבן פון טיש, געמאַכט אַ פּאָר טריט פּאָרויס און גאַסטפרײַנטלעך געזאָגט:

— ביטע, ביטע, גייט אַרײַן, זעצט זיך.

— נו, וואָס הערט זיך בא אײַך אין ראיאָן? — האָט ער געפרעגט, נאָכ־דעם, ווי מע האָט זיך באַגריסט.

מעהודין האָט געענטפערט קורץ:

— מיט די ווירטשאַפטלעכע קאַמפּאַניעס ספּראַווען מיר זיך, דאַכט זיך, ניט שלעכט... מיר נעמען אָן א ריי מאָסמיטלען, וויאַזוי צו פאַרפעסטיקן די קאָלווירטן.

ס'איז קאָנטיק געווען, אַז דער סעקרעטאַר האָט זיך געקליבן לאַנג שמועסן מיט מעהודינען, ער האָט פאַרגעבן אַלץ נײַע און נײַע פראַגעס. ענדלעך, איז ער צוגעגאַנגען צום איקער.

— ווי קוקט איר, אויב דער געגנטקאָם וועט אײַך אַריבערפירן אין אַן אַנדער ראיאָן, וועלכער נייטיקט זיך אין א געניטן, דערפאַרענעם פאַר־טייַישן אָנפירער?

מעהודין איז אַפילע געוואָרן צעטומלט פונעם אומגעריכטן פאָרשלאָג. ער האָט א היפּשע ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איר ווייסט גוט, אַז די קאָלווירטן אין אונדזער ראיאָן איז אויסגע־קומען צו שאַפן פונסנײַ, נאָך א סאַך אָנשטרענגונגען האָבן זיי ערשט זיך אָנגעהויבן אָנעמען מיט קויכעס. מע דאַרף זיי נאָך א סאַך העלפן... וויאַזוי זשע קען איך אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער ראיאָן?

— דער געגנטקאָם ווייסט עס אַלץ גוט, מיר האָבן אַלזײַטיק באַטראַכט דעם איניען. מיר האַלטן פאַר צוועקמעסיק רעקאָמענדירן אײַך פאַר א סעקרעטאַר אינעם ראיאָן, וווּ מע נייטיקט זיך נאָך מער.

מעהודין האָט פאַרשטאַנען, אַז דער איניען איז קימאַט א באַשלאָסע־נער, פונדעסטוועגן האָט ער געפּרוּווט דערווידערן. דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם האָט אַלע מאָטיוון אָפּגעוואָרפן.

— וווּ איר קענט מער נוצן ברענגען, ווייסט דער געגנטקאָם ניט ווײַ־ניקער פון אײַך. ליובעצקי איז א מענטש א דערפאַרענער, ער קען גוט דעם ראיאָן, און אַז ער וועט זיך אָנשטרענגען, וועט ער אויסגעצייכנט זיך ספּראַווען אָן אײַך. דאָרטן, וווהין מיר רעקאָמענדירן אײַך, איז א שווערער דורכרײַס. און איר דאַרפט זײַן דאָרט, ווו ס'איז איצט נייטיקער.

מעהודינען האָט דער מוסער־טאָן, מיט וועלכן סאַמארין האָט אַרויס־געזאָגט די ווערטער, א קאָראָבע געטאָן, נאָר ער האָט באַמיט זיך אָף דעם ניט רעאַגירן.

— איך בין איבערצײַגט, — האָט ער געזאָגט, — אַז איך קאָן מער נוצן ברענגען דאָרטן, ווו איך בין אויסגעוואַקסן, ווו איך קען אַלעמען...

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט דעם שטאַנדפּונקט פון געגנטקאָם.

מעהודין האָט געפּרוווט דערווײַזן זײַנס. ער האָט געפּרוווט דערציילן דעם סעקרעטאַר וועגן די מאָסמיטלען, וועלכע ער וויל אָנעמען בא זיך אין ראיאָן אָף צו פאַרגרעסערן די גערעטעניש פון די פעלדער און צו פאַרבעסערן דעם מאַטעריעלן ווילשטאַנד פון די מענטשן.

— דאָרט וועט מען זיי מיט דערפאָלג אָן אײַך פאַרווירקלעכן, — האָט דער סעקרעטאַר באַמערקט. — און איר וועט פאָרן אהין, ווו די פּאַרטיי שיקט אײַך. קלאָר?

מעהודין האָט זיך אופגעהויבן און געוואָלט זיך לאָזן גיין. צום שלוס האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט:

— מיר וועלן דעם איניען באַטראַכטן, נאָר איך האַלט, אַז אײַערע מאָ־טיוון, צוליב וועלכע איר זאָגט זיך אָפּ, זײַנען ניט קיין באַגרינדעטע. דעם באַשלוס פון געגנטקאָם וועלן מיר אײַך מיטיילן אין א פּאָר טעג אַרום.

אַרויסגעגאַנגען איז מעהודין פון געגנטקאָם מיט א שווער געמיט. שטייענדיק א פּאַרטראַכטער באַם אַרויסגאַנג, האָט ער דערזען דורכגיין א פרוי, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן אים אַזוי קענטיק, אַז ער האָט באַשטימט דעריאָגן זי. ווען זי איז שוין צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, וועלכע האָט געוואַרט אויף איר, האָט זי אינסטינקטיוו א קער געגעבן דעם קאָפּ אויף צו־ריק, און ער האָט דערזען מינען.

— אילִיושע! — האָט זי אויסגעשריען. — כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָ וועל איך דיך טרעפן.

— ווי קומסטו אַהער? — האָט מעהודין געפרעגט.

— איך אַרבעט אין קיראָווער ראַיאָן.

— אין קיראָווער ראַיאָן? מע שיקט מיך פונקט אַהין...

— אויף וואָס פאַר אַן אַרבעט שיקט מען דיך? — האָט מינע געפרעגט. — פאַר א דירעקטאָר פון מטס, מיסטאַמע?

— ניין, פאַר א סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

— אָ, זייער גוט, אַזאַ, ווי דו, דאַרף מען איצטער. וועסט דאָרטן העלפן מאַכן אַן אָרדענונג.

— וואָס מאַכסטו? דערציי͏ל, שוין וויפל צײַט, ווי מיר האָבן זיך ניט געזען! — האָט מעהודין, וועלנדיק איבערבײַטן דעם שמועס, אָנגעהויבן פאַר־נאַנדערפרעגן.

— יאָ, מיר האָבן זיך שוין טאַקע לאַנג ניט געזען... — מינע האָט אַרײַנ־געקוקט עליען אין די אויגן. פון דעם שלאַל געפילן און געדאַנקען, וועלכע האָבן אָנגעפלייצט אין איר, פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש האָט זי ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן.

א הילכיקער סיגנאַל־פּײַף האָט געגעבן צו וויסן, אַז די מאַשין, מיט וועלכער זי דאַרף זיך אומקערן אַהיים, פאָרט שוין אָפּ.

— ווען זשע וועסטו קומען צו אונדז? — האָט זי געפרעגט. — ס׳ווילט זיך אַזוי מיט דיר דורכריידן, דערציילן דיר אַלץ פון מײַן לעבן, דערוויסן זיך, וואָס באַ דיר טוט זיך.

— כ׳וועל די טעג, מיסטאַמע, קומען... — האָט ער געזאָגט.

## 12

ליזע האָט מיט אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויפן מאַן. ס׳האָט זיך איר שוין גיכער געוואָלט וויסן, צוליב וואָס מע האָט אים אַרויסגערופן אין געגנט־קאָם. אומגעקערט זיך אַהיים האָט ער שפּעט אין אָוונט. נאָך איידער ער האָט באַוויזן איבערטרעטן די שוועל, איז זי צוגעלאָפן אים אַנטקעגן:

— וואָס האָט מען דיר געזאָגט אין געגנטקאָם?

— ס׳קען זײַן, אַז אונדז וועט איינגיכן אויסקומען פאַרלאָזן קורמאַן.
— וואָסי? וואָס איז געשען?
— מע שיקט מיך אין אַן אַנדער ראַיאָן.
— וואָס הייסט? דאָ דאַרף מען דיך שוין ניט? דאָ האָסטו שוין אַלע אַרבעטן איבערגעטאָן?
— כ׳ווייס ניט. דער געגנטקאָם האָט אַזאַ מיינונג. כ׳האָב גערעדט, געטײַנעט, דערוויזן, אַז איך בין דאָ נייטיקער, אַז איך קען דאָ מער נוצן ברענגען, אַז אַלץ וועט מיר דאָרטן זײַן אומבאַקאַנט, און ס׳האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט ניט געהאָלפֿן.
— מיר האָבן זיך דאָ אײַנגעאָרדנט, — האָט זי אָנגעהויבן טײַנען, — איז פאַר גאָר אַריבער אין דער פרעמד. ביסט דאָך מיסטאָמע הונגעריק? — האָט זי זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן. — וואַש זיך אײַן און זעץ זיך עסן.
עליע האָט זיך אײַנגעוואַשן און אַוועקגעזעצט זיך צום טיש.
— איך בין אַזוי פריטשמעליעט געוואָרן פון דער נײַס, וואָס דו האָסט געבראַכט, אַז איך האָב אַפילע פאַרגעסן אָן דעם וואַרעמס, — האָט זי זיך פאַרענטפערט.
— נישקאָשע, ליזע, ס׳איז ניט שרעקלעך, — האָט עליע געזאָגט. — אַרבעטן דאַרף מען אומעטום.
ליזע האָט, צאַרט אַרײַנקוקנדיק אים אין די אויגן, אויסגערעדט פאַר עליען דאָס האַרץ:
— שוין וויפל יאָר, זינט מיר האָבן כאַסענע געהאַט, און איך זע דיך דאָך קימאַט ניט. נאָר דו האַוועסט און האַוועסט. דאָס ווײַב, די שטוב איז בא דיר אַפּן לעצטן אָרט. איך פאַרשטיי, ס׳זײַנען געווען שווערע יאָרן אין מילכאָמע־צײַט, נאָכדעם די כורוועס, מע האָט געדאַרפט פאַרהיילן די וווּנדן, איז ניט געווען קיין צײַט צו קוקן אויף זיך. האָב איך געהאָפט, דאָס לעבן וועט זיך אײַנשטעלן, וועסט ניט דאַרפן אַזוי אויסגעריסן ווערן, וועסט לעבן, ווי אַלע מענטשן... איז נאָ דיר! מע וועט דיך פאַריאָגן אין אַ העק, וועסט ווידער אָנהייבן מאַכן דאָרט אַ טאָלק. איז ווען זשע וועלן מיר לעבן? נו, זאָג! ווען וועסטו פאַר זיך האָבן צײַט?.. וועסט ווערן אַ סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. ס׳עפּעס אַ קלייניקײַט?.. ווידער ניט קיין נאַכט, ניט קיין טאָג. פאַר אַלץ וועסטו ווידער דאַרפן פאַראַנטוואָרטלעך זײַן — פאַר מענטשן, פאַר דער מעלוכע, פאַר דער פּאַרטיי. און וווּהין שיקט מען דיך? אין אַן אָפּגעשטאַנענעם ראַיאָן. שפּאַן זיך ווידער אײַן און שלעפּ! האָסט שוין אַרויסגעשלעפּט, איבערגעטראָגן אַלע שווערקײַטן דאָ... פאַרוואָס קומט עס דיר? פאַרוואָס גיט מען דאַפקע דיר די שווערסטע אַרבעט?
— ס׳איז גוט, ס׳איז אָנגענעם צו טאָן אַ שווערע אַרבעט. דאָס הייסט, אַז מע גלייבט אין מײַנע קויכעס. מע טרויט מיר אָן. דאָס איז אַ גרויסע זאַך. ליזע, צוטרוי דאַרף מען שטענדיק שעצן און באַרעכטיקן. די פּאַרטיי איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך, און מיר זײַנען פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך.
— דאַרף מען, הייסט עס, אָן זיך פאַרגעסן, אָן ווײַב און קינד?
— וואָס זשע ווילסטו, כ׳זאָל נאָר דיר געהערן? זיצן אַרום דיר?

עליע האָט אָפּגעגעסן, נאָר פון טיש איז ער ניט אוועקגעגאַנגען. ער האָט געפילט, אַז ליזע איז אַ ביסל אויך גערעכט. ער שענקט איר טאַקע ווייניק אויפמערקזאַמקייט. ער גייט אוועק פון שטוב באַגינען און קומט שפּעט באַנאַכט, ווען זי שלאָפט שוין. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז אין אַרבעט, און ער האָט קיינמאָל קיין רו ניט. קיין אורלויב דערלויבט ער זיך ניט נעמען. מע ענדיקט זייען, דאַרף מען אָנהייבן יעטן, שנײַדן, דרעשן, דאָס ברויט אָפּליפערן און ווײַטער אַקערן און ווײַטער זייען. בלײַבן הינ־טערשטעליק טאָר מען ניט. ציט ער פאַרויס, גייט ער פאָרויס, ווילט זיך נאָך מער אַ שפּרײַז טאָן, און קעדיי צו גיין פאָרויס, דאַרף מען אַרבעטן.

ליזען איז אָנגענעם געווען, וואָס דער מאַן זיצט הײַנט מיט איר, וואָס ער איז ניט אוועק, ווי געוויינלעך, צו זיך אין צימער און האָט זיך ניט פאַרגראָבן אין זײַנע פּאַפּירן, וועלכע ער האָט פאַרן טאָג ניט באַוויזן איבערלייענען. ער זיצט אַרום טיש, פאַרברענגט מיט איר געמיטלעך, שמועסט מיט איר.

— ס׳וועט אוועקגיין אַ קורצע צײַט, און מיר וועלן צום נײַעם אָרט זיך צוגעוווינען, — האָט ער געפרוווט שאָלעם מאַכן מיט זײַן מעגלעכן אַרי־בערפאָרן, — דאָס נײַע אָרט וועט אונדז ווערן פּונקט אַזוי טײַער, ווי קורמאַן.

— קורמאַן איז בײַ אונדז פאָרט אַ היים, ווײַל מיר זײַנען דאָ אויסגע־וואַקסן, — האָט ליזע געטײַנעט.

— דאָרט, ווו מע אַרבעט, ווערט דאָס אָרט ליב און טײַער און דאָרט ווערט אַ היים, — האָט עליע געזאָגט. ער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן וועגן היימישע זאַכן. ליזע האָט אים דערציילט ניסים פון זייער ייִנגעלע, וואָלאָדיען, ווי ער פּלאַפּלט „פּאַ־פּאַ״, שטעלט זיך אויף די פיסלעך, פאַלט אַנידער און גייט ווײַטער.

— אַ באַרדאַס, קיין אײַנהאָרע ניט, אַ כאַכעם! ס׳וועט שוין זײַן איינמאָל אַ יאַט! — האָט זי, אָנקוועלנדיק פון נאַכעס, ניט אויפגעהערט צו לויבן דאָס קינד.

פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער באַגעגעניש מיט מינען.

— ווייסט, וועמען איך האָב הײַנט באַגעגנט לעבן דעם געגנטקאָם?

— וועמען?

— טרעף.

— נו, זאָג שוין!

— מינען... כ׳שטיי אַזוי לעבן געגנטקאָם, מיטאַמאָל זע איך, זי גייט...

— מינען? וועלכע מינען?

— געדענקסט זי שוין ניט? זי האָט געוווינט אַמאָל בײַ אונדז אין „נײַ־שפּראָצן״. די ערשטע יאָרן, ווען מיר האָבן איבערגעוואַנדערט אַהער... דו האָסט זיך מיט איר געלערנט אין הינטער־אויגיקן אינסטיטוט. געוווינט אַפילע מיט איר אין צוזאַמענוווינונג אין איין צימער.

— אָך, זי, דײַן אַמאָליקע...

מעהודין האָט קיינמאָל ניט דערציילט ליזען וועגן מינען, ביכלאַל אויס־געמיטן צו ריידן וועגן איר. נאָר אין צוזאַמענוווינונג האָט זי זיך דער־ווּסט, אַז מינע האָט ליב איליושען. יענע האָט עס ניט אויסבאַהאַלטן. יעדן

מאָל, ווען זי האָט דערמאָנט זײַן נאָמען, האָבן אירע אויגן אָנגעהויבן פינק־לען און אפֿן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע.

מינעס אומגעריכט קומען אהער האָט איר אויסגעזען צו זײַן פֿאַרדעכ־טיק. עפּשער איז דאָס באַ זיי אַן אָפּגערעדטע זאַך, אַז זי זאָל זיך איבער־קלײַבן נעענטער צו אים? — איז באַ ליזען דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק. נאָר באַלד האָט זי אים אָפּגעוואָרפֿן און זיך אַליין אָנגעהויבן טאַדלען: „ניין, דאָס קאָן ניט זײַן. אילױשע איז אין אַלץ ערלעך ביזן סאָף. ער באַהאַלט פֿון מיר גאָרנישט ניט אויס. אויב ער וואָלט געהאַט עפּעס מיט איר שטי־לערהייט, וואָלט ער דאָך ניט דערציילט, אַז ער האָט זי געזען".

ס'האָט זיך ניט געוואָלט אַרויסווײַזן דעם אומקלאָרן פֿאַר איר אַליין איי־פֿער־געפֿיל, נאָר ס'האָט אָנגעהויבן זויגן אונטערן לעפֿעלע. האָט זיך פֿון זיך אַליין אַרויסגעריסן באַ איר:

— וואָס טוט זי דאָ, מינע? נאָך וואָס איז זי געקומען אהער?

— זיי זײַנען אַריבערגעפֿאָרן.

— ווער איז דאָס די „זיי"? זי איז ניט אַליין אַריבערגעפֿאָרן?

— דאָס האָב איך ניט באַוויזן באַ איר אויסקלאָרן. די מאַשין, מיט וועלכער זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט געוואַרט אַף איר, און זי האָט זיך זייער געײַלט. איך וועל זײַן אין קיראָוואָ, וועל איך אַלץ זיך באַ איר דערוויסן...

## קאַפּיטל צוויי

### 1

אינגיכן האָט מעהודין באַקומען אַ מיטיילונג פֿון געגנטקאָם, אַז מע רעקאָמענדירט אים פֿאַרן ערשטן סעקרעטאַר פֿון קיראָווער ראַיקאָם פֿון פּאַרטיי. כאָטש מעהודין איז געווען צוגעגרייט צו אַזאַ באַשלוס, האָט ער דאָך געהאָפֿט, אַז עפּשער וועט מען נעמען אין אכט דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין געשפּרעך מיטן סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם, און מע וועט אים איבערלאָזן אַף דער אַלטער אַרבעט. נאָר אויב מע האָט שוין אַרויס־געטראָגן דעם באַשלוס, איז ניטאָ מער וואָס צו כקירען, האָט ער באַשטימט. פּונקט צו דער צײַט, וואָס ס'איז געווען אָנגעוויזן אין דער מיטיילונג פֿון געגנטקאָם, איז ער אַרויסגעפֿאָרן אינעם נײַעם ראַיאָן.

— גרייט זיך צו. איך וועל זיך נאָר אַ ביסל אײַנאָרדענען, וועל איך קומען צו פֿאָרן נאָך דיר, — האָט אילױשע אָנגעזאָגט ליזען. — אויב איך וועל זיך אַ ביסל פֿאַרהאַלטן, זאָלסטו זיך ניט ערגערן. ס'קען זיך מאַכן, אַז איך זאָל זיך גלײַך אײַנשפּאַנען אַזוי אין דער אַרבעט, אַז איך וועל זיך ניט קאָנען אָפּרײַסן אַפֿילע אַף אַ טאָג.

— אַרבעט איז אַרבעט. נאָר וועגן זיך און וועגן דער מישפּאָכע טאָר מען אויך ניט פֿאַרגעסן. אַז דו וועסט וועלן, וועסטו געפֿינען צײַט אַרײַ־בערפֿירן אונדז. אַפֿילע דאַן, ווען איך בין מיט דיר, קאָן איך ניט פֿויעלן, אַז דו זאָלסט זיך לייגן אָפּרוען אַן איבעריקע שאָ, זאָלסט אָפּעסן צו דער

צײַט, און אז איך וועל ניט זײַן, וועסטו גאר אַן אלץ פארגעסן. איז גע־דענק זשע, אין צוויי־דרײַ טעג ארום זאָלסטו דאָ זײַן! אניט וועל איך אלץ אוועקוואַרפֿן און איך וועל אליין מיטן קינד קומען צו דיר!

— כ׳וועל קומען, זײַ רויק. אויב איך וועל אליין ניט קאָנען, וועל איך עמעצן צושיקן נאָך דיר, — האָט עליע צוגעזאָגט.

אינעם נײַעם ראיאָן איז מעהודין אָנגעקומען אין האלבן טאָג. ארײַן אין ראיפּארטקאָם, האָט ער באם מיידל, וועלכע איז געזעסן אין פּאָדער־צימער, א פרעג געגעבן:

— דער סעקרעטאר פון ראיפּארטקאָם איז אף אַן אָרט?

— דעם ערשטן סעקרעטאר פארבײַט צײַטווײַליק דער פּאָרזיצער פון ראיוּספּירקאָם סעמיאָן מיכײַלאָוויטש דובלין.

דאָס מיידל האָט ארײַנגעפירט מעהודינען אינעם אופנעם־צימער פונעם ערשטן סעקרעטאר און געבעטן אים זיצן א ווײַלע. אומקערנדיק זיך צוריק צו איר טישל, האָט זי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, נאָכדעם איז זי צוגעגאנ־גען צו מעהודינען.

— סעמיאָן מיכײַלאָוויטש איז בא זיך. ביטע, מע קאָן צו אים ארײַנגיין.

— ווו געפינט זיך דער ראיוּספּירקאָם? — האָט מעהודין געפרעגט.

— זייער נאָענט. איר וועט איבערגיין די גאס, וועט איר באלד דערזען די געבײַדע...

ווען מעהודין איז ארײַן אינעם אופנעם־צימער, איז דובלין פונקט ארויס פון זײַן קאבינעט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א נײַינקן האלב־מיליטע־רישן קיטעל, אין בלויע הויזן גאליפע, אין כראָמאָווע גלאנציקע שטיוול. דאָס פּאָנעם מיט די אונטערגעהאקטע וואָנצעלעך איז געווען מעהודינען שטארק א קענטלעכס, נאָר ווו און ווען האָט ער אים געזען, האָט ער ניט געקאָנט זיך דערמאָנען.

מעהודין האָט באגריסט זיך מיט סעמיאָן מיכײַלאָוויטשן און אָנגערופן זײַן פאמיליע.

— כאווער מעהודין? — האָט יענער, עטוואָס פארנייגנדיק זיך, איבער־געפרעגט.

סעמיאָן מיכײַלאָוויטש האָט גוט פארגעדענקט מעהודינס פאמיליע פון דער קורצער באגעגעניש אמאָל אף דער אלפארבאנדישער לאנדווירט־שאפטלעכער אויסשטעלונג, ווען ער איז געקומען צו אים אין פּאוויליאָן צוזאמען מיט מינען, מיט וועלכער ער האָט דאן ערשט ניט לאנג כאסענע געהאט.

מינע האָט אים דעמלט דערציילט, אז זיי, זי און עליע מעהודין, זײַנען צוזאמען אויסגעוואקסן, געלערנט זיך צוזאמען. זי איז זיך מוידע געווען, אז זי האָט אים אמאָל שטארק ליב געהאט.

דאן, בייס דער קורצער באגעגעניש, האָט ער באמערקט, אז דאָס ליבע־פײַערל, וואָס האָט אמאָל געברענט אין איר הארצן, האָט זיך נאָך ניט אינ־גאנצן אויסגעלאָשן. איצט, נאָך אזויפיל יאָרן, האָט זי אים ווידער באגעגנט און געבראכט אהיים די נײַס, אז דער געגנטקאָם פון פארטיי רעקאָמענדירט מעהודינען אלס ערשטן סעקרעטאר פון קיראָווער ראיפּארטקאָם.

די היספּײַלעס, מיט װעלכער זי האָט אים אָנגעזאָגט די בסורע־טויװע, האָט אַפּסנײַ אופגעװעקט אין דעם אײפער־געפיל.

— מיר קוקן שוין ארױס אַף אײַך. אלע טוער פון ראיקאָם זײַנען אין ראיאָן. נאָר איך אײנער, אלס מיטגליד פון ביוראָ, בין געבליבן אַף אָן אָרט און איך פארבײַט דעם סעקרעטאר. ביטע, קומט ארײַן צו מיר, — האָט סעמיאָן מיכײַלאָװיטש גאַסטפרײַנטלעך אײַנגעלאַדן מעהודינען צו זיך אין קאַבינעט.

סעמיאָן מיכײַלאָװיטש האָט דערלאַנגט מעהודינען א בענקל, אלײן אױך זיך אװעקגעזעצט באַם טיש.

— אין געגנטקאָם האָט מען אײַך, געװיס, שױן באַקאַנט מיט דער לאַגע אין אונדזער ראיאָן... — האָט ער געזאָגט. — איר האָט, זיכער, געלײענט דעם באַשלוס פון געגנטקאָם װעגן די פעלערן, װעלכע האָבן געהאַט אָן אָרט אין אונדזער ארבעט... איך האַלט, אַז אײניקע זאַכן זײַנען אין דעם באַשלוס א ביסל איבערגעטריבן... איר װעט אלײן זען, אַז ס'איז גאָר ניט אַזױ געפערלעך, װי ס'קאָן זיך אױסדוכטן. מיר װעלן אײַנגיכן אלץ אױס־פאריכטן. דער איקער — װאָס גיכער אױספילן דעם פּלאַן פון ברױט־פּאַר־גרײטונג און איבערשטײַגן אים. כ'האָף, אַז אױב מיר װעלן אָנקװעטשן אַף די קאָלװירטן, װעלן מיר זיך עס דערשלאָגן.

דאָס װאָרט „אָנקװעטשן" האָט מעהודינען א שניט געגעבן אין אױער.

— װאָס הײסט עס „אָנקװעטשן"?

סעמיאָן מיכײַלאָװיטש האָט פּראָסט געענטפערט:

— צװינגען... ארױסקאַטשען...

— די קאָלװירטן האָבן ברױט און װילן ניט פארקױפן דער מעלוכע?

— זײ האָבן, נאָר זײ שטרעבן װאָס מער לאָזן פאַר זיך און נאָכדעם פארקױפן דאָס ברױט אַף העכערע פּרײַזן.

— איר זײַט אין דעם זיכער? — האָט מעהודין געפרעגט. — אין יעדער באַזונדער פאַל דארף מען זיך גוט פאַנאַנדערקלײַבן. מע קען אמאָל אַזױ א קװעטש טאָן א שװאַכן קאָלװירט, אַז מע זאָל אים דערשטיקן.

סעמיאָן מיכײַלאָװיטש האָבן אופגעבראַכט די באַלערנדיקע באַמערקונ־גען, װעלכע מעהודין האָט געמאַכט.

„ער האָט נאָך ניט אָנגעהױבן ארבעטן און זאָגט מיר שױן מוסער", — האָט דובלין א קלער געטאָן.

— אױב מיר װעלן האַנדלען אַזױ, װי איר לײגט פאָר, װעלן מיר די ברױט־פאַרגרײטונג ניט אױספילן, — האָט ער מיט א פעסט קאָל געזאָגט, — ניט פארגעסט, כאָװער, אַז דער געגנטקאָם װעט אונדז פאַר דעם איבערן קאָפּ ניט גלעטן... אונדזער זאַך איז אױספילן דאָס, װאָס עס פאָדערט זיך פון אונדז, און נאָכדעם װעלן מיר טראַכטן װעגן די קאָלװירטן, װעגן...

— דאַן װעט שױן זײַן שפּעט צו טראַכטן, — האָט מעהודין אים איבער־געשלאָגן.

סעמיאָן מיכײַלאָװיטש האָט איבערגעביטן די טעמע פונעם געשפּרעך.

— כ'װעל באַלד אָפּגעבן א פאַראָרדענונג, מע זאָל צוגרײטן פאַר אײַך א נומער אין האָטעל, איר זאָלט זיך גוט אָפּרוען...

פאַר די עטלעכע טעג ביזן פּלענום פֿון ראַיקאָם, אַף װעלכן מע האָט מעהודינען געדאַרפֿט אױסװײלן פֿאַרן ערשטן סעקרעטאַר, האָט ער באַװיזן צו זײַן אין אַלע קאָלװירטן פֿון ראַיאָן. סעמיאָן מיכײַלאָװיטש איז געקראָכן פֿון דער הױט, קעדיי ביז מעהודין װעט נאָך צוטרעטן צו דער אַרבעט, אױספֿילן דעם פּלאַן פֿון ברױט־פֿאַרגרײטונג און אָנשרײַבן אַ ראַפּאָרט, װי ער האָט ליב געהאַט, מיט הױכע מעליצעדיקע װערטער. דער ראַפּאָרט איז בײַ אים שױן געװען אַפֿילע צוגעגרייט. אָנגעהױבן האָט ער זיך אַזױ: „די אַרבעטנדיקע פֿון אונדזער ראַיאָן האָבן זיך דערשלאָגן מערקװירדיקע דערפֿאָלגן. זײ האָבן אױסגעפֿילט דעם פּלאַן פֿון דער ברױט־פֿאַרגרײטונג אַף הונדערט פּראָצענט און אַרױסגערוקט אַ געהעכערטן פּלאַן, װעלכן זײ פֿאַרפּליכטן זיך מיט ערע אױסצופֿילן". נאָר דעם פּלאַן האָט זיך דובלינען ניט אײַנגעגעבן אױסצופֿילן. ער האָט געפּרוּװט געבן אָנצוהערן דעם נאַטשאַלניק פֿון פֿאַרגרײט־פּונקט, אַז יענער זאָל „צושרײַבן" ברױט, װאָס דער ראַיאָן האָט פֿאַקטיש ניט געגעבן.

— מיר װעלן שפּעטער דערגעבן, און כ'װעל אײַך אױך מיט עפּעס אָפּ־דינען, — האָט ער אים אונטערגעװוּנקען. נאָר דער נאַטשאַלניק האָט זיך געמאַכט טאַמעװאַטע, װי ער װאָלט ניט פֿאַרשטײן, װאָס מע װיל פֿון אים. הײסן אים האָט דובלין מוירע געהאַט, דער אײניען זאָל ניט דערגײן צו מעהודינען, װײַל מיט מעהודינען רײדן װעגן אַזעלכע זאַכן, האָט ער פֿאַר־שטאַנען, איז גאָר געפֿערלעך.

דובלין האָט גוט געװוּסט, אַז פֿון די ערשטע טריט מוז ער מיט אַלע קױכעס פּרוּװן זיך צוזאַמענאַרבעטן מיטן נײַעם סעקרעטאַר און אױסמײַדן סיכסוכים. פֿונדעסטװעגן האָט ער באַשטימט אַפֿן פּלענום פֿון ראַיקאָם סיג־נאַליזירן װעגן די קלוימערשט פֿאַלשע שטימונגען, װאָס הערשן בײַ אײ־ניקע ראַיאָנישע אָנפֿירער, קעדיי קאָנען דערװײַזן אין געגנטקאָם, אַז ער טוט אַלץ, װאָס מע קאָן, און די שולד פֿאַלט אַף מעהודינען און אַף די איבעריקע מיטגלידער פֿון ביוראָ.

דעם פּלענום האָט געעפֿנט אַ פֿאָרשטײער פֿון געגנטקאָם. ער האָט פֿאָר־געשטעלט מעהודינען און רעקאָמענדירט אים אױסװײלן אַלס ערשטן סע־קרעטאַר. דערנאָך האָט דובלין זיך געגעבן אַ שטעל אױף און געזאָגט:

— מיר באַגריסן הײס אונדזער נײַעם סעקרעטאַר און װינטשן אים גרױסע דערפֿאָלגן... אײנע פֿון די ערשטע אָנזאָגן אונדזערע איז — װאָס גיכער אױספֿילן דעם פּלאַן פֿון דער ברױט־פֿאַרגרײטונג און איבערשטײַגן אים.

דובלין האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַ קוק געגעבן אַף די מיטגלי־דער פֿון פּלענום. אײניקע פֿון זײ זײַנען געזעסן אָנגעשטרענגט און גע־װאַרט, װאָס װעט ער װײַטער זאָגן, די איבעריקע האָבן זיך איבערגעקוקט.

— ביזװאַנען װעט מען אונדז טאַדלען אין געגנט, אױסװאַרפֿן, אַז מיר שלעפּן זיך אין עק און שטײען אָפּ פֿון אַלע ראַיאָנען, — האָט ער אױסגע־שריִען. — ס'איז דאָך אַ כאַרפּע און אַ שאַנדע! כ'קום אין געגנטקאָם, קאָן איך קײנעם אין די אױגן ניט קוקן... צו לאַנג, טײַערע כאַװײרים, דולדן מיר

די בייזוויליקע עלעמענטן, וועלכע רײַסן ארונטער אונדזער ארבעט און שטערן אונדז אויספילן אונדזער הייליקן כויוו — אויספילן און איבערשטײַגן דעם פּלאַן פון ברויט־פאַרגרייטונג.

— ווער האָט ארויסגערוקט דעם אנטקעגנדיקן פּלאַן? ווו וועט איר נעמען ברויט צו דעקן אים, אויב ס'איז ניטאָ מיט וואָס אויסצופילן דעם גרונט־פּלאַן? און ווער זײַנען דאָס די בייזוויליקע עלעמענטן, וועלכע רײַסן ארונטער דעם פּלאַן? — האָבן זיך פון אלע זײַטן דערהערט אויסרופן.

— דעם אנטקעגנדיקן פּלאַן האָב איך ארויסגערוקט אין נאָמען פון די ערד־ארבעטער פון אונדזער ראיאָן, ווײַל איך גלייב אין זייערע פּאַטריאָטישע געפילן, אין זייער גרייטקײַט צו טיילן זיך מיט אונדזער מעלוכע מיטן לעצטן ביסן ברויט, — האָט ער ווײַטער גערעדט. — מיר דארפן מאָביליזירן אלע אונדזערע רעסורסן... קעדיי מאכן א סאָף צו די בייזוויליקע עלעמענטן, וועלכע שטערן אויספילן דעם פּלאַן, לייג איך פאָר אָנעמען צו זיי די סאמע שטרענגסטע מיטלען, ביז אויסשליסן פון פּאַרטיי...

— אָבער ווער זײַנען דאָס די בייזוויליקע עלעמענטן? צי דען זײַנען דאָס די, וואָס האָבן נאָר די זריִע־פאָנדן ניט אָפּגעגעבן? — האָבן זיך געטראָגן שטימען.

— איר ווילט, כאווער דובלין, זיך אויספּײַנען, דערלאנגען שיינע ראַפּאָרטן, עס ארט אײַך ניט, אויב די קאָלווירטן וועלן בלײַבן אָן זריִע צו פארזייען די פעלדער. איבעראיאָר וועט זיך די מעלוכע אויך נייטיקן אין ברויט!..

— דער איקער איז איצט — איבערשטײַגן דעם פּלאַן, נאָכדעם וועלן מיר קענען בעטן הילף בא דער מעלוכע, — האָט געליארעמט דובלין. — אויב מיר וועלן געבן א צוגאָב־פּלאַן, וועלן מיר געוויס באקומען אלץ, וואָס מיר דארפן: אי זריִע, אי ברויט — וואָס איר ווילט.

— מיט איין האנט געבן און מיט דער צווייטער בעטן, — האָט מעהודין באמערקט. — אונדזער כויוו בענעגייע דער מעלוכע דארפן מיר הייליק אויספילן. נאָר וויל דען די מעלוכע נעמען בא אונדז די זריִע־פאָנדן? די כאוויירים, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די זריִע בא זיך, זײַנען בעשום־אויפן ניט קיין בייזוויליקע עלעמענטן, זיי זײַנען ערלעכע מענטשן, זיי זאָרגן וועגן די אינטערעסן פון די קאָלווירטן, וועגן די אינטערעסן פון דער מעלוכע.

— די זריִע וועט ליגן אין די קאָלווירטן ביזן פארזיי, און די מעלוכע וועט זיך נייטיקן דערווײַל אין ברויט? — איז דובלין אופגעבראכט געווארן. — דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן! דאָס איז א טערעץ צו פארקוועטשן ברויט און דעם פּלאַן ניט אויספילן!

— מיר וועלן איצט, אפן פּלענום פון ראיקאָם, קיין ספּעציִעלן באשלוס וועגן דער ברויט־פארגרייטונג, ווי ס'פאָדערט דער כאווער דובלין, ניט אָנעמען. אלע קאָמוניסטן, און ניט נאָר די קאָמוניסטן, ווייסן, אז דעם פּלאַן פון דער ברויט־פארגרייטונג דארף מען אויספילן און מיר וועלן אָנעמען אלע מיטלען אף אויסצופילן אים, — האָט פארזיכערט מעהודין. — מיר וועלן זײַן אין יעדן קאָלווירט און אפן אָרט אויסזוכן די מעגלעכקײַטן... מיר דארפן טראכטן, וויִאזוי צו באזאָרגן דאָס פאָלק מיט ברויט און ניט נאָר

מיט ברויט, אָבער ביז מיר װעלן ניט פאַרפעסטיקן די קאָלװירטן, װעט די פראַגע ניט אַראָפּגיין פון טאָג־אָרדענונג. קיינע שום שיינע ראַפּאָרטן װעלן אונדז דאָ ניט העלפן. מיר דאַרפן קוקן דעם עמעס אין די אויגן. פאַראַן בא אונדז קאָלװירטן אין ראַיאָן, װוּ דער אוילעם צעלויפט זיך װער — װוּהין, איז װאָס קאָן מען דערװאַרטן פון אַזעלכע קאָלװירטן? אָט װעגן דעם, כאַ־װער דובלין, דאַרף מען ריידן, װעגן דעם דאַרף מען טראַכטן...

## 3

די באַציִונגען צװישן מעהודינען און דובלינען זיינען געװאָרן אַלץ אָנ־געשטרענגטער. מעהודין האָט ניט דערלויבט די מיטאַרבעטער פון ראַיױס־פּירקאָם זיצן אַף אָן אָרט. דאָס זעלבע האָט ער געפאָדערט פון אַלע פאַ־ראַנטװאָרטלעכע טוער פון די ראַיאָנע אַנשטאַלטן — זיי זאָלן זיין אין די קאָלװירטן, העלפן דאָרטן מאַכן אָן אָרדענונג. דובלינען איז דאָס געװען שטאַרק ניט צום האַרצן, און ביכלאַל האָט ער ניט ליב געהאַט, אַז עמע־צער זאָל אים װאָס־ניט־איז אָנװייזן.

— װען און װעלכע מיטאַרבעטער צו שיקן אין ראַיאָן, װייס איך אַליין, — האָט ער מיט אַ גײַװעדיקן טאָן געזאָגט צו מעהודינען, — און װי צו אָנפירן מיט די קאָלװירטן, װייס איך אויך אַליין. און אָפּזיצן דאָרטן גאַנצע טעג האַלט איך ניט פאַר נייטיק. מיין זאַך איז קומען אַהין, װען ס'איז נייטיק, געבן אָנװייזונגען, װאָס צו טאָן... איך בין ניט קיין פאָרזי־צער פון קיין קאָלװירט, נאָר אַ פאָרזיצער פון ראַיױספּירקאָם, און איך בין פאַראַנטװאָרטלעך פאַר דער אַרבעט פונעם גאַנצן ראַיאָן.

— ניט דורך פּאַפּירלעך און ניט דורכן טעלעפאָן פירט מען אָן, נאָר קאָנקרעט דאַרף מען אַרבעטן מיט מענטשן. װען זיי טוען ניט, װי מע דאַרף, דאַרף מען פאַריכטן זיי, לערנען, און, װען ס'איז נייטיק, אַליין אַרבעטן, — האָט מעהודין געפּרוּװט מיט אים איינטײַנען.

— אָט די זאַכן, װעגן װעלכע איר רעדט, האָב איך שוין לאַנג פאַר־געסן.

— זייער שלעכט, װאָס איר האָט זיי פאַרגעסן.

מעהודין האָט זיך באַמיט איינשטעלן מיט דובלינען נאָרמאַלע באַציִונ־גען, נאָר יענער האָט זיך געטאָן זיינס. װען ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט, איז דער סאַמע אָנגעשטרענגטער צייט, איז ער געפאָרן אין געגנט, קלוימערשט, אַף זיצונגען, באַראַטונגען, און אינדערעמעסן, קעדיי באַגעגענען זיך מיט זיינע כאַװיירים, פריינטלעך, װעלכע ער האָט אַף קאָלעריליי אויפאַנים דערװאָרבן. אומעטום, װוּ ער האָט געקאָנט, האָט ער קאָמפּראָמעטירט מעהודינען. װען מע האָט אַראָפּגענומען דעם פריִערדיקן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, איז דובלין געװען זיכער, אַז מע װעט אים שטעלן אַף זיין אָרט. נאָר געשיקט האָט מען מעהודינען, װעלכער אַרבעט אַליין, װי אַ רועך, און פאָדערט פון יעדן אייַנשפּאַנען זיך און העלפן שלעפּן דעם װאָגן. אָבער ניט געקוקט אַף אַלע אָנשטרענגונגען, האָט דער ראַיאָן דעם פּלאַן פון ברויט־פאַרגרייטונג ניט אויסגעפילט, און װעגן צוזאַג, װעלכן ער, דובלין,

האָט געגעבן — ליפערן ברויט נאָך איבערן פּלאַן, האָט קיין רייד אפילע ניט געקענט זײַן. מע וועט דאָך געוויס זוכן די שולדיקע, און בא אזא לאַגע, האָט ער באַשטימט, דאַרף מען זיך ראַטעווען און אַרופוואַרפן די שולד אויף מעהודינען. ער וועט דערקלערן אין געגנטקאָם, אַז מעהודין וויל זיך אײַנשאַפן א בילִיקן אויטאָריטעט צווישן די קאָלווירטניקעס, דעריבער שפּילט ער אויף זייערע געברויכערישע שטימונגען, רעדט זיי אײַן מיט דע־מאַגאָגישע מיטלען, זיי זאָלן לאָזן בא זיך זרי״ע־פאָנדן, וועלכע דער ראַיאָן האָט לאַנג געקענט אָפּגעבן דער מעלוכע און אַזוי־אַרום אויספּילן און איבערפּילן דעם פּלאַן.

„אָנוועהרן האָב איך ניט וואָס, — האָט דובלין באַשלאָסן. — כ׳וועל אָנ־שרײַבן אין געגנטקאָם, און זאָל מען דאָרטן פּאַנאַנדערקלײַבן. „דער קאַמף פאַר ברויט איז קאַמף פאַר סאָציאַליזם״ — מיט אָט דער פראַזע וועט ער אָנהייבן זײַן בריוו. זאָל מען זען, אַז ער פאַרשטייט עפּעס אין די קליינע אויסזעלעך אויך. נאָר דעריקער איז — אָנזעטיקן דעם בריוו מיט פאַקטן, אונטערקלײַבן מאַטעריאַלן, וועלכע מע זאָל ניט קענען אָפּלייקענען. ס׳איז דאָך א פאַקט, אַז מעהודין האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן די זרי״ע־פאָנדן, מע האָט געגעדט וועגן דעם ניט איין מאָל אויף פאַרזאַמלונגען, זיצונגען און באַראַטונגען. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. מע דאַרף זיך דורכפאָרן אין קורמאַנער מטס, ווו מעהודין האָט געאַרבעט, — האָט דובלין באַשטימט. — דאָרטן דאַרפן זײַן מענטשן, וועלכע יענער האָט אַמאָל באַליידיקט און זיי טראָגן אויף אים א האַרץ...״

מינע האָט געוווּסט, אַז דער מאַן קריגט זיך מיט מעהודינען. נאָר די סיבעס, וואָס האָבן געבראַכט צו די מאַכלויקעסן, זײַנען איר געווען אומ־באַקאַנט. מעהודינען האָט זי געזען זעלטן, ער איז, ווי שטענדיק, געווען פאַרהאַוועט, פאַרטאָן אין דער אַרבעט. אהיים גיין צו אים האָט איר ניט געפּאַסט. זי האָט אַנומלטן באַגעגנט מעהודינען און געזאָגט:

— אַז מיר האָבן געוווינט ווײַט איינער פונעם צווייטן, האָבן מיר זיך יאָרן נאָכאַנאַנד ניט געזען. און איצט, אַז מיר וווינען, קען מען זאָגן, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען איינער פון דעם אַנדערן, זעען מיר זיך אויך ניט. כ׳וואָלט דיך אײַנגעלאַדן צו זיך אין געסט, ביסטו צעקריגט מיט סעמיאָנען, און צו דיר קען איך אויך ניט קומען...

— פאַרוואָס קענסטו צו מיר ניט קומען? בא ליזען וועסטו זײַן, פּונקט ווי בא מיר, אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— ניין, ס׳איז ניט אַזוי. גלייב מיר, אַז ס׳איז ניט אַזוי... ווען סיאָמע וואָלט געגאַנגען מיט מיר, וואָלט מיר געווען באַקוועמער אַרײַנצוגיין צו אײַך. נאָר אַליין... כ׳וואָלט זיך געוואָלט דורכריידן... איך וויל וויסן, וואָס קומט פאָר צווישן דיר און סיאָמען.

— פונוואַנעט ווייסטו, אַז צווישן אונדז קומט עפּעס פאָר? ער האָט דיר געזאָגט?

— גאָרנישט האָט ער מיר ניט דערציילט, נאָר איך זע.

— וואָס זעסטו?

זאָגן אים, אַז סיאָמע גייט אַרום א צעקאָכטער, זידלט אים בא יעדער געלעגנהײַט, האָט זי ניט געוואָלט. נאָר זי האָט געוואָלט וויסן, צי ס׳איז

דערפאַר, וואָס ער אײפּערט צו אים, אָדער דאָס איז צוליב אַן אַנדער זאַך.

פון ערגעץ איז אָנגעקומען דובלין. ער האָט זיך געוואָלט פּאַרטײַען אין אַ ווינקעלע און אײַנהערן זיך, וועגן וואָס זיי ריידן, נאָר ער האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז צוגעגאַנגען צו מינען און, קלוימערשט וויצלענדיק זיך, געזאָגט:

— כ'האָב דערהערט, ווי ס'וואָרקעט מײַן טײַבעלע... בין איך צוגע־גאַנגען אַ קוק טאָן, מיט וועמען שטייט זי עס. ער האָט געוואָלט אַ שמייכל טאָן, נאָר זײַן פּאָנעם האָט זיך פאַרקרימט, די אויגן האָבן זיך אָנ־געגאָסן מיט קאַס.

— קום! — האָט ער זי גענומען אונטער דער האַנט.

סעמיאָנס אופגערעגט קאָל האָט איר ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געגעבן איבערן האַרצן. פון בושע איז זי געוואָרן צונטער־רויט.

— וועגן וואָס האָט איר גערעדט? — האָט סעמיאָן געפרעגט, ווען זיי זײַנען אַ ביסל אָפּגעגאַנגען.

— כ'האָב אים דערזען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט...

— ס'איז אַ ליגן! האָסט אים ניט באַגעגנט... ס'איז בא אײַך געווען אַן אָפּגערעדטע באַגעגעניש.

— ווען האָב איך געקענט אָפּרעדן, אַז איך האָב אים שוין ניט געזען כ'ווייס וויפל צײַט... כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס קומט פאַר צווישן אײַך?

— ס'איז ניט דײַן זאַך. מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אָן דיר.

— אָבער וואָס ביסטו אַזוי אופגעקאָכט אַף אים? וואָס האָט ער דיר געטאָן?

— ווילסט, איך זאָל אים קושן... קוש זיך דו מיט אים.

— וואָלסט זיך כאָטש שעמען צו ריידן אַזוי. מיר זײַנען צוזאַמען אויס־געוואַקסן, טאָר איך זיך ניט אָפּשטעלן אויסריידן מיט אים אַ פּאָר ווער־טער?

— דו דאַרפסט, מע זאָל ריידן? מיך פאַרשעמען? איך בין דאָך פּאָרזיצער פון ראַיויספּירקאָם. מענטשן האָבן אויגן, און דו ווילסט ניט פאַרשטיין...

— הער שוין אוף! גענוג, ס'איז מיר שוין נימעס צו הערן די רייד, — האָט זי אים שאַרף איבערגעשלאָגן.

ביזוואַנען זיי זײַנען דערגאַנגען אַהיים, האָט דובלין זיך אַ ביסל באַ־רויִקט. מינע האָט אים געגעבן עסן און, קעדיי אויסמײַדן נײַע סיכסוכים, אוועק זיך פאָרען אַף דער קיך. סעמיאָן איז געזעסן בא זיך אין צימער באַם טיש, אַרומגעלייגט מיט פּאַפּירן, און עפּעס געשריבן. זי האָט גיך דורכגע־שלײַכט פאַרבײַ אים און זיך אוועקגעלייגט שלאָפן. באַנאַכט האָט זי זיך אַ פּאָר מאָל אופגעכאַפּט, נאָר ער איז נאָך אַלץ געזעסן און געשריבן.

גאַנצפרי, ווען זי איז אופגעשטאַנען, קעדיי צוגרייטן דעם מאַן עסן, האָט זי דערזען אַפן טיש אַ פּאָר געדיכט־פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר. אַף איינעם פון זיי, וואָס איז געלעגן אויבנוף, האָבן דורכגעבליצט פאַר אירע אויגן די ווערטער:

„אין געגנטקאָם פון פּאַרטיי...”

זי האָט אָנגעהויבן לייענען:

„איך האלט פאר מײַן פארטייִשן כויוו מיטצוטיילן דעם געגנטקאָם וועגן דער שעדלעכער ליניע, וועלכע עס פירט דער ערשטער סעקרעטאר פון קיראָווער ראיקאָם אי. א. מעהודין. נאָר צוליב אים האָט דער ראיאָן ביז איצט ניט אויסגעפילט דעם פלאן פון ברויט־פארגרייטונג. אָנשטאָט מאָביליזירן די קאָלווירטישע מאסן אויסצופילן זייער כויוו בענעגייע דער מעלוכע דעמאָביליזירט ער זיי. אפילע די קאָלווירטן אין ראיאָן, וועלכע האָבן געוואָלט געבן דער מעלוכע ברויט איבערן פלאן, האָבן אונטער זײַן ווירקונג דערפון זיך אָפגעזאָגט און באשטימט שאפן בא זיך זריִע־פאָנדן. די דאָזיקע לאגע טאָר מען ניט דולדן. ס'איז ניט קיין צופעליקײַט אין דער פראקטיק פון מעהודינס ארבעט. מע קען געפינען א סאך פאקטן, וועלכע וועלן באשטעטיקן, אז מעהודין איז א פרעמדער מענטש אין פארטיי. זײַענדיק א דירעקטאָר פון קורמאנער מטס, האָבן אונטער זײַן שירמע אָרודעוועט קלאסנפײַנט. דאָס קענען באשטעטיקן לעבעדיקע איידעס...”

ניט דערלייענענדיק דעם בריוו ביזן סאָף, האָט מינע אים צעריסן און אויסגעשריִען:

— אויסוואורף! אף וועמען הייבסטו אוף א האנט! וואָס האָט דיר מעהודין אזוינס געטאָן, וואָס דו טרײַבסט אף אים אזעלכע העסלעכע רעכילעס?..

דובלין האָט זיך אופגעכאפט, אָנגעהויבן זיך ארומקוקן און בעשום־אויפן ניט געקענט פארשטיין, וואָס שרײַט און זידלט זיך אזוי מינע. דערנאָך האָט ער דערזען די צעריסענע בייגעלעך פאפיר. ער האָט זיך ארופגעוואָרפן אף איר:

— וואָס האָסטו עס אָפגעטאָן, הא? ווי האָסטו געוואגט צערײַסן, וואָס איך האָב אָנגעשריבן?!

— ווי הייבן זיך גאָר בא דיר אוף די הענט צו שרײַבן אזעלכע פרעכע זאכן קעגן אזא ערלעכן מענטשן? ווי וואגסטו גאָר אזוינס צו טאָן?

— נעמסט זיך אָן פאר אים? פארטיידיקסט אים?

— אוודע וועל איך זיך אָנעמען פאר אים, ווײַל איך קען אים, ווי זיך אליין. ווי קען איך דערלאָזן, דו זאָלסט מאכן צו בלאָטע אזא מענטשן, וועמעס נאָגל דו ביסט ניט ווערט...

— כ'שרײַב אלץ, ווי עס איז, כ'וועל אלץ דערווײַזן...

— און איך וועל דערווײַזן, אז דו טרײַבסט רעכילעס.

— איצט זע איך, אז דו ביסט מיט אים, איז גיי צו אים, גיי!

— כ'וועל גיין, וווּהין איך וועל דארפן, איך בין פארן עמעס, און פארן עמעס וועל איך שטיין!

4

נאָך דעם סיכסעך מיט מינען איז דובלין ארומגעגאנגען א צעטראָגענער און ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. פונסנײַ אָנשרײַבן דעם בריוו, וועלכן זי האָט צעריסן, איז אים געווען שווער. סאָפקאָלסאָף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, און, אָפשוואכנדיק אייניקע ערטער, וועלכע האָבן מינען באזונדערס אופגערעגט, האָט ער אים פונסנײַ אָנגעשריבן און אוועקגעפירט

אין געגנטקאָם. פון דאָרט האָט ער זיך אומגעקערט שטארק און אופגע־לייגטער.

די באַציִונגען מיט מינען זײַנען נאָכן לעצטן סיכסעך געוואָרן נאָך אָנ־געצויגענער. ווי ס'האָט זיך אים ניט געוואָלט בארימען, אז אין געגנטקאָם האָט מען זייער אופמערקזאם זיך באצויגן צו אלץ, וואָס ער האָט מיט־געטיילט אין בריוו, האָט ער איר קיין האלב וואָרט וועגן דעם ניט דער־ציילט.

אין עטלעכע טעג ארום האָט מען מעהודינען ארויסגערופן אין געגנט־קאָם. פון זינט מע האָט אים אויסגעוויילט פארן ערשטן סעקרעטאר פון קיראָווער ראיקאָם, איז ער געווען דאָרטן בלויז עטלעכע מאָל אף בארא־טונגען. יעדן מאָל האָט מען שטארק געטאדלט די ראיאָנישע אָנפירער, לעמײַ זיי שלעפן די געגנט אף צוריק און פילן ניט אויס די ברויט־פאר־גרייטונג. מעהודין האָט געשוויגן, ניט געפרווט זיך פארענטפערן און פא־רופן זיך אף דער שווערער לאגע, וועלכע האָט זיך געשאפן אין ראיאָן. ער האָט באשטימט פריִער עפּעס מאמאָשעסדיקס אופטאָן און נאָכדעם פאר־טיידיקן זיך.

די קאָלווירטן פון ראיאָן האָבן אָנגעהויבן אופלעבן. ס'האָט זיך געפעס־טיקט די דיסציפלין, ס'איז געוואָרן אן אָרדענונג אין דער ווירטשאפט. גוט איז דורכגעפירט געוואָרן דער הארבסט־פאַרזיי. וועגן דעם אלץ האָט מע־הודין געוואָלט דערציילן דעם סעקרעטאר פון געגנטקאָם, נאָר דער סעק־רעטאר האָט אָן זײַטיקע רייד גלײַך אים פארגעבן אזא פראגע:

— וואָס פארא קונצן מאכט איר דאָרטן בא זיך אין ראיאָן? פארוואָס פילט איר ניט אויס דעם פּלאַן פון דער ברויט־פארגרייטונג? ביזוואנען וועט די געגנט צוליב אײַך בלײַבן א הינטערשטעליקע?

— קיין ברויט־רעזערוון זײַנען אין ראיאָן מער ניטאָ, — האָט מעהודין רויִק געענטפערט.

— וואָס הייסט, עס איז ניטאָ? ווו איז אהינגעקומען דאָס ברויט?! ניט לאנג האָבן די טוער פון אײַער ראיאָן צוגעזאָגט געבן איבערן פּלאַן, און מיטאמאָל איז בא אײַך ניט געוואָרן קיין ברויט אפילע דעם גרונט־פּלאַן אויסצופילן.

— זיי האָבן געוואָלט ביז א קערנדל ארויספירן, לאָזן די קאָלווירטניקעס אָן ברויט, אָפּגעבן די זריִע־פאָנדן. אָפּטאָן אזא זאך האלט איך פאר א פארברעכן.

— א פארברעכן איז דעם פּלאַן ניט אויספילן! — האָט דער סעקרעטאר געהעכערט דאָס קאָל.

מעהודין האָט אָפּגעווארט און געלאסן געענטפערט:

— בעסער ניט אויספילן דעם פּלאַן, איידער בלײַבן אָן זריִע. בא אזא לאגע וועלן מיר איבעראיאָר אפילע אזויפיל ברויט, וויפל מיר האָבן האיאָר געגעבן, אויך ניט קענען געבן. צו דעם וועל איך ניט דערלאָזן.

— וואָס ס'וועט זײַן איבעראיאָר, וועלן מיר דאן זען. וועגן דעם האָבן מיר נאָך צײַט צו טראכטן. איצט דארף מען אויספילן דעם פּלאַן, איצט! איר פארשטייט צי ניט?! פאר דעם, וואָס ס'האָט זיך געשאפן אזא לאגע אין ראיאָן, זײַט איר פאראנטוואָרטלעך. עס איז שוין קלאָר, אז נאָר איר זײַט

שולדיק אין דעם... אַנשטאָט מאָביליזירן די קאָלווירטניקעס אויסצופילן זייערע היסכּײַוועסן בענעגייע דער מעלוכע האָט איר זיי אײַנגערעדט פאַר־האַלטן באַ זיך דאָס ברויט.

— יאָ, די זרזע־פאָנדן האָב איך ניט דערלויבט אָפּגעבן, — האָט מע־הודין באַשטעטיקט. — נאָר אַזעלכע מענטשן, וועלכע ווילן ניט טראַכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג, קענען פאַרלאַנגען פון די קאָלווירטן, זיי זאָלן אָפּ־געבן די זרזע־פאָנדן, נאָר אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן קענען אַזוינס זיך דערלויבן!

— אומפאַראַנטוואָרטלעך זײַנען די, וועלכע זוכן טערוצים דעם פּלאַן פון דער ברויט־פאַרגרייטונג ניט אויסצופילן. איר אַמפּערט זיך נאָך? איר ווילט דערווײַזן, אַז איר זײַט גערעכט? פאַר אַזעלכע זאַכן, ווי איר האָט אָפּגע־טאָן, ווייסט איר וואָס אײַך קומט?

— וואָס האָב איך אַזוינס אָפּגעטאָן?

— וואָס קאָן נאָך זײַן פאַר אַ שווערער פאַרברעכן, ווי אונטערײַסן די ברויט־פאַרגרייטונג? מיר האָבן געגלייבט אין אײַך, און איר האָט אונדז אונטערגעפירט. פאַר אײַערע טאַטן וועט איר מוזן ענטפערן און זייער ערנסט ענטפערן! איך מיין, אַז אײַך וועט אויסקומען זיך שיידן מיטן פאַרטיי־בילעט.

אַהיים איז מעהודין געקומען שטאַרק אַ צערודערטער. לויט זײַן אומע־טיק פּאָנעם האָט ליזע פאַרשטאַנען, אַז מיט אים איז עפּעס געשען, נאָר פרעגן, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָט זי ניט געוואָלט, און אַליין האָט ער גאָרנישט ניט דערציילט. אויף מאָרגן איז ער אופגעשטאַנען באַגינען און ערגעץ אַוועק.

אַהיים האָט ער זיך אומגעקערט שפּעט אין אָוונט. ער האָט אָפּגעגעסן און זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן. געשריבן האָט ער גיך, נערוועז, ביז טיף אין דער נאַכט אַרײַן. גאַנצפרי איז ער אופגעשטאַנען און ווידער אַוועק, און ווידער געקומען שפּעט אין אָוונט, נאָך מער אַ צעטראָגענער. דאָס פּאָ־נעם איז געווען פאַרכוישעכט, די אויגן פול מיט מאָרעשכוירע.

אַזוי זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג.

— וואָס איז מיט דיר, אילויִשע? וואָס איז געשען? איך זע דאָך, אַז דו ביסט אויס מענטש. פאַרוואָס זשע דערציילסטו מיר גאָרניט? וואָס קומט פאָר מיט דיר...

— כ׳האָב ניט וואָס צו דערציילן.

אויף מאָרגן איז עליע אינדערפרי אַוועק און טייקעף זיך אומגעקערט צוריק. זינט ליזע קען אים, געדענקט זי ניט, אַז ער זאָל אַזוי גיך קומען אַהיים, זיצן און אין ערגעץ ניט אײַלן. אויפן צווייטן טאָג איז ער אויף דער אַרבעט ניט אַרויס. אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען.

— סאָפּקאָלסאָף וועסטו מיר זאָגן, וואָס עס איז געשען? — האָט ליזע ניט אויסגעהאַלטן.

עליע האָט פאַראַקשנט געשוויגן.

ליזע איז אַ צעטראָגענע אַוועק אין ראַיקאָם דערוויסן זיך, וואָס עס האָט פּאַסירט. דאָרט האָט מען איר געענטפערט קורץ און אָפּגעהאַקט:

— מעהודין אַרבעט שוין מער דאָ ניט.

— פאַרוואָס? — האָט זי אַ דערשיטערטע געפרעגט.

— איר ווייסט דען ניט, אַז מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון פּאַר־טיי? — האָט די סעקרעטאַרשע, ניט אופהייבנדיק די אויגן, געענטפערט.

— אָבער פאַרוואָס?

— ער וועט אײַך אַליין זאָגן.

ניט פילנדיק די ערד אונטער די פיס, איז ליזע געלאָפן אַהיים. אין שטוב האָט זי עליען שוין ניט געטראָפן.

ערשט איצט האָט מעהודין דערפילט, וואָס פאַר אַ שווערע שטראָף איז ליידיקגייערײַ, און נאָך שווערער איז איבערטראָגן אַ שטראָף, ווען דו ווייסט ניט פאַרוואָס.

פון דער ערשטער רגע, ווען מע האָט מעהודינען דערלאַנגט דאָס פּאַ־פּירל מיטן באַשלוס, אַז ער ווערט אויסגעשלאָסן פון פּאַרטיי, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די ערד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. און ביז איצט האַלט זיך אים אין איין דוכטן, אַז פון דעם שטויס האָט ער אָנגעוואָרן דעם אָנשפּאַר און פאַלט ערגעץ אין אַ טהאָם.

אַ גאַנץ לעבן איז ער געגאַנגען איבער דער ערד אַזוי זיכער, און איצט... זי אַנטלויפט דאָך פון אים, די ערד. ווי קאָן ער לעבן אָן איר כאָטש אַ רגע, אַז ער איז ווי אַ וואָרצל אַרײַנגעוואַקסן אין איר? אַ היפּשע ווײַלע איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַס און, פאַרקערעווענדיק אַהיים, האָט ער דערזען ליזען.

ליזע איז אים געגאַנגען זוכן, איר האָט זיך געוואָלט זאָגן עליען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳זאָל אים דערמוטיקן. זי האָט אָבער באַשטימט, אַז בעסער איז דערווײַל שווײַגן. נאָר ווען זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָט זי, אַראָפּשלינגענדיק די טרערן, וועלכע האָבן זיך בא איר באַוויזן, געפרעגט:

— ווו ביסטו עס געווען?

— אין ערגעץ ניט. גלאַט אַזוי זיך דורכגעגאַנגען.

— נו, קום אַרײַן אין שטוב, וועסט עפּעס אָפּעסן, — האָט זי, אָנעמענ־דיק אים פאַר דער האַנט, געזאָגט.

— כ׳וויל ניט עסן... לאָז מיך צורו, — האָט ער אופגערעגט אָפּגעענט־פערט.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פאַרטראַכטער, נאָכדעם איז ער אַרײַן אין שטוב, זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָף דער רעכטער האַנט און מיט אַ לײַדנשאַפטלעכן בליק געקוקט ערגעץ אין דער ווײַט. ליזע האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים. אינסטינקטיוו האָט ער אַ קער געגעבן דעם קאָפּ, און דאַן האָט זי דערזען, אַז אַ פאַרשײַט מונטער פײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זײַנע אויגן.

„פאַל בא זיך ניט אַראָפּ, עליושע, דו וועסט דײַנס דערווײַזן", — האָט זי אים געוואָלט זאָגן. נאָר זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז ער האָט ניט ליב קיין טרייסט־ווערטער, און קעדיי אים אַ ביסל אָפּווענדן פון די שווע־רע מאַכשאָוועס, האָט זי געזאָגט:

— דו ווייסט, אילישע, וואָס איך וויל דיר פאָרלייגן? עפשער וואָלטן מיר כאָטש איין מאָל אין לעבן זיך פארגינט און ערגעץ דורכגעפאָרן זיך אָפּרוען...

— צוליב וואָס דארף איך זיך אָפּרוען, איך בין דען מיד?.. ס'איז פאראן אזויפיל ארבעט... וווּהין ווילסטו פאָרן?

— מע קאָן געפינען וווּהין... לאָמיר צופאָרן צו דײַנע עלטערן, האָסט דאָך זיי שוין לאנג ניט געזען.

— צו די עלטערן וואָלט מען טאקע געדארפט צופאָרן, נאָר איצט איז ניט די צײַט.

ליזע האָט פארשטאנען, אז ער וויל זיי ניט פארשאפן קיין אגמעסנע־פעש מיט דעם, וואָס ס'האָט פאסירט מיט אים.

עליע האָט איבערגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעשריבן, נאָך צוגעשריבן א פּאָר שורעס און דאָס בייגעלע פּאַפּיר ארײַנגעלייגט אין א קאָנווערט.

— שיקסט עס קיין מאָסקווע? — האָט ליזע געפרעגט.

— יאָ.

— זייער גוט, דאָרטן וועט מען זיך פאנאנדערקלײַבן. ס'פּאָטויפעט זיך בא מיר ניט אין קאָפּ, וויאזוי האָט דאָס אלץ געקאָנט פּאָרקומען. זיי ווייסן דיך ניט, זיי קענען דיך ניט?..

— גענוג, ליזע, צו רעדן וועגן דעם. פּאקעווע צונויף די זאכן, און מיר וועלן זיך איבערקלײַבן קיין קורמאן. איך וויל דאָ קיין איבעריקע שאָ ניט זײַן.

— און אין קורמאן וואָס וועסטו טאָן?

— כ'וועל ארבעטן. וועלכע ארבעט מע וועט מיר געבן, וועל איך אויס־פילן.

— איז וואָס דארפסטו פאָרן קיין קורמאן? דאָרט ווייסט מען דאָך, מיסטאמע, אויך...

— איז וואָס, אויב מע ווייסט?

— ס'איז ניט באקוועם, מע קען דיך, ווער דו ביסט געווען, און מיטאָ־מאָל וועסטו ווערן...

— איך שעם זיך ניט מיט קיין שום ארבעט, — האָט עליע איבערגעכאָ־זערט. — איך קאָן מיט א ריינעם געוויסן אלעמען קוקן אין די אויגן, כ'בין קיין שום פארברעכן ניט באגאנגען. טאקע דאָרט, ווו מע קען מיך, וועט מיר גרינגער זײַן איבערלעבן די מיספארשטייעניש... נאָר גענוג וועגן דעם. מיר וועלן ארויסגיין אפן וועג, עפשער וועט זיך מאכן א מאשין אָדער א פור. מיר וועלן זיך ווי־ניט־איז דערקלײַבן...

5

ליזע האָט אָפּגעקליבן די סאמע נייטיקסטע זאכן. פונדעסטוועגן איז שווער געווען אלץ ארײַנלייגן אין גרויסן רוקזאק, אין טשעמאָדאן און אין עטלעכע פּעקלעך, וועלכע זי האָט צונויפגעפּאקעוועט. באגינען האָבן זיי

געלאָזט זיך אין וועג. מיט א צופעליקער פור זײַנען זיי א ביסל אונטער־געפאָרן. נאָכדעם האָט זיך געמאכט א מאשין, מיט וועלכער זיי זײַנען דער־פאָרן ביז קורמאַן. ליזע האָט מיטן קינד דערוויַיל זיך אײַנגעאָרדנט בא באקענטע, און עליע איז אוועק גלײַך אין ראיקאָם. ער איז געווען זיכער, אז סײַ ליובעצקי, סײַ די טוער פון ראיקאָם וויסן שוין געוויס אלץ, וואָס עס איז געשען מיט אים, און כאָטש ער פילט זיך אין גאָרנישט ניט שול־דיק, איז אים געווען שווער זיך ווײַזן פאר זיי. פונדעסטוועגן האָט ער, גויוער זײַענדיק אין זיך דעם אומאָנגענעמען געפיל, וועלכער האָט אים באהערשט, זיך געלאָזט גיין גלײַך צום קאבינעט פון ערשטן סעקרעטאר.

אין דער רעגע האָט ליובעצקי אָן עפן געטאָן די טיר פון זײַן קאבינעט און פאָנעם־על־פּאָנעם זיך צונויפגעשטויסן מיט מעהודינען.

— א, אליושע... קום אריַין. דערצייל, וואָס הערט זיך?

— איר ווייסט דאָך שוין, מיסטאמע... — האָט מעהודין א זאָג געטאָן. — בין איך געקומען אהיים...

— גוט האָסטו געטאָן...

— כ'בין געקומען אהער, ווײַל דאָ וועט קיינער, האָף איך, וועגן מיר קיין שלעכטס ניט טראכטן.

— ווער קאָן וועגן דיר טראכטן שלעכטס?

— זעט איר דאָך, אז ס'האָבן זיך געפונען אזעלכע, וועלכע האלטן, אז איך טו שלעכטס...

— געוויינלעך, ווען ס'לייזט זיך דער גורל פון א קאָמוניסט, פרעגט מען זיך אָן דאָרטן, ווו ער האָט פריִער געארבעט, מע באקאנט זיך מיט זײַן כאראקטעריסטיק, נאָר מיך און קיינעם פון ראיקאָם האָט מען גאָרנישט וועגן דיר ניט געפרעגט, — האָט ליובעצקי געזאָגט. — קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט... האָסט אָנגעשריבן אין צק?

— אוודע האָב איך אָנגעשריבן. דאָרט, האָף איך, וועט מען זיך פאנאנ־דערקלײַבן... אָבער דערוויַיל דארף איך ארבעטן, ארומגיין שלינג־שלאנג קאָן איך ניט.

— וואָס פאר אָן ארבעט וואָלסטו געוואָלט? דו ווייסט דאָך גוט אונדזער ראיאָן, איז זאָג, וווהין שיקן דיך.

— מיר איז אלציינס. וועלכע ארבעט מע וועט מיר פאָרלייגן, וועל איך מאסקים זײַן.

— פונדעסטוועגן?

— די סאמע שווערסטע.

— וואָס הייסט, די שווערסטע? אף וויפל מיר איז באוווסט, האָסטו קיין גרינגע ארבעט קיינמאָל ניט אויסגעפּילט.

— גיט מיר דעם סאמע אָפּגעשטאנענעם קאָלווירט, איך דארף דאָך פונסנײַ האלטן עקזאמען פאר דער פארטיי.

— דו האָסט שוין, דאכט זיך, ניט איין מאָל אויסגעצייכנט אויסגעהאלטן די עקזאמענעס אף אלץ, וואָס פאָדערט זיך פון א גוטן איבערגעגעבענעם טוער און א פּרעכטיקן ערד־ארבעטער.

ליובעצקי האָט געוואָרט א ווײַלע, עפּשער וועט מעהודין דאָך אליין אונ־טערזאָגן, וועלכן פון די אָפּגעשטאנענע קאָלווירטן פון ראיאָן וויל ער

נעמען. אפֿן זינען איז אים געקומען דער פּעטראָווקער קאָלווירט, נאָר אליין פֿאַרלייגן מעהודינען האָט ער ניט געוואָלט.

מעהודין האָט, דוכט זיך, אָנגעשטויסן, וועגן וואָס ליובעצקי טראַכט, און א פֿרעג געגעבן:

— וואָס הערט זיך אין פּעטראָווקער קאָלווירט?

— מיר מאַטערן זיך נאָך מיט אים און ווייסן ניט וואָס צו טאָן. די לאַגע האָט זיך אין דעם קאָלווירט אַף קיין האָר ניט פֿאַרבעסערט. ווען דו האָסט געאַרבעט בא אונדז, אויב דו געדענקסט, האָט מען ניט איין מאָל געשטעלט די פֿראַגע וועגן אים. די מיטלען, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען, האָבן קיין רעזולטאַטן ניט געגעבן. די גערעטעניש איז דאָרט נאָך אַלץ א שפּאָט נידעריקע. די ווירטשאַפֿט באַרעכטיקט זיך ניט. די מענטשן באַקו־מען פֿאַר זייער מי זייער ווייניק. דעריבער זײַנען זיי ניט פֿאַראינטערעסירט אין דער אַרבעט... איז וואָס קאָן מען טאָן?.. מ׳דאַרף אַהין שיקן, פֿאַרשטייט זיך, א שטאַרקן אָנפֿירער מיט א פֿעסטער האַנט, וועלכער זאָל פֿײַיִק זײַן אײַנפֿירן דאָרט א דיסציפּלין און מאַכן אַן אָרדענונג אין דער ווירטשאַפֿט,— האָט ליובעצקי געגעבן אים אָנצוהערן.— ס׳וואָלט געווען אַזאַ מענטש, וואָלט זיך אונדז, עפּשער, אײַנגעגעבן קריגן פֿאַר זיי א ביסל קרעדיטן.

— דער קאָלווירט איז דען קרעדיטפֿײַיִק?

— כ׳מיין, אַז ניט. נאָר דאָס מאַכט ניט אויס... כ׳האָף, אַז ס׳וועט זיך אונדז אײַנגעבן מאַכן פֿאַר אים אַן אויסנאַם.

— כ׳בין אין דעם ניט זיכער... לאָמיר זיך אַפֿילע פֿאָרשטעלן, אַז ס׳וועט זיך אײַך יאָ אײַנגעבן, איז וואָס וועט איר אופּטאָן מיט די קרעדיטן?

— וואָס הייסט? א גוטער אָנפֿירער וועט געפֿינען, וויִאַזוי אויסצונוצן זיי, קעדיי פֿאַרבעסערן די לאַגע.

— קעדיי אופֿהייבן דעם קאָלווירט, דאַרף מען מער גרינטלעכע מאָס־מיטלען, ווי קרעדיטן...— האָט באַמערקט מעהודין.

— וועלכע? נו, זאָג, אַדראַבע, זאָג, וועלכע?..

— קיין שלעפּ־קראַפֿט איז אין קאָלווירט, אַף וויפֿל איך ווייס, קימאַט ניטאָ. אַרבעטספֿײַיִקע מענטשן זײַנען ווייניק, די ערד איז ווייניק פּראָ־דוקטיוו. אויב מע וועט אַפֿילע מיט דער הילף פֿון קרעדיטן פֿאַרגרעסערן דעם פֿאַרזיי־שעטעך און א ביסל אופֿהייבן די גערעטעניש, איז דאָס נאָך אויך ניט קיין אויסוועג פֿון דער לאַגע.

— אין וואָס זשע איז דער אויסוועג, אין וואָס?

— מ׳דאַרף דעם אויסוועג געפֿינען.

— וויִאַזוי געפֿינט מען אים?

— מ׳דאַרף נאָר אַרבעטן מיט קאָפּ.

לויט דעם, ווי מעהודין האָט גערעדט, האָט ליובעצקי פֿאַרשטאַנען, אַז מע קאָן אים פֿאָרלייגן נעמען דעם פּעטראָווקער קאָלווירט.

— נו, איז עפּשער וועסטו אים טאַקע נעמען?

— כ׳וועל א טראַכט טאָן,— האָט מעהודין געענטפֿערט.— אין א פּאָר טעג אַרום וועל איך געבן א טשוווע.

פֿון ראַיקאָם איז ער אַרויס א דערמוטיקטער. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער א קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן אַפֿן פּעטראָווקער קאָלווירט.

לעבן דער סטאנציע האָט ער דערזען א ווײַן־לאַריאָק פון אָט דעם קאָל־ווירט.

„אויב זיי פארקויפן ווײַן, הייסט עס, אז זיי האָבן א ווײַנגאָרטן, — האָט מעהודין א טראכט געטאָן. — איז די לאַגע נאָך עפשער ניט אזוי געפער־לעך".

דער פארקויפער האָט גאסטפרײַנטלעך אײַנגעלאדן אים:

— ביטע, קומט ארײַן.

מעהודין האָט א פיר געגעבן מיט די אויגן איבערן פוסטן אומהיימ־לעכן לאַריאָק, ווו אכוץ א פעסעלע ווײַן, א ביסל עפל און פאָמידאָרן, ווי ס'ווײַזט אויס, אף צוצובײַסן, איז גאָרנישט ניט געווען. דער פארקויפער, וועלכער האָט ארויסגעקוקט אף א באזוכער, איז שוין ניט אָפּגעטראָטן פון מעהודינען:

— וויפל אָנגיסן?.. אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, זײַט איר כאַווער מעהודין?

— יאָ, דאָס בין איך.

— וויל איך אײַך טאַקע מעכאַבעד זײַן מיט אונדזער ווײַן. פרימאַ!

— א דאנק. דערציילט בעסער, ווי איר לעבט?.. וואָס הערט זיך בא אײַך אין קאָלווירט.

דער פארקויפער האָט צוגעטראָגן צום טישל צוויי גלעזער ווײַן.

— א גרויסן דאנק... זאָגט מיר בעסער, ווי גרויס איז אײַער ווײַנגאָרטן און וויפל ווײַנטרויבן האָט איר אים פון אראָפּגענומען?

— כ'ווייס ניט, א ביסל ווײַן איז דאָ, פארקויפן מיר אים... באלד דארף קומען אהער דער פאָרזיצער פון אונדזער קאָלווירט, וועט איר זיך מיט אים דורכריידן. ער פאָרט שוין הײַנט־מאָרגן פון אונדז אוועק. דערווײַל לאָמיר מיט אײַך אויסטרינקען פאר אײַער געזונט. עך, — האָט דער פאר־קויפער א מאך געטאָן מיט דער האנט, — ווער וועט זיך דאָ בא אונדז האלטן...

— דער ווײַן איז פון אײַערע ווײַנטרויבן?

— אוודאי פון אונדזערע.

— קאָן מען דאָך בא אײַך יאָ אראָפּנעמען גערעטעניש?

— אמאָל, פאר דער מילכאָמע, איז דאָ געווען אן עמעסער פאָרזיצער. א מענטש מיט א קאָפּ, וואָס פארשטייט א טאָלק איןווירטשאפט. מע האָט דאָ גוט באארבעט דעם באָדן און פארפלאנצט דרײַסיק העקטאר ווײַנ־טרויבן. דער קאָלווירט האָט אָנגעהויבן רײַך ווערן, און די מענטשן האָבן זיך געשטעלט אף די פיס. נאָך דער מילכאָמע איז דאָס אלץ פארווילדע־וועט געוואָרן. מיט גרויס מאטערניש האָבן מיר אופגעלעבט קוים דרײַ העקטאר, און אראָפּגענומען א ביסל ווײַנטרויבן. דער פאָרזיצער האָט געהייסן מאכן ווײַן און פארקויפן, קעדיי כאָטשבי האָבן א קאָפּעקע אף דער הויצאָע.

— לייזט איר עפעס?

— ווייניק, זייער ווייניק. ווער ס'האָט ניט פארוואָס צו קויפן און ווער ס'האָט אייגענעם.

— איז אף וואָס דארפט איר דעם לאַריאָק?

— מע קומט אהער פאַרבערעגעגן...— האָט דער פּאַרקויפער אַ שמייכל געטאָן.— מע קאָן דאָך פון זינען אַראָפּ אין אַזאַ העק.
— ס׳איז דען ניטאָ וואָס צו טאָן? פאַרוואָס זאָלט איר זיך ניט נעמען פאַר יענע דרײַסיק העקטאַר ווײַנטרויבן, דאַן וואָלט איר געקאָנט עפּענען אַן עמעסן ווײַן־פּאַוויליאָן אין שטאָט און איר וואָלט געלייזט געלט, אַז ס׳וואָלט געסטײַעט אַי פאַרן קאָלווירט, אַי פאַר די מענטשן.
— ווער וועט זיך נעמען פאַר אַזאַ זאַך? מע באַארבעט מיט גרויס מאַ־טערניש דרײַ העקטאַר... רעדן איז גרינג...
— מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אויב אַזאַ מענטש, ווי איר, לעמאָשל, זאָל זיך נעמען פאַרן ווײַנגאָרטן, וואָלט געווען אַ טאָלק אַי פאַר אײַך, אַי פאַרן קאָלווירט. איז אײַך דען ניט נימעס שטיין דאָ אַ גאַנצן טאָג און וואַרטן, ביז ס׳וועט קומען אַ באַלן אויסצוטרינקען אַ ביסל ווײַן?
— לאָמיר ניט ריידן וועגן דעם, לאָמיר בעסער נעמען צו קאַפּעלעך,— האָט דער פּאַרקויפער פאַרגעלייגט.
— איך וויל מיט אײַך אויסטרינקען, קעדיי צווינטשן, אַז איר זאָלט זיך נעמען פאַר אַן ערנסטער אַרבעט, פאַרן ווײַנגאָרטן. לאָמיר אויסטרינ־קען פאַר אַ סאַך ווײַנטרויבן און פאַר אַ סאַך ווײַן!..

6

פון ווײַן־לאַריאָק האָט מעהודין זיך געוואָלט לאָזן גיין אויפן קאָלווירט־טישן הויף, אַ קוק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט. נאָר ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ליזע קוקט אַרויס אויף אים און וויל וואָס גיכער דערוויסן זיך, וואָס מ׳האָט אים געענטפערט אין ראַיקאָם מיקויעך אַרבעט. דעריבער איז ער אַרײַנגעלאָפן אַהיים, דערציילט איר וועגן דעם שמועס מיט ליובעצקין און וועגן דעם פאַרשלאָג, וואָס ער האָט אים געמאַכט. אָפּגיך אָפּגעגעסן, איז ער צוגעגאַנגען אויפן קאָלווירטישן הויף און פון דאָרט אוועק אין פאַר־וואַלטונג.
ס׳איז שוין געווען פאַרנאַכט. אין דער ענגער דאָרפישער שטוב איז געווען דושנע און אָנגערייכערט. דורכן רויך האָט מען קוים אַרויסגעזען די מענטשן, וועלכע זײַנען געזעסן אין צימער און וועגן עפּעס געשמועסט.
מעהודין איז שטיל אַרײַנגעגאַנגען און זיך באַגריסט. אַ קאָלווירטניק מיט אַ טונקל־גרויער צעשויבערטער באָרד, וואָס איז געזעסן נעענטער צו דער טיר, האָט זיך אופגעשטעלט, דערלאַנגט אים אַ בענקל:
— זעצט זיך, כאַווער.
— ווי לעבט זיך? — האָט מעהודין נאָך אַ קורצער ווײַלע שטילשווײַגן געפרעגט.
— ווי אַ וואָרעם אין כריין,— האָט עמעצער זיך אַ כאָכמע געטאָן.
— וואָסי? — האָט מעהודין געפרעגט.
— וואָס הייסט, וואָסי? איר ווייסט דען ניט? — האָט זיך אָפּגערופן דער מאַנצבל, וואָס איז געזעסן לעבן טיר.— אַנטשולדיקט, כאַווער, ווי איז אײַער פאַמיליע? ערגעץ האָב איך אײַך געזען.

— עפשער א נײַער פּאָרזיצער? — האָט זיך דערהערט פונעם צווייטן ווינקל א הייזעריקע שטים.

— ס'איז דען ניט פאראן קיין פּאָרזיצער? איך וויל אים זען, — האָט מעהודין געזאָגט.

— ווען איר ווייסט, וויפל פּאָרזיצערס זײַנען שוין בא אונדז איבער־געווען, — האָט דער הייזעריקער פּאָרגעזעצט. — איינער איז געקומען צו אונדז פון שטאָט אין א פעטראָוועך הוט און מיט א דיקן פּאָרטפעל, ווי בא א מיניסטער. ער האָט צונויפגערופן א פּאַרזאַמלונג, צוגעזאָגט גאָל־דענע בערג און אין א כוידעש ארום קוים די פיס פונדאַנען אוועקגע־טראָגן... א צווייטן האָט מען ארויסגעטריבן, א דריטער האָט זיך אליין אָפּגעזאָגט, א פערטער האָט זיך געפונען גאָר א גוטע ארבעט — ער האָט געעפנט א לאָריאָק פון ווײַן און איינעם מיטן פאַרקויפער געטרונ־קען.

...מעהודין האָט לאַנג געשמועסט מיטן אוילעם, באַמיט זיך באַקענען מיטן לעבן פון קאָלווירט און מיט די מענטשן. ווען ער איז שפּעט אין אָוונט אוועק, האָט זיך פאַנאַנדערגעפּלאָקערט א וויקועך — ווער איז ער, דער געקומענער, — א נײַער פּאָרזיצער פון קאָלווירט צי גלאָט א מענטש מיט א שליכעס.

די צוריקגעהאַלטנקײַט און אויסערגעוויינלעכע פּאָרזיכטיקײַט, מיט וועלכער ער האָט ארויסגעבראַכט יעדן וואָרט, האָט שטאַרק פאַרוווּנדערט דעם אוילעם און ארויסגערופן די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקסטע האַשאָרעס. אייניקע האָבן געהאַלטן, אז ער וויל זיך פּאָשעט דאָ צוטוליען, ווײַל ער האָט זיך ניט ווו אהינצוטאָן, אַנדערע, פאַרקערט, האָבן געזאָגט, אז דאָס, וואָס ער וואַרפט זיך ניט מיט קיין ווערטער, איז א גוטער סימען. דאָס באַטײַט, אז ס'איז א מענטש אַן ערנסטער און וואַרפט ניט קיין ווערטער אפן ווינט.

צום סאָף, ווען דער אוילעם האָט זיך שוין געהאַלטן באַם פאַנאַנדער־גיין, האָט דער בערדיקער, וואָס איז געזעסן לעבן דער טיר, א זאָג געטאָן:

— איר ווייסט, ווער דער מענטש איז? מעהודין! צי דען האָט איר אים ניט דערקענט? דער געוועזענער פּאָרזיצער פון אונדזער ראַיויספּירקאָם!

— נאַרישקײַטן, ווי קומט ער אהער? ער איז שוין לאַנג פונדאַנען אוועקגעפאָרן. וואָס האָט ער דאָ וואָס צו טאָן?.. — האָט זיך דערהערט א שטים.

— איך זאָג אײַך, אז דאָס איז ער. איר וועט זען, אז ס'איז ער, — האָט יענער געטײַנעט.

— ס'קאָן ניט זײַן, אז אזא מענטש מיט אזעלכע פאַרדינסטן זאָל קומען צו אונדז, — האָט זיך דערהערט א קאָל פון א צווייטן ווינקל.

אף מאָרגן גאַנצפרי, נאָך איידער עמעצער איז ארויס אף דער ארבעט, האָט שוין מעהודין באַוויזן זײַן אפן קאָלווירטישן הויף, ארײַנגיין אין די קויטיקע און כאָרעווע שטאַלן, ווו ס'זײַנען געשטאַנען עטלעכע קי און א

פּאָר צענדליק כּאַזירים. פון דאָרטן איז ער אוועק אין פעלד, באַטראַכט די פאַרווילדעוועטע וויַנטרויבן־פּלאַנטאַציע, און נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג, צום כּעזשבנפירער.

היַינט, אַמשפּעטסטן מאָרגן האָט ער געדאַרפט געבן אין ראַיקאָם אָדער א האַסקאָמע, מ׳זאָל אים רעקאָמענדירן פאַר א פאָרזיצער פון קאָלווירט, אָדער אָפּזאָגן זיך פונעם פאָרשלאָג.

דער כּעזשבנפירער — א הויכער, מיט א לאַנגן דינעם האַלדז און באַברילטע מאָרעשכוירעדיקע אויגן, האָט אף מעהודינס פראַגן געענטפערט אָפּגעהאַקט, אָנגערופן בלויז ציפערן. מיקויעך דער מעגלעכקיַיט צו באַקומען קרעדיטן אין באַנק האָט ער קורץ געענטפערט:

— דער קאָלווירט איז שולדיק דער מעלוכע מער ווי ס׳איז ווערט זיַין פאַרמעגן. דעריבער דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין, אַז מיר זיַינען ניט קרע־דיטפּייִק.

מעהודין האָט קיינמאָל ניט געזוכט א רעטונג אין קרעדיטן, ניט גע־וואָלט קריכן אין כויוועס, נאָר דער ענטפער פונעם כּעזשבנפירער האָט אים שטאַרק צעטומלט.

„אַז ס׳דערגייט ביזן האַלדז און מ׳קען זיך ניט אויסדרייען, וואָלט מען געקאָנט נעמען כאָטש א קורצטערמיניקע האַלוואָע, איז דאָס אויך אויס־געשלאָסן", — האָט ער א טראַכט געטאָן.

— נו און פון דער קאָלווירטישער פּראָדוקציע קאָן מען עפּעס־וואָס רעאַליזירן? — האָט ער א פרעג געגעבן.

— כ׳ווייס אפילע ניט וואָס צו ענטפערן איַיך אף איַיער פראַגע, — האָט זיך אָפּגערופן דער כּעזשבנפירער. — וואָס מיר האָבן געקאָנט, האָבן מיר שוין פאַרקויפט.

— אף די אַרבעטס־טעג האָט איר אַלץ צעטיילט?

— ס׳איז ניט געווען וואָס צו צעטיילן. ס׳האָט אפילע ניט געסטיַיעט צו דעקן דעם כויוו פאַר דער מעלוכע. בא אונדז זיַינען געבליבן בלויז ציבעלעס, מע דאַרף זיי צעטיילן די קאָלווירטניקעס.

— ציבעלעס? — האָט מעהודין איבערגעפרעגט. — וויפל ציבעלעס?.. די קאָלווירטניקעס, מיין איך, דאַרף מען אַרויסגעבן אַזויפיל ציבעלעס, וויפל זיי דאַרפן האָבן פאַרן פּערזענלעכן געברויך, דאָס איבעריקע דאַרף מען פאַרקויפן... ניט יעדערער זאָל זיך שלעפן אפן מאַרק און פאַטערן ציַיט. דער קאָלווירט קאָן פאַרקויפן און אַרויסגעבן דערנאָך געלט.

דער כּעזשבנפירער האָט גליַיכגילטיק א קנייטש געטאָן מיט די פּלייי־צעס:

— מע קאָן אַזוי אויך. ס׳איז א קליינער אונטערשייד. ווי זאָגט מען, ס׳איז ווערט א ציבעלע...

נאָר מעהודין האָט ניט אופגעהערט פאַנאַנדערפרעגן: וויפל ס׳איז פאַ־ראַן ציבעלעס, ווי טיַיער איז איצט ציבעלעס.

דער כּעזשבנפירער האָט זיך געראַיעט צווישן די פּאַפּירן און בעשום־אויפן ניט געקאָנט געפינען די בייטיקע יעדיִעס.

7

די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ קורצע. נאָכדעם, ווי מע האָט עליע מע־הודינען אויסגעוויילט פאַרן פאָרזיצער פון פעטראָווקער קאָלווירט, האָט ער געזאָגט:

— נו, ווּעלן מיר פּרוּוון אַרבעטן!

— מיר אַרבעטן די גאַנצע צײַט. דעריקער, עס זאָל זײַן אַ טאָלק! — האָבן זיך געטראָגן קוילעס.

— וויאַזוי מיר וועלן אַרבעטן, אַזאַ טאָלק וועט זײַן, — האָט געענטפערט מעהודין. — וועלן מיר אַרבעטן גוט, וועט זײַן גוט. די ערד גיט אַזויפיל, וויפל מע גיט איר.

מיט די ווערטער האָט מעהודין געשלאָסן די פאַרזאַמלונג. ער האָט געמאָלדן, אַז מאָרגן זעקס אינדערפרי דאַרפן אַלע ווי איינער אַרויסגיין אַף דער אַרבעט לויט די נאַריאַדן, וועלכע די בריגאַדירן האָבן אָנגעמערקט.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט, נאָר דער אוילעם איז זיך ניט פאַנאַנדערגעגאַן. יעדערן האָט זיך געוואָלט באַקענען מיט מעהודינען, דורכריידן זיך מיט אים, אויסזייצען זיך.

אַף מאָרגן, גאַנצפרי, איידער דער אוילעם איז אַרויס אַף דער אַרבעט, איז שוין מעהודין געווען אַף די פיס. ביז דער זיצונג פון דער פאַרוואַל־טונג, וועלכע איז באַשטימט געווען אַף נײַן אינדערפרי, איז מעהודין גע־ווען אין די ערטער, ווּ ער האָט געבכטן ניט באַוויזן צו זײַן. ער האָט אַ קוק געטאָן, וואָס עס טוט זיך אין שײַער, צי ס'איז צוגעגרייט קאָרם פאַר דעם פי, און אין וועלכן צושטאַנד ס'געפינט זיך דער אינווענטאַר אַפן ווירטשאַפטלעכן הויף.

פונוווּ̈ען האָט ער געזען, ווי פונקט צו דער אָנגעמערקטער שאָ זײַנען די קאָלווירטניקעס אַרויס צו דער אַרבעט. עמעצער פון די אײַליק־דורכ־שווינדלענדיקע מענטשן האָט אים באַמערקט און זיך אָפּגערופן צו אַ צווייטן:

— איר זעט, דאָס איז אונדזער נײַער פאָרזיצער. אַזוי פרי, און ער האָוועט שוין.

אַ האַלבע שאָ פאַרן אָנהייב פון דער זיצונג איז מעהודין געקומען אין פאַרוואַלטונג. דער כעזשבנפירער האָט אונטערגערעכנט, וויפל ס'איז פאַ־ראַן ציבעלעס. עס איז געווען עטלעכע טאָן. מעהודין האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ יעשע, מע וועט קאָנען כאָטשבי עטוואָס „צעפירן די הענט".

— עפשער קאָן מען נאָך עפּעס געפינען? — האָט ער געפרעגט.

— אַ ביסל ווײַן איז, דאַכט זיך, געבליבן, אויב מע האָט עס נאָך ניט באַוויזן פאַרקויפן.

— קאָנט איר מיר געבן יעדיִעס, וויפל האָט געלייזט דער לאַריאָק אַ טאָג און וויפל האָט מען אויסגעטרונקען אָן געלט?

— אַזעלכע יעדיִעס האָב איך ניט, — האָט דער כעזשבנפירער זיך פאַ־נאַנדערגעלאַכט. — איך מיין, אַז מער האָט מען אויסגעטרונקען אָן געלט, וויפל מע האָט געלייזט, וועל איך אַ קוק טאָן אין „וועדאָמאָסט".

ס׳זײַנען געקומען אײנער נאָכן אנדערן די מיטגלידער פון פארוואַל־טונג.

— פריִער פאר אלץ װעלן מיר זיך דורכרײדן װעגן דער ארבעט, װעלכע שטײט אונדז פאָר אין דער נאָענטסטער צײַט, — האָט מעהודין געזאָגט. — װי מײנט איר, כאװײרים, פון װאָס דארף מען אָנהײבן?

די מיטגלידער פון דער פארװאלטונג האָבן זיך איבערגעקוקט, װי זײ װאָלטן געפרעגט אײנער באַם אנדערן, װער זאָל דער ערשטער אָנהײבן רײדן.

— איך האָב געװאָלט, אז איר זאָלט זיך ארויסזאָגן װעגן אָט דער פראַגע, — האָט מעהודין זיך געװענדט צו א נידעריקן מאנצבל מיט א פארסארפּעט ברײט פּאָנעם, — װי איז אײַער פאמיליע?

— גאלײגא... מיר האָבן געארבעט װי מיר האָבן געקאָנט, דעריבער דארפט איר איצט אונדז אונטערזאָגן, װאָס צו טאָן.

— אָבער איר װײסט דאָך בעסער פון מיר, אין װאָס דער קאָלװירט נײטיקט זיך, — האָט געזאָגט מעהודין. — איר זײַט, דאכט זיך, געװען דער בריגאדיר פון דער װײַנגאָרטן־בריגאדע? איך האָב אײַך ארומגעזוכט אי נעכטן, אי הײַנט, כ׳האָב געװאָלט מיט אײַך זיך דורכרײדן װעגן װײַנ־גאָרטן.

— כ׳האָב שוין ניט אײן מאָל גערעדט װעגן דעם, — האָט געענטפערט גאלײגא, — מ׳דארף אים פריִער פאר אלץ באפרײַען פונעם „סװינאָראָי״. ער פאָדערט א סאך קױכעס און מיטלען.

— מיט אונדזערע קױכעס קאָנען מיר אים אופשטעלן? — האָט געפרעגט מעהודין.

גאלײגא האָט א קנײטש געגעבן מיט די פלײצעס:

— כ׳װײס ניט, איך בין ניט זיכער.

— און איר װאָס מײנט װעגן דעם? — האָט מעהודין זיך געװענדט צו קוזמענקאָ, װעלכן ער האָט געקענט פון אמאָל אלס א גוטן װײַנגערטנער.

קוזמענקאָ, א מיטלװוּקסיקער פעסטגעבױטער מאנצבל אין סאָלדא־טישע בגאָדים, האָט זיך איבערגעקוקט מיט גאלײגאן און געשװיגן.

— און אז מיר װעלן צאָלן מעזומאָנים פאר יעדער צענטנער „סװינאָ־ראָי״, װעלן זיך געפינען באלאָנים אויסװאָרצלען אים? — האָט געפרעגט מעהודין.

— מעזומאָנים? טאקע רײן געלט אין האנט אריַן? — האָבן זיך דער־הערט שטימען. — און װו װעלן מיר נעמען געלט?

— געלט װעלן מיר מוזן געפינען, — האָט געמאָלדן מעהודין.

— אף פארדינען געלט װעלן זיך שטענדיק געפינען באלאָנים, — האָט געזאָגט גאלײגא. — װי נאָר מענטשן װעלן זיך דערװיסן, אז ס׳שמעקט מיט געלט, װעט זיך באװײַזן כײשעק צו דער ארבעט. מ׳דארף ניט נאָר צוזאָגן, נאָר טאקע צאָלן.

— ריכטיק, פאר קײן פּוסטן שטעקעלע אין דער „װעדאָמאָסט״ װיל קײנער ניט ארבעטן. מיר דארפן, אז די מענטשן זאָלן װיסן, אז זײער מי װערט אָפּגעשאצט און װערט באלוינט. ס׳האנדלט זיך װעגן אזא װיכטיקן

איניען, ווי ראַטעוועז א ווײַנגאָרטן, וועלכער וועט אונדז אין א יאָר אַרום אָפּצאָלן בעקייפּל־קיפּלאַים.

— אָבער וואָס טוט מען, אז צו דער קאַסע, וווּ ס׳ליגט דאָס געלט, קאָ־נען מיר פּאַרט ניט דערלאַנגען, — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער כעזשבנפֿי־רער. — דאָס, וואָס איר לייגט פאָר, האָט מען שוין לאַנג געדאַרפֿט טאָן און ניט דערלאָזן, אַז אַזאַ אַשירעס, ווי א ווײַנגאָרטן, זאָל פאַרווילדעוועט ווערן. מ׳האָט עס געדאַרפֿט טאָן, ווען מע האָט די קרעדיטן געקראָגן. האָט מען יענץ געלט צעטרענצלט ווער ווייסט אַף וואָס.

מעהודין האָט ניט מיטאַמאָל אָנטפלעקט דעם סאָד, ווו ער רעכנט נעמען געלט־מיטלען. אים האָט זיך געוואָלט, אַז די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג זאָלן איינצנעם מיט אים טראַכטן, דײַגענען, ווי אַזוי אופהייבן די כאָרעווע ווירטשאַפט פון קאָלווירט. נאָך א קורצער ווײַלע שווײַגן האָט ער פאַר־געזעצט:

— דער ווײַנגאָרטן אַליין וועט אונדז ניט געבן די נייטיקע מיטלען, וועלכע מיר דאַרפן, איבערהויפּט, אַז מיר דאַרפן זיי דרינגענד... ס׳איז פאַראַן נאָך א מעגלעכקײַט...

מעהודין האָט געמאַכט א פאַוזע, א קוק געגעבן אַף אַלעמען, עפּשער וועט נאָך עמעצער פאַלן אַף דעם זעלבן סייכל, נאָר דער אוילעם האָט געוואַרט, וואָס וועט ער ווײַטער זאָגן.

— גרינוואַרג! — האָט ער אַנטפּלעקט דעם סאָד. — אָט וואָס עס קאָן אונדז געבן מיטלען, קעדיי גיך זיך שטעלן אַף די פיס.

— גרינוואַרג? — האָט פאַרווּנדערט איבערגעפרעגט גאַלייגאַ.

— גרינוואַרג, — האָט איבערגעכאַזערט מעהודין. — דאָס איז נאָך ניט דער וויכטיקסטער שליסל צום אויצער פון דער ערד, נאָר אָנהייבן דאַרף מען דערפון.

— פאַרוואָס דאַרפן מיר אָנהייבן דאַפקע פון דעם און אויב איר ווילט, אַפילע פון פרײַקע גרינסן? — האָט מעהודין פאָרגעזעצט. — ווײַל פרײַקע גרינסן און גרינוואַרג ביכלאַל קענען געבן גיכע און מאַמאָשעסדיקע הילף אופצוהייבן די איבעריקע צווײַגן פון אונדזער ווירטשאַפט. פרײַקע גרינסן קענען געבן אין אונדזערע קלימאַטישע באַדינגונגען אין מאַרט — אַפּרעל האַכנאָסעס און נאָך וועלכע האַכנאָסעס! מיר וועלן אַרויספירן אין מאַרק גרינע ציבעלעס, רעטעכלעך, בורעקלעך און וועלן דערזען א פרישע קאָ־פּעקע. אָט פאַרוואָס מיר דאַרפן פון דעם אָנהייבן.

— ווען מיר קענען שאַפן ספּעקטן, וואָלטן מיר נאָך ווינטער געקענט האָבן אי גרינסן, אי גרינוואַרג, — האָט זיך אופגעהויבן אָן עלטערע פרוי אין א וואַטניק. מעהודין האָט זיך דערמאָנט, אַז נעכטן האָט ער געשמועסט מיט איר וועגן דעם קליינינקן גרינוואַרג־גאָרטן פון קאָלווירט און גע־נומען בא איר איינקע יעדיעס. ער האָט זיך דערמאָנט איצט איר פאַמי־ליע און צוגעגעבן:

— איר זײַט אינגאַנצן גערעכט, כאַווערטע קאַראָביצינאַ, נאָר איר ווייסט דאָך, אונדזער קאָלווירטישע קאַסע איז פּוסט און מיר האָבן ניט מיט וואָס די הענט צעפירן. סײַדן מיר וועלן זי קענען שאַפן מיט אייגענע קויכעס. מיר וועלן נאָך א טראַכט טאָן וועגן דעם. דערווײַל דאַרפן מיר

היינט, טאקע מאמעש היינט, אף א שעטעך פון צען־פופצן העקטאר, ווו ס׳וועט זיין דער גרינווארג־גאָרטן, ארויספירן די גאנצע באגיטיקונג.

— אהא! א צען־פופצן העקטאר! מיר האָבן זיך דאָך מיט א האלבן העקטאר קוים ספּראוועט, — האָט זיך אָפּגערופן קאָראָביצינא.

— די גאנצע באגיטיקונג ארויספירן? — האָט איבערגעפרעגט גאליי־גא. — דעם גאנצן קעז אין איין קרעפּל?

— יאָ, די גאנצע באגיטיקונג, — האָט איבערגעכאַזערט מעהודין. — נאָר אזא גאָרטן קאָן אונדז איצט שטעלן אף די פיס. א האלבער העקטאר פאר אונדזער קאָלווירט איז דאָך אף איין צאָן. אפילו פארן אייגענעם געברויך איז דאָס ווייניק, און מיר דארפן שאפן מיטלען, קעדיי אופצוהייבן די גאנצע ווירטשאפט.

— פּאָמידאָרן, רעטעכלעך, אוגערקעס, מערן פּאָדערן דאָך וואסער. אָן וואסער וועט אונדזער גאנצע ארבעט גיין צונישט, — האָט געזאָגט קוז־מענקאָ. — ווו וועט איר נעמען וואסער צו באגיסן אזא שעטעך? פארלאָזן זיך אף גאָט, אז ער וועט געבן רעגנס?

— וואסער וועט זיין. מיר וועלן אויסבויען א סקוואזשינע, דערווייל כאָטשבי איינע, — האָט געמאָלדן מעהודין.

— און געלט? געלט, ווו וועט איר נעמען? — איז אופגעשפרונגען דער כעזשבנפירער. — קיין צעבראָכענע קאָפּעקע פארמאָגן מיר ניט, און איר ווילט גאנצע פעלדער מיט גערטנער־קולטורן פארזייען, סקוואזשינעס בויען, ארויסגעבן אוואנסן. דערקלערט אונדז, אף וואָס רעכנט איר אויס? אף אונדזער דאלעס?

מעהודינען האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס פייערל, וואָס ער האָט אָנגעצונדן בא די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג, וועט זיך באלד פאר־לעשן. מע וועט אופהערן גלייבן, אז דאָס, וועגן וואָס ער האָט גערעדט, קאָן מען אויספילן.

— מיטלען וועלן מיר געפינען, — האָט ער פארזיכערט, — זיי וועלן, פארשטייט זיך, פון זיך אליין ניט קומען, נאָר מיר וועלן זיי אויסזוכן. אז מיר וועלן ארבעטן מיט קאָפּ און ניט זשאלעווען קיין קויכעס, וועלן מיר זיך דערשלאָגן אלץ!

נאָך דער זיצונג פון דער פארוואלטונג האָט מעהודין געבעטן דעם פארוואלטער פונעם גרינווארג־שייער פעדאָסיי מאשקינען אָפּוועגן די ציי־בעלעס, זיי גוט איבערקלייבן, איינפּאקעווען און צוגרייטן ארויסצופירן אפן מארק.

פעדאָסיי מיט א פּאָר פרויען, וועלכע זיינען געקומען אים צוהילף, האָבן גוט און גיך זיך ספּראוועט מיט דער ארבעט.

— מאָלאָדיעץ, פעדאָסיי נעסטעראָוויטש, — האָט מעהודין געזאָגט. — איר האָט איבערגעוואויגן די ציבעלעס? איז וויפל האָבן מיר?

— צוויי טאָן מיט אכציק קילאָגראם.

— און וויפל דארף זיין? — האָט מעהודין געפרעגט באם כעזשבנפירער.

— עס דארף זיין מער, נאָר א ביסל האָט זיך, מיסטאמע, איינגעטריקנט. אין אלגעמיין שטימט דער כעזשבן, — האָט דער כעזשבנפירער געענט־פערט.

— מע דאַרף אויסריכטן אַ פּאָר פורן אין וועג.
— ווער וועט פאָרן? — האָט געפרעגט פּעדאָסיי.
— איר וועט פאָרן, קאַראַביצינא און סעראָוו. איר וועט זיך ספּראַווען אײנדרײַען?
— כ'מיין, אַז יאָ, — האָט געענטפערט פּעדאָסיי.
— נו, איז פאַרט. מאַכט געלט. וויפל איר וועט לײַזן, וועט זײַן גוט, נאָר אײַלט זיך ניט. טאָמער וועט מען זיך דאַרפן פאַרהאַלטן אַן איבעריקן טאָג, איז ניט געפערלעך, — האָט זי אָנגעזאָגט מעהודין. — לאָזט ניט איבער די פורן, גיט אַכטונג אויף די פערד און זײַט פאַרזיכטיק מיטן געלט.
— זײַט רויִק, ס'וועט אַלץ זײַן אין אָרדענונג, — האָט פאַרזיכערט מע־הודינען פּעדאָסיי נעסטעראָוויטש.
אויסגעריכט די פורן מיט די ציבעלעס אין מאַרק, איז מעהודין אוועק אויפן ווײַנגאָרטן אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך.
די אַרבעט איז געגאַנגען דאָ גאַנץ העפּטיק. ער איז דורכגעגאַנגען איבערן שעטעך, וועלכן מע האָט אָפּגערייניקט פונעם „סווינאָראַי", אָנגע־וויזן קוזמענקאָן אויף די פּרוכטלאָזע לאָזעס, וואָס זײַנען געבליבן אויף איי־ניקע קוסטעס.
— מיר וועלן זיי אָפּשנײַדן, — האָט קוזמענקאָ זיך פאַרענטפערט.
— פאַרוואָס וואַלגערט איר דעם „סווינאָראַי" אין איין קופּע? — האָט געפרעגט מעהודין. — ווי־אַזוי וועלן מיר וויסן, וועמען וויפל אוואַנס אַרויס־צוגעבן? צאָלן וועלן מיר דאָך לויט דער אויסאַרבעטונג... ווער ס'וועט זיך סטאַרען און מער אַרבעט אָפּטאָן, וועט באַקומען אַ גרעסערן אוואַנס... יעדער קופּקע וועלן מיר אָפּוועגן און צאָלן לויט די קילאָגראַמען.
— ווי לעקעך, — האָט זיך אַ וויצל געטאָן קוזמענקאָ.
— נאָך טײַערער, ווי לעקעך, — האָט אין זעלבן טאָן געענטפערט מע־הודין און זיך געלאָזט מיט קוזמענקאָן ווײַטער גיין איבערן ווײַנגאָרטן.
ווען זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ ביסל פונעם באַצירק, ווו די ווײַנגערט־נער האָבן אָפּגעשניטן די טרוקענע לאָזעס, איז צוגעלאָפן פּיאָדאָר קאַלאָ־מין — אַ הויכער געזונטער יונג מיט טונקעלע וואָנצעס — און האָט געזאָגט צו די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן געאַרבעט אויפן ווײַנגאָרטן:
— איר הערט, מע וועט צאָלן מעזומאָנים!
— גרייט צו די קעשענעס, וועסט קריגן צוויי פינגער מיט אַ כאַפּ... מעזומאָנים האָבן זיך געכאָלעמט די הינער אויף די סידעלעס... ווען די הענער וועלן אויסקרייען אויף פאַרטאָג, אַז מע גיט געלט... לויף אַפּגיך כאַפּן, אַניט וועסטו פאַרשפּעטיקן, — האָט מען פון אַלע זײַטן זיך געכאַכ־מעט. און כאָטש קיינער האָט ניט געגלייבט, אַז אַזוינס קען געשען, מע זאָל אָפּנעמען אַרויסגעבן מעזומאָנים פאַרן „סווינאָראַי", פונדעסטוועגן האָט יעדערער אָנגעהויבן אָפּלייגן זײַן קופּקע באַזונדער. די ערשטע „פּאַר־ציע" האָט אָפּגעוויגן פילאַט מיאַקאָטאַ און אָפּגעשאַצט זי אין אַ קאַרב. די צווייטע פּאַרציע האָט אָפּגעוויגן מיקאָלע פּאָפּייטער און אָפּגעשאַצט זי אין אַ קאַרב מיט פּופּציק קאָפּעקעס. זאַכאַר גרישטשוק, אַן אינוואַליד, האָט אַזוי פלינק געריסן מיט זײַן אייגעציקער האַנט דעם „סווינאָראַי", אַז קיינער האָט אים ניט געקענט נאָכהאַלטן. מע האָט וועגן אים געזאָגט, אַז

ער אַרבעט פֿאַר דרײַ, און אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן „זאַכאַר מיט די דרײַ הענט". די קופּקע, װעלכע ער האָט אָנגעװאַלגערט, האָבן מעװײַנים אָפּגעשאַצט אין גאַנצע דרײַ קאַרבן נאָך מיט אַ סמיטשעק.

— װעסט װערן אַ גװיר, זאַכאַר, — האָט פּילאַט מיאַקאָטאַ געלאַכט.

— װער ס'איז ניט פֿױל, דער האָט אין מױל, — האָט זאַכאַר מיט װירדע אים געענטפֿערט.

זאַכאַרס װערטער זײַנען גוט אַרײַן אין נאָז, און דער אױלעם האָט מיט נאָך מער האַסמאָדע אַ נעם געטאָן זיך צו דער אַרבעט.

קוזמענקאָ האָט זיך אומגעקערט צוריק צום אָרט, װוּ די בריגאַדע האָט געאַרבעט, און מעהודין האָט זיך געלאָזט גײן דערװײַל באַטראַכטן די ערד, װעלכע מע האָט אָנגעמערקט פֿאַר אַ גרינװאַרג־גאָרטן. שטיל, באַמיִענדיק זיך דעם אױלעם ניט אָפּװענדן מיט קײן איבעריקע רײד פֿון דער אַרבעט, איז ער דורכגעגאַן דורך די שױן באַאַרבעטע רײען קוסטעס װײַנטרױבן און אָנגעװיזן קוזמענקאָן, װוּ מע דאַרף נאָך אַרומשנײַדן פֿאַרטריקנטע און פֿרוכטלאָזע לאָזעס.

די בריגאַדע האָט באַאַרבעט אַ באַצירק נאָך אַ באַצירק פֿונעם װײַנגאָרטן. די קופּעס „סאָװינאָראָי" זײַנען געװאַקסן. מע האָט געאַרבעט אַזױ גיך, אַז קוזמענקאָ האָט ניט געקענט נאָכהאַלטן. װי ער האָט זיך ניט באַמיט, ביז דער פֿאָרזיצער װעט זיך צוריקקערן אַהער, אַרומשנײַדן די לאָזעס פֿון די קוסטעס, האָט ער ניט באַװיזן.

אומגעקערט האָט זיך מעהודין צוריק אױפֿן װײַנגאָרטן, װען די זון האָט זיך שױן אָנגעהױבן זעצן. ער האָט פֿאַר דער צײַט באַװיזן אױסמעסטן אין דער לענג און אין דער ברײט דעם שעטעך פֿאַר גאָרטנװאַרג. ער האָט גוט באַקוקט דעם רעליעף פֿון באָדן און איז געקומען צום אױספֿיר, אַז מע דאַרף זוכן אַ מער פּאַסיק אָרט פֿאַרן גרינװאַרג־גאָרטן. און דאַן איז ער אַװעק צום טאָל, װעגן װעלכן די טױשװוּים האָבן דערצײלט, אַז דאָ האָט זיך אַמאָל געפֿונען דער ברונעם פֿון דער פֿריצטע ליוסטיכע. ער איז ניט געװען זיכער, צי די אונטערגרונטיקע קװאַל־װאַסערן זײַנען נאָך ביז איצט ניט אַנטרונען געװאָרן און צי מע װעט קאָנען דאָרטן בױען די סקװאַזשינע, אױף יעדנפֿאַלס איז ער אַװעקגעגאַנגען נאָך אין אַ פּאָר טאָליקע ערטער, װוּ פֿרילינג פֿאַרהיט זיך אַ לענגערע צײַט די פֿײַכטקײַט פֿון באָדן און װוּ די פֿרײַקע גרינסן װעלן קאָנען אַ געװיסע צײַט װאַקסן אָן באַװאַסערונג.

— נו, די אַרבעט רוקט זיך, הײסט עס? — האָט ער, באַטראַכטנדיק די באַפֿרײַטע פֿון „סאָװינאָראָיען" רײען װײַנטרױבן, צופֿרידן אַ זאָג געטאָן.

— עס גײט גוט, — האָט זיך אָפּגערופֿן קוזמענקאָ. — כ'האָב נאָך ניט באַװיזן אַפֿילע אומעטום די לאָזעס אַרומשנײַדן, אַזױ גיך אַרבעט דער אױלעם. נאָר מיט דעם, האָף איך, װעל איך זיך סאַראַװען.

מעהודין האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס באַאַרבעטע שטיקל װײַנגאָרטן, באַמערקט אײניקע איבערגעבליבענע אין דער ערד װאָרצלען פֿון „סאָװינאָראָי" און אײניקע איבערגעבליבענע פֿרוכטלאָזע לאָזעס. ער האָט אױפֿמערקזאַם געמאַכט אױף דעם דעם בריגאַדיר און געפֿאָדערט עס טײקעף אױספֿאַריכטן.

...ווען מעהודין האָט אַ מידער זיך דערקליבן צוריק אין פאַרוואַלטונג, האָט ער דאָרטן געטראָפן די מענטשן, וועלכע האָבן אָפּגעפירט די ציבעלעס אפן מאַרק.

— די סכוירע האָבן מיר פאַרקויפט, — האָט צו וויסן געגעבן פעדאָסיי נעסטעראָוויטש.

— מיר וואַרטן שוין אף אײַך אָפּצוגעבן דעם כעזשבן, — האָט באַמערקט קאָראָביצינאַ.

מעהודין האָט אוועקגעזעצט זיך באַם טיש. סעראָוו מיט פעדאָסייעוון האָבן אָפּגעגעבן כעזשבן, וויפל ציבעלעס זיי האָבן פאַרקויפט און אף וועלכע פרײַזן. נאָכדעם האָט קאָראָביצינאַ איבערגעציילט דאָס געלט און איבערגעגעבן מעהודינען.

— באַלד וועט דער בריגאַדיר ברענגען יעדיִעס, וויפל „סווינאָראָי״ מע האָט אויסגעוואָרצלט. מאָרגן וועלן מיר אַרויסגעבן אַוואַנסן.

— פאַרוואָס נאָר די ווײַנגערטנער? — האָט געפּרוווט דערווידערן דער כעזשבנפירער. — די ציבעלעס געהערן דאָך אַלעמען.

— פאַר אַלעמען וועט ניט סטײַען קיין געלט, און דעם ווײַנגאָרטן מוזן מיר דרינגענדיק באַאַרבעטן, אַנדערש וועט ער קיין גערעטעניש ניט געבן, — האָט מעהודין דערקלערט. — דערנאָך וועלן מיר אַלעמען געבן אַוואַנסן.

— עפּשער אַרויסגעבן דער ווײַנגאָרטן־בריגאַדע דאָס געלט האַרבסט־צײַט און דערווײַל אָנהייבן בויען די סקוואַזשינע? — האָט פאָרגעלייגט דער כעזשבנפירער.

— ניין, דאָס קאָן מען ניט, — האָט מעהודין דערווידערט. — מיר האָבן צוגעזאָגט אַרויסגעבן אַוואַנסן, וועלן מיר אַרויסגעבן. וואָס אָנבאַלאַנגט די סקוואַזשינע, דאַרף מען נאָך מיט אַ פאַכמאַן באַשטימען דאָס אָרט, ווו זי צו בויען, ווײַל דעם גרינוואַרג־גאָרטן וועלן מיר שאַפן דאָרט, ווו עס וועט זײַן וואַסער.

— דערקלערט מיר פונדעסטוועגן, פון וועלכע קוואַלן וועט איר קריגן מיטלען? געלט וואַקסט ניט פון זיך אַליין, ווי גראָז אין פעלד, — האָט זיך אָפּגערופן דער כעזשבנפירער.

— מיר וועלן קריגן, — האָט אים פאַרזיכערט מעהודין. — עס וועט זײַן ניט גרינג, נאָר מיר וועלן קריגן. מיר וועלן טאָן אַזוי, ווי עס טוען אַלע באַלעבאַטים, ווען מע דאַרף עפּעס אָנלעבן אין דער באַלעבאַטישקײַט. מיר וועלן קלײַבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן, פון גראָשנס וועלן ווערן רובלען, צענדליקער און הונדערטער רובלען...

— מיט אַזאַ קליינגעלט קען מען ניט צוטרעטן צו בויען אַ סקוואַ־זשינע, — האָט דער כעזשבנפירער ניט אופגעהערט זיך צו קווענקלען. — און אַכוץ דער סקוואַזשינע וועלן מיר דען ניט האָבן קיין הויצאָעס?

— וועלן מיר נאָך מיטלען געפינען, — האָט פאַרזיכערט מעהודין. — מיר וועלן אויסהאָדעווען עטלעכע כאַזיירים. אײַנשאַפן וועלן מיר די מאַ־טעריאַלן פאַר דער סקוואַזשינע ביסלעכווײַז. פריִער וועלן מיר אײַנקויפן טרויבן, פּאָמפּעס, נאָכדעם אַנדערע זאַכן... פרילינג־צײַט וועלן מיר אַראָפּ־נעמען פריִיִקע גרינסן, מיר וועלן שליסן אַן אָפּמאַך מיט אַן אונטערנע־

מונג, צושטעלן איר פריִיקע גרינס, און זי וועט אונדז געבן די נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער סקוואַזשינע.

אַף מאָרגן גאַנצפרי, ווען דער אוילעם האָט לויט די פּאָרויס אָנגעמערקטע נאַריאַדן זיך געלאָזט גיין אַף דער אַרבעט, איז שוין אָפּן „שטשיט‟ פון פאַרוואַלטונג געהאַנגען א מעלדונג:

„די פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט מעלדעט, אַז די מיטגלידער פון דער ווײַנגאָרטן־בריגאַדע קענען הײַנט באַקומען געלט — אַוואַנסן פאַר זייער אָפּגעטאָנענער אַרבעט אויסצוואָרצלען די „סווינאָראָיען‟ פון ווײַנגאָרטן. קעדיי באַקומען דאָס געלט, דאַרף מען האָבן א קוויטל פון בריגאַדיר, וועלכער זאָל באַשטעטיקן, וויפל קילאָגראַם „סווינאָראָיען‟ האָט יעדער מיטגליד פון בריגאַדע ביז הײַנטיקן טאָג אויסגעוואָרצלט. פאַרוואַלטונג‟.

אין אָוונט, ווען די ווײַנגאָרטן־בריגאַדע האָט געקראָגן דעם אַוואַנס, האָט עמעצער פאַרהילכט אַלעמען מיט א טשאַסטושקע, וועלכע מ'האָט שוין לעקאָוועד דער געשעעניש געשאַפן:

אונדזער נײַער פּאָרזיצער
גיט אונדז הײַנט אַוואַנסן,
ווען מיר לעקאָוועד דעם
הוליען און טאַנצן...

א צווייטער האָט פאַרגעזעצט:

וואָס דאַרפן מיר גליקן זוכן,
אַז מיר וועלן האָבן אי ברויט, אי קוכן,
און א ביסל ווײַן וועט זײַן,
די נעשאָמע צו מעסאַמייעך זײַן...

אַנדריי סעראָוון האָט זיך אײַנגעגעבן, לויט סימאָנים, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט אין זײַן זיקאָרן פון דער ווײַטער קינדהײַט, פעסטצושטעלן דאָס אָרט, ווו ס'האָט זיך אַמאָל געפונען דער פריצטע ליוסטיכעס ברונעם, און דאַן האָט מעהודין אָנגעהויבן טראַכטן, אַז עפּשער וואָלט טאַקע געהאַט א זין צו בויען די סקוואַזשינע דאָ, אַף דעם דערבײַליגנדיקן ערד־שעטעך. עמעס, דער פּאַכמאַן, וועלכן מעהודין האָט אײַנגעלאַדן, האָט געפונען א פּאָר ערטער, ווו די אונטערבאָדן־וואַסערן זײַנען א סאַך נעענטער, ווי דאָ, דערפאַר אָבער איז דער רעליעף אין אָט דעם אָרט געווען צוגעפּאַסט פאַרן גרינוואַרג־גאָרטן מער ווי אַנדערש־ווו.

נאָך א יִשעווו־האַדאַעס מיט די קאָלווירטניקעס איז מעהודין געקומען צום אויספיר, אַז כאָטש דאָס וואַסער איז דאָ טיפער, ווי אין די אַנדערע ערטער, און געלט אַף בויען די סקוואַזשינע וועט אַוועקגיין מער, פונדעסטוועגן דאַרף מען אויסקלײַבן אַן אָרט פאַר דעם גרינוואַרג דאָ, אַף וויפל דער דאָזיקער ערד־שעטעך איז א טאָליקער און די פײַכטקײַט וועט זיך דאָ פאַרהיטן מער. אַזויאַרום וועלן די פריִיקע גרינסן דאָ אויסוואַקסן אָן באַגיס־וואַסער.

דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר עס איז ענדגילטיק באַשטימט געוואָרן דאָס אָרט פאַרן גרינוואַרג, האָט מעהודין פאַראָרדנט דער רינגלערן קאָראָביצי־

נא ארויספירן דעם גאנצן קיזיק פון דער פערמע אהער און באגיטיקן דעם באָדן.

— זעט, איר זאָלט ניט אָפּלייגן און באצײַטנס באוואָרענען זיך מיט הויכסאָרטיקער, גוט דורכגעקאָנטראָלירטער זריִע פון דער פּרווו־סטאנ־ציע, — האָט מעהודין איר שטרענג אָנגעזאָגט.

ווי נאָר ס'האָט זיך דערנענטערט די צײַט צו אקערן און זייען, האָט ער ארויסגעריסן א פּאָר שאָ און זיך דורכגעגאנגען מיטן פעלדצוכט־בריגאדיר איבערן פעלד, אָנגעמערקט, ווו וואָס צו זייען, און אוועקגעשטעלט פאר אים הארב די פראגע וועגן דער ארבעט פון זײַן בריגאדע.

— אין דער צײַט פון פּאַרזיי, — האָט ער מיטן בריגאדיר אײַנגעטײַנעט, — איז יעדער טאָג מיט גאָלד גלײַך. אויב עס איז דורכגעגאנגען א טאָג אומזיסט, אפילו א שאָ, האָבן מיר זיך אליין באגאנוועט. מיר אקערן, זייען, ווארטן פון דער ערד א גערעטעניש. קומט א לײַדאק, א פּוסטעפּאס־ניק, נארט אונדז אָפּ און בארויבט אונדז. כ'וואָלט זיי געמישפּעט, ווי רויבער. די גרעסטע שטראָף וואָלט איך זיי געגעבן!

אָף א שטיק פריש־אופגעאקערט ערד האָט מעהודין באמערקט ניט קיין דורכגעאקערטע ערטער. עס זײַנען געלעגן אָנגעוואלגערט א הליבע אָף א הליבע. ניט קענענדיק אויסהאלטן, ביז דער טראקטאָריסט, וועלכער האָט געאקערט, וועט זיך אויסקערעווען און וועט צופאָרן נעענטער, האָט ער זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן אים.

— איי, דו, גאזלען, וואָס איזדיעקעוועסטו זיך איבער דער ערד, וועלכע האָדעוועט דיך?! די הענט דארף מען אויסברעכן פאר אזא ארבעט... שעמען מעגסטו זיך אין דײַן ווײַטן האלדז. ווען טוסטו אָפּ? מיך, מייַנסטו, נארסטו אָפּ? מיר וועלן האָרעווען, אויסגעריסן ווערן, און צוליב דיר וועט אונדזער ארבעט אוועק מיטן ווינט...

דערהערנדיק א געשריי, איז קוזמענקאָ, וועלכער האָט זיך געפּאָרעט דערבײַ אפּן ווײַנגאָרטן, צוגעלאָפן.

— גיב א קוק, גאווריליטש, ווי מע אקערט עס... וואָס קאָן מען דער־ווארטן פון אזא ארבעט?

קוזמענקאָ איז צוגעגאנגען צו דעם שטיק אופגעאקערטער ערד, א ראָיע געטאָן מיטן פוס א פּאָר הליבעס און געוואָלט מעהודינען עפּעס זאָגן, נאָר ס'איז צוגעגאנגען דער טראקטאָריסט. א צעטומלטער האָט יענער אָנגע־הויבן זיך פארענטפערן:

— וואָס בין איך שולדיק, אז די ערד איז אזא... א דיסקעווע באָראָנע וועט עפּשער א ביסל צעקלאָפּן די הליבעס, האָבן מיר זי דאָך ניט...

— איר זוכט אלץ טערוצים, — האָט מעהודין ניט אופגעהערט זיך צו בייזערן. — איר קראצט די ערד, ניט איר אקערט.

דער טראקטאָריסט האָט אוועקגעשטעלט דעם לעמעש אזוי, אז ער זאָל דריבנער אקערן. מעהודין מיט קוזמענקאָן האָבן נאָך א ווײַלע באטראכט די אופגעאקערטע ערד.

— נו, וואָס זאָגט איר, מיכאַיל גאווריליאָוויטש? וואָס פאר א טאָלק קאָן זײַן פון אזא ארבעט? — האָט מעהודין אלץ נאָך אן אופגעבראכטער געפרעגט.

— אומזיסט האָט איר געזידלט דעם טראַקטאָריסט, — האָט קוזמענקאָ זיך אָפּגערופן. — ס׳וועט סײַווי גאָרנישט ניט העלפן. אזוי אקערט מען די גאַנצע צײַט.

— וואָס הייסט, ס׳וועט ניט העלפן?! ס׳וועט העלפן, נאָך ווי... אזוינס וועל איך ניט דערלאָזן... אזא מין אקערן איז ארויסגעוואָרפענע ארבעט. אף שלעכט באארבעטער ערד קען דען עפּעס אויסוואקסן? דער ווײַנגאָרטן איז דאָך אויך פארפלאנצט אף דער דאָזיקער ערד, און דאָס גרינווארג־פעלד וועלן מיר דאָך אויך שאפן אף אָט דעם זעלבן באָדן.

— דאָרטן איז די ערד א ביסל א בעסערע, און מע האָט זי דאָך גוט באארבעט און באגיטיקט.

— וועלן מיר די אויך באארבעטן... קיין שלעכטע ערד איז ניטאָ, עס זײַנען פאראן שלעכטע בעלעבאטים.

— און אף וואָס וועט איר בראָנעווען? זיך אליין אײַנשפּאנען?

— אלץ, וואָס איז מעגלעך, דארף מען אײַנשפּאנען — די פערד, די בעהיימעס, און אז מע וועט דארפן, וועלן מיר זיך אליין אײַנשפּאנען און מיר וועלן בראָנעווען. איר פארגעסט, אז די ווינטן זשליאָקען אויס פון ניט פארבראָנעוועטער ערד דאָס לעצטע ביסל פײַכטקײַט.

— און איך מיין, אז ס׳וואָלט געלוינט כאָטש אוועלכע־ניט־איז שטיק ערד באארבעטן ווי ס׳באדארף צו זײַן. זאָלן אלע זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס פאר א גערעטעניש עס באקומט זיך פון גוט באארבעטער ערד, — האָט פאָרגעלייגט קוזמענקאָ.

— איר האָט אויסגעכאפּט בא מיר דעם געדאנק, — האָט מעהודין צופרידן געזאָגט. — איך טראכט די גאנצע צײַט וועגן דעם, נאָר כ׳האָב געצווייפלט, צי וועלן סטײַען בא אונדז קויכעס אף דעם. איך וואָלט זייער וועלן, אז איר זאָלט זיך נעמען פאר אָט דער זאך. כ׳האָב עס אײַך די גאנצע צײַט געוואָלט פאָרלייגן, נאָר כ׳האָב געוואַרט, ביז איר וועט זיך ספּראווען מיטן ווײַנגאָרטן. איצטער, אז די ארבעט גייט בא אײַך צום סאָף, קענען מיר טאקע ריידן וועגן דעם... ווען איך בין צוגעטראָטן צו דער ארבעט, האָב איך געשטעלט דעם טראָפּ אף גרינווארג און אפן ווײַנגאָרטן, נאָר דאָס הייסט ניט, אז איך האָב פארגעסן אָן די טוועס... ברויט — דאָס איז, סאָפּקאָלסאָף, דער איקער אין דער לאנדווירטשאפט. מיטאמאָל וועט זיך אונדז ניט אײַנגעבן אופהייבן די גערעטעניש פון טוועס אף אונדזער ערד, נאָר וואָס מיר קענען, דארפן מיר שוין טאָן. דער מוסטער־קלין, וועלכן איר לייגט פאָר צו שאפן, וועט זײַן אן אָנהייב. די פעלד־בריגאדע וועט זײַן בא אונדז איינע פון די גרונט־בריגאדעס, און איך לייג פאָר, אז איר זאָלט אָנפירן מיט איר.

— איך? פארוואָס עפּעס איך?

— איך ווייס, אז איר האָט שוין אמאָל אָנגעפירט מיט אזא בריגאדע. איר האָט דערפארונג, און איר וועט זיך ספּראווען דערמיט. אלע מענטשן פון דער פעלד־בריגאדע, וועלכע מיר האָבן צײַטווײַליק געשיקט ארבעטן אפן ווײַנגאָרטן, וועלן מיר אומקערן צוריק. די ארבעט, וועלכע עס איז נאָך געבליבן צו טאָן אפן ווײַנגאָרטן, וועט ענדיקן גאלייגא מיט זײַן בריגאדע.

קוזמענקאָ האָט אויסגעהערט מעהודינען, א טראכט געטאָן א ווײַלע און געזאָגט:

— איר וואלגערט ארוף אף מיר א צו גרויסע לאסט.

— טאקע דערפאר, ווײַל די ארבעט איז ניט קיין גרינגע, האָב איך זיך אָפגעשטעלט אף אײַער קאנדידאטור. קיין פאסיקערן מענטשן זע איך ניט. איך האָף, אז די פארוואלטונג וועט באשטעטיקן אײַך אלס בריגאדיר...

קוזמענקאָ האָט זיך געאקשנט, נאָר סאָפקאָלסאָף האָט מען אים אף דער זיצונג פון דער פארוואלטונג אײַנגערעדט, און ער איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט. מעהודין האָט געהאט האנאָע, קוקנדיק, מיט וואָס פאר א האסמאָדע קוזמענקאָ און זײַן בריגאדע ארבעטן אפן ערד־שעטעך, וועלכער איז אויסגעטיילט געוואָרן פארן פרווו־פעלד. זיי האָבן ארויסגעשלעפט די שטיינער פונעם באָדן, צעקלאפט די הליבעס, דורכגעבראָנעוועט די ערד אין דער לענג און אין דער ברייט. אָבער די אָפגערייניקטע און גוט באארבעטע ערד האָט מען געמוזט באגיטיקן און באוואָרענען, זי זאָל פארזייט ווערן מיט ריינסאָרטיקער, צוגעפאסטער צו די אָרטיקע קלימאטישע באדינגונגען, זריע. מעהודין איז אוועקגעפאָרן צו הינדינען, וועלכער האָט פאר דער מילכאָמע געהאט א שעם פון דעם בעסטן זריעציכטלער אין דער אומגעגנט. הינדין איז געווען א מענטש א קאמצן, ליב געהאט צו האלטן א סאָד, מע זאָל, כאסוועשאָלעם, בא אים עפּעס ניט אויסכאפן, ניט אריבעריאָגן אין עפּעס אן אופטו. פונדעסטוועגן האָט ער בענעגייע מעהודינען ארויסגעוויזן ברייטהארציקײַט, צוגעזאָגט געבן א פאָר פוד ווייץ פון זײַן בעסטער זריע און גערשטן, צו וועלכע פרווו־סטאנציעס און סעלעקציאָנערן ווענדן זיך נאָך הילף.

כיטרע אונטערשמייכלענדיק, האָט ער א פרעג געגעבן:

— אף וואָס דארפט איר ריינסאָרטיקע זריע? אף אײַער פארלאָזטער ערד צו זייען? ס'איז נאָך ניט פאראן אזא זריע אף דער וועלט, וועלכע זאָל וואקסן אף שלעכטער ערד.

— און אף גוטער ערד וועט זי וואקסן?

— ווו וועט איר נעמען אין פעטראָווקע גוטע ערד?

— מיר וועלן גוט באארבעטן א שטיק ערד און שאפן א מין פרווו־פעלד.

— א פרווו־פעלד? דאָס איז א זאך! מיט אזא זאך לוינט זיך צו אייסעקן. ס'איז טאקע ציקאווע צו זען, וואָס קאָן אויסוואקסן אף אזא ערד... ס'איז עפּעס א קלייניקײַט, וויפל יאָר מע אייסעקט זיך מיט פעטראָווקער ערד, און איר ווילט זייען אף אזא ערד און דערווײַזן, וואָס איר קענט... נו, דערווײַזט, און זײַט מאצליעך! איך מיין, אז בא אײַך דארף זיך עפּעס באקומען. קיין טירכע זשאלעוועט איר ניט, ארבעטן קענט איר, איז טאקע ציקאווע א קוק צו טאָן, וואָס וועט זיך דערפון באקומען.

הינדין האָט ווידער געטראכט און, ניט קאָנענדיק בײַשטיין קעגן מעהודינען, ארויסגעגעבן אים א פאָר פוד פון דער בעסטער זריע.

ווי נאָר מעהודין האָט זיך אומגעקערט אהיים, האָט קוזמענקאָ לויטן פּאָנעם פון דעם פאָרזיצער דערקענט, אז ער איז געקומען אהיים ניט מיט ליידיקן.

— ס'איז פאַראַן, פאַראַן! — האָט מעהודין, א שײַנענדיקער, געזאָגט. — איך האָב געקראָגן אַלץ, וואָס מע דאַרף. פּרימאַ, גאָלד האָב איך געקראָגן.

ניט אָראָפּקריכנדיק פֿון דער בעדאַרקע, האָט ער פֿאַרגעלייגט קוזמענקאָן צוזאַמען מיט אים צופֿאָרן א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אַפֿן פּרווו־פֿעלד. ווען זיי זײַנען פֿאַרבײַגעפֿאָרן דאָס כאַרעווע שטיבל, וואָס האָט זיך גע־פֿונען לעבן דעם קאָלווירטישן הויף, האָט קוזמענקאָ א פֿרעג געטאָן:

— איר געדענקט, דאָס ערשטע מאָל, ווען מיר האָבן זיך צונויפֿגע־קליבן אין קאָנטאָר אָף דער זיצונג פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, האָט קאָראָבי־צינא פֿאָרגעלייגט ספּעקטן מאַכן?

— אַוודאי געדענק איך.

מעהודין האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קוזמענקאָ האָט ניט פֿאָשעט וועגן דעם דערמאָנט.

— נו, איז וואָס? — האָט מעהודין געפֿרעגט באַם בריגאַדיר. — ס'וואָלט געווים געווען גוט, ווען מיר האָבן ספּעקטן.

— כ'מיין, אַז מיר וועלן זיי קענען מאַכן. כ'האָב געפֿונען סטאָליערס, און געהילץ האָב איך אויך געפֿונען.

— ווו האָט איר געפֿונען סטאָליערס?

— זאַכאַר דער אינוואַליד איז א סטאָליער. און זײַן זינדל אַליאָשקע הובלט אויך, ווי א געבאָרענער סטאָליער. פֿעדאָסיי נעסטעראָוויטש איז אויך א שטיקל סטאָליער, איז וואָס דאַרפֿן מיר נאָך? אויב מיר זאָלן דאָ, אין אָט דעם שטיבל, אײַנאָרדענען א וואַרשטאַטל, וועלן זיי מאַכן די ראַ־מען, און ווינטער וועלן מיר האָבן א פֿאַרטיקע „טעפּליצע".

— ברענג אַהער די סטאָליערס, איך וועל זיך מיט זיי דורכשמועסן.

אינגיכן האָבן זיך באַוויזן זאַכאַר מיט זײַן באָכערל, פֿעדאָסיי נעסטע־ראָוויטש און נאָך עפּעס אַן אַלטיטשקער — מיט העק, מיט זעגן, מיט הובלס, סטאַמעסקעס.

— אָט זײַנען די סטאָליערס, — האָט קוזמענקאָ געזאָגט.

— מיר האָט זיך אַפֿילע ניט געכאָלעמט, אַז מיר פֿאַרמאָגן אַזאַ אוצער. איר קענט באַווײַזן אַזאַ וווּנדער, אַז מיר זאָלן אינמיטן ווינטער עסן פֿרישע אוגערקעס!

— ווי עמעצע קישעפֿמאַכער, — האָט צוגעגעבן קוזמענקאָ.

— די זאַך איז א פֿאָשעטע, איר קענט מאַכן ראַמען פֿאַר ספּעקטן? — האָט געפֿרעגט מעהודין.

— אינסטרומענטן האָבן מיר, מאַטעריאַל איז אויך פֿאַראַן, קען מען מאַכן, וואָס איר ווילט. קיין קייסער איז ניטאָ, נאָר ווען מע זאָל דאַרפֿן, וואָלטן מיר געקענט פֿאַר אים א פּאַלאַץ אויסבויען, — האָט זיך געכאָכמעט דער אַלטיטשקער.

— איך וועל באַלד געבן א פֿאַראָרדענונג, מע זאָל צופֿירן אַהער מאַ־טעריאַל, — האָט געזאָגט מעהודין.

— דאָס געהילץ איז א גוטס און אויסגעטריקנטס, — האָט באַמערקט קוזמענקאָ.

...אָף מאָרגן, ווען מעהודין איז צוגעגאַנגען צום שטיבל, האָט מען שוין דאָרטן געהאַקט, געקלאַפּט, געזעגט, געהובלט...

# 8

עס האָט שוין אָנגעהויבן פרעסטלען. די אינדערפריִקע שנייִקע טויען האָבן איבערגעלאָזן זילבערנע פלעקן אַף די אופגעאַקערטע פעלדער, אַף די איבערגעצײַטיקטע, ניט אָפּגעשניטענע גראָזן און האָבן אָנגעזאָגט אַף א גיכן אָנקום פון ווינטער. ווײַט ערגעץ פון יאם האָט א בלאָז געגעבן א קאַלטער, וואָיענדיקער ווינט, וועלכער האָט אײַנגעשלונגען די הודזשעריַיען פון די טראַקטאָרס אין פעלד, די הוקעריַיען פון די אָנטרײַבער פון די פערד, וועלכע האָבן געשלעפּט די דיסקן און די באָראָנעס.

זײַענדיק פאַרנומען מיט דער פערמע, וועלכע מע האָט געדאַרפט ביז ווינטער באַזאָרגן מיט קאָרם און אָפּרעמאָנטירן די שטאַלן, האָט מעהודין, ווי פריִער, טאָג־אײַן, טאָג־אויס ניט אַרויסגעלאָזן פון אויג די פעלדצוכט־בריגאַדע און געהאַלטן אין איין דערמאָנען דעם בריגאַדיר, אַז יעדן טאָג קאָן א קלאַפּ טאָן א פראָסט, און קיין סאָף פון דעם האַרבסט־פּאַרזיי זעט מען נאָך ניט.

— וואָס מער מע טוט, אַלץ מער אַרבעט געפינט זיך, — האָט געזאָגט קוזמענקאָ.

— פונדעסטוועגן, אַז מע טוט עפּעס אָפּ, בלײַבט ווייניקער אַרבעט, — האָט אים מעהודין פאַריכט.

יעדן טאָג איז מעהודין געקומען אין פעלד צו קוזמענקאָן מיט א מיין אויסבעטן בא אים א פּאָר מענטשן, קעדיי כאָטש ווי־ניט־איז פאַריכטן די שטאַלן און פאַרטיידיקן דאָס פי פון די ווינטן און פרעסט, און יעדן מאָל די ביטע אָפּגעלייגט. „אָן אוויירע זיי אָפּרײַסן פון דער אַרבעט. וואָס מער ערד זיי וועלן באַווײַזן באַאַרבעטן פאַרן פרוור־פעלד, אַלץ מער אויסזיכטן וועט זײַן אַף א גערעטעניש”, — האָט ער געטראַכט.

ווי אַפּצולאָכעס, איז דאָס יאָר קאַלט געוואָרן פריִער, ווי אַלעמאָל, און מעהודין האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, עס זאָל אַפּאַנעמעסן ניט א קלאַפּ טאָן א פראָסט. דעריבער איז ער געצוווּנגען געווען סאָפּקאַלסאָף פאַראָרדענען קוזמענקאָן איבערוואַרפן א טייל מענטשן צו העלפן רעמאָנטירן די שטאַלן און צוגרייטן קאָרם פאַר דעם פי.

— אין דער ערשטער ריי, — האָט ער אים אָנגעזאָגט, — דאַרף מען אַראָפּנעמען די קוקורוזע־שטענגלעך און כאָטש וויפל־ניט־איז אָנקאָסיען איבערגעשטאַנענע גראָזן. דער ווינטער איז גרויס, און אַז עס וועט גאָרנישט ניט זײַן, וועט אַלץ צוניץ קומען. וואָס ס'וועט ניט טויגן אַף קאָרם, וועט מען קענען אויסנוצן אַף אונטערשפּרייטן דעם פי, ס'זאָל דעם זײַן טרוקן צו ליגן אין די סטאַיִלעס.

היי האָט זיך אײַנגעגעבן א ביסל אָנשנײַדן און א ביסל איז געווען פאַרגרייט פון היישניט־צײַט, נאָר סײַווי האָט געפעלט נאַרהאַפּטיקע שפּײַז פאַר די קי, וועלכע האָבן זיך אַט־אָט געדאַרפט אָנהייבן קעלבן און האָבן זיך באַזונדערס אין איר גענייטיקט.

די טעג זײַנען געוואָרן קירצער, די נעכט לענגער. פון באַגינען ביז שפּעט אין אָוונט האָט מעהודין זיך אַרומגעטראָגן איבערן ראַיאָן און געזוכט, ווו מע האָט נאָר געקענט, צו קריגן פיטער פאַר דעם פי.

צוריקוועגס, שוין לאָזנדיק זיך פאָרן אהיים, האָט ער געפּרוּווט זיך ווענדן צום דירעקטאָר פון קורמאנער מיל. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז יענער איז אַ מענטש אַן ערעגייַציקער, בלאָזט שטאַרק פון זיך און טוט אַ טויווע, ווען ער רעדט אויס מיט עמעצן אַ וואָרט, פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן בעטן בא אים, ער זאָל פון „זייַן מיל" אָפּלאָזן אים די שי־ראָים.

— מער ווילט איר גאָרנישט? — האָט דער דירעקטאָר אויסגעשטעלט אָף אים אַ פּאָר אויגן. — עפּשער גלוסט זיך אייַך, איך זאָל אייַך אָפּגעבן די גאַנצע מיל?

— די מיל אייַערע דאַרף איך ניט. נאָר קאָרם פאַר דעם פי, פאַר דער קאָלווירטישער פערמע דאַרף איך זייער, — האָט מעהודין אים געענטפערט.

— מאַלע וואָס איר דאַרפט... איך דאַרף, צום בייַשפּיל, ווייסט איר וואָס? און אַז איך וועל אייַך זאָגן, וואָס איך דאַרף, וועט איר מיר עס געבן?

ביזוואַנען דער דירעקטאָר, וועלכער האָט ליב געהאַט זיך צו כאָכמע־נען, האָט צוגעטראַכט בעטן בא אים, וואָס ער האָט געדאַרפט, האָט מע־הודין, מיט אַן ערנסטער מינע, געפרעגט:

— וואָס וואָלט איר פאַרט געדאַרפט?

— אַז איר זייַט אַזאַ באַלעבאָס, וואָס איר האָט ניט מיט וואָס צו קאָר־מענען אייַער פי, איז וואָס זשע קאָנט איר מיר געבן?

מאַכנדיק זיך, אַז עס גייט אים ניט אָן דער שטאָך, וועלכן דער די־רעקטאָר האָט אים געגעבן, האָט מעהודין, דערעכאַגעוו, געזאָגט:

— איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט דערלאָזט, אַז פי פון אונדזער פערמע זאָל בלייַבן אָן קאָרם, דאָס האָט פּאַסירט ניט צוליב מייַן שולד. אָבער דאָס פי דאַרף ניט וויסן, ווער עס איז שולדיק, וויל איך אייַך בעטן, איר זאָלט מיר העלפן אַרויסגיין פון דער שווערער לאַגע. איך, פון מייַן זייַט, קען אייַך אויך מיט עפּעס העלפן.

— מיט וואָס, אַשטייגער, קענט איר מיר העלפן? — האָט דער דירעק־טאָר זיך פאַראינטערעסירט.

— די אַרבעטער אייַערע נייטיקן זיך אין פריש גרינס, אין אוגערקעס, פּאָמידאָרן?

— נו, אוודאי.

— איך קען מאַכן מיט אייַך אַן אָפּמאַך און אייַך זיי צושטעלן פון אונדזער „טעפּליצע" אינמיטן ווינטער, וואָס אַזוינע זאַכן זייַנען מיט גאָלד גלייַך, נאָר מיט אַ טנאַי, אַז איר זאָלט אונדז גלייַך אָנהייבן אָפּלאָזן פון אייַער מיל קלייַען אָדער דערט.

דעם דירעקטאָר איז דער פאָרשלאָג געפעלן געוואָרן. אַ טראַכט געבנ־דיק, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, אָבער קיין גרויסע פאָנדן פאַרמאָג איך ניט. איך דאַרף די אָפּ־פאַלן אוועקגעבן לויט די נאַריאַדן אָף די לאַבאַזן. עפּעס־וואָס וואָלט איך געקענט פון־אייַערטוועגן יאָ אויסטיילן.

— קיין סאַך דאַרפן מיר ניט. די פערמע איז דערווייַל בא אונדז ניט קיין גרויסע.

— וויפל גרינס, אשטייגער, וועט איר אונדז געבן פאר א טאָגע אָפּ־פּאלן?

— מיר וועלן דורכקומען, — האָט געענטפערט מעהודין.

— נו, גוט. קומט צו פאָרן מאָרגן, איך וועל זיך אויסייצען, און מיר וועלן שליסן דעם אָפּמאך... אָבער די אָפּפאלן וועלן מיר אײַך אָפּלאָזן ניט מיטאמאָל, — האָט דער דירעקטאָר געוואָרנט מעהודינען.

א צופרידענער איז מעהודין אוועקגעפאָרן אהיים. ס'איז שוין געווען שפעט אָוונט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין פעטראָוווקע. ליזע איז שוין געשלאָפן. דערהערט א קלאַפּ אין טיר, האָט זי זיך אופגעכאפּט.

— ווער איז דאָרט? דאָס ביסטו? — האָט זי א פרעג געגעבן.

ווי נאָר מעהודין איז אריַין אין שטוב, האָט ליזע לויט זײַן פּאָנעם גלײַך דערקענט, אז ער האָט געבראכט גוטע נײַס. איידער ער האָט אָנגע־הויבן דערציילן, ווי אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו קריגן קאָרם, האָט זי באוויזן אויספּאליען די בסורע, וועלכע זי האָט אים געוואָלט גיכער אָנ־זאָגן:

— די כאזער־מוטער האָט געהאַט צוועלף כאזיירימלעך. און די רויטע קו מיט די ווײַסע פינטעלעך האָט זיך אָפּגעקעלבט און געהאַט א קעלבעלע.

— זעסטו, אף וויפל אונדזער פערמע האָט זיך גלײַך פארגרעסערט... — האָט מעהודין צופרידן געזאָגט. — און וויפל גוטע בסורעס האָבן מיר זיך דערוווסט אין איין טאָג.

די אָפּפאלן, וועלכע מעהודין האָט באקומען אין דער מיל, האָבן פארבע־סערט די לאגע פון דער פערמע. מעהודין האָט פאראָרדנט אונטערקאָרמע־נען די כאזיירים, וועלכע זײַנען אָנגעמערקט געווען צו קוילען. די קי האָבן אָנגעהויבן געבן מערער מילך, די האכנאָסעס זײַנען געוואקסן, נאָר די לויפנדיקע הויצאָעס האָבן אלץ אײַנגעשלונגען, איבערהויפּט, אז א טייל מילך איז אויסגעקומען אָפּגעבן די כאזיירימלעך און דעם ערשט־געבוירע־נעם יונגן פי. פונדעסטוועגן האָט מעהודין געהאָפט, אז די איבעריקע קי וועלן זיך אָפּקעלבן, דאן וועט מען קענען פארקויפן א גרעסערע צאָל מיל־כיקס און פון די האכנאָסעס וועט זיך אײַנגעבן אָנהייבן אָפּשפאָרן געלט — א צושטײַער פאר דער קומענדיקער סקוואזשינע.

ליזע האָט דערוויזן, אז דערווײַל זײַנען ניט פאראן קיין שום סימאָ־נים, אז די קי וועלן זיך אין דער נאָענטסטער צײַט אָפּקעלבן, נאָר מעהו־דין האָט געפּאָדערט, זי זאָל וואָס אָפּטער זײַן אין שטאל, ס'זאָל, כאסווע־שאָלעם, גאָרנישט ניט געשען מיט די געווינערנס.

— הײַנט זײַנען ניט פאראן קיין סימאָנים, און מאָרגן קען זי דיר אָפּ־טאָן אף טערקיש און זיך אָנהייבן קעלבן, — האָט ער מיט ליזען אײַנגע־טײַנעט. — ס'איז דאָך א לעבעדיקער נעפעש, און אכוץ דיר איז בא אונדז ניט פאראן קיין זאָאָטעכניקער. אף דער דעזשורנער פיציכטלערן קאָן מען זיך ניט פארלאָזן.

— איך וועל אכטונג געבן, — האָט ליזע אים פארזיכערט. — נאָר דו

ווייסט דאָך, אז דאָס קינד איז ניט אינגאנצן געזונט און ניט שטענדיק קען איך זיך ארויסרײַסן אין שטאָל.

— כ'ווייס אלץ, אָבער וואָס קאָן מען טאָן?.. א גוטער באַלעבאָס וועט אין דער צײַט, ווען די קו דארף זיך קעלבן, אופּשטיין און לויפן אין שטאַל צען און פופצן מאָל א נאכט, ער וועט צוהיטן די שאָ, די מינוט. וויפל קי, מישטיינסגעזאָגט, פארמאָגט דער קאָלווירט?.. אף די פינגער קאָן מען זיי אויסרעכענען. פונדעסטוועגן איז דאָס אייגנס.

ליזע האָט געוווסט, ווי טײַער עס איז אים דאָס קאָלווירטישע האָב־און־גוטס, ווי ער טרייסלט זיך איבער יעדן שטרויעלע, איבער יעדן זענגעלע. באַזונדערס האָט ער ניט געקענט אריבערטראָגן, אז ערגעץ זאָל זײַן א העזעק, ער האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען:

— געדענק זשע, ליזע, די קי זײַנען בא אונדז באַסיעכידעס, מיר האָבן ווייניק, דארפן מיר זיי באַזונדערס אָפּהיטן.

די פּי־אופזעערן האָט געוווסט, אז אינמיטן נאכט, אין דער סאַמע פינצ־טערניש, אין די גרעסטע רעגנס, בלאָטעס קאָן דער פאָרזיצער אין יעדער רעגע זיך אראָפּיאַווען. טאָמער, באַהיט גאָט, איז ערגעץ אן אומאָרדענונג און ער טרעפט נאָך די דעזשורנע שלאָפנדיק, וועט זי שוין באַקומען אזא פּסאַק, אז זי וועט קינדסקינדער פארזאָגן צו כאַפּן א דרעמל בײַס דער ארבעט. און טאָמער, פאַרקערט, וועט אף דער פערמע זײַן ריין, דאָס פּי וועט זײַן אָנגעהאָדעוועט, אָנגעפּאָיעט, וועט דער נאָמען פון דער דעזשורנע אומבאַדינגט אָפּגעמערקט ווערן צווישן די, וואָס פארדינען קאָוועד און רום.

ווי שווער ליזען איז ניט געווען, פלעגט זי זיך אופכאַפּן אינמיטן נאכט און לויפן אף דער פערמע, קעדיי דערנאָך באַרויִקן דעם מאַן, אז דאָרט איז אלץ אין אָרדענונג.

...מיט מאַזל האָבן די בעהיימעס איינע נאָך דער אנדערער אָנגעהויבן זיך קעלבן, אין די ספּעקטן איז געוואַקסן דאָס פרישקע גרינס, מעהודין האָט אויסגעריכט א פור אין מארק „מאכן געלט".

די האַכנאָסעס פון דעם פרישן גרינס האָבן באַטראָפן ווייניקער, ווי מעהודין האָט אויסגערעכנט. פונדעסטוועגן איז ער אוועקגעפאָרן אין שטאָט און אָנגעהויבן זוכן די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען נייטיק געווען, קעדיי אָנצוהייבן בויען די סקוואַזשינע. ער איז ארומגעפאָרן איבער אלע קראָמען פון שטאָט, אָנגעשפּאַרט אין אלע ערטער פון אומגעגנט און קימאַט גאָרנישט ניט געקענט קריגן.

— אויב ס'וועט זיך ניט אײַנגעבן צו קריגן נײַע רערן פאַר דער וואַ־סערלייטונג, וועט מען מוזן זוכן צוגענוצטע, — האָט ער געטײַנעט. — אָדער מיר וועלן מאכן אן אָפּמאַך מיט אן אָרגאַניזאַציע.

אין פעווראַל האָט אָנגעהויבן קאַפּען פון די דעכער, די פאַרפּראָרענע ערד האָט אָנגעהויבן אָפּגיין. ווי נאָר ס'האָט א ביסל צוגעטריקנט, האָט מעהודין פאַראָרדנט, אז דער גרינוואַרג־רינג זאָל ארויס אין פעלד. פון דער ערד האָבן זיך אָנגעהויבן אויספּיקן די מערן, די פּעטרישקע, וועלכע מע האָט נאָך פארזייט אין האַרבסט. נאָכדעם האָבן אָנגעהויבן אופגיין די בור־רעקעס, די אוגערקעס, ציבעלעס און אנדער גרינס.

מע האָט אָבער ניט באַוויזן ענדיקן דעם פּאַרזיי פון די זומער־טוּוועס, ווי עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן שטאַרקע ווינטן, די „סוכאָווייען", ס'איז דורך א טאָג און צוויי, דער ווינט האָט ניט אויפגעהערט. די וואַיעריַיען זײַנען געוואָרן אַלץ בייזער, אַכזאָריעסדיקער. דער דאָרשט צו טרינקען די פײַכט־קייַט פון דער ערד איז געוואָרן נאָך שטאַרקער.

— אָט אָן אָנשיקעניש, אָט אָן אומגליק... אַלץ וועט פאַרפאַלן ווערן, — האָט מעהודין מיט ווייטיק געטײַנעט. — די שפּראָצלינגען האָבן זיך נאָך ניט באַוויזן אפילע אײַנוואָרצלען אין דער ערד. טיל־טעל וועט פון אַלץ ווערן. אַזויפיל קויכעס האָבן מיר אַרײַנגעלייגט אין אָט דעם גרינוואַרג־פּעלד. די גאַנצע באַגייטיקונג אַרײַנגעשפּאַרט אין אים, און אַלץ וועט אַוועק מיטן ווינט.

ווען ער קאָן, וואָלט ער אַרויס זיך ראַנגלען מיט אים, ווי מע ראַנגלט זיך מיט א בייזער כײַע, וועלכע איז אָנגעפאַלן און וויל פאַרצוקן דאָס טײַ־ערסטע, וואָס עס איז פאַראַן.

נאָר וואָס איז ער קעגן דעם ווינט? ס'ווילט זיך בעטן, מאָנען, שרײַען: ס'ברענט און ס'איז ניטאָ מיט וואָס צו לעשן די סרייפע!

שטיין און קוקן, ווי דער סטעפּ וועט אומקומען? די איינציקע זאַך, וואָס קאָן איצט ראַטעווען די יונגע גרינוואַרג־שפּראָצן, איז וואַסער, אָבער ווו נעמט מען עס? דערוויַיל איז נאָך ניט פאַראַן ניט קיין געלט־מיטלען און ניט קיין מאַטעריאַל אויסצובויען די סקוואַזשינע.

זינט ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין ראַיאָן און ער האָט מיט לײַב און לעבן זיך אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט פון קאָלווירט, האָט ער זיך קיין איין מאָל ניט באַוויזן אין ראַיקאָם. אָבער איצט האָט מעהודין באַשלאָסן אַרײַנגיין צו ליובעצקין, דורכריידן זיך מיט אים און בעטן, ער זאָל זיך מישטאַדל זײַן פאַרן באַנק, מע זאָל וואָס גיכער אַרויסגעבן דעם קאָלווירט א האַלוואַע, און ער, ליובעצקי, זאָל אויך העלפן קריגן די נייטיקע מאַטעריאַלן אויסצובויען די סקוואַזשינע.

ווי נאָר מעהודין האָט אָן עפן געטאָן די טיר און האָט זיך באַוויזן אפן שוועל פון ליובעצקיס קאַבינעט, האָט דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם לויט זײַן פאַרכווישעכטן פּאָנעם פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט אים געשען אַזוינס, וואָס האָט אים מאַמעש געמאַכט פאַר אויס מענטש.

— וואָס זאָגסטו אָף דער אָנשיקעניש? — האָט מעהודין אָן זײַטיקע רייד אָנגעהויבן וועגן דעם איקער, צוליב וואָס ער איז געקומען. — דו הערסט, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן? דער ווינט קען דאָך אומברענגען אונדזער גאַנצן פאַרזיי... נאָר די סקוואַזשינע וואָלט געקאָנט ראַטעווען דאָס פּרײַקע גרינס. אָן וואַסער וועלן מיר אומקומען. איך האָב גערעכנט, אַז מיר וועלן זי קענען שאַפן א ביסל שפּעטער, ווען אונדז וועט זיך אײַנגעבן צונויפ־זאַמלען געלט און מיר וועלן קריגן די נייטיקע מאַטעריאַלן צו בויען זי. אָבער איצטער האָט זיך די לאַגע געענדערט.

ליובעצקי האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אַרויסגערופן דעם אָנפירער פונעם ראַיאָנישן אָפּטייל פון מעלוכע־באַנק. ער האָט לאַנג מיט אים דורכן טעלעפאָן אײַנגעטײַנעט וועגן א קורצטערמיניקער האַלוואַע פאַרן פּעטראָווקער קאָלווירט. מעהודין האָט פאַרשטאַנען, אַז יענער דער־

קלערט ליובעצקין, אז דער קאָלווירט איז א סאך שולדיק דער מעלוכע און ער האָט עס ניט קיין רעכט צו טאָן. נאָר דער סעקרעטאר פון ראַיקאָם איז באַשטאַנען אַף זײַנס און געפאָדערט מאכן אן אויסנאַם און אויספילן די ביטע.

— די נײַע אָנפירונג האָט אָנגענומען די סאַמע אנטשיידנסטע מיטלען, קעדיי מיט די אייגענע קויכעס זיך ארויסקאראַבקען פון דער שווערער לאַ־ גע... זיי וועלן אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט צעצאָלן זיך מיט אײַך און וועלן דעקן די אַלטע כויוועס. דאָס קאָוויר איך אײַך. און איצט דאַרף מען זיי העלפן!

פארענדיקט דעם טעלעפאָן־געשפּרעך האָט ליובעצקי מיטן באַליבטן וואָרט, וואָס ער זאָגט שטענדיק, ווען ער באַקומט א פּאָזיטיוון ענטפער אַף עפּעס: „דאָברע, דאָברע"[1]. לויטן שמייכל, וועלכער האָט א שפּיל געגעבן אַף זײַן פּאָנעם, ווען ער האָט אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, האָט מען געקאָנט גרינג זיך אָנשטויסן, אז ער האָט געפּויעלט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט.

דערנאָך האָט ליובעצקי ווידער אופגעהויבן דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן:

— טעכסנאַב?..[2] מאקסים פאַדייעוויטש? ס׳רעדט ליובעצקי. מע דאַרף אויספילן א דרינגענדיקע אופגאַבע, נאָר טאַקע זייער א דרינגענ־ דיקע — קריגן טרויבן, פּאָמפּעס און אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן אויסצו־ בויען א סקוואַזשינע.

מאקסים פאַדייעוויטש האָט עפּעס לאַנג גערעדט, ליובעצקי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איז זאָגט מיר קאָנקרעט — איר קאָנט אויספילן די אופגאַבע צי ניט? כ׳האָב דאָך אײַך דערקלערט, אז מע דאַרף עס דרינגענד.

לויט דעם „דאָברע, דאָברע", וואָס ליובעצקי האָט ווידער געזאָגט, האָט מעהודין פארשטאַנען, אז ער האָט פון אים אויך באַקומען א באַפרידיקנדיקן ענטפער.

— ניט קיין גרויסע, קורצטערמיניקע האַלוואָע האָט מען מיר צוגעזאָגט אײַך ארויסגעבן. און מאַטעריאַלן אַף אויסצובויען די סקוואַזשינע וועט דער טעכסנאַב אָנעמען אַלע מיטלען צו קריגן, — האָט ליובעצקי געמאָלדן מע־ הודינען.

— א דאַנק. מאָרגן וועל איך זײַן אין באַנק און אין טעכסנאַב. — מע־ הודין האָט זיך געוואָלט לאָזן גיין, נאָר זיך פארהאַלטן און צוגעגעבן: — כ׳האָב מוירע, ביז זיי וועלן אויספילן זייער צוזאָג, קען זײַן שפּעט.

— איך וועל מאָרגן נאָכאַמאָל קלינגען, דערמאָנען, און איר דערמאָנט מיר אויך. גיט צו וויסן, ווי ס׳רוקט זיך דער איניען. אומבאַדינגט גיט צו וויסן.

— איך האָב שוין געוואָלט מיט א האַנדלס־אָרגאַניזאַציע שליסן אן אָפּ־ מאַך, מיר וועלן זיי געבן גרינוואַרג, און זיי זאָלן אונדז געבן דאָס, וואָס מיר דאַרפן פאַר דער סקוואַזשינע.

---

[1] גוט, גוט; [2] טעכנישע באַזאָרגונג.

— נו, האָבן זיי אָנגענומען אײַער פּאָרשלאָג? — האָט ליובעצקי זיך פאַרינטערעסירט.

— זיי ווילן זיך ניט אייסעקן מיט אונדז, זיי קריגן אלץ אף די באזעס. זאָל זײַן, אז אונדזער פּראָדוקציע איז פרישער, זאַפטיקער, נאָר דאָס אינ־טערעסירט זיי ניט. מע וועט מיט דער צײַט, האָף איך, אָרגאַניזירן אזא אַפּזאַץ פון סכוירע, ווי מיר לייגן פאָר, נאָר דערווײַל וויל קיינער ניט טראַכטן וועגן דעם.

— איז אף וועמען וועט איר זיך אָריענטירן, אפן מאַרק? — האָט גע־פרעגט ליובעצקי.

— און אז אפן מאַרק, איז וואָס? — האָט מעהודין, מוירע האָבנדיק, ער זאָל אים ניט נעמען טאַדלען, געפרעגט. — ווער עס וועט דאַרפן אונדזער פּראָדוקציע, וועט זי קויפן אפן מאַרק.

— מע רעדט שוין, אז דער פּאָרזיצער פון פּעטראָווקער קאָלווירט איז א קאָמערסאַנט, אז ער האַנדלט.

— מיט וואָס האַנדל איך? מיט וואָס? — האָט מעהודין זיך אָנגעצונדן. — איך זוך זיך דען אָנלעבן פון דעם, וואָס די ערד־אַרבעטער מיט זייער שווערער האָרעוואַניע שאַפן?.. לעניִן האָט דאָך אויך געזאָגט, אז די באַל־שעוויקעס דאַרפן זיך אויסלערנען האַנדלען... ס׳וועגדט זיך, פאַרשטייט זיך, ווי האַנדלען, אָנלעבן זיך, צי פאַר די אינטערעסן פון פאָלק?

— ריכטיק. אינגאַנצן ריכטיק, — האָט ליובעצקי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך א ווײַלע געוואַקלט — דערציילן צי פאַרשווײַגן? עפּשער דאַרף מען ניט מאַכן אים דערווײַל שווער אפן האַרצן אין אזא פאַראַנט־וואָרטלעכן מאָמענט. סאַפּקאָלסאָף האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

— פונדעסטוועגן האָבן זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן אָנגעשריבן אזש אין דער פּאַרטיי־שער קאָנטראָל־קאָמיסיע וועגן דעם.

— דאָס איז, מיסטאַמע, סעמיאָן. ער איז דאָך גאָר בא זיך אין ראַיאָן. פונוואַנען ווייסט ער, וואָס דאָ טוט זיך?

— זעסט דאָך, אז ער ווייסט. ער דרעמלט ניט און גראָבט, ווו עס לאָזט זיך. מיסטאַמע האָט ער דאָ אויך געפונען א מענטשן, וועלכער מאַכט פון רעכילעס א פּאַרנאָסע און שטעלט אים צו די סכוירע. אינגיכן, האָף איך, וועט זיך אויסלײַטערן... מיר האָבן אָנגעשריבן וועגן דיר אזא כאַראַקטע־ריסטיק, ווי דו פאַרדינסט.

געזעגנט זיך מיט ליובעצקין, איז מעהודין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, און גלײַך האָט ער דערפילט, אז דער סוכאָווויי איז א ביסל שטילער געוואָרן.

„עפּשער וועט דאָס גרינס אויסהאַלטן נאָך א פּאָר טעג, — האָט ער א טראַכט געטאָן. — און אויב ס׳וועט זיך טאַקע אײַנגעבן אינגיכן צו באַגיסן עס, וועלן מיר דאָס ראַטעווען".

אָן עפּן געטאָן די טיר פון זײַן שטוב, האָט מעהודין דערזען מינען.

— וו׳אַזוי... ווי קומסטו אהער? — האָט ער א צעטומלטער געפרעגט.

איידער מינע האָט באַוויזן א וואָרט אויסריידן, האָט ליזע בא איר אויס־געכאַפּט:

— ווי געפעלט דיר, זי איז געקומען און געבראַכט...

— וואָס געבראַכט?

— ס׳איז דאָך כאוואַרישע הילף. איר וועט האָבן, וועט איר אָפּגעבן, — האָט מינע געמורמלט.

— נעם ניט, הערסט? מיר דאַרפֿן ניט קיין הילף פֿון קיין סוינע, — האָט ליזע זיך געקאָכט.

— וואָס האָט איר צו מיר? איך בין אַזוי אויך געשטראָפֿט. איך וויל מער סעמיאָנען ניט קענען. כ׳בין אוועק פֿון אים. ער איז איצט פֿאַר מיר אַ פֿרעמדער מענטש... ס׳איז מײַן געלט, זאָגט מיר ניט אָפּ, באַליידיקט מיך ניט, — האָט מינע זיך געבעטן. — איר נייטיקט זיך דאָך, איך ווייס. איך ווייס אײַער לאַגע. איליושע האָט אַזוי אומשולדיק געליטן...

— נעם ניט, איליושע, נעם ניט! הערסט, איך דאַרף עס ניט! — האָט ליזע זיך ניט געקאָנט באַרויִקן.

— הער אויף, ליזע. מינע איז אונדזערער אַ פֿרײַנט. כ׳בין זיכער, אַז זי טוט עס פֿון גאַנצן האַרצן.

— איר וועט מיך בלויז באַליידיקן, אויב איר וועט ניט נעמען דאָס געלט. איך וויל זיך טיילן מיט אײַך מיט מײַן פֿאַרהאָרעוועטן גראָשן, זאָל זײַן, אַז ס׳איז אַ קליינע הילף, נאָר דאָך...

זי האָט אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש דאָס געלט און זיך געלאָזט גיין. ליזע האָט איר נאָכגעיאָגט, געשריִען, זי זאָל עס צוריק נעמען, נאָר מינע האָט זיך ניט אומגעקוקט און איז אײַליק פֿאַרשוווּנדן.

— זאָרג זיך ניט, מיר וועלן איר אומקערן ביז אַ קאָפּעקע. נאָר אויף וויפֿל ס׳האָט אַזוי פּאַסירט, זי האָט עס איבערגעלאָזט, וועל איך עס דער־ווײַל אויסנוצן, — האָט עליע געזאָגט. — איך וואַרג זיך, איך גיי אויס אָן אַ גראָשן. איך דאַרף באַקומען אַ האַלוואָע פֿון באַנק. מע האָט מיר צוגע־זאָגט זי אַרויסגעבן, נאָר דערווײַל... פֿאַרשטייסט, איך דאַרף זיך אויס־דרייען, איך פֿאַר באַלד נאָך מאַטעריאַל פֿאַר דער סקוואַזשינע און האָב ניט קיין גראָשן בײַ דער נעשאָמע.

— צי דען וועט דיך דאָס געלט אײַנאָרדענען? כ׳וויל ניט, איליושע, ס׳זאָל זיך רעכענען, אַז זי האָט אונדז געהאָלפֿן. פֿאָלג מיך, ס׳פּאַסט ניט פֿאַר אונדז. סע שטייט מיר פּאַשעט ניט אָן. ווייסט דאָך, וועסט זיך אויס־דרייען אָן איר הילף.

עליע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איז ליזע אַזוי אופֿגעטראָגן אויף מינען. יענע האָט איר דאָך קיין שלעכטס ניט געטאָן. פֿאַרבינדנדיק זײַן לעבן מיט ליזען, האָט מעהודין מער ניט געטראַכט וועגן מינען, ס׳האָט אים נאָר שטאַרק באַנק געטאָן, וואָס זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַן אומוויר־דיקן מענטשן.

— מע טאָר, ליזע, ניט באַשפּײַען אַ גוטן מענטשן, — האָט עליע גע־פּרוּווט באַרויִקן ליזען. — אין אַזאַ שווערן מאָמענט, ווי איך לעב איצט איבער, איז דאָס די גרעסטע זאַך, וואָס מע קען טאָן פֿאַר מיר. און דו, ליזע, דאַרפֿסט מיר אויך העלפֿן.

— איך? מיט וואָס קען איך דיר נאָך העלפֿן? אַלץ, וואָס איך קאָן, טו איך דאָך אויך פֿאַרן קאָלווירט.

עליע האָט געוואָלט, אַז ליזע זאָל זיך אַליין אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

ער האָט איר געפּרוווט געבן אָנצוהערן, נאָר זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, דעריבער האָט ער איר דערקלערט:

— איך דאַרף כאַטשבי נאָך אַ ביסל געלט. ווײַל יעדן טאָג, וואָס מיר פאַרשפּעטיקן מיט דער סקוואַזשינע, פאַרלירן מיר הונדערטער און טויזנ־טער רובלען. כ׳וויל צופאָרן אין „טעכסנאַב״, מע האָט דאָרטן צוגעזאָגט געבן די נייטיקע מאַטעריאַלן, אָבער דאָס געלט אין באַנק קאָן איך נאָך ניט הײַנט און ניט מאָרגן אַרויסבאַקומען.

— איז מיט וואָס קען איך דיר העלפן? — האָט ליזע מיט נײַגעריקייט אַ פרעג געגעבן.

— איך וויל, דו זאָלסט אַליין פאַרשטיין.

— מיט וואָס זשע? נו, זאָג?

— דו האָסט געקליבן געלט אויף אַ מאַנטל...

— אָט וואָס דו מיינסט. איז וואָס זשע, זאָל איך דיר עס אָוועקגעבן?

— אויסלײַען אויף אַ פּאָר טעג.

— פאַרוואָס עפּעס לײַען, איך קען עס דיר אָוועקגעבן. נאָר וואָס וועסטו אויפטאָן מיט דעם?.. מיט גראָשנס וועסטו אַ סקוואַזשינע בויען?

— איך דאַרף כאַטש אָנהייבן. מיט דײַן און מיט מײַנעם געלט וועל איך מאָרגן אויסקויפן די טרויבן, און עפּשער נאָך וואָס־ניט־איז אײַנשאַפן.

— כ׳האָב גאָר פאַרגעסן אָן דעם געלט. כ׳האָב עס באַהאַלטן, איך זאָל עס ניט צעטרענצלען, גוט, וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט. קיין מאַנטל קלײַב איך זיך איצט ניט קויפן. אויב דו קענסט מיט דעם עפּעס אויפטאָן, איז נעם עס.

אויף מאָרגן גאַנצפרי איז מעהודין אָוועקגעפאָרן אין „טעכסנאַב״. דער נאַטשאַלניק, אַ נידעריקער, קורצזיכטיקער מאַנצבל אין האָרן־ברילן, מיט אַ גרויסן פּליך, האָט אויסגעהערט מעהודינען און קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— יאָ, כ׳האָב צוגעזאָגט דעם כאַווער ליובעצקי קריגן דאָס, אין וואָס איר נייטיקט זיך, נאָר דערווײַל האָט זיך מיר נאָך גאָרנישט ניט אײַנגעגעבן.

— וואָס הייסט, ס׳האָט זיך אײַך דערווײַל נאָך ניט אײַנגעגעבן? ס׳איז דאָך אַ דרינגענדיקע זאַך.

— איך פאַרשטיי. כ׳פאַרשטיי, כאַווער. נאָר וואָס קען איך העלפן? — האָט יענער געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע. — כ׳נעם אָן אַלע מיטלען.

— דער פאַרזיי אונדזערער, דאָס פרײַקע גרינס ברענט דאָך, איר פאַר־שטייט כאַטש, וואָס פאַר אַ היזעק מיר וועלן האָבן?..

— וואָס זשע זאָל איך טאָן? פון זיך מאַכן? ווען איך קען פון זיך מאַכן, וואָלט איך געוויס געמאַכט.

— זאָל איך איבערגעבן דעם כאַווער ליובעצקין, אַז איר האָט דעם אויפ־טראַג פון ראַיקאָם ניט אויסגעפילט?

— וואָס וועט אײַך העלפן, אַז איר וועט זאָגן? פון דעם וועלן קיין טרויבן ניט ווערן... כ׳סטאַרע זיך, איך זוך. איך זאָג דאָך אײַך, אַז איך וועל אויספילן... אַגעוו, עטלעכע טרויבן קאָן איך אײַך שוין געבן.

— יאָ? — איז מעהודין געוואָרן פריילעכער. — שרײַבט מיר זיי אויס, מאָרגן וועל איך שיקן אַ פור נאָך זיי. נו, און דאָס איבעריקע?

— דאָס איבעריקע — שפּעטער מיט א צוויי־דריי טעג. האָט געדולד, כאַווער...

אויסגעשריבן די טרויבן, איז מעהודין אוועקגעפאָרן אהיים. פאר אָן אָנהייב איז דאָס אויך גוט, מאָרגן וועט מען קענען איינלאַדן א פאכמאַן און צוטרעטן צו דער ארבעט, האָט ער געקלערט. אין וועג איז אים איינגעפאלן א געדאנק — עפשער צופאָרן אין „ניישפּראַצן". מעגלעך, אז דאָרט האָט זיך וואָס־ניט־איז פארהיט פון דער אמאָליקער סקוואזשינע, און מע וועט דאָס קאָנען אויסנוצן. דער געדאנק וועגן דעם האָט שוין אזוי רוען ניט געלאָזט, אז ער האָט, ניט אריינפאָרנדיק אפילע אהיים, גלייך געלאָזט זיך קיין „ניישפּראַצן".

מעהודינען האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס אָרט, ווו ס'האָט זיך אמאָל געפונען די סקוואזשינע, וועט ער געפינען מיט פארמאכטע אויגן. אָבער דער פארוואקסענער, פארווילדעוועטער סטעפּ פון זיין אמאָליקער היים און די כורוועס פון דעם יישעוו האָבן אזוי אלץ ארום געענדערט, אז ס'איז שווער געווען אפילע אָפּצוזוכן א סימען פונעם אָרט, ווו זי איז געווען.

ניט ווייט פונעם יישעוו, ווו ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז ס'האָט זיך געדארפט געפינען די סקוואזשינע, האָט ער באגעגנט אן אלטיטשקן, וועלכער איז געגאנגען, קענטיק, פון סטעפּ.

— וואָס זוכט איר? — האָט דער אלטער געפרעגט מעהודינען.

— איר זייט פון אָט דעם יישעוו? — האָט מעהודין געענטפערט אף דער פראגע מיט א פראגע. — עמעצער פון די טוישווים זיינען דאָ פאראן?

— פאראן. א פּאָר מישפּאָכעס... וועמען דארפט איר?

— איר געדענקט ניט די פאמיליעס פון די אלטע טוישווים?

— סמאָלקין, רעוזין... ווארט אויס, כ'וועל זיך באלד דערמאָנען, ווער איז נאָך פאראן... ערשט איז דאָ ארומגעגאנגען נאָך איינער, ער איז די טעג אהער אָנגעקומען, כ'ווייס נאָר ניט, צי ער וועט זיך באזעצן, צי ער איז אזוי אהער געקומען... מענטשן זיינען נאָך פאראן ווייניק.

— ווו זיינען זיי, די מענטשן?

— ווו קענען זיי זיין? אין סטעפּ, זיי ארבעטן.

— און דער פאָרזיצער פון קאָלווירט ווו איז?

— ער איז, דאכט זיך, ערגעץ אוועקגעפאָרן.

מעהודין איז אראָפּגעקראָכן פון דער בעדארקע און אָנגעהויבן זוכן דאָס אָרט, ווו ס'איז געווען אמאָל די סקוואזשינע.

— וואָס זוכט איר? איר האָט דאָ עפּעס פארלאָרן?

— דאָ איז אמאָל געווען א סקוואזשינע, נאָר ס'איז פון איר קיין זייכער ניט געבליבן, כ'ווייס זי אפילע ניט ווו צו זוכן.

— מע דערציילט, — האָט דער אלטער זיך אָפּגערופן, — אז דאָ האָט אמאָל געלעבט א בארימטער מענטש, איך האָב פארגעסן זיין פאמיליע. די אלטע טוישווים האָבן געארבעט מיט אים. וועגן די גערעטענישן פון זיין בריגאדע האָט מען גערעדט אין מאָסקווע, מע האָט אים ארויסגערופן אזש אין קרעמל, באלוינט מיט א לענין־אָרדען. אליין קאלינין האָט אים געגעבן געלט, ער זאָל אויסבויען א סקוואזשינע, פארפלאנצן סעדער און וויינגערטענער. אין צייט פון דער מילכאָמע איז אלץ כאָרעוו געוואָרן.

— כ'וויס וועגן דעם, נאָר מיר איז ציקאווע צו וויסן, צי האָט זיך עפּעס פאַרהיט פון יענער סקוואַזשינע?

פּלוצעם האָט זיך באַוויזן א הויכער, דארער באָכער מיט א „סלאַוואַ"־אָרדען[1] אויף דער ברוסט. ער איז צוגעלאָפן צו מעהודינען:

— אוי, כאַווער מעהודין! איליא אבראַמאָוויטש!

— זיאַמע מעצנער?!

דער אַלטיטשקער האָט שטיל מעצנערן א פרעג געטאָן:

— דאָס איז טאַקע יענער מעהודין?

— דערציילט, פונוואַנען קומט איר אהער, כאַווער מעצנער? — האָט מע־הודין אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— איך בין געקומען זוכן א זייכער פון מײַנע עלטערן. זיי האָבן גע־וווינט אין מײַפּעלד. מע האָט מיר געזאָגט, אז די דײַטשן האָבן זיי פאַר־טריבן אהער, האָב איך געמיינט, אז איך וועל עפּשער דאָ עפּעס דערוויסן זיך. נאָר זיי זײַנען, קענטיק, דאָרט, ווו אַלע זײַנען געבליבן, — מעצנער האָט אָנגעוויזן אויפן באַרג, לעבן דעם באַלקעלע.

— און עפּשער האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן פונדאַנען? מענטשן האָבן דאָך זיך געראַטעוועט. עפּשער האָט זיי אויך אָפּגעגליקט, — האָט מעהודין געפּרוווט אים טרייסטן.

— ווען זיי לעבן, וואָלטן זיי שוין לאַנג געלאָזט וויסן וועגן זיך. נאָר איך וועל זיי ניט אופהערן זוכן, ביז איך וועל די האָפענונג ניט פאַר־לירן, — האָט מיט ווייטעק אין האַרצן געזאָגט מעצנער.

— אַוואַדע דאַרף מען זוכן, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין. ער האָט א היפּשע ווײַלע געשוויגן און דערנאָך א זאָג געטאָן. — איך זוך א זייכער פון דער אַמאָליקער סקוואַזשינע און קען זי בעשום־אויפן ניט געפינען.

— די סקוואַזשינע, געדענק איך, איז געווען לעבן יִשעוו, טאַקע ערגעץ דאָ. אז מיר פלעגן אַקערן באַ איַיך, פלעגן מיר פאָרן אהער וואַסער נעמען פאַר די טראַקטאָרן. כ'וועל אויך פּרוּוון א זוך טאָן, א סימען האָט דאָך גע־דאַרפט בלײַבן. אויב מע האָט זי פאַרשאָטן, האָט די ערד אין אָט דעם אָרט געדאַרפט זיך א ביסל אַראָפּזעצן... וואָס דאַרפט איר זי אזוי נייטיק אָפּזוכן?

— איך בוי באַ זיך אין פּעטראָווקע א סקוואַזשינע און כ'שנײַד זיך די פינגער, ס'פעלן מיר טרויבן, פּאָמפּעס, נאָך אייניקע זאַכן, האָב איך א טראַכט געטאָן, עפּשער האָט זיך עפּעס דאָ פאַרהיט.

דער אַלטיטשקער האָט אופמערקזאַם אײַנגעהערט זיך אין מעהודינס געשפּרעך מיט מעצנערן.

— איך וועל אויך זוכן, — האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך דער אַלטיטשקער, — איך בין א ביסל באָקי, ווי אזוי מע בויט סקוואַזשינעס, איר וועט זיך דורכריידן מיט אונדזער פאַרזיצער און בעטן אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, וועל איך מיט פאַרגעניגן אײַך העלפן.

— גוט, זייער גוט, — האָט א צופרידענער זיך אָפּגערופן מעהודין.

---

[1] אָרדען פון רום.

## 9

מעהודין האָט מיט דער הילף פון מעצנערן געפונען דאָס אָרט, ווו ס׳איז געווען אמאָל די סקוואזשינע. זיי האָבן פון אונטער דער ערד ארויסגע־שלעפט די טרויבן, וועלכע מע האָט געקאָנט אויסנוצן. מעהודין האָט מיט דער דערלויבעניש פונעם פאָרזיצער פון אָרטיקן קאָלווירט זיי גלײַך ארײַ־בערגעפירט קיין פעטראָווקע. דעם זעלבן טאָג איז ער אוועקגעפאָרן אין ראיאָן און געקראָגן נאָך אייניקע נייטיקע מאטעריאלן. ער האָט געבראכט א פאכמאן און אים געזאָגט:

— מיר האָבן אײַך געפאָלגט און פארזייט דאָס גרינוואַרג לעבן דעם אָרט, ווו איר האָט געייצעט בויען די סקוואזשינע. איצט דארף מען צו־טרעטן דירעקט צו דער ארבעט.

דער ברונעם־מײַסטער האָט ניט געײַלט באטראכט די טרויבן, געטאפט זיי, געמאָסטן אין דער לענג, אין קווער־שניט און אומצופרידן א בורקע געטאָן:

— מיט וואָס ווילט איר שאפן די סקוואזשינע? מיט פאָראָסטעטע טרויבן, וועלכע מע דארף ארויסווארפן?

— כ׳האָב די אויך ניט געקענט קריגן, מיר האָבן זיי קוים ארויסגע־שלעפט פון אונטער דער ערד.

— פון דערט קאָן מען קיין כאלעס ניט באקן, דערט קען מען נאָר די פערד געבן עסן, — האָט זיך אָנגערופן דער ברונעם־מײַסטער.

— ווי זאָגט מען בא אונדז, אז ס׳איז פאראן פון וואָס, קאָן אפילע א פערעאָדאָם אויך א קאשע אָפקאָכן, — האָט מעהודין אים געענטפערט. — אָבער איר זײַט, זע איך, א מענטש מיט א קאָפּ, איך האָף, אז איר וועט עפּעס צוטראכטן.

דעם ברונעם־מײַסטער איז געווען אָנגענעם צו הערן די גוטע ווערטער פון מעהודינען, וועלכער איז געווען קארג אף שוואָכים. פונדעסטוועגן האָט ער אנטשיידן געמאָלדן:

— פון אזא מאטעריאל וועט זיך בא אײַך קיין סקוואזשינע ניט בא־קומען.

— ס׳מוז זיך באקומען, — האָט מעהודין געזאָגט.

מעהודינס זיכערקײַט האָט א ביסל צעוויייעט דעם אומגלויבן פונעם גע־ניטן מײַסטער.

— הייבט דערווײַל אָן ארבעטן, כ׳וועל ברענגען נאָך מאטעריאלן, — האָט מעהודין געפּרוווט אים אײַנרעדן.

יענער האָט נאָכאמאָל באטראכט דעם מאטעריאל און האָט זיך אָנגע־הויבן אונטערגעבן:

— נו, כ׳וועל פּרווון. כאָטש איך גלייב ניט, אז עס זאָל זיך וואָס־ניט־איז באקומען.

דער מײַסטער האָט אָנגעהויבן בורען, דרעליעווען אינעם גרונט. עס איז געגאנגען שווער. דערנאָך האָט ער געפּרוווט צופּאסן איין טרויב, די צוויי־טע, ארײַנלאָזן זיי אין דער טיף פון דער ערד, נאָר די איבעריקע טרויבן

זײַנען געווען שמעלער אין דיאמעטער. דער מײַסטער האָט געוואָלט די ארבעט ווארפן.

גאנצפרי זײַנען אָנגעקומען דער אלטיטשקער מיט מעצנערן. זיי האָבן געבראכט נאָך אייניקע מאטעריאלן, וועלכע זיי האָבן ארויסגעקראָגן פון דער אלטער סקוואזשינע.

— זיי וועלן אײַך מיטהעלפן אין דער ארבעט, — האָט מעהודין אָנגעוויזן אָף זיי דעם מײַסטער.

— מיט וואָס וועלן זיי מיר העלפן? ווען זיי ברענגען פאסיקן מאטעריאל, וואָלט איך זיך ווי־ניט־איז אָן זייער הילף אויך באגאנגען... אָבער אָן טרויבן און אָן א פּאָמפּע — ווי קען מען בויען א סקוואזשינע?

— זײַנען דאָך פאראן טרויבן, און א פּאָמפּע וועט אויך זײַן, מע דארף זיי נאָר צופּאסן, — האָט דער אלטיטשקער געזאָגט. — דער כאווער מעהודין וועט אלץ קריגן. פון אונטער דער ערד וועט ער קריגן... ס׳איז פאראן בא אײַך א בורער?

— טאקע נאָר א שטיקל בורער, מיט וועלכן מע קען נאָר פּאָרקען די ערד, — האָט זיך אָנגערופן דער ברונעם־מײַסטער.

— ס׳מאכט ניט אויס, לאָמיר דערווײַל פּרוּוון, אויב דער טויג ניט, וועלן מיר אן אנדערן מאכן. מאכן אזא אינסטרומענטל איז א זאך א פּאָשעטע. מע דארף נאָר פארשפּיצן א שטיקל אײַזן, צופעסטיקן עס צו איין ברעג פון א טרויב און צום צווייטן ברעג אײַנקלאמערן הענטלעך, מיט וועלכע מע זאָל קענען דרייען. מע קאָן דאָס מאכן אין מטס, — האָט אונטערגעזאָגט מעצנער.

— טאקע, מע קען באשטעלן אין די ווארשטאטן, — האָט מעהודין אונטערגעהאלטן מעצנערס פאָרשלאָג. — דערווײַל דארף מען ארבעטן מיטן אלטן בורער, מיט וועלכן מע האָט אָפּגעזוכט דעם וואסער־קוואל.

מעהודין מיט מעצנערן זײַנען אוועקגעפאָרן אין מטס, און דער אלטיטשקער האָט פּאמעלעך אָנגעהויבן בויערן מיטן אלטן בורער.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק, האָט שוין דער אלטיטשקער באוויזן אזוי טיף ארײַנדרינגען אין דער ערד, אז מע האָט געקענט אהין ארײַנזעצן א טרויב, פארפעסטיקן זי אין דער דורכגעלעכערטער שטרעקע און פאָרזעצן ווײַטער בויערן. נאָר דער אלטיטשקער איז געווען אינגאנצן פּיטש־נאס פון שווייס און אזוי מיד, אז ער איז קוים געשטאנען אָף די פיס. מעצנער האָט אים באוויזן דעם דרײַפוס, וועלכן זיי האָבן שוין באוויזן מאכן אין ווארשטאט פון מטס. דער אלטיטשקער האָט פון פרייד אזש א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— אָט דאָס איז א זאך! איצטער וועט מען קאָנען מיט א טראָס אראָפּלאָזן די טרויבן אונטער דער ערד, און אויב עס וועט נייטיק זײַן, צוריק זיי ארויסשלעפּן.

— דאָס איז נאָך ניט אלץ, — האָט באמערקט מעצנער. — מיר האָבן געבראכט אן אינסטרומענט, מיט וועלכן מע וועט קענען שטוקעווען די טרויבן, פארייניקן זיי.

— נו, איז לאָמיר אוועקשטעלן דעם דרײַפוס, — האָט פאָרגעלייגט דער אלטיטשקער.

— רוט זיך אָפּ א ביסל. איצט איז מײַן און מעצנערס רײ, מיר װעלן אים אָן אײַך אװעקשטעלן, — האָט געזאָגט מעהודין.

— כ׳בין ניט מיד, — האָט דער אלטיטשקער זיך א ריס געטאָן צום װאָגן, װו עס איז געלעגן דער דרײַפוס.

װען מעהודין, מעצנער מיטן אלטיטשקן האָבן אײַנגעשטעלט דעם דרײַפוס, איז געקומען דער ברונעם־מײַסטער.

— דאָס איז גוט, װאָס איר האָט געקראָגן דעם דרײַפוס, — האָט ער א זאָג געטאָן. — נו, און מיקויעך טרויבן װאָס הערט זיך?

— ס׳װעט זײַן, מיר װעלן אלץ קריגן, — האָט מעהודין זיכער געענט־פערט.

דאָס מאָל האָט דער ברונעם־מײַסטער שוין זיך ניט געװאָרפן. דערזען, אז דער אלטיטשקער מיט מעצנערן ארבעטן, האָט זיך אים אפילו אָנגע־הויבן דוכטן, אז עפּשער איז ער ביכלאל שוין דאָ אן איבעריקער.

— גוט, גוט, זייער גוט, — האָט ער אָף אלץ, װאָס מע האָט אים געזאָגט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און װעלנדיק באװײַזן, אז ער איז פאַרט אן עמע־סער מײַסטער, האָט ער געמאכט א באמערקונג דעם אלטיטשקן און מעצ־נערן, אז דער דרײַפוס איז אװעקגעשטעלט ניט אזוי װי מע דארף, און טאקע אליין טייקעף זיך גענומען אים איבערשטעלן, נאָכדעם האָט ער בא־װיזן מעצנערן, װיאזוי מע דארף ריכטיק ארבעטן מיטן בורער. אװעק־גייענדיק מיט מעהודינען אײַנשאפן נאָך אייניקע נייטיקע דעטאלן, האָט ער געזאָגט:

— אז איר װעט זיך דערגרונטעװען ביז צו דער נייטיקער טיף און מע װעט דארפן אראָפּלאָזן די טרויבן אין דער ערד, זאָלט איר מיך רופן, מע דארף ריכטיק זיי פארפעסטיקן.

מעהודין האָט אײַנגעאָרדנט מיטן ברונעם־מײַסטער א װארשטאטל און, אומקערנדיק זיך אהער, מיט גװאלד ארויסגעריסן בא מעצנערן דעם בורער און אליין זיך געשטעלט בורען.

פון דעם געדאנק, אז ער דערנעענטערט זיך צו װאסער, נאָך װעלכן די טשאכנענדיקע שפּראָצונגען גרינװארג לעכצן אזוי, זײַנען אים צוגעקו־מען קויכעס.

דערװוסט זיך, אז מע מאכט שוין די סקװאזשינע, זײַנען געקומען צו לויפן פון סטעפּ קוזמענקאָ, גאלייגא, קאָראָביצינא און נאָך קאָלװירטניקעס און קאָלװירטניצעס.

— לאָזט מיך, לאָזט מיך אויך! — האָבן די מענטשן אָנגעהויבן רײַסן זיך צום בורער. מעהודין האָט אָנגעקװאָלן פון נאכעס, קוקנדיק, מיט װאָס פאר א ברען דער אוילעם האָט זיך א װאָרף געטאָן צו דער ארבעט.

אין א פּאָר שאָ ארום, װען די בורער האָבן דערגרייכט די נייטיקע טיף, האָט דער ברונעם־מײַסטער פאראָרדנט מיטן רעדל פון דרײַפוס אראָפּלאָזן א טרויב און פארפעסטיקן זי.

אפן מאָרעשכוירעדיקן פּאָנעם פונעם ברונעם־מײַסטער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באװיזן א סימען פון א שמייכעלע. מעהודין האָט פארשטא־נען, אז דאָס באטײַט, אז די ארבעט גייט גוט און יענער איז צופרידן. נאָר פרעגן בא אים, צי עס װעט זיך אינגיכן באװײַזן װאסער, האָט ער ניט

געוואגט, ווײַל ער האָט געוווסט, אז יענער וועט אים באלד זאָגן, ווי ער ענטפערט געווײנלעך: „איר ווילט שוין וואסער? איר וועט זיך פריִער מיט טרערן באגיסן, נאָכדעם וועט ווערן וואסער... גיט גוטן מאטעריאל. דאַן קענט איר פרעגן, ווען ס׳וועט זײַן וואסער״.

...אינעם סאמע אנטשיידענעם מאָמענט האָט די ארבעט זיך אָפּגע־שטעלט. דער נייטיקער מאטעריאל האָט נאָך אלץ געפעלט. דער נאַ־טשאלניק פון „טעכסנאב״ האָט באגעגנט מעהודינען מיט א נעבעכדיקן פּאָנעם.

— כ׳זוך, כ׳נעם אָן מיטלען... הײַנט־מאָרגן וועט עפּשער זײַן... מע האָט מיר צוגעזאָגט, איר האָט שוין אזויפיל געוואַרט, וואַרט אויס נאָך א פּאָר טעג.

א בייזער און א פאַרביטערטער האָט זיך מעהודין אוועקגעטראָגן אין מטס בעטן ראַכמים בא יערעמטשוקן.

— ראַטעווע מיך, איך קום מאַמעש אום! ס׳איז מיר שוין דערגאַנגען אזוי, אז כ׳אָטש טרינק זיך.

— וואָס איז געשען? וואָס ביסטו אזוי צעטראָגן? — האָט יערעמטשוק געפרעגט.

מעהודין האָט מיט אַן אומרויִק קאָל דערציילט.

— איז צוליב דעם ביסטו גרייט צו טרינקען זיך? און ווו ווּעסטו זיך טרינקען, אז ס׳איז דאָ אין סטעפּ בא אונדז אפילע קיין טײַכל ניטאָ?

— ס׳וואָלט געווען אין סטעפּ וואסער, וואָלטן מיר אזוי ניט געליטן, די צאָרע איז, וואָס קיין וואסער איז ניטאָ, וועגן דעם ווייסטו גוט, — האָט מעהודין געענטפערט. — דו ווייסט דאָך, אז איך בין נעכטן געווען אין מטס, איר האָט מיר מיט אייניקע זאכן געהאָלפן. איצט בין איך נאָכאַמאָל גע־קומען.

— וואָס איז ווידער?

— אלץ וועגן זעלבן, ס׳פעלן מיר מאטעריאלן.

— וואָס פעלט דיר נאָך?

— עס פעלן נאָך טרויבן, א פּאָמפּע, מוטערקעס, שרויפן. ווייסט אליין ניט, וואָס מע דאַרף, אז מע בויט א סקוואַזשינע?

יערעמטשוק איז ארויסגעגאנגען פון װארשטאַט, געראָיעט זיך ערגעץ און, אומקערנדיק זיך צוריק, געזאָגט:

— עטלעכע טרויבן זײַנען, דאכט זיך, בא אונדז פאראן, נאָר מע דאַרף זיי נאָך א זוך טאָן. אָן אַלטע פּאָמפּע וועלן מיר, מיסטאמע, אויך געפינען, און וועגן די איבעריקע קלייניקײַטן איז ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן.

— מײַן גאנצע האָפענונג איז אף דיר...

— איך וועל טאָן אלץ, וואָס איך קען. זײַ זיכער, אז כ׳וועל זוכן, און כ׳האָף, אז כ׳וועל עפּעס קריגן פונדײַנעטוועגן.

מעהודין האָט געגלייבט, אז יערעמטשוק וועט ארויספילן זײַן צוזאָג, פונדעסטוועגן איז ער צוגעפאָרן נאָך אין א פּאָר ערטער, נאָר פון דאָרטן אומגעקערט זיך מיט גאָרנישט.

מעהודין איז גרייט געווען אנטלויפן עק וועלט, אבי ניט זען, ווי ס׳קומט אום דאָס פּריזיקע גרינס. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז זיי שעפּטשען און בעטן זיך: ראַטעוועט, ראַטעוועט!

אָף מאָרגן איז געקומען יערעמטשוק. ער האָט געבראַכט די טרויבן, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט, און אַן אַלטע, אָפּגערעמאָנטירטע פּאָמפּע. ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט ניט געבראַכט אייניקע קליינע, אָבער זייער נייטיקע דעטאַלן.

— כ׳וועל צופאָרן מיט דיר און זיי פארכאַפּן, מע דאַרף באַזאָרגן אַלע מעניזעס, וועלכע קענען פאַרהאַלטן די אַרבעט, — האָט מעהודין געזאָגט, און ער איז טאַקע טייקעף אוועקגעפאָרן צוזאַמען מיט אים.

ניט פאַרהאַלטנדיק זיך אין מטס, האָט ער זיך צוגעאײַלט אומקערן וואָס גיכער אַהיים.

ניט ווײַט פון פּעטראָווקע האָט ער דערהערט א גערויש. „צי דען האָט מען שוין טאַקע אוועקגעשטעלט דעם מאָטאָר און ער אַרבעט?״ — האָט ער א טראַכט געטאָן. דער גערויש איז אַלץ געוואָרן שטאַרקער.

— וואַסער! — האָט א שאַרף קאָל דורכגעשניטן די לופט.

מעהודין האָט זיך א קער געטאָן און דערזען קוזמענקאָן, וועלכער איז אים געלאָפן אים אַנטקעגן אָנזאָגן די בשורה. אין א רגע אַרום האָט ער דערהערט נאָך א פּאָר קוילעס. דאָס האָבן פונדערוויַיטן, דערזעענדיק מע־הודינען, געשריִען צו אים מעצנער מיטן אַלטיטשקן. זיי האָבן געפּאַכט מיט די הענט, גערופן אים אַהער, ער זאָל גיכער צופאָרן צו דער סקוואַזשינע און זען מיט די אייגענע אויגן, אז די אַרבעט שוין טאַקע. מעהודינען האָט זיך א רגע אויסגעדוכט, אז ס׳איז עפּעס א פאַרבלענדעניש.

— ס׳גייט טאַקע שוין וואַסער? — האָט ער געפרעגט.

— ס׳גייט, ס׳גייט!.. — האָט געהילכט אין סטעפּ.

## 10

די סקוואַזשינע איז געווען ניט קיין פולקומע און זי האָט געאַרבעט מיט איבעררײַסן, פונדעסטוועגן האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען דאָס גרינוואַרג און איבערזעצן פון די ספּעקטן די פלאַנצונגען אין גרונט פּו־נעם באָדן.

די רעטעכלעך, אוגערקעס, פּאָמידאָרן און אַנדערע מינים גרינוואַרג האָבן געגעבן אזא גרויסע האַכנאָסע, אז דער קאָלווירט האָט צעצאָלט זיך מיט אַלע כויוועס.

די גערעטעניש פון די טוועס, איבערהויפּט אָפּן פּרווו־קלין, איז גע־ווען א הויכע.

ווי א בליץ האָט זיך דורכגעטראָגן די ערשטע דערפרייענדיקע ידיעה וועגן די דערפאָלגן פונעם געוועזענעם אָפּגעשטאַנענעם פּעטראָווקער קאָל־ווירט.

דער ערשטער איז געקומען אין פאַרוואַלטונג ליובעצקי. ער האָט אַרומ־גענומען מעהודינען און געזאָגט:

— נו, איליושע, זעסט?.. דו און דײַנע מענטשן האָבן דערגרייכט אַזױנס, מיט װאָס מע קאָן בעעמעס שטאָלצירן. דער קאַלװירט פֿלעגט דאָך שטענדיק אַראָפּנעמען אַ גערעטעניש אַ קלענערע, װי מע האָט פֿאַרזייט. און איצט האָט מען אַראָפּגענומען אַזאַ גערעטעניש, װי ס׳איז נאָך קיינמאָל ניט געװען באַ אונדז אין ראַיאָן. עמעס, דאָס איז נאָך דערװײַל אויף אַ קליינעם שטעך, נאָר איר האָט דערװיזן, װאָס ס׳באַקומט זיך פֿון גוטער אַרבעט. און דײַן גרינװאַרג־פֿעלד איז דען אַ קלייניקייט?.. די מענטשן געדענקען גוט, װיפֿל זיי פֿלעגן באַקומען אויף אַן אַרבעטס־טאָג. איצט בין איך זיכער, אַז זיי װעלן קריגן פֿאַר זייער מי דאָס, װאָס עס קומט זיי.

— ס׳איז נאָך ניטאָ מיט װאָס זיך צו איבערנעמען, — האָט מעהודין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — לאָמיר פֿאַנאַנדערנעמען די פֿליגלען, דאַן װעלן מיר באַװײַזן, אַז מיר קענען זיך אויפֿהייבן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אין פּעטראַװקע געקומען דער ערשטער סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם פֿון פּאַרטיי באַריס װיקטאָראָװיטש סאָלאָמאַטין צוזאַמען מיט ליובעצקין. פֿון זינט סאָלאָמאַטין איז אין די גרױזאַמע מיל־כאָמע־טעג געקומען אהער אײַנשטעלן אָן אָרדענונג אין דעם נאַרװאָס באַפֿרײַטן קורמאַן און העלפֿן אָרגאַניזירן דעם פּאַרזיי, האָט ער פֿון די ערשטע באַגעגענישן מיט מעהודינען דערפֿילט צו אים אַ טיפֿע אַכטונג און דערעכערעך. די װײַטערדיקע געצײלטע באַגעגענישן מיט אים אין געגנט האָבן נאָך מער פֿאַרשטאַרקט די גוטע מיינונג װעגן אים.

...נאָך דער מילכאָמע האָט די קאָנטוזיע און פֿאַרװוּנדונג, װעלכע סאָ־לאָמאַטין האָט באַקומען אויפֿן פֿראָנט, זיך געלאָזט שטאַרק פֿילן. ער איז לאַנג געלעגן אין אַ שפּיטאָל. נאָכדעם איז ער געװען אויף אָנפֿירנדיקער אַרבעט אין פֿאַרשיידענע געגנטן. אומקערנדיק זיך צוריק אין קרים, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן באַם סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם פֿאַר קאַדרען:

— װוּ איז אַהינגעקומען מעהודין?

— מעהודין איז אױסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי.

— מעהודין איז אױסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי! — איז סאָלאָמאַטין גע־בליבן דערשטױינט. — װי קען דאָס זײַן?

— ער האָט ניט געװאָלט אױספֿילן דעם פּלאַן פֿון ברױט־פֿאַרגרייטונג אין ראַיאָן, װוּ ער האָט געאַרבעט, און איז באַגאַנגען נאָך אַ רײ אַנטי־פּאַרטייִשע טאַטן, — האָט דער סעקרעטאַר דערקלערט.

— ס׳קאָן ניט זײַן, איך גלייב ניט, ס׳איז עפּעס אַ װילדע אױסטראַכ־טעניש. גיט מיר זײַן איניען.

— דער איניען איז אין דער צענטראַלער פּאַרטייִשער קאָנטראָל־קאָ־מיסיע, װוּהין מעהודין האָט אַפּעלירט. מע װעט אים, װי ס׳װײַזט אױס, אויפֿשטעלן... איר האָט דאָך, מיסטאָמע, שוין געלייענט אין די צײַטונגען װעגן די דערפֿאָלגן פֿון קאַלװירט, װוּ ער אַרבעט איצט.

— נו, קען מען ניט פֿאַרברענט װערן פֿון כאַרפּע, װאָס איר האָט אַזאַ מענטשן אױסגעשלאָסן פֿון פּאַרטיי?

— װאָס איז דאָ אַזױנס? ער האָט, הייסט עס, מיט גוטער אַרבעט אױס־געקױפֿט זײַן זינד. ס׳עפּעס אַ קלייניקייט — ניט אױספֿילן דעם פּלאַן פֿון

ברויט־פאַרגרײַטונג! מע האָט געדאַרפט אים דערפאַר א גלעט טאָן איבערן קאָפּ? — האָט דער סעקרעטאַר געפּרוּווט זיך פאַרענטפערן.

— אַף וויפל איך ווייס, האָט מעהודין שטענדיק גוט געאַרבעט, און איך גלייב ניט, אז ער זאָל אַזוינס טאָן...

— אָבער עס איז דאָך א פאַקט, אז ער האָט ניט געוואָלט און געשטערט אויספילן דעם פּלאַן...

— כ׳וועל אומבאַדינגט אַליין פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין אָט דעם איניען, — האָט געמאָלדן סאָלאָמאַטין.

אַף מאָרגן האָט ער אָנגעקלונגען אין דער צענטראַלער פּאַרטיי־שער קאָנטראָל־קאָמיסיע און זיך דערוווּסט, אז מעהודין איז אין פּאַרטיי אופּ־געשטעלט געוואָרן און אז דעם געגנטקאָם האָט מען אופמערקזאַם געמאַכט, אז ער איז אויבערפלעכלעך צוגעגאַנגען צו אַן ערנסטן איניען.

דעם זעלבן טאָג האָט סאָלאָמאַטין אָנגעקלונגען ליובעצקין און מיטגע־טיילט, אז ער רעכנט קומען אין קורמאַן. ליובעצקי האָט פאַרשטאַנען, אז ער וועט זיכער וועלן באַזוכן דעם פּעטראָוּוּקער קאָלווירט און וועט זיך פאַרינטערעסירן, וויאַזוי דער קאָלווירט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איי־נעם פון די פאַרגעשריטנסטע אין ראַיאָן.

סאָלאָמאַטין איז געקומען אין קורמאַן נאָך האַלבן טאָג. ניט פאַרהאַלטנ־דיק זיך, האָט ער צוזאַמען מיט ליובעצקין געלאָזט זיך פאָרן אין פּעט־ראָווקע.

מעהודינען האָבן זיי אין דער פאַרוואַלטונג ניט געטראָפן. דער בוכ־האַלטער, דער איינציקער לעבעדיקער נעפעש אין קאָנטאָר, האָט, דער־זעענדיק דעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם מיט נאָך איינעם אַן אומבאַקאַנטן, קאָנטיק, א געהויבענעם גאַסט, א ביסל זיך פאַרלאָרן.

— ביטע, ביטע, זעצט זיך...

— א דאַנק. ווו איז דער פאָרזיצער? — האָט ליובעצקי געפרעגט.

— דער פאָרזיצער? ער איז ערגעץ אין פעלד אָדער אַף דער פערמע... כ׳וועל באַלד עמעצן צושיקן רופן אים.

— מע דאַרף ניט, מיר וועלן דערווײַל באַקוקן דיווירטשאַפט, — האָט געזאָגט ליובעצקי.

— יאָ, יאָ, ס׳איז איצט דאַפקע פאַראַן בא אונדז וואָס צו זען, — האָט זיך אָפּגערופן דער בוכהאַלטער. — איר ווייסט, ווו אונדזער פערמע געפינט זיך? מע דאַרף פאָרן גלײַך מיט דער גאַס, דאָרט, ווו זי ענדיקט זיך, וועט איר זען דעם סילאָס־טורעם. ס׳איז ניט ווײַט פון דער פאַרוואַלטונג, גאָר ניט ווײַט.

— באַומרויִקט זיך ניט, כ׳ווייס, ווו אײַער פערמע געפינט זיך, כ׳בין דאָרט ניט איין מאָל געווען, — האָט ליובעצקי דערקלערט און צוזאַמען מיט סאָלאָמאַטינען זיך געלאָזט גיין.

ליובעצקי, וועלכער איז ווירקלעך צענדליקער מאָל געווען אין אַלע ווינקעלעך פון פּעטראָוּוּקער קאָלווירט, האָט אַליין ניט דערקענט די פער־מע, אַזוי האָט זי פאַר דער קורצער צײַט, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, געענדערט איר אויסזען.

— מעהודין האָט זיך, הייסט עס, צו דער פּיצוכט דערקליבן, — האָט ליובעצקי געזאָגט, ארויסגייענדיק מיטן סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם אפֿן הויף פֿון דער פֿערמע, — ביז איצט האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געקענט, ארײַנגעלייגט אין דעם גרינוואַרג, פֿרײַקע קאַרטאָפֿל, אוגערקעס, פּאָמידאָרן און אַנדערע קולטורן פֿון דעם מין.

— פֿאַרוואָס עפּעס נאָר אין דעם?

— ווײַל די דאָזיקע קולטורן זײַנען זײַן שטיצפּונקט. פֿון זיי וועט ער באַקומען באַדײַטנדיקע האַכנאָסעס, וועלכע ער וועט קענען ארײַנלייגן אין אַנדערע צווײַגן פֿון דערווירטשאַפֿט.

— ער האָט געזוכט, הייסט עס, ווי אַרכימעד, אַ שטיצפּונקט די וועלט איבערצוקערן.

— אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס אַזוי, נאָר ער האָט געוואָלט ניט די וועלט איבערקערן, נאָר די ווירטשאַפֿט אופֿהייבן. און ס'וועט זיך אים זיכער אײַנגעבן. רעזולטאַטן זײַנען שוין פֿאַראַן... ס'איז טויזנט איין נאַכט צו דערציילן, ווי אַזוי אים האָט זיך אײַנגעגעבן באַקומען וואַסער, אויסבויען אַ סקוואַזשינע.

— אַן אַקשן, קאָנטיק. שטעלט ער פֿאַר זיך אַ ציל, מוז ער אים דערגרייכן... אַ גאָלדענער אַרבעטער, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאַר פֿון געגנטקאָם, באַטראַכטנדיק דעם הויף פֿון דער פֿערמע. — ס'פֿילט זיך אַ פֿעסטע באַלעבאַטישע האַנט. גיט אַ קוק, סאַראַ אָרדענונג ס'הערשט אַרומעטום.

ליובעצקי איז צוגעגאַנגען מיט סאָלאָמאַטינען צו דער קינסטלערישאויסגעפֿורעמטער ברעט, וועלכע איז געווען צוגעפֿעסטיקט צו אַ סטויפּ, ניט ווײַט פֿונעם ארײַנגאַנג. אױף דער ברעט איז געווען אָנגעשריבן דער ראַציאָן פֿון דעם פֿי, די צײַגערס פֿונעם געמעלק. דערבײַ זײַנען געהאַנגען אָנשוילעכע פּלאַקאַטן, וויאַזוי אופֿצוציִען יונגפֿי.

ליובעצקי מיט סאָלאָמאַטינען האָבן געוואָלט ארײַנגיין אין שטאַל. פֿון אינווייניק האָט זיך געהערט אַ קאָל:

— איר האָט זיך ווען־עס־איז פֿאַרטראַכט, וויפֿל ס'עסט אויף אַ בעהיימע קאָרם אַ טאָג?

— ווער רעכנט עס? וויפֿל זי עסט אויף, עסט זי אויף, — האָט זיך דערטראָגן אַ שטים פֿון אַ פֿרוי.

— מע דאַרף וויסן, אַז אויב די קו גיט ווייניקער האַכנאָסע, וויפֿל זי עסט אויף, האָט קיין זין זי ניט צו האַלטן. זי דאַרף געבן לעכאָלהאַפּאָכעס אין פֿינף־זעקס מאָל מער.

— איר הערט, ווי עס טײַנעט אײַן מעהודין מיט זײַנע מעלקערנס, — האָט ליובעצקי, דערקענענדיק זײַן שטים, געזאָגט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז מעהודין ארויס פֿון שטאַל. דערזען ליובעצקין מיט נאָך עפּעס אַ מענטשן, וועלכער האָט אים אויסגעזען שטאַרק קענטלעך, איז ער געבליבן שטיין אין פֿאַרלעגנהײַט.

— איר דערקענט מיך ניט? — האָט געפֿרעגט סאָלאָמאַטין.

— ס'איז פֿאַר מיר אַזוי אומדערוואַרט אײַער קומען. ס'האָט זיך מיר פּאָשעט ניט געגלייבט, אַז דאָס זײַט איר.

— איך בין ווידער אהער געקומען, — האָט סאָלאָמאַטין געזאָגט. — איך וועל ווידער דאָ ארבעטן, און אײַך האָב איך געבראַכט א גוטע נײַס.
— א גוטע נײַס איז שטענדיק אָנגענעם צו הערן...
דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם האָט א קוק געגעבן מעהודינען אין די אויגן, צי שטויסט ער זיך ניט אָן, וואָס פאר א יעדיִע ער האָט אים געבראַכט, און געזאָגט:
— די צענטראַלע פארטייִשע קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט אײַך אופגעשטעלט אין פארטיי. און איך האָב אײַך געבראַכט אײַער פארטיי־בילעט... די דערפאָלגן פון אײַער ארבעט באשטעטיקן אן איבעריק מאָל, אז איר זײַט געווען און איר זײַט געבליבן א גוטער, איבערגעגעבענער קאָמוניסט.
— עס זײַנען דען נאָר מײַנע אופטוען? מיר ארבעטן מיטן אוילעם, מיר סטאַרען זיך ווי מעגלעך בעסער צו ארבעטן... עפשער ווילט איר א קוק טאָן אונדזער ווירטשאפט? — האָט פאָרגעלייגט מעהודין.
— ביטע, — האָט זיך אָפּגערופן סאָלאָמאַטין. — א ביסל האָבן מיר שוין געזען.
— לאָמיר זיך דורכפאָרן א קוק טאָן די סקוואזשינע, די באוואסערטע ערד פאר דעם גרינוואַרג און דעם ווײַנגאָרטן, — האָט פאָרגעלייגט ליובעצקי.
אײַנלאַדנדיק מעהודינען זיך זעצן אין זײַן מאשין, האָט סאָלאָמאַטין געזאָגט:
— ווײַזט אונדז אַלץ, וואָס איר געפינט פאר נייטיק, אַלץ, וואָס איז באַלערנדיק און אינטערעסאַנט.
מעהודין האָט קורץ, געפּרעסט, אין זײַן געוויינלעכן נוסעך, דערציילט, ווי־אזוי און מיט וועלכע מיטלען ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן אופצוהייבן די ווירטשאפט און וועלכע פּערספּעקטיוון עס האָט דער קאָלווירט.
— אין קינפטיקן פרילינג וועלן שוין בא אײַך, הייסט עס, ארבעטן דרײַ סקוואזשינעס און דעם שטעטך פון דער באוואסערונג וועט איר דערפירן ביז פערציק העקטאַר, — האָט דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם אונטערגעפירט א סאַכאַקל.
— לאָמיר צופאָרן אין ווײַנגאָרטן, — האָט מעהודין אײַנגעלאַדן די געסט.
— ווי גרויס איז געווען זײַן שטעטך, ווען איר זײַט געוואָרן פאָרזיצער פון קאָלווירט? — האָט ליובעצקי געפרעגט.
— קנאַפּע דרײַ העקטאַר, — האָט מעהודין געענטפערט.
— און איצט?
— פערציק העקטאַר.
— דאָס איז א שפּרונג! ווי־אזוי האָט זיך עס אײַנגעגעבן פאר אזא קורצער צײַט אזא פלאַנטאַציע צו באהערשן?..
— אין דעם שטעקט א גרויסער קונץ, וועלכן דער כאווער מעהודין האָט אָפּגעטאָן, — האָט ליובעצקי דערקלערט אים.
— וואָס איז פאר א קונץ? — האָט סאָלאָמאַטין א פרעג געגעבן.
— דאָס איז די מײַסע מיט די מעזומאָנים, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן

צאָלן פאַר אויסוואָרצלען דעם „סוּווינאַראָי" פון די אַלטע פּאַרוווּילדעוועטע וויַינגערטענער, — האָט ליובעצקי געענטפערט.

— צאָלן מעזומאָנים פאַר דער אַרבעט איז אַ געוויינלעכע זאַך... כ'האָף, אַז אינגיכן וועט מען עס אין אַלע קאָלווירטן אָנווענדן, — האָט באַמערקט מעהודין.

— דאָס איז ריכטיק, — האָט צוגעשטימט ליובעצקי. — נאָר דער קונץ באַשטייט ניט נאָר אין צאָלן מעזומאָנים, נאָר אין אויסזוכן מיטלען, געפינען זיי...

— ווער ס'זוכט — געפינט, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין.

— מע דאַרף נאָר וויסן, ווו צו זוכן. אָט איך וואָס עס שטעקט דער קונץ, — האָט פאַרגעזעצט ליובעצקי.

— ס'איז ניט קיין קונץ, נאָר אַ קונסט, די קונסט, וויאַזוי אַרבעטן, — האָט געזאָגט סאָלאָמאַטין. — דאָס איז אַ גרויסע קונסט, וועלכע ניט יעדערער באַהערשט.

— ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צו אונדז, האָט ער געבעטן די שווערסטע אַרבעט. איך האָב, דעם עמעס געזעדט, געצווייפלט, צי קען מען וואָס־ניט־איז פאַר אַ קורצער צייַט אופטאָן אין פעטראָווקער קאָלווירט. נאָר מעהודין האָט דערוויזן, אַז מע קען, — האָט דערקלערט ליובעצקי.

— איר ווייסט דאָך, אַז ניט אַליין האָב איך עס אופגעטאָן, נאָר מיר אַלע... די מענטשן פון קאָלווירט... מיר וועט אויסקומען נאָך אַ סאַך צו אַרבעטן, קעדיי באַרעכטיקן אַלץ, וואָס איר האָט געזאָגט, — האָט מעהודין באַשיידן זיך אָפּגערופן.

זיי זייַנען אַריַין אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג.

מע האָט זיך אויסגעזעצט באַם טיש אין מעהודינס קאַבינעט. סאָלאָמאַטין האָט אַרויסגענומען פון פאָרטפעל מעהודינס פּאַרטיי־בילעט און געזאָגט:

— מיר איז אָנגענעם אומצוקערן אייַך איַיער פּאַרטיי־בילעט. דעם בעקאָוועדיקן נאָמען פון אַ קאָמוניסט האָט איר מיט ערע געטראָגן, און איר וועט אויך אָף וויַיטער אים אַזוי טראָגן אין אייַער האַרצן. איך ווינטש אייַך אויך אָף וויַיטער זייַן אַזוי ערלעך און אַזוי מעסירעסנעפעשדיק אַרבעטן. איך וויל אייַך אויך זאָגן, אַז מיר האָבן צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון ראַיקאָם באַשטימט מישטאַדל זייַן זיך פאַרן אויבער־ראַט פון סאָוועטנפאַרבאַנד, מע זאָל אייַך באַלוינען פאַר אייַער אומדערמידלעכער אַרבעט מיט אַ צווייטן לענין־אָרדען.

מעהודין איז געשטאַנען אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט, און איַינגעהערט זיך אין די פּיַיערלעך־דערהויבענע ווערטער פונעם סעקרעטאַר פון געגנטקאָם.

— איך וועל אָפּגעבן אַלע מייַנע קויכעס אויסצופילן אַלץ, וואָס ס'וועט זיך פאָדערן פון מיר, — מעהודינס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט הייסער דאַנקבאַרקייַט.

סאָלאָמאַטין האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אויפן טיש אַ מאַפּע.

— ווי קוקט איר אַף דעם, אַז אײַער קאַלווירט זאָל זיך פאַרייניקן מיט די שכייניש קאַלווירטן אין די דערפער און יישובים בליזשניאַיאַ, איז־וועסטקאָוואַיאַ, פושקינאַ, קרעמניאַווקאַ, מיראַליובאָווקאַ און נײַ־עסט־לאַנד?

פירנדיק מיטן פינגער איבער דער קאַרטע, האָט דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם געפרוווט אָנשוילעך באַווײַזן מעהודינען די גרענעצן פון דעם קומענדיקן קאַלווירט, וועלכער דאַרף אין דער נאָענטסטער צײַט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ מוסטערהאַפטער ווירטשאַפט אין צאָפנדיקן, סטעפּישן קרים.

מעהודין האָט גוט געוווּסט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די דאָזיקע קאַל־ווירטן נאָך פון די צײַטן, ווען ער איז געווען פאָרזיצער פון ראַיאָנפיר־קאָם, אַף וויפל זיי זײַנען דאַן אַרײַנגעגאַנגען אין באַשטאַנד פון קורמאַנער ראַיאָן. און אויך איצט, קומענדיק אין באַרירונג מיט זיי, האָט ער זיך גע־קאָנט איבערצײַגן, אַז זיי האָבן ווייניק־וואָס זיך געענדערט צום בעסערן.

— וועלן מיר דאַרפן, הייסט עס, אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב? — האָט מע־הודין, אַ ווײַלע טראַכטנדיק, אַ פרעג געגעבן.

— פאַרוואָס פון אָנהייב? איר וועט עפּשער אַ שטיקל צײַט פאַר־האַלטן דעם טעמפּ פון אײַער אַנטוויקלונג, דערפאַר וועט איר זיך נאָכדעם פאַנאַנדעריאָגן מיט פרישע קויכעס אַף אַזעלכע ראַכוועסן, וועגן וועלכע איר האָט ביז איצט אַפילו ניט געטרוימט, — האָט דערקלערט דער סעק־רעטאַר פון געגנטקאָם.

— יאָ, אָבער ס'איז אַ צו גרויסער „פּריצעפּ" פאַר אונדז. כ'צווייפל, צי וועט בײַ אונדז סטײַען קויכעס אים צו דערשלעפּן.

— איר וועט דערשלעפּן, נאָך ווי! — האָט ליובעצקי אונטערגעמונ־טערט. — מיט הוילע הענט, קאָן מען זאָגן, האָט איר אַרויסגעפירט דעם אָפּגעשטאַנענסטן קאָלווירט פון אונדזער ראַיאָן, פאַרוואַנדלט אים אין אַ פאָרגעשריטענעם. איר האָט שוין דערפאַרונג.

— איך האָב אָבער מוירע, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן באַוויזן אופטאָן, זאָל ניט דערטרונקען ווערן אין די נויטן און זאָרגן פון די קאָלווירטן, וועלכע וועלן זיך אָנשליסן צו אונדז. מיר וועלן זיי ניט פאָרויס ציִען, נאָר זיי וועלן אונדז צוריק שלעפּן. די זיבן מאָגערע בעהיימעס קענען דאָך אײַנשלינגען די פעטע.

דער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם האָט אויסגעהערט מעהודינען און זיך אָנגערופן צו אים:

— באַאומרויִקט זיך ניט, איליאַ אַבראַמאָוויטש. מיר האָבן באַטראַכט. צוזאַמען מיטן ראַיקאָם וועלן מיר אײַך העלפן. ריכטיק האָט געזאָגט דער כאַווער ליובעצקי, אַז דעם פעטראָווקער קאָלווירט איז אײַך אויסגעקומען אַרויספירן אָפן ברייטן וועג קימאַט מיט הוילע הענט. און איצט איז פאַ־ראַן אַ מעגלעכקײַט צו באַזאָרגן אײַך מיט ערשטקלאַסיקער לאַנדווירט־שאַפטלעכער טעכניק. אָנווענדן זי אין די קלייניקע קאָלווירטן איז קימאַט אומעגלעך. אָט פאַרוואָס עס איז לעבנסנייטיק אי פאַר אײַך, אי פאַר די אַנדערע קאָלווירטן זיך פאַרייניקן.

— כ׳פארשטיי עס אלץ, נאָר אופהייבן אזויפילווירטשאפטן...

— איר וועט אופהייבן, שפּאנט זיך נאָר איַין און נעמט זיך פאר דער ארבעט, — האָט געזאָגט דער סעקרעטאר פון געגנטקאָם.

## 11

מעהודין האָט באשטימט דורכפאָרן זיך איבער די קאָלווירטן, וועלכע ער דארף פאררייניקן, קעדיי באקענען זיך מיט זייער צושטאנד, אויסקלאָרן פאר זיך א סאך וויכטיקע פראגן.

פון אלע דערפער, וועלכע ס׳איז אים פאָרגעשטאנען צו באזוכן, איז אים באזונדערס געלעגן דאָס הארץ צו קאָרא־טשאָקראק. פון דער פריי־סטער יוגנט אָן האָט אים, ווי א לויכטנדיקער שטערן אין א נעפּל, געצויגן צו זיך אָט דאָס דערפעלע, ווו ס׳האָט זיך געפונען די קאָמונע, וועלכע ס׳האָט געשאפן דער רויטער קאָמאנדיר קוזיטש און ווו ס׳האָט זיך באַ־וויזן אין דער גאנצער אומגעגנט דער ערשטער טראקטאָר „פאָרדזאָן”.

און נאָך צוליב איין זאך איז אף אייביק איַין זיקאָרן דאָס דאָזיקע דערפעלע, וואָס מע האָט איצט א נאָמען געגעבן קראסנאיא פּאָליאנא. דאָרט האָט געוווינט זיַין לערער — איוואן ניקיטיטש, וואָס האָט מיט זיַינע וווּנדער־מיַיסעס אזוי ווי פארקישעפט דעם סטעפּ און אים אויסגעלערנט באנעמען זיַינע סוידעס.

אין קאָרא־טשאָקראק זיַינען שוין לאנג ניטאָ ניט דער רויטער קאָמאנ־דיר קוזיטש, ניט איוואן ניקיטיטש. נאָר זיי זיַינען געבליבן אין מעהודינס הארץ אף אייביק, און ער איז גליקלעך, וואָס ער וועט פאָרזעצן דאָס, וואָס דער רויטער קאָמאנדיר קוזיטש האָט אָנגעהויבן, און וואָס ער וועט אין לעבעדיקע אופטועז פארקערפּערן די כאָכמע פונעם קלוגן ערד־אר־בעטער איוואן ניקיטיטש.

ניט ווייניק מיַיסעס און לעגענדעס האָט זיך מעהודין אָנגעהערט פון דעם דערפל ניַי־עסטלאנד, פון די דוירעסדיקע פיציכטלער, וועלכע ווינען דאָרט. געווען איז ער דאָרטן ניט איין מאָל, נאָר געענוי באקאנען זיך מיטן קאָלווירט און מיט זיַינע מענטשן איז אים ניט אויסגעקומען. ער האָט גע־ווּסט, אז אויסגעוואנדערט פון זייער היימלאנד און זיך באזעצט דאָ אין די סטעפּעס האָבן זייערע זיידעס און אורזיידעס נאָך אינמיטן פונעם פאָ־ריקן יאָרהונדערט. זיי האָבן זיך א לאָז געטאָן אהער צו די פריַיע, ניט באוווינטע סטעפּעס, מיט האק און פאק, מיט וויַיב און קינד, האָפנדיק דאָ צו דערווערבן שטיקלעך ערד און אויסגעלייזט ווערן פון שטענדיקער נויט, דאכקעס, הונגער. אומדערטרעגלעך שווער איז געווען דער וועג פון די אויסוואנדערער. ער איז אויסגעזייט געווען מיט קוואָרים פון אלטע ליַיט, פרויען, קינדער. די, וועלכע האָבן קוים לעבעדיקע זיך דערשלעפּט אהער, האָבן דאָ געטראָפן א וויסטעניש. די ערד איז געווען פארווילדעוועט, די גראָזן — פארברענט פון דער ברענענדיקער זון, וועלכע האָט ניט אופגע־הערט צו סארפּען. דאָס פּי, וואָס זיי האָבן געבראכט אהער, איז, ווי די מענטשן, אויסגעאנגען פון דאָרשט. ניט קיין קוועלכל, ניט קיין טיַיכל

און ניט קיין ברונעם האָט מען ניט געקענט געפינען. א סאך פון די אײַנ־וואנדערער האָבן זיך געכאפּט פאר די קעפּ.

— וווהין האָט אונדז דער ניטגוטער פּאָרטראַגן? מיר וועלן דאָך דאָ אומקומען, — האָבן זיי געטײַנעט.

נאָר דער מוטיקסטער פון די אײַנוואנדערער, מעטצע, איז בא זיך ניט אראָפּגעפאלן.

— פון וווילטיק זײַנען מיר דען געקומען אהער? — האָט ער געמונ־טערט דעם אוילעם. — קיינער האָט פאר אונדז גאָרנישט ניט צוגעגרייט. גראָבײַזנס האָבן מיר געבראכט מיט זיך, הענט האָבן מיר, שטיקלעך ערד וועלן מיר האָבן, וועלן מיר ווי־ניט־איז לעבן.

— אָבער דערווײַל? ווו נעמט מען דערווײַל א ביסל וואסער אָטכײַען די אייגענע נעשאָמעס און דאָס פּי אָנצופּאָיען?

די דאָזיקע פראגע האָט אויך מעטצען ניט אופגעהערט צו עגבערן דעם מויעך. ניט בא אים, ניט בא קיינעם פון די אײַנוואנדערער האָט זיך אין קאָפּ ניט פּאָטויפּעט, אז וואסער, וואָס פליסט בא זיי אין דער היים אין יאם און אין טײַכן, און רעגנס גיסן קעסיידער, זאָל דאָ, אין סטעפּ, ווהין זיי זײַנען אריבערגעפאָרן, א טראָפּן וואסער זײַן מיט גאָלד גלײַך.

פארבײַ די וועגן, ווו מעטצע מיט די איבעריקע מענטשן זײַנען דורכ־געגאנגען, האָבן זיי געזען אָטארעס שאָף, וועלכע פיטערן זיך אין די סטעפּעס, און פּאָיען טרײַבן זיי די פּאסטעכער צו ברינעמער.

לעבן איינעם אזא ברונעם האָבן די אײַנוואנדערער זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען. זיי האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען מיט פרישן קאלטן וואסער, דאָס פּי אָנגעפּאָיעט און נאָך מיטגענומען וואסער מיט זיך אפן וועג. דער ברו־נעם, האָט דערציילט איינער פון די פּאסטעכער, געהערט דער פּריצטע ליוסטיכע. זי האָט באפוילן אים אויסגראָבן פאר אירע שאָף. דאָס וואסער האָט זי געהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

מעטצע האָט שוין געוווּסט, אז ס'וועט זײַן שווער עפּעס צו פּויעלן בא דער פּריצטע, וועלכע איז בייז, ווי דער סוכאָווייַ אין סטעפּ, פונדעסטוועגן האָט ער באשטימט אוועקגיין צו איר, עפּשער וועט זיך אײַנגעבן אויס־בעטן בא איר וואסער, קעדיי אונטערהאלטן די נעשאָמעס פון די מענטשן און דאָס פּי.

— האָט ראכמאָנעס, פון גאָט געזאלבטע הארן, הערשערן פון סטעפּ, ראטעוועט אונדז, אונדזערע פרויען און קינדער און אונדזער פּי. און גיט אונדז וואסער צו שטילן אונדזער דאָרשט, אניט וועלן מיר אומקומען.

— ווו זאָל איך אײַך נעמען וואסער? — האָט די פּריצטע זיך צע־שריִען. — ווער זײַט איר און ווער האָט אײַך געבעטן קומען אהער אף פרעמדער ערד?

— די נויט האָט אונדז געטריבן קומען אהער, — האָט מעטצע איר דערקלערט. — מע האָט אונדז געזאָגט, אז אין סטעפּ איז פאראן פרײַע ערד, האָבן מיר זיך א לאָז געטאָן אהער. איז האלט אונדז אונטער, הער־שערן פון סטעפּ. שענקט אונדז וואסער, ביז מיר וועלן א ברונעם אויס־גראָבן.

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אומווירדיקער שלעפּער, אַז ס'פּעלט מיר וואַסער פאַר מײַנע אייגענע שאָף, — איז די פּריצטע געוואָרן נאָך מער אופגעבראַכט. — גייט פונוואַנען איר זײַט געקומען!

— דערבאַרעמט זיך, מיר זײַנען דאָך לעבעדיקע מענטשן, מיר גייען אויס פון דאָרשט, דאָס פּי אונדזערס קומט אום!

— ווי וואַגסטו גאָר בעטן בא מיר וואַסער... — האָט די פּריצטע אים אָנגעהויבן זידלען. — ווער ביסטו?

— איך בין א מענטש, פּריצטע...

— ניט אַנדערש, אַז דו האַלטסט — ביסט עפּעס ווערט. מענטשן זײַנען בא מיר ווי גראָז אין פעלד. וואָס איך וויל, טו איך מיט זיי. איך טרײַב אַרויס מײַנע באַדינער, פּוכניען זיי פון הונגער און קומען אום.

— און ווער האָט דעם ברונעם אויסגעגראָבן — ניט קיין מענטשן? — האָט מעטצע, ווערנדיק אַזעסדיק, א פרעג געגעבן. — אָן מענטשן וועט איר אַליין אומקומען.

— ווער האָט עס דיך, האַלאָדראַנעץ, אויסגעלערנט אַזוי ריידן? וואָן פון מײַן הויף! איך וועל אַרויסרופן דעם אוריאַדניק און הייסן דיך אין קייטן שמידן.

א פאַרביטערטער און א דערצאָרנטער איז מעטצע אַוועק.

„וואָס זשע טוט מען פאָרט? מיר וועלן דאָך אַזוי אומקומען”, — האָט ער ניט אופגעהערט צו טראַכטן.

פאַרבײַוועגס האָט ער דערזען, ווי די פּאַסטעכער האָבן צוגעטריבן די אָטאַרע שאָף צום ברונעם, האָט ער באַשטימט צוגיין צו זיי, דורכריידן זיך, האַלטן זיך אָן אייצע. דאָס זײַנען געווען די זעלבע פּאַסטעכער, לעבן וועלכע מעטצע מיט זײַנע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּרוען.

— נו, ווי?אַזוי האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט? — האָט איינער פון די פּאַסטעכער, דערקענענדיק מעטצען, אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן.

— ביטער, זייער ביטער איז אונדז, — האָט מעטצע געענטפערט. — מיר קומען אום פון דאָרשט. איך בין געגאַנגען צו דער פּריצטע אויסבעטן וואַסער, ביז מיר וועלן א ברונעם אויסגראָבן.

— בא איר גייט איר בעטן וואַסער? — האָט דער פּאַסטעך זיך פאַרוווּנדערט.

— א מעכאַשייפע מיט הערנער, אין גענעם צווישן די ערגסטע מענטשן וועט מען זי אויך ניט אַרײַנלאָזן. ווי טראָגט אום די ערד אַזא שלאַק?

— וואָס זשע טוט מען? ווו קריגט מען וואַסער? — האָט מעטצע געפרעגט בא די פּאַסטעכער.

— גייט אַהיים און שטעלט זיך גראָבן א ברונעם. מיר וועלן אײַך מיטהעלפן. דערווײַל קומט שטילערהייט אַהער באַנאַכט מיט אײַער פי, וועלן מיר עס אָנפּאָיען, אַליין וועט איר זיך אויך אָנטרינקען און מיטנעמען מיט זיך וואַסער, וויפל איר וועט דאַרפן, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די פּאַסטעכער. — דער פּריצטע וועלן מיר זאָגן, אַז עפּעס א מענטש פון די, וואָס זײַנען געקומען באַזעצן זיך, איז א קישעפמאַכער. ער איז צוגעגאַנגען צום ברונעם, געזאָגט א שפּרוך, און פון ברונעם האָט אָנגעהויבן פאַרפאַלן ווערן דאָס וואַסער.

אינגיכן איז צו דער פּריצטע דערגאנגען די ידיעה, אז עס ווערט בא איר וואסער אלץ ווייניקער און ווייניקער. איז זי געוואָרן אויסער־זיך:

— ווו איז ער, דער מענטש, וועלכער האָט פארשאָלטן מײַן ברונעם? כ׳וועל ארויסרופן א סטראזשניק און הייסן אים אין קייטן פארקאָוועץ, כ׳וועל אים קעפּן!

די פּאסטעכער האָבן איר געגעבן אן אייצע:

— וואָס וועט אײַך ארויסקומען, אויב איר וועט אזוי זיך אָפּרעכענען מיטן מענטשן, וועלכער האָט פארשאָלטן דעם ברונעם? מע דארף אים בעסער בעטן, ער זאָל אָפּשפּרעכן, אניט וועלן די שאָף פון דאָרשט אומקומען.

די פּריצטע האָט געפאָלגט די פּאסטעכער און איז אוועק צו די אײַנוואנדערער בעטן אָפּשפּרעכן איר ברונעם. דערפאר האָט זי זיי געהאָלפן א ברונעם אויסגראָבן, נאָך אויסגעלייזן פיטער אף ווינטער פאר זייער פי.

עס זײַנען דורך א יאָר צוויי, און מעטצע מיט די איבעריקע נײַע אײַנוווינער האָבן זיך אויסגעבויט שטיבלעך, צוגעווינט זיך צום סטעפּ, ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אראָפּנעמען א ביסל ברויט פון דער ערד. דעם ישעוו, וועלכן זיי האָבן אויסגעבויט, האָבן זיי א נאָמען געגעבן נײַ־עסטלאנד.

אין שווערער האָרעוואניע האָט מעטצע אויסגעלעבט זײַנע יאָרן און איז געשטאָרבן אין זײַן נײַעם היימלאנד. זײַן זון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דאָ, אין סטעפּ, איז געראָטן געווען אין אים, און דאָס אייניקל איז מיט אלע פּישטשעוקעס געווען אזא, ווי דער זיידע — א דרייסטער, א קלוגער, א ליבהארציקער. מיט אן אנטבלויזטער בלאנקענדיקער שווערד האָט ער אף א הייס פערד, צוזאמען מיט בודיאָניס רײַטער, זיך געטראָגן איבער די סטעפּעס און געיאָגט די ווײַסע כאיאָלעס פונדאנען, געטרונקען זיי אין די וואסערן פון סיוואש און אײַנגענומען דעם פּערעקאָפּ.

נאָכן בירגערקריג האָט דער יונגער מעטצע, מיט א צווייטן רויטן רײַטער — סעמבערגן געשאפן אין סטעפּ דעם ערשטן לאנדווירטשאפטלעכן קאָלעקטיוו, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן אפן נאָמען פון עסטאָנישן רעוואָליוציאָנער קינגיסעפּ.

די געשיכטע פונעם אופקום פונעם ישעוו נײַ־עסטלאנד איז ארומגעגאנגען פון מויל צו מויל, פון דאָר צו דאָר האָט מען איבערגעגעבן די געשעענישן, וועלכע זײַנען אין אים פארלאָפן, ווי א לעבעדיקן פּינקעס. אין דער מישפּאָכע מעטצע האָט מען זיך געגרויסט מיטן ייִכעס פון דעם בארימט־געוואָרענעם זיידן.

מעהודינען איז גאָר קיינמאָל ניט אײַנגעפאלן צו פרעגן, צי שטאמט ניט דער בריגאדיר פון דער פּיצוכט־בריגאדע אין דעם קאָלווירט „קינגיסעפּ" איוואן מאטווייעוויטש מעטצע, וועלכן מע האלט אין איין לויבן אין דער ראיאָנער צײַטונג, פון דער ייִכעסדיקער מישפּאָכע, וועלכע האָט אזא שעם אין דער גאנצער אומגעגנט.

געקומען איצט קיין נײַ־עסטלאנד, האָט מעהודין באשטימט דורכגיין זיך א ביסל און א קוק טאָן מיט א באלעבאטיש אויג אפן קאָלווירט, זיך דורכריידן מיט די מענטשן. ער האָט באמערקט, אז אויסערלעך שיידט זיך אונטער נײַ־עסטלאנד פון די אנדערע דערפער. דאָ זײַנען פײַנע גאסן, געמיטלעכע הײַזער מיט פּאליסאדניקעס, ריין־צוגעקליבענע הויפן.

די גאַסן זײַנען געווען פּוסט. „דער אוילעם איז, קאַנטיק, אַף דער אַר־בעט“, — האָט מעהודין אַ טראַכט געטאָן. ער האָט שוין געוואָלט פאַרקע־רעווען צו דער פאַרוואַלטונג, בײַס ער האָט פונוויַטן דערזען אַ מענטשן, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ הויף. דער מענטש האָט זיך געלאָזט גלײַך צו אים.

— כאַווער מעטצע? — האָט מעהודין געפרעגט, ווי ער וואָלט זיך סאָ־פּעקן, צי דאָס איז ער.

— דאָס בין איך, איך. לאַנג זײַט איר טאַקע באַ אונדז ניט געווען. איר זײַט, האָט מען דערציילט, אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער ראַיאָן, און איצט, זאָגט מען, זײַט איר ווידער אונדזערער אַ שאָכן.

— יאָ, אַ שאָכן. מער, ווי אַ שאָכן... מיר דאַרפן דאָך...

מעהודין האָט געוואָלט אויסקלאָרן, צי ווייסט מען דאָ שוין וועגן דעם עמעסן ציל פון זײַן קומען. נאָר מעטצע האָט נאָך, קאַנטיק, ניט געוווּסט.

אַ קוק געגעבן אַף דער שטוב מיט די שניצערײַען איבער די פענצטער, לעבן וועלכער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט מעטצען, האָט מעהודין באַ־מערקט:

— אַ גוטע שטוב, ס'איז אײַערע?

— מײַנע.

— מיט קאָפּ געבויט און מיט געשמאַק באַפּוצט. ווו האָט איר עס גע־נומען אַזעלכע שטיינער די ווענט אויסצולייגן?

— ס'איז פון אונדזער קאַריער.

— איר פאַרמאָגט דאָ אַ שטיינערנעם קאַריער? דאָס ערשטע מאָל הער איך.

— מע זאָגט, אַז מײַן זיידע האָט אים נאָך דאָ אַנטדעקט.

— ציקאַווע. און מיר זוכן בוי־מאַטעריאַלן און ווערן אויסגעריסן.

— דער קאַריער איז געווען פאַרשאָטן, און מע האָט גאָר געהאַט פאַר־געסן אָן אים. די לעצטע יאָרן, ווען מענטשן האָבן אָנגעהויבן בויען נײַע הײַזער, האָט מען וועגן אים זיך דערמאָנט. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך ווײַזן די שפּורן פון מײַן זיידנס שטיבל. דאָס איז געווען דאָס ערשטע שטיבל אין נײַ־עסטלאַנד. לויט די שטיינער זעט מען, אַז זיי זײַנען פון אונדזער קאַריער.

— כ'וועל מיט פאַרגעניגן אַ קוק טאָן. אַ טיכטיקער מענטש איז געווען אײַער זיידע. איך האָב געהערט וועגן אים.

איוואַן מאַטווייעוויטש האָט אָפּגעהיט דאָס, וואָס עס איז פאַרבליבן פונעם זיידנס שטיבל, ווי אַ היילִיקטום.

— אַ גוטן פּלאַץ האָט ער זיך אויסגעקליבן, — האָט מעהודין באַ־מערקט. — אַ הויך אָרט, און דער נידער איז צוגעפּאַסט פאַר אַ גערטנדל.

— אַזוי איז טאַקע געווען. דאָרט, האָט דער טאַטע דערציילט, אין דער נידער האָט דער זיידע פאַרפלאַנצט אַ פּאָר ביימער, אַ גערטנדל געשאַפן, פאַרזייט, וואָס ער האָט געדאַרפט.

— מיר איז אויך אויסגעקומען מיט מײַן טאַטן אויסבויען די ערשטע שטוב פון אונדזער יישעוו, — האָט זיך דערמאָנט מעהודין. — דאָס איז גע־ווען אַן ערד־שטיבל, נאָר פון דעם איז שוין קיין זייכער ניט געבליבן.

דערפֿאַר האָבן זיך באַ אונדז אין פּאַליסאַדניק פֿאַרהיט די שפּורן פֿון די ערשטעביימער, וועלכע איך האָב פֿאַרפּלאַנצט. מילכאָמע־צײַט האָט מען זיי אויסגעהאַקט, נאָר די וואָרצלען זײַנען געבליבן, וואַקסן זיי ווײַטער.

— פּונקט ווי באַ אונדז. דער זיידע האָט געלאָזן טיפֿע וואָרצלען אין סטעפּ, — מעטצע האָט אָן עפּן געטאָן דאָס טירל פֿון אַ שטעלכל, — איר זעט, אָט דאָ אויף דעם אָרט איז געשטאַנען אַמאָל דאָס שטעלכל, וואָס דער זיידע האָט אויסגעבויט. מיר האָבן ווידער אויסגעבויט פּונקט אַזאַ. אין דעם זיידנס שטעלכל האָט זיך געפֿונען אַ קו, וועלכע ער האָט געבראַכט אַזש פֿון דער היים. הונדערטער ווערסטן האָט ער זי צופֿוס געטריבן. קעדיי זי זאָל די קאָפּיטעס ניט צעקלאַפּן, האָט ער איר אָנגעטאָן אויף אַלע פֿיר פּיס לאַפּטיעס. מיר האָבן זיי פֿאַרהיט.

מעהודין האָט גענומען אין האַנט די לאַפּטיעס, פֿאַרגאַפֿט באַקוקט זיי.

— אָט דאָס הייסט אַ באַלעבאָס, האַ? אַך, וואָלט געוועזן פֿון אײַער זיידן אַ בריגאַדיר אויף דער פֿערמע! אַליין איז ער, מיסטאַמע, געגאַנגען באָר־וועסרהייט, און אויף דער קו האָט ער אָנגעטאָן שיך...

— איר האָט געטראָפֿן. דער טאַטע האָט דערציילט, אַז אַזוי איז טאַקע געווען. דער זיידע איז געגאַנגען דעם גאַנצן וועג באָרוועס, ווײַל ער האָט געזשאַלעוועט די שטיוול.

— עפּשער וועט איר צוגיין מיט מיר אין פֿאַרוואַלטונג? — האָט מע־הודין אַ בעט געטאָן מעטצען. — מיר ווערן מיט אײַך שותּפֿים.

— ווי קענען עס צוויי קאָלווירטן ווערן שותּפֿים? — האָט מעטצע אָנ־געקוקט מעהודינען. — כ׳פֿאַרשטיי ניט, וואָס איר מיינט.

— קומט אין פֿאַרוואַלטונג, וועט איר הערן, אײַער פֿאָרזיצער ווייסט שוין עפּשער וועגן דעם... איר זײַט דאָך, דאַכט זיך, אַ מיטגליד פֿון פֿאַר־וואַלטונג? ער האָט אײַך גאָרנישט ניט געזאָגט?.. קומט, וועלן מיר זיך דורכריידן. נאָכדעם וועלן מיר דעם איניען באַטראַכטן אויף אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.

12

דורכגעשמועסט זיך מיטן פֿאָרזיצער, מיט די בריגאַדירן און מיט אַ ריי קאָלווירטניקעס פֿון קאָלווירט „קינגיסעפּ", געגנוי באַקענט זיך מיט דערווירטשאַפֿט, איז מעהודין געקומען צום אויספֿיר, אַז די פֿירנדיקע צווײַג דאַרף דאָ זײַן פֿיצוכט. ניט נאָר דערפֿאַר, ווײַל דאָ זײַנען פֿאַראַן מײַסטערס מיט אַ רײַכער דערפֿאַרונג אין דעם געביט, נאָר אויך דערפֿאַר, ווײַל אין אָט דעם קאָלווירט איז שוין געשאַפֿן געוואָרן אַ געוויסע פֿיטער־באַזע — סילאָס־טורעמס, טראַנשייען, ניט קיין שלעכטע פּאַשע־פֿעלדער. דאָס ווייניק פּראָדוקטיווע פֿי האָט מען דאָ שוין פֿאַרביטן אויף הויך־פּראָ־דוקטיוון. אַ ריי אַרבעטס־פּראָצעסן זײַנען מעכאַניזירט. לויטן מוסטער פֿון פּעטראָווקע האָט מען דאָ אָנגעהויבן בויען אַ סקוואַזשינע, וועלכע וועט געבן וואַסער פֿאַר דעם פֿי און צו באַגיסן די פּלאַנטאַציעס פֿון די פֿיטער־קולטורן. פֿאַר די קומענדיקע אויסגעברייטערטע פֿערמעס פֿונעם פֿאַריי־

ניקטן קאַלווירט וועלן זיך פאָדערן נײַע שטאַלן, און דער אָרטיקער שטיין־קאַריער וועט דאָ שטאַרק צוניץ קומען.

פֿון נײַ־עסטלאַנד איז מעהודין אוועקגעפאָרן אין קרעמניאַוווקאַ, פּוש־קינאַ און בליזשניאיאַ. די דאָזיקע דערפער האָט ער אויך גוט געקענט.

אפן וועג קיין בעסאַדינאַ, צוקוקנדיק זיך צו די פאַרלאָזטע, פאַרבראַנ־טע פעלדער, צו די נאַכלעסיק־אופגעאקערטע, ניט פאַרבראַנעוועטע פאסן ערד, מיט פאַרטריקנטע הליבעס, צו די אָנצאָליקע נאָרעס פון סוסליקעס, וועלכע פרעסן די פאַרטשאַכנעטע טוועס, איז מעהודינען געוואָרן ביטער אפן הארצן.

מיט א שווער געמיט, ווי עמעצער וואָלט פאַרשוועכן זײַנע סאמע דינסטע געפילן צו דער מאמע־ערד, וועלכע ער האָט שטענדיק ליב געהאט צו זען אזא, אז זי זאָל פרייען דאָס אויג, איז ער ארײַנגעפאָרן אין דאָרף.

האַלב־כאָרעווע הײַזלעך מיט פענצטער, פאַרשטעקטע מיט שמאטעס, הויפן מיט פאַרטריקנטע פאַליסאַדניקעס, ווו־ניט־ווו האָבן דורכגעשלײַכט פאַרדײַגעטע מענטשן. פאַרבײַגייענדיק, האָבן זיי זיך באַגריסט מיט מע־הודינען.

ניט געפונען קיינעם אין פאַרוואַלטונג, איז מעהודין אוועק אף דער פערמע. די קי אין די קויטיקע שטאַלן זײַנען געשטאַנען און ארויסגעקוקט, עמעצער זאָל זיי ארײַנוואַרפן אין די קאָרעטעס א ביסל שפּײַז. מעהודין האָט זיי באַלעבאַטיש באַטראַכט, באַטאַפּט אין לײַב, באַקוקט די אײַטערס, ער איז ארײַנגעגאַנגען אין די שײַערן, ווו ס׳איז געלעגן דער קאָרם. אין דער רעגע איז אָנגעקומען דער פאָרזיצער פון קאָלווירט.

— מיר קוקן שוין ארויס אף אײַך, מע האָט מיר געזאָגט, אז איר זײַט דאָ, נאָר איך האָב אײַך ניט געקאָנט געפינען, — האָט געזאָגט דער פאָר־זיצער.

מעהודין האָט פאַרמאַכט די טיר פונעם שײַער און געפרעגט:

— נו, איז פון וואָס וועלן מיר אָנהייבן?

— קומט ארײַן אין פאַרוואַלטונג, וועלן מיר זיך וועגן אַלץ צונויפריידן.

— קומט.

לעבן דער געבײַדע פון דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג זײַנען געשטאַנען א סאך מענטשן, זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך און געטומלט.

— דערציילט אונדז אויך, מיר ווילן אויך וויסן... ס׳איז טאַקע עמעס, אז מ׳וויל אונדז צונויפגיסן מיטן פעטראָווקער קאָלווירט?.. צי דען וועלן מיר ווערן גלײַכע מעכוטאָנים מיט אזעלכע גווירים? — האָט איינער גע־פרעגט מעהודינען. — אָרעם און רײַך וועלן ווערן גלײַך?

— די פראַגע וועגן אײַער ארײַנגיין אין דעם פאַרייניקטן קאָלווירט דאַרף מען באַטראַכטן אף אן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אַלץ געניי בא־האַנדלען און אַרומריידן. יעדערער פון אײַך וועט קאָנען זאָגן און אויס־קלאָרן אַלץ, וואָס ער וויל, — האָט מעהודין דערקלערט.

— דער אוילעם האָט זיך דאָך שוין צונויפגעזאַמלט, קאָן מען שוין דורכפירן די פאַרזאַמלונג... וואָס דאַרף מען אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק?.. — האָבן זיך דערהערט שטימען.

— בעסער פריִער באַטראַכטן דעם איניען אף א זיצונג פון פאַרוואַלטונג, וועלן מיר קומען צו דער פאַרזאַמלונג מער צוגעגרייטע, — האָט פאָרגעלייגט דער פאָרזיצער.

— מ׳דאַרף ניט אָפּלייגן... וואָס איז דאָ א סאַך וואָס צו ריידן, — האָבן זיך געטראָגן קוילעס. — אויב מע וויל אונדז נאָר פאַר שוטפים צום געשעפט, וועלן מיר זיך דען אָפּזאָגן?

דער אוילעם האָט ניט אײַנגערוט, געהאַלטן אין איין שרײַען און טומלען:

— מיר ווילן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל באַלד פאָרקומען... זאָל דער כאַווער מעהודין בײַזײַן. זאָל ער אויך הערן, וואָס מיר ווילן!

נאָך א קורצער באַראַטונג פון די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָט דער פאָרזיצער אופגעעפנט די פאַרזאַמלונג און געגעבן א וואָרט מעהודינען.

מעהודין האָט אַרומגעכאַפּט מיט זײַן בליק דעם פאַרזאַמלטן אוילעם און אָנגעהויבן דערציילן, וויאַזוי דעם קאָלווירט פון פעטראָווקע האָט זיך אײַנגעגעבן א שפּרײַז טאָן פאָרויס.

— אָבער די נײַע מעכטיקע טעכניק, מיט וועלכער ס׳באַוואָפנט אונדז די סאָוועטישע מעלוכע, — האָט מעהודין ווײַטער גערעדט, — קאָן ניט אויסגענוצט ווערן אין דער פּולער מאָס אין קליינינקע, אָפּטמאָל אַפילע קאַרליקאָווע אַרטעלן מיט בריגאַדעס, וועלכע באַשטייען פון עטלעכע מענטשן. אָט נעמט אײַער פּיצוכט־בריגאַדע, פון וויפל מענטשן באַשטייט זי?

— פון צוועלף, — האָט געענטפערט דער פאָרזיצער.

— וויפל עמערס וואַסער קומט אײַך אויס א טאָג איבערצושלעפּן, קעדיי אָנצופאָיען דאָס פי? און דער ברונעם געפינט זיך אף א קילאָמעטער פון דער פערמע. די זעלבע לאַגע איז אין אַנדערע בריגאַדעס, — האָט מעהודין פאָרגעזעצט. — די שווערע אַרבעט אין די בריגאַדעס דאַרף מען מעכאַניזירן, און אין קליינע קאָלווירטן איז דאָס אומעגלעך דורכצופירן... א גוטער קאָלווירט מוז האָבן א פאַרצווײַגטעווירטשאַפט, דאַן קאָן ער זיך אַנטוויקלען... ס׳טרעפט, עס גערעט ניט איין קולטור, איז גערעט א צווייטע, א דריטע... אָבער אף וואָס קאָן זיך האַלטן אַזאַ קאָלווירט ווי אײַערער, וועלכער זייט אין גרונט טוווּס און לײַדט פון יאָר צו יאָר פון טריקעניש? וויאַזוי קאָן מען דאָ פאַרבעסערן די לאַגע פון די קאָלווירטניקעס? דער פאָרזיצער מעג אַפילע זײַן מיט צען קעפ, וועט ער גאָרנישט ניט צוטראַכטן.

מעהודין האָט אָנגערירט די סאַמע ווײַנטלעכע פראַגן אינעם לעבן פון קאָלווירט, דאָס, וואָס ס׳ערגערט יעדערן פון די פאַרזאַמלטע. מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָט מען זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס מעהודין האָט אַרויסגעזאָגט.

— דער איינציקער אויסוועג איז, אַז אײַער קאָלווירט זאָל זיך אַרײַנגיסן אין דער פאַרייניקטער ווירטשאַפט.

— און ווער וועט באַצאָלן אונדזערע כויוועס דער מעלוכע?

— וויפל וועט מען אונדז צאָלן? אַזוי ווי בא אײַך, צי ווינציקער?

— און ווי וועט זײַן מיט די אינדיווידועלע בעהיימעס, מ׳וועט זיי דארפֿן אָפּגעבן?

פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געשאָטן פֿראַגן. מעהודין האָט געריעדט פּראָסט, האַרציק, ווי ער וואָלט געפֿירט אַ שמועס מיט גוטעפֿרײַנט וועגן זאַכן, וועלכע רירן אָן זייערע נעשאָמעס:

— אַן ערד־אַרבעטער, וועלכער האָט ניט ליב די ערד, האָט ניט וואָס צו וואַרטן אויף קיין פּרוכטן פֿון איר... וואָס קאָן מען צאָלן פֿון פֿאַרבריענטע טווועס? שטויב! פֿון אויסגעמאַטערטע פּעגירעס — קי קאָן מען וואַרטן נאָר אויף זייער פּעל. פּונקט אַזאַ לוין האָבן באַקומען פֿריִער אויך די קאָלווירט־ניקעס פֿון פּעטראָוועקע... איז לאָמיר אַרבעטן אַזוי, אַז די ערד זאָל אין דער פּולער מאָס באַלוינען פֿאַר אונדזער מי, דאַן וועט סטײַען אי אויף די כוויוועס באַצאָלן, אי אויף דער ווירטשאַפֿט אַנטוויקלען און אַלעמען אויף אַ גוט לעבן, — האָט פֿאַרענדיקט מעהודין.

די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך שוין געענדיקט, און דער אוילעם האָט בעשום־אויפֿן ניט אָפּגעלאָזט מעהודינען, פֿאַרשיטנדיק אים מיט אַלץ נײַע און נײַע פֿראַגן.

ווען מעהודין האָט זיך דערקליבן אין נאָך אַ קאָלווירט — אין מיראָ־ליובאָווקאַ, איז שוין דאָרטן די פֿאַרזאַמלונג געגאַנגען. הייס און לײַדנשאַפֿטלעך האָבן זיך צעפֿלאַקערט די וויקוכים אַרום דער פֿראַגע — אַרײַנטרעטן אינעם פֿאַרייניקטן קאָלווירט, צי ניט.

מעהודין האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַן עקסטער באַנק און גענומען אײַנהערן זיך, וועגן וואָס מע רעדט. אַ באַיאַרטער מאַנצבל האָט געפּאַכט מיט די הענט און געשריִען:

— בא אונדז אין קאָלווירט זײַנען מיר באַלעבאַטים, מיר אַרבעטן ווי אונדז גלוסט זיך, אויף אונדזער שטייגער... אַז מיר וועלן אַרײַנגיין אין פֿאַרייניקטן קאָלווירט, וועט מען אויף אונדז קוקן, ווי אויף אָרעמע קרוויוים. דער רײַכער פּעטער וועט בלאָזן פֿון זיך און אונדז אויסוואַרפֿן, אַז מיר זײַנען געקומען צו אים אויף פֿאַרטיקע קעסט, זיצן אויף זײַן האַלדז, ווילן מאַכן אויף פֿרעמדן גוטס אַ לעבן. קאָן דען אונדז אָנשטיין אַזאַ זאַך? זײַנען מיר דען ערגער פֿון די פּעטראָוועקער קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן אַמאָל אויך קיין ברויט צו זאַט ניט געגעסן? מעהודין האָט דאָרט, פֿאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ טאָלק. אָבער מיר ווייסן, אַז ער איז אַ צו הייסער אין דער אַרבעט. אַרבעטן אַרבעט ער אַליין ווי אַ רועך און לאָזט קיינעם ניט רוען. ער ציטערט איבער יעדן שטיקל ערד, ס׳זאָל, כאַסוועשאָלעם, ניט פּוסטעווען. פֿון אַלץ, וואָס ער קאָן נאָר, שטרעבט ער עפּעס אויסקוועטשן פֿאַר דער באַלעבאַטישקײַט... ער וועט אַ סאָף מאַכן צו אונדזערע פּאַשע־פּעלדער, ס׳וועט אים ניט לוינען, אַזויפֿיל ערד זאָל פּוסטעווען... טאָמער האָבן מיר נאָך ווו אָנצוקאָסיען אַ ביסל היי פֿאַר אַ בעהיימעלע, וועלן מיר דאָס אויך אָנווערן.

— ער וועט נאָך פֿאָדערן אָפּפֿירן די בעהיימעס אין קאָלווירט, — האָט זיך דערהערט אַ שטים.

צום טיש איז צוגעגאַנגען אַ שוואַרצכיינעוודיק באָכעריל, קאָלעסניטשענקאָ. לויט די בגאָדים איז קאָנטיק געווען, אַז דאָס איז אַ ניט לאַנג

דעמאָביליזירטער סאָלדאַט. צוריק מיט אַ פּאָר טעג, ווען מעהודין איז גע־
ווען אין אַט דעם קאָלווירט, האָט קאָלעסניטשענקאָ צוגעצויגן זײַן אויפ־
מערקזאַמקײַט. דער באָכער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט
אַ טראַכט געטאָן, אַז מ׳דאַרף אים אונטערלערנען, מיט דער צײַט קאָן ער
ווערן אַ גוטער בריגאַדיר.

קאָלעסניטשענקאָ האָט די אַרויסטרעטונג פונעם פּאַריקן רעדנער ווי
מיט אַ מעסער אַ שניט געטאָן איבערן האַרצן. אים האָט זיך געוואָלט אויס־
גיסן דעם גאַנצן גרימצאָרן אויף אים, נאָר ער האָט געצוימט אין זיך דעם
ווידערגעפיל און געערעדט רויק:

— מע שטרעקט אונדז אויס אַ כאַוועריִשע האַנט אַרויסצושלעפּן פון
דער אָפּגעשטאַנענקײַט, און וועלכער מיר שטעקן, — זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן?!
גיט אַ רעכן מיט ניכטערע קעפּ, וואָס איז מער ווערט: דאָס ביסל היי,
וואָס איר וועט אָנקאָסיען, צי דער לוין, וועלכן מע קאָן באַקומען אינעם
פּאַרייניקטן קאָלווירט אויף אַן אַרבעטס־טאָג... איר וואַרפט ברויט און ווילט
קלײַבן ברעקלעך!

מעהודין האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן אָרט, צוגעגאַנגען צום טיש.
צווישן אוילעם האָט זיך דורכגעטראָגן אַ רויש:

— זעט, ער איז גאָר דאָ!

— שטילער, שטילער! שאַ! לאָזט הערן, וואָס דער כאַווער מעהודין
וועט זאָגן!

ווען דער אוילעם האָט זיך באַרויִקט, האָט מעהודין אָנגעהויבן:

— דאָ האָט איינער פריִער געזאָגט, אַז ער וויל היי קאָסיען פאַר זײַן
בעהיימע. מיסטאָמע זײַנען פאַראַן נאָך באַלאָנים, איז זאָלן זיי קאָסיען.
אונדזערע קאָלווירטניקעס האָבן אונדז אַליין געבראַכט זייער פּי און גע־
בעטן עס צונעמען. כ׳האָף, אַז אינגיכן וועט אײַך אויך נימעס ווערן צו
אייסעקן זיך מיט די בעהיימעס. דערווײַל האַלט זיי בא זיך!

— ניין, כאַווער מעהודין, מיר ווילן ניט וואַרטן, ביז אַנדערע וועלן
קליגער ווערן! — האָט אויסגערופן קאָלעסניטשענקאָ. — צוליב וואָס דאַרף
די מערהײַט לײַדן צוליב זיי?

— ניין, מיט קיין שידעך אײַלט מען זיך ניט, — האָט געמאָלדן מע־
הודין. — איך לייג פאָר איבערלאָזן דערווײַל די פראַגע אָפן, זאָלן זיך
אַלע גוט באַטראַכטן און באַשטימען, צי ס׳לוינט זיי גיין אינעם פּאַריי־
ניקטן קאָלווירט...

## 13

עליע מעהודין צוזאַמען מיטן הויפּט־אַגראָנאָם אַלעקסאַנדער גריצענקאָ
האָבן גענוי דורכגעטראַכט דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן און עקאָנאָמישן יעסאָד
פון דער קומענדיקער פּאַרייניקטערווירטשאַפט.

גריצענקאָ האָט, פונקט ווי מעהודין, געקענט אַ סאַך מענטשן פון די
קאָלווירטן, וועלכע גיסן זיך צונויף, און האָט ניכטער געקאָנט אָפּשאַצן,
ווער פון זיי אויף וואָס איז פייִק. פונדעסטוועגן האָט מעהודין אָפט מיט

אים זיך געאַמפּערט, צוגעהערט זיך, וואָס ער זאָגט, נאָר ניט אַלעמאָל געפאָלגט אים.

איצט זײַנען אַנטשטאַנען צווישן זיי כלוקעדייעס באַם אָפּשאַצן די מעגלעכקייטן פון יעדן קאָלווירט, באַם באַשטימען דעם הויפּט־בײַטראָג פון יעדער אָרטעל אין דעם אַלגעמיינעם קאָמפּלעקס.

די פראַגע וועגן דעם מיראָליובאָווקער קאָלווירט איז נאָך אַלץ ניט קלאָר געווען. מעהודין האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף אים ניט אײַנשליסן, און קאָלעסניטשענקאָ האָט זייער געוואָלט, אַז ער זאָל יאָ אַרײַנגיין.

— אײַל זיך ניט, — האָט מעהודין מיט אים געטײַנעט. — זאָל זיך דער אוילעם אַרומקוקן, זאָלן זיי אַליין זיך איבערצײַגן, אַז ס׳לוינט גיין מיט אונדז.

צוגעגרייט און דורכגעטראַכט אַלע איניאַנים, האָט מען באַשטימט צו־נויפרופן אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַרייניקטע קאָלווירטן און אויסוויילן די פאַרוואַלטונג.

אין בליזשניאַיאַ, פּושקינאָ, נײַ־עסטלאַנד, בעסאַדינאַ האָט זיך געטומלט. יעדן קאָלווירט און יעדן ערד־אַרבעטער איז פאַרגעשטאַנען מאַכן אַ שריט צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שטאַרק צוגעצויגן, געמאַניעט, נאָר וואָס איז דאָך נאָך ניט געווען אינגאַנצן קלאָר, וויאַזוי וועט דאָס זײַן אין דער ווירקלעכקייט. מע האָט גערעדט, געכקירעט, אַרויסגעזאָגט האַשאָרעס און מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען מ׳וועט זיך צונויפנעמען אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג.

קינד־און־קייט זײַנען זיך צונויפגעקומען אין פּעטראָווקע אויף דער פאַרזאַמלונג. די קליינינקע, ענגע געבײַדע האָט ניט געקאָנט אַרײַננעמען דעם פּילקעפּיקן אוילעם. די, פאַר וועלכע ס׳איז שוין קיין ערטער ניט געווען, זײַנען געבליבן אין דרויסן און האָבן געפּרוווט אויפכאַפּן, וועגן וואָס עס גייט אַ רייד.

— ווער רעדט עס דאָרט? — האָט געפרעגט עמעצער פון די, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט דורכשפּאַרן נעענטער צו דער טיר.

— עפּעס אַ פאָרשטייער רעדט... אײַ רעדט ער! אײַ רעדט ער! גאָלד! — האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער.

אַ טייל פון די, וועלכע האָבן זיך געשפּאַרט צו דער טיר, זײַנען מיט מאַטערניש אַרײַן אינווייניק.

— מע וויילט שוין די פאַרוואַלטונג, — האָט עמעצער איבערגעגעבן.

— אַ וואָרט באַקומט דער כאַווער מעהודין, — האָט הויך אויסגערופן דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג.

מעהודין האָט געזאָגט:

— זעקס קאָלווירטן פאַרייניקן זיך אין איין מישפּאָכע. גיט אַ קוק, ווער ס׳גייט אַרײַן אין דער מישפּאָכע — פאָרשטייער פון זיבעצן פעלקער. דער נאָמען דאַרף זאָגן, ווער מיר זײַנען. איז לאָמיר זיך טאַקע רופן לויט דעם נאָמען, וועלכער פּאַסט פאַר אונדז אַמערסטן, — „דרוזשבאַ נאַראָ־דאָוו" — „פעלקער־פרײַנטשאַפט".

— „דרוזשבאַ נאַראָדאָוו", — האָבן הונדערטער הילכיקע שטימען אײַ־בערגעכאַזערט.

## קאַפּיטל דרײַ

### I

אף דער ערשטער זיצונג פון דער נײַער פאַרוואַלטונג האָט מען מעהודינען אויסגעוויילט פאַרן פאָרזיצער פונעם פאַרייניקטן קאָלווירט „פּעלקער־פרײַנטשאַפט“.

די מאַטעריאַלן וועגן דער לאַגע און וועגן די באַזונדערקײַטן פון יעדער ווירטשאַפט, וועלכע מעהודין האָט גרינטלעך געהאַט דערלערנט, נאָך איידער די קאָלווירטן האָבן זיך פאַרייניקט, זײַנען גוט צוניץ געקומען, ווען דער פאַרוואַלטונג איז פאָרגעשטאַנען אויסצואַרבעטן אַ גענויעם פּלאַן פון דער ווײַטערדיקער אַרבעט.

ס'איז קלאָר געווען, אַז די ווירטשאַפט אין פאַרייניקטן קאָלווירט דאַרף זײַן אַ פילצווײַגיקע, אַז יעדער פון די זעקס אָפּטיילן דאַרף האָבן אַ באַשטימטן דאָמינירנדיקן געביט, וועלכער וועט זיך בײַ אים אַמערסטן גינסטיק אַנטוויקלען.

דער הויפּט־אַגראָנאָם גריצענקאָ האָט אַרויסגענומען די קאַרטע, ווו ס'זײַנען געווען אָנגעצייכנט די ערד־שעטעכן פון אַלע אָפּטיילן, זייערע רעליעפן און גרענעצן. מעהודין האָט געוווּסט ביז די קלענסטע איינצלהײַטן די דאָזיקע פעלדער. אין קאָפּ איז שוין געווען בײַ אים אָנגעמערקט, ווו וואָס פאַר אַ קולטור מע וועט דאַרפן זייען, ווו וואָס מ'וועט בויען און פון וועלכע קוואַלן מע וועט דאַרפן אײַנשאַפן מיטלען. ווי אַ קאָמאַנדיר צייכנט אָן אף אַ פעלד־קאַרטע ערעוו אַ שלאַכט די פײַער־פּונקטן, אַזוי האָט ער געפּרוווט אין געדאַנק צעשטעלן די קויכעס, וועלכע ער האָט געהאַט אין זײַן רעשוס.

— ווו זײַנען בײַ אײַך אָנגעמערקט די סקוואַזשינעס? — האָט מעהודין געפרעגט בײַ גריצענקאָן.

— פאַרשטייט זיך, אַז בויען דאַרף מען זיי לעבן די באַגיס־פּלעצער.

— און ניט ווײַט פון די פערמעס, — האָט צוגעגעבן מעהודין.

— קלאָר, — האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ גריצענקאָ. — ניט פאַרגעסט אָבער, איליאַ אַבראַמאָוויטש, אַז טוועס זײַנען אונדזער הויפּט־קולטור און אַלע מיטלען דאַרפן געווענדט ווערן אף אופצוהייבן די גערעטעניש פון די קערנער־קולטורן.

— פאַרקלענערן די שעטאָכים פונעם גרינוואַרג און פון די סעדער טאָרן מיר בעשום־אויפן ניט, — האָט באַמערקט מעהודין. — ווײַל נאָר זיי קאָנען אונדז געבן די נייטיקע מיטלען אופצוהייבן די גערעטענישן פון טוועס און פון דער גאַנצער ווירטשאַפט פון קאָלווירט.

— איינע פון די וויכטיקסטע מאָסמיטלען, איליאַ אַבראַמאָוויטש, אופצוהייבן די גערעטענישן איז די פראַגע וועגן זיי־פאַרקער, — האָט געזאָגט גריצענקאָ. — דאָס איז דער אַלעפבייס פון קולטורעלער ערד־באַאַרבעטונג. און אין דעם געביט איז בײַ אונדז אַ גרויסער פּלאָנטער. דאָס ברענגט אונדז אַ סאַך שאָדן. בײַם זייען נעמען מיר ניט אין אַכט די פאָריקע קולטור, וועלכע איז געווען אף דער ערד... דעם שוואַרצן פאַר האָט מען קיי־

מאַט אײַנגאַנצן אַרויסגעשטויסן, אין גרונט זײַט מען אַף שייל־ערד... אין בעסטן פאַל גיט אַזאַ פאַרזיי צוועלף־דרײַצן צענטנער פון אַ העקטאַר, בײַס אַף שוואַרץ־פּאַר באַקומט מען אַ גערעטעניש פון פערציק און מער פון אַ העקטאַר.

— די פראַגע וועגן זיי־פּאַרקער וועלן מיר מוזן לייזן, — האָט צוגעשטימט מעהודין. — מיר וועלן זיך אויסייצען מיט דער פּרוּוו־סטאַנציע... דערווײַל, מיין איך, וועלן מיר זיך האַלטן בײַ דער פינפפעלדיקער סיסטעם און וועלן זייען טוועס נאָר נאָך דורכאַקער־קולטורן. קוקורוזע, אויב מיר וועלן זי באַאַרבעטן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, וועט געבן אַ גוטע גערעטעניש און מיר וועלן זי אויסנוצן אַלס קאָרם פאַר דעם פי, און אין האַרבסט וועלן מיר פאַרזייען אַף דער ערד ווייץ, דאַן וועלן מיר ווידער זײַן זיכער מיט אַ גוטער גערעטעניש.

מעהודין האָט געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע, אַרײַנגעקוקט אין דער קאַרטע און געפרעגט:

— וואַלד־פּלאַנצונגען, וועלכע פאַרהיטן די פעלדער פון סוכאָווייען, זײַנען בײַ אײַך אָנגעמערקט אין פּלאַן?

— ניין. איך גיב זיי ניט צו קיין שום באַדײַטונג, — האָט געענטפערט גריצענקאָ. — דאָרט, ווו זיי זײַנען פאַראַן, זײַנען זיי אין אַ שלעכטן צושטאַנד. אין בליזשניאַיאַ, צום בײַשפּיל, איז פון זיי קיין זייכער ניט געבליבן.

— אומעטום מוז מען אוועקשטעלן זיכערע שוץ־ליניעס און נאָכקוקן נאָך זיי. אַליין וועלן זיי ניט וואַקסן. אָן די וואַלד־פּלאַנצונגען וועלן מיר די סוכאָווייען ניט קאָנען פאַרהאַלטן. זיי זײַנען אונדזערע „דאָזאָרן" קעגן סאַמע אַכזאָריעסדיקן סוינע, — האָט מעהודין דערמאָנט גריצענקאָן.

— איז לאָמיר אוועקשטעלן די דאָזיקע פראַגע אַף דער פאַרוואַלטונג, זאָלן נאָך כאַווײַרים אַרויסזאָגן זייער מיינונג, — האָט פאָרגעלייגט גריצענקאָ.

— זייער גוט. איך מיין, אַז ס'זײַנען בײַ אונדז פאַראַן נאָך שטרײַטפראַגן, וועלן מיר זיי אַלע באַהאַנדלען אַף דער פאַרוואַלטונג...

2

כאָטש דער פאַרייניקטער קאָלווירט האָט נאָך ניט אינגאַנצן באַוויזן צו פאַרווירקלעכן די מאָסמיטלען, וועלכע די פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אָנגעמערקט, דאָך האָבן זיך שוין געלאָזט פילן אייניקע וויכטיקע אופטועך.

אַדאַנק די געשאַפענע אין פרילינג נײַע סקוואַזשינעס זײַנען שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן די באַוואַסערונג־שעטאָכים אין פּעטראָווקע, ווו אַכוץ גרינוואַרג, וואָס מע האָט אָנגעהויבן זייען אין דרײַ מאָל מער ווי פאַראַיאָרן, האָבן אַ גרויס אָרט אָנגעהויבן פאַרנעמען די באַשטאַנעס.

אין נײַ־עסטלאַנד איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע פערמע. די קאָרם־בורעקעס און אַנדערע מינים זאַפטיקע שפּײַז האָבן שטאַרק פאַרגרעסערט

דעם געמעלק פון דעם פּי. נײַע דאָמינירנדיקע צווײַגן פון דער לאַנד־ווירטשאַפט זײַנען אַנטשטאַנען אין די איבעריקע אָפּטיילונגען.

די אויסגעלייזטע מיטלען פונעם רײַכן גאָב, וועלכן עס האָבן געגעבן די באַגיס־שעטאָכים, הויפּטזאַכלעך די באַקומענע האַכנאָסעס פונעם ווײַנ־גאָרטן, פון די פערמעס, האָבן געגעבן די מעגלעכקײַט דעם פאַרייניקטן קאָלווירט אײַנשאַפן אייניקע נײַסטע מוסטערן פון דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער טעכניק, באַזאָרגן די פעלדער מיט דער נייטיקער צאָל באַגיטיקונג און אופהייבן די געוועזענע אָפּגעשטאַנענע קאָלווירטן קימאַט צום ניוואָ פונעם קאָלווירט אין פּעטראָווקע.

...רונד־אַרום האָט מען אַ סאַך גערעדט וועגן די גרויסע דערפאָלגן פונעם פאַרייניקטן קאָלווירט. שכיינים און אויך מענטשן פון ווײַטערע קאַנטן האָבן אָנגעהויבן קומען אַהער, קעדיי אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן, וואָס איז דאָ געשאַפן געוואָרן.

— ווי קען מען זען דעם פּאָרזיצער? מעהודינען ווו קען מען זען? — האָבן זיי געפרעגט.

די טויער פון קאָנטאָר האָבן געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

— ווער קען וויסן, וווהין ער איז אַוועקגעפאָרן? דאָס קען אײַך קיי־נער ניט זאָגן. עפּשער וועט ער אין מעשעך פון טאָג זיך אַרײַנכאַפּן אַהער אויף אַ האַלבער שאָ, און עפּשער וועט ער גאָרניט קומען.

יעדערער האָט געוווּסט, אַז מעהודין איז אַ פּאָרזיצער פון זעקס קאָל־ווירטן און די ווירטשאַפטן זײַנען אויסגעוואַקסן אין צענדליקער מאָל. אין וויפל זשע זאָרג האָט ער?

ווער ווייסט, צו אַ וועלכער פון די פערמעס איז ער אַוועקגעפאָרן, צו אַ וועלכער סקוואַזשינע? באַ וועלכן מאָטאָר פון די הונדערטער מאַשינעס ער האָט זיך פאַרהאַלטן? ווו עמעצער האָט עפּעס פאַרזען און דערלאָזט אַ פעלער, און מיט וועמען ער טײַנעט זיך אויס וועגן דעם? זײַן אויג לאָזט גאָרנישט ניט דורך. ער זעט אַלץ, באַמערקט אַלץ, ער ווייסט, ווו און ווער נייטיקט זיך אין זײַן הילף, אין זײַנס אַ וואָרט, אין אַן אייצע, ווו עס פעלט עפּעס און מע דאַרף, אַז עס זאָל ווערן באַוואָרנט. און דער האַרבסטיקער טאָג איז קורץ...

די געקומענע שעליכים זײַנען געזעסן און געוואַרט אויף אים. אַן אָנגע־האָרעוועטער, זייער אַ מידער, איז מעהודין אַרײַן אין קאָנטאָר שפּעט אין אָוונט.

— אַ גוטן אָוונט, כאַווער מעהודין, אַ גאַנצן טאָג קוקן מיר אַרויס אויף אײַך, — האָבן די געקומענע אַרומגערינגלט אים, ווי זיי וואָלטן מוירע געהאַט, אַז ער קאָן גלײַך ווידער ערגעץ אַוועקגיין.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט ער, באַקוקנדיק די געסט, אַ פרעג געגעבן.

— מיר האָבן געוואָלט... — האָט אָנגעהויבן איינער ניט קיין הויכער, ברייטפּלייציקער מאַנצבל מיט אַ ווײַסער, אַזוי ווי אַ פלאַקסענע באָרד.

מעהודין האָט אים דערקענט.

— איר זײַט פון מיראָליובאָווקע?.. נו, איר האָט אַ סאַך היי אָנגע־קאָסיעט? ס'האָט געסטײַעט פאַר דער בעהיימע?

— כ'האָב אָנגעקאָסיעט. אוודע האָב איך אָנגעקאָסיעט. נאָר דאָס היי איז צו טײַער. איר ווייסט, ווי טײַער? — האָט דער מענטש מיט דער פלאקסענער באָרד אָנגעהויבן טײַנען. — פאר אן ארבעטס־טאָג האָבן מיר קימאט גאָרנישט ניט באקומען. שולדיק קעגן אלע אונדזערע מיראָליובאָווער מענטשן בין איך, איך האָב זיי פארפירט... בין איך געקומען צו אײַך בעטן מעכילע. זײַט מיר מויכל, כאווער מעהודין, איך האָב זיך באנארישט, איצט פארשטיי איך שוין גוט, ווי שטארק איך האָב זיך באנארישט. וויפל שאָדן איך האָב זיך אָנגעטאָן און אויך די אנדערע.

— איך בין געקומען בא אײַך אויך בעטן מעכילע, — האָט אונטערגעהאלטן דעם מענטשן מיט דער פלאקסענער באָרד א נידעריקער מאנספארשוין. — איך האָב דאָך אויך געהאָלפן פארפירן די מענטשן, און איר האָט אונדז ניט אײַנגערעדט, און גוט באשטראָפט.

— נו, האָט איר איצט זיך גוט באטראכט, טוט נאָכאמאָל א קלער, עפשער לוינט אײַך בעסער קאָסיען היי פאר די בעהיימעס? — האָט געפרעגט מעהודין.

— מער זײַנען שוין בא אונדז ניט פאראן אזעלכע נאראָנים, — האָט זיך אָפּגערופן דער מענטש מיט דער פלאקסענער באָרד.

— גוט, זאָלן אלע די, וועלכע ווילן ארײַנגיין אינעם פארייניקטן קאָלווירט, דערלאנגען מעלדונגען, — האָט מעהודין געזאָגט.

— מיר האָבן געבראכט א מעלדונג פון גאנץ מיראָליובאָווקא.

— אלעמענס כסימעס זײַנען דאָ פאראן?

— אלעמענס. אלע, ווי איינער, האָבן זיך אונטערגעשריבן און געבעטן אונדז, מיר זאָלן מישטאדל זײַן זיך פאר אײַער פארוואלטונג וועגן ארײַנעמען אונדז אין פארייניקטן קאָלווירט...

נאָך דעם, ווי מע האָט די מיראָליובאָווקער ארײַנגענומען אין באשטאנד פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט”, זײַנען מעהודין מיט גריצענקאָ ארויסגעפאָרן אהין.

— ס'וועט אויסקומען אלץ דאָרט איבערבויען אין גאנג פון דער ארבעט, ווײַל אין דער צײַט פון פארזיי איז ניטאָ ווען צו טראכטן, — האָט געזאָגט מעהודין.

— לאָמיר פריער פון אלץ א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך דאָרטן בא זיי אין פעלד, — האָט פאָרגעלייגט גריצענקאָ.

— גוט, — האָט צוגעשטימט מעהודין, — נאָר איך ווייס אזוי אויך. אופגעאקערטע ערד איז בא זיי ווייניק. דאָס פעלד איז פארגראָזיקט און פארלאָזט.

— איז וואָס פאר א גערעטעניש קען מען דערווארטן?

— הײַנטיקס יאָר אויספאריכטן איז שוין שפעט. מע דארף טראכטן, וואָס ווײַטער צו טאָן.

— פון וואָס וועלן מיר אָנהייבן?

— איך וויל הערן, וואָס וועט זאָגן דער הויפט־אגראָנאָם.

— איך מיין, אז מע דארף אין דער ערשטער ריי פארזייען די ערד, וווּ עס זײַנען געווען דורכאקער־קולטורן. ווי־ניט־ווי דארף די דאָזיקע ערד זײַן בא זיי א ביסל בעסער באארבעט, — האָט געזאָגט גריצענקאָ.

— און וואָס וועלן מיר טאָן מיט דער ערד, ווו ס'איז געווען טוווּע? — האָט געפרעגט מעהודין. — זייען ווייץ נאָך ווייץ — וואָס זשע וועט זיך בא אונדז באקומען?

— יאָ, יאָ, איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם...

ווי נאָר זיי זײַנען געקומען קיין מיראָליובאָווקאַ, איז ארויסגעלאָפן זיי אנטקעגן קאָלעסניטשענקאָ.

— מיר קוקן שוין ארויס אף אײַך. דער פאָרזיצער האָט מיך געבעטן איבערגעבן, אז ער איז אוועקגעפאָרן וועגן א דרינגענדיקן איניען... ער וועט איינגיכן קומען.

— דער בריגאדיר פון דער פעלד־בריגאדע איז דאָ? — האָט געפרעגט גריצענקאָ.

— אין קאָנטאָר איז ער ניטאָ, נאָר כ'קען אים א רוף טאָן.

— דערווײַל דארף מען ניט. קומט ארײַן אין פארוואלטונג, מיר וועלן זיך מיט אײַך דורכריידן, — האָט פאָרגעלייגט מעהודין.

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אינעם קליינינקן אומהיימלעכן קאבינעט פונעם פאָרזיצער פון מיראָליובאָווקער קאָלווירט און אָנגעהויבן שמועסן.

— וואָס הערט זיך דאָ בא אײַך? — האָט מעהודין געפרעגט בא קאָלעס־ניטשענקאָן.

— איצט האָף איך, וועט שוין זײַן גוט, — האָט יענער אים געענט־פערט. — אומזיסט האָבן מיר אזויפיל צײַט געפאטערט, און אלץ צוליבן ביסל היי...

— מיר וועלן אליין, אָן אײַער הילף גאָרנישט ניט קענען אופטאָן, — האָט מעהודין געזאָגט. — אקערן האָט מען נאָך בא אײַך קימאט ניט אָנגע־הויבן. זייען אויך ניט. איז אף וואָס ווארט איר? עמעצער זאָל קומען און אופאקערן?

— אוודע ווארטן מיר. מיר ווארטן, איר זאָלט אונדז אָנווײַזן, ווו וואָס צו זייען און ווי־אזוי צו ארבעטן, — האָט קאָלעסניטשענקאָ זיך אָנגע־הויבן פארענטפערן.

— ווארטן דארף מען ניט. וואָס פריִער איר וועט אָנהייבן אקערן, אלץ בעסער וועט זײַן... מיר האָבן שוין פאָרלויפיק מיטן כאווער גריצענקאָ געפרווט אויסייצענען זיך, ווו וואָס צו זייען, באלד וועלן מיר ריידן וועגן דעם.

מעהודין האָט געמאכט א קורצע פאוזע און פאָרגעזעצט:

— איך וויל ארײַנטראָגן א פאָרשלאָג וועגן באשטימען אײַך פאר א בריגאדיר פון דער פעלד־בריגאדע.

— מיך פאר א בריגאדיר? — האָט קאָלעסניטשענקאָ זיך פארוווּנ־דערט. — ווי קען איך זיך ספראווען מיט אזא ארבעט? איך האָב זיך ערשט אומגעקערט פון ארמיי, קיין גרויסע דערפארונג אין דער לאנדווירטשאפט האָב איך ניט.

— איר וועט זיך ספראווען, איך בין אין דעם זיכער, — האָט מעהודין אײַנגערעדט קאָלעסניטשענקאָן. — איר זײַט דאָך דאָ אויסגעוואקסן, איר קענט דאָ אלעמען, אלע קענען אײַך. מיר איז געווען א סאך שווערער, ווען איך האָב אָנגעהויבן ארבעטן, פונדעסטוועגן האָב איך זיך אויסגע־

לערנט. איך געדענק ביז איצט מײַן לערער איוואַן ניקיטיטש. ער האָט מיך געלערנט ליב האָבן די ערד. ווען ניט ער, וואָלט איך, מיסטאמע, ניט געקאָנט ווערן א פאַרזיצער פון אזא גרויסן קאָלווירט. און איך וועל אײַך לערנען. ס'וועט זיך בא אײַך, מיסטאמע, פון אָנפאנג ניט אלץ אזוי באַ־קומען, ווי ס'פאָדערט זיך. וועט מען אײַך פאריכטן, נאָכדעם וועט זיך באקומען בעסער, דערנאָך נאָך בעסער...

ס'איז געקומען דער פאַרזיצער פון מיראָליובאָווקער קאָלווירט און נאָך אייניקע ערד־ארבעטער. זיי האָבן זיך דורכגערעדט מיט מעהודינען און גריצענקאָן, באהאנדלט, וויאזוי בעסער דורכצופירן דעם פארזיי. קאָ־לעסניטשענקאָ איז געווען ניט גאָר זיכער אין זײַנע קויכעס. פונדעסטוועגן האָט ער צוגעשטימט זײַן בריגאדיר פון דער פעלד־בריגאדע.

## 3

קאָלעסניטשענקאָ האָט מיט גרויס ברען זיך גענומען פאר דער אר־בעט. ער איז אופגעשטאנען פריער פון אלעמען, אכטונג געגעבן, עס זאָלן שטרענג אויסגעפילט ווערן די אָנגעמערקטע נאריאדן, ארײַנגעדרונגען אין יעדער קלייניקײַט. אים איז געווען ניט גרינג אײַנפירן אזא אָרדענונג, ווי ס'האָט זיך געפאָדערט, די אלטע געוווינהײַטן פון די מענטשן צו אר־בעטן ווי־ניט־איז האָבן זיך לאנג געלאָזט פילן. ניט זעלטן איז אויסגע־קומען אייניקע מיטגלידער פון דער בריגאדע טאדלען, צווינגען איבער־מאכן נאכלעסיק אָפּגעטאָנענע ארבעט. נאָר געטאָן האָט ער עס שטיל, ניט אָנרירנדיק די זעלבסטווירדע פון די מענטשן.

קאָלעסניטשענקאָ האָט אָבער געוווּסט, אז ארבעטן גוט, געוויסנהאפט איז נאָך ווייניק, מע דארף זיך אויסלערנען פירן די ווירטשאפט מיט קאָפּ, מיט כעזשבן. עס איז ניט געווען דער טאָג, אז מעהודין זאָל ניט זײַן אין דער סאמע יינגסטער אָפּטיילונג, וועלכע האָט זיך באזונדערס געניטיקט אין הילף.

ארײַנגייענדיק איין מאָל אין קאָנטאָר, האָט מעהודין דאָרטן געטראָפן דעם קליינוווקסיקן, אויסגעבלייכטן, קורצזיכטיקן כעזשבנפירער און נאָך איינעם א באַיאָרטן מאן, וועלכער האָט עפּעס געכעזשבנט.

דער כעזשבנפירער האָט א פרעג געגעבן מעהודינען:

— איר האָט געהערט, אז א ליטער מילך זאָל קאָסטן דרײַ און דרײַסיק רובל?

— וואָס פאר א מילך? פויגל־מילך, מיסטאמע? — האָט מעהודין זיך פארוואונדערט.

— געוויינלעכע מילך, פון זײַן אייגענער בעהיימע, — דער כעזשבנפי־רער האָט אָנגעוויזן אפן מענטשן, וועלכער איז געזעסן לעבן אים. — איר געדענקט אמוראָסי טוטאָשקינען?

— ווו איז ער איצט?

— אָט איז ער...

— דאָס איז דער זעלבער, וועלכער האָט מוירע געהאַט, אַז איך וועל אים ניט דערלויבן אָנקאָסיען אַ ביסל היי פאַר זײַן בעהיימע, ווען ער וועט אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט? טײַער היי, איז טײַערע מילך.

— יאָ, טײַער היי, זייער טײַער, — האָט זיך אָפּגערופן דער כעזשבנפירער. — אָנשטאָט פיר רובל, וועלכע ער האָט געקענט באַקומען אויף אַן אַרבעטס־טאָג, האָט ער באַקומען בלויז פערציק קאָפּעקעס. אָט דערפאַר קומט אויס אַזוי טײַער די מילך. און ווען מע זאָל נאָך צוגעבן דעם העזעק, וועלכן ס'האָבן געהאַט אַלע מיראָליובאָווקער צוליב דעם, איז וויפל קען באַטרעפן אַ ליטער מילך?

— דאָס קען מען גאָר אַפילע ניט אויסרעכענען.

— זײַט איר עס אַמוראָסי טוטאָטשקין? — האָט מעהודין געפרעגט.

— דאָס בין איך דער זעלבער אַמוראָסי טוטאָטשקין, — האָט אַמוראָסי זיך אָפּגערופן. — איר האָט מיך ניט דערקענט? כ'בין דאָך געווען בײַ אײַך... די בעהיימע מײַנע האָט מיך פאַרפירט...

— וואָס קאָן שוין זײַן גוטס, אַז אַ בעהיימע פירט אָן מיט אַ מענטשן? — האָט מעהודין זיך צעלאַכט. — איך האָב אײַך ניט דערקענט, יענער אַמוראָסי איז דאָך גאָר געווען מיט אַ געלער באָרד, אַ באַיאָרטער.

— שוין בעסער, מע זאָל מיך ניט דערקענען. און אויף אַלעמאָל פאַרגעסן יענעם אַמוראָסי טוטאָטשקינען... איך האָב געהערט, אַז בײַ אײַך האָבן שוין אַלע אָפּגעגעבן זייערע קי אין קאָלווירט, וויל איך אויך אָפּגעבן. לייענט איבער, וואָס איך האָב אָנגעשריבן אין מײַן מעלדונג.

מעהודין האָט איבערגעלייענט אַמוראָסיס מעלדונג און געזאָגט:

— איך מיין, אַז בײַ אײַך איז נאָך פרי אָוועקנעמען די קו. די פערמע אין מיראָליובאָווקאַ איז דערווײַל נאָך ניט געגנוג קיין אײַנגעאָרדנטע, מיר וועלן נעמען, ווען איר וועט זי שוין ניט דאַרפן.

— איך דאַרף זי שוין ניט, און כ'בעט אײַך... נעמט זי צו בײַ מיר. אַז מע בריט זיך אָפּ אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן.

— אויב איר האָט זיך שוין טאַקע אויסגעלערנט כעזשבענען און איר האָט אויסגערעכנט, אַז האַלטן אַ קו לוינט ניט, איז אַן אַנדער זאַך.

— איך בין זיכער אין דעם, — האָט געזאָגט אַמוראָסי. — מילך און מילכיקס קען מען דאָך קריגן אויף אונדזערע פערמעס וויפל מע דאַרף און זייער ביליק...

— ווי טײַער איז בײַ אײַך אַ ליטער מילך? — האָט מעהודין אַ פרעג געגעבן באַם כעזשבנפירער.

— עלף קאָפּעקעס, — האָט געענטפערט דער כעזשבנפירער.

— זעט איר שוין... און איך האַלט, אַז די פרײַזן אויף מילך דאַרפן און וועלן ווערן נאָך נידעריקער. אין אייניקע אונדזערע אָפּטיילן איז שוין דער זעלבסטקאָסט פון אַ ליטער מילך נײַן אָדער אַכט קאָפּעקעס, — האָט מעהודין דערקלערט. — אַז מיר וועלן זיך אויסלערנען אײַנשאַפן ביליקערן קאָרם און מיר וועלן מעכאַניזירן די אַרבעט אויף די פערמעס, וועט אַ ליטער מילך קאָסטן ביכלאַל גראָשנס.

— איך האָב דאָס שוין אַלץ גוט אויסגערעכנט, — האָט אַמוראָסי באַמערקט. — ניט פֿאַרגעסט נאָך, אַז דרײַ־פֿיר כאַדאָשים פֿאַרן קעלבן אַרבעט איך בּיכלאַל אומזיסט. די בעהיימע מעלקט זיך ניט. דעם כעזשבן ווייס איך שוין גוט. בעט איך טאַקע, אַז איר זאָלט באַפֿרידיקן מײַן ביטע.

מעהודינען האָט האַנאָע געטאָן, וואָס עס וואַקסט די שעפֿע אין אַלע אָפּטיילונגען פֿון דער ווירטשאַפֿט און צוזאַמען מיט דעם וואַקסט דער באַוווּסטזײַן פֿון די ערד־אַרבעטער. באַזונדערס איז ער צופֿרידן געווען, וואָס אין דער סאַמע ייִנגסטער אָפּטיילונג איז שוין פֿאַר אַ קורצער צײַט רײַף געוואָרן דער געדאַנק וועגן באַפֿרײַען זיך פֿון אייגנטום. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי פֿל קויכעס און מי ער האָט אוועקגעלייגט אין „נײַ־שפּראָצן", ווען ער איז, דאַן נאָך גאָר אַ יונגער קאָמיוגיסט, אַ צוגעפּעסטיקטער צו זײַנע „פֿינף הײַזער", געגאַנגען אַגיטירן די פּויערים, זיי זאָלן אָפּפֿירן זייערע קי אין די קאָלווירטישע סטאַדעס. מע האָט דאַן אָפּגעגעבן די קי אויף אַ שאָ, טייקעף כאַראָטע געהאַט, צוגענומען זיי צוריק, ווײַטער אָפּגעפֿירט, ווידער צוגענומען. ניט ווייניק טרערן האָבן די ערד־אַרבעטער פֿאַרגאָסן באַם געזעגענען זיך מיט דער כודאָבע. איצט ברענגט מען זי פֿרײַוויליק אין קאָלווירט און מע בעט זיך נאָך: נעמט זי צו, מיר דאַרפֿן זי שוין ניט...

„אומרײַפֿע פּרוכטן דאַרף מען ניט רײַסן, און רײַפֿע פֿאַלן אַליין אַראָפּ", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. עס האָבן געדאַנקלעך דורכגעשווינדלט פֿאַר זײַנע אויגן די פֿאַרגאַנגענע שטורמישע יאָרן פֿון דער קאָלעקטיוויזאַציע. אַמוראָסי טוטאָטשקינס איצטיקע מעלדונג איז געווען זייער אַ באַלערעוודיקע. מעהודין האָט געוואָלט דורכשמועסן זיך מיט אַמוראָסין, דערוויסן זיך גענויער וועגן זײַן לעבן, נאָר עס זײַנען אָנגעקומען ליובעצקי און קאָלעסניטשענקאָ.

טוטאָטשקינען איז געווען אומבאַקוועם שטיין אין קאָנטאָר און וואַרטן אויף מעהודינס טשוווע אויף דער מעלדונג. דעריבער איז ער אַרויס אין פּאָדערצימער, נאָר מעהודין האָט אים אַרײַנגערופֿן און געזאָגט:

— דער כאַווער האָט דערלאַנגט אַ מעלדונג מיט אַ ביטע, אַז דער קאָלווירט זאָל צונעמען בײַ אים זײַן קו.

— זייער גוט, כאַווער טוטאָטשקין, די קו איז אײַך, הייסט עס, דערעסן? איר ווילט פּאָטער ווערן פֿון אײַער אייגנטום, האַ? — האָט קאָלעסניטשענקאָ גוטמוטיק געשמייכלט. — די דאָזיקע מעלדונג וועלן מיר מיט פֿאַרגעניגן באַטראַכטן.

— אין אַלע איבעריקע אָפּטיילן האָבן די קאָלווירטניקעס שוין אָפּגעגעבן זייער פֿי? — האָט ליובעצקי געפֿרעגט.

— אַלע ביז איינעם, — האָט מעהודין געענטפֿערט. — מיר בויען אַ גרויסע בעקערײַ, אַ וועשערײַ, אַ קיך־פֿאַבריק, מיר באַפֿרײַען די שטובבאַלעבאָסטעס פֿון דער שווערער היימישער אַרבעט. די קינדער זײַנען אין די יאַסליעס, קינדער־גערטנער, אין שול־אינטערנאַטן. נאָר דאָס זײַנען די ערשטע טריט. געוויס איבערבלײַבעכצן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון די מענטשן וועלן, צום באַדויערן, נאָך ניט גיך פֿאַרשווינדן. אָבער מיט יעדער יאָר וועלן זיי ווערן אַלץ ווייניקער און ווייניקער. עמעס, אַרבעט

אף אויסצוואָרצלען די דאָזיקע איבערבלײַבעכצן וועט נאָך אויך זײַן ניט ווייניק.

— זייער גוט, וואָס מיראָליובאָווקער ערד־אַרבעטער הייבן זיך שוין אָן באַפרײַען צוביסלעך פון זייער אייגנטום,— האָט געזאָגט קאָלעסני־טשענקאָ.— דעם כאַוועד טוטאָטשקינס בײַשפּיל וועלן געוויס נאָכטאָן נאָך ערד־אַרבעטער. מע רעדט שוין לאַנג וועגן דעם. אין אונדזערע ספּעציפֿי־שע קרימער באַדינגונגען זײַנען די פּאַשע־פעלדער ניט רענטאַבעל. כ׳בין זיכער, אַז ס׳וועט זײַן אַזוי גיך, אַז מע דאַרף שוין אָנהייבן טראַכטן, וויאַזוי אויסצונוצן די דאָזיקע ערד.

— אין אַלע אָפּטיילן פון אונדזערווירטשאַפט האָבן מיר שוין די פּאַ־שע־פעלדער ליקווידירט,— האָט געזאָגט מעהודין.— כ׳בין שוין לאַנג גע־קומען צום אויספיר, אַז עס לוינט פּאַשעט ניט אויסצונוצן אַזאַ גאָלדענע ערד, ס׳זאָל וואַקסן אַף איר ווילדגראָז, ווען עס קען אַף איר געראָטן אי ברויט, אי פרוכטן, אי ווײַנטרויבן.

קאָלעסניטשענקאָ האָט זיך אויך ניט איין מאָל פאַרטראַכט אַף דעם. נאָר ער איז געווען זיכער, אַז אַנדערש קען עס ניט זײַן. טויזנטער יאָרן פיטערט מען פי אַף פּאַשע־פעלדער, אַקערן און זייען אַף אָט דער ערד האָט זיך אים אין קאָפּ ניט פּאַטויפּעט.

— מיר קענען זייען נאַרהאַפּטיקע, זאַפטיקע פיטער־גראָזן, וואָס פּאַ־דערט זיך פאַרן פי, און דאָס פי האַלטן אין זאַהאָגנען,— דערקלערט מע־הודין.— אַרויסטרײַבן אין פעלד וועט מען דאָס פי נאָכן אַראָפּנעמען די גערעטעניש. דאַן קען עס אונטערקלײַבן פרישע גרעזלעך, וועלכע וואַקסן גלײַך אונטער, איבערהויפּט, אַז דאָס גראָז אַף די פּאַשע־פעלדער, אין אונדזערע באַדינגונגען ווערט גיך פאַרברענט פון די היצן.

— די קי האָבן ניט אָפּגעריסן קיין מילך נאָך דעם, ווי מע האָט זיי פאַרשפּאַרט אין די זאַהאָגנען?— האָט געפרעגט קאָלעסניטשענקאָ.

— פאַרקערט, זיי האָבן אָנגעהויבן געבן מער מילך,— האָט געענט־פערט מעהודין.— ס׳גייט ניט נאָר אין דער צוגאָבלעכער מילך, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן באַקומען. ס׳גייט דעריקער אין דער האַכנאָסע, וואָס עס גיבן די גרויסע שעטאָכים ערד, אַף וועלכע ס׳פלעגן וואַקסן נאָר ווילד־גראָזן. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מע דאַרף נאָך די דאָזיקע ערד קע־נען ריכטיק אויסנוצן, אונטערקלײַבן די געהעריקע קולטור, וועלכע איז אַמערסטן צוגעפּאַסט פאַר דער רויערד.

ליובעצקי האָט אָפּגעוואַרט, ביז מעהודין וועט ענדיקן ריידן, און דאַן האָט ער געזאָגט:

— מיראָליובאָווקאַ, האָף איך, וועט זיך אינגאַנצן אויסגלײַכן מיט די איבעריקע אָפּטיילן פון קאָלווירט, און זי וועט ניט איבעריקס פאַרהאַלטן דעם טעמפּ פון זײַן אַנטוויקלונג. איצט, מיין איך, וואָלט געווען צוועק־מעסיק נאָך מער פאַרברייטערן אײַער ווירטשאַפט.

— נאָך מער פאַרברייטערן? אין וועלכן זין?— האָט מעהודין אַ פרעג געגעבן.

— פאַרברייטערן אין אַלע הינזיכטן. איר האָט אַלע מעגלעכקײַטן צו שאַפן אַ מוסטער־ווירטשאַפט פון אַ באַדײַטנדיקן מאַסשטאַב. דער ראַי־

קאָם האָט באשטימט רעקאָמענדירן אײַך, איר זאָלט אריַינעמען אין אײַער באשטאנד דעם קאָלווירט אָף לעגינס נאָמען.

— מיר האָבן נאָך ניט באוויזן גוט זיך ארומקוקן... — האָט מעהודין דערוווידערט. — לאָזט אונדז זיך אָנעמען מיט קויכעס, מיר דארפן זיך דאָך אנטוויקלען... נאָך א קאָלווירט וועט אונדז האמעווען.

— ביסט ניט גערעכט. צי דען מיט דעם, וואָס איר נעמט אריַין א נײַעם גרויסן קאָלווירט, וועט אײַער ווירטשאפט אופהערן וואקסן? איר האָט דאָך שוין באוויזן, אז איר זײַט פולשטענדיק בעקויעך ספּראווען זיך מיט יעטווידער אופגאבע, — האָט דערקלערט ליובעצקי. — דער קאָלווירט אָף לעגינס נאָמען איז אײנער פון די גרעסטע ווירטשאפטן אין אונדזער ראיאָן, ער פארמאָגט א גרויסן ערד־שעטעך. מענטשן זײַנען דאָרט ניט קיין שלעכטע. דער ראיקאָם האָט אָנגענומען א ריי מאָסמיטלען צו פאר־פעסטיקן דעם דאָזיקן קאָלווירט, מע האָט אים אסיגנירט קרעדיטן, פאר־שטארקט זײַן אָנפירונג, נאָר קײנע וועזנטלעכע פאָרשריטן זײַנען ניט פאראן. דעריבער איז בא אונדז אופגעשוומען די פראגע וועגן אײַנ־שליסן אים אין באשטאנד פון אײַער ווירטשאפט.

— די לעצטע צײַט בין איך אין יענעם קאָלווירט ניט געווען, און וואָס ער שטעלט פאָר מיט זיך, ווייס איך ניט. נאָר פון די אמאָליקע יאָרן, ווען איך האָב נאָך געארבעט אין ראיאָן, געדענק איך, אז ס'איז אונדז אויסגעקומען א סאך צו אייסעקן זיך מיט אים. ערד איז דאָרטן, ווירקלעך, א סאך, נאָר זייער ווייניק פּראָדוקטיווע, און קעדיי דערפירן זי צו א טאָלק, דארף מען אריַינלייגן ניט ווייניק קויכעס און מיטלען. כויוועס, ווי איך פארשטיי, האָבן זיי ניט קיין קליינע. און אויב מיר וועלן זיי אריַינעמען אין באשטאנד פון אונדזער ווירטשאפט, וועלן מיר די כויוועס מוזן דעקן.

— נישקאָשע, איר וועט זיי אויסצאָלן, איר האָט דאָך אויסגעצאָלט די כויוועס פון די אנדערע קאָלווירטן, וועט איר די אויך אויסצאָלן, — האָט ליובעצקי פארזיכערט מעהודינען.

— וויפל האָט ער כויוועס?

— ארום זעקס מיליאָן.

— זעקס מיליאָן! ס'עפּעס א קלייניקײַט — זעקס מיליאָן!! — האָט מע־הודין אזש אויסגעשריגן. — נעמען אָף זיך אזא כויוו! וויפל קען מען אויסצאָלן פרעמדע כויוועס? עס זײַנען דאָך פאראן לעבן דעם קאָלווירט אנדערע ווירטשאפטן, פארוואָס קען מען אים ניט פארייניקן מיט זיי?

— איר האָט שוין א גרויסע דערפארונג, און איר וועט אים דערפירן צו א טאָכלעס. אכוץ אלעמען, קוקט זיך גוט צו, וועט איר זען, אז די גרויסע ערד־שעטאָכים פון דעם קאָלווירט ציִען זיך צו אײַך.

ליובעצקיס רייד האָבן ניט געהאָלפן. מעהודין האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט אײַנגיין.

— אויב אזוי, וועלן מיר שטעלן די פראגע אָף דער ביוראָ פון ראי־קאָם, — האָט געמאָלדן ליובעצקי. — מיר וועלן שאפן א קאָמיסיע, דיך אויך אײַנשליסן אין איר, און געמיינזאם וועלן מיר לייזן דעם איניען. מיר וועלן אין די געהעריקע אָרגאנען מישטאדל זײַן זיך, מע זאָל פארלענגערן דעם טערמין אויסצוצאָלן די כויוועס.

— דאָס דאַרף איך ניט, — האָט מעהודין קאַטעגאָריש געזאָגט. — כ'האָב ניט ליב, אַז ס'הענגען אַף מיר כויווס, און קרעדיטן זײַנען ניט קיין אויסוועג פון דער לאַגע.

פאַרן אָפּפאָרן אין אַנדערע קאָלווירטן פון ראַיאָן האָט ליובעצקי נאָכאַמאָל דערמאָנט מעהודינען:

— די פראַגע וועגן דעם קאָלווירט, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט, גייט ניט אַראָפּ פון דער טאָג־אָרדענונג בײַ אונדז אין ראַיקאָם. איך מיין, אַז דו וועסט דורכטראַכטן די זאַך, אויסשמועסן זיך מיט די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און איר וועט געבן די האַסקאָמע צו פאַרוואַנדלען אים אין איינעם פון די אָפּטיילן פון אײַערווירטשאַפט. ניט פאַרגעסט, אַז ס'גייט אַהין דאָס וואַסער פון קאַכאָווקער קאַנאַל. אַהין וועט עס קומען פריִער, ווי אין אַנדערע אָפּטיילן.

מעהודין האָט באַשטימט צופאָרן אין קאָלווירט אַף לעבנס נאָמען און אַ קוק טאָן מיט די אייגענע אויגן, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. די ידיעה, אַז דאָס וואַסער פון קאַנאַל וועט צוגיין אַהין נעענטער, האָט אים צוגעגעבן כיישעק אָננעמען ליובעצקיס פאָרשלאָג.

דורכפאָרנדיק אין דער לענג און אין דער ברייט איבער די פאַרלאָזטע פעלדער פון קאָלווירט, האָט מעהודין באַשלאָסן, אַז די ווייניק־פּראָדוקטיווע ערד קען ווערן פּראָדוקטיוו, אויב מע וועט ריכטיק אָנווענדן דעם אַגראָטעכנישן קאָמפּלעקס און מע וועט זי גוט באַגיטיקן. אַז ס'וועט זײַן וואַסער, וועט מען קענען אַ טייל פון די ערד־שטעטאָכים, ווו דער רעליעף איז צוגעפּאַסט צו דעם, פאַרוואַנדלען אין סעדער און ווײַנגערטנער, אַ טייל אין גרינוואַרג־פעלדער און אַ טייל אויסנוצן פאַר טווע און דורכ־אַקער־קולטורן.

פּלוצעם איז אים גאָר אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ביזוואַנען וואָס וואָלט מען געקענט אַ טייל ערד אויסנוצן פּאַשעט אַלס פּאַשע־פעלדער, אַנטוויקלען דאָרטן פיצוכט, אין דער ערשטער ריי שעפּסן. שאָף — דאָס איז דאָך ניט נאָר פלייש, נאָר אויך וואָל. האַכנאָסע קאָן עס געבן ניט קיין קליינע. די פריצטע ליוסטיכע האָט דאָך געהאַלטן אַף די היגע סטעפּעס נאָר שאָף, און אין דעם איז אין יענער צײַט געווען אַ באַשטימטער זין, ווײַל אַנדערש אויסנוצן די דאָזיקע ערד האָט זי ניט געקענט.

טראַכטנדיק וועגן שאָפן דאָ אַ שאָף־פערמע, איז אים אַפן זינען גע־קומען מינע. אויב מע וועט טאַקע אײַנשליסן דעם דאָזיקן קאָלווירט אין באַשטאַנד פון קאָלווירט „פּעלקער־פרײַנטשאַפט”, וועלן אומבאַדינגט אַף די אומפּראָדוקטיווע ערד־שטעטאָכים פיטערן זיך די אָטאַרעס שאָף פון דער גרויסער פערמע, וועלכע ער וועט טייקעף שאַפן. מינען, איז ער געווען זיכער, וואָלט מען געקענט שטעלן אין שפּיץ פון אַזאַ פערמע. נאָר ווו זוכט מען זי איצט אָפּ? זי האָט זיך געגעט מיטן מאַן און איז ערגעץ אוועקגעפאָרן. זי האָט אים, מעהודינען, אין אַ שווערער צײַט געוואָלט מיט לײַדנשאַפטלעכער איבערגעגעבנקײַט העלפן, און ער האָט זי פאַר־געסן. דורכפאָרן זיך אין קיראָווער ראַיאָן און דערוויסן זיך, ווו זי איז אַהינגעקומען, האָט אים ניט געפּאַסט. אָנשרײַבן איז אויך געווען ניט באַקוועם. דער איינציקער אויסוועג איז געווען — וואַרטן, ביז זי וועט

צו וויסן געבן וועגן זיך. זי מוז זיך דאָך אָפּרופן, ס׳קען ניט זײַן, זי זאָל אינגאַנצן זיך ניט לאָזן הערן, — האָט ער געטראַכט.

ווען ער איז געפאָרן אַהיים, האָט אונטערוועגנס עמעצער פאַרשמײַעט זיך דורכגעטראָגן פאַרבײַ זײַן בעדאַרקע. ער האָט דערהערט, ווי אַ באַ־קאַנט קאָל האָט אים אַ רוף געטאָן:

— מעהודין, כאַוועך מעהודין, אילײַושע!

מעהודין האָט אַ קער געגעבן דעם קאָפּ און דערזען ניט ווײַט פון זיך, זיצנדיק אויף אַ בעדאַרקע, הינדינען און נאָך עפּעס אײנעם אַ קענטלעכן מאַנצבל.

— פונוואַנען פאָרט איר עס און וווהין? — האָט מעהודין דערפרייט זיך מיט דער באַגעגעניש. — לאַנג, לאַנג האָב איך אײַך שוין ניט געזען. דערציילט, וואָס הערט זיך?

— וואָס קען זיך בײַ אונדז הערן? — האָט זיך אָפּגערופן הינדין. ער איז אַראָפּגעקראָכן פון זײַן בעדאַרקע און איז צוגעגאַנגען צוזאַמען מיט זײַן מיטפאָרער צו מעהודינען. — בײַ אײַך, דערציילט מען, טוען זיך גרויסע מעשׂים.

— און בײַ אײַך וואָס טוט זיך? — האָט מעהודין געפרעגט.

— מיר זײַנען מענטשן געוויינלעכע. וועגן אונדז שרײַבט מען ניט אין די צײַטונגען, און מיט אײַך קלינגט די וועלט, — האָט זיך אַרײַנגע־מישט הינדינס מיטפאָרער. — בײַ אונדז האָט מען אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן צונויפגיסן, לויט אײַער בײַשפּיל, עטלעכע קאָלווירטן.

— וועלכע קאָלווירטן גיסן זיך צונויף? — האָט געפרעגט מעהודין.

— דער קאָלווירט, אין וועלכן איר זײַט אַמאָל געשטאַנען אין שפּיץ, איצט אַרבעט איך אין אים. כוץ דעם קאָלווירט, וווּ עס אַרבעט דער כאַ־ווער הינדין, און נאָך אַ פּאָר קאָלווירטן, — האָט געענטפערט הינדינס מיטפאָרער.

— אַזוי? גאָר! ווי הייסט דער קאָלווירט, אין וועלכן איר אַרבעט, און ווי וועט הייסן דער נײַער קאָלווירט? — איז מעהודין נײַגעריק געוואָרן צו וויסן.

— מע ווייסט נאָך גאָרניט, — האָט יענער דערקלערט. — דערווײַל האָבן מיר זיך צונויפגעגאָסן מיט כאַוועך הינדינס קאָלווירט. אין אונדזער יִשׂעוו איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַע גרויסע פערמע. דער זאָאָטעכניקער, וועלכן מע האָט אונדז צוגעשיקט, זאָגט, אַז זי האָט אַמאָל געוווינט אין דעם יִשׂעוו, וווּ איר האָט געאַרבעט.

— ווי איז איר פאַמיליע?

— כאַסינע, מינע כאַסינע. זי זאָגט, אַז זי קען אײַך.

די ידיעה וועגן מינען האָט מעהודינען שטאַרק דערפרייט.

געקומען אַהיים, האָט ער דערציילט ליזען, אַז ער האָט אונטערוועגנס באַגעגנט הינדינען. טיילנדיק זיך מיט איר מיט די נײַס, וועלכע ער האָט זיך דערוווּסט, האָט ער, דערעכאַגעוו, אַ זאָג געטאָן:

— מינע אַרבעט אין „נײַשפּראָצן“...

— זי איז אַוועקגעפאָרן פון אונדז דאָן אַ באַליידיקטע, — האָט ליזע זיך דערמאָנט, — ציקאָווע טאַקע צו וויסן, צי איז זי זיך פאַנאַנדערגע־

גאנגען מיט איר קווייט, צי זי האָט נאָר געמאכט אזא אָנשטעל?.. אכוץ אלעמען, דאַרף מען איר אָפּגעבן דאָס געלט. דו הערסט, אילױשע? אומ־באַדינגט דאַרף מען איר אָפּגעבן, ביז א גראָשן דאַרף מען איר אומקערן!

— כ׳וועל זײַן אין יענעם קאַלווירט, וועל איך איר אָפּגעבן...

4

פאַר דער צײַט, וואָס מעהודין איז ניט געווען אין קאַלווירט, ווי הינ־דין איז פּאַרזיצער, האָט זיך דאָרטן אַלץ שטאַרק געענדערט. די כורוועס פון דעם יישעוו זײַנען פאַרשוואונדן, די גאַסן זײַנען געוואָרן ווי נײַ־געבאָרענע, די הײַזער — אַרומגעװײַסטע, די פּאַליסאַדניקעס מיט נײַ־פאַר־פלאַנצטע פּרוכט־ביימער — אַרומגעצאַמט. אין די הויפן זײַנען אַרומגע־גאַנגען אויפּעס. אף יעדן שריט און טריט האָט מען געזען סימאָנים פון א פאַרמעגלעך, זאַט לעבן.

— די װוּנדן פאַרהיילן זיך, נאָר די מענטשן — זײ איז אומעגלעך צו פאַרגעסן, — האָט הינדין גערעדט, גייענדיק מיט מעהודינען איבער דער גאַס, — די ערשטע צײַט האָט זיך מיר געוואָלט אַנטלויפן פונדאַנען. נאָר ווי קאָן איך לעבן אָן דער ערד?

מעהודין האָט געפּרוווט אים אָפּווענדן פון די פאַרלאָפענע בלוטיקע געשעענישן, נאָר יענער האָט זיך אומגעקערט צו זײ און געהאַלטן אין איין דערמאָנען נײַע און נײַע מענטשן און אָן אויפהער געפרעגט:

— געדענקסט, אילױשע, געדענקסט?.. נו, ווי קען מען עס פאַרגעסן?..

— אופגעטאָן האָט איר ניט ווייניק, — האָט מעהודין זיך אָפּגערופן. — עס פילט זיך א סאַך אַרײַנגעלייגטע טירכע... די קליינינקע קאַלווירטן וועלן זיך צונויפגיסן, וועט ווערן א קויעך. יעדערער וועט אַרײַנטראָגן זײַן כיילעק.

— פונדעסטוועגן וואָלט געווען בעסער, ווען מיר בלײַבן אליין. כאָטש נאָר מיט „נײַשפּראָצן”. מיט זײ האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט.

— „מעהודינס קאַלווירט”, ווי מע רופט אים נאָך ביז איצט, — האָט הינדין אַרײַנגעשטעלט א פּאָר ווערטער.

מעהודין האָט פאַרגעזעצט:

— פון מעהודינען איז שוין דאָרטן גאָרנישט ניט געבליבן. פון יענע צײַטן, ווען מײַן טאַטע איז געווען פאָרזיצער פונעם קאַלווירט, און נאָכ־דעם פון דער צײַט, וואָס איך האָב דאָרטן געאַרבעט, האָבן שוין אַלע פאַרגעסן... אַלץ איז דאָרטן נײַ. און איר זײַט נאָך ביז איצט דער „קיניג פון די באַשטאַנעס”?

— ניט נאָר מיט ברויט לעבט א מענטש. און ניט נאָר מיט קאַוועגעס און דיניעס. ס׳ווילט זיך אי מילך, אי פּוטער, אי עפּל, אי ווײַנטרויבן, און קעדיי דאָס זאָל זײַן, דאַרף מען אַרבעטן.

— ריכטיק, גאַנץ ריכטיק. זײַט איר שוין געקומען, הייסט עס, צום געדאַנק וועגן א פילצווײַגיקער ווירטשאַפט? און ווו איז בא אײַך די פערמע — דאָ, צי אין „נײַשפּראָצן”?

— די פערמע איז דאָרטן.

באַטראַכט אַלץ אַרום, האָט מעהודין זיך שוין געקליבן פאָרן אין „נײַשפּראַצן", נאָר אומגעריכט האָט ער זיך קימאַט פּאָנעם־על־פּאָנעם צונויפגעשטויסן מיט סעמיאָן מיכײַלאָוויטש. דערזעענדיק מעהודינען, איז יענער, ווי אַן אָפּגעבריטער, אָפּגעשפּרונגען. מעהודין האָט מיט פאַראַכטונג שאַרף זיך אָפּגעקערט פון אים. הינדין האָט אַ פרעג געטאָן:

— איר קענט אָט דעם, וואָס איז פאַרבײַגעגאַנגען? מעגלעך, אַז ער וועט ווערן דער פאָרזיצער פונעם נײַעם פאַרייניקטן קאָלווירט בא אונדז... ער איז שוין געווען דאָ אַ פּאָר מאָל, און אָט איז ער ווײַטער געקומען... אַ גרויסער טוער, ווי ס'ווײַזט אויס.

„צי דען איז מינע אַריבערגעפאָרן אהער צוליב אים און זי וועט זײַן מיט אָט דעם פאַרשוין?" — האָט מעהודין אַ טראַכט געטאָן.

פאַנאַנדערפרעגן בא הינדינען וועגן דעם האָט ער ניט געוואָלט. ער האָט נאָר אַ פרעג געגעבן:

— ווי הייסט דער קאָלווירט, מיט וועלכן איר האָט זיך פאַרייניקט?

— מע רופט אים, ווי אַמאָל — „סוועדלאָוו", דער פאָרזיצער איז דאָרטן מאָהילנער.

— ער איז דאָרט אויף אָן אָרט?

— מיסטאמע... וואָס איז עס געווען אין דעם קאָלווירט, ווייסט איר, און וואָס עס איז געוואָרן, ווערט איר זען.

מעהודין האָט זיך געוואַקלט, פאָרן צי ניט פאָרן אין „נײַשפּראַצן". די פאַרבײַגעשווינדלטע באַגעגעניש מיט סעמיאָן מיכײַלאָוויטשן האָט צעבויטעט זײַן געמיט. אָבער ער געפינט זיך דאָך, קאָן מען זאָגן, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען לעבן זײַן היים, לעבן מינען, איז וויאַזוי פאָרט מען ניט צו אהין?

פאַרבײַוועגס האָבן זיך געצויגן גוט־באַאַרבעטע פעלדער, דער יונגער סאָד און די ווײַנגאָרטנער, וועלכע מע האָט פאַרפלאַנצט, זײַנען שוין היפּש זיך צעוואַקסן. דער יִשעוו האָט אויך געענדערט זײַן אויסזען. באַם ברעג, דאָרט, וווּ די הויפּט־גאַס ענדיקט זיך, זײַנען געשטאַנען צוויי מעכטיקע סילאָס־טורעמס און צווישן זיי האָבן זיך געפונען די נײַ־אויסגעבויטע געבײַדעס פון דער פיי־פערמע. מעהודין האָט געוואָלט פאַרקערעווען גלײַך אהין, נאָכדעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך צוגעזאָגט קומען צוגאַסט, הייסט עס, אַז ער דאַרף זיך ווײַזן אין פאַרוואַלטונג, דורכשמועסן זיך מיטן פאָרזיצער, באַקענען זיך מיט דער ווירטשאַפט, וועט ער זיך שוין בעמיילע דערקלײַבן צו דער פערמע.

אין גאַס איז געווען פּוסט. עטלעכע אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן דורכגעשלײַכט און זײַנען גיך פאַרשווונדן. אָפן ברעג יִשעוו, ניט ווײַט פון די סילאָס־טורעמס, האָט ער דערהערט אַ געשריי. עמעצער האָט אויסגערופן:

— איליושאַ, איליאַ!

אַרומקוקנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט מעהודין פונווײַטן דערזען, ווי אים אַנטקעגן לויפט מינע. קוים איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט זי געזאָגט:

— הינדין האָט מיר נעכטן איבערגעגעבן א גרוס פון דיר און געזאָגט, אז דו האָסט צוגעזאָגט קומען.

— ווּ ביסטו פארפאלן געוואָרן? — האָט מעהודין געפרעגט. — פון זינט דו ביסט דאָס לעצטע מאָל אוועקגעפאָרן פון אונדז, האָסטו ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט, אז דו ביסט דאָ, בין איך געקומען. נו, דערצייל, וואָס הערט זיך בא דיר?

— קיין טאָג ניט, קיין נאכט וועט ניט סטײַען אויסדערציילן אלץ, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט. כ׳בין קוים פּאָטער געוואָרן פון דעם, וואָס כ׳קען זיך נאָמען ניט דערמאָנען, — האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן. — ער האָט דאָך מיר געטאָן אין טויט אריין, איך זאָל ניט אוועקגיין פון אים. געדראָעט מיט וואָס דו ווילסט, און אז איך האָב זיך ארויסגע־ריסן פון אים, געקומען אהער, איז ער אויך געקומען.

— בארויִק זיך... מענטשן גייען פארבײַ און וועלן דערזען, אז דו וויינסט, קענען זיי מיינען ווער ווייסט וואָס. — מעהודין האָט צארט ארײַנ־געקוקט איר אין די אויגן.

— כ׳קען מער ניט אויסהאלטן... קום ארײַן צו מיר, וועלן מיר זיך כאָטש דורכריידן.

— ס׳איז ניט באקוועם, מינע, אן אנדערשמאָל וועל איך ארײַנגיין צו דיר. פארשטייסט אליין. איצט, אז דו וויינסט אזוי נאָענט, וועלן מיר זיך קענען זען אָפטער. — מעהודין האָט זי אָנגענומען פאר דער האנט, אָפּ־געפירט אָן א זײַט.

— ער איז געקומען, דער נאכעס מײַנער... — האָט מינע א זאָג געטאָן.

— כ׳האָב אים געזען.

— ווּ?

— בא הינדינען אין יישעוו, פּאָנעם־על־פּאָנעם האָבן מיר זיך בא־געגנט.

— ער האָט גערעדט מיט דיר?

— נאָך דעם, ווי ער האָט שוין זײַנס אָפּגעטאָן, וועגן וואָס קענען מיר רעדן?

— דו האָסט שוין געהערט, מיסטאמע, אז אויך דאָ בא אונדז פארייִ־ניקן זיך עטלעכע קאָלווירטן, וויל ער ווערן דער פּאָרזיצער... מע האָט דאָך אים שיר פון פּארטיי ניט ארויסגעיאָגט פאר רעכילעס קעגן דיר. וויל ער דערווײַזן, אז ער איז נאָך עפּעס ווערט... ער מיינט, אז ער וועט ווערן א פּאָרזיצער פון אזא גרויסן קאָלווירט, קען אים אָפּגליקן און ער קען ארײַנכאַפּן אן אָרדען, אניט איז צוויי, און אפילע, זאָגט ער, קען מען נאָך א העלד ווערן.

— אָהאָ! ער וויל פליִען הויך! — מעהודין האָט א שמייכל געטאָן.

— ער האָט ערגעץ א האנט, דער מענוּוול. מע האלט אים דאָרט אונ־טער, — האָט מינע פאָרגעזעצט. — אויב מע וועט אים רעקאָמענדירן פאר א פּאָרזיצער, וועל איך אנטלויפן פונדאנען. איך וויל נאָענט לעבן אים ניט זײַן.

— און איך האָב געמיינט, ווען כ׳האָב אים דערזען, אז...

— אז איך בין ווידער מיט אים?.. — האָט מינע דערעדט זײַן ניט־אַרויסגעזאָגטן געדאַנק.

— כ'האָב אַזוי טאַקע געטראַכט. נאָכדעם האָט מיר הינדין געזאָגט, אַז ס'איז מעגלעך, ער וועט ווערן פּאַרזיצער פונעם קאָמענדיקן פּאַרייניקטן קאָלווירט. איך האָב זיך געסאָפּעקט — אַרײַנפּאָרן צו דיר צי ניט.

— אַזוי אַפילו? — האָט מינע דערפילט זיך באַליידיקט. — זײַן אַזוי נאָענט און ניט אַרײַנפאָרן, האַ? ס'וואָלט געוועזן זייער שיין...

— ס'איז ניט באַקוועם.

— פאַרוואָס? ווייסט זען, ער וועט נאָך קומען צו דיר אויך. דו ווייסט, צו וואָס ער האָט זיך דערעדט? ער זאָגט, אַז ער האָט דיר געטאָן א גרויסע טויווע, אַדאַנק אים האָסטו זיך אומגעקערט אין קאָלווירט און האָסט זיך דערשלאָגן אַזעלכע דערפאָלגן.

— פאַר זײַנע רעכילעס אויף מיר קומט אים א דאַנק?

— צוליב אָן אָרדען איז ער געפאָרן פון שטאָט אין ראַיאָן. ער האָט מיר געזאָגט: „דאָ קען מען זיך אויסצייכענען און פאַרדינען א באַלוינונג". און אַזויווי ער האָט זיך אָפּגעבריט מיט דיר, גאָרנישט ניט פאַרדינט אויף דעם רעכילעס, שטרעבט ער איצט אין קאָלווירט, און ניט אין קיין פראָסטן קאָלווירט, נאָר אין א גיגאַנט, ווו מע קען זיך „באַווײַזן".

— ס'קען זײַן, אַז אויב צו אונדז וועט זיך פאַרייניקן נאָך א גרויסער קאָלווירט, ווו איך רעכן שאַפן א גרויסע פערמע, וועל איך דיך נעמען אַהין.

— ס'וואָלט געווען זייער גוט. נאָר ליזע וועט ניט וועלן. כ'האָב עס דערפילט, ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל געווען בא אײַך.

— האָסט א טאָעס. ליזע איז א קלוגער מענטש.

— כ'וואָלט געווען זייער צופרידן, ווײַל איך בין עלנט, אַכוץ אײַך האָב איך ניט קיין נאָענטע פרײַנט.

בא די ווערטער האָט מעהודין באַשטימט, אַז ס'איז דער סאַמע פּאַסיקער מאָמענט אָפּצוגעבן איר דעם כויוו. פאַרזיכטיק, אויסמײַדנדיק דאָס וואָרט „כויוו", האָט ער געזאָגט:

— דו האָסט מיר אין א שווערן מאָמענט געוואָלט העלפן, מיר זײַנען דיר דערפאַר זייער דאַנקבאַר. איצט וועל איך דיר עס אומקערן.

— ווי קענסטו גאָר מיר אַזוינס פאָרלייגן?! כאַווערישע הילף איז ניט קיין גמילעסכעסעד, וואָס מע דאַרף אָפּגעבן.

— נו, וואָס איז די נאָפקעמינע, פריִער האָסטו מיר געהאָלפן, איצט העלף איך דיר... כ'האָב עס אויסגענוצט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר די נויטן פון קאָלווירט. קיין גראָשן געלט איז אין קאַסע פון דער פאַרוואַלטונג ניט געווען, און מיר האָבן געמוזט אויסבויען די סקוואַזשינע. איצט האָבן מיר א מעגלעכקייט אַלעמען מיט דאַנקבאַרקייט אָפּגעבן די כויוועס.

— איך וויל פון גאָרנישט ניט וויסן. איך האָב געגעבן דיר און ליזען. אויב ס'איז צוניץ געקומען, בין איך זייער צופרידן.

— ליזע האָט געבעטן, איך זאָל אומבאַדינגט דיר עס אומקערן, איך קאָן נישט ניט אויספילן איר ביטע. איבערהויפּט, אַז איך פאַרשטיי, אַז

דו נייטיקסט זיך איצט... מיר וועלן זײַן באַליידיקט, אויב דו וועסט ניט נעמען דאָס געלט... מיר וועלן נאָך העלפן איינער דעם אַנדערן...
זיי האָבן נאָך לאַנג געמיטלעך געשמועסט. אומבאַמערקט האָט עליע אַרײַנגעלייגט מינען אין אַ קעשענע דאָס געלט, דאַן האָט ער זיך מיט איר געזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים.

## קאַפּיטל פיר

### 1

— וואַסער!
פאַר מעהודינען איז דאָס געווען אַ קישעף־וואָרט. וויפל לעגענדעס האָט ער זיך אָנגעהערט פון די סטעפּישע טוישווים וועגן דעם, ווי ס'לעכצט שוין הונדערטער יאָרן נאָך אַ רעגן, נאָך אַ טראָפּן פײַכטקײַט די שטענדיק דאַרשטיקע ערד, אין וואָס פאַרא געשטאַלטן האָט נאָר ניט אויסגעמאָלט דאָס וואַסער די פאַנטאַזיע פון די ערד־אַרבעטער! מ'האָט עס געמאָלט אין די ווונדערלעכסטע פאַרבן, ווי אַן אויסלייזערן און רע־טערן פון אַלע צאָרעס און אומגליקן. מ'האָט עס געמאָלט אי ווי אַ מאַמע, אי ווי אַ שטיפמאַמע, וועלכע וויל ניט נערן די קינדער. זי האָט אָנגע־רייצט די סמאַליענדיקע זון, עס זאָלן אומבעראַכמאָנעסדיק פאַרברענט ווערן אַלע געוויקסן.
מײַסעס און לעגענדעס האָבן דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי מע האָט געוואָלט שאָלעם מאַכן צווישן צוויי צעקריגטע שוועסטער, וואָס צוליב זייער קריג קאָן מען ניט דאָס וואַסער פון די ערד־טיפענישן אַרויסברענ־גען און עס האָט זיך דאָרטן אָף אייביק באַהאַלטן.
מעהודין געדענקט, וויפל פײַן און צאָרעס ער האָט געהאַט אויסצו־שטיין, ווען ער האָט געפּרוווט צונויפירן און שאָלעם מאַכן צווישן די צוויי שוועסטער — דאָס וואַסער מיט דער ערד, און וואָס פאַר אַ סימכע ס'איז געווען, ווען דאָס וואַסער האָט זיך באַוויזן, און די נאַרוואָס גע־בוירענע שפּראָצלינגען פון אוגערקעלעך, קאָווענעס, דיניעס, באַקלאַ־זשאַנעס, פּאָמידאָרן און אַנדערע פאַרשיידענע גרינסן האָבן מיט זייערע יונגע שנעבעלעך געזויגן און געזויגן דאָס וואַסער און זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן.
פון יענעם מערקווירדיקן טאָג, וועלכער איז אָף שטענדיק פאַרבליבן אין מעהודינס זיקאָרן, זײַנען שוין אַוועק יאָרן, און ער האלט עס אין איין דערמאָנען. די ערשטע סקוואַזשינע האָט מען אַ נאָמען געגעבן „די סקוואַזשינע פון טרערן”. דאָס זײַנען געווען טרערן פון פרייד, די ערשטע פרייד, וואָס מע האָט דאָך געמאַכט שאָלעם צווישן די צעקריגטע שוועס־טער — דאָס וואַסער מיט דער ערד. אָבער געקומען איז דאַן דאָס וואַסער, ווי אַ גאַסט, בלויז צו זען זיך מיט איר צעקריגטער שוועסטער, און איז גלײַך צוריק פאַרשוווּנדן אין די טיפסטע טיפענישן פון דער ערד. באַ־וויזן האָט זיך דאָס וואַסער אָף אַ קליין שטיקעלע ערד — אָף פופצן העקטאַר. אָבער אָנפאַנען האָט מען געדאַרפט דעם מעכטיקן, אייביק דאַר־

שטיקן סטעפּ, וועלכער איז נאָך געלעגן א פארשמאכטער פון די אומדער־טרעגלעכע היצן.

אין אלע זעקס אָפּטיילונגען פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט" זײַנען שוין געווען סקוואזשינעס. זייער צאָל האָט שוין דערגרייכט צוועלף. געפּאָמפּעט האָט מען דאָס אונטערגרונט־וואסער ניט ווי אין דער „סקוואַ־זשינע פון טרערן" מיט א פערד, נאָר מיט מעכטיקע עלעקטרישע מאָ־טאָרן, און באוואסערט האָט יעדער סקוואזשינע ניט קיין פופצן העקטאר, נאָר צו פופציק־זעכציק העקטאר.

ניט איין מאָל, אײַנהערנדיק זיך אין דעם אומופהערלעכן גערויש פון די וואסערן, וועלכע די סקוואזשינעס גיבן ארויס פון אונטער דער ערד, אין דער הילכיקער קלאַפּעריי פון די מאָטאָרן, וועלכע טרייסלען אויף די סטעפּישע שטילקייט, האָט מעהודין געטראכט:

„זיי גיבן, די סקוואזשינעס, יעדער שאָ העכער צען טויזנט קובאָמע־טער וואסער, דאָס איז דאָך א גאנצער טײַך, וועלכער באוואסערט מער פון פינף הונדערט העקטאר ערד, נאָר דאָס איז אלץ נאָך ווייניק לעגאבע די גרויסע ערד־שעטאָכים פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט", וועלכע מע דארף אָנפּאָיען".

א גרויסע האָפענונג איז געווען אף די וואסערן פון דניעפּער, וועלכע זײַנען געגאנגען אהער. אָבער זיי האָבן געדארפט דורכמאכן א ווײַטן מע־האלעך, ביז זיי וועלן דערגייען אהער, צו די טאווריער סטעפּעס — צו די קאנטן פון שטענדיקע טריקענישן. נאָר אָט האָט ארום פּערעקאָפּ דורכ־געדונערט א מעכטיקער אופרײַס, וועלכער האָט דורכגעלייגט די וואסערן פון דניעפּער א וועג צו די קרימער סטעפּעס. בא מעהודינען האָט דאָס הארץ פאר פרייד אזש א ציטער געטאָן — דער טרוים וועט מעקוּיעם ווערן: דער אייביק דאָרשטיקער סטעפּ וועט זיך אָנטרינקען, די טריקע־נישן וועלן פארשווינדן. אָבער מע האָט נאָך געדארפט אף הונדערטער קילאָמעטער בויען קאנאלן, קעדיי דאָס וואסער זאָל דערגרייכן די ערד־שעטאָכים פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט". דער קאמף קעגן די סוכאָווייען און טריקענישן איז נאָך אלץ געגאנגען הארטנעקיק און שווער.

מעהודין, גריצענקאָ און די איבעריקע מיטגלידער פון דער פארוואל־טונג האָבן פּלאנירט און איבערפּלאנירט דעם זיי־פּארקער פון די קולטורן, דורכגעפירט די נייטיקע צוגרייטונגס־ארבעט צו פארפלאנצן העכער צוויי טויזנט העקטאר פרוכט־סעדער און ווײַנגערטענער. אזויארום האָט זיך דער שעטעך פון די טווועס געדארפט פארקירצן. דעקן האָט מעהודין גע־רעכנט די צאָל טווועס אפן כעזשבן פון די צוגאָב־גערעטענישן, וועלכע ס'האָבן געקענט זיכערן נאָר באוואסערטע ערד־שעטאָכים. אָבער דאָס געגארטע וואסער איז נאָך אהער ניט דערגאנגען. און פארקירצן, ווייניקער מאכן האָט בא אים שטענדיק באטײַט פארלירן, און דאָס האָט ער ניט געוואָלט און ניט געקענט דערלאָזן.

— דאָס הייסט דאָך בארויבן זיך אליין, אָפּשטעלן זיך אף אן אָרט און בעמיילע שוין ניט גיין פאָרויס, — האָט ער מיט הארצווייטעק, לעמײַ ער פירט זיך אליין אונטער, זיך אָנגעהויבן טאַדלען.

טראכטנדיק וועגן דעם, איז אים אלץ מער געקומען אפן זינען דער געדאנק וועגן אײַנשליסן אין „פעלקער־פרײַנטשאפט" דעם קאָלווירט אף לענינס נאָמען. דאָס וואסער פון קאכאָווקער קאנאל וועט דאָך פריִער פאר אלץ אָנקומען אהין. א טייל באגיטיקונג, וועלכע איז פאראן אין יענער ווירטשאפט, וועט מען אויך קענען ארײַנלייגן אין די ערד־שעטאָכים.

אָבער די זעקס מיליאָן כויוועס — אָט וואָס ס'האָט אים געפײַניקט!

מע האָט די פראגע איין מאָל באהאנדלט אף דער פארוואלטונג, א צווייט מאָל און צו קיין באשלוס ניט געקומען. מעהודין האָט באשטימט נאָכאמאָל אהין זיך דורכפאָרן. אין קאָפּ בא אים איז שוין ביז די קלענסטע איינצלהײַטן דורכגעטראכט געווען, ווי אויסצונוצן דעם גרויסן ערד־מאַסיוו פון קאָלווירט „לענין". די פעלדער האָט ער באשטימט צעטיילן אף עטלעכע כאלאָקים. די ערד, וועלכע וועט לויטן רעליעף זײַן צוגעפאסט פאר סעדער און ווײַנגערטענער, וועט מען טייקעף דארפן אָנהייבן גרייטן צוליב אָט דעם צוועק. די שעטאָכים, אף וועלכע ס'איז אין לויפנדיקן יאָר און אפילע פאראיאָרן געווען דורכאקער־קולטורן, וועט מען באגיטיקן און אָנהייבן גרייטן צו זייען טוועס. אין די נידעריקע ערטער, וואָס זײַנען צוגעפאסט פאר גרינוואַרג־קולטורן, האָט ער באשטימט אוועקשטעלן א סקוואזשינע. די איבעריקע ערד, ביזוואנען־וואָס, איבערלאָזן אלס פאשעפעלדער. דער דאָזיקער פלאן איז געווען א פאָרלויפיקער. מעהודינען און דער גאנצער פארוואלטונג איז פאָרגעשטאנען געגנוי דערלערנען אים, אלזײַטיק באהאנדלען מיט פאכלײַט.

מעהודינען איז נאָך ניט קלאָר געווען, צי וועט מען קאָנען דאָרטן גיך אָרגאניזירן א גרויסע פערמע, הויפּטזאכלעך פון שאָף, און באזאָרגן זי מיט קאָרם? און ווּ וועט מען קריגן בוי־מאטעריאל צו בויען שטאלן?

געקומען צו פאָרן אין קאָלווירט, האָט מעהודין באשטימט פריִער פון אלץ א קוק טאָן אף דער פערמע, וועלכע האָט זיך געפונען אפן ברעג דאָרף. אינעם געראַמען הויף פון דער פערמע האָט געהערשט אָן אָרדענונג. ניט ווײַט פון די שטאלן איז געווען א ברונעם, עס זײַנען געשטאנען קאָרעטעס מיט וואסער. בא די זײַטן זײַנען געווען צונויפגעלייגט סטערטעס היי, שטרוי, קוקורוזע־שטענגלעך. די סילאָס־טורעמס און די שײַערן זײַנען, קאָנטיק, אויך ניט געווען ליידיק. „דער נײַער פאָרזיצער האָט דאָ שוין געמאכט א שטיקל אָרדענונג", — האָט מעהודין א טראכט געטאָן, ארומגייענדיק איבערן הויף פון דער פערמע. ער איז צוגעגאנגען צו איינער פון די שטאלן, ארײַנגעקוקט אין א פּאָר סטאָילעס, ווּ ס'זײַנען געשטאנען די קי. אין שטאל איז געווען שטיל. מע האָט נאָר געהערט, ווי די קי סאָפּען, ווי זיי מאלעגיירען און ווי זיי קלאפּן ווען־ניט־ווען מיט די קאָפּיטעס אינעם דיל. פּלוצעם האָט ער דערהערט א יאָמערלעך־פארצויגענע רעווערײַ.

א בעהיימע וואַרגט זיך, צי וואָס? — מעהודין האָט זיך אומגעקוקט און דערזען, ווי אין איינער א סטאָילע האָט א קו פארוואָרפן דעם קאָפּ. ער איז צוגעגאנגען צו איר.

— דעזשורנע, ווּ איז די דעזשורנע? — האָט ער אָנגעהויבן שרײַען.

עס איז געקומען צו לויפן א מיידל.

— א בעהיימע קעלבט זיך! — האָט מעהודין א זאָג געטאָן צום מיידל. — זי קעלבט זיך שווער, מע דאַרף גיכע הילף!

— דער זאָאָטעכניקער איז קראַנק געוואָרן...

— די קו קען אומקומען, גיט איבער אין דער פאַרוואַלטונג, מ'זאָל גלײַך שיקן א מאַשין נאָך א וועטערינאַר. וווּ איז דער פאַרוואַלטער פון דער פערמע? לויפט אַפגיך, זוכט עמעצן אָפּ, מ'דאַרף דער געווינערן העלפן!

— נו, וואָס איז די פּולע? די קו מאַטערט זיך דאָך.

אײַנהערנדיק זיך, ווי די קו קרעכצט פון די שווערע געבורט־ווייען, האָט מעהודין זי געגלעט און מיט ראַכמאָנעס געטרייסט:

— באַלד, טײַערינקע, וועט מען דיר העלפן. ס'וועט דיר גרינגער ווערן, נאָך א ביסעלע, ס'איז דיר שוין קיין סאַך ניט געבליבן צו מוטשען זיך...

ס'איז דורך א קנאַפּע האַלבע שאָ, און ס'זײַנען אָנגעקומען דער פאַר־זיצער פון קאָלווירט, דער פאַרוואַלטער פון דער פערמע און נאָך א פּאָר מענטשן. דערנאָך האָט זיך באַוויזן אין א ווײַסן כאַלאַט דער וועטערינאַר.

— זעט נאָר, וויפל באַבעס ס'זײַנען געקומען צו איין געווינערן, — האָט דער וועטערינאַר געכאָכמעט זיך.

ער האָט באַטראַכט די קו, וואָס האָט שוין באַוויזן זיך אָפּצוקעלבן, געהייסן איר געבן א ביסעלע וואַרעם וואַסער און לאָזן זי צורו, ביז זי וועט זיך אָפּרייניקן. דאָס נײַ־געבוירענע קעלבעלע האָט מען אָפּגענומען בא איר.

— אײַך קומט מאַזלטאָוו, — האָט מעהודין געווענדט זיך צום פאַרזיצער פון קאָלווירט. — ס'איז צוגעקומען אין דער ווירטשאַפט נאָך א קעלבעלע, און אַז ס'קומט עפּעס צו, איז שטענדיק אָנגענעם... איצט קענען מיר זיך פאַרנעמען מיט אונדזערע איניאָנים...

— נו, איז קומט אַרײַן אין פאַרוואַלטונג, וועלן מיר זיך דורכריידן, — האָט פאַרגעלייגט דער פאַרזיצער, — נאָכדעם וועל איך אײַך באַקאַנען מיט אונדזער ווירטשאַפט.

## 2

דער יונגער, ניט לאַנג דעמאָביליזירטער פון אַרמיי פאַרזיצער פון קאָלווירט אויף לענינס נאָמען ניקאָלײַ פערעסאַדאַ איז פון די ערשטע ווער־טער געפעלן געוואָרן מעהודינען. נאָך פאַר דער מיליטער־דינסט האָט פּע־רעסאַדאַ באַוויזן ענדיקן א לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, און כאָטש דערפאַרונג אין ערד־אַרבעט האָט ער נאָך געהאַט ווייניק, פונדעסטוועגן האָט ער גלײַך פון די ערשטע טריט זײַנע אַלס קאָלווירט־פאַרזיצער אַרויסבאַוויזן זיך אַלס א גוטער טוער.

— וויפל פּרוכטבאַרע ערד פאַרמאָגט דער קאָלווירט? וויפל האָט איר אויפגעאַקערט און פאַרזייט? אַזעלכע דורכשניטלעכע געוועטעניש נעמט איר אַראָפּ? וויפל אַרבעטספעייִקע מענטשן זײַנען פאַראַן אין קאָלווירט?

וויפל שטיקלעך פֿי פֿאַרמאָגט די פֿערמע? צי קען מען זי פֿאַרגרעסערן? — האָט ער פֿאַרגעבן דעם פֿאָרזיצער א פֿראַגע נאָך א פֿראַגע.

ווען מעהודין האָט פֿאַרגעבן די פֿראַגע, צי וואָלט מען געקענט אויס־נוצן אָרטיקע בוי־מאַטעריאַלן אויף בויען קאַשאַרעס פֿאַר די שאָף און שטאַלן פֿאַרן פֿי, — האָט פֿערעסאַדאַ פֿאַרשטאַנען, אַז מעהודין וויל אויס־קלאָרן די מעגלעכקײט איבערצובויען די ווירטשאַפֿט פֿון קאָלווירט, סטי־מולירן די פּיצוכט.

— א פֿערמע וואָלט מען בא אונדז, פֿאַרשטייט זיך, געקענט שאַפֿן, — האָט זיך אָפּגערופֿן פֿערעסאַדאַ. — נאָר מע דאַרף אויף דעם האָבן גרויסע מיטלען. נו, און אויף אונדזערע פּאַשע־פֿעלדער וואָלט מען געקאָנט פּיטערן אָטאַרעס שאָף, דאַרף מען האָבן נאַרהאַפּטיקן קאָרם פֿאַר דעם איבעריקן פֿי, און מיר פֿאַרמאָגן אַפֿילע ניט גענוג גראָבן קאָרם אויף ווינטער, ווײַל טוועס זייען מיר דערווײַל ווייניק.

„ער איז א באָכער מיט א קאָפּ און קלײַבט זיך פֿאַנאַנדער אין ווירט־שאַפֿטלעכע פֿראַגן", — האָט מעהודין איבערצײַגט זיך פֿון ניקאָלײַס ענט־פֿער.

— איר זײַט אינגאַנצן גערעכט, כאַווער, — האָט מעהודין געזאָגט צו אים. — א גרויסע פֿערמע שאַפֿן אָן דער נייטיקער צאָל טוועס און אָן דורכאַקער־קולטורן האָט עפּשער קיין זין ניט, אָבער אָטאַרעס שאָף קאָן מען שוין אײַנפֿירן.

— אָרטיקע בוי־מאַטעריאַלן קאָן מען בא אונדז קריגן, — האָט פֿערע־סאַדאַ צוגעגעבן.

— נו, און ווי האַלט עס מיטן קאַכאָווקער קאַנאַל? — האָט מעהודין גע־פֿרעגט.

— מיר וואַרטן אויף וואַסער, נאָר ווען עס וועט קומען, ווייסן מיר נאָך ניט.

— און ווו וועט עס דורכגיין?

— מיר וועלן זיך דורכפֿאָרן אין פֿעלד, וועט איר אַליין זען.

מעהודין האָט זיך שוין געקליבן מיט פֿערעסאַדען פֿאָרן א קוק טאָן דאָס אָרט, נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז ער וועט דאַרפֿן סײַווי נאָכאַמאָל קומען אַהער, האָט ער באַשלאָסן אָפּלייגן אויף אַן אַנדערשמאָל.

מעהודין האָט זיך געלאָזט פֿאָרן אַהיים נאָענט צו פֿאַרנאַכט. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן, נאָר אין דרויסן איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק. אָפּגעפֿאָרן א שטיקל וועג, האָט מעהודין געהייסן דעם שאָפֿער לעבן א שטיק אַקער־פֿעלד אָפּשטעלן די מאַשין, און ער איז זיך דורכגע־גאַנגען א קוק טאָן, ווי די ערד איז דאָ באַאַרבעט. אומגעקערט האָט ער זיך גיך, און מע איז אַוועקגעפֿאָרן ווײַטער. אינגיכן איז פֿון הינטן אָנגע־שפּרונגען עפּעס א מאַשין. האַסטיק פֿאַרטאָרמאָזירנדיק, האָט דער פֿאַר־בײַפֿאָרער אויסגעשריִען:

— איליאַ אַבראַמאָוויטש, ברודערל, פֿונוואַנען פֿאַרסטו עס? גוט, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט... איך פֿאָר פּונקט צו דיר!

— צו מיר? נו, איז לאָז אָפּ דײַן מאַשין, און מיר וועלן פֿאָרן צוזאַמען.

פערעווערזשין האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין מעהודינס מאַשין און גע־הייסן זײַן שאָפער נאָכפאָרן.

— ווו ביסטו עס געווען? פאָרסט שוין אַהיים, צי דו וועסט נאָך ערגעץ פאַרקערעווען?

— כ׳האָב שוין לאַנג געדאַרפט זײַן אין דער היים, נאָר כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אין קאָלווירט „לענין״...

— מע פאַרייניקט אים מיט אײַער ווירטשאַפט?

— מע לייגט פאָר. אָבער ס׳איז אַ שווערע זאַך. כ׳ווייס נאָך ניט. זעקס מיליאָן כויוועס, און די ערד זייערע איז ווייניק פּראָדוקטיוו.

— מ׳דאַרף טאַקע זײַן אַ באַלן אויף אַזאַ שידעך... נו, האָט איר געגעבן די האַסקאָמע?..

— כ׳ווייס נאָך אַליין ניט, ווי ס׳וועט זיך באַקומען...

— און אַז מע וועט פאָרט באַשליסן?

— אָן אונדזער האַסקאָמע וועט מען ניט באַשליסן.

— וויפל ערד וועסטו דאַן האָבן?

— זעכצן טויזנט...

— זעכצן טויזנט? שוין קימאַט אַזויפיל, וויפל די פּריצטע ליוסטיכע האָט פאַרמאָגט. איך בין זיכער, אַז די ניט־פּראָדוקטיווע ערד וועט ווערן בײַ דיר אַ פּרוכטבאַרע, די זעקס מיליאָן כויוועס וועסטו אויסצאָלן, און ס׳וועט דיר נאָך בלײַבן רעווער.

— מ׳דאַרף דאָך קענען אָנלעבן אַזעלכע כויוועס. די אויסבערענגער האָבן אָפּגעטאָן זייער זאַך!

— אַ גוטער פעטער וועט באַצאָלן, — האָט פערעווערזשין זיך אַ כאָכ־מע געטאָן.

— דאַרף איך זײַן דער גוטער פעטער?!

— אויב איר נעמט זיך צאָלן, זײַט איר דער גוטער פעטער, ווער זשע?

— וואָס זײַנען שולדיק די האַרעפּאַשנע ערד־אַרבעטער פונעם קאָל־ווירט, אויב זיי האָבן געהאַט אַזעלכע אָנפירער, — האָט מעהודין אָנגעהויבן אויסגיסן זײַן האַרץ. — די מעלוכע האָט געגעבן האַלוואָעס אויפצוהייבן די ווירטשאַפט, פאַרבעסערן דאָס לעבן — און ס׳איז אַוועק מיטן ווינט. די מענטשן זײַנען אין קאָלווירט ניט קיין שלעכטע. אַ פאָרזיצער איז דאָרטן איצט אַ גוטער יאַט, אָן איבערגעגעבענער, ער פאַרשטייט, זע איך, אין דער ווירטשאַפט, מ׳דאַרף אים העלפן. קיין קרעדיטן וועט מען אים שוין מער ניט געבן, און אָן מיטלען — וואָס קען ער אויפטאָן?

— אַז מיר וועלן אָפּגעבן אונדזערע קויכעס און מיטלען אַזעלכע קאָל־ווירטן, וויאַזוי זשע וועלן מיר אַליין גיין פאָרויס? — האָט פערעווערזשין געפרעגט. — איך וווּנדער זיך נאָר, ווי לעבט מען עס אָן אַזעלכע כויוועס? דאָס נעמט זיך אָוודע סײַ פון פּוסטעפּאַסעווען, סײַ פון דעם, וואָס מע ציט אַרויס פון דער ערד, וואָס מע קען נאָר, און מע גיט איר גאָרנישט, סײַ פון דעם, וואָס די אָנפירער זײַנען טויגעניכטסן.

— ריכטיק, ריכטיק, ווי גאָלד, — האָט מעהודין צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — אוי, ווי כ׳קען ניט לײַדן, אַז מע באַציט זיך אַזוי מערדעריש צו דער ערד און מ׳באַגאַזלט זי... ס׳טוט מיר וויי, ס׳איז אַלציינס, ווי מע

װאָלט מײַן לײַב אױף שטיקער געפּאַסעװעט... דו שטעלסט זיך פֿאָר, װאָס כ'װאָלט געקאָנט אופֿטאָן מיט די זעקס מיליאָן, װעלכע כ'װעל דאַרפֿן באַ־צאָלן פֿאַר די טױגעניכטסן, װעלכע האָבן אָנגענומען בא דער מעלוכע געלט און צװינגען מיך פֿאַר זײ באַצאָלן... כ'װאָלט דאָך סקװאַזשינעס גע־קענט אױסבױען, מאַשינעס אײַנשאַפֿן, באַגיטיקונגען אײַנקױפֿן, פֿאַר איין יאָר װאָלט דאָך בא אונדז פֿון די זעקס מיליאָן געװאָרן צװעלף און עפּשער נאָך מער...

מעהודין האָט געשװיגן א װײַלע און מיט א שמייכל צוגעגעבן:

— דער קאָלװירט, װעלכער װעט עפּשער די טעג װערן אונדזערער אַן אָפּטײל, האָט שױן געהאַט הײַנט רעװועך — אױף דער פֿערמע איז געבױרן געװאָרן א קעלבעלע.

— װעסט שױן האָבן צושטײַער אױף צו באַצאָלן די זעקס מיליאָן כױ־װעס.

— װיפֿל זשע קעלבלעך דאַרף מען האָבן צו דעקן די זעקס מיליאָן? און ניט אַלע טאָג װערן דאָך אױף דער פֿערמע געבױרן קעלבלעך.

די מאַשין איז אַרײַנגעפֿאָרן אין פּעטראָװקע.

— װוּהין צופֿירן אײַך? — האָט געפֿרעגט דער שאָפֿער.

— פֿאָר אין גאַראַזש, — האָט פֿאַראָרדנט מעהודין, — און מיר װעלן צוגײן צופֿוס, װוּהין מיר דאַרפֿן.

פּערעװערזשין האָט א קוק געגעבן אױפֿן זײגער און געזאָגט צו זײַן שאָפֿער, װעלכער איז נאָכגעפֿאָרן נאָך מעהודינס מאַשין:

— פֿאָר אַהײם. װעסט קומען נאָך מיר אַכט אַזײגער.

מעהודין מיט פּערעװערזשינען זײַנען זיך דורכגעגאַנגען א ביסל אי־בערן װירטשאַפֿטלעכן הױף, באַקוקט דעם נײַעם גאַראַזש, װעלכן מע האָט ערשט פֿאַרענדיקט בױען. אַרײַנגעגאַנגען א װײַלע אױף די פֿערמעס און זײַנען אַװעק צו מעהודינען אַהײם.

ליזע, װעלכע האָט געהאַלטן אין איין אַרױסקוקן אױפֿן מאַן, האָט, דער־זעענדיק אים מיט פּערעװערזשינען, דורכגעלאָזן זײ דורך דער טיר מיט א מילדן שמייכל.

— זײער אָנגענעם, זײער אָנגענעם, אילױשע, װאָס דו האָסט געבראַכט אַזא טײַערן גאַסט.

ליזע האָט געקענט פּערעװערזשינען נאָך פֿון די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, װען עליע איז געװען דער פֿאָרזיצער פֿון ראַיױספּירקאָם. פּערעװער־זשין איז דאַן געװען דער דירעקטאָר פֿון מילך־זאַװאָד. אין די פֿרײַע אָװנטן און אין די יאָמטױװים פֿלעגט ער צוזאַמען מיט דער פֿרױ קומען צו די מעהודינס צוגאַסט. ליזען איז געפֿעלן געװען דער לעבנסלוסטיקער, שאַרפֿ־זיניקער פּערעװערזשין. פֿון זײַנע שאַרפֿזיניקע װערטלעך, כאָכמעס האָט זי געהאַט גרױס האַנאָע, די געשפּרעכן פֿלעגן אָפֿט זיך פֿאַרציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

— פֿאַרװאָס האָט איר, פּיאָטער סעמיאָנאָװיטש, אַזױ לאַנג זיך ניט גע־װיזן? — האָט ליזע איצט געפֿרעגט בא אים.

פּערעװערזשין האָט פֿאַנאַנדערגענומען די הענט:

— פרעגט איליא אבראמאָוויטשן, וועט ער אײַך זאָגן, צי קען א פּאַרזי־צער פון א קאַלווירט אָפּרײַסן א פרײַע שאַ צוצופאָרן אפילע צום סאמע נאָענטסטן פּרײַנט?

ליזע האָט אויסגעשטעלט אַף אים א פּאָר אויגן:

— איר זײַט שוין אויך א פּאַרזיצער פון א קאַלווירט?

— א גוטמאָרגן, טיאָטיע ליזע... איר ווייסט דען ניט?

— כ'הער דאָס ערשטע מאָל. אין א וועלכן קאַלווירט?

— אינעם סאמע ייִנגסטן און סאמע שווערסטן... דעם, וואָס האָט זיך ניט לאַנג פּאַרייניקט... „ראָסיִא" האָבן מיר אים א נאָמען געגעבן.

— כ'צווייפל, צי דאָס איז דער סאמע שווערסטער... די קאַלווירטן, וועלכע האָבן זיך אַרײַנגעגאָסן אין דײַן ווירטשאפט, זײַנען א סאך מער אײַנגעפונדעוועטע, ווי מײַנע זײַנען געווען, — האָט זיך אָפּגערופן מעהר־דין, — כ'וואָלט אפילע געזאָגט, אז די מערהײַט פון זיי זײַנען געווען פּע־סטע קאַלווירטן... נאָר ס'מאכט ניט אויס, זאָרג און דײַגעס וועסטו סײַווי האָבן גענוג. א נאָמען האָט איר אײַער קאַלווירט געגעבן א שיינעם, זאָל דער רום וועגן אים קלינגען איבער גאַנץ ראסייע.

— ווי קומט איר ווערן פּאַרזיצער פון דעם נײַעם פאַרייניקטן קאַל־ווירט? — האָט ליזע ווײַטער זיך נאָכגעפרעגט. — דער טיפּ, ווי הייסט ער... מינעס קווייט, האָט זיך דאַך געשאַדכנט צו אים?

— וועגן וועמען רעדט איר?.. וועגן... כ'האָב פאַרגעסן, ווי ער הייסט... יאָ, יאָ, ער האָט געהאט גרויס כיישעק צו דעם קאַלווירט, נאָר זײַן געווען ווײַב האָט אים צורעכט געמאכט, — האָט פּערעוועראָזשין דערציילט. — איך בין פונקט בײַגעווען אַף דער פאַרזאמלונג, ווען ער איז אַרויסגעטראָטן און זיך פּאַרגעשטעלט. נו, ס'איז שוין איינמאָל א היץ־קאָפּ, א טומלער... איר וואָלט הערן, ווי ער איז עס אַרויסגעטראָטן, איידער מע האָט אים פאַר א פּאַרזיצער געדאַרפט אויסוויילן... ער האָט געפּאָכט מיט די הענט, געשרײַען, געטומלט, אונטערקלײַבנדיק די סאמע טראַסקענדיקע ווערטער: „מיר אזוינע און אזוינע...", „מיר וועלן באַווײַזן, וואָס מיר קענען...", „מיר וועלן שאַפן אזא קאַלווירט, אז די סאָנים וועלן צעפּלאַצט ווערן..." דער אוילעם האָט אים אָפּלאָדירט, און ער האָט זיך געניי‍גט, ווי אַן אַרטיסט.

פּלוצעם האָט, ווי א דונער אינמיטן העלן טאָג, דורכגעקלונגען די שטים פון איינער א פרוי, זאָאָטעכניקער פון א קאַלווירט, וועלכער וועט ווערן אַן אַפּטייל אין דער פאַרייניקטער ווירטשאַפט. געריידט האָט זי דאַפקע שטיל, נאָר שאַרף, זי האָט מאַמעש שטיקער געשניטן פון אים:

— גלייבט אים ניט, קיין איין וואָרט זאָלט איר אים ניט גלייבן, ער איז גאָרניִשט ניט פייִיק אופטאָן. ער זוכט א פּור — אַרופצוזעצן זיך אַף איר, עמעצער זאָל שלעפן, ער זאָל שרײַען: „מיר פּאָרן, מיר יאָגן און טראָגן זיך..."

— מאַלאָדיעץ, מינע, מאַלאָדיעץ, אָט א כוואַט! זי האָט קונציק אַראָפּגע־ריסן די מאסקע פון דעם שווינדלער, — איז ליזע פון פאַרגעניגן אזש אונ־טערגעשפּרונגען.

— יאָ, א טומלער איז ער א גרויסער, — האָט פּאַרגעזעצט פּערעווער־

זשין, — נאָך דער פרויס ארויסטרעטונג האָט מען אים שיר אף שטיקלעך ניט צעריסן. פון אלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן אויסגעשרייען:

— האָדיע, געננוג! מיר האָבן שוין געזען אזעלכע פלאפלער... מיר זײַנען שוין זאט פון אזעלכע פוסטע רייד... טראָגט זיך אוועק, פעטער, פונוואנען איר זײַט געקומען!

ס'איז אוממעגלעך געווען אָפּצושטעלן דעם אופגעבראכטן אוילעם. דער סעקרעטאר פון ראיקאָם האָט מיר דערנאָך געזאָגט:

— מיר דוכט, פּיאָטער סעמיאָנאָוויטש, אז דיר וועט אויסקומען נעמען אף זיך אָנפירן מיט דעם קאָלווירט, איך זע ניט קיין מער פּאסיקע קאנדי־דאטור.

פינקטלעך צו דער צײַט האָט דער שאָפער צו וויסן געגעבן, אז ער איז געקומען נאָך פערעווערזשינען, אָבער יענער איז נאָך ניט צוגעטראָטן צו דעם איקער, צוליב וואָס ער איז אראָפּגעקומען.

— די ווירטשאפט פונעם פארייניקטן קאָלווירט איז אף דער ערד, ווו דו האָסט אמאָל די ערשטע סקוואזשינע געשאפן, געפלאנצט די ערשטע ווײַנ־גערטענער און ביכלאל געארבעט און געלעבט א סאך יאָרן, — האָט פּיאָ־טער סעמיאָנאָוויטש געווענדט זיך צו מעהודינען, — דעריבער האָב איך גע־וואָלט, אז דו זאָלסט זיך טיילן מיט אונדז מיט דײַן דערפארונג, העלפן אונדז, מיט וואָס דו וועסט קענען.

מעהודינען איז אָנגענעם געווען, וואָס פּיאָטער סעמיאָנאָוויטש, וועלכער האָט אין גאנצן ראיאָן געהאט א שעם פון א קלוגן מענטשן, איז געקומען צו אים אייצען זיך.

— גוט, — האָט געזאָגט מעהודין. — מיט וואָס נאָר מיר וועלן קאָנען, וועלן מיר העלפן...

3

פון טאָג צו טאָג האָבן די פאָרזיצערס פון בײדע גרויסע קאָלווירטן אין סטעפּישן קרים אלץ מער זיך פארברידערט. איז געווען אין „ראָסיאַ" א סימכע, זײַנען די גרעסטע מעכוטאָנים געווען די מענטשן פון „פעלקער־פרײַנטשאפט". געייפערט האָט מען נאָר, אז א קאלע פון „ראָסיאַ" זאָל ניט צונעמען א כאָסן פון „פעלקער־פרײַנטשאפט". נאָר געייפערט האָט מען, ווי טאטע־מאמע, ווען ס'איז טײַער יעדעס קינד, וואָס מע האָט אויסגעהאָדע־וועט און דערצויגן. די מישפּאָכעס פון בײדע קאָלווירטן זײַנען געוואָרן גרעסער, ס'זײַנען צוגעקומען מענטשן. מע האָט געדארפט טראכטן, ווי אויסצונוצן די נײַע ערד־שעטאָכים און דערפירן זיי צו א טאכלעס.

די ערד, וואָס איז געלעגן אין דער זאָנע פונעם קומענדיקן קאנאל, איז געווען אָנגעמערקט צו פארוואנדלען אין פעלדער הויפּטזאכלעך פאר טוווּעס — סאכאקל אף א שעטעך פון העכער דרײַ טויזנט העקטאר. איינ־צײַטיק האָט מען געדארפט דערלערנען די ערד־כאלאָקים, וועלכע מע וועט קענען אויסנוצן פאר סעדער און ווײַנגערטענער. אין די הייסע אָנגע־שטרענגטע טעג האָט מעהודין ניט געהאט אפילע קיין מעגלעכקײַט זיך צו

פאַרבינדן מיט פּערעוועזשינען און אויסייצען זיך מיט אים, ווי‏אַזוי צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון די סעדער־ און ווײַנגאַרטענער־פּלאַנצונגען, וועלכן זיי האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט. דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אויסגערעכנט אַף צוויי פינפיאָרן. „די צען יאָר פּאַטערן אַף פּלאַנצן סע־דער און ווײַנגאַרטענער, זאָל זײַן אַפילע אַף זייער אַ גרויסן שטעטך, איז סײַווי צופּיל, — האָט מעהודין געטראַכט, — איבערהויפּט, אַז אַ פּולע געדע־טעניש וועלן מיר אָנהייבן באַקומען ערשט אין אַ זיבן־אַכט יאָר אַרום נאָכן פאַרפּלאַנצן".

ער האָט ניט אופגעהערט צו קלערן, ווי‏אַזוי צו פאַרקירצן דעם טערמין.

ער האָט באַשלאָסן צופאָרן אין וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר סאָד־ און ווײַנגאָרטן־ציכטלערײַ. לאָזנדיק זיך אַהין, האָט ער פאַרבײַוועגס, אַפן פעלד, לענגויס דעם שאָסיי־וועג, דערזען אַ סאַך שול־קינדער, פרויען און אַלטע לײַט.

„זיי גראָבן שוין גריבלעך פאַר די פּלאַנצונגען", — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— דער פאָרזיצער פּיאָטער סעמיאָנאָוויטש איז דאָ? — האָט ער אַ פרעג געגעבן בא אַ באָכערל, וואָס האָט אַ צעפּאַליעטער געגראָבן אַ גריבל.

— ער איז דאָ... כ'וועל אים באַלד רופן. דיאַדיאַ פּעטיאַ... מע רופט אײַך! — האָט דאָס יאַטל גענומען שרײַען.

פּערעוועזשין האָט זיך אָפּגערופן.

— איליושע... אַבראַמיטש! — האָט ער פונדערווײַטנס געפּאַכט מיט די הענט. — פאַר צו נעענטער...

— בא דיר וועלן, מיסטאַמע, די פּרוכטן אויסוואַקסן פרי‏ער מיט אַ פּאָר טעג, ווי בא מיר, — האָט מעהודין, באַגריסנדיק זיך מיט פּערעוועזשינען, אַ כאָכמע געטאָן זיך.

— דאָס איז דערווײַל אַ פּרווו, מיר האָבן נאָך ניט קיין פּלאַנצונגען. דאָס, וואָס איך האָב אויסגעבעטן, וועט סטײַען אַף אַ טאָג־צוויי אַרבעט.

— מיט די הענט ווילט איר אויסגראָבן גריבלעך?

— דערווײַל מיט די הענט.

— וויפל העקטאַר סעדער און ווײַנגאַרטענער זײַנען בא דיר פאַרפּלאַ־נירט?

— קימאַט אַזויפיל, וויפל בא דיר, בא דרײַ טויזנט העקטאַר.

— וויפל זשע דאַרף מען עס גראָבן מיט די לאָפּעטקעלעך, קעדיי אַזאַ שטעטך פאַרפּלאַנצן?

— פאַר צען יאָר וועלן מיר ווי־ניט־איז זיך ספּראַווען.

— פאַר צען יאָר, ווייס איך אויך ניט, צי איר וועט זיך ספּראַווען, אויב איר וועט מיט די הענט גראָבן די גריבלעך.

— ביסט טאַקע גערעכט.

— איך וועל זיך אויסייצענען אינעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר סעדער־פּלאַנצונגען, כ'וועל אויך צופאָרן אין אינסטיטוט פאַר מעכאַ־ניזירונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, מיר וועלן איביינעם באַטראַכטן, וואָס האָבן מיר צו טאָן.

— איך וועל אויך פאַר דער צײַט עפּעס טאָן אין דער הינזיכט.

מעהודין האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די געוועזענע ייִדישע קאָלווירטן זײַנען געווען אויסגעצייכנטע ווײַנגערטלער, פּרעכטיקע פּרוכטציכטלער. אייניקע פון די לעבן־געבליבענע ארבעטן איצט אין די אלגעמיינע בריגאַדעס. מעהודין האָט געזאָגט וועגן דעם פּערעווערזשינען.

— איך ווייס, איך האָב עס אין זינען,— האָט געענטפערט פּערעווערזשין.

— כ׳וועל זיך צונויפריידן מיטן אינסטיטוט וועגן אָרגאַניזירן קורסן פאר צוויי הונדערט מענטשן,— האָט געזאָגט מעהודין.— פּאַכמענער דאַרף מען גרייטן, כ׳דאַרף נאָך האָבן זעקס הונדערט מעכאַניזאַטאָרס, און כ׳ווייס ניט ווו זיי צו נעמען. צוויי הונדערט פופציק עלעקטראָמאָטאָרן דאַרף איך לאָזן אין גאַנג. ווו נעמט מען אַזויפיל ספּעציאַליסטן?

— אָהאָ, האָסט זיך ברייט פאַרמאָסטן,— איז פּערעווערזשין געווען אַנציקט,— ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון די מאַסשטאַבן, וועלכע דו מערקסט אָן. מע דאַרף האָבן גרויסע קויכעס עס אַרויסצוציִען.

— מיר וועלן אַרויסציִען. וועסט זען, פּיאָטער סעמיאָנאָוויטש, אַז מיר וועלן אַרויסציִען,— האָט מעהודין מיט אַ זיכערקײַט געמאָלדן.

...די געלערנטע פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר סאָד־ און ווײַנגאָרטן־ציכטלערײַ האָבן אויספירלעך זיך באַקאַנט מיט מעהודינס פּלאַן.

— דעם פאַך, זע איך, קאָנט איר זייער גוט. ווי לאַנג אַרבעט איר אין דעם געביט?— האָט אַן עלטערער וויסנשאַפטלעכער טוער אַ פרעג געגעבן בײַ מעהודינען.

— איך האָב אין דעם געביט קיינמאָל ניט געאַרבעט.

— ס׳קען ניט זײַן, פונוואַנען זשע קומט צו אײַך אַזאַ באַהאַוונטקײַט?

— פּאָשעט. אַמאָל האָבן מיר געפלאַנצט ניט קיין גרויסן ווײַנגאָרטן אינעם קאָלווירט „סווערדלאָוו".

— עמעצער האָט אײַך געהאָלפן צונויפשטעלן דעם פּלאַן?

— קיינער ניט. כ׳האָב זיך נאָר געעצעט מיט אַ מענטשן, וועלכער איז באַקי אין אַזעלכע זאַכן.

— אין אײַער פּלאַן איז פון וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט פאַראַן אַ סאַך פעלערן,— האָט געמאָלדן דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער טוער,— נאָר אַ פּראַקטישן ווערט האָט ער, לויט מײַן מיינונג, אַ גרויסן. מע קאָן, פאַרשטייט זיך, מיט אײַך וועגן אייניקע זאַכן שטרײַטן, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס. מיט וואָס מיר וועלן קענען, וועלן מיר אײַך העלפן... אַ קאָנסולטאַנט וועלן מיר אײַך צושיקן, מיר וועלן אײַך העלפן אָפּקלײַבן פלאַנצונגען, וועלכע זײַנען צוגעפּאַסט צו אײַערע באַדינגונגען. די פראַגע וועגן מעכאַניזירן די אַרבעט־פּראָצעסן באַם פלאַנצן די סעדער איז זייער אַן ערנסטע און פאָדערט אַ סאַך אויפמערקזאַמקײַט. קיין היפשע דערפאַרונג אין דעם געביט איז בײַ אונדז נאָך ניט פאַראַן, ווײַל אַזעלכע גרויסע סעדער האָט מען נאָך קימאַט ניט געפלאַנצט... מיר וועלן די פראַגע דורכטראַכטן...

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט מעהודין אַרויסגערופן צו זיך דעם הויפּט־אַגראָנאָם גריצענקאָ. קיין סודעס האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט פון אים, נאָר וועגן זײַן פּלאַן, ביז ער האָט זיך ניט באַוואָרנט מיט אַן אונטערשטי־

צונג אין וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, האָט ער אים נאָך ניט געהאט גע־זאָגט. איצט, האָט ער באשטימט, קען ער אים שוין דערציילן.

— איך בין געפאָרן זיך קאָנסולטירן מיט פּאכלײַט וועגן די טערמינען פון פּלאנצן אונדזערע סעדער און ווײַנגערטענער, — האָט מעהודין אָנגע־הויבן.

— וואָס האָט מען אײַך דאָרטן געזאָגט?

— א סאך גוטע זאכן האָט מען מיר געזאָגט. פריִער פאר אלץ, מע איז מיט מיר מאסקים, אז די טערמינען קאָן מען אף א סאך פארקירצן.

— אף וויפל און וויאזוי? — האָט גריצענקאָ געפרעגט.

— וויאזוי? דעריקער דארף מען מעכאניזירן די פּראָצעסן, און וועגן דעם האָב איך זיך געווענדט אין אינסטיטוט פאר מעכאניזירן די לאנדווירט־שאפט.

— וואָס האָט מען דאָרט געזאָגט?

— ס'וועלן אָנגענומען ווערן פּראקטישע שריט...

— אף וויפל זשע רעכנט איר פארקירצן דעם טערמין?

— מינימום אף א העלפט. כ'האָף אפילע, אז מער.

גריצענקאָ האָט ארויסגענומען פון פעלדטאש דעם פּלאן פון די פּלאנ־צונגען, אופמערקזאם באטראכט אים און געזאָגט:

— איך גלייב ניט, אז דאָס זאָל זיך אײַך אײַנגעבן.

— און איך גלייב. ס'וועלן זײַן שוועריקײַטן, נאָר מיר וועלן זיך אונד־זערס דערשלאָגן.

— אדרבא, פּרוּווט.

— ניט איך וועל פּרוּוון, נאָר מיר אלע. מע דארף, אז איר און דער גאנצער אוילעם אונדזערער זאָל גלייבן אין דער זאך, פּונקט ווי איך גלייב.

מעהודינס זיכערקײַט האָט א ביסל אײַנגעבראָכן גריצענקאָן, ער האָט אָנגעהויבן זיך אונטערגעבן.

— וואָס וועלן מיר שטרײַטן און זיך אמפּערן, מיר וועלן זען, — האָט גריצענקאָ געזאָגט. — דאָס לעבן וועט באווײַזן, ווער ס'איז גערעכט... פאר מיר איז קלאָר איין זאך: אויב מיר וועלן ניט שאפן קיין זיכערע שוץ־ליניע, וועלכע זאָל פארהיטן די קומענדיקע סעדער און ווײַנגערטענער פון די צאָפן־מיזרעכדיקע ווינטן, וועט אפילע קיין רייד ניט קענען גיין צו באקומען א גערעטעניש פון די סעדער. דעריבער איז דער דאָזיקער איניען איינער פון די וויכטיקסטע אין אונדזער צוגרייטונגס־ארבעט. איך וועל זיך מיט דעם פארנעמען אין דער ערשטער ריי. אין אייניקע אָפּטיילן פון אונד־זער ווירטשאפט איז מען שוין צוגעטראָטן צו שאפן אזעלכע שוץ־ליניעס. זיי וועלן ארומזוימען אלע ערד־שעטאָכים, וועלכע זײַנען באשטימט פאר די קומענדיקע סעדער און ווײַנגערטענער. אייניקע אזעלכע שוץ־ליניעס וועלן אויך פארטיידיקן די טוועס פון סוכאָווייען. בא אכציק קילאָמעטער האָבן מיר שוין אזעלכע ליניעס.

— מיר דוכט, אז איר זײַט צופיל פארכאפּט מיט די שוץ־ליניעס. עפּ־שער וועלן מיר זיך דערווײַל באגיין מיט די אלטע ליניעס, וועלכע מיר

האָבן געשאפן ארום די טוועס? — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין. — מיר דארפן קארגן אונדזערע קויכעס און מיטלען.

— דאָס איז אומעגלעך, — האָט גריצענקאָ דערווידערט, — קארגן דארף מען אף אן אנדער זאך, נאָר ניט אף דעם.

— די הויצאָעס אף צו פלאנצן די סעדער און ווײַנגערטענער וועלן מיר נעמען הויפּטזאכלעך פון די האכנאָסעס פון די ווײַנטרויבן, — האָט פארזיכערט מעהודין.

גריצענקאָ האָט א שמייכל געטאָן.

— וואָס ווילט איר, אונדזער ווײַנגאָרטן פון זיבן און זיבעציק העקטאר זאָל אויסהאלטן דעם קומענדיקן ווײַנגאָרטן פון העכער טויזנט העקטאר?

מעהודין האָט א טראכט געטאָן, פאר זיך עפּעס אויסגעכעזשבנט און געענטפערט:

— עפשער וועט אויסקומען א ביסל לײַען מיטלען פון אנדערע צווײַגן פון אונדזער ווירטשאפט, נאָר דאָס איז צײַטווײַליק. גיט א קוק — האיאָר באקומען מיר שוין אין פיר מאָל א גרעסערע גערעטעניש, ווי מיר פלעגן באקומען אין די פאָריקע יאָרן... אויב אונדזערע ווײַנגערטלער וועלן זיך א נעם טאָן פאר דער זאך ווי ס'באדארף צו זײַן, וועלן זיי אראָפּנעמען נאָך גרעסערע גערעטענישן, איבערהויפּט, אז מיר וועלן זיי באזאָרגן מיט וואסער.

— איר ווילט ווײַזן וווּנדער, איליא אבראמאָוויטש?

— ניט איך, נאָר מיר, — האָט מעהודין אים פאריכט. — איר זײַט א פאכמאן און איר ווייסט ניט ערגער פון מיר, וואָס ווײַנטרויבן קענען געבן. אויב אָן וואסער האָבן מיר באקומען אזעלכע גערעטענישן, הײַנט אז מיר וועלן געבן וואסער?.. אף אײַערע „דאָזאָרן”, די ליניעס, וואָס איר האָט צעשטעלט, וועט דאן פאלן ווינציקער אכרײַעס.

— זיי וועלן זייערע היסכײַוועסן סײַווי אויספילן.

— די „דאָזאָרן” זײַנען „דאָזאָרן”, נאָר דעריקער זײַנען לעבעדיקע מענטשן, — האָט באמערקט מעהודין. — ניט פארגעסט, אז איין העקטאר ווײַנטרויבן קען אונדז געבן אין פופצן מאָל מער רעווועך, ווי איין העקטאר זונרויזן...

— אגיטירט מיך ניט פאר ווײַנטרויבן, — האָט גריצענקאָ איבערגעשלאָגן מעהודינען, — איך ווייס זייער גוט די ווערט פון דער דאָזיקער קולטור, נאָר מיר דארפן טראכטן וועגן אונדזערע מעגלעכקײַטן.

— דאָס, וואָס איז נעכטן געווען אומעגלעך, איז הײַנט מעגלעך. מע דארף טייקעף צוטרעטן שאפן ספּעציאַליזירטע בריגאדעס פאר די סעדער און ווײַנגערטענער. אין די בריגאדעס דארפן אויך ארײַנגיין טראקטאָריסטן, מעכאניזאטאָרס. מע דארף זיי גוט אונטערלערנען. כ'האָב זיך צונויפגערעדט מיטן אינסטיטוט, דאָרטן וועט מען אויסשולן אונדזערע מענטשן. מע האָט מיר צוגעזאָגט שאפן בא אונדז אפילע א פיליאַל פון זייערן א פּיטאָמניק.

— דאָס איז גוט, — האָט גריצענקאָ אונטערגעהאלטן מעהודינען. — אלס בריגאדיר, מיין איך, וועלן מיר מאכן גאלייגאן אָדער קוזמענקאָן, זיי האָבן א דערפארונג אין ווײַנגערטנערײַ.

ווי פּילאַרטיק ס׳איז ניט געווען די ווירטשאַפט אַף די העכער זעכצן טויזנט העקטאַר פונעם פאַרייניקטן קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט״, איז דער דאָמינירנדיקער געביט געבליבן — ברויט.

ברויט! ווי ווילקלינגענדיק ס׳איז דאָס אײנפאַכע און פּאָשעטע וואָרט „ברויט״ — די סאַמע נייטיקסטע זאַך אַף דער וועלט, דער גרונט פון לעבן, די קראַפט פון לאַנד, די שפּײַז פון אַלע שפּײַזן, אָן וועלכער ס׳קאָן ניט אויסקומען קיין איין מענטש אַף דער וועלט, קיין איין טאָג ניט ניט איבערוואַכן, ניט אין די יאָמטויווים.

די ערד־אַרבעטער האָבן שוין א סאַך ווונדער דאָ געזען, וועלכע זײַנען ווערט צו פאַרשריבן ווערן, נאָר דער טאָג, ווען ס׳איז געקומען וואַסער אין סטעפּ, וועט געוויס פאַרנעמען אין אים גאָר א באַזונדער בעקאָוועדיק אָרט.

און געקומען איז דאָס וואַסער אהער אין אײנעם אַן אינדערפרי, ווען דער נעפּל, וועלכער האָט אײַנגעהילט די באַגינענדיקע לופט, האָט אָנגעהויבן צערונען ווערן. דאַן האָט דאָס וואַסער, א באַגילדעטס מיטן פּורפּור פון דער אופגײענדיקער זון, זיך אַנטפּלעקט פאַר די אויגן פון די, וואָס האָבן אזוי לאַנג געוואַרט אַף דעם.

— געקומען... געקומען! — האָבן זיך פון אַלע זײַטן געטראָגן שטימען.

קינד־און־קייט זײַנען געלאָפן אָנקוקן דעם ווונדער. מענטשן האָבן ארומגעכאַפּט אײנער דעם אַנדערן, געקושט זיך פון פרייד, ניט געגלייבט, אז דער כאָלעם איז געוואָרן א וואָר.

— דערלעבט! דערלעבט!.. — האָבן די מענטשן געשרי׳ען אײנער צום אַנדערן.

מעכטיקע וואַסער־שטראָמען האָבן שפּרודלענדיק געהאַלטן אין איין צוקומען.

— איר זעט, איליא אבראַמאָוויטש, מ׳האָט דעם הימל אַף דער ערד אַראָפּגעבראַכט! — איז צוגעלאָפן צו מעהודינען אַן אַלטיטשקער פונעם קאָלווירט „סוּוערדלאָוו״. — איר געדענקט, ווי מיר פלעגן האַלטן גאַנצע טעג די קעפּ צום הימל פאַריסן און בעטן באַם אײבערשטן א רעגן. איצט וועט מען שוין ניט דאַרפן בעטן, ס׳וועט גײן א רעגן, ווען מע וועט אים דאַרפן. גיט א קוק, וויפל רעגן־מאַשינעס עס שטייען אויסגעשטעלט. מ׳וועט קאָנען באַגיסן דעם גאַנצן סטעפּ.

איבערן וועג האָבן זיך געטראָגן עקסקאַוואַטאָרס, בולדאָזערן, סאַמאָסוואַלן — די טעכניק פון די נאָרוואָס געשאַפענע מעכאַניזירטע ספּעציאַליזירטע אָטריאַדן, וועלכע דאַרפן באַגיטיקן די פעלדער.

— איצט וועלן בא אונדז א וואַקס טאָן די טוועס, די סעדער, די ווײַנגאָרטענער, איצט וועלן זיך ערשט צעעפענען די אויצרעס פון דער ערד! — האָט מעהודין, א באַגײַסטערטער, אויסגעשרי׳ען.

אף באזונדערע ערד־כאַלאַקים איז שוין געגאַנגען אַ העפטיקע אַרבעט צו פּלאַנצן די סעדער און ווײַנגערטענער. די מעכאַניזאַטאָרן, וועלכע זײַנען אַרײַן אין דער ספּעציאַליזירטער בריגאַדע, האָבן גוט געאַרבעט, די פּאַכמענער, וועלכע מעהודין האָט אײַנגעלאַדן פונעם ווּיסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אַלס קאָנסולטאַנטן, האָבן אויך געהאָלפן. נאָר דאָס איז געווען ניט גענוג. ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ מענטש, וועלכער זאָל זיך אײַנגאַנצן אָפּגעבן מיט אָט דער זאַך.

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין דער קאָנטאָר פון דער פאַרוואַלטונג באַוויזן אַ באָכער אין ברילן, מיט אַן אויסגעיידלט פּאָנעם. ער איז אַרײַן צו מעהודינען אין קאַבינעט.

— זײַט איר, הייסט עס, דער אַגראָנאָם, אַף וועלכן מיר וואַרטן אַזוי לאַנג? — האָט מעהודין באַטראַכט דעם אַרײַנגעקומענעם. — איר האָט, מיסטאַמע, כאַווער בלאָשטיין, ניט לאַנג געענדיקט דעם אינסטיטוט, און קיין דערפאַרונג אין דער אַרבעט האָט איר ניט?

— כ׳בין געווען אַף פּראַקטיק אין אַ גרויסער ווירטשאַפט. איך ווייס, ווי מ׳פּלאַנירט אַ סאָד, אַ ווײַנגאָרטן, ווי מ׳פאָרמירט ביימער. כ׳האָב געאַרבעט אַ פּאָר יאָר אין קאַרפּאַטן־אוקראַינע. דאָרט איז מיר אויסגעקומען פּלאַנירן סעדער.

— זייער גוט. די קלימאַטישע באַדינגונגען פונעם סטעפּישן קרים זײַנען אײַך באַקאַנט?

— אין די סטודענטישע יאָרן האָב איך פּראַקטיקירט אין טאַוריע, אַרום מעליטאָפּאָל.

— ווייסט איר, הייסט עס, די באַדינגונגען פון אונדזער ראַיאָן?

— איך האָב געוווּסט, אַז כ׳וועל פאָרן אַהער, האָב איך זיך געגרייט. כ׳האָב דערלערנט די דערפאַרונג פון אַ סאַך פאָרגעשריטענע ראַיאָנען פון סטעפּישן קרים.

— זייער גוט. רוט זיך אָפּ. איר האָט זיך שוין אײַנגעאָרדנט?

אַף מאָרגן גאַנצפרי האָט מעהודין אים באַגעגנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. איידער ער איז צוגעטראָטן צום זאַכלעכן שמועס, האָט ער געפרעגט בא בלאָשטיינען:

— ווי האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט, יאָסיף נאַומאָוויטש? צי האָט איר שוין געפרישטיקט?

בלאָשטיין האָט געענטפערט קורץ:

— אַלץ איז אין אָרדענונג.

מעהודין האָט אַרויסגענומען דעם פּלאַן, ווו ס׳זײַנען געווען אָנגעצייכנט די פעלדער, אַף וועלכע מע דאַרף פּלאַנצן די פרוכט־ביימער. פירנדיק מיטן פינגער איבער דער קאַרטע, האָט ער געזאָגט:

— אַף דעם שעטעך דאַרף מען פּלאַנצן דעם סאָד.

בלאָשטיין האָט זיך אָנגעבויגן איבערן פּלאַן. אָנגעשטרענגט אַרײַנגעקוקט אין דעם אָנגעצייכנטן שעטעך און לאַנג קיין האַלב וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט.

— דער שעטעך איז א גרויסער... — האָט ער ענדלעך א זאָג געטאָן. — כ׳האָף, אז איך א פּאָר יאָר ארום וועט דאָ שוין זײַן א מעכטיקער יונגער סאָד.

בלאָשטיינס שפּאָרזאמקײַט אין ארויסברענגען א וואָרט האָט געצוווּנ־גען מעהודינען בײַטן זײַן מיינונג וועגן דעם יונגן אגראָנאָם, וועלכן ער האָט לויטן ערשטן אײַנדרוק אָנגענומען פאר אן אומבאהאָלפן שטאָטיש באָ־כערל. ענדגילטיק האָט ער זיך איבערצײַגט, אז דער דאָזיקער אײַנדרוק איז געווען א פאלשער, ווען בלאָשטיין האָט געמאָלדן:

— וועגן דעם, וואָס איך זע אפן פּאפּיר, קאָן איך דערווײַל גאָרנישט ניט זאָגן. איך דארף א קוק טאָן אלץ אין נאטור — דעם רעליעף און די אייגנשאפטן פונעם באָדן, דיסקאָנטירן א ריי אנדערע פאקטאָרן, דאן וועל איך קאָנען ארויסזאָגן א מיינונג, וועלכע פלאנצונגען ס׳פאָדערן זיך, וועל־כע סאָרטן ווו און ווי צו פלאנצן.

— איר זײַט גערעכט, יאָסיף נאומאָוויטש, — האָט מיט באגיטיקונג זיך אָפּגערופן מעהודין, — איך וועל אײַך באלד באקאנען מיטן הויפּט־אגראָ־נאָם, ווען איר וועט אלץ דורכטראכטן, וועלן מיר ווידער זיך באגעגענען און אלץ באהאנדלען.

אין א פּאָר מינוט ארום איז אין קאבינעט ארײַן גריצענקאָ.

— באקאנט זיך... דאָס איז אונדזער הויפּט־אגראָנאָם, — האָט מעהודין פאָרגעשטעלט גריצענקאָן. — און אָט דער כאוועער איז אונדזער נײַער אג־ראָנאָם פאר סאָד־ און ווײַנגאָרטן־ציכטלערײַ! — האָט ער אָנגעוויזן אף בלאָשטיינען. — באוויזט יאָסיף נאומאָוויטש דעם ערד־שעטעך, וועלכן מיר האָבן באשטימט פארן סאָד און ווײַנגאָרטן, שמועסט זיך מיט אים דורך. נאָכדעם וועלן מיר זיך מיט אײַך צוזאמען ווידער באגעגענען...

— גוט, איז קומט, יאָסיף נאומאָוויטש, — האָט גריצענקאָ א רוף געטאָן בלאָשטיינען. — מיר וועלן פאָרן אף א בעדארקע, — האָט ער מיט א קיוון א זאָג געטאָן, קעדיי אויספּרוּוון, צי ווייסט יענער, וואָס דאָס איז אזוינס, — אָנטרײַבן וועט אונדז אויסקומען אליין. פאר דרײַ מענטשן וועט קיין אָרט ניט סטײַען.

— אף וואָס דארף מען אָן אָנטרײַבער? כ׳האָף, אז כ׳וועל זיך אליין ספּראווען מיטן פערד, — האָט בלאָשטיין זיך אָפּגערופן, — אז כ׳פּאָר אין פעלד, פּאָר איך שטענדיק אליין אף דער בעדארקע.

— ס׳וואָלט געווען שיין, אז אן אגראָנאָם זאָל ניט קענען קיין פערד אָנטרײַבן, — האָט גריצענקאָ מיט א שמייכל א זאָג געטאָן.

— ס׳טרעפט, איבערהויפּט איצט, אז די פערד זײַנען שוין, קען מען זאָגן, אין דעמיסיע, „אָטסטאווניע”, הייסט עס, — האָט בלאָשטיין מיט ווירדע געענטפערט. — ערגער איז, וואָס ס׳זײַנען פאראן אגראָנאָמען־מעכא־ניזאטאָרן, וועלכע קענען קיין מאשין ניט פירן און מיט קיין טראקטאָר ניט רודעווען.

— דאָס איז שלעכט, זייער שלעכט. אין איינעם א קאָלווירט איז אָנגע־קומען אזא אגראָנאָם, וועלכער האָט ניט געקענט קיין פערד אײַנשפּאנען. די קאָלווירטניקעס האָבן אָנגעהויבן כויזעקן פון אים. איינער א קאָלווירט־ניק האָט געזאָגט דעם אגראָנאָם:

— פיר יאָר האָט מען דיך געלערנט אין אינסטיטוט, און קיין פערד איינשפּאַנען ניט אויסגעלערנט.
— אזא קורס איז אין אגראָנאָמיע ניט פאַראַן, — האָט יענער געענט־פערט.
— ס׳איז פאַראַן אין אינסטיטוט א קורס, און זייער א וויכטיקער, אויב איר ווילט — איז דאָס איינער פון די וויכטיקסטע קורסן — פּראַקטיק, — האָט בלאָשטיין זיך אָפּגערופן. — באַטראַכטן דעם ערד־שעטעך צו פלאַנצן דעם סאָד דאַרף מען גיין צופוס. דער אגראָנאָם דאַרף זיין א מין שאַדכן פאַר אויסוויילן צוליב ביימעלע יעדן זיין שטיקל ערד.
— וועלן מיר מאַכן כאַסענעס, — האָט גריצענקאָ זיך א וויצל געטאָן.
— קלעזמער האָט איר? פריילעך וועט זיין, אז פרוכטן וועלן זיין אַף די טישן, דאַן וועלן זיין סימכעס.
— איך פלעג אויך שטענדיק גיין צופוס איבערן פעלד, און איליא אַב־ראַמאָוויטש גייט צופוס, — האָט גריצענקאָ באַמערקט, — איך קען אונדזער פעלד, ווי מיינע צען פינגער. פונדעסטוועגן יעדן מאָל, ווען מיר דאַרפן פונסניי עפּעס זייען, גיי איך זיך ווידער דורך... איצט קומט אויס צו פאָרן. די ווירטשאַפט איז בא אונדז א גרויסע. זעכצן טויזנט העקטאַר, ס׳איז ניט קיין שפּילכעלע.
— ווען מע פלאַנצט א סאָד, גיי איך נאָר צופוס, ס׳קומט אויס אָנבייגן זיך צו יעדן ביימעלע, צוקוקן זיך צו דעם, ס׳איז דאָך א לעבעדיקע זאַך, — האָט געזאָגט בלאָשטיין. — ס׳קומט אויס אָפּטמאָל אויסגלייכן עס, ווען ס׳הייבט אָן וואַקסן קרום, איבערבינדן, ווען ס׳באַוויַזט זיך א שפּעלטל, א צאַראַפּינע... מיר טרייסלען זיך איבער יעדן צווייַגעלע, איבער יעדן בליי־מעלע.
בא בלאָשטיינען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. גריצענקאָ האָט דער־פילט, אז באַם באַכער ציטערט דאָס האַרץ, ווען ער רעדט וועגן די פלאַנ־צונגען. דער יונגער אגראָנאָם איז איינגעליבט אין דער זאַך, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין לעבנס־באַרוף.
— איר רעדט גאָר ווי א פּאָעט, — האָט גריצענקאָ אים א לויב געטאָן.
— פּאָעזיע איז באַגייסטערונג, טייַערער כאַווער, אויב איר ווילט, שטעקט אין אגראָנאָמיע מער פּאָעזיע, ווי וווּ־ניט־איז. די גרעסטע שיינ־קייט איז אַף דער ערד. ס׳איז דען פאַראַן א גרעסערע שיינקייט, ווי ווען א בוים בליט, ווי ווען אַן עפּל אָדער א פלוים רייַפט... דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס דער פּאָעט באַזינגט די שיינקייט, און מיר, אגראָנאָמען, שאַפן זי מיט אונדזערע הענט.
פאַר גריצענקאָן איז די שיינקייט פון דער נאַטור, וועלכע האָט אים שטענדיק אַרומגערינגלט, געווען א נאַטירלעכע זאַך און קיין באַזונדערע באַגייסטערונג ניט אַרויסגערופן. ער האָט געוווּסט, אז אָן דער דירעקטי־קער ליבע צו דער ערד און מעסירעסנעפּעשדיקער איבערגעגעבנקייט צו איר וועט זי קיין שום גאָב דעם ערד־אַרבעטער ניט שענקען.
— באַגייסטערטע פון דער נאַטור־שיינקייט זיינען פאַראַן גענוג אָן אונדז, — האָט גריצענקאָ נאָך א ווייַלע שווייַגן זיך אָפּגערופן. — נאָר ניט אַלע פאַרשטייען נאָך די הערלעכקייט פון פּראָסטער פּראַצע, וועלכע שאַפט

אלץ אין לעבן. ברויט בליט עפשער ניט אזוי שיין, נאָר אָן ברויט איז ניטאָ קיין לעבן, און אז ס'איז ניט פאראַן קיין לעבן, איז ניטאָ קיין שיינקייט.

אין געראמען הויף ארום קאָרם־שפּײַכלער האָט גריצענקאָ דערזען דעם אופזעער איבער די פערד.

— מײַן בעדארקע איז אף אן אָרט? — האָט אים געפרעגט גריצענקאָ. — און די טשאלע שקאפּע?

— אכוץ אײַך, פאָרט מער קיינער ניט אף איר.

— פירט זי ארויס, מירן דארפן צופאָרן מיטן כאווער אין פעלד.

דער אופזעער האָט ארויסגעפירט די טשאלע שקאפּע, אָנגעפּאָיעט זי און געוואָלט אײַנשפּאנען. גריצענקאָ האָט צוגענומען בא אים דעם געשפּאַן און אליין אָנגעטאָן אף איר די שלייע, אײַנגעצוימט זי און צוגעטשעפּעט די לייצעס.

בלאָשטיין מיטן הויפּט־אגראָנאָם האָבן זיך אוועקגעזעצט אף דער בע־דארקע און זיך געלאָזט פאָרן. די שקאפּע האָט עטוואָס אײַנגעבויגן איר קאָפּ, ארויסגעשטעלט די כאָלקע און, פלינק ווארפנדיק מיט די פיס, אזוי געשווינד א טראָג געטאָן די בעדארקע, אז די רעדער זײַנען אזש אונטער־געשפּרונגען. גריצענקאָ האָט, אָנציִענדיק די לייצעס, זי אײַנגעהאלטן:

— ש־ש־ש־שא... שטילער... ש־שא, שטילער! איר זעט א טראָגן? לאָז נאָר אָפּ די לייצעס, וועט קיין שנעלצוג מיט איר זיך ניט אויסגלײַכן.

— א שיין פערד! — האָט צוגעשטימט בלאָשטיין. — כ'האָב ליב פערד. א שאָד, וואָס אייניקע ווילן וועגן זיי פארגעסן... קיין באקוועמערער ארויס־פאָר, ווי א בעדארקע, איז ניט פאראַן פאר אן אגראָנאָם.

באטראכטנדיק דאָס פעלד, האָט בלאָשטיין אָנגעהויבן פאנאנדערפרעגן:

— וואָס פאר א זיי־פּארקער איז בא אײַך אײַנגעפירט? א וועלכע גע־רעטעניש נעמט איר אראָפּ פון טוווּע? און פון אנדערע קולטורן?

גריצענקאָן איז געוועזן שטארק צום הארצן בלאָשטיינס נײַגער צו אלץ. אין אייניקע פאלן האָט ער זיך אפילע געאמפּערט מיטן באָכער, נאָר אים איז עס געווען אָנגענעם. מיט פארגעניגן האָט ער אונטערגעשטרײַכט:

— לאָזט זיך אויס, אז איר אינטערעסירט זיך ניט נאָר מיט סעדערײַ... און איך האָב געמיינט...

פלוצעם האָט גריצענקאָ אָנגעצויגן די לייצעס און אויסגעשריִען:

— טפּרו!.. — ער איז פלינק אראָפּגעשפּרונגען פון דער בעדארקע און צוזאמען מיט בלאָשטיינען אוועק באטראכטן דעם אויסגעטיילטן שעטעך פארן סאָד.

בלאָשטיין האָט אלע ווײַלע זיך אָנגעבויגן, א ראָיע געטאָן דעם גרונט, פארשריבן עפּעס בא זיך אין בלאָקנאָט.

— וועלכע סאָרטן עפּל האָט איר באשטימט פלאנצן? — האָט ער גע־פרעגט גריצענקאָן.

— וועגן דעם וועלן מיר זיך נאָך אייצען מיט די וויסנשאפטלעכע מיטארבעטער פון ניקיטסקער גאָרטן.

— דערלויבט א קוק טאָן אײַער פּלאַן, דאָ אף אן אָרט וועט מיר זײַן גרינגער זיך פאנאנדערקלײַבן אין אים.

— ביטע, — גריצענקאָ האָט ארויסגענומען פון פעלדטאש דעם פּלאַן און געגעבן אים. — איר וועט זיך דאָ לאַנג פארהאלטן?

— ביז כ׳וועל ניט דורכגיין דעם גאַנצן שטעטל, וועלכער איז באַשטימט פאַרן סאַד, אין דער לענג און אין דער ברייט, און ניט באַטראַכטן אים ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן, האָבן מיר צוזאַמען ניט וואָס צו טאָן, — האָט בלאָ־שטיין געענטפערט.

— גוט... נו, און איך וועל דערווײַל זיך דורכפאָרן אין א פּאָר ערטער.

— פאָרט, ווו איר דאַרפט, דעם וועג צוריק וועל איך טרעפן.

— ניין, אהיים וועלן מיר פאָרן צוזאַמען. אין א שאָ ארום און, מעג־לעך, אפילע פריִער, וועל איך זײַן דאָ. אויב איר וועט ניט זײַן מיד, וועלן מיר נאָך הײַנט צופאָרן א קוק טאָן דעם ערד־שטעטל, וועלכער איז אויס־געטיילט פארן ווײַנגאָרטן.

6

לויטן בײַשפּיל פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט" האָט דער קאָל־ווירט „ראָסיִא" אויך אָפּגעשאַפן בא זיך אין דער ווירטשאַפט די פּאַשע־פעלדער. די פּיציכטלער האָבן אופגעהויבן א טומל:

— סטײַטש, ווי טוט מען עס אזא זאַך?!.. דאָס פּי מוז האָבן ווו דורכ־שפּאַצירן זיך. עס נייטיקט זיך אין א פריש גרעזל. וואָס פאַר א טאָלק קאָן זײַן פון דעם, אויב עס וועט זײַן פארשפּאַרט?!

פערעווערזשין, פונקט ווי מעהודין, האָט ליב צו כעזשבענען, און איין מאָל און א צווייט מאָל האָט ער אויסגערעכנט, אז די פּאַשע־פעלדער באַרעכטיקן זיך ניט, אז די ערד לוינט בעסער אויסנוצן אף זייען טווועס, גרינווארג, און פאַר דעם פּי קאָן מען זייען זאַפטיקן קאָרם, איבערהויפּט, אז דאָס גראָז ווערט זומער סײַווי פארברענט אין פעלד.

דעם ערשטן פרילינג נאָכן אָפּשאַפן די פּאַשע־פעלדער איז דער דויכעק אין קאָרם געוואָרן זייער גרויס, די פּאָרזיצערס זײַנען אויסגעווען ווו נאָר מע האָט געקענט און גאָרנישט ניט געקענט קריגן מיט וואָס צו האָדעווען דאָס פּי. סײַ אין דער ווירטשאַפט פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט" און סײַ אין „ראָסיִא" זײַנען די זאַפּאַסן אויסגעגאַנגען, און ביז דער נײַער גערעטעניש איז נאָך געווען ווײַט. פערעווערזשין און מעהודין האָבן געפּרוווט פאַר־קירצן די נאָרמעס, אריבערפירן דאָס פּי אף א האלב־הונגעריקן פּאַיאָק, נאָר דאָס איז אויך קיין אויסוועג ניט געווען. די קי האָבן אָפּגעריסן מילך, דאָס יונגפּי האָט אופגעהערט וואַקסן. פאַרקויפן און פאַרקלענערן די סטאַ־דעס איז אוואדע ניט געווען קיין אויסוועג, און לײַען איז ניט געווען ווו.

אין די אָנגעשטרענגטע טעג, ווען באביידע פּאָרזיצערס פון די גרוי־סע ווירטשאַפטן זײַנען די קעפּ מאַמעש געגאַנגען כאָדאָראָם, איז פּערע־ווערזשין געפאַלן אף א גליקלעכן אײַנפאַל — צופאָרן אין איינעם פון די ווײַטע ראַיאָנען פונעם סטעפּישן קרים, ווו עס זײַנען פאַראַן פרײַע, ניט קיין פאַראַקערטע ערד־שטעטאָכים, און דאָרטן זיך צונויפריידן וועגן אויס־

נוצן זיי אין די פרילינג־כאַדאָשים אלס פּאַשע־פּעלדער פאר די סטאַדעס פון ביידע ווירטשאַפטן.

אָפּגעזוכט אזא ראיאָן און באַקומען די האַסקאָמע פון די ראיאָנע אָר־גאַניזאַציעס, איז פּערעוואַרזשין געקומען אהיים אן אופגעלייגטער, און ווי יעדן מאָל, ווען ס׳שטייט אים פאָר דורכפירן אן ערנסטע זאַך און ער דאַרף זיך מיט עמעצן טיילן, האָט ער זיך גלײַך אוועקגעטראָגן צו מעהודינען.

נאָך איידער ער האָט באַוויזן אריבערטרעטן די שוועל פון מעהודינס קאַבינעט, האָט ער מיט ייִנגלשער היסלײַוועס אויסגעשריִען:

— כ׳האָב געפונען א מיטל, וויִאזוי ארויסצוגיין פון דער שווערער לאַגע מיטן קאָרם.

— וויאזוי? ווי? נו, דערצייל זשע... וואָס האָסטו געפונען?

— אין לעבינער ראיאָן... ווייסט, ווו דאָס איז?

— אין לעבינער ראיאָן? ערגעץ ארום קערטש... יאָ, יאָ, דאָרט איז, דאַכט זיך, טאַקע פאַראַן א סאַך וואַלגער־ערד... גיב א קוק, כ׳האָב זיך גאָרניט דערטראַכט צו דעם... אוי, ס׳איז טאַקע א געדאַנק, סעמיאָניטש... ווער האָט עס דיר געייצעט?

— קיינער האָט ניט געייצעט און ניט אונטערגעזאָגט, כ׳האָב פּאָשעט אליין...

— ס׳איז טאַקע א גליקלעכער אײַנפאַל. און מיר איז גאָר אזוינס אין קאָפּ ניט געקומען, — האָט מעהודין מיט א פאַרטײַעטן קינע־געפיל א זאָג געטאָן. — וויפל קילאָמעטער איז ביז די פּאַשע־פּעלדער?.. דורך וועלכע וועגן וועט מען דאַרפן טרײַבן דאָס פי? צי זײַנען פאַראַן אין וועג ברינע־מער, ווו מע זאָל קענען דאָס פי פּאָיען? צי זײַנען פאַראַן ערטער, ווו מע קאָן דאָס פי אונטערפּאַשען אָדער קריגן קאָרם אונטערצוהאָדעווען עס?

— אונטערהאָדעווען אין וועג וועט מען עס קענען צוביסלעך, — האָט געענטפערט פּערעוואַרזשין, — וואָס אָנבאַלאַנגט וואַסער, איז די לאַגע ערגער, א פּאָר ארטעזיִאנישע ברינעמער זײַנען פאַראַן אין וועג, צוביסלעך וואַסער וועט מען קענען אויסבעטן. מע וועט דאַרפן טרײַבן דאָס פי קליי־נע טאַבונעסווײַז, וועט זײַן גרינגער עס פּאָיען.

— קאָרם אָן וואַסער איז אלציינס, ווי וואַסער אָן קאָרם, — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין, — איז ווען רעכנסטו אוועקטרײַבן אהין דעם ערשטן טאַבון?

— מאָרגן־איבערמאָרגן. ציִען איז שוין ניטאָ ווען. כ׳רעכן פריִער פאַר אלץ אוועקטרײַבן אהין די שאָף, נאָכדעם דאָס יונגפי. און דו וועסט שיקן אהין דײַן פי?

— מע וועט דאַרפן שיקן. א טייל יונגפי וועל איך עפּשער אוועקשיקן אין קאָלווירט „לענין”. איך האָב דאָרט אָנגעהויבן בויען א גרויסע פּערמע. א שטיק ערד האָבן מיר איבערגעאַקערט אַף א ווײַנגאָרטן, א שטיק אַף גרינוואַרג. אזוי, אז אויך דאָרטן איז דאָס פּאַשע־פּעלד געוואָרן ענגלעך, און קיין פּאַסיקע געבײַדעס זײַנען נאָך ניט פאַראַן... וואָס מער פי מיר וועלן אוועקשיקן, אלץ מער קאָרם וועט איבערבלײַבן דאָ פאַר די מעלקנ־דיקע קי.

ניט אָפּלייגנדיק האָבן בײדע פאַרזיצערס אױף מאָרגן אָפּגעגעבן די פּי־צוכט־בריגאַדעס פאַראָרדענונגען — שנעל אָפּקלײַבן דאָס פּי, וואָס מע קען אוועקטרײַבן אינעם ראיאָן, ווו ס׳זײַנען פאַראַן פּאַשע־פעלדער. די באַגלייטער האָבן, פאַרויסזעענדיק אַלע מעגלעכע פאַלן, וועלכע ס׳קענען פּאַסירן אונטערוועגנס מיט דעם פּי, געהאַט אַ בייטיקן טראַנספּאָרט, אַ ביסל קאָרם, ביז מע וועט קומען אױף אָן אָרט.

...טאָג און נאַכט האָבן זיך געצויגן די טאַבונען פון קאָלווירט „ראָסיאַ" צו די פּאַשע־פעלדער אינעם פאַרוואָרפענעם ראיאָן פון די קרימער סטעפּעס. די ווירטשאַפט פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט" האָט שוין אויך אוועקגעשיקט אַהין אַ טייל אונטערוואַקסנדיק און ווייניק פּראָדוקטיוו פּי.

סײַ פערעווערזשין, סײַ מעהודין האָבן אָנגעזאָגט די פּאַסטעכער, אַז ווי נאָר זיי וועלן קומען אױף אָן אָרט, זאָלן זיי געבן צו וויסן, וויאַזוי זיי האָבן זיך דאָרטן אײַנגעאָרדנט.

נאָר עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע טעג, און קיינע שום ידיעס זײַנען ניט אָנגעקומען. כאָטש פערעווערזשין האָט זיך שוין געהאַט דערקלונגען אין ראיאָן און האָט זיך דערוווּסט, אַז די מענטשן מיט די טאַבונען פּי האָבן זיך בעשאָלעם דערקליבן צו די פּאַשע־פעלדער און אָרדענען זיך צוביסלעך אײַן, פונדעסטוועגן האָט מעהודין אַליין באַשטימט אַהין צופאָרן.

אין דרויסן האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ וואַרעמער וועטער. די קאָלווירטן האָבן אָנגעהויבן זייען. טאַקע דערפאַר האָט מעהודין פון איין טאָג אױפן צווייטן אָפּגעלייגט דאָס פאָרן אין ראיאָן פון די פּאַשע־פעלדער. נאָך יעדן אָוונט, ווען פערעווערזשין פלעגט אַרײַנפאָרן צו מעהודינען אויסריידן אַ ביסל דאָס האַרץ, אָדער ווען ער פלעגט מיט אים ריידן דורכן טעלעפאָן, זײַנען די ערשטע ווערטער פון זייער געשפּרעך געווען וועגן די אוועקגעטריבענע טאַבונען פּי און וועגן די מענטשן, וועלכע באַגלייטן זיי.

אין אָוונט, ערעוו דעם טאָג, ווען מעהודין האָט שוין פעסט באַשלאָסן צופאָרן אין ראיאָן פון די פּאַשע־פעלדער, איז ער געקומען צו פערעווערזשינען. מעהודין איז בא אים אַ ביסל זיך פאַרזעסן. דער אָוונט איז געווען אַ ליכטיקער, אַ וואַרעמער. פערעווערזשין האָט באַגלייט זײַן גאַסט קימאַט ביז פּעטראָווקע. ס׳האָט אַ בלאָז געגעבן אַ ווינטל, אָן אָנגעהויכטס מיט רייכעס פון דער פרילינגדיקער אופוואַכנדיקער ערד, מיט זיסלעכע אַראָמאַטן פון די קנאָספּן אױף די ביימער.

— ס׳וועט מאָרגן זײַן אַ גוטער טאָג, — האָט פערעווערזשין, געזעגענענדיק זיך מיט מעהודינען, געזאָגט. — גוט, וואָס די סטאַדעס זײַנען שוין אױף די ערטער. דער וועטער איז אַ וואַרעמער, און ס׳וועט אויסוואַקסן גוטע פּאַשע דאָרטן אױף די פעלדער... גוט, אילירושע, וואָס כ׳בין געפאַלן אױף דעם גליקלעכן אײַנפאַל.

פון דעם געדאַנק, אַז ער איז פּאָטער געוואָרן פון די דײַגעס וועגן קאָרם פאַר דעם פּי, איז אויך מעהודינען געוואָרן פריילעכער אױף דער נעשאָמע.

די שטערן אין הימל, וועלכע האָבן אַ גאַנצן וועג אַזוי געווונקען צו מעהודינען און אָנגעזאָגט אױף מאָרגן אַ גוטן טאָג, האָבן אָנגעהויבן איבערלויפן פון איין אָרט אױפן צווייטן, ווי זיי וואָלטן טאַנצן.

מעהודין האָט באשטימט ארײַנגײן אין פארוואלטונג אונטערשרײַבן אײניקע דאָקומענטן, וועלכע אים האָט זיך געוואָלט מאָרגן אינדערפרי, אײדער ער וועט ארויספאָרן צו די פאשע־פעלדער, דרינגענדיק אָפּשיקן. זיצנדיק אזוי איבער די פאפירן, האָט ער פּלוצעם דערהערט א שרעקלעכן גערויש. די שויבן פון די פענצטער האָבן גענומען טרייסלען זיך מיט אזא מעשונעדיקער קראפט, אז ס'האָט זיך געדוכט — באלד פאלן זײ ארויס. ער איז צוגעלאָפן צום פענצטער און זיך אָנגעהויבן אײַנקוקן. א געוואַי פון א ווינט, וועלכער איז זיך פארגאנגען אין א געהויל, האָט זיך געטראָגן פון דרויסן. מעהודין האָט אָנגעהויבן זוכן א סימען פון א שטערן אין הימל. די שטערן האָבן דאָך אָט ערשט־אָ, עפשער מיט א שאָ צוריק, אזוי ליב צו אים געווונקען און צוגעזאָגט אַף מאָרגן א גוטן וועטער. נאָר אין דרויסן איז געוורען אזוי פינצטער, אז מע האָט גאָרניט געזען.

דער ווילדער געוואַי פון ווינט און די בראזגערײַ, וועלכע האָט זיך גע־טראָגן פון אלע זײַטן, האָט אָנגעוואָרפן אַף מעהודינען א שרעק. אין מע־שעך פון אײן שאָ זאָל פון דער העלער הויט זיך צעבושעווען אזא שטורעם, עס זאָלן זיך אויסמישן דער הימל מיט דער ערד, אזוינס האָט נאָך ניט פאסירט.

„וואָס טוט מען?“ — האָט ער, אײַנקוקנדיק זיך אין דער פינצטערניש, מיט אומרו געטראכט. ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר, געפּרווט זי עפע־נען. דער ווינט האָט אים מיט אזא ווילדער קראפט א שטויס געטאָן, אז ער איז שיר ניט אומגעפאלן. ער האָט מיט מאטערניש פארמאכט די טיר און איז ווידער צוגעגאנגען צום פענצטער. וויפל ער האָט זיך ניט געפּרווט אינעם צעבושעוועטן אויסמיש פונעם הימל מיט דער ערד באשטימען, פון וועלכער זײַט דער ווינט גײט, האָט ער ניט געקענט.

„ער גײט, זיכער, פון יאם און פון די בײַליגנדיקע סטעפּעס פון קער־טשער האלב־אינדזל, ווהין מע האָט די סטאדעס פי אוועקגעטריבן, — האָט ער א טראכט געטאָן. — וואָס זשע טוט מען איצט? אין אזא שטורעם־ווינט קען דאָך דאָס פי אונטערן פרײַען הימל אומקומען. און מיט די פעלדער, מיט די סעדער — וואָס וועט זײַן? ער קען דאָך אלץ פאטערן און צעשע־דיקן“.

א צעטראָגענער איז ער נאָכאמאָל צוגעלאָפן צום פענצטער.

דאָס בלוט איז בא אים פארקילט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען צו־זאמען מיט די געדיכטע וואָלקנס שטויב ווײַסע פלעקן.

— א שנײ! — האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַן ברוסט אן אויסגעשריי. — א שנײ!.. מיר זײַנען פארפאלן! אָט אן אָנשיקעניש! אזא אומגליק אף אונדזערע קעפּ!

ער איז צוגעלאָפן צום טיש, א כאפּ געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און וויפל ער האָט נאָר געהאט קויעך אָנגעהויבן שרײַען:

— ראָסיא"!.. „ראָסיא“!

דער ווינט האָט געדרייט און געשמיסן מיט אזא ווילדן געהויל, ווי אָנ־צאָליקע צערייצטע סטײַעס וועלף וואָלטן אָנגעפאלן, קעדיי צו פארצוקן אלץ, וואָס וועט זיך זײ אָנטרעפן אונטער די כײַישע ציין.

דער טעלעפאָן האָט געשטומט, קײנער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

צוהערנדיק זיך צו דער מעשונעדיק־ווילדער ברומערײַ פון ווינט, וועלכער ברעכט, צעשפּליטערט און צעשטויבט אומראַכמאָנעסדיק אַלץ, וואָס לעבט, וואַקסט און איז געשאַפן געוואָרן מיט ביטערן שוויס, דערמאָנט זיך מעהודין, וויפל מי און איבערגעגעבנקײַט עס גיבן אוועק די פּיצירכטער, קעדיי אופצוצי:ען און שטעלן אַף די פיס א שטיקל פי, וויפל טירכע עס לייגן ארײַן די ערד־אַרבעטער אין די טוועס, און דאָס אַלץ וועט אוועקגיין, ווי אין א סרייפע, מיטן פײַער.

דער שטורעם־ווינט האָט זיך אַף קיין רעגע ניט באַרוי:קט. זיצן און הערן, ווי דער ווינט הערט ניט אוף צו ברומען און וואָיען, איז געוואָרן אומעגלעך. ארויסגיין אין דרויסן איז געווען שטארק ריזיקאַליש, דאָך האָט ער באַשטימט גיין אהיים.

דער ווינט האָט, אונטערקערנדיק פון דער ערד דעם שטויב, אויסמישנדיק אים מיט שניי און אַלץ, וואָס ער האָט געפונען אַף זײַן וועג, געדרייט און געשמיסן מעהודינען אין פּאָנעם און אין די אויגן. א טראָט מאַכן איז געווען קימאַט אומעגלעך. אינעם מעשונעדיקן וויכער האָט ער זיך אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. אומקערן זיך צוריק איז שוין געווען אומעגלעך, און גיין פאָרויס איז אויך געווען שווער. א היפּשע ווײַלע ארומבלאָנדזשענדיק, האָט ער צוריק אָנגעטאַפּט דעם וועג און מיט גרויס מאַטערניש דערקליבן זיך אהיים.

ליזע, וועלכע האָט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט און געהאַלטן אין איין ארויסקוקן אַף אים, האָט סאָפּקאָלסאָף דערהערט זײַן שטים:

— עפן אוף, דאָס בין איך.

קוים א לעבעדיקער האָט מעהודין זיך ארײַנגעריסן אין שטוב.

— וווּ ביסטו געווען?.. כ'האָב ניט געוווסט, וואָס איבערצוטראַכטן, — האָט ליזע, ניט קענענדיק באַרוי:קן זיך, געפרעגט.

— בא פּערעווערזשינען און אין פּאַרוואַלטונג... כ'האָב געקלונגען און אין ערגעץ ניט געקענט דערקלינגען זיך, בין איך אוועק...

ליזע איז אוועקגעלאָפן אין קיך, אָנגעוואַרעמט דעם וואַרמעס, אופגעקאָכט טיי. מעהודין האָט אָפּגעגעסן, דערוואַרעמט זיך א ביסל און, יעדע ווײַלע צולויפנדיק צום טעלעפאָן, געפּרוווט ארויסרופן „ראָס:יא", די אָפּטיילונגען פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט", דעם ראַיקאָם, דעם ראַיויספּירקאָם און דעם ראַיאָן, וווּהין מ'האָט די טאַבונען אוועקגעטריבן, נאָר פון ערגעץ האָט מען זיך ניט אָפּגערופן.

— וואָס טוט מען? — איז מעהודין געוואָרן אַלץ מער צעטראָגן. — דאָס פי קען דאָך אומקומען... די פעלדער, די סעדער וועלן פאַרפאַלן ווערן...

— וואָס קענסטו העלפן? אפילע אז דו וועסט אונטערשטעלן דײַן קאָפּ?..

— דאָס פי איז אין סטעפּ... מע דאַרף דרינגענדיק ארויסשיקן דעם אוועלכן־ניט־איז צודעק... בגאָדים פאַר די מענטשן. און בא אונדז אין פעלד דאַרף מען אויך א קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך.

— ס'וועט א ביסל שטילער ווערן, וועסטו טאָן, וואָס מ'דאַרף.

— ניין, כ'קען ניט, ליזע. כ'וועל זיך דערקלײַבן צו וועמען־ניט־איז פון די שאָפערן און אויסריכטן די מאַשין... אין א מאַשין קאָן מען פאָרן, ס'איז ניט שרעקלעך...

— וועסט אין ערגעץ איצט ניט גיין... הערסט, אילייושע, וועסט ניט גיין! כ׳וועל ניט לאָזן! גיב א קוק, וואָס ס׳טוט זיך אין דרויסן.

— כ׳וועל גיין, כ׳מוז גיין, כ׳קאָן ניט דערלאָזן, ס׳זאָלן פארפאלן ווערן פינף הונדערט ריין־פּאַראָדיסטע קעלבלעך. ווייסט, וואָס דאָס איז? פּערע־ווערזשינס איז דאָך דאָרט דאָס גאנצע פּי... כ׳מוז אים אויך העלפן.

— עס וועט גאנץ זײַן דײַן פּי... און וואָס קאָן מען טאָן, אויב זיי וועלן, כאַלילע, פארפאלן ווערן?.. ס׳ווערן פארפאלן גרעסערע זאכן אין לעבן... דו קענסט דאָ מיט גאָרנישט ניט העלפן. ווילסט זיך קעגנשטעלן דעם שטורעם? ווילסט אליין אומקומען?

— כ׳וועל גאנץ זײַן... אז ס׳איז ערגעץ א סרייפע, זיצט מען דען מיט צונויפגעלייגטע הענט? מע לעשט מיט אלץ, וואָס מע קאָן. און איך דארף אויך אלץ טאָן, וואָס כ׳קען!

מעהודין האָט זיך האסטיק א ריס געטאָן און זיך געלאָזט גיין. ליזע האָט מיט אלע קויכעס געפּרוּווט אים פארהאלטן. ער האָט אָבער ניט געפאָלגט און איז אוועק.

## 7

באנאכט האָט מעהודין זיך דערקליבן צו די הײַזער פון די שאָפערן, וועלכע האָבן באגלייט די סטאדע יונגפּי צו די פּאשע־פעלדער, און פאראָרדנט זיי אויסריכטן זייערע מאשינעס און דריגגענד ווידער ארויס־פאָרן אהין.

ווען די מאשינעס זײַנען שוין געווען גרייט ארויסצופאָרן, האָט מעהו־דין דערלאנגט איינעם פון די שאָפערן א בריוול, וואָס ער האָט געבעטן איבערגעבן פּערעווערזשינען. אין בריוול האָט מעהודין אין עטלעכע גע־ציילטע ווערטער געשריבן וועגן דער הילף, וואָס ער שיקט פאר די פּאַ־סטעכער און דעם פּי אף די פּאשע־פעלדער, און זייער געבעטן אים, אויב ער האָט וועלכע־ניט־איז יעדיעס וועגן זיי, זאָל ער טייקעף דורך א שאָ־פיער אים געבן צו וויסן.

פארטאָג האָט דער שטורעם־ווינט א ביסל זיך באַרוּיקט.

ווען מעהודין איז נאָך דער שווערער שלאָפלאָזער נאכט געקומען אין פארוואלטונג, האָט ער דאָרטן געטראָפן קוזמענקאָן און גאלייגאן.

— זייער גוט, וואָס איר זײַט געקומען, — האָט ער געזאָגט, — כ׳האָב געוואָלט, איר זאָלט מיטן הויפּט־אגראָנאָם ארויספאָרן אין פעלד א קוק טאָן, צי ס׳האָבן ניט געליטן פון שניי די ווינטער־טוועס, צי דער שטורעם־ווינט האָט ניט צעשעדיקט די סעדער און ווײַנגערטענער...

מעהודין האָט אופגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרײַבל, געפּרוּווט קלינגען, נאָר דער טעלעפאָן האָט נאָך ניט געארבעט.

— גייט צו צום כאַווער גריצענקאָן אהיים און זאָגט אים, אז כ׳האָב זייער געבעטן, ער זאָל באלד קומען אין פארוואלטונג, — האָט מעהודין געווענדט זיך צו קוזמענקאָן. און גאלייגאן האָט ער פאָרגעלייגט: — גייט זיך דורך צום כאַווער בלאָשטיין און זאָגט אים, ער זאָל גלײַך מיט אײַך

ארויספאָרן א קוק טאָן, וואָס ס'טוט זיך אין די סעדער און ווײַנגערטענער. זאָל ער אף אָן אָרט פארצייכענען בא זיך, ווו וועלכע מיטלען מע וועט דארפן אָנעמען...

אין א מינוט פופצן ארום איז אָנגעקומען קוזמענקאָ און מיטגעטיילט:

— דער כאָוועד גריצענקאָ איז באגינען ערגעץ אוועקגעפאָרן.

— ער איז שוין, מיסטאמע, אין די אָפטיילונגען... ער האָט זיך ניט געקאָנט דערקלינגען און איז ארויסגעפאָרן אליין א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אף די פעלדער... איז פאָרט אליין, כאָוועד גאלייגא, און טאקע גלײַך, איך וואָרט אף אײַערע יעדיעס. כ'וואָלט שוין לאנג אליין געווען אין פעלד, נאָר כ'וואָרט אף א מיטיילונג פון „ראָסיא״.

ס'איז דורך א שאָ און צוויי, קיין שום יעדיעס זײַנען פון „ראָסיא״ ניט געווען. מעהודין האָט זיך שוין געקליבן צופאָרן אהין, נאָר איינער נאָכן צווייטן זײַנען אָנגעקומען גריצענקאָ, גאלייגא און קוזמענקאָ. זיי האָבן געבראכט פריידיקע בסורעס, אז די פעלדער, די סעדער און ווײַנגערטע־נער האָבן קימאט ניט געליטן פונעם שניי און פון דעם שטורעם־ווינט. בלויז אין א פאָר ערטער זײַנען אייניקע ביימלעך און קוסטעס ארויסגע־ריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען פון דער ערד. ס'וועט זיך פאָדערן ניט קיין סאך קויכעס און צײַט זיי צוריק צו פארפלאנצן.

בא האלבן טאָג איז אָנגעקומען א שאַליעך פון „ראָסיא״ און איבער־געגעבן מעהודינען, אז זייער קאָלווירט האָט אויך אוועקגעשיקט מאשי־נעס מיט הילף אף די פאשע־פעלדער. זיי וואָרטן אף א יעדיע פון דאָרטן. ווי נאָר ס'וועט עפעס באוווסט ווערן, וועט מען מיטיילן אהער.

מעהודינען האָט שוין אָנגעהויבן פארדריסן, לעמײַ ער איז אליין ניט ארויסגעפאָרן צו די פאשע־פעלדער. אין דרויסן איז דאָך שטילער געוואָרן, און ער וואָלט שוין לאנג געווען דאָרט און געוווסט, וואָס ס'הערט זיך.

באגינען איז ער ארויסגעפאָרן אהין. פארבײַוועגס האָט ער פארקע־רעוועט אין „ראָסיא״. ווי נאָר ער איז צוגעפאָרן צו דער פארוואלטונג און דערזען פערעוועזשינען, האָט ער לויט זײַן פּאָנעם באמערקט, אז יענער האָט שוין באקומען א גוטע בסורע פון דאָרטן. איידער מעהודין האָט נאָך באוויזן א פרעג טאָן, האָט פערעוועזשין אין איין אָטעם אויס־געפאליעט:

— צוריק מיט פופצן מינוט איז געקומען פון די פאשע־פעלדער א שאַליעך. דאָס פי אונדזערס האָט מען געראַטעוועט.

— ווי, ווערן דערציילי...

— לייען. דער שאַליעך האָט געבראכט א פרישע צײַטונג פון דאָרט, דאָ איז אלץ אָנגעשריבן.

דאָס ארטיקל, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער נאָרוואָס געבראכ־טער צײַטונג, האָט זיך אָנגעהויבן אזוי:

„אין איינער א נאכט, ווען ס'האָט געבושעוועט א שנייִקע וויוגע, איז דעם קאָמיסאר פארעלסקין, נאָך דעם, ווי ס'איז געפאלן מיט א העלדישן טויט דער קאָמאנדיר, אויסגעקומען אופהייבן דעם באטאליאָן אין אטאקע. צוויי טעג מיט צוויי נעכט האָט ניט אופגעהערט צו האָגלען מיט קוילן. די פײַערדיקע וואנט, היגטער וועלכער ס'האָט זיך באהאלטן דער סוינע,

האָט מען געמוזט אום יעדן פּרײַז דורכברעכן. די הורבעס שניי זײַנען שוין געווען רויט פונעם בלוט, און פּאַרעלסקי האָט ניט אופגעהערט צו רופן זײַנע שלאַכטלײַט:

— פּאָרויס! נאָך מיר, פּאָרויס!

אין יענער נאַכט האָט מען אים ארויסגעטראָגן פון שלאַכטפעלד א שווער־פּאַרוואונדעטן. אין שפּיטאָל, ווו מע האָט אים אמפּוטירט א פוס, האָט ער אין היץ־פּיבער ניט אופגעהערט צו שרײַען:

— פּאָרויס! נאָך מיר, פּאָרויס!

דאָס געפיל צו רײַסן זיך שטענדיק פאָרויס איז פאַרבליבן בא אים אפן גאַנצן לעבן. איצט, אין יאָרן ארום, ליגנדיק א צוגעשמידטער צום קראַנקן־בעט, האָט דער סעקרעטאַר פון לעניִנער ראַיקאָם ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש פּאַרעלסקי זיך אופגעכאַפּט אין דער שטורעם־נאַכט און גלײַך זיך דער־מאָנט אין די פאַסטעכער און די סטאַדעס פי, וועלכע מע האָט צוריק מיט עטלעכע טעג געבראַכט צו טרײַבן אהער אף די פּאַשע־פעלדער. ניקאָלײַ איוואַנאָוויטש האָט אָנגעטאָן זײַן פּראָטעז און אופגעהויבן דעם גאַנצן ראַיאָן, קעדייַ ראַטעווען די פאַסטעכער און די טאַבונען פי — טראַקטאָ־ריסטן אף טראַקטאָרס, שאָפערן אף מאַשינעס, רײַטער — אף פערד, פוס־גייער... פּאַרעלסקי האָט מאָביליזירט אלץ און אלעמען — פּוטערס, פּעלצן, קאָלדרעס, מאַנטלען. דאָס לעצטע ביסל קאָרם האָט מען צונויפגעטראָגן, דאָס לעצטע ביסל וואַסער האָט מען אָפּגעגעבן צו אָטכײַען דאָס פי. אין די שטאַלן האָט מען ערטער געמאַכט פאַר זיי, ווי פאַר אייגענע...״

— יאָ, אָט דאָס איז א מענטש, פּאַרעלסקי! דאָס לעבן ניט געשאַנע־וועט צו ראַטעווען אונדזער גוטס!.. — האָט געזאָגט מעהודין. — כ׳וועל צופאָרן זיך פאַרנייגן פאַר אים און פאַר די מענטשן, וועלכע זײַנען גע־גאַנגען אין שטורעם־ווינט מיט אים, אלעמען איבערגעבן זיי אונדזער הארציקן האָרעפּאַשנעם דאַנק!

## 8

אפן דריטן טאָג איז דער שטורעם־ווינט אינגאַנצן אײַנגעשטילט גע־וואָרן. רונד־ארום איז געווען זוניק און װאַרעם. דער הימל איז געווען לויטער, אָן א סימען פון א וואָלקנדל. די זון האָט אזוי געבלענדט און געשײַנט, אז ס׳איז שווער געווען אפילו זיך פאָרשטעלן, אז דאָ האָט ערשט ניט לאַנג אזוי אכזאָריעסדיק געווילדעוועט דער שטורעם־ווינט. דער שניי, וועלכער האָט אויסגעשאָטן, איז זייער גיך צעגאַנגען. אין „פעלקער־פרײַנטשאַפט״ איז מען אין אלע אָפּטיילונגען ארויס צו דער ארבעט, מ׳האָט געזייט די זומער־טוועס, געגרייט דעם באָדן פאַר די דורכאַקער־קולטורן, איבערגעפלאַנצט די ביימלעך און קוסטעס, וועלכע דער שטורעם־ווינט האָט ארויסגעריסן מיט די וואָרצלען.

דעם שטעטך פון באַשטאַנעס האָט דאָס יאָר די פּאַרוואַלטונג באַשטימט פאַרגרעסערן ניט ווינציקער, ווי אין צוויי מאָל, ווײַל דער קאַנאַל האָט געשאַפן אלע באַדינגונגען פאַר א רײַכער גערעטעניש פון דער דאָזיקער ווערטפולער קולטור. לויט דער צײַט האָט מען שוין טאַקע אײַנגיכן גע־

דארפט אָנהייבן זייען די באַשטאַנעס, אָבער נאָכן אומגעריכטן שטורעם־ווינט האָט מעהודין מוירע געהאַט צו ריזיקירן, ס׳זאָלן ניט א כאַפּ טאָן קיין פראָסטלעך. נאָר צ׳זען איז אויך געווען געפערלעך, ווײַל שפּעטיקע באַשטאַנעס ווערן רײַף, ווען די קראָמען און די מערק זײַנען שוין פאַר־וואַלגערט מיט קאָוונעס און דיניעס, און זיי האָבן דאַן א העלפט די ווערט.

דער פרילינג איז געווען א פריזיקער, און מעהודינען האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז די קאָוונעס פון זײַן ווירטשאַפט זאָלן זיך באַווײַזן פריער, ווי בא אַלעמען. אָבער ווי באַשטימט מען פאַרט די צײַט, ווען מע קאָן זייען דעם באַשטאַן? ער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט זיך ווענדן צו פּערעוועראַשינס מעכאַשעף — צו הינדינען, וועט יענער געוויס זאָגן: „פרי", ווײַל ער אַליין זייט נאָך ניט און פריער פאַר אים האָט מען אין אַלע קאָלווירטן פון ראַיאָן מוירע געהאַט זייען. ווער סע האָט געפּרוווט זייען, זײַנען בא זיי די באַשטאַנעס סײַ־ווי אומגעקומען פון פראָסטלעך און פון קאַלטע טויען. און ווײַל קיין איין מאָל האָט נאָך הינדין קיין טאָעס ניט געהאַט, גלייבן אים אַלע און זײַנען זיך נויהעג אַזוי, ווי ער אייצעט. מעהודין האָט ניט אופגעהערט צו טראַכטן, וויאַזוי זשע טרעפט ער עס צו אַזוי פּינקטלעך, ווען מע קען זייען די באַשטאַנעס, וויאַזוי באַקומט זיך עס, אַז קיין בעסערע און געשמאַקערע קאָוונעס און דיניעס, ווי בא אים, זײַנען אין דער גאַנצער אומגעגנט ניט פאַראַן?

הינדינס קאָוונעס און דיניעס האָבן געהאַט איין קאָליר, ווי איין מאָ־מע וואָלט זיי געהאַט, געהערט האָבן זיי צו איין מין, געוואַקסן פון איין סאָרט זריע, וועלכע ער אַליין האָט געזאַמלט. דערפאַר האָט מען זיי רונד־אַרום גערופן „הינדינס קאָוונעס", „הינדינס דיניעס". ווען דער קאָלווירט, וווּ הינדין איז געווען פאָרזיצער, האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער פּילצוויַגיקער ווירטשאַפט „ראָסיִא", האָט הינדין אַרײַנגעבראַכט זײַן גרויסן בײַטראָג ניט נאָר אין די באַשטאַנעס, וועלכע האָבן געגעבן דער ווירטשאַפט א סאַך רעוועדע, נאָר אויך אין די מינים זריע, וועלכע ער האָט קולטיווירט און פאַרשפּרייט. פון יאָר צו יאָר האָט הינדין זיך געעלטערט, אָבער די באַשטאַנעס האָט ער קיינעם ניט איבערגעגעבן. און דעם סאָד, וויאַזוי ס׳באַקומען זיך בא אים אַזעלכע געראָטענע קאָוונעס און דיניעס, האָט קיינער ניט געקענט זיך דערוויסן. ניט דערפאַר, כאַסוועשאָלעם, ווײַל ער האָט עס אויסבאַהאַלטן און פאַר קיינעם ניט געוואָלט דעם סאָד אַנטפּלעקן. פאַרקערט, ער האָט דאַפקע געפּרוווט לערנען מענטשן, באַ־ווײַזן זיי, דערציילן, ווי ער גרייט דעם באָדן, ווי ער זייט, ווי ער פּאַסט אויף איבער די שפּראָצלינגען, ווי ער יעט, נאָר סײַווי האָבן זיך בא קיי־נעם ניט באַקומען אַזעלכע באַשטאַנעס, ווי בא אים.

— אין וואָס שטעקט פאָרט דער סאָד, וואָס בא קיינעם באַקומט זיך ניט אַזוי, ווי בא אײַך? — איז מעהודין צוגעשטאַנען צו הינדינען. — שוין וויפל יאָר, ווי איך זוך דעם שליסל צו די אויצרעס פון דער ערד, און זי האָט נאָך ביז איצט ניט אַנטפּלעקט אַלע אירע סודעס. זי באַהאַלט זיי אָפּט אויס, ווי א קאַמצן א גוויר זײַן רײַכקײַט.

— יעדערער פון אונדז זוכט דעם שליסל צו דער ערד, אמאָל גיט זיך

אים אײַן צו געפינען און אמאָל ניט, — האָט געענטפערט הינדין, — דאָס ווינטל רעדט זיך זײַנס, דאָס בלעטל און דאָס גרעזל זייערס, יעדערער האָט זיך זײַן שפּראַך, זײַנע האַוויײַעס, און מ׳דאַרף זיי קאָנען פאַרשטיין. אָפּטמאָל איז דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען מיט אײַך, אין קיין ביכער ניט פאַרשריבן, נאָר אַז מע קוקט זיך צו אַזויפיל יאָרן צו דער ערד, באַמערקט מען עפּעס. צי קען עמעצער בעסער פון אַ מאַמען איר קינד? קיינער ניט, ווײַל זי פילט עס מיט איר האַרץ... אַ קאַוונדל, אַ דיניע — דאָס איז דאָך אויך אַ קינד, וואָס ווערט געבוירן בײַ דער מאַמע־ערד. זי טראָגט עס אויס, געבוירט עס, און מיר דאַרפן עס אויספּעסטען. מײַן טאַטע, מײַן זיידע זײַנען אַ גאַנץ לעבן געווען באַשטאַנשטשיקעס, פאַרשטייט איר דאָך, וויפל זיי האָבן זיך געייסעקט מיט קאַווענעס און דיניעס. אַלץ, וואָס זיי האָבן געזען און באַמערקט, האָבן זיי מיר איבערגעגעבן. אַלע צוזאַמען האָבן מיר שוין אַ קײַמעלאָך פון העכער הונדערט פופציק יאָר, און עפּשער נאָך מער, צו טאָן מיט באַשטאַנעס, קען מען זיך פאַר אַזאַ צײַט עפּעס אויסלערנען? פאַרוואָס זײַנען בײַ מיר מער געראָטענע קאַווענעס און דיניעס, ווי בײַ אַנדערע, קען איך אײַך אַפילו ניט זאָגן. איך טו, כ׳אַרבעט, ווי דאָס האַרץ זאָגט מיר אונטער...

איצט, ווען מעהודינען איז פאַרגעשטאַנען פאַרזייען אין צווייטן מאָל אַ גרעסערן באַשטאַן, איידער פריער, איז ער ווידער אַוועק צו הינדינען — האַלטן זיך אָן אייצע, ווען אָנהייבן זייען. הינדין האָט אים אויסגעהערט, אַ קוק געגעבן אַפן הימל און געזאָגט:

— פרי... מ׳דאַרף נאָך צוּוואַרטן.

— נאָך אַ סאַך?

— דאָס ווייס איך ניט, ווען ס׳וועט קומען די צײַט, וועל איך זאָגן.

— כ׳דאַרף האָבן קאַווענעס פריִקע, שפּעט זייען — הייסט שפּעט אַראָפּנעמען.

— ס׳קענען נאָך זײַן פרעסטלעך.

— אַזוי ווי מיר זײַנען ניט זיכער, אַז זיי וועלן יאָ זײַן, קאָנען מיר ניט זײַן זיכער אַף ניט... און איך האָב ליב פּרוּוון... — האָט זיך אָפּגערופן מעהודין. — כ׳וועל צעטיילן דעם שטעטך אַף עטלעכע כאַלאָקים און כ׳וועל זייען אין עטלעכע טערמינען... דאָס, וואָס מ׳האָט ניט געקאָנט אַמאָל, קאָן מען איצט... פון פרעסטלעך און פון קאַלטע טויען קאָן מען זיך פאַרטיידיקן. מע קאָן פאַרדעקן די שפּראָצלינגען... וועל איך פּרוּוון...

## קאַפּיטל פינף

### 1

ערשט איצט, ווען צו די פאַרשיידנאַרטיקסטע מאַשינעס אַף די ראַכוועסדיקע פעלדער פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט״ איז צוגעקומען די נײַע אײַנריכטונג פאַר קינסטלעכע רעגנס, זײַנען געשאַפן געוואָרן אַלע באַדינגונגען אַף צו באַקומען אַזעלכע גערעטענישן, וועגן וועלכע מע האָט פריִער אַפילו טרוימען ניט געקענט.

די טוווּעס, באַוואָסערטע דורך קינסטלעכע רעגנס „ספּוטניק", ווי מע רופֿט זיי, האָבן גלײַך דאָס ערשטע יאָר געגעבן אַ גערעטעניש אין העכער פֿון צוויי מאָל, ווי פֿריִער — פֿינף און פֿערציק צענטנער פֿון אַ העקטאַר. קעדיי צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם דאָזיקן דערפֿאָלג און שאַפֿן באַדינגונגען, אַז די גערעטעניש זאָל נאָך מער שטײַגן, האָט מען געדאַרפֿט לייזן אַ ריי אַגראָטעכנישע פֿראַגן. אין דער ערשטער ריי האָט מען געמוזט שאַפֿן אויף די פֿעלדער אַ וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעטן זיי־פֿאַרקער. אין פֿאַרלויף פֿון דער לעצטער צײַט האָט מעהודין מיט גריצענקאָ געמאַכט אײניקע שריט אין אָט דעם געביט. אין אַלע אָפּטיילן זײַנען אײַנגעפֿירט געוואָרן ביכער, וווּ ס'זײַנען פֿאַרשריבן די „כאַראַקטערן" פֿון יעדער ערד־באַצירק, זײַנע אייגנשאַפֿטן. ס'זײַנען געשאַפֿן געוואָרן ספּעציאַליזירטע מעכאַניזירטע אָט־ריאַדן, וועלכע האָבן געהאַט אין זייער רעשוס עקסקאַוואַטאָרס, בולדאָ־זערס, סאַמאָסוואַלן.

מעהודין האָט טאָגטעגלעך אַכטונג געגעבן, אַז אַלע אַגראָטעכנישע מאָסמיטלען זאָלן אָנגעווענדט ווערן שעפֿעריש, צוגעפּאַסט צו די קאָנקרע־טע באַדינגונגען פֿון יעדער אָפּטיילונג און יעדן ערד־ביילעק. ער האָט שטרענג געפֿאָדערט, אַז מע זאָל זייען נאָר מיט קולטיווירטער, גוט דורכ־קאָנטראָלירטער זריִע. צוזאַמען מיט די אַגראָנאָמען האָט ער געזוכט נײַע און נײַע וועגן, וויאַזוי צו פֿאַרדאָפּלען די גערעטעניש פֿון יעדן שטיקל ערד.

אין איינעם פֿון די אָנגעשטרענגטע טעג, ווען מעהודין איז אַרומגעפֿאָרן מיט גריצענקאָ איבערן פֿעלד און באַטראַכט די נײַע שטיקער ערד, וועלכע מ'האָט צוגעפּאַסט צו באַוואָסערן פֿאַר טוווּעס, האָט דער הויפּט־אַגראָנאָם געזאָגט:

— ס'ווערט מיר אַלץ שווערער און שווערער צו טראָגן די לאַסט פֿון מײַנע פֿליכטן.

— וועלכע לאַסט?.. וועגן וואָס רעדט איר?

מעהודין האָט זיך, מעגלעך, אָנגעשטויסן, וואָס דער הויפּט־אַגראָנאָם וויל, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק.

— נו, די יאָרן... איר פֿאַרשטייט אַליין...

מעהודין האָט אים איבערגעשלאָגן:

— ווען ס'ווערט מיר שווער, געפֿין איך אין זיך קויכעס און גיב זיך ניט אונטער.

— און איך האָב מער קיין קויכעס ניט. וויפֿל איך האָב געקאָנט, האָב איך געאַרבעט. איך בעט אײַך זייער באַשטימען אויף מײַן אָרט אַן אַנדער מענטשן. וויפֿל איך וועל קאָנען, וועל איך אונטערהעלפֿן.

— וועמען לייגט איר פֿאָר אויף אײַער אָרט?

— מיר דאַכט זיך, אַז מײַנע פֿליכטן וואָלט מיט דערפֿאָלג אויסגעפֿילט מיראָשענקאָ.

— מיראָשענקאָ? — האָט מעהודין איבערגעפֿרעגט. — מ'דאַרף אַ טראַכט טאָן, נאָר ס'וואָלט געווען ווינטשנסווערט, מיר זאָלן מיט אײַך אײַנפֿירן כאָטש דעם זיי־פֿאַרקער.

— איך האָף, אז מיראָשענקאָ וועט אויסגעצייכנט מיך פארבײַטן. ער האָט געענדיקט דערפארונג אלס אַן אגראָנאָם פון א גרויסער אָפּטיילונג, ער איז א גוטער קענער פון זריע־זוימען. מיט גרויס דערפאָלג האָט ער אויס־געפּרוווט דעם „בעזאָסטע״־ווייץ, וועלכער האָט ארויסגעשטויסן אנדערע סאָרטן אין אונדזער קאנט.

די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן ערד־כיילעק, וועלכער איז געלעגן אין דער באוואסערונג־זאָנע.

— וואָס האָבן מיר דאָ געזייט פאראיאָרן, אלעקסאנדער לאווערענטיע־וויטש?

גריצענקאָ האָט געוווּסט, אז מעהודין געדענקט ניט ערגער פון אים, וואָס מ׳האָט געזייט אויף דער דאָזיקער ערד. דעריבער האָט ער, כיטרע אונטערשמייכלענדיק, געענטפערט אויף דער פראגע מיט א פראגע:

— איר ווילט אויספּרוּוון מײַן זיקאָרן?

— וואָסי? בא אונדז איז איצט אזויפיל ערד, אז איך קאָן פארגעסן, און איר, אלס הויפּט־אגראָנאָם, זײַט מעכוייעוו צו וויסן, וואָס מ׳האָט געזייט מיט פינף־זעקס יאָר צוריק. איז ווי קאָן איך בײַטן דעם הויפּט־אגראָנאָם? מ׳דארף עס טאָן בעהאדראָגעדיק. דער נײַער אגראָנאָם דארף זיך גוט באַ־קאנען מיט דער ארבעט.

— נו, אויב איר ווילט טאקע אויספּרוּוון מײַן זיקאָרן, בין איך אײַך גרייט צו ענטפערן: פאראיאָרן האָבן מיר געזייט דאָ וויקע־האָבער, פאר־צווייאָרן — קוקורוזע, פארדרײַיאָרן — פּראָסע.

— זעט איר, אַן אויסגעצייכנטער זיקאָרן.

— בא מיראָשענקאָן זײַנען שוין לאנג אײַנגעפּירט געוואָרן ביכער, ווו ס׳איז פארשריבן, ווען און ווו א וועלכע קולטור ס׳איז געזייט געווען.

— אָבער די ביכער פארבײַטן ניט פולקום דעם זיקאָרן. אַן אגראָנאָם דארף אלץ געדענקען...

## 2

מעהודין האָט זיך לאנג געאמפּערט און בעשום־אויפן ניט געוואָלט באפרײַען גריצענקאָן פון דער ארבעט. סאָפּקאָלסאָף האָט ער באפרידיקט זײַן ביטע מיט א טנײַ, אז ער זאָל העלפן דעם נײַעם הויפּט־אגראָנאָם מיראָשענקאָן ארײַנגיין אין קורס פון זײַנע נײַע פליכטן און זאָל אײַנייִנעם מיט אים אײַנשטעלן אַן אָרדענונג אין זיי־פּארקער. מיראָשענקאָ האָט אָנ־געהויבן ארײַנדרינגען אין אלע קלייניקײַטן פון דער פילצווײַגיקער ווירט־שאפט מיט אלע אירע זאָרגן און דײַגעס. נאָר מעהודין האָט סײַווי, פונקט ווי פריער, גאָרנישט ניט ארויסגעלאָזט פון אויג און געפונען צײַט און מעגלעכקײַט צו שענקען אויפמערקזאמקײַט די פלאנצער פון די סעדער און ווײַנגערטענער.

די מעכאניזאטאָרס האָט זיך אײַנגעגעבן צופּאסן די טראקטאָרס, אז זיי זאָלן קאָנען אופהייבן לויט אלע אגראָנאָמישע קלאָלים דעם „פּערעוואל״ פאר די פלאנטאציעס פון די ווײַנגערטענער. מיט דערפאָלג האָט מען אויך

אָנגעהויבן אָנווענדן די נײַע טעכניק באַם צוגרייטן דעם באָדן און פלאַנצן די פּרוכט־ביימער אין די סעדער. דער פּלאַן, וועלכער איז געווען אויסגע־רעכנט אויף צען יאָר, איז טאַקע אויסגעפּילט געוואָרן אין קנאַפּע דרײַ יאָר.

מעהודין האָט שוין אָנשוילעך געזען פאַר די אויגן די מעכטיקע צעט־וואַקסענע סעדער, וועלכע וועלן זיך שפּרייטן אויף לאַנגע קילאָמעטערס. זיי וועלן זיך ציִען פון פּעטראָאוויקע פאַרבײַ נײַ־עסטלאַנד, פאַרבײַ מיראָליור־באָווקא און בליזשניאיא און ווײַטער אויף דאָרעם — אַזש ביז די גרענעצן פון „ראָסיא". די ביימער וועלן שטיין באַלאָדענע מיט אַ שעפע פון פאַר־שיידענע מינים עפּל, באַרן, פלוימען, אַבריקאָסן, פערסיקעס, ווײַנשל און קאַרשן.

אָבער טייקעף זײַנען די בילדער, באַהעלטעט מיט גליק, פאַרשוווּנדן און ס׳האָבן אָנגעהויבן פּײַניקן ספקות: צי האָט ריכטיק געהאַנדלט די פאַר־וואַלטונג, ווען זי איז אײַנגעגאַנגען אויף דעם, אַז די ערד זאָל אַזויפיל יאָרן פוסטעווען, ביז די סעדער וועלן אָנהייבן געבן פּרוכטן? באַם לייזן די פראַגע האָט מען געהאַט בעדייע, אַז די ערשטע יאָרן, ביז די יונגע ביימלעך וועלן זיך צעוואַקסן, וועט מען צווישן די רייען קאָנען זייען אייניקע קולטורן און אַראָפּנעמען אוועלכע־ניט־איז געוויסע פּון דער ערד. דאָס, וואָס די ערד וועט צײַטווײַליק ניט דערגעבן, וועט זי נאָכדעם בעקייפל־קיפּלאַים אָפּצאָלן. די האכנאָסע פון דערווירטשאַפט אין די יאָרן, וואָס די ערד גיט גאָרנישט, וועט געדעקט ווערן אויף דעם כעזשבן פון די געהעכערטע געוויכטערישן אויף די באַוואָסערטע ערד־שעטאָכים — „ספּוטני־קעס". אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַר מעהודינען אַ קליינע טרייסט, סײַ ווי פאַרלירט מען דערווײַל, און מיט דעם קאָן ער ניט שאָלעם מאַכן.

די צײַט איז געגאַנגען. די ביימער זײַנען אונטערגעוואַקסן, און פאַר מעהודינען האָט זיך אַלץ שאַרפער געשטעלט די פראַגע, וויאַזוי פאַרט פאַרקירצן דעם גייטיקן טערמין, ווען די סעדער וועלן אָנהייבן געבן פּרוכטן.

ער האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַטראַכט דעם פאָרשלאָג, וואָס בלאָשטיין האָט געמאַכט: איבערפאָרמירן די ביימער און צווינגען זיי גיכער געבן אַ געוויסעניש. מעהודין האָט שוין מיט זײַנע אויגן געזען אין אייניקע פאָרגעשריטענע ווירטשאַפטן אַזעלכע „איבערפאָרמירטע" ביימער, ווי בלאָשטיין לייגט פאָר. פונדעסטוועגן האָט אים דער דאָזיקער איניען אויסגעזען פאַר אַ ריזיקאַלן.

— ווי קאָן מען עס פון אַ לעבעדיקער זאַך אַראָפּנעמען דעם קאָפּ? — האָט מעהודין אײַנגעטײַנעט מיט בלאָשטיינען. — דאָס זײַנען דאָך טויזנ־טער און טויזנטער לעבעדיקע ביימער, זיי וואַקסן שוין, זיי וועלן פריִער אָדער שפּעטער אויסוואַקסן, פאַטערן זיי צוליב אַ פּרווו — איז אַ פאַר־ברעכן.

— אין יעדער נײַער זאַך איז פאַראַן אַ געוויסע ריזיקע, אָדער מע געווינט, אָדער מ׳ווערט אָן. אין דעם פאַל דאַרף מען עס נאָר דורכפירן לויט אַלע וויסנשאַפטלעכע קלאָלים, וועט קיין ריזיקע ניט זײַן, — האָט פאַרזיכערט דער יונגער אַגראָנאָם.

— וואָס פאַר אַ געוויסעניש קאָנען געבן די איבערפאָרמירטע ביימער?

— צו אכט הונדערט און אפילע צו טויזנט צענטנער פון א העקטאר.

— איר ווייסט עס זיכער?

— איך האָב זיך אין דעם איבערצײַגט בײַ דער פּראַקטישער אַרבעט אף דער פּרוּוו־סטאַנציע. מע דאַרף נאָר זען, אַז צווישן די רייען פון די ביימער זאָל זײַן גענוג פײַכטקייט און באַגיטיקונג.

— אויב אַזוי, וועלן מיר זיך דורכפאָרן אף דער פּרוּוו־סטאַנציע און גענוי זיך דערוויסן... כ׳האָב זיך נאָר געוואָלט דורכריידן מיט מירסקין. ער איז א גרויסער פּראַקטיקער. ער וווינט אין קורמאַן און אַרבעט, דאַכט זיך, אין דערבײַיִקן קאָלווירט. כ׳וועל אים פּרוּוון אײַנלאַדן צו אונדז אַר־בעטן. דער זיידע זײַנער האָט דאָ, אין סטעפּ, פאַרפלאַנצט דעם ערשטן סאָד. ער האָט אָפּגעדינט דעם קייסער פינף און צוואַנציק יאָר און באַקומען פאַר זײַן דינסט א שטיקל ערד, אף וועלכער ער האָט פאַרפלאַנצט א פּאָר ביימלעך און עטלעכע קוסטעס ווײַנטרויבן. דער פאָטער זײַנער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט סעדערײַ און איז געווען א גרויסער באַלן צו מאַכן פאַרשיידענע פּרוּוון איבער ביימער. ווען איך בין נאָך געווען א בריגאַדיר אין קאָלווירט „סוּוערדלאָוו", האָט זיך שוין מירסקי געייסעקט אין די קאָלווירטן מיט סעדער און ווײַנגערטנער.

...מירסקי האָט געוווינט ניט ווײַט פון דער פאַרוואַלטונג אין א שטיבל, וואָס איז געווען ענלעך אף א סאַך הײַזער אין פּעטראָווקע, געבויט פון די אָרטיקע ווײַסע שטיינער און אַרומגעווײַסט, ווי אַלע דאָרפישע „מאַ־זאַנקעס". אויסגעטיילט האָט זיך זײַן הויף נאָר מיטן פּאַליסאַדניק, אין וועלכן ס׳זײַנען געוואַקסן פאַרשיידענע מינים פּרוכט־ביימער און עטלעכע נוס־ביימער, מיט שיינע קרוינען און מיט זויבער־אַרומגעווײַסטע שטאַמען. באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַליסאַדניק זײַנען געווען האַלב־קרײַזיקע, פּירקאַנ־טיקע און דרײַעקיקע בייטלעך מיט פאַרשיידנפאַרביקע בלומען.

מעהודין האָט אָן עפּן געטאָן די קאַליטקע. פון דער טיף פון הויף האָט זיך דערטראָגן א הילכיקע מיידלשע שטים. דערנעענטערנדיק זיך צו דער שטוב, האָט ער דערזען א מיידל, וואָס איז געשטאַנען לעבן א קאָרעטע מיט וואַסער, אין וועלכער ס׳זײַנען אַרומגעשווומען ווײַס־געלינקע פּוכיקע גענדזעלעך. טרײַבנדיק זיי אין שטוב אַרײַן, האָט זי געזונגען:

הולײַ, הולײַ, הולײַ, גענדזעלעך, אהיים.

דערזען מעהודינען, איז דאָס מיידל אַרײַנגעלאָפן אין שטוב אָנזאָגן, אַז ס׳גייט א גאַסט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך אָפּן שוועל באַוויזן מירסקי — א ריין־געגאָלטער און יאָמטעוודיק אויסגעפּוצטער. גאַסטפרײַנט־לעך אונטערשמייכלענדיק, האָט ער אײַנגעלאַדן מעהודינען אַרײַנגיין אין שטוב.

— ביטע, ביטע, איליא אבראַמאָוויטש, קומט אַרײַן!

— זעצט זיך, זעצט זיך, — איז מיט א בענקל אין האַנט צוגעלאָפן מירסקיס ווײַב שעווע.

טייקעף איז מיט א פעסטן סאָלדאַטישן טראָט צוגעגאַנגען צום גאַסט מירסקיס זון ליאָווע. ער האָט איבערגענומען בא דער מוטער דאָס בענקל און אוועקגעזעצט אויבנאָן באַם טיש דעם גאַסט.

— נו, איר האָט הײַנט געענדיקט דעם „פּערעוואַל"? דער טראַקטאָר איז צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט? — האָט מעהודין געפרעגט.

— יאָ, מיר האָבן געענדיקט. איך וויל אַריבערגיין אַרבעטן מיט דער נײַער טעכניק אַרום די סעדער.

שעווע האָט צוגערוקט צו מעהודינען אַ טעלער מיט געפילטע פיש, אָנגעגאָסן אַ קוסע ווײַן און געזאָגט:

— בײַסט צו, איליא אַבראַמאָוויטש.

— אַ דאַנק, איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו אײַך, דאַכט זיך, ניט אין קיין פּאַסיקער צײַט, — האָט מעהודין זיך פאַרענטפערט.

— איר זײַט געקומען צו אונדז אין דער סאַמע פּאַסיקער צײַט. שטענ־דיק, ווען איר זאָלט ניט אַרײַנגיין, זײַט איר בײַ אונדז דער אָנגעלייגט־סטער גאַסט, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע.

— וואָס זשע איז בײַ אײַך פאַר אַ יאָמטעוו? — האָט געפרעגט מעהודין.

— ווען ס'קומען געסט, איז אַ יאָמטעוו, — האָט געענטפערט שעווע.

פון שכײנישן צימער איז אַרויס דאָס מיידל, וועלכע האָט זיך פריִער געפּאָרעט אין הויף אַרום די גענדזעלעך.

— דאָס איז אונדזער פּלעמעניצע, — האָט געזאָגט שעווע. — זי האָט ניט לאַנג געענדיקט דעם זאָאָטעכניקום און מ'האָט זי געשיקט אַרבעטן אין „ראָסיִא".

— אַ שאָד, וואָס מע האָט זי ניט געשיקט צו אונדז. מיר נייטיקן זיך אין זאָאָטעכניקער. — ווענדנדיק זיך צום מיידל, האָט מעהודין געפרעגט: — דאָס האָט איר געזונגען די ליד „הולײַ, הולײַ, גענדזעלעך, אהיים"? אַמאָל, ווען כ'האָב נאָך געוווינט אין „נײַשפּראָצן", פלעגן מיר זיך אין דרעש־צײַט צונויפקלײַבן אַרום אַ סטערטע שטרוי און זינגען ביזן טאָג אַרײַן. וועלכע לידער פלעגן מיר נאָר ניט זינגען, נאָר מער פאַר אַלץ האָב איך ליב געהאַט די ליד וועגן די גענדזעלעך. כ'האָב געטרוימט פאַרפירן אין סטעפּ גענדז, נאָר ס'איז בײַ אונדז קיין וואַסער ניט געווען.

— איר מוטער האָט אויך געוווינט ניט ווײַט פון אײַער יִישעוו. זי האָט אויך ליב געהאַט די ליד וועגן די גענדזעלעך, — האָט זיך אָפּגערופן די באַלעבאָסטע.

— מיר וועלן בעטן פאַניען, זי זאָל אונדז אויסזינגען די ליד, — האָט מירסקי אַ ווונק געגעבן צו דער פּלעמעניצע. — הײַנט איז דאָך בײַ אונדז אַ יאָמטעוו.

— וואָס איז פאַרט בײַ אײַך פאַר אַ סימכע? — האָט געפרעגט מעהודין.

— הײַנט איז יעפימס געבורטסטאָג, איז לאָמיר אויסטרינקען צו ביי־סעלעך ווײַן פון זײַן ווײַנגאָרטן, — האָט געזאָגט שעווע.

כאָטש די שטימונג איז געווען אַ יאָמטעוודיקע, דאָך האָט מעהודין בײַ אַ געלעגנהײַט אַ שמועס געטאָן מיט מירסקין וועגן דעם איניען, צוליב וועלכן ער איז געקומען.

— מיר קלײַבן זיך צופאָרן אין אינסטיטוט פאַר סאַד־ און ווײַנגאָרטנער־ציכטלערײַ זיך באַקענען מיט זייערע פּרוּוון, נאָר איך האָב געוואָלט זיך פריִער דורכרעדן מיט פּראַקטיקער, — האָט מעהודין אים דערקלערט.

— מײַן פֿאָטער האָט דורכגעפֿירט א סאך פּרוּוון איבער ביימער. ער האָט ליב געהאַט מיט דעם זיך צו פֿארנעמען. פֿון דער גאנצער אומגעגנט פֿלעגן מענטשן קומען באקענען זיך מיט זײַנע פּרוּוון, אפֿילו געלערנטע האָבן זיך אינטערעסירט מיט זײַן ארבעט. איך האָב זיך אויך א ביסל פֿאַר־נומען מיט דעם. וואָס איך ווייס, וועל איך אײַך דערציילן און באווײַזן, — האָט געזאָגט מירסקי.

— זייער גוט. קומט, ביטע, ארײַן מאָרגן אינדערפֿרי אין פֿארוואלטונג... כ׳וואָלט געוואָלט, איר זאָלט אריבערגיין צו אונדז ארבעטן, — האָט פֿאַר־געלייגט מעהודין.

— איך וועל מאָרגן קומען, וועלן מיר זיך דורכריידן, — האָט מירסקי געזאָגט, ארויסבאגלייטנדיק מעהודינען.

3

די פּרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן געפֿלאנצט דעם פּרוכט־סאָד, זײַנען אופֿגעטרייסלט געוואָרן פֿון דער ידיעה, אז מ׳וועט אראָפּנעמען די „קעפּ" בא די ביימער, איבערפֿאָרמירן די קרוינען בא זיי. אייניקע האָבן אפֿילו געלאָזט א טרער. מער פֿון אלעמען האָט אײַנגעלייגט א וועלט נינע ריינדינע. אין רעשוס פֿון איר בריגאדע זײַנען געוועזן זעקס און אכציק העקטאר פּרוכט־סאָד. אכוץ פֿארשיידענע מינים פֿערסיקעס, ווײַנשל, קארשן, פֿלוימען זײַנען געוועזן פֿארפֿלאנצט אין באצירק אזעלכע ווערטפֿולע עפּל, ווי לאַנדאָנער פּעפּין, סאררי סינאפּ, ווײַסער ראָז־מארין, ארליאנער רענעט, רענעט שאמפּאנער, רענעט סימירענקאָ...

נינע האָט געציטערט איבער יעדעס ביימעלע, געהיט עס, געכאָוועט, געקעכלט, ווי אן אייגן קינד, און מיטאמאָל שנײַד אים אָפּ דעם קאָפּ! ס׳האָט איר ווײ געטאָן, ווי זי וואָלט דארפֿן שנײַדן איר אייגן פֿלייש.

— ווי קען מען עס אריבערטראָגן? ס׳זײַנען דאָך אונדזערע האָדאָוואַ־ניצעס, — האָט זי געטײַנעט צו בלאָשטיינען. — מיר האָבן אזויפֿיל קוילכעס אוועקגעלייגט, און מיט די אייגענע הענט, קען מען זאָגן, פֿאטערן דאָס, וואָס מיר האָבן געשאפֿן.

— ווער האָט אײַך געזאָגט, אז מיר וועלן עס פֿאטערן? — האָט בלאָ־שטיין זי בארויִקט. — זײַט זיכער, אז ס׳וועט אלץ דורכגיין בעשאָלעם. מיר האָבן געפֿלאנצט ניט קיין פּארק פֿון ביימער, נאָר א פּרוכט־סאָד. ער דארף אונדז געבן פּרוכטן וואָס גיכער און וואָס מער. צו דעם שטרעבן מיר, און טאָמער וועלן זײַן געוויסע פֿארלוסטן, איז אויך ניט שרעקלעך, מיר וועלן זיך באמיִען, זיי זאָלן זײַן וואָס ווייניקער. דאָס איז אָפּהענגיק אין א גרויסער מאָס פֿון אונדז.

כאָטש מע האָט זיך נאָך געאמפּערט, באהאנדלט אלזײַטיק די פֿראגע אין דער סאָד־בריגאדע, נאָר בלאָשטיין האָט זיך שוין געגרייט צו דער פֿאַרשטייענדיקער אָפּעראציע. ער האָט צוגעצויגן צו דער זאך סײַ די מע־כאניזאטאָרס פֿון די ספּעציאַליזירטע סעדער־בריגאדעס, סײַ דירעקט די

סעדערציכטלער. די אַפּעראַציע, האָט ער געוואָרנט, מוז מען דורכפירן שנעל, געניט און שטרענג אין דער פּאַסיקער צײַט, אײידער די ביימער האָבן באַוויזן אופוואַכן און די זאַפטן האָבן זיך נאָך ניט גערירט אין זיי.

פון טאָג צו טאָג האָט די זון אָנגעהויבן אַלץ מער אונטערוואַרעמען. די פאַרפאַראַרענע ערד האָט ביסלעכווײַז אָנגעהויבן לאָזן. אין סאָד איז אַלץ פּײַכטער און בלאָטיקער געוואָרן, נאָר די אַרבעט אַרום די ביימער האָט זיך אַף קיין רעגע ניט אָפּגעשטעלט. די מעכאַניזאַטאָרס האָבן מיט אַ ספּעציעל-צוגעפּאַסטן אַקער געמאַכט קאַנאַוועס צווישן די רייען צו באַוואַסערן זיי, אַרײַנפירן אין באָדן באַגיטיקונג, געגרייט אַלע באַדינגונגען פאַר מעכאַניזירן די אַרבעטס-פּראָצעסן אין סאָד.

מעהודין איז צוגעפאָרן צום יונגן סאָד מיט אײנעם אַ הויכן, גראָוואַריקן באַיאָרטן מאַנצבל, מיט אַ לאַנג מילד-שמייכלענדיק אויסגעצויגן פּאָנעם. זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער מאַשין, זיך געלאָזט גיין איבער די רייען גוט באַאַרבעטע פּרוכט-ביימער און האָבן געמיטלעך געשמועסט. דער מאַנצבל האָט, פאַרבײַגייענדיק, זיך געגריסט מיט די פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן געאַרבעט אין סאָד, אונטערגעזאָגט זיי, ווי זיך נויהעג זײַן מיט פלאַנצונגען פון פאַרשיידענע מינים פּרוכטן — מיט אַלטע, שוין גוט דערלערנטע, און נײַע, וועלכע מע דאַרף ערשט אויספּרוּוון.

פון אַ צווייטן עק סאָד איז אָנגעקומען בלאָשטיין. ער האָט גלײַך דערקענט דעם גאַסט — דאָס איז דאָך דער באַוווּסטער סעלעקציאָנער ריאַבאָוו, וועלכער האָט שוין לאַנג צוגעזאָגט קומען און אַף וועלכן מע האָט געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן.

— יאָסיף נאַומאָוויטש, — האָט איוואַן ניקאָלײַעוויטש געווענדט זיך צו בלאָשטיינען, — כ'האָב זיך שוין קימאַט באַקאַנט מיט אײַער סאָד... זייער גוט, וואָס איר האָט פאַרפלאַנצט נײַע סאָרטן פּרוכט-ביימער, וועגן וועלכע אין אַ ריי ווירטשאַפטן האָט מען נאָך קיין אַנונג ניט... אַן עמעסע קאָלעקציע פון פאַרשיידענע מינים פּרוכטן איז דאָ בײַ אײַך... געלערנטע וועלן אײַגיכן פאָרן צו אײַך לערנען זיך. ווי־אַזוי האָט איר זיי צונויפגעזאַמלט?

— פון אומעטום צוביסלעך. אייניקע סאָרטן האָבן מיר אין אונדזער אייגענעם פּיטאָמניק אויסגעכאָוועט.

— דעם פּיטאָמניק אײַערן האָב איך נאָך ניט געזען, — האָט זיך אָפּגערופן איוואַן ניקאָלײַעוויטש, — כ'זע שוין, אַז ס'וועט דאָ אין סטעפּ בײַ אײַך געשאַפן ווערן אַ סאָד אַ לאַבאָראַטאָריע, וווּ געלערנטע וועלן זיך קאָנען לערנען.

— צוליב דעם דאַרף מען נאָך אַ סאַך אַרבעטן, — האָט געזאָגט מעהודין. — ס'פעלט אונדז נאָך אַ סאַך, ס'זאָל ווערן אַ סאָד אַ לאַבאָראַטאָריע. מיר דאַרפן ניט קיין הויכע נעמען, מיר דאַרפן פּרוכטן — דאָס איז דער איקער.

— אַ סאָד וועט זײַן, דאָס איז שוין קלאָר. אַז מע האָט פאַרזעצט ביימער און גוט פאַרזעצט, וועלן זיי וואַקסן, און אַז זיי וועלן וואַקסן, וועלן זײַן פּרוכטן, — האָט באַמערקט דער סעלעקציאָנער.

ריאבאָוו האָט געגוייער גענומען פאַנאַנדערפרעגן וועגן פּיטאָמניק, גע־געבן אייצעס, ווי אַזוי איבערקרייצן אייניקע סאָרטן.

פאַרענדיקט דעם שמועס מיטן געלערנטן סעלעקציאָנער, האָט בלאָ־שטיין זיך געוואָלט אומקערן צוריק צו די סאָדציכטלער, נאָר מעהודין האָט אים פאַרהאַלטן.

— באַ אײַך איז אַלץ שוין גרייט איבערצופּאָרמירן דיביימער? — האָט ער געפרעגט.

— מיר וואַרטן אויף אַ פאַראָרדענונג, — האָט בלאָשטיין קורץ געענט־פערט.

— הײַנט וועלן מיר די פראַגע באַהאַנדלען. איוואַן ניקאָלײַעוויטש וועט בײַזײַן אויף דער זיצונג. קומט צו גיין מיט די בריגאַדירן, זאָלן קומען אויך אַנדערע סאָדציכטלער. וואָס ברייטער מיר וועלן באַהאַנדלען די פראַגע, אַלץ בעסער וועט זײַן.

— נו, וואָס זאָגט דער געלערנטער, וואָס איז געקומען צו אונדז? מע וועט אַראָפּנעמען די קעפּ באַ די ביימער? — האָבן בלאָשטיינען געפרעגט די סאָדציכטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף זייערע באַצירקן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי.

— מע וועט אונדז זאָגן וואָס צו טאָן. דערווײַל דאַרף מען אַרבעטן, ווי פריִער, — האָט בלאָשטיין געענטפערט. — הײַנט וועט מען די פראַגע באַהאַנדלען. קומט אויך צו גיין.

— זיי האָבן נאָך ניט געלעבט, אונדזערע ביימער, קיין איין מאָל ניט געבליט, אַזעלכע יונגינקע, וועט מען זיי שוין שנײַדן... — האָט זיך דער־הערט אַ קאָל.

...ריאַבאָווס אַרויסטרעטונג אויף דער זיצונג פון פאַרוואַלטונג האָט באַ־רויִקט און איבערצײַגט אַלעמען אין דער צוועקמעסיקײַט איבערצופּאָרמירן די פרוכט־ביימער. דער געלערנטער סעלעקציאָנער האָט דערציילט, אַז אין די פּרווו־סעדער פונעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט האָבן די ביימער, איי־בער וועלכע מע האָט דורכגעפירט די נייטיקע אָפּעראַציעס, געגעבן אַ געדעטעניש, און אויף די איבעריקע זײַנען אַפילו קיין סימען פון אַ פיירע ניט געווען.

— אויב איר ווילט גיכער האָבן נוצן פון אײַערע סעדער, דאַרפט איר גלײַך צוטרעטן איבערפּאָרמירן די ביימער, — האָט ריאַבאָוו פאַרענדיקט זײַן רעדע.

אַלעמען איז שוין געווען קלאָר, אַז די אָפּעראַציע איז אומפאַרמײַדלעך, פונדעסטוועגן האָט יעדער סאָדציכטלער זיך געזאָרגט פאַר זײַנע ביימ־לעך, ווי די אָפּעראַציע וועט דורכגיין.

ריאַבאָוו מיט בלאָשטיינען זײַנען נאָכמאָל געגאַנגען איבער די סעדער. זיי האָבן אויסגעפּרוווט די סאָדציכטלער, צי יענע האָבן באַהערשט די קלאָלים, ווי אַזוי אָפּצוציִען די צווײַגן, זיי זאָלן זיך ניט אָפּרײַסן פון די שטאַמען, ווי אַזוי אָנצוטאָן די גומענע רינגען אויף די ביימער, קעדיי פאַר־היטן די קאָרע פון צעשעדיקונג, ווי אַזוי אַרײַנצוקלאַפּן די פּלעקלעך, זיי זאָלן אויסהאַלטן די מאַסע, וועלכע מע וועט צו זיי צופעסטיקן מיט דראָטן אָדער מיט שטריק.

די סאָדציכטלער האָבן געוווּסט, אַז די קראַפּט פֿון אַ בוים, בײַס ער הייבט אָן געבן פּרוכטן, איז אָפּהענגיק פֿון דער אויסבילדונג פֿון זײַן קרוין. זיי האָבן גיך און געניט מיט סעדערײַ־פּאַפּ פֿאַרשמירט די פֿרישע וווּנדן פֿון דיביימער, ווען מע האָט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די „קעפּ". שטרענג אויסגעפֿילט אַלע איבעריקע קלאָלים, וואָס האָבן זיך געפּאָדערט בײַ דער אָפּעראַציע. שווער איז געווען צו קוקן אויף די פּרוכט־ביימער, וועלכע זײַנען נאָך אַ ווײַלע פֿריִער געווען שלאַנקע שיינהײַטן, און איצט האָבן זיי ראַכמאָנעסדיק אַראָפּגעלאָזן די צווײַגן, ווי אַן אונטערגעשאָסע־נער פֿויגל לאָזט אַראָפּ די פֿליגלען.

— נישקאָשע, ליבינקע, אַ ביסל וועט אויסקומען אונטערלײַדן. ס'איז ניט געפֿערלעך, טײַערינקע, — האָט געטײַנעט צו די ביימער דער סאָד־ציכטלער גריגאָרי גאָרא — אַ יונגער, פֿריילעכער יאַט מיט קאָרנבלימלדי־קע אויגן, נאָך ווען מעס טריט ניט איין מיידל גייט אויס. — מאָרגן וועלן מיר אײַך אָנפּאָיען, אונטערקאָרמענען, דאָס זונעלע וועט אײַך צוּוואַרעמען, איר וועט זיך אויספּוצן אין גרינינקע קליידעלעך, באַצירן זיך מיט די שענסטע בלימעלעך, ווי קאַלעס אויף אַ כאַסענע, און איר וועט ווערן פֿריילעכע און שענקען אונדז די בעסטע פּרוכטן.

אין אָט די אומרויִקע אָנגעשטרענגטע טעג האָט מעהודין באַזונדערס אַכטונג געגעבן אויף די סעדער. ער איז מיט בלאָשטיינען און מיט די ברי־גאַדירן יעדן טאָג געגאַנגען פֿון באַצירק צו באַצירק, און די ביימער, וועל־כע האָבן שווער איבערגעטראָגן די אָפּעראַציע, זײַנען גענומען געוואָרן אונטער אַ באַזונדערן אויפֿזיכט.

די איבערפֿאָרמירונג פֿון די קוסטעס אין די ווײַנגאָרטענער האָט ניט בײַ מעהודינען, ניט בײַ די ווײַנציכטלער ניט אַרויסגערופֿן קיין שום אומ־רו. די איבערפֿאָרמירטע קוסטעס זײַנען געשטאַנען אויף הויכע, פֿעסטע „פּיסלעך", און אַזויאַרום וועלן די ווײַנטרויבן־שטענגלעך בעסער דערוואַ־רעמט ווערן פֿון דער זון, די מאַשכיסים וועלן האָבן ווייניקער צוטריט זיי צו שעדיקן, די ווײַנטרויבן וועלן גיכער רײַף ווערן און וועלן זײַן באַ־טאַמטער.

און נאָך איין מײַלע האָבן געהאַט די איבערפֿאָרמירטע פּלאַנטאַציעס. מע וועט קאָנען גוט אויסנוצן די הײַנטצײַטיקע טעכניק, די גערעטעניש־ן וועט מען קענען אַראָפּנעמען מיט די ספּעציִעל קאָנסטרויִרטע פֿאַר די ווײַנגאָרטענער קאָמבײַנען.

פֿון טאָג צו טאָג איז אין דרויסן געוואָרן וואַרעמער, לויטערער. ס'האָט אַ שמעק געגעבן מיט פֿרילינג. עס האָבן געהילכט די פֿייגל מיט פֿריילעכע געזאַנגען. אויף די אָנגעטרונקענע מיט זאַפֿטן צווײַגן פֿון די ביימער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימאָנים פֿון קנאָספּן.

נאָך די איבערפֿאָרמירטע ביימער אין די סעדער זײַנען געשטאַנען פֿאַרקרעמפּעוועטע מיט שטריק און מיט דראָטן, און ס'האָט זיך אויסגעצו־דוכט, אַז די אופֿגעיוירטע אין דער ערד זאַפֿטן האָבן ניט אָנגעטרונקען זייערע וואָרצלען, ניט אָנגעגאָסן די שטאַמען מיט קויכעס צו וואַקסן און בליִען.

אף די אקאציע־ביימלעך און אף די טאָפּאָלן האָט מען שוין אפילע געזען בלעטלעך, נאָר די ביימער אין די סעדער זײַנען נאָך אלץ געשטאַנען נאקעטע, אָן װעלכע־ניט־איז סימאָנים פון לעבן. אזוי איז דורכגעגאַנגען קימאט א וואָך.

אין אײנעם אן אינדערפרי, ווען נינע רײנדינע איז, ווי געוויינלעך, געקומען אף איר באצירק אין סאָד, האָט זי אף די צווײַגן באמערקט קנאָספּן, וועלכע האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פאנאנדערלאָזן. זי האָט זיך געלאָזט לויפן אָנזאָגן די כאווערטעס פון איר בריגאדע די בסורע:

— מיידלעך, גיט א קוק, אף איין בוים שפּראָצן שוין בלעטלעך!

אין א מינוט ארום האָבן זיך אָפּגערופן נאָך שטימען:

— אוי, אָט זײַנען נאָך קנאָספּן! אוי, וויפל — גיט א קוק!

נינע און די מיידלעך האָבן זיך געלאָזט לויפן אָנצוזאָגן מעהודינען, וועלכער איז געקומען אין סאָד, די פריידיקע נײַס.

— איר זעט, — האָט ער מיט א פריילעך קאָל געזאָגט, — די ביימער לעבן אוף! גיט א קוק, וויפל קנאָספּן! דער גאנצער סאָד לעבט אוף! אלע ביימער זײַנען לעבעדיקע!

אין מעשעך פון עטלעכע טעג האָבן אלע ביימער אין סאָד זיך אָנגעטאָן אין בונט־גרינע בלעטער, און גאָר אינגיכן זײַנען זיי געוואָרן פארשאָטן מיט שניי־ווײַסן צוויט פון קארשן, פלוימען, בארן, אבריקאָסן, מיט העל־ראָזעווער און בלוילעך־פּיִאָלעטעווער בליִונג פון פארשיידענע מינים עפל און אנדערע פרוכטן.

אײַנגעטונקט אין בליִונג זײַנען געווען די ווײַנגערטענער.

ביז דער גערעטעניש פון די סעדער און ווײַנגערטענער איז נאָך געווען ווײַטלעך און עס זײַנען נאָך פאָרגעשטאנען ניט ווייניק ניסיוינעס, ביז די פרוכטן וועלן אויסוואקסן, נאָר מעהודין האָט שוין געטראכט, ווי אזוי אראָפּצונעמען און פארהיטן דעם גאָב פון דער נאטור, די פרוכט פון מעסירעסנעפּעשדיקער מענטשלעכער מי. אייגנטלעך, זאָרגן וועגן דעם האָט ער שוין אָנגעהויבן, ווי נאָר מע האָט גענומען פלאנצן די סעדער און ווײַנגערטענער, ווען ס'האָט זיך באוויזן די ערשטע גערעטעניש פונעם גרינוואַרג.

ער האָט ניט געקאָנט צוזען, ווי צענדליקער, הונדערטער טאָנעס אוגערקעס, באקלאזשאנעס און, באזונדערס, פּאָמידאָרן פוילן, גייען לעיִבעד נאָר דערפאר, וואָס זיי דערגייען ניט צום געברויכער, ווײַל אייניקע זאָרגלאָזע אָנפירער פון די פארגרייטונגס־פּונקטן קענען זיך ניט ספּראווען אופצונעמען זיי צו דער צײַט.

— ווי קאָן מען עס שאָלעם מאכן מיט דעם? — האָט מעהודין ניט אופגעהערט צו טײַנען אף פארזאמלונגען, זיצונגען. — בארעכנט נאָר, וויפל גוטס ס'ווערט פארפאלן, ווי קען מען עס צוקוקן? דאָס הארץ ווערט צעפּלאצט פון ווייטעק!..

ער האָט מינדלעך און שריפטלעך זיך געווענדט, וווּ ער האָט נאָר געקענט. אן ענטפער האָט ער באקומען פון אלע עדטער, וווהין ער האָט געשריבן, ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט:

„די פאַרגרייטונגס־פּונקטן וועלן אָף ווײַטער אָנעמען מיטלען און זיך סטאַרען בעסער אויסצופֿילן זייערע פליכטן... בויען איבעראַרבעטונגס־אונטערנעמונגען אין די קאָלווירטן איז ניט צוועקמעסיק".

— דאָס גרינוואַרג ווערט דאָך אַפילע געפּאַטערט בײַסן אַריבערפירן אָף די פאַרגרייטונגס־פּונקטן, — האָט מעהודין דערווידערט, — אַ סאַך צוועקמעסיקער איז קאָנסערווירן אָף די ערטער.

— ס'לוינט ניט אַרײַנלייגן מיטלען אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וואָס וועלן נאָכן סעזאָן שטיין ליידיק, — האָט מען אים דערוויזן.

מעהודין האָט זיך געאַמפּערט און מיט אַ בלײַער אין האַנט דערוויזן:

— ס'לוינט און זייער שטאַרק לוינט עס! צוליב וואָס דאַרפן מיר פירן אונדזער פּראָדוקציע אין אַלדי אויסרײַסעניש, אַז מיר קאָנען עס באַארבעטן אָף אָן אָרט. קאָסטן וועט עס ביליקער. די אוגערקעס און פּאָמידאָרן, וועלכע מיר וועלן קאָנסערווירן, וועלן זײַן פרישינקע, ערשט פון די הורדענעס און פון די קוסטעס, אין די באַנקעס וועלן זיי פאַרהיטן דעם אַראָמאַט און די וויטאַמינען. איז דען דאָס ניט וויכטיק? וואָס זשע דאַרפט איר נאָך? זייען וועלן מיר אַזעלכע סאָרטן, וועלכע זײַנען צוגעפּאַסט צום קאָנסערווירן.

— און אויסשטאַטונג ווו וועט איר קריגן, פאַכמענער? וואָס דאַרפט איר ביכלאַל אַזאַ קאָפּדרייעניש, אַזאַ שווערע זאַך נעמען אָף זיך? — האָט מען מעהודינען געפרעגט.

— ס'איז שווער. און וואָס איז גרינג? צוקוקן, ווי אונדזער האָרעוואַניע ווערט פאַרפאַלן — איז גרינג?.. גרינוואַרג זייען, יעטן און אַראָפּנעמען — איז גרינג? — האָט מעהודין געענטפערט.

אַלזײַטיק דורכגעטראַכט און באַהאַנדלט די פראַגע וועגן די איבעראַרבעטונגס־אונטערנעמונגען אָף דער פאַרוואַלטונג, זײַנען מעהודין מיטן עקאָנאָמיסט פון קאָלווירט יופען אָוועקגעפאָרן אין שטאָט באַקאַנען זיך מיט דער אַרבעט פון די קאָנסערוון־זאַוואָדן און ווײַן־זאַוואָדן. ביידע האָבן זיי געהאַט שוואַכע פאָרשטעלונגען וועגן דער נייטיקער אויסשטאַטונג, וועגן די הויצאָעס, וועלכע ס'פאָדערן זיך פאַר אַזעלכע אונטערנעמונגען, וועגן די קאַדרען, וועלכע מ'דאַרף גרייטן פאַר זיי, און וועגן אַ ריי אַנדערע טעכנישע, עקאָנאָמישע און אַדמיניסטראַטיווע פראַגן. דאָס אַלץ האָבן זיי געוואָלט אויסקלאָרן, איידער זיי וועלן זיך ווענדן אין די געהעריקע אָרגאַניזאַציעס וועגן צונויפשטעלן סמעטעס פאַר דער בויונג פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען.

...דער זאַוואָד, צו וועלכן מעהודין מיט יופען זײַנען צוגעפאָרן, האָט זיך געפונען ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן געסל אין פאָרשטאָט. דער שאָסייוועג באַם אַרײַנפאָר־טויער איז געווען צעקלאַפּט פון די לאַסטמאַשינעס, וועלכע האָבן ניט אויף אַרומצוטראָגן זיך הין און צוריק. אויפן זאַוואָדישן הויף האָבן זיך געוואַלגערט אין אַן אומאָרדענונג קעסטלעך, פעסלעך, באַנקעס און סטאַם ברוכשטיקער פון צעבראָכענער טאַרע. „נו, באַלעבאַטים", — האָט מעהודין אַ טראַכט געטאָן און באַ אַ פאַרבײַגייער געפרעגט:

— ווו קאָן מען דאָ דורכגיין צום דירעקטאָר?

— אָן דאָרטן, — האָט יענער א ווייַז געטאָן אף א גרוי מויערל, וואָס איז געשטאַנען פון דער זייַט אין הויף, — דאָרט איז די זאַוואָד־פאַרוואַלטונג.

— זייער אָנגענעם, איליא אבראַמאָוויטש, זייער אָנגענעם... קומט אריַין צו מיר אין קאבינעט, — האָט דער דירעקטאָר אייַנגעלאַדן מעהודינען און יופען. ער האָט זיך דערמאָנט, אז ווען ער האָט געארבעט אין אינדוסטריעלן אָפּטייל פון געגנטקאָם, האָט ער זיך א פּאָר מאָל געהאט באַגעגנט מיט מעהודינען.

ער האָט זיי געבעטן זעצן זיך. דער דירעקטאָר איז געווען זיכער, אז זיי זייַנען געקומען מיקויעך זייער גרינוואַרג אָדער פּרוכטן, וועלכע מע נעמט, מיסטאָמע, ניט צו אף די אופנאַם־פּונקטן, און זיי ווילן, אז דער זאַוואָד זאָל נעמען איבעראַרבעטן די פּראָדוקציע. אָבער מעהודין האָט גאָר געמאָלדן, אז געקומען איז ער מיטן הויפּט־עקאָנאָמיסט באַקענען זיך מיט דער ארבעט פון זאַוואָד.

— ביטע, מיט פאַרגעניגן וועלן מיר אייַך באַווייַזן, דערציילן און דערקלערן דאָס, וואָס אייַך אינטערעסירט, — האָט געענטפערט דער דירעקטאָר. — וואָס אינטערעסירט אייַך?

— אַלץ, — האָט מעהודין געענטפערט.

— וואָס הייסט „אַלץ”?

— פון די גרעסטע זאַכן ביז די מינדסטע קלייניקייַטן — אי די אויסשטאַטונג, אי דער זעלבסטקאָסט פון דער פּראָדוקציע, אי די קאַדרען, אי די צאָל אוגערקעס, פּאָמידאָרן און פּרוכטן, וועלכע איר ארבעט איבער, — האָט דערקלערט מעהודין.

דער דירעקטאָר האָט פאַרשטאַנען, אז געקומען זייַנען מעהודין מיט יופען ניט פּאָשעט באַקאַנען זיך מיטן זאַוואָד פון נייַגעריקייַט וועגן, אז זיי האָבן עפּעס א ציל דערבייַ. דערמאָנענדיק זיך, אז שוין דאַן, ווען ער האָט געארבעט אין געגנטקאָם, האָט מעהודין געשטעלט די פראַגע וועגן אויסבויען אייניקע אונטערנעמונגען אין קאָלווירט איבערצואַרבעטן דאָס גרינגוואַרג און די פּרוכטן, האָט ער א זאָג געטאָן:

— איך פאַרשטיי, אז געקומען זייַט איר צו אונדז מיט עפּעס א ציל?

— מיר ווילן צוטרעטן בויען בא אונדז איבעראַרבעטונגס־אונטערנעמונגען, דאַרפן מיר דאָ אויסקלאָרן אייניקע פראַגן, — האָט געענטפערט מעהודין. ער האָט זיך שוין דערמאָנט, אז ער האָט אין אינדוסטריעלן אָפּטייל פון געגנטקאָם, ווו יענער האָט דאַן געארבעט, ניט איין מאָל מיט אים געשמועסט טאַקע וועגן דעם זעלבן איניען, און זיך פאַרכאַפּט:

— די פראַגע איז שוין, אייגנטלעך, געלייזט אין די געהעריקע אינסטיטוציעס, איצט דאַרפן מיר צוטרעטן דירעקט צו דער בויונג.

— איר האָט זיך אייַערס דערשלאָגן, — האָט דער דירעקטאָר באַמערקט. — איר געדענקט דאָך, מיסטאָמע, אז מיר האָבן מיט אייַך גערעדט וועגן דעם... איך קען אייַך נאָכאַמאָל זאָגן, אז ס'איז אָן אומזין צו בויען אין קאָלווירט זאַוואָדן... מיר פאַרברייטערן פּונקט אונדזער זאַוואָד. מיר האָבן געביטן די טעכניק. אונדזערע פּראָדוציר־מעגלעכקייַטן האָבן זיך

פארגרעסערט אינצווייען, איז וואָס דאַרפט איר אַרײַנלייגן אײַער געלט און אײַסעקן זיך מיט אונטערנעמונגען, וועלכע וועלן באַ אײַך אַרבעטן אַ פּאָר כאַדאָשים, ווען מיר קענען מיט דערפאָלג אויסנוצן אײַער גרינוואַרג און אײַערע פּרוכטן?

— מיר האָבן גוט דעם איניען באַטראַכט, אונטערגעכעזשבנט, אָפּגעּ־ וויגן אַלע מעגלעכקײַטן אי פאַר, אי קעגן און באַשלאָסן, אַז מיר בויען אונטערנעמונגען, — האָט מעהודין אַנטשלאָסן געמאָלדן.

— נו, אויב די זאַך איז שוין אַ באַשלאָסענע, איז ניטאָ מער וואָס צו קקירען וועגן דעם. וואָס פאַר אַ זאַוואָד ווילט איר בויען? אויף וויפל טאָן פּראָדוקציע? וואָס פאַר אַן אויסשטאַטונג גיט מען אײַך?

— מיר טרעטן ערשט צו צום איניען, דערווײַל וועלן מיר לאָזן איין צעך אָדער איין זאַוואָד אויף איבעראַרבעטן פּאָמידאָרן און אוגערקעס, נאָר מיר דאַרפן זיך שוין צוגרייטן צו אַ גרויסער גערעטעניש פון פּרוכטן און ווײַנטרויבן. מיר דאַרפן באַקומען אויסשטאַטונג, אויסבויען געבײַדעס. קאַדרען וועלן מיר אויסשולן אייגענע.

דער דירעקטאָר האָט זיך אַ קנייטש געגעבן, איראָניש געקוקט אויף מעּ־ הודינען, אויף יופען און געזאָגט:

— איר דאַרפט, הייסט עס, נאָר אָנהייבן און ענדיקן.

— זײַט זיכער, מיר וועלן אָנהייבן און ענדיקן, — האָט מעהודין געענטּ־ פערט. — מיר קלײַבן זיך ניט בויען קיין קוסטאַר־אונטערנעמונג, מיט האַנט־אַרבעט. העַנט זײַנען באַ אונדז מיט גאָלד גלײַך. ניט פאַרגעסט, אַז די ערד־אַרבעט איז באַ אונדז אינגאַנצן מעכאַניזירט, אַפילע די קי מעלקן מיר שוין לאַנג ניט מיט די הענט. אַלע אונטערנעמונגען אונדזערע זײַנען עלעקטריפיצירט ניט ערגער, ווי אין דער שטאָטישער אינדוסטריע. אונדזער ווירטשאַפט באַקומט ענערגיע פון העכער זיבן הונדערט פופציק עלעקטראָ־באַוועגערס מיט אַ מעכטיקײַט פון זיבן טויזנט אַכט הונדערט פופציק קילאָוואַט. הייסט עס, אַז קיין ענערגאָ־באַזע פאַר די אונטערנעּ־ מונגען וועלן מיר ניט דאַרפן בויען. קיין מיטלען אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט, ווי באַ אײַך, וועלן מיר ניט דאַרפן פאַטערן. מיר רעכענען אויס, אַז אַכוץ דעם סאַמע נייטיקסטן אינזשעניער־טעכנישן פּערסאָנאַל וועט מיט דער אונטערנעמונג אָנפירן איין מענטש.

— ציקאַווע, ציקאַווע, — האָט דער דירעקטאָר מיט אַ האַלב איראָנישן טאָן אַ זאָג געטאָן. — ציקאַווע טאַקע אַ קוק טאָן, וואָס ס'וועט זיך באַ אײַך באַקומען.

— ס'מוז זיך באַקומען... — האָט מעהודין זיכער געמאָלדן. — איר האָט געענדיקט איבערבויען אײַער אונטערנעמונג? מיר האָבן געוואָלט, אַז אײַערע פאַכמענער זאָלן אונדז עפּעס אונטערזאָגן. די גערעטענישן אונדּ־ זערע וועלן וואַקסן פון יאָר צו יאָר. אַ זאַוואָד, וועלכער טויג פאַר אונדז הײַנט, וועט ניט טויגן מאָרגן.

— וויפל זשע רעכנט איר אויסאַרבעטן אויף אײַער זאַוואָד גרינסן, פּרוכטן און ווײַנטרויבן? — האָט דער דירעקטאָר זיך פאַרינטערעסירט.

— באַ אַ מיטעלער גערעטעניש וועלן מיר איבעראַרבעטן ניט ווייניּ־ קער פון דרײַ הונדערט טאָן ווײַנטרויבן אַ טאָג, פאַר אַ סעזאָן מאַכט עס

אויס א קײמעלאָן פון צען טויזנט טאָנעס, און קאָנסערװן פון אלע מינים — בא זעכצן מיליאָן באנקעס, — האָט מעהודין געענטפערט.

— אָהאָ, איר האָט זיך ברייט פארמאָסטן!

דער דירעקטאָר האָט א קװעטש געגעבן א קנאַפּקע. אין עטלעכע מינוט ארום איז ארײנגעגאנגען אין קאבינעט א הויכער מאנצבל מיט גרויסע האָרן־ברילן אף די אויגן.

— דאָס איז אונדזער הויפּט־אינזשעניער, — האָט ער פאָרגעשטעלט דעם ארײנגעקומענעם און, אָנװײַזנדיק אף מעהודינען און יופּען, צוגעגעבן, — דאָס זײַנען דער פאָרזיצער פונעם בארימטן קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט” כאווער מעהודין און דער הויפּט־עקאָנאָמיסט כאוועך יופּע. זײַט אזױפיל גוט און באקאנט זיי מיט אונדזער אונטערנעמונג.

— גוט. וואָס אינטערעסירט אײַך? — האָט דער הויפּט־אינזשעניער געפרעגט.

— מיר װעלן דאָך מיטאמאָל אלץ ניט ארומכאפּן, וואָלט עפּשער געװינט, אז אונדזער הויפּט־עקאָנאָמיסט באָריס קאָנסטאנטינאָוויטש זאָל זיך באקאנען מיט די עקאָנאָמישע פראגן, און איך װעל זיך באקאנען מיטן זאװאָד, מיט זײַן אויסשטאטונג, — האָט פאָרגעלייגט מעהודין.

— זייער גוט, — האָט דער דירעקטאָר זיך אָפּגערופן. ער האָט ארײַנגעפירט יופּען אין קאָנטאָר, געהייסן דעם עקאָנאָמיסט באקענען אים מיט אלע פראגן, וועלכע ס׳װעלן אים אינטערעסירן, נאָכדעם האָט ער צוזאמען מיטן הויפּט־אינזשעניער און מיט מעהודינען זיך געלאָזט גיין באקוקן דעם זאװאָד.

באקאנט זיך מיטן קאָנסערװן־זאװאָד, ווו מע האָט אָנגעהויבן אָנוועגדן די סאמע פאָרגעשריטענע טעכניק, האָט מעהודין מיט יופּען אין א פּאָר טעג ארום באשטימט צופאָרן אין װײַן־זאװאָד.

— דעם גאנצן אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס, אזא, ווי פון אָנפאנג איז ער בא אונדז פארטראכט געוואָרן, וועט, ווי ס׳װײַזט אויס, גלײַך ניט אײַנגעבן זיך אויסבויען, — האָט יופּע באשטימט אין וועג ארויסזאָגן מעהודינען די ספּייקעס, וועלכע האָבן אים באהערשט, — מיר דוכט, אז ס׳װאָלט אונדז עפּשער געלוינט קאָנצענטרירן אונדזער אופמערקזאמקײַט ארום איין זאװאָד. זומער־עפּל, וועלכע ווערן גיך געפּאטערט, זײַנען בא אונדז ניט קיין סאך. די װינטערדיקע סאָרטן וועלן מיר ווי־ניט־איז פארהיטן, ביז מיר וועלן זיי רעאליזירן...

— און דאָס גרינוואַרג? — האָט אים מעהודין איבערגעשלאָגן. — מיט די פּאָמידאָרן, וועלכע ווערן גיך קאליע, און מיט די אוגערקעס, וואָס װעלן מיר טאָן? — האָט מעהודין געפרעגט.

— עפּשער שאפן דערוויַיל ניט קיין גרויסן צעך צו מאכן טאָמאטן, פּאָמידאָרן־זאפט פון געזײַערטע אוגערקעס? — האָט יופּע פאָרגעלייגט.

— כ׳האָב שוין ניט איין מאָל געטראכט וועגן דעם. מ׳דאַרף גוט אויסרעכענען, וויפל דאָס וועט קאָסטן און וואָס מיר וועלן האָבן דערפון... איר ווייסט דאָך, באָריס קאָנסטאנטינאָוויטש, ניט ערגער פון מיר, אז אָן א קלאָרן כעזשבן קען מען קיין איין פראגע ניט לייזן...

יופע האָט ארויסגענומען זײַן נאָטיץ־ביכל און אָנגעהויבן כעזשבענען. געכעזשבנט האָט ער לאנג, ווידער איבערגעכעזשבנט, געראַיעט זיך אין פּאָרטפעל, וווּ ס'זײַנען געלעגן פארשיידענע האנט־ביכער. ווי ער האָט זיך ניט געפּלײַסט, האָט ער סײַווי ניט באוויזן ענדיקן זײַן כעזשבן.

די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן ווײַן־זאוואָד. באקומען א דורכ־לאָז־שײַן, זײַנען מעהודין און יופע אוועק אין דער זאוואָד־פּאַרוואַלטונג.

דער דירעקטאָר — א מיטלוווּקסיקער מאנצבל מיט ווײַסע, ווי מעליקע, אויגן, האָט, באטראכטנדיק א ווײַלע מעהודינען, א פרעג געגעבן די געסט:

— וואָס האָט איר געוואָלט?

— מיר זײַנען פון קאַלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט"... — האָט מעהו־דין זיך פאָרגעשטעלט.

— כ'פארשטיי שויך, וואָס איר ווילט. איר זײַט די טעג געווען אין קאָנסערוון־זאוואָד? — האָט דער דירעקטאָר, ניט אויסהערנדיק מעהודינען ביזן סאָף, געזאָגט. — כ'האָב געהערט, אַז איר ווילט זיך באקאנען מיט אונדזער זאוואָד. נו, ביטע, ביטע... איר ווילט די שטאָט אין דאָרף אראָפּ־ברענגען? נו, ברענגט זי אראָפּ... מיר וועלן אײַך ווײַזן אונדזער זאוואָד. קוקט, לערנט זיך. איר ווילט בא זיך אין „פעלקער־פרײַנטשאפט" מאכן ווײַן?

דאָס מאָרעשכווירעדיקע פּאָנעם פונעם דירעקטאָר איז מיטאמאָל באלעבט געוואָרן, און ער איז געוואָרן אזוי באריידעוודיק, אַז ס'איז אומעגלעך גע־ווען אים אָפּשטעלן.

— ביטע, ביטע. פון וואָס, ווילט איר, זאָלן מיר אָנהייבן? פון די צעכן?

— וואָס איר ווילט און איר געפינט פאר נייטיק, ווײַזט אונדז, — האָט געזאָגט מעהודין, — אַלץ וועט זײַן פאר אונדז באלערעוודיק און אינטע־רעסאנט.

באקענט זיך אויך מיטן ווײַן־זאוואָד — מיט דער אויסשטאטונג, מיט דער טעכנאָלאָגיע, מיט א ריי אנדערע זײַטן פונעם לעבן פון זאוואָד, זײַנען מעהודין מיט יופען אוועקגעפאָרן אהיים.

איינע פון די אכט פונקציאָנירנדיקע אין קאָלווירט בויונגס־בריגאדעס האָט טייקעף אנטוויקלט א העפטיקע ארבעט. די בולדאָזערס האָבן נאָך ניט באוויזן צוגרייטן דעם באָדן פארן קומענדיקן אינדוסטריעל־קאָלווירטישן ערשטלינג, ווי אינעם אָרטיקן שטיין־קאַריער האָט מען מיט מאשינעס אָנגעהויבן ארויסבאקומען שטיינער פארן פונדאמענט און פאר די ווענט. די סטאָליערס האָבן געמאכט פענצטער, טירן. מע האָט אָנגעגרייט באַ־צײַטנס צעמענט, געהילץ, טשוועקעס, טשערעפּיצע און אנדערע בוי־מאַ־טעריאַלן. די מויערער האָבן אָנגעטאָן די פארטעכער, גענומען די קעלנעס און די העמערלעך אין די הענט און צוגעטראָטן צו זייער ארבעט — לייגן די ווענט פון זאוואָד.

אף די רישטעוואניעס האָבן אף פײַערדיק־רויטן קומאטש געפלאַמט לאָ־זונגען: „ניט דערלאָזן קיין פארלוסטן! פאַרענדיקן די בויונג, ביז די גע־רעטעניש וועט פארטיק ווערן!" ערד־ארבעטער — אקערער און זייער זײַ־נען באצײַטנס געוואָרן פאכמענער פון אינדוסטריעלע פּראָפעסיעס, נייטי־

קע פאר די נײַע אונטערנעמונגען. מאשיניסטן — קאָמפּרעסאָרשטשיקעס, טעלפעריסטן, פילטראָווּשטשיקעס, אַפּעראַטאָרן, לאַבאָראַנטן...

ס׳איז שוין געווען אויגוסט — די גאָלדענע צײַט פון די פרוכטן און ווײַנטרויבן. אױף די פּלאַנטאַציעס האָבן געצײַטיקט שווערוואָגיקע שטענג־לעך פון סערבאַש, שאַבאַש, טשאַוס. גלײַך נאָך זיי זײַנען רײַף געוואָרן מיט די קלענערע שטענגלעך ריסלינג, אַליגאָטע, מוסקאַט, שאַשלאַ, סיל־וואַנער. מעהודין האָט אונטערגעצײַלט די בויער:

— ס׳רײַפן שוין די ווײַנטרויבן, קיין מינוט טאָרן מיר ניט פאַרשפּע־טיקן!

ער האָט אויסגעייצעט זיך מיט די אינזשעניערן־קאָנסולטאַנטן, וועלכע זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן פון שטאַטישן ווײַן־זאַוואָד, און באַפוילן אײַנ־שטעלן די מאַשינעס און די פּרעסן. אין הויפּט־קאָרפּוס האָט מען אין דרײַ רייען צעשטעלט די אויטאָמאַטן פון פּרעס־צײַג. בישכיינעס האָט מען אײַנגעאָרדנט דעם לייטונגס־פּולט.

די קאָמיסיע, וועלכע איז געקומען פון שטאָט, האָט דורכגעקאָנטראָ־לירט, ווי ס׳אַרבעט די טעכניק, און אויסגעפּרוווט די גרייטקײַט פון די נײַ־אויסגעשולטע פאַכלײַט אויסצופילן זייערע פּראָדוצירן־פונקציעס.

צום באַשטימטן טאָג איז דער זאַוואָד געלאָזט געוואָרן אין גאַנג.

באַגינען, ווען די פּעלדציכטלער, די פּיציכטלער האָבן זיך געלאָזט גיין צו זייערע אַרבעטס־ערטער, האָט אַ הילכיקער פײַף פון אַ הודאָק אָנ־געזאָגט, אַז דער ערשטער זאַוואָד אין קאָלווירט איז שוין געבוירן געוואָרן.

ווי געוויינלעך, נאָך אַ הודאָק, האָבן די אַרבעטער זיך געשטעלט אַרום זייערע מאַשינעס, אַרום די פּרעסן און אויטאָמאַטן, וועלכע דאַרפן פאַר איין וואַכטע איבעראַרבעטן צוויי הונדערט פופציק טאָן ווײַנטרויבן. און אין צען, ווו מע צעגיסט דעם ווײַן, וועלן פאַר אָט די שאָען שוין שטיין צוואַנציק טויזנט אָנגעפילטע פלעשלעך.

קעדיי צו פאַרהיטן די פּראָדוקציע פון ווײַן־זאַוואָד, האָט מען מיט גיכע טעמפּן געבויט אַ גרויסן ווײַן־קעלער מיט הילצערנע גאַלערייעס, וועלכע וועלן אַרײַנעמען אין זיך העכער צוויי טויזנט דעקאַליטער פאַרשיידענע סאָרטן ווײַן.

4

ווי גרויס ס׳איז ניט געווען די ווירטשאַפט פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט״, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אױף אַ מעהאַלעך פון העכער פינף און דרײַסיק קילאָמעטער, האָט מעהודין גאָרנישט און קיינעם קיינמאָל פון אויג ניט אַרויסגעלאָזן.

איינמאָל האָט ער באַמערקט אַ באָכערל, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען מיט נאָך צוויי יאַטן איבער די אַרומיקע דערפער און יִשוּווים אונטער־פאַרדינען בא פאַרשיידענע בוי־אַרבעטן.

צערעדט זיך מיטן באָכערל, האָט מעהודין זיך דערוווסט, אַז ער איז אַן אָרטגעבירטיקער, אַז סאָף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט דער זיידע

זײַנער, א טשעך, מיט נאָך א פּאָר פאַמיליעס פאַרלאָזן זײַן היימלאַנד און אוועקגעלאָזט זיך אהער, צו די פאַרווילדעוועטע קרימער סטעפּעס, ווו אין יענער צײַט האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן פרעמדלענדישע קאָלאָניסטן.

צי דערפאַר, וואָס דאָס באָכערל — ניקאָלײַ פרידריכאָוו שטאַמט פון די אָרטיקע דוירעסדיקע ערד־אַרבעטער, צי דערפאַר, וואָס ער איז א פּאַכמאַן, נאָר מעהודין האָט אים שוין פון אויג ניט אַרויסגעלאָזן און אַרײַנגעצויגן צו זיך אין קאָלווירט.

— לערן זיך אונטער. מענטשן, וועלכע פאַרשטייען א טאָלק אין טעכ־ניק, וועלן בא אונדז זײַן מיט גאָלד גלײַך, — האָט אים מעהודין געזאָגט. — זעסט דאָך, מיר בויען א קאָנסערוון־זאַוואָד, מיר האָבן באַשטעלט מעכטי־קע אײַז־קאַמערן, קעדיי פאַרהיטן די פּרוכטן און די ווײַנטרויבן.

אין א שטיקל צײַט אַרום האָט זיך מעהודינען אײַנגעגעבן פאַרבײַטן דעם פּרעס פון ווײַן־זאַוואָד אף א מער פּאָלקומען.

בא פרידריכאָוון איז געבוירן געוואָרן א געדאַנק אויסנוצן דעם אַלטן פּרעס אף פּראָדוצירן עפּל־זאַפט. ער האָט אים איבערקאָנסטרויִרט אין די קאָלווירטישע וואַרשטאַטן, צוגעפּאַסט צו די נײַע פּראָדוציר־צילן און איז אוועק מיט די צייכענונגען און מיט די עקאָנאָמיש־באַגרינדעטע כעזשבוי־נעס צו מעהודינען.

מעהודין האָט אים אופמערקזאַם אויסגעהערט, פאַרגעלייגט נאָכאַמאָל מיט פּאַכמענער אויספּרווון, צי ס׳באַקומט זיך טאַקע. איבערצײַגט זיך, אז ס׳איז טאַקע אזוי, האָט ער דעם אײַנפאַל באַגיטיקט:

— ס׳איז א ווערטפולע איניציאַטיוו. קיין סאַך, זע איך, וועט די זאַך ניט קאָסטן, און נוצן וועט עס אונדז ברענגען גרויסע... ניט קיין סטאַנ־דאַרטע עפּל איז בא אונדז ניט ווייניק, זיי ווערן פאַרפוילט, אין בעסטן פאַל קאָרמענען מיר מיט זיי דאָס פי. די גוטע עפּל וועלן מיר פאַרהיטן אין די אײַז־קאַמערן, זיי וועלן ליגן בא אונדז ביז פרילינג. ווען אין ער־געץ וועט שוין קימאַט ניט זײַן קיין פּרוכטן, וועלן מיר געבן פולווערטי־קע פּיירעס.

יופּע האָט אונטערגעכעזשבנט דעם רעווער פון א קילאָגראַם ניט סטאַנ־דאַרטע עפּל.

— געפונען געלט, האַ? — איז מעהודין געווען צופרידן.

— און וויפל וועט אונדז קאָסטן פאַרהיטן אין די אײַז־קאַמערן א צענט־נער פּרוכטן ביז פרילינג? — האָט פרידריכאָוו זיך פאַראינטערעסירט.

— אײַנגאַנצן א רובל מיט זעכציק קאָפּעקעס.

פרידריכאָוון איז זייער אָנגענעם געווען, וואָס איליא אַבראַמאָוויטש רעדט מיט אים ווי מיט א פּאַכמאַן, ווײַזט אַרויס אזויפל צוטרוי צו אים און צו זײַן דערפינדונג. ער האָט אין א ווינקל פון ווײַן־זאַוואָד אײַנגעאָרדנט דעם אַלטן פּרעס און איז טייקעף צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

אין א שטיקל צײַט אַרום איז מעהודין אַרײַן אינעם „פיליאַל" פון זאַ־וואָד, וועלכן פרידריכאָוו האָט געשאַפן מיט זײַנע הענט, און געזאָגט צום באָכער:

— הונדערט פופציק טאָן פּאַסטעריזירטע עפּל־זאַפט האָבן מיר שוין באַקומען...

פרידריכאָוו האָט פון פרייד אזש אונטערגעטאנצט.

— ס'איז דאָך געפונען גוטס, בעעמעס געפונענס, — האָט ער אָן אופ־הער איבערגעכאַזערט.

— אוואדע געפונענס. דאָס, וואָס עס ווערט פארפאלן — קומט אָפּ, און וואָס מע טוט אוף — קומט צו, — האָט מעהודין אין א באלערנדיקן טאָן געזאָגט.

מעהודין איז גליקלעך געווען, וואָס דאָס באָכערל, וואָס ער האָט ארויס־געריסן פון „שאבאשערײַ", פון אומוואנדערן איבער די ישוּוים נאָך גרינגע פארדינסטן, האָט זיך אזוי בארעכטיקט. ווי נאָר ס'זײַנען אָנגעקור־מען די אײַז־קאמערן, האָט ער אים ארויסגערופן און געזאָגט:

— איצט קענסטו, ניקאָלײַ וואסיליעוויטש, פארנעמען זיך דירעקט מיט דער ארבעט לויט דײַן פאך. ס'זײַנען אָנגעקומען אײַז־קאמערן, מע דארף זיי אײַנשטעלן.

— וואָס פאר א פארנעם איז בא זיי?

— מיר האָבן צוויי און דרײַסיק קאמערן, און יעדער קאמער גייט ארײַן אכציק טאָן...

— אויסגעצייכנט! — האָט זיך אָפּגערופן פרידריכאָוו.

...אינגיכן זײַנען אָנגעקומען נאָך אײַז־קאמערן, זיי זײַנען געווען א סאך מעכטיקערע ווי די ערשטע — אָף טויזנט דרײַ הונדערט טאָן יעדערע פון זיי. זייער קאָנסטרוקציע איז געווען אן אייגנפאכערע, און זיי האָבן געגעבן עקאָנאָמיע צענדליקער טויזנטער רובלען.

## 5

פרידריכאָוו איז געוואָרן הויפּט־מעכאניקער פון די אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען. די אײַז־קאמערן האָבן געארבעט מיט דער פולער אָנלאָדונג. ס'האָט אָנגעהויבן געבן פּראָדוקציע דער ווײַן־זאוואָד, וועלכער האָט אויס־געארבעט בא די דרײַסיק טויזנט פלעשער ווײַן פאר א מעסלעס. די נאָרמע פון דעם אייל־זאוואָד האָט שוין דערגרייכט מער ווי צען טאָנעס קערלעך פאר א מעסלעס. ס'איז געלאָזט געוואָרן אין גאנג די סאמע גרעסטע פון די אונטערנעמונגען — דער קאָנסערוון־זאוואָד. דאָס קליינע ווארשטאטל איבערצוארבעטן די עפּל־זאפט איז פארוואנדלט געוואָרן אין א צעך פונעם זאוואָד, נאָר סײַווי וועט דער אלטער פרעס אָף וואָס־ניט־איז ווידער אויס־גענוצט ווערן. פרידריכאָוו וועט געפינען א מעגלעכקײַט אים אָנצווענדן. ער איז אײַנגעליבט אין דער נײַער טעכניק, אין די נײַע הײַנטצײַטיקע פרעסן, אווטאָמאטן. פונדעסטוועגן הערט ער ניט אוף צו ארבעטן זײַן דערפינ־דערישער מויעך, וויזוי אויסצונוצן אויך די אלטע טעכניק אָף די אונטער־נעמונגען, זי זאָל נאָך ווי־ניט־איז דינען דעם אגראָ־אינדוסטריעלן קאָמ־פּלעקס פון „פעלקער־פרײַנטשאפט".

זײַן הארץ ווערט אָנגעפילט מיט פרייד, ווען ער גייט ארײַן אינעם גרויסן קאָנסערוון־זאוואָד, ער דערהערט די הודזשערײַ פון די עלעקטראָ־מאָטאָרן, וועלכע באוועגן די טראנספּאָרטיאָרן מיט די גלעזערנע באנקעס.

דער קאָנווייער גייט, די באַנקעס ווערן אָנגעפּילט מיט רויטע און ברוינע פּאָמידאָרן, מיט גרינע זאַפטיקע, ערשט פון די הוידינעס אראָפּגענומענע אוגערקעס. דורך די קוואַדראַטע פענצטער ווערן באַנקעס איבערגעגעבן אין ווײַטערדיקן צעך, ווו זיי ווערן סטעריליזירט און פאַרכאַסמעט. פרידריכאָוו ווייסט אויסגעצייכנט אַלע פּראָצעסן, וועלכע קומען דאָ פאָר, פונדעסטוועגן קוקט ער אויף דעם אַלץ מיט גרויסער נײַגעריקייט. די אויגן גלאַנצן פון פאַרגעניגן, וואָס אַלע טיילעכלעך און אַלע שרײַפעלעך פון די אווטאָמאַטן אַרבעטן אַזוי געהאָרכזאַם.

ער קומט אהער יעדן פרימאָרגן, גייט צו צו איזאָסאָווען — אַ באַיאָרטע, שוואַרץ־אויגיקע פרוי, וועלכע האָט ערשט ניט לאַנג פאַרביטן די שטאַל און דעם געמעלק־אַפּאַראַט אויף דער לאַבאָראַטאָריע, ווו זי אַרבעט פאַר אַ סטעריליזאַטאָר.

פרידריכאָוו ווייסט, אַז בײַ איר איז אַלץ אין אָרדענונג, פונדעסטוועגן גייט ער ניט אַוועק, ביז ער איבערצײַגט זיך ניט, אַז קיין שום שטערונגען אין דער אַרבעט וועט זי ניט האָבן.

איזאָסאָווא איז אָנגעקומען לערנען אין אַ טעכניקום פאַר שפּײַז־אינדוסטריע, קעדיי פאַרפולקומען איר נײַעם פאַך.

פון גאַנצן לאַנד שיקט מען יעפּראָסיאַ מיכײַלאָוונאַ איזאָסאָוועַן בריוו וועגן אירע קאָנסערוון. קימאַט אַלע זײַנען זיי געשריבן אין איין נוסעך: „לאָזט אַרויס וואָס מער אַזעלכע קאָנסערוון. אויב ס'איז אומעגלעך צו באַפרידיקן דעם גרויסן נאָכפרעג אויף זיי, וועלן מיר פּרוּוון ווי־ניט־איז אַליין מאַכן, נאָר שיקט אונדז צו אײַערע רעצעפּטן".

איזאָסאָוועַן איז שווער אָפּצורײַסן זיך פון איר אָנגעשטרענגטער אַרבעט דורכצורײדן זיך מיטן מעכאַניקער, פונדעסטוועגן זוכט זי אויס אַ געלעגנהײַט און רופט אים אַרײַן אַ פריש פּעקל בריוו, וואָס קומען אָן פון די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון לאַנד.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר דאָך אוואַדע אויספילן דעם פּלאַן און געבן די זעכצן מיליאָן באַנקעס קאָנסערוון פאַרן יאָר, — דערמאָנט איר פרידריכאָוו וועגן די היסכײַוועסן, וועלכע דער זאַוואָד האָט גענומען אויף זיך.

— מיר וועלן זיך סטאַרען אײַנייִנעם מיט אײַך אויספילן דעם דאָזיקן פּלאַן, — גיט אים איזאָסאָווא אָנצוהערן, אַז ער, פרידריכאָוו, איז אויך אַ מעכוטן צום געשעפט און איז ניט קיין גאַסט אויפן זאַוואָד.

בײַ אַ געלעגנהײַט האָט איזאָסאָווא דערציילט פרידריכאָוון, אַז דער לערער פון טעכניקום איבער עקאָנאָמיק האָט געלערנט זיי, אַז דער קאָסט פון רווישטאָף צוזאַמען מיטן טראַנספּאָרט דאַרף באַטרעפן זיבעציק פּראָצענט. אַזוי איז בעפּײרעש פאַרשריבן אין איר קאָנספּעקט.

— און בײַ אונדז וויפל באַטרעפן די דאָזיקע הויצאָעס? — האָט פרידריכאָוו זיך פאַרינטערעסירט.

— דרײַ און דרײַסיק פּראָצענט.

— זײַנען אונדזערע קאָנסערוון ניט נאָר געשמאַק, נאָר אויך מער ווי אויף אַ העלפט ביליקער.

— און געשמאַקער, ווײַל מיר לייגן אַרײַן די פּאָמידאָרן מיט די אוגערקעס גלײַך פון פעלד אין באַנקע.

— צוזאַמען מיט די וויטאַמינען?

— אפילו מיטן אראָמאט, מיטן רייעך. און דער זעלבסטקאָסט פון אלע אונדזערע אונטערנעמונגען און אפילו פון די אײַז־קאַמערן האָבן זיך באַרעכטיקט פאר איין יאָר, — האָט צוגעגעבן איזאָסאָווא.

6

די אָנגעפּאָיעטע מיט די ווארעמע שטראָמען פון די רעגן־מאשינעס בונט־גרינע טוועס האָבן אזוי פארפלייצט די פעלדער, אז אכוץ דעם טונקל־גרויען פאסיקל פונעם שאָסיי־וועג, וואָס איז ארומגעזוימט מיט הויכשפּיציקע טאָפּאָלן, האָט מען גאָרנישט ניט ארויסגעזען.

לינקס פון דער צווייטער זײַט שאָסיי האָבן זיך געצויגן די יונגע סעדער, וועלכע זײַנען געווען באשאָטן מיט בלענדיק־ווײַסן צוויט. ערגעץ צווישן זיי האָבן זיך פארלאָרן די אָנגעצויגענע אַף שפּאַליערן אָנצאָליקע רייען פון די ווײַנגערטנער.

די זון האָט שוין אין דעם פרילינגדיקן טאָג געבראָטן ווי אינמיטן זומער. קנײַלעכלעך רויך האָבן זיך געקנוילט פון דער באוואסערטער ערד אין דער קרישטאָל־ריינער לופט און זײַנען צעשוווּמען געוואָרן.

קאָלעסניטשענקאָ, וועלכער איז ניט לאנג געוואָרן מעהודינס פּארטרעטער, איז אין אָט דעם וואונדערלעכן פרילינגדיקן טאָג געווען באזונדערס פארהאוועט. אין אלע קלובן פון די אָפּטיילן האָט מען זיך שוין העפּטיק געגרייט צו די פײַערונגען פונעם ערשטן מײַ. מ'האָט געוואשן, צוגעקליבן, אויסגעהאנגען אַף די ווענט טראנספּאראנטן, פײַערדיק־רויטע, מיט מילכיק־ווײַסע אויסזיעס לאָזונגען, פּאָטאָ־מאָנטאזשן פון די כאָשעווע לײַט פון קאָלווירט. די ארטיסטן פון דער זעלבסטעטיקײַט האָבן רעפּעטירט, געגרייט זיך מעסאַמייעך זײַן דעם אוילעם. קאָלעסניטשענקאָ האָט געגרייט א פײַערלעכע רעדע. אים האָט זיך געוואָלט דערציילן דעם אוילעם, וויאַזוי דער יאָמטעוו גייט ארײַן אין דער פּילנאציאָנאלער מישפּאָכע פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט“. ער איז צוגעפאָרן קיין נײַ־עסטלאנד, קעדיי קריגן אייניקע פרישע פאקטן פונעם לעבן פון די עסטאָנער. דורכגעשמועסט זיך דאָרטן מיט די קאָלווירטניקעס, האָט ער זיך געלאָזט פאָרן אין זײַן היימדאָרף מיראָליובאָווקא, ווו אין קלוב האָבן אָוונט געדארפט זיך צונויפזאמלען די אָנטיילנעמער פונעם „פײַערל“, וואָס מע האָט געגרייט צום יאָמטעוו. ער האָט פאָרלויפיק געוואָלט באקענען זיך מיט זייער פּראָגראם.

צופאָרנדיק צום קלוב, האָט ער דורכן פענצטערל פון זײַן מאשין דערזען אמוראָסי טוטאָטשקינען. יענער איז געשטאנען מיט א קאָסע אפן אקסל, דאָס לײַוונטענע העמד ארויסגעלאָזט איבער די הויזן און גוטמוטיק געשמייכלט. זײַן פלאקסענע באָרד איז געווען צעפּאטלט, פונקט ווי דאן, ווען ער האָט ביז הייזעריק ווערן מיט אן אופגערעגט קאָל געשריען: „צו וואָס דארפן מיר גיין אין פאריייניקטן קאָלווירט, מיר זאָלן קיין ביסל היי ניט קאָנען אָנשנײַדן פאר דער אייגענער בעהיימע?.. לאָמיר בעסער זײַן בא זיך אליין באלעבאטים!“ איצט האָט ער געמאכט אזא מינע, ווי ער וואָלט כוי־

זעקן פון זיך אליין. קאַלעסניטשענקאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז אַמוראַסי איז געקומען אױף דער רעפּעטיציע פונעם „פּײַערל", װײַל ער װיל אַרױסטרעטן אױפן אָװנט און דערציילן, װאָס פאַר אַ טײַערע פּרײַז ער האָט געצאָלט פאַרן היי און װאָס ס'האָט געקאָסט אַלע מיראָליובאָװקער, װעלכע האָבן אים אונטערגעהאַלטן.

קאַלעסניטשענקאָ האָט קוים באַװיזן זיך באַגריסן מיט די אַרטיסטן, װי עמעצער פונעם אױלעם האָט געזאָגט:

— נו, אַלעקסאַנדער דמיטריִעװיטש, װעט זײַן בײַ אונדז אַ יאָמטעװ!...

— דאָס „פּײַערל" באַקומט זיך גוט? — האָט געפרעגט קאַלעסניטשענקאָ.

— גוט... אין סאַמע ברען פון דער רעפּעטיציע איז דאָך צו אונדז דער־גאַנגען די נײַס, — האָט, צורוקנדיק זיך צו קאַלעסניטשענקאָן, אָנגעהױבן דערציילן אַמוראַסי טוטאָטשקין. — גראָד דאַן, װען איך האָב מיט אַ ראַכ־מאָנעסדיק פּאָנעם אָנגעהױבן בעטן מעהודינען אין נאָמען פון גאַנץ מיראָ־ליובאָװקאַ מעכילע, טײַנענדיק, אַז מײַן אײגנטימערישער באַװוסטזײַן האָט מיך פאַרפירט, האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פון אונדזער הױכרײדער: „הערט די לעצטע נײַס". ביז מיר זײַנען אַרױסגעלאָפן אין דרױסן, האָט שױן דער דיקטאָר געלײענט די לעצטע װערטער פון אוקאַז: „באַלױנען מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי מעהודינען איליאַ אַבראַמאָ־װיטשן". נו, האָבן מיר שױן מער ניט רעפּעטירט, געװאָלט לױפן באַגריסן אים, האָט אײנער פון די אַרטיסטן זיך אָפּגערופן: „נאָך זעכצן מענטשן האָט מען באַלױנט... מ'װעט, מיסטאָמע, באַלד איבערכאַזערן די מיטײ־לונג".

— אָך, װעט זײַן אַ יאָמטעװ!... — האָט אַ צעראַשטער פון פרײד אױס־געשריִען קאַלעסניטשענקאָ.

דער הױכרײדער האָט פאַרהילכט זײַן שטים, איבערכאַזערנדיק עטלעכע מאָל: „הערט די לעצטע נײַס: אוקאַז פון פּרעזידיום פון אױבער־סאָװעט פון פסםר װעגן באַלױנען מיטן טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי..."

## 7

גרױס איז געװען דער יאָמטעװ, װען דער סעקרעטאַר פונעם געגנטקאָם פון פּאַרטײ האָט, לױטן אױפטראָג פונעם פּרעזידיום פון אױבער־סאָװעט, פײַערלעך איבערגעגעבן די הױכע באַלױנונגען זעכצן מענטשן פונעם קאָל־װירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט" פאַר זײער מעסירעסנעפעשדיקער אַרבעט. ניט קײן קלײנעם כײלעק אין די אױפטוען פון קאָלװירט האָט איר לאַנגיאָ־ריקער אומדערמידלעכער אָנפירער מעהודין, װעלכער איז דערהױבן גע־װאָרן צום טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי. דאָס איז געװען דער דרי־טער לענין־אָרדען, מיט װעלכן ער איז באַלױנט געװאָרן.

דער יאָמטעװ האָט זיך אַרױסגעריסן פון די װענט פון קלוב, װו ס'איז פאָרגעקומען די פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, דער אױלעם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם הױכרײדער פונעם קאָלװירטישן ראַדיאָ־קנופּ.

— קלעזמאָרים, וואָס שטייט איר? שפּילט א פריילעכס לעקאָוועד אונד־זערע העלדן, לעקאָוועד די, וואָס האָבן פּאַרדינט די ערע מיט זייער פּראַצע באַלוינט צו ווערן! — האָט עמעצער אויסגעשריִען.

ווי נאָר דער אָרקעסטער האָט א שפּיל געגעבן, האָבן מענטשן זיך פאַר־דרייט אין א וויכערדיקן קאַראַהאָד.

געטאַנצט האָבן עלטערע און יונגע, טאַטעס און מאַמעס, זין און טעכ־טער. העלער און ליכטיקער ווי אַלעמאָל האָט היינט געשײַנט אין די הײַ־זער פון פּעטראָווקע און אין אַלע אָפּטיילן פון קאָלווירט „פּעלקער־פרײַנט־שאַפט״. סערווירטע טישן זײַנען געשטאַנען מיט אַלערליי געריכטן, מיט די בעסטע ווײַנען, מיט פרישע, ווי ערשט פון די ביימער אראָפּגענומענע, עפּל, בארן, ווײַנטרויבן, וועלכע האָבן זיך פאַרהיט פון פאַראיאָרן אין די קאָלווירטישע אײַז־קאַמערן, געוואַרט אױף געסט.

ליזע האָט נאָך פון נעכטן אָנגעהויבן זיך גרייטן אופצונעמען די איי־גענע, נאָענטע, וועלכע וועלן זיך צונויפקומען אָפּמערקן איליא אבראַ־מאָוויטשעס הויכע באַלוינונג.

וויפל זי האָט ניט מאַרקירט, האָט זי ניט געקאָנט געפינען קיין ערטער פאַר אַלע געסט. אויבנאָן לעבן עליען וועט זי אוועקזעצן זײַן מאַמען, פון רעכטס — זײַן עלטערן ברודער, דעם פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אָנטייל־גענומען אין די העלדישע שלאַכטן צו באַשיצן דעם באַלאַגערטן סעוואַס־טאָפּאָל; נאָך אים וועלן זיצן די שוועסטער, די ברידער מיט זייערע מישפּאָ־כעס. אנטקעגן זיי — די וועטעראַנען פון קאָלווירט און נאָענטע פרײַנט. ליזע האָט צעשטעלט טישן אין אַלע דרײַ צימערן און אױף דער וועראַנדע, נאָר סײַווי האָט קיין ערטער פאַר אַלע געסט ניט געסטײַעט.

א טאָג מיט א נאַכט האָט מען געקאָכט און געבאַקן. צו אָוונט־צו זײַ־נען שוין אַלע טישן געווען סערווירט.

עליע און די געסט האָבן זיך אַלץ ניט אומגעקערט פון די פּײַערונגען. אױף די גאַסן האָט מען ניט אופגעהערט צו זינגען און טאַנצן.

„דער אוילעם הוליעט, הייסט עס, אַז די געסט וועלן נאָך אַזוי גיך ניט קומען״, — האָט ליזע געטראַכט.

א בלאָנד מיידעלע, וואָס איז געשלאָפן אין א ווינקעלע, האָט אַלע ווײַלע זיך אופגעכאַפּט און, רײַבנדיק די אייגלעך, געפרעגט:

— ווו איז מײַן זיידעניו?

— שלאָף, טאַניעטשקע, שלאָף, דער זיידע וועט אינגיכן קומען, — האָט ליזע באַרוּיִקט דאָס אייניקל.

פון דער פּאָטשט האָט מען אַלע ווײַלע געטראָגן טעלעגראַמעס.

שפּעטלעך אין אָוונט איז איליא אבראַמאָוויטש מיט די געסט געקומען אַהיים. ליזע האָט געוווּסט, אַז עליע וועט ניט ברעכן דעם אײַנגעשטעלטן סיידער זײַנעם — אופשטיין באַגינען און אַוועקטראָגן זיך אין פעלד, אין די סעדער, אױף די פערמעס און אונטערנעמונגען. האָט זי באַצײַטנס געפּרוּווט מיט אים אײַנטײַנען:

— כאָטש איין מאָל אין לעבן דערלויב זיך זײַן אין דער היים אַן איבע־ריקע פּאָר שאָ. דו ווייסט דאָך ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט, ניט קיין וואָך

און ניט קיין יאָמטעוו, טו עס כאָטש צוליב דײַן מאַמען, צוליב אַלע געסט, וועלכע ווילן מיט דיר אַ ביסל פאַרברענגען.

— ס'איז אומעגלעך, ליזע. אַז איך וועל עס זיך דערלויבן, וועט נאָך עמעצער אויך וועלן אַזוי טאָן. די פערמעס ווייסן ניט פון קיין יאָמטעוו, מ'דאַרף האָדעווען דאָס פי, אין דער ווירטשאַפט דאַרף זײַן אַן אָרדענונג... אונדז האָט מען באַלוינט, ניט מיר זאָלן יאָמטעווען, נאָר אַרבעטן נאָך בעסער... מאָרגן וועל איך זיך באַמיִען קומען פריִער אַף אַ פּאָר שאָ...

די געסט זײַנען נאָך געזעסן אַרום די טישן, געטרונקען ווײַן, געשמאַק צוגעביסן. איליאַ אַבראַמאָוויטש האָט אַף אַ שטיקל צײַט אָפּגעזונדערט זיך אין אַ ווינקעלע, אַרויסגענומען פון די קעשענעס די קוואַדראַט־אָנגעשניטענע פּאַפּירלעך, ווו ס'איז געווען פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט פאַרן פאַרגאַנגענעם טאָג און מיט וואָס ער דאַרף זיך פאַרנעמען מאָרגן. אין דער רעכטער קעשענע זײַנען געלעגן פּאַפּירלעך, אַף וועלכע ס'איז געווען אָנגעשריבן: „פאַריכטן אין דער דריטער אָפּטיילונג און אין דער פערטער די סקוואַזשינעס; אין דער פינפטער אָפּטיילונג בא גרינבערגן פירט מען שוואַך אַרויס די באַגיטיקונג אַף די פעלדער; אין דער זעקסטער אָפּטיילונג אויסקלאָרן דעם סיכסעך פון די בריגאַדירן וועגן דער באַמיסטיקונג (איינער פון זיי שטייט אויף פריִער און פירט אַרויס מער באַמיסטיקונג). באַמערקונג: דאָס, וואָס איינער פון די בריגאַדירן שטרעבט אַרויספירן אַפן פעלד וואָס מער באַגיטיקונגען, איז אַ פּאָזיטיווע זאַך, נאָר דאָס, וואָס ער באַגאַנוועט זײַן כאַווער, מוז מען פאַרורטיילן".

ער האָט צוגעגרייט פרישע פּאַפּירלעך און אַרײַנגעלייגט זיי אין קעשענע, דערנאָך איז ער ווידער געזעסן מיט די געסט.

גאַנצפרי, פּונקט ווי שטענדיק, האָט ער זיך אופגעכאַפּט, אײַנגעוואַשן זיך, איבערגעביסן.

— געדענק זשע, אילושע, פאַרגעס ניט קומען צו דער צײַט, — האָט אים ליזע אָנגעזאָגט, אַרויסבאַגלייטנדיק.

— כ'וועל זיך באַמיִען קומען... — האָט עליע געענטפערט.

די געסט האָבן גוט זיך אָפּגערוט, אָפּגעפרישטיקט און אָפּט געפרעגט בא דער באַלעבאָסטע:

— ער וועט גיך קומען?

— כ'מיין, אַז ער וועט זיך ניט פאַרהאַלטן. זײַן מאַמע איז דאָך דאָ, האָף איך, אַז ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן.

נאָך האַלבן טאָג האָט זיך באַוויזן עליע. ליזע האָט געשײַנט פון פרייד:

— אילושע זאָל זיך אומקערן אהיים פאַר צוועלף באַנאַכט טרעפט איין מאָל אין אַ שמיטע!

עליע האָט פאַרנומען זײַן אָרט לעבן דער מוטער. נעכטן נאָך האָט זעלדע געוואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער, נאָר פון דעם בילד, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט אַנטקעגן איר, האָט ווי אַ לעבעדיקער אַראָפּגעקוקט אַווראָם. פון האַרצוויייטעק, וואָס ער האָט ניט דערלעבט דעם נאַכעס פונעם זון, האָבן פון אירע אויגן אָן אָן אופהער געטריפט טרערן. העניע, די יינגסטע טאָכטער, וועלכע איז געזעסן לעבן איר, האָט, באַמערקנדיק, אַז זי וויינט, געזאָגט:

— וואָס וויינסטו, מאמע? מע דאַרף זיך פרייען, בא אונדז איז דאָך א סימכע.

— איך וויין דען, ס'גיסן זיך טרערן פון פרייד, — האָט די מוטער געענטפערט. — ס'פאַרדריסט מיך נאָר, וואָס דער טאַטע האָט ניט דערלעבט זען, וואָס פאַר א קאָוועד ס'האָט פאַרדינט זײַן זון.

איצט האָט זיך ארויסגעריסן פון איר מוטערלעך האַרץ דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן נעכטן.

זי האָט זיך אופגעהויבן מיט א קויסע ווײַן אין דער האַנט און שטיל גענומען ריידן:

— זון מײַנער, אַף דיר קוקט דײַן פאָטער. מיר דוכט, אז ער הערט, וועגן וואָס מיר ריידן דאָ באַם טיש, און ער ווייסט, אז זײַן זון איז געוואָרן א העלד. ער האָט דאָך ניט איין מאָל געזאָגט, אז בא דיר איז א טאַלאַנט צו דער ערד... ווען דו ביסט דאָס ערשטע מאָל ארויסגעפאָרן אין פעלד אַקערן, האָט ער געזאָגט, אז „דו מאַכסט אַף דער ערד די ערשטע פאַסיקלעך, ווי א קינד, ווען עס הייבט זיך אָן לערנען. אז דו וועסט ווי עס באַדאַרף צו זײַן זיך אויסלערנען באַאַרבעטן די ערד, וועסטו, מײַן זון, גאַנצע סטעפּעס צעאַקערן". דעם פאָטערס ווערטער זײַנען מעקויעם געוואָרן. איז זײַ געזונט, מײַן זון, מיט דײַן גרויסער מישפּאָכע „פעלקער־פרײַנטשאַפט"! לעבט אין אכדעס, ווי ברידער דאַרפן לעבן. אַרבעט, ווי ביז איצט, געטרײַ און איבערגעגעבן, זאָלן זיך מענטשן מעסאַמייעך זײַן מיט אײַערע ווײַנען און בענטשן אײַך פאַר אײַערע גוטע אופטוען. לעכאַיִם!

— לעכאַיִם, לעכאַיִם! — האָבן אַלע אויסגעשריִען.

מיט א פולן קאָס אין האַנט האָט זיך אופגעהויבן עליעס עלטערער ברודער, מאָטיע, און געזאָגט:

— די ברידער, די שוועסטער, די שוואָגערס און שוועגערנס, די גאַנצע מישפּאָכע מעהודין באַגריסט דיך!

— איליא אבראַמאָוויטש איז דער שטאָלץ פון אונדזער קאָלווירטישער מישפּאָכע, — האָט צוגעגעבן קאָלעסניטשענקאָ.

— אָן דער דאָזיקער מישפּאָכע וואָלט איך גאָרנישט ניט אופגעטאָן, — האָט געזאָגט איליא אבראַמאָוויטש. — איז לאָמיר אויסטרינקען פאַר דער מישפּאָכע פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט"!

— און פאַרן געזונט פון אַלע אונדזערע פרײַנט... — ליזע האָט באַוויזן דעם פּאַק טעלעגראַמעס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען. — אָט וויפל באַגריסונגען מיר האָבן!

מע האָט אָנגעגאָסן נײַע קויסעס, אויסגעטרונקען, צוגעביסן. ליזע האָט געלייענט די טעלעגראַמעס.

ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט אָנגעהויבן לייענען דער עלטערער זון וולאַדימיר. ער האָט געלייענט דײַטלעך, מיט געפיל. ליזע האָט, אופמערקזאַם אײַנהערנדיק זיך, פלוצעם א זאָג געטאָן:

— יאָ, יאָ, איך דערמאָן זיך, דער דאָזיקער כאַווער איז געוועזן בא אונדז מיט א דעלעגאַציע. דאָס איז פון א סיבירער סאָווירט.

אין א ווײַלע ארום, ווען וולאדימיר האָט איבערגעלייענט נאָך א פּאָר טעלעגראמעס, האָט קאַלעסניטשענקאָ באמערקט:

— די ערשטע האָט געשיקט אן אַנטיילנעמער פון דער אלטײַער דעלע־גאציע. און די צווייטע איז פון א קובאנער קאָלווירט.

ס׳זײַנען געווען טעלעגראמעס פון וויסנשאפטלעכע אנשטאלטן, סאָ־ווירטן, קאָלווירטן...

— א טעלעגראמע פון אקאדעמיקער לוקיאנענקאָ, — האָט וולאדימיר געמאָלדן: — „דעם אקאדעמיקער־פּראקטיקער מעהודינען. איך בין באגײַ־סטערט פון אײַערע גרויסע אופטוען אין געביט פון לאנדווירטשאפט. זיי גיבן א סאך שטאָף פאר וויסנשאפטלעכע אויספירן".

ווען וולאדימיר האָט געענדיקט לייענען די באגריסונגען, האָט איליא אבראמאָוויטש מיט א שמייכל געזאָגט:

— אן אקאדעמיקער, וועלכער האָט אפילו קיין הויכשול ניט געענ־דיקט... נאָר אז מע ארבעט אָפּ העכער פערציק יאָר אין פּראקטישן אוני־ווערסיטעט פון ערד־ארבעט, לערנט מען זיך עפּעס אויס... נאָר וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן וועגן דעם, וואָס ס׳איז שוין אָפּגעטאָן, מ׳דארף טראכטן, ווי צו גיין ווײַטער, אָפּשטעלן זיך אפן דערגרייכטן — הייסט שטיין אף איין אָרט.

קאָלעסניטשענקאָ האָט זיך אופגעהויבן מיט א קויסע אין האנט און פאָרגעלייגט:

— לאָמיר אויסטרינקען פאר אונדזערע נײַע דערפאָלגן!

— לעכאַים, לעכאַים! — האָבן זיך פון אלע זײַטן דערהערט שטימען.

8

מעהודין האָט ניט איין מאָל געשטעלט די פראגע פאר דער פארוואל־טונג וועגן דער נייטיקייט צוטרעטן בויען א קאָלווירטישע שטאָט, וועלכע זאָל אנטשפּרעכן אלע לעבנס־באדערפענישן פון די ארבעטער פון דעם אגראָ־אינדוסטריעלן קאָמפּלעקס.

פון טאָג צו טאָג זײַנען אלץ מער אָפּגעווישט געוואָרן פון דער ערד די כאטקעס און כאלופּקעס מיט די ליימענע דילן און שטרויענע דעכער פונעם דאָרף פעטראָווקע. ווי א זייכער זײַנען געבליבן בלויז צוויי הײַזלעך־כורוועס. רונד־ארום זײַנען אויסגעוואקסן ווײַס־שטיינערדיקע היימלעכע שטיבער, מיט גרויסע ליכטיקע פענצטער, מיט פאליסאדניקעס, מיט אנטע־נעס אף די ווײַסלעך־גרויע און טונקל־רויטע טשערעפּיצענע דעכער.

אָבער די זאוואָדן פונעם קאָלווירט האָבן געפאָדערט אלץ מער פאכמע־נער, וועלכע מ׳האָט געדארפט באזארגן מיט וווינונגען. די נײַ־אויסגעבויטע הײַזער מיט די ווײַסע ווענט, ארומגעקאנטעוועטע אפן אוקראַיִנישן שטייגער מיט שווארצע פאסן, האָבן שוין פון איין זײַט אָנגעשפּארט ביז דער אײַזנבאן־ליניע פון דער סטאנציע „אוראָזשײַנאיא", און פון דער צווייטער זײַט אוועקגעצויגן זיך ווײַטלעך אין סטעפּ ארײַן. אָבער די פראגע וועגן

בויען א שטאָטישן יישעוו איז ניט אראָפּגענומען געוואָרן פון דער טאָג־אָרדענונג.

— מ׳דאַרף בויען הײַזער ניט אויף א יאָר און ניט אויף צוויי, נאָר אויף צענדליקער יאָרן און נאָך מער, — האָט געטײַנעט מעהודין. — די ווירטשאַפט אונדזערע האָבן מיר איבערגעבויט אַזוי, אַז יעדער העקטאַר ערד, יעדע אונטערנעמונג גיט אונדז אַזויפיל האַכנאָסע, אַז מיר האָבן אַלע מעגלעכקייטן צו לעבן פּאַרמעגלעך, ווױנען אין גוטע, גרויסע, ליכטיקע דירעס מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט זײַנען שוין פאַרשוווּנדן די קאַסעס, סאָכעס, די כאַלופּקעס. אָבער די הײַזער, וועלכע מיר בויען איצט אין פּעטראָוװקע, זײַנען שוין אויך דער נעכטיקער טאָג... אונדזערע פרויען זײַנען נאָך געצוווּנגען צו שטיין אַרום די אויוונס, הייצן. מיר דאַרפן אין אונדזערע הײַזער האָבן צענטראַלע באַהייצונג, וואַסערלייטונג, קאַנאַליזאַציע, מיר דאַרפן אויסבויען וועשערײַען, בעקערײַען, א קאָמבינאַט פאַר שטייגער־באַדינונג — מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס ס׳פאַרמאָגט א הײַנטצײַטיקע סאָציאַליסטישע שטאָט.

אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט הייסע שטרײַטן און וויקוחים.

— ווי קאָן מען באַזעצן אַלע אָפּטיילן פון אונדזער קאָלווירט אין איין שטאָט, אַז די ווירטשאַפט איז צעוואָרפן אויף צענדליקער קילאָמעטערס? סײַדן מ׳וועט אויסבויען, ווי אין מאָסקווע, א מעטראָ, דאַן וועלן די מענטשן קומען צו דער צײַט אויף דער אַרבעט.

— אַלע אַכט אָפּטיילן איז דערווײַל ניט נייטיק באַזעצן אין איין שטאָט, — האָט געענטפערט מעהודין. — די שטאָט, מיין איך, וועט מען דאַרפן בויען אין פּעטראָוװקע. הויפּטזאַכלעך פאַר די היגע אײַנוווינער. אָבער נוצן זיך מיט די שטייגערישע, קולטורעלע אַנשטאַלטן וועלן אַלע. מיר וועלן לאָזן אויטאָבוסן, און דערקלײַבן זיך אַהער וועט זײַן זייער לײַכט.

— און ווי וועט זײַן מיט די בײַהויפיקע ערד־כאַלאָקים? צי דען רעכנט איר זיי אָפּשאַפן? — האָט געפרעגט גריצענקאָ. — צי דען מיינט איר, אַז אונדזער קאָלווירטניק וועט מאַסקים זײַן אַרײַנקריכן אין א שטײַג, ערגעץ אויפן דריטן אָדער פערטן שטאָק, ווען ער איז געוווינט קעסיידער צו פילן די ערד אונטער די פיס, זען זײַן ביימעלע פאַר די אויגן, און איר ווילט אים מאַכן פאַר א שטאָטישן מענטשן...

— אונדזער קאָלווירטניק איז שוין ניט אַזא, ווי ער איז געווען צוריק מיט צען אָדער אַפילע מיט פינף יאָר, — האָט זיך אַרײַנגעמישט קאָלעסניטשענקאָ. — אונדזער קאָלווירטניק האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די מאַשינעס, אויף וועלכע ער אַרבעט, פּונקט ווי דער שטאָטישער מענטש.

— צו די מאַשינעס האָט ער זיך צוגעוווינט, אָבער פון דער ערד האָט ער זיך ניט אָפּגעוווינט, — האָט ווידער זיך אָפּגערופן גריצענקאָ. — וויפל ער זאָל ניט אַרבעטן אין קאָלווירטישן סאָד, וויל ער אין דער היים האָבן א פאַליסאַדניק, א פּאָר פּרוכט־ביימער און אין דער פרײַער צײַט פּאָרען זיך אַרום זיי.

— ווער עס וויל האָבן א פּאַליסאַדניק, קען בלײַבן אין פּעטראָוװקע, — האָט אים איבערגעשלאָגן מעהודין. — און זאָל ער זיך לעבן געזונטערהייט און פאַרען זיך אין זײַן פּאַליסאַדניק.

— פאַרוואָס קען ער ניט לעבן אין שטאָט מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און האָבן א שטיקעלע ערד מיט א פּאָר פּרוכט־ביימער? — האָט געפרעגט גריצענקאָ. — פאַרוואָס זאָל, לאָמיר זאָגן, א טראַקטאָריסט, קאָמבײַנער אָדער א מענטש פון אן אנדער פּראָפעסיע ניט קענען נאָך דער ארבעט איי־סעקן זיך בא זיך אין פּאַליסאַדניק, אויב ס׳פאַרשאַפט אים, אַכוץ אַלעמען, א פאַרגעניגן?

— איך מיין, אז איר שאַצט איבער, אַלעקסאַנדער לאַווּרענטיעוויטש, די אייגנטימערישע פּסיכאָלאָגיע פון אונדזערע קאָלווירטניקעס. אַזעלכע נעי־טיִעס קענען זײַן עפּשער נאָר בא דעם עלטערן דאָר ערד־אַרבעטער, אָבער די יוגנט, אז זי קומט אהיים, וויל זי זיך אָפּרוען, פאַרווײַלן זיך... אונדז איז טײַער יעדעס שטיקל ערד, און צעברעקלען העקטאַרן אף בײַהויפיקע סעדלעך האָט קיין זין ניט, — האָט אים געענטפערט מעהודין.

— ס׳איז א פאַלשער שטאַנדפּונקט! — האָט גריצענקאָ אויסגעשריִען. — פאַרוואָס דאַרף מען בויען פילשטאָקיקע הײַזער, אז מע קען בויען איינ־שטאָקיקע שטיבער פאַר יעדער מישפּאָכע מיט ניט קיין גרויסע סעדלעך, וועלכע זאָלן באַצירן די הויפן... כ׳האָב געהערט, אז אין די צוויי אַגראָ־שטעט, וועלכע מ׳האָט אַמאָל פּלאַנירט צו בויען, זײַנען געווען פאַרויסגע־זען בײַהויפיקע ערד־כאַלאָקים פאַר ניט קיין גרויסע סעדער.

— דאָס איז דאָך געווען אַמאָל, קימאַט צוריק מיט צוואַנציק יאָר, דאַן זײַנען נאָך בא די קאָלווירטניקעס געווען אינדיווידועלע בעהיימעס, — האָט דערמאָנט מעהודין. — נאָר ווי איר ווייסט, אַלעקסאַנדער לאַווּרענטיעוויטש, האָבן בא אונדז די קאָלווירטניקעס אַליין געבעטן, מיר זאָלן צונעמען בא זיי די בעהיימעס, ווײַל זיי קריגן אָן שום טירכע מילכיקס, וויפל זיי דאַרפן.

...דער וויקועך מיט גריצענקאָן וועגן די בײַהויפיקע סעדלעך האָט זיך פאַרצויגן. כוץ דעם, האָבן פון אַלע זײַטן זיך געשאָטן פראַגן:

— פאַר וויפל צײַט וועט מען זי אויסבויען, די שטאָט? צי וועט דאַרפן יעדערער, וועלכער וועט באַקומען א דירע, אויסצאָלן זי? צי וועט מען דאַרפן צאָלן דירע־געלט?..

— און וויאַזוי וועט הייסן די שטאָט? צי זײַנען שוין דאָ אַזעלכע שטעט? צי וועלן זײַן אין די דירעס אויוונס, וווּ מ׳זאָל קענען באַקן ברויט? צי וועלן זײַן קעלערס?

— יאָ, יאָ, ס׳איז טאַקע א וויכטיקע פראַגע, ווײַל די בעקערײַ וועט קיינמאָל ניט אויסבאַקן אַזאַ ברויט, ווי אין דער היים אפן פּאָד, — האָט זיך דערהערט א שטים.

די זיצונג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פראַגן האָבן ניט אופגעהערט צו שיטן זיך און שיטן...

ווען די פאַרוואַלטונג האָט ענדגילטיק אָנגענומען א באַשלוס צו בויען די שטאָט און די אידיי האָט באַקומען אין די אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס אַן אַלזײַטיקע אונטערשטיצונג, איז מען צוגעטראָטן צוצופשטעלן די פּלע־נער און די סמעטעס. ווען זיי זײַנען באַשטעטיקט געוואָרן, זײַנען קיין

פעטראָוקע פון מאָסקווע און לענינגראַד אראָפּגעקומען אָנגעזעענע ארכיטעקטאָרס.

די פאַרוואַלטונג האָט באַצײַטנס אָנגעהויבן זאָרגן וועגן באַוואָרענען גוטע קאַדרען און די נייטיקע מאַטעריאַלן פאַר דער בויונג. די אכט בוי־בריגאַדעס, וועלכע מ׳האָט אויסגעטיילט, האָבן פאַרמאָגט א גענוגנדיקע צאָל בולדאָזערס, עקסקאַוואַטאָרס, טורעמדיקע הייבקראַנען, סאַמאָסוואַלן, גראָב־מאַשינעס, נאָר פאַרווירקלעכן די גרויסע אויפגאַבע — אויסבויען די שטאָט מיטן גאַנצן אַנסאַמבל פון די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע געבײַען זײַנען אַליין די בריגאַדעס געווען ניט בעקויעך. ס׳האָט זיך געפאָדערט א ספּעציעלע בוי־אָרגאַניזאַציע. און אָט איז א באַוועגלעכע מעכאַניזירטע קאָלאָנע פונעם באַוווּסטן טרעסט „סעוואַסטאָפּאָלסטראָי” אָנגעקומען קיין פּעטראָוקע. זי האָט פאַרנומען איר „פּאָזיציע” אויפן דאָרעמדיקן ברעג פונעם יישעוו, באַם וועג, וואָס פירט צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע „אוראָזשײַנאַיאַ”. דאָ זײַנען טייקעף אויסגעוואַקסן וואַגאָנדלעך און ברעזענטענע בײַדלעך, וווּ ס׳האָבן זיך אײַנגעאָרדנט די בויער. זיי האָבן געדאַרפט בויען אַף א שעטעך פון דרײַ און פופציק העקטאַר.

צוויי מיקראָראַיאָנען וועלן פאַרייניקט ווערן מיטן אַדמיניסטראַטיוו־געזעלשאַפטלעכן צענטער פון דער שטאָט, מיטן גרויסן פּאַרק, מיט די ספּאָרט־געבײַדעס, מיטן פאָנטאַן און סקווער, הינטער וועלכן עס וועט זײַן א סטאַדיאָן אַף אכט טויזנט ערטער, עס וועט אויך זײַן א פּלאַץ, וווּ ס׳וועלן פאַרפלאַנצט ווערן פינף און דרײַסיק טויזנטביימער און קוסטעס.

...אַף מאָרגן באַגינען, ווען מעהודין איז אַרויס צו זיך אין הויף, ווו ס׳האָט שוין אַף אים געוואַרט זײַן שאָפער, האָט זיך דערהערט אַזא גערויש מיט א קלאַפּערײַ, אַז דער שטילער פרימאָרגן איז פאַרטויבט געוואָרן.

דערזען די עקסקאַוואַטאָרס און בולדאָזערס, וועלכע האָבן מיט די לאַנגע אײַזערנע שנאָבלען אַרומגעשאַרט אין דער לופט, האָט זיך פון פרייד אַרויסגעריסן בא מעהודינען א געשריי:

— זעסט, גיב א קוק! די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן בויען!

דער שוואַרצערדיקער באָדן פון דעם בוי־שעטעך, וועלכער איז ערשט נעכטן געלעגן א רויִקער, איז איצט געוואָרן צעטרייסלט, צעראָיעט, צעגראָבן, שווער געווען צו גלייבן, אַז עס האָבן דאָ ערשט נעכטן געגרינט גרעזעלעך, געבליט בלימלעך, אַז ס׳זײַנען געוואַקסן טווועס און ס׳האָבן געקאָנט וואַקסן סעדער און ווײַנגערטענער. א רעגע האָט מעהודינען אפילע פאַרדראָסן, וואָס אָט די ערד, וואָס איז באַרופן צו בליִען און ברענגען פּרוכטן, וועט אַף שטענדיק פאַרקאָוועט ווערן אין שטיינער. נאָר סײַווי וועט זי דאָך ברענגען פרייד און גליק אירע הערשער — די מענטשן.

— נו, באַלעבאָס, דעם ערשטן קאָווש ערד, וועלכן כ׳האָב אויפגעהויבן פאַר אײַער שטאָט, וואָלט מען באַדאַרפט באַנעצן, — האָט מיט א ווויליונגערישן טאָן זיך אָנגערופן צו מעהודינען א באָכער אין א ברעזענטענעם רעקל, מיט א הערלם אַפן קאָפּ. — פאַרשרײַבט, אַז דעם ערשטן קאָווש ערד האָט אויפגעהויבן גריגאָרי בולאַש פון דער מעכאַניזירטער קאָלאָנע נומער 40 פון „סעוואַסטאָפּאָלסטראָי”.

— גוט, מיר וועלן עס געדענקען, דער כויוו, וועלכער קומט פון אונדז, וועט געדעקט ווערן, — האָט מעהודין אין זעלבן טאָן געענטפערט. — קיין באַלכויוועס זײַנען מיר נאָך קיינמאָל ניט געבליבן.

— אָבער איך זע, אַז איר ווילט זיך אויסדרייען פון די הונדערט גראַם, — האָט דער באַכער פאַרגעזעצט וויצלען זיך.

אונטערהינקענדיק אַ ביסל, איז אָנגעקומען דער פראָראַב מיט אַ פּלאַנשעט אין האַנט. ווענדנדיק זיך צו מעהודינען, האָט ער אַ פרעג געגעבן:

— דאָס זײַט איר דער פאַרזיצער פון קאָלווירט?

— איך... נו, וואָס הערט זיך דאָ בײַ אײַך?.. וויפל אַרבעטער זײַנען אָנגעקומען?

— פיר הונדערט מענטשן. דאָס איז דערווײַל. ווען די בויונג וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען, וועלן אָנקומען נאָך.

דער פּראָראַב האָט אַרויסגענומען פון פּלאַנשעט אַן אָנגעצייכנטע קאַרטע און, טײַטלענדיק איבער איר מיטן פינגער, געזאָגט:

— מיר דאַרפן באַדעקן אין אָט דעם אָרט באַ פופציק טויזנט קוואַדראַטע מעטער מיט אַספאַלט. — ער האָט אַריבערגעפירט דעם פינגער ווײַטער: — און אָט דאָ וועלן מיר דאַרפן דורכפירן ניט קיין גרויסע אײַזנבאַן־צווײַג, וועלכע וועט אונדז געבן די מעגלעכקײַט גיכער צושטעלן בוי־מאַטעריאַלן... ביז די בויונג גייט, דאַרף מען שוין צוטרעטן פלאַנצןביימער און קוסטעס, קעדיי באַגרינען די שטאָט.

9

טאָג און נאַכט האָט ניט אויפגעהערט צו הודזשען אויף דעם בוי־פּלאַץ פון דער קומענדיקער שטאָט. די אײַזערנע שנאָבלען פון די הייבקראַנען האָבן אָן אויפהער, ווי פויגלען צו זייערע נעסטן, געטראָגן בעטאָן, ציגל, צעמענט און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן.

די שטאָט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דער גאַנצער בוי־פּלאַץ איז שוין געלעגן פאַרקאָוועט אין בעטאָן, אין שטיינער. די ערד — אויסגעבררוקירט.

פון דעם געדאַנק, אַז אין די פילשטאָקיקע הײַזער, וועלכע הייבן זיך אויף פאַר זײַנע אויגן, וועלן וווינען ערד־אַרבעטער, וועמעס טאַטעס, זיידעס און אורזיידעס האָבן יאָרהונדערטער זיך אויסגעוואַלגערט אין פינצטערע, פאַרכוישעכטע כאַטקעס־מאַזאַנקעס מיט צעפוילטע סטריכעס, ווערט מעהור־דינס האַרץ אָנגעפילט מיט אַזאַ פרייד, אַז ער איז גרייט אַרומנעמען יעדן שטיין, וועלכער לייגט זיך אין די ווענט פון די הײַזער.

מעהודין ווייסט, אַז די ערד וועט סײַווי בליִען, ווײַל די אײַנוווינער פון דער שטאָט — די פעלדציכטלער, די פיציכטלער, די ווײַנגאַרטנער, די סאָדציכטלער, אַלע די, וואָס כאָווען מיט זייער שוויס די פרוכטן פון דער ערד, וועלן, ווי בינען אין די בינשטאָקן, אַרײַנטראָגן אין איר דעם פּראַכט פון צעבליטע סעדער, פעלדער און דעם שימער פון אַלע רעגנבויגנדיקע קאָלירן פון זייער שיינקײַט.

איליא אבראַמאָוויטש האָט מיטן בליק געפּרוווט ארומכאַפּן די גאַסן און פּלעצער, וואָס דאַרפן לויטן פּלאַן ארומגעזוימט ווערן מיט אַ סאַךביימער און קוסטעס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי די יונגע ביימער וועלן, צע־וואַקסנדיק זיך, צונויפגיסן זיך מיט די פריער פאַרזעצטע טאָפּאָלן, די „דאָ־זאַרן" בײַ די וועגן, דאַן וועט די שטאָט בעעמעס ווערן אַ שטאָט — אַ סאָד.

פאַרכאַפּט מיטן קאָכיקן געווימל פון דער בויונג, האָט ער ניט באַ־מערקט, ווי ס'איז צוגעגאַנגען קאָלעסניטשענקאָ. איידער מעהודין האָט באַ־וויזן אים אַ פרעג טאָן, ווי געוויינלעך, ווו ער איז געווען הײַנט און וואָס ס'טוט זיך דאָרטן, האָט קאָלעסניטשענקאָ באַוויזן אים אַ שיין ארויסגעגע־בענע בראָשור. מעהודין האָט איבערגעלייענט: „אַ רײַזע קיין פּססר".

איליא אבראַמאָוויטש האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צוליב וואָס האָט ער געבראַכט די בראָשור און פאַרוואָס איז קאָלעסניטשענקאָס פּאָנעם אַזוי שײַנענדיק. אָבער גלײַך ווי ער האָט איבערגעלייענט, אַז דער שוועדישער פּרעמיער־מיניסטער טאַגע ערלאַנדער האָט בײַס זײַן רײַזע איבער קרים זיך אָפּגעשטעלט אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט", האָט מעהודין שוין גוט געוווּסט, וועגן וואָס ס'גייט אַ רייד.

— יאָ, יאָ, דער שוועדישער פּרעמיער פאַרשטייט אַ טאָלק אין ערד־ארבעט, — האָט מעהודין זיך אָפּגערופן. — איך האָב געוואָלט בײַ אים און בײַ זײַן סוויטע, וועלכע האָט אים באַגלייט, עפּעס דערוויסן זיך נײַס וועגן זייער לאַנדווירטשאַפט, נאָר זיי האָבן מיך אליין באַשאָטן מיט פראַגן.

— עמעס, אין דער בראָשור ווערן געבראַכט די פראַגן, וועלכע זיי האָבן אײַך פאַרגעבן, און אײַערע ענטפערס. צוויי הונדערט טראַקטאָרס, שרײַבן זיי, באַארבעטן די פעלדער פון „פעלקער־פרײַנטשאַפט"...

— ס'איז שוין דאָך דורכגעגאַנגען אַ סאַך צײַט, זינט איך האָב געשמו־עסט מיטן פּרעמיער, — האָט מעהודין באַמערקט. — מיר האָבן שוין באַוויזן צו פאַרדאָפּלען די טעכניק פון אונדזער ווירטשאַפט. דאַן זײַנען נאָך ניט געווען מעכאַניזירט בײַ אונדז אַלע ארבעטס־פּראָצעסן. דער טראַקטאָר־פּאַרק האָט זיך פאַר דער צײַט פאַרגרעסערט קימאַט אינצווייען.

— הערט, וואָס זיי שרײַבן נאָך, — האָט קאָלעסניטשענקאָ געלייענט: — „פון די אָרטיקע ווײַנטרויבן ווערן יערלעך ארויסגעארבעט אין קאָלוויר־טישן ווײַן־זאַוואָד אַזאַ צאָל פרעכטיקע טרוקענע ווײַנען, אַז לויט דער מיי־נונג פונעם קאָרעספּאָנדענט פון „סטאָלגאָליטינגען" כ. בערקערגענען, וואָלטן זיי געקאָנט באַפרידיקן גאַנץ שוועדן אָף צו פײַערן אַ באַליביקן נאַציאָנאַלן יאָמטעוו, — אכט מיליאָן פלעשער".

מעהודין האָט אַ שמייכל געטאָן.

— קאָנען מיר, הייסט עס, אַ גאַנצע מעלוכע פריילעך מאַכן. נו, און וועגן די שמועסן, וועלכע מיר האָבן געהאַט מיקויעך די געװערעטעטעניש פון טוועס, איז אין דער בראָשור עפּעס פאַראַן?

— פאַראַן, וועגן אַלץ, וואָס איר האָט גערעדט מיט אים, איז פאַראַן.

— און, מיסטאָמע, וועגן דעם, וועגן וואָס מיר האָבן ניט גערעדט אויך... — האָט מעהודין צוגעגעבן.

קאָלעסניטשענקאָ האָט איבערגעבלעטערט אַ פּאָר בלעטלעך און אָנגעהויבן לייענען:

„ערלאנדער: וועלכע גערעטענישן באקומט איר פון ווייץ?

מעהודין: פיר און צוואנציק צענטנער פון א העקטאר אף א שעטעך פון פיר מיט א האלבן טויזנט העקטאר, בא דורכשניטלעכע יערלעכע אט־מאספערישע אָפזאצן פון דריי הונדערט מילימעטער.

— דאָס איז גאָר ניט ווייניק, — האָט באמערקט דער מעלוכישער ראַט־געבער פאולסען.

מעהודין: גיט אונדז צו אייערע צוויי הונדערט מילימעטער שוועדישע אָפזאצן, און מיר וועלן באקומען פינף און דרייסיק צענטנער".

קאָלעסניטשענקאָ האָט איבערגעמישט נאָך א בלעטל.

— אָט וואָס זייער פּרעמיער־מיניסטער זאָגט ווייטער: „בא אונדז איז געווען אן אינטערעסאנטער שמועס מיטן פּאָרזיצער. איך מיין, אז די דער־פאָלגן פון קאָלווירט זיינען אָפּהענגיק פון דער פּערזענלעכקייט פון זיין אָנפירער".

— ער איז ניט גערעכט, — האָט דערווידערט מעהודין. — איך האָב אים געזאָגט, אז בא א גוטן אָנפירער שטעלט זיך טאקע גיכער דער קאָלווירט אף די פיס, נאָר דעריקער איז דאָך דער קאָלעקטיוו, די מענטשן. זיי זי־כערן דעם דערפאָלג.

— מע איז געפאָרן צו אונדז, ווען מיר האָבן נאָך ניט געהאט די זאָ־וואָדן, די אייז־קאמערן און אנדערע מערקווירדיקע זאכן, וועלכע זיינען איצטער דאָ, — האָט געזאָגט קאָלעסניטשענקאָ. — נעמט ווען־עס־איז, איליא אבראמאָוויטש, און בלעטערט איבער דעם בוך, ווו ס'זיינען פאַרשריבן די אָפּרופן פון די דעלעגאציעס, וועלכע האָבן באזוכט אונדזער קאָלווירט, וועט איר זען, מיט וואָס פאר א ליבע און פאַרערונג מע רופט זיך אָפּ וועגן אונדזער ווירטשאפט... אונדז האָבן דאָך באזוכט, ווי איר ווייסט, געלערנ־טע, שרייבער, געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע טוער ניט נאָר פון אונדזער לאנד, נאָר אויך פון אמעריקע, קאנאדע, דייטשלאנד, פראנקרייך, יוגאָסלאַ־וויע, רומעניע, אונגארן, פוילן, אפילע פון די סאמע ווייטסטע אפריקאנישע מעלוכעס.

זעלטן ווען קאָלעסניטשענקאָ גיט זיך איין דורכריידן מיט מעהודינען וועגן איניאָנים, וועלכע זיינען ניט פארבונדן מיט טאָג־פּראגן פון דער ווירטשאפט. דעריבער האָט זיך אים שטארק געוואָלט פאַרזעצן דעם אָנגע־הויבענעם שמועס.

ביז דער אָוונטיקער בעראטונג פון די פאַרוואלטערס פון די אָפּטיילן און בריגאדירן, ווו ס'ווערט יעדן מעסלעס פארסאכאקלט די אָפּגעטאָנענע ארבעט און אָנגעמערקט נייע אופגאבן אף מאָרגן, איז נאָך געבליבן קימאט א שאָ. קאָלעסניטשענקאָ האָט באשטימט אויסנוצן די צייט און פאָרזעצן דעם געשפּרעך, ווען זיי זיינען שוין געווען אין דער קאָלווירט־פאַרוואל־טונג. ער האָט ארויסגענומען פון א טישקעסטל דעם בוך, ווו ס'זיינען פאר־שריבן די איינדרוקן פון די דעלעגאציעס און פון באזונדערע געסט, וועלכע האָבן באזוכט דעם קאָלווירט.

— גיט נאָר א קוק, וויפל פאָרשטייער פון אונדזער לאנד און פון אויס־לענדישע מעלוכעס זיינען געווען בא אונדז, — האָט קאָלעסניטשענקאָ, בלע־טערנדיק דעם בוך, געזאָגט. — אויב מע זאָל די אלע פאָרשטייער פון פאר־

שיידענע לענדער און קאָנטינענטן צונויפזאַמלען אינעם גרינעם פּאַלאַץ פון די בריגאַדירן, ווו מ׳נעמט אויף די דעלעגאַציעס, וואָלט עס געווען אַזוי ווי אַ קאָנגרעס. און פון די שמועסן מיט זיי און פון זייערע אָפּרופן וואָלט מען געקאָנט צונויפשטעלן טעלעכע ביכער.

— יאָ, ריידן קומט אויס אַ סאַך מיט די דעלעגאַציעס. פאַרשיידן זײַנען זייערע אינטערעסן, פאַרשיידן זײַנען די פראַגן, וואָס זיי פאַרגעבן. ס׳קומען דאָך צו אונדז אי פרײַנט, וועלכע פרייען זיך מיט אונדזערע דערגרייכונגען, אי פײַנט.

— איר פאַרמאַכט זיי גוט די מײַלער, די סאָנים, איליאַ אַבראַמאָוויטש.

— ניט מיט ווערטער פאַרמאַכן מיר זיי די מײַלער, נאָר מיט אופטוען, וועלכע ס׳איז שווער צו באַשטרײַטן... קימאַט אַלע פראַגן, וועלכע מע פאַרגיט אונדז, קאָן מען אויסדריקן אין טעלעכע ווערטער — ווי־אַזוי האָבן מיר זיך עס אַלץ דערשלאָגן? און ענטפערן קאָן מען אויך קורץ...

— פאַרשטייט זיך — דורך אַרבעט, — האָט קאָלעסניטשענקאָ געזאָגט.

— און דורך ליבע און איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך, — האָט צוגעגעבן איליאַ אַבראַמאָוויטש.

## קאַפּיטל זעקס

### 1

פּאַול ביוטנער האָט באַוויזן אַנטלויפן פון קורמאַן מיט אַ פּאָר שאָ פריִער, איידער די אָנגרײַפנדיקע טיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין יִשעוו.

אין וועג איז ער צוזאַמען מיט נאָך טעלעכע פּאָליציִאַנטן פון דער דײַטשישער קאָמענדאַטור צוגעשטאַנען צו אַ צעקלאַפּטער עסעסישער טייל. אין אַ פאַרביטערטער שלאַכט איז פּאַול ביוטנער פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז פון פעלד־סאַנבאַט עוואַקויִרט געוואָרן אין הינטערלאַנד. אונטערגעהיילט זיך, איז ער מיט אַ מאַרשעווער ראָטע ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן אויפן פראָנט. אין די בלוטיקע שלאַכטן אַרום וויסלע אין פּוילן איז ער ווידעראַמאָל שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. נאָכדעם, ווי מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט באַ אים פון לײַב טעלעכע שפּליטערן, האָט מען אים מיט אַ גרופּע פאַרוווּנדעטע איבערגעשיקט אין טיף דײַטשלאַנד — אין דיסעלדאָרף. מיט גרויס מאַטערניש האָט זיך אים אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען זיך באַ אַ באַלעבאָס פון ניט קיין גרויסן, ביליקן רעסטאָראַן, ווו ער איז געווען פון אָנפאַנג אַ שוואַרצאַרבעטער און נאָכדעם אַן אָפיציִאַנט. די רעשטלעך, וואָס די באַזוכער פון רעסטאָראַן לאָזן איבער אין די טעלער, און דאָס האַנטגעלט, וואָס פלעגט אַרײַנפאַלן צו אים, האָבן אים געגעבן די מעגלעכקײַט קומען אַ ביסל צו־זיך, אַרופציִען אויף זיך אַ מאַלבעש. די געשיר־וואַשערן, אויף וועלכער ער האָט געוואָרפן אַן אויג, גלײַך ווי ער איז אָנגעקומען אין רעסטאָראַן, האָט זיך אָנגעהויבן צו אים דערנעענטערן, אונטערשמייכלען און לאַשטשען זיך. ווען זיי האָבן דערוואָרבן אַ שטיקל נעסט פאַר אַ פּאַ־

מיליען־לעבן, האָבן זיי כאַסענע געהאַט. וואָס מער פּאָול האָט אָנגעהויבן לאָזן וואָרצלען דאָ אינעם נײַעם באָדן, אין וועלכן ער האָט זיך באמיט אַרײַנוואַקסן, אַלץ מער האָט אים אָנגעהויבן ציִען צוריק צו דער אַלטער היים, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. אָפטער און אָפטער זײַנען אים געקומען אַפן זינען דער פֿאָטער, די מוטער, דער פעטער, בא וועלכן ער האָט זיך דערצויגן. ביז ווייטעק האָט אים געפּײַניקט די בענק־שאַפט נאָך דער שטוב, נאָך דעם הויף, ווו ער איז אויסגעוואַקסן, נאָכן פּאַליסאַדניק מיט די פּרוכט־ביימער. ס׳איז אים דער כּיעס אויסגעגאַנגען נאָך די זאַפטיקע קאַווענעס און געלע דיניעס, וועלכע פלעגן וואַקסן אַפן טאַטנס באַשטאַן, נאָך דער הייסער קרימער זון, אַפילע נאָך די ווינטן, נאָך זייער סומנער וואָיערײַ.

אָפט איז אים געקומען צו כאָלעם די אַלטע היים. ער פלעגט זיך אופ־כאַפּן, א באַגאָסענער מיט שווייס, מיט א געשריי.

— וואָס איז מיט דיר? — פלעגט דאָס ווײַב פרעגן.

— גאָרניט...

געערד — אַזוי האָט פּאָול, קעדיי פאַרווישן די שפּורן פון זײַן פאַרגאַנ־גענהײַט, זיך אָנגערופן לויט א דאָקומענט, וועלכן ער האָט אַרויסגענומען פון א קעשענע פון א געהאַרגעטן דײַטשישן סאָלדאַט. ער האָט מוירע גע־האַט צו דערציילן, וואָס עס האָט זיך אים אײַנדערעמעסן געכאָלעמט. אפילע פאַר זײַן ווײַב האָט ער מוירע געהאַט צו אַנטפּלעקן דאָס, וואָס ס׳איז גע־שען מיט אים אין דער שרעקלעכער נאַכט, ווען ער האָט באַגראָבן לעבע־דיקע מענטשן אַף די קרימער סטעפּעס. פאַר זײַנע אויגן זײַנען געשטאַנען די דולע פון שרעק מאַמעס מיט די קינדערלעך אַף די הענט, וועלכע האָבן געשריִען צו אים:

— פּאָול, וואָס טוסטו דאָס? האָב ראַכמאָנעס אַף אונדז!

און ער האָט געשאָטן און געשאָטן לאָפּעטעס ערד, ביז די קינדערלעך, צוגעטוליעטע צו די מוטערס ברוסטן, זײַנען צוזאַמען מיט די מאַמעס ניט געוואָרן דערשטיקט.

יעדע נאַכט, ווי נאָר ער פלעגט צומאַכן די אויגן, האָט ער דערזען די גרוב, די קינדערלעך, דערהערט די מוטערס געשרייען: „פּאָול, וואָס טוסטו דאָס! ביסט דאָך ערגער פון א ווילדער כײַע!"

ער האָט מוירע געהאַט, ער זאָל פון שלאָף ניט אַרויסכאַפּן זיך מיט קיין וואָרט וועגן דעם, וואָס עס הערט אים ניט אויף צו פאַרפאָלגן.

ווען דאָס ווײַב פלעגט צו אים צושטיין, ער זאָל דערציילן, פאַרוואָס שרײַט ער פון שלאָף, האָט ער געענטפערט:

— מיסטאַמע איז עפּעס שרעקלעכס געשען מיט מײַן טאַטע־מאַמע, ווײַל זיי קומען מיר אַלע נאַכט צו כאָלעם.

— פאַרוואָס לייגסטו אויס אַלץ צום שלעכטן? — האָט מאַרטע אים גע־פּרוּווט טרייסטן.

וויפל זי האָט ניט גערעדט מיט אים, געטרײַסט, נאָר באַרוּיקן אים האָט זי ניט געקאָנט. זי איז געווען זיכער, אַז די סיבעס פון איר מאַנס צע־שרויפטקײַט זײַנען די קעסיידערדיקע אומרויִקע געדאַנקען וועגן גוירל פון זײַנע עלטערן. דעריבער האָט זי אים געייצעט דורכפאָרן זיך קיין רוסלאַנד,

עפשער וועט ער זיי אָפּזוכן, לעכאָלהאַפּאָכעס דערוויסן זיך, וואָס איז מיט זיי.

— מענטשן פאָרן דאָך אין טוריסטישע רייזעס, פאַרוואָס זאָלסטו זיך ניט דורכפאָרן אַהין?

פאול האָט ניט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם. דעם ווייבס אייצע איז אים שטאַרק געווען צום האַרצן. קעדיי אויספּרוּוון זי, צי זי מיינט עס טאַקע ערנסט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— און ווו ווען מיר נעמען געלט? אַזאַ רייזע דאַרף אָפּקאָסטן אַ גוטע קאָפּעקע.

— דו ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט איינצוקויפן שטוב־זאַכן, וועלן מיר זיך דערווייל פון זיי אָפּזאָגן.

— רוסלאַנד איז גרויס, כ׳ווייס דאָך ניט אפילע, ווו מיינע עלטערן זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן און ווו זיי אָנצוהייבן זוכן, — האָט ער, אויס־מיידנדיק צו זאָגן איר דעם עמעס, קלוימערשט דערווידערט.

ער איז געווען זיכער, אַז פון די געוועזענע טוישווים, וועלכע האָבן אים געקענט, איז שוין לאַנג אפילע קיין זייכער ניט געבליבן. פונדעסט־וועגן האָט ער ניט געקאָנט זיך אַנטשליסן אַרופצוטרעטן אויף דער ערד, וועלכע ער האָט אַזוי געשענדעט. נאָר מאַרטע, די פרוי זיינע, איז ניט אָפּגעשטאַנען און געהאַלטן אים אין איין איינרעדן, אַז ער זאָל זיך קלייבן אין וועג.

ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געווענדט זיך אין אַ טוריסטן־ביוראָ וועגן זיין פאַרלאַנג צו מאַכן אַ רייזע איבער קרים.

ס׳זיינען דורך וואָכן און אפילע כאָדאָשים, ביז ער האָט באַקומען אַ מיטיילונג, אַז זיין ביטע וועט באַפרידיקט ווערן, אויב ער וועט אין פאַר־לויף פון פינף טעג קומען מיט די נייטיקע דאָקומענטן און מיט געלט אויס־צוקויפן די רייזע־שיין.

אין איינעם אַ טאָג האָט פאול ביוטנער איינגעפּאַקעוועט זיין טשע־מאָדאַן און זיך געלאָזט צום וואָקזאַל. ווען ער איז אַריין אין פול־געפּאַקטן וואַגאָן, האָט ער דערזען פּאָנעם־על־פּאָנעם זיינע מיטפאָרער. דאָס זיינען געווען מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער און, קאָנטיק, פון פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען. וויפל ער האָט זיך ניט איינגעקוקט אין זייערע פּענעמער, האָט ער קיין באַקאַנטע צווישן זיי ניט געפונען.

אוועקגעזעצט זיך אין אַ ווינקעלע, האָט ער אָנגעהויבן זיך איינהערן אין די געשפּרעכן פון די מיטפאָרער. מע האָט דערמאָנט די פאַרלאָפענע געשעענישן אויף די שלאַכט־פעלדער פונעם רוסישן פראָנט.

— גענוג צו ריידן וועגן דעם און צו דערמאָנען דעם גענעם! — האָט איינער געשריִען. — לאָמיר ריידן וועגן פריילעכערע זאַכן, אַניט וועל איך ניט קאָנען איינשלאָפן.

אָוונט־צו איז אין וואַגאָן אַריינגעגאַנגען די גרענעץ־וואַך. דורכגעקוקט די דאָקומענטן, איז זי אַוועק ווייטער. דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיין גאַנג.

— ברעסט! — האָט עמעצער אויסגערופן. — ברעסט! רוסלאַנד!

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום אַרויסגאַנג. פּאָול האָט זיך געלאָזט נאָך זיי. די שטאָט האָט זיך אים פּאָרגעדענקט אַזאַ, ווי ער האָט זי געזען, ווען ער איז אָפּגעטראָטן מיט זײַן טייל פֿונדאַנען. זי איז געווען דאַן אײַנגעהילט אין רויך און אין וואָלקנס שטויב. מעכטיקע פֿײַער־צינגער פֿון די סרייפּעס האָבן זי אַרומגעכאַפּט פֿון אַלע זײַטן. געדוכט האָט זיך דאַן, אַז קיין איין שטיינדעלע איז ניט געבליבן. איצט האָט ער זי דערזען, די שטאָט, אַ פֿאַרגאָסענע מיט ליכט, וואָס האָט געפּלייצט פֿון פֿיל־שטאָקיקע מויערן.

דער צוג האָט זיך געטראָגן ווײַטער און ווײַטער, פֿאַרבײַ פֿעלדער, דערפֿער און שטעט.

ענדלעך איז דער צוג אָנגעקומען קיין סימפּעראָפּאָל. ס'איז געווען אַ זומערדיקער טאָג.

אַ מענטש פֿון „אינטוריסט" האָט געמאָלדן:

— טוריסטן, ביטע, אַ מאַשין וואַרט אויף אײַך אויפֿן וואָקזאַל־פּלאַץ!

די אינטוריסטן מיט די טשעמאָדאַנען אין די הענט האָבן אײַליק זיך געלאָזט גיין. זשמורענדיק די אויגן פֿון דער בלענדנדיקער זון, האָט פּאָול זיך ניט אויפֿגעהערט אַרומקוקן. נאָר קיין שום סימאָנים, וועלכע האָבן זיך אים פֿאַרגעדענקט פֿון אַמאָל, האָט ער ניט געקענט געפֿינען.

אײַנגעאָרדנט זיך אין האָטעל, אָפּגערוט אַ ביסל, האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער דער שטאָט זוכן דעם פּאַרק, וווּהין ער פֿלעגט פֿאָרן מיטן פֿאָטער פֿון דער קאָלאָניע נײַ־בערלין פֿאַרקויפֿן פֿלייש, מילכיקס, פֿרוכטן, אָבער אויך שפּורן פֿון יענעם מאַרק האָט ער ניט געפֿונען, פּונקט ווי ער וואָלט געבלאָנדזשעט אין אַ לאַכלוטן אומבאַקאַנטער שטאָט.

## 2

לאַנג האָט נאָך סעמיאָן דובלין פֿאַרפֿאָלגט מינען. ער האָט איר אַלץ געפּרוווט אײַנריידן, אַז זיי זאָלן אָפּסנײַ לעבן צוזאַמען.

— אונדזער זון דאַרף האָבן אַ טאַטן, — האָט ער צו איר געטענהט. — מאַך אים ניט פֿאַר קיין יאָסעם.

— ווען דער טאַטע וואָלט געווען אַ טאַטע, וואָלט ער געהאַט אַ זון. איידער אַזאַ טאַטן, איז שוין בעסער גאָרנישט, — האָט מינע, אָן אויפֿגעבראַכטע, געענטפֿערט אים.

— לאָמיר פֿאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען, פֿאָלג מיך, לאָמיר אָנהייבן פֿונסנײַ לעבן. וועסט זען, אַז ס'וועט זײַן גוט...

נאָר מינע האָט זיך אַנטשיידן אָפּגעזאָגט און געמאָלדן:

— מער וועל איך מײַן לעבן ניט ברעכן. איך בין איינמאָל באַגאַנגען אַ פֿעלער, איבערכאַזערן אים וויל איך ניט. מיר זײַנען פֿרעמדע מענטשן. כ'בין אוועק פֿון דיר ניט נאָר דערפֿאַר, ווײַל דו האָסט אויפֿגעהויבן דײַן האַנט קעגן מײַן פֿרײַנט, נאָר ווײַל אַלץ, וואָס דו טוסט, איז מיר פֿרעמד און דערווידער.

שוין קימאַט פאַרלירנדיק די האָפענונג ווידער צונויפגיין זיך מיט מײַנען, האָט ער נאָך אַלץ געשריבן איר בריוו, גערופן אין שטאָט, ווו ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט אויף אַ גוטער שטעלע. מינע האָט אָפילע הערן ניט געוואָלט זײַנע ריידערייען.

נאָכן טויט פון דער מוטער, וועלכע האָט געלעבט מיט איר, האָט מינע זיך דערפילט שטאַרק עלנט. טראַכטן וועגן אײַנאָרדענען דאָס פערזענלעכע לעבן האָט זי ניט געקאָנט. נאָך דעם, ווי זי האָט זיך אַזוי אָפּגעבריט מיט סעמיאָנען, איז איר שווער געווען נאָכאַמאָל מיט עמעצן פאַרבינדן איר גורל. אָבער וועגן מעהודינען האָט זי ניט אויפגעהערט צו קלערן. די ערשטע ליבע אירע האָט זי הייליק געהיט אין איר נשמה.

דאָס לעבן איז געגאַנגען פאָרויס, די ווירטשאַפט אין די קאָלווירטן איז געוואַקסן, די פערמעס האָבן זיך פאַרפולקומט. די קענטעניש, וועלכע זי האָט באַקומען אין הינטער־אויגיקן אינסטיטוט, האָט מען געדאַרפט באַרײַכערן. דעריבער איז מינע, אָפּאַרבעטנדיק אַ געוויסע צײַט אינעם פאַררייניקטן קאָלווירט „ראָסיאַ", אַוועקגעפאָרן אין שטאָט לערנען זיך. פון דאָרטן האָט זי זיך מער ניט אומגעקערט אין קורמאַנער ראַיאָן. אָפּאַרבעטנדיק עטלעכע יאָר אין אַן אַנדער געגנט, האָט זי איינמאָל איבערגעלייענט אין צײַטונג אַ נאָטיץ, אַז אין צאָפן־טייל פון סטעפּישן קרים אָרגאַניזירט זיך אַ נײַער סאָווירט. ווײַל ער ווערט געשאַפן אין קורמאַנער ראַיאָן, האָט זי באַשלאָסן אָנקומען אַהין אויף אַרבעט.

די ערשטע צײַט איז די אַרבעט אינעם נײַעם סאָווירט געגאַנגען שווער. מ'האָט געדאַרפט געפינען אַ ריכטיקן וועג פאַר זײַן אַנטוויקלונג, ס'האָבן געפעלט אי די נייטיקע צאָל אַרבעטער, אי פאַכמענער, אי די געהעריקע טעכנישע אויסשטאַטונג צו מעכאַניזירן אַ ריי אַרבעטס־פּראָצעסן.

לויט מינעס איניציאַטיוו זײַנען אויסגעבויט געוואָרן געבײַדעס פאַר די קי־געווינערנס, פאַר דעם יונגפי. ווען ס'איז אַנטשטאַנען אַ צעך אויף איבערצואַרבעטן דאָס מילכיקס, איז אין סאָווירט אָנגעקומען אַ נײַער מענטש. ער איז אַרומגעגאַנגען מיטן דירעקטאָר, געשמועסט מיט די אַרבעטער, אינטערעסירט זיך מיט יעדער קלייניקייט.

ווען ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער נײַער געבײַדע פאַר דעם יונגפי, ווו מינע האָט זיך גראָד דאַן געפונען, האָט זי פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אים זיך צונויפגעשטויסן. זי איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע.

„אילױשע! זאָל פעלן אַ האָר, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — אַזאַ איז ער געוואָרן אין קאָלווירט „סווערדלאָוו"..." עס איז בײַ איר אָפילע דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז עפּשער איז דאָס זײַנער אַ ברודער. זי האָט נאָכאַמאָל אײַנגעקוקט זיך אין זײַן געזיכט — אַזוי ענלעך אויף אילױשען! עפּשער איז דאָס זײַן זון?

זי האָט אָנגעהויבן רעכענען, וויפל צײַט איז דורך, זינט זי איז געווען בײַ מעהודינען אין שטוב. דאַן איז זײַן עלטסט ייִנגל געווען נאָך אַ קליינינקער.

די נײַגעריקייט צו דערוויסן זיך, ווער זשע איז פאַקט דער געקומענער, האָט איר צוגעגעבן דרייסטקייט, און זי האָט אים געפרעגט:

— אנטשולדיקט, כאווער, אײַער אָנבליק איז מיר שטאַרק באַקאַנט. ווו האָבן מיר זיך מיט אײַך געזען?
— כ׳ווייס ניט, — האָט יענער א קנייטש געגעבן מיט די פּלייצעס.
— ווי איז אײַער פאַמיליע?
— מעהודין.
— איר זײַט איליא אבראַמאָוויטשעס זון?
— וואָסי, איך בין אזוי ענלעך אף מײַן פאָטער? אבי מע זאָגט, אז איך בין מער ענלעך אף דער מוטער.
— ניין, אײַער פאָטער האָט פונקט אזוי אויסגעזען אין דער יוגנט, ווען מיר האָבן געאַרבעט אין קאָלווירט „סוועררלאָוו״.
— קענט איר אים שוין לאַנג, הייסט עס?
— זייער לאַנג. מיר האָבן זיך צוזאַמען נאָך געלערנט אין שול, צוזאַמען איבערגעוואַנדערט אהער, צוזאַמען אופגעהויבן דאָ די צעלינא.
— ציקאַווע. איר האָט אים שוין לאַנג ניט געזען?
— שוין לאַנג.
— ווו זשע זײַט איר געווען?
— איך בין אוועקגעפאָרן לערנען זיך, פון דאָרט האָט מען מיך קאָמאַנדירט אין אַן אַנדער געגנט, און איצט האָב איך זיך אומגעקערט אהער. און וואָס טוט איר דאָ?
— איך בין געקומען אהער אַרבעטן.
— זייער גוט. אויב איר וועט אַרבעטן, ווי אײַער פאָטער, וועט אונדזער סאָווירט גיך ווערן א מוסטער־ווירטשאַפט.
— כ׳וועל אַרבעטן ניט ווי מײַן פאָטער, נאָר ווי איך קאָן. מײַן פאָטער זאָגט, אז איך דאַרף זיך אליין אויסטרעטן א וועג אין לעבן.
— אַרבעטן דאַרפט איר טאַקע זעלבשטענדיק, נאָר לערנען זיך בא אײַער פאָטער מעג מען געוויס.
— לערנען דאַרף מען זיך בא אַלעמען.
— אײַער פאָטער האָט זיך געלערנט אויך בא אַלעמען, און איצט פאָרן צו אים זיך לערנען פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער. כ׳האָב געהערט, אז מ׳רופט אים דער „פּראַקטישער אַקאַדעמיקער״.

דער דירעקטאָר, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט און זיך געצייסעקט מיט עפּעס, איז צוגעגאַנגען צו מעהודינען און אים ערגעץ אוועקגעפירט.

ווען זיי זײַנען אוועקגעגאַנגען, איז צוגעגאַנגען צו מינען די דעזשורנע און געזאָגט:
— איר ווייסט, ווער דער כאַווער, מיט וועלכן איר האָט געשמועסט איז? דאָס איז אונדזער נײַער דירעקטאָר.
— טאַקע? ער האָט מיר טאַקע געזאָגט, אז ער איז געקומען אהער אַרבעטן. נאָר איך האָב ניט געוווּסט, אז דאָס וועט זײַן אונדזער נײַער דירעקטאָר.

אין א פּאָר טעג אַרום האָט וולאַדימיר מעהודין אַרויסגערופן מינען צו זיך אין קאָנטאָר און געמאָלדן:

— כ'האָב איבערגענומען די איניאָנים... וועלן מיר, הייסט עס, צוזאַמען אַרבעטן.

מינע האָט געגנוי דערציילט דעם נײַעם דירעקטאָר אַלץ, וואָס אים האָט אינטערעסירט. בלויז אַף דער לעצטער פראַגע, וועלכע ער האָט איר פאַר־געבן צום סאָף, פאַרוואָס זי קומט קיינמאָל ניט צו זײַנע עלטערן צוגאַסט, האָט זי קורץ געענטפערט:

— באַ אײַך זײַנען פאַראַן געגוג געסט אָן מיר. ווען איר וועט פאָרן צו די עלטערן, גיט זיי איבער פון מיר אַ גרוס.

3

כאָטש פון זינט יאָסעלע קימבלאַק איז אוועקגעפאָרן מיט זײַן מוטער פון רוסלאַנד, זײַנען שוין דורכגעגאַנגען אַ סאַך יאָרן, נאָר די היים, ווו זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, האָבן זיי ניט פאַרגעסן. די ערשטע צײַט האָט די מוטער געשריבן פון אַמעריקע בריוו צו די פרײַנט, שכיינים, צו די באַלעגאָלעס פון זייער היימשטאָט האָמעל. פון די ענטפערס אַף די בריוו האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז דאָס לעבן אין רוסלאַנד ווערט בעסער און בעסער.

— זעסט, מײַן קינד, מיר האָבן עפּשער זיך ניט געדאַרפט שלעפּן אין אַזאַ ווײַטעניש, — האָט זי געטײַנעט צום זון. — דאָרט איז פּאַרט אונדזער היים, מיר וואָלטן עפּשער זיך איבערגעמאַטערט די שווערע צײַט און וואָלטן געלעבט ווי אַלע. קיין גרויסע גליקן זע איך דאָ אויך ניט... איך דאַרף האָרעווען, אויסגעריסן ווערן צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט, און דו דאַרפסט אויך פון קליינווײַז אויף ווערן אַ קנעכט באַ די גוירים.

איינמאָל, ווען יאָסעלעס מאַמע, עטל, האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו אוורהאָמען און זעלדען און געבעטן זיי, לעמאַנאַשעם, שרײַבן, וואָס זיי מאַכן און וואָס די קינדערלעך טוען, האָט יאָסעלע צוגעלייגט פון זיך אַ קורץ בריוועלע צו זײַן כאַווער איליוסיקן און געבעטן אים געבן צו וויסן, וואָס עס הערט זיך באַ אים, צי לערנט ער זיך, צי האָט ער שוין שטיוול און צי גייט ער אין שול...

אַן ענטפער האָבן זיי באַקומען פון זעלדען, אַז אַלע קינדערלעך זײַנען געזונט, אַז די צוגן אין האָמעל גייען שוין ווי עס באַדאַרף צו זײַן און אַז קיין באַלעגאָלעס דאַרף קיינער ניט, ווײַל דאָ, ווי אין אַמעריקע, האָבן זיך אויך באַוויזן מאַשינעס, אַז די דראָזשקע, וואָס זיי האָבן געקויפט אַף באַרג, שטייט קימאַט ליידיק און מע רעדט, אַז די באַלעגאָלעס וועלן אײַנ־גיכן אַריבערפאָרן אין קרים אַף ערד, מ'שאַפט שוין אַפילע אַ קאָלעקטיוו.

די בריוו מיט די גוטע נײַס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פון רוסלאַנד, האָט סײַ יאָסעלען, סײַ זײַן מאַמען שטאַרק דערפרייט.

— לייען, מאַמע, לייען נאָכאַמאָל, — האָט יאָסעלע געבעטן באַ דער מוטער. עטל האָט געלייענט די בריוו און געלאָזט אַ טרער, וואָס איר מוי־שע האָט עס ניט דערלעבט.

— דער טאטע וואָלט דאָך אויך געוויס געפאָרן מיט אלעמען אין קרים, — האָט עטל, ווישנדיק די אויגן, שטיל, ווי צו זיך אליין, גערעדט. — מיר וואָלטן באקומען ערד, פארפירט א שטיקל באלעבאטישקייט. וואָס וואָלט אונדז געפעלט?

עטל האָט ניט געוואָלט שווער מאכן יאָסעלען אפן הארצן און מוידע זײַן זיך פאר אים, אז ס'פארדריסט איר, וואָס זיי זײַנען אוועקגעפאָרן. דעריבער האָט זי אים אָנגעהויבן טרייסטן:

— עפשער וועט גאָט אף אונדז ראכמאָנעס האָבן און מיר וועלן דאָ אויך אָנהייבן פארדינען... וואָס וואָלט איך אליין, אָן דעם טאטן, געקאָנט דאָרטן טאָן אף דער ערד?

— מיר וואָלטן געארבעט מיט די באלעגאָלעס. א קאָלעקטיוו, שרײַבן זיי דאָך, וועט דאָרט ווערן, — האָט זיך אָפּגערופן יאָסעלע. — מענטשן וואָלטן אונדז געהאָלפן, איך מיט איליוסיקן וואָלטן געפאָרן אף די פערד, מיר וואָלטן צוזאמען געאקערט, געזייט... און ס'וואָלט אונדז געווען גוט!

עטל האָט אוועקגעשיקט א גרויסן בריוו אוראָמען און זעלדען. זי האָט זיי געוווּנטשן בעשאָלעם אריבערפאָרן אפן נײַעם אָרט, דאָרטן אופּגעריכט ווערן און האָבן נאכעס פון די קינדער. פון יאָסעלעס נאָמען האָט זי געבעטן איבערגעבן איליוסיקן, אז ער זאָל אָנשרײַבן א גענויעם בריוו, ווי ער לעבט, און אז יאָסל איז אים מעקאנע, וואָס ער פאָרט אריבער אף ערד.

ס'זײַנען דורכגעגאנגען וואָכן און כאדאָשים, און אף איר בריוו האָט עטל קיין ענטפער ניט באקומען. זי האָט געפּרוּווט שרײַבן אנדערע באַקאנטע, און פון קיינעם איז קיין אײַנגעטונקטע פען ניט אָנגעקומען.

עטל איז ארומגעגאנגען א פארדײַגעטע. דער קאָפּ האָט איר געדאַרט, ווי צו פארדינען א שטיקל ברויט און ווי צו דערפירן יאָסעלען צו א טאכלעס. זיצן אף אומזיסטיקע קעסט בא דעם ברודער און באקומען פון אים קיצווע האָט זי מער ניט געוואָלט, ס'איז איר פּאָשעט ניט אָנגעשטאַנען זײַן א דינסט בא דער שוועגערן.

נאָך א סאך מאטערנישן האָט זי מיט דער הילף פון איר ברודער, וועלכער האָט איר ארויסגעשיקט די שיפסקארטע, זיך אײַנגעאָרדנט בא זײַנעם א באקאנטן אף א שוך־פאבריק. אהין איז אויך אָנגעקומען אלס לערן־יינגל איר יאָסעלע, מיט דער צײַט האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן זעלבשטענדיק און פארדינען געלט. אין איינעם א טאָג האָבן די ארבעטער פאר־שטרײַקט. עטל מיט יאָסעלען זײַנען אויך ניט ארויס אף דער ארבעט.

ווען דער אָנפירער פון שטרײַק איז ארויסגעטראָטן מיט א פײַערדיקער רעדע קעגן די רויבערישע שמאַד־שטיק פון דעם באלעבאָס, האָט יאָסעלע צוזאמען מיט נאָך ארבעטער סקאנדירט:

— נידער מיט די עקספּלואטאטאָרישע רויבערײַען!

עמעצער האָט אָפּגעטראָגן דעם באלעבאָס, אז פון דעם שנעק, וועלכער איז ניט לאנג געקומען פון רוסלאנד, וואקסט א בונטאר. דער באלעבאָס האָט אים צוזאמען מיט דער מוטער מעשאַלייעך געווען פון דער פאבריק. לאנגע וואָכן און כאדאָשים זײַנען זיי ארומגעגאנגען ארבעטסלאָזע, גע־

לעבט אין נויט, ביז עטלס עלטערער ברודער האָט זיי צוגענומען צו זיך אַף דער פערמע, וועלכע האָט זיך געפונען אין א לאַנדווירטשאַפטלעכן יישעוו, ניט ווײַט פון לאָס־אַנדזשעלעס.

דער ברודער מײַקל איז שוין געווען ניט קיין יונגער מענטש, דערצו נאָך א קראַנקער. די פּאָר אַרבעטער, וועלכע ער האָט געהאַלטן, האָבן זיך קוים ספּראַוועט מיט דער פעלד־אַרבעט. זומער איז די גאַנצע זאָרג וועגן דער ווירטשאַפט — אַכטונג געבן אַף דעם פּי, אַף די אויפעס, אָפּפירן דאָס מילכיקס, די אייער, דאָס גרינוואַרג אין שטאָט אָפּן מאַרק איז געפאַלן אַפן קראַנקן באַלעבאָס און אַף זײַן פרוי. דינגען אַן איבעריקן מענטשן האָט ער צוליב זײַן אויסערגעוויינלעכער קאַמצאָנעסדיקײַט זיך ניט פאַרגונען. נאָך מער, ווי נאָר יאָסעלע מיט זײַן מוטער זײַנען אָנגעקומען צו אים, האָט ער, קעדיי פאַרקלענערן די הויצאָעס, טייקעף אָפּגעזאָגט אַן אַרבע־טער.

די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט אַף דער פערמע איז געפאַלן אַף יאָסעלען און אַף זײַן מוטער. די באַלעבאָסטע איז אומגעריכט געשטאָרבן. נאָך איר טויט איז עטלען געוואָרן נאָך שווערער. די גאַנצע זאָרג וועגן דער שטוב איז געפאַלן אַף איר. זי איז געקראָכן פון דער הויט, אַז אין שטוב זאָל זײַן ניט ערגער ווי ס׳איז געווען פריִער בא דער שוועגערן. יאָסעלע האָט אויך געטרײַ געדינט דעם פעטער און אויסגעפילט אַלץ, וואָס יענער האָט געפאָדערט פון אים. פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן האָט ער געהאָרעוועט, און דער פעטער האָט אים געהאַלטן אין איין אונטעריאָגן, ער זאָל בעסער אַכטונג געבן, ס׳זאָל כאַסוועשאָלעם קיין הע־זעק ניט זײַן אין דער ווירטשאַפט.

דער אַלגעמיינער קריזיס אין לאַנד האָט זיך דערטראָגן אויך צו דער פערמע. אַלץ, וואָס יאָסעלע מיטן פעטער פלעגן אַרויספירן אין מאַרק, איז אויסגעקומען צו פאַרקויפן האַלב אומזיסט.

מײַקל האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, וואָס אַלץ גייט לעיִבעד. ער האָט געוואָלט קוילען דאָס פּי, נאָר אַף פלייש זײַנען אַזוי געפאַלן די פּרײַזן, אַז ס׳איז אויסגעקומען אַרויסוואַרפן נאָר פאַר די הינט. ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן אויסוועג פון דער לאַגע. ס׳איז אויסגעקומען אָפּזאָגן א פּאָר אַרבעטער. יאָסעלען מיט דער מוטער איז געוואָרן נאָך שווערער. דער גאַנצער יאָך פון דער שטוב און פון דער באַלעבאַטישקײַט איז גע־פאַלן אַף זיי.

— בעסער וואָלט שוין אָנגעפאַלן א מאַגייפע אַף דעם פּי און אַף די אויפעס, איידער זיי גייען אַרום פרישע און געזונטע, און איך דאַרף זיי אומזיסט האָדעווען, — האָט א פאַרביטערטער געטײַנעט מײַקל.

די צאָרעס, וועלכע ס׳האָט געבראַכט דער קריזיס, האָבן נאָך מער פאַר־שאַרפט זײַן קראַנקהײַט, און ער איז אײַנגיכן געשטאָרבן, קיין צוואָע האָט ער ניט איבערגעלאָזט.

אַזויווי קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, זײַנען יאָסעלע מיט דער מוטער געוואָרן געזעצלעכע באַלעבאַטים אין דער פערמע. אָבער אײַנגיכן האָט זיך געיאַוועט א פּלעמעניצע מיט דאָקומענטן אַף דער האַנט, אַז זי איז דער עמעסער יוירעש פונעם פאַרמעגן. קעדיי אויסמײַדן איבעריקע

לאָדענישן, האָט עטל באשטימט כאסענע מאכן יאָסעלען פאר דער דאָזי־קער פלעמעניצע.

— ס׳מאכט ניט אויס, וואָס דאָס מיידל איז עפּשער א ביסל א פאר־זעסענע. זי האָט, געוויס, צוגעגרייט ניט ווייניק נאדן, וועלכע איר וועט קענען אריינלייגן אין דער באלעבאטישקייט, און אזוי וועסטו ווערן דער גאנצער באלעבאָס פון דער פערמע, — האָט זי איינגערעדט דעם זון.

יאָסל האָט זיך צוגעהערט צו דער מאמעס רייד. איבערהויפּט, אז דאָס מיידל איז אים געווען צום הארצן. איינגיכן האָט מען געפּראוועט טנאָים און זיי האָבן כאסענע געהאט. יאָסלען האָט דאָס ווײַב גערופן אפן אמע־ריקאנער שטייגער — זשאָזעף. אָבער די מוטער האָט אים, ווי פריִער, גע־רופן יאָסל.ביידע נעמען זײַנען געוואָרן גלײַכווערטיק. עטל און אירע פרײַנט און באקאנטע האָבן אים גערופן יאָסל.

יאָסלס פרוי האָט זיך ארויסגעוויזן פאר א גרויסער בעריע. זי האָט ארײַנגעלייגט איר נאדן־געלט אין דער פערמע און צוזאמען מיטן מאן איבערגעבויט זי, אײַנגעקויפט הײַנטצײַטיקע מאשינעס, מעכאניזירט די ארבעטס־פּראָצעסן, אײַנגעשאפן די נייטיקע כימיקאטן צו פארגרעסערן די גערעטענישן פון די פעלדער. די פערמע האָט אָנגעהויבן גיין בארג־ארויף און געבן ניט ווינציק רעווען די נײַע באלעבאטים.

א יאָר נאָך א יאָר האָט יאָסלס פרוי געבוירן צוויי זין. יאָסל האָט שוין באקומען א שעם פון א פערמער א טאקיף, ער האָט אָנגעהויבן אָפּ־זעצן זײַן פּראָדוקציע ניט אין אייגנצל־פארקויף, נאָר דורך אגענטן און איבערפארקויפער. אָבער פונקט דאן, ווען די אפּעטיטן האָבן זיך בא אים גאָר שטארק צעשפּילט און ער האָט אָנגעהויבן טרוימען וועגן גרויסע רעוואָכים, איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע. יאָסלען האָט מען צוגענומען אין ארמיי.

געקומען אהיים איז ער נאָך א שווערער פארוואונדונג. ער האָט זיך אונטערגעהיילט און מיט א נײַעם ברען זיך א נעם געטאָן צו דער פערמע. דער שטענדיקער געראנגל און די מוירע, אז א גרויסער וואלפיש זאָל אים אין געיעג נאָך רעווען ניט אײַנשלינגען, ווי אָן אומשולדיק פישעלע, האָט פארהלושעט און אָפּגעטעמפּט בא אים די אמאָליקע בענקשאפט נאָך דער אלטער היים און נאָך די אמאָליקע פרײַנט. ער האָט אופגעהערט אפילע צו טראכטן וועגן זיי.

איינמאָל איז אים ארײַנגעפאלן אין האנט א צײַטונג, ווו עס איז גע־ווען אָפּגעדרוקט אן ארטיקל: „דער גוירל פון א זון פון א באלעגאָלע. דער זון פון א געוועזענעם באלעגאָלע עליע מעהודין איז פאר זײַנע גרויסע אופטואן דערהויבן געוואָרן צום טיטל העלד פון סאָציאַליסטישער מי און האָט פארדינט דעם קאָוועד אויסגעוויילט צו ווערן פאר א דעפּו־טאט פון סאָוועטישן פארלאמענט פון דער אוקראַיִנישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק״, — האָט זיך דאָרטן געשריבן.

איבערלייענענדיק די ווערטער, איז יאָסל געבליבן געפּלעפט.

— צי דען איז דאָס טאקע ער? — האָט ער אויסגעשריִען. — מאמע... מאמע, הער נאָר, וואָס דאָ שרײַבט זיך!

— וואָס האָסטו דאָרט אזוינס אויסגעלייענט? — איז ארויסגעלאָפן פון שכייניסשן צימער עטל.

— צי דען איז עס טאקע ער? ס׳קאָן דאָך ניט זײַן, אז ס׳זאָל זײַן אַן אויסטראַכטעניש, — יאָסל האָט זיך ארומגעטראָגן ווי א דולער איבערן צימער. — הער נאָר, הער, איליוסיק, עליע מעהודין... ווארט אויס, עפשער זאָגט זיך דאָרט, פונוואַנען ער איז...

— וועגן וועמען שרײַבט מען, וואָס דו ביסט אזוי צעראַשט? — איז אויך צוגעלאָפן דאָס ווײַב.

— דו קענסט אים ניט... דאָס איז מײַן כאַווער פון דער קינדהײַט... פון רוסלאַנד.

יאָסל איז צוגעלאָפן צו דער מוטער און אָנגעהויבן איר ארײַנשרײַען אין איר טויבן אויער:

— איליוסיקן, אווראָם דעם באַלעגאָלעס יינגל, פון האָמעל, געדענקסטו?

— וועלכער איליוסיק? וועלכער אווראָם? — האָט זי ניט געקאָנט פאַר־שטיין.

— פון האָמעל. האָסט שוין פארגעסן? הער, וואָס דאָ שרײַבט מען. ער איז אין רוסלאַנד געוואָרן א העלד און א דעפּוטאַט... לייען נאָר איבער, סאַראַ מײַסים ער האָט דאָרט אופגעטאָן.

— פונוואַנען ווייסטו, אז ס׳איז ער? ס׳איז דורכגעגאַנגען אזא בלוטיקע מילכאָמע... ווער ווייסט, צי זיי זײַנען לעבן געבליבן?.. און אויב ס׳איז טאקע ער, איז אויך א קליינער וווּנדער. אָן אָפּגעטם קאָפּ האָט ער געהאַט.

— אָבער וויאַזוי דערוויסט מען זיך, צי ס׳איז טאקע ער? סײַדן אָנ־שרײַבן... אָבער וווהין שרײַבן?

— כ׳וואָלט אויך א באַלן געוועגן צו וויסן, צי דאָס איז ער. מע דאַרף זיך דורכפאָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס, דאָרט קאָן מען בא עמעצן פרעגן, — האָט פאָרגעלייגט עטל.

— יאָ, יאָ, ס׳איז א געדאַנק, — האָט צוגעשטימט יאָסל. — כ׳וועל ניט אָפּלייגן און מאָרגן צופאָרן אהין. כ׳האָב דאָרט סײַווי איניאָנים...

## 4

יאָסל האָט ניט אופגעהערט צו טראַכטן, וויאַזוי דורכפאָרן זיך אין סאָ־וועטנפאַרבאַנד. א קוק טאָן אױף דער אלטער היים און איבערצײַגן זיך, צי ס׳איז טאקע יענער עליע מעהודין, וועגן וועלכן ער האָט געלייענט אין צײַטונג, זײַן קינדהײַט־כאַווער. נאָר פארשיידענע מעניעס האָבן אים געשטערט פארווירקלעכן זײַן טרוים. די טאָגטעגלעכע זאָרג און דײַגעס וועגן דער פערמע האָבן אים ניט דערלויבט אוועקצופאָרן. ער האָט זיך שוין געהאַט דערעדט מיטן ווײַב, אז זי וועט אױף א קורצער צײַט אײַנלאָדן אירן א קאָרעוו, וועלכער וועט העלפן אין דער באַלעבאַטישקײַט, איז קראַנק געוואָרן דער עלטערער זון און נאָכדעם האָט זיך אוועקגעלייגט און זיך שוין ניט אופגעהויבן פון בעט די מוטער. אזוי איז דורך א היפּשע צײַט, ביז ער האָט זיך אויסגעקליבן אין וועג.

רוסלאַנד! פאַרלאָזן האָט ער זי, ווען ס'האָבן נאָך ניט אָפּגעהילכט ביזן סאָף די דונערן פון בירגערקריג. זי איז געווען א צערויִנירטע, א כאַ־רעווע און א הונגעריקע. פאַרבליבן זײַנען אין קינדערשן זיכּאָרן די אָרעמע הינטערגעסלעך אין האָמעל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און אויס־געוואַקסן, ווו ער איז ארומגעלאָפן מיט זײַן כאַוועך איליוסיקן. די כוואַ־ליעס פון לעבן האָבן אים אוועקגעטראָגן אין אַן אנדער וועלט.

ווען יאָסל איז געקומען צו פאָרן אין זײַן היימשטאָט האָמעל, האָט ער ניט דערקענט ניט דעם וואָקזאַל, צו וועלכן ער פלעגט אַמאָל מיט זײַן טאַטן פאָרן נאָך פּאַסאַזשירן, ניט דעם פּלאַץ, ווו ער פלעגט שאָענלאַנג אין רעגנס, אין שניי און אין פרעסט אָפּשטיין, וואַרטנדיק אָפן אָנקום פון צוג, ניט די גאַסן, איבער וועלכע זיי פלעגן פאָרן אַף זייער פאַעטאָן. קיין זייכער איז אויך ניט געבליבן פון דעם בעסוילעם, ווו ס'ליגט אין אייבי־קער רו זײַן פאָטער.

פון זײַן אלטן פעטער, וועלכער האָט אים אײַנגעלאַדן אהער אלס גאַסט, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז עליע מעהודיק, וועגן וועלכן מ'האָט געשריבן אין בלאַט, איז טאַקע אווראָמס זון, אַז ער ארבעט אין קרים אין א קאָל־ווירט, וועלכער איז באַרימט אין גאַנצן לאַנד. יאָסל האָט לאַנג ניט פאַר־האַלטן זיך אין האָמעל, געקויפט א בילעט און איז אוועקגעפאָרן קיין סימפעראָפּאָל, קעדיי פּינקטלעך דערוויסן זיך דאָרטן, ווו עס געפינט זיך דער קאָלווירט, אין וועלכן ס'ארבעט מעהודיק.

אײַנגעאָרדנט זיך אין האָטעל, האָט ער באַשטימט זיך דורכגיין באַקוקן די שטאָט. פאַריינס וועט ער שוין דערוויסן זיך, ווי־אַזוי דערקלײַבן זיך אין קאָלווירט צו מעהודיקן. ניט ווײַט פון האָטעל האָט ער באַמערקט צוויי מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט, ווי עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַף יידיש.

— אַנטשולדיקט, איר זײַט עפּשער היגע? — האָט ער געווענדט זיך צו זיי. — כ'האָב געוואָלט...

— וואָס?.. וואָס?.. — האָט פּאַול, מאַכנדיק זיך, אַז ער פאַרשטייט גאָר־נישט, איבערגעפרעגט. — וויר זינד דויטשע.

— אַנטשולדיקט, כ'האָב, הייסט עס, א טאָעס געהאַט... — יאָסל האָט געפּרוּווט איבערדרייען די יידישע ווערטער אַזוי, אַז ס'זאָל זיך באַקומען א מין דײַטש.

— וואָס שפּרעכען זי? איך פאַרשטיי ניכט, — האָט פּאַול מיט גײַווע א קוק געגעבן אַף אים.

יאָסל איז דורכגעגאַנגען איבער דער שטאָט, מיט נײַגער באַקוקט די גאַסן, די פּלעצער, אָפּגעשטעלט זיך און געלייענט די שילדן. בא א דורכ־גייער האָט ער געפרעגט, ווי־אַזוי קאָן מען זיך דערקלײַבן צום קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט". יענער האָט אײַליק געענטפערט:

— אָפן מאַרק... אהין ברענגען זיי פּראָדוקטן.

צו וואַרמעס־צײַט האָט יאָסל זיך אומגעקערט אין האָטעל, קעדיי אָפּעסן אין רעסטאָראַן און דערנאָך צוגיין אָפן מאַרק. אין קאָרידאָר האָט ער ווי־דער דערזען די דײַטשן. איינער פון זיי האָט בא אים א פרעג געטאָן:

— אַן אויסלענדער?

— יאָ, — האָט יאָסל געענטפערט.
פּאול האָט זיך דערפרייט. „אבי ניט קיין היגער“.
— טוריסט?
— א טוריסט... פון אמעריקע, — האָט יאָסל געענטפערט.
— ווייר זינד אאוך טוריסטן, — האָט פּאול זיך אָפּגערופן.
— איך בין א געבוירענער אין רוסלאנד, — האָט יאָסל דערקלערט. — איך זוך א כאוועער.
— וואס איז דאס? — האָט פּאול איבערגעפרעגט, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, וואָס דאָס וואָרט „כאוועער“ באַטײַט.
— נו, א פרײַנד, — האָט יאָסל פאַרטײַטשט.
— אך זאָ, א פרוינד... ווו איסט דער פרוינד? הי?
— יאָ, אין א קאָלכאָז... ער איז א באַרימטער מענטש.
יאָסל איז נאָך מיטיק אוועק אָפּן מאַרק. ביז ער האָט זיך דערקליבן אַהין, איז שוין דאָרט קײנער ניט געווען. ווען ער איז געקומען צוריק אין האָטעל, האָבן די טוריסטן זיך שוין געהאַט אומגעקערט פון אן עקס־קורסיע. זיי זײַנען געווען שטאַרק אופגעלייגט און האָבן, טיילנדיק זיך מיט די אײַנדרוקן, באַגײַסטערט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט: „ווונדער־באַר... שאָן... פּרעכטיק!“
— מאָרגן פרי פאָרן מיר אין א מוסטער־ווירטשאַפט, — האָט דער גיד דערקלערט.
„עפּשער איז עס אַהין?“ — האָט יאָסל א טראַכט געטאָן.
— אַנטשולדיקט, אין א וועלכער ווירטשאַפט פאָרט איר מאָרגן? — האָט ער געפרעגט באַם גיד.
— אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאַפט“.
— קאָן איך מיט אײַך מיטפאָרן?
— ווער זײַט איר?
— איך בין א טוריסט פון אמעריקע, נאָר געבוירן בין איך אין רוס־לאַנד. דער אָנפירער פון דעם קאָלווירט איז מײַנער א כאוועער פון דער קינדהײַט. איך וויל אים זען.
— גייט אַרײַן אין „אינטוריסט“. אויב זיי וועלן אײַך דערלויבן, איז ביטע.
ווען יאָסל איז געקומען מיט א דערלויבעניש אײַנצושליסן אים אין דער עקסקורסיע, זײַנען שוין די טוריסטן געווען גרייט אין וועג. ער האָט אָפּגעגעבן דעם גיד דאָס פּאַפּירל און פאַרנומען אן אָרט אין אווטאָבוס.
דער שאָכן, וועלכער איז געזעסן לעבן אים, האָט ניט אָפּגעווענדט זיך פונעם פענצטער, געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן, נאָר ווען דער אווטאָבוס האָט זיך געריררט און דער גיד האָט געמאָלדן: „דאַמען און הערן! מיר פאָרן אין איינעם פון די סאַמע מוסטערהאַפטע ווירטשאַפטן פון סטעפּישן קרים“, דאַן האָט יענער א קער געגעבן מיטן קאָפּ, און יאָסל האָט דער־זען, אז לעבן אים זיצט איינער פון די צוויי דײַטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקאַנט אין האָטעל. יאָסל האָט זיך מיט אים באַגריסט.
— איר וועט זען מיט אײַערע אויגן, וואָס די סאָוועטישע מענטשן האָבן געשאַפן אינעם אָנוואַסערדיקן סטעפּ, — האָט פאַרגעזעצט דער גיד. — די

דערפֿער און יִשוּווים, וועלכע מיר וועלן מיט אײַך פֿאַרבײַפֿאָרן, זײַנען אופֿגעקומען אף די כורוועס און רויִנען, וועלכע די דײַטשישע פֿאַשיסטן האָבן איבערגעלאָזן נאָך זייער אכזאָריִעסדיקער צײַטווײַליקער אָקופּאַציע.

דער גיד האָט ניט אָנגערופֿן גאָרנישט אזוינס, וואָס זאָל אָנדײַטן פּאולן, אז ער דערנעענטערט זיך צו זײַן אמאָליקער היים. ער האָט רונד־ארום ניט געפֿונען קיין שום סימאָנים פֿון איר, דאָך האָט ער אינסטינקטיוו געפֿילט, אז ער פֿאָרט אהין. דער הימל איז געווען אזא לויטערער און די זון אזא בלענדיק־ליכטיקע, ווי אמאָל, נאָר די ערד איז געווען אַן אנדערע. קיין סימען פֿון טונקל־גרויען קורײַ, פֿון העלן פֿאָלין און אנדערע ווילדגראָזן, מיט וועלכע זי איז קימאַט דורכויס געווען באוואקסן. אלץ ארום האָט איצט געגרינט און געבליט, ס׳איז אומעגלעך געווען דאָס אויג אָפּרײַסן פֿון דער צויבערנדיקער שיינקײַט, וועלכע האָט זיך געשפּרייט פֿאַר די אויגן.

דער גיד האָט דערציילט וועגן דעם אופֿקום פֿון קאָלווירט „פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט", דערמאָנט, אז די דאָזיקע ווירטשאַפֿט געפֿינט זיך אף דער ערד, ווו ס׳האָט אמאָל באלעבאַטעוועט די פּריצטע ליוסטיכע. איצט האָט שוין פּאול דײַטלעך זיך איבערצײַגט, אז ער פֿאָרט טאַקע צו זײַן אמאָליקער היים.

קוקנדיק אין פֿענצטער פֿון אוטאָבוס, האָט ער געזען די אײַנגעהילטע אין ווײַסע רויכלעך דערפֿער און יִשוּווים. נאָר זייערע נעמען זײַנען אים געווען אומבאקאַנט.

„ווו איז נײַ־בערלין?" — האָט ער געטראַכט. — דער גיד האָט דעם יִשוּוו ניט דערמאָנט".

דער גיד האָט געהייסן דעם שאָפֿער פֿאַרקערעווען אף לינקס. לעבן איינס א באלקעלע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. די טוריסטן זײַנען ארויס פֿון אוטאָבוס, און דער גיד האָט, אָנווײַזנדיק אפֿן באלקעלע, געזאָגט:

— דאָס איז דער קייווער פֿון הונדערטער און הונדערטער אלטע לײַט, פֿרויען און קינדער, וועלכע די פֿאַשיסטן האָבן באגראָבן לעבעדיקערהייט.

די ווערטער האָבן פּאולן ווי מיט א האמער דערלאנגט איבערן קאָפּ. די טוריסטן זײַנען געשטאנען ווי פֿאַרשטיינערטע.

— אָט מערדער! — האָט יאָסל אויסגעשריִען. — אָט צעיושעטע ווילדע כײַעס!

נאָך א לאנגער, אָנגעשטרענגטער פּאוזע האָט דער גיד געוויזן מיט א פֿינגער ערגעץ ווײַט אין סטעפּ ארײַן און געזאָגט:

— באלד וועט איר זען, וואָס פֿאַר א וווּנדער ס׳האָבן געשאַפֿן די ערד־ארבעטער פֿון דעם קאָלווירט, וווּהין מיר פֿאָרן. פֿאָרזיצער פֿון קאָלווירט איז דער העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי איליא אבראַמאָוויטש מעהודין.

„ער לעבט, הייסט עס, מעהודין", — האָט פּאול אופֿגעציטערט.

ווען די טוריסטן זײַנען ארײַן אין אווטאָבוס, האָט דער גיד געמאָלדן:

— מיר פֿאָרן צו צו פּעטראָווקע. דאָ איז די פֿאַרוואַלטונג און די צענטראַלע אָפּטיילונג פֿון קאָלווירט.

פּעטראָווקע האָט פּאול געדענקט נאָך פֿון קליינוויײַז אוף. דער פֿאָטער פֿלעגט גיין אהער פֿון נײַ־בערלין דינגען אף שניט־צײַט באטראַקעס, און

ער, פּאול, פלעגט מיטגיין מיט אים. שפּעטער, ווען ער האָט געאַרבעט אין מטס, איז ער קימאַט יעדן אָוונט געגאַנגען אַהער פאַרברענגען.

דער אויטאָבוס האָט זיך קוים באַוויזן אָפּשטעלן אין אַ קוואָר־געסל, וואָס פירט צו דער הויפּט־גאַס, ווי פּאול איז אַרויסגעשפּרונגען און אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן.

„צי דען איז דאָס פּעטראָווקע?״ — ער האָט באַטראַכט די אַרומגעוויַסטע היַזער מיט די שטיינערנע און הילצערנע פּאַרקנס אַרום די היימלעכע פּאַליסאַדניקעס. זיַנע אויגן האָבן ניט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז יענע פּעטראָווקע, וועלכע ער האָט געקענט פון אַמאָל.

— מיר געפינען זיך מיט איַך אין איינער פון די אַכט אָפּטיילונגען פון קאַלווירט, — האָט דערקלערט דער גיד. — דער ישעוו הייסט אַלט־פּעטראָווקע, וויַל דאָרט, ווו ער ענדיקט זיך, הייבט זיך אָן ניַ־פּעטראָווקע. דאָרט בויט זיך אַ שטאָט אין עמעצן זין פון וואָרט מיט פּילשטאָקיקע היַזער, מיט דירעס מיט אַלע באַקוועמלעכקיַטן, מיט גאַסן, מיט פּלעצער, מיט פאַרשיידענע פּאַלאַצן. ווען דער שטאָט וועלן מיר ריידן גענוי, ווען מיר וועלן צופאָרן אַהין. אַפילע די פּעטראָווקע, ווו מיר שטייען מיט איַך, איז שוין אויך ניט קיין דאָרף אין פּאָשעטן זין פון וואָרט. דאָ געפינט זיך די אינדוסטריע, וועלכע אַרבעט איבער די קאַלווירטישע פּראָדוקטן: דער וויַן־זאַוואָד, די קאָנסערוון־ און אייל־זאַוואָדן, די איַז־קאַמערן, ווו ס׳ווערן אַריַנגעלייגט פרישינקע, גליַך פון די ביימער אַראָפּגענומענע, פּרוכטן און ווערן פאַרהיט ביז טיף אין ווינטער, אַפילע ביז פרילינג. די דאָזיקע איַז־קאַמערן נעמען אַריַן אין זיך העכער זיבן מיט אַ האַלבן טויזנט טאָן פּרוכטן.

דער גיד האָט אַרויסגענומען אַ נאָטיץ־ביכל, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט יעדיעס, פאַקטן און ציפערן. דורכלויפנדיק מיט די אויגן די זיַטלעך, האָט זי אַרויסגעכאַפּט פון דעם שלאַל מאַטעריאַלן דאָס, וואָס עס איז באַזונדערס וויכטיק צו דערציילן די טוריסטן.

— דריַ הונדערט צוואַנציק ערשטקלאַסיקע טראַקטאָרס באַאַרבעטן די פעלדער פון קאַלווירט, — האָט דער גיד געמאָלדן.

— דריַ הונדערט צוואַנציק טראַקטאָרס אין איין קאַלווירט? — האָט עמעצער איבערגעפרעגט.

— יאָ, דריַ הונדערט צוואַנציק, — האָט דער גיד איבערגעכאַזערט. — און אַ סאַך קאָמבײַנען, באַגיס־מאַשינעס צו באַוואַסערן די פעלדער, סעדער, וויַנגערטענער... פון דער איַזנבאַן־סטאַנציע „אוראָזשיַנאַיאַ״ גייען אַוועק צענדליקער עשעלאָנען מיט פּרוכטן, וויַנטרויבן, גרינוואַרג, קאָנסערוון, וויַנען אין אַלע עקן פון עם לאַנד. ווי איר זעט, איז דאָס שוין ניט קיין קאַלווירט אין געוויינלעכן זין פון וואָרט, נאָר אַן אַגראָ־אינדוסטריעלער קאָמפּלעקס. די ווירטשאַפט בויט זיך דאָ אויף די העכסטע דערגרייכונגען פון אונדזער היַנטציַטיקער וויסנשאַפט. די פּראַקטישע אויפטוען פון קאַלווירט באַריַכערן די וויסנשאַפט און די וויסנשאַפט העלפט זיי. דער קאַלווירט שטעלט זיך ניט אָפּ אויף זיַנע גרויסע דערגרייכונגען, ער

גייט פּאַרויס און פּאַרויס. די לעצטע יאָרן איז דאָ אויסגעבויט געוואָרן א גרויסע ברוילערנע פאבריק. געגוי וועגן דער ווירטשאפט און איר אנט־וויקלונג וועלן איך דערציילן די אַנפירער פון קאָלווירט און פון די אונ־טערנעמונגען.

יאָסל איז די גאנצע צײַט געשטאנען ווי א געפּלעפּטער. אינעם ארטיקל, וואָס ער האָט געלייענט אין אמעריקע, איז אפילו קיין הונדערטסטל־עק ניט געווען וועגן דעם, וואָס ער הערט דאָ איצט. ווי גיך ער האָט ניט גע־שריבן, האָט ער ניט באוויזן צו פארצייכענען די אלע יעדיעס, וועלכע דער גיד האָט געבראכט.

דער גיד האָט ווי ארויסגעכאפּט זײַנע געדאנקען, ווען ער האָט גע־זאָגט:

— ניט קיין שאָען דארף מען האָבן אף צו באקוקן אלץ, וואָס דאָ איז געשאפן געוואָרן, נאָר טעג. קעדיי ס׳זאָלן איך קלאָרער ווערן די גרויסע דערגרייכונגען פון דער ווירטשאפט, וועלן מיר באלד א קוק טאָן מיט איך די צוויי כורוועס, וועלכע ס׳האָבן זיך פארהיט אין פּעטראָווקע. צוויי און דרײַסיק אזעלכע כאטקעס, א כאזער־שטאל מיט אַנדערהאלבן צענד־ליק כאזיירים, א שטעלעכל מיט עטלעכע מאָגערע קי — אָט פון וואָס ס׳איז באשטאנען צוערשט די ווירטשאפט פונעם קליינינקן קאָלווירט אין פּעטראָווקע...

## 5

ביזוואנען די טוריסטן זײַנען געווען פארנומען מיט באקוקן די סע־דער, ווײַנגערטענער און אונטערנעמונגען, האָט פאול באשטימט אָפּציען און צולויפן כאָטש אף א רעגע א קוק טאָן אף זײַן געוועזענער שטוב. טאָמער וואָס, וועט ער זאָגן, אז ער איז אָפּגעגאנגען אף א ווײַלע און האָט זיך פארבלאָנדזשעט. אויסגעקליבן א פּאסיקן מאָמענט, ווען די טוריסטן האָבן לעבהאפטיק געשמועסט מיטן אָנפירער פון דער עקסקורסיע, איז ער אומבאמערקט אָפּגעגאנגען אין א זײַט און שוין געוואָלט לאָזן זיך גיין אין דער ריכטונג צו דער אײַזנבאַן־סטאנציע, נאָר באלד האָט ער כאראָטע געהאט, ווײַל אכוץ א כשאד קאָן דאָך זײַן אָפּוועזנהײַט ניט ארויסרופן. ער דארף וואָס גיכער אנטלויפן פונדאנען, ניט אָנקוקן מער די דאָזיקע ערד מיט דער גרוב, ווו ער האָט לעבעדיקערהייט באגראָבן אזויפיל אומשולדיקע מענטשן.

באקוקט די סעדער און ווײַנגערטענער, זײַנען די טוריסטן צוגעפאָרן צו די אײַז־קאמערן. פאול האָט דערהערט א קאָל:

— פאול!.. ביוטנער!..

„ווער קאָן עס מיך רופן? — האָט ער, א דערשראָקענער, א טראכט גע־טאָן. — קיינער פון די טוריסטן ווייסט דאָך ניט מײַן עמעסן נאָמען. ניט אנדערש, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט".

אין א פּאָר רעגעס ארום האָט ער ווידער דערהערט:

— פאול... ביוטנער!..

ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק און איז מיט אַלעמען אַרײַנגעגאַנגען אין דער געבײַדע פֿון די אײַז־קאַמערן. פּאָול איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און גאָרנישט ניט באַנומען, וועגן וואָס מ'רעדט. אין די אויערן האָט אַלץ געקלונגען דאָס קאָל, וואָס האָט אים גערופֿן. ווער ווייסט עס דאָ, אַז ער הייסט פּאָול? ער איז דאָך שוין לאַנג געווען מיולער, ער האָט שוין אַליין פֿאַרגעסן זײַן אייגענעם נאָמען. דאָס ווײַב זײַנס ווייסט אַפֿילו ניט, אַז ער הייסט אַנדערש. און די באָרד מיט די לאַנגע האָר האָבן אינגאַנצן געענדערט זײַן אָנבליק. לויט אַלע דאָקומענטן איז ער דאָך שוין געווען מיולער. אַרויסגייענדיק פֿון דער געבײַדע, האָט ער זיך באַמיט אויסמײַדן צווישן די טוריסטן, נאָר לעבן דער טיר האָט שוין געוואַרט אויף אים יערעמטשוק.

— פּאָול ביוטנער! — האָט יערעמטשוק אים פֿאַרהאַלטן.

פּאָול האָט זיך ניט אָפּגערופֿן, ווי ניט צו אים וואָלט מען זיך געווענדט. דורכשפּאַרנדיק זיך נעענטער און אַרײַנקוקנדיק אים אין פּנים, קעדיי זיך איבערצײַגן, צי האָט ער ניט קיין טעות, האָט יערעמטשוק איבערגעכאַזערט:

— פּאָול ביוטנער?

נאָכן אומבליק פּונעם מאַנצבל און נאָך זײַן שטים האָט פּאָול דערקענט יערעמטשוקן. אויסמײַדנדיק צו באַגעגענען זיך מיט זײַן בליק, האָט פּאָול געמאַכט זיך טאַמעוואַטע:

— איך פֿערשטייע ניכט...

אין דער רעגע איז אָנגעפֿאָרן אַ מאַשין. ווען מעהודין איז אַרויס פֿון איר, האָט פּאָול אים גלײַך דערקענט. די פֿיס האָבן זיך באַ ביוטנערן ווי אונטערגעהאַקט, און ער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרגליווערטער. דערנאָך האָט ער זיך אַ ריס געגעבן, און איידער מעהודין האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, איז ער מיט די טוריסטן אַרײַן אין אויטאָבוס.

— דאָס זײַנען טוריסטן פֿון דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק? — האָט מעהודין געפֿרעגט באַם גיד.

— יאָ. איך וואָלט וועלן, איר זאָלט זיך מיט זיי אַ ביסל דורכשמועסן, — האָט דער גיד אים געבעטן.

— איצט בין איך פֿאַרנומען, פֿאָרט צו צו דעם בריגאַדירן־הויז, זאָלן די טוריסטן דערווײַל אַ ביסל זיך אָפּרוען, און איך וועל זיך באַמיִען גיך קומען.

מעהודין האָט זיך געלאָזן גיין צו די אײַז־קאַמערן. לעבן אַרײַנגאַנג האָט אים יערעמטשוק אַ זאָג געטאָן:

— צווישן די טוריסטן איז, דאַכט זיך, פּאָול ביוטנער.

— פּאָול ביוטנער? האָסט ניט קיין טעות?

— ס'איז ער, איך האָב זיך גוט אײַנגעקוקט...

— צי דען האָט ער געוואַגט קומען אויף אונדזער ערד? — האָט מעהודין זיך געוווּנדערט. — ער האָט, מיסטאָמע, אויסגערעכנט, אַז קיינער איז פֿון אונדז ניט געבליבן לעבן... די טוריסטן פֿאָרן אין בריגאַדירן־הויז, נעם אַ מאַשין און פֿאָר אַהין, גיב נאָכאַמאָל אַ קוק און מעלדע ווו מע דאַרף...

## 6

גלײַך נאָך דער קורצער באַגעגעניש מיט די טוריסטן איז מעהודין ערגעץ אוועקגעפֿאָרן, און יאָסלען האָט זיך ניט נאָר ניט אײַנגעגעבן דורכ־שמועסן זיך מיט אים, נאָר אפֿילע צו וויסן געבן וועגן זיך האָט ער אויך ניט באַוויזן. אָף מאָרגן אינדערפֿרי איז ער אַרײַן אין דער פֿאַרוואַלטונג, נאָר מעהודינען דאַרטן ניט געטראָפֿן.

באַמערקנדיק יאָסלען, האָט קאָלעסניטשענקאָ געפֿרעגט בא אים:

— נו, ווי האָט איר זיך אײַנגעאָרדנט?

— פּרעכטיק. איך וויל זען דעם פֿאָרזיצער, מיסטער מעהודינען... נעכטן האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן באַגעגענען זיך מיט אים, איז ווען קאָן איך אים זען?

— דאָס איז מיר שווער צו זאָגן. אין דער פֿאַרוואַלטונג קומט ער זעלטן אַזייגער אינדערפֿרי, נאָכדעם באַווײַזט ער זיך אין אַן אומבאַשטימטער צײַט. ווען ער דאַרף האָבן... ווי נאָר איך וועל אים זען, וועל איך זאָגן וועגן אײַך. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיט מיר פֿאָרן.

— כ'וועל מיט פֿאַרגעניגן זיך דורכפֿאָרן,— האָט יאָסל זיך אָפּגערופֿן.

— נעכטן האָט איר מיט די טוריסטן געזען אייניקע אונדזערע סעדער, ווײַנגערטענער, זיי פֿאַרנעמען קימאַט א דריטל פֿון אונדזער אַלגעמיינעם ערד־שעטעך, מיר האָבן א סאַך וואָס צו באַווײַזן. איר זײַט דאָך א פֿער־מער. נאָר זאָגט, ביטע, וואָס אינטערעסירט אײַך אַמערסטן?

— מיך אינטערעסירט אַלץ, וואָס גיט רעוועך. בא אײַך באַציט מען זיך, דאַכט זיך, מיט איראָניע צו ביזנעס, נאָר אָן רעוועך קאָן ניט עקזיסטירן קיין ווירטשאַפֿט.

— מיר האַלטן אויך אַזוי. אַז איר וועט זען אונדזער פֿאָרזיצער און שמועסן מיט אים, וועט ער אײַך דערקלערן, אָף וועלכע פּרינציפּן ס'בויט זיך אונדזער ווירטשאַפֿט. נאָר איינס קאָן איך אײַך זאָגן, אַז ניט קיין רענ־טאַבעלע צווײַגן זײַנען בא אונדז ניט פֿאַראַן. פּיצוכט, צום בײַשפּיל, פֿאַר־נעמט אין אונדזער קאָמפּלעקס ניט קיין קליין אָרט. צען טויזנט שטיק הויכפּראָדוקטיוו פּי פֿאַרמאָגן מיר, און קיין פֿאַשע־פֿעלדער זײַנען בא אונדז ניט פֿאַראַן, ווײַל ס'לוינט ניט אויסנוצן די ערד צוליב זיי.

— אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאַנט. אויב ס'איז מעגלעך, וואָלט איך געוואָלט א קוק טאָן אָף אײַערע פֿערמעס.

— ביטע, איך פֿאָר פּונקט אַהין. בא אונדז זײַנען שוין געווען א סאַך פּאַכמענער פֿון אויסלאַנד, זיי אַנערקענען, אַז זיי האָבן בא אונדז געזען א ריי זאַכן, וועלכע זײַנען זייער באַלערנדיק.

קאָלעסניטשענקאָ האָט אײַנגעלאַדן יאָסלען זעצן זיך אין מאַשין. אין וועג האָט דער גאַסט געהאַלטן אין איין פֿאַרגעבן פֿראַגן: וועגן דעם דורכ־שניטלעכן געמעלק פֿון א קו, וועגן דעם זעלבסטקאָסט פֿון א ליטער מילך, וויאַזוי ס'ווערט איבערגעאַרבעט דאָס מילכיקס און אָף וואָס פֿאַר אַן אויפֿן ס'ווערט אָפּגעזעצט אָפּן מאַרק.

די מאַשין איז צוגעפֿאָרן צו איינער פֿון די פּי־שטאַלן. ס'איז פּונקט געווען די צײַט, ווען פֿון א פֿאָר אויטאָמאַשינעס האָט מען אויסגעלאָדן

דעם צוגעפירטן קאָרם. אן ארבעטער האָט מיט ספּעציעל־צוגעפּאסטע איינריכטונגען פאַנאַנדערגעפירט דעם קאָרם איבער די סטאַילעס. אייגנצייטיק האָבן די אויטאָפּאָילקעס דערלאַנגט וואסער אָנצופּאָיען דאָס פי. אן אויטאָמאַטישע איינריכטונג האָט ארויסגעשלעפּט דעם קיזיק און אופגעראַמט די סטאַילעס.

באַקאַנט זיך מיט די געמעלק־אַפּאַראַטן און מיט די טרויבן, דורך וועלכע די מילך רינט אין די טשאַנען, האָט יאָסל אָנגעהויבן באַטראַכטן דאָס פי.

— גרויסאַרטיק, גרויסאַרטיק, פּערפעקט! — איז ער געווען אַנציקט.

— עפּשער וועלן מיר צופאָרן אין דער ברוילער־פאַבריק? פאַר דרייצן כאַדאָשים איז אויסגעוואַקסן די הינער־שטאָט, — האָט קאָלעסניטשענקאָ דערקלערט.

— פאַר דרייצן כאַדאָשים? — האָט יאָסל מיט פאַרווונדערונג איבערגעפרעגט.

— יאָ, מאַמעש פאַר אַזא קורצער צייט.

— גרויסאַרטיק, — האָט יאָסל איבערגעכאַזערט זיין באַליבט וואָרט. — ווו זשע האָט איר געפונען אַזעלכע פאַכמענער, וועלכע האָבן באַוויזן אַזא ווונדער?

— די פאַכמענער אונדזערע האָבן דורכגעמאַכט די זעלבע שול, וועלכע ס'האָט דורכגעמאַכט אונדזער פּאָרזיצער — די פּראַקטישע שול פון אַן ערד־אַרבעטער. דער דירעקטאָר פון דער ברוילער־פאַבריק, יעפּים כאָניק, איז אויך געווען אַן איבערוואַנדערער, ער האָט באַזעצט זיך דאָ אָף די סטעפּעס, געווען א בריגאַדיר, א פּאָרזיצער פון א קאָלווירט, און אַז מ'האָט געדאַרפט, האָט מען אים אוועקגעשטעלט פאַר אַן אָנפירער פון דער פאַבריק און ער ספּראַוועט זיך מיט דער ארבעט ניט שלעכט, גאָרניט שלעכט... די פאַבריק גיט אונדז העכער פינף מיליאָן אויפעס א יאָר, דאָס הייסט זעקס טויזנט טאָנעס הינער־פלייש. פאַר אָנדערהאַלבן יאָר האָבן מיר געדעקט די מיטלען, וועלכע די פאַבריק קאָסט אונדז.

— פאַר אָנדערהאַלבן יאָר? ווי קען עס זיין? וויפל קאָסט די פאַבריק?

— זיבעצן מיליאָן.

— זיבעצן מיליאָן?! — האָט יאָסל אויסגעשריען. — זיבעצן מיליאָן פאַר אָנדערהאַלבן יאָר?

— די גאַנצע פאַבריק איז אויסגעבויט געוואָרן אָפּן כעזשבן פון אונדזער רעווע, — האָט ווידער דערקלערט קאָלעסניטשענקאָ.

— אין וואָס זשע ליגט דער סאָד פון אַזעלכע גרויסע רעווכן? אָט דאָס וואָלט איך אין דער ערשטער ריי געוואָלט וויסן...

— באַ אונדז ווערט גאָרנישט פאַרפאַלן: קיין שטרויעלע ניט, קיין עפּעלע, קיין ווייַנטרויבל, אַלץ ווערט אויסגענוצט... פון קאָפּעקעס באַקומען זיך רובלען, פון רובלען צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער רובלען, — האָט געענטפערט קאָלעסניטשענקאָ. — פון יעדער זאַך שטרעבן מיר באַקומען מאַקסימום נוצן. אונדזער דעוויז איז: שפּאָרזאַמקייט, עפעקטיווקייט... באַ אונדז איז ניט לאַנג געווען דער מיניסטער פון לאַנדווירט־

שאפט פון אמעריקע. ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער ווירטשאַפט און איינגעלאַדן אונדזער פאָרזיצער אין אַמעריקע, קעדיי קעגנזייטיק טוישן זיך מיט דער דערפאַרונג מיט די אַמעריקאַנער פאַרמערס.

— אַליין דער מיניסטער איז געווען בא איידך? — האָט יאָסל זיך געכידעשט.

— נו, יאָ, וואָס וואונדערט איר זיך?

מיט נייגער באַקוקנדיק די „הינער־שטאָט", האָט יאָסל אויך ניט אויפגעהערט אויסדריקן זיין אַנציקונג.

— אַ ציקאַווע קיניגרייך... שטאַרק אַ ציקאַווע. בא אונדז זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אַזעלכע פאַבריקן, נאָר איך האָב זיי קיינמאָל ניט געזען, און וויפל רעוועך, און ווי זיי זיינען אויסגעשטאַט, איז מיר ניט באַוווסט.

— דאָס לעבן פון די אַלע נעפעשלעך איז אינגאַנצן אָפּהענגיק פון עלעקטרע. אויב איין רעגע זאָלן זיך אָפּשטעלן די מאָטאָרן, איז אַלץ פאַרפאַלן...

— וויפל זשע עלעקטראָ־מאָטאָרן פאַרמאָגט די פאַבריק?

— בא פיר טויזנט.

— פאַר וויפל טעג באַקומט איר פון דער פאַבריק פאַרטיקע פּראָדוקציע?

— פאַר דריי און זעכציק טעג, — האָט געענטפערט קאָלעסניטשענקאָ. — נאָכן אינקובאַטאָר פירט מען די אויפעלעך איבער אין אַ ספּעציעלער געביידע מיט אַלע באַדינגונגען פאַר זייער וווּקס, צום סאָף פון דעם איינגעשטעלטן טערמין ווערט אַזוי ענג, אַז קיין נאָדל וועט אויך ניט דורכגיין.

— כ'וואָלט איין רעגע געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אָט דער ציקאַווער וועלט.

— צום באַדויערן, איז דאָס אוממעגלעך... איר זעט, דאָרט גייען אַרום נאָר מאַלאָכים אין ווייסע כאַלאַטן... איר פאַרשטייט, מיסטאָמע, אַליין, פאַרוואָס עס איז איינגעפירט אַזאַ שטרענגער רעזשים... מ'זאָל קיין אינפעקציעס ניט אַריינטראָגן.

פון דער ברוילער־פאַבריק איז קאָלעסניטשענקאָ מיטן גאַסט אַוועקגעפאָרן אויפן וויין־זאַוואָד, און פון דאָרט האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג.

— איך מוז דרינגענדיק אַוועקפאָרן אין דער דריטער אָפּטיילונג. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיט מיר מיטפאָרן, — האָט פאָרגעלייגט קאָלעסניטשענקאָ. — נאָר איך מיין, אַז דער פאָרזיצער וועט אָט־אָט שוין קומען.

— נו, וועל איך צוואַרטן.

קאָלעסניטשענקאָ האָט איינגעאָרדנט דעם גאַסט אין אָפענעם־צימער לעבן דעם פאָרזיצערס קאַבינעט, געגעבן אים אַ פּאָר בראָשורן און ציי־טונגען און געזאָגט:

— דאָ זיינען פאַראַן אייניקע אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן וועגן אונדזער קאָלווירט. איר קאָנט לייענען אויף רוסיש?

— כ'האָב שוין לאַנג ניט געלייענט, נאָר איך וועל פּרוּוון.

יאָסל האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ צייטונג און אָנגעהויבן לייענען:

„די לאנדווירטשאפטלעכע וויסנשאפט־אקאדעמיע האָט באשטימט אָפּהאלטן א זיצונג אין קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט".

א ריי וויסנשאפטלעכע ארבעטן באקומען זייער פראקטישע פארקערפערונג אין קאָלווירט. די רעקאָמענדאציעס פון די געלערנטע, וויאזוי צו באקעמפן די מאשכיסים און אייניקע קראנקהײַטן פון די געוויקסן, האָבן געבראכט גרויסע נוצן דעם דאָזיקן קאָלווירט. דער ניקיטסקער סאָד פון דער אקאדעמיע כאָוועט אויס אן אומגעהייערע צאָל געוויקסן, א טייל פון וועלכע ס'באקומען זייער אנטוויקלונג אין די סעדער פון „פעלקער־פרײַנטשאפט".

אוועקגעלייגט די צײַטונג, האָט יאָסל אָנגעהויבן לייענען אן ארטיקל „די סטראטעגיע פון דער קאָלווירטישער עקאָנאָמיק". גיך־גיך האָט ער אָנגעהויבן ארײַנשרײַבן אין בלאָקנאָט די ציפערן, וועלכע האָבן אים איבערראשט.

„אין דער רײַכסטער פאנטאזיע קאָן מען דאָך אזוינס ניט פאָרשטעלן זיך, וואָס דאָ איז געשאפן געוואָרן", — האָט ער געטראכט.

אין א בראָשור האָט ער איבערגעלייענט אן ארטיקל „דער עקאָנאָמישער באראָמעטער" — פונעם הויפט־עקאָנאָמיסט פון קאָלווירט „פעלקער־פרײַנטשאפט" ב. יופע. דורכלויפנדיק מיט די אויגן דעם אינהאלט פון ארטיקל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אף אזעלכע שורעס: „אויב דער באראָמעטער באווײַזט א נארמאלן דרוק, הייסט עס, אז אלץ איז אין אָרדענונג. אויב ער איז נידעריקער, באטײַט עס, אז ערגעץ פאלט די ווירטשאפט. דארף מען אין אזעלכע פאלן זוכן די סיבעס, עמעצן אונטערציִען, אמאָל דארף מען אָנעמען דרינגענדיקע מיטלען. מיר קוקן קעסיידער אפן באראָמעטער. אָפט קומט אויס אונדזער פאָרזיצער שפילן די ראָל פון א כירורג".

עס איז ארײַנגעקומען מעהודין. דערזען אן אומבאקאנטן, וועלכער זיצט און לייענט, האָט ער א פרעג געגעבן:

— איר דארפט צו מיר?

יאָסל האָט זיך אופגעשטעלט, צוגעגאנגען נעענטער צו מעהודינען און געזאָגט:

— איך דארף צום מיסטער מעהודין.

— איך בין מעהודין.

— עפשער געדענקט איר אײַער כאָווער פון דער קינדהײַט אין האָמעל?

מעהודין האָט געקוקט אפן אויסלענדער און בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך דערמאָנען, ווער דאָס איז.

— יאָסקען געדענקט איר, וועלכער פלעגט אײַך די לימודים ברענגען פון שול?

— יאָסקען? יאָסעלע קימבלאק?! וואָס איז נאָכן פאָגראָם אוועקגעפאָרן מיט דער מוטער קיין אמעריקע?

— דאָס בין איך.

— איר זײַט יענער יאָסעלע?! וויפל זשע יאָרן האָבן מיר זיך ניט געזען?

מעהודין האָט אײַנגעלאדן אים צו זיך אין קאבינעט.

זיי האָבן זיך אוועקגעזעצט און אָנגעהויבן דערמאָנען די אַלטע היימ־שטאָט האַמעל, דאָס הינטערגעסל, ווו זיי זײַנען געוואַקסן, די שול, ווו זיי האָבן זיך געלערנט, די כאַווירים, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געשפּילט, געשלאָגן זיך אין די מילכאָמעס אין „רויטע" און „ווײַסע". מעהודין האָט זיך דערמאָנט, וויאַזוי יאָסעלע האָט ניט געוואָלט זײַן קיין „בורזשוי".

די דערינערונגען פון דער קינדהײַט האָבן זיי איצט ווידער שטאַרק דערנענטערט, אָבער די אומשטענדן פון זייער לעבן האָבן זיי דאָך שטאַרק אָפּגעפרעמדט, און וויפל זיי האָבן ניט געפּרוווט וועגדן זיך איי־נער צום אַנדערן אַף „דו", האָבן זיי ניט געקאָנט.

— ווי לעבט מען? וואָס מאַכט מען? — האָט מעהודין אָנגעהויבן פאַר־נאַנדערפרעגן באַם גאַסט. — ו אָס מאַכט די מאַמע?

— די מאַמע איז שוין ניטאָ... — האָט יאָסל מיט א טרויעריק קאָל געענטפערט. — זי האָט געשריבן בריוו קיין רוסלאַנד, געבענקט אַהיים, זיך נאָכגעפרעגט אַף אַלע גוטעפרײַנט און אַלץ געטרוימט יך זען מיט זיי... ווען צו אונדז איז דערגאַנגען דאָס אַרטיקל, אַז מיסטער מעהודין איז געוואָרן א באַוווסטער מענטש, האָב איך איר עס איבערגעלייענט, און מיר האָבן זיך געבראָכן די מויכעס, צי דאָס איז טאַקע מײַן געוועזענער כאַווער איליוסיק.

— איר זײַט געקומען מיט די טוריסטן? — האָט מעהודין א פרעג גע־טאָן. — מיט אונדזערווירטשאַפט האָט איר זיך שוין באַוויזן באַקאַנען?

— איך בין געקומען אַליין, לויט דער אײַנלאַדונג פון מײַן פעטער. אין האַמעל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיסטער מעהודין געפינט זיך אין קרים. אין סימפעראָפּאָל בין איך צוגעשטאַנען צו א גרופּע טוריסטן... א ביסל האָב איך זיך מיט אײַער ווירטשאַפט באַקאַנט, נאָר איך וואָלט גע־וואָלט נאָך גענויער זיך באַקאַנען... איך בין דאָך א פערמער, איז מיר באַזונדערס אַלץ אינטערעסאַנט.

— א פערמער? — האָט מעהודין זיך א כאַפּ געטאָן. — אויב אַזוי, איז מיר טאַקע אויך זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וויאַזוי איז אײַך געפעלן אונדזער ווירטשאַפט... אָבער פריִער דערציילט מיר וועגן אײַער פערמע.

— מײַן פערמע איז א ספּעציאַליזירטע, אויסשליסלעך פון פּיצוכט.

— ווי קאָן זײַן פּיצוכט אָן פעלדצוכט? איר קויפט פיטער פאַר אײַער פיי?

— ניין, איך זיי טוועס, קוקורוזע, פאַרשיידענע מינים גראָזן, גרינ־וואַרג, וועלכע ס'זײַנען נייטיק פאַר דער פערמע.

— דער קריזיס האָט אײַך ניט אָנגערירט?

— אָ, ווען ניט דער קריזיס, וואָלט איך פון קיין צאָרעס ניט געוווּסט.

יאָסל האָט דערציילט, וויאַזוי ער איז געוואָרן א פערמער, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'האָב געהערט, אַז די מיטלען, וועלכע איר האָט אַרײַנגעלייגט אין אײַערע זאַוואָדן, האָט איר אומגעקערט פאַר איין יאָר, און דעם זעלבסטקאָסט פון דער ברוילער־פאַבריק פאַר אָנדערהאַלבן יאָר. ווי זשע איז דאָס מעגלעך?

מיט פּאַשעטע ווערטער האָט מעהודין געפּרוווט יאָסלען דערקלערן, ווי זיי ארבעטן.

יאָסל האָט זיך א ווײַלע פארטראַכט און געפּרוווט ארויסזאָגן מעהו־דינען דאָס, וואָס ער האָט ניט געקענט באנעמען:

— רײַכקײַט איז בא אײַך א סאַך, דיווירטשאַפט איז גרויס און מעכ־טיק, אָבער דאָס איז דאָך ניט אײַערס. פאר וועמען האָרעוועט איר? וואָס האָט איר דערפון? מאָרגן גייט איר אוועק פונדאנען און עס קומט אָף אײַער אָרט אן אנדער מענטש, און יענער וועט באלעבאַטעווען דאָ...

— ניט איך אליין האָב דאָך אָנגעלעבט די אשירעס, נאָר מיר אלע, דער גאנצער קאָלווירט.

— פונדעסטוועגן פארשטיי איך ניט, וואָס האָט איר פון דעם?

— איר קאָנט עס ניט באנעמען? ס'איז דאָך זייער פּאַשעט. אזא איז אונדזער לעבן, יעדערער פון אונדז איז א טײלעכל פון דער גרויסער גע־זעלשאַפט.

יאָסל האָט זיך ערשט געקליבן אָנהייבן אמפּערן, שטרײַטן, נאָר מע־הודין האָט זיך דערמאָנט, אז באלד דאַרף ער אָנהייבן די בעראַטונג, וועל־כע ער פירט דורך יעדן אָוונט, קעדיי פארסאכאַקלען די אָפּגעטאָנענע ארבעט פארן טאָג און אָנמערקן די פארגעבונגען אָף מאָרגן.

— מיר דארפן, צום באדויערן, איצט איבעררײַסן דעם געשפּרעך, — האָט ער אנטשולדיקט זיך פארן גאַסט, — נאָר דעם שמועס וועלן מיר פאָרזעצן. קומט בעסער מאָרגן צו מיר אהיים, וועל איך אײַך באקאנען מיט מײַן פרוי, מיט די זין און מיט זייערע מישפּאָכעס.

— א דאנק, כ'וועל מיט פארגעניגן קומען. כ'וואָלט טאקע געוואָלט וויסן וועגן אלע אײַעריקע... די מישפּאָכע איז בא אײַך א גרויסע?

— דרײַ זין האָב איך, וועלכע האָבן שוין זייערע מישפּאָכעס.

— דרײַ זין? בא אונדז, פערמערס, איז דאָס א רײַכקײַט, בא מיר איז צוויי זין, וועלכע ארבעטן מיט מיר. און אײַערע זין ארבעטן אויך מיט אײַך?

— צוויי ארבעטן אין קאָלווירט אלס מעכאַניזאַטאָרס, און דער עלטסטער איז אן אגראָנאָם — א דירעקטאָר פון א סאָווירט.

געזעגענענדיק זיך מיט יאָסלען, האָט מעהודין אים אײַנגעלאדן בלײַבן אָף עטלעכע טעג און בײַזײַן אָף דער עפענונג פון דער קאָלווירטישער שטאָט.

— כ'וועל מיט פארגעניגן בלײַבן, — האָט יאָסל צופרידן געענטפערט.

## 7

די לערערן בראַניע מאָזסייעוונע האָט שוין לאנג געוואָלט פירן די קינדער פון איר קלאס אָף אן עקסקורסיע אין דער קאָלווירטישער שטאָט. זי האָט גוט דורכגעטראַכט דעם פּלאַן פון דער עקסקורסיע — פון וואָס אָנצוהייבן און וויאזוי בעסער אלץ דערקלערן די קינדער.

אָנגעהויבן האָט זי די עקסקורסיע פונעם דרעש־שטיין, וועלכער וואַל־גערט זיך אין אלט־פּעטראָווקע, אנטקעגן דעם שטיבל פונעם ערשטן פּאָר־

זיצער פון קאָלווירט — טימאָפיי אבראמאָוו. לויט דעם דאָזיקן שטיבל קאָן מען אָנשוילעך דערציילן די קינדער, וויאַזוי ס׳האָט אויסגעזען דאָס דערפל אַלט־פּעטראָווקע, ווען ס׳האָט זיך נאָר אָנגעהויבן בויען דער קאָלווירט „פּעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט".

— איר זעט, קינדער, — האָט בראָניע מאָסייעוונע געזאָגט, — אין אָט דעם שטיבל לעבט נאָך ביז איצט איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרס פון קאָלווירט טימאָפיי אלעקסאנדראָוויטש אבראמאָוו. ער איז שוין זייער אַלט און וויל זיך ניט צעשיידן מיטן שטיבל, זאָלן, זאָגט ער, די, וואָס וואַקסן אונטער, זען, וויאַזוי מע האָט געלעבט אַמאָל. שווער, קינדער, איז געווען אויסבויען דאָס נײַע לעבן. אַ סאַך בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן, קעדיי ס׳זאָל געשאַפֿן ווערן דאָס, וואָס איר זעט איצט. אָט ליגט פֿאַר אײַך אַ שטיין. איר ווייסט, וואָס דאָס איז?

בראָניע מאָסייעוונע האָט אויסגעוואַרט אַ ווײַלע, עפּשער וועלן די קינדער אַליין זאָגן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטיין. די קינדער האָבן געפּרוווט טרעפֿן, אַרויסגעזאָגט פֿאַרשיידענע האַשאָרעס, נאָר קיינער האָט ניט געטראָפֿן. דאַן האָט זי געזאָגט: „דאָס איז אַ דרעש־שטיין", און די קינדער האָבן, פֿאַרווונדערטע, איבערגעפֿרעגט:

— אַ דרעש־שטיין? וויאַזוי האָט מען געקענט דרעשן מיט אים?

— מ׳האָט געבראַכט צו פֿירן פֿון פֿעלד די אָפּגעשניטענע טוווע, זי אויסגעשפּרייט אויף אַן אײַנגעטרעטענעם שטיק ערד, אײַנגעשפּאַנט אין דעם דרעש־שטיין פֿערד אָדער אָקסן און מ׳האָט מיט אים געדראָשן די קערנער, דערנאָך האָט מען צונויפֿגעשאַרט די שטרוי און מיט אַ ווייעלקע אָפּגעווייעט די פּאָלאָווע. און איצט וויאַזוי מע דרעשט, ווייסט איר?

— אוודע, — האָבן אין איין קאָל אויסגעשריִען די קינדער. — מיט קאָמבײַנען.

— ריכטיק. דער קאָמבײַן שנײַדט, דרעשט, ווייעט און לאָדט אָן דאָס ברויט אין מאַשינעס, וועלכע פֿירן עס אָפּ אויפֿן עלעוואַטאָר.

מיט דער גערעמער דאָרפֿישער גאַס, פֿאַרבײַ די ווײַסשטייןערנע שטיבלעך מיט די פֿאָרקנס, וועלכע האָבן אַרומגעצאַמט די בײַהויפֿיקע פּאַליסאַדניקעס, האָט בראָניע מאָסייעוונע מיט די קינדער זיך געלאָזט גיין צו דער שטאָט. זיי זײַנען אַרויס אויפֿן שאָסיי־וועג, וועלכער איז געווען פֿון ביידע זײַטן אַרומגעזוימט מיט שלאַנקע טאָפּאָלן. פּאַזע דעם וועג האָבן זיך געצויגן אויף ווערסטן ווײַט סעדער און ווײַנגערטענער.

דורכגייענדיק פֿאַרבײַ די זאַוואָדן און אײַז־קאַמערן, האָט בראָניע מאָסייעוונע פֿאָרויס אויסגערעכנט לאַנג זיך דאָ ניט פֿאַרהאַלטן, און זיי זײַנען אַרײַן אין שטאָט.

— אוי, דאָ איז דאָך טאַקע ווי אין אַן עמעסער שטאָט! זעט, סאַראַ גרויסע הײַזער, וויפֿל שטאָקן! גיט אַ קוק, וויפֿל פֿענצטער! — האָבן די קינדער געשריִען.

— וואָס דען? וואָס האָט איר געמיינט? — האָט אַ יאַטל מיט אַ קלינגענדיק קעלכל אַלעמען איבערגעשריִען. — נאָך אַ מין שטאָט איז עס!

— בײַ אונדז איז דאָך אַ קאָלווירט. פֿאַרוואָס זשע האָט מען אויסגעבויט אַ שטאָט? — האָט געפֿרעגט אַ שוואַרצגײנעווודיק מיידעלע מיט צעפּלעך.

— איך ווייס פאַרוואָס, — האָט זיך אָפּגערופן א בלאָנד מיידעלע. — זאָגן פאַרוואָס? ווײַל בא אונדז זײַנען פאַראַן זאַוואָדן. איאָ, דערפאַר?

— יאָ, טאַקע אַזוי, — האָט געענטפערט די לערערקע. — און אויך דערפאַר, ווײַל מע דאַרף, אַז די מענטשן פון דאָרף זאָלן לעבן אַזוי ווי אין שטאָט. מיט דער צײַט וועלן אין א סאַך קאָלווירטן און סאָווירטן זײַן אַזעלכע שטעט.

— צי דען וועט טאַקע זײַן דאָ אַלץ, ווי אין א שטאָט? — האָט געפרעגט א ייִנגעלע, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דער לערערקע. — כ'האָב געהערט, אַז ס'בויט זיך א טעאַטער און ס'וועלן קומען צו אונדז אַרטיסטן אַפילו פון מאָסקווע!

— אַהאָ, אַהאָ! אַפילו פון מאָסקווע גלוסט זיך דיר! — האָט אויסגעשריִען א צווייט ייִנגעלע.

— מײַן טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'בויען זיך מאַגאַזינען, א סטאַדיאָן, א באַסיין, אַלץ, אַלץ וועט דאָ זײַן! — האָט געזאָגט דאָס מיידעלע מיט די צעפּלעך.

— יאָ, קינדער, ריכטיק. אַלץ וועט זײַן דאָ ווי אין א שטאָט! — האָט באַשטעטיקט די לערערקע. — אינגיכן וועט זיך דאָ עפענען א גרויסע צעניאָריקע שול, וווּ ס'וועלן זיך לערנען די קינדער פון אַלע אַכט אָפּטיילונגען פון קאָלווירט, און אַן אינטערנאַט פאַר זיי. ס'וועט אויך זײַן א מוזיקאַלישע שול, א גרויסער קינאָ־טעאַטער און א טעאַטער, וווּ ס'וועלן שפּילן אַרטיסטן פון גרויסע שטעט. ס'וועט זײַן א ספּאָרט־קאָמפּלעקס מיט באַסיינען, סטאַדיאָנען. ס'וועלן זײַן מאַגאַזינען און א האָטעל פאַר געסט... און נאָך א סאַך אַנשטאַלטן פאַר קולטור און שטייגער וועלן דאָ זײַן.

פון ערגעץ איז צוגעפאָרן מעהודין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. באַגריסט זיך מיט בראָניע מאָיִסייעוונען און מיט די קינדער.

— וווּהין גייט איר עס? — האָט ער געפרעגט.

— איך וועל באַווײַזן זיי די שטאָט, — האָט געענטפערט בראָניע מאָיִסייעוונע.

— זייער גוט. דערציילט די קינדער, וואָס מע וועט נאָך אויסבויען. די שטאָט וועט זיך נאָך בויען און בויען. — איליאַ אַבראַמאָוויטש האָט שוין געוואָלט ווײַטער פאָרן, נאָר דאָס שוואַרצכיינעוודיקע מיידעלע מיט די צעפּלעך — זײַן אייניקל טאַניעטשקע האָט אים אָנגעהויבן בעטן:

— זיידעניו, מיר ווילן זיך באַקענען מיט דער... ווי הייסט עס... וווּ די הינדעלעך געפינען זיך.

— מיט דער ברויערנער פאַבריק, — האָט איר עמעצער פון די קינדער אונטערגעזאָגט.

— ניט ברויערנער, נאָר ברוילערנער, — האָט פאַריכט די לערערקע.

— אַהין וועט מען אײַך ניט אַרײַנלאָזן, — האָט מעהודין זיי דערקלערט. — ווײַל מ'קאָן אַרײַנטראָגן אַן אינפעקציע.

— מיר וועלן זיך אָנטאָן אין ווײַסע כאַלאַטן, ווי דאָקטוירים.

— גוט, — האָט מעהודין געשמייכלט, — אויב איר ווילט אַזוי שטאַרק... וועל איך זיך דורכריידן מיטן דירעקטאָר פון דער פאַבריק.

מעהודין איז אוועקגעפאָרן. נאָר די קינדער האָבן זיך ניט בארויקט און ניט אופגעהערט צו בעטן — איצט שוין די לערערן:

— מיר ווילן אַף דער ברווילערנער. קומט אהין.

— ס׳איז ווײַט. אהין דאַרף מען פאָרן. אז מיר וועלן באקומען א דער־לויבעניש, וועלן מיר קריגן אַן אווטאָבוס און צופאָרן אהין.

— איך האָב געזען פונווײַטן די פאַבריק, אוי ווי זי איז שיין. די הײַ־זער זײַנען ווײַסע, זיי בלישטשען, ווי זילבערנע, — האָט זיך געטראָגן א קלינגענדיק קעלכל.

— זאָל מײַנע בעטן בא איר טאַטן — ער איז דאָך דער דירעקטאָר פון דער פאבריק, וועט ער אונדז דערלויבן, — האָט פאָרגעלייגט א יאַטל.

— ריכטיק, ריכטיק!

— ס׳איז עמעס, אז די מומע קלאָווע גיט א קוועטש א קנאָפּקע, קומט אָן קאָרם פאַר די הינדעלעך, זי גיט א קוועטש א צווייטע קנאָפּקע — קומט וואסער? — האָט געפרעגט דאָס בלאָנדע מיידעלע.

— ס׳איז עמעס, — האָט געענטפערט די לערערקע. — איך וועל אײַך פירן אהין, וועט איר אלץ זען. דערווײַל לאָמיר ווײַטער באקוקן די שטאָט.

גאנצפרי האָט יאָסלען אופגעוועקט א פײַערלעך־דערהויבענע שטים:

„אכטונג! אכטונג! ס׳רעדט דער ראַדיאָ־קנופּ פונעם קאָלווירט „פעל־קער־פרײַנטשאפט". הײַנט וועט פײַערלעך אָפּגעמערקט ווערן זייער א פריידיקע געשעעניש אין אונדזער קאָלווירט — די דערעפענונג פון איינע פון די ערשטע אין לאנד קאָלווירטישע שטעט. הײַנט וועלן באקומען טויזנט הונדערט קאָלווירטישע מישפּאָכעס שליסלען פון די וויל־אײַנגע־אָרדנטע דירעס מיט אלע באקוועמלעכקײַטן — גאז, קאלט און הייס וואַ־סער, צענטראַלע באהייצונג, טעלעפאָן. די דירעס זײַנען שוין אויסגע־שטאַט מיט מאָדערן מעבל. אין יעדער דירע שטייט שוין א טעלעוויזאָר, א ראַדיאָ־אופנעמער. די פאַרוואַלטונג פון קאָלווירט, די פּאַרטיישע, קאָמיר־גישע אָרגאַניזאַציעס באגריסן הארציק די נײַע אײַנוווינער פון דער קאָל־ווירטישער שטאָט און ווינטשן זיי א פריילעכן כאנוקאַס־האַבאַיִס, א גליק־לעך לעבן אין די נײַע דירעס".

לעקאָוועד דעם דאָזיקן יאָמטעוו וועלן הײַנט, נײַן אזייגער אינדערפרי, זיך צונויפנעמען די מענטשן פון אלע אכט אָפּטיילונגען. נאָך נעכטן אין אָוונט, ווען יאָסל איז ארויס אין גאַס, זײַנען שוין די הײַזער געווען אויס־געפּוצט מיט בונט־רויטע, ארומגעזוימטע מיט עלעקטרישע לעמפּעלעך טראַנספּאַראַנטן, און גאַנצפרי, ווען ער איז ארויס פון האָטעל, האָבן די גאסן, באגאָסענע מיט העלער זון־שײַן, אויסגעזען נאָך יאָמטעוודיקער. א שטיל סטעפּיש ווינטל האָט געכוואַליעט די לאָזונגען און טראַנספּאַראַנטן.

די אינדערפרײִקע שטילקײַט האָט איניכן דורכגעשניטן א הילכיקער שאַל פון א טרומייט. ער האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם אָנהייב פון פּאַראַד.

אַף די גאסן פון אלט־פּעטראָווקע האָט זיך באוויזן א וואָגן, אין וועלכן ס׳זײַנען געווען אײַנגעשפּאַנט א פּאָר אָקסן. אין וואָגן איז געלעגן א סאָ־

כע, דער אַנטרײַבער — א פויער אין א שטרויענער הוט — האָט אונטער־געטריבן די אָקסן און געשריִען:

— צאָב, צאָבע... צאָב, צאָבע!

צום יאָך פון די אָקסן איז געווען צוגעפּעסטיקט א קליינינק שילדל מיט אן אויפשריפט: „אזוי האָט מען דאָ געאַקערט די ערד ביז דער קאָלעקטיוויזאַציע". ווען דער וואָגן מיט די אָקסן איז פארשוווּנדן, האָט זיך באוויזן אן אַלטינקער טראַקטאָר „פאָרדזאָן" — דער ערשטער טראַקטאָר, וועלכער האָט זיך באוויזן אף אונדזערע פעלדער. נאָכדעם זײַנען געגאַנגען טראַקטאָרס — איינער מעכטיקער פונעם צווייטן. די הודזשערײַ פון זייערע מאָטאָרן האָט צעבויטעט די לופט. פון דער בראַזגערײַ פון די רעדער האָט אזש געציטערט די ערד. אפן לעצטן טראַקטאָר פון דער קאָלאָנע איז געווען אָנגעשריבן: „דרײַ הונדערט צוואַנציק". נאָכדעם האָבן זיך באוויזן קאָמבײַנען, זייעלקעס, באַגיס־מאַשינען. נאָך דער לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניק האָבן מענטשן געטראָגן מאַקעטן פון די קאָנסערוון־, ווײַן־און אייל־זאַוואָדן. צום סאָף זײַנען ארופגעטראָטן אף דער גאַס קאָלאָנעס דעמאָנסטראַנטן. די בויערס האָבן איבערגעגעבן מעהודינען א גרויסן שליסל, ער זאָל „עפענען" די שטאָט.

— זאָל זײַן מיט מאַזל!

— און זאָל זײַן מיט פריידן! — האָבן זיך געטראָגן הילכיקע אויסגעשרייען.

1976—1973

# אינהאלט


ערשטער טייל . . . . . . . . . . . . . . . . . 5

צווייטער טייל . . . . . . . . . . . . . . . . . 183

דריטער טייל . . . . . . . . . . . . . . . . . 255

עליע גאָרדאָן

# אונטער דער הייסער זון


מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1978, 464 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1978 י. נומ. 220

קינסטלער יע. קאָגאַן
רעדאַקטאָר ט. גען
קינסטלערישער רעדאַקטאָר נ. לאַווערענטיעוו
טעכנישער רעדאַקטאָר אי. מינסקאַיאַ
קאָרעקטאָרן א. סטרעלניק, כ. פּאָטאַשניק

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 1377

אָפּגעגעבן אין זאַץ 29.05.78. אונטערגעשריבן צום דרוק 16.11.78. פאָרמאַט $84\times108^1/_{32}$. טיפּאָגראַפֿיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 24,36. פארלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 28,80. טיראַזש 1800 עקז. באַשטעלונג נומ. 411. פּרײַז 2 רוב. 10 קאָפּ. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 121069, מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן מאָסקווער טיפּאָגראַפיע נומ. 7 „איסקרא רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראַפּ־פּראָם״ פונעם מעלוכישן קאָמיטעט פון פססר איבער די איניאָנים פונעם פאַרלאַג־וועזן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל. מאָסקווע 121019, אַקסאַקאָוו־געסל, הויז נומ. 13.


*Илья Зиновьевич Гордон*

# ПОД ЖАРКИМ СОЛНЦЕМ

*(на еврейском языке)*


М. «Советский писатель», 1978, 464 стр.
План выпуска 1978 г. № 220.

Художник *Е. И. Коган*
Редактор *Т. Г. Ген*
Худож. редактор *Н. С. Лаврентьев*
Техн. редактор *И. М. Минская*
Корректоры: *А. Б. Стрельник и Х. Е. Поташник*

ИБ № 1377

Сдано в набор 29.05.78. Подписано к печати 16.11.78. Формат $84\times108^1/_{32}$. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 24,36. Уч.-изд. л. 28,80. Тираж 1800 экз. Заказ № 411. Цена 2 р. 10 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграф-прома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.